דרייזל ראוש עצמה היתה מבין תושבי בלוניה, ובנעוריה עברה לגור יחד עם הוריה והורי־הוריה העירה.

את השטח לבית־העלמין הישן קיבלו יהודי בלוניה כמתנה מידי הפריץ, והמרחק בין בלוניה ובין בית־העלמין מעיד עד כמה בית־העלמין מרוחק היה ממקום מיושב. לאחר בניית העיר ויישובה ע״י היהודים, על השטח שנותר מבית־העלמין, נבנו בית־הכנסת, בית־המדרש ובית־המרחץ הישן שכלל גם כן את ה„הקדש". במרוצת הזמן החליט הפריץ להקים עיירה במקום, הקצה שטח לבנייה שכלל בו את ארמונו, קרא לנכבדי הסביבה, גילה בפניהם את רצונו, ביקש מהם לדון בתוכניתו ופנה אליהם במלים: „רדו־מישל" (ועד חשוב), זהו השם שקיבל המקום. מאוחר יותר צורפה המלה (רבתי). לראשונה



בית־הכנסת ברדומישל

נבנתה „הככר", צורתה — רבוע, אורך צלעה כ־250 מטר בערך. בתיה נבנו מעץ ותושביו היו על טהרת הנוצרים.

ליהודים אסור היה לגור בעיר; הם נשארו בבלוניה ומשם ניהלו את עסקיהם עם האוכלוסיה שבעיר והסביבה. מיספר פעמים פרצו דליקות בעיר והאש אכלה את בתיה, ולבסוף נאלצו תושבי המקום לבנות את בתיהם מחומר ולבנים כפי שאנו עדיין זוכרים אותם.

יהודי בלוניה, נוסף לעיסוקיהם הרגילים במיסחר ומשלוח־יד, עסקו גם כן בחקלאות זעירה. עיבדו חלקי אדמות קטנות ששכרו מידי הפריץ וטיפלו במשק חי כגון: פרה, עופות, עזים שהיוו חלק בלתי מבוטל מפרנסתם. מצב של יהודי בלוניה לא היה מזהיר ביותר באותה התקופה. דיכויים הכללי של הפריצים את המוני העם העובד השפיע לא במעט ופגע ביהודי

*) ההיפותזה של המחבר על ראשית העיירה המסתמכת על אגדות, היא על אחריותו בלבד — המערכת.

פולין בכלל וביהודי בלוניה בפרט. בכל רחבי פולין, כפי שמסתבר מהתיאור לעיל, קיים היה שיעבוד האכרים.

האוכלוסיה הפולנית לא אהדה את היהודים מסיבות שונות:

א) האיזולציה הגמורה מרוב העם.

ב) ההבדל במינהגיהם, לבושם ומאכלם.

ג) התנגדות עזה להתבוללות, טמיעת הדת ושמירה על ערכי מוצאם.

ד) תושבי הערים לא ראו בעין יפה את ההתחרות במסחר שידם של היהודים היתה על העליונה.

ה) את ההגנה של הפריצים נגד פרעות וביזה ברכושם של היהודים. הדבר האחרון עורר בהם קינאה וזעם.

נוסף לכך — הכמורה הדתית־קתולית בנאומיהם בכנסיות, בימי ראשון — יום המנוחה של הנוצרים — שהיו מסיתים את המוני העם נגד היהודים ומעודדים אותם להתפרעויות. לא פעם טעמו יהודי בלוניה את טעם הפרעות, למרות והפריץ היה מגן עליהם עלה בידי הפורעים מזמן לזמן לעשות בהם שפטים.

לאחר מות הפריץ, עבר רכושו לידיהן של שתי בנותיו שלא הצליחו להינשא לאיש ונשארו בתולות זקנות. הן שהקימו בכספן את הכנסייה במרכז העיר. לפני מותן ציוו את רכושן כדלקמן:

א) את הארמון ושדות הפלחה — לרשות הכנסיה הקתולית.

ב) את שטחי הבלוניה, לרשות הקהילה הנוצרית.

תמורת כל אלה ביקשו להיקבר בתוך הכנסייה לאחר מותן.

ההכנסות מהבלוניה היו: 1) שכר משיטחי מרעה; תושבי בלוניה היו משלמים שכר משטחים עליהם הקימו את בתי מגוריהם; 2) הכנסה מתנורי הלבנים (צעגעלניא — מלבנה).

תחת שלטון אוסטריה

אחרי חלוקת פולין, בשנת 1772, בין שלוש המעצמות האירופיות: גרמניה, אוסטריה ורוסיה — החבל הדרומי שנפל בחלקה של אוסטריה קיבל את השם „גליציה".

עם כיבוש החבל ע"י האוסטרים חל שיפור־מה בחייהם של יהודי גליציה. השלטונות האוסטריים רדפו אחרי אהדתם של המיעוטים — יהודים ואוקראינים גם יחד, כמשקל נגדי נגד הרוב הפולני המתקומם נגד הכובשים — ובצעדיהם הראשונים ביטלו כל החוקים הדרקוניים מימי השלטון הפולני. האיסורים, ההגבלות והתלות בפריצים בוטלו, ניתן חופש תנועה והת־יישבות, אז החלו יהודי בלוניה זזים ממקומותיהם; מי בדמי־שכירות ומי בקנייה רכשו את בתיהם מידי הנוצרים, כך הפכה הכיכר הנוצרית הטהורה לכיכר של יהודים ממש.

בימי השלטון האוסטרי, הפכה גליציה לספק בלתי מבוטל של תוצרת חקלאית; תבואות, בהמות לבשר, חזירים, עופות, ביצים ותוצרת חלב, סוסים לאימפריה האוסטרית.

מזלה של רדומישל הוא ששכנה לא הרחק מהגבול הטבעי בין שתי הממלכות אוסטריה ורוסיה (הנהר ויסלה הפריד בין שתי הממלכות), לא הרחק מהכפר וואדוביצה־גורנה כ־8 ק"מ מרדומישל.

בחלקה של רוסיה הנקרא פולין הקונגרסאית (קונגרסובקה) דברי התוצרת שהזכרתי לעיל נמצאו בשפע כי היא חבל ארץ אגררית מובהקת. בנקודה זו של הנהר ויסלה היו מבריחים בשני הכוונים:

א) מפולין הקונגרסאית לאוסטריה הבריחו את התוצרת שהזכרתי לעיל;

ב) מאוסטריה לפולין הקונגרסאית — תוצרת תעשייתית, כגון: בדים, מכונות חקלאיות, מכשירי־עבודה, מכונות תפירה וכו'; כמובן שכל המסחר והסחורות עברו דרך רדומישל ותושבי המקום היו נהנים הנאה חומרית ממסחר זה.

יהודי רדומישל היו היצואנים הראשיים של הסחורות שהיו עוברות דרך ידיהם — פרט לחזירים.

היתה זאת תקופה של פריחת־העיר מבחינה מסחרית.

רבים מיהודי הסביבה קינאו ביהודי רדומישל על האפש־רויות הגדולות במיסחר, העתיקו את מקומות מגוריהם והתיישבו ברדומישל, ביניהם היו גם כן סוחרי יערות ועצים שמצאו את החומר במקום. על־ידי תוספת זאת של יהודים מבחוץ, הפכו יהודי בלוניה לרוב אבסולוטי בעיר.

הירידים ביום חמישי בכל שבוע מילאו את הכיכר במלואה, עגלות איכרים מהכפרים שהביאו העירה מכל טוב מתוצרת חקלאית, ביצים, בהמות, סוסים, תבואות בכמויות עצומות למכירה; יהודי רדומישל היו הקונים העיקריים של תוצרתם והמוכרים של צרכיהם, כגון: הלבשה, כלי־עבודה, בדים, הנעלה ודברי מכולת. מהמיסחר ביום חמישי התפרנסו היהודים במשך כל השבוע בכבוד רב וברווחה.

בשנת 1846 נודע לשלטונות האוסטריים על כוננות הפולנים (הפריצים) להתקוממות נגד הכובשים. השלטונות אירגנו בחשאי התקוממות נגדית של העבדים הכפריים נגד הפריצים, ובסתר על־ידי סוכנים הודיעו להם השלטונות שניתנת להם יד חופשית לתקופה מסויימת להתקומם נגד הפריצים והרכוש שיספיקו לגזול מהם ייחשב להם כרכושם החוקי.

ההתקוממות הנגדית הצליחה. האיכרים התנפלו באופן ספונטאני על הרכושנים, רדפו אחרים והרגו בהם. בזזו וגזלו מה שבא לידיהם. אגדות שלמות אפשר היה לשמוע מפיהם של איכרים זקנים על אותה התקופה. בסביבתנו מפורסם היה איכר בשם מצאי ביק, מהכפר רודה מוצאו, שרדף אחרי הפרי־צים רכוב על סוסו, ובידיו חרמש, עד ל־זאגורסקו, פרץ לתוך הכנסייה וקטל בחרמשו את ראשיהם של הבורחים ממנו. לאחר תום המהפכה, הכירו השלטונות ברכוש שנפל לידיהם של המתקוממים, כגון: קרקע, בקתות, בהמות וכו' וכו'.. כרכושם הפרטי של האיכרים. היה זה מיפנה היסטורי בחייהם של האיכרים, ואופייני הדבר, מה שלא הצליח קוסצ'יושקו בהכרזתו, הצליחו שלטונות הכיבוש לשחרר את האיכר הפולני מצמיתות. מאורע זה נתן גם כן אותות לטובת יהודי גליציה בכלל וליהודי רדומישל בפרט.

ה„חוקה" משנת 1848

בשנת 1848 מכריז הקיסר פרנץ־יוזף הראשון, בוינה, על ה„חוקה" המעניקה לכל אזרחיה חופש הפרט, הדת והלאום. הפולנים קיבלו במידה מסויימת אוטונומיה — שלטון עצמי, והיהודים חופש מלא. השלטונות הנהיגו בכל רחבי האימפריה חוק חינוך חובה — הדבר היחידי שפגע ביהדות החרדית, שהמשיכו להתנגד להנחיל כל חינוך זר לילדיהם. במקרה דנא, נהגו השלטונות ללא־רחם והטילו קנסות ומעצר כלפי אלה שהתחמקו מלשלוח את ילדיהם לבתי־הספר. ויהודי רדומישל באין ברירה נאלצו למלאת אחרי החוק וילדיהם בקפוטות וכיפות על ראשיהם מילאו את ספסלי בית־הספר ברדומישל.

את בית־הספר ברדומישל בנה ראש העיר מר גרדולסקי (לא היתה שום קירבה בינו לבין לודביק גרדולסקי) אם אינני טועה בשנת 1880. אותו ראש העיר מנע מלבנות רכבת ברדומישל. השלטונות החליטו לבנות רכבת בין מיליץ לבין דראביני (תחנת רכבת בין צ'רנה לדמביצה) דרך רדומישל.

תמורת בניית הרכבת דרשו השלטונות מאת ועד הקהילה הנוצרית, שמר גרדולסקי עמד בראשה, שטח מהבלוניה לשם הקמת תחנת הרכבת. ראש העיר סירב והנימוקים אתו: אם תקום רכבת ינהרו סוחרי חזירים לירידים ברדומישל ויתחרו בהם. כאלטרנטיבה בנו השלטונות את הרכבת למיליץ מדמביצה. אדם אחד ידע לעצור אחרי התפתחותה של העיר לעולמים, על־אף כל הסיכויים שעמדו לה.

היה זה בשנת 1918, באחד־עשר בנובמבר, קמה פולין לתחייה ויחד עם מאורע היסטורי זה נפרעו פרעות ביהודי גליציה. פורעים מהסביבה הסיתו את הכפראים לפרוע ביהודים ולבוז רכושם. בימי הירידים, היהודים היו נועלים את חנויותיהם ומסתגרים בבתיהם מחמת הפורעים. הפורעים היו פורצים את חנויותיהם ובוזזים כל מה שבא לידיהם. באחד הירידים, הוכה קשות מר יעקב גרין עד זוב דם. גם רצח לא חסר:

בשנת 1919 נרצח יוסף שפפר.

בשנת 1920 נרצח אליעזר פלאנצגרובן ז"ל־הי"ד.

בבית הספר שמענו עכשיו כמקודם בקצב מוגבר מפיהם של ילדים נוצרים „יהודי מזוהם, לך לך לפלשתינה, היום יש לנו פולין, אוסטריה חדלה מלהתקיים", ועוד גידופים וזילזולים למיניהם... גם המורים התחילו מזלזלים בתלמידים היהודים ולעתים לא שמו לב לקריאות הגנאי מפיהם של הילדים הפולנים. כל הגידופים הללו אסורים היו בימי השלטון האוסטרי, וכל התפרצות אנטישמית נתקלה בעונשים כבדים בחיים היומיומיים וגם בבתי הספר.

תקומת פולין

בשנת 1918, התפרקה האימפריה האוסטרית. בגליציה נוצרה תקופה אנארכיסטית. הז'נדרמריה הפסיקה את פעילותה. תוהו ובוהו שררו ברחבי גליציה תקופת־מה. אזרחים פולנים הצטיידו ברובים וניסו לשמור על החיים האזרחיים ועל הסדר ברדומישל. פרצו פרעות ביהודי גליציה ומלחמת אזרחים בין פולנים לבין אוקראינים בגליציה המזרחית ובכל מקום היה היהודי השעיר לעזאזל.

ביום היריד, כשהפורעים התכוננו לבצע את מזימתם, יצא לרחוב השופט היהודי ד"ר גריס ופיקד על האזרחים המזויינים לפעול נגד. פתאום זינק ממולו עמיתו, השופט ד"ר קושניאש, שלוף אקדח ובצעקות: „יהודי מזוהם לך לפלשתינה", מנע מהמשמר האזרחי לפעול נגד הפורעים והפרעות התנהלו ללא הפרעה מצד כל גוף שהוא. יש לזכור פה לטובה גם את בנו של העו"ד ד"ר אורלינסקי, שירה באקדחו מעל לראשיהם של הפורעים ובזה הגן על כבודו וכבוד עמו.

בנו של עו"ד אורלינסקי היה מבין המתבוללים הקיצוניים ולא התחבר ברדומישל עם שום יהודי. בסופו, המיר את דתו, אבל כשהותקף עמו לא יכול היה להתאפק ולעמוד פסיבית, אחז באקדחו ויצא להגן על כבוד עמו.

הפרעות לא פסקו באף יום־יריד אחד. כל שבוע ושבוע התכוננו הפורעים לחזור על הצגותיהם, אז התארגנה הגנה יהודית. קם ועד יהודי רדומישל בהשתתפותם של אבי יעקב פלץ, השופט ד"ר גריס, ברוך גלדציילר, שמעון זיגפריד, יעקב שטרובינר, מיכאל פדר — וגייסו להגנה כיתה של בחורים ששירתו בצבא האוסטרי בתקופת המלחמה העולמית הראשונה, ביניהם שלום מכלוביץ, אשר ברגר, ואלי בלומנקרנץ. הבחורים זויינו ברובים ובכידונים וביום חמישי, יום היריד, יצאו לשמור על הסדר בעיר. הפורעים נדהמו לראות את ההגנה היהודית וחיש־מהר נסוגו מתוכניותיהם. היהודים פתחו את חנויותיהם ונשמו לרווחה.

רק מיספר חדשים נהנו יהודי רדומישל מההגנה העצמית, לאחר שהתארגנה האדמיניסטראציה הפולנית, החלה מפזרת את כיתת ההגנה היהודית ופרקה מעליה את הנשק ובמקום זה שלחה פלוגת חיילים לשמור על הסדר בימי היריד.

עם תקומת פולין לתחיה, חדל הנהר ויסלה מלשמש כגבול בין אוסטריה לבין רוסיה, ואוסטריה על כל ספיחיה חדלה מלהיות הצרכן העצום של התוצרת החקלאית. על העיירה עוברת סטגנציה שנמשכה עד המלחמה העולמית השניה.

ברדומישל, לאחר המלחמה העולמית הראשונה, מתעוררת הגירה גדולה מקרב האוכלוסיה היהודית. משפחות שלמות מהגרות לארה"ב, לקנדה, לאמריקה הדרומית וכו'. כ"כ מעתיקות משפחות רבות את מקומותיהן לטרנוב, קרקוב — לשם חיפוש מקורות פרנסה. הנוער חי ללא תכלית ומחפש מוצא, גונב גבולות לגרמניה, לאוסטריה וגם לצרפת. אחוז האוכלוסיה היהודית, יורד פתאום פלאים מ־70% ומעלה ל־60.2%, מקורות הפרנסה מצטמצמים עד למינימום. חלפו הימים הטובים של רדומישל. הנוער הגדל משתעמם, חי ללא תקווה ומוצא, זאת היא רדומישל לאחר המלחמה העולמית הראשונה.

בעיירתנו התקיימו שני מוסדות ממלכתיים שללא כל ספק נתנו למקום את הצורה והמעמד של עיר ממש ואלה הם: בית המשפט ומשרד המסים. המחוז השיפוטי של בית המשפט ומשרד המסים היה פי 2/3 גדול מהעיר השכנה מיליץ למרות שהיתה עיר המחוז שרדומישל עצמה שייכה אליה. מאות אנשים מרחבי המחוז מבקרים יומיום ברדומישל לשם סידור ענייניהם: מי בבית־המשפט ומי במשרד המסים. כך שכל יום ויום התקיים בעיירתנו מין יריד (יום שוק) זוטא שהשפיע ללא כל ספק על כלכלתה לטובה.

השלטונות האוסטריים נהגו לחלק את הטריטוריות למחוזות לפי גבולות טבעיים והנהר ויסלוקה שימש להם כעילה לכך. לכן השטח השיפוטי של עיירתנו, המוסדות הממשלתיים, התפשט מבורובה שהיתה מרוחקת מעיירתנו כ־30 ק"מ (ממיליץ רק 15 ק"מ המרחק) עד פשצלב.

הירידים ברדומישל הפכו לשם דבר בכל הסביבה ועוררו קינאה אצל העיר המחוזית מיליץ. בבית־המשפט בעיירה היו עסוקים יותר מ־5 שופטים וכ־20 פקידים; במשרד המסים כ־20 פקידים. היו בעיירה שני עורכי־דין, נוטריון אחד, שני רופאים, רוקח ופקידי הדואר, הם היוו את האינטליגנציה של העיירה.

בזמן שפולין קמה לתחיה ועל הויסלוקה הוקם גשר אז התחילה העיר המחוזית מיליץ מתחרה עם רדומישל כדי למשוך אליה את העדיפות הכלכלית והתחילה מציקה לעיירתנו ע"י הטלת הסגרים על הירידים וכו', עיניה קינאו במצב הכלכלי של העיירה והתחילה יוזמת כיצד להוציא מאתנו את בית המשפט וגם את משרד המסים והדבר עלה בידם. וכך נפלה עיירתנו פלאים ובן־לילה הפכה לכפר גדול ועלוב ומיליץ התחילה מתפתחת על חשבונה.

אנשי העיירה, ובראשם אנטוני יארוש, ראש העיר, אבי ז"ל (ר' יעקב פלץ) ועוד אנשים ועסקני העיירה התחילו נוקטים אמצעים כדי להחזיר את המשרדים לעיירה; נסעו לוורשה התיצבו ביחד עם ראשי הכפרים לפני ראש הממשלה דאז, ויטוס, נכתבו פטיציות ובסוף הצליחו להחזיר את בית המשפט, בלי משרד המסים, אבל מקוצר בהיקפו השיפוטי (במקום 48 כפרים רק 22). כמו כן הוקטן מספר הפקידים: 2 שופטים ו־2 פקידים. העיירה התחייבה לשלם שכר דירה עבור מישכן בית המשפט, בית הסוהר, ודירה עבור מנהל בית המשפט.

מענדל אייזלאַנד
בת־ים

אַ בלעטל געשיכטע

(אַ פּאָר ווערטער ווי אַ הקדמה צו מיין היסטאָרישן איבערזיכט)

ליידער זענען צו אונדזער דיספּאָזיציע נישט געשטאַנען קיין געשיכטלעכע דאָקומענטן. דאָ אָדער דאָרט טרעפן מיר זיך אָן אויף עפּעס אַ פאַרצייכנונג וואָס דערמאָנט אונדזער שטעטל, אָבער ליידער זענען זיי ווייניק דאָ.

מיר לייענען אין „סלאָווניק געאָגראַפיטשני קרולעווסטוואַ פּאָלסקיעגאָ" (אַרויסגעגעבן אין יאָר 1880), אַז אונדזער שטעטל איז אַנשטאַנען אין יאָר 1581 (בכלל אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן — אַ יאָר נאָכן אַנטשטיין פון ועד ד' ארצות). אויב אין יענע יאָרן האָבן שוין געוווינט יידן אין ראַדאָמישלע, איז דער יישוב אונדזערער ביים זיין אומקום (אין אב 1942), אַלט געווען 360 יאָר. דאָס הייסט: 14 דורות יידן האָבן געלעבט און געווען פאַרבונדן מיטן שטעטל.

אָבער די טעמע: ווי אַזוי ס'האָט זיך געשאַפן און געלעבט אונדזער שטעטל במשך פון די איבער דריי הונדערט יאָר, רייצט און פאָדערט עפּעס אַ בילד פון דעם לעבן פון אונדזערע אבות. ווועלן מיר עס פּרוּוון אַרויסצובאַקומען דורך ברענגען באַשרייבונגען פון געשעענישן אין דער געגנט, דער פּראָווינץ, צו וועלכער אונדזער שטעטל האָט געהערט. מיר באַנוצן זיך דערביי מיט די היסטאָרישע אַרבעטן פון די יידישע היסטאָריקערס ווי פּראָפ. מאיר באַלאַבאַן, פּראָפ. רפאל מאַהלער, ד"ר יעקב שאַצקי, ד"ר נ. מ. געלבער א. א., וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אַרומגערעדטער היסטאָרישער תקופה פון אונדזער געגנט (מערב קליין־פּוילן, מערב גאַליציע); פונעם אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן מיר אויסגענוצט די פאַרשידענע יידישע צייטונגען און צייטשריפטן, וווּ אונדזער שטאָט איז דערמאַנט.

מענדל אייזלאַנד

אונדזער שטעטל גרויס־ראַדאָמישלע, וואָס דעם צונאָמען „גרויס" האָט עס באַקומען אין סוף פון 19־טן (אָדער אפילו אין אָנהייב פון 20־טן) יאָר־הונדערט, שרייבט זיך אין פּויליש RADOMYSL WIELKI לויט דעם זיגל פון ראַדאָמישלער רב, ר' שמואל ענגיל, ראַדאָמישלאַ.

אין Slownik Geograficzny Krolestwa Polskiego אַרויסגעגעבן אין יאָר 1880, שרייבט זיך וועגן אונדזער שטעטל: „ראַדאָמישלע, אַ שטעטל אין מיעליצער פּאָוויאַט, אינעם פלאַך־לאַנד, 205 מ. איבער דעם ים־שפּיגל, צווישן דער ווייסל און ווויסלאָקע, אונטער 53° 38' מזרחדיקער לענג און 10° 65' צפונדיקער ברייט. הינטער דעם יישוב פליסט אַ טייכל ראַבקע, אַ צופלוס צום פּאָרטינער טייכל (אַ צופלוס פון ברען). עס פירן פון שטעטל וועגן: אויף דרום — קיין טשאַרנע, אַ באַן־סטאַציע (26 ק"מ); אויף צפון־מזרח קיין מיעלעץ (15 ק"מ); אויף מערב קיין דאָמבראָווע (21 ק"מ אין אַ גלייכער ליניע),

אין דער געגנט — ליים־ערד, שטאַרק געמישט מיט זאַמד; נישט ווייט געפינען זיך נאָדל־וועלדער — אין צפון־מזרח און מערב זייט...

דער גרינדער פונעם שטעטל איז געווען מיקאָלאַי פּירלעי, דער בייטשער קאַשטעלאַן, וועלכער האָט דאָס שטעטל געבויט אויף די פעלדער פון די דערפער רודע און דולטשע, — וואָס האָבן געהערט צו זיין פּרוּוי ליגיעזשאַנקאַ — לויט דער פּריווילעגיע פון קעניג סטעפאַן באַטאָרי... אין יאָר 1581...".


עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז שוין אין די ערשטע יאָרן פון אַנטשטיין האָבן אין שטעטל געוווינט יידן, כאָטש פּראָפ. באַלאַבאַן — ווען ער רעכנט אויס די יידישע ישובים אין קראָקעווער־צויזמיר־לאַנד פון 16־טן י. ה. (ווי זשאָכעוו, פּלאַנטש, זשאַבנע, דאָמבראָווע, מעליץ), דערמאָנט ער אונדזער שטעטל נישט. אָבער נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אין יענע יאָרן זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די קעניגלעכע שטעטלעך ווי בייטש (1569), פּילזנע (1577) וועלכע האָבן פאַרמאָגט די פּריווילעגיעס פון „נישט טאָלערירן יידן", איז אפשר דער פאַקט, וואָס אונדזער שטעטל איז געבויט געוואָרן ווי אַ פּריוואַט־שטעטל פונעם דערמאָנטן קאַשטעלאַן (וואָס פון זיין אַמט־שטעטל האָט מען די יידן אַרויסגעטריבן) געדאַרפט זיין אַ פאַרגיטיקונג פאַר דעם גירוש. ד. ה. מען קאָן אָננעמען, אַז שוין אין די ערשטע יאָרן פון אַנטשטיין האָבן אין ראַדאָמישלע געוווינט יידן.

ווי די היסטאָריקער פון פּוילישן יידנטום גיבן איבער, איז אין סוף פון 16־טן (און אָנהייב 17־טן) י. ה. געוואַקסן אָן אויפהער די צאָל יידן אין פּוילן. אחוץ דעם נאַטירלעכן צוּוואַקס האָט זיך די צאָל יידן אין פּוילן פאַרגרעסערט אַ דאַנק דער גרויסער איינוואַנדערונג פון דייטשע, עסטרייכישע א. א. יידן. איז נאַטירלעך, אַז ס'איז געוואַקסן די צאָל יידן אין די אַלטע קהילות, איבערהויפּט — אין די קליינע קהילות.

נייע קהילות ווערן דאַן געשאַפן; עס קומט פאָר די גרויסע שטאַטישע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט מצד די אָרטיקע פּריצים; עס ווערן געבויט נייע שטעט, וווּ עס באַזעצן זיך יידן; יידן פון די גרעסערע קהילות שאַפן פיליעס, „נעבן־קהילות" און באַזעצן זיך אין זיי.

ראַדאָמישלע איז געווען צווישן די ווינציקע שטעטלעך, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין יענער תקופה אין מערב קליין־פּוילן (ס'רוב איז אַנטשטאַנען אין די אוקראַינישע געביטן). לויט אונדזערע השערות האָט אויף דעם אַנטשטיין פון ראַדאָ־מישלע — און באַזעצן זיך יידן אין שטעטל — געווירקט אייניקע פאַקטאָרן: א) דאָס אַרויסטרייבן די יידן פון בייטש און פּילזנע (ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ מקום מקלט פאַר די אַרויסגעטריבענע); ב) צוליב דער ענגשאַפט אין די יידישע קוואַרטאַלן פון די גרעסערע שטעט האָבן יידן זיי פאַרלאָזט און זיך באַזעצט אויך אין ראַדאָמישלע; ג) די רעשטלעך פון דער גרויסער עמיגראַציע פון עסטרייך און בעמען זענען דערגאַנגען אַהין.

זינט 1539 טיילן זיך די פּוילישע יידן אין צוויי קאַטעגאָריעס: יידן, וועלכע וווינען אין די קעניגלעכע שטעט און שטעטלעך. זיי זענען געווען אונטערגעוואָרפן די געזעצן און די קעניגלעכע



די מאפע פון מיעלעצער ראיאן, צו וועלכן ראדאמישלע האט געהערט אדמיניסטראטיוו אין צווישנמלחמה־פעריאד.

פריווילעגיעס; יידן, וואס ווינען אין פריוואט־שטעט (וועלכע האבן געהערט צו געוויסע פריצים — פריוואט) און זענען געווען אונטערגעוואָרפן דעם פריץ. אויף זיי זענען די קעניגלעכע געזעצן נישט חל געווען.

ס׳רוב איז דאס יידישע לעבן אין די פריוואט־שטעט געווען פרייער, דער׳טרעגלעכער. די יידן האבן נישט געהאט דאָרט אויסצושטיין די אלע קאַמפן, וועלכע זענען געפירט געווארן מיט די מיעשטשאנעס אין די קעניגלעכע שטעט: וועגן יידישע רעכט אויף האנדל, מלאכה און ווינונג קוואַרטאלן. דער בעל־הבית פון שטעטל (אדער שטאט) איז דאס רוב געווען פאראינטערעסירט, אז יידן זאלן זיך באזעצן אין זיין שטאט, האט ער זיי צוגעזאגט פארשידענע פריווילעגיעס.

ראדאמישלע איז אויך געווען, ווי שוין געזאגט, אזא פריוואט־שטעטל פון פריץ מיקאליי פירלעי, אבער וועלכע רעכט ער האט געגעבן זיינע יידן איז אונדז נישט באוווסט, ווי אזוי האט ער זיך באצויגן צו זיי?

אין די קליינע שטעטלעך האבן זיך די יידן באזעצט אין יענער צייט דאס רוב אין איין גאס, דאָרט זיך געבויט א מקום תפילה. די הייזער זענען דאס רוב געווען פון

האַלץ — אפשר איין הויז, אדער צוויי, זענען געווען געמויערטע.

די ערשטע יידישע משפחות אין ראדאמישלע האָבן וואַרשיינלעך נישט געוווינט אויף די פלעצער און גאסן, וועלכע מיר געדענקען. די טארנער גאַס האט זיך אויך גערופן אַמאָל די וואָעל־גאס. דאס וואָרט וואָעל שטאמט זיכער פון פוילישן „וואַל" (WAL) ווי עס ווייזט אויס האט זיך דארט געפונען מיט יארן צוריק עפעס א וואל, א ריוו; מיר ווייסן נישט אבער, צי ער האט אפגעטיילט דעם שלאָס פון פריץ (אויב אזא איז געווען) פון דער ארומיקער סביבה, אָדער ער האט גאר אפגעטיילט די יידישע גאס פון איבעריקן שטעטל. ווייל ווי די יידישע היסטאָריקערס שטעלן פעסט זענען אפילו אין פריוואט־שטעט די יידישע גאסן געווען אָפּגעגרענעצט מיט א ריוו פון די אנדערע שטאטישע גאסן. עס זאגט אויך עפעס וועגן דעם אָרט פון דער ערשטער יידישער גאס (אדער גאסן) פון אונדזער שטעטל דער פאקט, אַז דאס אלטע בית־הקברות האט זיך אין אונדזערע צייטן געפונען אין מיטן דער שטאט (לויט דער געשיכטע זענען די בתי הקברות געבויט געווארן מחוץ דער שטאט). דערפון טאקע דרינגען מיר ארויס, אז די יידישע גאסן אין אונדזערע צייטן זענען נישט געווען די, אין וועלכע אונדזערע אור־עלטערן האבן געוווינט אין די ערשטע יארן פון ראדאמישלע. אבער אחוץ אַזעלכע לאָגישע אויספירן, האבן מיר קיין ממשותדיקס נישט.

פון וואס האבן אונדזערע אבות זיך מפרנס געווען?

אין 16־טן י.ה. קומט פאר אן ענדערונג אין די פרנסה־קוואלן פון די פוילישע יידן. זיי פארלאזן וואס מער דעם וווּכער (האַנדל מיט געלט) און גייען איבער צום האנדל בכלל, מלאכה און ארענדעריי.

שווער און ביטער האבן די יידן אין די פארשידענע שטעט געמוזט קעמפן פאר זייער רעכט אויף האנדל — מיט די מיעשטשאנעס, ווי אויך מיטן קלער, וועלכער האט זיך אריינגעמישט אין די ענינים. אין די קעניגלעכע שטעט, זענען די מאגיסטראטן געווען די, וואס האבן זיך געוואַנדן צום קעניג וועגן באגרענצן די יידישע רעכט אויף האנדל. אין די פריוואט־שטעטלעך זענען די רעכט פון די יידן צו האנדלען געווען אָפּהענגיק פונעם פריץ.

מיר קאנען זיך משער זיין, אז אין יענער צייט (אנהייב 17־טן י. ה.) האבן אין ראדאמישלע געלעבט א 120 — 100 יידישע נפשות (עטלעכע און צוואנציק משפחות). פון זיי האבן זיך פארנומען מיט האנדל: קליינע קרעמערס, דארפס גייערס, אַרענדארעס — 15—10 משפחות; מלאכה — 7—5; מלמדים, כלי־קודש — 3—2; דאס רעשט — אומבאשטימט (מדינה גייערס).

מיט וואס האבן אונדזערע אבות דארט געהאנדלט, וואס פאר א שטערונגען, אָדער דערלויבענישן האבן זיי געהאט פון פריץ? עס זענען געווען ערטער, ווו מ'האט יידן געהאט פארווערט צו האנדלען מיט לייוונט, און אנדערע — מיט תבואה, אדער זאַלץ.

דער פארביסענער קאָנקורענץ־קאמף מיט די מיעשטשאנעס האט גַעבראכט דערצו, אז יידן האבן זיך אלץ מער געוואָרפן אויף מלאכה. אבער אויך דא האבן זיי אנגעטראפן אויף א שווערן ווידערשטאנד מצד די קריסטלעכע בעלי־מלאכות, וועלכע האבן די יידן נישט צוגעלאָזט צו זייערע צעכן. נישט געהערנדיק צום צעך איז דער יידישער בעל־מלאכה באטראכט געווארן ווי א פושער, וועלכער האט נישט געהאט

קיין רעכט צו באשעפטיקן זיך מיט ארבעט, האלטן געזעלן און לערן־ייִנגלעך. אחוץ די ריין־יידישע פאכן, ווי שניידעריי אין קצבים־פאך, (וועלכע זענען געווען פארבונדן מיט יידישע רעליגיעזע פאָדערונגען), האט מען יידן אָפּטמאָל נישט געלאָזט פארנעמען זיך מיט: שוסטעריי, סטאָלעריי, מעטאל־אויסארבעטונג. דערפאר איז דער אָנטייל פון די יידן אין די פאכן געווען קליין.

אין ראדאמישלע האבן אין יענע יארן וואָרשיינלעך געוווינט: איינער אדער צוויי יידישע קצבים, א יידישער בעקער; צוויי, אדער דריי יידישע שניידערס (וועלכע האבן געמוזט זוכן זייער פרנסה אויך ביי די פויערים אין דאָרף) און אפשר א יידישער היטל־מאכער, אדער קירזשנער, פון וועלכן מיר קאנען רעכנען די שלשלת יוחסין פון די שפעטער־דיקע ראדאמישלער היטלען־אויסארבעטונג.

אַ חשובער צווייג פון דער יידישער עקאָנאָמיק אין יענער צייט איז געווען ארענדעריי, אלערליי סאָרטן ארענדעס, ווי: מילן, פיש־טייכן, ברייה־ייזער, גוראַלניעס, גאַנצע גיטער, פאַרשידענע שטייערן — הן מלוכהשע, הן קאָמונאַלע (ווי וועג־שטייער), פארשידענע אפצאלונגען (ווי בריקן־אפצאל), אויך ארענדעס אין ענגערן זין פון וואָרט, ד. ה. די פאַכט פון אויסשליסלעכע רעכט צו פארקויפן בראָנפן אין באשטימטע שטעט, אדער אין א גאנצן קרייז; שענקען און קרעטשמעס (דאס איז געווען די צום מיינסטן פארשפרייטע אַרענדע).

מען דאַרף באַטאָנען, אז צום שטאַרקסטן איז ארענדעריי געווען אַנטוויקלט אין רייסן און אויף דער אוקראַינע (ווו ס'האט אויסגעמאַכט ביי 39% פון די יידישע פרנסות). אין אונדזער קאנט האט עס אויסגעמאכט נישט קיין גאנצע פיר פראָצענט (3,9%) פון די פרנסה־געבערס. אַזוי אַרום האָט אין ראדאמישלע די צאל שענקען געקאנט זיין צוויי. ס'קאן אויך זיין, אז געוויסע פאמיליעס האבן זיך פארנומען מיט אנדערע מינים אַרענדעריי.

דאקעגן אין דאָרף (אין סוף פון 16־טן י. ה. האבן שוין אסך יידן געוווינט אין די דערפער) איז די צאָל באַשעפטיקטע ביי ארענדעריי (און בעיקר ביי שענקעריי) דערגאנגען ביז 89 פראָצענט.

וואס שייך: געזעלשאַפטלעך לעבן, איז דאס יידישע לעבן אין פוילן אין יענער צייט זיך שווער פאָרצושטעלן אָן דער יידישער קהילה.

די פונקציעס, וועלכע די יידישע קהילה האט אויסגעפירט, זענען געווען פון דריי סאָרטן: אדמיניסטראטיוו־פיסקאלע, רעכטלעכע און דערציערישע. ד. ה. — די קהילה האט ארומגענומען דאס גאנצע יידישע לעבן; זי האט אויסגעפירט לגבי דעם ייד אין פוילן מלוכהשע, מוניציפאַלע און אַלגעמיינע געזעלשאפטלעכע פונקציעס. די קהילה האט פאַרטראָטן דעם יידישן כלל, ווי אויך פארמיטלט צווישן יידישן ציבור און די מאכט־אָרגאַנען. זי איז געווען די געריכטלעכע ערשטע אינסטאנץ און אמאל אויך די לעצטע. זי האט געזאגט איר וואָרט אין עקאנאמישן לעבן פון די יידן, פעסטגעשטעלט די פראגע וועגן דירה־געלט, אַכטונג געגעבן אויפן גוטן שם פון יידישן סוחר, באשטעטיקט דעם צעך פון יידישן בעל־מלאכה (גראָד ווי דער מאגיסטראט האט באשטעטיקט דעם קריסטלעכן צעך).

די קהילה האט זיך פארנומען מיט סאָציאַלער הילף פאר דער נויטבאַדערפטיקער יידישער באַפעלקערונג, געהאָלפן אן אָרעמאַן, אן אָפּגעקומענעם גביר; געגעבן מעדיצינישע הילף פאר די ארעמע שיכטן, אויפגעהאלטן א הקדש, אויס־

געהאלטן די היטער פון געטאָ (שומרים פון בייטאג און ביינאַכט). זי האט זיך אויך פארנומען מיט דער דערציונג פון יידישן קינד: אויסגעהאלטן תלמוד־תורהס, אַכטונג געגעבן אויף דער מאָראַלישער אויפירונג פון אירע איינוווינער, געקעמפט קעגן אויסבר׳ענגערייַ, ווי אויך קעגן פארשידענע האַזארד־שפילערייען.

פארשטייט זיך, אז אויף איר אויסהאלטונג זענען געווען די רבנים, דיינים, שוחטים, מנקרים און אנדערע קהילה־אנגעשטעלטע.

די קהילה האט באצאלט די אלגעמיינע שטייערן פון די יידן — הן די ספעציפיש־יידישע, הן די אַלגעמיין־מלוכהשע — וואס יעדער איינוווינער האט געדארפט צאָלן.

די ספעציפישע יידישע שטייערן זענען געווען פארשידנ־ארטיקע: אויף אויסהאלטן דעם קעניגלעכן הויף; שטאטישע שטייערן, קאָפּ־שטייער ספעציעל פאר יידן, איינגעפירט אין יאר 1539 (א גולדן פון א קאפּ); צאלן די מלחמה־חובות, פארשידענע מתנות א.א.וו. פון די אלגעמיינע שט״ערן איז גענוג צו דערמאָנען: בריק־שטייער, וועג־שטייער, גרענעץ־שטייער א. א.

די אלע געלטער האט די קהילה געפלעגט איינמאָנען ביי אירע יידישע איינוווינערס הן דורך שטייערן פון פלייש, מילך (קאָראָבקע) און אנדערע אָפּצאָלן, ווי טאקסעס פון חתונות, לוויות, פון געבן טיטולן (מורינו, חבר), פון נדבים א. א.

אין יעדער יידישער קהילה האבן זיך אויך געפונען פארשידענע חברות, בעיקר די חברה קדישא, וועלכע האט זיך פארנומען נישט בלויז מיט לוויות, נאר אויך מיט העלפן קראַנקע, אלמנות און יתומים. די הכנסות פון דער חברה זענען באשטאנען פון חברים־אפּצאָל, אפּצאל פון פארשידענע באדינעכצן און פון נדבות, וואס מען האט צונויפגעזאמלט בעת פריוואטע און קהלישע שמחות.

אין פארשטענדלעך, פאַרוואס עס האט נישט געקאנט זיין קיין יידישער יישוב אין פוילן, ווו עס זאל נישט זיין פאר זיך א קהילה, אדער וואס זאל נישט האבן געווען א פיליע פון א גרעסערער קהילה, דאס הייסט א. ג. „נעבן־קהילה", וועלכע איז געווען פארבונדן מיט איר גרעסערער קהילה. צוליב די פונקציעס, וועלכע זי (די קהילה) האט אויסגעפירט, אמאל אויך צוליב רעליגיעזע הצטרכותן, ווי קבורה (ווייל אַמאָל האט די קליינע נעבן־קהילה, נישט געהאט קיין אייגן בית־הקברות), רבנים־געריכט, זענען אפטמאל קליינע קהילות געווען פארבונדן מיט גרעסערע. דער רב פון דער קהילה איז אויך געווען רב פון דער נעבן־קהילה. עס האבן זיך אבער אויך געפונען נעבן־קהילות, וואס האבן געקאנט אליין אויספירן אלע רעליגיעזע הצטרכותן.

ראדאמישלע איז אין די ערשטע צענדליק יאר פון אנטשטיין געווען א נעבן־קהילה.

אין צויזמיר־קראָקעווער לאַנד, צו וועלכן ראדאָמישלע האט געהערט, זענען געווען 6 גרויסע קהילות: קראָקע, אַפּט, שידלאָוויעץ, כענטשין, פינטשעוו און ווידיסלעוו. קאָלביסעוו, צויזמיר, באָראַנעוו, מעליץ, דזשיקעוו, ראָזוואַדעוו און רודניק האבן געהערט צו אַפּט. טאַרנע, רימינעוו, זשמיגריד, דוקלע, פּאַצענעוו, פלאַנטש, זשאַבנע, דאָמבראָווע, האבן געהערט צו שידלאָוויעץ. אבער אין ערגעץ איז נישט דערמאָנט, צו וואס פאר א קהילה האט ראדאמישלע געהערט. איז אפשר האט ראדאמישלע געהאט דאן אזא קליינע צאל יידישע משפחות, אז זי האט אליין געהערט צו א נעבן־קהילה.

אין יענע יארן האט דאס יידישע געזעלשאפטלעכע לעבן דערגרייכט א קולמינאציע־פונקט אין דער אינערלעכער אַנטוויקלונג. אין יאר 1580 איז געשאפן געווארן דער וועד ארבע ארצות, — דאס גרעסטע, וואס דאס יידישע אויטאָנאָמישע לעבן האט געקאנט דערגרייכן אין גלות; פון דער צווייטער זייט זענען געווען יארן, ווען די פּוילישע רעאַקציע האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. עס האט זיך געענדיקט די הערשאפט פון די יאַגיעלאָנער און סטעפאַן באַטאָרי; עס קומען אָן די יארן פון די וואַזעס און דערמיט די פארשטארקונג פון דער רעאקציע, וועלכע איז אויפגעקומען נאך אין די צייטן פון זיגמונט דעם ערשטן.

בונטן פון אינעווייניק און מלחמות פון דרויסן פילן אויס די געשיכטע פון פוילן אין יענע יארן. דאס לאזט איבער שפּורן אויף דעם יידישן קיבוץ. די צעבונטעוועטע קאָזאַקן מאכן פעריאדישע אויפשטאנדן און יעדעס מאל גיסט זיך יידיש בלוט. צו אונדזער שטעטל זענען דערגאנגען די קרעכצן פון די יידן, בימי כמיעלניצקי ימ״ש, אין די יארן ת״ח, ת״ט. אפשר האט זיך אויך ווער פון די גרעסטעוועטע פון די קאזאקישע רוצחים, פון די אנטלאפענע קיין מערב אפגעשטעלט אין אונדזער שטעטל און פארבליבן דארט ווי אן איינוווינער.

די שוועדישע אינוואזיע האט אויסגעמיטן ראדאמישלע אבער עס זענען זיכער דערגאנגען די ווי״־געשרייען פון די צויזמירער און דזשיקעווער יידן, וואס זענען געהרגעט געווארן דורך די שוועדן ווען דער פרווו פון דער שטעלן זיי א ווידערשטאַנד מצד אפאר הונדערט יידישע יונגעלייט און א ביסל שליאכטע אין צויזמיר האט זיך נישט איינגעגעבן.

ווי געזאגט איז דאס 17־טע י. ה. געווען א תקופה פון ר׳עאקציע־וווקס אין פוילן. די יעזואיטן האבן די אויבערהאנט אין מלוכה־לעבן. דער קלער האט אויף זיינע סינאָדן באשלאסן צו באַיקאָטירן דעם יידישן האנדל. עס מערן זיך אנטיסעמיטישע חיבורים, וועלכע זענען שוין דערשינען אין די צייטן פון זיגמונט דעם ערשטן, אבער איצט איז זייער איינפלוס גרעסער, ווייל די גאנצע לופט איז אין פוילן אָנגעזאָפּט מיט יידן־שנאה. עס ווערן געשריבן „סאַטירעס", וואס שפּעטן אָפּ די יידן; פאלקס־זינגער און שילערס פון די „שקאָלעס" (שולן) האבן געזונגען לידער פול מיט אנטי־יידישן סם (דאס רוב לידער זענען געווען אימפּאָרטירטע פון דייטשלאַנד). ווי אן אויסדרוק פון אנטי־יידישער אגיטאציע איז פארגעקומען דער גירוש־באכניע (1605). מעגלעך, אז אויך פארטריבענע פון באָכניע האָבן אנגעשפארט דאן אין ראדאמישלע.

די יידישע צרות־כראָניק נאָטירט אין יענע פינצטערע צייטן מאסן בלוט־בילבולים, וואס האבן מיט זיך געבראכט אומשולדיקע יידישע קרבנות. אזוי דערציילט אונדז די יידישע מארטירער־געשיכטע וועגן בלוט־בילבולים אין דעם זעלבן צויזמיר נישט ווייט פון ראדאמישלע.

אין יאר 1698 האט דער דארטיקער גלח סטעפאן זשוכאוווסקי אינסצעניזירט א בלוט־בילבול קעגן ארטיקן פרנס אלכסנדר בערעק, וועלכער איז פארמשפט געווארן צום טויט, דורך אָפּהאַקן דעם קאָפּ, אין יאָר 1704.

אין יאר 1711 איז פארפירט געווארן א נייער עלילת־דם פּראָצעס און צוויי יאר שפעטער זענען פארמשפט געווארן צום טויט: דער פרנס פון צויזמיר, ליפמאן בן מאיר און צוויי שמשים, יצחק בן יוסף און דוד בן צבי. דער קעניג האט אויך נאָכגעגעבן דעם פארלאנג פון גלח זשוכאָוווסקי וועגן פולשטענדיקן יידן־גירוש פון צויזמיר.

צו אונדזערע עלטער־אבות זענען אוודאי אויך דערגאנגען די אפקלאנגען פון דער רעליגיעזער און געזעלשאפטלעכער

אויפרודערונג פון דער שבתי צבי־באַוועגונג (פון 17־טן י. ה.) און פון דער פראַנקיסטישער באַוועגונג (אין 18־טן י. ה.). מען האט זיך א סך מן־הסתם אנדערציילט וועגן די גוטע יידן, די בעלי־שם, פון פאָדאָליע און אוקראַינע, וועלכע האבן פארשפרייט אַ נייעם דרך אין יידישן לעבן, פול מיט אהבת ישראל. אפשר זענען ראדאמישלער טאקע געווען צווישן די ערשטע פאָרערס צום רבין, רב אלימלך מליזשענסק און אנדערע צדיקים אין יענער צייט.

די ערשטע באקאנטע ציילונג

די ערשטע היסטאָרישע מקורות וועגן ראדאמישלע געפינען מיר אין ד״ר רפאל מאהלערס היסטאָרישער ארבעט „יידן אין אמאליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן״ (פארלאג „יידיש בוך״, ווארשע, 1958), וואס פארנעמט זיך מיט דער ציילונג, וועלכע איז פארגעקומען צווישן די פוילישע יידן אין די יארן 1764—1765.

די ידיעות וועגן ראדאמישלע זענען אין דער דערמאנטער ארבעט פונעם היסטאָריקער בצימצום, אבער מיט דער הילף פון פארגלייכן מיט אנדערע ערטער און פאקטן, קאנען מיר באקומען א שטיקל בילד פון ראדאמישלע מיט צוויי הונדערט יאר צוריק.

לויט דער טאבעלע III — 11, ווערן מיר געוווירר, אז אין ראדאמישלע האט די ציילונג אָנגעוויזן אויף 302 יידישע נפשות אין עלטער פון איבער איין יאר; אין דער סביבה, אין די דערפער ארום — 62 נפשות.

לשם פארגלייכן איז אינטערעסאנט צוצוגעבן, אז אין טאַרנע האבן דעמאלט (לויט דער ציילונג) געלעבט 846 יידישע נפשות, אין די דערפער ארום — 1374; אין דאָמבראָווע — 646 נפשות, אין די דערפער — 177; אין דעמביץ — 573, אין די דערפער — 338; אין מיעליץ — 585, אין די דערפער — 326; פשעצלעוו — 108, אין די דערפער — 21; זשאכעוו — 37, אין די דערפער — 57; אין זשאבנע — 460, אין די דערפער — 276.

די צאלן זענען שייך נפשות אין עלטער פון איבער א יאר, פאר וועלכע מ׳האט געצאלט דעם קאָפּ־שט״ער. און אזוי ווי דורכשניטלעך האט די צאל זויגלינגען אויסגעמאכט ביי 6 פראצענט פון דער באפעלקערונג, דארף מען צוגעבן, אז אין ראדאמישלע זענען אין יענעם יאר געווען 18 קינדער ביז א יאר אַלט. ד״ר רפאל מאהלער באמערקט אז א גרעסערע צאל פון דער באַפעלקערונג האָט אויסגעמיטן דאס ציילן. די גרויס אירע איז דערגאנגען אפילו ביז 20 פראצענט. איז ווען מיר גיבן צו צו דער צאל 302 נפשות — 18 זויגלינגען און אן ערך 60 אויסבאהאלטענע, קאנען מיר אנגעמען, אז די צאל יידישע איינוווינער אין שטעטל אין די יארן 1764־65 איז דערגאנגען ביז 380 נפשות.

לויט דער מלוכהשער אַדמיניסטראַטיווער איינטיילונג האט ראדאמישלע (אין יענע יארן) געהערט צום פילזנער פאָוויאַט (צו וועלכן עס האבן אויך געהערט: טאָרנע, דאָמבראָווע, דעמביץ, קאָלביסעוו א. א.), וועלכער איז געווען א טייל פון צוויזמירער (סאנדאמירזש) וואיעוואדשאַפט. צו דער זעלבער וואיעוואדשאַפט האט אויך געהערט דער וויסליצער פאוויאט מיט די שטעטלעך: זשאַבנע, סטאָפּניץ, פינטשעוו א. א.; מיעליץ, סטאשעוו, אפט, פלאַנטש, האבן געהערט צום צוויזמירער פאוויאט (פון דער זעלבער וואָיעוואדשאַפט).

די צוויזמירער וואיעוואדשאַפט האט געהאט (אין פארגלייך מיט אנדערע וואיעוואדשאַפטן אין קליין־פוילן) די גרעסטע

צאָל יידן. די באפעלקערונג דאָרט איז דערגאנגען ביז 42972 יידישע נפשות, אין דער צייט ווען אין דער קראָקעווער — בלויז 18677 נפשות און אין דער לובלינער — 20191 נפשות.

די גרעסטע צאל יידן אין דער פוילישער מלוכה האט אין יענער צייט געוווינט אין דער רייסישער וואיעוואדשאַפט — 100,111 נפשות.

ווען מיר זאלן אָננעמען דעם דורכשניט פון דער צאל יידן אין די קעניגלעכע שטעטלעך, וועלכע האט אויסגעמאכט (אין צוויזמירער וואיעוו.) 23 פראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאל איינוווינער, וואָלט די אלגעמיינע צאל איינוווינער אין ראדאמישלע באדארפט דערגיין ביז 1500. אבער אזוי ווי דאס שטעטל איז געווען א פריוואט־שטעטל (ווו די צאל יידן האט דורכשניטלעך אויסגעמאַכט מער ווי 50 פראָצענט) נעמען מיר אן, אז אין ראדאמישלע איז די אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג געווען 800־750 איינוווינער.

אין דער טאבעלע 28 פון דעם דערמאנטן בוך ווערט איבערגעגעבן, אז די צאל יידישע מענער אין שטעטל איז געווען 148: פארהייראטע — 65; זין — 80; געזעלן — 3. די צאל פרויען 154: פארהייראטע — 65; אלמנות — 22; אומפארהייראטע טעכטער — 53; אומפארהייראטע דינסטן — 14. מיר געפינען נישט אין דער טאבעלע די צאל זיידעס און באבעס ווי אויך די צאל פון זין און איידעמס אויף קעסט. אבער אזוי ווי די דורכשניטלעכקייט ביי דיביידע קאטעגאָריעס מאַכט אויס ביי 13 פראצענט נעמען מיר אָן, אז די צאל זיידעס און באָבעס איז געווען 9 און די צאל איידעמס און זין אויף קעסט איז געווען 10—9.

לויט דער פראָפעסיאָנעלע צעטיילונג האט געצאלט זיין אין ראדאמישלע אין יענער צייט (נעמענדיק אין באַטראַכט דעם דורכשניט פון דער צוויזמירער וואיעוו.) — 10—8 ארענדאטאָרן מכל המינים (ווי אויך שענקן און קרעטשמעס); 22—20 סוחרים קלענערע און גרעסערע, מארק־זיצערס און דאָרפס־גייערס, וועלכע האבן געהאַנדלט מיט כל המינים סחורות ווי: לייוונט, וואָלשטאָף, ביינוול, זאַלץ, טאבאק, פילווער, גרויפן, קאשע, גאלאנטעריע־אייזן א. א.; 20—18 בעלי־מלאכות פון פארשידענע פאכן: 5 שניידערס, 4 היטל־מאכערס און קירזשנערס, 5 קצבים, 3 בעקערס, 1 גאָלדשמיד, 1 איינבינדער, (און אפשר איז אויך געווען זייפן־זידערס, ליכט־ציערס, מוליארעס א. א.); 4 מלמדים און בעלפערס, א חזן, א שוחט, א רב, א שמש, א בעדער, א סופר, אפשר אויך א מוזיקאנט און אן אפטייקער; אומבאשטימטע באשעפ־טיקונג — 5—3 משפחות.

צו די רייכע שיכטן האבן געהערט די ארענדאטאָרן, די רייכערע סוחרים, דער רב; פון די בעלי־מלאכות האט מען געהאלטן פאר פארמעגלעכע די קצבים און דעם בעקער.

די ווינונג־פארהעלטנישן האבן געקאנט זיין אזעלכע: ביין צענטל פון די הייזער, באַוווינטע דורך די יידן, האבן געהערט צו יידישע בעלי־בתים. יעדעס הויז איז געווען באוווינט דורכשניטלעך פון צוויי פאמיליעס (9—8 נפשות). 46 פראצענט פון די יידישע איינוווינערס האבן געהאט זייערע אייגענע הייזער און דאס רעשט — לאָקאַטאָרן און קאָמאָרניקעס. (די אלע צאָלן וואס מיר ברענגען, וועלכע געפינען זיך נישט אין דער אויבנדערמאנטער ארבעט פון ד״ר רפאל מאהלער, זענען פון אונדז אנגעגעבן אויפן יסוד פונעם דורכשניט פון דער צוויזמירער וואיעוואדשאַפט און זיי זענען אלע השערותדיקע).

אין די צייטן פון גאַליציע

אין יאָר 1772, ביי דער ערשטער צעטיילונג פון פוילן, גייט ראַדאַמישלע (אַזוי ווי די גאַנצע פּראָווינץ, וועלכע האָט זיך דערנאָך גערופן „גאַליציע") איבער צו עסטרייך. די נייע הערשערין, די קייסערין מאַריאַ טערעזאַ, וואָס האָט בכלל געהאַלטן זיך ווי אַ צייטווייליקע, האָט געוואָלט וואָס מער געלט אַרויסציען פון די יידן, כּדי צו פאַרבעסערן די פינאַנציעלע לאַגע פון דער מלוכה. צו דעם צוועק האָט זי צוריק אויפגעשטעלט עפּעס ווי דער ליקווידירטע יידישער סיים אין פוילן, דער ועד ארבע ארצות (1764), אין אַ פאָרם פון דער „גענעראַל דירעקציאָן דער יודענשאַפט", וועלכע איז באַשטאַנען פון זעקס לאַנדס־עלטסטע און זעקס קרייז־עלטסטע, אונטער דעם פאָרזיץ פון אָבערלאַנדסראַבינער. זיין הויפּט־אַרבעט איז געווען צו צעלייגן די שטייערן צווישן די קהילות. אין שפּיץ פון יעדער קהילה זענען געשטאַנען 12—6 עלטסטע און אַזויפיל רעכנמייסטערס (פאַראָרדנונג פון 16.7.1776). די קהילות פון די קלענערע ערטער האָבן זיך פאַראייניקט צו אַ קרייז־קהילה. אַזעלכע קרייז־קהילות זענען געווען 6. אין שפּיץ פון אַ קרייז־קהילה איז געשטאַנען דער קרייז־עלטסטער, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן דורכן קרייז־הויפּטמאַן פון די צוויי קאַנדידאַטן, וואָס זענען ווידער אויסגעוויילט געוואָרן פון די קהילות אין קרייז. דער אויסגעוויילטער קרייז־עלטסטער האָט באַדאַרפט באַשטעטיקט צו ווערן פון גובערניום. דער אופן פון אויסוויילן אַן אָבער־לאַנדסראַבינער איז געווען אַזעלכער: די קרייז־עלטסטע און די לאַנדסעלטסטע האָבן אויסגעוויילט דריי קאַנדידאַטן און פון זיי האָט די קייזערין אויסגעוויילט איינעם.

דער ערשטער אָבערלאַנדסראַבינער איז געווען ר' יהודה לייב בערנשטיין, דער בראָדער רב.

די קאָמפּעטענץ פון אָבערלאַנדסראַבינער איז געווען אַ ברייטע. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו נאָמינירן רבנים, חזנים, שוחטים אין גאַנצן לאַנד און ער האָט פון זיי גענומען די געהעריקע טאַקסעס. אַ באַזונדערע טאַקסע האָט ער גענומען פאַרן געבן טיטולן „חבר" און „מורנו".

איינע פון די שטרעבונגען פון מאַריאַ טערעזאַס פּאָליטיק בנוגע די יידן איז געווען צו פאַרקלענערן די צאָל יידן אין גאַליציע. זי האָט אָנגעוואָנדן דערצו פאַרשידענע מיטלען. אַזוי האָט זי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדנונג (פון יאָר 1773), אַז יעדע יידישע חתונה מוז ווערן דערלויבט פון גובערניום; שפּעטער (אין יאָר 1776) האָט מען איינגעפירט אַ פאַרמעגנס־צענז: 500 עסטרייכישע גילדן זענען געווען דער מינימום, וואָס האָט דערמעגלעכט אָפּצוגעבן אַ ביטע אויף אַ חתונה דערלויבניש. די חתונה־טאַקסע האָט אויסגעמאַכט צען (און מער) פּראָצענטער פון דעם דעקלאַרירטן פאַרמעגן.

די חתונה־געזעצן פון דער רעגירונג האָבן דערפירט, אַז די יידישע יוגנט האָט אָנגעהויבן צו נעמען ווינקל־חופּות (נישט לעגאַל לויט די געזעצן), וואָס זענען אָבער פון דער רעגירונג טאָלערירט געוואָרן ווי „רעליגיעזע הייראַטן".

די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער קייזערין לגבי די יידן האָט געשטרעבט וואָס ענגער צו מאַכן זייער באַזע. האָט זי פאַרווערט יידישע בעלי־מלאכות זאָלן אַרבעטן פאַר קריסטן — דאָרט וווּ עס זענען דאָ קריסטלעכע בעלי מלאכות; יידישע באַרבירערס, וואָס האָבן גענאָלט און געשטעלט באַנקעס, האָבן געמעגט פּראַקטיצירן בלויז צווישן יידן.

די שטייערן, וועלכע די יידן האָבן באַדאַרפט צאָלן אין מאַריאַ טערעזאַס צייטן, זענען געווען גרעסערע ווי אין פוילן. אָנשטאָט דעם קאָפּ־געלט האָט מען איינגעפירט דעם „טאָלעראַנץ־געביר", וואָס האָט אויסגעמאַכט 4 פוילישע גילדן (אָנשטאָט 2 פ. גילדן פאַר קאָפּ־געלט). צו דעם האָט אַ ייד נאָך באַדאַרפט צאָלן שטייערן פון פאַרמעגן, פון באַשעפטיקונג און חתונה־טאַקסעס.

דער יורש אירער, דער קייזער יאָזעף דער צווייטער (1780—1790), אַן אָנהענגער פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, האָט געשטרעבט צו געבן די יידן גלייכבאַרעכטיקונג, מאַכן זיי פאַר נוצלעכע בירגערס און אומשעדלעך פאַר דער קריסטלעכער געזעלשאַפט. אָבער ער איז קיין יידן־פריינד אויך נישט געווען. ער האָט אָנגעהויבן מיט גזירות, וועלכע האָבן באַדאַרפט „נוצלעך מאַכן" די יידן ווי בירגער פון לאַנד, זיי זאָלן ראוי זיין צו באַקומען די גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס האָט זיך געזעצלעך אויסגעדריקט אין „טאָלעראַנץ־פּאַטענט" פון 7.5.1789. אין די יאָרן 1785—1784 זענען אַרויס געזעצן, וועלכע האָבן זיך שווער אָפּגערופן אויפן יידישן עקאָנאָמישן לעבן. ס'איז פאַרווערט געוואָרן יידן זיך צו פאַרנעמען מיט יעדער אַרט אַרענדע ווי: גיטער, מילן, וועג־אָפּצאָלן, אַרויספירן זאַלץ, בוי־מאַטעריאַל, אַרענדעס פון שענקן. יידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן די דערפער — אויב זיי האָבן זיך נישט פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט.

אַזוי אַרום האָט מען צוגענומען די פּרנסה פון אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווייל כּמעט דער גאַנצער האַנדל פון אימפּאָרט און עקספּאָרט פון רוי־מאַטעריאַלן האָט זיך געפונען אין יידישע הענט, אַזוי אויך די פּראָפּינאַציעס און די אַרענדע פון פאַרשידענע שטייערן; אין דער תקופה האָבן אויך ביי 30 פּראָצענט יידן אין מזרח־גאַליציע און 40 פּראָצענט אין מערב גאַליציע געוווינט אין די דערפער. דאָס אַרויסטרייבן די יידן פון די דערפער האָט פאַרגרעסערט די אָרעמקייט פון יידישן שטעטל.

מען האָט אָבער דערלויבט יידן זיך צו פאַרנעמען מיט האַנדל (אויסער שענקעריי); מיט מלאכה (די צעכן זענען געווען מחויב צו פאַרשרייבן און „באַפרייען" די יידישע לערן־יינגלעך) אין די אַלע שטעט, וווּ זיי איז געווען דערלויבט צו וווינען; מ'האָט געפּרוּווט צו באַזעצן יידן אויף ערד און געשאַפן אַפילו ספּעציעלע יידישע קאָלאָניעס (וועלכע האָבן זיך נישט איינגעגעבן).

כּדי אויסצוגלייכן די יידן מיט דער אַנדערער טייל באַפעלקערונג, האָט מען איינגעפירט מיליטער־דינסט פאַר יידן (דאָס האָט באַדאַרפט באַווייזן דעם צוטרוי פון דער מדינה צו די יידן), איינגעפירט ספּעציעלע יידישע שולן, פאַמיליע־נעמען, מבטל געמאַכט טיילווייז די קהילות, אויפגעלעזט די „דירעקציאָן דער יודענשאַפט" (1785), וועלכע האָט אויפגעהאַלטן דעם יידישן סעפּעראַטיזם.

דער „טאָלעראַנץ־פּאַטענט", וואָס אַנטהאַלט 64 פּאַראַגראַפן, זאָגט אין זיין איינלייטונג: אַז עס איז לטובת דער גאַנצער באַפעלקערונג אָפּצושאַפן דעם אונטערשייד צווישן יידן און קריסטן און צו געבן די יידן אַלע פרייהייטן, פון וועלכע עס געניסן אַנדערע עסטרייכישע אונטערטאַנערס. דאָך, ווען אַ ייד האָט געוואָלט אַריבערפאָרן אין אַן אַנדער אָרט, האָט ער געמוזט האָבן אַ פּאַס. די עמיגראַציע פון פוילן איז געווען פאַרבאָטן. ביים עמיגרירן האָט מען באַדאַרפט באַצאָלן אַ טאַקסע. קיין ארץ־ישראל האָבן עלטערע יידן געמעגט פאָרן, אָבער דער אַמט האָט באַדאַרפט אַכטונג געבן, אַז מען זאָל נישט אַרויספירן קיין געלט.

עס זענען באַשטימט געוואָרן ניינצן קרייז־ראַבינערס

(צוזאמען מיט בוקאווינע, וועלכע האט געהערט ביז 1848 צו גאליציע און געשאפן א באזונדערן קרייז). די קרייזן האבן זיך געטיילט אויף געמיינדעס, עדהס, וועלכע זענען געווען אין גאנץ גאליציע 141. אין יעדן קרייז איז געווען א קרייז־ראבינער איבערן גאנצן קרייז און אין יעדער געמיינדע איז געווען א „שולזינגער", א חזן.

ראדאמישלע האט געהערט צום טאַרנער קרייז און לויט ווי עס גיט איבער M. STÖGER אין זיין בוך האט ראדאמישלע אין די יארן 1825—1812 געהאט א „שולזינגער", וועמען זי האט געצאלט 25 עסטרייכישע גילדן א יאר. ווער האט עס געקאנט זיין? זיכער איינער פון ר׳ דוד מגידס זין, אדער נאכפאלגערס און אפשר ער, ר׳ דוד מגיד אליין, וועלכער איז דער ערשטער רב אין ראדאמישלע, פון וועלכן מיר האבן געהערט.

אין שפיץ פון דער ראדאמישלער יידישער געמיינדע זענען געשטאנען דריי פארשטייערס, וועלכע זענען געוויילט געווארן אויף דריי יאר. די וואלן זענען פארגעקומען אין 15־טן סעפטעמבער אין אנוועזנהייט פונעם סטאַראסטעס פאָרשטייער. אַקטיווע און פאסיווע וואַל־רעכט האבן געהאט די באזיצערס פון רעאליטעטן (נכסי דלא ניידי) און די צאלערס פון גרויסע שטייערן. זיי, די וויילער, האבן אויסגעוויילט 6 קאַנדידאטן פון וועלכע דער סטאראָסטע האט באַשטימט א העלפט.

דער פארשטייער־אַמט איז געווען א באַצאָלטער, אויסגעהאלטן פון די שטייערן, וואס מען האט גענומען ביי דער יידישער באפעלקערונג. די שולן, בתי הכנסת, האבן געהאט די זעלבע רעכט, וואס די קירכעס. נאר פריוואטע מניינים האבן באדארפט באצאלן אן אפצאל לטובת די נאָרמאַלע שולן. דעם רב האט מען אוועקגענומען דאס רעכט פון משפטן און לייגן אין חרם אריין. עס איז אויך באשטימט געווארן, אז אין זעקס יאר שפעטער וועט מען פאדערן פון א רב א צייגניש, אז ער האט געענדיקט א נאָרמאַלע שול.

דאס איינפירן מיליטער־דינסט האבן די יידן געהאלטן פאר א גרויס אומגליק. ווען די קהילה, וועלכע איז געווען פאראנטוואָרטלעך פאר צושטעלן די רעקרוטן, האט באַקומען די אויפפאָדערונג זיי צוצושטעלן, איז געוואָרן א חורבן אין שטעטל. יידן האבן זיך נישט צוגעשטעלט צו די מיליטערישע קאָמיסיעס, מען האט זיך אויס־באהאלטן און אפילו אוועק קיין אויסלאַנד. די יידן האבן אָפן דערקלערט, אז זיי זענען גרייט צו געבן 150 דוקאַטן קנס און נישט גיין צום מיליטער. דאָך זענען אין יאָר 1790, בעת דער מלחמה מיט טערקיי מאָביליזירט געוואָרן 1060 יידישע סאָלדאַטן. אין יאר 1806 האט מען יידן באַפרייט פון דינסט פארן באַצאָלן 30 עסטרייכישע גילדן, אבער אין יאר 1820 האט מען צוריק אנגעהויבן צו רעקרוטירן יידן אין דער ארמיי.

דאס געזעץ פון די פאמיליע־נעמען האט פארלאנגט, אַז די אנגענומענע פאַמיליע־נעמען, וועלכע פאָטערס פון משפחות האבן אנגענומען פאַר זיך און פאַר זייער גאנצער פאַמיליע, זאלן באשטעטיקט ווערן דורך קהל, א קרייז־ראבינער און אַפּראָבירט ווערן פון קרייזהויפטמאן.

א סך סטאראסטעס האָבן איינגעטיילט די נעמען אין קאַטעגאָריעס, גענומען טייער פאר נעמען פון בלומען און איידל שטיינער (ווי ראָזענטאל, גאלדשטיין א. א.), ביליקער זענען געווען נעמען פון געוויינלעכע מעטאלן, ווי: אייזן, שטאָל. אָן געלט זענען געווען נעמען פון חיות. און כדי צו קרענקען דעם מענטש, האָט מען אים געגעבן א נאָמען אויף א חוזק: ווי הונט, אָקס, נאַכטלאגער א. א.

דאס געזעץ וועגן יידישע שולן, אדער שולן פאר יידישע קינדער, איז אנגענומען געוואָרן נאך אין יאר 1787. אבער זיין פארווירקלעכונג פאלט אויס אין די ניינציקער יארן פון 18־טן י. ה. און אנהייב 19־טן י. ה., אין די צייטן פון די קייסרים לעאָפּאָלד און פראַנץ יאָזעף דער ערשטער.

די שולן זענען געווען פון פארשידענע טיפּן, — לויט דער גרויס פון דער שטאט, אָדער שטעטל. ווען א יידיש יינגל האָט געוואָלט חתונה האבן, האָט ער געמוזט באלייגן א צייגניש, אז ער האט באזוכט אזא שול. אין לעמבערג האט מען געשאַפן א לערער־סעמינאר.

ווי אן אויפזעער פון די שולן איז באַשטימט געוואָרן הערץ האמבערג, וועלכער איז אויפגענומען געווארן דורך די גאליצישע יידן מיט שנאה. די גאליציאנער יידן האבן אין די שולן געזען אַ סוף צום יידישקייט.

אין א קורצער צייט זענען געשאפן געוואָרן שולן אין לעמבערג און אויף דער פראָווינץ. זייער צאָל איז דערגאנגען ביז 107. זיי האבן זיך גערופן דייטש־יידישע, אדער יידיש־דייטשע שולן. שפעטער האט מען אין בראָד און אין לעמבערג געשאַפן אויך מיידל־שולן. די שולן האבן זיך געפונען אין דער קהילה־געביידע און זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון די זעלבע קועלן, וואס די אנדערע שולן אין לאַנד. די קהילה האט זיך באשטייערט מיט 25% דירה־געלט פאר די לערערס. אין די שולן האט מען געלערנט דייטשע שפראַך; אין די העכערע קלאַסן: סטיליסטיק און גראַמאַטיק, אבער נישט געלערנט קיין רעליגיע, ווייל קיין פוילישער ייד וואָלט נישט דערלויבט, אז מאָדערנע לערערס זאָלן לערנען זייערע קינדער רעליגיע.



א טייל פון מארקפלאץ

יידן האבן געטון אַלץ, כדי די קינדער זייערע זאָלן נישט באַדאַרפן באזוכן די שולן: מען האָט געבראַכט צייגנישן פון אַ דאָקטער, אז דאס קינד איז קראַנק; אנדערע האבן גענומען פריוואַט־לערערס — אַלץ כדי נישט אפגעריסן צו ווערן פון חדר, פון דער גמרא; אנדערע האבן גאר חתונה געהאט.

אין ראדאמישלע איז אזא שול נישט געווען, אין מעליץ און אין דאמבראווע יא. פארוואס נישט אין ראדאמישלע? אפשר איז די באפעלקערונג געווען צו קליין, אדער אפשר האט מען זיך שטאַרק אנטקעגנגעשטעלט. שווער פעסטצושטעלן געננוי די סיבה.

דער קאָנקאָרדאַט מיטן פויפּסט (אין יאָר 1805), וועלכער האט איבערגעגעבן דאס גאנצע שול־ווען אין עסטרייך אין

די הענט פון די קאטוילישע גייסטלעכע, האָט געמאַכט אַ סוף צו די יידיש־דייטשע שולן אין יאר 1806.

נאכן שליסן די שולן האט יעדעס פארפאלק (וועמען מען האט דערלויבט צו שטעלן א חופה) געמוזט באלייגן אן עקזאמען פון רעליגיע לויט דעם בוך „בני ציון" — א „רעליגיעז מאָראַלישעס לערבוך פיר די יוגענד איזראעליטישער נאַציאָן, פאָן הערץ האמבערג, איינעם שילער מענדעלסאנס". א דעלעגאט פון מאגיסטראַט, פון רב, אדער רעליגיאנס־לערער, צוזאמען מיט א באאמטן פון סטאַראָסטע, האבן געשאפן די קאָמיסיע, וואָס האט פאַרהערט די חתונה־קאַנדידאַטן. אָט די חתונה־שוועריקייטן האבן פארמערט די ווינקל־חופות, וועלכע די יידישע יוגנט האט געשטעלט.

אין יענער תקופה האבן יידן געדאַרפט צאלן ספעציעלע יידישע שטייערן, ווי: פראָטעקציאָנעלן־שטייער, וועלכער האט אויסגעמאַכט 4 עסטרייכישע גילדן פאר א פאמיליע; קאנסומאציע־שטייער פון כשר־פלייש; און זינט 1797 — ליכט־שטייער.

דער כשר־פלייש־שטייער האט שטאַרק באשווערט די מאטעריעלע לאגע פון דער יידישער באפעלקערונג. דער אָרעמאַן אין שטעטל האט ווינציקער און זעלטענער געקאנט עסן א שטיקל פלייש; עופות האט מען בכלל זיך נישט געקאנט דערלויבן.

ראדאמישלער יידן האבן געדאַרפט צאָלן פון א פוילישן פונט אָקסן, אָדער שעפסן־פלייש, א שטייער פון $1\frac{1}{2}$ קר.; פון א טויב, אדער אן עוף, וואס איז נישט גרעסער פון א טויב — $2\frac{2}{3}$ קר.; פון א הון, הינדל, קאַטשקע — 7 קר. א.א.וו. (לויטן טאַריף פון 1835).

דער ליכט־שטייער איז גענומען געווארן פון דער צאל ליכט, וואס די יידישע באלעבאָסטע האט געצונדן א שבת און יום־טוב, אבער אויך פון חנוכה־ליכט און פון שמחות, חתונות. לויט די טאריפן פון 1816 האט דער שטייער אויסגעמאכט: פון ליכט אויף שבת און יום־טוב, פון וואַקס — 15 קר.; פון חלב — 5 קר.; חנוכה: פון וואקס — 2 קר.; פון חלב — 1 קר. א.א.וו.

ווען א פרוי האט נישט געצונדן קיין ליכט, איז זי געווארן אנערקענט ווי א נישט פרומע און אזעלכע האט די עסטרייכישע מלוכה נישט טאלערירט. פאר עובר זיין אויף נישט צינדן קיין ליכט האט געדראט מיט צוואנג־ארבעט און אַמאָל מיט שטעקנס. דער ליכט־פאכטער האט נישט איינמאל צוגענומען די קישנס, מלבושים און אויסגעלאָשן די ליכט אום שבת אדער יום־טוב. דאס ליכט־פאכטעריי איז געווען אסאָצירט מיטן ערגסטן אין יידישן לעבן.

ביז די יארן 1846—1848 קומען קיין גרויסע פאליטישע געשעענישן נישט פאר אין לאנד און אויך נישט ביי די יידן, אבער אין אינערלעכן יידישן געזעלשאַפטלעכן קולטורעלן לעבן יוירט עפעס. עס איז די צייט פון דער השכלה.

אין ערשטן פערטל פון פארגאנגענעם יארהונדערט, מיט דעם מארש פון נאפאָלעאנען אויף מזרח, האבן אנגעהויבן אין גאליציע צו בלאזן נייע ווינטן: די מערב קולטור. אונטער דער גמרא באהאלטן, האט מען אנגעהויבן צו לייענען שילערן און לעסינגן, זיך דערנענטערן צום נייעם אייראָפּע. די שטרעבונג צו בילדונג צווישן יידן האט מען גערופן השכלה און די פארשפרייטערס — משכילים. די וואָרטזאָגערס פון דער השכלה זענען געווען דערצויגן אין יידישע אָרטאדאקסישע הייזער, האבן זיי געקענט גוט תלמוד און די רבנישע ליטעראטור. זיי האבן געשטרעבט צו פאראייניקן די יידישע וויסנשאַפט מיט דער נייעסטער קולטור, זייער ציל איז געווען: א געבילדעט יידנטום.

צום ערשטן דור משכילים אין גאליציע געהערן: יוסף פערל, נחמן קראכמאל, שלמה יהודה לייב ראפאפארט (שי"ר), יצחק ערטער א. א. אין דער צייט הייבט אן ארויסצוגיין די ערשטע אין גאליציע משכילישע צייטשריפט, די ערשטע יידישע יארביכער אין עסטרייך „בכורי העתים".

קיין ראדאמישלע האט די השכלה נישט דערגרייכט. אינדזערע עלטער־זיידעס זענען געווען פארטון אין חסידות, געפארן צו רביים. דער פריערדיקער דור איז נאך געפארן אפשר צום חוזה און אוודאי צו ר' נפתלי ראפשיצער און צו ר' מנדל רימעניוווער; אין די שפעטערדיקע יארן איז מען געפארן צו די קינדער און אייניקלעך פון ראפשיצער, צו ר' אליעזר פון דזשיקעוו, און זיינע קינדער; צו ר' מרדכי דוד דאמבראווער און זיינע קינדער, וועלכע האבן געשאפן די שפעטערדיקע זשאַבנער דינאסטיע.

אין אנהייב פון 19־טן י. ה. האט געלעבט אין ראַדאָמישלע (אפשר נישט ער, נאר ערשט זיין זון ר' יחיאל שטוטשינער איז געווארן א תושב אין שטעטל) דער עלטער־עלטער זיידע פון דעם שרייבער פון די שורות, ר' לייב אייזלאנד, וואס איז געווען דער עלטערער ברודער פון ר' יחזקאל און ר' שלמה אייזלאנד, דער זיידע פון ר' חיים הערש אייזלאנד. פאַמיליעס וואָס האָבן געשפילט אַ ראָל אין שטעטל; ר' יאסקע מאהלער, די דיינים ר' רפאל הערש בלומענקראנץ און ר' ברוך ווינד א. א.

אין די 40־ציקער יארן פון פארגאנגענעם י. ה. קומט פאר א געזעלשאַפטלעכע ענדערונג אין דער אנפירערשאַפט פון די גרעסערע קהילות אין גאליציע און צום וואָרט קומט דארט א יונגער דור, וועלכער האט געענדיקט שקאָלעס און אוניווערסיטעטן. צוזאמען מיט די משכילים ווערן זיי די טאָן־געבערס פון פאָרגעשריטענעם טייל פון יידנטום אין זייערע שטעט. אבער אויך דער חסידיזם ווערט דערביי נישט אָפּגעשוואַכט. עס שפרייטן אויס זייער ממשלה די הויפן פון סאדיגורע און סאַנדז, די היימישע דינאסטיעס פון די פארשידענע שטעטלעך. זיי פירן דעם קאמף מיט די פארגעשריטענע.

עס קומט פאר דער ערשטע קהילה־צוזאמענפאר פון פארטרעטערס פון די גרעסערע קהילות און מען באשליסט אז יעדע קהילה באזונדער (נישט אלע צוזאמען, ווייל קיין קהילה־פארבאנד איז נישט געווען דערלויבט) ווענדט זיך מיט א פעטיציע צום קייזער, צו באקלאגן זיך אויף די עוולות קעגן יידן, ווי: ספעציעלע שטייערן, דאס נישט דערלויבן יידן אָנטייל־צונעמען אין די שטאָט־ראַטן און מאגיסטראטן, דאס נישט צונעמען כמעט קיין יידישע באַאַמטע; אין מיליטער קאן א ייד דערגיין נאר ביז דער ראנגע פון אן אונטעראָפיציר; א ייד טאָר נישט קויפן קיין נכסי דלא ניידי, נישט אַרענדירן קיין גיטער, מילן, שענקן אין דאָרף און פארנעמען זיך מיט אַפּטעקעריי, אויסאַרבעטן פולווער א. א.

אין דערזעלבער צייט האט זיך דאס גובערניום פארנומען מיט דער פראַגע צו פאַרווערן די יידישע קליידונג און צווינגען יידישע פרויען און מענער זיך צו קליידן אייראפעיש (די גזירה איז לסוף אפגערופן געווארן).

ראדאמישלע איז אויך געווען אן עדות פון די פויערים־בונטן, וואס זענען אויסגעבראכן אין מערב־גאליציע אין יאר 1846, אנגעפירט פון יאקוב שעללא, א פויער פון זאגלימשינער געגנט. די פויערים, אונטערגעהעצט פון עסטרייכישע

באַאמטע, האבן געקוילעט די פוילישע גוטבאַזיצערס און געראַבעט זייער גוטס.

אין דעם יאר פון „פעלקער־פרילינג" (1848), ווען די איינוווינער פון גאליציע האבן געשיקט פעטיציעס צום טראָן, זענען צווישן די פעטיציע אונטערשרייבערס געווען יידן פון לעמבערג און אנדערע גרעסערע שטעט. געוויסע קלאַנגען זענען דערגאנגען אויך קיין ראדאמישלע וועגן פונקט 9 פון דער פעטיציע, וואס פארלאנגט גלייכבארעכטיקונג פאר אלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און רעליגיעס. די גלייכבארעכטיקונג דארף זיין דער יסוד פון אלע יורידישע און פאליטישע געזעצן.

מען האט אין ראדאמישלע געלייענט די אויפרופן, וואס די לעמבערגער יידן האבן ארויסגעלאזט אין דער צייט פון די יוני־וואַלן צום עסטרייכישן פאַרלאמענט (1848). די פוילישע באפעלקערונג האט דאן מורא געהאט פאר דער באניייונג פון די פויערים־אומרוען, וואס זענען צוגעגרייט געווארן פון די עסטרייכישע באַאמטע. אויף דער ביטע פון דער פוילישער שלאַכטע האבן די לעמבערגער יידן ארויסגעלאזט א קול־קורא צו די יידן אין די דערפער און קליינע שטעטלעך, אז זיי זאלן ווירקן אויפן פויער און אים אויפקלערן, אז נישט די שליאַכטע איז זיין שונא. דער קול קורא ווענדט זיך אויך צו די יידן זיי זאלן וויסן, אז זייער אויפגאבע איז אנצוהאלטן דעם שלום אויפן דאָרף, ווייל די יידן האבן ביז איצט געלעבט פון די פריצים און שליאכטע, פון זיי איז אויך ווייטער אפהענגיק דער יידישער ווילשטאנד.

דאס יאר 1848

אין אָקטאָבער 1848 ווערן אפגעשאפן אין גאליציע די ספעציעלע יידישע שטייערן און אונדזערע עלטער־זיידעס און עלטער־באבעס האבן געקאנט פריי עסן פלייש און ליכט־צינדן אָן א באזונדערן אָפצאל.

אין יאר 1849 האט דער קייזער פראָקלאַמירט א קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער ס'איז געוואָרן געגעבן גלייכבארעכטיקונג פאר אלע רעליגיעס, בתוכם די יידישע; אבער די רעאקציע, וואס איז באלד געקומען, האט מבטל געמאַכט דאס, וואס עס האט געגעבן מערץ 1849. מיטן געזעץ פון 1853 זענען איינגעפירט געווארן פאר יידן צוריק די באגרענצונגען פון פאַר דעם יאר 1848. אין 1857 איז ארויסגעגאנגען א ספעציעל געזעץ וועגן פארווערן יידן צו האלטן קריסטלעכע דינסטן. אין דאָרף וואדאָוויץ (וואס האט געהערט מיטן געריכט קיין ראדאמישלע) איז אפילו פאָרגעקומען א פראצעס קעגן א יידן, וועלכער האט געהאלטן א קריסטלעכע דינסט.

די מפלה פון עסטרייך אין יאר 1859 האט געגעבן אַ קלאַפּ דער עסטרייכישער רעאקציע און דער פארלאמענט, וועלכער איז צונויפגערופן געווארן, האט זיך אויך געמוזט פארנעמען מיט די יידישע ענינים. אזוי זענען — לויט א פאראָרדנונג פון קייזער פראַנץ יאָזעף דעם ערשטן (פון 29.11.1859) — בטל געווארן די באגרענצונגען פון יידישע חתונות; די פאראָרדנונג פון 10.1.1860 האט דערלויבט יידן זיך צו פארנעמען מיט אלע מינים מלאכות, אַפּטעקעריי, שענקן א. א.; די פאראָרדנונג פון 18.2.1860 דערלויבט יידן צו קויפן נישט־באוועגלעכע גיטער אָן א באגרענצונג (אבער אין גאליציע איז דאס דערלויבט געווארן נאר פאר די, וואס האבן געענדיקט 4 קלאסן גימנאזיע אדער אַן ענלעכן לערן אינסטיטוט).

לויט דער פאראָרדנונג פון 1.3.1861 האבן ראדאמישלער יידן געהאַט רעכט צו וויילן אין גאליצישן סיים (לאַנדסטאַג).

די פולע גלייכבערעכטיקונג האבן באקומען די יידן אין גאליציע מיט דער קאָנסטיטוציע פון 1867 און דעם געזעץ פון 25.5.1868 וואס האט רעגולירט די באציונגען צווישן דער קירך און דער מלוכה.

עס איז נאך געווען א ביסל שווער, אז אויך דער גאליצישער סיים זאל די גלייכבערעכטיקונג אנערקענען, נאך הייסע דעבאטעס, אין וועלכע ס'איז ארויסגעטראטן דער באַקאַנטער פוילישער ליבעראַל און קעמפער פאר יידן־רעכט ד"ר פראנצישעק סמאָלקאַ, האט דער גאליצישער סיים אויף זיין סעסיע פון 1868 באשטעטיקט די יידן־רעכט.

אין יאר 1873 האבן ראדאמישלער יידן דאס ערשטע מאל באקומען רעכט צו וויילן אין ווינער רייכסראט (עסטרייכישער פארלאמענט) און ווארשיינלעך האבן זיי אנטיילגענומען צום ערשטן מאל אין די שטאָט־ראט־וואלן, ווען ס'זענען געוויילט געווארן די ערשטע יידישע ראַטמענער אין שטאט־ראַט.

בירגער-רעכט אין גאליציען

אין די יארן 1868 — 1914 האבן די יידן אין גאַליציע גענאָסן אָפיציעל, אויפן פּאַפּיר, פון אלע בירגערלעכע רעכט צוזאמען מיט די איבעריקע בירגערס פון דעם „קרוין־לאנד גאליציע און לאָדאָמעריע" (אזוי האט גאליציע אפיציעל געהייסן ווי א טייל פון דער עסטרייכישער מאָנארכיע). אבער פאקטיש איז דער גאנצער ציל פון די מלוכה־ארגאנען, וועלכע זענען געווען אין די פוילישע הענט, געווען געווענדט צו פירן א פאליטיק קעגן יידן, אַז די יידישע באפעלקערונג זאל זיך פארקלענערן און ס'זאל פארערגערט ווערן די עקאנאמישע לאגע אירע. אויפן פּאָליטישן געביט ווערן יידן באגרענעצט ביים אויסוויילן זייערע פאר־שטייערס אין די מוניציפּאליטעטן און אין די לאַנד־פּארלא־מענטן, ווי אויך אין רייכסראט. די יידישע געוויילטע מוזן געהערן צו דער פוילישער „קאָלאָ" אין ווינער פארלאמענט און שטימען לויט זייערע אנווייזונגען. — אמת, די פּאָליטישע באַגרענצונגען זענען געווען אַ פועל־יוצא פון דער קאָנסטע־לאַציע אויף דער יידישער גאַס, וואס איז אָנגעוואָרפן געוואָרן פון דער פוילישער. דער יידישער המון איז געווען דאס רוב באַהערשט פון די אָרטאָדאָקסישע וואָרט־זאָגערס, וועלכע האבן זיך ארגאניזירט אין „מחזיקי הדת". זיי האבן געוואלט אָפּהאַלטן די יידישע מאַסע פון איר שטרעבן צו קולטור און וועלטלעכקייט. די פּאַרזאָרגערס פונעם ייד אין קליינעם שטעטל, די מדריכים ביי די פארשידענע וואַלן זענען געווען: דער פרומער ראש הקהל, דער פריץ און דער באַאמטער פון סטאַראָסטע. אונדזערע ראַדאָמישלער האבן דעריבער געוויילט צו די פארשידענע מלוכהשע און מוניציפּאלע קערפּערשאַפטן אזוי ווי עס האט דיקטירט דער סטאראסטע־קאמיסאר אין מיעלעץ דעם ראש הקהל און די אנדערע וואַל־מאכערס (אַן אויסנאם איז געווען דאָס יאר 1907. וועגן דעם — זע „די ציוניסטישע באוועגונג אין שטעטל").

דער צווייטער כוח אויף דער יידישער גאס איז געווען די אסימילאציע, וואס צו ערשט איז זי געווען א פּילאָ־דייטשע („שומר ישראל") און נאכדעם — א פּילאָ־פוילישע („אגודת אחים"). די אסימילאַטאָרן, די פּילאָ־פוילישע האבן געפונען א געמיינזאמע שפּראך מיט דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, פאר דעם פּרייז וואס די יידישע ארטאדאקסיע האט אונטער־שטיצט דעם פוילישן פּריץ און פוילישן שטאטסמאן. אט דער בונד צווישן דער אסימילאציע און דער ארטאדאקסיע

האט געבראכט צו דער אויסגעקרומטער פאליטישער אנטוויקלונג אויף דער יידישער גאס. דער יידישער פאלקסמענטש האָט נישט געהאט קיין פארטרעטער, וואס זאל קאנען רעדן אין זיין נאמען און מאָנען די רעכט, וועלכע די קאָנסטיטוציע האט פארזיכערט; חושך איז געווען אויף דער יידישער גאס; דער פריץ און דער מאָשעק זענען געווען די פארטרעטערס פונעם יידישן קיבוץ. אויך אונדזער שטעטל האט „גענאָסן" פון די אלע „חסדים". קיין „מחזיקי הדת" איז טאַקע ביי אונדז נישט געווען, אבער פארשידענע מאַכערס און פריצס־משרתים האבן נישט געפעלט ביז דער לעצטער מינוט.

א דאַנק די אָפּמאַכן, וואס די פארשידענע וואל־מאַכערס האבן געשלאָסן מיט די פּאָליאַקן, האט אונדזער שטעטל (כאָטש ס'האט געהאט איבער 50% יידן) קיינמאָל נישט געהאט קיין יידישן בירגערמייסטער, נאר א וויצע, אַ פאַרטרעטער.

כאָטש ס'איז דערגאנגען צו 58% פון דער גאנצער שטעטישער באפעלקערונג אין יאר 1900 (צאל יידן — 1702, אויף דער אלגעמיינער צאל 2932 איינוווינערס; צו דער גרעסטער צאל יידישע איינוווינערס איז ראדאמישלע דערגאנגען אין יאָר 1890: 1920 יידן אויף 3332 איינוווינערס) אויף דער אלגעמיינער צאל פון 40 ראטמענער אין דער געמיינדע האבן די יידן אין מיינע צייטן געהאט 20.

ביי די וואלן, וועלכע זענען פארגעקומען אין פיר קוריעס (יעדע קוריע — 10 ראטמענער) האבן די יידן געהאט א מערהייט אין דער ערשטער און צווייטער קוריע.

צום ווינער פארלאמענט און צום לאנדטאג האט מען געשטימט אזוי, ווי דער סטאַראָסטע מיטן ראש הקהל (אָדער אן אנדערער אנגעזעענער וואל־מאכער) האט געהייסן שטימען. עס איז אפילו נישט געווען ס'באוווסטזיין פון וועלן האבן א יידישן פארטרעטער, וועלכער זאל נישט זיין בלויז א ייד לויט זיין אפשטאַם, נאר ער זאל אויך פירן א יידישע פאליטיק, לטובת די יידישע פאלקס־מאסן וואס זייער מצב איז געווען גענוג טרויעריק („דער גאליציאנער דלות"). אונדזער שטעטל האט געהערט צו דעם חלק פון מערב־גאליציע וואס איז געווען באקאנט אונטערן נאמען „מלך אביונס גיטער".

אין די ערשטע יארן נאכדעם ווי די יידן האבן באקומען געוויסע פרייהייטן אויפן עקאָנאָמישן געביט איז געוואַקסן די צאָל פרייע פּראָפעסיעס (יידישע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן); עס וואקסט די צאל יידישע גוט־באזיצערס, בעיקר אין מערב גאליציע. אונדזער שטעטל האט געהאט ארום זיך א שפּאר ביסל יידישע גוטבאזיצערס. בכלל האט דער עקאנאמישער פּראצעס, וואס גאליציע האט דורכגעמאכט מיט דעם איבערבוי פון איר פעאָדאַלער ווירטשאַפט אויף אַ קאַפּיטאַליסטישער, געשאפן נייע מעגלעכקייטן פארן יידישן האנדל. אין זיינע הענט האט זיך געפונען דער עקספּאָרט פון תבואה און פון בהמות, אייער און פעדערן; אויך דער אימפּאָרט פון געוויסע ארטיקלען האט זיך געפונען אין די הענט פון יידן. אבער דער רוב מנין און בנין פון דער גרויסער יידישער מאסע האט געהאט די פולע פרייהייט צו הונגערן. שרעקלעך זענען אין דעם פרט געווען די יארן 1900—1914 ווען די פויפעריזאציע פון דער יידישער מאַסע האט אנגענומען א מוראדיקן כאראקטער. עס איז געווען שווער פאר א יידן צו באקומען א שטעלע אין א מלוכהשער אדער מוניציפּאלער אינסטיטוציע. ביי אונדז אין שטעטל האט אין די לעצטע יארן פון עסטרייך געארבעט אויף דער פּאָסט איין יידיש מיידל און עס איז געווען איין יידישער ריכטער מיטן נאמען גריס.

קיין אמתע פּראָלעטאריזאציע איז אין אונדזער קאנט נישט געווען. די מערהייט יידן זענען געווען קליינע בעלי־בתימלעך, קליינהענדלערס און אלערליי בעלי־מלאכות. פון די מלאכות האט זיך שטארק אנטוויקלט ביי יידן שניידעריי, ווייל עס זענען געשאפן געווארן לאָקאַלע אפזאץ־מערק פאר די פארטיקע קליידער. ביי אונדז האט זיך אנטוויקלט די שניידער־קאָנפעקציע און אַביסל שפּעטער — דאס היטל־מאכעריי, וואָס האט אפילו אין די יארן פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה געהאט א שיינעם עקספּאָרט, דערגאנגען קיין סלאוואקיי און אנדערע געגנטן פון אונגארן.

אין די אַכציקער יארן באווייזן זיך אין גאַליציע די ערשטע אַנטיסעמיטישע שוואַלבן פון פרעדיקן יידן־האַס און אַ חרם אויפן יידישן האנדל. עס ווערן געשאפן די ספּעציעלע פויערים־קאָאָפּעראטיוון „קולקאָ ראָלניצטשע", וועלכע זענען געווענדט קעגן דעם יידישן האנדל. זיי האבן אַגיטירט דעם פויער נישט צו קויפן ביים ייד. דער אנטיסעמיטיזם נעמט ארום כמעט אַלע שיכטן פון פוילישן פאָלק: דעם אַריסטאָקראַט, שטאָט־איינוווינער, פויער און אפילו דעם פוילישן ארבעטער.

אין גאליציע איז פארגעקומען אַ פּאָגראָם אין כאָדאָראָוו (1897); אנטי יידישע ארויסטרעטונגען פון פויערים אין יאַסלאָ און אין פילזנער קאנט (נישט ווייט פון אונדזער שטעטל), וועלכע זענען ארגאניזירט געווארן פון דעם גלח סטאָיאַלאָווסקי. נאָר א דאנק דעם אריינמישן זיך פון דער צענטראַלער מאַכט אין ווין איז די פּאגראם־כוואַליע אפּגעשטעלט געווארן און אונדזער שטעטל האט אזוי ארום דאן אויסגעמיטן א פּאָגראָם.

די נייע מאָנאָפּאָל־געזעצן אויף זאַלץ און דאס באַגרענעצן די צאָל קאָנצעסיעס אויף האַנדל מיט משקאות (פארקלענערט די צאל „קאָנסענסן" פון 20,000 אויף 800) האבן דערפירט דערצו, אז ארום 40,000 יידישע נפשות זענען געבליבן אָן ברויט. בלויז א דאנק דער דעמאנסטראציע פון די גאליצישע שענקערס אין ווין, איז געלונגען עטלעכע טויזנט יידן צו ראַטעווען זייערע פּאטענטן.

אט די אלע נגישות, באגרענעצונגען, האבן געבראכט צו אן עמיגראציע פון גאליציע קיין אמעריקע, ווי אויך אין די אינערלעכע קרוין־לענדער פון דער עסטרייכישער אימפעריע, ווי אויך קיין רומעניע און דייטשלאנד. גרויס איז געווען דער שטראָם פון די יידישע אויסוואנדערער קיין אמעריקע אין די יארן 1881—1890; אבער נאך גרעסער איז ער געווארן אין די יארן 1891—1900.

פארשידענע גרויסע יידישע הילף־געזעלשאַפטן האבן אנגעהויבן צו געבן שטיצע יידן, זיי געפּרוווט העלפן קאָנסטרוקטיוו מיט ליי־און שפּאר־קאסעס (דורכן פראנצויזישן „אליאנס"), קיין גרויסע באדייטונג האט עס אבער נישט געהאט. גרעסערע נוצן האבן געבראכט די באַראָן הירש־שולן, געגרינדעט אין יאר 1890 (פאלקס שולן פאר יידישע קינדער אין גאליציע און בוקאָווינע), וועלכע זענען דערגאנגען ביז דער צאל 50. אבער אין אונדזער שטעטל איז אזא שול נישט געווען. פאר וואס? ס'שטעטל איז געווען אין גאנצן חסידיש. איך מיין, אז ביז צום סוף פון די נייַנציקער יארן פון פארגאנגענעם יארהונדערט זענען אין שטעטל נישט געווען קיין יידישע סטודענטן בכלל. דער ערשטער יידישער סטודענט איז דוכט זיך, געווען משה פעלץ (דער שפּעטער־

דיקער עסקן און כלל־טוער אין קיעלץ). ווי עס ווייזט אויס האבן אייניקע חסידישע יידן אויך געשיקט זייערע קינדער אין דער אלגעמיינער פיר קלאסיקער פוילישער שול, וואס האט עקזיסטירט אין שטעטל. אזוי האט מיין פאטער (א געבוירענער אין יאר 1879) באזוכט די שול און ער איז געווען א דאנק דעם פארעכנט ווי א פויליש־שרייבער. צווישן די צוואנציק יידישע ראטמענער מיט וועלכע ער איז געווילט געווארן אין 1927, איז ער געווען פון די געציילטע, וועלכע האבן יא געקענט פויליש.

דער פאקט, וואס מיין פאטער, ר' חיים הערשס א זון (א הייסער זשאבנער חסיד און א ימים־נוראים בעל תפילה) האט באזוכט די פוילישע שול באווייזט, אז דער חרם פון „מחזיקי הדת" אויף די „שקאלעס" האט נישט געווירקט אין ראדאמישלע.

אין יאר 1890 איז ארויסגעגעבן געווארן דאס קהילה־געזעץ, וואס איז געווען א קאמפראמיס צווישן די מחזיקי הדת און דער לעמבערגער קהילה, אין שפיץ פון וועלכער עס זענען געשטאנען די מיטגלידער פון דער פארטיי „שומר ישראל", וואס האבן נישט דערלאזט, אז די קהילה זאל זיין אין גאנצן א פעסטונג פון דער ארטאדאקסיע. לויט דעם געזעץ האט יעדע „קולטוס־געמיינדע" (קהילה) געהאט איר אייגענעם סטאטוס, באזירט אויף דעם אלגעמיינעם געזעץ פון 1890.

לויטן קאלענדאר, ארויסגעגעבן פון דעם „עסטרייכישן איזראעליטישן אוניאן", ווערן מיר געוואויר ווער ס'זענען געווען די ראדאמישלער ראשי־הקהל אין די יארן 1897—1914.

אין דער קאדענץ פון 1897 ביז 1900 זענען געווען: בערל זילבערמאן, משה ראפאפארט און רפאל איסלער, — „פארשטאנדס־מיטגלידער"; אין די יארן 1901—1905: יחזקאל אייזלאנד, אייזיק קויפמאן, משה ראפאפארט; אין 1906—1907: פרעזעס — בערל לעוו; שטעלפארטרעטער — מרדכי דוד זילבערמאן און פסח קויפמאן. 1909—1913: אייזיק מאהלער (פרעזעס), סענדער וויזען (שטעלפארטרעטער), פסח קויפמאן. 1913—1914: סענדער וויזען (פרעזעס), ישראל גרין, פסח קויפמאן.

אין דערמאנטע יארן ווערט אנגעגעבן ווי דער רב הרב הרב שמואל ענגעל; ווי דער סעקרעטאר פון דער קהילה (זינט 1906—1907) יעקב ראנד*) עס ווערט דערמאנט, אז אין ראדאמישלע האבן אין יענע יארן עקזיסטירט חברות: חברה קדישא, ביקור חולים און א תלמוד תורה. אין יאר 1897—1898 ווערט אנגעגעבן נאך א חברה: „מנחם אבלים", דאקעגן ווערט נישט דערמאנט די חברה קדישא.

די פערזאנען וועלכע טרעטן דא ארויס ווי מיטגלידער פון דער קהילה־פארוואלטונג (און אירע פרעזעסן), זענען כמעט אלע געווען יידן סוחרים, בעלי־בתים — אפילו פון די רייכע בעלי־בתים — אבער נישט קיין לומדים; חסידים פון אויסער־שטעטישע רביים (נישט פון פלאנטש) און כמעט אלע דאוונער פון קלויז. זאל עס זיין א צופאל, אדער א צילבאוווסטע פאליטיק, אנגעפירט פון א געוויסער קערפערשאפט, אין וועלכער דער ראדאמישלער רב האט זיכער געהאט א דעה?

*) לויט ווי יעקב יצחק ראנד גיט איבער דארף זיין אליקים ראנד — זיין פאטער, וואס צוליב א גרייז אין דער מעטריקע האט ער זיך געשריבן „יעקב־יאקוב".

אין נייעם פוילן

דאס אנטשטיין פון נייעם פוילן (נאוועמבער 1918) האט מיט זיך געבראכט א כוואליע פאגראמען אין מערב גאליציע. אויך ראדאמישלע האט איבערגעלעבט אזא פאגראם (מיט מזל — אן מענטשלעכע קרבנות) אין די נאוועמבער־טעג. מיר לייענען אין דער ארבעט פון ל. כאזאנאוויטש „די פוילישע יידן־פאגראמען אין נאוועמבער־דעצעמבער 1918", אז אין גרויס־ראדאמישלע „האט מען זיך אין די געשעפטן אריינגעריסן, זיי אויסגעפלינדערט; די סחורה אויפגעלאדן אויף די צוגעגרייטע וואגנס, די זשאנדארמעריע האט פארמידן דאס אנגרייפן פון דער מיליץ. די פ.ק.ל. („פאלסקא קאמיסיא ליקווידאציינא — די צייטווייליקע רעגירונג פאר מערב גאליציע — מ. א.) האט געשיקט אן אונטערזוכונג־קאמיסיע. אייניקע פארהאפטע." וועגן א פרווו פון א פאגראם אין אונדזער שטעטל, וואס איז א דאנק די פארשידענע מלוכה־ארגאנען נישט פארגעקומען, לייענען מיר אין א גרעסערער קארעספאדענץ פון אונדזער שטעטל אין „נאווי דזשיענניק" פון 19.5.1919: „שוין א וואך ווי אונדזער שטעטל איז געווען אונטער דעם איינדרוק פון דער מורא פאר א פאגראם. פון אלע ארומיקע ערטער און פאוויאטן זענען אנגעקומען ידיעות, וואס האבן ארויסגערופן א פארצווייפלונג ביי דער היגער יידישע באפעלקרונג. מען האט אנגעזאגט אין גאנצן אפן און ציניש דעם גענויעם טערמין פון פאגראם. דער טערמין איז געווען דאנערשטיק, דעם 8־טן מאי, ד. ה. אין א יריד־טאג. די מענטשן זענען גאנצע נעכט נישט געשלאפן מיינענדיק, אז זיי זענען אויסגעשטעלט אויף דעם חסד פון ראבירנדיקע באנדעס, ווייל זיי האבן זיך נישט גערעכט אויף קיין הילף פון קיינעם. כדי צו בארואיקן די יידישע באפעלקערונג און צו פארזיכערן הילף דער שטאט, אויב עס וועלן פארקומען די אומרועז, האט זיך א דעפוטאציע פון די היגע יידישע איינוווינערס געוואנדן צום סטאראסטע קיין מעליץ מיט א ביטע וועגן דער געהעריקער פאראדנונג. דער סטאראסטע האט זיך פריינדלעך און ענערגיש פארנומען מיט דער זאך און האט פארלאנגט טעלעפאניש פון ד.א.ג. (מיליטערישער מאכט) אין קראקע מיליטערישע הילף פאר דער באדראטער שטאט. אין דער לעצטער מינוט האבן די דערשראקענע היגע יידישע איינוווינערס זיך דערוווסט, אז מיטוואך ביינאכט דארפן פון מעליץ קומען צופארן 35 זעלנערס. דאס איז טאקע אין דער באשטימטער צייט געשען. מען דארף אונטערשטרייכן, אז די היגע יידישע באפעלקערונג האט געשעפט מוט פון דער פארזיכערונג פון דעם קאמענדאנט פון דעם היגן זשאנדארמעריע־פאסטערונעק ה' לאנטשאק, וועלכער איז באקאנט מיט זיין אויסערגעווייגלעך ארנטלעכן כאראקטער. ער האט באלד פארויס אונטערגעשראכן, אז ער וועט פאר קיין שום פרייז נישט דערלאזן צו ארויסטרעטונגען. נישט געקוקט, וואס דער יריד וועלכער האט באדארפט פארקומען דאנערשטיק דעם 8 ד. ח., איז אפגערופן געווארן, האבן זיך באוויזן ביי 1000 פויערים און באבעס. די גרעסטע טייל פון די מענטשן האט נישט געשטאמט פון היגן קרייז און קיינמאל נישט געפארן אויף די היגע ירידים. ביים אריינפאר אין דער שטאט האט פאטראלירט די היגע זשאנדאמעריע אונטער דער קאמאנדע פון ה' פאדפארוטשניק לוסטיק. אין שטאט איז אויך געקומען דער ה' סטאראסטווע־קאמיסאר ה' זאזשעצקי. די זשאנדאמעריע האט צוגענומען ביי די פויערים, וועלכע זענען געקומען אין שטאט, העלצער מיט א כאראקטעריסטישן אויסזען, נישט אריינלאזנדיק קיין

האלבע לײדיקע װאָגנס, אויף װעלכע מען האט באדארפט העכסט װארשײנלעך ארויספירן דעם געהאָפטן רויב. עס איז געװען נישט קײן לײכטע ארבעט פאר די זיכערקײט ארגאנען, װײל די פויערים האבן אנגענומען א הארטע שטעלונג קעגן זײ. נאר א דאנק דער ענערגישער און פארשטענדיקער לײטונג פון עפנטלעכן זיכערקײט אפאראט, אנגעפירט פון די ה״ה פּאָדפּאָרוטשניק לוסטיק און קאמענדאנט לאָנטשאק, איז נישט דערגאנגען צו קײן געשעעניש; אָ זײגער 10 אינדערפרי האט דער המון אנגעהויבן אנצונעמען אלץ מער א דראָענדיקע שטעלונג. דעמאלט האט דער קאמענדאנט לאָנטשאַק אין מילדע און פארשטענדיקע װערטער גערופן די פארזאמלטע זאָלן זיך רואיק פאנאנדערגײן א הײם. די פויערים האבן, ארומרינגעלנדיק די זשאַנדארמען און דאס מיליטער, געענטפערט מיט אויסגעשרײען: „הורא אויף די זשאנדארמען״ און האבן זיך אויף זײ געװאָרפן. די זשאנדארמען און דאס מיליטער האבן דעמאלט אנגעהויבן צו שלאגן די אָנגרײפנדיקע מיט די קאלבעס. אחוץ דעם האט דאס מאשין־געװער, װאס איז געװען אָנגעשטעלט אויף א באַלקאָן פון אײנעם פון די הײזער אין מארק, געגעבן אפאר שאָסן אין דער לופט, כדי אָפּצושרעקן. צװישן דעם המון איז אנטשטאנען א משוגענע פּאַניק. דער המון האט זיך געלאָזט לויפן אין משוגענער אײלעניש, דראענדיק אז אין דער נאענסטער צײט װעלן זײ אומגעריכט באפאלן די שטאָט און װעלן ראבעװען. די יידישע באפעלקערונג, כאטש זי איז ניצול געװארן פון א פאגראם, לעבט אין א כסדרדיקער מורא פאר נײע אומרועו״...

אזוי ארום האט אונדזער שטעטל א דאנק דער ענערגישער האלטונג פון די בארופענע מאַכט־אָרגאַנען אויסגעמיטן א פּאָגראָם; עס באשטעטיקט זיך דער באקאנטער כלל: „װען א רעגירונג װיל נישט קײן פאגראמען, קומען זײ נישט פאָר״.

מ׳דאַרף נאך צוגעבן, אז אונדזער שטעטל האט זיך געפונען אין א געגנט, אין װעלכער עס האבן געלעבט און געװירקט די ראדיקאלע פויערים־פירער; בײ די װאלן צום געזעצגעבערישן סײם (אין יאנואר 1919) זענען אין טאַרנאָבזשעגער װאל־קרײז (צו װעלכן אונדזער מעליצער פאװיאט האט געהערט) געװײלט געװאָרן 5 דעפּוטאטן (אויף 6 אין גאנצן קרײז) פון די לינקע פ.ס.ל., צװישן זײ — די גרינדער פון דער טאַרנאָבזשעגער רעפובליק (װעלכע האט זיך נישט געװאלט אונטערװארפן דער פ.ק.ל.) גלח אָקון, און ט. דאָמבאל, װעלכער האט — צוזאמען מיט לאנצוצקין — געגרינדעט דעם ערשטן קאמוניסטישן פארלאמענטס־קלוב אין פוילישן סײם און איז נאכדעם געװען אין מאסקװע דער פארזיצער פון פויערים־אינטערנאַציאנאַל. און אָט די ראַדיקאַלע מאַסע האט געמאכט פאגראמען אויף יידן!

װעגן פארשידענע אנטיסעמיטישע ארויסטריטן — שוין אין די שפעטערע יארן, װען דאס לאנד איז געװען פרײ פון פאגראמען־פחד — לײענען מיר אין „נאָװי־דזשענניק״ אין א קארעספּאָנדענץ פון 28.9.1924:

„דער הער דעפוטאט גרײז בונטעװעט. פון גרויס ראדאמישלע שרײבט מען אונדז, אז זונטיק דעם 21־טן ד. ח. האט דא אפגעהאלטן דער דעפוטאַט פון דער קאַטוילישער פּאָלקס־פארטײ, דער פאלקס־לערער ה׳ בראָניסלאַװ גרײז, א דעפוטאַטן־באריכט אונטער דעם פרײען הימל. דער ה׳ דעפוטאַט האט אנגעהויבן זײן באַריכט פון ארויסבעטן די יידן, כאטש די פארזאמלונג איז געװען אן עפנטלעכע און נאכדעם האט ער זיך געלאָזט װוילגײען, װאַרפנדיק אויף די יידן די שולד פאר אלע אומגליקן און שטרויכלונגען פון פוילן, אנרופנדיק זײ „באָלשעװיקעס, שװינדלערס״. דער געשעצטער סװוערען האט גערופן די היגע קריסטלעכע באפעלקערונג, װעלכע לעבט בשלום מיט די יידן, צו אן עקאָנאָמישן און פאליטישן קאמף מיט זײ. א ביסל שפעטער האט דער ה. דעפוטאט געהאט די מעגלעכקײט זיך צו פרײען מיט דעם רעזולטאט פון זײנע בונטאַרישע רײד, װײל א פּאָר אונטערגעהעצטע שקצים האבן צעשלאָגן צװײ יידישע ײנגלעך. נאר א דאנק דער אינטערװענץ פון דער פאליצײ האבן די אומרועז נישט אָנגענומען קײן גרעסערן פאַרנעם. די יידישע באפעלקערונג איז איבערצײגט, אז אונטערהעצן אַ טײל באפעלקערונג געהערט נישט צו די דעפוטאטן־פונקציעס און װענדט זיך אויף דעם װעג צו דער יידישער קאָלאָ מיט א ביטע װעגן הילף קעגן אזעלכע טאַטן״.

אין די ערשטע טעג פון באַפרײטן פוילן האבן די יידישע מאסן געװאלט פארװירקלעכן (און געהאָפט אז עס װעט זײ געלונגען) די באקאנטע פאדערונג פון די יידישע נאציאנאלע און סאָציאַליסטישע פארטײען װעגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאמיע (נאַציאָנאַל־פּאָליטישע, אדער נאציאנאל־קולטור רעלע). די לאזונגען װעלכע זענען געװאָרפן געװאָרן פון די פארשידענע פארטײען (די אלגעמײנע ציוניסטן, פועלי ציון און זש.פּ.ס.) אין די װאל־יאָרן פון 1907 און 1911, 1913, האבן באדארפט אָנצונעמען א רעאלע געשטאַלט; עס װערן אין פארשידענע שטעט און שטעטלעך אין גאליציע געשאפן נאַציאָנאַלע ראטן, װאס האבן באדארפט זײן די קעמערלעך פון דער אויטאָנאָמיע. אין שכנות מיט ראדאמישלע זענען אנטשטאנען אזעלכע נאציאנאלע ראטן אין טאָרנע און אין דעמביץ, אבער בײ אונדז נישט. סײדן:

אין דעם קרן־קײמת־אויסצוג פון ראדאמישלע (פארן יאר 1919) לײענען מיר אין „נאָװי דזשענניק״, אז דער „יידישער פאלקס־קאמיטעט שפענדעט א דונאם אויף דעם נאמען פּאָרוטשניק ברוך לוסטיק, אנשטאַט א דאנק פאר זײן ארגאניזירן די יידישע מיליץ״. אזוי װערן מיר געװויר פון דער נאָטיץ, אז אין ראדאמישלע איז געװען א „יידישער פּאָלקס קאָמיטעט״. צי איז דאס געװען א סוראגאט פון אַ נאציאנאַלן־ראַט, אדער איז עס געװען אַ צײטװײליקער קאמיטעט, װאס האט זיך בלויז פארנומען מיט דער זיכערקײט פראגע, איז נישט קלאָר.

אין דער צײט 1919—1920 האט אין ראדאמישלע אויך עקזיסטירט א רעטונג קאמיטעט, װאס האט זיך גַעשטיצט אויף די געלטער, װעלכע ער האט באַקומען פון אַמעריקע (זע װײטער: די שטעלונג פון פּוע״צ אין ראדאמישלע צו דעם רעטונג קאָמיטעט). ער האט אויסגעהאַלטן א קיך פאר נויטבאדערפטיקע מיט אומזיסטע מיטיקן (די באדינער זענען דאס רוב געװען פרײװיליקע) אין הויז פון שטרויבינגען (דעם שנײדער). געטײלט מעל אויף מצות (די צעטלעך האט געגעבן ר׳ שמעון אײזלאנד, טאקע אין זײן שניט־קראם, װעלכע איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אויף די פאר טעג אין א ביורא); מ׳האָט געשאַפן אַ קאָנסום, װאָס איז געװען אין הויז פון ראָטמאנען; מען האט אויך געשאַפן א שוסטער־װארשטאט, װו ארעמע יונגלעך האבן זיך געלערנט דאס פאַך, (דער װארשטאט האט זיך געפונען אין הויז פון ריװוטשע רויש, אין דער שקאָלע־גאס). ראובן גראָס, דער זון פון משה גראס, איז געװען א דעלעגאט פון אמעריקע,

וועלכער האט געבראכט שטיצע פון די ראדאמישלער לאנדסלייט.

שטאטראט-וואלן

אין דער צייט פון באפרייטן פוילן (1918—1939) זענען פארגעקומען וואַלן צו דער שטאַט־פארוואלטונג אין 1920 און 1927 לויטן אלטן עסטרייכישן קוריע־סיסטעם; אין 1934 — לויטן נייעם פוילישן פראפארציאנעלן סיסטעם (די וואַלן פון 1939 האבן נישט באַוויזן פארצוקומען).

ביי די וואַלן פון 1920 און 1927 האבן די יידן באקומען א העלפט מאנדאטן. ווי דער בורמישטש איז געוויילט געווארן אין 1920 יאראשטש און ווי דער וויצע־בורמישטש — דער באקאנטער יידישער עסקן ה׳ יעקב פעלץ. אין 1927 האט זיך געשאפן א בלאק צווישן דעם רב (מיט זיינע אנהענגערס), האנטווערקער־ארגאניזאציע (וועלכע איז ערשט אנטשטאנען) מיט וויסאָצקיס־קאָמודעס גרופע, — א סאנאציע־גרופע, וואס האט אדורכגעפירט 38 מאנדאטן. פון דער אפאזיציע — בעלי־בתים, ציוניסטן און סתם קעגנערס פון רב — זענען אריין ברוך געלדציילער און י. פעלץ, וועלכער האט אבער נישט געקאנט שפילן די ראָל, צו וועלכער ער איז געווען ראוי. ווי דער בורמישטש איז געוויילט געווארן א. וויסאָצקי און זיין פארטרעטער — ר׳ שלום גאלד. צווישן די יידישע מיטגלידער זענען געווען ר׳ שיע בראנד, לייביש ליינמאן, שמעון אייזענבערג (ווי דער פארטרעטער פון די האנטווערקער. נאכדעם איז ער געווען צווישן די גרינדערס פון די פוע״צ אין יאר 1927), הערשל דאָרף, מענדל האָניג, שמעון אייזלאַנד, משה פאדאווער, יאנקל גרין איטשע דעמביצער, שיע אייזלאַנד, וועלכער איז אדורך צוליב שטרייכן דעם נאמען פון ר׳ יחיאל קליין, וואס איז געווען דעסיגנירט פון דעם אלגעמיינעם וואל־קאָמיטעט פון דעם רבס אנהענגערס און אנדערע (ליידער זענען נישט פארצייכנט אלע נעמען).


וועגן די וואַלן פון 1934 לייענען מיר אין „נאָווי דזשענניק״ פון 30.5.1934, אז „די ליסטע נומ. 1 (קריסטן) האט באַקומען 5 מאנדאטן, קריסטלעכע־דעמאקראטן (כאדעציע) — 1 מאנדאט, ארטאדאקסן — 4 מאנדאטן, אנדערע יידן — 2. מאנדאטן. דער שטאט־ראט אין ראדאמישלע איז דעמאָלט באשטאַנען פון 12 ראטמענער. ווי דער וויצע־בורמישטש איז געוויילט געווארן ירמיהו לייבאוויטש.

צו דער דעמאָגראַפישער לאגע פון שטעטל איז אינטע־רעסאנט די נאטיץ אין „נאָווי דזשענניק״ (פון 22.4.1932) „אין נייעם פראיעקט רעדט זיך וועגן מבטל מאכן שטעט, וואס ציילן וויינציקער פון דריי טויזנט איינוווינערס. פון די שטעט וועלן ווערן געשאפן סיי באזונדערע דארפישע געמיינדעס, סיי גראמאדעס, וואס גייען אריין אין אזוי גערופענע זאַמל־געמיינדעס. לויט דער פעלקער־ציילונג פון דער קראקעווער וואָיעוודזטווע זענען זיי 16... גרויס ראדאמישלע... זאָל דעגראדירט ווערן צו דער ראָל פון א דאָרף״.

קהל-וואלן

אין די צייטן פון באפרייטן פוילן זענען פאָרגעקומען דריי מאל קהל־וואַלן אין די יארן 1924 אדער 1925, 1929 און 1937, אדער 1938.

ביי די קהל־וואַלן האָט זיך אפגעשפילט אַ קאמף צווישן די קעגנערס און אנהענגערס פון רב. די קעגנערס זענען



ר׳ משה פאדאָווער

ראש־הקהל אין די יארן 1925—1929

דאס רוב באשטאנען פון די ציוניסטישע עלעמענטן פון שטאט.

וועגן דעם קאמף צווישן די פארטייען און דעם אויסגאנג פון די וואלן זאל אונדז דערציילן די כראניק. עס איז פארנאטירט געווארן אין דעם „נאָווי־דזשענניק״ (אבער מען דארף זיך באציען צו די קאָרעספאָנדענצן מיט א געוויסן קריטיציזם, ווייל, זיי זענען געשריבן געווארן אויף דער הייסער מינוט און פון א קעגנער) פון 10.9.1924:

„גרויס ראדאמישלע (10.9.1924) פאר די קהל וואלן: די זאמלונג לטובת יידישן אקאדעמישן הויז אין קראקע. סוף כל סוף איז שוין צוגעטראטן דער ביזאיצטיקער רעגירונג־קאָמיסאַר צוצוגרייטן די קהל וואַלן. די נאציאנאלע עלעמענטן האבן גרויסע שאנסן מצליח צו זיין. די זאַמלונג וואס איז פארגעקומען מיטן אנטייל פון דעלעגאט פונעם טאָרנער קרייז לטובת דעם יידישן אַקאַדעמישן הויז, האט געגעבן צופרידנשטעלנדיקע רעזולטאטן. צום אויסצייכנען פארדינען די ה״ה פעלץ י., געלדציילער ב. און מאהלער א. ווי אויך די מיטגלידער פון דער היגער ביבליאטעק, וואס א דאנק זייער אנשטרענגונג האט מען צונויפגעזאַמלט אַ באדייטנדיקע סומע אויף אזא וויכטיקן ציל״.

אויף 12 קהל־ראטמענער איז דער אפאזיציע טאקע געלונגען אריינצופירן בלויז איינעם און דאס — דעם עסקן יעקב פעלץ.

וועגן דער טעטיקייט פון די ראשי הקהל לייענען מיר אין א קארעספאדענץ: (נומ. 108, 28.4.1927): „נישט ארדנונגען אין קהל פון גרויס ראדאמישלע. פון גרויס־ראדאמישלע שרייבט מען אונדז, אז דער עקזיסטירנדיקער זינט צוויי יאר קהל איז אַן ארט פאר אויסערגעוויינלעכע דראַסטישע אומאָרדנונגען. אויף 12 מיטגלידער אין קהל־ראט געהערן 11 צו דער רבנישער קליקע. די הערן פירן זיך ווי גרויע געבדז, נישט רעכנענדיק זיך בכלל מיט דער

מיינונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. דער בעסטער פאַקט, צו וואס פאר אן אומאָרדנונג איז מען אין קהל דערגאנגען איז דאס, אז די רעוויזיאָנס־קאָמיסיע, וועלכע איז אויסגעוויילט געוואָרן דורך דעם זעלבן קהל, האָט פעסטגעשטעלט אַ גאַנצע ריי נישט פינקטלעכקייטן און האט פארגעשלאגן נישט צו דערטיילן קיין צוטרוי־וואָטום דעם קהל ראַט. די קאָמיסיע האט צווישן אנדערן באשטעטיקט דאס פעלן פון קבלות, נישט ארדנונגען אין די חשבונות א.א.וו. ווען די זאך איז דערגאנגען צום געריכט, האט זיך פלוצלינג ארויסגעוויזן, אז די קהל ביכער זענען פארלוירן געגאנגען. עס וואלט שוין געווען די העכסטע צייט, אז די מאכט זאל מאכן ארדנונג אין דעם היגן קהל.״ אין יענער קאַדענץ האבן צו קהל געהערט די ה״ה: לייביש אייזלאנד, אייזיק מאהלער, שיעלע בראנד, מענדל האניג, משה פאדאווער (וועלכער איז געווען ראש־הקהל), יענקל גרין, הערשל דאָרף, קלמן קאָרנרייך פון באראווע און אנדערע. דער באַצאָלטער סעקרעטאר איז געווען שלום בוקסבוים.

א שווערער וואל־קאמף איז געפירט געווארן צווישן דעם רבס אנהענגער און דער אפאזיציע ביי די וואלן אין 1929 (וועלכע זענען פארגעקומען לויט פילסודסקיס דעקרעט פון 1919 פאר אלע יידישע קהילות אין פוילן, אחוץ שלעזיע. לויט א פאראָרדנונג פון מלוכה־פרעזידענט א. מאשטשיצקי פון 1927.14.10, איז דער פילסודסקי־דעקרעט חל געווארן אויך אויף גאליציע). דער דעקרעט איז געווען דעמאָקראטישער פון אלטן עסטרייכישן. אנשטאט מערהייט וואלן זענען איינ־געפירט געווארן פראָפאָרציאָנעלע וואַלן, עס איז אָפגעשאַפן געווארן דער שטייער־צענז און יעדער מאנסביל פון 25 יאר האט געהאַט אַקטיווע וואַל־רעכט צו דער קהילה.

דער וואל־קאמף איז געווען שאַרף און דראַסטיש, ווי מיר לייענען אין פארשידענע קארעספאָדענצן:

„ראדאמישלע 17.2.1929 — ווי אזוי גרייט מען צו קהל וואַלן אין ראדאמישלע? אן אפעל צו דער קראקעווער וואיעוודזטווא. אין אונדזער שטעטל דארפן פארקומען וואלן צו דעם קהל זונטיק, דעם 24 ד.ח. דאס וועלן פאקטיש נישט זיין קיין שום וואַלן, ווייל אויף די אריינגעטראָגענע זעקס רשימות פון קאנדידאַטן (דריי רבנישע און דריי פון דער אָפּאָזיציע) האט די הערשנדיקע רבנישע קליקע אָנערקענט אלע דריי זייערע רשימות, זיי באשטעטיקט און מבטל געמאכט אלע דריי רשימות פון דער אָפּאָזיציע. די חוצפהדיקע האַנדלונג פון דער קליקע רופט צו דער העכסטער אויפזיכט־מאכט פון דער מלוכה אדמיניסטראציע וועגן אינטערווענץ; מען דאַרף באַצייכנען, אז אין דער וואל־קאמיסיע זיצט נישט קיין איין פארטרעטער פון דער אפאזיציע. די קליקע האט געפונען קליינע פאָרמעלע און פראקטיש נישט באדייטנדיקע בלויזן אין די רשימות פון דער אפאזיציע; אין דער זעלבער צייט איז זי געווען בלינד אויף אסך באדייטנדיקע און פראַקטיש וויכטיקע בלויזן אין אירע אייגענע דריי רשימות. מען דאַרף באמת האבן אן אומבאגרענצטע חוצפה מ׳זאל קאנען אזוי האַנדלען.

ווי א ביישפיל: די קהל־לייט האבן מבטל געמאכט די אפאזיציע־רשימות, ווייל עס פיגורירט אין איינער ווי א קאנדידאט מאנדל האָניק, א מיטגליד פון דעם איצטיקן קהל־ראט און געמיינדע־ראט, וועלכער האט אין זיין מעטריקע צוויי נעמען; אבער ס׳האבן נישט געפסלט די טיפּישע קליינשטעטלדיקע מאכערס זייערע אייגענע רשימות, כאָטש עס פיגורירט דארט — הערש דאָרף, וועלכער האט אויך צוויי נעמען, נישט געקוקט, וואס ער האט איין נאמען אויף דער ווילער־רשימה און צוויי נעמען אויף דער קאַנדידאַטן־רשימה. זיי האבן נישט געפסלט זייערע רשימות, כאָטש פינחס גראָס, וואס פיגורירט אויף איינער פון זיי, איז א נישט באוווסטע פערזאָן. עס עקזיסטירן אין ראדאמישלע צוויי פערזאנען מיט דעם נאמען און פאמיליע: איינער יעקבס זון, דער צווייטער חיימס זון. די אומפאַרשעמטע קליקע האָט געפסלט די אָפּאזיציע רשימות, ווייל געוויסע קאנדידאטן האבן זיך געפונען אויף צוויי רשימות; אין דערזעלבער צייט איז דאס ביי זיי געווען כשר, כאָטש אויף זייערע רשימות געפינען זיך 13 פערזאָן אויף צוויי פארשידענע רשימות.

אבער דאס איז נאך נישט דער סוף פון דער געשיכטע. די אלע אומפארשעמטע און חוצפהדיקע שטיקלעך פון דער קהל־רבנישער קליקע האט פולשטענדיק באַשטעטיקט די סטאראסטווא אין מעליץ, אָפּווארפנדיק אלע רעקורסן פון דער אפאזיציע. די סטאראסטווא האט נישט געוואלט אנערקענען די לעגיטימאציעס פון די פארטרויונג־מענער פון דער אפאזיציע זיי זאָלן קאָנען קוועסטיאנירן די באַשלוסן פון דער וואַל־קאָמיסיע בנוגע דעם באשטעטיקן די וואל־רשימות. ווער־זשע באזיצט די ריכטיקע לעגיטימאציע אריינצוטראגן רעקורסן? די היגע באפעלקערונג איז פשוט אויפגערודערט אויף די מאכינאציעס פון דער קהל־רבנישער קליקע. די יידישע באפעלקערונג אין גרויס ראדאמישלע אפעלירט צו דער קראקעווער וואיעוודזטווא, צו וועלכער זי האט זיך געוואנדן מיט א רעקורס קעגן דער דעציזיע פון דער מעליצער סטאראסטווא, זי זאל באטראכטן די אויבנגעבראכטע סקאַנדאַליעזע פעלערס און איבערהויפט — אָפּצוהאלטן ביז דער גענויער באַטראַכטונג די וואַלן, וועלכע די קליקע האט אויסגעשריבן אויף זונטיק דעם 24 ד. ח.״

אין זעקס טעג שפעטער לייענען מיר ווידער וועגן ראדאמישלער קהל־וואלן:

„קהל־וואלן אין גרויס ראדאמישלע״ (23.2.1929) אין נומ. פון 17 ד. ח. האבן מיר פארעפנטלעכט א קארעספאנדענץ פון גרויס־ראדאמישלע וואס גיט איבער סקאַנדאַליעזע איינ־צלהייטן וועגן צוגרייטן אויפן 24 ד. ח. קהל־וואַלן...

...די קראקעווער וואיעוודזטווע האט אנערקענט א טייל טענות פון די רעפרעזענטאנטן פון די אפאזיציע־רשימות, פאראָרדנענדיק דעם סטאראסטע פון מעליץ אדורכצופירן די אנטשפרעכנדיקע אויספארשונג און אין דער ערשטער ריי — פאראָרדנט אפצולייגן די וואלן פון 24 ד. ח. אויף זונטיק, דעם 3־טן מערץ. מען דאַרף דערווארטן אז די מעליצער סטאראסטווא וועט צולייגן אלע באמיונגען דער וואַל־אַקט אין דעם ראדאמישלער קהל זאל פארקומען אונטער אלע גוואראנציעס פון אביעקטיווקייט און גערעכטיקייט, אויס־שליסנדיק די אויפרעגנדיקע מאכעריי און שווינדל פון דער רבנישער קליקע. עס ווארט אויף דעם מיט דער גאנצער אנטשלאסנקייט די יידישע באפעלקערונג און די גאנצע עפנטלעכע מיינונג, וועלכע קאן נישט טאלערירן מיסברויכן פון וואס פאר א קליקע עס זאל נישט זיין״.

אין א קארעספאדענץ פון 15.3.1929 לייענען מיר וועגן דעם ערשטן נצחון פון דער אפאזיציע:

„די קהל־קליקע אין גרויס ראדאמישלע צעשמעטערט. צוויי מאל האבן מיר געשריבן וועגן דער סקאנדאליעזער מאכעריי פון דער קהל־מערהייט אין גרויס ראדאמישלע, וועלכע האט אין דער וואל־קאמיסיע דערגרייכט אַ מאַקסימום פון חוצפה, פסלנדיק צוליב אין גאנצן נישט וועזנטלעכע

סיבות אלע אָן אויסנאם אפאזיציאנעלע רשימות. די סטאראסטווא אין מעליץ האט לײדער די רעקורסן און די אינטערווענצן פון דער אפאזיציע נישט אנערקענט. ערשט די קראקעווער וואיעוואדזטווא האט צוליב די אריינגעטראגענע אָנקלאגעס באפוילן דער סטאראסטווא אין מעליץ דורכצופירן אָן אונטערזוכונג און ארויסגעגעבן די אנטשפרעכנדיקע פאראָרדנונג וואס אנערקענט די קאנדידאטן־רשימות פון דער אפאזיציע און צוליב דעם באשטימט א נייעם וואל־טערמין אויף זונטיק, דעם 24 ד. ח.

די קהל־קליקע האט באקומען אזא ענטפער, וואס זי וועט אויף לאנג געדענקען. איר מאכערײ און שווינדלערײ זענען געווארן דעמאסקירט און געהעריק צעשמעטערט. צו באלײכטן די זאך האבן גורם געווען אין דער ערשטער רײ קארעספאנדענצן אין „נאָווי דזשיענניק", ווי אויך די פערזענלעכע אינטערווענץ פון עקזעקוטיוו־פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, ד"ר שווארצבארד.

אין טאג פון די וואלן וועט די יידישע באפעלקערונג אין גרויס ראדאמישלע זיך אפרעכנען מיט דער קהל־קליקע פאר זײער מאכערײ און שווינדלערײ. אלע שטימען פון די באוווסטזיניקע יידישע בירגער דארפן געגעבן ווערן אויף די ליסטעס פון דער אָפּאָזיציע".

וועגן אויסגאַנג פון די וואלן לײענען מיר אין א קאָרעספאנדענץ פון 30.3.1929 „דער וואַל זיג אין גרויס־ראדאמישלע".

פארגאנגענעם זונטיק זענען פארגעקומען וואַלן צום קהל אין גרויס ראדאמישלע... אויף 310 וואַל־בארעכטיקטע האט מען אָפּגעגעבן 303 שטימען. פון דעם האבן די יידיש נאציאנאַלע־אָפּאָזיציאָנעלע רשימות באקומען 119 שטימען ד. ה. דרײ מאנדאטן, די רבנישע רשימה — 140 שטימען, ד. ה. 4 מאנדאטן, די רשימה פון פארײניקטע האנטווערקער 42 שטימען ד. ה. 1 מאנדאט. ווען מען נעמט אין באטראכט די פארשידענע מאכינאציעס פון דער קהל־מערהײט, וועמען עס האט מיטגעהאלפן דער בורמישטש, דער שול־פארוואלטער און וועטערינאר־דאָקטאָר — וועט דער ניצחון אונדזערער זיך פארשטעלן אין דער פולער ליכט. מיט צופרידנקײט שטרײכן מיר אונטער, אז דער דעלעגאט פון מעליצער סטאראסטווא, ה' דר. יעדלינסקי, האט ארויסגעוויזן א פולע אָביעקטיוויטעט".

די דרײ אפאזיציאנעלע קהל לײט (די פארוואלטונג פון קהל אין ראדאמישלע איז באשטאנען פון אַכט געווײלטע דאזארעס „קהלס־לײט" און פונעם רב, וועלכער איז געווען פארטרעטער אין דער פארוואלטונג פון אַמט) זענען געווען: י. פעלץ, ברוך געלדצײלער און בעריש אײזלאנד; פון די האנטווערקער — לײביש לײנמאן.

די פרעקווענץ איז געווען בײ 98 פראצענט, וואס איז זײער א גרויסע ווען מען נעמט נאך אין באטראכט, אז צו דער ראדאמישלער קהילה האבן געהערט אויך דערפער און אזעלכע שטעטלעך ווי בארעווע און פשעצלעוו, וואס זענען געווען דערווײטערט עטלעכע ק"מ פון ראדאמישלע. אלס ראש הקהל איז געווײלט געווארן דער רב ר' חיים ענגעל.

וועגן די וואַלן אין 1937, אדער 1938, ווערן מיר געוווירער, אז די רעוויזיאניסטן זענען אויסגענוצט געווארן פון רבס צד קעגן דער ציוניסטישער אָפּאָזיציע. אין א קארעספאָנדענץ פון 13.10.1937 לײענען מיר:

„גרויס ראדאמישלע קהל־וואלן. מיט ווירקלעכער צופרידנקײט האָט אויפגענומען די היגע באפעלקערונג די ידיעה וועגן דער פאַראָרדנונג פון מעליצער סטאַראָסטווא וועגן די קהל־וואלן, וואס איז דורך אַ געוויסער צאל יארן געווען בלויז אין רשות פון היגן רב און זײנע פארטרוילעכע. מיר האבן די האפנונג, אז איצט וועט געלונגען געזונט צו מאכן און נארמאַליזירן די ביז איצטיקע פאַרהעלטנישן. אַן אויסדרוק פון ענדערן די פארהעלטנישן דורך צולאָזן צו מיטאַרבעט וויכטיקע גרופירונגען איז געווען דער פאָרשלאַג פון פארוואלטונג מיטגליד ה' י. פעלץ אויף דער זיצונג פון קהל, אז אין דער וואל־קאמיסיע זאל מען אויסווײלן רעפרעזענטאנטן פון דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ה' פעלץ האט פאָרגעלײגט דעם פרעזעס פון לאָקאַל־קאָמיטעט פון דער אָרגאַניזאַציע, וועמענס פערזאן וואָלט געגעבן א פעסטע זיכערקײט וועגן אַבסאָלוטער רײניקײט פון די וואַלן. די גאַנצע פארוואַלטונג מיטן רב בראש, האט זיך אקעגנגעשטעלט דעם פאָרשלאַג, ווײלענדיק אַן אָרגאַניזירטן רעוויזיאָניסט ווי דעם כלומרשטן פאַרטרעטער פון די ציוניסטן. פאַרשטענדלעך, אז אין דער וואַל־קאָמיסיע זענען געווײלט געווארן די סאמע פאַרטרוילעכע ידידים פון ראש הקהל, דערבײ איז כאראקטעריסטיש, אז עס איז נישט געווײלט געווארן קײן אײן פארטרעטער פון דער אָרטיקער פראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ. די היגע יידישע באַפעלקערונג וואַרט פון די קאָמפּעטענטע גורמים אַן אמתדיקע נאָרמאַליזירונג, אַן ענדערונג פון די פאַרהעלטנישן אין דער קהל. נאָך מער דערפאר, ווײל קײנער לאָזט נישט צו, אז דער ביז איצטיקער פּרעזעס זאל זיך קאנען אַנטקעגנשטעלן. קהל איז דאך נישט זײן פריוואטע אונטערנעמונג".

אין דער צײטונג פון 11.11.1937 לײענען מיר:

„כאָטש די אויפזיכטמאַכט האט נישט אָנערקענט דעם רעקורס וועגן צוזאמענשטעל פון דער וואל־קאָמיסיע אין דער ריכטונג, אז וויכטיקע גרופירונגען זאָלן האָבן זײערע רעפּרעזענטאַנטן, האט זי דאך נישט באַשטעטיקט צווײ מיטגלידער. אויפן אָרט פון אײנעם פון זײ איז ארײן אין דער קאָמיסיע לויט דער פאַראָרדנונג פון דער מאַכט, — דער ה' ל. שלעזינגער, אַ וועטערינאַר־דאקטאר, וועמענס אומפּאַרטײאישקײט גיט יעדנפאלס די זיכערקײט וועגן דער געהעריקער קאָנטראָל, נישט געקוקט דערויף, וואס דאס צווײטע פרײע אָרט האט אין דער קאָמיסיע פארנומען דער רב אלײן. עס דאַכט זיך אז דער איצטיקער ראש־הקהל באַטראַכט קהל פאר א פריוואטער אונטערנעמונג. ער האט זיך דערלויבט — נישט געקוקט וואס ער איז א קהילה־באאמטער, — אויסצווײלן זיך ווי אַ פּאָרזיצער פון דער וואַל־קאָמיסיע".

פארלאמענט-וואלן

אין דער תקופה פון 1918־1939 זענען זעקס מאל פאָרגעקומען וואַלן צו די מלוכהשע געזעצגעבערישע אָרגאַנען אין פוילן — צום פוילישן פּאַרלאַמענט. אין די יאָרן 1919, 1922, 1928 און 1930 זענען די וואַלן געווען דעמאָקראַטישע און די יידישע באפעלקערונג אין שטעטל האט געהאט די מעגלעכקײט צו שטימען אויף יידישע קאַנדידאַטן. בײ די וואַלן פון 1935 און 1938 זענען קײן יידישע קאַנדידאַטן שוין נישט געווען.

בײ די ערשטע וואַלן צום פוילישן קאָנסטיטואירנדיקן סײם (יאנואר 1919) האט בײ אונדז אין קרײז (וועלכער האט ארומגענומען די פאוויאטן: טאַרנאָבזשעג, קאלביסעוו,

מעליץ און ניסקא) קאַנדידירט ד״ר מ. לעזער פון קראקע, אבער ער איז דאן נישט געוויילט געווארן.

ביי די וואַלן פון נאוועמבער 1922 (צום ערשטן נאָרמאַלן סיים) האָט ראדאמישלע געהערט צום 46־טן וואַל־קרייז יאסלאָ, וואס האט ארומגענומען די פאוויאטן יאסלע, מעליץ, קאלביסעוו, טאַרנאָבזשעג, ראָפשיץ, סטריזשעוו און ארויסגעבן 6 מאַנדאַטן.

די יידן האבן אנגעצויגן 11,186; צום וואַל־מעסטער האט געפעלט 2566 שטימען; דער רשימה־פירער איז געווען ד״ר י. טהאן; אויפן צווייטן אָרט — חיים נייגער (דער באקאנטער ציוניסטישער עסקן פון טאָרנע).

צום סענאט זענען אויף דער יידישער רשימה אין קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט געפאלן 34,277 שטימען, דער וואַל־מעסטער איז געווען 44.372.

ביי די וואַלן צום פוילישן פּאַרלאַמענט פון מערץ 1928 איז געקומען צו אַ שאַרפן קאַמף אויף דער יידישער גאַס. דער ניי אנשטאנענער פּאָליטישער גורם אין דער פוילישער מדינה, פילסודסקיס רעגירונגס־פּארטיי (די „ב.ב.וו.ר.״) האט זיך פארלייגט אויף די יידישע שטימען און עס האבן באדארפט פאָרקומען די וואַלן לויט דעם אַלטן מוסטער פון וואַל־מאַכערס (די באקאנטע „גאליצישע וואַלן״). די ציוניסטישע און נאַציאָנאַל־באוווסטזיניקע טייל פון דער יידישער באפעלקערונג פון אונדזער שטעטל האט זיך אנטקעגנגעשטעלט די אנטינאציאנאלע מעשים פון די סאנאציע־יידלעך. די אגיטאציע פון דער „פארייניקונג פון די יידישע פּאַרטייען אין קליין פוילן״ (אזוי האט געהייסן דער בלאָק פון די ציונסטישע פארטייען אין גאליציע; די אגודה, איז ארויס מיט א באַזונדערער רשימה. אין אונדזער און אנדערע וואַל־קרייזן) האבן די ציוניסטן געפירט א לעבהאַפטיקע אַגיטאַציע. עס זענען געקומען פארשידענע רעדנערס, מען האט איינגעאָרדנט פאַרזאַמלונגען אין בית המדרש און שול. וועגן אזא וואַל־פארזאמלונג לייענען מיר אין „נאָווי דשענניק״:

„זונטיק דעם 19־טן ד. ח. איז פאָרגעקומען אין דער גרויסער שול א פארזאמלונג פון די וויילערס. די ה״ה ד״ר פינק, ד״ר באנדלער און ה׳ פרידמאן האבן ארומגערעדט די נויטווענדיקייט פון אן אייניהייטלעכן פראָנט ביי די קומענדיקע וואַלן, אויפווייזנדיק, אויפן יסוד פון סטאטיסטישע ציפערן, אז ביים געהעריקן פארשטיין פון דער סיטואציע און ביים באזייטיקן די אפאטיע און דעם אינדיפערענטיזם צווישן די יידישע וויילערס, קאן מען א יידישן מאנדאט באקומען ביי קליינע אנשטרענגונגען.

ביים אן אלגעמיינעם ענטוזיאזם האט די פארזאמלונג, אויף וועלכער עס זענען געקומען אזויפיל יידן וואס מ׳האט עס ביז איצט נישט געזען אין אונדזער שטעטל, אנגענומען א רעזאָלוציע אויסצודריקן דעם פולן צוטרוי און דאנק די געוועזענע דעפּוטאַטן פון דער יידישער „קאָלאָ״, אין דער ערשטער ריי: דעם געשעצטן ד״ר טהאן, פאר זיין קרבנות־דיקער און ווירקנדיקער ארבעט ביים פארטיידיקן דעם כבוד און די יידישע אינטערעסן. איינשטימיק האט זיך די פארזאמלונג ארויסגעזאגט פאר דער איינציקער רעאלער רשימה פון דער נאציאנאלער יידישער פאראייניקונג.

כאראקטעריסטיש פאר אונדזערע ׳רעליגיעזע׳ מאָשקעס איז דער פאַקט ,אז פאר דער וואַל־פאַרזאמלונג האט די קהילה־פאַרוואַלטונג איבערגעגעבן דעם פּאָליציי־קאמענדאנט א שרייבן צו ה׳ ד״ר פינק, ווו מען פארווערט אים צו האלטן א פארזאמלונג אין דער שול און בית המדרש אונטער דער דראונג פון פערזענלעכער פאראנטוואָרטלעכקייט צוליבן פארלעצן די רעליגיע. דאס איז געשען אין גרויס ראדאמישלע אין טאג פון 19.2.1928. דער פאליציי־קאמענדאנט האט נישט געהאלטן פאר נייטיק צו אינטערוועני́רן און האט גענומען צו קענטניש די דערקלערונג פון רעפערענט, אז די בתי מדרשים געהערן נישט צו דער קליקע, נאָר צום גאנצן יידישן כלל, וועלכער טאַדלט די האַנדלונג פון די נישטיקע יחידים״.

אויף איינער אזאַ וואַל־פארזאמלונג איז געקומען צו א געשלעג און אפילו צו ארעסטן. וועגן דער געשעעניש גיט אפילו איבער די פוילישע טעלעגראפן אגענטור „פאט״, נאר אין א צעדרייטער פאָרם .מיר לייענען אין „נאָווי דזשעננניק״: „דער ׳פאט׳ ברענגט אזא ידיעה: אין קליין ראַדאָלין, אין מעליצער פאָוויאט, איז דעם 9 ד. מ. (מערץ) איינגעאָרדנט געווארן, נישט געקוקט אויפן פארבאט פון דעם סטאראסטע, אן אַגיטאַציע־פאַר׳זאַמלונג פאר דער רשימה 17. אין דער צייט פון דער פארזאמלונג איז געקומען צו א געשלעג. די פּאָליציי האט אויפגעלעזט די פארזאמלונג און ארעסטירט צוויי פערזאַן. בעתן איינשטעלן די אָרדנונג איז איין פאליציאַנט לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן״. די רעדאקציע פון די צייטונג באמערקט דערביי, אז די ידיעה פון „פאט״ איז נישט קלאר. פרייטיק קומען געוויינלעך קיין פארזאמלונגען נישט פאָר (דער 9־טער מערץ איז געווען פרייטיק).

אין דער אמתן איז די פארזאמלונג פארגעקומען נישט פרייטיק, נאר שבת (נישט דעם 9־טן, נאר דעם 10־טן) און נישט אין קליין־ראַדאָלין ,נאר אין גרויס ראדאמישלע. וועגן דעם שרייבט טאקע דער „באווי דזשעננניק״ פון דעם 18.3.1928:

„אין וואָס פאַראַ באַדינגונגען האט די יידישע באפעלקערונג געשטימט אויף דער פראָווינץ. פון די פראָווינץ־שטעטלעך דערהאלטן מיר נאך אָפט ידיעות וועגן פאַרלויף פון דער וואַל־אקציע, פון וועלכע עס ווייזט זיך ארויס, אז די קליין־שטעטלדיקע רבנים האבן געשפילט א טרויעריקע ראָל ביי די וואַלן. אנשטאַט מוטיקן און ערלעך צו דערקלערן דער מאַכט, אז זיי קאנען זיך נישט מישן אין וואַל־קאַמף אויף דער יידישער גאס, — שוין כאָטש נעמענדיק אין באטראכט די ערנסטקייט פון רבנות־אַמט — האבן זיי זיך, צו אונדזער באדויערן ,געלאזט אויסנוצן ווי א וואַל־מכשיר. צום ערגסטן זענען אויף דעם ארויס די רבנים און רביילעך אליין. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז אין פאליטישע ענייניים האבן זיי קיין שום איינפלוס נישט אויף די יידישע מאסן און דאס אנטקעגשטעלן זיך דער יידישער רשימה ווערן זיי פארעכנט ווי שעדיקער און פאָלקס־פיינט, אדער ווי יחידים, וואס טוען בלויז צוליב זייערע פריוואט־אינטערעסן״.

אזא טרויריקע ראָל ווי א וואל־אָנטרייבער האט געשפילט אין גרויס־ראדאמישלע דער רב ענגל. כאָטש ער האט זיך קיינמאל נישט פארנומען מיט פאליטיק, האט ער זיך פלוצלינג פארוואנדלט אין א סאנאציע־פּראָפּאַגאַנדיסט דערפירנדיק צו געשלעגערייען און אוואנטורעס אין בית המדרש, אפילו צום ארעסטירן צוויי אין גאנצן אומשולדיקע ציוניסטן.

נישט געקוקט אויף דער אגיטאציע פון הרב ענגל האט געשטימט די גרעסטע מערהייט פון דער יידישער באפעלקערונג אין ראדאמישלע אויפן 17־טל ביי די וואַלן צום סיים און צום סענאט.

דער רעזולטאַט פון די וואלן איז געווען — 9709 שטימען אויף נומער 17 (דער וואל־מעסטער איז געווען 16.445).


די קאַנדידאַטן פון דער רשימה נומ. 17 אין יאסלער וואל־קרייז זענען געווען: ד״ר י. טאן, ד״ר ש.. הירשפעלד (מזרחי) ביאלער ראבינער; ד״ר לודוויק אָבערלענדער, יאָסלע; ד״ר צבי העלער (התאחדות) — לעמבערג; בוכווייץ (מזרחי) קראקע; טוכפעלד (מזרחי) — ריישע.

אין יאר 1930 זענען די וואלן פארגעקומען ביי שווערערע באדינגונגען, ווי אין יאר 1928. די רעגירונג־פּארטיי האט אנגעוואנדן די שארפסטע מיטלען קעגן די יידישע וויילערס צו באקומען זייערע שטימען. די אסימילאַציע, אין פערזאָן פון דעם ווֶעטערינאר־דאקטאר ל. שלעזינגער, האט באקומען די מיטהילף נישט בלויז פון רבס צד, נאר אויך פון דער אגודה, וועלכע איז ארויסגעטראטן אָפן צוזאמען מיטן דאקטאר און האט אַגיטירט פארן איינסל.

די ציוניסטישע קאנדידאטן אין יאַסלער קרייז זענען געווען: ד״ר י. טאן, ד״ר בולווא (מזרחי) — קראקע און אינזש. צימערמאן — קראקע.

דער טעכנישער ציוניסטישער וואַל־קאָמיטעט אין אונדזער שטעטל ביי די וואַלן פון 1930־טן יאר איז באשטאנען פון מענדל אֵייזלאנד (בן שמעון), מענדל אייזלאנד (בן יהושע הי״ד), יצחק האראוויץ א.א. די שיקאנעס בעת די אפשטימונגען זענען געווען אזוי שרעקלעך, אז די פארטרויונגמענער פון דער רשימה: בעריש אייזלאנד הי״ד און ברוך געלדציילער הי״ד האבן פארלאזט די וואל־קאמיסיע אין מיטן דער אָפשטימונג.

ביי די וואלן פון סעפטעמבער 1935 האט ראדאמישלע גֶעהערט צום טאָרנער וואַל־קרייז, וואָס האָט אריינגענומען די פּאָוויאטן: טאָרנע, מעליץ, דאָמבראַווע. עס זענען געווילט געווארן צוויי דעפּוטאטן: באגוש און גלח לובעלסקי.



די מאפע פונעם שטעטל
גרויס ראדאָמישלע
RADOMYSL-WIELKI
געצייכנט פון דוד פעלץ
(פריי — נישט לויט
א באשטימטער סקאלע)
גראפיש אויסגעענדיקט
דורך י. גרשטין
דאָס שעכט־הויז
דאָס קליינע קירכעלע
א טייך
א בריק
די טארגאָוויצע
ווולקא
פלעביאַנסקא
דער טעניס־פלאַץ
די שקאָלע־גאַס
דער וועג קיין שטשוטשין, 22 ק״מ
דער קריסטלעכער ספּאָרט־פּלאַץ
דער בלאָניע־שטח
דאָס שפּיטאָל
א זאַמד־וועג
די פּאָסע—גרענעץ פון מערב
די ציגעלניע
דער צווייטער קריסטלעכער בית קברות
דער ערשטער קריסטלעכער בית קברות
דער וועג קיין דאָמבראָווע 25 ק״מ
דאָס הויז פון די נייַשטאַדטס
די מיל
דרום פון ראַדאָמישלע
די גרענעץ — פּאַסע
דער וועג קיין טאַרנאָוו 32 ק״מ
דולעצקא
ווולקא
דאָס הויז פון ר׳ הערשעק גרין
דער יידישער ספּאָרט־פּלאַץ
דאָס דאָמביע וועלדל
דאָס יידישע בית קברות
די פּאַסע — גרענעץ פון מזרח
דער מאַרק
דער ברונעם
די פלעבאַניע (וווינונג פון גלח)
די אַפּטייק
די קירכע
די וווינונג פון וויקארי
דער פאָסטערונעק (פאָליציע סטאַציע)
די פייערלעשער־שאָפע
די וואַסל גאַס
דאָס געריכט
די פּאָסט
די תפיסה
דער מאַגיסטראַט־סקלאַד
דאָס עופות שעכט־הייזל
די קלויז (טאַרגאָוויצער) — גאַס
דאָס בית המדרש
די שול (בית הכנסת)
דאָס אַלטע בית קברות
די צעירי אגודת ישראל
דאָס הויז פון ר׳ איטשע שראַוב
דאָס חדר פון ר׳ יעקב בראַנד
דאָס געוועזענע הויז פון פלאַנטשער רבין
די עקיבא (השומר הטהור)
דער ברעטער סקלאַד פון ר׳ יאַנקעלע גרין
די בית־יעקב שולע
אין הויז פון ר׳ איטשע זינגער
דער ביתר
דאָס הויז פון ר׳ יעקב פעלץ
דער ברעטער־סקלאַד פון די ליבאָוויטשעס
די בעקעריי פון ר׳ יאַנקל טראַמפּעטער
די וווינונג פון רב ר׳ חיים ענגעל
די ביבליאָטעק
דאָס בית־דין שטיבל
די שקאָלע (שולע)
דאָס חדר פון ר׳ איטשעלע פייגלפאַנג
דאָס הויז פון ר׳ ישראל ענגלענדער
דאָס הויז פון ר׳ יחיאל קליין
די שענק פון ר׳ שיע אייזלאַנד
די בעקעריי פון ר׳ יאָסל האַנד
דער מאַגיסטראַט
משהלע קרייזערס סאָדע־וואַסער בודקע
אייזנבערגס סאָדע־וואַסער בודקע
דער סאָקול

ב

החיים הדתיים, המדיניים־ התרבותיים והחברתיים

דאס רעליגיעזע, פאליטישע, קולטור־און געזעלשאפטלעכע לעבן

החיים הדתיים
דאס רעליגיעזע לעבן

מ. צינוביץ וא. רייכמן
תל־אביב

לדמותו של הרב הגאון ר׳ שמואל ענגיל זצ״ל

תמצית העתק ביאוגרפיה מתוך הקונטרס ״שם שמואל״

נולד בטרנוב, בשנת תרי״ג, לאביו התורני והחסיד ר׳ זאב וואלף שמת עליו בילדותו, ואמו אסתר דאגה כבבת־עינה על חינוכם התורני של בניה שיהיו גדולים בתורה וביראת שמים, ומברכתו של האדמו״ר הגאון ר׳ חיים הלברשטם מצאנז, בעל ״דברי חיים״.

אשה נכבדה זאת זכתה בבנים תלמידי־חכמים, והאחד, המיוחד שבהם, היה ר׳ שמואל דידן, נושא מאמרנו זה.

ר׳ שמואל נתפרסם עוד בילדותו כעילוי מופלא בלימודיו התורניים ויחד עם זה כילד־פלא בצידקתו ובהליכותיו בקודש, וכולם חזו בינוקא חכים זה שלגדולות נוצר ברבות הימים.

בהיותו בן י״ד היה בקי כמעט בכל התוספות שבכל מסכתות הש״ס. שמו היה נודע כהעילוי מטרנוב. היו שגורים כבר אז בפיו שו״ת ״הנודע ביהודה״ ו״חתם סופר״ והיה אומר כי כך קיבל מרבותיו שאלה השניים נשלחו מן השמים לקבוע הלכות בישראל. האחד המיוחד שברבותיו היה הגאון בעל ״דברי חיים״. הנ״ל ששם עליו, על עילוי טרנובי זה, עין, לקחו אליו, כי ראה בו אחד המאורות הגדולים בעתיד, והוא עודדו, קירבו והדריכו בהתעלותו ובהשתלמותו בתורה, בדרגא עילאית שבמיטב הלמדנות ויחד עם זה בחסידות התלהבותית, כדרכו שלו בקודש.

ואמנם, דיוקנו של הגאון האדמו״ר ר׳ חיים הלברשטם היה תמיד לנגד עיניו של הגאון ר׳ שמואל והיה אדוק להשקפתו ושיטתו וליעודיו הרוחניים ואף בהיותו כבר אח״כ גאון הדור היה קשור קשר רוחני להאדמו״רים לבית צאנז, בניו ונכדיו של בעל ״דברי חיים״, כגון ר׳ יחזקאל משיניאבי, ר׳ ברוך מגורליץ, והיה רואה עצמו כ״חסיד״ סתמי כלפיהם והיה נוסע אליהם. בהיותו עוד באביב־ימיו ראו בו כוכב מזהיר בעולם הרבנות, החשיבוהו גאונים מפורסמים וביניהם הבולט ביותר ר׳ יוסף־שאול נתנזון, אב״ד לבוב, בעל ״השואל והמשיב״, חרד לקראתו (ברבות הימים) האדמו״ר המפורסם ר׳ ישכר־דב רוקח, הרבי מבלז, שאמר עליו ״להרב מראדו־מישלא צריכים ללכת לבקר אפילו במסירות נפש״, והצעיר שבחבורת הגאונים ר׳ חיים־אלעזר שפירא אב״ד מונקאטש, קרא עליו ״שר התורה, מי כמוהו מורה, מאור־הגולה, תפארת־עם־סגולה״. ודרכו בקודש היתה בעיתותי מחלה שפקדוהו,



תואר פני איש אלוקים קדוש יאמר לו, רבינו האי גאון שר התורה רשכבה"ג חסיד ועניו
מרן ר' שמואל ענגעל זצוקללה"ה
האב"ד דק"ק ראדאמישלא נולד א' דר"ח אייר, שנת תר"ג. נתבקש בישיבה של מעלה י"ט אדר א', תרע"ה מנ"כ בק"ק קאשו, יע"א.

ואלה היו רבים. להזכיר את עצמו לפני צדיקי הדור וביחוד אצל הרב הצדיק משיניאבי הנ"ל.

איך בין אין אַמעריקע פון יאָר 1920, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. איך בין דאָ געוואָרן א ראש ישיבה אין „ישיבת רבינו שלמה קליגער" זצ"ל, ועד היום. דורך דער צייט האָב איך געזאָגט א שיעור יעדן טאָג און א היפּש ביסל תלמידים זענען דורכגעגאַנגען צו לערנען ביי מיין שיעור. איך האָב מחבר געווען א ספר „בית יעקב" (3 חלקים), וואָס איך בין מברר עניני דאורייתא ודרבנן. איצט גייט ארויס פון מיר א ספר מיט דעם נאָמען „עולת שבת" — וואָס איך בין מברר מלאכת שבת, אבות ותולדות דאורייתא ותולדות דרבנן.

ניסן גאַרדאַן
ניו־יאָרק

דער „אומבאַקאַנטער גענעראַל" פון דער אמעריקאַנער ישיבה וועלט

אין דער ניו־יאָרקער גרויסער צייטונג „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", איז אין חודש מערץ 1965 געווען אָפּגע־דרוקט פאָלגנדיקער אַרטיקל פון ניסן גאַרדאַן, וועגן אונדזער לאַנדסמאַן, דעם תלמיד־חכם און רעליגיעזן שרייבער, ר' יעקב פלאַנצגראַבען:

א סך געוועזענע תלמידים פון דער ישיבה „ר' שלמה קלוגער", וועלכע האָט יאָרן לאַנג געקיניגט אויף איסט האַוסטאָן סט., אין האַרץ פון אַמאָליקן גאַליציאַנער קוואַרטאַל אויף דער איסט־סאַיד, האָבן אין די לעצטע פּאָר וואָכן דערהאַלטן א ספר פון א מחבר, וואָס זיין נאָמען האָט פאַר זיי אָפּגעפרישט ניט בלויז זייער אייגענע יוגנט, נאָר טאַקע אויך די גאַנצע בלי־פּעריאָדע פון דער יידישער איסט סאַיד, פון וועלכער דער מחבר איז איינער פון די אַנאָנימע העלדן וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויף הונדערטער געוועזענע איסט סאַידער בחורימלעך.

ר' יאַנקעלע פלאַנצגראַבענס נאָמען אויפן שער־בלאַט פון ניידערשינענעם „עולת שבת", האָט פאַר הונדערטער געוועזענע ישיבה־בחורים פון דער איסט סאַיד אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זייער געוועזענער רבי זיצט נאָך, ברוך השם, על התורה ועל העבודה, טראָץ דעם וואָס ער האָט, נאָך פערציק־יאָר ביים ישיבה שטענדער, זיך צוריקגעצויגן פון גיין יעדן טאָג אין ישיבה אריין. די איסט סאַיד איז אים אזוי טיף איינגעבאַקן אין די ביינער, אַז ער וויל ניט פאַרלאָזן די געגנט. און נאָך איידער זיין ניי ספר „עולת שבת" איז ארויס פון דרוק, האָט ער שוין פאַרטיק נאָך א כתב־יד פון א ניי ספר. און ער

איז דאך שוין דער מחבר פון א ווערק אין דריי בענדער אויף „דאורייתא און דרבנן" מיטן נאָמען „בית יעקב".

זיין נאמען וועט איר ניט געפינען צווישן די רעדנער אויף פאַרזאַמלונגען און אפילו ניט צווישן די נעמען פון די ראשי ישיבה פון אלטן דור, דער דור, פון וועלכן ער איז איינער פון די מוטיקסטע פאָנען־טרעגער. ער איז אַ ייד אַ יושב אוהל, וואס זיין גאנץ חיות איז צו לערנען אליין און לערנען מיט אַנדערע.

ער שרייבט נישט קיין ספרים, ווייל ער וויל זיין אַ מחבר. ער שרייבט בעיקר פאר זיך אליין, זיינע אייגענע סך הכלס פון סוגיאס אין ש"ס. ער איז א ייד א מסודר, וואס האט ליב אָרדנונג אויך אין לערנען, און דאס שרייבן העלפט אים אליין צו פארשטיין א סוגיא מיט אלע אירע הלכות. נאר פונקט ווי יענער מגיד, וואָס מיינט צו מוסר זיך אליין, אָבער ער זאָגט עס אביסעלע העכער, כדי אנדערע זאלן אויך הערן, אזוי פירט זיך ר' יעקב מיט זיינע ספרים, פון וועלכע די לומדישע וועלט האָט גרויס הנאה.

נאר אזא טיפ יושב אוהל ווי ר' יעקב פלאָנצגראבען קאָן זיך באַקלאָגן אַז זינט ער האָט אויפגעהערט זאָגן שיעורים אין ישיבה בקביעות, האָט ער אָנגעפאַנגען צו ליידן. די גאנצע פערציק יאָר, וואָס ער איז געווען ראש ישיבה, האָט ער זיך געשפירט אין בעסטן צושטאַנד און קיינמאָל ניט געליטן פון קיין מחלאות. נאָך מער — גיט ער צו מיט א מילדן שמייכל — ווען ער איז געווען אַ יונגערמאַן אויף יענער זייט ים, אין ראדאמישלע און שפעטער אין קאָלבושאָוו, האָט ער געליטן אויף אַ הייזעריקייט, אָבער ווי נאָר ער איז געקומען קיין אַמעריקע און אָנגעפאַנגען קנעלן מיט זיינע תלמידים, איז אים די שטים בעסער געוואָרן. און זי האָט אים געטריי געדינט פערציק יאָר נאָכאַנאַנד.

ווען ר' יעקב איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1920, איז אים געווען אַזוי שווער זיך צוצוגעווינען צום נייעם סאָרט לעבן, אז ער האָט נאָך עטלעכע יאָר אָפּזיין דאָ, איינגעפּאַקט די בעבעכעס און געפאָרן צוריק קיין ראַדאָמישל. עס האָט אַבער לאנג ניט גענומען ער זאל איינזען, אז ער האָט געמאַכט א טעות און ער איז צוריק געקומען קיין ניו יאָרק. אויפן וועג קיין אָמעריקע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין קאָשוי, צו געזעגענען זיך מיט זיין רבין, דער מהר"ש ענגעל, וועלכער איז ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען ראַדאָמישלער רב.

פונקט ווי זיינע תלמידים גרויסן זיך היינט מיט זייער רבין, אזוי גרויסט זיך ר' יאַנקעלע פלאָנצגראבען מיט זיין רבין — דעם ראדאָמישלער רב. ער נעמט ארויס איינעם פון די דיקע שאלות ותשוב... בענדער פון מהר"ש ענגעל, וווּ עס זענען דאָ תשובות אַדרעסירט צו זיין תלמיד, ווּעמען עס איז באַשערט געווען צו קומען קיין אמעריקע און ווערן דער ראש ישיבה אין דער איינציקער גאַליציאנער ישיבה, די ישיבת ר' שלמה קלוגער (זי האט אין די לעצטע יאָרן דורכגעמאַכט א שווערן קריזיס און זיך צונויפגעשמאָלצן מיט אַ צווייטער ישיבה פון דער איסט סאיד, די ישיבה חתם סופר.)

אין די 45 יאר, וואס ר' יעקב וווינט אויף דער איסט סאַיד, האָט זיך די געגנט גאָר אַ סך געביטן. די אַלטע געביידע פון דער ישיבת ר' שלמה קלוגער שטייט שוין מער ניט אויף האַוסטאָן סט. און אַ סך פון די עלטערע יידן וואָס זענען געזעסן אַרום טיש און געהערט ר' יעקבס בלאַט גמרא אין די „99־ער", (אויך אויף האַוסטאָן סט.), זענען שוין אָדער אויפן עולם האמת, אָדער אין אַנדערע, שענערע געגנטן פון עולם השקר. אָבער ר' יעקב איז נאָך אַלץ געטריי די 99־ער און יעדן שבת לערנט ער דאָרט צוויי שיעורים, אינדערפרי פאָרן דאַווענען און שפעטער, בייטאָג, פאָר מנחה.

— איר האָט ניט געהערט פון די 99־ער אויף האַוסטאָן סט.?...

עס ווייזט זיך אַרויס, אז די 99־ער האָבן פריער געהאַט זייער שול אויף נומער 99 אַטוירני סט., און דער דאָזיקער נומער האָט זיי באַגלייט שפעטער דורך די אַלע יאָרן וואָס די חברה האָט זיך געפונען אויף 372 האַוסטאָן סט., נעבן עוועניו „סי", אפילו אויך היינט, ווען צוליב די ענדערונגען אין דער געגנט געפינט זי זיך צוזאָמען מיט נאָך אַ שול (שארית ישראל) אויף איסט 2־טע סטריט.

ער וועט פאַר קיין פאַל נישט מוותר זיין אויף אַ שבתדיקן דאַווענען אין די 99־ער, כאָטש אפילו ער האָט זיך לעצטנס אַריבערגעצויגן אין א נייער דירה אויף דער אַנדערער זייט דילענסי און עס איז פאר אים אַ שטיקל מהלך צו גיין צו זיין אַלטער חברה. אָבער דאָרט פילט ער זיך מער היימיש ווי אומעטום. דאָרט האָט ער געקראָגן די ערשטע שלום עליכמס, דאָרט האָט ער געבענטשט גומל ביים אָנקומען קיין אָמעריקע און דאָרט האָט ער דאָך אויך אַזוי פיל געלערנט מיט יונג און אַלט דורך די פערגאנגענע 45 יאָר.

— און ווי אַזוי זעט איר, ר' יעקב, דעם אונטערשייד פון אַמאָל ביז היינט ביי אייך אין די 99־ער? — האָב איך געפרעגט ביים דאָזיקן פאַטריארכאַלן ייד פון אַמאָל.

זיין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראגע פאַרדינט צו פארנעמען אַ היפשן טייל פון א סאָציאָלאָגישער אָפּהאַנדלונג איבער דער טראַנספאָרמאַציע פון יידישן לעבן אין ניו יאָרק. ר' יעקב ווייסט אָבער ניט פון קיין סאָציאָלאָגיע און ער רעדט אי מיט בענקשאַפט נאָך די שיינע יידן, וואָס ער האָט דאָ געקענט און אי מיט פאַרדרוס און צער אויף דעם, וואָס זיי זענען אַוועק פון דער וועלט און ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין גייסטיקע יורשים.

„ווען איך בין געקומען צום ערשטן מאָל אין דעם 99־ער שטיבל, האָב איך געמיינט, אַז איך געפין זיך אין ראַדאָמישל ביים פלאַנטשער רבין... אַזעלכע שיינע יידן און אַזאַ שיין דאַווענען!... עס האָבן דאָרט געדאַוונט יידן — בערן... גרויסע חסידים און לומדים... אָבער די דאָזיקע יידן האָבן קיין היימען נישט געהאט... זייערע אייגענע קינדער זענען ניט געווען צו געפינען אין שוהל, נאָר ערגעץ אַנדערשווו... אין דעם איז דאָך באַשטאַנען די טראגעדיע פון יענעם דור, פון די ערשטע יידישע אימיגראנטן. אפילו די פרומע צווישן זיי האָבן ניט געזען קיין מעגלעכקייט פאָר זייערע קינדער צו בלייבן יידן... די טאטעס זענען געגאנגען שבת פרי צום דאַווענען און די קינדער זענען, ליידער, געגאנגען צו דער אַרבעט"...

די ישיבת ר' יצחק אלחנן האָט זיך נאָך דאַן געפונען אויף דער איסט סאַיד און די תלמידים פלעגן אָוונט־צייט און שבת זיך קלייבן אַרום ר' יאַנקעלע. ער האָט פאָר זיי געעפנט זיין הויז און זיין האַרץ און אפילו „געפראַוועט טיש" פאָר זיי, מעשה חסידישער רבי. שפעטער, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די מתיבתא תורה ודעת, האָט ער געטון דאָס זעלבע פאר די מתיבתא־תלמידים. ישיבה בחורים זענען דאַן געווען זייער ווייניק צווישן די מתפללים אין שול. האט זיך ר' יעקב אָפּגעגעבן מיט דעם ביסעלע, זיי מקרב געווען און זיך

אָפּגעגעבן מיט אַ סך פון זיי ווי אַן אייגענער טאַטע. אַלס ראש ישיבה אין ישיבת ר׳ שלמה קלוגער האָט ער צוגעגעבן נאָך א שעה צום לערנען גמרא יעדן טאָג. זיין אייגענע התמדה און אהבת תורה האבן געווירקט אויך אויף די תלמידים, פון צווישן וועמען עס זענען אַרויסגעקומען היינט באַקאַנטע רבנים און מחנכים.

ער האט זיך כשר פארדינט דעם נחת, וואָס ער האָט פון די ספרים, וואָס ער האָט מחבר געווען. ז״ינע אויגן פינקלען מיט פארגעניגן פון דעם בערגל, וואָס ליגט אויפן טיש, די דריי בענדער „בית יעקב" און דאָס נייע ספר „עולת שבת". מיט די פינגער גיט ער אָפּט אַ מיש־אויף אין איינעם פון די ספרים, ווי ער וואָלט זיך ערשט איצט דערמאָנט אין עפּעס, וואָס דאַרף נאָך האבן גרויס עיון און וואָס ער האָפט ממלא צו זיין אין די ווייטערע ספרים.

....„אָבער היינט — זעצט ער ווייטער פאָר דעם מאָנאָלאָג — היינט זענען,ליידער, דאָ אין שטיבל ווייניקער ווייסע בערד. און אַרום גלאַט־ראַזירטע טאַטעס ,דרייען זיך אַרום קינדער מיט פאה׳לעך און אנדערע פון זיי אויך מיט בערדלעך... די לופט איז אָנגעפילט מיטן קול תינוקות של בית רבן און מיטן קול התורה פון דערוואַקסענע בחורים... אוי — גיט ער אַ טיפן קרעכץ — ווען די ערשטע אַריבערגעקומענע יידן וואָלטן ניט געמאַכט דעם טעות, וואָס זיי האבן געמאַכט... וויפיל דורות מיר וואָלטן געהאַט געראַטעוועט פון עם־הארצות און פון נאָך ערגערעס...

„יא, און נאָך עפּעס איז היינט אַנדערש פון אַמאָל... די ערשטע 19 יאָר פון מיין זיין אין אַמעריקע האָב איך אַחוץ בשר עוף ניט טועם געווען טעם בשר... עס איז געווען שווער צו קריגן אַ כשרן ביסן... וועגן יידישער מילך איז דאָך ניטאָ וואָס צו רעדן אַז עס איז ניט געווען בנמצא... היינט איז אָבער אַ גערעטעניש אויף כשרע פּראָדוקטן און טאַקע כשר למהדרין מן המהדרין, אַזוי, אַז מען דאַרף פּשוט זיין אַ צו־להכעיס־ניק צו עסן ניט־כשרס"...

נאָך פערציק יאָר ראש ישיבה האט ניט הרב ר׳ יעקב פלאַנצגראבען קיין טענות צו קיינעם. אדרבה, ער הייבט יעדע ווייַלע די אויגן צום הימל פאר דער זכיה, וואָס ער האט געהאט מעמיד צו זיין אַזוי פיל תלמידים, קיין עין הרע; און פאָר דעם, וואָס ער איז נאָך ביכולת אויך היינט צו לערנען אַליין, צו לערנען מיט אַנדערע און צו שרייבן ספרים. ער לעבט זיך בצמצום אין זיין דירהלע אין די שטאָטישע וואָלאַדעק־הייזער און לאָזט זיך אפילו ניט פּראָוואָצירן צו אַ תרעומת אויף דער נישטיקייט פון דער פענסיע, וואָס ער קריגט נאָך פערציק יאָר זיין אַ ראש ישיבה.

— ניט אַלע געוועזענע תלמידים מיינע זענען געוואָרן לומדים און ניט אַלע זענען געבליבן צדיקים, אָבער ידידים זענען זיי מיר עד היום.

אָט דאָס איז דער רכוש, מיט וועלכן ר׳ יאַנקעלע פלאָצ־גראבען נעמט זיך איבער.

זיי שרייבן אים און קומען אים באַזוכן ווען עס קומט אַרויס זיינס אַ ניי ספר, זענען זיי פון די ערשטע איינצושאַפן זיך עס.

ווען ער איז לעצטנס געווען ניט געזונט און געהאַט שוועריקייטן ביים אַריינגיין אין אַ כשרן יידישן שפּיטאָל, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיינעם אַ געוועזענעם תלמיד, וואָס איז היינט א גרויסער דאָקטאָר אויף דער פינפטער עוועניו.

ווי נאר דער דאָקטאָר האָט דערהערט ווער עס רופט אים, האָט ער געגעבן אַ רוף־אויס „רבי", אין זעלבן טאָן, ווי אַמאָל אין דער ישיבה.. דער רבי האָט גלייך באַקומען אַן אָרט אין דעם שפּיטאָל, וואָס ער האָט געוואָלט.

— די פריינדשאַפט און די איבערגעבנקייט פון מיינע געוועזענע תלמידים וועל איך ניט פארבייטן אויף דער גרעסטער עשירות — האָט ר׳ יאַנקעלע איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, מישנדיק די בלעטער פון דעם בערגל ספרים, וואָס ער האָפט נאָך צו פאַרגרעסערן, אם ירצה השם.

און דאָס מערקווירדיקסטע אַרום דעם דאָזיקן אַלטן ראש ישיבה איז, וואָס נאָך 45 יאָר אין אמעריקע איז ער אַזוי אַנאָנים אויף דער אלגעמיינער יידישער גאַס, אפילו אויף דער אָרטאָדאָקסישער, ווי בעת ער איז אַרונטער פון דער שיף אַלס אַן 28־יאָריקער יונגערמאַנטשיק פון ראַדאָמישל. ער איז דער „אומבאַקאַנטער גענעראַל" פון דער היגער ישיבה־וועלט.

אפילו ווען ער זיצט נעבן אייך און וויקלט פאַנאַנדער עטלעכע קאַפּיטלעך פון זיין לעבן, טוט ער עס אזוי בחפזון און זיצט אזוי איינגעקאָרטשעט אין זיין שטול, ווי דאס וואָלט געווען פאַר אים אַן אָפּקומעניש.

אין זיין „עולת שבת" האָט ער אַריינגענומען בלויז 14 מלאכות פון שבת, און די איבעריקע 25 מלאכות וואַרטן אויף זייער ריי.


נאָך 45 יאָר אין אַמעריקע און אין אַן עלטער, וואָס אנדערע גייען אַרום ליידיק און זוכן מיט וואָס צו פּטרן די צייט, האָט זיך ר׳ יאנקעלע ערשט איצט גענומען צו די גאר שווערע „מלאכות"...

★

מיכל ברנד
בני־ברק

אבי הרב דוד הכהן ברנד הי״ד

זאת תמונת אבינו הקדוש והטהור מקדושי רדומישל הי״ד, ה״ה הרה״ח החסיד והנגיד המפורסם, רב־פעלים, ידיד־נפש כל־חי כש״ת מוה״ר דוד בן



ר׳ יעקב הכהן ברנד זצ״ל. נולד ברדומישל ולמד תורה וי״ש, והתחתן עם אמנו הצדקנית המנוחה מרת רייזיל ע״ה, בתו של הרב המקובל מוה״ר שמחה גולדברג זצ״ל (הנקרא ר׳ שמחה מיעליצר ז״ל).

שנה בערך אחרי החתונה הם עברו לגור בברלין ובהנובר יצ״ו. אבי ז״ל היה איש מצליח ברוחניות ובגשמיות — ביתם היה תמיד פתוח לרווחה — עניים ואורחים חשובים היו תמיד ב״ב — כמידת אברהם אבינו ע״ה. אמי הצנועה נפטרה בהנובר בי״ז מרחשון. ת.נ.צ.ב.ה.

אבינו היה ממייסדי חברת שומרי שבת ומקוואות לשמה. כמעט שנה בשנה נסע לצדיקי הדור ובפרט להרב צי״ע האדמו״ר מדז׳יקוב, בעל המחבר ספר „עטרת ישועה״, ובסוף לקחו אותו הנאצים ימ״ש לפולין — וברדומישל, ה׳ במנחם־אב תש״ב עלתה הנשמה הטהורה השמימה. הי״ד.

אני שמעתי מאחד מן הניצולים מידי הרוצחים, שהוא ראה ביום המר והנורא שאבי ז״ל בא מחוץ לפתח ביתו אצל הקרוב ברדומישל וראה שאחד מן הרוצחים הכה יהודי אחד בידית הרובה שלו, והדם נזל כמים — אבי הקדוש צעק לרוצח בזו הלשון בקול רם: „האבען זי קיינע אַנגסט פאַר גאָטט״? (האין יראת־אלהים בלבבך?).

באותו רגע קיבל גם אבי מכה גדולה מן הרוצח והדם נזל ושניהם נזרקו על העגלה לדרך בית החיים — הי״ד.

הרב אברהם בן ישעיהו גולדפינגר
בני ברק

משפחתו הענפה של הרב ר׳ ישראל סלומון

בק״ק רדומישל רבתי נתקבל בשנת תקצ״ו — ת״ר לרב ואב״ד אבי־זקני הרה״ג מוהר״ר כש״ת ישראל סלומון זצ״ל. לפנים היה רב ואב״ד בק״ק כמעלניק בפולין הקונגרסאית. חתנו של האדמו״ר טוביא גוטמן מריגליץ, תלמיד של החוזה מלובלין וחברו של האדמו״ר שלום מבלז. וכפי הנראה מזה בא לסבי השם יוסלי ריגליצר.

לסבי היו 6 בנים ו־2 בנות. הבן הגדול שמו — ישראל, השני — מיכאל, השלישי — נפתלי־חיים, הרביעי — טוביא גוטמן, החמישי — יעקב והשישי — משה. גם סבתא שלי, ילידת רדומישל רבתי, מהמשפחות הידועות שטיגליץ — מרגלית. סבתא נפטרה בגיל 28 והשאירה 8 ילדים. היא נקברה בבית־העלמין בעיר.

הדוד ישראל ז״ל עזב את רדומישל בשנת תרס״א (1901) ועבר לגור בעיר שטרסבורג שבגרמניה (כיום נמצאת במדינת צרפת). הדוד השאיר 4 בנים ו־2 בנות. בן אחד בשם טוביא גוטמן סלומון, נולד עוד ברדומישל רבתי. הוא כיום אדם מפורסם בצרפת, גר בפריס, ד״ר למדע ופרופסור במכללת צרפת, במחלקה של חיפושי נפט, מרצה בארצות אירופה ואמריקה מטעם אוניברסיטת פריס.

הבן השני שמו ליאון סלומון, נמנה בין עורכי־הדין המפורס־סימ בצרפת, בעיר שטרסבורג.

הבן השלישי — אהרן — הי״ד, נספה בשואה.

הבן הרביעי, יבל״ח, שמו מיכאל סלומון, גר בבני־ברק,

בשיכון ה׳ של הפועל המזרחי. מנהל מחלקה בבנק אגוד לישראל בע״מ, בת״א.

הבת שנולדה ברדומישל שמה פסל, על שם הסבתא שלי. גרה בצרפת, בעיר ליון.

הבת השניה גם היא נולדה ברדומישל, גרה בפריס, היתה עשירה מאוד לפני המלחמה. בעלה נפטר משבץ לב בשעה שבאו הגרמנים לעצור אותו בעיר בורדו שבצרפת. לבת זאת יש בן יחיד הגר בחולון, תל־גבורים, פקיד בכיר בממשלה.

הדוד השני היה גר בלייפציג, שמו מיכאל זצ״ל, סוחר פרוות. השאיר שני בנים, אחד בשם מרדכי, ניספה ונהרג ע״י הנאצים ימ״ש והשני, יבל״ח, שמו שלום (סלו) סלומון, גר בירושלים.

הדוד השלישי היה האדמו״ר נפתלי חיים זצ״ל בקרקוב, היה גר ברחוב אסתר 3, נהרג ע״י הנאצים ימ״ש ביחד עם משפחתו שמנתה 8 נפשות. צדיק גדול היה. הרבה חסידים סבבו אותו ובאו לקבל ולשמוע מפיו עצה, תושיה וברכה, לא פסק פומא מגירסא, לימד 23 שעות ביממה. בעמידה, זכר כל הש״ס והפוסקים, בקי בראשונים ואחרונים. עניו ונוח לבריות ומקובל על כל החוגים בקרקוב העיר.

הדוד הרביעי, טוביא גוטמן זצ״ל. נקרא על שם אבי־סבא שלו האדמו״ר מריגליץ זצ״ל. איש נסתר היה ודרכיו לא מובנים היו לבני אנוש. רק לאחר שהלך לעולמו נודע לנו על קדושתו. בחיים עסק בדברים לטובת הכלל: מזוזות, ציצית ותנורי שבת. עובר היה בכל העיר טרנוב, בדק כל בית יהודי אם המזוזה כשרה או שאין כלל כזאת, ואז היה קובע לכל אחד לפי יר״ש שלו. לרופאים ועורכי־דין היה קובע את המזוזה על המשקוף, בפנים, שלא לבלוט בין הגויים. מזוזה פסולה היה מחליף, אם שאלו ושילמו קיבל, ואם לאו, עשה את שלו, קבע את המזוזה והלך לו, בלי כל תמורה. המעשה השני — היה הולך ברחוב ובודק כל יהודי אם יש לו טלית קטן; אין לו, מיד נותן לו את הטלית. רצה — שילם. לא רצה — קיבלה חינם. המעשה השלישי — סידור תנורים לחימום אוכל בשבת, והכל לפי אותה צורה ואופן.

הדוד נפטר פתאום בערב שבת, בחודש מרחשוון תרצ״ב. קראו לרופא, ולאחר שבדק אותו אמר, הכאבים יחלפו מיד. בצאת הרופא, קרא לאשתו ולילדיו, בירך אותם והפנה את פניו לקיר ונפטר. על גבי השולחן שליד מיטתו מצאו כתב צוואה. בצוואה היה כתוב: — בעליית הגג, בחדר מצד ימין, נמצאים כלי חרס, בתוכם מונחות 28 אלפים של מזוזות פסולות, נא לקברן בקברי״. מיד הושיבו בית־דין של טרנוב בראשותו של המו״ץ יוסף חיים קירשנבאום זצ״ל ופסקו שיש לקיים את צוואת המת, ובקברו נקברו 28.000 מזוזות. ההלוויה היתה במוצש״ק, מיספר אלפי איש השתתפו בלוויה ואז גם נודע לנו שהתקיימו על חשבונו מאות משפחות אחדות בעיר, להן הביא בכל שבוע כסף לקיומן. גם עניים בעיר, לא־יהודים, קיבלו את עזרתו, במיוחד תמך בעניים מכובדים שלא קיבלו שום עזרה מקופת הצדקה של הקהילה, בטרנוב.

הדוד החמישי גר בצ׳כיה, שמו — יעקב זצ״ל. עליו לא שמעתי ולא היכרתיו ואף מה היו מעשיו אין אני יודע.

הדוד השישי — משה סלומון, היה גר בוינה; גם אשתו תבל״ח היא ילידת רדומישל, שמה מהבית קורנרייך. הוא השאיר 4 ילדים, בן אחד ו־3 בנות. כולם גרים בישראל. 2 בנות בעין־

גב, בן בכפר־בלום ובת בצפת. הוא נהרג על קידוש השם בוינה (אוסטריה), מיד עם כניסת הנאצים בשנת 1938 לאוסטריה.

בת אחת היתה אמי־מורתי הצדקנית שהקדישה חייה על מנת לתת לבניה ללמוד תורה ולהיות חסידים — אחי שנולד אחרי, משה ז"ל, היה יושב חודשים ולומד אצל האדמו"ר מבלז זצ"ל. השני מיכאל ז"ל היה לומד מקצוע והשלישי גימפל מרדכי ז"ל, היה יושב בבית המדרש של חסידי בלז בטרנוב. אחותי פסל ז"ל, היתה יושבת בית, נישאה לבן־דודי יוסף שנקרא על שם הסבא יוסף ריגליץ ובנו של הדוד נפתלי־חיים זצ"ל, הרב מקרקוב.

אבי־מורי ורבי פועל דפוס היה, בבית הדפוס של יצחק אנגלברג בטרנוב. הוא הקדיש את חייו לבית המדרש. בוקר וערב הלך לבית־המדרש, בא במאוחר לבית הדפוס, בערב הפסיק את עבודתו, כדי ללכת להתפלל במנין. בחוה"מ פסח וסוכות לא עבד ובגלל זאת הרוויח לחם־דחק.

הבת השניה, הדודה פייגה זלץ זצ"ל הנקראת בפי כל בני עירנו פייגל יוסליס ריגליציס, היתה רעיתו הנאמנה של הדוד משה סופר זלץ זצ"ל. לדוד היו 3 ילדים מאשתו הראשונה אשר נפטרה ברדומישל בגיל צעיר והשאירה 3 יתומים קטנים, בן אחד ושתי בנות. הבן הוא הצייר האמן המפורסם בעולם, שמואל (סם) זלץ, הנמצא כיום בניו יורק, שבאמריקה. כאשר באו אליה והציעו לה להינשא לדוד משה סופר, אע"פ שצעירה ורווקה היתה ויכלה לבחור לעצמה בחיר־לבה, מיד הסכימה על מנת לעזור בגידול ובחינוך 3 יתומים. צדקנית היתה.

הדוד משה סופר זצ"ל, היה מוכר היטב בעירנו ק"ק רדומישל רבתי; ירא־שמים, איש ישר וצדיק, נוח לבריות, תלמיד־חכם, חוקר המקרא, בקיא בכל התנ"ך, ש"ס ופוסקים. הקים חוג צעירים ללמוד נ"ך כפי שמקובל היום. חוג כזה הקים עוד בשנת תר"פ (1920). בכל יום שבת קודש היו מתאספים הבחורים בעלי דעה ציונית־דתית אעפ"י שבזמנו התנגדו תלמידי־חכמים ללמוד נ"ך ועוד יותר בהקמת חוג צעירים ציונים ללמוד נ"ך, הכל כיבדוהו והעריכוהו.

זוכר אני כיום, כשלמדתי פש"ת אצל הרב דמתא מוהר"ר חיים אנגל זצ"ל, בנו של מחבר שו"ת המרא"ש, שהיה גר בסוף ימיו בעיר קאשוי בצ'כוסלובקיה, ואצל הרה"ג, דודו של אבי־מורי ורבי, לייביש ברנקנופף זצ"ל ואצל הרה"ג אליעזר פיסטרונג זצ"ל שאמרו לי, אתה גר אצל דודך משה סופר? הוא מלמד נ"ך לצעירים, אל תלמד אצלו, לדעתנו אסור ללמוד נ"ך. אעפ"י כן לא יצאו בצעקה המקובלת, שהוא מעביר את הצעירים על דתם, כפי שנהגו לעשות במקרים דומים. קיבל כל אדם בסבר פנים יפות. ביתו היה בית ועד לחכמים ובני העניים — בני ביתו.

דודתי פייגה ז"ל, עזרה לו הרבה, היא למדה דרכה זו אצל סבי, יוסף ריגליצר. גם היא נכדה של הרב בעירנו, ישראל סלומון זצ"ל, רב ואב"ד מכמעלניק, נינה של האדמו"ר טוביא גוטמן מריגליץ. היא טיפלה בחולים ועניים. בכל ליל שישי עמדה על רגליה ובישלה ואפתה עוגות וחלות בשביל חולים ועניים מכובדים, שאיש לא ידע שירדו מנכסיהם. כל מי שפנה לביתם מצא דלת פתוחה ורצון להגיש עזרה, בין שזו עזרה חומרית ובין שזו רוחנית.

לפי שידוע לי ירשה הדודה כל זאת מסבא שלה, הרב ואב"ד של עירנו, ישראל סלומון זצ"ל, שנפטר והלך לעולמו בשנת תקצ"ו, או ת"ר, בעת שפרצה המגפה ובזמן שהיתה מחלוקת בעיר בין הצדדים של אבי־סבי והצד־שכנגד שלא רצו בו כרב ואב"ד. הוא לוקח למרומים בעודנו צעיר לימים והשאיר אחריו ילדים, בתוכם סבי יוסף ריגליצר ואחיו יעקב ריגליצר שהיו גרים ברדומישל־רבתי, ונולדו לו ילדים בשם המשפחות ריינר וקליינצלר, שחלק גרים בישראל — רמת גן, רמת יצחק ובני ברק. הוא הובא למנוחות בבית החיים בעירנו ק"ק רדומישל רבתי.

ידיעות אלה שמעתי מאמי־מורתי ומזקנים שהכירו עוד את אבי־סבי בהיותו רב ואב"ד בעק"ק כמעלניק. הדודה טיפלה גם בהשגת גמילות חסד עבור סוחרים שירדו מנכסיהם, ובעזרת הכספים. אופשר להם להמשיך במסחר. ראיתי בעצמי שהדוד משה סופר ז"ל לא כתב את הד' הו' מבלי ללכת למקוה, לטבול בו לפני כתיבת שמות קדושים. אנשים רבים זקפו לזאת לזכותם שאת התפילין שלהם כתב הדוד משה סופר ז"ל.

גם מצד אבי־מורי ז"ל, היו ילידי רדומישל. אבי־הסבא שמו היה גימפל ברנקנופף ז"ל, והדודים של אבי מורי היו אלתר ז"ל, פנחס ז"ל, והצעיר לייביש ברנקנופף ז"ל, שהיה גאון וכיהן כדיין בעירנו שלא על מנת לקבל פרס ומבלי לקבל כל שכר מהקהילה. הוא הקים הרבה תלמידים שהיו לאחר מכן רבנים ודיינים בפולין וגם מחוצה לה.

הדוד לייביש ז"ל, הקים גם חברה בשם „תומכי עניים" והוא עצמו נתן הרבה צדקה.

הדוד פנחס ז"ל, נוהג היה לקום בשלהי האשמורת השניה בשעה 2, הולך למקוה ואחר־כך לבית המדרש, אמר מזמורי תהילים והתפלל עם הותיקין — הלך לכפר לקנות עופות וביצים וכך פירנס עצמו בכבוד עד אחרית ימיו.

לסבתא ז"ל, היה אח בשם הירשל גולדפינגר ז"ל, שהיה גר בעירנו ק"ק רדומישל רבתי, איש ישר, נעים־הליכות, צדיק מכניס אורחים, וביתו היה פתוח לרווחה לעניים. גם אשתו צדקנית היתה ועדינת־נפש, להם יש בן ובת בישראל, הידוע בעיר חיפה כבעל צדקה גדול, אברהם גולדפינגר.

הבת, ניחה לאה, שם בעלה אף הוא גולדפינגר שהוא בן דודה.

הבן אברהם יבל"ח, היה בין הצעירים הראשונים שארגנו את החוג הציוני יחד עם הירש לייב פורשטנצר ז"ל, בנו של פנחס פורשטנצר ז"ל ועם יעקב מלר יבל"ח הנמצא כיום בישראל בתל אביב.

בת אחת בשם זלטה, נישאה לאליעזר פיסטרונג זצ"ל, תלמיד־חכם, שהקים הרבה תלמידים, להם יש בת בחיפה.

גם לבת יוכבד ז"ל הנשואה לפיסטרונג יש בת בראשון־לציון, שמה — הוכברגר.

גם לאבי מורי ז"ל, אח יבל"ח בישראל, בשם הרב חיים ראובן ברנקנופף שהיה שוחט, חזן ומסדר קידושין בברוקלין. כעת נמצא בבני־ברק, עושה הרבה למען ישיבות, בעל צדקה גדול, נותן הרבה למוסדות צדקה בישראל ולישיבות.

א. פורשנר
תל־אביב

זכרונות על איש גדול וחשוב בעירנו

הואיל ובגילי מעטים הם שרידי השואה שנשארו לפליטה בעיירתנו הקטנטונת „רבתי" הזוכר ויודע משהו על דברים ועל אישים מלפני המלחמה העולמית הראשונה (רדומישל האמיתית), מוצא אני לחובה להנציח ולהעלות מעל דפי ספר חשוב זה חלק מזכרונותי אשר חרוטים הם על לוח לבי מקדמת דנא.

ובכן, ראשית קיבלתי עלי לספר על איש גדול וחשוב בעירנו, ומיהו א י ש זה? זהו האיש משה. איזה משה? זהו האיש משה סופר (זאלץ) ז"ל. למה אני מדגיש כל־כך את ה א י ש? כי היתה זאת באמת אישיות חשובה ונכבדה שכדאי להרחיב עליו את הדיבור. בעצם, כמעט כל בני־דורי הכירו איש זה, אבל השאלה היא איך ובתור־מה הכירו אותו? כי רובם בעירנו הכירו אותו בתור משה סופר סת"ם, לפי מקצועו, וכיהודי נאמן, דתי וחרד ותו לא. מעטים הם שהכירו אותו על כל סגולותיו ומעלותיו, ורק אלה היו, שבאו אתו במגע מתמיד מקרוב; כידוע לנו, שם משפחתו היה זאלץ, קראו לו משה סופר ע"ש מקצועו, כרגיל וכנהוג שהיה אז בעירנו. הוא היה באמת סופר, אבל בעיני הוא היה סופר — תרתי משמע, סופר סת"ם, כפשוטו וכמשמעו, וגם סופר בחסד עליון לסיפרות — כסופר סת"ם לפי מקצועו, היה מפורסם לא רק בעירנו והסביבה, אלא בגלל מומחיותו, וכתב־ידו הקריא, הבהיר והצח — שכמותו היה יקר־המציאות — שמו הלך לפניו ונהרו אחריו מכל קצוי תבל.

לעתים קרובות מאוד לא היה יכול לעמוד בהתחייבויותיו כלפי לקוחותיו, בגלל העומס הרב בעבודתו. זה היה הצד האחד ש„בנגלה" שלו, שרובם הכירוהו בתור שכזה — והצד ש„בנסתר" שלו היה ידוע רק לקומץ מצומצם של אנשים שהיו אתו במגע תמידי מקרוב; למזלי נפל בגורלי להיות בין אלה שזכו להיות בחוג מצומצם זה בתור תלמידו לנ"ך ולהכירו מקרוב, ועל זה גאוותי, כי „לאו כל אדם זוכה לכך". — לפי מיטב ידיעתי משה סופר מעולם לא היה מורה ומלמד ואף תלמידים לא היו לו אף פעם. היה עמוס עבודת הקודש יותר מדי, ואיני יכול להעלות בזכרוני שמץ של ידיעה איך ובאילו תנאים נקלעתי אני פתאום להיות אחד משלושת התלמידים שהיו לו במשך כל זמן היותו מורה ומלמד. מניח אני ומשער שהיה זה מעשה ידיו של דודי מנדלי הוניג ז"ל, כי הוא, מנדלי הוניג, היה מכרו וידידו הטוב של משה סופר, וכנראה הוא ניצל את הפרוטקציה למעני. כי כבן־אחותו וכתלמידו הקודם הכירני היטב וידע — כאיש פיקח — את „נפש בהמתו", שכל שאיפותי היו רק להרחיב את ידיעותי ולא להסתגר בתוך ד' אמותיה של הגמרא והתוספות בלבד.

כבחזיון־ליל מוצא אני את עצמי פתאום בדירתו של משה סופר בחברת עוד תלמידים ידועים; האחד משה מאנהייט, בנו של יואל'יש מאנהייט, שידוע היה בעירנו כאיש פיקח, אוהב הלצות ובדיחות הדעת; גם בנו משה היה בבחינת „מעשה אבות — ירשו בנים"; והשני היה קרוב משפחתו, ראובן גרשטנפלד, אמנם הוא היה רציני יותר ממשה חברו וקרובו, אבל דא עקא: שניהם היו לכל הפחות מבוגרים בשלוש שנים ממני. בתחילה מצאתי את עצמי בחברתם של שני אלה המבוגרים במצב לא־נוח כל־כך, כי הפער בגילנו היה גדול מדי לפי אותה תקופה; הם שיחקו את התפקיד כ„חתן־בחור" ואני הייתי אז כבן 14 שנה בלבד, נמוך־קומה ורק שנה אחת אחרי ה„בר־מצוה" שלי. מובן מאליו, שזה לא היה לשביעת־רצונם המלאה, אבל תודות לחריצותי והשתדלותי לעלות עליהם בלימודים, ולא לפגר אחריהם, התגברתי על המצב ולאט־לאט התיידדנו ומצאנו שפה משותפת ונעשינו חברים טובים, אבל זאת היה בתוך כותלי הבית בלבד. מחוץ לבית התנהגנו כמו קודם, לכל אחד מאתנו היו חברים משלו, זה היה תהליך רגיל בימים ההם, ללא תרעומת אחד על רעהו.

ובכן, נחזור לענייננו וננסה להבין מה היתה עצם הסיבה שמשה סופר החליט פתאום לקבל על עצמו את הטירחה להיות מורה ומלמד לשלושה תלמידים? דבר שלפני־כן לא היה כן וגם אחריו לא היה כן. אם להניח שפרנסתו היתה אז בדוחק ובצמצום? זה לא ייתכן; א) לפי עניות דעתי, משוכנע אני שהוא היה לנו למורה שלא על־מנת־לקבל־פרס ולא עשה את לימוד התורה קרדום לחפור בו. כזכור, היה הוא בחזקת איש אמיד בעירנו, אשר הפרנסה היתה מצויה בתוך ביתו בשפע, כי מלבד המקצוע המיוחד והמיוחס שלו, ללא כל מתחרים, היו אז בתוך ביתו עוד מפרנסים נוספים. 1) בנו שמואל זאלץ, הנמצא כעת בניו־יורק, ארה"ב, והידוע לנו כצייר מפורסם, הרוויח כבר אז, כבחור בן 15, את פרנסתו בכבוד גדול.

(דרך אגב, רצוני להעלות על הנייר מעט מהזכרונות אשר עודם זכורים לי מאז. זכורני, כי כבר בילדותו, בגיל רך מאוד היו ניכרים בו כשרונות נפלאים לציירות, בחדר הדרדקי הוא כבר התחיל מנצל את כשרונותיו ולעשות עסקים, אם־כי רק בשטח מצומצם. למשל, לקח הוא דפי נייר אחדים וחיבר אותם למחברת קטנה וצייר בכל דף חיה שונה בכישרון רב מאוד, למטה רשם את השם של כל חיה וחיה ובזה כבר התחיל מוציא מהתלמידים את הפרוטות המעטות שהיו מיועדות למשהו אחר; זה משך אותם יותר מכל דבר אחר, כך הוא התפתח והלך מחיל אל חיל;

בהגיעו לגיל 12 הוא התפרסם כבר בכשרונותיו המיוחדים והבלתי־רגילים בשטח זה, התחיל כבר אז להיות „ביזנס־מן" ועשה כל מיני עסקים כקטנים כגדולים. כאשר הגיע לגיל „בר־מצוה" הרחיב את עסקיו בהיקף יתר ושטח עבודתו לא נשאר מצומצם, אלא התפשט לכל מיני ענפים דומים. כגון: כל השלטים בעירנו מכל חומר שהוא — עץ, מתכת, פח או בד — הרכבת הצבעים והצורה האומנותית היו פרי־דמיונו ומעשיו של שמואל זאלץ. כזכור לי, היתה אז בעיה להרכיב צבעים שיחזיקו מעמד גם על זכוכית, והוא היה הראשון שהמציא את ה„תחסית" (פטנט), נדמה לי שהנסיון הראשון הוא עשה במיסעדה בחלון־הראווה אצל ויסוצקי והצליח בזה למופת, כך שמקרוב ומרחוק באו לראות את אומנותו הנפלאה, הן בצורה, הן בצבעים וכו'. הכול השתוממו והעריצוהו מאוד. בגיל קצת מבוגר יותר הוא ערך כבר כל התוכניות והשירטוטים לבניינים, למיסעדות, למלונות, לפרופינציות וכו' לשלטונות וממשלה, כדי לקבל רשיונות, בכישרון רב; אפשר לומר שהוא היה היחיד בעירנו וסביבתו שהיה מסוגל לבצע עבודות כאלו. הוא היה מחונן כשרונות אלה מבטן ומלידה וכך הוא התפתח מיום ליום, משנה לשנה. כאשר הגיע לגיל 16 בערך, הרגיש שזה עדיין לא סוף־פסוק אצלו, ושבאפשרותו לנצל את כישרונותיו למטרות נעלות יותר, עד שביום בהיר אחד החליט לעזוב את רדומישל — נדמה לי אפילו נגד רצונו של אביו — נסע לקרקוב כדי לפתח שם את כישרונותיו וסגולותיו, להשיג מה שקיבל על עצמו למטרה, ובאמת הצליח.

כידוע, הוא יצא את רדומישל ללא כל השכלה, כי הוא לא

סיים אפילו את 6 הכתות בבית־ספר יסודי ברדומישל; לא, הסלחו לי, אפילו לא התחיל, כי אביו היה סופר וד״ל. ובהשכלה אפסית זאת הוא העז להשתדל להירשם ולהיכנס לבית־ספר גבוה לאומנות יפה („אקדמיה שטוק פיענקניך" בלע״ז) בעיר קרקוב. בדרך־כלל היה בית־ספר זה מיועד לתלמידים אשר עברו את בחינות הבגרות ולאקדמאים; את שמואל זאלץ שלנו קיבלו בתור תלמיד בבית־ספר זה כבר לאחר בחינה קצרה בשטח הציור והשרטוט, תודות לכשרונותיו הכבירים והנשגבים בשטח זה. ללא כל בעיות בנוגע להשכלה הכללית ולפי שמועה נעשה הוא בבית־ספר פולני זה לתלמיד מצטיין, התפתח, הצליח והשיג כנראה מה שברצונו היה להשיג).

2) נוסף למפרנסים אלה באותו הבית היו גם 2 בנות של משה סופר ששמותיהן נעלמו מזכרוני, תופרות שמלות לפי הזמנה, והיו עוסקות כל ימות השנה ללא הפסק, שמע מינה, שלא היה חלילה דוחק בפרנסה בתוך ביתו של משה סופר. אם־כן, „הדרא קושיה לדוכתא", למה קיבל על עצמו משה סופר טירחה כזאת ללמד תלמידים ללא כל טובת־הנאה לעצמו, כשכבר בלאו־הכי היה עמוס עבודה עד לעייפה? לפי שכל־הישר לא מצאתי תשובה לדבר, אלא לאחר שהתעמקתי למצוא את פשר הדבר, עלה לא פעם רעיון בלבי, שרק בזכותי קרה הדבר, למען תת לי הזדמנות להכיר אישיות נפלאה כזאת מקרוב.

אמנם, לפי מקצועו היה הוא סופר סת״ם, אבל לא יהודי סתם בטיבו ובטבעו; הוא היה תלמיד חכם מובהק, חריף בשכלו ונבון בחוכמתו, ידען, חוקר, תוכן (אסטרונום), פילוסוף וכו׳. הנפלא בדבר אצלו היה השילוב: תלמיד חכם מסור לדת, זהיר במיצווה קלה כבחמורה מחד גיסא, ובקי בשבע החכמות מאידך גיסא. הבין לשלב את שני הקטבים בלי לפגוע אחד בשני, זאת היתה חוכמתו וגדולתו, חוש הזכרון שלו היה בבחינת „בור סוד שאינו מאבד טיפה". לא פעם ביקש מאתנו, תלמידיו, לבחון אותו בש״ס כדי להשתכנע אם זכרונו לא נחלש, ואמר: פיתחו איזו שהיא גמרא מכל הבא לידכם, תקראו איזה שהוא מאמר, סוגיא או מיספר שורות, ואני מוכן להגיד לכם באיזו מסכת, דף, עמוד ולפעמים אפילו באיזו שורה נמצאים כל אלה? או בחינה אחרת: לקחת חומש, ועלינו היה לומר את פסוקי החומש והוא תירגם את זה מלה במלה לתרגום־אונקלוס במהירות בלתי רגילה, ועוד ועוד, דברים שהעידו על זכרונו הנפלא. הוא ידע לספר על כוכבים ומזלות, לוחות, זמנים, רוחות ועוד. הוא ידע לספר על רבנים, אדמו״רים, חוקרים, סופרים ופילוסופים. ובשטח המדע? הוא חיבר עשרות חוברות של שירים עבריים, דיקלומים, פיזמונים נהדרים שלא זכו לראות את אור העולם ברדומישל שלנו.

נזכר אני עוד בשני קבצים של שירים: 1) בשם „המאות והדעות", 2) „אם תרצו — אין זו אגדה", לפי הפתגם של הרצל. איזו חכמה, איזה טעם ואיזו מתיחות היו בשירים אלה; לו יכולתי להשיגם היום, הייתי משפר את הספריה שלי. כל אלה היו מן הדברים ש„בנסתר" שלו, וידעו זאת רק חוג מצומצם, יחידי־סגולה שזכו לכך. והנה, הגענו לשטח המיוחד והמצטיין שהיה חביב עליו יותר מכול, זה היה התנ״ך או ביתר דיוק הנ״ך. בלימוד הנ״ך היה הוא מחונן בכישרונות על־אנושיים. טרם הגעתי אליו כתלמיד. לא ידעתי ממש תנ״ך מהו? אבל מיד בפסוק הראשון כשהתחלתי לומד אצלו את ספר ישעיהו — חזון ישעיהו בן אמוץ וכו׳, התחלתי מרגיש בכל רמ״ח איברי תנ״ך מהו? ומצאתי בו סיפוק לאין שיעור, וכל מה שלבי היה חפץ, נאחזתי בו באהבה כזאת שזאת היתה שאיפתי הגדולה אז להתעמק ולהתמיד בו. שיטתו הפדגוגית היתה לאין ערוך טובה מכל הבחינות; הבקיאות, ההדגשה, הצליל, ההטעמה, הפיזום, ההתלהבות, ומעל לכול ההסבר הברור והעמוק על כל פרטיו ודקדוקיו. היתה זאת באמת הנאה יוצאת מהכלל וזכות להיות אחד מתלמידיו, גם על ספרי „הזוהר" לא דילג והתעמק בהם בכל הזדמנות שהיא. כל הפירושים והמשלים שלו הלהיבו אותנו כל כך שאני מוכן לומר ש„ממשה בן מימון (הרמב״ם) עד משה סופר שלנו לא קם כמשה" ובמיוחד בלימוד התנ״ך. הלואי וירבו כמותו בישראל.

כשאני נמצא בבית־הכנסת בשבתות, בהן קוראים את ההפטרות שלמדתי אצל משה סופר, אז אני רואה בדמיוני את כל התמונה של בית משה סופר; אני רואה החדר בו למדתי, הכסאות, השולחן, את פני מורי ורבי בהדרת פניו עטורי זקן שחור ארוך עם ניצני שער־שיבה עומד — רק לפעמים רחוקות יושב בשעת הלימוד — מולנו ומלמד אותנו את הפסוקים „הוי, גוי חוטא, עם כבד עון" וכו׳ או „בנים גדלתי ורוממתי, והם פשעו בי" וכו׳ או „כי תבואו לראות את פני, מי בקש זאת מידכם, רמוס חצרי" וכו׳... הקול, ההתלהבות, ההדגשה, וההטעמה מהדהדים כל־כך באוזני עד שנדמה לי, כאילו אני רואה, שומע, מתרגש ומתלהב בדבר המתרחש זה עתה — ובאמת, היה זה יותר מלפני יובל שנים.

לסיכום, אפשר להגדיר את אישיותו של משה סופר ז״ל כדלהלן: תלמיד חכם מובהק, בקי בש״ס ופוסקים, ירא־שמים, שומר־מצוות וידע גם לקיים את המיצווה בתורה „למען תשכילו את אשר תעשון", בעל השכלה כללית רחבה, סופר בחסד עליון, בקיאות בלתי רגילה בתנ״ך, צנוע בהליכותיו, דמותו החיצונית והדרת פניו כולו אומר כבוד, נכס יקר שרק מעטים בעירנו ידעו להעריך אותו, זאת היא תפארתנו וגאוות בני עירנו רדומישל רבתי דאז. וחבל על דאבדין ולא משתכחין.

יהי זכרו ברוך לנצח!

יחזקאל קאופמאן
ניו־יארק

ר׳ אלטער סאנדזער ע״ה

געהייסן האט ר׳ אלתר מיט זיין פאמיליע־נאמען פאליבוים, אבער ווייניק מענטשן אין אונדזער שטעטל האבן עס געוווסט. קיינער האט אים נישט גערופן מיט דעם נאמען. מ׳האט אים מערסטנס גערופן ר׳ אלתר לאַצעס, אויפן נאָמען פון זיין ווייב לאַציע, וואס איז געווען אן אמתע אשת חייל. זי האָט געפירט דאס געוועלב, געזאָרגט פאר פרנסה, בכדי ר׳ אלתר זאל מיט א רואיקן קאָפּ זיצן און לערנען. אין קלויז אבער האבן אים יידן אויך גערופן ר׳ אלתר סאנדזער. נישט בלויז דערפאר, ווייל ער האט געשטאַמט פון סאנדז, נאר דאס איז געווען א רמז, אז ר׳ אלתר איז געווען א תלמיד, — און טאַקע אַ תלמיד מובהק — פון דעם בארימטן סאנדזער רב, ר׳ חיים האַלבערשטאַם ז״ל, דעם מחבר פון דעם בארימטן שאלות תשובות ספר: „דברי חיים".

דריי יאר בין איך געווען ר׳ אלתרס תלמיד. אין משך פון דער צייט האב איך געהאט א גוטע געלעגנהייט ר׳

אלתרן צו דערקענען: ער איז געווען נישט בלויז א גרויסער למדן, נאר אויך א פיינער בעל־מסביר, א גוטער פעדאַגאָג. ער האט געהאט זיין אייגענע שיטה ווי אזוי צו לערנען מיט זיינע תלמידים. איינמאל, נאכן ענדיקן דעם שיעור, האט ער אונדז דערקלערט זיין דרך אין לערנען.

געוויינלעך, — האט ער גֶעזאָגט, — פירט זיך, אז דער רבי לערנט דעם שיעור צוערשט אליין פאר זיך, בכדי ווען ער וועט זיך אוועקזעצן לערנען מיט זיינע תלמידים, זאל אַלץ גיין גלאַטיק. איך האַלט נישט פון דעם דרך. זאלן די תלמידים נישט מיינען, אז דער רבי ווייס אלץ און ווו מ'זאל נישט עפענען א גמרא, ווייס ער גלייך דעם פשט. אדרבה, זאלן זיי זען, אז אויך פארן רבי איז פאראן א שווער שטיקל רש"י, אדער תוספות; אז אויך ער מוז זיך אנשטרענגען צו געפינען דעם פשט, וועלן זיי ממילא לערנען, ווי אזוי צו זוכן און צו געפינען. וועלן זיי דאן פארשטיין דעם אמתן פשט פון „יגעת ומצאת".

זיין דרך, גלויב איך, איז פעדאַגאָגיש געווען זייער אויסגעהאלטן. א גרויסע צאל פון זיינע תלמידים זענען טאקע אויסגעוואקסן תלמידי חכמים. ר' אלתרס באציונג צו זיינע תלמידים איז געווען זייער א ווארעמע, א הארציקע. ווען א תלמיד האט עפעס מחדש געווען, האט ר' אלתר געשיינט פאר שמחה און ער פלעגט מיט שטאָלץ באַכזאַגן פאר אן עלטערן בעל־בית, וואס זיין תלמיד האט מחדש געווען. ער איז בכלל געווען א נוח לבריות און אן אוהב את הבריות.

זייער אַ פרומער און אָפּגעהיטענער ייד, איז ר' אלתר דאך געווען זייער ווייט פון קנאות. ער פלעגט שטענדיק זאגן צו די קנאים:

— אויב איר ווילט עמעצן מחזיר למוטב זיין, איז מיט גוטן קאנט איר אמאל עפעס פועלן, מיט בייזן וועט איר קיינמאל גארנישט אויספירן.

עס דערמאנט זיך מיר א מעשה נאך פון מיינע קינדער־יאָרן: ס'איז געווען אין 1905, אדער 1906. איינמאל ביינאכט נאך מנחה מעריב, שטעלן זיך אריין אין קלויז אפשר א מנין בחורים מיט שטאָפּענע קאַפּעליושן אויף די קעפּ. די בחורים זענען געווען מערסטנס ר' אלתרס תלמידים. צווישן זיי זענען געווען הערשל נוישטאַט און מיין ברודער בצלאל הי"ד. באלד איז געווארן א גרויסער ויצעקו אין קלויז. די אייביקע שרייערס, ווי ר' מאיר קלמן און דודל בנימינס, האבן גענומען שרייען: „אפיקורסים, שקצים". אז ר' אלתר האט געהערט די געשרייען, איז ער צוגעגאנגען צום שולחן, א קלאַפּ געטון:

— שטיל זאל זיין! ווער וואגט עס צו שרייען שקצים? דרך ארץ. דאס זענען בחורים בני־תורה. קיינער זאל זיך דא נישט אריינמישן, איך וועל שוין מיט די בחורים איבעררײדן.

כהרף עין איז שטיל געוואָרן אין קלויז. ר' אלתר מיט די בחורים האבן זיך אוועקגעזעצט. רואיק און געלאַסן האט ער אנגעהויבן צו רעדן:

— איך פארשטיי דאך, אז גלאט אַן אַ סיבה האט איר דאך נישט אנגעטון די שטאָפּענע היטן. בעט איך אייך איר זאלט מיר זאגן, וואס די סיבה איז?

איינער פון די בחורים האט זיך אָנגענומען מיט מוט און געענטפערט כהא לשנא:

— איר ווייסט דאך גאַנץ גוט, אז א סאמעט קאפעליוש קאסט 4 גילדן. אונדזערע עלטערן קאָנען זיך נישט דערלויבן צו קויפן פאר זייערע זין א נייעם קאפעליוש. קומט אויס, אז מיר מוזן טראגן אויסגעקראכענע און אפגעשאָסענע קאפעליושן. דאַקעגן א שטאָפּענער קאפעליוש קאָסט נאר 1 גילדן און איז דערצו פיל דויערהאפטיקער. מיר פארשטייען נישט, וואס פאר א קדושה עס שטעקט אין דעם סאמעט־קאפעליוש? אט טראגן די יידן אין רוסיש־פוילן איבערהויפּט נישט קיין קאפעליושן!

ר' אלתר האט, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך רואיק צוגעהערט, געטראכט א ווייל און געענטפערט:

— איך פארשטיי אייך זייער גוט און עס איז אויך אמת, אז אין דעם סאמעט קאפעליוש שטעקט קיין שום קדושה נישט. נאר לאמיך אייך דערציילן א מעשה:

צום סאנדזער רבין זצ"ל, פלעגט קומען א זייער חשובער חסיד. ער איז געווען א רייכער ייד, א גוטבאזיצער און דערצו נאך א תלמיד חכם און א גרויסער בעל צדקה. פארשטייט זיך, אז דער רבי ז"ל פלעגט אים שטאַרק מקרב צו זיין. איינמאל קומט דער זעלבער חסיד צום רבין אויף א שבת און דער רבי איז אים נישט בלויז נישט מקרב, נאר ער איז אים פשוט מרחק. פארשטייט זיך, אז דער חסיד האט פון דעם גרויס עגמת נפש געהאט. נאר וואס קאן מען טון? שבת צו נאכט, ביים געזעגענען זיך, קאָן ער זיך נישט מער איינהאַלטן און פרעגט: „רבי, אפשר מעג איך וויסן די סיבה, פארוואס איר האט מיך דאסמאל אזוי מרחק געווען?" דער רבי האט אים געענטפערט: „זאלסט וויסן זיין, איך האב געהערט, אז יעדן פרימאָרגן ווען דו גייסט ארויס אין פעלד זיך ארומקוקן ווי אזוי די ארבעט גייט צו, טראָגסטו א קאשקעט אויפן קאָפּ". — „רבי, — פרעגט דער חסיד, — וואס פאר אן איסור שטעקט דען אין קאשקעט? אז איך האב געטראגן דעם קאפעליוש, פלעגט דער ווינט אָפּט אים אראפרייסן פון קאָפּ. אבער א קאשקעט זיצט פעסטער און דערפאר האב איך אויסגעטוישט דעם הוט אויף א קאשקעט". — „איך וועל דיר דערציילן א מעשה, — האט אים דער רבי געענטפערט. — ווען איך בין נאָך א קליין ייִנגל געווען, האט מיין פאטער ע"ה מיך מיטגענומען קיין טאַרנאָוו. גייענדיק איבער די גאסן פון דער גרויסער שטאָט, האב איך באמערקט אויף א טיר ארויסגעהאנגען א שליסל. פרעג איך מיין פאטער: פארוואס הענגט דא א שליסל? און מיין פאטער ענטפערט מיר, אז עס הענגט אין דרויסן א שליסל, איז א סימן, אַז אינווייניק וווינט א שלאָסער. קוק ווייטער, האט ער געזאָגט, אט דאָ הענגט א קאפעליוש, ווייל דא וווינט אַ קאפעליוש־מאַכער. איצט, — זאגט דער רבי, — פארשטייט איר שוין; אזוי לאנג ווי דו האסט געטראגן א סאמעט קאפעליוש, האבן די פארביי־גייער געוווּסט, אז דא גייט א ייד א חסיד. אבער, אז דו טראָגסט א קאשקעט, ווי אלע פּראָסטאַקעס, מיינען די מענטשן, אז דא גייט א פּראָסטאַק. און דערפאר האב איך דיך דאָסמאָל נישט מקרב געווען. טו צוריק אָן דעם סאמעט קאפעליוש און אלץ וועט ווידער זיין ווי פריער". פארשטייט זיך, אז דער חסיד האט גלייך צוגעזאָגט צו טון, ווי דער רבי האט אים געהייסן און אַלץ האט זיך גֶעענדיקט בכי טוב.

— איצט, מיינע ליבע תלמידים, איך דארף דאָך אייך נישט ערשט זאגן וואס דער נמשל איז. איר ווייסט: פּראָסטע יונגען טראגן שטאָפּענע קאַפּעליושן. אויב איר וועט אויך טראגן די זעלבע קאפעליושן, ווי אזוי וועט מען דערקענען

דעם אונטערשייד צווישן א בן־תורה און א פּראָסטאַק? איך בעט אייך טוט, ווי יענער חסיד האט געטון און אלץ וועט זיך ענדיקן בכי טוב.

וואס איז געווען דער סוף? די בחורים האבן צוריקגעטראגן די קאפּעליושן צו יאָסל אייזלאַנד, ביי וועמען זיי האבן זיי געהאט גענומען אויף פּראָבע, צו זען, ווי דער עולם וועט רעאגירן און אַלץ האט זיך געענדיקט בכי טוב. איך האב קיינמאל מער נישט געהערט רעדן וועגן דעם פאַל. איך דענק, אז דערין האט געשטעקט ר׳ אל.ז.רס האנט. וואָרשיינלעך האט ער נישט געהייסן מער רעדן דערפון.

מנשה אונגער

ניו־יארק

רביים פון אונדזער געגנט — קדושים

אזוי ווי ס׳רוב חסידים פון אונדזער שטעטל (און ווער איז ביי אונדז נישט געווען קיין חסיד?) זענען געפארן צו די רביים פון זשאבנע און גראדזשיסק (די קלויז האט געהייסן די „זשאבנער קלויז" און ווען דער רבי איז געקומען אין שטעטל האט ער אין איר געדאוונט און אויך געפירט דעם טיש); דער גראדזשיסקער איז געווען א זון פון פלאנטשער זצ״ל און האט געוווינט עטלעכע יאר אין שטעטל — האלטן מיר פאר וויכטיק איבער־צודרוקן אין אונדזער יזכור־בוך די צוויי מאמרים, געווידמעטע די דערמאנטע רביים, פונעם בוך פון מנשה אונגער „ספר קדושים, רביים אויף קידוש השם".

(דער גראדזשיסקער רבי, ר׳ אליעזר האראוויץ, איז אומגעקומען מיטן געשריי „שמע ישראל". אפּגע־שריבן פונעם בוך פון מנשה אונגער „ספר קדושים" — רביים אויף קידוש השם, דערשינען אין ניו־יארק 1967).

דער גראָדזשיסקער רבי, ר׳ אליעזר האָראָוויץ, וואס האט געוווינט אין טאָרנע, איז געווען פון די ערשטע רביים אין שטאָט, וואס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם. דער געשריי „שמע ישראל", איידער די דייטשן האבן אים דערשאסן, האט גֶעמאַכט אויפציטערן די גאנצע יידישע געגנט.

דער גראדזשיסקער רבי ר׳ אליעזר האראוויץ, איז געווען א זון פון רבין ר׳ אברהם חיים האראוויץ פון פלאַנטש, וואס האט געוווינט אין ראדאמישל (מערב גאליציע) און נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה — אין ריישע.

ר׳ אליעזר איז געבוירן געווארן אין יאר תרמ״א (1881). ער איז געווען אַן איידעם פון רבין ר׳ מאיר יהודה שפּירא פון בוקאָווסק.

דער פלאַנטשער רבי, ר׳ אברהם־חיים, איז געווען א זון פון ראָזוואַדאָווער רבין ר׳ משה האראוויץ, זצ״ל. ער איז גבוירן געווארן אין יאר תר״י (1850). ער האט נאך געקענט זיין זיידן, דעם רבין ר׳ אליעזר פון דזשיקעוו, וועלכער איז געווען א זון פון ראָפּשיצער רבין, ר׳ נפתלי־צבי האראוויץ, אבער ער האט נישט געקענט זיין זיידן פון דער מוטערס צד, דעם סיגעטער רבין ר׳ יקותיאל־יהודה טייטלבוים פון סיגעט, דעם בעל „ייטב לב", כאָטש ער האט כסדר גערעדט פון אים.

דער פלאַנטשער רבי, ר׳ אברהם־חיים, איז געווען אן איידעם פון ר׳ בצלאל פילזנער, א ייד א גביר. ער האט חתונה געהאט צו דרייצן יאר. ער האט געגעסן קעסט אין ראָזוואַדאָוו ווי לאנג זיין פאטער, דער ראָזוואדאָווער רבי, ר׳ משה זצ״ל, האט געלעבט. דער ראזוואדאווער רבי, ר׳ משה זצ״ל, איז נפטר געווארן י׳ סיוון תרנ״ד (1894) און ר׳ אברהם־חיים איז געווארן רב און רבי אין פלאַנטש. ער האט זיך דערנאך באזעצט אין ראדאמישל. ער איז געווען א גדול בתורה און ער האט צוזאמען געלערנט א שיעור מיט זיין שוואגער, דעם זשאַבנער רבין ר׳ שלום־דוד אונגער זצ״ל, בעת יענער האט געגעסן קעסט ביים ראָזוואַ־דאָווער רבין.

דער פלאַנטשער רבי איז געווען אַן איש תמים און פול מיט האַרץ. ער האט געהאט א מתיקותדיק קול און פרייטיק צונאַכטס, ביים טיש, פלעגט ער אליין זינגען זמירות. זיין זינגען „מה ידידות" און בפרט „מעין עולם הבא" פלעגט ארויסרופן גרויס התעוררות ביי די חסידים.

פרייטיק צונאַכטס ביים טיש, פארן זאגן תורה, פלעגט ער ברומען אין דער שטיל א ניגונדל. זיין פנים פלעגט אָנגעצונדן ווערן און ווען ער האט אנגעהויבן צו זאגן תורה, פלעגט ער זיך פאַרהאַקן אין די ווערטער, אזוי אז ס׳איז שווער געווען צו פארשטיין די תורה. ס׳איז אבער געווען א געטרייער חסיד, ר׳ חיים פעפער, וואס האט געקאנט אויפכאַפּן די קלאנגען און די האלבע ווערטער פון פלאַנטשער רבין און ער האט די תורה דערנאָך איבער־געחזרט פאר די חסידים.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האט דער פלאַנטשער רבי געפליכטעט מיט זיין בני בית קיין בודאפעסט, אונגארן. און נאך דער מלחמה האט ער זיך באזעצט אין ריישע און דאָרט אויפגעשטעלט זיין רבישן הויף.



דער פלאַנטשער רבי
ר׳ אברהם חיים הארוויץ

דער פלאַנטשער רבי איז נפטר געוואָרן ערב ראש חודש חשון תרע"ט (1919). (א טעות — עס דאַרף זיין 1918 — די רעדאַקציע)..

דער פלאַנטשער רבי האָט געהאַט דריי זין: ר׳ דוד, פשעצלאַווער רב, וועלכער איז געווען דערנאָך רב אין ריישע (ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם); ר׳ שלמה, וועלכער איז געווען אן איידעם פון רבין ר׳ יחיאל, קאָפּשעווניצער רבין (ער איז נפטר געוואָרן יונג) און ר׳ אליעזר, וועלכער איז געווען רב און רבי אין גראָדזשיסק און האָט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווינט אין טאַרנע. אויך האָט ער געהאַט דריי טעכטער. איין איידעם איז געווען דער סאַטמאַרער רבי, ר׳ יואליש טייטלבוים (זיין ווייב מיט די קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן).

דער גראָדזשיסקער רבי, ר׳ אליעזר, האָט חתונה געהאַט ווען ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר. ער האָט געגעסן קעסט ביי זיין שווער, דעם בוקאָווסקער רבין.



דער גראָדזשיסקער רבי
ר׳ אליעזר האָראָוויץ

אין יאָר תרס"ט (1909), ווען דער בוקאָווסקער רבי איז נפטר געוואָרן, איז ר׳ אליעזר געוואָרן רב אין גראָדזשיסק, א שטעטל אין מערב גאַליציע נעבן טאַרנע (טאַרנאָוו).

דער גראָדזשיסקער רבי ר׳ אליעזר האָט אין טאַרנע געוווינט אויף דער גראַבאָור־גאַס, אביסל ווייט פון צענטער פון שטאָט און דאָרט האָט ער געפירט רביסטווע.

דער גראָדזשיסקער רבי האָט געהאַט צוויי זין און דריי טעכטער: ר׳ משה, וועלכער איז געווען אן איידעם פון ר׳ יוסף האָראָוויץ פון קראָס (ער איז יונגערהייט נפטר געוואָרן), ר׳ דוד, וועלכער איז געווען אן איידעם פון ר׳ מרדכי־זאב האַלבערשטאַם, רב אין גריבאָוו; די טאָכטער הענע, וועלכע איז געווען דאָס ווייב פון ר׳ משה טייטלבוים



הרב ר׳ משהלע האָראָוויץ, דער פלאַנטשער רב, זון פון גראָדזשיסקער רבין



הבחור אברהם חיים האָראָוויץ, דער זון פון ר׳ משהלע האָראָוויץ

פון קראָקע; די טאָכטער אלטע־חיה, וועלכע איז געווען די רביצין פון ראָזוואַדאָווער רב און רבין ר׳ משהלע האָראָוויץ (זיי זענען מיט זייער בני בית אומגעקומען אויף קדוש־השם), און רבקה, וועלכע איז געווען די פרוי פון הרב ר׳ דוב־בער פערשטמאַן, דער רעדאַקטאָר פון דאָס „יידישע וואָרט" אין זאַמאָשטש־וואַרשע.

ווען די דייטשן זענען אריין קיין טאַרנע, האָבן זיי ארויסגעגעבן גזירות אויף יידן, איינע שווערער פון דער

צווייטער, כדי צו פאַרביטערן דאס לעבן פון די יידן. אין יענער שרעקלעכער צייט האבן די דייטשן געזוכט אומצוברענגען די גייסטיקע מנהיגים פון די יידן — די רביים — דערנאָך וועט שוין פאר זיי זיין לייכטער צו שיקן אלע יידן פון טאָרנע אין די גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ.

האבן די רביים געזוכט ווו זיך צו באהאלטן.

דער גראדזשיסקער רבי איז געלעגן באהאלטן אין א בונקער אויף דער לעמבערגער גאַס נומער 10, ווו ס'האט געוווינט זיין געשוועסטער־קינד דער זשאַבנער רבי, ר' אליעזר אונגער הי"ד.

„די דייטשן האבן זיך אריינגעריסן אין הויף און האבן אַנטדעקט דעם בונקער. זיי האבן אריינגעוואָרפן א גאַז־באָמבע אין דעם בונקער און דער גראדזשיסקער רבי האט געמוזט ארויסגיין פון בונקער".

לויט ווי עס גיט איבער אין א בריוו מרדכי עבערשטארק, איינער פון די שארית הפליטה פון טארנע, וועלכער וווינט אין אנטווערפן (בעלגיע), איז דאס געווען אין ראש השנה, אבער ער מאַכט א טעות אין דער דאטע: דאס איז געווען י' כסלו תש"ג, (1942).

„דער גראדזשיסקער רבי איז ארויס פון בונקער. ער האט געהאט זיין בארד און פיאות, כאָטש די דייטשן האבן געהאַט אַרויסגעגעבן א באפעל, אז אלע יידן מוזן זיך אָפּשערן די בארד און פיאות.

„די דייטשן האבן דעם גראדזשיסקער רבין צוגעשטעלט צו דער וואַנט און האבן אים געזאגט, אז אין 10 מינוט וועט ער דערשאָסן, אויב ער האט עפעס א ווונטש, זאל ער עס זאגן.

„דער גראָדזשיסקער רבי האט געבעטן מען זאל אים ברענגען דאס כאַלאַטל, וואס ער האט בירושה פון זיין פאטער, דעם פלאנטשער רבין און זיין טלית. דער גראדזשיסקער רבי האט אָנגעטון זיין פאטערס כאלאטל און דעם טלית און ווען ער האט געזען, אז די דייטשן צילן אויף אים מיט די רעוואָלווערן, האט ער א געשריי געטון ,שמע ישראל', וואס האט אָפּגעהילכט אין אלע ארומיקע הייזער און אין אלע בונקערס, ווו יידן זענען געווען באהאלטן.

„אין דעם טאג האבן די דייטשן דערשאָסן 3500 יידן, אין די שטובן, אויף די הייף און אויף די שטיגן.

„ביים איבערפירן די מתים אויפן בית החיים האט איין חסיד גענומען דעם הייליקן גוף פון קדוש, דעם גראדזשיסקער רבין און האט אים געבראכט צו קבר ישראל.

אט מיטן התלהבותדיקן געשריי ,שמע ישראל' איז דער גראָדזשיסקער רבי אומגעקומען אויף קידוש השם, הי"ד.

(דער זשאַבנער רבי, ר' אליעזר אונגער, אומגעקומען אויף קידוש השם. — ארויסגענומען פון דעם בוך „ספר קדושים" פון מנשה אונגער, ניו־יארק 1967).

דער זשאַבנער רבי, ר' אליעזר אונגער, איז געווען א זון פון רבין ר' שלום דוד אונגער זצ"ל.

די זשאַבנער רבישע דינאסטיע ציט זיך פון רבין ר' מרדכי דוד אונגער, זצ"ל, פון דאָמבראָווע (מערב גאליציע), וועלכער איז געווען א תלמיד פון רבין ר' יעקב־יצחק האראוויץ, גערופן דער „חוזה" פון לובלין..

די זשאַבנער רבישע גזע איז געווען פארצווייגט מיט די באגרינדער פון חסידות אין פוילן און גאליציע. דער זשאַבנער רבי איז געווען אן אָפּשטאַמער פון רבין אלימלך פון ליזשענסק, פון רבין ר' ישראל — דעם קאָזשעניצער מגיד, פון ראָפּשיצער רבין ר' נפתלי צבי האראוויץ. דער זשאַבנער רבי ר' יעקב־יצחק זצ"ל איז געווען אן איידעם פון רבין ר' מאירל האראוויץ פון דזשיקעוו ,וועלכער איז געווען איינער פון די גדול ישראל. דער דזשיקעווער רבי, ר' מאירל זצ"ל, האט מחבר געווען די ספרים „אמרי נועם" אויף תורה און שאלות ותשובות.

דער זשאבנער רבי, ר' שלום־דוד זצ"ל, האט פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווינט אין טאָרנע.

דארט האט אויך געוווינט זיין זון, דער זשאַבנער רבי, ר' אליעזר אונגער, וואס איז אומגעקומען אויף קידוש־השם.

ווי נאר די דייטשן האבן פארכאַפּט טאָרנע, האבן זיי אנגעהויבן צו ליקווידירן די יידן פון די ארומיקע שטעטלעך. זיי האבן ארויסגעשיקט די יידן פון דאמבראווע, שטוטשין, זשאַבנע און אנדערע שטעטלעך. א גרויסע צאל יידן האבן די דייטשן דערהרגט אויפן אָרט און די אנדערע אריינגעשטופּט אינעם געטאָ, וואס די דייטשן האבן געשאַפן אין טאָרנע. און באַלד האבן זיי אנגעהויבן די אקציעס אין טארנע גופא.

דעם 9־טן סעפטעמבער 1939 האבן די דייטשן, לכבוד זייער אָנדענק־טאָג פון פוטש, וואס זיי האבן דורכגעפירט, געפייערט זייער שוואַרצן יום־טוב מיט פארברענען אלע שולן, בתי־מדרשים און קלויזן אין טאָרנע.

די דייטשן האבן פארברענט אין דעם דאזיקן טאג די „אלטע שול", וואס איז געבויט געווארן אין יאר 1582 (בעת מיין באזוך אין טארנע אין יאר 1960, האב איך געטראפן שטיין בלויז דעם באַלעמער פון דער „אַלטער שול", וואס איז געווען פון געפלאָכטענעם אייזן, אלס א מאָנומענט, ארומגערינגלט מיט א גערטנדל, וואס די שטאָט־פאַרוואַלטונג אין טארנע האט אויפגעשטעלט), דער בית־המדרש נעבן דער שול, דעם טעמפל, דבורה מענקעס שול, די שול אויף דער סטרושינע גאס, די „גרויסע קלויז", די פארשידענע חסידישע קלויזן, די שול אויף דער גראבאָווע, די „,טרעגער־שול" אויף דער גראבאווסקי און אלע שולן אויף דער יידישער גאַס, צוזאמען מיט די ספרי־תורות און טויזנטער און טויזנטער ספרים.

ווען די דייטשן האבן ארויסגעגעבן א באפעל, אז די יידן מוזן פארלאזן זייערע וווינונגען און אריין אין געטאָ, האט דער ראַבינאַט אין טארנע ארויסגעגעבן א קול־קורא, אז יעדער ייד זאַל פאַסטן און אויב איינער קאָן נישט פאַסטן, זאל ער געבן אויסלייז־געלט צו שטיצן די אָרעמע יידן.

דער ערשטער מוראדיקער, אכזריותדיקער אַקט פון די דייטשן, וואס האט געמאכט אויפציטערן אלע יידן אין שטאט, איז געווען דאס ארוסנעמען א צען טויזנט יידן און זיי אויסשטעלן אויפן מאַרק־פּלאַץ. זיי האבן אלע געדאַרפט קניען און דערנאָך זענען זיי דערשאָסן געווארן. בלוט האט גערונען אין די רינשטאָקן. דער דייטשער מערדער, דער אָנפירער פון דער מאַסן־שחיטה, האט ארויסגענומען זיינע צוויי קינדער, זיי זאָלן זען ווי אזוי מען שיסט יידן..

און פארנאכט, ווען די צען טויזנט קדושים זענען געלעגן דערשאָסענע, האט דער דייטשער קאָמאַנדיר זיך געהייסן געבן א בעקן וואסער און א ריין האנטעך. ער האט זיך

אָפּגעוואַשן די הענט פון „יידן־בלוט" און איז מיט די קינדער אוועקגעפאָרן צו אַ קאָנצערט.

אין יענער שרעקלעכער צייט האָבן די רביים געזוכט און אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן. די רביים האָבן געוווּסט, אַז זייערע נעמען געפינען זיך די ערשטע אויף דער ליסטע פון געסטאַפּאָ זיי אומצוברענגען.

חסידים זענען אַריין צום זשאַבנער רבין און האָבן אים געבעטן ער זאָל אַוועק פון טאַרנע, ער זאָל אַריינפאָרן קיין זשאַבנע, ווו עס איז פאַר אים צוגעגרייט געוואָרן אַ זיכערער בונקער. עס איז אויך באַזאָרגט געוואָרן, אַז ער מיט זיין גאַנצער משפחה זאָל דאָרט קאָנען לעבן עד יעבור הזעם...

אָבער דער זשאַבנער רבי האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די עדה יידן אין טאַרנע.

און יעדן טאָג זענען אַרויס נייע גזירות אויף יידן. די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן כסדר נייע באַפעלן אויף די יידן, אַלץ כדי זיי צו דערנידריקן און זיי אַטראַפּירן, עס זאָל דערנאָך לייכטער זיין צו שיקן אין די טויט־לאַגערן אַריין.

אַזוי איז אַרויס אַ באַפעל אַז יידן מוזן טראָגן אָרעם־בענדער; אַ צווייט מאָל, אַז יידן מוזן זיך אָפּשערן באָרד און פּיאות.

ביז דעמאָלט האָט דער זשאַבנער רבי ר' אליעזר נאָך געהאַט אַ באָרד און פּיאות. ער איז אָפּטמאָל אין דער גאַס געגאַנגען פאַרבונדן דאָס פּנים, מען זאָל מיינען, אַז ער האָט צאָן־ווייטיק. אָבער ווען עס איז אַרויס דער באַפעל פון די דייטשן, אַז מען מוז זיך אָפּשערן די באָרד און פּיאות, זענען חסידים אַריין צום רבין און אים געבעטן ער זאָל חס זיין אויף זיין לעבן און זאָל זיך אויך לאָזן אָפּשערן באָרד און פּיאות.

דער זשאַבנער רבי האָט געהאַט אין טאַרנע אַ געטריַיען חסיד, ר' שמעון־יעקב פרידמאַן, האָט ער געבעטן ר' יעקב־שמעונען ער זאָל אים אָפּשערן די באָרד און פּיאות. אָבער דער חסיד האָט דאָס נישט געקאָנט טון...

האָט דער זשאַבנער רבי געבעטן זיין גבאי, ר' איטשע איינהאָרן, אַז ער זאָל אים אָפּשערן די באָרד און פּיאות...

דער גבאי ר' איטשע איז געווען גבאי ביים פריערדיקן זשאַבנער רבין, ר' שלום דוד אונגער זצ"ל. ער האָט געשטאַמט פון ראַזוואַדאָוו, און זיין פאָטער, ר' יוסף, איז געווען איינער פון די גבאים ביים אַלטן ראַזוואַדאָווער רבין, ר' משה האָראָוויץ זצ"ל.

ווען דעם ראַזוואַדאָווער רבינס איידעם, ר' שלום־דוד זצ"ל, האָט געגעסן קעסט ביי זיין שווער, האָט דער ראַזוואַ־דאָווער רבי געבעטן דאָס יונגע בחורל, איטשע, ער זאָל זיין זיין איידעמס משמש.

נאָכן פאַרענדיקן עסן קעסט אין ראַזוואַדאָוו האָט דער זשאַבנער רבי שוין געהאַט צוויי קינדער, דעם בכור ר' אליעזר און די טאָכטער פּערל (זי איז געווען די רביצן פון היינטיקן בלאַזשעווער רבין ר' ישראלטשע שפּירא פון ברוקלין, ניו יאָרק; זי איז אומגעקומען אויף קידוש־השם אין די גאַז־קאַמערן פון בעלזשעץ, ז' חשוון 1942), האָט זיך דער זשאַבנער רבי אַריבערגעצויגן קיין זשאַבנע און דאָרט געוואָרן רב און רבי אויפן אָרט פון זיין פאָטער, ר' יעקב יצחק אונגער זצ"ל. האָט דער שווער זיינער, דער ראַזוואַדאָווער רבי, מיטגעגעבן דעם משמש ר' איטשע פאַר אַ גבאי.

ר' איטשע האָט חתונה געהאַט אין זשאַבנע און איז געוואָרן דער משמש בקודש אינעם זשאַבנער הויף. ער איז אַלע יאָרן געווען דער הויפּט־גבאי ביים זשאַבנער רבין.

אין אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דער זשאַבנער רבי, ר' שלום דוד, איז מיט זיין גאַנץ בני־בית אַנטלאָפן פון די רוסן קיין ווין, ווו ער האָט געהאַט אַ סך חסידים און אַן אייגענעם קלויז, האָט ער אויך מיטגענומען ר' איטשע גבאי. אַזוי איז ר' איטשע גבאי כל־ימיו געווען צוגעבונדן צום זשאַבנער רבין.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער זשאַבנער רבי, ר' שלום־דוד זצ"ל, זיך באַזעצט אין טאַרנע.

דער זשאַבנער רבי, ר' שלום־דוד זצ"ל, האָט געשמט פאַר אַ גאון. צו פינף און דרייסיק יאָר האָט ער געשריבן הגהות אויף זיין זיידנס ספר: „שאלות ותשובות אמרי נועם", חלק ראשון פון רבין ר' מאירל האָראָוויץ זצ"ל פון דזשיקעוו, נישט אָנגעבנדיק זיין נאָמען. אויך האָט דער זשאַבנער רבי אַרויסגעגעבן זיין שאלות ותשובות ספר „יד שלום" אָן זיין נאָמען (געדרוקט אין טאָלטשע, אונגאַרן, תרע"א, 1911). „יד" באַטרעפט „דוד" אַזוי, אַז אין דעם נאָמען פון ספר איז זיין נאָמען. (דאָס ספר „יד־שלום" ווערט איצט איבער־געדרוקט אין ניו־יאָרק).

דער אַלטער זשאַבנער רבי זצ"ל איז נסתלק געוואָרן אין ווין ב' דר"ח אלול, תרפ"ג (1923). דער אָרון איז געבראַכט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן צוג קיין זשאַבנע און ער איז באַהאַלטן געוואָרן אינעם אוהל פון זיין פאָטער.

די חסידים האָבן געקרוינט זיין עלטסטן זון ר' אליעזר (דעם זשאַבנער רבינס צווייטער זון; ר' ישראלקע זצ"ל, איז געוואָרן רב און רבי אין זשאַבנע. ער איז נפטר געוואָרן אין ניו־יאָרק ראש חודש כסלו 1936. זיין רביצין חיהטשע, דעם סאַנדזער רבס, ר' אריה לייב האַלבערשטאַמס טאָכטער, איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין בני־בית דורך די דייטשן, הי"ד) פאַרן רבין און דער גבאי, ר' איטשע איז געבליבן גבאי ביים רבין ר' אליעזר אין טאַרנע.

דער אַלטער ר' איטשע גבאי האָט געדאַרפט אָפּשערן דעם זשאַבנער רבין ר' אליעזר די באָרד און פּיאות, ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן דעם באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן זיך שערן באָרד און פּיאות.

דער גבאי ר' איטשע האָט זיך פאַרמאַכט מיטן רבין אין אַ באַזונדער שטיבל און דער גבאי האָט אָנגעהויבן אָפּצושערן דעם זשאַבנער רבין די באָרד און פּיאות. ביים שערן איז דער גבאי געפאַלן אין חלשות און די חסידים האָבן אים געמוזט אָפּמונטערן...

דער זשאַבנער רבי האָט די ערשטע צייט אונטער די דייטשן געפירט טישן כמעט יעדן שבת אין געהיים.

ווען די נאַציס האָבן אָנגעהויבן די מלחמה קעגן סאָוויעטן־פאַרבאַנד, האָט זייער רציחה קעגן די יידן שוין מער נישט געהאַט קיין גרענעץ. זיי האָבן יעדן טאָג געכאַפּט יידן צו דער אַרבעט, און ביי דער אַרבעט זיי אַזוי שטאַרק געשלאָגן, אַז אַ סך פון די יידן זענען שוין מער נישט צוריקגעקומען...

און איינמאָל זענען דייטשע סאָלדאַטן אַריין צום זשאַבנער רבין אין שטוב און האָבן געכאַפּט דעם רבין, ער זאָל מיט זיי מיטגיין צו דער אַרבעט.

אין שטוב איז געווען ר' איטשע גבאי, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ ייד אַ זקן. האָט ער נישט געוואָלט

לאזן דעם רבין גיין אליין, עד האט געוואלט מיטגיין מיטן רבין, צו פארלייכטערן דעם רבין ביי דער ארבעט.

איז ר׳ איטשע גבאי צוגעלאפן צו די דייטשע סאלדאטן און זיך געבעטן: „נעמט מיך אויך מיט!"

די דייטשע סאלדאטן האבן נישט פארשטאנען די כוונה און האבן פארחידושט געקוקט איינער אויפן צווייטן:

„דאס ערשטע מאל ווי א שמוציקער יודע בעט זיך מען זאל אים נעמען צו דער ארבעט... דו מוזט זיין זיין פאטער, דערפאר וועסטו טאקע נישט מיטגיין" — האבן זיי זיך צעלאַכט אויף א קול — „דו וועסט קרעפירן דא אויפן אָרט און נישט ביי דער ארבעט!..."

— ניין, איך בין נישט זיין פאטער, — האט ר׳ איטשע גבאי זיך צעוויינט, — איך בין בלויז דער גבאי! — איז ער געפאלן צו די פיס פון רבין און האט זיך צעהעשט אויף א קול. — א גבאי קאן נישט לעבן אָן א רבין. איך וויל מיטגיין מיטן רבין!

און די דייטשע מערדער האבן „רחמנות" געהאט אויף ר׳ איטשע גבאי און האבן אים אויך מיטגענומען צו דער ארבעט...

ביי דער ארבעט האבן די דייטשע רוצחים אזוי מערדערלעך צעמזיקט דעם רבין און דעם אלטן ר׳ איטשע גבאי, אז ביידע זענען געווארן זייער קראנק פון די קלעפּ.

אין טארנע איז געווען א זקן, ר׳ יחיאל־מאירל, וועלכער האט געדאווענט ביים רבין ר׳ ישראל־יאסעלע אונגער זצ"ל. ער האט אויף זיך גענומען די הייליקע עבודה מקבר צו זיין די טויטע. אין שטאָט האט געהערשט א מוראדיקע טיפוס־עפּידעמיע, זענען א סך יידן געשטאָרבן. אויך האט די געשטאַפּאָ דערשאסן יידן אויף די הויפן, ווו זיי האבן געוווינט און זיי פלעגן ארויסרופן מיטגלידער פון חברה קדישא זיי זאלן מקבר זיין די טויטע. די מיטגלידער פון דער חברה קדישא האבן מורא געהאט צו קומען אין הויף אריין. אבער דער זקן ר׳ יחיאל־מאירל האט זיך מער פאר גאָרנישט געשראקן. ווען די געשטאַפּאָ־רוצחים גאמעלמאן, פאָן האלטקע און גרונאוו, זענען געקומען אין געטאָ נאך פרישע קרבנות, האט דער זקן יחיאל־מאירל נישט מורא געהאט צו לויפן אין דער קיך פאר ארעמע, כדי אהיים־צוברענגען א לעפל געקעכטס פאר זיינס א קראנקן שכן...

און אין עטלעכע טעג ארום, נאכדעם ווי דער גבאי ר׳ איטשע איז פרייוויליק געגאנגען צו דער ארבעט צוזאמען מיטן רבין, איז ער נפטר געווארן און מיט זיין קבורה האט זיך מתעסק געווען דער זקן ר׳ יחיאל־מאירל.

וועגן אומקום פון זשאַבנער רבין ר׳ אליעזר, הי"ד, אויף קידוש השם דערציילט אין אַ בריוו א טארנער ייד מ. עבערשטארק, וועלכער האט זיך געראטעוועט. מ. עבערשטארקס פאטער איז געווען א זשאַבנער חסיד. ער שרייבט, אז „שוין אין נאוועמבער 1939 האבן די דייטשן געכאַפּט אייער ברודער, דעם זשאַבנער רבין, צו דער ארבעט. זיי האבן אים געפירט איבער דער קראקעווער גאס. זיי האבן פון אים געמאכט א פורים־שפּיל און האבן אים מוראדיק געשלאגן. איך געדענק אויך ווי אייער ברודער, ר׳ אליעזר, איז דעם 2־טן סעפּטעמבער 1943 געגאנגען צו דער אויסזידלונג צופוס צום באנהויף מיט נאך צען טויזנט יידן. די דייטשן האבן די יידן אריינגעשטופּט אין לאַסט־וואַגאָנען, הונדערט און זעכציק מענטשן אין איין לאַסט־וואַגאן.

„אויפן וועג איז דעם זשאַבנער רבין אַראָפּגעפאַלן דער קאַפּעליוש. ער האט אים געוואלט אויפהייבן, אבער די דייטשן האבן אים שרעקלעך געשלאָגן און נישט געלאזט אים אויפהייבן זיין קאפּעליוש.

„דער זשאַבנער רבי איז געגאנגען צוגעדעקט מיט ביידע הענט זיין קאָפּ, ער זאל נישט גיין בגלוי־ראש און בלוט האט גערונען פון זיין קאפּ און פנים...

„די דייטשן האבן אָנגעפילט די לאסט־וואַגאָנען מיט 40 סענטימעטער קאלך, אַזוי אז ווען דער צוג מיט די לאַסט־וואַגאָנען איז אנגעקומען קיין באָכניע, האבן שוין אלע געהאַט אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות. בלויז דריי קליינע קינדער זענען געבליבן לעבן..."

אט אויף אזא אכזריותדיקן אופן איז דער זשאַבנער רבי, ר׳ אליעזר אונגער, הי"ד, אומגעקומען אויף קידוש־השם, צוזאמען מיט זיין רביצין אדעלע, וועלכע איז געווען די טאכטער פון קראסנער רבין ר׳ אהרעלע טווערסקי, מיט זיין טאָכטער לאהטשע און זייער עלף יאריק יינגעלע מאָטעלע (מרדכי דוד) הי"ד.

געבליבן לעבן איז בלויז זיין טאכטער גיטעלע, וואס האט זיך געראטעוועט פון דעם טויט־לאגער אין אוישוויץ און זיין עלטסטע טאָכטער, מלכהלע (פון זיין ערשטער פרוי), וואס איז נאך פאר דער 2־טער וועלט־מלחמה אוועק קיין ארץ־ישראל.

יצחק ווינד

חיפה

אזוי זענען חסידים געפארן צים פלאַנטשער רבי

אויף א שבועות, סוכות — זענען אנגעקומען הונדערטער חסידים צום פלאנטשער רבי.

פאר דער מחלוקה מיטן שטאָט־רב זענען ביי אונדז אויך איינגעשטאנען 20 — 15 חסידים. עס איז געווען תמיד געגנוג פלאַץ אין די שפּייכלערס פון אייער, אויך ביים זיידן אין שטוב. קיין שטרוי האט נישט געפעלט, — האָלץ־שניט, וואס מען האט געהאט צום פארפאקן אייער.

פאר אזא יום־טוב האט מען ביי אונדז געמאכט גרויסע פאָרבארייטונגען: ס׳וועלן דאָך קומען פיל חסידים, האָט יעדער געוואָלט טון א מצוה. משרתים זענען געווען, האט מען אנגעשטופּט שטרוי אין זעק און געמאכט עס פאר געלעגערס.

אין שטעטל זענען קיין האָטעלן נישט געווען, אבער וויפל ס׳זאלן נישט האבן געקומען חסידים צום רבין — ס׳האט געמעגט זיין 600־500 — זענען זיי אין דרויסן נישט געשלאפן. בלית־ברירה האט מען בלויז געמוזט אויסבעטן אין קלויז, אין בית־המדרש און דער עיקר ביים רבין אליין.

דאס איז גראד געווען סוכות: ביי אונדז זענען איינגעשטאנען זעכצן חסידים, וואס זענען געקומען צום פלאַנטשער רבין. אלעמען האט מען אויסגעבעט ביים זיידן אין שטוב.

ס׳איז געווען אויך א יאר־סוכה. הינטער דער סוכה איז געווען א קעלער מיט וואסער, אבער נישט קיין טיפער — ביז 50 צענטימעטער.

שפעט ביינאכט זענען די חסידים אהיים געקומען פון רבין — לוסטיק, פריילעך, פיל ביר געטרונקען. צווישן 3—4 ביינאכט, האבן מיר דערהערט קרעכצן, שרייען, דאן — וויינען און נאך העכערע געשרייען. דער פאטער איז אראפ־געלאפן זוכן (מיר קינדער זענען געשלאפן אלע 4 אין איין צימער); איך לויף אויך, כאטש יום־טוב — כאפ איך א ליכט, און וואס האבן מיר דערזען?

פון פיל טרינקען, אדער פון קעלט, זענען דריי־פיר ארויסגעגאנגען. דערווייל האט מען אויפגעמאכט דעם קעלער און פארגעסן עס צומאכן. זענען די ערשטע פיר אריינגעפאלן. די אנדערע זענען גענאנגען צו ראטעווען, דערהערנדיק קרעכצן און רופן, זענען זיי אויך אריינגעפאלן. ביז דער פאטער און איך — מיט דער ליכט אין דער האנט — זענען געקומען, זענען שוין אלע זעכצן געלעגן אין קעלער, איינער אויפן אנדערן, און מיין אלטער זיידע — כמעט א סגינהור — אויף זיי. ביי דער גאנצער טראגעדיע האם איך לאנג לאנג געלאכט ווען איך האב זיך דערמאנט דעם סוכות.

די תלמוד תורה אין שטעטל

די אלטע יידישע לאזונג „תלמוד תורה כנגד כולם", האט געשלאגן ווארצלען אין אונדזער שטעטל. פון צייט צו צייט האט מען געפרוווט שאפן א תלמוד־תורה. אזוי ווערט דערמאנט צווישן די יידישע אינסטי־טוציעס פון יאר 1900־1902 די תלמוד־תורה.

אין די יארן 1921־1922, געדענק איך, האט אין שטעטל עקזיסטירט א תלמוד־תורה געטיילט אויף כיתות (קלאסן). ס'האבן דארט געלערנט די שטעטלדיקע, ווי אויך געבראכטע פון קאָנגרעס־פוילן מלמדים. די תלמוד־תורה האט באדארפט צו זיין א ביסל רעפארמירט אין איר לערן־שיטה — אין קעגנזאץ צום חדר. מען האט איינגעפירט עקזאמענס, מען האט געגעבן צייגנישן, ס'האט געזאלט טראגן אביסל דעם כאראקטער פון א מאדערנעם לערן־אַנשטאַלט.

די תלמידים פלעגן גיין שבת זיך פארהערן צו א צוגעטיילטן עקזאַמינאַטאָר און נישט איינמאל פלעגט דער ראדאמישלער רב, ר' חיים ענגיל ז"ל, קומען מיט א פאר יידן למדנים פארהערן די תלמידים.

צו דער פארוואלטונג פון דער תלמוד־תורה האבן דעמלט געהערט די פני פון שטעטל. די הויפט־גבאים זענען געווען ר' שאול בעטהייל און ר' נפתלי שנור.

עס זענען געווען צייטן ווען די געזעלשאַפט „תלמוד־תורה" האט נישט געהאט אירע לערן־אנשטאלטן, נאר זי האט זיך פארנומען מיט אויסהאלטן ארעמע קינדער, וועמענס עלטערן האבן נישט געקאנט באצאלן דעם שכר־לימוד פון זייערע קינדער, ד. ה. די יינגלעך האבן געלערנט ביי פארשידענע מלמדים אבער דעם שכר־לימוד פאר זיי האט באצאלט די תלמוד תורה. אויך אין די צייטן איז דער הויפט גבאי געווען ר' שאול בעטהייל.

מ. א.

בלומע בערנשטיין (עבענהאלץ)

אזור

דער אומקום פון מיין משפחה און די „בנות אגודת ישראל"

ווען די ערשטע פאַטראָלן דייטשן ימ"ש, זענען אריינגעקומען פרייטיק פאר נאַכט, צו ליכט בענטשן, זענען מיר גראד געשטאנען ביים אנצינדן די ליכט. מיין מוטער ע"ה, מיין מומע צביה פון קעלן ע"ה און איך; איז צוגעקומען צום פענצטער אַן ס.ס. מאַן מיטן רעוואָלווער אויסגעשטרעקט און האט געזאגט, אַז מיר זענען מתפלל היטלער זאָל פארלירן די קריג, זאָלן מיר גוט פארהענגען די פענצטער...


א פאר שעה שפעטער זענען אריינגעקומען עטלעכע ס.ס.־לייט און האבן געזאגט, אז אלע מענער פון 18 ביז 45 יאר זאלן גלייך מיטגיין מיט זיי. ס'זענען ביי אונדז געווען מענטשן פון טארנאוו, פון קראקע, מען האט די מענער אוועקגענומען, ווי אויך מיין מאן שיח'י עמו"ש. מען האט זיי אלע איינגעזעצט אין דער קירך. דאס וויינען און דאס שרייען א גאנצע נאַכט איז זיך נישט פאָרצושטעלן. יעדע ווילע האט מען געהערט שיסן. דעם זעלבן שבת האט מען אין קירך געשאָסן דעם מישלינצער שוחט ע"ה, אַ פאָטער פון 11 קינדער.

זונטיק אין דערפרי זענען מיר, עטלעכע פרויען, געגאנגען צו דער קאמענדאטור און געזאגט: „אונדזערע מענער זענען פון דער באַערדיקונגס געזעלשאַפט און זיי מוזן זיין אויפן פרידהויף". איך מיט ראַצע שעכטער ע"ה (דינסטיג) זענען געווען די ערשטע און עס איז אונדז געלונגען אונדזערע מענער ארויסצונעמען. מיר האבן זיך אונטערגעשריבן אז זיי וועלן צוריק קומען אין דער קירך. אבער דעם זעלבן זונטיק האט מען ארויסגעלאָזט אלע געפאנגענע. דעמאָלט האט זיך אנגעפאנגען די ריכטיקע בהלה. מענטשן זענען געלאָפן אהין און צוריק. מען האט נעבעך נישט געוווסט ווו צו לויפן.

אין דער זעלבער צייט האט חתונה געהאט חייטשע רייכמאן ע"ה מיט מיין מאנס חבר ראזענצווייג, א טייערער בחור. איך בין געווען ביי דער חופה — ממש חורבן בית המקדש. דאס וויינען, דאס קלאָגן אויף דער חתונה — מען האט פארגעזען דעם חורבן. זי האט נאך געבוירן אַ קינד און דאן זענען זיי אלע אומגעקומען.

מיין ליבער פאטער ז"ל איז אומגעקומען אין טארנאוו, אין 1943, צוזאמען מיט מיין ליבער מוטער ע"ה, ווי אויך דער זשאַבנער רב זצ"ל. מיין פאטער האט אויסגעהאלטן דעם זשאַבנער רב. זיי האבן געלעבט די גאנצע צייט ווי ברידער. מענדל שוועבער יח'י, דער איידעם פון ר' אברהם חיים טאפעל, האט מיר דערציילט, אז ער האט געבראכט פאר מיין פאטער ארישע פאַפירן און מיין פאטער האט פארלאנגט ער זאל ברענגען אויך פאר מיין מוטער און פארן זשאַבנער רב. מען האט זיי צוזאמען אויסגעזידלט. מיין שוועסטער, שרה ע"ה, מיט איר טייער קינד, יוסף יהודה ע"ה, זענען אומגעקומען אין באכניע, אין יאר 1943. מען האט זיי ביידע צוזאמען געשאָסן דעם צווייטן טאג סוכות. ווי אויך מיינע צוויי שוועסטערס, רחל ע"ה און ראצע ע"ה, זיי האט מען אוועקגעפירט קיין בעלזשעץ.

א בריוו געשיקט פון דער ראדאמישלער תלמוד־תורה צו אונדזערע לאנדסלייט אין אמעריקע.



ב"ה
Radomyślwielki

טײַערע געעהרטע הערען [illegible] פייגענבוים - ראובן לאנדוי [illegible]
מיר נעמען אייך מיטצוטיילען, דאס מיר האבען איצט 6 חדשים געגרינדעט,
א חברה תלמוד-תורה, דאנק פון תלמוד-תורה [illegible], אבער אונזערע
וואוילטעטיגע אינסטיטוציאן, איז אונזער חברה און פארמעגען,
פון תלמידים פערשטעהען און קענען מיט דעם לימוד, אבער פון
גרויסע משפחה- און פינאנציעלע- קאנדיציאנען, אבער מיר מוזען
ליידער זעהען אז פון [illegible] לאגע מאכט אונז אויפמערקזאם
פון תלמוד תורה צו פיהרען, דען מיר האבען [illegible] 100 [illegible]
קינדער, וואס שטעהען פערלאזען, און קענען נישט באצאהלען דעם
שכר-לימוד, און [illegible] ליידער, חוץ-מזה [illegible]
מיר אויך דעם נאמען פון אונזער [illegible]
נאמען [illegible] אונזערע פריינטשאפט [illegible]
[illegible] אונזערע כוחות, איהר [illegible] אונטערשטיצונג
און [illegible] פון גרויסע [illegible]
[illegible] און חסד [illegible] אונזערע [illegible]
[illegible], מיר [illegible] פון תלמוד-תורה [illegible]
אונזערע קינדער צו [illegible] פון אונזערע
[illegible] פון תורה- און חכמה, לחיזוק השם!!!
אונז [illegible], [illegible]
[illegible] כוח, און דעם זכות וואס איהר ווערט
אונטערשטיצען, דעם כבוד- ישראל- [illegible] פון אונזער [illegible].
ווינט אייך [illegible] כל טוב וברכת [illegible] וחתימה טובה.
[illegible] פיר מלמד- [illegible]
Saul Bedel Radomyślwielki
Małopolska.

[illegible]

[illegible]

מיין ברודער יחיאל ע״ה, האט חתונה געהאט מיטן רומאַנעווער שוחטס טאָכטער, חיה קירשענבוים. זיי האבן געהאט 2 קינדער — מלכה־חנה און סערל. זיי זענען אומגעקומען אין פאדגוזש (קראקע).

מיין ברודער מענדל יח׳, זאל זיין געזונט, האט פארלוירן זיין פרוי מינדל ע״ה און זיינע פינף קינדער:

יצחק ברוך, רבקה, רחל, אלי, שרה פערל, ע״ה.

מיין יינגסטער ברודער, לוי יצחק, ע״ה, איז אומגעקומען אין טאג פון באפרייונג אין סטראמסטריט, אין דייטשלאַנד. ער האט די גאנצע מלחמה איבערגעלעבט, אנדערע געהאָלפן, ער האט געארבעט ביים פארבן אעראָפּלאַנען.

איך וויל מיטטיילן עפעס וועגן די ראדאמישלער בנות אגודת ישראל.

אזוי ווי עס איז קיינער נישט געבליבן פון די ראדאמישלער בנות אגודת ישראל מיידלעך, נאר איך, האַלט איך פאר מיין חוב צו שרייבן א פאַר ווערטער וועגן זיי. די נעמען זייערע זענען:

1. שרה דארף
2. פייגע שלייכער (וויגדאָר)
3. נחמה ריינער
4. חיה רייכמאן
5. דאָכע שמידט
6. חיה וואָלף
7. חייה בערקאָפּף תח׳
8. פייגע ווינד
9. קיילע שעכטער
10. שרה נאטאוויטש
11. בלומע עבענהאָלץ תח׳

די קלענערע כיתה זענען געווען:

מרים וואָלף, לאה בעטייל, בריינדל שעכטער, רבקה האָפּשטעטער, מינדל פריד מיט די שוועסטער, יענטע קאָך, בלימע קלאגסבאלד, איטשע זינגערס מיידלעך, צביה רחלס, פרומע ווינד מיט די שוועסטער, חנה בראנד, קיילע רייכמאן, חיה וואָלף, חוה רייכמאן, ראַצע עבענהאָלץ, רבקה רייכמאן, רחל עבענהאָלץ, מינדל פאדאווער, מירל האָפּשטעטער, שיינדל פאדאווער, צעראלעס טעכטער, שרה האראוויטש, חנה האָראָוויטש,ביילטשע אייזלאנד, שראוב, אלטע גרין, רבקה קליין דעם בעדערס, שרה זאַלצס מיידעלע, פריידע אייזנבערג, בלומע ווינד, נחמה גאָלדפינגער, נחה גאָלדפינגער, ביילע באַנקער, בריינדל באנקער, מלכה בראנד וואַלפ׳ס, סימע קליין, ראצע גרויס, רבקה שענקער, בירנבאום, פינטשעווסקיס, בלייכער חיה גארן.

די ערשטע לערערין אונדזערע איז געווען חוה גאלדשטאָף ע״ה. זי איז געווען א מלמדת, זייער אן אינטעליגענט מיידל, פון קראקע — איינע פון די ערשטע לערערינס, וואס האט זיך ממש מוסר נפש געווען זי איז געקומען פון קראקעווער סעמינאר, וואס פרוי שרה שענירער, די צדיקת ע״ה, האט געגרינדעט און געראטעוועט דערמיט פיל יידישע מיידלעך פון אפגרונט. זי האט געארבעט ביי טאג און ביינאכט, ארומגעפארן זומער און ווינטער, אין רעגנס און שנייען, מיט פערד און וואָגן. זי האט זייער פיל אויפגעטון פאר דער יידישקייט.

לײדער, זענען פון צווישן די ראדאמישלער נישט פיל רעליגיעזע. זיי האבן אינגאנצן פארגעסן פון וועמען זיי שטאמען. און זייערע קינדער וועלן ח״ו גארנישט וויסן פון קיין יידישקייט.



בנות אגודת ישראל: פרימעט די טאכטער פן צערל ווינד, חנהטשע בראנד, בריינדל שעכטער, די טאכטער פון חיים פרידמאן (טאטעלע)

איך דערמאן זיך, אין ראדאמישל, איז יעדע שטוב געווען כשר, אפגעהיט דער שבת־קודש, פיל איך פאר מיין פליכט צו שרייבן וועגן דעם א פאר ווערטער, מען זאל זיך דערמאנען פון דער היים.

אונדזער צווייטע לערערין אין בית־יעקב האט געהייסן רבקה לאופער, זי איז אויך געווען פון קראקע. איך דערמאן זיך, ווי גוט מיר האבן פארבראכט פרייטיק צונאכט. דאס דאווענען און שבת אין דער פרי. מיר האבן געדאווענט אין לאקאל פון בית־יעקב, וואס מיר האבן געדונגען ביי ר׳ יצחק זינגער ע״ה. אויך שלש־סעודות זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען און גערעדט דברי תורה. יעדן טאג האבן מיר געלערנט א פאר שעה. אבער לײדער, צוליב מאטעריעלע באדינגונגען, האט זיך צעפאלן די גרופע בנות — ווי אויך די בית־יעקב שולע. ס׳איז געבליבן א קליינע טייל קינדער, וואס פייגע שלייכער ע״ה האט זיי געלערנט.

אין וועד זענען געווען: רבקה קליין (דרעליך), מלכה גאלד, חנה וואלף, ביילע רייכמאן, ביילע נתן, גב׳ קלאגסבאלד, לאה קוך, צערל ווינד, פרוי טענענבאום שיינדל ווינד, מינדל בעטייל, ע״ה.

געווען אויך א פרעזידיום פון מענער, וואס האבן פיל געהאָלפן ביים גרינדן די בנות:

ר׳ יוסף פעפער, ר׳ מאיר וויגדאר, משה גאָלד, משה נאָרד, משה קאָרנפעלד, מענדל פיש, יחיאל עבענהאָלץ, שמאי שמידט, ע״ה.

מיר האבן געהאט א שיינע ביבליאטעק און מיר האבן געמאַכט פאָרשטעלונגען, וועלכע פלעגן אריינטראָגן פיל געלט.

לעצטנס אבער זענען אנדערע אָרגאַניזאַציעס געווען שטארקער און אין בית־יעקב איז זייער ווייניק געבליבן.

אגודת ישראל

נאטש די אגודת ישראל (מיט איר יוגנט־אפטיילונג „צעירי אגודת ישראל”) איז אין שטעטל אַנשטאַנען ערשט אין די יארן 1930־1929, זענען די ערשטע פרווון פון אָרגאַניזירן געמאַכט געווארן נאך אין די יארן 1926, ווען דער קדוש, דער באקאנטער אגודה שרייבער ר׳ אלימלך שטייער (אליין א מעליצער) איז געקומען אמאל קיין ראדאמישלע. ער איז געווען אַ חסיד פון שטוצינער רבין, וועלכער איז דעמאלט געקומען אויף אַ שבת אין שטעטל. ער איז מיטגעקומען מיטן רבין און ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן אַן אַגיטאַציע־רעדע פאר אן ענגערן קרייז פון בית המדרש בחורים, וועלכע האבן שוין אנגעהויבן קאַליע צו ווערן, ווי: מאָטל קליין, יענקל בראנד, משה יענקל קאך א. א. זיי האבן זיך שוין געלערנט פויליש פון וואָלקאווסקיס בריוו און אַבאָנירט דעם „נאָווי דזשענניק”. אַ גרעסערע גרופע יוגנטלעכע (אין עלטער פון 16־19 יאר) האט זיך דאַן געהאַט ארגאַניזירט צו לערנען דעם דף יומי, וועלכער איז געלערנט געוואָרן אין שול־פאליש יעדן אוונט נאך מנחה־מעריב. די צאל לערנערס איז דערגאַנגען אפילו ביז 30 און האט ארומגענומען פארשידענע שיכטן פון דער יוגנט; פון די וואס האבן אמאל געהאַט געלערנט אבער שוין אויפגעהערט (אויך דער שרייבער פון די שורות איז געווען צווישן די לערנערס פון דף יומי). דאס לערנען דעם דף יומי האט לאַנג נישט אנגעהאַלטן און אויך מיט דער אגודה איז געווארן שטיל. און ווען ביי די וואַלן פון 1928 איז ארויסגעטראטן אין אונדזער וואַל־קרייז אַ באַזונדערע אגודה־ליסטע צו די סיים־וואַלן, האט עס זיך אין ראדאמישלע בכלל נישט אָנגעזען. קיין שום אַגיטאַציע פאר דער אגודה־ליסטע איז נישט געפירט געווארן.

זומער 1928 פארט אוועק פון ראדאמישלע קיין קראקע א גרעסערע צאָל יונגלעך אין ישיבות, בעיקר אין דער ראדאמסקער. צווישן די פארערס זענען געווען יאסל אלטמאן (פעפער) ז״ל, משה גאָלד, יענקל קליין, משה וואָלף, משה קאָרנפעלד הי״ד, א. א. און ווען זיי זענען צוריק געקומען אויף א יום טוב, האבן זיי מיט זיך מיטגעבראכט די אגודהשע לאזונגען. איינציקווייז האבן זיי געשלאגן וואָרצלען ביי די בית המדרש בחורים, וואס זענען נישט געפארן לערנען, ווי ראובן דאָרף, משה נארד, מענדל פיש, מענדל בערל, ירמיהו פעדער א. א. און עס איז געשאַפן געוואָרן די אגודת ישראל. צום מיינסטן איבערגעגעבן דער זאַך איז געווען משה נאָרד, וועלכער איז געווען דער רוח החיים פון „צעירי אגודת ישראל”. נישט קיין שלעכטער רעדנער, איז ער אויך אויפגעטראטן אויף אלגעמיינע יידישע פאַרזאַמלונגען (ווי דער שטרייק נאך דער מעשה פשיטיק).

די „צעירי אגודת ישראל” האבן אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן עלטערע, וועלנדיק שאַפן אן „אגודת ישראל”. זיי האבן אנגעהויבן אריינצוציען סתם רעליגיעזע יידן און די זאַך איז זיי געלונגען. צווישן די עלטערע אגודיסטן דאַרף מען פאַרצייכנען ר׳ שאול בעטהייל (אמאל א גוטער מזרחיסט), ר׳ נפתלי שנור (אויך פון די מזרחי־טוערס און פראָפּאַגאַנדיסטן) און אַנדערע, וועלכע זענען געוואָרן חברים פון דער

אגודה, אבער עס האט זיי נישט געשאַדט אויך צו שטימען צום קאָנגרעס פון זשאַבאָטינסקיס נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

ביי די סיים־וואַלן פון 1930 זענען שוין די „צעירי אגודת ישראל” געווען ארגאניזירט און משה נארד איז ארויסגעטראטן צוזאַמען מיט ד״ר שלעזינגער ווי אַן אַגיטאַטאָר פאר דער רעגירונגס־ליסטע נומער 1.

די אגודה שאַפט אויך אין שטעטל אַ „בית־יעקב”־שול, וועלכע נעמט אַרום אַ גרעסערע צאל קינדער. ס׳געלונגט זיי צו שאַפן אַן אַקטיוו פאר דער שולע פון פרויען, וועלכע האבן זיך א לאנגע צייט גערעכנט צום ציוניסטישן לאַגער, ווי: מאַלטשע גאלד, ברײַנדל אייזלאנד, די פרוי פון חיים לייב האראוויטש, די פרוי פון יאסל קאך, די פרוי פון מלך אַמסטערדאַם א. א. זאל דאס האבן געווען די השפעה פון פרוי שרה שענירער ע״ה די גרינדערין און לייטערין פון די „בית־יעקב”־שולן אין פוילן?

די אגודה האט אריינגעפירט דעם בית־המדרש־בחור אין דעם קרייז פון לייענען צייטונגען. אמת — נאר פון איר פרעסע. עס זענען פאַרשפרייט געווארן עטלעגע עקזעמפּלאַרן פון דעם אגודהשן „יידישע טאגבלאַט”, אָרטאדאקסישע יוגנט־בלעטער”, „דרכנו” א. א.

אין אַ נאטיץ פון יידישן טאגבלאַט פון 6.1.1933 לייענען מיר: „מעליץ גאַליציע... לעצטנס איז פאָרגעקומען אַ מלווה מלכה לכבודן חנוכת הבית מיט דער באַטייליקונג פון דער ראדאמישלער צא״י ארגאניזאַציע. ס׳האט גערעדט... און די פארשטייער פון ראדאמישלער צא״י די ח״ח קאהן (יו״ר), נארד און גאלד”.

אין „דרכנו” פון א׳ כסלו תרצ״ה לייענען מיר: „ביום ג׳ א׳ מרחשון יום הלולא דמהר״ם שפירא ז״ל נערכה בקלויז דפה, אחר סיום הש״ס על ידי ר׳ יעקב צבי ראטענבערג נ״י נשא נאום בעל תוכן עשיר הרב משה זלץ נ״י שהשאיר על הנאספים רושם כביר. — משה וואלף”.

די אגודה אין ראדאמישלע איז אויך געווען די גרינדערין פון דער ישיבה קטנה, וואס איז לעצטנס — א פאר יאר פאר דעם קאטאקליזם — אַנשטאַנען אין שטעטל.

מ. א.

ה׳ יהושע אייבעשיץ פון קרית אתא האָט אונדז אריינגעשיקט די קאָרעספאָנדענץ פון ראדאמישלע, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם „אידישן טאָגבלאַט” דינסטיק ו׳ ניסן (12 אפריל) תרצ״ג (1933). מיר דאַנקען דעם ה׳ אייבעשיץ פאר זיין פריינדלעכקייט — די רעדאקציע.

פון דער פראווינץ

דער באַזוך פון חבר הנהלה משה ראָזנבערג האָט ביי אונדז אריינגעברענגט אן אויפלעבונג צווישן די צעירים רייען.

ענדלעך איז אַ דאַנק אייניקע ענערגישע צעירים געלונגען צו דינגען א זייער פאַסיק לאָקאַל, ווו עס איז פאָרגעקומען די יערלעכע אַלגעמיינע פארזאַמלונג. עס איז געוויילט געוואָרן אַ נייע פארוואַלטונג פון די חברים: אלימלך קאָהן, משה נאָרד, משה וואָלף, מנחם פיש און משה קאָרנפעלד. די נייע פארוואַלטונג האָט איינגעאָרדנט שעורי ערב און שעורי שבת און פירט אַ טעטיקייט אויף אַלע געביטן.

— די היגע בית־יעקב שולע האָט איינגעאָרדנט אין שטאָטישן סאַקאָל־זאַל אַ זייער גראנדיעזע פאָרשטעלונג א. נ.: „קאַנטאָניסטן־קינד״, וואָס האָט אין שטאָט ארויסגערופן דעם גרעסטן אינטערעס.

ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל האַלט די חשובע ב״י־לערערין פרל. עלענבערג אַ 2־שעה׳דיקן גייסטרייכן רעפעראַט וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער טאָכטער. דער רעפעראַט האָט ביי אַלע אנוועזנדיקע געמאַכט אַ זייער גוטן איינדרוק און די רעפערענטין איז באשאָנקען געוואָרן מיט לאַנגדויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן.

דערנאָך איז פאָרגעקומען די פאָרשטעלונג, וועלכע איז גלענצנדיק אויסגעפירט געוואָרן דורך די שילערנס און געמאכט אַן אנטציקענדיקן רושם אויף די אנוועזנדיקע.

מעם נון

החיים המדיניים והתרבותיים
דאס פאליטישע און קולטורעלע לעבן

מענדל אייזלאנד
בת־ים

דער אנהויב פון דער ציוניסטישער באוועגונג

ווי עס גיט איבער דער היסטאריקער פונעם ציוניזם אין גאליציע ד״ר נ. מ. געלבער אין זיין ווערק „תולדות התנועה הציונית בגליציה״, איז מערב גאליציע געוועזן אָ פרוכטבארער באָדן פאר דער ציוניסטישער אידעע, וועלכע האט פארכאפט ברייטע אָרטאָדאָקסישע מאַסן: לערנערס און בית המדרש־בחורים. ד״ר געלבער גיט איבער, אז שוין אין יאר 1891 איז אין טאָרנע געווען א ציוניסטישע אָרגאניזאציע מיטן נאמען „אהבת ציון״; אין די שטעטלעך ארום טארנע, ווי: פילזנע, טוכעוו, טארנאבזשעג זענען זיי אנשטאנען אין די יארן 1893־1894; גרופעס האבן עקזיסטירט אין מעליץ ביי־סאַנדז א.א. ווען טאָרנע איז געווארן א לאַנד צענטער פון דער קאלאניזאציע־געזעלשאַפט „אהבת ציון״ איז אין דער פארוואַלטונג געווען צווישן אנדערע: משה אשהיים פון מעליץ און יהודה לייביש קארעץ פון ראפשיץ. אבער אונדזער חסידיש שטעטל איז עפעס נישט דערמאנט צווישן די ערשטע פיאָנערן פונם ציוניסטישן געדאַנק אין מערב גאליציע.

די ערשטע כראָניקאַלישע ידיעות וועגן דער ציוניסטישער באוועגונג אין ראדאמישלע געפינען מיר אין ציוניסטישע צייטונגען ערשט פון יאר 1903. אזוי לייענען מיר אין „יידישן וואָכנבלאַט״, וואס איז דערשינען אין סטאַניסלאַוו:

„ראדאמישל, אם 16 יולי 1903. אויך ביי אונז אין ראדא־מישל האט דער ציוניזם דורכגעבראכן די שטארקע וואַנט פון פאַנאַטיזם און האט אנגעהויבן צו באלויכטן די געלע פארדארטע פנימער פון אונדזערע יידן. זיי האבן דאך אנגעהויבן צו זען, אז דער ציוניזם איז דאס איינציקע מיטל, וואס די יידן קאנען געהאלפן ווערן. אויף דינסטיק דעם 14 ד.ח. האבן זיי איינבארופן א פאָלקס־פארזאמלונג, אויף וועלכער עס זענען געקומען פון טארנע די ציוניסטישע רעדנער: בינענשטאק, שודמאק, קענער און טיש. און אחוץ דער שטארקער און גרויסער קעגן־אגיטאציע, וואס אונדזערע פרומע שונאי ציון האבן פארשאפט, זענען זיך דאָרט צוזאמענגעקומען אַ 50 ביז 60 מענטשן (א חוץ ווייבער און קינדער) הערן די מיסיאנערע דרשנען (אזוי האט געקלונגען דאס גאנצע שטעטלע, אז טאָרנער מיסיאָנערן קומען אויסצושמדן אלע בחורים און בתולות). אלס פארזיצער האט מען געוויילט ר׳ אהרן פערטיק. נאך א קורצער איינלייטונג האט ער געעפנט די פארזאמלונג. געג. בינשטאק האט (אין דייטש) דערקלערט דעם ציוניזם פאר וואס ער איז אנטשטאנען און ווי נויטיק ער איז. דאן האט געג. שודמאק גערעדט וועגן ארגאניזאציע און געג. קענער (אין זשאַרגאָן) העט געגעבן א ריכטיקע דערקלערונג וואס דער ציוניזם פארלאנגט, אויך אויף אלע קעגנערישע פראגן געענטפערט. געג. טיש האט אויך געהאלטן א שיינעם העברעאישן פאָרטראָג איבער דער ציוניסטישער אידעע. דער עולם איז שטארק באגייסטערט געוואָרן און מען האט תיכף אנגעהויבן צו רעדן וועגן א פאריין, ביז עס האט זיך געבילדעט א קאמיטעט פון 6 פערזאָן און 36 מיטגלידער האבן זיך תיכף איינגעשריבן (אויך גֶעלט געגעבן). אין 4 וואכן ארום האָפן מיר איינצובארופן א גענעראל־פאַרזאַמלונג.

דאס פראָוויזאָרישע קאמיטעט און אלע מיטגלידער דאנקען הערצלעך די גענאָסן פון טארנע פאר זייער אהערקומען.

מיט ציונסגרוס

א ציוניסט״.

אין „ווסכוד״ פון לעמבערג פון 1903.22.7, געפינען מיר א קארעספאנדענץ פון ראדאמישלע כמעט מיטן זעלבן אינהאלט, וואס אין דעם „יידישן וואָכנבלאַט״ פון סטאניסלאוו; עס ווערט בלויז צוגעגעבן, אז עס קומט א דאנק דעם ה׳ פעלץ פאר זיין גאַסטפריינטלעכע און הערצלעכע אויפנאַמע פון די רעפערענטן.

אין א נאטיץ אין „די וועלט״ פון 30.10.1903, לייענען מיר: „ראדאמישל, „ציון״ (מיר ווערן געוויר דערפון, אז דער ערשטער ציוניסטישער פאריין אין שטעטל וועגן וועלכן מיר ווייסן, האט געהייסן „ציון״) גענעראל־פארזאמלונג. וואלן: בלומנבלאט י., נעץ, געלדציילער, פליישער, פערטיג, קארטאגענער, מ. לעוו, ל. לעוו, זילבערמאן, פאלאנעצקי, שטרויבינג, פעדער.״

אזוי האבן מיר דעם ערשטן קאמיטעט פון „ציון״, לאמיר זאגן — דעם ערשטן לאקאל־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאמישלע.

אויף דערזעלבער זייט פון דער צייטונג געפינען מיר נאך א נאָטיץ פון א פאר ווערטער, „ראדאמישל — אָפשידס־אוונט פאר הער ראובן אייזלאנד פון פאריין „ציון״, 27־טן אוגוסט״.

וועגן דער טעטיקייט פון „ציון" וויסן מיר, אז אין יאר 1905 זענען געווען אין שטעטל שפענדער פארן קרן קימת און אז אין דעמזעלבן יאר זענען געווען אין שטעטל 12 שוקלים (שקל־קויפער), וועלכע האבן געהערט צו א וואל־קרייז, וואס האט ארומגענומען א שטח פון ראדאמישלע־ראפשיץ ביז רימאנעוו־סאנאק. ווי א דעלעגאט צום 7־טן קאנגרעס (אוגאנדע־קאנגרעס) איז געוויילט געווארן ר' שלמה זעלענפרוינד, דער שפעטערדיקער רימאנעווער ראש הקהל.

אין יאר 1907 זענען אונדזערע ציוניסטן געווען פארנומען מיט די וואלן צום עסטרייכישן פארלאמענט. אין אונדזער וואל־קרייז האט קאנדידירט הרב ג. שמעלקעס פון פשעמישל, וועלכער האט אנגעצויגן 1200 שטימען. דער וואל־קאמף איז זיכער נישט געווען קיין לייכטער, נעמענדיק אין באטראכט די פארשידענע וואל־מאכערס אויף דער יידישער גאס און אויך דאס, אז דער קעגן־קאנדידאט איז געווען מ. באבזשינסקי, דער שפעטערדיקער שטאטהאלטער פון גאליציע. די וואלן האבן איבערגעלאזט שפורן אויפן געזעל־שאפטלעכן לעבן פונעם שטעטל.

אין יאר 1910 איז פארגעקומען א פאלק־ציילונג אין עסטרייך. די ציוניסטישע פארטייען צוזאמען מיט די זש.פ.ס. האבן געפירט אן אגיטאציע פאר אפגעבן יידיש ווי די מוטער־שפראך (און נישט פויליש, ווי עס האבן געוואלט די פאליאקן מיט די יידישע אסימילאטארן און ארטאדאקסיע).

אין 1911 איז שוין אין אונדזער קרייז נישט ארויסגעשטעלט געווארן קיין יידיש־נאציאנאלער קאנדידאט, אבער וועגן די דראהאביטשער הרוגים האט מען ביי אונדז ווי אין אנדערע שטעטלעך פון גאליציע געזונגען דאס וויינענדיקע ליד פון חנהלן. עס קלינגט נאך אין מיינע אויערן דער פערז, וואס מיין מוטער ע"ה האט געפלעגט זינגען: „חנהלע מאך אויף דיינע אויגן / וועסטו זען ווער עס שטייט ביי דיר / דיין מוטער וואס האט דיך געבוירן / שטייט און וויינט ביי דיר".

אין דער תקופה פון 1918־1939 זענען געווען צייטן פון עליות און ירידות פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין שטעטל. ווען מען האט געוויילט א לאקאל־קאמיטעט האט ער געארבעט א געוויסע צייט און ער איז אנטשלאפן געווארן; נאך א געוויסער צייט האט מען זיך ווידער דערמאנט צו ארגאניזירן די ציוניסטישע ארבעט און עס ווערט ווידער געוויילט א נייער לאקאל־קאמיטעט מיט נייע איבערגעגעבענע מענטשן, אבער ער האלט ווייטער נישט לאנג. סימנים פון דער טעטיקייט האבן מיר אבער אין דער צייטונג „נאווי־דזשענניק".

אין א קארעספאדענץ פון 8.8.1924: „לעצטנס איז פאר־געקומען אין אונדזער שטעטל א פארזאמלונג געווידמעט דער עליה קיין ארץ־ישראל. עס האט רעפערירט דער ה' ריכטיגער, וואס איז נישט לאנג צוריק געקומען פון א"י. דער רעפעראט האט ארויסגערופן א פארשטענדלעכע פאראינטערעסירונג. די פאלעסטינע־באוועגונג האט זיך לעצטנס פארשטארקט. פיל פון דער יוגנט ווילן עולה זיין קיין א"י. ליידער דאס פעלן פון סערטיפיקאטן שטייט אונדז אין וועג. עס איז אויך נישטא קיין פאסנדיקע ערטער, ווו די חלוצים וואלטן זיך געקאנט געהעריק צוגרייטן צו פעלד־ארבעט, כאטש אין דער געגנט געפינען זיך א סך יידן, אייגנטימער פון ערד. מיט א יאר צוריק האט נאך ביי אונדז עקזיסטירט אן אינטענסיווע ציוניסטישע ארבעט איצט איז די שקלים־אקציע פארנאכלעסיקט געווארן".

אונדזערס א לאנדסמאן, ה' אלטער מאהלער, איז געווען אנערקענט ווי אן עסקן אין צענטראלן מאסשטאב און ביי די וואלן צום ערשטן ציוניסטישן צוזאמענפאר פון גאנץ פוילן (אין יאר 1925) האט ה' א. מאהלער קאנדידירט אין וואדאוויצער ווי אויך אין קרייז ראבקע, מאקאוו, יארדאנעוו. אין קרייז ראדאמישלע־טארנאבזשעג־באראנעוו האט קאנדי־דירט ר' רפאל ראזענצווייג פון באראנעוו.

אין א קארעספאדענץ פון 18.7.1925 שרייבט זיך:

18.7.1925 ראדאמישלע וועלקי, אייגענע קארעספאדענץ. די יארצייט פון טעאדאר הערצל ז"ל האט די יידישע באפעלקערונג פון אונדזער שטעטל אפגעמערקט פייערלעך. די פענצטער זענען געווען דעקארירט מיט די בילדער פון אונדזער פירער. אין אוונט איז פארגעקומען א פייערלעכקייט, אויף וועלכער נאך דעם אריינפיר־ווארט פון ה' שפילמאן, האט מען דעקלאמירט. א רעדע וועגן דער באדייטונג פון הערצל האט געהאלטן ה' שמעון אייזנבערג. דער כאר, אונטער דער לייטונג פון פר' מלכה ווייס, האט אפגעזונגען די „התקוה" און אנדערע לידער. עס האט רעציטירט די פר' גערטנער. די אנפירונג פון אוונט איז געלעגן אין די הענט פון ה' גרשון אייזלאנד.

פון א נאטיץ אין דער צייטונג (פון 23.10.1926) ווערן מיר געוויור אז אויף דער זיבעטער יערלעכער ציוניסטישער לאנדקאנפערענץ פון קליין־פוילן און שלעזיע זענען געוויילט געווארן פון ראדאמישלע: א. מאהלער, ש. אייזנבערג, מ. ווייס (פארטרעטער — פארשטענצער).

אין א קארעספאנדענץ פון 28.12.1926 לייענען מיר:

„צוליב חנוכה און דעם יובליי פון ק.ק.ל. האבן מיר איינ־געארדנט אין קאסינא־זאל א פייערלעכן, „מכבי"־אוונט צוזאמען מיט א באנקעט און דאנסינג. דער אוונט איז אין אלע פרטים געלונגען. עס האט גענומען אין אים אנטייל די גאנצע יוגנט, ווי אויך א סך עלטערע בעלי־בתים, א חוץ דעם — א סך געסט פון דער פראווינץ. נאכן עפענען דעם אוונט דורך דעם יוגנט־כאר, האט אריינפיר־ווארט געהאלטן ה. שמעון אייזנבערג, נאכדעם האט ה. אינזש. לעווענשטיין פון קראקע געהאלטן א פייערלעכע רעדע. דער פראגראם האבן אויסגעפילט רעציטאציעס פון פר' גיטל גארן און דעקלאמאציעס פון די פר' גראס און הארוויץ און די געזאנגען פון מענלעכן און ווייבלעכן כאר. צום שלוס האט גערעדט ה. אייזנבערג. אויפן באנקעט איז געלונגען דעם ה' אינזש' לעווענשטיין צו שאפן א לאקאל־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין באשטאנד פון 16 מענטשן.



א קרייז פון יוגנט. פון רעכטס: מענדל קליין, שרה שרויב־קליין, אסתר גראס, שרה ווינד, אסתר נאטאוויטש, ראזע זיידען.

אין פרעזידיום זענען געוואָרן געוויילט די ה״ה: ד״ר יעקב קלאר, יעקב פעלד (א טעות יעקב פעלץ — מ. א.) שמעון אייזנבערג, שמואל שפילמאַן און גרשון אייזלאַנד.״

אין א קארעספאָדענץ פון 4.2.1928 „פון ציוניסטישן לעבן. דאס שטעטל אונדזערס, וואס ליגט עטלעכע און צוואנציק ק״מ פון א באַן־סטאציע, שטייט פון דער ווייטנס פון אלע קריגערייען. די ציוניסטישע ארגאניזאציע נעמט ארום איבער־הויפט די עלטערע יוגנט פון פארשידענע שאטירונגען — פון דעם חסידישן בית המדרש־בחור, דורך דער בעלי־מלאכהשער יוגנט ביז דער אָרטיקער אינטעליגענץ. אויפן ערשטן בליק ווארפט זיך יעדן אין די אויגן דאס שטארקע העברעיזירן פון דער יוגנט. דאס איז אין דער ערשטער ריי דער פארדינסט פון ח׳ פ. לאנדער, דעם העברעישן לערער, וועלכער פירט א קאנסעקווענטע העברעיזירונג. די סאמע רירעוודיקע פלאצוווקע איז די געזעלשאַפט „תרבות״, וועלכע האַלט אויף די העברעאישע קורסן, ווו עס לערנען איבער 80 מענטשן״.

די קארעספאנדענץ איז אביסל פארטייאיש, ווײַל אין יענער צייט האט שוין אין שטעטל עקזיסטירט די „פועלי ציון״ פארטיי און עס האט נישט געהערשט קיין אידיליע צווישן דעם ציוניסטישן לאקאל־קאמיטעט און די „פועלי־ציון״.

צו דער 11־טער יערלעכער ציוניסטישער לאנד־קאנפערענץ פון מערב־קליין־פוילן און שלעזיע (אין יאר 1929) האט ראדאמישלע געהאט דאס רעכט צו שיקן צוויי דעלעגאטן.

אין אַ קארעספאנדענץ פון 9.3.1930 לייענען מיר:

„אַ דאַנק דער איניציאטיוו פון א פאר חברים האט זיך אין אונדזער שטאט פון דאסניי קאָנסטיטואירט א לאקאל־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין שפּיץ פון וועלכער עס שטייען די באקאנטע און פארדינסטפולע חברים געלדציילער, פעלץ און ד״ר שפיגל. לאמיר אויסדריקן די האָפנונג, אז די ציוניסטישע ארבעט וועט זיך איצט אנטוויקלען אין דעם געהעריקן טעמפּאָ. דער נייער לאקאל־קאמיטעט האט זיך פאנאנדערגעטיילט אויף סעקציעס, פון ק.ק.ל., קרן־היסוד און קולטור. לעצטנס האט געוויילט ביי אונדז פראפ. ווײַנבערג פון טארנע אין פארבינדונג מיט דער אחד־העם־אקאדעמיע, וואס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט ,תרבות׳, אויף וועלכער דער ח׳ ווײַנבערג האט געהאלטן א רעפעראט וועגן דער באדייטונג פון אחד העם. אויך האט אויסגענומען דער אָוונט פון יידישע לידער פון באקאנטן פאלקס־פּאָעט נחום שטערנהיים פון ריישע. די פארזאמלטע האבן צוגעגרייט דעם ה׳ שטערנהיים הייסע אָוואַציעס״.

אויף דער 13־טער יערלעכער קאנפערענץ פון דער ציונ. לאנד־ארגאניזאציע פון קליין־פוילן און שלעזיע (1932) איז געוויילט געווארן ווי א דעלעגאט ד״ר ל. שפיגעל און פאר־טרעטערס: פעסיע געלדציילער און דוד גראס.

אין דער צייטונג פון 7.7.1934 שרייבט זיך:

„פון גרויס ראדאמישלע. פאר קרוב צוויי חדשים צוריק איז אַ דאַנק די שטאַרקע באַמיונגען פון ד״ר לעאָן שפיגעל און דוד גראס ארגאניזירט געווארן דער ארטיקער לאקאל־קאמיטעט פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע מיט ד״ר לעאן שפיגעל ווי דער פרעזעס אין שפּיץ. דער נייער לאקאל־קאָמיטעט האט שוין געטון א סך ציוניסטישע ארבעט; ער האט איינגעאָרדנט פאר די מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע און סימפאטיקער א ריי פארלעזונגען און דיסקוסיעס מיט די לינקע. ביי די וואַלן צו דער געמיינדע איז אונדז געלונגען, נישט געקוקט אויף דער שווארצער ארבעט פון געוויסע עלעמענטן, צו דערווערבן איין מאנדאט. ראטמאן איז געווארן דער ח׳ ד״ר שפיגעל. דער לאקאל קאמיטעט פון דער חלוצישער עזרה האט איינגעארדנט אין דער וואך פון החלוץ א גאַסן־זאַמלונג. דער רעזולטאַט פון וועלכער איז געווען א צופרידנשטעלנדיקער.

אין נאמען פון „תרבות״ איז א דאנק דער ארבעט פון דער ח׳ ד״ר שרה שפיגעל געעפנט געווארן א פרעבלוווקע. לאמיר האפן, אז די פרעבלוווקע וועט זיין דער פונדאמענט פאר דער צוקונפטיקער העברעישער שול.

אדאנק דער באמיונג פון ק.ק.ל. האט די ח׳ ד״ר שרה שפיגעל געהאלטן א רעפעראט אויף דער טעמע „וואס האט אויפגעטון דער ק.ק.ל.?״

אויף דער 15־טער יערלעכער קאנפערענץ פון דער ציוניסטישער לאנד־ארגאניזאציע איז געוויילט געווארן ד״ר שרה שפיגעל ווי א דעלעגאטין און רפאל בראנד (פארטרעטער)

אין א קארעספאנדענץ פון 30.12.1934 לייענען מיר:

„ראדאמישלע וויעלקי. א דאנק די באמיונגען פון היגן לאקאל־קאמיטעט פון דער צוניסטישער ארגאניזאציע איז געעפנט געווארן א לייען־זאל אין אייגענעם לאָקאל, ווו עס קומען פאר יעדע וואָך שמועסן און רעפעראטן. די שקל־קאמיסיע, וואס איז באשטאנען פון אלע פראקציעס, האט אדורכגעפירט די שקל־אקציע. די היגע ק.ק.ל. קאמיסיע, מיט ד״ר ש. שפיגעל בראש, האט אדורכגעפירט א מכבייער־אקאדעמיע״

פון דער צייטונג פון 17.12.1936 ווערן מיר געוויער, אז ראדאמישלער לאקאל־קאָמיטעט האט געשיקט א קאָנדאָלענץ צוליב דעם טויט פון ד״ר יהושע טאָן.

די ביבליאָטעק אין ראדאמישלע איז נישט בלויז געווען א קולטור־צענטער פארן שטעטל — זי איז געווען אויך א פּאָליטישע ציוניסטישע פלאצוווקע. זי האט זיך אין גאנצן אידענטיפיצירט מיט דער סתם־ציוניסטישער ארגא־ניזאציע, כמעט אלע פארוואלטונג־מיטגלידער פון דער ביבליאטעק זענען געווען אויך די אקטיוויסטן און וואָרט־זאגערס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. פאר דעם האט דער לאקאל פון דער ביבליאטעק געדינט אויך ווי אָ פארזאמלונג־אָרט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

אין דער כראָניק פון יענער צייט לייענען מיר:

״גרויס ראדאמישלע 8.8.1924 פאלקס ביבליאטעק. די איינציקע קולטור־אינסטיטוציע אין אונדזער שטעטל, וואס ארבעט טיכטיק, איז די נאציאנאל־יידישע פאָלקס־ביבליאטעק, וואס איז ערשט נישט לאנג לעגאליזירט געווארן. די ביבליאטעק האלט 600 בענדער און א דאנק א פאר יחידים פונקציאנירט זי גוט״.

א בריוו פון דער ביבליאטעק־פאוואלטונג

„ראַדאָמישלע, דעם 1924.2/11, ה׳ מר־חשון תרפ״ה

צו אונדזערע ליבע לאַנדסלייט!

די איינציקע קולטורעלע אינסטיטוציע אין ראַדאָמישלע וויעלקע איז די יידישע נאַציאָנאַלע פאָלקס־ביבליאָטעק, וועלכע שטרעבט צו פאַרשפרייטן קולטור בכלל און יידישע קולטור בפרט אין דער יידישער גאַס.

מיט גרויסע אָנשטרענגונגען איז אונדז געלונגען פאַר צוויי יאָר מיט אייגענע כוחות צונויפצושטעלן א ביבליאָטעק, וועלכע

אנטהאַלט לערך 700 עקזעמפּלאַרן יידיש און העברעיש, וואָס ווערט פון אונדזער יוגנט מיט גרויס אייפער געלייענט.

ליידער זענען מיר ביי אונדזער בעסטן ווילן און קרבנות נישט בכוח צו שטילן דעם גייסטיקן הונגער פון אונדזער יוגנט.

מיר ווענדן זיך דעריבער צו אייך, ליבע לאַנדסלייט, מיט א האַרציקער בקשה: העלפט אונדז אין אונדזער קולטור־קאַמף, אונטערשטיצט אונדז לויט אייערע כוחות אין אונדזער דראַנג נאָך וויסן. אונטערשטיצט אונדז מיט ביכער, אונטערשטיצט אונדז מיט לייען־מאַטעריאַל און העלפט שאַפן אַ „קולטור־אַאזע" אין אייער אלטער היים.

מיר האָפן אַז אונדזער רוף וועט נישט זיין א קול קורא במדבר און איר וועט אונדז באַלד פון אייער סימפּאַטיע לאָזן וויסן.

מיר צייכנען מיט אַ האַרציקן גרוס און בעסטע ווונטשן פאַר אונדזערע ליבע לאַנדסלייט.

שלום וברכה".

עס קומט דער סטעמפּל (אין פּויליש, ווי אויך אין יידיש):

„יידיש־נאַציאָנאַלע פאָלקס־ביבליאָטעק"

וו. פּרעזעס: שמעון אייזענבערג — סעקרעטאַר: אלטער מאהלער

אין א קאָרעספּאָנדענץ פון 7.6.1927 לייענען מיר וועגן וואַלן צו דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג:

„פון קולטורעלן לעבן. לעצטנס איז ביי אונדז פאָרגעקומען א גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון דער היגער ביבליאָטעק, אויף וועלכער עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א נייע פאַרוואַלטונג אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: פּרעזעס — ה' נפתלי ווייס; וויצע־פּרעזעס — ה' הערמאַן גאָלד. סעקרעטאַר — פּר' גיטל גאַרן, ביבליאָטעקאַרין פּ' רבקה ביזגייער. קאַסירער ה' שמואל שפּילמאַן. מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג די ה"ה: ראַצע דינסטאַג, אסתר דאָרף, ה. ל. פאַרשטענצער, אהרן קאַרטאַגענער און מ. פיסטראַנג. רעוויזיאָנס־קאָמיסיע די ה"ה מ. ווײַנבערגער י. מאהלער, י. האַראָוויטץ. ערן־געריכט: ד"ר י. קלאַר, א. גאָלדפינגער, א. האָניג.

אין דער קאָרעספּאָנדענץ דערציילט זיך גאָרנישט וועגן דעם וואַל־קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען; אַז עס איז געקומען א ספּעציעלער שליח פון סטאַראָסטווע אין מעליץ אכטונג צו געבן אויף דעם פאַרלויף פון די וואַלן. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן צווישן דער ביז־איצטיקער פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון: סימקע גראָס, שמעון אייזענבערג, יאָסל גראָס, יחזקאל שעפער, צערקע אייזלאַנד א. א. מיט דער אָפּאָזיציע, וואָס איז באַשטאַנען פון נפתלי ווייס און בית־המדרש בחורים, ווי שמואל שפּילמאַן, ה. ל. פאַרשטענצער, מאָטל קליין, יענקל בראַנד, משה יעקב קאָך (משה אייזלאַנד). צוליב „דעמאָקראַטישקייט" האָט מען צוגעצויגן אויך: הערמאַן גאָלד, אהרן קאַרטאַגענער, אברהם האָניג א. א.

ווי געזאָגט האָט געזיגט די אָפּאָזיציע פון נ. ווייס און שמואל שפּילמאַן, וואָס איז געווען א פּרעלודיע צו א נייעם קאַמף אויף דער ציוניסטישער גאַס אין שטעטל.

שמעון אייזענבערג האָט זיך מיט רעכט גערעכנט ווי דער פאָרטרעטער פון דער דעמאָקראַטישער, פאָלקסטימלעכער יוגנט. די נייע פאַרוואַלטונג האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ווייט פון דעם אַרבעטער־און פאָלקס־מענטש און געצוואונגען אים צו זוכן פאַר זיך אַן אַנדערע אָרגאַניזאַציע־ראַם. דאָס איז געווען די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע אין ראַדאָמישלע, וועלכע איז אַנטשטאַנען נאָך די וואַלן צו דער ביבליאָטעק־פאַרוואַלטונג. איינער פון אירע וואָרט־זאָגערס איז געווען שמעון אייזענבערג (וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט צו די פּועלי־ציון, ווו ער איז געווען א מיטגליד נאָך אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן). עס איז געשאַפן געוואָרן אויך א ביבליאָטעק. די לייענערס אין דער פּועלי־ציון ביבליאָטעק זענען געווען דאָס רוב יידישע אַרבעטער, אָדער נישט פאַרמעגלעכע, וואָס האָבן געזוכט א גוט בוך אין יידיש. ביי די פּועלי־ציון האָבן זיי עס געפונען.

שושנה (רייזל) קאַרטאַגענער—שראַוב ע"ה
תל־אביב

גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

עטלעכע מיידלעך און בחורים האָבן באַשלאָסן *) צו גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע כדי צו קעמפן פאַר דעם גרויסן אידעאַל, וואָס האָט אונדז צוגעצויגן: דעם ציוניזם.

איך האָב צוליב דעם צום מיינסטן געליטן פון די קעגנער, ווייל איך בין באַלד געשטאַנען אָפיציעל אין דער שפּיץ פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, כאָטש די איבעריקע מיידלעך האָבן א סך מיטגעאַרבעט.

ווען מיר זענען געשטאַנען אין פעלד, הינטער דער שטאָט — מיט די רעכטע הענט אויפגעהויבן צום הימל — און געשוווירן טרייקייט, זענען מיר געווען 6 מיידלעך (חוץ די בחורים). באַלד צומאַרגנס האָבן זיך 2 מיידלעך צוריקגעצויגן. זעט אויס, אַז זיי האָבן נישט געהאַט די דרייסטקייט צו קעמפן מיט די קעגנערס און אויך מיט די אייגענע, אין דערהיים. די נעמען פון זיי וויל איך נישט אָנגעבן, ווייל עס זענען דא (אין לאַנד און אויסלאַנד) זייערע גאַנץ נאָענטע משפחות.



א. גרופּע יונגע ציוניסטקעס אין אנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן. עס שטייען פון רעכטס: רבקה וואָלף, בריינדל אייזלאַנד, מאַניע שפּאַנגאָלעט, זלאַטע ווייס, צערל אמסטערדאַם, בריינטשע גערטנער און חיה קאַרטאַגענער.

*) דאָס איז געווען מיין ערשטער צוזאַמענטרעף מיט בחורים.

אין אנפאנג האט מען געמוזט די בחורים א ביסל שיצן. זיי האבן געמוזט ארבעטן אין געהיים, ווייל זיי האבן נאך געקעמפט מיט זייערע עלטערן און אין די בתי־כנסת...

די גרינדער זענען געווען: 4 מיידלעך און 7 בחורים.

2 שוועסטער — שושנה (רייזל), הלה (חיה) קאַרטאַגענער

2 שוועסטער — העלע (חיה) און סימע גראָס.

די בחורים: 2 ברידער — נפתלי און יאָסל זיגפריד; יצחק וואָרצל; דב (בעריש) אייזלאַנד; משה מאַנהייט; יחזקאל קאופמאַן; נפתלי ווייס.

חוץ ב״ה רייזל און חיה קאַרטאַגענער, וועלכע געפינען זיך אין ישראל; יחזקאל קאופמאַן אין אַמעריקע — זענען נעבעך אַלע קדושים... דערמאָרדעט געוואָרן פון די דייטשע רוצחים אין פאַרשידענע טויטן־לאַגערס. בלויז סימע גראָס ע״ה איז געשטאָרבן אין אַמעריקע מיט א נאַטירלעכן טויט.

אונדזער שטאָט, ראַדאָמישלע וויעלקי, האָט געלעבט פּאָליטיש זייער רואיק, — אַזוי ווי אַלע יידן אין גאַליציע — אונטער דער 68־יעריקער הערשאַפט פון קייזער, פראַנץ יאָזעף דער ערשטער, האַבסבורג.

א גרויסע פּאַניק איז אַנטשטאַנען ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין יאָר — 1914. אַלע מיליטער פעיקע יידן זענען מאָביליזירט געוואָרן און געגאַנגען קעמפן מיט די שונאים פון דעם גוטן קייזער פראַנץ יאָזעף.

צו די מלחמה־צרות האָט מען זיך גיך צוגעוווינט. אַזוי האָט דאָס געדויערט ביז 1918, ביז די עסטרייכישע אימפּעריע האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן און עס איז אַנטשטאַנען פּוילן...

אָבער נאָך אין יאָר 1917 איז אין אונדזער שטעטל פאָרגעקומען א נייעס, וועלכע האָט אויפגעטרייסלט אַלע יידן. עס איז באַוווּסט געוואָרן, אַז מען האָט געגרינדעט א ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

עס שרייבט זיך אַזוי לייכט: מיר האָבן געגרינדעט! אונדזער גרינדונג איז פון טויזנט און איין נאַכט — א שווערער קאַמף מיט די קעגנער.

6 וואָכן האָבן מיר געאַרבעט אין געהיים, ביי דער פאַמיליע שמעון גראָס. דאָרט האָבן מיר געזאַמלט ביכער, וועלכע זענען אונדז צוגעשיקט געוואָרן פון ווין דורך משה מאַנהייט. אין קריג־צייט איז אַלץ געווען שווער צו באַקומען. אָבער ער האָט דאָך איינגעקויפט עטלעכע קעסטלעך און פּעק ביכער — די פיינסטע — אין 4 שפּראַכן: יידיש, עברית, דייטש, פּויליש. דער עיקר — אויף דער נאַציאָנאַלער טעמע. איז קודם זענען זיך מחייה געווען די גרינדער מיט די אינטערע־סאַנטע ביכער, וואָס ראַדאָמישלע האָט זיי נישט פאַרמאָגט און נישט געזען ביז דאַן.

זייער שווער איז געווען צו באַקומען אַ לאָקאַל פאַר ציוניסטן, ביז דער שטילער, באַהאַלטענער ציוניסט, ברוך געלדציילער, — א ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן — האָט אונדז פאַרדונגען דאָס שענסטע, גרעסטע חדר אויפן שטאָק, מיט א גרויס פענצטער צום הימל — פאַר אונדזער צוועק.

געלט האָט אונדז נישט געפעלט, האָבן מיר געוואָלט האָבן א שיינע איינריכטונג. די פראַגע איז געווען, וועלכער סטאָליער זאָל עס מאַכן — יצחק זיס, אָדער דער קריסטלעכער סטאָליער באַראַן.

יצחק זיס האָט פון איין זייט מורא געהאַט פאַר אונדזערע קעגנער, אָבער נישט מאַכן איז אים געווען א שאָד דעם גוטן פאַרדינסט. קורץ: ער האָט באַשלאָסן יאָ צו מאַכן מיט א באַדינג — ביי נאַכט צו ליפערן די איינריכטונג און אייניקע פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלן שטיין אויף פאַרשידענע פלעצער אין דער שפּעטער נאַכט, מ׳זאָל אַכטונג געבן צי מען גייט נישט, אָדער מ׳זעט נישט.

אַלץ איז אַדורך אין בעסטער אָרדנונג. ער האָט געליפערט א גרויסע, שיינע, באַגלאָזטע שאַנק אויף ביכער; גרויסע טישן און לאַנגע בענק; בענקלעך, בילדער פון ד״ר הערצל און אַנדערע וויכטיקע ציוניסטן. אויך א גרויסע מאַפּע פון ארץ־ישראל איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

אונדזער גליק איז געווען אומבאַשרייבלעך.

אַז די מענטשן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער אָפיציעלער דערעפענונג פון דער יידיש נאַציאָנאַלער פאָלקס־ביבליאָטעק און לעזעהאַלע, האָט מען עס אָנגערופן „דער פאַריין”.

האָט זיך ערשט געמאַכט א גרויסער שטורעם אין שטעטל פון די קעגנער. אָבער די יוגנט איז געווען גליקלעך. זיי האָבן געלעכצט נאָך ביכלעך, אויסלענדישע צייטונגען, ווי די „נייע פרייע פּרעסע” פון ווין — אַלץ האָט מען געהאַט ביי אונדז אין דער ביבליאָטעק.

דאָס ציוניסטישע געפיל איז אין שטעטל געשטיגן פון טאָג צו טאָג. די טאַטע־מאַמעס האָבן שטאַרק געקעמפט מיט זייערע קינדער און די קינדער מיט זייערע עלטערן. אפילו דער חשובער רב, ר׳ חיימל ענגעל, האָט נישט געפועלט; קורץ: דער קעגנערישער עולם האָט זיך נאָך אַ לאַנגן קאַמף צו ביסלעך באַרואיקט און מיר האָבן געזיגט מיט גרויס כבוד.

דערביי איז געווען אונדזער נס, וואָס מען האָט פריער באַזאָרגט מיט סטאַטוטן — דאָס הייסט מיר זענען געווען לעגאַל — באַקומען פון דעם מיעליעצער סטאַראָסטע. ווען נישט דאָס, וואָלטן אונדזערע קעגנער געטון אונדז פאַרשידענע נישט קיין שיינע שפּיצלעך.


א דאַנק דער פּיאָנערישער טאַט — דעם שאַפן די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע — זענען א סך ראַדאָמישלער מענטשן געראַטעוועט געוואָרן.

טייערע יידן, טייערע נשמות — ראַדאָמישלער קדושים, זייט מיר מוחל פאַר מיין שרייבן דעם אמת: אַלץ האָט איר נעבעך געקאָנט פאַרטראָגן, — די גרויזאַמע מלחמה, דאָס פאַרלירן עסטרייך — נאָר די ציוניסטן נישט... אייך האָט זייער וויי געטון, וואָס מען וואַרט נישט אויף משיחן — אָבער טאַקע די ציוניסטישע אַרבעט איז געווען א צוגרייטונג פאַרן משיח.

וויפל ראַדאָמישלער געפינען זיך איצט אין לאַנד, בלי עין הרע? אַ סך זענען געפאָרן אין די 20—30־קער יאָרן. חוץ די, וואָס זענען געקומען נאָך דעם גרויסן חורבן פון פּוילן, מיט ניסים געראַטעוועטע פון די דייטשע רוצחים.

ב״ה, היינט זענען מיר אין הייליקן לאַנד א גאַנצער ראַדאָמישלער שבט...

נאָך א זאַך, פאַר וועלכער מיר האָבן שטאַרק געקעמפט און מורא געהאַט: די יוגנט זאָל זיך נישט אויסגליטשן מאָראַליש, קאַליע ווערן. ווייל זיי זענען זיך דאָך צוזאַמענ־געקומען — בחורים מיט מיידלעך — אין איין לאָקאַל. דעם אמת געזאָגט איז דאָס טאַקע געווען דאָס ערשטע מאָל זייט ראַדאָמישלע האָט עקזיסטירט. אָבער עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. נאָר קיין שלעכטס האָט ביי אונדז נישט געקאָנט פּאַסירן, ווייל אונדזער יוגנט איז דאַן געווען רעליגיעז פיין, שטיל, מאָראַליש, אינטעליגענט — פון דעם רייכסטן



א פראגראם פון א פייערלעכקייט, איינגעאָרדנט דורך דער יידיש־נאציאנאלער פאלקס־ביבליטעק.

ביזן ארעמסטן. ביי אונדז אין פאריין האט געהערשט א שטאַרקע דיסציפּלין. די ביבליאָטעקאַרין האט דערלאַנגט די ביכער, וועלכע די מיטגלידער האבן זיך אויסגעוויילט לויטן קאטאלאָג און אז מ'האט געליינט איז געווען זייער שטיל.

א שווערע איבערלעבעניש האבן מיר געהאט ביים ערשטן מאל (אין יאר 1917), ביי דער הזכרה פון ד"ר הערצל. כ' תמוז איז דער קעגנערישער עולם געשטאַנען אין מארק — אקעגניבער אונדזער לאָקאַל — און ארויפגעוואָרפן שטיינער אין די פענצטער. אייניקע האבן ליידער אויך געטראָפן. מיר האבן זיך זייער רואיק און אַנטשלאָסן געהאַלטן, נישט רעאגירט. מיר זענען געווען טרויעריק, אבער אויך מוטיק. אלע פארזאמלטע האבן געטראָגן ווייס־בלויע אפצייכנס. מען האט ווייטער געהאַלטן רעדעס, פאַרגעלייענט דערציילונגען, אויך שירים און געענדיקט מיט דער התקוה...!

איצט, ווען מיר מאכן דא אין לאנד יעדעס יאר א הזכרה פאר די קדושים פון ראדאמישלע און סביבה, האט מיר אן עלטערער מאן געזאגט, אַז ער איז געווען איינער פון די, וואס האבן געוואָרפן שטיינער. ער האט געפרעגט: איז דאס נישט געווען נאריש?... אבער איך מיין, אז דאס איז געווען בארבאריש. היינט קאן מען עס דערציילן אין פריידן.

נאך דעם אינצידענט דעמלט האט זיך דער שטורעם בארואיקט. פאמעלעך האבן זיי איינגעזען, אפילו די עקסטרעם־פרומע, אז ביי אונדז איז א פיינער בכבודיקער פאריין, וואס וויל בלויז קעמפן פארן ציוניסטישן אידעאל. אזוי צו ביסלעך האט דער קעגנזייטיקער קאמף אויפגעהערט. זיי זענען מיד געוואָרן און מיר האבן באקומען גרויס אנערקענונג אויך פון אנדערע שטעט.

ווען פוילן איז געוואָרן זעלבשטענדיק (אין 1918 יאר), איז אונדז אלע באפאלן א שווערער פחד, — אויך נישט אומזיסט. באלד אין אן ערשטן דאנערשטיק (דער יריד־טאג) ווען יידישע סוחרים האבן אין מארק אויסגעלייגט זייערע סחורות און אלע געשעפטן זענען געשטאַנען אָפן, האבן די פויערים, וועלכע זענען געקומען צום יריד, געמאכט א רויב־אנפאַל. די סכנה איז געווען זייער גרויס, אז ס'זאָל פון דעם נישט ווערן אַ פּאָגראָם. א פּאַניק, א געלויפעריי, געשרייען א.א.וו. מ'האט געהערט שיסערייען — אויך פון דער יידישער זייט. האבן טאַקע די פויערים אנגעהויבן צו אנטלויפן, אבער ס'איז געבליבן א חורבן — אַלץ צערויבט.

נאך דעם טראַגישן רויב־טאג האבן די ציוניסטן באקומען א סך סימפּאַטיקער. יעדער איז געווען שטאַרק פארצווייפלט. זענען אייניקע פרומע, פארהייראטע מענער, גלייך נאכן דאווענען מנחה־מעריב אין די בתי־הכנסת, געקומען אין פאריין נאך א טרייסט־וואָרט. מיר האבן געהאט יעדן טאג פארשידענע צייטונגען מיט נייעס. קיין גוטס האט מען אבער נישט געהערט. האבן מיר געקויפט א סך האָלץ און קוילן צו הייצן דעם גרויסן קאכל־אויוון א גאנצן טאג. פאר אלע פארצווייפלטע יידן. דער לאָקאַל איז פאר זיי געוואָרן א גן־עדן.

יעדער מיטגליד האט מיט פרייד געצאלט א חודש־אפּצאל, אמאל אויך אַ באַשטייערונג און פון דעם האבן מיר זיך אויסגעהאַלטן.

עם עלייתו ארצה של ויגדור אייזלנד מתייצב בראש בית״ר יצחק בלס (עלה ארצה, מחמת אי־קבלת סרטפיקטים לתנועה, באורח בלתי חוקי בעלייה ב׳ עם 3 חברים: אשתו צ׳רנה, יעקב וינד, מיכאל גרין) ואחריו אנשיל בירנבוים. היתה זו תקופה של ראשית משבר שהלך והעמיק. מהקן מתחילה נשירה איטית ומיסגרתו האירגונית הולכת ומצטמצמת. היה זה ראשית המשבר הכלכלי שהתחיל פוקד את כל התנועות הקיימות בעיירתנו. קן בית״ר נעשה פגיע ביותר בשל חולשות אירגוניות ספציפיות. עוד משחר קיומו לא הצליח בית״ר ברדומישל לבסס את קיומו על סיפוח קדרים צעירים, ע״י חינוך נוער צעיר בשנים, אשר בבוא הזמן ישמש כעתודה טבעית להמשכו.

כן לא הצליח הקן להבטיח את איזונו בין שני המינים, בחורים ובחורות. מעטות מאוד היו מספרן של בחורות בקן, והדבר נהייה לבלם רציני ביצירת הווי של ממש, משך כל שנות קיומו. גם לעזיבתם הכמעט קבועה של מפקדיו היו תוצאות שליליות ביותר. אלה הן היו עיקר הסיבות לחולשתו של קן בית״ר בעיירתנו. במשך הזמן אבדה גם הספריה את מקומה ויוקרתה בשל הרבה סיבות שלא כאן המקום לפרטן. ימים קשים פקדו את בית״ר ברדומישל. הרבה מחבריו לשעבר מצאו את מקלטם החברתי באולם הקריאה הכללי אשר בביתו של יצחק זיס. ושניים ממפקדיו האחרונים של בית״ר בעיירתנו: פנחס בירנבוים ונוח שפיץ נאבקו בשארית כוחם על קיומו של הקן.

די בית״ר טעטיקייט לויט די צייטונגען
אין „נאווי דזשענניק״ פון 3.5.1933

פון גרויס ראדאמישלע

פאַרגאַנגענעם דינסטיג איז אין אונדזער שטעטל אַ דאַנק דעם קן פון ברית טרומפעלדאר — צונויפגערופן געווארן אַ פראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן די יידן־פאַרפאָלגונגען אין דייטשלאַנד. פאר 300 פארזאמלטע האט געהאלטן א פייערדיקע רעדע דער ח׳ א. איסלער פון טאָרנע. נאכדעם האָט מען אנגענומען געהעריקע רעזאָלוציעס.

לעצטנס איז פארגעקומען אַ פגישה פון די מיטגלידער פון ברית טרומפעלדאר אין טארנער קרייז, מיטן אנטייל פון איבער 50 מיטגלידער. ס׳האט זיך באטייליקט אין צוזאַמענפאר דער ח׳ י. שעכטער, וועלכער האט אויסער דעם צוזאמענפאר געהאלטן אן עפענטלעכן רעפעראַט א. ד. ט. „דער ציוניזם אויף פרשת הדרכים...״ לעצטנס האָט זיך קאנסטיטואירט א שקל־קאמיטעט מיט ד״ר שפיגעל (פערזעס). די אַקציע אַנטוויקלט זיך גוט אזוי, אז דער קאנטינגענט וועט זיכער דערגרייכט ווערן״.

דעם 7/2 1934 לייענען מיר: „פון גרויס ראדאמישלע; א דאַנק דער באַמיונג פון דער ארג. ברית טרומפעלדאָר האָט מען אויפגעפירט מיט גרויס ערפאלג אין סאָקאָל־זאַל דאס טעאַטער שטיק פון זאלאטארעווסקי „שטיף מוטער״, אונטער דער רעזשי פון נפתלי קעללער. ס׳האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט גוטער שפיל די מיידלעך: פאַגעלפאַנג, פלאומענהאַפט און מעכלאָ־וויטש. א טייל פון דער הכנסה איז באַשטימט געוואָרן אויפן מפעל אוסישקין״.

ב„טריבונה נורדובה״ (הופיע בקרקוב, לבוב, ורשה) אנו קוראים:

בגל׳ 19, 22.6.1934. בוועידה של מפקדי הקננים של בית״ר הנמצאים בשטח קרקוב—בילסקו השתתפו בוויכוח ...אייזלנד (בודאי אביגדור ז״ל מרדומישל רבתי...

דו״ח הנהלת קרן תל־חי למען מערב־פולין הקטנה ושלזיה, בעד החדשים מאי, יוני ויולי 1934 — רדומישל רבתי — 34.97 זה׳.

רדומישל רבתי. בכ׳ תמוז ערך בית״ר המקומי אקדמיית־אבל. הערב התחיל בשירת „התקוה״. אחרי זה הקביל הח׳ יעקב אייזלד את פני הבאים ומסר את רשות הדבור להרצאה למפקד בית״ר, אביגדור אייזלנד. דיברו עוד הח״ח קרפ והורוביץ. הערב ננעל בשירת „בשוב ד׳״. הכנסות הערב הוקדשו לקרן תל חי (גל׳ 28, 24.8.1934).

ועדת קרן תל־חי עובדת בעירנו יפה בתוצאות מספיקות — (גל׳ 39, 9.11.1934).

באוקטובר נאספו בשביל קרן תל־חי 16.52 ל״י — (גל׳ 39, 9.11.1934).

שרשרת העתונות (גל׳ 43, 7.12.1934): י. אייזלנד (רדומישל רבתי) תורם למען „טריבונה נרדובה״ זהוב אחד וקורא לאחרים אחרים שיתרמו: י. פשבוזניק, י. סלמון, י. הורוביץ, נ. איזאק,

ש. גרין, פ. בירנבוים, ל. פריילין, ד. פיסטרונג (מרדומישל).

ש. ציטרון ממיליץ תורם 3 זהובים וקורא לתרום את אביגדור אייזלנד, רדומישל רבתי, בלומר, (זסוב). המועצה המפלגתית של האוניון הרביזיוניסטי למערב פולין הקטנה ושלזיה תתקיים... בהתייעצות המועצה משתתפים החברים כדלקמן שקבלו את מנויים של המרכז... אביגדור אייזלנד — רדומישל רבתי.

גל' 12, 12.3.1935. **רדומישל רבתי.** ב־9 במרס בח. ז. ערכנו ערב־פרידה לח' טובה אייזלנד, חברת „בית״ר״, שהיתה בין מייסדי „ביתר״ המקומי. באולם מקושט יפה התאספו כל החברים והרבה אורחים. אחר הרבה נאומי פרידה, אשר הדגישו את המרץ הגדול של התמסרות וזכויותיה של הח' טובה אייזלנד למען ההסתדרות שלנו לקח את רשות הדיבור המפקד אביגדור אייזלנד, אשר בנאומו הארוך התעכב על האידיאולוגיה של הרביזיוניזם וקרא את כולנו לשרת בנאמנות את האידיאה שלנו. בשירת „התקוה״ ושירי א״י שונים ננעל הערב במצב־רוח מרומם.

גל' 18, 3.5.1935. קרן תל־חי: 25 זה', מפעל רדומישל רבתי.
התוצאות של הפלבסיציט במערב פולין הקטנה ושלזיה (גל' 24, 24.6.1935) רדומישל רבתי — הכל — 57 קולות, הצביעו הן — 57.

התוצאות של הבחירות לקונגרס הראשון של ה. צ. ח. (גל' 30, 6.9.1935) רדומישל רבתי. סך הקולות שנמסרו 262. רשימה מס' 1 (רשימת המייסדים ה. צ. ח.) — 232 קולות. רשימה מס' 2 (איחוד רשימה דתית מאוחדת) 32 קולות. הבחירות התקיימו ביום ראשון 25 באוגוסט 1935.

גל' 41, 11.10.1935 — **ראדומישל רבתי.** בית״ר שלנו תחת הנהלתו של המפקד אביגדור אייזלנד מבצעת פעולות הרבה. תכנית העבודה של בית״ר מכילה: עברית, ידיעת הארץ, תולדות הציונות, בית״ריות, צופיות וחנוך פיזי. הבחירות לקונגרס הביאו לנו נצחון גדול שלא קיווינו לו. למרות התעמולה משמאל השגנו 262 קולות.

לפני זמן מה בא מצרפת מפקדנו לשעבר והמייסד של המקומי הח' משה גולדפינגר אשר גמר שם את ההכשרה המקצועית כגנן בטוליזה. הוא הרצה הרצאה באולם „ביתר״ על הנושא „המדינה היהודית״. הח' גולדפינגר הוא אחד מהמייסדים של ההסתדרות הרביזיוניסטית בדרום־צרפת. (גל' 41, 11.10.1935).

רדומישל רבתי גל' 17, 1.5.1936 — **בשבת, 18 באפריל** ש. ז. התקיים באולם „ביתר״ נשף פרידה של האח המפקד אביגדור אייזלנד אשר ביחד עם אשתו עולים ארצה. אחרי שירת „בשוב ד׳״ פתח הערב היו״ר האח יעקב אייזלנד, אשר בנאום רחב יותר בעברית תיאר את הזכויות של האח אביגדור אייזלנד כמפקד הקן שבעבר. אחר־כך מוסר את רשות הדיבור להגב' ד״ר שרה שפיגל מטעם העזרה לחלוצים. הגב' ד״ר שפיגל מתארת בנאומה הארוך את התמסרותו של האח א. אייזלנד בעבודתו למען הקרנות הלאומיות. אחר־כך דיברו האחים הורוביץ ובירנבוים מ„ביתר״, מטעם הגרוסמ־ניסטים הח' ח. ד. ווינד. מההסתדרות „עקיבא״ הח' י. ווינד, מהוועד המקומי הח' ש. ווינד ומהספריה הלאומית א. קנגגיסר. אחרי נאום הפרידה של האח המפקד אביגדור אייזלנד ננעל הנשף ב„התקוה״.

פנחס בירנבוים

גל' 3, 15.1.1937 — **רשימת המקומות אשר לא שלחו חשבונות** (מפעל קרן תל־חי) בארווע ע״י מיליץ משה מאיר וואסערשטרום.

טארנוב (גל' 13.1.1939) — **ביום 25.12.1938 התקיים כינוס של תת־גליל טרנוב בהשתתפות של כל הצירים מאותו התת־גליל.** בכינוס השתתפו הקננים כדלקמן: ...רדומישל רבתי... בוויכוח השתתפו מפקדים אחדים... בירנבוים — רדומישל רבתי...

המחשבה הציונית (הוצאה חד־יומית — 11.8.39) והמפקדה הגלילית של בית״ר למען מערב פולין הקטנה ושלזיה, מודיע לכל הקננים בגליל, שביום ראשון 27 ח. ז. יתקיים בדמביץ כינוס בית״רים מהקננים כדלקמן: ...רדומישל רבתי... המפקדים עושים את ההכנות הדרושות לכינוס הנ״ל.

מענדל אייזלאנד
בת־ים

די פועלי־ציון

אָן גוזמא קאָן מען זאָגן, אַז ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען פון דעם אַרבעטער־ציוניזם, האָבן זיי געפונען אַן אָפּקלאַנג ביי אונדז אין שטעטל ביי דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג.

שוין אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון די ראַדאָמישלער ציוניסטן (ווי עס גיט איבער „די וועלט״ פון אָקטאָבער 1903), זענען געווען צווישן די פאַראַמלטע, מענטשן פון אַרבעט, ווי יעקב שטרויבינג (א שניידער) און מיכאל פעדער (א היטלמאַכער). עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז צווישן די געקומענע ציוניסטישע אַגיטאַטאָרן פון טאַרנע, איז געווען יעקב קענער, דער שפּעטערדיקער פירער פון דער פועלי ציון אין גאַליציע און נאָכדעם פון דער פועלי־ציון־יוגנט אין פוילן.

דער ראַדאָמישלער שרייבער ראובן אייזלאַנד איז אין אַמעריקע, אין די ערשטע יאָרן פון זיין אָנקומען אַהין, געווען אַן אַקטיווער פועלי־ציון. ער איז געווען צווישן די מיטאַרבעטערס פונעם „יידישן אַרבייטער״ אין קראָקע, דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי אין עסטרייך. געדרוקט דאָרט זיינע לידער, געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס פון אַמעריקע און רעצענזיעס וועגן ביכער.

אין דעם „יודישן אַרבייטער״ פון 7.6.1907 (נומ. 23), איז פאַראַן אַן אַנאָנס: „די נייע שטימע״, אָרגאַן פון דער גאַליציאַנער און בוקאָווינער יוגנט אין ניו־יאָרק, דערשיינט יעדע צוויטע וואָך, ביי דער מיטווירקונג פון באַקאַנטע יידיש גאַליצישע שרייבער אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד. „די נייע שטימע״ ווערט אַרויסגעגעבן פון דעם גאַליצישן ליטעראַטור פאַריין אין ניו־יאָרק... צו באַציען דורכן „יודישן אַרבייטער״ קראָקע און דורך ב. אייזלאַנד, ראַדאָמישל ביי טאַרנאָוו.״

פון דעם אַנאָנס דרינגט אַרויס נישט בלויז אַז ראַדאָמישלע איז געווען אַ לאַנד־פאַרטרעטערשאַפט פון דער צייטשריפט,

נאָר אויך, אַז בעריש אייזלאַנד (דער שפּעטערדיקער פירער פון אַלגעמיינעם ציוניזם אין שטעטל) האָט אויך געהערט אין יענע יאָרן צו דער פּועלי־ציון, יעדנפאַלס — נישט געווען ווייט פון איר.

בנימין קאַן ז״ל דערמאָנט אין זיין אַרבעט (געדרוקט אין אונדזער יזכור־בוך), אַז פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געפּרוווט צו שאַפן אַ פּוע״צ־יוגנט אָרגאַניזאַציע, אָבער עס איז אים נישט געלונגען.

רייזל קאַרטאַגונער־שרויב ע״ה שרייבט (אויך אינעם יזכור־בוך), אַז ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּועלי־ציון־פאַריין, האָט דניאל לייבל איינגעלאַדן דעם אַלגעמיינעם ציוניסטישן פאַריין צו דער דערעפנונג. דאָס האָט געמוזט זיין סוף 18־טן און אָנהייב 1919, ווען די אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ שטאַרקע און אַ רירעוודיקע. זי האָט געהאַט צווישן אירע מיטגלידער: שמעון בוי, הערשל שאיע, בונעם האַנט, לייזער בראַנד, קעניג, דאַוויד א. אָ. שמעון אייזענבערג איז געווען דער יונגער צווישן זיי. דאָס לאָקאַל איז געווען ביי זאַלמעלע גרין, אין דער שקאָלע גאַס. אויך אשר בערגער (פלאַם) איז געווען מן־הסתם אַ חבר פון פּוע״צ. זיי האָבן געפירט אַ קולטור־טעטיקייט צווישן זייערע חברים. ווייזט אויס אַז די ערשטע טעאַטער פאָרשטעלונג אין ראַדאָמישלע (נאָך דער מלחמה), וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן פון די ברידער האַרטמאַן, האָט מען צו פאַרדאַנקען די פּועלי־ציון.

אין יענער צייט, ווען די יידישע גאַס האָט זיך געטומלט מיט פאַרשידענע הילף קאָמיטעטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט צעטיילן די אַריינגעשיקטע אַמעריקאַנער הילף, איז די פּוע״צ געווען אַקטיוו אויף דעם געביט און קריטיקירט די אַרבעט פון דעם א. ג. רעטונגס־קאָמיטעט.

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ראַדאָמישלע, געדרוקט אין דעם קראָקעווער פּוע״צ־אָרגאַן „דער קעמפער״ (אינעם נומ. פון 22.8.1919) לייענען מיר: „דער היגער רעטונגס־קאָמיטעט באַשטייט פון לויטער אנשים חשובים, שיינע בעלי־בתּים, וואָס האָבן תּמיד זיך אין זין. דער קאָמיטעט באַקומט יעדן חודש 3000 קראָן צו פאַרטיילן, דערפון באַקומען די קרובים פון די „פאַרזאָרגערס״ פון די מיטגלידער פון רעטונגס־קאָמיטעט צו 500—800 קראָן, אַזוי שיינע בעלי־בתּים, פּראָטעקציע־קינדער, 300־400 קראָן און דאָס רעשט ווערט פאַרטיילט פאַר אַרבעטסלאָזע צו 30־40 קראָנען. איין מיטגליד פון הילפס־קאָמיטעט נעמט יעדן חודש פאַר זיין שוואָגער 700 קראָן, פאַר זיין איידעם 600 קראָן און אַן אַנדערער מיטגליד באַקומט פאַר זיך אַליין 800 קראָן אַ חודש. וויפל עס בלייבט פאַר אמתדיקע באַדערפטיקע, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן״.

צווישן די דעלעגאַטן פון דער קראָקעווער מאַי־קאָנפערענץ (אין 1920) פון די י.ס.ד.א.פּ. פּועלי־ציון (די לעצטע פאַר דער שפּאַלטונג), האָט זיך אויך געפונען אַ דעלעגאַט פון ראַדאָמישלע.

לאַנג האָט די אָרגאַניזאַציע נישט עקזיסטירט. די סיבות פון איר צעפאַלן קאָנען זיין פאַרשידענע. ס׳האָט געמוזט ווירקן די שפּאַלטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דער פּוילישער פּוע״צ־פּאַרטיי נאָך דער 5־טער וועלט־קאָנפערענץ אין ווין (יולי־אויגוסט, 1920); נישט ווינציקער — וואָס די חברים זענען זיך צעפאָרן אין פאַרשידענע שטעט און לענדער.

נאָך אַן איבעררייס פון עטלעכע יאָר איז ווידער אַנשטאַנען די פּוע״צ־אָרגאַניזאַציע אין זומער 1927. זי איז געוואָרן רעגיסטרירט ווי דער „פאַרבאַנד פון נישט־פּאַכאָווע אַרבעטער״ (אַזוי האָבן די פּוע״צ־אָרגאַניזאַציעס געהייסן אין גאַנץ מערב־גאַליציע אין הסכּם מיט זייער סטאַטוט).

די פּאַרטיי איז אַנטשטאַנען ווי אַ פּשוטע נויטווענדיקייט פאַר דער אונטערגעוואַקסענער אַרבעטער־יוגנט און אַנדערע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געוואָלט זיך געזעלשאַפטלעך און קולטורעל אויסלעבן און נישט געהאַט קיין אָרט אין די רייען פון דער עקזיסטירנדיקער נאַציאָנאַל־יידישער ביבליאָטעק אין יענער צייט.

כאָטש דער פּערזענלעכער מאָמענט האָט געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל אין דער אַנטשטייונג פון דער פּאַרטיי אין יענער צייט, איז אין תּוך גענומען דער גאַנצער שטרייט צווישן שמעון אייזענבערג און נפתּלי ווייס גרופּע — ביי די ביבליאָטעק־וואַלן אין זומער 1927, — געווען אַן אויסדרוק פון דער פאַרשידנקייט פון דער סאָציאַל־פּאָליטישער אַנשויונג.

אַ פּאָר ווערטער וועגן שמעון אייזענבערג: ער האָט



שמעון אייזנבערג

געשטאַמט פון אַ שניידער־פאַמיליע און אַליין אויך געווען אַ שניידער (אַ קאָנפעקציע־שניידער). ער האָט זיך יונג אָנגעשלאָסן אין דער פּוע״צ־פּאַרטיי, וועלכע האָט דעמלט עקזיסטירט אין שטעטל. נאָכן צעפאַלן פון דער פּוע״צ, איז ער געוואָרן טעטיק אין דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק, וועלכע האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע ציוניסטישע לעבן אין שטעטל.

אין די יאָרן 1923־1925 האָט די ביבליאָטעק איבערגעלעבט אַ שטיקל קריזיס; די ציוניסטישע אָנפירערס זענען אַוועק־געפאָרן, — קיין דייטשלאַנד, אָדער אין פּוילישע שטעט; די וואָס האָבן חתונה געהאַט אין שטעטל זענען געוואָרן באַלעבעסלעך, זיך אַפילו געשעמט מיט די חטאת נעורים: דער ציוניזם בכלל האָט — נאָך זיין אויפלאַמען — זיך אַ ביסל אָפּגעקילט. אויף דער וואַך פון דער ביבליאָטעק זענען פאַרבליבן בלויז איינצעלנע, צווישן זיי — שמעון אייזענבערג. ער, דער פאָלקס־טיפּ, וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעס פאַר אַ יידיש ביכל, האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן ווי אַ געניטער געזעלשאַפטלעכער עסקן מיט אַ חוש פאַר אָרגאַניזירן פאַרשידענע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט לעבן אין שטעטל און געשאַפן געלט־פאָנדן

פאר דער ביבליאטעק. ער ווערט דערווײלט אין די פאַרשידענע פאַרוואַלטונגען ווי אַ וויצע־פּרעזעס (אין דער צײט ווען סימע גראָס איז געווען פּרעזעס, ווי אויך אין דער צײט פון שיינדעלע ווינד, דער פרוי פון יחיאל ווינד).

אין יענער צײט איז די ביבליאטעק געווען באמת א פאלקס־ביבליאטעק. עס זענען פארגעקומען רעפעראטן אויף פאַרשידענע פּאָליטישע און קולטורעלע טעמעס, די לעזער האבן ממש געשלונגען דאס יידישע בוך.

אין די יאָרן 1926־1924 איז שמעון אײזענבערג אויך געווארן דער גאנצער ווארטזאָגער ביי די אלגעמיינע ציוניסטן אין שטעטל. געווען דעלעגאט אויף די ציוניסטישע צוזאמענפארן, דער אָרגאַניזאטאָר און רעדנער אויף הערצל־אקאדעמיעס און סתם ציוניסטישע פייערונגען.

אין די יארן 1927־1926 רוקט זיך ארויס א נייע גענעראציע פון יוגנטלעכע, געוועזענע בית המדרש בחורים ווי: מאָטל קליין, יאַנקל בראַנד, משה יאַנקל קאָך (אײזלאַנד) א. א., וועלכע הייבן אָן מיט דער מיטהילף פון שמואל שפילמן ז״ל, חיים לייב פארשטענדער ז״ל, ויבלח״א יעקב מאהלער ארויס־צווייזן געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט.

זיי, די בית המדרש בחורים, הייבן אָן אַן אנגריף קעגן שמעון אײזנבערגן, וועלכער איז ווייט געווען פון די סוגיות פון אביי און רבא; זיי, די קענער פון העברעיש, האבן זיך געשעמט מיט זיין פשוטן פאָלקסטימלעכן יידיש.

די לאזונג איז געווארן: שמעון אײזענבערג דאַרף אַוועק פון דער ביבליאָטעק־לייטונג!

ביי די וואַלן, וואס זענען פארגעקומען אין זומער 1927, איז שמעון אײזענבערג מיט זיין גרופּע אדורכגעפאַלן. די ביבליאטעק־לייטונג איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון נפתלי ווייס און די פארטרעטערס פונעם קעמפנדיקן העברעיש.

דער דורכפאַל פון שמעון אײזענבערגן ביי די ביבליאטעק־וואַלן, האָט אים געפירט אין דער ריכטונג פון דער געזעלשאַפט־לעכער גרופּע, צו וועמענס שטאַנד ער אליין האָט געהערט, זאל זיך פאַראינטערעסן מיט מעגלעכקייט צו שאַפן א יידישן האַנטווערקער־פאַריין פון איין זייט (ער ווערט דארט דער סעקרעטאר), און צו אָרגאַניזירן די פּוע״צ־פּאַרטיי. די זאַך איז נישט אנגעקומען שווער, ווייל: עס האט זיך געפונען אַ גרופּע יידישע ארבעטערס אין שטעטל, וועלכע האָבן געלעכצט נאך א געזעלשאַפטלעך אויסלעבן זיך. די פּאַרטיי פּוע״צ (צ. ס.) אין פוילן איז געווען ערשט נאך איר ערשטער גרויסער ווערבירונג־אקציע. דאס דערבייאיקע דעמביץ, וואס האט געהאַט א גרויסע און שטאַרקע פּוע״צ־פּאַרטיי, מיט גוטע אָנפירערס (די ברידער לאופבאַן און י. גרינבערג) האבן פארלייגט אן אויג אויף ראדאמישלע כדי דאָרט צו גרינדן א פּוע״צ־אָרגאַניזאציע.

אין די ערשטע יאָרן פון איר אַנשטיין האט די פּוע״צ געפירט אַ רירעוודיק פארטייאיש לעבן אויף אלע אָפּשניטן. עס זענען פאָרגעקומען לעקציעס און רעפעראטן; מען האט פאַרקויפט דעם שקל און אַנטייל גענומען אין די קאָנגרעס־וואַלן; עס איז געשאַפן געווארן א רייכע יידישע ביבליאטעק, וו דער גוטער לייענער האט געקאַנט געפינען אַ פּאַסנדיק בוך. וועגן דער טעטיקייט פון דער פּאַרטיי אין דער ערשטער צייט, ווי אויך וועגן דעם קאַמף, וואס די פּוע״צ האט געהאט מיט די אַלגעמיינע ציוניסטן, לייענען מיר אין אַ

קאָרעספּאָנדענץ אין דעמאלטדיקן פּוע״צ־אָרגאַן אין ווארשע „באַפרייונג־ארבעטער־שטימע״ (נום. 36, פון 16.9.1927):

„נאך לאַנגע יארן פון צעשפּליטערונג האט אונדזער ארבעטער־יוגנט ענדלעך דערזען די נויטווענדיקייט זיך צו אָרגאַניזירן. דורך א גרעסערער גרופּע חברים פון פועלי־ציון זענען איינגעלאַדן געווארן די ח״ח לויפבאן און גרינבערג פון דעמביץ, וועלכע האבן רעפערירט וועגן די וועגן און אויפגאַבן פון אונדזער פּאַרטיי און אַלגעמיינע פּאָליטישע פּראַגן. דער גרויסער עולם האָט מיט אויפמערקזאַמקייט אויפגענומען די רעפעראַטן און אויספירונגען פון די רעפערענטן. מיר ציילן אין אונדזער ארגאניזאציע פאָרלויפיק 50 חברים. פיל סימפּאַטיקער וועלן געוויס צושטיין צו אַן אַקטיווער מיטאַרבעט גלייך ווי מיר וועלן אויפעפענען אַן אייגענעם לאָקאַל און אַוועקשטעלן די אַרבעט אויף אַ נויטיקער הויך.

נישט לאַנג זענען פארגעקומען וואַלן צום שטאַט־ראַט און מיר האבן באַקומען 1 מאַנדאַט (ח׳ ש. אײזענבערג)״.

(באַמערקונג: שמעון אײזנבערג איז געווילט געווארן ווי אַ האַנטווערקער־פארשטייער. ווען די וואַלן זענען פארגעקומען, איז נאך נישט געווען אָפיציעל קיין פּוע״צ — מ. א.)

„די סתם־ציוניסטן באַקעמפן אונדז שטאַרק און פרעדיקן אומעטום, אז מיר האָבן נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג״.

נאָך א בינטל קאָרעספּאָנדענצן, געדרוקט אין דער „באַפרייונג־ארבעטער־שטימע״, נום. 1, 6.1.1928:

„3־טע קאָנפערענץ פון אונדזער ארגאניזאציע אין מערב־גאַליציע. די ראַיאָן־קאנפערענץ פון אונדזערע ארגאניזאציעס אין מערב גאַליציע האט זיך געעפנט דעם 25 דעצעמבער 1927. די קאנפערענץ איז פארגעקומען אין קראקע און האט געדויערט 2 טעג. אנוועזנדיק זענען געווען: ...אייזנבערג (ראדאמישל)״...

נום. 23, 15.6.1928: „ראדאמישלע: זונטיק, דעם 3־טן ד. מ., האט ח׳ גרינבערגער פון דעמביץ געהאַלטן א רעפעראַט א.ד.ט. „דאס אונטערגייענדיקע אייראפּע און דאס דערוואַכנ־דיקע אזיע״.

ח׳ גרינבערגס אינהאַלטסרייכער רעפעראַט האט געמאַכט זייער א גוטן איינדרוק. דער עולם צוהערער האט אים באַגלייט מיט גרויסע אָוואַציעס.

צוזאַמען מיט ח׳ גרינבערגער האבן מיר געהאַט א זיצונג וועגן די קהילה־וואַלן און אויך וועגן דער יוגנט־„פרייהייט״.

באַראַכאָוו פייערונגען אין גאַנצן לאַנד.

„דער מערב גאליצישער ראַיאָן־קאָמיטע אין קראקע האט ארויסגעשיקט אַ ריי רעדנער אין דער פּראָווינץ. ביז איצט זענען פארגעקומען אַקאַדעמיעס אין... ראדאמישלע, ח׳ גרינבערגער. (נום. 29, 27.12.1929).

„ראיאן קאנפערענץ אין מערב גאליציע״. זונטיק, דעם 19־טן יאנואר (נום. 5, 31.1.1930) איז פארגעקומען אין קראקע א ראיאן־קאנפערענץ פון די מערב־גאַליצישע פועלי־ציון־ארגאניזאציעס. ס׳זענען געקומען דעלעגאטן פון... ראדאמישל וויעלקי... די קאנפערענץ האט זיך ספּעציעל אפּגעגעבן מיט ארגאניזאציע־פראַגן און מיט פּראָפעסיאנעלער טעטיקייט... די באַריכטן פון די ערטער דערציילן וועגן וווקס און שטארקונג פון אונדזער באַוועגונג אין מערב־גאַליציע.״

אין דער תקופה זענען אויך געמאַכט געווארן פרוון פון גרינדן א „פרייהייט״, ווי עס זאגט עדות די אויבנדערמאַנטע קאָרעספּאָנדענץ אין „באפרייונג״ פון 15.6.1928. אַ קליינע

גרופע איז געלונגען צו שאַפן ווי מיר זעען ווייטער: „שבת דעם 11־טן יאנואר 1930... קומט פאר אין קראָקע, אין פאַרטיי־לאקאל פועלי ציון... די 1־טע פגישה פון אלע מערב־גאַליצישע חלוצים פון פועלי־ציון און „פרייהייט"... אלע חברים חלוצים פון... ראדאמישלע... וועלכן ווילן אריינטרעטן אין קבוץ „דרור ב'" מוזן פערזענלעך קומען צו דער פגישה."

פון דער „פרייהייט" זענען די צוֵוי ברידער, פסח און שמאי גרין, געווען אויף דער „דרור", אבער נישט זוכה געווען צו קומען אין לאַנד. הי"ד.

אין אנהייב פון די דרייסיקער יארן הייבט אָן די קאמוניסטישע באַוועגונג אַרומצונעמען געוויסע גרופן פון די יידישע יוגנטלעכע ביי אונדז אין שטעטל און זיי האבן געשאַפן אין די פאַרשידענע לעגאַלע ארגאַניזאַציעס זייערע געהיימע קעמערלעך, וועלכע האבן געפירט א צעשטערערישע אַרבעט. די פוע"צ־ארגאניזאַציע האט אנגעהויבן צו ליידן פון דער גרופע, וועלכע האט טארמאזירט די גאנצע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעט פון דער פאַרטיי. א סך מיטגלידער זענען געוואוּ̈ן אינדיפערענט, פארלאנגט צו פאַרוואַנדלען די פארטיי אין אַ קולטור־אינסטיטוציע, שטיצנדיק זיך אויף דער גרויסער ביבליאטעק וואס זיי האבן פארמאגט.

אזוי איז די פאַרטיי צוביסלעך געווארן אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי איז אין גאַנצן אויפגעלעזט געווארן. די געבליבענע געטריי צ̈עם פועלי ציוניסטישן געדאַנק און טאט האבן געפונען זייער פלאַץ אין דער ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל, וואס האט אנגעהויבן זיך גוט צו אַנטוויקלען און ווערן צו א געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר אויף דער יידישער גאַס.

זאל צום לעצט דערמאָנט ווערן דער נאמען פון ישראל בראַנד, וועלכער האט אונטערשטיצט די פועלי־ציון ביי איר אנשטייונג אין יאר 1927 און געווען איר ערשטער פרעזעס.

נפתלי קעלער

בת־ים


אזוי זענען געשאפן געווארן די „פועלי־ציון"

אזוי זענען געשאפן געוואָרן די „פועלי־ציון"
און דער דראַמ־קרייז.

דאָס איז געווען אין פרילינג 1927, די יוגנט האָט זיך ארומגעדרייט פוסט און פאַס, מען האָט געמאָסטן די גאַסן אָן א ציל. פיל פון זיי האָבן פארבראכט די בעסטע צייט ביים קאָרטן־שפיל און אין בילארד; מ'האָט געלעבט זאָרגלאָז, כאָטש קיין איבעריקער גראָשן איז נישט געווען אין טאַש. דאָס האָט אויך נישט געשטערט איינער זאָל אָפלאַכן פון צווייטן. יעדער איז געווען פאר זיך א חכם. מיט איין וואָרט: מען האָט געלעבט אין א גן־עדן פון נאַראָנים. פארן מאָרגן, זאָל גאָט זאָרגן.

דעמאָלט זענען זיך צוזאמענגעקומען עטלעכע חברים, מיטן חבר הענעך וואָלף פון קראָקע, אויף א בוידעם־שטיבל ביי לייזער קליין (דעם בעקער) און נאָך א באראטונג, וואָס האָט געדויערט איבער 6 שעה, איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאר די רעכטע „פועלי־ציון".

אין שפיץ פון די פיאָנערן זענען געשטאַנען: דוד גרין, שאול לימאן ז"ל, נפתלי קעלער, נפתלי גרין, נפתלי גאסטווירט. זייער אויפגאבע איז געווען צו ווערבירן חברים, וואָס מער חברים. אין א קורצער צייט ארום האָט די אָרגאַניזאציע געציילט 70 חברים און געהאט אן אייגן לאָקאַל. ס'איז נישט לייכט געווען איבערצוצייגן די יוגנט זיך צו אָרגאניזירן אין א פאָליטישער קערפערשאפט, זיי האָבן נישט פארשטאַנען דעם פראָגראַם און נישט געוווּסט, וואָס מ'פארלאנגט פון זיי. מיט פארשידענע וועגן — פאָרלעזונגען, לעקציעס, כאָר־געזאנג, אויספלוגן — איז געלונגען די יוגנט איינצוגלידערן אין פארטייאישן לעבן.



א גרופע יוגנטלעכע פון ארבעטער־לאגער.

פון רעכטס צו לינקס: יאסל שטרום, יששכר שעכטער, נפתלי קעלער, דוד גרין, מענדל שענקער, יאנקל אייזיג.

די פארבינדונג מ'טן צענטראל־קאָמיטעט אין ווארשע, ווי אויך מיטן ראיאָן־קאָמיטעט אין קראָקע, איז איינגעשטעלט געוואָרן. די פארטיי־ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן צו נאָרמאליזירן. די ערשטע וואַלן, וואָס זענען ביי אונדז פאָרגעקומען: ס'איז געוויילט געוואָרן א פארוואלטונג פון 5 פערזאָן, וועלכע האָבן געזאָרגט פאר דער עקזיסטענץ פון דער פארטיי און איר אנטוויקלונג.

די טרויער־אקאדעמיע נאָך בער באָראָכאוו, דעם 17־טן דעצעמבער, האָבן מיר דורכגעפירט זייער אימפּאָזאנט, מיטן חבר גרינבערג פון טארנאָוו. ס'איז געשטעלט געוואָרן אן איינאקטער; א גוט געשולטער כאָר האָט געזונגען ארבעטער־לידער. די חברים זענען געווען זייער באגייסטערט פון דעם אָוונט, באקומען מוט און אָנגעפאַנגען א ברייט־פארצווייגטע קולטור ארבעט.

ווען אונדזער אָרגאַניזאַציע „פועלי־ציון" האָט שוין עקזיסטירט א קנאפ יאָר, האָבן מיר אָנגעהויבן צו טראכטן וועגן א ביבליאָטעק. צוליב געזעלשאפטלעכע אונטערשיידן צווישן דער ראדאָמישלער יוגנט, וועלכע האָבן זיך נישט גרופירט ארום די תרבות־קרייזן, האָט די אלגעמיין ציוניסטישע ביבליאָטעק פאַר זיי נישט געקאָנט זיין קיין „קולטור־היים". דאָס זענען געווען יינגלעך בעלי־מלאכהס, וואָס האָבן נישט פיל געלערנט, אָבער דער דראנג אויסצולעבן זיך קולטורעל איז געווען גרויס. און אין דער ציוניסטישער ביבליאָטעק האָט מען אויף זיי געקוקט נישט מיט זייער סימפאטישע בליקן, אפילו טיילמאָל אפגעהוזקט. עס דערמאנט זיך מיר א פאל, ווען א מיידל פון די אזוי גערופענע ארעמע שיכטן, איז

געקומען טוישן א בוך, האָט דער ביבליאָטעקאר געפרעגט מיט א באהאלטענעם שמייכל: „וואָס פאר א בוך, פריילין, ווילט איר לייענען? — אַ שיינס!” — איז געקומען איר ענטפער. האָט דער ביבליאָטעקאר אויסגעזוכט א בוך פול מיט בילדלעך און דערלאנגענדיק עס אויסגערופן: „דאס איז ווירקלעך א שיין בוך פאַר אייך!”.

זאָל מען אָבער נישט מיינען, אז די יוגנט, וועלכע האָט זיך גרופּירט ארום די תרבות־קרייזן, איז יאָ געשטאנען אויף אַזאַ הויכן קולטור־ניוואָ. אמת, ס׳זענען געווען צווישן זיי קולטורעלע בחורים און מיידלעך, אָבער קליין אין צאָל. א טייל אנדערע, זענען געווען גאנץ פיינע עם־הארצים, גרויסע הויכשטאַפּלער, און זייער איינציקער ציל איז געווען וואָס העכער צו קריכן אויפן לייטער (היינט רופט מען דאָס „סנאָביזם”).

אונדזער אָרגאניזאציע „פועלי ציון” האָט געציילט איבער 100 חברים און סימפּאטיקער. דער דורשט נאָך וויסן איז געווען גרויס, די גייסטיקע שפּייז איז באשטאנען פון צייטונגען: די פּארטיי־צייטונג „באפרייאונג—ארבעטער שטימע”, דער ווארשעווער „מאָמענט” און דער אמעריקאנער „פאָרווערטס”.

כדי נישט צו זיין אָפּהענגיק פון דער אלגעמיינער ציוניסטישער ביבליאָטעק איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן דעם „דראמקרייז” און פון די איינקונפטן צו שאפן אן אייגענע ביבליאָטעק, וועלכע זאָל שפּייזן אונדזערע חברים און סימפּאטיקער מיט וויסן. נישט אזוי לייכט איז אַנגעקומען צוזאמענצושטעלן די אזוי גערופענע „ארטיסטן”, ווייל דאָס



נפתלי קעלער
אין איינער פון זיינע ראלן

זענען געווען יינגלעך, וועלכע האָבן קיינמאָל זייער געבוירן־שטעטל נישט פארלאָזט און קיינמאָל אין קיין יידיש טעאטער נישט געווען. אָבער דער דראנג נאָך וויסן האָט באזייטיקט אלע שוועריקייטן. ס׳זענען אויסגעקליבן געוואָרן 9 חברים, וועלכע האָבן געזאָלט זיין די ערשטע פּיאָנערן: יעקב טראָפּף (האָניג), אלישע גרין, נפתלי גרין, נפתלי גאסטווירט, אברהם גראָס, יאָסל בראנד, יצחק פּאדאווער, הענעך האָלצגרין און נפתלי קעלער. סופלאר: יחיאל בראנד.

ס׳איז געשאפן געווארן א קליינער קאָמיטעט, וועלכער האט געזאלט באשטימען וואס צו שפּילן. אויסגעקליבן איז געווארן די דראמע פון יעקב גאָרדין „דער יידישער קעניג ליר”, מיט א געדונגענעם רעזשיסער (פאר 20 פּראצענט פון דער ריינער הכנסה). ביים איינטיילן די פּרויען־ראלן האבן מיר זיך אנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן, ווייל אין יענע באדינגונגען איז נישט געווען מעגלעך, אז א יידישע טאָכטער זאל זיך דערלויבן צו שפּילן מיט יינגלעך טעאַטער. קיין שום אַרגומענטן האבן נישט געהאָלפן איבערצוצייגן די עלטערן. א טייל פון זיי האבן אפילו די טעכטער געדראָט מיט פארשידענע מיטלען. אין בית־המדרש, נאכן דאַווענען, האבן יידן גערעדט וועגן חילול־השם. „אזעלכע שקצים” פלעגן זיי זאָגן, „קאמעדיאנטן ווילן זיי ווערן!” די מיידלעך האבן געמוזט רעזיגנירן, ווייל א וואָרט פון טאטע־מאמע איז געווען הייליק. מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט — די יינגלעך געמאַכט פאר מיידלעך. און זיי האָבן איבערראַשט מיט זייער אַרט שפּילן די פרויען־ראָלן. שווערע, ביטערע פּראָבן האָבן מיר אויך דורכגעמאַכט מיט אונדזער ליבן רעזשיסער. זיין באנעמען זיך צו אונדז האט אויסגעזען, ווי מיר וואָלטן געווען זיינע שקלאפן, אומבאוווסטע עלעמענטן. נאר „ער” איז דאס דער יעניקער, וואס איז באשאפן געוואָרן אונדז ארויסצופירן פון פינצטערן זומפּ און אריינפירן אין א וועלט פון ליכט און וויסנשאַפט. ער האָט פשוט סאַבאָטירט די פּראבן.

ווער ווייס, -- אפשר איז דאס גאָר געווען א ווונק פון אויבן, ס׳זאָל פון דעם גארנישט ווערן? איך וויל באמערקן, אז פיל פּראבן האבן מיר געמאכט אין פּריוואטע שטובן, ביי אונדזערע סימפּאטיקער.. ס׳דערמאנט זיך טאקע א פּראבע ביי א גוטן פריינד: ס׳איז געווען פרייטיק־צונאכט. די שטימונג איז געווען א פריילעכע, ווייל 2 אַקטן זענען געווען קאָמפּלעט פאַרטיק. דער רעזשיסער האט שוין נישט געמאַכט קיין אויסבעסערונגען, אבער אין מיטן האט אים אנגעהויבן גארנישט צו געפעלן. ער האט געלייגט שטעקנס אין די רעדער און אָפּגעשטעלט די פּראבן; איינער פון די חברים האט אים אויפמערקזאם געמאכט, האט ער אנגעפאנגען צו באליידיקן פערזענלעך, מיט זידל־ווערטער: „שניידער־יונגען”, „בלעכער־קעפ, זייט ווען ווייסט איר וואס ס׳הייסט שפּילן טעאטער?” די באליידיקונג איז געווען גרויס און דער הארץ־ווייטיק נאך גרעסער, דאן האבן מיר א געשריי־געטון: — „געבוג! קאנסט גיין”! „פון היינט אָן ועלן די שניידער און בלעכער־יינגען איבערנעמען די רעזשי”. מיט אייגענע כוחות האבן מיר פאַרענדיקט די פּראבן און געהאַט דעם גרעסטן דערפאָלג.

אין שטעטל האט זיך געפונען דער איינציקער טעאטער־זאל מיטן נאמען „סאָקול”. די קריסטן האבן געמאַכט שוועריקייטן ביים פארדינגען דעם זאל און געפּרוווט מיט אלע מיטלען נישט צו דערלאָזן ס׳זאל געשפּילט ווערן יידיש טעאטער אין „סאקול”. די שטילע אנטיסעמיטן (אזעלכע זענען געווען גענוג) פלעגן זאגן: „ס׳איז א חרפּה, אז אין א זאל ווו עס הענגט דער ,ווייסער אדלער׳, זאל מען שפּילן א יידיש טעאטער”. די שוועריקייטן האבן מיר אויך באקעמפט. ווידער זענען אבער אנטשטאנען נייע שוועריקייטן: די פאָרשטעלונג האט געדארפט ווערן לעגאליזירט ביים סטאַראָסטע אין מיעלעץ. האט מען פארלאנגט די פּיעסע זאל איבערגעזעצט ווערן פון יידיש אויף פּויליש, מורא האבנדיק, ס׳זאל חלילה נישט זיין קיין רעוואלוציאנערער אינהאלט. איין איינציקער מענטש האט זיך ביי אונדז געפונען, וואס וואלט דאס געקאָנט מאכן. דאס איז געווען נפתלי ווייס ז״ל, דער יידישער מעטריקאַל־פירער. אבער די צייט האט נישט דערלויבט. מיט שווערער מי איז געלונגען די מאַכט־אָרגאנען צו איבערצייגן, אז דאס

איז א לעבנס־בילד פון א רייכער חסידישער משפחה און פאר דעם זענען מיר געווען פאראנטווארטלעך.

איין באאמטער האט מן־הסתם אויך געקריגן עפעס אין „יד ארײַן" עס זאל שנעלער ווערן דערלײדיקט.

די פרעמיערע איז באשטימט געוואָרן אויף פורים 1928. בכדי די פאָרשטעלונג זאל האבן א גרעסערן מאטעריעלן דערפאָלג (אין וואס מיר האבן זיך אזוי שטארק געניײטיקט), האבן מיר זיך געוואנדן צו אונדזערע חברים און סימפאטיקער יעדער זאל שענקען וואס ער קאן כדי צוזאמענצושטעלן א בופעט פון אייגענער פראָדוקציע. קיינער האט זיך פון דער מצוה נישט אָפגעזאָגט. פאַרקערט — יעדער האָט געוואָלט איבערשטייגן דעם צווייטן מיט זיין שיינעם גאב. מען האט געבראַכט וויין, ביר, טאָרטן, פארשידענע זיסווארג, באלאָנען סאָדע־וואסער. דער לאנגער טיש אין זאַל איז געווען אנגע־פיקעוועט פון אלעם גוטן — אלץ פון אונדזערע חברים און סימפאטיקער.

עטלעכע טעג פאר דער פארשטעלונג האבן שוין אראפ־געשײנט פון די ווענט גרויסע אפישן (אייגענע האנט־ארבעט) מיט קידוש־לבנה אותיות: „יידישע סאציאליסטישע ארבעטער פארטיי פועלי־ציון האט דעם כבוד פאָרצושטעלן יעקב גאָרדינס דראמע אין 4 אקטן — „דער יידישער קענג ליר"". און אויסגערעכנט די אנטיילנעמער לויטן א' ב'. דאס האַרץ האט געקוואָלן זעענדיק, אַז די שווערע האָרעוואַניע איז נישט געווען בחינם.. אלע חברים האבן צוגעהאָלפן מיט וואס איינער האט נאָר געקאָנט, אז די פרעמיערע זאל ארויסקומען מער אימפאָזאַנט.

יידן זענען געגאנגען פון דאווענען מיט די תפילין־זעקלעך אונטערן ארעם. געגאנגען לאנגזאם, מיט געמאָסטענע שריט, — מען האָט צייט, די געשעפטן וועלן נישט אנטלויפן! פלוצלינג האבן זיי דערזען דעם אפיש, זיך אפגעשטעלט, אנגעזאָטלט די דראָטענע ברילן, און אנגעהויבן צו לייענען גאנץ פאמעלעך, חלילה נישט איבערהיפערן קיין וואָרט. נאכן לייענען האט געפרעגט איינער דעם צווייטן: „ווער איז דאס דער יעקב גאָרדין, וואס האט געמאַכט דאס שטיק?" קיינער פון די ארומיקע קען אים נישט, מען ווייס אויך נישט ווו ער וווינט און מיט וואס ער האנדלט. האט מען געקוועטשט מיט די פלייצעס, געברומט אונטער דער נאָז — „ווער ווייסט זיי דאָרט? א חברה קאמעדיאנטשיקעס".

דער טאג פון פרעמיערע איז געווען א שיינער, א זוניקער. טרוקן די קליינשטעטלדיקע בלאָטעס. ס'שטעטל איז געווען יום־טובדיק געשטימט. איבערהויפט האָט זיך געפילט געהויבן די יוגנט פון די אזוי גערופענע „הינטערגעסלעך". מיט אויפגעהויבענע קעפּ זענען זיי געגאנגען איבער די גאסן און זיך געפרייט מיטן דאָפּלטן יום־טוב.

דער זאָל איז געווען געפאַקט — 95% עמך. מיטן גרימירן די ארטיסטן האט זיך באשעפטיקט לוזער איזאק ז"ל, וועלכער האט די ארבעט אויסגעפירט מיט פיל טעם.

די פרעמיערע איז דורך מיטן גרעסטן דערפאָלג. דאָס שפילן פון אונדזערע ייִנגלעך איז געווען זייער גוט. איך מוז אויך דערמאנען אונדזערע 2 כלי־זמרים (מער האבן מיר אין שטעטל נישט פארמאָגט!). דאס זענען געווען פלאווקע מיטן פידל און הערשל זישאליס (זישע באגרעבערס זון), וואס האט געקלאפט אויפן פויק. כאָטש דער ערשטער האט געהאט נאך א פאַך (א זייגערמאַכער), איז עס געווען ווייט, זייער ווייט, פון צו קאנען געבן פרנסה זיין הויזגעזינט. איז ער געווען יום־טובדיק געשטימט — ווייל ער האט פארדינט אפאר זלאָטעס.

די הכנסה פון דער פאָרשטעלונג האט אונדז איבעראשט. די ערשטע הונדערט ביכער זענען דערפון איינגעקויפט געוואָרן אין ווארשע פאר אונדזער נייער ביבליאָטעק.

נאכן גרויסן מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג פון דער ערשטער, האבן מיר באקומען חשק און געארבעט איבער א צווייטער פאָרשטעלונג: „דער וויצע קעניג" פון פיינמאַן. א פיעסע, וועלכע שטעלט פאר די שפאנישע אינקוויזיציע. די רעזשי איז געווען א קאָלעקטיווע.

„דער וויצע קעניג" איז געשפילט געוואָרן נאך מיט א גרעסערן דערפאָלג. אונדזער ביבליאָטעק איז ווידער באריכערט געווארן מיט איבער 100 ביכער. זייט דאן איז געשפילט געווארן יעדע 2 חדשים א פיעסע. די ביבליאטעק האט אין יאר 1929 שוין געציילט איבער פינף הונדערט ביכער, — אחוץ הונדערטער בראשורן, זשורנאלן און די „ליטערארישע בלעטער". ס'זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע רעפעראטן און לעקציעס. חברים האבן אנטיילגענומען אין דיסקוסיעס. מיט איין ווארט, ס'שטעטל האט געפילט, אז ס'עקזיסטירט א פארטיי מיטן נאָמען פועלי ציון".

ווען איך האב פארלאָזט מיין געבורט־שטעטל (ענדע 1929), האב איך איבערגעלאזט א בליענדיקע פארטיי, וואס האט אנטיילגענומען געזעלשאַפטלעך־פּאָליטיש אויף אלע געביטן פון אָרטיקן לעבן.

די ליגע פארן ארבעטנדיקן א"י

אפיציעל איז די ליגע געשאַפן געווארן אין ראדא־מישלע אין די חדשים יוני־יולי 1933. כאטש פאר קפא"י, אדער פא"פ (פאלעסטינער ארבעטער פאנד) האט מען געזאמלט א סך יארן פריער. צווישן די ערשטע זאַמלער געדענקען זיך מיר די מיטגלידער פון „החלוץ": רפאל עבענהאָלץ, יצחק גאָלד און פון פוע"צ יאַנטשע צוקער. בעיקר זענען געווען זאַמלונגען אין י"א אדר (אין טאג פון טרומפעלדארס יארצייט).

דער ערשטער קאמיטעט פון דער ליגע איז באשטאנען פון מענדל אייזלאנד, בן שמעון (פוע"צ) פארזיצער; מענדל אייזלאנד בן יהושע, יחזקאל אייזלאנד, נפתלי פיסטראנג א. א.

ווייטער זענען געווען די פארזיצערס פון דער ליגע: מענדל אייזלאנד בן יהושע, חיים דוד ווינד, יחיאל בראנד און דוד פּעלץ.

די טעטיקייט פון דער ליגע אין שטעטל איז געווען מער ווי פון א דאַך־ארגאניזאציע פון אלע ציוניסטישע און חלוצישע ארגאניזאציעס אין שטעטל. זי איז געווען די ארגאניזאציע פאר די אלע, וועלכע האבן סימפּאַטיזירט מיט דער אדער אנדערער באוועגונג פונעם לאגער פון ארבעטנדיקן א"י, נאר צוליב דער קליינער צאל פון אירע אנהענגערס האבן זיי נישט געקאנט גרינדן פאר זיך קיין ארגאניזאציע. אזוי האבן געהערט צו דער ליגע חלוצים, התאחדות, „שומר הצעיר". נישט אייביק האבן זיי געהאט אַ לאָקאַל, האָבן זיי געפונען אן אָרט אין לאָקאַל פון דער

ליגע. און ווען זיי האבן יא געהאט א לאקאל, האט די ליגע געפונען אן אכסניה ביי זיי; פועלי ציון (נאכדעם ווי דער פאריין האט זיך אויפגעלעזט) און סתם נישט־דעפינירטע אבער נאענט צו דעם לאַגער.

אין לאקאל פון דער ליגע האט מען געטראפן פארשידענע צייטונגען. עס איז געווען א לייען־זאַל, עס זענען פאָרגעקומען רעפעראַטן (דער עיקר פאר די קאָנגרעס־וואַלן), פארשידענע שמועסן מיט די מיטגלידער ((זאל דא באַמערקט ווערן, אז דאס רוב נישט־דעפינירטע זענען געווען נאענט צום פועלי־ציון געדאַנק, צו מפא״י). עס האט אויך עקזיסטירט אַ גרופע פון „העובד״ — אן עלטערע חלוצישע בעלי־מלאכהשע ארגאניזאציע, פארבונדן מיטן ראַיאָן־צענטער אין קראקע.

זייער אקטיוו אין דער אַרבעט פון דער ליגע זענען געווען די מיטגלידער פון „השומר הצעיר״, ווי: מענדל אייזלאנד בן יהושע און זיין ברודער יחזקאל הי״ד, ברוך ווינד יבל״א. פון אנדערע אקטיוויסטן דארפן דערמאנט ווערן: יחיאל וויגדאר, יחיאל בראנד הי״ד, נפתלי פיסטראנג יבל״א, דוד פעלץ, יעקב סאלאמאן, שאול ליימאן, חיים הערש קאך, דוד בראנד בן וואלף, דוד ווייזער, נפתלי גראס א. א.

די ליגע האט זיך געפונען אין פארשידענע לאקאלן — אמאל איז עס געווען ביי ברוך געלדציילער, חנינאלע ביזגייער, אשר כזשאנשטש, א. א.

אין זכרון זענען פארבליבן די וואַלן צום 19־טן ציוניסטישן קאנגרעס (1935) ווען די פארטרעטער פון דער ליגע ביי דער וואַל־קאמיסיע זענען געווען מענדל אייזלאנד בן יהושע און יעקב סאלאמאן. דער וואַל־קאמף צווישן דער ליגע און די סתם ציוניסטן איז דאן געווען פארשאַרפט ביז גאָר.

אין „נאָווי דזשענניק״ פון 22.6.1934 — געפינען מיר אזא ידיעה וועגן דער ראדאמישלער ליגע: „אין גרויס־ראדאמישלע האט איינגעארדנט א פראטעסט־פארזאמלונג די ליגע פארן ארבעטנדיקן א״י. נאך דער דערעפנונג פון מענדל אייזלאנד (בן יהושע „השומר הצעיר״), האבן גערעדט יחזקאל אייזלאנד („השומר העציר״) גרינבערגער („איחוד״ טארנע), ברוך ווינד („השומר הצעיר״) און צום סוף ד״ר עמיל מערץ, פרעזעס פון התאחדות־פוע״צ אין טארנע.

(מ. א.)

יצחק גולד
ירושלים

החלוץ בעיירתנו

החלוץ העולמי נוסד ב־1918 אחרי המלחמה העולמית הראשונה.

בעיירתנו התארגן החלוץ בשנת 1929, שנת ה־מאורעות בארץ־ישראל, ואולי מחמת המאורעות הגיע להתאר־גנות ספונטנית של החלוץ בעיירתנו.

אע״פ שהחלוץ נוסד אצלנו ב־1929 היו בכל זאת אצלנו יחידים שעזבו את העיירה, יצאו לחוץ לארץ, לאשכנז, ומשם עלו ארצה והם היו הסנוניות הראשונות, בני עיירתנו, שהיו למגשימים, לבוני הארץ העברית.

תיכף אחרי גמר המלחמה העולמית הראשונה עלו אהרן שלומי (סלמון) ז״ל, טוביה שלומי (סלמון) ז״ל, שמואל גנני (גרטנר) הי״ד, ברוך גולד (בן שלום) ז״ל ויבל״ט פנחס גרין ומנחם וולף (בן שלמה).

אחריהם יצאו שני בני עיירתנו להכשרה לצ׳כיה והם: מאיר זרמי־(שטרום) ומנחם פורת הצעיר (וולף־פיסטרונג) והכשירו עצמם בחקלאות ביחוד בענף עצי־פרי.

מה הביא אנשים אלה ל„החלוץ״?

הצעיר בעיירתנו שאף לשנות את חיי הגלות המגונגים. משני מקורות שאפו אנשי החלוץ בעיירה המטען האידיאולוגי והם: צרת היהודים שהביא אותם לציונות והמישטר הסוציאלי ששאפו להחליפו באחר שהביאו לשאיפות סוציאליסטיות.

ציונות למדנו על גופנו: בהתנגשות עם הפולני האנטישמי שבפיו היתה שגורה הסיסמה, ׳יהודי לפלשתינה׳, בבית־הספר שלא מעט מורים היו אנטישמים והראו זאת בשעת לימודיהם בשיעורים שונים ועל כל צעד ושעל. לא היה לנו צורך במקצוע מיוחד שנקרא תודעה יהודית, ספגנו את התודעה זו בחוץ ובבית; בבית־הספר ולהבדיל בבית־המדרש שהתפללנו בו שלוש פעמים ביום לשלום ציון וירושלים.

וכאשר התבגרנו קרמו תפילות אלו עור וגידים במעשים ציוניים בכל יום: הפצת השקל הציוני, הרקת קופסת הקק״ל, הפצת בולי קפא״י וכו׳.

הקריאה בספרים בעלי תוכן סוציאלי ובעיקר בקלסיקונים של הסוציאליזם המדעי וגם בתיאורטיקנים של הציונות הסוציאליסטית הכניסה אותנו לעולם אחר של צדק סוציאלי שלפי דוגמתו שאפנו לראות את ארצנו בנויה.

אל נקפח את זכותה של מכקה ראנד, חברת השוה״צ בטרנוב, שעשתה אצלנו כמעט קיץ שלם כדי לארגן את החלוץ בעיירתנו. ניהלה עבודה הסברתית בין הנוער ואירגנה את הגרעין הראשון של החלוץ.

נזכיר את הראשונים אשר לקחו חבל באירגונו של החלוץ לפי א״ב׳: אבנהולץ רפאל, גולד יצחק, גרין חשה, ויגדור, יחיאל, פיסטרונג נפתלי, פלץ דוד. אלה ששכחתי להזכירם יסלחו לי.

כל אלה הגיעו וחיים עתה בארצנו; מי שבא לפני המלחמה העולמית השנייה ומי שהגיע אחרי תלאות רבות, אחרי המלחמה.

המטרה העיקרית של החלוץ היתה להעביר את הנוער מחיי בטלה וזלזול לחיים פרודוקטיביים, בעבודה גופנית, לחיי עבודה בחקלאות ובעבודות אשר ארץ ישראל הנבנית ומתפתחת זקוקה להן.

תפקיד חשוב בגיבוש האידיאולוגי של הנוער דאז מילאו השיחות, הטיולים, המושבות הקיציות, קריאת ספרים על הנושאים הלאומיים והסוציאליים שספרייתנו הלאומית סיפקה לנו.

שירה, זמרה וריקודים גיוונו במקצת את חיינו האפורים בעיירה ושיר חדש שהביא חבר העיירה לא יסולא בפז, בדיוק כמו חסיד שהביא ניגון חדש מרבו שלו.

כינוסים חלוציים בפלך או במחוז היו לשיחות ולוויכוחים להרבה שבועות וחדשים בעיירתנו והביאו לידי התעוררות ולמשיכת חברים חדשים לתנועה.

נזכיר לחברי החלוץ את הטיולים, וביחוד הטיולים הקיציים, למחצת הדרך לעיר מיליץ ושם בחורשה ערכנו שיחות משותפות עם חברי החלוץ ממיליץ.

ברוך וינד–יחיאלי
קיבוץ ניר־דוד

תנועת „השומר הצעיר" ברדומישל

בהתארגנות ובהקמת קן „השומר הצעיר" בעיירתנו היה משהו מן המיוחד והמעניין. קומץ בחורים ובחורות מהשיכבה המתבגרת מהקן „עקיבא" עזבוהו בהגדירם את עצמם כמשתייכים לתנועת „השומר הצעיר" ומזדהים עם דרכה הרעיונית..

הקבוצה הנזכרת, לא היתה מלוכדת והומוגנית מבחינת השקפת עולמה ולא מגובשת בהרבה מובנים אחרים. במיסגרתה התרוצצו גישות ומגמות אידיאיות שונות בתכלית.

עת היותה קבוצה זו חלק אורגני של גוף האם, כלומר, תנועת „עקיבא" — שמרה קבוצת שמאל זו בהופעתה החיצונית והפנימית על ליכוד פורמאלי מסויים. עם עזיבתה את „עקיבא", נתפרדו חבריה לשני מחנות, כשאחד מעוגן עמוק במחנה הציוני, בעוד השני הלך והתכחש לחלוטין לדרך הציונות החלוצית. קבוצה, העתידה להקרא „השומר הצעיר", הלכה והתגבשה גיבוש אידיאי ברור מבלי שיהיה בה עדיין הכוח להקים מיסגרת ארגונית עצמאית מקובלת והיא: הקמת הקן. ובינתיים לא החמיצו חבריה כל הזדמנות של מיפגן כושרה ובכל פעולתה הציבורית באה לביטוי זיקתה האידיאית העמוקה לתנועה השומרית ובתור שכזאת הלכה והתגבשה עד היותה חלק מהגוף הכללי של הנוער ברדומישל.

מה היה הרקע לתסיסה רעיונית זו בתוך חלק של הנוער בתוך הקן „עקיבא" בעיירתנו?

אין להניח, כי גורמים אוביקטיביים היסטוריים כלשהם שימשו במקרה זה כוח דחף ראשוני. הבסיס הסוציאלי „הסטטי" של יהודי רדומישל היה צר מדי, כדי להזין תסיסה סוציאלית עמוקה מלמטה. תסיסה זו, באה בעיקר בשל החיפוש ואי־השקט האידיאי, שהוא מנת־חלקו של חלקים מסויימים בתוך הנוער בכל העיתים. גם ביקורים תכופים של אנשי מרכז „החלוץ" בסניף המקומי שרובם נמנו עם „השומר הצעיר" והוויכוחים הסוערים והקולניים עם בוגרי „עקיבא" — הכניסו גם קבוצה סוטה זו בסוד המחלוקת הרעיונית על דרכי ההגשמה בארץ של המחנה הסוציאליסטי לבין התפישה הכלל ציונית. כוחם של וויכוחים אלה היה בכך, שהגבירו את הסקרנות והחיפוש אחרי סיפרות פוליטית אפיקורסית, כדי לרוות את הצמא לדעת ולהקל במציאת „הזהות" האידיאית האמיתית בדרך להגשמה הציונית־חלוצית.

אין גם להתעלם מקיום גורמים פוליטיים סוציאליסטיים מאורגנים בעיירתנו וכן אנשי השכלה כיחידים, בעלי תודעה ציונית־סוציאליסטית, ששימשו מוקד לפגישות ושיחות תכופות על נושאים רחבים יותר והם שהשרו מרוחם על גיבוש האוריינטציה הסוציאליסטית של קבוצת צעירים מרדנית זו.

ראשית ההתארגנות של החבורה השומרית בעיירתנו, לאחר עזיבתה את „עקיבא", נשא אופי של חוג בית רחב. עד מהרה מצאה את מישכנה באולם „הליגה למען א"י העובדת", אשר בחסותה קויימו כל הפעולות התנועתיות. קבוצת המייסדים שעמה נמנו: רוזה גארן, מרים באלסם, מנדל בן יהושע, יחזקאל אייזלאנד, הניו גולד וברוך וינד ניגשו לפעולת ארגון והסברה רחבה. אורגנו 3 קבוצות של צעירים והחלה מתנהלת עבודה סדירה ומתוכננת. היתה זו שנת 1933. הרחבת המסגרת על־ידי הצטרפותם של כ־20 בנים ובנות מגילים צעירים הפיחה רוח־חיים במיפרשיו של הקן השומרי הקם זה עתה. מעתה נעשה הקן עצמאי בכל המובנים ובעיקר ע"י רכישת מועדון לעצמו (ה„לוקאל") — בו ניתן היה לפתח עבודה חינוכית סדירה.

יש לזקוף לזכותם של חברים רבים „הפטרונים" של „השומר הצעיר", אשר משך כל שנות קיום הקן נתנו מכוחם ורוחם לעזרת הקן ובהצלחת משימה זו, למען קיומו וביצורו עמם נמנו. בשנת 1934 חל גם מיפנה ציבורי כלפי „השומר הצעיר" בעיירתנו, אשר את ראשית שנת פעילותו קיים בתנאים של מחתרת־למחצה. כדי להבאיש את ריחו של „השומר הצעיר" בעיני ציבור ההורים והצעירים ההססניים, הפריחו מתנגדיו שמועות ולחישות מלאות רכילויות שברובן נראו גם מגוחכות (כגון: בקיבוצי „השומר הצעיר" מתבססים חיי המשפחה על „אהבה חופשית"). באווירה עיירתית פרובינציאלית, יש ונקלטו סיפורי־הבל אלה וקנו להם אף אחיזה במוחותיהן של נערות רבות. הקן השומרי התגבר על כל הקשיים ושנת 1935 נראה להיות גורלי בעבורו. עתה הולך ומתפתח הקן בקצב מהיר יותר; מעמיק שורשים ובוטח בעצמו. באותה שנה יוצאים לראשונה מיספר חניכים למושבות־קיץ שונות ובכך הוכנסו מיספר צעירים למעגל הפעילות השוטפת, ומהם, יחזקאל אייזלאנד (בן־יהושע), רחל אבנהולץ, ושמעון בוקסבוים והם שסייעו לביצורו של הקן לאורך כל החזית. גם כשהמספר הכולל של חבריו לא עברו את השלושים וחמישה, ניכרת פעילותו בהרבה שטחים. עצם העובדה של הימצאות חבר בוגרים מגובש מבחינה חברתית־אידיאית כשרמת תודעתו הציונית־חלוצית מבוססת דיה — היה עדיין הגורם המכריע ואחד מהמפעילים העיקריים של כל הפעולות החינוכיות והציבוריות כאחד.

בתחילת שנת 1935 יוצאים ראשוני השומרים להכשרה. היו אלה רוזה גארן, מנדל אייזלנד והניו גולד, בעוד יחזקאל



הסתדרות „השומר הצעיר". יושבים — מימין לשמאל: מנדל אייזלנד (בן יהושע), הניו גולד, חיים טננבוים, עומדים — מימין לשמאל: ברוך ווינד (בן יחיאל), רוזה גארן, יחזקאל אייזלנד (בן יהושע).

אייזלנד וברוך וינד ממשיכים בעבודתם החינוכית בקן. באותו זמן מצטרפים לקן השומרי סימה ברנד, צוועטיל ברנד וחיים טננבוים. היתה זו תוספת רב־איכותית, רצינית, לה ציפה הקן חודשים ארוכים. עם הצטרפותם, הביאה חבורה זו עמה מיגוון חדש והדבר הורגש מיד בפעולתה החינוכית השוטפת של הקן. שנת 36—1935 היתה בעצם תקופת השיא בפעילותו של „השומר הצעיר" ברדומישל.

גם פעילותו של הקן השומרי בשטח הציבורי היתה בעלת מישקל. פועלי־ציון ככוח מאורגן, זה מיספר שנים, הפסיק את פעילותו ברדומישל. שארית חבריו מצאו את מקומם ככוח „מאסף" במסגרת ה„ליגה", בה התרכזו כל שוחרי השמאל הציוני. אין תימה, כי במצב זה, נשאר הקן השומרי הנושא העיקרי להמשך הפעילות הפוליטית של השמאל הציוני, ושיתפה את עצמה במישחק הכוחות הפוליטיים והציבוריים שברחוב היהודי בעיירתנו, שבמהותם שיקפו את יחסי הכוחות הבין־מפלגתיים שבארץ פולין. במציאות ספציפית זו שבעיירתנו, נאלצים היו בוגרי „השומר הצעיר" — בניגוד למהות השקפתם החלוצית — אקסקלוזיבית — לעסוק גם ב„פוליטיקה" שוטפת של ההווה. למרות פיצול הכוחות המעטים על שטחים רחבים יחסית, אינו מזניח הקן את עיקר משימתו — עבודתו החינוכית.

יחד עם זאת הולכת ומסתמנת ירידת המתח וראשית הקיפאון, אשר ממנו לא השתחרר הקן במשך כל שנות קיומו. קיפאון זה יסודו במשבר התנועה הציונית שבעיקבות המדיניות האנטי־ציונית של ממשלת המנדט, לא יכלה להבטיח אף את המינימום שבצורכי העליה, נשמת אפיה של התנועה החלוצית על כל גווניה. משבר זה הלך והעמיק, עד אשר הביא המוני נוער המאורגן על סף הייאוש. חוסר מוצא טראגי זה, הביא גם לעירפול וטישטוש הראייה הבהירה של הפרספקטיבה ההיסטו־רית, הצרה את אופקי המחשבה של הנוער המאורגן לחוש את המגמות ההיסטוריות הברורות שניבאו לקיבוץ היהודי בפולין חזות שחורה חסרת תקווה. נכון יהיה לומר, כי במציאות העגומה של פולין האנטישמית — באין קרן־אור צרה ביותר להמוני יהודים — חיפש הנוער לעצמו דרכי הווי נלוזות, אשר אחד הגילויים היה הפזילה לעבר הבילוי הקל הריקני ואתו השיממון הרוחני והנפשי שאכל כל חלקה טובה. הקן השומרי החל מרגיש בעצמותיו את „המהלך החדש" וגם בצרת רבים זו, קשה היה למצוא גם לעצמו קורטוב של נחמה.


במצב זה נאלץ חבר הבוגרים לגייס מתוכו כל זיק, כל ניצוץ של אמונה כדי לקיים את היש הזעיר. למדריכי הקן השומרי, לא נשארה דרך אחרת מאשר הגברת דרכי ההסברה ולהחדיר ביתר שאת את תודעת השליחות ע"י לימוד שיטתי בסיסי כגון: תנועת הפועלים היהודית, גיאוגרפיה מדינית, דמוגרפיה וכלכלה יהודית וכו'. אין כל ספק, כי הרחבת המיטען המדעי־אידיאי חיזק את הכרתו של כל פרט, הגביר את ליכוד החברים והוסיף גם טעם וחן מיוחד לעיצוב הטיפוס השומרי שהיה מהמפורסמות בהופעתו בכל הערים שברחבי פולין.

שנות 39—1937, שהן שנות הייאוש הגדול של יהדות פולין, נתנו גם את אותותיהן במחנה החלוצי הגדול והמאורגן על כל גווניו. מדיניות הספר הלבן של ממשלת־המנדט חסמה את הדרך בפני המוני נוער צמאי־עלייה, ורק חלקים זעירים בתוכו הבקיעו לעצמם דרך לעלייה. מצב זה מוטט בראש וראשונה חלק נכבד מבוגרי הקן. בעקבות החיפוש שבאשליה אחרי אפשרות לבסס — ולו רק זמנית — את מעמדם החומרי — מצאו חלק מבוגרי הקן את עצמם מנותקים מן הפעילות השוטפת של הקן השומרי במקום.

מנדל אייזלנד (בן־יהושע), חיים טננבאום, רוזה גארן, צווטל בראנד, מרים בלסם — מוצאים לעצמם תעסוקה ארעית מחוץ לעיירתנו, כשבליבותיהם מהבהבת עדיין התקווה הגדולה לעלייה. סימה בראנד, יחזקאל אייזלנד, הניו גולד — נשארים רתוקים בפעילות השוטפת של הקן.

באותם הימים הופך גם יחזקאל אייזלנד לדמות ציבורית מוכרת ולימים אף מושך בחוטים בכל הפעילות הציבורית החיונית ביותר בעיירתנו. הגוף הצעיר של הקן רק התחיל מפגין את ראשית כוחו ויכולתו ולידו אורגנו שתי קבוצות צעירות, כשמגמת פניו לרשת את מקום מחנכיו, שרבים מהם כבר גויסו באותם ימים לצבא פולין.

המלחמה שפרצה מצאה את הקן בלתי־מוכן. בתקופה הראשונה של הכיבוש נעשו נסיונות רבים לשמור על מסגרתו ע"י קשרים אישיים אינטימיים יותר. אבל בתנאי עוצר־לילה כמעט ונבצר ממנו לקיים פגישות־צוותא כבימים ימימה. גם הקשר עם הנהגת התנועה שבמחתרת נחסם. עוד בתחילת ימי הכיבוש זכה הקן מיספר פעמים לביקורו של ריבק שיסלר, איש טארנוב וחבר ההנהגה. היה זה עוד בטרם הפכה העיר טארנוב — הראשונה שב„גנראל־גוברנמנט" — לזירה של שפיכת־דמים המונית אשר היכתה בהלם את היהודים בעיר ובסביבתה. עם ההרג והגירוש ההמוני שברדומישל נפח הקן את נשמתו לנצח, ורק חברים בודדים שניצלו, והנמצאים כיום בארץ, נוטרים בלבם את זכרון חבריהם ואת חזונם שלא זכה להתגשם.



חברי „השומר הצעיר" רוקדים „הורה"

מזרחי

נאך אן איבערייס פון עטלעכע יאָר * האָט א גרופּע יוגנטלעכע, פון וועלכע א טייל איז געקומען פון בית המדרש און אַ טייל איז געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע פאַכן, צוהעלפנדיק די עלטערן אין זייערע קראָמען, — געפּרוווט שאַפן א „צעירי מזרחי"־אָרגאַניזאַציע. די הויפּט אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען מענדל אייזלאַנד (בן שמעון) און פנחס בעטהייל ז"ל.

די ערשטע פרוון זענען געמאַכט געוואָרן פסח 1928, דאס הייסט — איידער עס איז נאך אין שטעטל געווען א ציוניסטישע יוגנט אָרגאַניזאַציע. די הויפּט־מיטגלידער

*) זע די ארבעט פון מאיר זרמי (שטרום).

זענען געווען: נאטע נאטאוויטש, רפאל בראנד, זישע ביזגייער, הי״ד, שלמה שנור, הי״ד, שאמע שמידט הי״ד, וועלוול שטרויס הי״ד, יששכר שעכטער הי״ד, ויבל״א — רפאל עבענהאלץ, איטשע בלאס א. א.

די טעטיקייט פון דער גרופע, וועלכע האט נישט געהאט קיין מעגלעכקייט צו דינגען קיין לאקאל, האט זיך אויסגעדריקט אין לערנען א מאל שבת פרקי אבות אין חדר פון ר׳ הערשל פשעוואזניק און א געוויסע צייט (יעדן אין דערפרי) א פרק תנ״ך אין לאקאל פון דער ציוניסטישער יוגנט ארגאניזאציע, וועלכע איז אין צווישנצייט אנטשטאנען.

דער הויכפונקט פון דער ארבעט איז געווען ביי די וואלן צום 16־טן ציוניסטישן קאנגרעס, ווו די „מזרחי״ האט אנגעצויגן 18 שטימען (די פוע״צ — עטלעכע דרייסיק, די אלגעמיינע ציוניסטן — עטלעכע זעכציק, אדער זיבעציק). צוגעהאלפן צו באקומען אזא צאל שטימען האבן אויך טויבע אייזלאנד און שרה עבענהאלץ ע״ה.

אין א „נאווי דזשענניק״ (פון 1929) געפינען מיר א נאטיץ וועגן דער זאמלונג פון דער ראדאמישלער „מזרחי״ — 25 זל׳ פאר קרן קיימת לישראל.

א צווייטע נאטיץ געפינט זיך אין דער מזרחי צייטונג „דאס יידישע לעבען״, וועלכע איז ארויס אין ווארשע, וועגן א זאמלונג אויף א „מזרחי״־קרן אין דער הויך פון עטלעכע זל׳.

זאל אויך דערמאנט ווערן ,אז אין יאר 1931־1930 האבן צוויי יונגלעך, וואס האבן זיך געהאלטן פאר „שומר הדתי״ — יחזקאל אייזלאנד הי״ד (דער שפעטערדיקער גרינדער פון „השומר הצעיר״) און חיים הערש אייזלאנד יבדל״א — פארשפרייט בלאקן פאר דער זומער־קאלאניע פון „שומר־הדתי״ אין מערב־גאליציע.

אבער בלויז געציילטע מזרחיסטן זענען געבליבן ביז דער לעצטער צייט, ווי: אברהם יצחק פעדער, אברהם פעדער, שלמה שנור א. א. און אויב עס זענען אין די יארן 1933 און 1935 ביי די וואלן צו די ציוניסטישע קאנגרעסן געווען אפאר מזרחי־שטימען, זענען עס געווען די שטימען פון אברהם יצחק און אברהם פעדער און שלמה שנור.

א געטרייער מזרחיסט, א ייד א בן תורה און רעדנער (וועלכער איז דערנאך אריבער אין אגודה־לאגער) איז געווען ר׳ נפתלי שנור, וועלכער איז געווען דער רוח־החיים פון „מזרחי״ אין די צוואנציקער יארן.

ר׳ משה קארנרייך (דער פעטער פון שרייבער פון די שורות) איז געווען א באקאנטער מזרחי־עסקן אין טארנע און איר פרעזעס אין יאר 1924.

ר׳ אלתר יחזקאל מאהלער (ווען זיין פאמיליע האט שוין געוווינט אין קראקע) איז דארט געווארן א „מזרחי״ און אן עסקן פון צענטראלן מאסשטאב (נאכדעם ווי ער האט פארלאזט די ארגאניזאציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן). ער האט פארטראטן די „מזרחי״־עקזעקוטיוו פון קראקע אויף צוזאמענפארן.

ר׳ אלתר יחזקאל מאהלער האט אויך פארטראטן די „מזרחי״־צענטראלע פון מערב־קליין־פוילן און שלעזיע אין ציוניסטישע צענטראלע אינסטיטוציעס.

א נאטיץ אין „נאווי דזשענניק״ פון 8.8.1933 דערציילט, אז אויף דער וועלט־קאנפערענץ פון דער „מזרחי״ אין קראקע האט ר׳ אלתר מאהלער באגריסט די קאנפערענץ אין נאמען פון ק.ק.ל. און אויך גערעדט אויף דער קאנפערענץ.

(מ. א.)

די וואלן צו די ציוניסטישע קאנגרעסן

ווי דערמאנט האט ראדאמישלע שוין אין יאר 1905 געהאט 12 שוקלים. די צאל פארשפרייטע שקלים אין שטעטל איז געוואקסן מיט די יארן.

אין דער צייטונג־כראניק טרעפן מיר א ידיעה פון 1925, וואס לייענט זיך אזוי:

„ווי עס גיט איבער דער צענטראל־קאמיטע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פאר מערב קליין־פוילן און שלעזיע האבן ארייגעשיקט פאר די שקלים:... ראדאמישלע — 25 זלאטעס.״

א פארביטערטער קאמף ביים פארשפרייטן שקלים איז פארגעקומען אין יאר 1935 (צום 19־טן ציוניסטישן קאנגרעס) ווען די ליגע פארן ארבעטנדיקן א״י איז צום ערשטן מאל ארויסגעטראטן ווי אן ארגאניזירטער כוח און אויפגעהויבן דעם וואל־קאמף קעגן די ציוניסטן פון גרופע ב׳ (מערב גאליצישער סתם־ציוניזם).

וועגן דעם שקל־קאמיטעט פון יאר 1936 לייענען מיר אין נאווי דזשענניק״: „די היגע שקל־קאמיסיע האט זיך קאנסטיטואירט: פרעזעס — ד״ר לעאן שפיגעל (אלג. ציוניסט), וויצע — שאול ווינד (אלג. ציוניסט), סעקרעטאר — יחיאל בראנד (התאחדות), קאסירער — ווינד (אלג. ציוניסט), ברוך ווינד (פוע״צ), י. הארוויטש (מזרחי).״

וועגן די קאנגרעס־וואלן אין פארשידענע צייטן געפינען מיר א פאר ידיעות אין דער צייטונג ,דהיינו:

ביי די וואלן צום 13־טן ציוניסטישן קאנגרעס אין 1923 האט ראדאמישלע געהערט צום טארנער וואל־קרייז. ראדא־מישלע האט אויסגעקויפט 110 שקלים. דעלעגאטן צום קאנגרעס זענען געווען: ד״ר י. טהאן, ד״ר י. שווארצבארד, חיים נייגער א. א. ביי די וואלן צום 15־טן ציוניסטישן קאנגרעס איז באשטימט געווארן ווי דער וואל־קאמיסאר שמואל שפילמאן; ביי די וואלן צום 16־טן ציוניסטישן קאנגרעס איז באשטימט געווארן ב. ווייס.

דא זענען צום ערשטן מאל ארויסגעטראטן ביי די וואלן די פוע״צ און מזרחי; די פוע״צ האבן אנגעצויגן עטלעכע דרייסיק שטימען, די מזרחי 18, די אלגעמיינע ציוניסטן — ביי זיבציק שטימען. ביי די וואלן אין 7.7.1935, האט די ליגע פארן ארבעטנדיקן א״י אנגעצויגן עטלעכע זיבציק שטימען, און די אלגעמיינע ציוניסטן (גרופע ב׳) — הונדערט און עטלעכע זיבציק שטימען.

די וואלן צום 20־טן ציוניסטישן קאנגרעס, וועלכע האבן באדארפט פארקומען דעם 27.6.1937, זענען נישט פארגעקומען. עס איז פארגעקומען א פארשטענדניש ביים צעטיילן די מאנדאטן.

(מ. א.)

ארבעט לטובת דעם קרן קימת לישראל

דער קרן קימת לישראל, וואס איז געווען דער באליבטער ציוניסטישער פאנד, האט זיך אנגעזען מיט זיין ארבעט ביי אונדז אין שטעטל. געווען צייטן ווען די קרן קימת טוער זענען געווען די, וואס האבן אויסגעפירט אלע אנדערע ציוניסטישע ארבעטן אין שטעטל.

עס זענען געווען צייטן ווען כמעט די גאנצע ארבעט

איז אויסגעפירט געוואָרן פון גרשון אייזלאַנד; ווען ער איז אַוועק פון שטעטל האָט משה גאָלדפינגער הי״ד אויף זיך גענומען די גאַנצע לאַסט פון דער אַרבעט.

וועגן דער קרן קימת ארבעט ביי אונדז אין שטעטל לייענען מיר אין „נאָווי דזשענניק״:

לויט דעם אויסווייז פון דעם 4.6.1919 האט מען פאַרן ראַאדמישלער גארטן אין יער הערצל געזאמלט 25 ביימער; אויפן נאמען פון יידישן לייענזאל — 250 קראָן; אלגעמיינע תרומות — 50 קראָן; די פורים זאַמלונג — 118 קראָן; די ק.ק.ל.־זאַמלונג 447 קראָן; געזאַמלט דורך די פר׳ וואלף און גערטנער — 49 קראָן.

יידישער פאלקס־קאמיטעט — 1 דונאם אויף דער נאמען פון פארוטשניק ברוך לוסטיק (אנשטאט א דאנק פאר זיין ארגאניזירן די יידישע מיליץ) — 50 קראָן; תרומות ביי עליות לתורה — 20 קראָן.

1920 — פעברואר — גרויס ראדאמישלע, נפתלי ווייס — 994.50: אלגעמיינע תרומות 70, בוימער — 250, טשלענאור־קאלאניע — 614.50, דונאמס — 50, דער אַרבעטסלאזער פאנד — 10, צוזאמען: 944.50. (עס איז דערמאנט נפתלי ווייס — ווייזט אויס — ווי דער קאמיסאַר פון דער ק.ק.ל. קאמיסיע).

יוני 1921 — 40 זל., נדרים — 6 זל. פושקעס — 10.70. אויף ביימער פון זאַמלונגען 23.30, פון וועלכע די קאמיסיע פון ק.ק.ל. פלאַנצט צוויי ביימער אויף דעם נאמען פון ישעיהו שפירא און איין בוים אויפן נאמען פון אברהם שפאנגעלעט.

אויף דער קאנפערענץ פון קרן קימת, וועלכע איז פאר־געקומען אין 1924, האט אנטיילגענומען אונדזער לאַנדסמאַן ה׳ אלתר מאהלער. וועגן וועלכן מיר לייענען:

27.10.1924 — „אין 23 ד. ח. איז פארגעקומען די קאנפע־רענץ פון יידישן נאציאנאלן פאנד פאר מערב קליין־פוילן און שלעזיע. עס איז געווילט געוואָרן אַ פרעזידיום... דעם סעקרעטאַריאַט נעמען איבער מגר. הַאַלפּעטער פון מעליץ, מאַהלער (גרויס ראדאמישלע)... אין דער דיסקוסיע נעמען דאס וואָרט... מאהלער (ראדאמישלע), פאַרלאַנגט צו מפרסם זיין אין דער פרעסע די איינקונפטן אויף ק.ק.ל....״

(21.3.1925), פושקעס 7.90, קאלאניע א. נ. פון ד״ר טהאן: די חתונה בעטההייל פייגענבוים — 15. ביימער — אויפן נאמען פון פרץ אייזלאנד, צוליב זיין תנאים שרייבן. 1 בוים שפענדעט דער קאמיטעט פון ק.ק.ל. אויף די נעמען פון נפתלי ווייס, יהודה ליכטינגער, גרשון אייזלאנד, צו איין בוים״.

9.4.1925, „גרויס ראדאמישלע. לויט דער איניציאַטיוו פון דער היגער ק.ק.ל. קאמיסיע און דער ביבליאטעק פאַרוואַלטונג איז פארגעקומען דעם 11־טן אַפּריל אין ראדא־מישלע אַ פייערלעכער אָוונט מיטן ציל צו באַערן די דערעפנונג פון אוניווערסיטעט אין ירושלים. דער אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אויפן אָוונט איז געווען זייער צאלרייך. די שטאט־פאַרוואַלטונג האט פאַרטרעטן דער וויצעבורמישטש ה. יעקב פעלץ. נאך דער איינלייטונג פונעם פארזיצער ה׳ אַמסטערדאַם האט דער כאר אפגעזונגען (אונטער דער לייטונג פון ה. האַרטמאַן), צוזאַמען מיטן ארקעסטער דעם נאציאנאלן הימן ׳התקווה׳. אַ פייערלעכע רעדע האט געהאַלטן ה. אַקסלראַד פון קראקע. די העבראַאישע און יידישע דעקלאַמאַציעס האבן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. די פייער־לעכקייט האט זיך געענדיקט מיט א רעדע פון ה׳ מאַהלער. וועגן דער שיינער דעקאָראַציע פון זאַל קומט א ספעציעלע דערמאַנונג די פ״פ לאוף, ווייס, געלדציילער. ביי א פייער־לעכער שטימונג האט זיך דער אָוונט געענדיקט אַרום האלבער נאַכט״. לויט דעם אויסווייז פון 4־טן אַפּריל 1925 האט ק.ק.ל. געזאַמלט 64 זלאטעס. עס איז געווען אַ זאַמלונג אויף דער חתונה פון א. ד. איינהארן.

24.10.1925, געזאַמלט 37.46, דערצויגן 41.5% פון קאנ־טינגענט: פושקעס 12.18, געזאַמלט אויף דער חתונה פון וואלף — 5.05; געפלאַנצט אויף דעם נאמען פון רבקה וואלף ביימער לכבוד איר חתונה.

22.11.1925, געזאַמלט — 87.20; פון פושקעס 7.30, פון קערות — 28.50, קורץ מאשלער צו — 3, קליינע שפענדעס 45.85. די עמק אַקציע האט געבראַכט 82.21 זלאָטעס. עס האָבן געשפענדעט ד״ר טרוי — 5 זל׳, מ. ווייזן 6.71 זל׳.

די אַקציע פאר א״י הילף. די ספעציפיקאַציע פון דער זאַמלונג, (אונטער דער לייטונג פון אדוו. ד״ר לעאן שפיגל און דער מעדיצינער ד״ר הירש טראָו) — 289 זל׳.

עס האבן געשפענדעט די ה״ה ד״ר טראו — 25 זל׳. שפיגעל — 20 זל׳ ראובן גראָס, נפתלי ווייס, ד״ר שלעזינגער — צו 15 זל׳. געלדציילער, אפרים קאַנענגיסער צו 10 זל. לייב ליימאַן — 6, איטע רויש, מנדל האָניג, שלום גאָלד, די טראַפיק, יעקב פעלץ, אשר כשאָנשטש, מרדכי מעכלאָוויטש, אברהם גאָלדפינגער, ראובן בירנבוים, פאַדאַווער, בעריש אייזלאַנד, יוסף אייזלאַנד און יחיאל ווינד — צו 5 זל׳. דעם רעשט — קליינע שפענדעס.

דער רעזולטאַט פון תשרי־אַקציע „הילף דורך אויפבוי״... ראדאמישלע וויעלקי 70.17 זל׳ (עס האבן געשפענדעט ד״ר ל. שפיגעל, ד״ר ה. טראו צו 5 זל׳).

אין „נאָווי דזשענניק״ פון 11.11.1937 געפינען מיר א גרעסערע קאָרעספאדענץ:

„אויף דער גענעראל־פאַרזאַמלונג פון היגן קרייז פון ק.ק.ל. איז נאָכן צוטיילן דעם פאַרטרויונגס־וואָטום געווילט געוואָרן א נייע פאַרוואַלטונג אין פאלגנדיקן צוזאַמענשטעל: ד״ר ש. שפיגעל, רחל קאָך, אדעלע בראַנד, יאַנעק ווינד, ש. קליין, מ. קארנבלוט, ר. ראָזענוואַסער, א. פאדאווער, ש. שפאַץ, ש. ווינד, ר .שעכטער, ר. אייזלאַנד.

אַ דאַנק די באַמיונגען פון דעם ציוניסטישן פאריין „בני ציון״, קאמיסיע פון ק.ק.ל. איז פארגעקומען אין לאקאל פון ׳בני־ציון׳ אַ געריכט „איבער דער ליידיקער פושקע״, אין וועלכן עס האבן גענומען אנטייל די ח״ח ד״ר ש. שפיגעל, שאול ווינד, יעקב ווינד, ד״ר שפיגל, מגר. אָסט, גראָס א.א. די אימפרעזע האט געמאַכט אויף די פאַרזאַמלטע א גוטן איינדרוק״.

(מ. א.)

העברעיש לערנען

צו די טעטיקייטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אונדזער קאנט האט געהערט דאס אָרגאַניזירן פון דער העברעישער שול, וועלכע האט — אחוץ דערלערנען די העברעישע שפראַך — זיך געשטעלט פאר אן אויפגאַבע צו געבן די שילערס א קורס פון יידישע לימודים ווי: תנ״ך, יידישע געשיכטע, ארץ־ישראל־געאָגראַפיע (ווי עס

האט זיך גערופן פאלעסטינאגראפיע) און העברעישע ליטעראטור. כאטש די שול האט ארומגענומען ייִנגערע און עלטערע יארגענגס (פון 12־13 ביז איבער צוואנציק), איז דער לערער־מאטעריאל פון יידיש־וויסן געווען צוגעפאסט פאר א שילער פון פאלקס שול.

ווי עס איז דערמאנט געווארן האט שוין פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה עקזיסטירט ביי אונדז א העברעישע שול, אבער צו א גרויסער אנטוויקלונג איז עס דערגאנגען אין די יארן 1920־1922, אין די צייטן פון לערער האמערספלעד, וועלכער איז אליין געווען א רעליגיעזער, געלערנט אין קאפל; שבת איז ער געווען א בעל־קורא אין בית המדרש שטיבל און די שול איז געווען אונטערשטיצט פון „מזרחי". זי איז נישט געווען פארבונדן מיט „תרבות", וואס האט נאך נישט עקזיסטירט („תרבות" איז אנטשטאנען אין מערב־גאליציע ערשט אין יאר 1923).

אבער די עקזיסטענץ פון דער שול איז געווען פארבונדן מיט דער אלגעמיינער ציוניסטישער טעטיקייט אין שטעטל און מיט דער עקאנאמישער לאגע. דערפאר זענען געווען יארן ווען די שול האט זיך ליקווידירט און יארן, ווען זי איז ווידער אנשטאנען.

נאך האמערספעלד פארלאזן דאס שטעטל האט קיין שול מער נישט עקזיסטירט. דאך האבן זיך געשאפן געוויסע גרופעס, וואס האבן געלערנט זיך אליין העברעיש פון וואלקאווסקיס בריוו (וואלקאווסקי איז געווען א לערער אין דעם העברעיש פוילישן שול־וועזן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין קראקע און געשאפן פארשידענע האנט־ביכער).

א שיינע און אינטערעסאנטע תקופה פאר דער העברעישער שול איז געווען די צייט פון דעם לערער פנחס לאנדער, (היינט פנחס אלעד, דער באקאנטער העברעישער דיכטער אין ישראל). ער איז פשוט געווען א מייסטער אין זיין פאך. די שטאט האט אים ממש געטראגן אויף די הענט; א פעדאגאג פון גאטס גנאד, איז אים געלונגען צו שאפן ממש א באגייסטערטע באציונג צו זיך און צו דער העברעישער שפראך. אין א קארעספאנדענץ פון 6.9.1927 לייענען מיר:



תלמידות של ביה"ס „תרבות" עם המורה פנחס לנדר
יושבים מימין לשמאל, רחל דינסטיג ושפרה הורוביץ. עומדות מימין לשמאל: חוה פדר, אסתר פדבר, המורה פנחס לנדר, פרידה ברנד פשקה גלדציילר.

„די העברעישע שול (אייג. קראניק) נאך שוועריקייטן (אסך) האט זיך איינגעגעבן דעם ציוניסטישן לאקאל־קאמיטעט — און דער הויפט א דאנק די באמיונגען פון ה. ש. אייזענבערג — צו רעארגאניזירן די העברעישע שול, דאס פעלן פון וועלכער האט זיך געלאזט שוין לאנג פילן. דערווייל גייען אין דער שול 50 קינדער."

אין א צווייטער קארעספאנדענץ (מיט א חודש שפעטער) רעדט זיך אויך וועגן דער העברעישער שול, אבער מיט א „היסטארישער" אויסבעסערונג: אנשטאט שמעון אייזענבערג ווי דער גרינדער, ווערט אנגעגעבן: שפילמאן און פאר־שטענצער. דער זיג איבער ש. אייזנבערגן אין דער ביבליאטעק איז געווען א זיג איבער אים אין אלע ציוניסטישע אינסטאנצן.

„פאר א פאר טעג האט געווײלט ביי אונדז ה. ד"ר חנוך זילבערמאן פון טארנע, וועלכער האט געהאלטן אין דער ביבליאטעק אן אינטערעסאנטן רעפעראט א.ד.ט. 'רענטגע־נעלאגיע און איר שעפער'. אין די נאענסטע טעג וועט ווערן אויפסניי געעפנט די העברעישע שול, דאס פעלן פון וועלכער לאזט זיך גוט פילן. אין שפיץ פון קאמיטעט פון די פארלייגער שטייען די ה"ה שפילמאן און פארשטענצער".

אין דער צייט האט אויך באזוכט דער העברעישער שרייבער דניאל פערסקי ראדאמישלע, ווו ער האט באדארפט צו האלטן א פאר רעפעראטן. דער שרייבער האט זיך אויפגעהאלטן אין שטעטל א וואך צייט (קווארטיר און עסן האט ער געהאט אומזיסט ביי דער באקאנטער ציוניסטישער עסקנים־פאמיליע, די געשוויסטער נפתלי און זלאטע ווייס). צוליב א מסירה איז ער אויך ארעסטירט געווארן און אפגעפירט געווארן קיין מעליץ.

אין דער ניו־יארקער יידישער פרעסע געפונען מיר א ידיעה מיט א גרעסערער נאטיץ וועגן דעם ארעסט פון שרייבער:

„'דער טאג', דאנערשטיק כ"ד תמוז, תרפ"ח 17.7.1928 —

דניאל פערסקי ארעסטירט אין ראדאמישל.

לעמבערג, יולי 11, (איטא) — דניאל פערסקי, דער ניו־יארקער העברעישער שריפשטעלער, וועלכער געפינט זיך איצט אין פוילן, איז ארעסטירט געווארן אין דעם שטעטל ראדאמישל, וווהין ער איז געקומען צו האלטן א פארטראג.

עס ווערט דערקלערט, אז פערסקי איז ארעסטירט געווארן צוליב א מסירה פון ראדאמישלער חסידים, וועלכע האבן נישט געוואלט, אז דער העברעישער שריפטשטעלער זאל דארטן האלטן א פארטראג".

און אויך: „'דער טאג' כ"ז תמוז תרפ"ח, 15.7.1928 — ארום דער יידישער וועלט (פון ש. ראזענפעלד). ד. פערסקיס ארעסט — יעזואיטן פון אלע צייטן זענען פארייניקט. איר האט דאך מסתמא געלייענט, אז אין גאליצישן שטעטל ראדא־מישל האט די פוילישע מאכט ארעסטירט אונדזער באקאנטן דניאל פערסקי, וואס חסידים האבן געמסרט דערפאר, וואס ער האט אין ראדאמישל געוואלט האלטן א פארטראג אויף העברעיש. אינקוויזיציע! יעזואיטן!

אין ראדאמישל, דאס געבורט־ארט פון א פאר גאליצישע פריינד מיינע, דערציילן זיי מיר, אז מיט 25 יאר צוריק האבן זיי דארט אהין געבראכט א ציוניסטיש־העברעישן לעקטשורער, זענען חסידים געווארן אויסער זיך און געווארנט די היינטיקע פריינד מיינע, אז עס וועלן זיין די גרעסטע סקאנדאלן, אויב דער רעדנער וועט האלטן זיינע רעדעס. די שול האט מען פאר דעם רעדנער פארשלאסן. און אין



תמונה עם הסופר דניאל פרסקי

יושבים מימין לשמאל: דוד גרוס, אברהם גרוס. עומדים מימין לשמאל נכד של שמואל וייס מילק, נפתלי הוניג, דוד פלץ ברוך ווינד בן יחיאל, יעקב אייזלנד, משה גולדפינגר דניאל פרסקי, חניוך קוך לייביש פדר.

דעם זאַל ווו ער האט גערעדט — האט מען געמוזט אנהאלטן אַ וואַך פון שטאַרקע, טאמער וועט מען זיך דאַרפן שיצן קעגן אן איבערפאַל מצד די פרומע. און דער איבערפאַל איז פאָרגעקומען און די שוין איז נויטיק געווען. איצט מיט 25 יאָר שפּעטער, האָט זיך דאָרט אין גאַליציע גאָרנישט געענדערט. דער יעזואיט בלייבט אייביק ביי זיין כאַראַקטער. נאָכמער: יעזואיטן פון אַלע לענדער און אַלע צייטן זענען פאַרייניקט. אין זייערע טאָטן דערקענט איר זיי...״

איצט לאמיר לייענען וואס עס שרייבט ד. פערסקי צו ר׳ ניסן אייזלאנד וועגן דער געשעעניש:

פונעם בריוו פון דניאל פרסקי צו ניסן אייזלאנד

(כ״א באייר תשי״א)

„...איך האב דארטן געהאלטן העברעישע און יידישע לעקציעס פאר דעם סניף ,תרבות׳, וואָס האָט מיך איינגעלאַדן פון וואַרשע (אין גאַנצן אומזיסט). זייער אַ וואַרעמע, הארציקע שטעטל. אבער דארט האט מיט מיר געטראפן א זייער אינטערעסאַנטער עפּיזאָד. דער ראש הקהל גליק (דאַכט זיך פון אגודת ישראל, אדער גאר רעכטער) האט געמסרט (אין שטעטל איז קיין משפחה גליק נישט געווען. אין יאר 1928 איז ראש הקהל געווען ר׳ משה פאָדאָווער, אבער ער האט זיך מיט דעם בכלל נישט פאַרנומען. עס קאן זיין ס׳איז געמיינט קליין, אבער ער איז נישט געווען קיין ראש הקהל אין יענער צייט — מ. א.), אז איך בין א קאָמוניסט און מיין צוועק איז פארשפרייטן אפיקורסות און איינריידן די קינדער זיי זאָלן גנבנען געלט פון זייערע עלטערן און באַצאָלן פאַר מיינע לעקציעס. מע איז נאכגעלאפן דעם פאָליצייאישן וואָגן, ווו מע האט מיך איבערגעפירט קיין מיעליץ, און געוויינט „אויף מיין אומגליק״. אין מיעליץ האָט מען מיך געשטעלט פאַרן וואָיעוואָדע (זיכער: סטאַראָסטע — מ. א.) און ס׳זענען אויך געקומען די טובי העיר און מע האט מיך באפרייט. כ׳בין צוריקגעפארן קיין ראדאמישל און ווידער געלייענט די לעקציע (הגם מע האט פארבאטן...). מיין אַרעסט האט געמאַכט אַ רושם אין דער יידישער פרעסע און ש. ראזענפעלד אין „טאג״ האט עס דערמאנט (און אויך אַנדערע זשורנאַליסטן). דאס איז דער תמצית. אבער די גאנצע מעשה וועל איך באַשרייבן פאר אייער יזכור



א, בילד מיטן שרייבער דניאל פערסקי

ליגן פון רעכטס צו לינקס: ופתלי האניג, אברהם גראס, דוד פעלץ. זיצן פון רעכטס צו לינקס; ברוך ווינד (בן חיים), שלמה אייזלאנד, זישע ביזגייער; שטייען פון רעכטס צו לינקס: מאיר פאגעלפאנג, הענעך קאן, נאשעק איזאאק, לייביש פעדער, דניאל פערסקי, משה גאלדפינגער, בערעך דינסטיג, יענקל אייזלאנד, מענדל אייזלאנד (בן יהושע), משה דעמביצער.



תמונה עם הסופר דניאל פרסקי

מימין לשמאל — **יושבות**: רחל דינסטיג, מרים פוירשטנצר, מלה גרין, מלה אייזיג, פייגה גרטנר.
עומדות -— מימין לשמאל: איטה ברל רחל גולדפינגר, רחל אייזלנד (בת ישראל מלך), אדלה ברנד, לאה גרין. רחל קוך, חומה פיסטרונג.
בשורה **רעליונה**: בלתי **ידועה**; חוה פדר, חישה גרין, דניאל פרסקי, אסתר פדבר, מינקה טויבוים, יפה קוך, פשקה גלדציילר, הינדה שטרום, (עפרה הרשושנים) רייזל גרוס.

בוך באַריכות. אויב איר געפינט עס פאר נויטיק ,אויך די פרטים פון מיין באַזוך דארטן.

אויך האב איך זיך פאטאגראַפירט עטלעכע מאל מיט פאַרשידענע גרופן — און די אינטערעסאַנטע פאטאגראַפיעס קאן איך אייך ארויסשיקן גלייך. אפשר געפינען זיך אין אַמעריקע עטלעכע פערזאנען פון יענע בילדער?

בקיצור ענטפערט וועגן מיין באַזוך און די בילדער.

בידידות רבה

דניאל פערסקי

(ליידער האט דער העברעאישער שרייבער פערסקי נישט צוגעשיקט די בילדער און איז אין צווישנצייט נפטר געוואָרן. — רעדאַקציע)

נאך דעם פאַרלאָזן דאס שטעטל פון פנחס לאנדער, האָט די שול נאָך עקזיסטירט עטלעכע יאָר (מיט איבערייסן) און עס זענען געוועזן פאַרשידענע לערערס, ווי מא'ער (דעם בּאראנעוועער שוחטס זון) אריה ווילק ז״ל פון סאנאָק און אויך ראדאמישלער, ווי מענדל אייזלאנד בן שמעון און יאנעק ווינד (זיי האבן א קורצע צייט אנגעפירט מיט דער שול).

פאַר דער עקזיסטענץ פון דער שול האט געזאָרגט א געזעלשאַפטלעכער כוח; דער וועד התרבות, צו וועלכן (אין פארשידענע צייטן) ס'האבן געהערט שמואל שפילמאן ז״ל אברהם גאלדפינגער יבל״א (געוועזן יו״ר פון וועד), הערש לייב פארשטענצער ז״ל, משה יעקב קאָך יבל״א, מאטל קליין,



עס איז אויך געווען א פרווו צו גרינדן א יידישן קינדער גארטן. די הויפט־טוערין איז געווען ד״ר שרה שפיגל. אויפן בילד זעען מיר די דערציערין יונע פיסטראנג (היינט — מנוחה האכבערגער). די ערשטע ריי — **רבקה**, די טאכטער פון לאזער שעכטער, האלט דעם טאוול מיטן אויפשריפט „פרעבלישול" (אין פויליש). אין דער צווייטע ריי.

פון רעכטס, **זיצן**: דער זון פון מאיר ביבערבערג; רבקה, די טאכטער פון יאסל שאיע; בענעק, דער זון פון אדוו. שפיגל. אין דער דריטער ריי, פון רעכטס: שפרינצע, די טאכטער פון לאזער שעכטער; סטאשקע, די טאכטער פון וועטערינאר שלעזינגער.

יעקב בראַנד, יעקב מאַהלער, ד״ר שרה שפיגעל (יו״ר הוועד) ע״ה, רחל גערטנער תבל״א, משה טענענבוים־קאָך, מענדל אייזלאַנד בן שמעון, שמעון פעדער הי״ד, פעסל געלדציילער־גראָס, שושנה גראָס ע״ה א.א.

אין דער צייט ווען עס איז געפירט געווען אַן אגיטאציע אין פוילן מיט דער לאָזונג „דבר עברית״, האָבן זיך ביי אונדז אין שטעטל געפונען יוגנטלעכע מיט דעם „ע״ אין לאַץ (אָנגעוויזן, אַז ער רעדט עברית).

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין שטעטל, האָבן צוגעהאָלפן דער העברעישער שול דורך דעם, וואָס זיי האָבן געפאָדערט פון די מיטגלידער צו באַזוכן די שול; און אין דער צייט, ווען אַזאַ האָט נישט עקזיסטירט — אָנגעפירט מיט אייגענע כוחות קורסן פון העברעיש, ווו די מער־קענענדיקע האָבן געלערנט אַנדערע, וואָס האָבן ווייניקער געוווּסט.

אונדזערע בונדיסטן

ביי אונדז אין שטעטל איז קיין בונדישע אָרגאַניזאַציע נישט געווען, גראָד ווי זי איז נישט געווען אין די שטעטלעך אַרום אונדז (מען רעדט נישט וועגן טאַרנע, ווו דער „בונד״, — גראָד ווי זיין פאַרגייער די „זש.פּ.ס.״ — איז געווען דווקא שטאַרק).

אין איינעם פון די פּראָטאָקאָלן פון די זש.פּ.ס. — צוזאַמענפאָרן פאַר דער קריג פון 1914, ווערט יאָ דערמאָנט, אַז אין מעליץ איז געווען אַ זש.פּ.ס.־אָרגאַניזאַציע, אָבער זי האָט זיך אויפגעלעזט.

אָבער כאָטש מיר האָבן נישט געהאַט קיין אָרגאַניזירטן „בונד״ אין שטעטל, זענען איינצלנע פון שטעטל געווען נאָענט צו אים און געווען (אין דער צייט פון זייער אַרבעטן, אָדער וווינען אין טאַרנע) חברים פון „בונד״, אפילו אַקטיווע חברים.

אַזוי איז געווען אַ חבר פונעם „בונד״ אין טאַרנע אין די צוואַנציקער יאָרן דער זון פון לייבעלע בעל־עגלה, אַ שניידער־אַרבעטער. ווען ער איז געקומען אין שטעטל אויף יום־טוב האָט מען געשמועסט „דער בונדיסט איז געקומען״; די זין פון ר׳ חיים זילבערמאַן זענען — נאָך זייער אַריבערפאָרן קיין טאַרנע — געוואָרן אַקטיווע בונדיסטן; ראַדאָמישלער היטלמאַכערס, וועלכע האָבן אין די סעזאָנען געאַרבעט אין טאַרנע, זענען געווען פאַרשריבן אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, ווו דער „בונד״ האָט געהאַט די השפעה און ווען זיי פלעגן קומען אין שטעטל האָבן זיי געלאָזט הערן אַביסל „אַפּיקורסישע געדאַנקען״ קעגן דעם ציוניזם.

צווישן די אַקטיווע בונדיסטן אין טאַרנע איז געווען באַקאַנט אַ ראַדאָמישלער אַפּטייקער, בנימין אייזיג, אַ זון פון אַ ראַדאָמישלער חשובן בעל־בית, וועמענס אַלע ברידער זענען געווען אָנגעזעענע סוחרים ביי אונדז אין שטעטל און אין אַנדערע שטעט. בנימין אייזיג האָט אפילו געפּרוּווט איינציקע מאָל שאַפן ביי אונדז אין שטעטל אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון היטלמאַכערס, אָבער ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן.

מ. א.

החיים החברתיים
דאס געזעלשאפטלעכע לעבן

אברהם גראָס
תל־אביב

פּורים־שפּילערס אין שטעטל

אר־יערלעך, זענען זיי אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער, ספּעציעל — צו די אָזויגערופענע גבירים, ווו מען האָט זיי געגעבן צו טרינקען, איבערצובייסן המן־טאַשן און דערצו אַ שיינע נדבה. איך וויל באַשרייבן איין פּורים־שפּיל, וועלכן איך געדענק זייער גוט. די פּורים־שפּיל הייסט „עקידת יצחק״. אין יידישן האָט מען עס גערופן: „אברהם ברענגט יצחקן אויף דער עקידה״.

פּורים: די קינדער לויפן אַרום פריילעך, מ׳גייט נישט אין חדר אַריין, אויך נישט אין דער פּוילישער שול. קינדער לויפן אַרום פאַרשטעלטע: אַרויפגעקלעפּטע וואָנסעס (פאות האָט מען אייגענע), אַ טייל שמירן גלאַט אָפּ דאָס פּנים מיט שוואַרצער פאַרב; מען טוט אָן דעם פאָטערס בעקעשע מיט דעם שטריימל, אָדער אַ פּעלצל פאַרדרייט מיטן פוטער פון אויבן; מיידלעך טוען אָן די מוטערס קליידער, זיי פאַרשטעלן זיך פאַר מאַמעס, אָדער ציגאַנקעס, אָנגעטאָן אין דירנדלעך. אַלע קינדער שלעפּן פון די קעשענעס דאָס פּורים־געבעקס און ס׳איז פריילעך. מען באַקומט פּורים־געלט און מ׳קויפט זיסע זאַכן ביי צערלען.

מיר יינגלעך ווייסן, אַז עס דאַרף פאָרקומען אַ פּורים־שפּיל. אין ראַדאָמישלע איז נישטאָ קיין סודות. מיר וואַרטן אין דער יידישער גאַס, נעבן שטרויבינגס הויז. מיר ווייסן, אַז דאָרט וועלן זיך די פּורים־שפּילערס צוזאַמענטרעפן...

דער ערשטער באַווייזט זיך דער פּאַיאַץ, איכל וואַסערמאַן, מיט אַ שפּיציק היטל פון פאַרשידענע פאַרבן, אַ פּאַיאַץ־בייטש אין דער האַנט. מיר שרעקן זיך, מ׳האָט מורא. מ׳שטייט און וואַרט אפשר וועט ער אַ יאָג טון מיט דער בייטש... נאָכדעם באַווייזט זיך אַ הויכער, דאַרער מענטש, מיט אַ ווייסער לאַנגער באָרד און אין גאַרטל אַריינגעשטעקט אַ גרויסן חלף (אויסגעשניצט פון האָלץ). נאָכדעם קומט דער שטן (יאָסל נאָטע קרעמערס, דעם שוסטערס) אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער לאַנגער פּעלערינע, אַ הויך שוואַרץ היטל, דאָס פּנים אָנגעשמירט שוואַרץ — אַ מורא אויף אים צו קוקן.



צוויי פארשטעלטע לכבוד פורים: פנחס רייכמן און חיים (יוזנן) באנקער

אזוי קומען זיך צוזאַמען אַלע שפּילערס. נאָך אַ קורצער באַראַטונג לאָזן זיי זיך גיין צו שלמה בערל, און מיר נאָך זיי.

ביז די שפּילערס קומען צום הויז, זענען שוין די שטובן אנגעפילט מיט צוקוקערס. די קינדער לויפן שנעלער ווי די שפּילערס, מען שטופּט זיך אריין דורך דער קוך־טיר. סימע בערל רופט אריין די שכנים. א טייל קוקן אריין דורך די פענצטער און די שפּיל הייבט זיך אָן.

אין דער שפּיל זינגט זיך: יצחק דער אויסגעוויילטער און געליבטער זון פון אברהם (יצחקן שפּילט רפאל האנד), אַז ווען זיין מוטער שרה האָט געלעבט, האָט זי אים געהאַלטן אַ באַזונדער חדר און פלעגט אים אָנטון די שענסטע קליידער א.א.וו... די אַרומיקע הייבן אָן צו גיסן מיט טרערן: נעבעך! נעבעך! און גלייך נעמט ארויס אברהם אבינו דעם חלף־מעסער און שאַרפט אים אויף דער האַנט, כדי אויסצופירן גאטס באַפעל. ער וויל לייגן דעם חלף אויפן האלדז פון יצחקן, שרייט אַ יידענע פון די צוקוקערס „דו שעכט נישט רפאלן, ער איז נאָך א יינגער יינג". ווען דער חלף איז שוין אויפן האַלדז פון יצחקן, כאַפּט אים אָן דער מלאך ביי דער האַנט און זאָגט: „ר' אברהם, איך כאַפּ אייך ביי דער האַנט און דער שפּיץ באַרד. איך בין געשיקט געוואָרן אייך צו זאָגן פון גאָט, אַז איר זאָלט נישט שעכטן אייער זון יצחק". אַלע צוהערערס אָטעמען אָפּ, ס'ווערט יעדן איינעם לייכטער אויפן האַרצן. יצחק שטעלט זיך אויף און זינגט: „איך בין נישט געשטאַרבן, נאָר איך בין געבליבן לעבן, א לויב גאָט איבערצוגעבן". און אלע שפּילערס העלפן צו זינגען. סימע ברענגט אריין די המן־טאַשן מיט געטראַנק; שלמה בערל גיט זיי אין דער האנט אריין, מ'ווינטשט זיך איבערלעבן און דערלעבן דאס צווייטע יאר „אַ גוטן פורים".

אין דער זעלבער צייט זענען אין אַנדערע שטובן אַרומ־געגאַנגען אַנדערע פורים־שפּילערס. וויל איך פון איין אזא גרופּע נאָך דערציילן.

די גרופּע שפּילערס האָט געהייסן משה איציקס און הייזיקעס קאַפּעלע. הייזקע האט געהאַט, זעט אויס, זייער אַסך יאָרן, ווייל די פידל זיינע האָט שוין נישט געהאַט אַלע סטרונעס. איין סטרונע איז געווען געמאַכט פון אַ דינעם שפּאַגאַט, איינע האט סתם געפעלט און צוויי זענען בלויז געווען גאַנצע, אויך דער שמיטשיק איז געווען גאַנץ אזוי, אַז עפּעס אַ טאָן האָט די פידל געגעבן.

משה איציק מיצענמאַכער, מיט זיינע דריי זין, האבן זיך פאַרשטעלט. משה איציק איז געווען אָנגעטון אין א לאנג פויעריש לייוונט העמד, מיט א רוסיש פוטערן היטל, מיט אַ קאַנטשיק אין דער האנט. איין זון איז געווען אנגעטון ווי אַ קראַקאָוויאַק, די צוויי יונגערע זין האבן זיך פאַרשטעלט פאַר פרויען, קראַקאָוויאַנקעס. דער גאַנצער קאָמפּלעט האט זיך גערופן „וועסעלע". זיי האָבן פאַרגעשטעלט א חתונה אין דאָרף ביי קריסטן. ווען זיי האבן געטאַנצט האבן זיי אויך געזאָגט גראַמען.

באלד ביים אריינקומען האט משה איציק געזאגט צו הייזיקן „זאגראי הייזיק צאָ טי וויש, דאַס טשי דיאַבלאַ טאָ גאַ זיעש". און הייזיק מיט זיין פידל האט אָפּגעברימבלט — וואס ווייס איך נישט, אבער עפּעס האט ער געברימבלט. צוויי מענער האבן זיך גענומען די צוויי קראַקאָוויאַקעס צום טאַנצן. אַ קנאַק געגעבן מיטן קאַנטשיק, אביסל זיך געדרייט, כמו געטאַנצט און ווייטער געזאגט גראַמען.

איינער האט געזאגט: „ניע בענדזשעמי באבי כוואַליטש, באַ ניע אים פיעצו פאַליטש"... און דער צווייטער: „מאַיאַ מאַמאַ באַלאַמוטקאַ, ווידאַלאַ צורקע זאַ גאַגאַטקאַ". און די פידל שפּילט די גאַנצע צייט, ס'הייסט: זי ברומבלט די גאַנצע צייט, ווייל משה איציק קוועטשט מיט די פינגער ביי די סטרונעס.

דער בעל הבית גרייט צו דערווייל די נדבה, אבער זיי זינגען עפּעס צו, ווינטשן „א גוטן פורים", „אויף איבער אַ יאָר זאָל מען מער געלט געבן".

חנוך אייסלאנד (קאד)
ירושלים

יידיש טעאטער

די גרינדערס זענען געווען 5 ברידער הארטמאַנס: זלמן־ראובן, מענדל, לייביש, הענעך און חיים־הערש. די פאַרשטעלונג פון די ברידער האַרטמאַן איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די גרעסטע שטאָט־זאַלן, ביי ר' קסיל אייזלאַנד ז"ל.

אזוי ווי מיידלעך האבן נישט געטאָרט שפּילן צוזאַמען מיט מענער, האבן די מענער געשפּילט אויך דאַמען־ראָלן.

די פאַרשטעלונג איז פאַרגעקומען מיט אַן ערך 50 יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט געווען נאָך אַ קינד און כהאָב מיך אריינגעגנבעט צו דער פרעמיערע. זי איז באַשטאַנען פון דריי איינאַקטערס: דער אלטער פאַטער, דער רב, דער שוסטער.

די הכנות צו דער פאַרשטעלונג זענען געווען גרויסע. אַלע קאַרטן האט מען פריער אויספאַרקויפט און דאס פובליקום האט געוואַרט מיט אומגעדולד דער פאַראָנג זאָל זיך עפענען. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. דער עולם האט זיך פאַרהאַלטן רואיק, אבער הינטער די קוליסן האט זיך געטומלט. עס האט זיך געהערט א קלאַפּעריי פון האַמערס.

פלוצלינג ווערט שטיל: עס הערט זיך אַ קלונג פון א גלאָק און באלד הייבט זיך דער פאראנג אויף און עס באווייזט זיך זלמן־ראובן, פארשטעלט פאר אן אלטן פאטער. דער עולם האט אים אויפגענומען מיט א פאטשעריי, וואס האט געדויערט אביסל צייט, דערנאך באווייזן זיך די אנדערע פיר ברידער, וועלכע הויבן אן צו זינגן א ליד. דער עולם העלפט אונטער. די באגייסטערונג איז נישט צו באשרייבן. מיט איינמאל פארשווינדן די ברידער, עס בלייבט בלויז זלמן־ראובן אליין און הייבט אן צו זינגען דאס ליד פון אלטן פאטער, וואס איז נאכדעם געזונגען געווארן פון גאנצן שטעטל. די מוטערס פלעגן שפעטער פאַרוויגן די קינדער מיט דעם ליד. איך געדענק, אז כ׳האב נישט איינמאל געבראכט מיין באבען ע״ה צו טרערן, ווען איך האב פאר איר געזונגען דאס ליד.

איך גלויב, אז די ווערטער פון דעם ליד זענען נאך היינט אקטועל. און אָט זענען די ווערטער:

דאס ליד פון אלטן פאטער

אײן בײשפיל װעל איך אײך מענטשן ברענגען, אײנס, צװײ, דרײ.
דעם סוף פון מיר באטראכט א צינד.
ס׳ איז בעסער אויף דער וועלט נישט צו לעבן,
אײדער אַנצוקומען צו אַ קינד.
כ׳האב אויסגעלעבט מיינע יארן מיט כבוד אויף דער וועלט,
כ׳האב געהאנדלט און געפארן, פארדינט כשר מיין געלט,
כ׳האב פארדינט א גולדן אפילו אין דער שלעכטער צייט,
כ׳האב געלאזט מיינע קינדער בילדן, ס׳זאל פון זיי ווערן לייט.
די פאָקעלעך, או, אוי; די מאָזעלעך אוי, אוי,
היינט איז ביי מיר, אוי, פארשפאַרט די טיר, וויי,
כ׳האב מיך נישט ווו אהינצוטון.
מיין זון פלעגט צו גיין אין חדר, איינס, צוויי דריי,
מיין טאכטער פלעגט אנטון נייע קליידער,
וואס פארא נחת האט פון דעם די מאמע געהאט?
עס פלעגט זיי וויי טון אן אבר, טוט עס מיר נאך מער וויי,
כ׳האב מיר געווונטשן א קבר כ׳זאל אומקומען פאר זיי,
געלאפן צווישן דאקטוירים, ווי א פארסמטע פיש,
אויפן בית־עולם רייסן קברים, אויסבעטן פאר זיי א זכות.
די פאָקעלעך, אוי, אוי, די מאזעלעך, אוי, אוי.
היינט איז ביי מיר, אוי, — פארשפאַרט די טיר, וויי,
כ׳האב מיך נישט ווו אהין צוטון.

אין אייניקע יאר שפעטער זענען שוין אונטערגעקומען אנדערע טעאטער־כוחות. איך אליין האב אָנטיילגענומען אין א שפיל פון דער שפאַנישער אינקוויזיציע. די פארשידענע ארגאניזאציעס האבן געפלעגט אויפירן טעאטער־פארשטע־לונגען פאר קרן־קימת, אבער די פיאָנערן פון יידישן טעאטער אין שטעטל זענען געווען די ברידער הארטמאן.

אברהם גראם

תל־אביב

דראמאטישע קרייזן

דאס טעאטער־שפילן אין ראדאמישלע האט קודם כל געדינט אויף צו שאַפן געלט־מיטלן פאר פארשידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע צוועקן. די הכנסה פון די פאָרשטעלונגען איז געגאנגען איינצוקויפן נייע ביכער פאר דער ביבליאטעק, ציוניסטישע קרנות, ספאָרט־קלוב א.א.

אָט וואָס איך געדענק וועגן די ערשטע פאָרשטעלונג, אין מיינע קינדער יארן: אין שטאט באווייזן זיך גרויסע פלאַקאַטן, געדרוקט מיט גרויסע אותיות, רויט און בלוי (געדרוקט האט עס א. שפאנגעלעט), אז אין לאקאל פון דער קאַסינאָ (סאָקול) „וועט פארקומען אַ גרויסע פארשטעלונג ׳כל־נדרי׳, געשריבן פון א. לייטנער. אייגענער בופעט, מוזיק. בילעטן ביי דער קאַסע, אנהייב 8.30 אוונט פינקטלעך״.

וועגן דער פארשטעלונג האט מען שוין געוווסט מיט א האלב יאר פריער אין שטעטל. די אויפגעקומענע אַרטיסטן האבן זיך געלערנט זייערע ראלן און כמעט יעדן אוונט זענען פארגעקומען פראָבן אין לאקאל פון דער ביבליאטעק. גרויסע שוועריקייטן זענען געווען מיט די פרויען־ראלן: קיין מיידל פון שטאָט האָט זיך נישט דערוואַגט ארויפצוגייין אויף דער בינע און שפילן טעאַטער צוזאַמען מיט מענער. ס׳איז נישט געווען קיין אנדערע ברירה נאר מענער האבן געמוזט שפילן פרויען־ראָלן.

ביי דער פיעסע איז רעזשיסער געווען העניך האַרטמאן, סופלאָר — יחיאל בראַנד (פאדאווער). כאראקטעריזאציע

(גרימירן) לוזער איזאאק; מענער־ראלן האבן געשפּילט: מאיר ביבערבערג, הענעך קאך, יאנקל גראס (שרויב), יאנקל האניק, לייביש אייזלאַנד, מאיר פּאָגעלפאַנג. פרויען־ראָלן האבן געשפּילט: אולער קארטאגענער, רפאל בראנד, ז״ל, איטשע ווינד, נפתלי גרין.

ווען די פּלאקאטן האבן זיך באַוויזן איז געוואָרן א גערודער אין שטעטל ביי יונג און אַלט. די עלטערע מענטשן האבן זיך געפרעגט, וואס וועט עס זיין פאר א קאמעדיע־שפּיל? ווער זענען די קאָמעדיאַנטן? די יוגנט האט אנגעהויבן צוצוגרייטן בילעטן, וועלכע מ׳האט געקאַנט קריגן ביי יחיאל בראַנד אין געשעפט. יעדער האט געוואלט קריגן וואס נעענטער צו דער בינע. די ערשטע און צווייטע באַנק זענען געווען רעזערווירט פאר איינגעלאדענע געסט ווי: ברוך געלדצייילער, יאנקל פעלץ, ווי אויך פאר די פאַמיליעס פון די אנטיילנעמערס.

קליידער צו דער פארשטעלונג האט מען געבראכט פון טארנע, אבער די שפּילערס האבן נאך באדארפט געוויסע קלייניקייטן צו באזארגן און מען איז געלאפן אַהין און צוריק.

משה פלאווקע האט שוין גאַנץ פרי אָנגעהויבן צוגרייטן די פידל מיטן קלארנעט. זיין צוהעלפער הערשל זיזשאלעס איז שוין פון דערפרי ארומגעגאנגען אנגעטון אין די יום־טוב־קליידער. די פרויען, וואס האבן זיך פארפליכטעט צו שפּענדן פארן בופעט, האבן זיך געסודלט, ווי אזוי צו פארפּוצן די טארטן: יעדע האט געוואלט, אז איר טאָרט זאל זיין דער שענסטער; אויך פּאָנטשקעס און אנדערע געבעקסן האט מען צוגעגרייט.

נאך מיטיק איז דער בופעט פון סאקול־זאל שוין געווען פול מיטן צוגעשיקטן געבעקס און אנדערע זיסקייטן. די, וואס זענען געווען אויסגעוויילט צום בופעט, זענען שוין פריער געקומען און געשניטן די טארטן, געמאַכט קאַנאַפּקעס (סענדוויטשן) מיט ווורשט, ארויסגעשטעלט פרייזן אויף יעדער זאַך.

ווען ס׳איז דרויסן טונקל געווארן, זענען אלע שפּילערס שוין געווען הינטער דער בינע. דאס פּובליקום האט אנגעהויבן צו קומען, אבער נישט זייער פּינקטלעך. ביז מען האט אלע מענטשן אַוועקגעזעצט אויף די בענק, האט געדויערט ביז 11 א זייגער. צווישן איין אַקט און צווייטן האט מען געמאַכט אַ האלבע שעה אַ פּויזע, אז מען זאל קויפן ביים בופעט, אבער אסך האט מען נישט געקויפט, ווייל יעדער האט זיך מיטגעברענגט איינגעפּאַקט אביסל עסן. וואס איז געבליבן פון בופעט, האט מען דערנאך פאַרקויפט אויף ליציטאַציע. אַלע שפּילערס אָן אויסנאַם האבן גוט געשפּילט. אויף דער בינע זענען געפאלן צענדליקע פעקלעך שאָקאָלאַד און בלומען. די פארשטעלונג האט זיך געענדיקט 2.30 ביינאכט און אלע אַנוועזנדיקע זענען געווען צופרידן, ווייל די פארשטעלונג איז געווען אַ געלונגענע און האט געבראכט א שיינעם איינקונפט. פארשטענדלעך, אז צומארגנס איז די טעמע ביי אלע געווען די נעכטיקע פארשטעלונג. אפילו פאר מנחה־מעריב האבן די רעדלעך מענטשן, וואס זענען זיך צוזאמענגעקומען אין מארק, אויך פון דעם גערעדט.

יוידער איז אויפגעפירט געווארן „דער ווילדער מענטש״, פון יעקב גארדין. מאיר פאגעלפאנג האָט געשפּילט די ראָל פון ווילדן און כאטש די ראָל איז אַ שווערע, האָט ער זי אויסגעפירט ווי א פּראָפעסיאנעלער אַרטיסט. אלע האבן שפּעטער געזונגען דאָס ליד פון ווילדן מענטש. „צי בין איך פון אַ שטיין געבוירן, צי האט מיך קיין מאַמע געהאט״.

געשפּילט האָבן: מאיר פאגעלפאנג (שטרום), יאנקל האָניג,

איטשע ווינד, יאנקל גראס, אביגדור אייזלאנד (א פרויען־ראָל) אברהם ווענגזשין. מוזיק — משה פלאווקע מיט זיין קאַפּעליע.

וועגן דער פארשטעלונג לייענען מיר א באַריכט אין „נאווי דזשעננ‍יק״ פון 21.3.1926:

גרויס ראדאמישלע (אייגענע קארעספּ.)

צוליב פורים איז פאָרגעקומען אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, איינגעארדנט דורך דער יידישער נאציאנאלער ביבליאָטעק. מען האָט געשפּילט „דער ווילדער מענטש״ פון י. גארדין, אונטער דער רעזשי פון ה׳ פאגעלפאנג. אין דער פאָרשטעלונג האָט אויך אנטיילגענומען א מענער־כאר, אונטער דער לייטונג פון ה׳ אייזענבערג. ס׳האָבן זיך אויסגעצייכנט די ה״ה: האָניג, שרויב, ווינד, ווענגזשין. עס איז וויכטיק אינטערצושטרייכן, אז דער אָוונט איז פאָרגעקומען אין דער היגער שטאָטישער קאַסינאָ, ביים אנטייל פון דער כמעט גאַנצער היגער אינטע־ליגענץ און אויך א סך קריסטן. די הכנסה איז באַשטימט פאַר דער ביבליאָטעק.

נישט לאַנג זענען פאָרגעקומען צוויי ליטעראַטישע רעפע־ראַטן פון ה׳ פרידמאַן (פון וואדאָוויץ): וועגן יהודה הלוי און פרץ״.

מיט יארן שפּעטער איז פארגעקומען א גרויסע איבער־קערעניש: אונדזערע מיידלעך זענען שוין געווען גרייט צו שפּילן צוזאַמען מיט יינגלעך. מען האט אנגעהויבן צוגרייטן א נייע פארשטעלונג — „הערצעלע מיוחס״, פון משה ריכטער. ווען אין שטאט איז מען געוווּיער געווארן, אז מענער און פרויען וועלן שפּילן צוזאַמען, איז געווארן א גערודער: ס׳טייטש, ווי קאן מער דערלאזן אזא הפקרות? מען האט זיך אפילו געוואָנדן צו די עלטערן, וועמענס טעכטער זענען געווארן „אריינגעצויגן״ אין טעאטער, ס׳האט אבער נישט געהאלפן. די פארשטעלונג איז פארגעקומען מיט גרויס דערפאלג.

אָנטייל גענומען האבן: פעשקע געלדצייילער, רייזל גראס, הערמאַן גאלד, אולעק קארטאגענער, יאנקל שרויב (גראס), איטשע ווינד, אברהם גראס (שרויב) (אין דער ראָל פון אַ קליין יינגעלע), דוד פעלץ. רעזשיסער: הערמאַן גאלד, סופלאר: יחיאל בראנד, כאראקטעריזאציע — לוזער איזאאק.

אויך וועגן דער פאָרשטעלונג לייענען מיר אין „נאווי־דזשעננ‍יק״ פון 25.8.1927.

גרויס ראַדאָמישלע (אייג. קארעספּ.)

אן אקציע צו בויען א פאָלקס־הויז. אַ דאַנק דער מי פון קאָמיטעט צו בויען אַ פאָלקס־הויז אין גרויס ראדאָמישלע, אין שפּיץ פון וועלכן עס שטייט דער ה׳ הערמאַן גאלד, האָט מען לעצטנס אויפגעפירט א טעאַטער־שטיק א.נ. „הערצעלע מיוחס״ פון מ. ריכטער. א ספּעציעלע אויסצייכנונג האָבן זיך פאַרדינט די פריילינס: א. לייבאָוויטש, פ. געלדצייילער, פ. קארטאָגענער, ר. גראָס, די ה״ה י. ווינד, א. קארטאגענער, י. טראפ און ד. פעלץ.

דעם ה׳ גאָלד קומט א האַרציקער דאַנק.

ס׳איז שוין געווען א גוטע טרופּע שפּילערס (מענער און פרויען) און מען האט אויפגעפירט „דער דאָרפס־יונג״ אָדער „יענקל בוילע״ פון לעאן קאברין. רעזשי: איטשע ווינד, אברהם ווענגזשין האט געהאלפן און קייטעלמאן פון מעליץ. אנטייל־גענומען: שרה ראזענבלאט (שטערנליכט), רייזל גראס, מאלע אייזיג, יאנקל גראס, דוד גראס, יאנקל האניק, לייביש פעדער, איטשע ווינד.

אומגעפער די זעלבע שפילערס פירן אויס אויך א קאמעדיע „ציפקע פייער", פון יעקב קאליך. אנטייל־גענומען: מאלע אייזיג, שרה ראזענבלאַט, מאלע גרין, יאנקל גראס, אברהם וועגנזשין, לייביש פעדער, איטשע ווינד. ספעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט יאנקל גראס, ווי דער קאמיקער.

אין דער זעלבער צייט האבן אויפגעפירט די רעכטע פּעלי ציון די פיעסע „דער וויצע קעניג" פון ז. פיינמאַן. דאָ האט זיך ווידער געשטעלט די פראגע: ווער זאָל שפילן די פרויען־ראלן? די פועלי־ציון האבן קיין פרויען־מיטגלידער נישט געהאַט, האבן די מענער געמוזט שפילן פרויען־ראָלן און אזוי האבן געשפילט פרויען־ראָלן: יאנטשע צוקער, נפתלי גרין, נפתלי גאסטווירט־גרין; מענער־ראָלן: יאנקל האניג (טראפ), נפתלי קעלער, אברהם גראס (שרויב). רעזשיסער — חיים הערש הארטמאן און יאנקל האניג; סופלער — יחיאל בראנד, כאראקטעריזאציע — לוזער איזאאַק.

אויך זיי האָבן אָרגאניזירט אן אייגענעם בופעט און די פארשטעלונג איז געווען זייער א געלונגענע. די זעלבע האָבן נאך א געוויסער צייט אויפגעפירט דעם „יידישן קעניג ליר", פון יעקב גארדין. אויך דאָ האבן מענער געשפילט די פרויען־ראָלן: נפתלי גאסטווירט־גרין (פון פּשעצלאוו), יצחק פאדאווער, אברהם גראס (שרויב), מענער־ראָלן — יאנקל האניג, הענעך האָלצגרין, יאסל בראנד, נפתלי קעלער. רעזשיסער — חיים הערש הארטמאן. אבער צוליב א קריגעריי וואס איז פארגעקומען צווישן דעם רעזשיסער און די שפילערס האבן די שפילערס מיט אייגענע כוחות פארענדיקט די רעזשי און עס איז געווען דווקא געלונגען. סופלאר ביי דער פארשטעלונג איז געווען שאול לימאַן.

די פועלי ציון האבן דערנאָך אויסגעפירט פארשידענע איינאַקטערס. ביי דער באַראַכאָוו־אקאדעמיע איז געוואָרן אָרגאַניזירט א כאָר מיט געזאנג, אנגעפירט פון אברהם יוענגזשין און איינאַקטערס, ווי „דער משוגענער ביים פאָטאָגראַפיסט", „דער אָנקל פון אַמעריקע", ווי ס'האבן אָנטיילגענומען: נפתלי קעלער, נפתלי גאסטווירט־גרין, אברהם גראס ,לייביש פעדער.

נפתלי קעלער האט אויך רעזשיסירט ביי די רעוויזיאניסטן די פיעסע פון לאטיינערן „שרה שיינדל פון יעהופּעץ", ווו ס'האבן אנטיילגענומען: אידית מעכלאָוויטש, א מיידל פון קראקע, וואס איר נאמען געדענק איך נישט; פנחס בירנבוים (טאפּעט), נפתלי קעלער, דוד פעלץ, נושעק איזאאַק.

ווען א טייל פון די דערמאָנטע ארטיסטן האבן פארלאזט דאס שטעטל, א טייל האבן חתונה־געהאט, איז די יוגנט־ארגאניזאציע „עקיבא" ארויס מיט אייגענע כוחות און אויפגעפירט די פיעסע „אשה רעה מר ממות", פון פראָפ. הור־וויטש. אָנטייל־גענומען: פעשקע געלדציילער (גראס), שפרה הארוויץ (האכמאן) רחל אייזלאנד (די טאכטער פון ישראל מלכן), רבקה געלדציילער (ראזעלמאן), נפתלי קעלער, ברוך ווינד, דוד גראס, אברהם גראס, לייביש פעדער, רפאל בראנד, זישע ביזגייער, רעזשי: מאיר פאגעלפאנג.

דיזעלבע ארגאניזאציע פירט שפעטער אויף „שבת קודש", פון ז. פיינמאן. אנטיילגענומען: רבקה געלדציילער, שפרה הארוויץ, רחל אייזלאנד, צוועטל בראנד, אברהם גראס, ברוך ווינד, משה אייזענבערג.

אין משך פון יארן זענען אויפגעפירט געווארן פארשידענע פארשטעלונגען און איינאַקטערס, בשותפות פון „עקיבא", בית"ר און אויך אומפארטייאישע, ווייל קיינע פון די ארגאניזאציעס איז נישט געווען בכוח מיט אייגענע כוחות עפעס ארויסצוברענגען. צוזאמען איז געשפילט געווארן „דער קעניג אחשורש", „דאס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם. געשפילט האָבן: לייביש פעדער, פנחס בירנבוים (טאפּעט), מענדל שענקער, יאנקל אייזיג, איטע ווינד, צוועטל בראנד, אברהם גראס, רחל קאָך.

די לעצטע פארשטעלונגען זענען פארגעקומען אין שטעטל אין יאר 1937.



יחיאל בן יוסף בראנד — הי"ד


א ספעציעלן לויב וויל איך ווידמען אונזער געוועזענעם סופלער, יחיאל בראנד — וועלכער האט געטריי און איבער־געגעבן געהאלפן אויך ביים צוגרייטן די אלע פארשטעלונגען — אָן אונטערשיד פון פארטיי.

אברהם גראס
תל-אביב

ספארט

דער ערשטער פוטבאל קלוב איז אַנשטאַנען ביי אונדז אין יאר 1924. די גרינדערס זענען געווען: אברהם וועגנזשין ז"ל, מאַניעק קויפמאן ז"ל, יחיאל בראנד ז"ל און יבל"א יאנקל גראס (שרויב), וועלכער געפינט זיך איצט אין פראנקרייך.

די פיר חברים האבן ארגאניזירט שפילערס און געשאַפן דעם קלוב „מכבי". די שפילערס זענען געווען: רפאל האנד, הערשל האנד, שמואל האנד, מאניעק קויפמאן, אלטער קאך,



אברהם וועגנזשין

זלמן שטארך, איטשע ווינד, דוד פעלץ, שאול מעכלאוויטש, קאנענגיסער און יאנקל גראס (טויערמאן). אברהם ווענגזשין איז געווען דער ריכטער אויף אלע מעטשן. אסך מאל האט מען זיך אויסגעבארגט א פאר שפילערס פון מעליץ — צו פארשטארקן די ארטיקע גרופע.

בכדי אויסצוריכטן די שפילערס מיט קליידונג צום פוטבאל שפילן, ווי אויך באַלן, האבן זיי געשאַפן — צוזאמען מיט דער נאַציאנאַלער ביבליאָטעק — אַן אמאַטאָר־קרייז און פונעם געלט פון טעאַטער איינגעקויפט די גאַנצע אויסשטאַטונג.

דער פרעזעס פון קלוב איז געווען אברהם ווענגזשין. קאפיטאן — יאנקל גראס, ביי וועמען עס זענען געלעגן די קליידער און די באַלן.

מיר, יוגנטלעכע, האבן אויסגענוצט די צייט און געלערנט זיך שפילן, קאָפּען מיטן אמתדיקן באַל אויף רושינאַווסקיס פלאַץ. פון די יוגנטלעכע איז אנטשטאנען דער אַוואַנגאַרד פון די שפּעטערדיקע פוטבאַליסטען. פאַרשטענדלעך, אז די עלטערע מענטשן (ספּעציעל — די עלטערן פון די שפילערס) האבן נישט גוט געקוקט אויף דעם: מ'קאָפּעט מיטן באַל אהין און צוריק — דאס פאַסט פאר שקצים... נאר לאנגזאם האט מען זיך צו דעם צוגעוווינט.

די „מכבי" האט געשפּילט מערסטנטייל מיט די ראַדאָ־מישלער קריסטן. דער הויפּט־סעזאָן פון שפּילן איז געווען וואַקאַציע־צייט, ווען די קריסטלעכע סטודענטן זענען אהיים געקומען פון די פאַרשידענע שטעט, ווו זיי האבן געלערנט. זיי, די קריסטן, זענען געווען בעסערע שפּילערס אויסגעשולט און „מכבי" האט כמעט אייביק פארשפּילט צו זיי. אלע מעטשן זענען פארגעקומען זונטיק נאכמיטיק אויף דער בלאָניע.

אין יענער צייט האט דער פוטבאל אַרומגעכאַפּט דאס גאנצע שטעטל, די גאַנצע יוגנט, אפילו די ייִנגלעך מיט די „איבערציערס". דער אנפירער פון זיי איז געווען יאסל גאלד (נאטאוויטש), היינט אין פראנקרייך. זייער קלוב האט זיך גערופן „זאווישלאקעס". געשפּילט האט מען קודם מיט געמאַכטע באלן פון שמאַטעס. דער פּלאַץ איז געווען דער מאַרק, שינאַווסקיס־פּלאַץ און אויך דער פלאַץ, ווו ס'איז שפּעטער אויפגעשטעלט געווארן די נייע שוויץ־באַד. באַלד נאכן ארויסגיין פון חדר האט מען זיך געלאזט אויף די דאזיקע פלעצער שפּילן און נישט איינמאל האט מען זיך פארשפּילט, פארשפּעטיקט צום דאַווענען מנחה און מעריב. דעם טויער צו שפּילן האָט מען געמאַכט פון שטיינער, ארויפגעלייגט אַן איבערציער, אדער אַ רעקל, מען זאל גוט אָנזען אפּגעמאָסטן זיבן שריט די ברייט פון טויער און געהאַקט גאָלן.

דער ספּאָרט־קלוב „מכבי" מאכט א פעסטין

אין חודש יוני 1925 קומט פאר דער פעסטין אין דולטשער וואַלד. די „מכבי" האט שוין דעמאָלט געהאט אסך אנהענגערס. סימפּאַטיקערס: „נפש בריאה בגוף בריא". מ'האט דער „מכבי" געהאָלפן. צווישן די העלפערס זענען געווען: ישראל פּאַדאַוואַר, אהרן איינהאָרן, איכל שפּאנגאלעט, ירמיהו לייבאוויטש א. א.

אין צוגרייטן דעם פעסטין האט זיך באַטייליקט א גרויסער טייל פון די ראדאמישלער יידישע אייִנוווינערס. מ'האט געגעבן מתנות און געלט. די מתנות זענען שפּעטער אויס־געפּלעט געווארן אין פאנטן. אין שטעטל איז געווען א יום־טוב, מ'האט געפירט אין וואַלד אריין טישן און בענק, געטראַנקן און געבעקסן. די עלף „מכבי"־שפּילערס אָנגעטון אין די בלוי־ווייסע לייבלעך מיטן אויפשריפט „מכבי" — האבן דורכמאַרשירט דורכן מארק אין וואַלד אַריין. דאָרט זענען פארגעקומען פאַרשידענע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען, א פאַסט, פאנטן און אנדערע סיורפּריזן. דעם גרויסן בופעט ווו עס האבן זיך אויך געפונען די פאנטן, האָבן אָנגעפירט עטעל גרין (קורץ) ז"ל, צוועטל פּאַדאַוואַר־קעלער (היינט אין פאריז) און שרה שרויב (קליין) — היינט אין ישראל.

דער פעסטין האט זיך געענדיקט מיט א שיינקייט־קאָנקורס. ס'איז אויסגעוויילט געווארן פאר א שיינקייט קעניגין צוועטל פּאַדאַוואַר; איר פּאַרטנערין — שרה שרויב (קליין).

דער נייער קלוב „בר־כוכבא"

אין יאָר 1932 — נאך א פּאָר שיינע יאָר פון איבערייס אין יידישן ספּאָרט־לעבן אין שטעטל — האט דער דענטיסט קאנענגיסער געגרינדעט אַ ספּאָרט־קלוב מיטן נאמען „בר־כוכבא". די שפּילערס זענען געווען: מאניעק קויפמאן, קאנענגיסער, הערשל האַנד, ראובן האנד, יאקל האנד, ברוך האַלצגרין, יאָסל שטרום, גושעק איזאק, אברהם גראס (שרויב),



דער דענטיסט
א. קאנענגיסער

פסח גרין, הערשל זינגער (טויערמאן — היינט אין אַמעריקע). אויך זיי האבן זיך פון צייט צו צייט אויסגעבאָרגט א פּאַר שפּילערס פון מעליץ צו פארשטאַרקן די גרופּע. קאנענגיסער האט ארייגעלייגט זייער אסך מי אין דעם קלוב און צוויי מאל אין דער וואך זענען פארגעקומען איבונגען און אינסטרוקטאַזש.

די קריסטלעכע סטודענטן האָבן געהאלטן די בלאָניע, ווו מען האט געשפּילט, פאר זייער אייגנטום. געהערט האט זי צו דער ראדאמישלער געמיינדע. צום זומער־סעזאָן פון 1933 האט מען אויפגעפרישט דעם שפּיל־פּלאַץ, געמאַכט נייע טויערן, אוועקגעשטעלט בענק און געמאַכט אַ פּייערונג פון באנייען דעם פּלאַץ. זיי האבן אונדז פארבעטן צו שפּילן מיט זיי אַ מעטש און געגרייט זיך אונדז אריינצוהאַקן אביסל גאָלן. מיר זענען אבער נישט געשלאפן, — מיר האבן זיך צוגעגרייט און טאקע זיי באזיגט מיט 2:0. אין מיטן שפּיל, ווען זיי האבן באַמערקט, אז זיי שטייען נישט גוט, האבן זיי אנגעהויבן מיט זייערע אנטיסעמיטישע שטיקלעך: זשידזשע און נאך אמאל זשידזשע. וואַצלאַווסקיס זון, וועלכער האט

תמיד געהאַקט גאלן און מיין אויפגאַבע איז געווען אים צו היטן (און איך האב אים טאקע אפגעהיט) האט צו מיר געזאגט: „זשידזשע, אז דו וועסט נאכאמאל צו מיר צוקומען, ווען איך וועל האבן דעם באַל, וועל איך דיר די פיס צעקאפען, אז דו וועסט נישט קאנען אהיים גיין״. ער האט זיין ווארט געהאַלטן, נאר נישט אויף די הונדערט פראצענט, ווייל ער האט מיר בלויז איין פוס גוט צעקאפעט... זיי האבן געוואלט מ׳זאל איבערייסן דעם מעטש. מיר האבן עס אבער נישט דערלאזט, אַלץ פאַרשוויגן און פאַרענדיקט די שפיל. ריכטער ביים מעטש איז געווען קאנענגיסער. נאכן שפילן האבן זיי אים באליידיקט, כסדר פראוואצירט צו געשלעגן. די גאנצע ראדאמישלער יוגנט האט זיך קאָנצענטרירט ארום אונדז און מיר זענען אהיימגעקומען בשלום. די פרייד פון שטעטל איז געווען נישט צו באשרייבן. דעם זעלבן אוונט האט מען באשלאסן צו שאַפן אן אייגענעם יידישן שפיל־פלאַץ.

געזאגט און געטון. דענטיסט קאנענגיסער, יחיאל בראנד, מאניעק קויפמאן, האבן באלד אנגעהויבן צו זאמלן געלט. זיי אליין זענען געווען די הויפט־געלט־געבערס. מ׳האט געדונגען א פלאַץ ביי העשקע גרין, זיך געוואַנדן צו אלע יוגנט־אָרגאניזאציעס און צו דער נישט ארגאניזירטער יוגנט זיי זאלן צוהעלפן, געבעטן אלע יידישע פערד־באזיצערס זיי זאלן שיקן זייערע פערד צו דער אַרבעט פון אויסגלייכן דעם פלאַץ.

אלץ איז שוין געווען גרייט צו דער דערעפנונג פון שפיל־פלאַץ... ביי די ראדאמישלער יידן איז געווען א יום־טוב. פון קאָלביסעוו איז געקומען א יידישע קאַפעלע „הזמיר״. די מוזיקאנטן זענען געווען אָנגעטון בלוי־ווייס, די אינסטרו־מענטן — באצירט מיט קליינע בלוי־ווייסע פענדלעך. זיי האבן געשפילט אין מיטן מאַרק העברעישע, יידישע ניגונים און לידער. דאס גאַנצע שטעטל יידן האט זיך ארום זיי פאַרזאמלט. דער ארקעסטער מיטן דיריגענט יוסף האַר, (וועלכער געפינט זיך איצט אין ישראל) איז געווארן געבראכט קיין ראדאמישל אַ דאַנק אונדזערס בן עיר, אלטער פאַדאווער, וועלכער האט געוווינט אין קאלביסעוו און איז געווען פרעזעס פון ארקעסטער.

באלד נאך מיטיק זענען די שפילערס צוזאַמען מיטן ארקעסטער, אוועק אויף דעם נייעם שפיל־פלאַץ, ווו ס׳איז פארגעקומען די פייערלעכע דערעפנונג און אויך א מעטש מיט א דאָמבראווער יידישן קלוב. כמעט די גאנצע יידישע באפעלקערונג איז געווען דארט פאַרזאַמלט, אבער קיין איין גוי נישט...

צום באדויערן האט עס לאנג נישט עקזיסטירט. קאנענגיסער האט פארלאזט ראדאמישל און דער יידישער שפיל־פלאַץ איז געבליבן עלנט, קיין יידישע שפילערס האבן מער אים נישט באטראטן. אין יאר 1936 איז מער קיין יידישע ספארטלער ביי אונדז נישט געווען.

מוסדות צדקה
ווילטעטיקע אינסטיטוציעס

אברהם גראם
תל־אביב

זעלבהילף און צדקה־אינסטיטוציעס

פארשידענע ווילטעטיקע אינסטיטוציעס האבן געהאט די אויפגאבע צו געבן הילף אַ קראנקן און אן אָרעמען פון אונדזער שטעטל ווי אויך די, וואס זענען געקומען פון אנדערע שטעט, אורחי פרחי.

ביקור חולים

עס האט ביי אונדז עקזיסטירט א ביקור חולים — פון מענער און פרויען — וועלכע האבן זיך פאראינטערעסירט מיט אַ קראנקן און ווען עס איז געווען נויטיק — אויך גענעכטיקט ביי אים. די נעכטיקער האבן אויסגעפירט די פונקציעס פון קראנקן־שוועסטערס און געהאלפן דער פאמיליע ביינאכט זיך אביסל אויסצורוען. צו די מענערישע ביקור־חולים האבן געהערט: ר׳ חיים וואלף ווינד, ר׳ שלמה בערל, ר׳ שיעלע בראנד, ר׳ חיים שואל פיסטראנג ז״ל א.א.

צו דער ווייבערישער ביקור־חולים האבן געהערט: ליבע גאלד, מאלטשע גאלד, טויבעלע הארעוויץ, האניע וואָלף, חוה אייזיג, שרה שמעיה א.א.

עס דארף דערמאנט ווערן די צדקה־ארבעט פון דער פרוי שמעיה, — א שיין קאפיטל פון מענטשלעכקייט און אפערוויליקייט לטובת דעם נצרך. די פרוי שמעיה האט באזוכט קראנקע, גענעכטיקט ביי זיי און אז מען האט באדארפט — אויך געבראכט א דאקטאר, פארזארגט מיט א מעדיצין, געברענגט אביסל ספעציעל עסנ־וארג פאר אן ארעמער קימפעטארין. זי האט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו פארזארגן די נויטבאַדאַרפטיקע מיט האלץ אויף ווינטער — דאס האָלץ האט זי א גאנצן זומער געזאמלט. ביים טיילן דעם האלץ האט זי נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן ייד און קריסט, ווייל דער נדבן פון האלץ איז געווען אַ קריסט, א פויער פון דולטשע, אן אלטער בחור, נאָענט צו די ניינציק. דאס איז בכלל געווען אַן אינטערעסאנטער טיפ: ער האט פארקויפט דאס האלץ פון זיינע וועלדער צום יידישן בעקער טראָמפייטער, וועלכער האט ביי אים גֿעפועלט ער זאל — ווי א פרומער קריסט, וועלכער איז געגאנגען צו פוס קיין רוים — שענקן יעדעס יאר האָלץ פאר דער ארעמער באפעלקערונג פון שטעטל. האט ער עס געטון מיטן באדינג, אז ביים צעטיילן זאלן נישט זיין קיין רעליגיעזע און נאציאנאלע אונטערשידן. אויסער די שפענדונגען פונעם קריסט, האט זי נאך צוגעזאמלט כדי צו קאנען צעטיילן פאר אלע. די פרוי שמעיה פלעגט אויך צו זאמלען חלות פאר נויטבאדארפטיקטע אויף שבת אליין זיי צעטיילט בסתר.

„תומכי עניים" און חברה מזונות

ארעמעלייט, לאנדגייער, ווען זיי פלעגן קומען צו אונדז אין שטעטל, פלעגן זיי באקומען אויסגעצאלט געלט, כדי זיי זאלן נישט דארפן גיין איבער די הייזער; דאס געלט, וואס זיי האבן באקומען — פון א זלאָטע און ווייטער — איז געווען אפהענגיק ווער דער ארעמאן איז געווען. געזאמלט האט מען דאס געלט יעדן פרייטיק ביי די איינוווינערס פון שטעטל. די גבאים זענען געווען: ר' לייביש בערנקנאפף ז"ל און ר' חיים לייביש הארוויץ ז"ל.

אין די יארן 1926־1927 איז געשאַפן געווארן דורך יינגלעך אין עלטער פון 17־19 יאר — מיט משה דעמביצער אין דער שפיץ — א חברה (חברה מזונות), וואס האט געהאט די אויפגאבע צוצוגעבן יעדן ארעמאן, וועלכער איז געקומען אין שטעטל, א לייכט אָנבייסן (אַ האלב ברויט מיט הערינג און א שטיקל פּוטער, ווי אויך א גלאָז טיי מיט צוקער). דאס עסן־געבן די ארעמעלייט איז פארגעקומען אין בית המדרש. דארט האט די חברה מזונות געהאט איר קליינעם מאגאזין, וואס איז באשטאנען פון א פאר גלעזלעך, ברויט, א ספּירט מאַשינקע און דאס צום ברויט.

ווען משה דעמביצער איז אוועק פון שטעטל, האט זיך מיט די עניינים פארנומען יאנקל קליין, דער זון פון מענדעלע קליין (דער בית־המדרש־שמש).

הקדש אין שטעטל

אין די לעצטע יארן האט דער גוטבאזיצער וויינבערג פון יאשטשאַמבקע, (ער איז געווען פון ווין) — א פרומער ייד — געשפּענדט א הקדש פאר די דורכגייענדיקע אורחי פרחי(אויפן נאמען פו זיין פארשטארבענער פרוי), ווו יעדער ארעמאן האט זיך געקאנט אויפהאלטן מיט עסן און שלאָפן דורך אַ צייט פון 24 שעה. דאס הויז האט ער אפּגעקויפט ביי וואָלינסקין, אריינגעשטעלט בעטן מיט דעקן און געשאַפן א קיך. ער האט געהאלטן ספּעציעלע מענטשן צום קאָכן און צום אַכטונג געבן אויף דער ריינקייט. ביי נאַכט האט יעדער שלאפער באקומען א פּיזשאמע צום שלאפן און מען האט אכטונג געגעבן, אז נאך 24 שעה זאל ער פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. וויינבערג האט אַלץ אויסגעהאלטן אויף אייגענע קאָסטן.

עס זענען געווען אויך סתם בעלי־בתים, וואס האבן אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו זאמלען פאר הכנסת כלה און ארויסהעלפן בכלל א ייד אין א נויט — תמיד געווען גרייט צו דער מצווה. צו זיי האבן געהערט ר' שואל בעטהייל ז"ל, ר' שואל פיסטראנג ז"ל, ר' לייבעלע גוטווירט, ר' יחיאל מענדל רייכמאן ז"ל א. א. ר' יחיאל מענדל האט א חוץ שאַפן געלט פאר א נויטיקן צוועק, אויך געוווסט ווו מ'דארף אריינשטעלן אפאר קילא צוקער, צי רייז, — בשתיקה, אז קיינער זאל חלילה פון דעם נישט וויסן, דאס האט ער אויסגעפירט דורך זיינע קינדער און געגעבן פון זיין געשעפט (אמאל אויך בייגעלייגט אפאר זלאטעס).

לאמיר זיי אלע דערמאנען צום גוטן.

זאל אויך דערמאנט ווערן די ארבעט לטובת דעם נויט־באדערפטיקטן פון רחלה דערשאוויץ, וועלכע פלעגט ערב־שבת גיין פון שטוב צו שטוב און זאמלען בולקעס, חלות און צעטיילן צווישן די, וואס האבן נישט געהאט אויף שבת.

א. י. מהלר
תל־אביב

החברה־קדישא

בית העלמין החדש היה כברת דרך ממרכז העיר, בקלויז־גאס. בית־הקברות הישן היה על־יד ה„שול" (בית־הכנסת). בלילות פחדנו לעבור שם. בהיותנו ילדים, קלטנו כל מיני סיפורים על המתים המתאספים אחרי חצות ב„שול". גם לבית־החיים לא הוספנו ללכת בהיותנו ילדים. רק בתשעה־באב היה מינהג לעלות לשם.

להיות חבר בחברה קדישא נחשב לכבוד וכל התפקידים היו בהתנדבות לכן מיספרם לא היה גדול. החברה־קדישא היתה עצמאית ולא היתה שייכת לקהילה אלא ועדה ציבורית לחוד.

בין החברה היתה סקציה „נושאי המיטה", למרות המרחק מהעיר, לא השתמשו, מפני כבוד המת, בעגלה, רק נושאי המיטה נשאו את הנפטר עד לבית הקברות. כן היתה קבוצת חברים שעסקו בטהרה. הלוויות התקיימו גם בלילות, לפי זמני הפטירה, ומפני הכבוד לא הלינו את הקבורה עד אור הבוקר אפילו בלילות החורף הקשים.

בעד חלקת הקרקע קיבלו תשלום, כולל דמי קבורה. מבני דלת העם לקחו מחיר זעום או פיטרו אותם מכל תשלום. מבעלי יכולת לקחו בעד חלקות קרקע לפי ההסכם לפני הקבורה. ההכנסות היו קודש לשמירה ולהרחבת בית הקברות. מכסף זה חילקו הרבה צדקה לנצרכים.

היה מנהג שהחברה קדישא שתו יי"ש אחרי הטהרה. זכורני שריננו אחרי מינהג זה; לכאורה כיצד שותים „לחיים" בזמן שהנפטר מוטל לפניהם. אבל אבא ז"ל שהיה נשיא החברה קדישא, הצדיק את הדבר ואף פעם לא קימץ בכבוד זה וטעמו עמו. בתור נשיא השתתף לא פעם בטהרה בתפקיד אם אפילו הנפטר לא קרוב לו בחיים והתבטא שצריך לב־ברזל להיות בין המתעסקים. שתיית „לחיים" היתה לחיזוק רוחם.

בז' באדר, יום פטירתו של משה רבנו, ערכה החברה סעודה עבור חבריה. כן התאספו בביתו של הגבאי בשביעי של פסח לשתיית יין ובשמיני עצרת לפני ההקפות השניות לשתות בירה. זוכרני שתיות כאלה בביתו של ר' ברוך־יוסף סלמון ובזמן מאוחר יותר אצל ר' פינחס גרוס (הסנדלר)

יעקב מלר
תל־אביב

ביקור חולים בעיירתנו

כמו ביתר המקומות שבגליציה, כן גם בעיירתנו רדומישל, היתה קיימת חברה „ביקור חולים" שהציבה לה למטרה הגשת עזרה למשפחת החולה בשמירת לילה ע"י מיטת החולה ולפעמים גם החשת סיוע כספי למחוסרי־האמצעים; שילום לרופא שנקרא לחולה ובעד התרופות שרשם לו.

בית־חולים לא היה בעיירתנו ואם קרה מקרה (והמקרים היו רבים, בעיקר בתקופת שלהי החורף) שהאדם חלה במשך זמן ממושך או אם איזו מחלה כרונית ריתקה את האדם למיטתו ונעשה למשא על המשפחה. חולה כזה זקוק היה לטיפול לא רק ביום אלא גם בלילה, ואפילו בשעות הקצרות של הלילה

ע״י הגשת התרופות הנדרשות, ובהקרבת סיר־הלילה ואי־אפשר היה להשאירו לרגע קט לבד. במקרה כזה, בזמן שכל משפחת החולה כבר נלאית מלהיות ער בלילה, באה לעזרתה החברה „ביקור חולים״ ששלחה מדי לילה שניים מחבריה שיהיו ערים אצל החולה, וכך במשך כל הזמן שהיה צורך בזה.

היו חברי חברה שהתנדבו מרצונם הטוב לעזור לזולתם בזמן הקשה ומוכנים היו להישלח לכל מקום אחת בשבוע לחולה ולשהות אצלו במשך כל הלילה, הם עשו את עבודתם בצינעה, בשקט, בלי רעש ופירסומת ובלי מנגנון של פקידים.

בראש החברה עמדו בשנות העשרים והשלושים ר׳ אליעזר פדר, חייט קונפקציה, ואם אינני טועה גם החייט ר׳ שלמה

האניג. הגבאים פעלו והפעילו אחרים. לא היה חולה שלא קיבל את עזרת החברה בשעת הצורך.

כותב שורות אלו מלא התפעלות מעבודתם של אנשי החברה, ממסירותם ואהבתם לחולה בלי גבול ובעיקר כאשר מעמיד לנגד עיניו את העובדות שנפגשים אנו בהן בבתי חולים שלנו בישראל. הנני כותב שורות אלו אחרי ביקורי אצל אשתי הנמצאת בבית החולים.

(הערת המערכת: מרת חוה מלר, אשתו של יעקב מלר, שבקה חיים לכל חי בחודש ניסן תשכ״ח).

יהא מבורך זכרם של אנשים פשוטים אלה, שעזרו בכל יכולתם לזולת, לחולה ולמשפחתו, בעזרה אנושית זו, בלי כל תמורה שהיא.

החיים הכלכליים

דאס ווירטשאפטלעכע לעבן

יואל מאסטבוים

ראדאמישלער היטל-מאכער

(פון דער נייער סעריע „גאליצישע בילדער" *)

טאַרנאָוו איז ביזן היינטיקן טאג די געשיכטע פון קאפעליושן און היטלען. דערביי איז אויך דא אַן אונטערשיד אין די שאַטירונגען: מען קאן נישט פארגלייכן דאס רונדיקע, שמאָלע טעלערל פון באָבאָווער חסידים, צו די ברייטע רונדיקע קראקעווער „קעפקעס", פונקט ווי מען קאן נישט פארגלייכן דעם סאַמעט־שוואַרצן ראנד פון א מערב־גאליצישן ייד מיט דעם ברייטן, אָפּטמאָל צעדרייטן, קאפעליוש פון א מזרח־ייד.

די קאפעליוש־סימפאָניע אין גאליציע איז א פארשידנ־אַרטיקע און טארנאוו איז פון אייביק־אן דער הויפּט־פונקט. דאָרטן ווערן עס אויסגעארבעט די פּאַסאָנען און פאַסאָנדלעך פון כלערליי געגנטן, שאטירונגען פון מענטשן.

ראדאָמישלע איז דאס קליינע שוועסטערל ביי דער האַנט פון דער גרויסער; זי פאבריצירט פון אייביק־אָן היטלען. דאס ראדאמישלער היטל איז א שם־דבר.

פאר דער מלחמה, ווען א ייד האט געשריבן קיין טאַרנאָוו נאך א היטל, האט ער אונטערגעשטראָכן: „דורכויס ראדאָ־מישלער". וואָרעם ראדאמישלע איז א משפחה פון עטלעכע הונדערט פאמיליעס, וואס איז באשעפטיקט בלויז מיט איין פאַך, טא פאר וואס זאל יעדער באזונדער נישט קענען זיך

---

*) דער באקאַנטער יידישער שרייבער יואל מאַסטבוים ז"ל, האט אין 1931־32 געמאכט א רייזע איבער גאליצישע שטעט און שטעטלעך און געדרוקט אין דער ווארשעווער צייטונג „מאָמענט" די איינדרוקן פון זיין רייזע. צווישן אנדערע האט ער אינעם „מאָמענט" פון 28.2.1932 אָפּגעדרוקט זיין ארטיקל וועגן די ראדאָמישלער היטלמאַכערס.

אין דעם ארטיקל איז, פארשטייט זיך, נישט פאראַן קיין פול, אָדער גענוי בילד פון אונדזער שטעטל, נייערט אויבנויפיקע איינדרוקן פון „א גאַסט אויף א ווייל". פון דעסטוועגן ברענגען מיר עס אין אונדזער יזכור־בוך ווי א מאטעריאל ווי אזוי א זייטיקער ייד, א שרייבער, האט געזען אונדזער שטעטל.

די רעדאקציע



אויפן בילד — צווייטער פון לינקס — יואל מאסטבוים; נעבן אים — זלאטע ווייס (ביי וועלכער מאסטבוים איז איינגעשטאנען).

מאכן א היטל? קען טאקע יעדער אין שטעטל „בויגן א ראַנד", פרעסן א דענקע און צושניידן אָ דאַשעק.

איך בין אנגעקומען אהין פרימאָרגן און מיין אויטא איז געווארן ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט יידן: עלטערע, מיט צעבראָכענע ברילן; יונגעלייט, קאָרטשענדיקע־זיך אין זייערע כאַלאַטלעך.

וועמען זוכן די פנימער? זיי זוכן — אָדער דעם שטייער־עקזעקוטאָר, אדער עפעס א נייעם סוחר, וואס זאָל מאַכן גוטע באַשטעלונגען. און אזוי ווי דאס רוב האט פעסטגעשטעלט, אז קיין עקזעקוטאר בין איך נישט, בין איך באַלד פּאָפּולער געוואָרן פאר א סוחר. די יידן מיט די לאַנגע געדיכטע ציצית האבן מיך געצויגן צו זיך. יעדער אויף זיין שטייגער האט א קוועטש־געטון מיט דער פלייצע, דערלאנגט א שלום־עליכם און פאָרגעלייגט זיין סחורה.

— א היטל ביי מיר! — שלעפּט מיך איינער ביים אַרבל — איר מעגט איבערקוקן ראַדאָמישלע, אויב איר וועט נאך ערגעץ געפינען אזא פאָרם הוט.

— פון מיר טראַנספּאָרטירט מען קיין בערלין.

— און פון מיר קיין ווין.

— ביי מיר קויפן אלע גרעסערע הורטאָווניקעס.

ווייזט זיך אויס, אז ביי אלע איז סחורה דא קוים אויפן שפּיץ־גאָפּל.

שוין היפּשע חדשים, ווי ראַדאָמישלע האט פארלוירן דעם באָדן פון אונטער די פיס. טאַרנאָוו באַציט נישט מער די סחורה פון ראַדאָמישלע און די עטלעכע הונדערט פאמיליעס זשיפען קוים.

אט זיצט פאר מיר א ייד מיט א קאַפּל ביז איבער די אויערן. ער נעמט א היטעלע מיט א קליין, שמאָל דענקעלע. אזעלכע היטלען האט געפאָדערט באָבאָוו. אבער היינט איז באָבאָוו טויט. א היטל ווערט געקויפט איין מאל אפשר אין צוויי יאָר.

פאבריצירט ער נאך עפעס פון דעם מין? ניין, היינט איז ער געבליבן ביי עטלעכע פארשטויבטע עקזעמפּלאַרן, וועלכע ער וואָלט אפּגעגעבן פאר העלפט געלט. ער שלעפּט ארויס א הוט פון פליוש, אבער אויך אין פליוש נעסטעט א היפּש ביסל קורזש. וויפל האט ער פון אט דער סחורה?

— די סחורה האט שטאַרק פארברויכט באָכניע. יא, אין יענע גוטע צייטן, ווען באָכניע האט גערודערט, געהאט א שפע פון זייפן־זידער, סוחרים, האט דער סעזאן געברענט. פאר פסח, אדער פאר די ימים־נוראים, האט מען קיין הענט נישט געהאט. און היינט?

און ווידער שלעפּט ער ארויס א קאפּעלוש א קיילעכדיקס:

— די סחורה איז געגאנגען אין יאַראָסלאַווער קאַנט. יאַראָסלאַוו און ריישע האבן ליב ברייטע, קיילעכדיקע ראַנדן. וויפל שטיק ער פאַרמאָגט פון דעם פאַסאָן בלויז?

ער פירט מיך דורך די ד׳ אמות פון זיין הויז. עס שטייען די צוויי פאר הויכע, פארגליווערטע מאשינען. עס ליגן אָנגעוואָרפן די שמאַטעס פון די אַמאָליקע גוטע ארבעטן. ער שיסט אויס מיט א שווערן זיפץ:

— אבער וואס וואלט איר ביי מיר באשטעלט? איר וואלט געטון א טובה מיין הויזגעזונד, הער־לעב.

היינטיקע צייטן, אז א מענטש קומט אין א שטעטל, באשטעלט ער עפעס, אך, מיין הויזגעזונד!

— און ווער איז אייער הויזגעזונד?

— פיר זין און דריי טעכטער.

— וואס טוען אייערע זין?

— צופּען די היטלען.

— און די טעכטער?

— צופּען די היטלען.

איך האב א קוק אריין געטון אין איינציקן חדרל. דאָרט זענען געזעסן עטלעכע בלאַסע פרויען־געשטאַלטן און האבן געהאלטן אין די הענט שטיקער טוך, גרייט צום נייען.

דאס מוז מען פארצייכענען: אין גאליציע העלפן טעכטער אָפטמאָל צו זייערע פאָטערס אין זייערע מענלעכע פאַכן, אסך מער ווי ערגעץ אנדערש ווו.

— דאס זענען מיינע ארבעטער, — האט זיי פאָרגעשטעלט דער פאטער. — אַמאָל זענען דורך זייערע הענט דורך פאַסאָנען פון גאר דער וועלט: היינט „צופּען זיי".

עפעס א קליין יידל, מיט רויטלעכע ראַנדן ארום די אויגן, האט מיך פארבעטן צו זיך אין חדרל. ער האט גענומען א היטל און אויפגעהויבן, ווי מען הייבט אויף א פייקל:

— אזעלכע היטלען האט ראדאָמישלע אויסגעארבעט מיט דרייסיק יאר צוריק און אזא פאַסאָן איז געגאנגען קיין סיגעט. אָט דער פאַסאָן ווידער, — האט ער אנגעוויזן אויף נאך א פאַסאָן, — איז אנטשטאַנען אין ראדאמישלע 10 יאר שפּעטער, און דער איז געגאנגען קיין קאשוי און אט דער נייעסטער... נאָר וואס האבן מיר דערפון, אז היינט איז די וועלט פארשלאָסן. קיינער דארף נישט אונדז און ראדאמישלע איז געבליבן ביי די פאַסאָנען.

אזוי האט גערעדט דאס הייזעריקע פּדיון־דורשטיקע יידל און סוף כל סוף א פרעג אריין געטון: צי בין איך נישט גרייט דא אויפצושטעלן א שטיקל האנטווערק, אָפּדינגען אביסל גוטע מענטשן?

דער אויטא האט גערירט פון אָרט! איך האָב געוואָרפן

אַ בליק איבערן טויטן מאַרק מיט די עטלעכע צענדליק עלטערע און יונגערע פרנסה־זוכערס, וואס האבן מיר און מיין אויטא נאכגעקוקט מיט ביטול.

איך האב געהאט דעם איינדרוק, אז איך דערווייטער זיך פון א שטאָט, וואָס איז יארן געווען באַשאָטן מיט פאַסאָנען פון כלערליי היט און היטלעך און אז אין דער שטאָט זענען נאָר פארבליבן שאָטנס פון אלטע, גוטע סעזאָנען.

נפתלי קעלער

בת־ים

אונדזערע היטלמאכערס

אזוי ווי אין פוילן זענען געווען שטעט און שטעטלעך, וואס האבן זיך בארימט געמאכט ווייל מ׳האט זיך דאָרט באשעפטיקט ביי פארשידענע פאכן (צום ביישפיל: טאַרנע איז בארימט געווען מיט איר מענער־קאַנפעקציע; ראווע־רוסקע און זשולקעוו — מיט קיזשנעריי) — אזוי איז אויך אונדזער שטעטל געבענטשט געוואָרן מיט היטלמאַכערס, וועלכע האבן פארנומען דאס ערשטע ארט אינעם „עקספאָרט" פונעם שטעטל.

דער „עקספארט" איז געפארן (בעסער געזאגט — געגאנגען) אזש ביז טארנע. מיר איז נישט באקאנט, ווען די ערשטע היטלמאכערס האבן אנגעהויבן צו ציען פרנסה אינעם שטעטל. אבער דאס פאַך עקזיסטירט שוין הונדערטער יארן, די ארבעט איז געווען זייער פרימיטיוו. גענייט האט מען נאר אין דער האנט.

די פארטיקע סחורה, וואס מ׳האט אויפגענייט דורך דער וואָך, האט מען אין מארק־טאג ארויסגעשטעלט מיט פארשידענע אנדערע סחורות. דאס זענען געווען היטלען — געמאכט מערסטנטייל פון פוטער און זומער — פון פארשידענע סחורות־אָפפאַלן. קיין בכבודיקע פרנסה איז דאס פאך אין יענע צייטן נישט געווען.

די מאָדערניזאציע פון דעם פאך האט זיך אנגעפאנגען ווען מיכאל פעדער ז״ל איז צוריקגעקומען פון אמעריקע און מיטגעבראכט מיט זיך די אזוי גערופענע קייטל־מאשין, כ׳גלויב, אז דאס איז געווען פארן ערשטן וועלט־קריג. דעמאָלט האט די אַרבעט שוין אנגענומען גאנץ אנדערע פאָרמען.

ווען איך בין אין 1924 אריינגעטראטן אין דעם פאַך, זענען געווען טעטיק 5 ווארשטאַטן: מיכאל פעדער ז״ל, אידל פעדער ז״ל, מענדל ניסן ז״ל (מיכאל פעדערס אן איידעם), מענדל האָניק ז״ל און די ברידער הארטמאן. ס׳זענען נאך געווען עטלעכע קלענערע ווארשטאטן.

ווי שוין דערמאנט, זענען די אלע היטלען, וואס זענען אויסגעארבעט געווארן אין די ווארשטאַטן, אפגעשיקט געוואָרן נאך טארנע צו די גרויסע סוחרים. זיי, די סוחרים, האבן געשיקט דורך אונדזערע פראַכטערס („שפיליטערס") טויזנטער מעטערס סחורה פון פארשידענע קוואליטעטן און מוסטערן, מיט אלע צודאַטן, ווי: פאָדעם, אונטערשלאַק, לייוונט, שלעסער.

די גרעסערע ווארשטאַטן האבן געציילט צו 5־6 מאשינען און דער רעש פון זיי איז געווען אזוי גרויס, אז ס׳האט זיך געדאכט: צענדליקער מאשינען מיט מאָטאָרן ארבעטן!



ווארשטאט (גערופן אין שטעטל „די היטלמאכער פאבריק") פון מיכאל פעדער.
ס שטייען (פון לינקס): דינה פעדער, רחל פעדער, משה פעדער.
זיצן (פון לינקס): לייביש אייזלאנד, לייביש פעדער און מענדל וואלף (פורת).

די ארבעט איז געווען אן איינגעטיילטע. יעדער ארבעטער איז געווען באשעפטיקט ביי אן אנדערן קעגנשטאנד פונעם היטל. ווען די סחורה איז נאָך געלעגן אויפן טיש (אמאל 30 מעטער א שטיק), האט מען אין דער קליינער קיך שוין די היטלען געפרעסט.

ס׳זענען אויך געווען באשעפטיקט מיידלעך ביים אויס־ענדיקן די היטלען, מאכן קנעפלעך. יעדעס היטל האט באדארפט 2, אדער 3, קנעפלעך. איין מיידל איז אויסגעקומען צו מאכן א טאג ביז 1000 קנעפלעך און זיי אָננייען. דער וועכנטלעכער פארדינסט איז געווען בערך 15 זלאָטעס.

דער סעזאָן איז באשטאַנען בערך 7 מאנאטן אין יאר. אויב איינטיילן די צייט אין זומער און ווינטער־סעזאָן, האט דער זומער סעזאן זיך אנגעפאנגען פורים — ביז נאך שבועות; דער ווינטער־סעזאָן — פון די יום־טובים.

מיר האבן געארבעט ביז 10 שעה אין טאג, נישט דערפאר ווייל מ׳האט אונדז געצוווּנגען און געדראָט מיט אפזאגן פון דער ארבעט — נאר דערפאר, ווייל מען האט געוואָלט ארבעטן, מען האט ליב געהאט ס׳פאַך. האט מען געארבעט, געארבעט און געזונגען. געזונגען האט מען ארבעטס־לידער, חזנישע לידער, ארץ־ישראל־לידער — אלע האבן געזונגען.

ביים פאך זענען געווען באשעפטיקט פארשידענע טיפן מענטשן — חסידישע, אויפגעקלערטע. די ארבעטער האבן זיך געפילט ביים „ברויטגעבער", ווי ביי זיך אין דער היים.

ווי שוין דערמאָנט האבן מיר געארבעט בערך 10 שעה א טאג. ס׳האט אויך געטראפן — ביים פארענדיקן דעם טאג ארבעט — האט דער „מייסטער" אונדז איינגענומען מיט גוטע רייד און געזאגט: „חברה, היינט וועט מען דארפן ארבעטן א ביסל לענגער". נאכן פארענדיקן דעם טאג ארבעט פון 300 היטלען, האט מען געדארפט ארבעטן „א ביסל לענגער". א סימן דער סעזאָן „ברענט", ס׳פעלט סחורה אין די גרויסע טארנער לאגערן.

„א ביסל לענגער" האט געהייסן ביז 1 אזייגער ביינאכט. מ׳האט אנגעצונדן די נאַפט־לאָמפן און די מאשינען האבן ווייטער געטון זייער ארבעט.

דער מייסטער, ווענדיק אונדז מאכן אן איבעראשונג, האָט געגעבן א געשריי: „איבעררייסן די ארבעט און נעמען זיך צו דער אכילה!" גלייך האט מען אריינגעברענגט א קעסטל מאראנצן (א קלייניקייט אין פוילן מאראנצן!), עטלעכע קילאָ

ניס, ביר און די חברה האָט זיך גענומען האַקן א סעודה.

די ארבעטער — אויפגעלייגט, אין א גוטער שטימונג — האָבן זיך ערשט רעכט גענומען צו דער ארבעט, אזש פונקען זענען געפלויגן. מען האָט נישט געוווסט ווען די צייט איז דורך, דער זייגער איז שוין געווען נאָך צוועלף און א בארג היטלען איז געלעגן אויפגעלייגט אין ווינקל. דאס איז געווען דערפאר, ווייל ביי אונדז איז קיין פראָפעסיאנעלער פאריין נישט געווען, דער ארבעטער איז נישט געווען אָרגאַניזירט און די ארבעט, וואס איז נישט געווען קיין לייכטע — האט מען געהאלטן פאר א שפילצייג. מען האט געטראכט: וויפל מען פארדינט איז גוט. וואס לייגט מען דען צו? ס'איז דען דא עפעס אנדערש צו טון? מעסטן די גאסן? דערפאר איז נישט געווען שווער אונדז איינצונעמען מיט א לעקעכל.

דאס פאך האט זיך אנטוויקלט אין א ריזן־פארנעם. די מייסטערס האבן גוט פארדינט (אין די יארן 1924/25, האט מען פאר דער ארבעט אויסגעצאָלט אין דאָלאַרן).

ס'פלעגן ארומגיין וויצן: ווען א פרוי האט פארשוואנגערט, האט זי אויפגעהויבן די הענט און געשעפטשעט א תפילה, אז ס'זאל געבוירן ווערן א ייִנגל, וועט זי אים פאר א היטלמאכער אוועקגעבן.

מ'האט פון דער ארבעט חתונה געמאכט טעכטער. אבער דאס אויסצאָלן דעם ארבעטער איז געווען שרעקלעך. דער ארבעטער, נאכן פארענדיקן דעם זומער־סעזאָן, האט געקראגן אין געלט אויסגעצאָלט בערך 25% און דאס רעשט — וועקסלען, וועלכע זענען אויסגעשטעלט געווארן אויף 3 חדשים. אזוי ארום, ווען דער ווינטער־סעזאן האט זיך אנגע־פאנגען, האבן מיר נאך דאס גאנצע געלט נישט געהאט באקומען. ווייל ס'האט געטראפן, אז עטלעכע וועקסלען זענען אוועק צום פראָטעסט. נאָר קיינער פון די ארבעטער האָט זיך נישט באקלאָגט. ווען מ'האט איינקאסירט דאס געלט, איז מען געווען צופרידן. ווייל אלע ארבעטער, צי זיי האבן געשטאַמט פון פארמעגלעכע, אדער אָרעמע היימען, האבן זייער עסן געקריגן ביי טאטע־מאמע און באקליידונג האט מען אליין זיך באזארגט, ווען מ'האט געקריגן דאס געלט פאר דער ארבעט.

ווי שוין דערמאנט זענען די פארטיקע היטלען עקספאָרטירט געוואָרן קיין טארנע. דאס פרעסן זיי איז פארגעקומען אין זייער א שנעלן טעמפּאָ, פונקט ווי מען באקט שמורה־מצות. געפּאַקט אין גרויסע קאַסטנס, האט מען זיי פאַרלאָדן אויף וועגענער געשפּאַנט אין פערד, וואס די „שפיליטערס" האבן באשטעלט ביי די דאָרפס־פויערים. א זייגער 3 פארטאג האבן די וועגענער געריגרט פונעם אָרט צום באשטימטן ציל.

די טראסע: ראַדאָמישלע־טארנע (32 קילאָמעטער) אין די דעמאָלטיקע שרעקלעכע וועג־באדינגונגען, האט געדויערט איבער 4 שעה. די וועגענער האבן זיך מער געשאָקלט, ווי געפאָרן. דאס ערגסטע שטיקל וועג (פון 8 קילאמעטער) האט געהייסן יאַנאָוויצע. א וועג פון בלויז גריבער. ווען דער וואָגן האט זיך גאר שטאַרק געטרייסלט, ממש איבערצודרייען זיך, האט דער פראכטער נישט געהאט קיין אנדער ארבעט, ווי זיך צו וויצלען מיטן פורמאן: „פאמעלעך פאָרן, דו הערסט? נישט אזוי שנעל, די קנעפלעך קאנען דאך, חלילה, ארונטערפאלן".

מיט דער טעכניק און מיט דעם טראנספּאָרט זענען אריבער־געפירט געוואָרן טאג־טעגלעך א טוזנט פינפהונדערט היטלען.

אויך דער אימפּארט צו אונדז איז אזוי געגאנגען. שפּעטער איז איינגעפירט געווארן אויך אן אויטאָבוס וואס איז מער געשטאַנען, ווי געפאָרן. ס'פערד און וואָגן האט אלץ פארנומען ס'ערשטע אָרט.

אזוי איז עס געגאַנגען יאר איין, יאר אויס, אזוי האבן געארבעט און געלעבט די ראדאמישלער היטלמאכערס. געארבעט בייטאג און ביינאכט — וועלנדיק פארבעסערן זיך די עקאנאמישע לאגע, חתונה מאכן קינדער און האבן פון זיי נחת.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז פארענדיקט געוואָרן דאס קאפּיטל, וואס האט געהייסן „ראדאמישלער היטלמאַכערס". פארשטומט זענען אויף אייביק געוואָרן די געזאנגען פון אונדזערע ארבעטער, פארשטומט איז אויך געוואָרן דער גערויש פון די מאשינען, וואס האט געקלונגען אין די אויערן ווי די שענסטע מוזיק.

נישטא מער — גארנישט... די דייטשע בעסטיעס האבן זייער בלוטיק שטיקל ארבעט אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט.

דער האַנטווערקער פאַריין

דער האַנטווערקער פאַריין איז געשאַפן געווארן אין יאר 1927, הארט פאר די וואַלן צום שטאט־ראָט אין ראדאמישלע.

יארן זענען די יידישע בעלי־מלאכות געזעסן צוזאַמען מיט די קריסטלעכע אין איין צעך, אבער מיט דער צייט האבן זיך געמערט בעלי־מלאכות, וואס האבן געפירט ווארשטאַטן (דער עיקר פון היטל־מאַכעריי), וועלכע האבן נישט געהאט קיין רעכט לויט די צעכן־פאַרשריפטן זיך צו פאַרנעמען מיטן פאַך.

אינעם דעקרעט פון מלוכה־פּרעזידענט פון 6.7.1927 — וועגן רעגולירן דאס בעלי־מלאכה־געזעץ אין פוילן — לויט וועלכן ס'האבן אלע, וואס האבן געפירט ווארשטאטן ביזן ארויסגיין פון נייעם געזעץ, געהאט דאס רעכט צו באַקומען אַ האַנטווערקער־קאַרטע, וועלכע וועט אים דערלויבן זיך צו פארנעמען מיט דער מלאכה (כאָטש אָן דער מעגלעכקייט צו באַשעפטיקן לערן־ייִנגלעך) — איז רייף געווארן דער באדן צו שאַפן אַ האַנטווערקער־אָרגאַניזאציע אין שטעטל, צו פאַרנעמען זיך מיט די פּראָבלעמען פון דעם יידישן בעל־מלאכה.



דער שניידער־ווארשטאט פון לייביש ליינמאן.
דער צווייטער פון רעכטס (מיטן קאפל אויפן קאפ) איז לייביש ליינמאן

שמעון אייזענבערג, דער געוועזענער אָנפירער פון דער ביבליאָטעק, איז געווארן דער אָרגאַניזאַטאָר פון פאַריין; ער איז געווען דעלעגאַט אויפן קראָקעווער צוזאַמענפאָר פון די יידישע האַנטווערקער אין מערב־קליין־פוילן, דאָמבראָווע געביט און שלעזיע (אין 1927 בעת'ן יובל פון די קראָקעווער שומרי אמונים — קראָקעווער יידישע האנטווערקער אָרגאַני־זאציע) און נאכן אפגעבן אַ באריכט פון צוזאמנפאר איז ער אויף דער ערשטער גענעראַל־פארזאמלונג פון האַנט־ווערקער־פאריין אין ראַדאָמישלע געוויילט געווארן ווי דער סעקרעטאר.

צווישן די אקטיוויסטן און פארוואלטונג־מיטגלידער פון פאריין זענען געווען: יצחק זיס, שמעון לייב שטרום, לייביש ליימאן (געווען דער ערשטער פרעזעס פון פאריין) שמעון אייזלאנד, אברהם דודל אייזענבערג (דער פאטער פון שמעון) לייביש קעניג, חיים פסח פּאַרשנער א. א.

די אָרגאַניזאַטאָרן פון פאריין זענען באַשולדיקט געווארן פון דער אנטי־רבס פארטיי, אז דער גאנצער פאריין איז אָרגאַניזירט געווארן כדי צו קאָנען גיין צו וואַלן ווי אַ אָרגאַניזאַציע צוזאמען מיטן רב און זיין קריסטלעכן שותף וויסאָצקי.

ביי די וואַלן, וואס זענען פארגעקומען יענעם זומער (1927) זענען טאַקע די האַנטווערקער געגאנגען מיטן רבס צד און צווישן די האַנטווערקער געוויילטע איז געווען דער יונגסטער ראטמאַן שמעון אייזענבערג (אַ געבוירענער אין 1901).

שפּעטער (אין יאר 1928), ווען שמעון אייזענבערג איז אַוועק געפאָרן קיין קראָקע, ווערט סעקרעטאר מאיר ביבער־בערג, וועלכער איז געווען מער אַ טעכנישער סעקרעטאר און די אַרבעט האט אָנגעפירט לייביש ליינמאן מיט אנדערע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. אין 1929 האבן די האַנט־ווערקער באַקומען אַ מאַנדאַט ביי די קהל־וואַלן. זיי האבן געשאַפן — צוזאַמען מיטן רבס צד — אַ מערהייט אין דער פאַרוואַלטונג.

עס איז אויך געווען אַ פּרוּוו פון ארגאניזירן א סוחרים־פאריין, טאַקע פאר די וואַלן, ווי אַ קעגנגעוויכט קעגן דער האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציע אבער דאס איז קיינמאל נישט ארויס פון ארגאניזאציע צושטאַנד. די טוערס זענען געווען ר' חיים־לייב הארוויץ, די ברידער מרדכי און פרץ אייזלאנד, ברוך געלדציילער א. א.

מ. א.

יחזקאל אייזלנד

רעננה

א קאנסטרוקטיווער פינאנץ־אינסטרומענט

נאכדעם ווי אין די נאכמלחמהדיקע יארן (1914־1918) האבן זיך אין ראַדאָמישלע נישט מער געעפענט קיין יידישע (אדער נישט יידישע) בענק, — ווי עס איז געווען דער פאל פאר דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען אין ראדאמישלע איז דאס באַנק וועזן געווען זייער פאַרשפרייט, — האט זיך גלייך נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה געפילט אַ שטאַרקער מאַנגל אין אַ באַנק אינסטיטוציע, וועלכע זאָל העלפן ווידער אויפבויען דאס חרוב־געוואָרענע ווירטשאַפט־לעבן אין שטעטל.

די אמריקאנער לאנדסלייט האבן וואס אן אמת פיל געהאלפן צוריקגעקומענע פליטים. באַזונדערס זענען געשיקט געווארן פון אַמעריקע עסנוואַרג (בוימאייל, צוקער און אנדערע פּראָדוקטן). דאס איז אבער נישט געווען קיין קאָנסטרוקטיווע הילף, וועלכע זאל קאָנען דעם צוריקגעקומענעם עולם ווידער שטעלן אויף די פיס ווירטשאַפטלעך.

יידן האבן ווידער אנגעהויבן צו בויען זייערע עקזיסטענצן וועלכע זענען חרוב געווארן בשעתן אַנטלויפן קיין ווין, אָדער מערישאסטרוי. דער שוואַרצער האנדל האט געבליט, ראַדאמישלער יידן (גענוי ווי אין די ארומיקע שטעטלעך), האבן גענומען האַנדלען מיט אלעם. די צייט (1918־1922) איז בכלל געווען אַ פאַרנעפּלטע מבחינה כלכלית: אַ שעכטל שוועבלעך האט געקאָסט טויזנטער און דאס געלט האט מען באַדאַרפט האַלטן אין גרויסע קאָפערס. די אינפלאַציע האט געמאַכט א חורבן פון אַלץ און נאר דער, וואס האט געקענט מאַכן „שוואַרצע" געשעפטן האט געהאַט פרנסה.

ערשט ווען די צייט האט זיך נאָרמאַליזירט און דער זלאטע האט אנגעהויבן צו באַקומען אַ פעסטן ווערט; דאס נאָרמאַלע ווירטשאַפטלעכע לעבן לאַנגזאַם ארויסגעשטויסן די „שוואַרצע" געשעפטן, האט זיך פלוצלינג דערפילט, אז עס פעלט אין ראדאמישלע א געוויסע באַנק־אינסטיטוציע, וועלכע זאל ווידער העלפן מיט קרעדיט די סוחרים און בעלי־מלאכהס. אין דער תקופה איז געבוירן געווארן די גמילת־חסדים קאַסע אין ראדאמישלע.

דאס איז געווען סוף צוואַנציקער יארן (1927). זי איז אַנטשטאַנען מיט א קליינעם גרונט־קאַפּיטאַל פון עטלעכע הונדערט זלאטעס (פון אסתר סוראט). דער קאַפּיטאַל פון דער קאַסע איז געוואַקסן פון יאר צו יאר און ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראכן האט דער גרונט־קאַפּיטאַל פון דער קאַסע באַטראָפן 30 טויזנט זלאטעס.

די מקורות פון קאַפּיטאַל: א) פון די ראדאמישלער לאנדסלייט אין אַמעריקע, באַזונדערס פון פרוי אסתר סוראט, וועלכע האט מיט דער צייט צוגעשיקט פיל געלט; ב) פון שפענדן און מיטגליד־אפצאל, וואס זענען אריינגעפלאסן אין שטעטל גופא; ג) פון דזשאינט אין ווארשע, וועלכער האט אויך בייגעשטייערט א היפשע סומע צו דער קאַסע. דער דזשאינט האט אבער געוואלט וויסן דערפאַר וואס עס טוט זיך אין די קאַסע און פאַרלאַנגט גענויע יערלעכע באַריכטן און בילאַנסן פון דער קאַסע־טעטיקייט.

געהערן צו דער קאַסע האט געקאנט יעדער ייד, וואס האט געוווינט אין ראדאמישלע און האט געצאָלט מיטגליד־אפצאל פון 1 זלאטע א חודש. חברים, וואס האבן דערקלערט (אָדער די פאַרוואַלטונג האט געוווּסט), אז ער איז אין אַ שלעכטער לאַגע, האבן בלויז באַצאָלט 50 גראָשן א חודש. פון אנהייב האט אן אינקאסענט איינקאַסירט ביי די חברים דעם חודש אפצאל; אין די שפּעטערע יארן איז די פאַרוואַלטונג געווען געצוווּנגען דאס מיטגליד געלט איינ־צוקאַסירן ביים געבן די הלוואה. דאס איז אייגנטלעך געווען לויטן סטאטוט פארבאָטן, ווייל די קאַסע האט נישט געטאָרט נעמען קיין שום פּראָצענט („בעזפּראָצענטאָוואַ־קאַסאַ"), עס איז אַבער נישט געווען קיין אַנדערע ברירה און געלט אויף אויסצוהאַלטן אינקאַסענטן איז געווען אַ שאָד.

רעכט אויף צו באקומען א הלוואה האט געהאַט נאַר דעריעניקער, וואס איז געווען א חבר און געצאָלט דעם חודש אפצאל. הלוואות זענען געווארן באַשטעטיקט — אויף די סטאַבילע חודשלעכע זיצונגען פון דער פאַרוואַלטונג —

אין דער הויך פון 50 ביז 300 זלאטעס. די הלוואות זענען געגעבן געווארן מייגסטנס אויף א יאר צייט, אויף וועכנטלעכע אויסצאלונגען. די גרעסטע סומען האבן באקומען (זאלן מיר מוחל זיין) די גרעסטע סוחרים אין שטעטל. געווען געציילטע סוחרים, וועלכע האבן נישט געברויכט די קאסע. צווישן די סוחרים זענען געווען אזעלכע, וועלכע האבן באקומען מער הלוואות א יאר און זיי האבן דאס געלט גענומען אויף א קורצער צייט, — צוריקגעגעבן מיט א מאל, אדער אין 3־4 ראטעס. אזעלכע זענען אבער געווען ווייניק. די גרעסטע טייל הלוואה־נעמערס איז געווען פון מיטלשטאנד. זיי האבן באקומען הלוואות פון 100 ביז 200 זלאטעס, מיט גוטע האפטערס — אויך ביז 300. דאס זענען געווען נעמערס, וועלכע האבן געצאלט יעדע וואך, ווי א זייגער און געווארט מיט אומגעדולד, אז די ראטעס זאלן זיך ענדיקן כדי צו נעמען א צווייטע הלוואה. זיי זענען תמיד געווען שולדיק געלט אין קאסע, קיינמאל נישט אויפגעהערט צו נעמען, ביז דאס לעצטע געלט איז געבליבן ביי זיי — צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה.

געווען אויך אזעלכע וואס האבן ס'געלט געברויכט אויף ברויט. דאס פראבלעם פון געבן א הלוואה די יעניקע איז געווען פיל שווערער, ווייל קיינער האט פאר זיי נישט געוואלט האפטן. צוליב דעם האבן די יעניקע בלויז באקומען פון 50, העכסטנס 100 זלאטעס, אויף אויסצוצאלן פון א 1 זלאטע ביז 2 א וואך.

קיינער האט נישט געקאנט באקומען קיין נייע הלוואה ביז ער האט נישט אויסגעצאלט די אלטע. פיל מאל האט מען געקאנט באמערקן, ווי מיטאמאל טראגט אריין א בעל חוב במקום 10 זלאטעס א ראטע, 20, אדער מער זלאטעס. דאס איז שוין געווען א סימן, אז דער ייד דארף בקרוב האבן א נייע הלוואה.

צו באקומען א נייע הלוואה איז געווען גענוג אריינצושיקן א ביטע צו דער פארוואלטונג. אין דער ביטע איז געווען אריינגעשריבן אויף וואס פארא צוועק ער דארף האבן די הלוואה און דער עיקר — ווער ס'גאראנטירט פאר דער סומע וואס ער וויל. כמעט אלע ביטעס זענען געקומען מיט א פארלאנג אויף א הלוואה פון 300 זלאטעס. נישט



ר' ברוך געלדצייילער

דער וועטעראן פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין שטעטל, פארזיצער פון ציוניסטישן לאקאל־קאמיטעט מיטגליד אין שטאט־ראט (ביי מערעווע קאדענצן) פארזיצער פון דער גמילת חסדים קאסע. — זיין פרוי הענע און זון מענדל הי"ד.

איינמאל איז מען זיך געקומען קריגן מיט מיין פאטער ע"ה: היתכן, מען האט באשטעטיקט ווייניקער!

די פארוואלטונג פון דער גמילת חסדים קאסע, איז אויסגעוויילט געווארן איין מאל א יאר. עס איז גערופן געווארן א גענעראל פארזאמלונג פון אלע מיטגלידער (דאס הייסט פון גאנצן שטעטל), ווו עס איז איבערגעגעבן געווארן א גענויער באריכט פון פארגאנגענעם יאר און עס איז אויסגעוויילט געווארן א נייע פארוואלטונג.

ליידער קאן איך נישט גענוי דא אויסרעכנען אלע מענטשן, וואס האבן געהערט צו דער פארוואלטונג פון דער קאסע. עס זענען נישט געבליבן קיין שום דאקומענטן פון דעם וווּנדערשיינעם ווערק, וואס ראדאמישלע האט פארמאגט אין זיינע לעצטע יארן. אבער וויפל עס איז געבליבן אין זכרון, זענען עס געווען: שאול בעטהייל, ברוך געלדציילער, שמעון אייזלאנד, יאסל אייזלאנד און מיין פאטער בעריש אייזלאנד. אין די לעצטע יארן אויך ד"ר לעאן שפיגעל, דער אדוואקאט.

דער ערשטער פרעזעס איז געווען ברוך געלדציילער, דאן שאול בעטהייל און צום סוף — ד"ר שפיגעל. דער פעטער יאסל אייזלאנד איז געווען די גאנצע יארן דער קאסירער און מיין פאטער ע"ה איז געווען דער סעקרעטאר און מנהל חשבונות.

דער קאסירער איז געווען טעטיק די גאנצע וואך. דער בעל חוב האט געקאנט קומען צו יאסל אייזלאנד אין געוועלב ווען ער האט געוואלט און באצאלן זיין וועכנטלעכע ראטע. צום מייגסטן געלט איז אריינגעפלאסן דאנערשטיק, נאכן יריד און די נייע הלוואות האט מען צוליב דעם געגעבן יעדן פרייטיק. שבת צו נאכטס פלעג איך גיין צו פעטער יאסל און ברענגען פאר מיין פאטער ע"ה אלע קוויטלעך, וועלכע האבן זיך אנגעזאמלט ביים קאסיר אין לויף פון דער וואך (סיי הכנסות, סיי הוצאות) און מיין פאטער ע"ה פלעגט יעדן שבת צו נאכטס (ביז שפעט אין אוונט) דאס אלץ אריינטראגן אין די ביכער..



ר' בעריש אייזלאנד

דער ציוניסטישער טוער און סעקרעטאר פון גמילת חסדים קאסע

פארלעגענע חובות זענען פיל נישט געווען, ווייל יעדער איז געווען פאראינטערעסירט אין נייע הלוואות. אבער טראץ דעם ווייס איך פון פיל פאלן, ווען מ'האט זיך געמוזט ווענדן צו די האפטערס ווענן א נישט באצאלטער הלוואה און די האפטערס האבן שוין געזארגט (טיילמאל מיט סקאנדאלן) אז דער בעל חוב זאל באצאלן. אזוי האט זיך דער קאפיטאל געדרייט און געהאלפן כמעט אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג. אלע, אן אויסנאם, זענען ארויסגעהאלפן געווארן דורך דער געבענטשטער קאסע, וועלכע איז געווען איינע פון די שענסטע און צום בעסטן סיטואירטע קאסעס אין מערב גאליציע.

די פאַרוואַלטונג האָט תמיד געזאָרגט, אַזוי שנעל ווי עס האָט זיך אין קאַסע אָנגעזאַמלט עטלעכע הונדערט זלאָטעס, זאָלן באַקומען הלוואות יידן, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אין דער ריי.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן (אין יאָר 1939) איז דאָס גאַנצע געלט געווען, ווי תמיד, צווישן די מקבלי הלוואות. אַזוי איז עס שוין אויך געבליבן. קיינער האָט נישט געקלערט צוריקצוגעבן. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז אויך איבערגעריסן געוואָרן די טעטיקייט פון דער קאַסע.

מענדל אייזלנד

בת־ים

די קאַסע א. נ. פון אסתר סוראַט

ווי כמעט אין אַלע שטעטלעך אין גאַליציע (און אין פּוילן) האָט זיך ביי אונדז אָרגאַניזירט אין די צוואַנציקער יאָרן א גמילת־חסדים־קאַסע אויפן נאָמען פון אסתר סוראַט (אַן אַמעריקאַנער־יידישע וווילטעטיקע פרוי, א קרובה פון ר' חיים הערש אייזלאַנדס קינדער, וועלכע האָט געשטאַמט פון דער ראַדאָמישלער סביבה — דאַכט זיך: פון פּשעצלעוו — און האָט געגעבן די ערשטע 500 דאָלער פאַר דער קאַסע ווי א גרונט־קאַפּיטאַל).

דער ציל פון דער קאַסע איז געווען צו דערמעגלעכן אָנפּראָצענטיקע הלוואות פאַר די קליינע סוחרים און בעלי מלאכות, — בכבודיקע אָרעמעלייט, וואָס ציען זייער חיונה פון די קליינע קרעמלעך און וואַרשטאַטלעך (אַזעלכע האָבן אין אונדזער שטעטל נישט געפעלט).

די ראַדאָמישלער גמילת־חסדים קאַסע האָט צוערשט געהערט צו דער קראַקעווער צענטראַלע. נאָכדעם ווען די קראָקעווער צענטראַלע איז ליקווידירט געוואָרן, איז זי אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דער וואַרשעווער צענטראַלע („צקב" — צענטראַלאַ קאַס בעזפּראָצענטאָוויך).

מען קען זאָגן אָן א גוזמא, אַז אין א געוויסער תקופה זענען אַלע ראַדאָמישלער איינוווינערס (אַחוץ קליינע אויסנאָמען) געווען שטענדיקע הלוואות־נעמער אין דער קאַסע.
עס זענען צו דער קאַסע אָנגעקומען די שניט־סוחרים און שניט־קרעמערס, די לעדער־סוחרים די שפּייז־געוועלבלעך און ווער נישט?

כמעט אַלע יידן פון שטעטל — אַחוץ די אָרעמע שבאָרעמע — זענען געווען מיטגלידער פון דער קאַסע, געצאָלט מיטגליד־אָפּצאָל פון א פּאָר גראָשן א וואָך. דאָס איז געוואָרן איינקאַסירט דורך א ספּעציעלן אינקאָסענט, וועלכער האָט באַקומען דערפאַר וואָכן־געלט. ס'רוב מיטגלידער פון דער קאַסע זענען געווען די הלוואה־נעמערס אַליין.
איינמאָל אין יאָר איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט אויסגעוויילט א פאַרוואַלטונג.
די כמעט געשווירענע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג זענען געווען: ר' שאול בעטהייל, בעריש אייזלאַנד, ר' יאָסל אייזלאַנד און ברוך געלדציילער. אין דער לעצטער צייט איז ד"ר ל. שפּיגעל געווען פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג. יעדער איינער פון די מיטגלידער אין דער פאַרוואַלטונג האָט זיך איבערגעגעבן דער זאַך מיט לייב און לעבן. עס איז געווען זייער אויסגעפּיעשטשעט קינד, האָבן זיי אוועקגעגעבן פאַר דער זאַך צייט, געמיט און געלט.

נישט אייביק איז אין דער קאַסע געווען אַזויפיל געלט כדי אָנטקעגנצוקומען אַלע בקשות, אָבער נישט איינמאָל איז די לאַגע געראַטעוועט געוואָרן דורך דער פאַרוואַלטונג, אָדער מיטגלידער אַליין: זיי פלעגן געבן פּריוואַט־הלוואות, א פּריוואַט גמילת־חסד, כדי די גמילת־חסדים קאַסע זאָל קענען געבן הלוואות (פון דרייסיק, אָדער פופציק זלאָטעס) דעם אָרעמען קרעמער, וואָס עס האָט אים צוגעפעלט געלט כדי צו קענען פאָרן קיין טאַרנע איינקויפן אַביסל סחורה. דאָנערשטיק, באַלד נאָכן יאַריד, האָט ער אָפּגעגעבן די הלוואה און זונטיק — נאָכאַמאָל גענומען.

נישט איינמאָל האָט דער באָרגער נישט געקאָנט איינצאָלן די חודשלעכע וועקסל־ראַטע פון 15־10 זלאָטעס פאַר דער באַקומענער הלוואה: דער יריד איז געווען א שוואַכער, דער שטייער־אַמט האָט אַרויסגענומען דאָס לעצטע לייזעכץ; דער פויער האָט נישט אָפּגעבראַכט דעם חוב. איז מען געלאָפן אין דער גמילות־חסדים־קאַסע און געפּועלט דאָס וועקסל זאָל נישט גיין צום פּראָטעסט. עס איז געווען שווער, ווייל 15 זלאָטעס האָבן געשפּילט א ראָל אין דעם קאַסע־פּלאַן.

אַזעלכע פאַלן זענען געווען א סך. עס האָט זיך געטראָפן אַפילו ביי בכבודיקע יידן: מען פירט א גאַנץ באַלעבאַטיש לעבן, מען זיצט ביי דער מזרח־וואַנט אין קלויז, צי אין בית המדרש; די קינדער טראָגן זיך לייטיש געקליידט, שפּאַצירן און לאַכן הויך אויפן קול; מען קלערט וועגן א חתן און וועגן נדן און מען ווייסט נישט, אַז דער פאָטער (אָדער מוטער) זענען אָפּט וועקסל־אונטערשרייבערס ביי בעריש אייזלאַנד. נישט איינמאָל האָבן זיי געבעטן ביי ר' שאול בעטהייל ער זאָל זיך באַמיען, אַז די בקשה וועגן דער הלוואה זאָל ווערן באַשטעטיקט. אמת, די פריערדיקע הלוואה איז נאָך נישט געווען אָפּגעצאָלט, אָבער: באו מים עד נפש, וואָס זאָל מען טון? דאָס געשעפט טויג אין דער ערד, עסן דאַרף מען, די קינדער זענען געקומען פון דער הכשרה און גרייטן זיך עולה צו זיין (טאַקע נישט איינער פון ראַדאָמישלע, וואָס זענען געקומען אין לאַנד, האָבן צו פאַרדאַנקען זייערע רייזע־הוצאות דער גמילת־חסדים־קאַסע אויפן נאָמען פון אסתר סוראַט).

פאַרשידענע תקופות האָט די קאַסע מיטגעמאַכט. זי איז געווען דער באַראָמעטער פון יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין שטעטל. אַנדערש האָט זי אויסגעזען אין די צוואַנציקער יאָרן און אַנדערש אין די דרייסיקער, האַרט פאַר דער מלחמה, ווען דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. זי איז געווען ווי א גוטע, באַרעמהאַרציקע מוטער פאַר אירע מיטגלידער; אַרויסגעהאָלפן ביי א שמחה, א חתונה, איינאָרדנען די שטוב, געבן א נדן, אויף רייזע הוצאות קיין ארץ־ישראל און אין אַנדערע לענדער, וווּ די יוגנט איז געפאָרן זוכן פּרנסה און א תכלית אין לעבן.

זייענדיק כמעט אין גאַנצן אין די הענט פון דעם אַנטי־רבס צד איז זי אין געוויסן פּרט געווען א שטיקל פּאַרטיי־אינסטיטוציע און אפשר איז זי אַמאָל אויסגענוצט געוואָרן לטובת פּאָליטישע צילן. אָבער זיי האָבן נישט מיסגעברויכט מיט דעם צוטרוי, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי דער באַפעלקערונג.

יעדער איינער האט געהאט פאר זייער ארבעט בלויז ברכות, ווייל זיי, די טוערס פון דער גמילת־חסדים־קאסע, זענען געווען מענטשן מיט אן אַנטוויקלטן געזעלשאפטלעכן און נאציאנאלן חוש, געוואלט און געפרווט שאפן עפעס קאָנסטרוקטיווס אויפן סאָציאַלן געביט. ליידער איז דאס נישט אפגעשאַצט געווארן ווי געהעריק פון דער אנדערער זייט, פון דעם רבס צד.

זאל דער נאמען פון אלע שעפערס און בויערס פון דער גמילת־חסדים־קאסע דערמאָנט ווערן צום גוטן.

די בריוו פון בעריש אייזלאנד הי״ד

מיר ברענגען פראַגמענטן פון בריוו, וועלכע עס האט געשריבן בעריש אייזלאנד הי״ד צו זיין ברודער ראובן אייזלאנד ז״ל אין אַמעריקע.

די בריוו זענען פון די יארן 1930־1929 און 1939. זיי האבן א היסטארישע באדייטונג פאר אונדזערע ראדמישלער, ווייל זיי שפיגלען אפ דאס ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע לעבן פונעם שטעטל אין דער תקופה. פון זיי ווערן מיר געוויר ווי אזוי עס איז אנטשטאנען די גמילת־חסדים קאסע (אין ראשי תיבות גמח״ק), ווי אויך דער רעטונג־קאמיטעט אין שטעטל, וועלכער איז געשטיצט און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון ראדאמישלער לאנדסלייט אין אמעריקע.

פון די בריוו זעען מיר אויך די הייסע באציונג, וועלכע עס האט געהאט אונדזער גרויסער לאַנדסמאַן ראובן אייזלאנד צו די נויטן און באדערפנישן פון שטעטל.

דעם 2.3.1929

...דו שרייבסט אז דו ווייסט נישט וואס איר וועט טון ביי אזא לאנגן צעטל פון נצרכים. אבער איך מוז דיר זאגן: האסטו אנגעהויבן די מצווה, מוזטו זי ענדיקן. ווי גרויס די ליסטע איז געווען ווען איך האב דיר איינגעשיקט, וואלט זי היינט א סך גרעסער געווען; און ווי נויטבאדארפטיק די מקבלים זענען דעמאלט געווען, איז היינט צו טאג די נויט פיל און פיל גרעסער. דו ווייסט דאך אוודאי פון דעם שווערן ווינטער, וואס מיר ליידן דא. מיר מאַכן מיט סיבירישע קעלטן שוין איבער צוויי חדשים און די נויט איז אין דער צייט אויסגעוואקסן, אז זי איז גארנישט צום באשרייבן. יעדער פאַרקער איז אפגעשטעלט, מען גייט כמעט אויס פון הונגער און קעלט.

ליבער ברודער, דו ווייסט דאך, אז פון אָנפאַנג בין איך געווען א קעגנער דער רעליעף זאל צעטיילן נדבות. שפעטער, ווען איך בין צוקאָאָפטירט געווארן צום היגן קאָמיטעט, האב איך אנגעהויבן מער צו פאָרשן די אָרעמקייט פון שטעטל, האב איך ליידער געמוזט צוזאַמענשטעלן אזא גרויסע ליסטע פון נצרכים. ביים פאָרשן די נצרכים האב איך ערשט געזען ל״ע וואס עס הערשט פאר אן אָרעמקייט ביי די היגע יידן און ווי נייטיק עס איז מען זאל די אלע ארויסהעלפן מיט אפאר דאלער. היינט האלט מען ביי אַ שריט ווייטער. היינט איז נישט בלויז נייטיק ארויסצוהעלפן מיט אַ פאר דאלער, היינט איז שוין א חוב, היינט מוזט איר שוין אונדז דא ארויסהעלפן. ס'איז סכנות נפשות. מענטשן גייען אויס פאר הונגער, פרירן און ווייסן נישט וואס זיי זאלן טון. די געשעפטן זענען גאנצע טעג געשפערט. וועקסל־פראטעסטן גייען נישט אראפ פון דער טאג־אָרדנונג. און די באַלעמעלאָכעס זיצן א גאנצן טאג אין בית המדרש און וואַרעמען זיך.

ליבער ברודער, ווער נישט פארצווייפלט און זיי נישט מיד. זעץ פאר די ארבעט, מינדסטנס זאלן די צוויי טויזנט דאלער געשאפן ווערן... די קאטאַסטראָפאַלע צייט רופט אייך אויף יענער זייט ים, אז איר זאָלט דערפילן אייער חוב צו די ברידער דא, וואָרום די נויט איז גרויס און שרעקלעך...

דעם 19.3.1929: „...אין נאמען פון דער גמילות חסדים קאַסע דריק איך דיר אויס אַ דאַנק און א יישר כוח פאר דיין מי, וואס דו האסט פארוועגדט ביי פרוי אסתר סאראט און האסט געשאַפן א פאָנד פאר אונדזער אינסטיטוציע. דאס איז די איינציקע ווילטעטיקע אינסטיטוציע אין ראדאמישל און די פונדאציע וועט זיין די ערשטע, וואס ווערט פאר ראדאמישל געשאפן...

...אַ דאנק־בריוו צו די סאָראַט, ווי אויך א קאָפּיע צו דיר, וועט מען די נעכסטע וואָך שיקן מחמת עס וועט נעכסטע וואָך ערשט זיין אַ זיצונג פון דער גמ״ח...

דעם 23.4.1929: היינט איז מיר געקומען אונטער דער האַנט דיינס א בריוו צו מיר, וועלכען דו האַסט נאָך געשריבן דעם 27־טן יענער 1925, אין דעם בריוו שרייבסטו, אז דו האסט גערופן א מיטינג פון די לאַנדסלייט וועגן שאַפן א פאָנד פאר תלמוד תורה און גמילת חסדים און דער מיטינג האט זיך נישט איינגעגעבן... אבער דאס וואס האט זיך דיר נישט איינגעגעבן מיט פיר יאר צוריק, איז דיר געלויבט השי״ת געלונגען איצט. און באמת האסטו א הערלעך שטיקל אָרבעט געלייסטעט און מעגסט אויף דער אַרבעט זיין שטאָלץ, ווייל דער דערפאָלג איז אַ ריזיקער. ערשטנס — מיטן רעליעף, וואס האט זיך פאר דער היי־יעריקער קאַמפּאַניע געענדיקט מיט אזא שיינעם באַנקעט, פון וועלכן די אמערי־קאנער שרייבן דא אהער צו זייערע קרובים מיט אזא צופרידנקייט און באגייסטערונג; און צווייטנס — וואס האסט ענדלעך דעם פאנד פאר דער גמילת חסדים געשאַפן.

„אין נאמען פון דער גמילת חסדים און אין נאמען פון גאנצער שטאט דריק איך דיר אויס אַ דאנק פאר דיין אומדערמידלעכער און דערפאלגרייכער ארבעט ובפרט פאר דיין באַמיען זיך ביי דער פרוי סאראט. דער באנקעט איז טאקע געווען א שיין שטיקל ארבעט און איז דיר געלונגען מיט דעם באַנקעט צו באיינפלוסן די פרוי סאראט אז זי זאל געבן די גאנצע 500־טער מיטאמאל... איז גארנישט דא אזויפיל ווערטער מיט וויפל מען זאל דיר דעם דאנק אויסדריקן... דער פאריין וועט הייסן אין יידיש גמילת חסדים ע״ש אסתר סאָראַט...

...מיט די פינפהונדערטער גייט די קאסע אריין אין א נייעם סטאדיום. ביז היינט האט מען צעטיילט הלוואות נאר ביז הונדערט זלאטעס. היינט וועלן מיר שוין ארויסגעבן ביז דריי הונדערטער. דאס וועט הייסן א גרעסערער פאָרשריט, מחמת איצט וועלן שוין קאנען אנקומען נאך הלוואות סוחרים פון מיטלערן שטאַנד. נאך איז איצט אויך נישט בכוח די גמילת חסדים אַ יעדן ארויסצוהעלפן. אבער מיט א שטאָפּל גייען מיר פאָראויס. איך גלויב, אז אזוי ווי אונדזער רעזערוו איז געשטיגן אומגעהויער וועלן מיר איצט געניסן פון „דשאָינט" א גרעסערן קרעדיט.

...די ערשטע ראַפּארטן וועלן מיר דער פרוי סאראט צושיקן

פאר דעם צווייטן קווארטל, אָנפאַנג יולי. איך גלויב, אז אין דעם ראפארט וועט שוין זיין די פארטיילונג פון הלוואות פאר די גאַנצע 500 דאלער.

דעם 30.7.1930: ...מיט די הונדערט דאלער, וואס זי (א. סאראט — די רעדאקציע) האט געשיקט, האט זי זיך אָן אמתע מצווה געקויפט, ווארעם דער דלות און די אביונישקייט וואקסן אזוי שנעל אין שטעטל, אז איין גאט מעג זיך שוין דערבארעמען. ביז היינט זענען שוין רעגיסטרירט ביי אונדז 175 פערזאן, וואס געניסן פון גמילת חסדים. צווישן די רעגיסטרירטע זענען דא א סך, וואס אמאל האבן זיי געגעבן שיינע שפענדן פאר אונדזער אינסטיטוציע. זיי זענען אפילו געווען די מיטגרינדערס פון דער קאַסע. דעמאָלט האבן זיי זיכער נישט געגלויבט, אז זיי שאַפן די קאסע פון זייערטוועגן. יא, די צייט איז זייער ביטער און ווערט פון טאג צו טאג ביטערער.

ליידער זענען מיר נישט אומשטאנד א יעדן ארויסצוהעלפן ווי געהעריק. די גרעסטע הלוואה, וואס מיר געבן, זענען 200 זלאטעס. דאס איז אן ערך 33 דאלער. מיט אזא סומע העלפט מען אפילו מער ווייניקער ארויס. נאר איז אבער א מעשה, אז ארויסהעלפן זענען מיר נישט ביכולת דעמאלט ווען דער נצרך דארף עס האבן, ווארעם מאנכעס מאל דארף ער ווארטן 4 ביז 6 וואכן ביז מיר זענען אומשטאנד די הלוואה ארויסצוגעבן.

דער שטאַנד פון אונדזער קאַסע איז אומגעפער 1450 דאלער: פון דער סאראט 600, פון „דזשאָינט" 450, פון פקדונות 50 דאלער און פון אייגענע כוחות 350 דאלער. מיט דער סומע טוען מיר אפילו א סך אויף, מחמת אונדזער כוח באַשטייט אין דעם, וואס מיר האבן יעדע וואָך פליסנדיק קאפיטל, וואס דער לווה צאלט צוריק די ראטעס. ליידער מאַכן מיר פון צייט צו צייט מיט א קריזיס מחמת מיר דארפן אלע פאר חדשים א צופלוס קאפיטאל. ווארעם ווי איך האב דיר שוין געשריבן באשטייט אונדזער כוח, וואס מיר האבן א יעדע וואך פריש געלט פון די ראטעס. ליידער אבער מיט דעם, וואס יעדן טאג קומען צו פרישע לווים און אז דער ערשטער מלווה האט שוין אפגעצאָלט זיין חוב און פארלאנגט א פרישע הלוואה, מוז ער ווארטן אפאר וואכן, ווייל דאס געלט האבן דערווייל באקומען אנדערע.

די קריזיסן צו פארמיידן איז נייטיק א צופלוס פון פריש קאַפיטאל אלע פאר חדשים. מיר פון אונדזער זייט זוכן אויס אלע מעגלעכע מיטלען, אַז אונדזער קאפיטאל זאל זיך פארגרעסערן. מיר האָפן צו באַקומען אַ סובווענץ פון דער שטאָט־געמיינדע און אפשר אויך פון דער קהילה (די קהילה איז אויך אין אַ שלעכטן מצב), אויך פון דער פרוי סאראט ווואלטן מיר געבעטן א צופלוס קאפיטאל אלע פיר חדשים. אויסערגעוויינלעכע סומען פארלאנגען מיר נישט. הונדערט דאָלער אלע 3־4 חדשים וואלט געבוג געווען און דער קריזיס וואלט אויפגעהערט. און איך גלויב, אז די פרוי סאראט דארף עס טון. איז דאך די קאַסע אירע און ווערט אויף איר נאמען גערופן. וואלט זי געוווסט אויף ווי ווייט מיר העלפן די ארעמע ארויס און וויפל ברכות זי באַקומט א יעדן טאג פון די מלווים, וואלט זי ערשט פארשטאנען וואס זי האט געשאַפן.

פון אן אנדער בריוו

געשריבן פון בעריש אייזלאנד צו זיין ברודער ראובן אייזלאנד (אין אמעריקע) ווערן מיר געוויר פרטים וועגן דער געשיכטע פון דער ראדאמישלער גמילות־חסדים־קאַסע אויף דעם נאָמען פון אסתר סאָראט:

„ווי דו ווייסט איז אונדזער גמילת חסדים קאסע געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון „דזשאָינט", וועלכער דערטיילט אונדז ווייטערדיקע סובווענציעס. מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט דעם „דזשאָינט" נאָר מיט אים זיין אין ווייטערדיקער פאַרבינדונג. אבער דער „דזשאָינט" איז נישט געווען מער געניגט, אז די קאַסע זאָל טראָגן דעם נאָמען פון סאָראט. מיר האבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. דאָ האָבן מיר נישט געוואָלט פאַרלירן דעם „דזשאָינט", דא — נישט סאָראט. ענדלעך איז אונדז געלונגען צו באקומען די הסכמה פון „דזשאָינט", אין א בריוו דאטירט פון 12־טן אויגוסט, אין וועלכן דער „דזשאָינט" שרייבט אונדז, אז זיי זענען מער נישט דאקעגן די קאַסע זאָל זיך רופן אויף דעם נאָמען פון דער פרוי סאָראט, וועלכע האָט געשפּענדט א גרויסע סומע פאר דער קאַסע.

איבער דעם „דזשאָינט" האָבן מיר טאַקע די פארמאליטעטן ביי דער מאַכט ביז היינט נאָך נישט געהאַט דורכגעפירט. און היינט, ביי איר הסכמה, רופן מיר אויף נעכסטן זונטיק, ד.ה. דעם 25. ד.ח., א גענעראַל־פאַרזאַמלונג, ווו אלע פאר־מאליטעטן ביי דער מאכט וועלן דורכגעפירט ווערן.

געלויבט הש"י אַז איך בין שוין אַ באַרואיקטער, מחמת די קאַסע איז אין אלגעמיין גערופן געוואָרן אויף דער פרוי סאָראטס נאָמען, אבער נישט געזעצלעך. היינט האָב איך מער נישט די זאָרג. בעריש".

צו דעם בריוו איז אויך בייגעלייגט א „קאַסע־באַריכט פארן חודש יולי 1928":

הכנסה:

1.	סאַלדאָ אויפן ערשטן יולי	4546.05
2.	מאָנאַט אָפּצאָל פון מיטגלידער	51.—
3.	געוויינלעכע שפענדן	50.54
4.	פאַרשידענע אנדעריג שפענדן	68.50
5.	געבאָרגט ביי פריוואַט־פערזאָנען	794.—
6.	צוריקצאָלונגען פון הלוואות	1824.—
	ס"ה	7334.09

הוצאה:

1.	דערטיילט הלוואות אינעם לויף־יאָר	7035.—
2.	צוריקגעצאָלט געבאָרגטע געלטער	240.—
3.	פאַרשידענע אויסגאַבן	13.—
4.	סאַלדאָ אויפן 1־טן אויגוסט	46.09
	ס"ה	7334.09

ווייטער קומען סטאַטיסטישע ידיעות ווי:

1.	וויפל ביטעס זענען אריינגעפלאָסן אין חודש?	46
2.	וויפל ביטעס זענען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט?	46
3.	וויפל ביטעס זענען דערליידיקט געוואָרן?	42
4.	וויפל געלט האָט געדארפט איינפליסן צוריק פאַר הלוואות אין לויף פון חודש?	1742.—

וויפל הלוואות אין וואָס פאַר אַ הויך זענען
ארויסגעגעבן געווארן אין פארלויף פונעם חודש ?

11	הלוואות צו 300 זל׳	3300	זל׳
2	הלוואות צו 250 זל׳	500	״
5	הלוואות צו 200 זל׳	1000	״
4	הלוואות צו 150 זל׳	600	״
13	הלוואות צו 100 זל׳	1300	״
4	הלוואות צו 75 זל׳	300	״
1	הלוואה צו 50 זל׳	50	״
1	הלוואה צו 25 זל׳	25	״
	ס״ה	7035	זל׳

(אונטערשריפטן) :

בעריש אייזלאנד — סעקריטאר

ברוך געלדציילער — פאָרזיצער

דאקומענט וועגן דער קאסע

סטאַטיסטישע ידיעות וועגן דער צייט פון 15/9—1927, ביז דעם 31־טן דעצעמבער, 1930, געפינען מיר אין דער פאלגנדיקער טאבעלע :

הלוואות זענען ארויסגעגעבן געוואָרן

		הלוואות	פערזאָן	זלאָטעס
1.	פון 15/9 1927 ביז 30/9 1928	166	103	13.650—
2.	פון 1/10 1928 ביז 31/12 1929	227	155	28.825—
3.	פון 1/1 1930 ביז 30/21 1930	173	137	29.875—
	ס״ה	566	—	72.350—

די הלוואות זענען איינגעטיילט געוואָרן

זלאָטעס :	25	50	75	100	150	170	200	240	250	260	300
ערשטן יאר	1	44	27	94							
צווייטן יאר	1	23	22	121	11		22		5		
דריטן יאר		16	8	46	23	1	28	1	11	1	38
ס״ה	2	83	57	261	34	1	50	1	16	1	38

באַקומען די הלוואה האבן :

	4 מאל	3 מאל	2 מאל	1 מאל
1. אין ערשטן יאר	1	3	40	61
2. אין צווייטן יאר	1	12	48	95
3. אין דריטן יאר			36	101

שולדיק זענען היינט אין דער קאַסע 151 פערזאָן.

17 פערזאָן וואַרטן אויף הלוואות, וואָס מען האָט זיי באשטעטיקט דעם 25/12.

ביז היינט האָט מען ארויסגעהאָלפן מיט הלוואות 189 משפחות. די צוריקצאָלונגען פון די הלוואות זענען נאָרמאַל. 19 פערזאַן זענען נאַך שולדיק (וואָס זייער הלוואות זענען גענומען געוואָרן ביז צום 31 דעצעמבער 1929) א סומע 972 זלאָטעס, מ׳קאן עס דאָך נישט פאַרעכענען פאר פארלעגענע חובות, מחמת 12 פערזאָן צאָלן די ראטעס פון לאַנג און וועלן זייער חוב סוף כל סוף אויסצאָלן (זינט דעם ערשטן יאנואָר האָבן זיי 78 זלאָטעס באַצאָלט).

פארלעגענע חובות זענען דאָ ביי 7 פערזאָן אויף אַ סומע פון 276 זל. קעגן זיי וועט מען מוזן אויפטרעטן מיט א געריכט־לעכער אַנקלאַגע.

Bilans na 31 grudnia 19*30* ביילאנס אויפו 31 דעצעמבער

	Stan czynny — די קאַסע פארמאגט (אקטיוו)	Gr. גר	zł. — זל.
1	Gotówka w kasie i banku — מזומן אין קאסע און אין באנק אויפן 1/1 19*31*	*37*	*59*
2	Dłużnicy . . . . חובות ביי לוים	*05*	*13847*
3	Wydatki Zwrotne — און צוריקקערענדע הוצאות		
4	Inwentarz . . . . אינווענטאר		
5			
	. Razem — צוזאמען	*37*	*13906*
	. Deficyt — דעפיציט		
	. Ogółem — בס״ה	*37*	*13906*

	Stan bierny — די קאַסע איז שולדיק (פאסיוו)	Gr. גר.	zł. — זל.
1	Należne J. D. C. . . . . „דזשוינט"	*~*	*4660*
2	Wkłady bezprocentowe . . . . פקדונות	*50*	*557*
3	Różni . . . . אנדערע		
4			
5			
	. Razem — בס״ה	*50*	*5217*
	Kapitał własny — ריינער גרונט קאפיטאל	*87*	*8688*
	. Ogółem — בס״ה	*37*	*13.906*

Podpisy : — אונטערשריפטו :

Prezes Komisji Rewizyjnej .... פאָרזיצענדער פון רעוויזיאָנס קאמיסיע

פאָטאָקאָפּיע פון א בילאנס.

אין א בריוו, געשריבן פון נפתלי שנור צו ראובן אייזלאנד (פון 25.3.1929) ווערן מיר געוויר „פונעם וואל־אויסגאנג, וואס מיר האבן נעכטן געהאט *) אויף אונדזער ליסטע נר. 2 האבן פיגורירט פעלץ, אחיך בעריש, מענדל האניג און דודך ברוך געלדציילער. מיר האבן אבער נאר דריי מאנדאטן אויף אונדזער ליסטע..."

---

*) ביי די קהל־וואלן.

פארשידענע ידיעות:

Liczba wydanych pożyczek

1. צאל ארויסגעגעבענע הלוואות אין יאר 1930 173

Uwagi

באמערקונגען: [illegible]

Podpisy: — אונטערשריפטן:

Prezes Zarządu .... [illegible] **פארזיצענדער**

Sekretarz .... [illegible] **סעקרעטאר**

19 31 .... 5 יאנואר **Dnia** **דעם**

נאך אן איבערייס פון עטלעכע יאר טרעפן מיר זיך ווידער צונויף מיט דער קארעספאנדענץ פון די צוויי ברידער, ווו עס רעדט זיך וועגן דער גמילת־חסדים קאסע.

דעם 25.1,1939 : ...קודם כל א יישר־כוח וואס ס׳איז געלונגען דעם רעליעף צוריק אויפצולעבן. ווי ווייניק דער רעליעף וועט קאנען היי־יאר שאפן, וועט אלץ כאטש זיין עטוואס. און ביי היינטיקער צייט — מיט וויפל מען וועט דעם נצרך ארויסהעלפן — וועט ער אויך זיין א צופרידענער.

זונטיק האט זיך דא געשאפן א קאמיטעט, וועלכער האט צוזאמענגעשטעלט די ליסטע פון די נצרכים. דער קאמיטעט באשטייט פון: חיים שעכטער, משה יוסף מאהלער, משה פאדאווער, שמעון אייזלאנד, מיכאל פעדער, יעקב הערש ראטענבערג און איך — סעקרעטאר. אנקעל ברוך (געמיינט ברוך געלדציילער — די רעד.) האט צום קאמיטעט נישט געוואלט אנגעהערן, מחמת ער האט זיך די לעצטע צייט גענצלעך צוריקגעצויגן פון יעדער עסקנישער ארבעט. קיין פארזיצנדן האבן מיר צווישן זיך נישט געקליבן, פארשטייט זיך, אז די גאנצע ארבעט האט מען מיר איבערגעגעבן.

איך לייג דיר דא ביי די ליסטע פון די נצרכים אין פיר גרופן. מיר האבן קודם כל אין אכט גענומען די פאמיליען־צאל פון יעדער משפחה און דאס דארף אייך דינען פאר א יסוד וויפל פאר א יעדער משפחה א געוויסע סומע צו באשטימען.

עס געפינט זיך אין אונדזער ליסטע היינט א גרעסערע צאל יידן פון דארף. צווישן זיי אזעלכע, וועלכע פלעגן אמאל אויף יר״ט אליין ארייגברענגען קארטאפל צו פארטיילן. א חוץ די יידן, וואס זענען אויסגעוויזן אין דער ליסטע, געפינט זיך שוין גאר ווייניק יידן אין די דערפער. פאמעלעך פארלאזן די יידן דאס דארף און צוליב די באיקאטן וועט קיין איינציקער ייד אין דארף נישט בלייבן. אין זאסעוו זענען נאך היינט דא אין גאנצן צוויי יידן און אין וואדאוויץ — אינגאנצן איין־איינציקער.

אין דער ליסטע געפינט זיך נישט דער נצרך (מיר ווילן נישט איבערגעבן דעם נאמען, וועלכער ווערט דערמאנט אין בריוו, ווייל זיינע נאענסטע געפינען זיך אין ישראל — די רעד.)... ער איז היינט אינגאנצן געבליבן אן פרנסה אויף דער עלטער. אבער ער איז א נסתר און ס׳וואלט געווען פאר אים א חרפה און ער וואלט געהאט דערפון פיל ע״נ, ווען ער זאל וויסן, אז מען האט וועגן אים געשמועסט אויף א קאמיטעט־זיצונג. איך אליין נעם אבער דאס אחריות אויף מיר און רעקאמאנדיר דעם רעליעף, אז ער זאל פאר ...באשטימען אויך א געוויסע סומע.

אויף דער ליסטע געפינען זיך היינט ווייניקער יידן פון דער שטאט, ווי אין די יארן 1929־1930. דאס איז דערפאר, ווייל מיר ווילן בעסער, אז דער ייד וועלכן מיר קאנען

ארויסהעלפן קאנסטרוקטיוו, נישט צוגעווינען צו זיין א מקבל.

...פון די בילאנסן פאר די יארן 1936/37 און 1937/38 וועסטו זען, אז די קאסע שטייט נישט צוריק, נאר אנטוויקלט וואס אמאל שטארקער איר טעטיקייט. מיר געבן ארויס הלוואות ביז 300 זל. און עס זענען דא אזעלכע, — ווען מיר זען, אז מיר העלפן זיי ארויס — גיבן מיר צוויי הלוואות צו דרייהונדערטער. מיר האבן שוין צו פארצייכנען עטלעכע פאלן, ווי די קאסע האט צוריק אויפגעשטעלט רואינירטע מענטשן און זיי ארבעטן היינט אויס פרנסה מיט דעם כוח פון אונדזער הילף. די גמח״ק איז היינט דא די איינציקע אינסטיטוציע, ווו א ייד קאן לייען א פאר גילדן און מוז ארויסהעלפן יעדן איינעם אן שום חילוק בין לעניים ובין לעשירים.

איך וואלט נישט געוואלט, אז מען זאל חלילה די יידן, וועלכע זענען אויסגעוויזן אין דער ליסטע, מקפח זיין פון דעם געלט, וועלכן דו שרייבסט, אז דו גלויבסט מען וועט קאנען צוזאמענעמען ביז 500 דאלער, אז מען זאל פון דעם געלט אראפנעמען פאר די גמח״ק. די אלע יידן, וועלכע זענען אין דער ליסטע אויסגעוויזן, זענען נצרכים און מען קאן זיי היינט מאמענטאל קאנסטרוקטיוו נישט העלפן. אבער צי וואלט דער רעליעף נישט שאפן א ספעציעלן פאנד פאר דער קאסע און דאס געזאמלטע געלט פאר דער גמח״ק איבערגעבן דעם „דזשאינט״ פאר אונדזערטוועגן? ווארעם ווי איך האב דיר געשריבן אין מיין פאריקן בריוו, איז דא אן אפמאך צווישן דעם „דזשאינט״ און דער צענטראלע פון די גמ״ח, אז וויפל די לאנדסמאנשאפטן אין אמעריקע שאפן פאר די גמח״ק אין זייערע היימשטעט און איבערווייזן דאס געלט דורך דעם „דזשאינט״, גיט דער „דזשאינט״ צו דעם זעלבן בייטראג פאר די קאסעס, אחוץ די יערלעכע, שטענדיקע קרעדיטן, וואס זיי דערטיילן...

דעם 19.2.1939: ...וועגן רעליעף... ווייזט זיך אויס שאפסטו עפעס ממשותדיקס.

...אזוי ווי איך האב געלעזן דיין בריוו וועגן אן אנקעטע, האב איך צונויפגערופן צו מיר א 30 באלעבאטים אויף נעכטן אוונט. אין דער אנקעטע האב איך צוגעשטעלט פאלגנדיקע דריי פראגן: 1) צי זאלן די געלטער פארווענדט ווערן נאר פאר אינדיווידועלע נצרכים? 2) צי זאלן די געלטער געשיקט ווערן נאר פאר די גמח״ק אויף קאנסטרוקטיווער הילף? 3) צי זאלן די געלטער געשיקט ווערן א טייל פאר די גמח״ק און א צווייטע טייל פאר אינדיווידועלע נצרכים?

די גרעסטע טייל האט זיך ארויסגעזאגט פאר דעם דריטן פונקט. זיי האבן אויך ארויסגעזאגט די מיינונג, אז פאר די אינדיווידועלע נצרכים זאלן פארטיילט ווערן ביז פינף הונדערט דאלער. די מיינונג זייערע איז, אז כאטש ס׳איז נישט טאקע מער ווי הילף אויף חיי שעה, אבער דאס חיות וואס מען גיט אריין א יידן, ווען ער האט אויף פסח, איז גאר נישט צום באצאלן.

פאר דעם ערשטן און צווייטן פונקט זענען ס״ה געווען זיבן שטימען... צום ראדאמישלער „יאנג־מענס״ האבן מיר געשריבן א בריוו אזוי ווי דו האסט מיר געהייסן... איך גלויב ער דארף אויף די מיטגלידער פון דער פארוואלטונג מאכן אן איינדרוק.

אסתר סאראט שיקט אונדז צו יעדע דריי חדשים צו 15 דאלער. ביז צום פאריקן פסח פלעגט זי שיקן צו 25 דאלער... זי האט פאר די קרובים אויך א העלפט רעדוצירט. ...אין א בריוו וואס איך האב היינט געהאט פון שוואגער ניסן, שרייבט ער מיר, אז איך זאל צושיקן פארן רעליף אונדזערע בילאנסן און ווער די פארוואלטונג איז. אזוי ווי די בילאנסן האבן מיר דיר געשיקט, שרייב איך דיר דא נאר פון וועמען די פארוואלטונג באשטייט:

אדוואקאט ד״ר לעאן שפיגעל — פרעזעס; שאול בעטהייל, וויצע־פרעזעס; איך — סעקרעטאר; יאסל אייזלאנד — קאסירער; לייזער קאך, יאסל בראנד, לאזער איזאק, לאזער שעכטער, מענדל האניג, שמעון אייזלאנד — פארוואלטונג־מיטגלידער; אין דער קאנטראל־קאמיסיע: יענקל פעלץ, משה קויפמאן, אנשל טענענבוים...

די קאסע שרייבט...

„צום ראדאמישלער „יאנג מענס בעני אססן״ אין ניו־יארק (דאטירט דעם 19־טן פעברואר 1939).

„מיר האבן דעם כבוד זיך צו אייך צו ווענדן מיט א בקשה און מיר האפן, אז איר וועט זי אין אכט נעמען.

אייך איז זיכער באקאנט אז די גמילות־חסדים־קאסעס אין פוילן זענען היינט פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס, וועלכע שטייען אויף דער וואך און העלפן ארויס דער פאראָרעמטער יידישער באפעלקערונג אין זייער נויט. נישט אין איין שטעטל האבן די יידן געקאנט אויסהאלטן די באיקאט און פיקעטן־אקציע פון די אנטיסעמיטן נאר א דאנק די גמח״ק, וועלכע האבן אנגעשטרענגט אלע מיטלען, כדי דער ייד זאל קאנען בלייבן ביי זיין פאזיציע; אויך אונדזער אינסטיטוציע איז איינע פון די, וועלכע העלפן ארויס דער היגער יידישער באפעלקערונג אין זייער נויט.

אונדזער שטעטל איז זייער פאראָרעמט. אויף צוויי־הונדערט און אכציק משפחות געניסן פון אונדזער קרעדיט קנאפע צוויי־הונדערט. מיר קאנען זאגן אז כמעט די גאנצע שטאט — בין לעניים ובין לעשירים — העלפן מיר ארויס, ווארים מיר זענען היינט די איינציקע קרעדיט־אינסטיטוציע ווו א ייד קאן זיך לייען אפאר זלאטעס. אנגעהויבן האבן מיר אונדזער ארבעט מיט 12 יאר צוריק מיט גאר א קליינער סומע געלט. קוים האבן מיר דעמאלט געהאט 1000 זלאטעס. די ערשטע צייט האבן מיר ארויסגעגעבן קליינע הלוואות צו 25 און 50 זל׳ פאר די ארעמסטע צווישן די ארעמע. א דאנק דער שיינער שפענדע פון דער געערטער פרוי אסתר סאראט אין יאר 1930 (אין דער הויך פון 500 דאלער) איז זינט דעמאלט אונדזער אינסטיטוציע געוואקסן ווי אן אינסטיטוציע פון דער גאנצער שטאט.

מיר לייגן אייך ביי אונדזער יאר־באריכט פאר דער צייט פון 1.4.1937, ביז צום 31.3.1938. פון אים וועט איר זען, אז מיר גיבן היינט שוין הלוואות ביז צו דריי־הונדערט זלאטעס פאר אלע שטאנדן פון דער באפעלקערונג, סיי פאר בעלי־מלאכות, סיי פאר סוחרים, נישט נעמענדיק ביי זיי קיין פראצענט, ארבעטנדיק מיט א פרייוויליקן באאמטן שטאב אן שום באַ־לוינונג.

לײדער זענען מיר נישט אומשטאנד נאכצוקומען די קרעדיט־באדערפנישן, ווייל אונדזערע קאפיטאל איז נישט אויף אזויפל גרויס.

אונדזער בקשה איז דעריבער צו אייך: היות מען האט

אונדז מודיע געווען, אַז אייער פאַריין האָט היי־יאָר אַ פאַנד פון עטלעכע טויזנט דאָלאַר פאַר פּליטים און אַנדערע נצרכים אין אייראָפּע, בעטן מיר דעריבער איר זאָלט פון דעם פאַנד באַשטימען אויך פאַר אונדזער גמח״ק 500 דאָלאַר — שוין פאַר דעם אַליין וואָס אייער פאַריין טראָגט דעם נאָמען פון אונדזער שטאָט. און אַזוי ווי מיר ווייסן, אַז 25 ביז 30 פּראָצענט מיטגלידער זענען ראַדאָמישלער, וועלכע האָבן העכסט־וואַרשיינלעך בייגעטראָגן אַ היפּשע סומע צו דעם פאָנד — דערלויבן מיר זיך צו פאַרלאַנגען פון אייך, אַז איר זאָלט אויך אונדז מיטהעלפן צו לינדערן די נויט פון די היגע יידן. מיר האָפן אַז איר וועט אונדזער בקשה דערפילן.

און נאָך איין בקשה האָבן מיר צו אייך: היות מיר זענען אין דער האָפנונג, אַז איר וועט אונדזער בקשה נישט אָפּזאָגן, בעטן מיר אייך, אַז איר זאָלט איבערגעבן צום ראַדאָמישלער רעליף פאַר אונדזערטוועגן די באַשטימטע סומע, אָדער איר זאָלט דאָס געלט איבערגעבן צום „דזשאָינט" פאַר אונדזערט־וועגן. ווארים איר ווייסט עס באַשטימט, אַז עס איז פאַראַן אַן אָפּמאַך צווישן אַמעריקאַנער „דזשאָינט" מיט דעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע, אַז וויפל יעדע לאַנדסמאַנשאַפט שיקט פאַר דעם גמח״ק פון איר שטאָט א געוויסע סומע און דער באַטראַג ווערט איבערגעגעבן דעם „דזשאָינט" פאַר דער גמח״ק, גיט דער „דזשאָינט" פאַר דער קאַסע (א חוץ די יערלעכע קרעדיט, וועלכע זי דערטיילט די קאַסעס) אַן עקסטרע אַזויפל וויפל די לאַנדסמאַנשאַפט האָט זיי צוגעשיקט.

אונדזער בקשה איז דעריבער צו אייך נאָכאַמאָל: באַשטימט פאַר אונדזער גמח״ק אַ סכום פון 500 דאָלאַר און זעט, אַז דאָס געלט זאָל אונדז קומען דורכן „דזשאָינט" וועט איר אונדז ארויסהעלפן נישט נאָר מיט 500 דאָלאַר, נאָר מיט גאַנצע טויזנט. און דאָס וועט זיכער זיין א פאַנד פאַר דער היגער יידישער באַפעלקערונג צו קאָנען לינדערן די נויט פון די אָרעמע מאסן על כל צרה שלא תבוא ר״ל.

אויספירלעכע ידיעות וועגן דעם מצב פון שטאָט בכלל און וואָס די היגע גמח״ק לייסטעט פאַר דער יידישער באַפעלקע־רונג קאָנט איר באַקומען פון מר. ניסן אייזלאַנד, וועגן וועלכן מיר ווייסן, אַז ער באַזוכט אָפט אייער פאַריין.

מיר האָפן אַז איר וועט זיכער אונדזער בקשה דערפילן.

צייכנען מיר מיט דרך ארץ —

ד״ר ל. שפּיגעל	בעריש אייזלאַנד
פּרעזעס	סעקרעטאַר

א קאָפּיע פון א בריוו, געשריבן פון י. **גוטערמאַן** (איינער פון די „דזשאָנט"־דירעקטאָרן) צו דער ראַדאָמישלער גמח״ק: וואַרשע דעם 17־טן מאַי, 1939

„צו דער פאַרוואַלטונג פון ג״ח קאַסע אין ראַדאָמישל.

חשובע הערן

מיט א געוויסער צייט צוריק האָבן מיר אייך מיטגעטיילט, אַז אייער לאַנדסמאַנשאַפט האָט צוגעשיקט פאַר דער ראַדאָמיש־לער קאַסע א סומע פון 1000 דאָלער, וועלכע ווערט פאַרטאָפּלט דורכן „דזשאָינט" מיט א קרעדיט אין דערזעלבער הויך. צו־זאַמען איז אַלזאָ דאָ פאַר אייער קאַסע — 2000 דאָלער. פון דער דאָזיקער סומע האָבן מיר אייך שוין אפילו אויסגעצאָלט 500 דאָלער.

איצט מוזן מיר אייך מיט באַדויערן מיטיילן, אַז לויט דעם ווונשט פון אייער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכן עס האָט אונדז איבערגעגעבן אונדזער צענטראַלע, דאַרף אויפגעהאַלטן ווערן דאָס ארויסשיקן אייך די ווייטערדיקע לאַנדסמאַנשאַפט־געלטער.

גלייך נאָכן באַקומען די דאָזיקע מיטיילונג האָבן מיר זיך געוואָנדן צו אונדזער צענטראַלע וועגן אויפקלערן די סיבות פונעם דאָזיקן באַשלוס.

מיר האָפן איגנגיכן צו באַקומען די געהעריקע אויפקלערונ־גען און דאַן וועט אייך באַזוכן אונדזער פאָרשטייער, ה׳קאַגאַן״.

דוד פעלץ

חיפה

דער סקאַנדאַל צווישען דער משוגענער פייגעלע און דעם ארטיקן גלח

אין ראַדאָמישלע איז געווען א ספּעציעלער פּלאַץ אין מאַרק, ווו אייער־סוחרים האבן אויפגעקויפט אייער פון די דאָרפישע גויטעס.

די סוחרים האבן זיך געטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: הורט־סוחרים און אויפקויפערס. די ערשטע פלעגן אָפּקויפן די אייער פון די אויפקויפערס.

די משוגענע פייגעלע האט געהערט צו די אויפקויפערס.

נאכן טויט פון גלח, האט זיין פּלאַץ פארנומען א צווייטער, א גרויסער יידן־פרעסער, וועלכער האט יעדן זונטיק געפּרעדיקט אין דער קירך אנטיסעמיטישע דרשות, גערופן די גלויביקע צו באָיקאָטירן יידן, ווי אויך — גערופן צו פּאָגראָמען. דאס איז געווען אַ מענטש פון מיטל־וווּקס, מיט א רויטן אויסגעפרעסענעם פּרצוף. געקומען איז ער אין דער צייט ווען פּוילן איז אויפסניי געווארן א מלוכה, ד. ה. — אין דער צייט פון די פּאָגראָמען אויף יידן אין גאַליציע. מיט זיינע דרשות האט ער צוגעגאָסן בוימל צום פייער.

א דעלעגאַציע פון אָרטיקע גלויביקע גויים האט אים באַזוכט און אויפגעקלערט, אז זיי זענען נישט איינשטימיק מיט זיין באנעמען זיך אין דרשות. זיי האבן אים דערקלערט, אז די גוטע באַציונגען, וועלכע הערשן צווישן זיי און די יידן פון דור־דורות, וועלן זיי נישט דערלויבן זאלן צעשטערט ווערן צוליב זיינע דרשות. באין ברירה האט ער געמוזט אונטער זייער דרוק ענדערן די שטעלונג. אבער זיין טריפהנע נשמה האט נישט געקאנט איינרוען. ער האט זיך געוואָנדן צו די שטאטישע גויים און זיי פארגעשלאגן א געשעפט: צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיוו, אַ שותפות פון אייער־ אויפקויף און עקספּאָרט. צווישן אַלע שטעטלישע גויים האט זיך געטראָפן נאר איינער, וועלכער איז איינגעגאנגען אויף זיין רוף און האט שותפות געמאַכט מיט דעם גלח. דאס איז געווען טריבולעץ, דער שענקער.

דאס געשעפט האט זיך אנגעהויבן בזה האופן: פאר דער פלעבאַניע, ביי דעם אייער־פּלאַץ, איז געשטאַנען טריבולעץ מיט די אייער־קעסטלעך און דער גלח איז ארומגעגאנגען צווישן די יידישע סוחרים און מיטן שטעקן אַוועקגעטריבן די דאָרפס־פרויען פון די יידן, געצוווּנגען זיי צו פאַרקויפן די אייער צו זייער שותפות־געזעלשאַפט. די צרה איז געווען ביי אים, אז ער האט פאַרלאַנגט מען זאל אים פאַרקויפן

די אייער מיט 2 גראשן ביליקער אויפֿן איי. די צווייטע צרה איז געווען וואָס ער האָט זיך גראָב באַנומען און מיטן שטעקן געשלאָגן די פּויערטעס וועלכע האָבן אים די אייער נישט פֿאַרקויפֿט.

זיין באַנעמונג האָט ארויסגערופֿן אַ ווידערשטאַנד ביי די פּויערטעס, זיי האָבן אים די אייער נישט געוואָלט פֿאַרקויפֿן. די שטעטלישע גויים האָבן זיך באַגראָבן פֿאַר חרפּה, אַז אַ גלח זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט האַנדל און די ייִדן האָבן דערווייל געשוויגן.

אַזוי האָט זיך געפֿירט אַ שיינע פּאָר חדשים.

עס איז געקומען ווינטער, די אייער־געשעפֿטן זענען געוואָרן שוואַכער. אין אַ יריד־טאָג פֿון אַ שטאַרקן פֿראָסט זענען אין שטאָט געקומען בלויז אַ פּאָר צענדליק פּויערים און די משוגענע פֿייגעלע איז געשטאַנען פֿאַרצווייפֿלט: זי וועט נישט פֿאַרדינען אויף שבת. אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אַ פּויערטע מיט אַ קויש אייער און אין דער צווייטער זייט האָט זיך באַוויזן דער גלח מיטן שטעקן. ער איז צו צו דער פּויערטע מיט אַ געשריי זי זאָל די אייער אָוועקטראָגן צו אים. די משוגענע פֿייגעלע האָט אָנגעכאַפּט דעם קויש מיט ביידע הענט און געוואַנדן זיך צום גלח מיט איר צעבראָכענער פּוילישער שפּראַך:

— דו רויטער פּרצוף, חזיר־פּרעסער, האָסט נישט פֿון וואָס צו לעבן? דו ווילסט האַנדלען מיט אייער און מאַכן קאָנקורענץ מיר, דער משוגענער פֿייגעלע, פֿאַרוואָס גייסטו נישט דאַוונען? אונדזער רבֿ האַנדלט אויך מיט אייער? ער זיצט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט און דאַוונט, ער בעט גאָט. פֿאַרוואָס גייסטו נישט אין דער קירך דאַוונען, דו רויטער פּרצוף, דו חזיר־פּרעסער?"

דער גלח האָט זיך אָפּגעטראָגן, גערופֿן פּאָליציי, גענומען איר נאָמען און אַדרעס און אָנגעגעבן זי אין געריכט פֿאַר ערע־באַליידיקונג. די ייִדן האָבן איר געוואָלט העלפֿן און זענען געקומען צום באַשלוס, אַז זי זאָל זיך אַליין פֿאַרטיידיקן, איר אַרט פּויליש רעדן און אויסזען וועט מאַכן אַ בעסערן איינדרוק אויפֿן שופֿט, ווי דער בעסטער אַדוואָקאַט.

וכך הוה... אויפֿן פּראָצעס האָט זי זיך פֿאַרגעשטעלט פֿאַרן שופֿט מיט די ווערטער „איך, די משוגענע פֿייגעלע" און דערציילט די גאַנצע געשיכטע. דער שופֿט האָט זיך געוואַנדן צום גלח „זאָג מיר, פּראַלאַט (דאָס איז געווען זיין טיטל), דו שעמסט זיך נישט צו שטיין מיט איר פֿאַר אַ משפּט? שוינסט נישט דיין אייגענעם כּבֿוד..." דער גלח האָט זיך פֿאַרשעמט, מבֿטל געמאַכט דעם משפּט און די משוגענע פֿייגעלע איז ארויס פֿריי.

פֿון דעם טאָג האָט דער גלח זיך פֿאַרנומען (לויט דער עצה פֿון דער משוגענער פֿייגעלע) מיט דאַוונען און אויפֿגעהערט צו האַנדלען מיט אייער. ווייל ס'האָט זיך צום צווייטן מאָל באַוויזן אַ דעלעגאַציע פֿון אָרטיקע קריסטן ביים גלח און אים געדראָט זיך צו באַקלאָגן פֿאַרן בישאָף, אויב ער וועט נישט אויפֿהערן מיט זיינע פּוילע שטיק.

די משוגענע פֿייגעלע האָט זיך גאָר נישט אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וואָס פֿאַר אַ גרויסע זאַך זי האָט אויפֿגעטון. קיין אַנדערער ייִד וואָלט זיך אויף אַזאַ געוואַגטקייט נישט געווען דערלויבט.

נפתלי קעלער
בת־ים

דער מאַרק־טאָג אינעם שטעטל

ביי אונדז אין שטעטל איז דער מאַרק־טאָג פֿאָרגעקומען דאָנערשטיק, דערפֿאַר האָבן אונדזערע ייִדן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אָט דעם טאָג, ווייל דער דאָנערשטיק האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פֿאַר דער פּרנסה פֿונעם שטעטל. ייִדן האָבן געבעטן אַז דער טאָג זאָל זיין אַ שיינער, אָן רעגן, אָן זאַווערוכעס, וואָס מער פּויערים זאָלן קומען אין שטאָט, ווייל יעדער האָט צוגעגרייט (לויט זיין בראַנזשע) די געהעריקע סחורה.

ס'זענען געווען סוחרים, וואָס האָבן געדאַרפֿט צאָלן וועקסלען. אויב דער פּדיון איז געווען אַ קלענער, איז נישט גוט געווען. אַז ס'וועטער האָט אָפּגעטון אַ שפּיצל — מיט אַ זאַווערוכעלע, אָדער אַ רעגן — האָבן ייִדן געקרעכצט, געבליבן נעבעך מיט דער אָנגעגרייטער סחורה. די שלעכטע וועטערן זענען אויסגענוצט פֿון ספּעציעלע „מאַרק־גייערס", וואָס האָבן געבעטן געזאָלצענע פּרייזן פֿאַר זייער סחורה. אָן עק אויף שבת מוז דאָך אַ ייִד האָבן, אַ ביסל אייער אויך. האָט מען קיין ברירה נישט געהאַט און געצאָלט...

שוין אין די פֿרימאָרגן־שעהן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען וועגענער געשפּאַנט אין 2 אָדער 1 פֿערד (לויטן געשפּאַן האָט מען דערקענט דאָס רייכטום פֿונעם פּויער). ביים אַריינקום אין שטאָט האָט דער פּויער באַדאַרפֿט באַצאָלן „טאַרגאָווע". די פּרנסה, לויט ווי איך געדענק, איז אייביק געווען אין ייִדישע הענט. דער אָפּצאָל איז גענומען געוואָרן לויטן פֿאַרנעם פֿון דער סחורה, וואָס האָט זיך געפֿונען אינעם וואָגן. נישט שטענדיק האָט מען דעם פּויער געגלייבט אויפֿן וואָרט, האָט מען דעם וואָגן גוט בודק געווען און דער אָפּצאָל איז געווען אַ דאָפּלטער... קאָמישע סצענעס זענען פֿאָרגעקומען, ווען וועגענער — אָנגעשטאָפּט מיט גענדז און קאַטשקעס, איידער זיי זענען אַריינגעפֿאָרן אין מאַרק — זענען אין מיטן פֿאָרן באַפֿאַלן געוואָרן פֿון עטלעכע קאָזאַצקע ווייבער. פֿלינק, ווי די קעץ, זענען זיי אַרויף אויף די וועגענער, געכאַפּט צו 2 גענדז מיט אַ מאָל. די לייטערס, וואָס האָבן פֿאַרשטעלט די גענדז, זענען אויפֿגעהויבן געוואָרן. מיינט איר, אַז זיי האָבן געוואָלט קויפֿן? חלילה! בלויז אַביסל אויסטאַפּן: וויפֿל אַ שטייגער שמאַלץ קאָן האָבן אַזאַ גענדזל, און צי ס'איז מעגלעך ס'זאָל לייגן אַן איי? — מ'האָט געטאַפּט אונטער די פֿליגל, געבלאָזן אין „הינטן", געשטעקט די פֿינגער ווו ס'פּאַסט נישט... געפֿרעגט אַ פּרייז. אָנשטאָט אַן ענטפֿער האָט דער פּויער געשאָלטן מיט ביטערע קללות אין דער מאַמען אַריין. האָבן די ווייבער געוואָרפֿן אויף שנעל צוריק די גענדז אין וואָגן, נישט געבליבן שולדיק און געענטפֿערט אין אַ גאַליציאַנער ייִדיש גאַנץ געשמאַקע קללות. ווען איינע פֿון זיי וואָלט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, וואָלט דער פּויער שוין פֿאַרשפּאַרט די סחורה צו פֿאַרקויפֿן.

דער גרויסער קיילעכדיקער מאַרק איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט וועגענער. אַ ים מיט קעפּ. פֿאַרשידענע קאָלירן פֿון קאָפּ־טיכלעך, פּויערישע ווינטער־היטלען און זומער־היטלען. געשרייען, געוואַלדן, אויסגעמישט מיט הירזשען פֿון פֿערד. ייִדן לויפֿן אַרום צווישן די וועגענער, מ'קויפֿט וואָס ס'לאָזט

זיך· אונדזערע ליבע מאמעס זענען אויך דא. זיי קומען מיט גרויסע קוישן איינצוקויפן אביסל עפל, גרינצייג, אייער און דאס וויכטיקסטע — אן עוף אויף שבת. מ׳קען די פויערים, מ׳ווייס ביי וועמען ס׳איזז שווער צו קויפן און ביי וועמען ס׳איז לייכט צו קויפן. זיצט שאַיע ראַפּטשיצער מיטן וואָגן עפל, אָנגעפּולטע אין זעק: די שפּיציקע נאז א רויטע — זומער און ווינטער, רויט ווי א פּאָמידאר — נישט קיין אויסגעשלאפענער. א גאנצע נאכט זיך געשאָקלט מיטן וואגן -- אליין דער פורמאן, אליין דער סוחר. ווייבער רינגלען אים ארום, ווילן קויפן מציאות, שפּילן אויף די נערוון. פאדערט ער א גרעסערן פרייז. ער איז אזוי פארנומען מיט די ווייבער, אַז ער באמערקט נישט ווי פון הינטן קומען אָן קונדסים מיט קניפּיקלעך (אזעלכע מעסערלעך), שניידן אויף די זעק. און מ׳לייגט עפל אין די קעשענעס, אין די היטלען, אין העמד.שאיע דערזעט פלוצלונג דעם בראָך, דערלאנגט מיט דער בייטש, שיקט נאך עטלעכע זאַפּטיקע קללות, וואס זענען ווערט א פאַרמעגן. „אז אויסקרענקען זאלן זיי די עפל! אזעלכע ממזרים!״ — דאס איז די לעצטע ברכה. קונדסים זענען גליקלעך, אבער דאס איז נישט גענוג: מ׳דארף האבן א סך עפל אויף שבת. מאמעס גיבן שבת־אויבסט נישט פיל, דארף מען זיך אליין פארזארגן. דאס פארזארגן זיך מיט דער „סחורה״ גייט צו אזוי: אין עק פון א שטעקן ווערט אריינגעקלאַפּט א טשוואָק און מ׳לאזט זיך צו די „זיצערינס״: דאס זענען ווייבער, וואס זיצן זומער און ווינטער, פארקויפן עפל, פלוימען, באַרנעס. די סחורה ליגט אויסגעלייגט אויף פלאַכע געפלאָכטענע קוישן (פולקאָשיק). די זיצערינס קענען שוין זייערע געסט און מאכן אוממעגלעך עפּעס צו לקחענען. דעמלט נעמט מען זיך צו דער ארעמער זיצערין בוקאלע, נעבעך, מיט די ארונטערגעדרייטע פינגער פון די הענט. צוויי פארפירן מיט איר א שמועס און איינער קלאַפּט מיטן טשוואָק די עפל... מ׳נעמט מיט די הענט אויך. די סחורה ווערט שפּעטער סאָרטירט, צעטיילט גלייך און חברה האבן עפל אויף שבת, וויפל זייערע הערצלעך ווילן. די עפל שמעקן פיל בעסער ווי דער מאמעס שבת־אויבסט...

אונדזער מארק איז 99 פראצענט יידישע געשעפטן. א חוץ די געשעפטן שטייען אין דער זייט פון מארק אזוי גערופענע „שטעלן״, ארומגענומען מיט זעק. אָט די „שטעלן״ טראָגן 4 מענטשן צום מארק פון זייער הויז. אינעווייניק זענען פאראן פארשידענע סחורות: הויזן, רעקלעך, היטלען, פארשידענע גאַלאַנטעריע. פויערים און פויערטעס קויפן, מען דינגט זיך, מ׳קוקט אויף די הענט, מ׳זאל זיך עפּעס „בארגן״ (ווייל אַן דעם גייט נישט) און מ׳מאכט יאַקאָש פרנסה. די גזעלן, וואס זענען א גאנצע וואך באשעפטיקט ביי זייערע פאַכן, ארבעטן נישט דאנערשטיק. זיי ווערן פארוואנדלט אין סוחרים. ווייל דער איינציקער טאג ברענגט אריין א נישקשהדיק פארדינסטל. ס׳ווערן מערסטנטייל געקויפט פעלעכלעך פון האָזן, וואס פויערים שיסן ביינאכט, ביי דער לבנה שיין (ווייל דאס איז פאַרבאָטן) און די סחורה איז א גאנגבאַר ארטיקל. נאכן הערן דעם פרייז, וועגט מען די סחורה אַהין און אַהער, — אזוי עטלעכע מאל — און די וואָג איז אויף דער האנט געניט. זעלטן ווען עס שטימט נישט מיט 30 גראַם. ס׳הייבט זיך אָן א דינגעניש .ס׳טרעפן אויך פּיפּיקע פויערים וואס לייגן אריין אין קאָפּ פון פעלעכל א קעגנשטאנד ס׳זאל וועגן מער. אָבער די ארבעטער־סוחרים דערקענען גלייך דעם שווינדל און דעמאַסקירן דעם פויער. דאס פעלעכל ווערט דאַן פארקויפט פיל ביליקער.

נעבן דער סאָדע־בודקע קאָנצענטרירן זיך די אייער־סוחרים. פאראן אזעלכע, וואס פארקויפן נאכן מארק־טאג זייער סחורה צו די גרעסערע· די סחורה ווערט געפאַקט אין לאנגע קאַסטנס, אוועקגעשיקט (מערסטנטייל קיין קאַטאָוויץ). די אייער ווערן אויסגעציילט צו 6 מיט א מאל.

צווישן די אייער־סוחרים געפינט זיך אויך פייגעלע — א קליינע הענדלערקע מיט א גרויס מויל. אלע האבן מורא פאר איר· כדי נישט אריינצופאלן אין איר פּיסקל טרעט מען איר אָפּ. ס׳טרעפן זיך פויערים, וואס האבן נישט קיין צוטרוי צום פרייז, וואס זי באט זיי אָן, זאגן זיי צו קומען שפּעטער. דעמאָלט שטעלט זיך פייגעלע אויף אין איר גאנצער ברייט (ווייל קיין הויכע איז זי נישט) און טוט א זאג מיט איר צעדרייטן פויליש: „דו״ פויערל, פארקויף מיר דיינע אלע אייער. אויב ס׳וועט זיין טייערער, קום צו מיר און זאג; נעם איך גלייך ארויס געלט פון פארטעכל און צאָל גלייך אויס לויטן אָנגענומענעם פרייז״. און באלד גיט זי צו אין יידיש: „נאר פארקרענקען זאלסטו די פאר זלאָטעס, טאטע־פאַטער אין הימל״ יידן לאכן און פייגעלע איז שטאָלץ מיט איר האנדל.

צייטנווייז האט געהערשט אויך אויפן אייער־פּלאַץ א געשפּאַנטע שטימונג, ווען דער אנטיסעמיטישער גלח פלעגט שיקן פרומע קריסטן אויפצוקויפן די אייער, כדי צו שעדיקן די יידישע פרנסה. דערמאנט זיך מיר א בילד ווען דער רויטער גלח האט זיך אליין מטריח געווען און געקומען זען ווי דער האנדל גייט. ער האט גערופן די פויערים נישט צו האנדלען מיט די יידן. דעמאלט איז אויסגעוואקסן אונדזער פייגעלע מיט איר פה קדוש און אים באגריסט מיט אזא לשון: „דו רויטער גלח! פארוואס האנדלט נישט אונדזער ר׳ב מיט קיין אייער, און דו יא? פארוואס האסטו זיך פארלייגט אויף א יידישע פרנסה? אונדזער רב האט אויך א גויאישע פרנסה?״ דער פזמון איז געזאגט געווארן מיט א העכערן טאָן און מיט איר „גראמאטישן פויליש״, מ׳האט געקאנט פּלאצן פון געלעכטער. דער גלח איז פון כעס נאך רויטער געווארן, געכאפּט די פיס און אַנטלאפן. פאר אזא פארשטעלונג איז זי אפּגעזעסן אמאל אפאר טעג אין ארעסט· געוווסט האט מען, אז דאס וואס פייגעלע האט זיך געקאנט דערלויבן, וואלט קיינער נישט געוואגט. מ׳האט מיט אלע מעגלעכקייטן אויס־געמיטן מיט איר א צוזאמענשטויס.

דאס הינטער־געסל איז געווען א יריד פאר זיך. ס׳זענען דארט געווען קאנצענטרירט אלע קאנפעקציע־שניידער, אדער ווי מ׳האט עס גערופן: טאנדעט־שניידער. מיט א געוואלדיקער שנעלקייט זענען איבער דער וואך אויפגעגנייט געווארן צענדליקער אנצעגער, הונדערטער פאר הויזן. אויך הויזן, וואס זענען געמאכט געווארן פון שטאָף וואס איז אליין געשטאנען. פרעסן מיטן אייזן איז נישט נייטיק: א קלאָפּ מיט א פּאלקע און דער קנייטש איז געווען... דאס זענען געווען אזעלכע צייגענע הויזן, אדער ווי מ׳האט זיי גערופן: בלעכענע הויזן. די פויערים, קומענדיק אין די שטובן (די שטוב האט געדינט ווי א געשעפט) האבן נישט געוווסט וואס צו קויפן, ווייל דער אויסוואל איז געווען א גרויסער. די אנצעגער זענען געמאָסטן געווארן מיט דער גרעסטער פלינקייט. אויב דאס רעקל איז געווען אביסל צו ברייט, האט איינער געהאלטן

דעם הינטערטייל און פּאָרנט איז געשטאַנען דער גלאָווגע בעל־הבית און געשלעפּט פון אלע זייטן, דערביי געלויבט די סחורה ביז אין הימל ארײַן (פארשטייט זיך אז אויף גויאיש). און אז מ׳האט אים שוין אנגעווונטשן א „גוט יאר״, האט זיך ערשט אנגעהויבן דאס דינגעניש. לסוף: מ׳פּאַטשט זיך אין די הענט און דאס געשעפט איז געמאכט.

ס׳האבן אויך נישט געפעלט קיין קאָמישע סצענעס: א פויער הייסט זיך פארקויפן א פאסט־מארקע קיין פּשעמישל און דערביי דינגט ער זיך מיטן פרייז אז מ׳קאן פּלאַצן. קיין צייט איז נישטא, אבער דער פויער איילט זיך נישט, ער האָט תמיד צייט. אין מיטן דעם גאנצן געפילדער פלעגט קומען אויך די שווארצע מארישקע: א קריסטין, וואס לעבט נאר פון יידן. זי האט גערעדט א פרעכטיקן יידיש מיטן אקצענט. אז מיין גאטזעליקע מוטער האט זי געפרעגט: „מארישקע, וואס האָסטו געוואלט?״ האט זי געענט־פערט מיט א שמייכל: „פּאַטער (פטור) קודם אוועק די ערלים, די כאַמעס. דערנאך וועסטו מיר געבן״.

די טאַרגאָוויצע איז א יריד פאר זיך. דא פירט זיך נישט קיין געוויינלעכער מסחר, דא קויפט מען און מען פארקויפט אויף שווערע הונדערטער זלאָטעס: פערד, בהמות, אָקסן, קעלבער, חזירים. דאס הירזשען פון די בעלי־חיים פארטויבט די לופט. יידישע פערד־סוחרים — געהאַרטעוועטע, מוסקו־לירטע הענט מיט מאַזאָליעס, וואס מיט איין קלאפּ קאנען זיי א מענטש אוועקשיקן אויף יענער וועלט — זענען די אויפקויפערס פון די בהמות. מ׳קוקט אין די פּיסקעס, מ׳ציילט די ציין, מ׳שאַצט דעם עלטער, מ׳דינגט זיך מיטן פרייז, מ׳קלאַפּט זיך אין די הענט אזש פונקען פליען — און דאס געשעפט איז געמאכט.

פיפיקע קאָרטן־שפּילער נארן ארײַן דעם נאיוון פויער. מ׳ווארפט קאָרטן. אין א קורצער צייט בלייבט דער פויער אָן א פרוטה.

די שענק איז פול מיט פויערים. מ׳מאכט א גוטן לחיים. ווייל געלט איז דא. און אז מ׳איז שיכור, ווערט מען פריילעך, די צונג ווערט לויז. אָן א פארוואס זאגט מען זיך אין טאטן ארײַן. מ׳הייבט אָן צו וויינען, דערנאך צו לאכן און זיך צו קושן. גוט זיך אנגעקושט — הייבט זיך אָן דאס ביטערע געשלעג. נעבן אונדזער געוועלב האט דאס געשלעג אַמאָל אנגענומען אן ערנסטן כאראקטער. פלעשער מיט נאפט זענען געפלויגן פון אונדזער געשעפט. דער יונגער גלח האט דערהערט די געשרייען, איז ער אנגעלאָפן מיטן צלם אין האנט. ערשט דאַן איז געווארן אויס געשלעג.

זעלטן אז א מארק־טאג זאל אדורך און יוזעקל פּאָליציאַנט זאל נישט איבערגעבן עפּעס א נייעס פון מאגיסטראט. זיינע קליינע, גרויע אייגעלעך לויפן ווי ביי א מייזל. איך האב נאך אויף יוזעקלס פנים קיין שמייכל געזען. ברוגז אויף דער גאנצער וועלט, מארשירט ער זיך מיט לאנגזאמע מאיסטעטישע שריט און הערט נישט אויף צו פויקן. דאַן פארוקט ער די 2 שטעקלעך אין די כאָליעוועס, אויף דער שפּיציקער נאז טוט ער אָן דעם צוויקער, וואס האלט זיך אויף א שווארץ בענדל, נעמט ארויס א פאפּיר פון בוזעם־טאש, גיט א גרויסן און דערנאך א קליינעם הוסט דער קנאָפּ פונעם דארן גארגל לויפט אראפּ און ארויף און ער הייבט אָן מיט א ספּעציעלן ניגון. „כ׳גיב איבער פאר דער עפנטלעכקייט״...

אויסגעלאשן איז אלץ געווארן. נישטא מער קיין יידיש לעבן אין ראדאמישלע...

באמערקונג: אזעלכע מארק־טעג זענען ביי אונדז פאר־געקומען אין מיינע יונגע יארן; כ׳ווייס אבער נישט ווי א מארק־טאג האט אויסגעזען די לעצטע צייטן, ווייל ראדאמישלע האב איך פארלאזט 9 יאר פארן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג.

אברהם גראס

תל־אביב

יידן אין די פרייע פּראָפעסיעס

ווי אָרעם אין מענטשן פון די פרייע פּראָפעסיעס ראדאמישלע זאל נישט האבן געוועזן, האבן זיך דאך געפונען א פּאָר יידן צווישן זיי. אויב ס׳זענען געוועזן צוויי אדוואקאטן (לעצטנס — שוין דריי), איז כמעט תמיד געוועזן איינער א ייד; פון די שטענדיקע צוויי דאקטוירים — איינער א ייד; א ייד איז אויך געוועזן דער איינציקער וועטערינאר. אין די צייטן פון עסטרייך און אנהייב פון פּוילן איז געוועזן א יידישער ריכטער מיטן נאמען גריס (דערנאך איז ער געוועזן ריכטער פון קרייז־געריכט אין ריישע).

די יידן פון די פרייע פּראָפעסיעס האבן נישט תמיד געוואלט האבן א שייכות מיטן יידישן ציבור פון שטעטל. אַ לענגערע צייט איז ביי אונדז אפילו געוועזן אן אדוואקאַט מיטן נאמען ערב, וועלכער האט זיך דערנאך געשמדט.

אין די לעצטע יארן זענען געוועזן אייניקע יידן פון די פרייע פּראָפעסיעס, וועלכע זענען געוועזן נאציאנאַל געשטימט און זיך פאראינטערעסירט (ווער מער, ווער ווייניקער) מיטן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

מגר. פרוי אפּעל

די ראדאמישלער אַפּטייק איז אייביק געוועזן אין קריסטלעכע הענט. לעצטנס האט זי אבער אפּגעדונגען פרוי מגר. אפּעל, וועלכע האט געשטאַמט פון אן אנגעזעענער פאַמיליע אין סאַנאָק. דער פאטער איז דארט געוועזן גימנאַזיאַל־לערער, דער מאַן אירער איז געוועזן אן אַדוואָקאַט, וואס האט פּראַקטיצירט אין אן אנדערער שטאָט. זי האט אונטערגעשטיצט אונדזערע אלע נאַציאנאַלע פאנדן, געגעבן שפּענדעס פאר יידישע צוועקן און פאר דעם פינף־יעריקן זון האט זי געהאַלטן אַ ספּעציעלע גוווערנאנטקע, וואס האט דאס קינד געלערנט רעדן העברעיש.

די פאמיליע ד״ר לעאָן און שרה שפּיגעל

אן אַקטיוו פּאָר־פּאָלק אין יידישע און ציוניסטישע פראַגן זענען געוועזן ד״ר לעאָן און שרה שפּיגעל. די פרוי שפּיגעל איז אפילו געוועזן אַקטיווער פון דעם מאַן. ס׳איז נישט געוועזן כמעט קיין ציוניסטישע און אַלגעמיין־יידישע אינסטיטוציע, וווּ זיי זאלן נישט זאגן זייער ווארט און נעמען אן אַקטיוון אנטייל.

פרוי שרה שפּיגעל (אליין אן אָפּשטאַמענדיקע פון טאַרנע), די טאכטער פון ר׳ בעריש גרין, א ייד א חסיד און א רייכער סוחר, האט באקומען א גוטע יידישע דערציונג.

זי איז געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון דער שטודירנדיקער יוגנט אין ווין, ווו זי האָט שטודירט. אַליין אַ גוטע רעדנערין, האָט זי געפּלעגט אַרויסצוטרעטן מיט פאַרשידענע לעקציעס, רעפעראַטן, באַטייליקן זיך אין פאַרשידענע דיסקוסיעס. א הייסע אָנהענגערין פון דער גרופּע ב׳ (פון די אַלגעמיינע ציוניסטן), האָט זי אַ סך צייט און מי אוועקגעגעבן פאַר דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג „עקיבא", ווו זי איז געווען פאַרזיצערין פון פּאַטראָנאַט און געהאַלטן דאָרט רעפעראַטן. דורך דער גאַנצער צייט, ווען זי האָט געוווינט אין שטעטל, איז זי געווען קאָמיסאַרין פון קרן קימת, פאַרזיצערין פון ועד תרבות,



ד"ר שרה שפּיגעל (האַלט אויף איר שויס איר יינגעלע בענעק), ד"ר לעאָן שפּיגעל און זייער זון אברהם.

געהאָלפן שאַפן א העברעישע שול. אויך אירע קינדער האָט זי געשטרעבט צו דערציען אין יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט.

לעאָן שפּיגל האָט זיך מער פאַראינטערעסירט מיט אַלגעמיינע יידישע ענינים. ער איז געווילט געוואָרן אין שטאָט־ראָט (אין 1934), געווען פאַרזיצער פון גמילות חסדים קאַסע. אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט ער געפלעגט זיין דער פאַרזיצער פון לאָקאַל־קאָמיטעט, פאַרזיצער פון קרן היסוד, געפאָרן אויף צוזאַמענפאָרן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אויך פון צייט צו צייט געהאַלטן פאָרטראַגן אין ביבליאָטעק זאַל. געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. ליידער האָט זיי געטראָפן דער גורל פון אַלע יידן אין לעמבערג. ווו אהין זיי זענען אנטלאָפן.

ד"ר צבי טראַו

ד"ר צבי הערש טראַו איז געווען אַ מעדיקער. אַליין האָט ער געשטאַמט פון דאַמבראָווע גורניטשע, געווען נאָענט אידעיש צו דער ציוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „התאחדות". ביי אונדז אין שטעטל איז ער געווען אַסך יאָרן. ער האָט אויך חתונה געהאַט אין שטעטל מיט דער צייַן־דאָקטאָרין פּאַליע בינדער (אַ טאָכטער פון א פּוילישן אַרמיי־אָפיציר).

ד"ר טראַו האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גוטער באַציונג, מענטשלעכקייט. ער פלעגט באַזוכן קראַנקע אומזיסט, געבן אומזיסטע באַשטעטיקונגען פאַר די חלוצים, וואָס זענען עולה געווען, א סך געשפּענדט פאַר קרן קימת, ווי אויך פאַר קרן היסוד.

ד"ר לעאָן שלעזינגער

ד"ר לעאָן שלעזינגער איז געווען דער וועטערינאַר־דאָקטאָר, א שוואָגער פון ד"ר טראַו (דורך די פרויען). אַליין איז ער געווען א פאַרברענטער אַסימילאַטאָר, אַן אָנהענגער פון פּילסודסקין. גראַד ווי אַלע אַסימילאַטאָרן, האָט ער נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער יידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, זיך געחברט מיט קריסטן און פון דער צווייטער זייט — מיטן רב און די ראשי קהל, ווייטע פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. בשעת די וואַלן פון 1928 און 1930 האָט ער געפירט אַן אַגיטאַציע (צוזאַמען מיט די חסידים און אגודה) פאַר דער רשימה פון פּילסודסקיס בלאָק. אין שול פלעגט ער גיין יום כיפור צו כל נדרי און ראש השנה — הערן שופר־בלאָזן.

אין יאָר 1932 איז ביי אים פאָרגעקומען אַן איבערברוך: ווען ער איז מיט זיין פאַמיליע אַמאָל געווען ביים דענטיסט קאַנענגיסער (ווו איך האָב געאַרבעט) האָב איך אים פאָרגעשלאָגן ער זאָל געבן אַ שפּענדע אויף דער אַקציע פון זומער־קאָלאָניעס פון דער „עקיבא". ער האָט מסכים געווען, נאָר געבעטן איך זאָל אים דערקלערן דעם ציל פון דער קאָלאָניע. נאָך אַ געהעריקער אויפקלערונג וועגן דעם און דער באַדייטונג פון קרן קיימת, האָט ער געגעבן א שיינע שפּענדע און דערקלערט, אַז ער איז גרייט צו זאַמלען פאַר קרן קימת. ווען מיר האָבן צונויפגערופן אַ זיצונג פון קרן קימת אין דער ביבליאָטעק, איז ער געווילט געוואָרן פאַרן פאַרזיצער. ביי דער זיצונג האָט ד"ר שלעזינגער פאָרגעשלאָגן צו מאַכן אַ באַל פאַר דעם קרן קימת. דער באַל איז טאַקע פאָרגעקומען אין „סאָקול" און די פרוי זיינע מיט אים האָבן גענומען אַ גרויסן אנטייל אין דעם. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט דער ראַדאָמישלער יידישער יוגנט און זינט דאַן האָבן זיי זיך דערנענטערט בכלל צו די יידן אין שטעטל.

לאָמיר אויך דערמאָנען צווישן דער יידישער אינטעליגענץ — וואָס האָט געוווינט און געווירקט א געוויסע צייט אין ראַדאָמישלע — דעם אַדוואָקאַט ד"ר באַנדלער (א הייסער איבערגעגעבענער ציוניסט און קולטור־עסקן), ווי אויך דעם העברעישן לערער אריה ווילק (פון סאַנאָק), וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין א קאָרעספּאָנדענץ אין „נאָווי דזשענניק" פון אויגוסט יאָר 1927:

„גרויס ראַדאָמישלע (אייג. קאָרעספּ.) פון יידישן לעבן, לעצטנס האָט מען אָרגאַניזירט ביי אונדז א העברעישע שול,

וועלכע ווערט איצט אָנגעפירט פון אויסגעפרוווטן לייטער ה׳ לאנדער. די פרעקוועַנץ איז א היפשע און דער איינפלוס פון דער שול אויף דער העברעיזירונג פון דער יוגנט איז א צופֿ־רידנשטעלנדיקער.

די ביבליאָטעק, געשאַפן מיט 5 יאָר צוריק, אַנטוויקלט זיך זייער גוט. די אפטע רעפעראטן ווירקן צום דערהייבן פונעם קולטור־ניוואָ פון דער יוגנט. לעצטנס האָט דער לערער פון דער העברעישער שול, ה׳ ווילק, געהאלטן אַ רעפערט א.ד.ט. „די העברעישע שפּראַך און דער רענעסאַנס פון יידישן פאלק. דאָס יידישע לעבן בכלל און דאָס ציוניסטישע בפרט אנטוויקלט זיך לעצטנס זייער גוט אַ דאַנק דער איניציאטיוו פון די ה״ה ווילק און ד״ר באנדלער.


מעדיצינישע ארבעטער

ביי אונדז אין שטעטל זענען שטענדיק געווען צוויי פּראַק־טיצירנדיקע דאָקטוירים מעדיצינער, וועלכע זענען געקומען צו אונז פון דער פרעמד און זיך באַזעצט אין שטעטל. דער איינציקער אין ראדאמישלע געבוירענער דאָקטאָר, משה פעלץ, האָט גאָר געוווינט אין קעלץ ווו ער איז געווען אן אנגעזעענער דאקטאָר און אן ערנסטער געזעלשאַפטלעכער עסקן.

דער קלענערער מעדיצינישער פערזאנאַל פון שטעטל איז געווען אַ היימישער, אן אייגענער, ווי דער פעלטשער ר׳ יעקב פעלץ (געווען אַ צייט וויצע־בירגערמייסטער פון שטעטל), די הייבאם — זיין ווייב, סאָרטשע.


די אייגנטימערין פון דער אַפטייק איז געווען א יידישע פרוי, געקומען פון דער פרעמד (סאָנעק), די פראַקטיקאנטקע — א ראַדאָמישלערין, רבקה געלדציילער.

א ריי יאָרן האָבן ראדאמישלער זיך געהיילט די ציין ביי דענטיסטן אין טאָרנע, אָדער מעליץ. סוף צוואַנציקער יאָרן האָט זיך באזעצט אין ראַדאָמישלע דער דענטיסט א. קאַנענ־גיסער, ביי וועמען עס האָבן פראַקטיצירט: פעשקע געלד־ציילער, אברהם גראָס און חיים אייזענבערג (היינט — דענטיסט אין פאַריז). אברהם גראָס האָט זיך דערנאָך געעפנט א דענטיסטישן קאַבינעט אין ראַדאָמישלע, ווי אויך אין דעם שכנות׳דיקן פלאנטש.



פון לינקס: רבקה געלדציילער און איר חברה קלארא.


קורץ, פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט אברהם אשהיים, דער איידעם פון ר׳ יחיאל ווינד (דער מאַן פון זיין טאָכטער איטע), זיך געעפנט א דענטיסטן־קאַבינעט.



עס זיצט: מאיר דער זון פון גימפל גרין, וועלכער האט פראקטיצירט ביי אברהם גראס: עס שטייט — אברהם גראס.



דער דענטיסט אברהם אשהיים און זיין פרוי איטע.



ר׳ יעקב פעלץ




סארטשע פעלץ



ד״ר משה פעלץ

אלס קאפיטאן אין דער פוילישער ארמיי



עס זיצט: אברהם גראס; ס׳שטייען: דער דענטיסט קאנענג־סער און זיין פרוי ערנא.

פון דער כראניק

אין סטענאָגראפישן באַריכט פון פוילישן סיים, נומער 42, פון 27.5.1919 געפינט זיך אן אינטערפעלאציע. דער באַקאַנטער אין אונדזער קרייז פויערים־דעפוטאט (נישט קיין גרויסער יידן־פריינד) קרעמפע, אינטערפעלירט דעם יוסטיץ־מיניסטער וועגן „דער ספעקולאַציה וואס עס מאַכט מאָראָז מאיר פון וואַדאָוויץ גורנע, מעליצער פאוויאט, אייזלאנד רובין פון קראָקע און ספולקע,ביים פאַרקויפן ערד אין רודע מעלצער פאוויאט״.

דער נאָמען אייזלאנד אנשטאָט צו זיין געשריבן אין געניטיוו (אין הסכם מיט דער פוילישער גראמאטיק) איז געשריבן אין נאָמינאַטיוו; ווייל זיך דעריבער צולאָזן די השערה אז, רובין איז נישט קיין אייגנאָמען (ראובן), נאָר אַ פאַמיליע־נאָמען רובין; און אז אין דעם פאל רעדט זיך וועגן צוויי פאַמיליע־נעמען: אייזלאנד, רובין און ספולקע. אייזלאנד האָט געקאָנט זיין ר׳ שמעון אייזלאנד, אדער זיין ברודער ר׳ משה לייב, וואָס האָט געוווינט אין וואדאוויץ. ביידע האָבן זיך פארנומען אין יענער צייט מיט באָדן האַנדל. רובין, זאָל עס זיין דער באַקאַנטער קראקעווער גביר, ר׳ אלטער רובין, אז אינהאבער פון א גרויס הויז אויף דיטל־גאַס און שוועסטער־קינד פון ר׳ חיים הערש אייזלאנדס קינדער.

אזוי איז יעדע יידישע פרנסה געווען ביי דעם אנטיסעמי־טישן פויער ספעקולאציע, און יעדער ייד „זשיד־ספעקולאַנט״.

וועגן דעם זיכערקייט־מצב לייענען מיר אין „נאָווי דזשענ־ניק" (פון 8.9.1926) :

גרויס ראַדאמישלע (אייג. קאָרעספּ.) די באַנדיטן־פּלאָג אין מעליצער פּאָוויאַט, אין קרייז פונעם זיך־אָרט פון ראַדאָמישלער פּאָוויאַטאָווע געריכט, געפינט זיך די באַפעלקערונג, אזוי די שטעטישע ווי פון דער סביבה, אין כסדר'דיקן פּחד און מורא פאַר זייער לעבן און פאַרמעגן, צוליב די פיל באַנדיטישע אַנפאַלן, וואָס ענדיקן זיך שטענדיק מיטן טויט פון די אומ־שולדיקע קרבנות. אין דער צייט פון די לעצטע צוויי וואָכן (פון 15־טן ביזן 29־טן פאַרגאַנגענעם חודש) האָט מען אויס־געפירט אין דער סביבה פיר רויב־אַנפאַלן.

אין ראַדאָמישלע אליין, א האנדלס־שטעטל מיט א שטאַרקן פאַרקער פון דורכרייזנדיקע, מיטן זיך־אָרט פון אַ פּאָוויאַטאָווע־געריכט, ציילט דער פּאָליציי־פּאָסטן קוים צוויי פּאָליציאַנטן, מיט איין קאָמענדאַנט. די צאָל פּאָליציאַנטן איז זיכער קליין, צוליבן פאַרשפּרייטן זיך פון באַנדיטיזם איז נויטיק כאָטש אויף אַ געוויסער צייט צו פאַרגרעסערן די מלוכה־פּאָליציי אין דעם ראיאָן און צוטיילן נאָך דריי פּאָליציאַנטן קיין ראַדאָמישלע, כדי זיי זאָלן קאָנען דערפילן זייער פליכט צו צוויי, ווייל די באַנדיטן באַווייזן זיך צום ווינציקסטן צו פיר מענטשן.

די באַלדיקע ענערגישע פאַראָרדנונג פון דער מאַכט איז נויטיק. עס וואָלט אויך געווען געווונטשן אדורכצופירן מיליטער אַבלאַוועס אין די דערפער פון דער סביבה.

דער „נאָווי דזשענניק" (8.11.1926) שרייבט :

„אין ראַדאָמישלע איז געעפנט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן צום עפנטלעכן געברויך אַ טעלעפאָנישע צענטראַלע".

„נאָווי־דזשעננניק" (4.11.1927) :

„דער צענטראַלער רעטונג קאָמיטעט אין קראָקע האָט צוגעטיילט א סובווענץ פאַר ראַדאָמישלע".

מ. א.

ד

משפחות
פאַמיליעס

א. י. מהלר
תל־אביב

ר׳ לייביש אייזלנד ז״ל

ר׳ לייביש אייזלנד, מחסידי ז׳בנה ומנכבדי ה„קלויז", היו שלוש זכויות: א) זכות עצמו; ב) זכות אבות; ג) זכות בנים.

זכות אבות: אביו היה ר׳ יחזקאל אייזלנד, מראשוני חסידי ז׳בנה, איש ירא־שמים, זקן־משפחת אייזלנד.

זכורני, לפני ששים שנה, בערב ראש השנה, ר׳ יחזקאל היה כבר זקן מופלג ותשוש־כוח, לא יכול להצטרף לחבורה ולנסוע לרבי מז׳בנה. אבי ז״ל נכנס אתי לקבל ברכת פרידה לפני הנסיעה. משפחת אייזלנד, ר׳ יחזקאל, ר׳ שלמה ור׳ חיים־הרש — היה להם רגש משפחתי מפותח. הסבא של אבי, ר׳ יוסקה, היה דודם.

אבי ז״ל היה אומר בבדיחותיו, האייזלנדים הם לא סתם משפחה, הם ממלכות בית־דוד.

זכות בנים: הבן הבכור, ראובן אייזלנד, היה משורר וסופר. נסע בצעירותו לאמריקה ונתפרסם שם. בנו, הצעירים, הדבר עשה רושם. אבל, במיוחד נמשכו אחרי הבן הרביעי בריש אייזלנד. הוא היה בשבילנו האורים־ותומים בענייני ציונות. היה מורשה מטעם הקרן הקימת לישראל ובפורים היה אוסף כספים למען הקרן.



ר׳ לייביש אייזלנד

באותם הזמנים היתה זאת העזה להראות בריש גלי שהוא ציוני. היינו נכנסים לחנות לשיחה קלה על דא ועל הא. ר׳ לייביש היה אדיב מאוד כלפינו. היה מטבעו מתון וקיבל אותנו בסבר פנים יפות.

זכות עצמו: ר׳ לייביש היה בעל מידות יפות ובעל־צדקה, ירא־שמים ומשמש תלמידי־חכמים. אחרי פטירת אביו, ר׳ יחזקאל, היה ראש משפחת האייזלנדים. כולם חיבבו אותו והתייחסו אליו בדרך־ארץ רבה.

יונה (מבית אייזלנד) רייכמן
רמת־גן

אבי ר' שמעון אייזלנד ז"ל

אבי ר' שמעון ז"ל היה בנו הצעיר של ר' חיים־הרש אייזלנד, שהיה ידוע כאיש חסיד ז'בנאי, בעל־תפילה ב„ימים הנוראים" בקלויז ובנו של ר' יחיאל סטוצינר המורה לתלמוד („דער גמרא מלמד").

אבי היה בין המעטים בגילו (נולד ב־1879), שסיימו בית־הספר הפולני בעיירה בן 4 כיתות (לא היו יותר) ויכול היה להתבטא חופשית בפולנית בישיבות של המועצה של העיר בזמן שהיה חבר בה.

בימי בחרותו נחשב בין חובשי בית־המדרש, ידע ללמוד דף גמרא ונחשב בין יודעי־ספר בעיירתנו.

היה איש נבון, מקובל כבורר בין סיכסוכים שונים ואיש־סוחר ששלח את ידו בענפים שונים של מסחר ומלאכה כדי להרוויח את פת לחמו. בין העסקים השונים של אבא היתה גם בנקאות שהיתה נפוצה באותה התקופה בעיירתנו, לפני המלחמה העולמית הראשונה. בזמן המלחמה ואחריה היה סוחר סיטונאי של בדים ביחד עם שמעון זיגפריד; באותו זמן היתה לו חנות של פירות סוב־טרופיים בקרקוב בשותפות עם ישראל אייזלנד וגם קנה חלק של בית בקרקוב שהחזיק בו עד הזמן האחרון.

היה בין חלוצי הייצוא של הכובעים מעיירתנו למקומות שונים של האימפריה האוסטרית־הונגרית. שותפו למיסחר הכובעים היה דודי מרדכי גולדפינגר הי"ד. בסדנה שהקים לתפירת הכובעים עבדו פועלים מעיירתנו וגם מחוץ לעיר. כך עבד אצלנו פועל אחד שבא מפולין הקונגרסאית.

היה אחד מהעוסקים בצרכי ציבור באמונה. היה חבר במועצה העירונית, חבר בחברה קדישא, חבר בוועדים שונים שקמו לעזור לנצרכי העיירה.

היה חבר וועדת ההצלה, שקמה בסוף המלחמה העולמית הראשונה כדי לחלק את הסעד שנתקבל מאמריקה. היה בין מנהלי הצרכניה (קונסום), שהוקמה באותן השנים. היה אחראי על חלוקת מנות קמחא־דפסחא באותם הימים (חנותנו הפכה למשרד לחלוקת תלושי המנות). גם בשלהי שנת 1939 מופיע הוא בין אנשי ההנהלה של קופת גמילות־חסדים בעיירה. היה מתומכי הרב והיה יושב כבא־כוח מפלגת הרב בועדות הבחירות השונות לעיריה וגם לקהילה. מטעם מפלגה זו נבחר לחבר המועצה העירונית בבחירות של 1927. היה בין מוקירי הרב והיתה לו חזקה לזמר מיספר זמירות בסעודה השלישית שהתקיימה בבית הרב. בימים שנסע לרבי מז'בנה עבר לפני התיבה בתפילת מוסף של חג השבועות.

מטבעו היה נוח לבריות ואהב לעזור לזולתו. כחבר מועצת העיריה השתדל עד כמה שהיתה ביכולתו לטובת בני עמו אצל מזכיר העיריה או אצל יושב־הראש שלה (שנקרא אצלנו בורמישץ').

נזכרת אני בעובדה אחת: בזמן השריפה אצל בלומה קוך החליטו מכבי־האש להרוס לגמרי את השלד של הבית שנשאר אחרי השריפה. בלומה ע"ה באה אלינו וביקשה מאבא ז"ל שיעזור לה ושישפיע על מכבי־האש שלא יוציאו את החלטתם זו לפועל. אבא ניגש אליהם וביקש בדברים רכים שירחמו על אלמנה ענייה ושלא יבצעו את מזימתם. אבל הם ענו לו קשות ואיימו עליו שהוא מתערב בדברים שאינם נוגעים לו. אבא לא נרתע מדבריהם, התחיל שוב מוכיחם, שתפקידם הוא כיבוי, לכבות את האש ולא הריסת מבנים, ועלה בידו לשכנעם בצידקת עמדתו והבית לא נהרס.

הרב ר' חיים אנגל זצ"ל היה ידיד טוב של אבא ז"ל, הרב התייעץ עם אבי ולא פעם צירף אותו לבוררות.

נזכרת אני באחד המקרים: פעם אחת, בשעה מאוחרת בלילה, דופקים בחלונותינו. על השאלה מי שם? — עונה הרב, שהוא מבקש שאבא ייכנס אליו לעזור לו בבוררות. אבא הלך והשתתף בדיוניהם ורק כאשר עלה השחר חזר



ר' שמעון אייזלנד עם חלק ממשפחתו
יושבים — מימין לשמאל: ר' שמעון, בתו רייזלה ואשתו שפרה
עומדים — מימין לשמאל: מלה, גרשון ואביגדור (שנפטר בארץ, בחודש תמוז, תש"ד)



ברייננדל הרץ, בתו הבכורה של ר' שמעון אייזלנד, אשתו של שמואל הרץ, שגרה בטרנוב, עם שני בניה: דן (הבכור) ופסח.

הביתה. הרב רצה לשלם לאבא בעד טרחתו, אבל אבי ענה: זאת פרנסת כבודו ולא שלי. ואני רק עזרתי לו.

— לא, אמר הרב, זאת היתה יותר ממעשה טוב, יותר מעזרה, עבדת וטרחת יותר ממני; ואמר לו „יישר כוחך!"

אבא, אמא ואחותי הצעירה רייזל (אחותי מלה נהרגה בדרכה למיאֶליץ ביום חיסול יהודי מיאֶליץ) הספיקה עוד לברוח לפני חיסול העיירה לטרנוב שם גרה משפחת האם ולחיות זמן רב בבונקר שממנה הוצאו (לפי המסופר) ב־ה' בחנוכה תש"ג ונהרגו על קידוש השם. אחותי רייזל שעבדה כתופרת בסדנות הגיטו שבראשה עמדה בת־דודי דבורה רוזנצווייג־גולדשטיין נשלחה יחד עם כל העובדות למחנה פלשוב.

בשואה ניספו גם אחותי בריינדל הרץ שגרה עם שני בניה: דן ופסח בטרנוב, וגם אחי גרשון עם משפחתו.

יהי זכרם ברוך!

אהרן אלטמן

אבי ר' שמואל אלטמן

(לרגל הופעתו של הספר רדומישל רבתי)

מלים ספורות אודות משפחתנו הענפה ובמיוחד אודות אבי, ר' שמואל אלטמן ז"ל.

אבי ז"ל, היה גאון ואחד מחסידיו החשובים ביותר של הרבי מפלאנץ' ז"ל. הוא היה מן המעטים שידע לחזור על התורה ששמע מפי הרבי מפלאנץ'. מתמיד היה. מימי נעוריו היה עסוק בלימוד תורה יומם ולילה, ואפילו לא החסיר מלומר תהילים בצוותא בשבת אחרי הצהרים.

הקים דורות של לומדי תורה, אעפ"י שבמובן הפוליטי לא היה תמים־דעים עם חלק מתלמידיו, בכל־זאת ידע לקשור איתם יחסים חברתיים. היה אוהב ישראל ואוהב הבריות, ידע לתמוך בעניים ולקבל כסף בעבורם, היה חתנו של ר' חיים פפר ז"ל, שגם הוא היה מן הגאונים שבגליציה, שנפטר בארץ ישראל.



ר' שמואל אלטמן



אלימלך אלטמן, בנו של ר' שמואל, היה שו"ב בנובי־סונץ'



לאה אלטמן, אשתו של ר' שמואל



יוכבד אלטמן, בתו של ר' שמואל,

אשתו של ר' שמואל אלטמן, לאה אלטמן (פפר), היתה אחת האימהות הטיפוסיות והצדקניות שבדורנו. היא עזרה לחנך את בניהם לתורה וליראת שמים. אבי רצה במאוד לעלות לארץ ישראל, ולדאבוני הרב שאיפתו ורצונו לא יכלו להתגשם מפני שבנו אהרן פפר לא היה יכול לדרוש את אביו ר' שמואל אלטמן ושלאמתו של הדבר שמו היה גרוס.

בנם אלימלך שהיה שו"ב בנובי־סונץ' ניספה בעיר זו. היה אחד מן הקרבנות הראשונים בעירו, יחד עם אשתו וילדיהם.

בנם עקיבא, אשתו וילדיהם ניספו באושוויץ; בתם היחידה, יוכבד, ניספתה יחד עם ההורים; בנם יוסף נפטר בארץ־ישראל, בפתח־תקוה.

ר' אשר ר' איטשעס ז"ל

פון זיינע אייניקלעך: **צערקע באלזאם, שמעון באלזאם**

נאָך אַלס קליינע קינדער האָבן מיר געוווּסט, אַז אונדזער זיידע, ר' אשר ר' איטשעס, איז עפּעס מער פון אנדערע בעלי־בתים אין שטעטל. ווען אַ באַקאַנטער האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַר אַ פרעמדן, האָט ער אונטערגעשטראָכן: דאָס זענען ר' אשר ר' איטשעס אייניקלעך.

אונדז האָט דאַן אינטריגירט די פראַגע: פאַרוואָס שטעלט מען אונדז פאַר אויפן נאָמען פון זיידן? אָבער קיין גרויסע זיבן זאַכן זענען מיר פון די עלטערן נישט געוווּיר געוואָרן. ביזן היינטיקן טאָג ווייסן מיר נישט עפּעס מער קאָנקרעטס וועגן זיין טיפער מענטשלעכקייט, יידישקייט און גוטסקייט. דאָך ווילן מיר פּרוּוון איבערגעבן דאָס ביסל, וואָס מיר



ר׳ אשר, ר׳ איטשעס

ווייסן יא וועגן אים, כדי עפעס ארויסצוברענגען פון דער שטראַלנדיקער פערזענלעכקייט, אונדזער זיידע, עליו השלום.

דער זיידע איז געבוירן געווארן אין טאָרנע ביי אונדזער עלטער־זיידן, ר׳ ישראל שאפירא פון סטאשעוו (קאנגרעס־פוילן). מען האט אים טאקע אויך גערופן ר׳ ישראל סטאַשעווער. ער איז אַנטלאָפן פון סטאַשעוו צוליב מיליטער־דינסט קיין טאָרנע און אנגענומען דעם פאמיליע־נאמען באלזאם.

ר׳ אשר יצחק (דאס איז געווען דער פולער נאמען פון זיידן) האט חתונה געהאט קיין ראדאמישלע, געווארן אן איידעם ביי דעם באקאנטן ראדאמישלער בעל הבית ר׳ איטשע (פון דאַנען שטאמט דעם זיידנס נאמען ר׳ אשר ר׳ איטשעס). צווישן ר׳ איטשעס איידעמס האט זיך אויך געפונען ר׳ שלום ווידער, אַ ייד א תלמיד חכם.

אין אונדזערע צייטן איז דער זיידע געווען א גמרא מלמד און די באבע רייזל האט געהאלטן א שטעלעכל פון גאַלאַנטעריע אין מאַרק. קיין גרויסער גביר איז דער זיידע נישט געווען, אבער ער האט ליב געהאַט זיך צו פירן ברייט, ווייל פון דער טבע איז ער געווען א נוח לבריות און א מזג טוב. ווען עס האט זיך אמאל געטראפן, אז אן ארעמאן האט אויפגעמאַכט די טיר און געזען א ייד א מלמד קנעלט מיט תלמידים, איז ער באַלד אנטלאפן. ווייל: וואס קאן ער שוין באַקומען פון א מלמד? דער זיידע איז אים נאכגעלאפן און מיט געוואַלד אים ארייגעשטופט א נדבה — נישט קיין קלענערע ווי פון דעם שענסטן גביר. ביים טרינקען א גלעזל ביר מיט חברה, האט ער באצאלט פאר אלע. אין שטוב ביי אים האט זיך שטענדיק געפונען א פלעשעלע מיט שנאַפּס און א צובייס פאר אַ גאסט, אדער סתם א ייד, וואס גייט פון דאווענען און טרעט אָן ביים זיידן א „שהכול" צו מאַכן.

מען האט נאכדערציילט א מעשה: אמאל האט דער שניידער (מיטן צונאמען שטוצער) געבראַכט דעם זיידן א פאראכטענעם איבערציער (דער זיידע איז געווען א גרויסער מפונק אויף ריינקייט, ווי עס פאַסט פאַר אַ ייד א תלמיד חכם. דאס מלבוש האט געמעגט זיין געלאַטעט, נאר ריין און נישט צעריסן) האט ער אויפגעפאַסט, אז די באבע זאל נישט זיין אין שטוב (די באבע האט נישט געשמט פאר א געלט־ארויסווארפערין) און דער זיידע האט אים באצאלט לויטן שניידערס ווונטש און נאך עפעס מער.

דער זיידע האט זיך קיינמאל נישט געשווירן און קיינמאל נישט ארויסגעלאזט קיין קללה פון מויל. ווען די תלמידים האבן אים שטארק דערצערנט, האט זיך אויך דער כעס (ער איז געווען א כהן...) פאַרוואַנדלט אין אַ געלעכטער.

ער איז געווען אַ געטרייער זיידע פאר אונדז, זיינע אייניקלעך. ווען ער האט געהאט אַ מינוט צייט, האט ער אונדז באַזוכט. זיין דערשיינען איז געווען פאר אונדז אַ פרייד. אייביק מיטן שמייכל, מיט א גוט ווארט; וואס מאַכט מען? ווי אזוי גייט עס אין לערנען? באזונדערס פלעגט ער אונדז באַזוכן אין די טעג פאר תשעה באב און יום כיפור (פארן פאַסטן), זיך נאכגעפרעגט אויף אונדזער געזונט און געפרווט מיט אלע מיטלען אונדז צו פארלייכטערן דעם תענית. אַליין א מחמיר פאר זיך, האט ער געפרווט אייביק מקל צו זיין פאר אנדערע.

אין דעם זין איז ער געווען ענלעך צום ראדאמישלער רב, ר׳ שמואל ענגיל, וועמען דער זיידע האט פאַרערט. איבערהויפט האבן מיר ליב געהאט צו באַזוכן דעם זיידן שבת נאכן עסן, ווען די אייניקלעך, די יינגלעך, זענען זיך געגאנגען צו אים פאַרהערן און באַקומען שבת־אויבסט.

ער איז געווען שטארק בכבוד ביי די אינווינערס פון שטעטל, ביי יונג און ביי אַלט, געהאט א השפעה אויף אויף דער נייער, אונטערגעוואַקסענער יוגנט, וועלכע האט אנגעהויבן צו גיין אין די וועגן פון די משכילים און ציונות.

אזוי דערציילט מען נאך א פאר פאַקטן וועגן דעם דרך ארץ, וואס מען האט געהאט פאר אים: כאָטש ער איז נישט געווען קיין גרויסער בעל מנגן דאך האָט מען אים מכבד געווען (ער האט געהאַט א חזקה) מיט „אתה הראית..."

ער איז אויך נישט איינמאל געווען גבאי אין בית המדרש. מען דערציילט, אז ווען אמאל האט זיך אין בית המדרש פארזאמלט א גרופע בחורים שוין אויפגעקלערטע, וועלכע זענען ערשט נישט לאַנג אוועק פון בית המדרש־באַנק. מיט זייער רעדן האבן זיי געשטערט דאס דאַווענען און קיינער פון די בעלי־בתים האט נישט געקאַנט זיי איינשטילן, איז מען געגאנגען צו ר׳ אשר ר׳ איטשעס זאל אויף זיי ווירקן. ער האט טאַקע געווירקט, ווען ער איז מיט גוטן צו צו זיי — און עס איז באַלד שטיל געווארן. בכלל איז זיין מעטאד אין לערנען, אין באציונג צו דער יוגנט, וואס איז געווען בבחינת הציץ ונפגע, געווען צו גיין מיט אַ מקל נועם און דאס, וואס אַנדערע איז נישט געלונגען מיט בייזן, איז אים געלונגען מיט גוטן, מיט זיין טאקט.

דער זיידע איז כל ימיו געווען אַ דעמביצער חסיד און ווען ער איז געפארן צום רבין, איז ער געזעסן אויבן־אָן ביים רבינס טיש. ער איז אויך געווען א קרוב פון דער רבנישער משפחה אין ראדאמישלע און דערפאַר האט ער געהאַט די חזקה אויף צו פארשרייבן חמץ (אחוץ דעם רב פון שטעטל).

אליין א גרויסער תלמיד חכם, האט ער נישט איינמאל געפסקנט שאלות אין דער צייט ווען ר׳ חיים ענגיל איז

נישט געוועז אין שטאט (דער רב האט געבעטן אים ער זאל דאס טון).

דער זיידע עליו השלום איז געשטארבן אין שבועות תרע״ז, אין עלטער פון 75 יאר. פארן שטארבן האט ער געזאגט, אז ער שטארבט אין דעם טאג אין וועלכן דוד המלך איש געשטארבן.

פינחס כהן, ז״ל

לזכר אבי היקר שאול בטהייל ז״ל

איני מתיימר לתאר כאן תיאור מלא את דמותו של אבי ז״ל, היות וזה לא לפי כוחותי ולא לפי כשרוני, אבל אשתדל לתאר כאן במיספר קוים את דמותו כפי שנשתמרה בזכרוני כדי שנכדיו, אם ספר זה יגיע במקרה לידיהם, ידעו מי היה סבם.

ובכן, אבי ז״ל היה יהודי אדוק וחרד על קוצו־של־יוד, יהודי יודע־ספר וסוחר מכובד ומוכר בעיירה שהתפרנס בכבוד, אהוב על הבריות בלי יוצא מן הכלל בעיני נער וזקן, דתיים וחופשיים, נעים־שיחה והיה תמיד מוצא איזושהי בדיחה כדי לגרש את המרה־שחורה שהיתה שוררת בעיירה הקטנה בדרך־כלל. אדיקותו לא הפריעה אותו להיות ידיד וחבר לאנשים שהיו להם השקפות־עולם אחרות; כך למשל, היה חברו וידידו הטוב משך כל השנים של ר׳ בייריש אייזלנד ז״ל, יהודי יקר, אבל היה צעיר הרבה יותר ממנו ואחד ממשכילי רדומישל, שהיה מתקדם הרבה יותר מאבי ז״ל והיו לו השקפות אחרות לגמרי על החיים; הם יחד היו ממייסדי קופת גמילות־חסדים וממנהליה, אם אינני טועה, עד הזמן האחרון, כלומר, עד חורבן העיירה. אבי ז״ל היה גם אחד ממייסדי „מזרחי״ ו„תלמוד תורה״ בעיירה, אמנם כשאני נהייתי לציוני הוא נהפך לחבר ב„אגודת ישראל״. אך זכור לי דבר מעניין, בזמן היותו כבר ב„אגודת ישראל״; בערב־יום־הכיפור, כידוע, ישבו ב„קלויז״ כל מיני יהודים, מכל מיני מוסדות על־יד ה„קערות״, ואספו תרומות כל אחד למוסדו שלו, וזוכר אני שאבי ז״ל ניגש לקערת הקק״ל ותרם את תרומתו. ניגש אליו אחד מ„אגודת־ישראל״ והעיר לי: „ר׳ שאול, הלא זה בשביל קק״ל״; הוא חשב כנראה, שאבי ז״ל טועה; „אין דבר״, ענה אבי ז״ל בצחוק, „אני יודע מה שאני עושה״. ובכלל היה בו הרבה מאוד מאהבת ישראל ומחיבת הארץ. הוא, יחד עם ר׳ יצחק דמביצר, היו גבאי קופת ר׳ מאיר בעל־הנס, וכל מיספר חדשים היו באים לרוקן את הקופות בעיירה, וכשנודע לאבי ז״ל שצריכים לבוא לרוקן את הקופה, היה מקדימם ומרוקן את הקופה ומשאיר רק סכום קטן שמתקבל על הדעת כדי שלא יהיה בולט מאחרים בתרומתו, והיה שולח בעצמו את הסכום שהוציא קודם לכן מהקופה לחוד, למרכז הנמצא בדרוהוביץ. קשה לתאר את שמחת הרגשתו זאת במילים, בזמן שקיבל מהארץ מכתב וקבלות בעד כל אחת ואחת מתרומותיהם שתרמו. תמיד היה ניגש אלי ואומר כמעט בדמעות: „אתה רואה, פינחס, זה מא״י״, ובכלל היתה לו תכונה, הכל מה שעשה היה רגיל לעשות בצינעה ובהסתר. זכור לי מקרה, פעם יצאתי השכם בבוקר כדי לנסוע לתחנת־הרכבת בצ׳רנה כדי להביא פחם לעיירה. עמדתי בכיכר השוק וחכיתי לעגלה שהיתה צריכה לבוא לקחתני לתחנה. פתאום ניגש אלי יהודי, וולף החייט היה שמו, ושואל אותי: „שמע־נא, האם אתה בנו של ר׳ שאול בטהייל?״ היות והייתי סקרני לדעת מה בינו לבין אבי ז״ל, אמרתי לו שהוא טועה. אז הוא אמר: „סליחה, חשבתי שאתה הוא בנו, אבל ידוע תדע, יהודי זה מחזיק אותי בחיים; גווע הייתי מזמן מקור ומרעב, לולא יהודי זה, אבל הוא אסר עלי לספר זאת״, ופתאום הופיע אבי ז״ל ללוותני, וכשהיהודי הרגיש בו, ברח ממש כחץ מקשת, ואבי ז״ל, כנראה, הרגיש בזה ושאלני: „מה הוא פיטפט כאן?״ כמובן שלא רציתי לגרום לו צער ואמרתי, כי לא אמר לי שום דבר.

מנהג היה בידו שכל ערב פסח היה מחלק מצה־שמורה לכל דורש כדי לזכותם ל„ליל־הסדר״ במצה שמורה. היו כאלה שבאו לביתנו בעצמם, מדי שנה בשנה; אבל היו גם כאלה שלא באו, מפני שלא היה להם צורך בזה או שהיו מתביישים; אז אבי ז״ל היה לוקח אותי לסימטות האפלות של העיירה והיה עושני לשליח מצווה. אבל הזהירני לבל יספר זאת לשום אדם ולא לגלות את שמו; אך פעם הפציר יהודי אחד לגלות לו מי שלח אותי, היות ולא יכולתי להחלץ ממנו, ברחתי ואמרתי שזה אליהו הנביא שלח. למחרת פרסם היהודי ברבים שאליהו הנביא הביא לו מצה שמורה לסדר, ואבי ז״ל, כמובן, חייך ונהנה מזה. פעם, באתי בבוקר השכם לבית־כנסת אחד, ניגש אלי יהודי עובר אורח ושאלני אם אני מכיר יהודי זה ומצביע על אבי ז״ל. לא הבנתי מה הקשר בינו לבין אבי ז״ל, אבל כדרך יהודי עניתי לו בשאלה „ומה לך לדעת מיהו יהודי זה?״, אז סיפר הוא, שבבוקר פגש בו בדרך מקרה; והוא נתן לו נדבה שזה לא מתקבל על הדעת, כי היא היתה גדולה מדי מכפי שהיו רגילים לתת לעובר־אורח, לאחר זמן נודע לי שמינהג היה בידו, בכל בוקר כשהיה יוצא לבית הכנסת היה מעניק נדבה הגונה לעני הראשון שפגש בדרך.

זה רק מעט מהרבה מתכונותיו הנעלות, אבל גם זכה לזה מה שלא זכו רבים בזמנו, שנפטר בשנת 1940, כפי שסופר לי לאחר מכן, בבי״ח בטרנוב, אחרי מחלה קצרה וזכה לבוא לקבר ישראל — יהי זכרו ברוך ונשמתו תהא צרורה בצרור החיים לנצח!

יחיאל ברנד

ר׳ שלום ברנד ז״ל

אבי ר׳ שלום ברנד ז״ל שהיה מחשובי העיר ומקרואי העדה ניחון במעלות טובות.

בביתנו היו עשרה ילדים (מלבד אלה שלא האריכו ימיהם ונפטרו בגילם הרך); ששה בנים וארבע בנות. שנים גולדו לו מאשתו הראשונה. הבנים שגרו ברדומישל היו נחשבים בין חשובי העיר: ר׳ שיעלה היה עסקן ציבורי נודע, חבר מועצת העיריה וגבאי של חברה קדישא; היו לו מיספר בנים ובנות (מילדיו שניצלו מהשואה נמצאים: יאנקל — בארה״ב, רפאל־הרש ואדלה — אשתו של אברהם גרוס — בישראל); ר׳ יוסלי היה מחשובי הבעלי בתים של ה„קלויז״ ונספה ביחד עם בנו יחידו אלי, שגר היה במיאליץ; וולף שגר ברדומישל, ראובן בנו גר באמריקה. הבנים האחרים היו: ישראל־מלך שגר בטרנוב, מרדכי שגר במיאליץ, בנו הצעיר ר׳ יחיאל ברנד שגר עכשיו בישראל נשא לאשה את ברכה, בתו של ר׳ הייניכל רוטנברג; ר׳ הייניכל היה בנו של ר׳ הרש־מלך רוטנברג, הידוע כמלמד גמרא בעיירה.

בשביל בנותיו בחר ר׳ שלום חתנים, אברכים טובים, מבני משפחות הגונות והעניק נדוניות הגונות. בתו הבכורה זלטה נישאה לר׳ דוד אבנהולץ, שו״ב וחזן, בנו של ר׳ אלי שהיה



ר׳ שלום ברנד

ממשפחת הרב של העיר; בתו ברכה נישאה לר׳ ברוך ויגדר, יהודי יודע ספר, חוקר והוגה־דעות (שני בניו: יחיאל ורפאל־הרש נמצאים בארץ); הבת אייגה נישאה לבריש לב במיאֶליץ, משפחה הגונה וידועה בהתנהגותה הטובה; בתו הצעירה, בלומה, נישאה לישראל־מלך בטהייל שנפטר ברוסיה בימי המלחמה העולמית השנייה.

אבא מסור היה לבני ביתו, דאג שילדיו ילמדו אצל מלמדים טובים כמו ר׳ אלתר מצאנז, ר׳ מאיר קלמן ושילמדו גם לימודי חול, קריאה וכתיבה אצל מורים פרטיים. העניק לבנותיו נדוניות טובות ולפעמים גם נדוניה שנייה כאשר הראשונה הלכה לאיבוד.

דאג לא רק לבני ביתו אלא גם לקרוביו מצד אשתו (כי הוא עצמו היה בן יחיד להוריו) ע״י עריבותו על שטרות בשביל הגיסים והאחים מצד האם.

היה סוחר ממולח, שלח ידו בעסקים שונים, כמו מסחר ביערות, בשדות וגם בבנקאות (ביחד עם ר׳ שמעון אייזלנד) בשנות 1910—1908. שותפו במסחר היערות היה ר׳ משה קשונץ. היה מקובל כבקי וכיועץ בקניית ומכירת היערות. היה בעל כשרונות של ארכיטקט והצטיין בעריכת תכניות בעל כשרונות וכיועץ של ארכיטקט והצטיין בעריכת תכניות לבניית בתים ומוסדות ציבור שהיו מקובלים בשלטונות המחוזיים וגם הארציים בלבוב (השלטונות האוטונומיים בשביל גאליציה). עריכת תוכניות לבניה הביא אותו לקבלנות בנינים ובעצמו היה גם מנהל עבודה וכך ערך תכנית לבניית בית מטבחיים בעיר וכן הקים את ביתו של הרבי מפלנץ׳.

היתה לו גם חנות גדולה של תוצרת ברזל ולקוחותיו הקבועים קנו בחנותו בלבד. זבני החנות היו, על־פי־רוב, אשתו וגם בניו.

היה מכובד אצל היהודים וגם אצל הנוצרים שקידמו פניו בכל יום ב„צפרא טבא״. איכרי הסביבה ראו בו סוחר ישר ונתנו בו אימון.


זמן רב היה חבר המועצה העירונית, ידע את השפה הפולנית, בכתב ועל־פה והביע את דעתו בכל ישיבת מועצה.

היה זמן רב „איש הקהל״ (חבר בועד הקהילה) וידוע כתומכו של ר׳ שמואל אֶנגל, מרא־דאתרא, וכן גבאי של חברה קדישא.

העסקנות הצבורית נכפתה עליו למרות אי־רצונו והתרחקותו מהרעש והמריבות הצבוריות.

התרחק מאוד מהמחלוקות שפשו בעסקנות הציבורית ולא לקח חבל בהתקהלויות השונות, שהיו כרגיל בשוק, שבהן „נידונו״ כל ענייני העיר והקהל.

הוא העדיף לשבת בבית ולעיין בדף גמרא; בכל רגע של פנאי, כאשר לא היה עסוק בחנות ובעסקים אחרים, לא



יחיאל ברנד, בנו של ר׳ שיעלה



ר׳ שיעלה ברנד עם חלק ממשפחתו:
יושבים: ר׳ שיעלה עם אשתו חייה׳לה
עומדים — מימין לשמאל: בתו — רחל מט, בתו — סימצ׳ה פיסטרונג, בתו — בלומה גרינבוים; בתו — שיינדל בליצר; בתו — פריידה ברט; ובתו חנצה.

ישב בטל, למד או עיין בספר. בליל שבת אחרי הסעודה היה לומד בספר „הזוהר".

בשבת אחרי הצהרים היה מקשיב לשיחזורי הלימודים של נכדיו שלמדו במשך השבוע (פרשת השבוע וגם את הדף השבועי בגמרא), בימי החול לא הלך להתפלל בטרם עבר על פרשת השבוע.

הוא היה בין המוהלים המומחים שבעיירה. עבודה זו נחשבה בעיניו כעבודת קודש. לא פעם ערך סעודת המצווה אצל בעל־„ברית" עני מכספו שלו.


משפחת ספירא, הוריה של ברכה ברנד — אשתו של ר' יחיאל ברנד



פייגה רבקה — אמא של ברכה ברנד



לאה ספירא, הבת של פייגה רבקה



מרדכי ספירא, הבן של פייגה רבקה



משפחת רוסהנדלר, בתה של פייגה־רבקה, בעלה ומשפחתם

נזכר אני במקרה, בשעת נדידתנו בנכר בצ'כיה בימי המלחמה העולמית הראשונה. אבא היה צריך להיות מוהל אצל בעל „ברית" מגליציה, בנוכחותם של השו"ב, הרב ורופא יהודי שבעיר ששיבחו והיללו את זריזותו בשעת המילה ואת התנאים ההיגייניים שהוא נקט. כדי לערוך את טקס „הברית" היה צורך באיזמל שלא היה בידי אבא ועלי היה ללכת לרב ושו"ב שבאותו העיר כדי להביא את החלף שבו הוא משתמש בשחיטת עופות. כשהלה הראה לי את החלף נבהלתי אבל לא אמרתי שום דבר והבאתי אותו הביתה, מובן שאבא לא השתמש בו. אבא שאל אותי אם לא העלבתי חלילה את הרב בצחוק שעה שהוא מסר לי את חלפו. באותו רגע הכרתי את אהבת הבריות שלו. ר' שלום ברנד החסיד והעניו בהליכותיו לימד את בנו לא להעליב איש ולא להלבין פניו. חשש אם חלילה וחס העלבתי את השו"ב בדמתא.

אבי היה חסיד הרביים משושלת אונגר והרבי מז'בנה, ר' מרדכי־דוד, היה ידידו וחברו האישי. ביניהם שררה ידידות רבה וכאשר הרבי ר' מרדכי־שלום דוד נסתלק בשנת תרפ"ג, אמר אבי שגם הוא צריך ללכת כי אין לו מקום בעולם.

אצל הרבי מז'בנה נהנה אבי מכבוד גדול והיה בעל תקיעה בימים הנוראים ובזמנים שלא נסע לרבי היה ממלא תפקיד זה כתוקע ב„קלויז". בליל־יום־הכיפורים היה בעל תפילת „כל נדרי".

נאך אונדזער חתונה, וועלכע איז פארגעקומען אין דייטש־לאנד, איז דער מאן מיינער, משה סאלאמאן, אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל, דאס איז געווען חנוכה 1913־1914. איך בין געפארן אהיים און באדארפט שפעטער נאכקומען. דער מאַן מיינער איז געפארן פון דייטשלאנד קיין ווין און פון דארט קיין א"י. ער איז אבער דארט לאנג נישט געווען, ווייל אין אויגוסט 1914, נאכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, איז ער געוואָרן גערופן פון עסטרייכישן קאָנסולאט צוריק צופארן קיין עסטרייך, אלס מיליטער־פליכטיקער (באמערקונג פון דער רעדאקציע קאָלעגיע: אזוי ארום האט אויך ראדא־מישלע געהאט אירס א חלק אין דער צייט פון דער צווייטער עליה אין ארץ־ישראל).

נאך דער מלחמה איז ער געבליבן וווינען אין ווין, ווו מיר זענען פארבליבן ביז ער איז פארשלעפט געוואָרן אין קאָנצענטראציע־לאגער בוכנוואלד. פון דאָרט האָב איך באקומען די ידיעה, אז די אורנע מיט אַש פון מיין פארשטאָר־בענעם מאן קאן איך באקומען פאר 500 מארק..

אזוי איז מיין מאן אומגעקומען אויף פרעמדער טמאהדיקער ערד און ער האט נישט דערלעבט אריינצוקומען אין דעם לאַנד, וואָס ער האט אזוי געליבט און צו וועלכן ער האט אזוי געשטרעבט.

מרים פארשטענצער־לייזר

בעלגיע

ר' פנחס פארשטענצער ז"ל

מיין טאטע, ר' פנחס פארשטענצער ז"ל, איז געווען א ייד א ירא שמים, א טיף־רעליגיעזער, האָט געגלויבט באמונה שלמה „שאין אדם נוקף אצבעו מלמטה אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה". א ייד פול מיט אהבת הבריות און אהבת ישראל, דאס הארץ איז געווען פול מיט גוטסקייט פאר דעם, וואס איז באשאפן געוואָרן בצלם אלוקים.



ר' פנחס פארשטענצער

ער איז גרייט געווען שטענדיק צו העלפן אן אנדערן א נויטבאדערפטיקן, כאטש אליין איז ער געווען ווייט פון צו זיין א פארמעגלעכער, אבער געווען א מסתפק במיעוט.

ווי לאנג איך געדענק מיין פאטער, איז זיין לעבן געווען פארבינדן מיט שוועריקייטן. ער האט געליטן אסך אין לעבן. יונגערהייט איז אונז אפגעשטארבן די מוטער; א ברודער איז יונג געשטארבן און דער געבליבענער, הערש לייב ע"ה, איז אויך נישט געווען קיין געזונטער.

ווען עס איז געקומען פאר אים א בעסערע צייט, ווען ער איז געקומען צו זיינע קינדער קיין בעלגיע און געקאנט שעפן נחת און צופרידנקייט, איז געקומען די טייוולאַנישע מלחמה און איז אומגעקומען מיט מיליאנען אנדערע יידן.

תהי נשמתו צרורה בצרור החיים.

א. י. מהלר

הערש לייב פארשטענצער ז"ל

חז"ל אמרו: תקלה באה לאדם על תלמיד־חכם שמת ולא נספד כהוגן.

את חברנו הערש־לייב לא יכולנו לספוד כראוי, נפטר אחרי מחלה קצרה ללא־עת באמריקה והביאוהו לקבורות בירושלים.

קבוצת חברים קיבלו את ארונו בלילה בלוד ולמחרת יצאנו ללוויה בהר־המנוחות בירושלים. התאלמנה אשתו, רחל לבית אולמן, בת הרה"ג אולמן, אנטוורפן.

נשארו שני בנים ובת. כשנה לפני פטירתו נישאה הבת לישראלי והחתונה התקיימה בתל־אביב — בנוכחות הוריה.

הערש־לייב עזב את רדומישל לפני 40 שנה ונסע לאנטוורפן — ירושלים של בלגיה, ושם נשא אשה ובעלות היטלר לשלטון נסע לאמריקה, שם הצליח בעסק היהלומים וניהל בית חסידי נגידי למופת.

הערש־לייב היה בר אבהן ובר אורין, בעל מידות נעלות

כדברי נעים זמירות ישראל: „הולך תמים ופועל צדק ודובר אמת בלבבו, לא רגל על לשונו, לא עשה לרעהו רעה״.

את כל התכונות הטובות הביא אתו מבית אבא, ר׳ פינחס זצ״ל.

ר׳ פינחס היה בעל מכניס־אורחים שאין דוגמתו בעיירה וזה בעזרת בנו הערש־לייב ובתו תבל״א מרים. דירתם הצנועה היתה פתוחה לכל דיכפין ובית ועד לבחורי העיר, חבריו של הערש־לייב, שם דנו ברצינות על בעיות השעה, ושם נשמעה ביקורת ספרותית על ספר חדש שראה אור בעברית וביידיש.

ר׳ פינחס היה מקרב כל באי ביתו ומשמיע בצורה עדינה לבחורים המשכילים דברי מוסר ודברי תורה.

לעת זקנה עבר לגור עם ילדיו באנטוורפן בבית בתו מרים ליזר ונהגו בו כבוד רב. שם נפטר בשיבה טובה. זכותו תגן עלינו.

דוד פלץ
חיפה

זכרונות אודות אבי, ר׳ יעקב פלץ ז״ל

בשנת 1886 בערך, השתקעו הורי ברדומישל. באותו זמן פעלו בגליציה שרידי חוקים דרקוניים מימי השלטון הפולני. החוקים הללו מכוונים היו אך ורק נגד המיעוט היהודי שהטילו על שכמם עול מסים כבד.

אבי לא היה יכול לשאת את העוול הגדול שנעשה על־ידי כל מיני מוכסים מקומיים, שנהגו בצורה בלתי אנושית כלפי כל אחד שנזקק להם. עלה בדעתו רעיון לשחרר את השיכבה הדלה מתלות העשירים ולהוציא מידיהם את ההגמוניה על יהודי רדומישל. קרא לאסיפה של המוני העם והביע בפניהם רעיון הקמת בנק, בו יוכלו להקפיא את חסכונותיהם תמורת ריבית ולקבל הלוואות מבלי כל צורך להקפיא כל חפץ שהוא.



ר׳ יעקב פלץ ואשתו שרה

הרעיון נתקבל. נבחר הועד המארגן, ביניהם נבחרו אבי יעקב פלץ, יעקב שטרובינג, פינחס גרוס, פרטיק ועליהם הוטלה המשימה להקים את הבנק. לאחר קבלת הרשיון מאת השלטונות הוקם הבנק בשם: „החברה לאשראי למסחר ותעשיה״ ברדומישל רבתי.

בתחילה לעגו העשירים לאבי ולתוכניותיו, לאחר והבנק הוקם ופעל כתיקנו, התחילו מרגישים שההגמוניה מתגלשת מידיהם, התלות בהם פוחתת והעיקר — הכיס סובל.

אבי לקח את ניהול הבנק לידיו ומינה את שמעון זיגפריד כסגנו ומאז פעל הבנק והתפתח והיה אחד הבנקים המזהירים בעירנו. באותה שנה התקיימו הבחירות למועצה העירונית. אבי הקים רשימת מועמדים של בעלי המלאכה לעומת הרשימה של הגבירים, והעמיד 10—9 מועמדים למועצה העירונית. היתה זאת תשובה לאותם האנשים שגרמו לו צער וסבל כה רב ללא כל סיבה. 50 שנה כיהן אבי כנבחרם של יהודי רדומישל למועצת העיריה וכ־35 שנה כסגן ראש העיר. הוא פעל רבות למען התפתחותה של העיר ונאבק קשה נגד אלמנטים אנטי־שמיים שמזמן לזמן קמו כדי לפגוע במעמדם של יהודי רדומישל ובפרנסתם. אני משוכנע שלא נמצא יהודי אחד ברדומישל, שלא נהנה מעזרתו הרפואית ושלא פרש עליו את כנפיו מפני פגיעה מבחוץ.



משמאל לימין: לייב שטירר, בנה של שרה פלץ מבעלה הראשון — (שטירר), חנה שטירר ונגזשין, ויהושע שטירר

לפני המלחמה העולמית הראשונה, פעלו ברדומישל אחד־עשר בנקים. עשרה מהם נוהלו ע״י יהודים, ואחד בשם: — חברה לאשראי בערבון בלתי מוגבל ברדומישל־רבתי, בהנהלתו של הרוקח המקומי אאוגניוש מטולה, המוכר היה בהשקפות אנטישמיות גלויות. הבנק נקרא — בנק נוצרי על־אף ש־70% ממניותיו שייכו ליהודים.

הבנק רכש בית בן קומתיים, בקומת הקרקע שוכן הבנק ואת הקומה העליונה שיפצו לאולם עם במה לשם עריכת הצגות תיאטראליות ונשפי ריקודים של האוכלוסיה הנוצרית. באותה תקופה, היהודים לא השתתפו באירועים כאלה ולא התעניינו בהם.

אחרי המלחמה העולמית הראשונה, הפסיק הבנק את פעולתו ובשנת 1920/21, מכר מר מטולה את בית המרקחת והעתיק את מקום מגוריו לקרקוב.

את בנין ה„קזינו״ תפס ארגון פולני מקומי בשם „סוקול״. בעלי־המניות היהודים לא התעניינו ברכוש שנשאר אחרי חיסולו של הבנק. בדרך־כלל היהודים לפני המלחמה ואפילו אחריה לא עסקו בעריכת נשפי ריקודים ולהצגות שהזכרתי לעיל ניצלו את האולם של קסיל אייזלנד. מאוחר יותר כשבעיית האימפרוזות החלו להיות אקטואליות, היו חוכרים את האולם תמורת תשלום. שנים רבות נמשך הסדר זה ללא כל תקלה וקשיים עם אנשי ועד ה„סוקול״.

בשנת 1929, אם אינני טועה, פנה ועד התרבות במקום אל ועד ה„סוקול״ בבקשה להחכיר את האולם ללילה אחד בו רצה הועד לערוך נשף פרידה למורה לעברית, הפורש, מר פינחס לנדר.

בועד ה„סוקול״ ישבו: קמודה, מנהל בית הספר המקומי, דומברובסקי, ליאון יאשץ, הגב׳ וויס, אשת הרופא וויס וקופצקי — כנופיית אנטישמים הידועה לשימצה.

בתשובתם הודיע ועד ה„סוקול״, שהוחלט ששום מלה באידיש לא תישמע על במת ה„סוקול״ ושום כף רגל יהודית

לא תדרוך באולם ה„סוקול”, ובהסתמך על ההחלטה הנ"ל אין ביכולתם להיענות לבקשת ועד התרבות להחכיר להם את האולם.

נשף הפרידה נערך אצלנו בבית על כל דקדוקיו. היה זה נשף מאוד אימפוזנטי ורבים מבין המשתתפים זוכרים אותו לבטח בכל פארו והדרתו. השולחנות היו ערוכים ומקושטים מכל טוב. בראש התורן ישבו המורה הפורש, מר פינחס לנדר, והמורה שבא במקומו להחליפו, וסביבם ישבו חברי ועד התרבות ותלמידי בית הספר העברי. כל אחד טעם מהדברים הטובים מעל השולחן, ואח"כ קמו הנואמים על רגליהם, אחד אחרי השני, והשמיעו דברי שבח למורה היוצא ודברי ברכה למורה הנכנס. בין היתר נאמה מינקה טננבוים, שפנתה במלים נרגשות למורה היוצא: אתה שהחיית בנו את השפה העברית! אתה שהוצאת אותנו מחושך לאור! אתה שהראית לנו את הדרך בה עלינו להמשיך לצעוד! אתה שהיית לנו למשה רבנו!... בודאי המורה החדש יהיה לנו ליהושע בן־נון...

מר לנדר מתוך התרגשות לא יכול היה להתאפק ופרץ בבכי כילד קטן. להמשך המהלך של הנשף הנעימה לנו תזמורתו של משה פלבקו נוסף לשירים ששרנו, שלמדנו מפיו של פינחס לנדר, עד שעה 3.30 לפנות בוקר.

למחרת פגש אבי בקמודה ושאלו לפירוש ההחלטה של ועד ה„סוקול” ומה הקשר ל„סוקול” עם בנין ה„קזינו”? קמודה היה ציני בתשובתו. אז קרא אבי לאסיפה כללית של בעלי המניות שהופיעו בבנין ה„קזינו” ובין המשתתפים היו גם פולנים, אלא שתחת השפעתם של אנשי „סוקול” הסתלקו הפולנים במהרה. אף־על־פי־כן, ולמרות הכל, נשאר פורום חוקי שבחרו בועד המטפל ברכוש הבנק, בו נבחרו אבי כיושב־ראש, והחברים ברוך גלדציילר, אלתר פישמן, אליעזר איזק ומיכאל פדר — כחברים.



משמאל לימין: ד"ר משה פלץ, אשתו ושני ילדיו, יורק פלץ בנו של משה (באמצע), ואברהם ונגזשין, בנה של חנה (מימין)

ועד ה„סוקול” עירער על חוקיות האסיפה בפני בית־המשפט המחוזי בטרנוב. היה צורך לשכור עורך־דין שיופיע בשם בעלי המניות בפני בית־המשפט ויגן על כספם שהושקע בבנין ה„קזינו”, אבל יהודי רדומישל מוכנים היו להקריב את הפרוטה האחרונה של אבי במלחמתו למענם. אבי נסע על חשבונו והופיע בפני בית המשפט כיחיד, אבל הקנוניה נעשתה מראש ובית המשפט ביטל את חוקיות האסיפה. הואיל ואבי לא זכה לשום תמיכה חומרית, כספית ומוסרית מצד יהודי רדומישל, ויתר על המשך המאבק והבנין שבו הושקעו כ־70% ממניותיו של יהודי רדומישל נשאר בידי ה„סוקול”.

במחנה החרדי היתה אורה ושמחה, הסבירו פניהם לקמודה בחיוכים, באומרם: „לנו אין צורך ב„קזינו” — בפולנית שבורה ורצוצה. העיקר, השקצים והשקצות, פושעי ישראל, לא יוכלו עוד לרקוד ביחד: „מגפים עם נעלים” הכוונה ל„בנים ובנות”. היה זה נצחון נוסף של „אגודת ישראל” המקומית של הנצחון הכללי על איסור השחיטה היהודית בפולין. ומאז נערכו חגיגות ונשפים בין כותלי הארגונים ובמקרה הטוב ביותר אצל הרש קרטגנר.

קמודה עסק בהוראה ברדומישל כ־15 שנה עוד מימי השלטון האוסטרי. מספר שנים, 2־3 לאחר תקומת פולין לתחיה בשנת 1918, הועבר מרדומישל למקום אחר. ושוב כעבור שנתיים־שלוש, בעיקבות העברתו לקיצבה של מנהל בית־הספר במקום, מר שניידר, מינה הועד המפקח (קורטוריון) את מר מליש, מורה מחוץ לרדומישל, למנהל בית־הספר. הדבר נודע למר קמודה במקום מושבו, חש מהר לרדומישל בחופש הגדול, התייצב בפני ראש העיר מר אנטוני יארוש וסגנו מר יעקב פלץ (אבי), ובנימוקים קולעים וצודקים שדיברו בעדם שיכנע אותם שהמקום כמנהל ביה"ס מגיע לו ולא לאחר, מאחר ואת מיטב שנות חייו השקיע בבי"ס זה. הוא ביקש שהעיריה תפעל לטובתו ותשפיע על המפקחים שהמקום ינתן לו.

נשלח מכתב־בקשה בשם העיריה והאוכלוסיה, הועד המפקח קיבל את הבקשה ומר קמודה הוחזר ונתמנה למנהל ביה"ס במקום.

בתקופת כהונתם של ראש העיר מר אנטוני יארוש ואבי כסגנו, הצליחה העיריה לחסוך כ־.—20,000 זהובים פולניים. מטרת החסכון היתה לפי תכנית בניית בנין שישכן:

א) את בית־העיריה; ב) את בית־המשפט; ג) את משרדי הדואר.

כשחזר קמודה לרדומישל לא הסתפק רק בניהול ביה"ס והתחיל מתעניין גם בענייני חולין. הכסף החסוך בעיריה וכן עמדה ציבורית גירו את תאבונו. הוא התחיל טוען שהעיריה חייבת להיות מורכבת מרוב של נוצרים ולא לפי ההסכם הקיים עשרות בשנים שהתבסס על מחצה־מחצה.

כידוע, האוכלוסיה הרדומישלאית התחלקה כדלקמן: — למעלה מ־60% יהודים והשאר נוצרים. כדי לקיים יחסים טובים ותקינים בין שני סוגי האוכלוסין היה קיים הסכם עשרות בשנים שהעיריה תיוצג ע"י נבחרים של 50% יהודים ו־50% של נוצרים, עם ראש העיר נוצרי וסגנו יהודי. איך נעשה הדבר?

קמודה היה אדם אינטליגנטי מאוד, פיקח — ממש חכם, בעל התמצאות וכישרון אירגוני מובהק. הוא מצא דרך אל יהודים מסויימים, להם הבטיח זכיונות (רשיונות ממשלתיים).

נעשתה קנוניה בין קמודה ומר איגנאצי ויסוצקי בצירוף מספר יהודי העיר.

קמודה פנה אל השלטונות המינהליים במיאֶליץ והשלטון פיזר את העיריה ומינה ועדה קרואה בראשותו של א. ויסוצקי.

הועדה הקרואה הורכבה מ־15 איש, 5 יהודים ו־10 נוצרים. היהודים שהשתתפו בועדה היו: הרב חיים אנגל, משה פודוור, יהושע אייזלנד, שלום גולד וחיים שכטר.

חלומו של קמודה על רוב של נוצרים בעיריה — התגשם. אבי, בראש אנשיו, פנה בקריאה נרגשת אישית לכל המת־מנים היהודים לא לקבל את המינוי, אבל לשווא.

המטרה השניה של קמודה, והמסוכנת ביותר ליהודי רדו־מישל, היתה ליצור רוב של נוצרים בעיריית רדומישל. הציר קמודה־ויסוצקי פעל באורח קונספירטיבי בשיתוף עם השלטונות המינהליים במיאֶליץ. הכוונה היתה לספח את הכפר וולקה־דולצקה אל העיר ולהפוך את היוצרות ביחס לאוכלוסין 60% נוצרים ו־40% יהודים. כל ההשתדלויות אצל השלטונות והקנוניות נעשו בסודיות גמורה ואף איש לא ידע על המתרחש, עד אשר ביום בהיר אחד הופיע ה־ווּיט (ראש מועצת־הכפר) עם אחדים מאנשיו בחנותו של ברוך גלדציילר וסיפרו לנוכחים,

ביניהם גם לאבי, שכרגע חוזרים הם ממיאָליץ ושם הודיעו להם על כוונת הסיפוח, ודרשו מהם שיכינו את תושבי הכפר למישאל עם וכו' וכו'... בטרם אנו עומדים בפני הכרעה, באנו לשאול אתכם, יהודים, את דעתכם לכך אם מזה תצמח טובה לעיר רדומישל ולנו גם יחד.



משמאל לימין: יחזקאל פלץ ואשתו תבל"א, הרמן פלץ (באמצע), יצחק פלץ עם אשתו ובתו שרה תבל"א (מימין).

הנוכחים נדהמו מהידיעה. ביקשו מה־וויט להמתין ולא להכריע על רגל אחת עד אשר יקבל תשובה מנכבדי היהודים. ה־וויט עם אנשיו יצאו את חנותו של ברוך גלדציילר והידיעה על מעשי המן נפוצה במהירות־בזק בין האוכלוסיה היהודית. באותו ערב התכנסו בדירתו של מר ברוך גלדציילר כל מי שלבו היה אתו. נשלחו שליחים לקרוא את נבחרי העיריה היהודים של הועדה הקרואה, הם סירבו לבוא מפחד איבוד כסאותיהם.

כמקובל, נבחר ועד שיפעל נגד מעשה שיטנה של הציר קמודה־ויסוצקי. בועד נבחרו: אבי, יעקב פלץ, בריש אייזלנד, אלעזר איזק, ברוך גלדציילר. כעבור ימים מספר הוזמנו ה־וויט עם אנשיו לשיחה. הוסבר להם: „אמנם בשביל הציר קמודה־ויסוצקי יהיה זה נצחון מזהיר על יהודי רדומישל, שלכם אין כל עניין, אבל אם תסופחו לעיר תצטרכו לשאת בנטל של מסים כבדים עירוניים שלא תוכלו לעמוד בהם וככפראים הנכם פטורים מהם". הכפראים של וולקה־דולצקה היו דלי אדמת פלחה ורוב פרנסתם היתה מעבודת חוץ שמצאוה בצמצום; בשמעם שיוטלו על שכמם מסים חדשים, הפחיד הדבר אותם ביותר ועל המקום דחו את תוכנית הסיפוח בשאט־נפש.


עתה התמזגו הועד היהודי עם מועצת הנבחרים של הכפר ובשיתוף פעולה בעזרת היהודים תוכנית הסיפוח בוטלה.

ה־וויט עם אנשיו, ע"ח היהודים, הגיעו עד למשרד הפנים בוורשה ואחרי צעקות ואיומים הצליחו לסכל את הסיפוח לטובתם שלהם ולטובת יהודי רדומישל. הדבר עלה בהרבה כסף ומאמץ שנמשך חודשים על גבי חודשים. הכסף נתרם ע"י קומץ יהודים וברובו ע"י חברי הועד.

היתה זאת התחלת המפלה של הציר קמודה־ויסוצקי.

בינתיים השלטון המקומי בראשותו של מר ויסוצקי התחיל בדיכויים של יהודי רדומישל. לפחות פעם בחודש היתה מסתובבת ועדה סניטרית בעיר ומטילה פחדים וקנסות כבדים על האוכלוסיה היהודית. היהודים, חברי הועדה הקרואה, היו חסרי אונים מול פעולתם של הכנופיה האנטישמית בעיריה ולא נקטו אצבע נגד תופעה שלילית זאת. באין ברירה ומוצא פנו שוב בזעקות עזרה אל אבי שהתייצב בפני השלטון המקומי והמינהלי במיאָליץ כאחד במאבקו למען יהודי רדומישל וברוב המקרים הצליח להצילם מכליון; רק יחידים סבלו שלא ניתן להצילם, ונשאו את עול הקנסות שהטילו עליהם. שיא הדיכוי הגיע לפני הבחירות לעיריית רדומישל. באחד מימי היריד הופיעה בעירנו ועדה סניטרית מחוזית מורכבת ממספר פקידים של הסטארוסטבה, הרופא המחוזי (הפיסיק), כששה שוטרים מחוץ לרדומישל, נוסף לכך צורפו שוטרי המקום, הרופא המקומי ד"ר טראו (יהודי), נציג העיריה לודוויג גרדולסקי, המפקח קוואשניקביץ, ומשעות הבוקר המוקדמות הלכו מבית לבית, מחנות לחנות, מחצר לחצר — כמובן, אצל יהודים והטילו קנסות של רבבות זהובים על כל ראש־משפחה כעין קונטראבוציה; לו אפשר היה לסכם את הסכומים היו מגיעים, ללא הגזמה, למיליון זהובים. לא רק בקנסות הסתפקו, גייסו איתם פועלים, בראשם את מאיקה, שהיו הורסים כל גדר שעברו על־ידו. כשיווי משקל הרסו גם את גדרו של מר פראנצישק רושינובסקי. היה זה פוגרום ממש בלי פגיעה בנפש. הדבר נעשה במיוחד ביום היריד, כדי לעודד את הכפראים למהומות, אבל הנוער הכפרי שהזדמן בעיר הבין את מעשה הפשע, התארגן במקום כמגינים על היהודים ופעולתם הראשונה היתה ששילחו את ההמון הכפרי הביתה בכל המהירות האפשרית. בדרך זו רצה השלטון לשבור את הציבור היהודי ברדומישל. אחרי־הצהרים הגיעה הועדה אלינו ונתקבלה על־ידי; אבי ואחי הרמן לא היו בבית. קיבלתי אותם בצורה שלא חלמו בחייהם, דיברתי איתם גלויות והסברתי שאין אנו נפחדים מכל פעולתם, באף מקום לא נתקלה הועדה בסבר־פנים כזאת. ד"ר טראו (היהודי) שנאלץ היה ללכת אתם, כרופא עירוני, וחזה במו עיניו את ההשפלה אצל יהודי רדומישל, הרים את ראשו וחיוך של גאווה עלה על שפתיו. סוף־כל־סוף נתקלה הועדה ביהודי אמיץ ובעל קומה זקופה כמוני. (אין אני מעמיד את עצמי כגבור ומפריז בתיאור. ברצוני רק להביא עובדה. עשרות יהודים התאספו בחצר שלנו והיו עדים לעמדתי האמיצה, אחדים עדיין עוד בחיים ויכולים להעיד על כך). בשעת־מעשה, הגיעו אבי ואחי הרמן הביתה וכל הועדה למדה מפיו (הרמן) לקח בהיסטוריה הפולנית על מצבים דומים שפולין נתונה היתה בעבר וחיפשה דרכים לצאת מן הסבך ע"י עריכת סיכסוכים בין תושביהם... וכו'... הם לא ידעו כיצד לצאת מהחצר שלנו. אבי שהחריש כל הזמן רק הוסיף: „על פוגרום זה שערכתם היום לא רק בגבולות פולין ידעו עליו אלא בכל רחבי תבל". הועדה יצאה מחצרנו ולא המשיכה כבר ללכת וחזרה לבנין העיריה. כעבור חצי שעה הוזמן אבי לעיריה ושמה הודיעו לו שכל הקנסות בטלים, כלא קיימים, וביקשו רק לא לפרסם על מה שהתרחש באותו היום.

כשנתיים פעלה הועדה הקרואה ובסופו של דבר, נאלצו השלטונות המינהליים לצוות על עריכת בחירות, התאריך נקבע.



ד"ר יוסף פלץ ובתו חיה (הלה)

לפני הבחירות נשלח פקיד בכיר של הסטרוסטבה ממיאָליץ ובהגיעו ביקש להזמין את אבי לשיחה על נושא הבחירות. אבי התייצב בפני הפקיד שקיבל אותו בסבר פנים יפות, ואמר: מר פלץ, ידוע לנו שהמפתח לבחירות לעיריית רדומישל נמצא

בידיך, אנו — השלטון — רוצים שלעירית רדומישל יהיה רוב של נוצרים ואנו רוצים שאתה תתן הסכמתך לכך". לעומתו ענה אבי: „רוב של נוצרים רק ע"י הועדה הקרואה, ואם אדוני — השלטון — אינו מסכים לכך, אז לאחר הבחירות יהיה רוב של יהודים בעיריה". האדון, השלטון, הוריד את ראשו, לא ענה, יצא את בית העיריה וחזר למיאליץ.

יש לציין, שקודם לכן, לפני שאבי הוזמן, הוזמנו הנתמנים היהודים בעיריה, שעקרונית הסכימו לדרישתו של האדון־השלטון.

לאחר הבחירות, אבי נבחר שוב. בישיבה הראשונה תבע אבי בכל תוקף שהעיריה תתבע את מר ויסוצקי לדין על ביזבוז הכספים וברוב קולות עמדה ההחלטה להתקבל. אז הודיע מר ויסוצקי שהוא מוכן מרצונו הטוב לגלות מרדומישל בתנאי שלא ייתבע לדין. אבי הסכים להצעתו. מר ויסוצקי העתיק את מקום מגוריו לטרנוב, אבי חזר בו מדרישתו לתבוע אותו לדין ובזה נסתיימה הקריירה של מר ויסוצקי ברדומישל.

ברדומישל פעלה שנים רבות קבוצת כדורגל יהודית. היה איצטדיון אחד לנוצרים וליהודים. שתי קבוצות היו משחקות ביניהן. בשותפות היו מזמינים קבוצות מבחוץ ואם קבוצה אחת היתה מזמינה קבוצה מבחוץ, השניה היתה משחררת את המגרש לרעותה.

בתקופת הועדה הקרואה, כשקמודה עלה על הזירה הפוליטית, החליט להתנכל לקבוצה היהודית, הוא גרם שהמגרש נסגר בפני הקבוצה היהודית. ובעד כל מישחק עליו נדרש סכום של מאות זהובים.

ברדומישל התגורר פרידק קנגיסר, בעל מרפאת שיניים, שהיה פעיל מאד בקבוצה, לה התמסר בכל נפשו. התנהגותו של מר קומודה עוררה את זעמם של כל יהודי רדומישל והסביבה. צץ רעיון במוחו של מר קנגיסר להכשיר מגרש כדורגל יהודי בנפרד. הוא פנה להשקה גרין, בעל שדות פלחה, שכר ממנו חלקה וניגש להכשירה למיגרש כדורגל. פ. קנגיסר זכה לתמיכה מלאה של יהודי רדומישל והסביבה. הנוער התנדב לעבודה, יהודים בעלי משקים שלחו את סוסיהם ועגלותיהם לעבודת ההכשרה, וכעבור חודשיים חגגו יהודי רדומישל את פתיחת מגרש הכדורגל משלהם. החגיגה היתה גדולה ושייכה ברובה לזכותו של פ. קנגיסר ז"ל. הובאה תזמורת נשיפה יהודית מקולבושובה ובערב נערך נשף ריקודים דווקא באולם ה„קזינו".

בשעת פתיחת המיגרש, כשסביב הבמה עליה נאמו נכבדי העיר, התאספו המוני יהודים, הופיע מר קמודה בחברת מיספר ידידים נוצרים וביקש לעלות על הבמה ולהשמיע את דברו. מבוקשו ניתן לו. הוא עלה על הבמה, ובערך השמיע דברים אלה: „באתי לברך אתכם לרגל פתיחת מיגרש הכדורגל שלכם, שאני רואה אותו כמיותר. ברם אפשר היה לבוא לידי הסכם והבנה, ואני מודה בכך שאני הייתי הגורם הבלתי מבוטל בהקמת מגרש זה. אלא, במעמד זה ברצוני להביע את הוקרתי לכם על יוזמתכם, פעלכם והסולידריות היהודית הספציפית, היכולים להיות דוגמה ולעורר קינאה אצל עמי העולם".

באותו רגע נזכרתי במעשה בלעם. קומודה בא לקלל — ונמצא מברך.

בסופו של דבר, הסתבך מר קמודה עם מורה, גב' קובלסקה, הודח מכהונתו כמנהל בית הספר, הועבר מרדומישל, ולא נראה כבר עד סוף ימיו.

שושנה (רייזל) קארטאגענער—שראוב ע"ה

מיין שטעטל און מיינע נאָענטע

מיין טרייע חבר'טע צערל ע"ה

צערל, די טאכטער פון אלי און אסתר ווינד. מען האט זי גערופן די זיסע צערל, ווייל זי האט געהאט אַ צוקערניע (זיסוואַרג־געשעפט).

צערל איז געווען א בלאָנד, סימפּאַטיש מיידל מיט א גוטן כאַראַקטער. זי אליין האט געפירט דאס געשעפט זייענדיק נאך יונג, כדי צו העלפן אירע עלטערן און געשוויסטער. זיי האבן געהאַט אויך אַ זאַלץ געשעפט.

דאס געשעפט איז געווען אין סאַמע צענטער, אין זייער אייגן הויז — עס האט גוט פּראָספּערירט, אזוי אז צערל האט אַנגעזאַמלט אַ שיינעם נדן...

אבער דאס לעבן אירס איז געווען שווער: פון דער פרי ביז שפּעט אין אוונט איז זי געווען אין געשעפט. נאר שבת און יום־טוב איז זי געגאנגען מיט מיר און נאך חברטעס שפּאַצירן, אָטעמען פרישע לופט.

צערל האט קיינמאל נישט געטארט לייענען אפילו קיין צייטונג. ביי אונדז האט מען אַבאָנירט א טאָג־צייטונג, וואס אויך מיין טאטע ע"ה האט געלייענט. טראָץ דעם איז ביי אונדז געווען א שטרענג־רעליגיעזע שטוב און איך בין געבליבן רעליגיעז ביז מיינע לעצטע טעג... אבער צערלס עלטערן זענען געווען עקסטרעם־פרום.

צערל האט געהאט פיר ברידער: דער עלטסטער האט חתונה געהאט קיין בזשעסקא; דער צווייטער קיין פשעצלאוו; דער דריטער ראובן ז"ל, איז געפאַלן ביי דער ערשטער וועלט־מלחמה. דעמלט איז אויך געפאַלן דער זון פון ר' לייב אייזלאנד, יצחק ז"ל. דער יינגסטער, דוד (אים געדענק איך גוט), אַלט זייענדיק 22־23 יאר, האט חתונה געהאַט פון ראדאמישלע מיט דער אלמנה סאָשיע, די טאכטער פון יוכבד און ר' חיים פעפער — אלע ע"ה. סאשיע האט געהאט א דערוואַקסן מיידל. דאס פּארל האט גוט געלעבט צווישן זיך, ביז ס'האט פּאַסירט א האַרצרייסנדיקע טראַגעדיע: סאָשיע איז געשטאָרבן ביי אַ געבורט. דוד האט שפּעטער חתונה געהאט מיט א יונג מיידל, אויך פון ראדאמישלע, מיט בלומע בלומענקראַנץ.

איידער איך בין געפארן אין הייליקן לאַנד, בין איך געקומען קיין ראדאמישלע אויף 3 וואָכן. קודם — צוגרייטן מיין מאמען ע"ה צו דער רייזע מיט מיר צוזאַמען קיין ארץ ישראל. דאַן דאס געזעגענען זיך מיט משפחות וואס זענען געקומען צופארן אונדז צו זען. איך האב זיך געוואלט אנפרייען, אנזעטיקן מיט אלע — אלע, די גאַנצע שטאַט, וועלכע איך האב אזוי ליב געהאַט... דאַן האב איך זיך צום לעצטן מאל געזען מיט מיין טייערער חברטע צערל און זיך געזעגנט מיט איר.

מיינע עלטערן

מיין טאַטע ע"ה האט געגעבן א סך צדקה, מיט אַ שמייכלדיק פנים, אז די מענטשן זאלן זיך גוט פילן. ער האט געהאט אן אייגענע גמילות־חסד קאַסע ביי זיך אין שטוב. סוחרים פון פאַרשידענע בראַנזשעס, וועלכע זענען געפארן קיין טארנע, האבן געוואָלט קויפן מער סחורה, אבער עס האט זיי געפעלט געלט; און מיין טייערער טאַטע ע"ה

האט זיי געבארגט געלט וויפל זיי האבן פארלאנגט. די אלע טייערע מענטשן האבן אלע מאל צוריקגעגעבן דאס געלט.

די מאמע ע״ה האט געגעבן צדקה אויף אן ענדער אופן: זי האט באקומען געלט וויפל זי האט געוואלט און נישט געדארפט אפגעבן קיין חשבון. האט זי געטיילט געלט, עסן און טרינקען, אויך באנעכטיקט מענטשן; געשיקט א היים צו גאנץ ארעמע עלטערע מענטשן אויף שבת. איך בין עס געווען די טראגערין און אלץ האט געמוזט זיין בסתר. זי האט באזארגט אויף פסח פאר ארעמע מכל טוב.



זיסעלע קאנטאגענער, די פרוי פון ר׳ זלמן

איינמאל איז געקומען א פרוי פון דייטשלאנד א געבוירענע אין ראדאמישלע. געהייסן האט זי לייטשע, ר׳ קלמנס טאכטער. האט זי די משפחה נישט אריינגעלאזט אהיים. זיי האבן געזאגט, אז זי איז נישט נארמאל. האט אבער מיין טייערע מאמע ע״ה זי גענומען צו זיך און געהאלטן גאנצע 3 וואכן מיט כל טוב, ביז זי איז צוריקגעפארן קיין דייטשלאנד.

דריי מיט א האלב יאר האט מיין טייערע מאמע געשיקט געקאכט עסן פאר אן אלטער קראנקער פרוי, זי זאל האבן פרייטיק און שבת מיט כל טוב. די פרוי האט געהאט אין ראדאמישלע צוויי שוועסטערס: איינע א רייכע, די צווייטע אויך נישט קיין ארעמע. די רייכע האט פרייטיק געשיקט א בולקע, ווייל איר מאן האט נישט דערלויבט מער; די צווייטע גארנישט.

איך האב דאס אלץ נישט געוואלט שרייבן, ווייל איך האב געמיינט, אז ס׳וועט פארלירן דעם סוד פון בסתר... העט מען מיך אבער שטארק צוגערעדט איך זאל יא שרייבן.

קריסטן האבן געטרויערט נאך מיין טאטנס טויט (צו 48 יאר).

איך גלויב הייליק, אז אין זכות פון מיינע עלטערן ע״ה, בין איך געבליבן לעבן דא אין לאנד, ווייל בשעת דער באפרייונג־מלחמה האב איך געזען א סך מאל דעם טויט פאר מיינע אויגן.

די משפחה בלוט

איך מאך אויפמערקזאם מיינע ליבע שטעטישע, אז טשארנע, וועגן וועלכער איך שרייב, איז נישט געווען טשארנע ביי טארנאוו, נאר א דארף טשארנע ביי סענדישעוו — מיין זיידנס הויף. פון סענדזישעוו צום הויף איז מען געפארן מיט פערד און וואגן 4־5 קילאמעטער.

ווען מיין מאמע ע״ה איז זומער געפארן מיט אירע קינדער קיין טשארנע אויף 5־6 וואכן, האבן אירע עלטערן געשיקט א גרויסע ברישקע מיט 2 פערד און א גוטן קוטשער. א זייער אינטערעסאנטע רייזע און א גוטע דאטשע.

מיין מאמע ע״ה איז געווען א טאכטער פון הענציע און ראובן בלוט ז״ל, א גוטבאזיצער פון דארף טשארנע נעבן סענדזישעוו, א זייער אנגעזעענער מענטש. ביי אים איז געווען דער מניין פון גאנצן דארף. ער האט געהאט אייגענע צוויי ספרי־תורה, אן עקסטרא חדר מיט א סך ספרים, צווייערליי ש״ס, יום ולילה איז ער געזעסן מיט זיין איינציקן זון, ר׳ איטשעלע, אויך א בן תורה, א ירא שמים, ביזן טיפן עלטער האבן זיי געלערנט.

דער מאמעס עלטערן ע״ה האבן געהאט דריי טעכטער און דעם איינציקן זון, ר׳ איטשעלע ז״ל, מיט זיין פרוי שרהל ע״ה, זיי ווידער האבן געהאט אכט קינדער: 4 טעכטער און 4 זין. די בחורים האבן אויך געלערנט תורה.

מיינע גרויס־עלטערן זענען געווען גרויסע בעלי־צדקות, מכניסי־אורחים, געגעבן מעשר פון זייערע איינקונפטן.

מיין זיידע ע״ה, האט געהאט א שטר מכירה, ווי אלע אנדערע גוטבאזיצערס און גוטפאכטערס; אבער ביי אים האט מען שבת נישט געארבעט, טראצדעם וואס די גאנצע דינערשאפט מיט דעם פארוואלטער (זשאנדצע) זענען געווען גויים.

אויך מיין זיידנס יוגנט־פריינד, ר׳ שואל יאם, א רייכער גוטבאזיצער, פון דארף ניוויסק נעבן קאלבושעוו — ביי ראפטשיץ — ביי אים האט מען אויך נישט געארבעט שבת. (אין גאליציש־פוילן זענען געווען א סך יידישע גוטבאזיצערס, און גוט־פאכטערס, ביי וועלכע מען האט יא געארבעט שבת). אין א שמיטה־יאר האט מען געפירט ביכער, חלילה ס׳זאל נישט זיין קיין טעות.

די גרויס־עלטערן האבן געהאט 13 אייניקלעך און 23 אור־אייניקלעך.

דער זיידע האט זייער ליב געהאט צו הערן וועלט־פאליטיק, אבער א צייטונג האט נישט געטארט אריינקומען אין זיין הויז. ער האט גערעדט א גוטן פויליש. די קריסטן, — שכנים, רייכע גוטבאזיצערס, אויך די גלחים — האבן אים זייער רעספעקטירט. זיי האבן געלעבט אין דעם גוט 65 יאר. געשטארבן איז די באבע אין עלטער פון 78 יאר, דער זיידע צו 81 יאר.

זיי האבן געהערט צו דער סענדזישעווער קהילה, און דארט האט מען זיי מקבר געווען.

דער זיידע ע״ה האט אמאל געהאט א גאזשעלניע (בראנפן־ברוי) אין א גרויס־געמויערטער געביידע — איז זי פארברענט געווארן און מען האט די גאזשעלניע מער נישט אויפגעבויט.

דערנעבן איז געווען א שיין גרויס הויז, וואס דער פעטער און מומע שרהלע האבן דארט געוווינט מיט זייערע 8 קינדער. שפעטער, ווען זיי האבן חתונה געמאכט 6 קינדער, זענען זיי געקומען ארויף אין הויף צום זיידן וווינען.

ר׳ ישראל קארנרייך ע״ה, דער אנגעזעענער תושב פון ראדאמישלע איז געווען א קרוב פון ר׳ ראובן בלוט ע״ה.

זאל עס זיין לזכר פון מיין גאנצער משפחה, דער עיקר פאר די, וועלכע זענען פארברענט געווארן דורך דייטשע רוצחים.

דערלויבט מיר אויך צו שטעלן די מצבה אין אונדזער יזכור בוך פאר מיין נישט פארגעסלעכן פעטער ר׳ ישראל שפירא ז״ל.

מיין מאמעס עלטערע שוועסטער האט געהאט א מאן פון גרויסן יחוס, און א סך תורה. די פארגעשריטענע האבן אים גערופן דער העברעאיסט. ער איז געווען אויך זייער געבילדעט אין דייטש. זייער א פרומער ארטאדאקסישער ייד, אבער נישט פאנאטיש. א סך יארן האט ער געגעסן

קעסט ביי מיינע גרויס־עלטערן ע״ה, דער זיידע האט אים נישט אוועקגעלאזט — האט ער געלערנט מיט זיי תורה. שפעטער האט ער געוווינט אין יאראסלאוו, נעבן פשעמישל, געפירט אַ שיין גוט געשעפט.

ער האט געקרענקט א לאנגע צייט, געוועזן אין ווין ביי די בעסטע דאקטוירים — דאן געקומען צו די שוויגער־עלטערן קיין טשאַרנע זיך א ביסל אפרוען, דערהאָלן מיט דער גוטער וואַלד־לופט. אין טשארנע איז ער אויך נפטר געווארן און געבראכט געווארן צו קבורה אין סענדישעוו (צו די 52 יאר).

די מומע ע״ה איז אומגעקומען פון די דייטשע רוצחים.

די פאמיליע קארטאגענער

חיים און הינדע קארטאגענער זענען געוועזן ראדא־מישלער, האבן געהאט 8 קינדער (4 טעכטער און 4 זין), אבער בלויז איינער פון די אלע קינדער האט געוווינט אין ראדאמישלע — דאס איז געוועזן דער זון, זלמן וואלף קארטאגענער, מיט זיין פאמיליע.

זלמן וואלף קארטאגענער ע״ה איז געשטארבן אויף אַן עפידעמישער קראַנקהייט (די „שפּאַנישע גריפּע״), דעם צווייטן טאג ראש־השנה, אין יאר 1918, אין עלטער פון 48 יאר.

די פרוי, זיסעלע ע״ה — איז געשטארבן אין ירושלים, 21 טעג אין חודש אדר ראשון, 1943 — געבראכט צו קבורה אויפן הר הזיתים אין ירושלים.

דער זון יידל קארטאגענער, יידלס זון זלמן (דאליש), יידלס פרוי שיינדל — פון דערהיים טאפעל (א ראדאמישלער) זענען אלע געווארן קדושים.

זלמנס און זיסעלעס עלטסטער זון, אברהם קארטאגענער נ״י, לעבט זייט א סך יארן אין אמעריקע.



שיינדל קארטאגענער (פון דער היים טאפעל) די פרוי פון יידל קארטאגענער מיט איר זון זלמן (דאליש).

רייזל (שושנה, שתחיה) קארטאגענער, איז געקומען מיט איר מאמען ע״ה אין הייליקן לאנד, אין יאר 1935.

העלע (חיה) קארטאגענער, שתחיה, איז געקומען קיין ארץ ישראל אין 1934, מיט איר מאן ע״ה, מיט אירע צוויי זין — זאב און עמוס בורשטיין נ״י.

יידל קארטאגענער ע״ה איז געוועזן א רודף שלום. אין דער גאנצער שטאט האט מען אים גֶעקענט מיט זיין גוט הארץ. ער איז אויך געוועזן זייער א גוטער פריינד פון ראדאמישלער רב, הרב ר׳ חיים ענגעל ע״ה, דער קדוש. דער רב האט יידלען הויך געשעצט און אים דערציילט אלע זיינע עגמת־נפשן..

ווי אין יעדער שטאט, האט אויך דער ראדאמישלער רב געהאט קעגנער. יידל האט גוט געלעבט מיט אלע תושבים, ער האט זיי ליב געהאט, אויך זיי אים, האט ער געשטרעבט מיט אלע זיינע כוחות זיי זאלן מאכן שלום מיטן רב, ר׳ חיים

דאס איז געוועזן זייער שווער, ווייל דער ברוגז האט געדויערט לאנגע יארן. ס׳זענען אלע מאל געוועזן מענטשן, וואס האבן ליב געהאַט שטאט־פאליטיק, און דורך דעם האט דער קעסל געקאכט...

די תושבים האבן געטענהט: וואס הייסט, מיר — עלטערע יידן, תלמודיסטן, אנגעזעענע מענטשן — זאלן גיין צו א יונגן רב איבערבעטן?... ניין, דאָס נישט!...

אבער צו שטוינען איז געוועזן יידלס כוח: ער אליין דעמאלט נאך א יונגער מענטש, האט די אַלע קעגנער געפירט צום הרב ר׳ חיים ענגעל אויפן שטאָק — און זיי אלע האבן זיך איבערגעבעטן.

די שטאָלצע, בכבודיקע תושבים האבן ענדלעך איינגעזען, אז סוף כל סוף איז הרב ר׳ חיים ענגעל דער שטאט־רב — און אלע זענען געוועזן צופרידן.

עפרה (לבית שטרום) הרשושנים
תל־אביב

אהבת המקום ואהבת הבריות

אבי ר׳ שמעון־לייב שטרום הי״ד היה ידוע בקרב כל שיכבות האוכלוסייה בעיירתנו כבעל צדקה ביד פתוחה, כמכניס־אורחים, כמוקיר תלמידי חכמים, כבעל מידות תרומיות ונוח לבריות בכלל.

דירתנו היתה סמוכה ליד בית־המדרש שהיה גם מקום התאספות לכל העניים שבאו לעיירתנו לבקש ולקבץ נדבות. ביום חול רגיל לא היה אבא עולה על מיטתו כל עוד לא נוכח לדעת אם העניים בבית המדרש אינם רעבים ואם יש להם מקום להניח את ראשם. אצלנו על עליית הגג היו שקים מוכנים למצעות בשביל עניים, שלא יכלו להסתדר בבית המדרש.


הגבאים ואחרים בעיירה שעסקו באירוח ובסידור מקומות לינה לטובי העניים ידעו שאצל ר׳ שמעון־לייב הדלתות פתוחות ואינו קופץ ידו מעולם כדי לעזור לנצרך ולבו פתוח תמיד לתת נדבה ובעין יפה. במרבית השבתות הסבו אצלנו אורחים אל השולחן.

בשחריתה של שבת היה אצלנו תמיד מוכן מיחם גדול עם חמין — קפה או תה — ללומדי בית המדרש שונים ולבעלי בתים שהיו שותים אצלנו לפני תפילת שחרית של שבת.

אבי עזר לא רק לעניי חוץ אלא עשה גם הרבה ועזר לנצרכי העיירה שלנו: גמילות חסד לבעל מלאכה מחוסר אמצעים, למועד ארוך ולחנווני הלוואה כשרה עד לאחר היריד אפשר היה להשיג אצלנו תמיד. וכשיהודי תלמיד חכם

ירד מנכסיו והיה צורך בתמיכה כספית היה מעניק אותה ביד רחבה.

אבי ז״ל לא היה רק נותן אלא אסף גם כסף אצל אחרים למטרות של צדקה. בפורים כשדלת ביתנו היתה פתוחה לקבצנים השונים וגובי צדקה, היה אבא חוזר בעצמו על הפתחים וגם שלח אותי לאסוף צדקה אצל אחרים.



ר׳ שמעון־לייב שטרום ורעיתו שרה־רבקה הי״ד

בזכרוני חרותה עובדה, שאינה נותנת לי מנוחה עד היום הזה והמראה על רגש הרחמנות של אבי. פעם בא אבא הביתה מבית המדרש, מחליף את בגדיו, נכנס לדיר העצים, מוציא חבילת עצים והולך לו. כששאלנוהו מה בדעתו לעשות ענה שאצל ס. ט. אין גזיר־עץ בבית, כך סחו בבית המדרש, והוא הולך להביא שמה כמה גזירי עץ שלא יקפאו מקור.

בעלת רגש רחמנות לא פחות ממנו היתה אמי שרה־רבקה הי״ד, שהיתה תומכת בחולים עניים ובמו ידיה הביאה להם מרק וחתיכת עוף.

ברחבות יד נהג אבא במשלוח מנות פורים או מעות רגילות בימים טובים אחרים לרב ול„כלי קודש״ בתתו פעם יותר מיכולתו.

אבא בהיותו יהודי ירא־שמים, חסיד גרודז׳יסקי, שהיה נוסע שמה ליום טוב או לאחת השבתות, היה הולך למקוה לפני שעבר על פרשת השבוע היה עם כל זה מסור לארץ־ישראל ולאידיאל הציוני. אצלנו בבית היתה תלוייה קופסת הקרן הקיימת (נוסף לקופסת הרמבה״ן) ועד כמה שאני זוכרת היה רוכש את השקל וילדיו היו מתלמידי בית הספר העברי. אחי מאיר, וגם אחותי צילה, היו מן החלוצים הראשונים שנסעו להכשרה: מאיר ללייטמריץ, וצילה לכשאנוב כשברכת ההורים מלווה אותם.

מבחינה ציבורית היה אבי פעיל במוסדות חסד וצדקה שונים כמו ביקור חולים. מדי פעם בפעם היה לן לילה אחד אצל חולה מסויים; היה חבר מועצת העירייה; חבר בחברה קדישא, וזמן מסויים היה גם גבאי בבית הכנסת.

היה פעיל באירגון בעלי המלאכה בעיירה כמו כן בציבור הכללי. עמד בקשרי מסחר עם נוצרים אך מעולם לא אירעו סיכסוכים ביניהם.

לנו, הילדים, היה אב טוב להפליא. היה מוכן לעשות הכל, שנגדל כבני אדם — לאלוקים ולאנשים. כולנו למדנו בבית הספר הפולני, ביקרנו בבית הספר העברי. בשביל האחים, מאיר ויוסיל, החיזק אבא ממיטב המלמדים והיה מוכן לעשות הכל שילמדו. כשאחי הבכור התחיל קצת מזניח את הלימוד בבית המדרש עשה הכל שימשיך ללמוד. בכל ראשון לחודש שולם אצלנו שכר הלימוד, דבר זה הוא ראה כחובתו הראשונה מפני שהיה לו יחס מיוחד להנחלת תורה לבניו.

בכלל היה אבי נוח לבריות ולא היה כעסן. מעולם לא גער בנו ולא התרגז עלינו. את אהבתו אלינו, הילדים, הוא גילה על כל צעד ושעל. בייחוד התגלה הדבר הזה במותו של אחינו יוסיל ז״ל, שהשפיע עליו כל כך, שפתאום קפצה עליו השיבה. אנו, הילדים, שילמנו להורים באותו מטבע. הוקרנו אותם ודברם היה בשבילנו צו. וכשבאנו ארצה היתה כל שאיפתנו להוציאם מהר ככל האפשר ולהיות יחד עמם. אך לצערנו לא עלה בידינו להציל את הורינו היקרים מן המוות הטראגי שלהם.

יהא זכרם ברוך לעד!

מענדל אייזלאנד

פארשידענע פאמיליעס אין שטעטל

אגאנצע ריי משפחות, וועלכע האבן געלעבט און געווירקט אין שטעטל, ווערן (צוליב די אדער אנדערע סיבות) נישט דערמאנט אין זכרונות. עס וואלט געווען א פארדריסלעכער טעות ווען זייערע נעמען זאלן בכלל נישט דערמאנט ווערן אין אונדזער יזכור־בוך. פרווו איך דערפאר זיי דא צו דערמאנען — נישט לויטן אלף־בית, נישט לויטן יחוס אדער געזעלשאפטלעכע פאזיציעס, וועלכע זיי האבן פארנומען אין שטעטל, נאר פון זכרון מיינעם, ווי אזוי ער ברענגט זיי ארויף און לויט געוויסע אסאָציאַציעס. ווען איך וועל חלילה ארויסלאזן וועמען עס איז, בעט איך פון פארויס מ׳זאל מיר מוחל זיין.

ר׳ שמעון גראס איז געווען א ייד א קצב, אבער א פרומער, אן אָפגעהיטענער אין יידישקייט און מצוות. ער האט געהאט צוויי זין און דריי טעכטער. איינע פון זיי, רויזע, וווינט אין אַמעריקע. זי האט חתונה געהאט פאר ראובן קליין.


ר׳ פינטשע גראס איז געווען א ברודער פון ר׳ שמעון גראס. ער איז אויך געווען זייער פרום און געקענט לערנען אַ בלעטל גמרא. באַשעפטיקט זיך מיט דארפס־גייערײ. געווען באַשאָנקען מיט א סך קינדער, זין און טעכטער. אייניקע פון זיינע קינדער געפינען זיך אין אַרגענטינע, ווי אויך אין ישראל (דער זון פייוול גרין און די טאכטער [צערל] צפורה טאפערמאן). דאס ווייב פון פינטשע (פנחס) גראס, מלכה, איז געווען די שוועסטער פון חנה קליין (דאס ווייב פון יאנקל קליין, דעם בעקער), ווי אויך די שוועסטער פון יאסל גרין, וואס האט געוווינט אין דער בית המדרש גאס און ישראל גרין פון דער וואַעל גאַס.

ישראל גרין איז געווען א ייד א גביר, געהאט זין, א טייל פון וועלכע האט געוווינט אין פשעמישל, א טאכטער, וואס איז געווען דאס ווייב פון ר׳ יאנקל האפשטעטער — דער ראדאמישלער משכיל און דענקער.

יאנקל בעקערס אן אייניקל, הערשל זינגער, וווינט אין אַמעריקע און פארנעמט זיך אויך מיטן בעקער־פאך. שיע



ר׳ שמעון גראס און זיין פרוי ביילע.



לייביש גראס, דער זון פון ר׳ שמעון גראס, מיט זיין פאמיליע
(געוווינט א צייט אין נײ־סאנץ).



לייביש צוקהאפט (אן איידעם פון ר׳ שמעון גראס), זיין פרוי חייקע און זייער זון פייוול.

זינגער איז געווען אן אנגעזעענער בעל־הבית, געהאַנדלט מיט בהמות. איטשע זינגער האט געוווינט אין דער סגורסקער גאַס. געקומען איז ער פון אַ דארף.

א פראצווייגטע משפחה זענען געווען די פעדערס, וועלכע זענען באַשטאַנען פון דריי ברידער. מענדל, מיכאל און יידל. דאס זענען געווען באקאנטע משפחות פון היטלמאַכערס, זיי האבן אויך געשפילט א געזעלשאַפטלעכע ראָל אין שטעטל. יידל פעדער איז געווען א ייד א יודע ספר. איינער פון זיינע קינדער, ירמיהו, איז געווען פון די בעסטע בית המדרש בחורים.

מענדל נתן איז געווען מיכאלס איידעם. זיינע צוויי זין, טוביה און לייזער, לעבן אין אמעריקע. אין אמעריקע געפינט זיך לייביש, דער זון פון מיכאל און משה פעדער, דער זון פון ר׳ מענדל.


זאלמעלע סאלאמאן איז געווען א ברוקירער פון וועגן און טראָטוארן־לייגער. ער האט געוווינט אין דער קלויז־גאס און געווען אנגענומען צווישן די בעלי־מלאכות. משה האלצ־גרין, דער בלעכער, איז געווען זייער אן איידעם ,אין דער קלויז גאס האט אויך געוווינט די משפחה שווארץ, וואס די דריי ברידער: מאיר, יוקעוו און הערשל, ווינען איצט אין אמריקע.

אן אַנגעזעענע פאַמיליע זענען געווען די גאָלדעס, א פארצווייגטע — מיט איידעמס און שנורן, זין און טעכטער,



ר׳ פינטשע גראס מיט א טייל פון זיין משפחה. עס זיצן: ר׳ פינטשע מיטן מוזיניק יחזקאל.
עס שטייען (פון רעכטס): חנה, **צוועטל און סימע.**

ברידער און שוועסטער. שלום גאלד איז געווען אמאל אפילו וויצע־בירגערמייסטער. ער האט געהאט זין, וועלכע זענען געזעסן אין בית המדרש און געלערנט (זיינס אן אייניקל, יעקב גאלד, דער זון פון איטשעלע גאלד, געפינט זיך אין ישראל); פנחס גאלד, א ייד וואס האט ליב געהאט א טובה צוטון מיט א גמילת חסד; ר׳ יאנקל גאלד, אן אַנגעזעענער מעל־סוחר, האט געהאט בכבודיקע איידעמס, ווי אונגער פון טארנע און מלך אַמסטערדאם (אייניקלעך פון ר׳ יאנקלען. די אונגערס געפונען זיך אין ישראל) און (לייביש) ליאון, זייער זון פון איטשע גאלד, געפינט זיך אין אויסלאנד. ר׳ וואלף גאלד, אן אנגעזעענער בעל־הבית, האט געהאט



ר׳ איטשע דעמביצער

א ווייב אן אשת חיל, סימעלע, איידעמס וויללערנערס, ווי ר׳ איטשע דעמביצער, ר׳ מאיר נאטאוויטש (וועלכער האט געשטאַמט פון א גבירישער משפחה אין קאלבעסיוו); זין: ר׳ פנחס גאלד, א קראקעווער גביר און ר׳ אהרעלע



ר׳ מאיר נאטאוויטש, מיט זיין פרוי, לאה (פון דער היים גאלד) און וייערע צוויי טעכטער סאלע (די ערשטע פון רעכטס) און אסתר

גאלד. די אייניקלעך פון ר׳ וואלף גאלד געפינען זיך אין אמעריקע — נאטע נאטאוויטש און לייזער דעמביצער; יאסל גאלד או משה דעמביצער אין פראנקרייך, יצחק גאלד אין ירושלים. מיט די גאלדס איז געווען פארבונדן ר׳ שלמה בערל, א חברא־קדישא־עסקן, ער האט ליב געהאט צו געבן א נדבה. די מוטער פון ר׳ שלמהן,ביילע, איז געווען פון די גאלדס.

ר׳ הערשל מעכלאוויטש איז געווען א באקאנטער פערד־סוחר, א דעמביצער חסיד. מרדכי מעכלאוויטש איז געווען א זון פון ר׳ הערשל מעכלאוויטש, ער האט געהאט א הויז אין דער בית המדרש גאַס, א גרויסע פאמיליע מיט קינדער, ער איז געווען דער שוואגער פון יאסל האנד, דעם בעקער און פון ר׳ ישראל זלמן ליפשיץ, וואס האט געוווינט אין דער סגורסקער גאַס. די קינדער פון די מעכלאוויטש און פון די האנדס געפינען זיך אין אמריקע. ר׳ הערשלס זון, אשר, וווינט שוין א לענגערע צייט אין אמעריקע.

ר׳ חיים פריד איז געווען א דארפס־גייער, נישט פון די פארמעגלעכע. זיין זון מענדל, איז געווען א טוער ביי די פועלי־ציון; ישראל איז געווען א ייד א תלמיד־חכם, געלערנט אין די ישיבות אין ווארשע און חתונה געהאט קיין קאנגרעס־פוילן. דער ברודער פון ר׳ חיים, בנימין, האט געוווינט אין דער שקאָלע־גאַס און איז געווען א פערד־סוחר.

ר׳ חיים ריינער האט געוווינט אין דער קלויז גאַס. דער



יוסף חיים גרין, דאס קינד פון ר׳ משה גרין יבל״א, א ברודער פון יאנקל גרין

זון זיינער, זיינוול, אן איידעם פון ר׳ ישראל ענגלענדער, דעם שוחט, וווינט היינט אין ישראל, בני ברק. ר׳ אשר פריילעך, גימפל שפאץ און יאנקל גרין זענען געווען איידעמס פון ר׳ חיים ריינער. אברהם קאָך איז געווען דער איידעם פון ר׳ אשר פריילעך. דער זון פון ר׳ אשר פריילעך, יצחק, לעבט אין אמעריקע.

א גרויסע משפחה זענען קעווען די קאכס: ר׳ הערשל, אָ ייד אַ גביר, אַ תבואה־סוחר. איינער פון זיינע איידעמס איז געווען ר׳ אייזיק אייזיג פון טארנע (וועמענס טאכטער געפינט זיך אין ישראל — קבוצת חולדה). ר׳ לייזער קאָכס זון; ר׳ פלטיאל און יאסל קאָך. ישראל קאך, דער זון פון ר׳ יאסל, משה יענקל אייסלאנד און הענעך אייסלאנד.



ר׳ פלטיאל קאך, מיט זיין פרוי טויבע (פון דער היים אייסלאנד)



יחיאל קאך
דער זון פון
פלטיאל און טויבע קאך

די זין פון ר׳ פלטיאל, געפינען זיך אין ישראל. ר׳ לייזער איז געווען א הייסער דעמביצער חסיד און צוזאמען מיט זיינע קינדער — אן אָנגעזעענער תבואה סוחר. ר׳ לייזערס איידעם, אנשל טענענבוים, איז געווען א ייד א משכיל, אן עסקן. זיין זון, משה קאך, וווינט אין חיפה, די טאכטער, מינקע, איז געווען א באגאבטע לערערין. זי האט געענדיקט דעם לערער-סעמינאַר פון ד״ר טשארנא, אין ווילנע.

הערשל דאָרף, אליין אַ סוחר און אנגעזעענער בעל הבית, אֶ מיטגליד פון שטאט־ראַט און פון קהל, א ייד א לערנער, האט געהאט א זון, ראובן, וואס האט נאך אין די גאר יונגע יארן באקומען היתר הוראה און איז געווען א בחור א מושלם, דער בעסטער לערנער פון שטעטל.

בלומע וויגדאר, די שוועסטער פון די קאכס, האט געוווינט אין דער סגורסקער גאַס און געהאט קינדער, תבואה־סוחרים. איר זון, מאיר, איז געווען א בית־המדרש־בחור און אן אַנגעזעענער צעירי אגודת ישראל חבר. ר׳ אהרן קאך, א ברודער פון ר׳ לייזער און הערשל קאך, איז געווען אַ קאַלכער, ער האט געוווינט אין דער יידישער גאַס.

ר׳ שלמה נארד איז געווען אן איידעם פון דעם אַלט־אייזן סוחר ר׳ דודל אמסטערדאם, א ייד א יודע ספר, א בעל מנגן.



ר׳ ישראל סאלאמאן, מיט זיין פרוי און טאכטער

ער איז געווען שמש אין שול און אין קלויז. דער זון, משה, איז געווען דער גרינדער און וואָרט־זאָגער פון דער צעירי אגודת ישראל.

צו די רבנישע פאמיליעס האבן געהערט ר׳ נאטעלע בלאס ר׳ ברוך יוסף און ר׳ ישראל סאלאמאן — אלץ משפחות פארצווייגטע, מיט א סך קינדער. רעשטלעך פון די משפחות לעבן אין ישראל און אין אויסלאנד.

פון דער משפחה אייזלאנד דארפן דערמאנט ווערן די קינדער פון ר׳ יחזקאל אייזלאנד, די דריי זין: לייביש, יקותיאל (קסיל) און יאסעלע, ווי אויך עטלעכע טעכטער, פון וועלכע איינע איז געווען דאס ווייב פון ר׳ סענדער וויזן.

ר׳ לייביש אייזלאנד איז געווען אן איידעם פון ר׳ מענדל געלדציילער. דאס ווייב, ביילע, איז געווען אַ שוועסטער פון ר׳ ברוך געלדציילער. ביי ר׳ לייביש אייזלאנד זענען געווען פינף זין און צוויי טעכטער. דריי פון די זין: חיים־פסח, משה־יעקב און ראובן האבן נאך אין דער יוגנט אויסגע־



ר׳ קסיל אייזלאנד



הענדל אייזלאנד (פון דער היים איסלער) — די פרוי פון ר׳ קמילן


וואנדערט קיין אַמעריקע. דער יונגסטער זון, יצחק, איז געפאלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער איינציקער זון, וואס איז געבליבן אין ראדאמישלע מיטן פאטער, ר׳ לייביש איז געווען בעריש, וועלכער איז אומגעקומען צוזאמען מיטן פאטער אין יאר 1942. די טעכטער פון ר׳ לייבישן: בריינדל, האט חתונה געהאט מיט איר קוזין שיע (דער זון פון קסילן) און חנה מיט יאנקל גרין, דער זון פון ר׳ ישראל גרין.



ר׳ יהושע אייזלאנד



בריינדל אייזלאנד
די פרוי פון ר׳ יהושע




די צווי ברודער מענדל (לינקס)
און יחזקאל אייזלאנד

בעריש אייזלאנד האט גענומען זיין קוזינע, מלכה, די טאכטער פון ר׳ קסילן. אזוי אז די צוויי ברידער האבן זיך צוויי מאל משדך געווען צווישן זיך.

מ׳דאַרף נאך דערמאנען ניסן, דעם זון פון ר׳ קסילן, וועלכער האט געוווינט אין דייטשלאַנד, דערנאך אין אמעריקע, ווו ער איז געשטארבן, ווי אויך די טאכטער אייגע, די פרוי פון הענעך הארטמאן.

דער דריטער זון פון ר׳ יחזקאלן — יאסעלע אייזלאנד, האט געהאט פיר זין, וועלכע האבן צוזאמען אויפגעבויט די באקאנטע פערפומעריע־פאַבריק „עלדאָראדאָ״, צוערשט אין ראדאמישלע, דערנאך אין טארנע.

ר׳ שלמה (יחזקאלס ברודער) האט געהאט א זון יאסל, וועמענס זון, שלמה, וווינט אין ראשון לציון. ר׳ שמעון



ברײַנדל אײַזלאַנד, די
טאָכטער פון ר׳ משה־לײַבן,
די פרוי פון הערש־מלך
קײַטעלמאַן, מיט איר זון



פרײַדע אײַזלאַנדס
מאַן, משה

גערטנער איז געווען ר׳ שלמהס אַן אײדעם. די טאָכטער פון ר׳ שמעון גערטנער און ריוועטשע אײַזלאַנד — רחל בר־עם וווינט אין חיפה. דער צווייטער אײדעם פון ר׳ שלמהן איז געווען ר׳ איטשע גאָלד, דער זון פון ר׳ יאַנקל גאָלד.

פון ר׳ חיים הערש אײַזלאַנדס קינדער דאַרף דערמאָנט ווערן ר׳ משה לײַב אײַזלאַנד מיט זײַן פאַרצווייגטער משפחה, פון וועלכער ישראל און יחיאל זענען געווען באַקאַנטע סוחרים אין קראָקע; ראובן, וועלכער איז געשטאָרבן אויף דער וואַנדערונג אין רוסלאַנד בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. ברײַנדל דאָס ווײַב פון הערש מלך קײַטלמאַן און פערל, דאָס ווײַב פון שמאַי שמידט, זענען אומגעקומען אין יענע שרעקלעכע יאָרן. די איבערגעבליבענע קינדער — גרשון און יאַנקל — לעבן אין ישראל; די טאָכטער רבקה (חתונה געהאַט: ליפשיץ) לעבט אין אַמעריקע, ישראלס טאָכטער געפינט זיך אין דרום אַפריקע.


ר׳ ישראל מלך איז געווען אַן אײדעם פון ר׳ אשר ר׳ איטשעס — אַ פרומער ייִד, קלויז בעל תפילה, אַ פײַערדיקער זשאַבנער חסיד. ער האָט געהאַט פינף טעכטער און איין זון. פיר טעכטער: ברײַנדל, דאָס ווײַב פון יאַנקל אָפּען אין דאַמבראָווע; פערל, דאָס ווײַב פון לײַביש האַרטמאַן; פרײַדע




א משפחה מלוה־מלכה ביי ר׳ ישראל מלך אייזלאנד לכבוד דער חתונה פון צערקען תבל״א
מיט זאב (וואלף) באלזאם אין קעלן (1933).
עס זיצן (פון רעכטס): דער איידעם, לייביש הארטמאן, מיט זיינע פיר קינדערלעך (צוויי
מיידלעך איינע פון זיי, רייזעלע; און צוויי יינגעלעך — איינער פון זיי אשרל),
זיין פרוי פערל, ר׳ ישראל מלך, זיין פרוי מאניעלע, ר׳ מרדכי גאלדפינגער און טויבע קאך
עס שטייען פון רעכטס: צעשקע אייזיג, משה גאלדפינגער, ראכטשע אייזיג, רחל און
פריידע אייזלאנד, רחל קאך, שיידל קאך און יחיאל קאך. הינטער זיי שטייט יחיאל בראנד.



סאבינע (שפרינצע)
אייזלאנד, די פרוי
פון גרשון
אייזלאנד יבל״א



גרשון אייזלאנדס צווי טעכטערלעך.
די עלטערע, שרה (סארענק) און רות




4.II.1941 r.
Kochany Tatusiu!
Wiadomość otrzymana od Ciebie,
kochany Tatusiu bardzo nas ucieszy-
ła. Chciałabym, abyś do nas przyje-
chał. Ja nadal się pilnie ~~uczę~~ uczę
i słucham mamusię. Bawię się często
Rutunią. Rutusia jest duża i wszystko
... Rutusia Cię serdecznie pozdrawia
całuje.
Całuję Cię Twoja kochająca Saronka

א קלאג־בריוו פון סארענקען, וועלכע בענקט נאכן פאטער (גרשון
אייזלאנד), וואס האט צוליב די דייטשן געמוזט פארלאזן די
אומגליקלעכע פאמיליע.

מיט איר פאַמיליע און רחל מיט איר מאַן, זענען אומגעקומען אין דער היטלער קאַטאַסטראָפע; צערקע באַלזאַם וווינט אין ישראל, נאַטע (אײַזלאַנד) באַלזאַם וווינט אין בראַזיליע.



נחמה גאלדפינגער, מיטלסטע טאכטער פון מרדכי און ליבע גאלדפינגער



עס שטייען (פון לינקס): ר׳ משה שענקער, דער זון מענדל און דער פאטער פון ר׳ משה שענקער



ר׳ מרדכי גאלדפינגער מיט זיין פרוי, ליבע (פון דער היים אייזלאנד) מיט זייערע צוויי קינדער: משה און רחל

מרדכי גאלדפינגער, דער זון פון ר׳ הערשל גאלדפינגער, איז געווען אן איידעם פון ר׳ חיים הערש אייזלאנד. מרדכיס דריי טעכטער און זיין זון משה זענען אומגעקומען. יחזקאל גאלדפינגער, דער זון פון מרדכי גאלדפינגער און ליבע אייזלאנד, לעבט אין קאנאדע. זיין ווייב איז רבקה שענקער, די טאכטער פון ר׳ משה שענקער, א ייד א משכיל און די שוועסטער פון מענדל שענקער.

ביילע בוי, די שוועסטער פון ר׳ חיים הערש אייזלאנד, האט אייניקלעך ,וואס לעבן אין ישראל און אין אויסלאנד. יחיאל שרויב, ביילע בוימס אייניקל, לעבט אין חיפה.

דעם נאמען גרין האבן געטראגן עטלעכע פאמיליעס, וועלכע האבן נישט געהאט קיין שום קרובהשאפט צווישן זיך. לאמיר דערמאנען: יאנקל גרין, א ייד, וואס האט געהאט א האלץ־סקלאד און אויך פעלדער ארום דער שטאט. געווען אן אנגעזעענער בעל הבית, א מיטגליד פון שטאט־ראט ווי אויך פון קהל. געהאט אייניקע קינדער:

די דריי ברידער גרין: זאלמעלע, יידל און ישראל, זענען געווען באקאנטע פי־סוחרים. ר׳ ישראל גרין איז געווען א געוויסע צייט ראש הקהל. דאס ווייב פון ר׳ ישראל פריינדל, זי געווען אן אשת חיל און האט געפירט א שפייז־געוועלב. ר׳ יאנקעלע ליינמאן איז געווען א שוואגער פון די גרינס. אן אנדער שוואגער האט געוווינט אין פשעצלעוו — גאסטווירט. לייביש ליינמאן, דער האנדווערקער־עסקן און בארימטער שניידער, איז געווען ר׳ יאנקעלעס זון און אן איידעם פון ר׳ זאלמעלע. דער צווייטער זון פון ר׳ יאנקעלע איז געווען אברהם איטשע, דער איידעם פון ר׳ מנשה מאהלער. די קינדער פון די גרינס: מיכאל (דער זון פון ר׳ זאלמעלע), נפתלי (דער זון פון ר׳ יידל), וווינען אין אמעריקע. נפתלי גאסטווירט (פון פשעצלעוו), וואס האט געלעבט ביי אונדז אין שטעטל א לענגערע צייט, וווינט צוזאמען מיט זיין שוועסטער און פאמיליע אין שפאניע.



לייביש ליינמאן — מיט זיין פרוי, רויזע (פון דער היים גרין), מיט זייערע קינדער

יויזיפ גרין איז געווען א ייד א לערנער. זיינע קינדער געפינען זיך אין אמעריקע און אין ארגענטינע. ישראל גרין איז געווען א ברודער פון יויזיפן און א שוואגער פון יאסל האנד; קסיל גרין איז געווען א שוואגער פון יויזיפ גרין. זיינע צוויי זין: פסח און שמאי, חברים פון דער „פרייהייט״, זענען אומגעקומען, די טאכטער כישע, מיט דעם זון פינחס, וווינען אין ישראל.


הינטער דער שטאט, אין א מרחק פון א קילאמעטער, האט געוווינט די פאמיליע פון יאסל גרין, וועלכער וווינט היינט אין בני־ברק.

די ברידער קשאנזש משה און אשר, זענען געווען אנגעזעענע וואלד־סוחרים און אייגנטימער פון פעלדער. ר׳ אשר איז געווען אן איידעם פון ר׳ נח גרין. דער איידעם פון ר׳ אשרן







א טייל פון דער פאמיליע פון ר' זאלמעלע גרין אויבן (פון רעכטס): שרה (די פרוי זיינע), העניטשע (א טאכטער), איטשע (א זון).

אין מיטן (פון רעכטס): שמעון גרין (א איידעם, דער מאן פון פעסלען), פעסל,ביילע ליינמאן, אן אייניקל פון יאנקעלע ליינמאן. אונטן: די טאכטער, אסתר און דער זון, יחזקאל, דאן, א סאלדאט פון דער פוילישער ארמיי.



שרה קארענבליט (פון דער היים ווינד, די טאכטער פון ר' חיים וואלף ווינד, אן אייניקל פון ישראל ווינד), מיט איר מאן משה און זונעלע **צבי** (העניעק)

איז געווען ר' זאלמעלע ראזנוואסער פון ריישע, א חשובער ייד. זיינס א זון וווינט אין ענגלאנד.

ר' לייזער וואדלער איז געווען אן איידעם ביי ר' משה קשאנזש. מיט די קשאנזשעס זענען געווען פארוואנדט מיכאל אייזענבערג, וועלכער האט געוווינט אין דער סגורסקער גאס. זיינע קינדער לעבן איצט אין פראנקרייך.

פון די דיינים־משפחות זענען געווען: ר' בנימין בלומענ־קראנץ, דער זון פון דיין ר' רפאל הערש; ר' ישראל און משה ווינד, די זין פון ר' ברוך ווינד. ר' ישראל ווינד איז אויך געווען אן איידעם פון ר' רפאל הערש בלומענקראנץ.


ראדאמישלע האט געהאט אפאר שניידער־קאנפעקציאנערן, ווי ר' משה בראנד, אן אנגעזעענער שול־בעל־הבית. ער האט געהאט זין און א טאכטער. די זין זענען אלע געווען



זאלמעלע ראזענוואסער און זיין פרוי, שיינדל



רויזע ראזענוואסער, די טאכטער פון זאלמעלע און שיינדל



ר' דוד בראנד, דער זון פון ר' משה בראנד, מיט זיין פרוי חיה, די טאכטער פון ר' יעקב קליין

קאָנפעקציאנערן, דער עלטסטער זון, דוד, איז געווען אן איידעם פון ר׳ יאנקל קליין. דודס זון, יצחק, וועלכער האט זיך געראטעוועט פון אומקום, געפינט זיך איצט אין אמעריקע. ער איז א ייד מיט א ברייטער האַנט, לאזט זיך קאסטן פאר וווילטעטיקע צוועקן. ער האט אויך א גרויסן חלק אין פינאנסירן אונדזער יזכור־בוך.

אפרים בראדער איז געווען א פארמעגלעכער קאנפעקציאנער, געארבעט צוזאמען מיט די קינדער. דער זון, אייזיק, וווינט אין באר שבע. חיים פסח פארשנער האט אויך געארבעט קאנפעקציע, געווען באקאנט ווי אן עסקן ביי די האנטווערקער.

חיים קעניג איז געווען א שניידער, געוווינט אין דער יידישער גאס. שמואל באלזאם, א שניידער פון חסידישע מלבושים, אליין א פרומער ייד.

דער עלטסטער פון די שוסטערס איז געווען ר׳ נאטע קרעמער. ער האט געהאט זין מיט טעכטער, וועלכע זענען זיך נאכדעם צעפארן אין פארשידענע שטעט.

ר׳ וויגדער שאכער האט געשמט ווי א גוטער שוסטער, געווען אנגעזעען אין די בעל־מלאכישע קרייזן. ער האט געהאט א זון, א וויללערנער, א בית מדרש בחור, יאנקעלע שאכער, וועלכער האט שפעטער געהאט א געשעפט און נאכדעם געווען אן אנגעשטעלטער ביי נפתלי ווייס אין זיין מיל.

ר׳ וואלף וואסערמאן איז געווען א שניידער, זיינע זין — קצבים.

ר׳ זישעלע זיגפריד איז געווען דער קברן אויפן בית הקברות. דער זון זיינער הערשל, וועלכער האט געפלעגט



א טייל פון דער פאמיליע פון ר׳ יאנקעלע פיסטראנג
פון רעכטס: ריווטשע (פון מאן — וואדלער) חייטשע, חומאלע.
עס זיצט בראנקע

צושפילן אין פלאווקעס קאפעלע, האט איבערגענומען דאס אַרט פון פאטער.

ר׳ בעריש געלדציילער, א זון פון ר׳ מענדל געלדציילער, לעצטעם געוווינט אין בריגל. א זון פון ר׳ בערישן יוסף וווינט אין אמריקע. ר׳ שעיה ביזגייער, געוווינט אויף דער וואָעל־גאַס, געהאט געראטענע זין און טעכטער. עמיגרירט מיט דער גאנצער פאַמיליע קיין אמריקע אין די אָנהויב צוואַנציקער יאָרן. ר׳ נאטע הערשלאג געווען א ייד א סוחר, א תלמיד־חכם, געהאט א לעדער־געשעפט. א טייל פון זיינע קינדער לעבן אין אמעריקע און אייניקל אליעזר קלאר אין ישראל.



יחזקאל פיסטראנג, דער זון פון ר׳ יאנקעלע פיסטראנג

ר׳ יחיאל בוקסבוים א ייד א יודע ספר, א פי־סוחר, אן אייגנטימער פון א שענק און א גרויס הויז אין מארק. דער זון, ירוחם, וווינט אין ישראל.

ר׳ מאיר קנאבל, אן איידעם פון ר׳ חיים פעפער, איז געווען אן אנגעזעענער תושב, א פארמעגלעכער ייד. די טאכטער, גיטל, איז געווען דאס ווייב פון מלך גראס. די טאכטער יפה (שיינדל) זלישץ, וווינט אין רעננה.

צווישן די ראדאמישלער מלמדים זענען געווען באקאנט ר׳ יאנקל בראנד (פון דער בית המדרש גאס), וועלכער האט געלערנט מיט די תלמידים אויך גמרא און ר׳ חיימל זילבערמאן א גמרא מלמד.

ר׳ שלום קאָס איז געווען א ייד א סוחר, געהאט א שניט קראם מיט א הויז אין מארק, שפעטער האט איבערגענומען דאס שניט געשעפט דער איידעם ר׳ הערשעלע שפיץ. דער צווייטער איידעם איז געווען דער גלאגאווער שוחט. ר׳ הערשל שפיצס זון, חיים, וווינט אין תל־אביב.

הערשל קארטאגענער האט געהאט א שענק אין מארק. ער איז געווען א שוואגער פון ר׳ ברוך געלדציילער. דער זון אלעק (אהרן) וווינט אין ישראל.

ר׳ מאיר שפאנגעלעט האט געוווינט הינטער דער שטאט. געווען א קלויז בעל־הבית. דער זון, אברהם, און די טאכטער לעבן אין אויסלאנד.

ר׳ מענדעלע קליין איז געווען בית־המדרש שמש, אן איידעם פון ר׳ רפאל פיסטראנג. דער עלטסטער זון, יאנקל, איז געווען א לערנער.

ר׳ אברהם בערל איז געווען אן איידעם פון ר׳ רפאל פיסטראנג, א העמדער נייער. דער זון, מענדל, איז געווען פון די גוטע בית המדרש בחורים. דער זון נפתלי, יבל״א, וווינט אין ישראל.

ר׳ יאנקעלע פיסטראנג איז געווען ר׳ רפאל פיסטראנגס זון, א וואלד־גייער. יונג געשטארבן — צוערש די פרוי, באלד דערנאך ער. איבערגעלאזט נישט פארזארגטע קינדער. דער זון, יחזקאל, האט אויף זיך גענומען דעם גאנצן עול פון דער פרנסה. די טאכטער מנוחה וווינט אין ישראל.

בעריש ליפשיץ, א זון פון ר׳ פינחס ליפשיץ, דעם בית המדרש שמש, איז געווען א לענגערע צייט אין אמעריקע,





עס שטייען: ר׳ משה פאדאווער, מיט זיין פרוי ראניע.
עס זיצן (פון רעכטס): מינדל, עטל און שיינדל
צוויי שוועסטערס (פון רעכטס): אסתר און איטע, די טעכטער פון ר׳ משה פאדאווער

צוריקגעקומען, געהאנדלט מיט קאלעך. דאס ווייב, רייזל, איז געווען פון די צוקערס. ר׳ מרדכי צוקער איז געווען א קאלעך סוחר. געהאט א סך קינדער. דער זון אברהם בירנבוים (צוקער) וווינט אין חיפה.

ר׳ זלמן יאקוב, א ייד א תלמיד חכם און פיקח, געהאנדלט מיט קאנפעקציע. געהאט א גרויסע פאמיליע.

ר׳ ראובן קעלער, געוווינט אין דער וואעל גאס, געהאט א שפיצערײ־געשעפט. דאס ווייב איז געווען פון ר׳ נח גרינס אייניקלעך. דער זון, נפתלי, וווינט אין ישראל.

ר׳ משה פאדאווער, א ייד א גביר, אן אייגנטימער פון פעלדער (די פרוי איז געווען פון ר׳ נח גרינס אייניקלעך), געווען אן אנגעזעענער תושב פון שטעטל, מיטגליד פון שטאטראט און א לענגערע צייט אויך ראש הקהל. א טאכטער לעבט אין פאריז, דער זון לייביש, אין ארגענטינע און חיים — אין אמעריקע.

אלתר איינהארן דער סאָדע־וואסער־פאבריקאנט, פישער־סוחר און פארמעגלעכער ייד, האט געוווינט נישט ווייט פון דער אפטייק. זיין שוואגער איז געווען דוד האניג, א היטל מאכער און אויך געהאט א שניט־קראם.

ר׳ יואל האניג, א ייד א ירא־שמים און לערנער, געווען אן איינבינדער, אן אפגעהיטענער ייד, א זשאבנער חסיד, דער משניות־לערנער אין קלויז נאכן מנחה־מעריב דאווענען, און דער בעל מקריא אין די ימים נוראים.

ר׳ חיים טאפעל, דער איידעם פון ר׳ לייזער אמסטערדאם, האט געהאט פעלדער און א מעל־געשעפט אין מאַרק. גענומען לייטישע איידעמס. צוויי פון זיינע זין וווינען אין ארגענטינע.

ר׳ גַבריאל שלאנגענקאפּף איז געווען אן אייער סוחר, פריער — א מלמד. דער זון, ברוך, וווינט אין אמעריקע.

ר׳ נפתלי שַנור, ר׳ סענדער וויזענס איידעם, א ייד א משכיל און לערנער, א בעל־תפילה און בעל סגנון. אומגעקומען מיט צוויי זין און צוויי טעכטער.

ר׳ משה העלפגאט, אויך אן איידעם פון ר׳ סענדער וויזן, האט געהאט אן אייזן געשעפט.

ר׳ שמעון שטרויס, א שניידער, א ייד א ירא שמים, א גראדזשיסקער חסיד, האט געהאט צוויי טעכטער און צוויי זין: וועלוועל, א שניידער, א חבר פון דער „מזרחי״ און משה, א לערנער.

ר׳ יאסל בראנד איז געווען א מצבה־קריצער און געהאט א געשעפט פון שיך.

ר׳ יאסל שאיע, דער זון פון ר׳ משה שאיע, איז געווען א פרומער ייד, א סוחר. דער איידעם פון ר׳ שואל פיסטראנג פון צווייטן זיווג.

ר׳ ישראל שאיע איז געווען אן אייער סוחר. די לעבנ־געבליבענע קינדער זענען אין ישראל (צעשע בלאס האראוויטש) און אין אויסלאנד.

ר׳ יעקב הערש ראטענבערג, ר׳ משה שאיעס איידעם, א ייד א תלמיד חכם, געווען ימים נוראים בעל תפילה אין קלויז, געלערנט שיעורים מיט קלויז בחורים.

יחיאל קליין, דער זאלץ הורטאוניק, געווען א ייד א פיקח, א שטארקער אנהענגער פון ראדאמישלער רב. א צייט — ראש הקהל אין שטעטל. די אייניקלעך, די קינדער פון פארשטארבענעם זון מענדל, געפינען זיך אין לאנד. דער זון, מאָטל, געווען פון די בית מדרש בחורים און משכילים פון שטעטל, לעבט אין איטאליע.



א טייל פון דער פאמיליע פון ר׳ יחיאל קליין.
פון רעכטס: דער איידעם, שווארצמאן (דער מאן פון זיין טאכטער ברכה) שמואל, שרה, צערל, ברכה און מענדל. די קינדער זענען ברכהס

אהרעלע קאהן, דער לעדער־סוחר און תהילים־זאגער, יעדן שבת געזאגט תהילים פארן עמוד אין בית המדרש.

ר׳ ישראל ווינד — א לעדער סוחר, אן אנגעזעענער בית המדרש בעל הבית, געהאט לייטישע איידעמס.

ר, יאסל שעפער איז געווען א קדוש, געהרגט געווארן אין די ערשטע טעג פון פוילנס באפרייונג (אין יאר 1918). על האט געהאט דריי זין. יחזקאל איז געווען א בחור א משכיל, אן אקטיווער ביתר־חבר. איין זון לעבט אין אמעריקע.

ר׳ משהלע קריזער, אן איידעם פון ר׳ ישראל ניישטאט, איז געווען א ייד א תלמיד חכם, געלערנט מיט בית המדרש בחורים, געהאט א סאדע־וואסער פאבריק, געוווינט אויפן וואָעל אין א נישט יידישער סביבה, ווו ער האָט אויך געהאַט א קרעמל פון ציגארן און געטראנק.

ר׳ דוד ביזגייער איז גֶעווען א דארפס ייד, אפגעקויפט דאס הויז פון ר׳ ישראל קארנרייך. דער זון, חיים, האט געוווינט אין דער קלויז גאס. אן אייניקל פון ר׳ דודן — אברהם ביזגייער — לעבט אין אמעריקע.



ראצע דינסטיג, די טאכטער פון ר׳ אידל, שפעטער די פרוי פון לאזער שעכטער.

ר׳ אידל דינסטאג איז געווען א פראכטער, פון ראדאמישלע קיין מעליץ, געהאט באקאנטשאפט מיט דער מעליצער פוילישער אדמיניסטראציע און ליב געהאט א טובה צוטון א ייד. זיינע זין: ברוך (בורעך), משה און מרדכי, זענען גרויסע ברילִיאנטן־סוחרים אין ניו־יורק.

ר׳ יצחק זיס, אן אנגעזעענער ראדאמישלער בעל הבית, האט זיך געמישט אין קהל-ענינים, געווען א סטאלער פון בעסערן מעבל, אַקטיוו אין דער האנטווערקער ארגאניזאציע. פון די פארבליבענע קינדער לעבן דריי: הערשל, מאטל און שרה אין קאנאדע.



ר׳ יצחק זיס, מיט א טייל פון זיין פאמיליע
עס שטייען (פון אויבן — לינקס) שמואל און סאשע, מיט איר מאן, מענדל פרידמאן
עס זיצן: ר׳ יצחק, מיט זיין פרוי, מרים.
אונטן: יששכר (פון רעכטס), ליפע און די אייניקלעך, (די קינדער פון מאיר און טויבע ביבערבערג) פון רעכטס: שאיע, יוסף און מרדכ־

ר׳ וואלף זילבערמאן א ייד א לערנער, א חשובער קלויז־בעל־בית, געהאנדלט מיט אייער. דער זון, ר׳ בערל, לעבט אין אמעריקע.

ר׳ יאנקל טראמפעטער איז געווען א ייד א משכיל, געהאט א בעקעריי. דער זון, אהרן, לעבט אין אמעריקע און פארנעמט זיך מיט בעקעריי.

די משפחה מאלץ האָט געוווינט אויפן וואָעל און האָט זיך פארנומען מיט שוסטעריי. שטיף־קינדער פון אביגדור זילבערמאן. דער יונגערער ברודער, לייביש, לעבט הייַנט אין קאנאדע.

קלמן פייערשטיין איז געווען א צוגערייזטער פון קראקע, געווארן א ראדאמישלער איידעם (יאכצי דער בעקערינס מאן) געהאט א בעקעריי.

ר׳ ישראל ענגלענדער השו״ב — אן אנגעזעענער ייד, א תלמיד חכם, געלרנט מיטן עולם משניות אין בית המדרש נאך מנחה מעריב.

ר׳ פינעלע וואלף, דער זון פון ר׳ שלמהלע וואלף און אן איידעם פון ר׳ שלום ווידער, איז געווען א זייגערמאכער און א שיך־סוחר. א ייד א פארמעגלעכער. איינע פון זיינע טעכטער, מרים, איז געווען די פרוי פון שרייבער משה גאָלד, הי״ד.

ר׳ יאסל שמידט, דער זון פון ר׳ אהרן, א קרוב פון די אייזלאנדס פון דער מוטערס זייט (געווען א שוועסטער פון ר׳ יחזקאל און שלמה אייזלאנד), געווען א פארברענטער זשאבנער חסיד, האט געהאט צוויי קינדער: א זון און א טאכטער. דער זון, שמאי, איז געווען אן איידעם פון ר׳ משה לייב אייזלאנד.

ר׳ חיים הערש יאקוב, ר׳ זלמן יאקובס א ברודער, איז געווען אין אמעריקע. אַפּאָר יאר פאר דער וועלט־מלחמה איז ער צוריק געקומען קיין ראדאמישלע, געהאט א זון ר׳ ארעש געלעבט אין געשטאָרבן אין אמעריקע (צו קבורה האט מען אים געבראכט אין ישראל).

א טאכטער, רחל, איז יונג געשטארבן. זיין ווייב האט געהייסן חיה ליבע. ר׳ מרדכי הערש מעד איז געווען דער עלטסטער אידעם ביי ר׳ שיעלע בראנד, דער מאן פון רחל בראנד.

ר׳ דוד לימאן האָט געווינט אין דער וואָעל גאַס. ער איז געווען א דארפס גייער. פון דארף, פון דער בלאניע, זיך איבערגעצויגן אין שטאט. זיינס אן אייניקל לעבט אין ישראל.

ר׳ יאנקל לימאן האט געווינט אויף דער בלויניע, דערנאך זיך איבערגעצויגן אין שטאט, א זון זיינער לעבט אין ישראל.

די משפחה סאמבערג — דער פאטער, ר׳ הערשל, מיטן זון, ר׳ פיניע — זענען געווען היטלמאכערס, געארבעט ספעציעלע פויערים־ווינטער־היטלען פון פעלבע. ר׳ פיניעס זון, דוד, לעבט אין ישראל.

ר׳ לייביש ראזענבליט האָט געווינט אין דער וואָעל גאַס. **ער האט געהאט זיין אייגן הויז, געווינט צוזאמען מיטן זון, זאלמעלע און זיין פאמיליע. די טאכטער, שרה, לעבט אין ישראל.**

ר׳ יחיאל מענדל רייכמאן, א חשובער קלויז־בעל־הבית, א בעל־תפילה אין די ימים נוראים, האט געקענט לערנען א בלאט גמרא. די קינדער האט ער געשיקט אין ישיבות לערנען און די טעכטער — אין בית יעקב שולע. געווינט אין דער וואעל־גאס. ר׳ יחיאל מענדלס קינדער געפינען זיך איצט: פנחס — אין ישראל; מלך און חיים — אין אמעריקע. דער עלטסטער זון ר׳ יחיאל מענדלס, הערשל, ז״ל, א הייסער בראצלאווער חסיד, א מענטש מיט גוטע מידות און מעלות טובות, איז פאר א יאר געשטארבן אין אמעריקע.

ר׳ יאסל לייבל איז געווען א בלעכער געווינט אין דער יידישער גאס. געווען גבאי אין דער שול.

ר ׳שמואל בלייכער איז געווען ר׳ יאנטשע דעם טעפער־ **סוחרס אן אידעם. אליין איז ער געווען אן געבוירענער אין קראקע, א יודע ספר. דער צווייטער אידעם פון ר׳** יאנטשען איז געווען ר׳ אייזיק אייכנשטיין, א זידעטשויווער אייניקל.

העשקע גרין האט געווינט הינטער דער שטאט, נישט ווייט פון דאמביע־וועלדל. ער איז געווען א בעל־עגלה, געפירט פאסאזשירן פון ראדאמישלע צו דער באַן, קיין טשארנע. ער האט געווינט צוזאמען מיט זיינע עלטערן און שווער (זיין פאטער מיטן שווער זענען געווען ברידער).

ר׳ רפאל ווייסבלום (דער פוילישער) איז געקומען פון קאנגרעס־פוילן — אן אלמן מיט צוויי קינדער — און חתונה געהאט מיט שיפטשע לאנדוי (שלייכער), מיט וועלכער ער האט געהאט א זון. פון די צוויי זיינע זין (פונעם ערשטן ווייב), חנינא און יאנקעלע, איז חנינא אַ געווען אויבערטייל־מאכער. איינע פון זיינע שטיפטעכטער איז געווען א בית־יעקב לערערין; די עלטערע שטיפטאכטער האט חתונה געהאט מיט אירס א פעטער, לאנדוי. זי לעבט אין בעלגיע.


ר׳ נפתלי בערענקנאפף האט געווינט אין דער מעליצער



ר׳ נפתלי בערנקנאפף, זיין פרוי, רחל און די זין: אברהם (פון רעכטס) און דוד.



די קינדער פון ר׳ אברהם דוד אייזענבערג פון רעכטס: שמעון, אידא און וואלף




נאשעק איזאַק, דער זון פון
ר׳ לאזערן



ר׳ קלמן אייזיג מיט זיין פאמיליע.
פון לינקס: ר׳ קלמן, די קינדער: מאלע, משה, בינה, חוה יאנקל
און די פרוי, אסתר



ר׳ ראובן בירנבוים מיט זיין פרוי, צביה און זייערע צוויי טעכטער
(פון רעכטס): יוכבד און ראכטשע



פערל איזאַק, דאס אייניקל פון
ר׳ לאזערן, די טאכטער פון פיניעקן,
וועלכער איז געשטארבן אין
דייטשלאנד אין יאר 1969.

גאס, געהאט זין און טעכטער. זיינע טעכטער, חיה האנדלאזש און דבורה פינקאס, וווינען אין אשקלון.

מרדכי דוד אייזענבערג איז פון פאך געווען א קאנפעקציאנער. ער איז געווען אקטיוו אין געזעלשאפטלעכן לעבן פון די באלמעלאכעס, ווו ער האט געהערט צו די גרינדערס פון האנטווערקער־פאריין און איינער פון די ווארט־זאגערס. אויך אַקטיוו ביי קהל און שטאט־ראט־וואלן, ווו ער איז ארויסגעטראטן ווי א הייסער אנהענגער פון רבס צד.

דער זון זיינער, שמעון, איז געווען פון די אנגעזעענע ציוניסטישע עסקנים, צו ערשט — ביי די אלגעמיינע ציוניסטן



ר׳ לאזער איזאַק און זיין פרוי אידזע

און דערנאך — ביי די פועלי ציון. דער יינגסטער זון, יאנקעל, האט זיך געראטעוועט פון אומקום אין די שווערע היטלר־יארן און לעבט איצט אין אמעריקע.

ר׳ קלמן אייזיג, א זון פון דער באקאנטער אייזיגס פאמיליע, אַ סוחר פון רויע פעל און קעניגלעך. ער האט געהאט אייניקע קינדער. די עלטסטע טאכטער, מאַלע, האט געשמט ווי א גוטע ארטיסטין און געשפילט אין פארשידענע דראמאטישע קרייזן.

ר׳ ראובן בירנבוים, א ייד א וואלד־סוחר, געוועזן דער בעל הבית פון דעם אפטייק־הויז. די טאכטער ראכטשע, איז געוועזן א צייט ביבליאטעקארין פון דער נאציאנאלער פאלקס־ביבליא־טעק שפעטער חתונה געהאט קיין טארנע. די זין: אַנשל (געוועזן א צייט מפקד פון ביתר, אן איידעם פון ר׳ חיים לייב האראָוויץ) און פנחס, לעבן אין אמעריקע.

ר׳ לאזער איזאק — געוועזן דער פריזיער פון שטעטל — אן אנגעזעענער שול־בעל־הבית, זיך אינטערעסירט מיט קהל אנגעלעגנהייטן. געהאט צוויי זין: פיניעק, (ערשט נישט לאנג געשטארבן אין דייטשלאנד), נאשעק, געוועזן אין דער יידישער „ארדנונגס־דינסט" אין די צייטן פון געטא, פון די „גוטע" (מען דערציילט וועגן אים אסך גוטס).

ברוך וינד־יחיאלי
קיבוץ ניר־דוד

דברי זכרון לחברי יחזקאל אייזלנד ז״ל

על יחזקאל, חברי וידידי משחר נעורי, אייחד את דברי. יודע אני, כי לא אוסיף אבן לאבני הזכרון שמעולם לא גילוה והחרט לא חרט בה שם וציון..

יחזקאל נשאר חרות בזכרוני ובנפשי עמוקות. בעבורי הוא היה לא רק ידיד ורע, כי אם שותף־יוצר להתרקמות של עלילות־חיים. מעשינו באותה תקופה מקפלים בחובם תקוות עזות של נוער חולם על עולם חדש, טוב יותר, יפה יותר.

היכרותנו המשותפת נרקמה עוד בשחר ילדותנו ברחוב היהודי הארוך ששימש מרכז מיסחרי למלאכה וקונפקציה כפרית למיניהן. מול בית אבי נמוך־הקומה, בעל הגג הרכון מפח, המבהיק לאור השמש, עמד בית אבי־יחזקאל. ברחוב זה, ששימש לעתים גם מרכז הומה לשובבות־ילדות — נולדה הידידות שלנו.

לעת חורף קר ומושלג שימש בית יחזקאל מקום נוח למישחק. הדירה רחבת־המידות. החדרים שהתמשכו לאורכם ודמו לפרוזדורים אפלים וריקים למחצה, היו לנו מרחב־מחיה למישחקים וכל מיני תעתועים ומעשי קונדס. כאן המתקנו לראשונה סוד שלימים הפך לסוד־חיינו המשותפים.

אחר־כך החברות שבחדר. היה זה אצל אביגדור פינצ׳ובסקי, זה המלמד בעל היומרות, הבקי בסוד הגמרא. האיש, שנהירים לו כל השבילים הטמירים להבנת הכתוב ופיענוחו, אך לא מובנים לו שבילי המחשבה ונפתולי־הנפש של נער צעיר מתבגר, העלם החולם והמדמיין, המחפש והמגבש את אישיותו.

ההתנגשויות קשות ומרות מתחוללות בין הרבי בעל האופקים הצרים לבין יחזקאל תלמידו המוכשר והמבריק, בעל הרצונות והמחשבות המקוריים. כבר אז ידע יחזקאל לתחום תחומים בין הבנת ערך הלימוד הצרוף לשמו לבין החיים עצמם וצרכיהם.

אם יש צורך בציון אופיו של יחזקאל, הרי תבוא העובדה להלן ותעיד מי היה האיש:

באחד הימים, הרבי ותלמידו מתגלגלים על ריצפת החדר כשאביגדור המלמד גובר על תלמידו לעיני הכיתה, מכה, הולם ודורס את יחזקאל „עז הפנים". יחזקאל נשך את שפתיו מבלי להזיל דמעה, ללא כל קובלנה, קם על רגליו הכושלות ופורץ החוצה מבלי שיחזור ללימודים לעולם.

היה זה בשנת 1929, והוא רק בן שלוש עשרה שנה. כבר אז אפשר היה להבחין את מהות החומר ממנו קורץ נער בעל האופי ה„קשוח" והבלתי מתפשר. כבר אז גילה עצמאות מחשבתית מעמיקה, בשיקוליו השונים והוא עדיין מפכה שובבות נעורים מלבבת.



יחזקאל בן־יהושע אייזלנד

בשנת 1931—32 נמצא יחזקאל אתי ב„עקיבא". לכאורה היו אלה בעבורו שנים שקטות ורגועות. מכונס בתוכו ובשקידה על התורה שבכתב, בין שזה ספר בלטריסטי או מדעי, ומוצא בהם את פורקנו. אין הוא מגלה שום פעילות חברתית מיוחדת ולא את אשר עם צפונות לבו ומוחו. למרות זאת נראה הוא מתהלך שקוע, כאילו איזה נטל כבד רובץ עליו. היו אלה שנות משבר לשנינו. יחזקאל עדיין שותק, טרם ביסס את דרכו בסבך החיים הסוערים של הנוער היהודי בעיירתנו על רקע המציאות היהודית הקודרת במדינת פולין.

בינתיים קורא הוא הרבה סיפרות. המדע שמעשיר את מוחו אינו מספיק לו. בסיפרות הטובה הוא מוצא מרגוע. באורח עצמאי ובדרך איטית מגיע הוא לעֵירות מחשבתית מפליאה, וזו גם ראשית ביסוסו האידיאי. מעתה צועד הוא בביטחה, סומך על כושר ניתוחיו. דבריו נאמרים בצורה בהירה ומלאת תבונה.

בתקופה אחת קצרה יחסית לחייו באה לביטוי אישיותו החזקה. זו היתה תקופת המאבק המאורגן של יהדות רדומישל כחלק אינטגראלי של יהדות פולין לזכויותיה הצודקות בשנות

השפל הנוראות של 1936—39. שנות פעילותו המבורכת ב„השומר הצעיר".

ודאי שלא סיפקה בידו הרבה אפשרויות של פיתוח אישיותו. היתה זו מיסגרת צרת־ממדים שלא איפשרה ליחזקאל לתת ביטוי הולם את הפוטנציאל האינטלקטואלי והנפשי הגלום בו, ההולך ומצטבר ברציפות; לעומת־זאת, מתגלה הוא בכל תפארתו, עת זימנה לו התקופה מלאת התהפוכות ליהדות פולין להתייצב בראש המאבק בקטע הגיאוגרפי הצר שבתחום עיירתו. בעליה מסחררת מטפס הוא בגרם־המעלות הציבורי ועד מהרה מוכתר הוא בכתר המנהיגות. יחזקאל הולך מחיל אל חיל. בכל הופעתו יש משום חידוש. רשפים של רעיונות ניתזים ממוחו כמקרן השפע והמציין שבהופעתו, זוהי הבהירות והצלילות המחשבתית, הגישה האובייקטיבית לשאלות החיים. מוחו היה תוסס, ניתוחיו חודרים ומעמיקים, פיקחות טיעוניו מרבה אימון והזדהות. וכך צמחו לו כנפיים, רכש תנופה ונעשה פה להמונים שחיפשו לא רק פורקן של מרירות ויאוש אלא גם קורטוב של נחמה.

גם פינוקים לא שבע. צרות וטרגדיות משפחתיות העיבו לא מעט עליו ועל רוחו. מיד עם התגייסותו לצבא הפולני, בשנת 1938, מתבשר הוא על מות אביו יהושע ז"ל. יחזקאל חוזר הביתה, מעמיס על שכמו דאגת קיום המשפחה, מעולם לא נכנע לסבל ולרגשי מרירות, מעולם לא ניתק את עצמו מהמתרחש מסביבתו בציבור. גם בתנאים חדשים אלה ממשיך יחזקאל בפעילותו הציבורית. בכל הופעתו מעורר הוא תקוות חדשות. יחזקאל נהפך ל ט ר י ב ו ן של יהודי רדומישל. גם בהשתמשו במלאכת ההצלפה כיד הטובה עליו — ידע גם לחשוף אמיתות תוך גילוי אמת — מידה אובייקטיבית לכל האקטואלי שברגע הנתון, ומדבריו תמיד השתמעה חיוניות כובשת.

והנה פרצה המלחמה ואת אשר יגורנו בא.

בתנאי הכיבוש הולכת ומצטמצמת פעילותו הציבורית. שירת חייו הרוויה תום ואמונה מתנפצת בים של משטמה ויאוש. בטרם עלה הכורת על יהודי רדומישל — עוד לפני הגירוש וההרג ההמוני נרצח יחזקאל בידי הגסטפו כמתוכנן. נזדעזע הציבור היהודי ובכה מר על אובדן בנו היקר ביותר.

כשהובל יחזקאל לאורך הרחוב אל מאחורי קיר־המוות ודאי ידע את גורלו. הידע גם הוא את הגורל הצפוי לעמו?

משה בוקסבוים ז"ל

ער איז געווען א זון פון ר' שלום בוקסבוים, דעם קהל־סעקרעטאר. משה הי"ד (געבוירן אין 1911), האָט זיך יונגערהייט געלערנט שניידעריי ביי לייביש ליינמאן און איז געווען א גוטער מענער־שניידער. משהן האט אבער געצויגן אין דער גרויסער וועלט אריין, צו לערנען זיך. א באזונדער אינטערעס האט ער געהאט פאר פאָלקלאָר. ער ווערט דער איינציקער זאַמלער פון פאלקלאר אין שטעטל — פאר דעם ווילנער יידישן וויסנ־שאַפטלעכן אינסטיטוט („ייווא"). ווי אן איבערגעגעבענער זאַמלער און „ייווא"־פאטריאט, שיקט ער אוועק קיין ווילנע גאַנצע פעק מיט געזאַמלטע מעשיות און לעגענדעס, וואס

זענען דערציילט געווארן פון אלטן דור, די זקנים פון שטעטל און סתם יידן. ער האט געזאַמלט אויך פארשידענע אפישן און מודעות, וואס זענען געווען אויסגעהאנגען אין שטעטל, פראטאקאלן פון זיצונגען פון די פארשידענע געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס און דאס אַלץ געשיקט אין „ייווא".

ווען ער איז אריבערגעפארן קיין קראקע (אין די דרייסיקער יאָרן), האט ער דארט ווייטער ממשיך געווען זיין „ייווא־ארבעט", געווארן אן איינגייער אין שטוב פון מרדכי געבירטיק און אפילו געוויילט געווארן אין דער קראקעווער פארוואלטונג פון „פריינד פון ייווא".

מ. אייזלאנד

אברהם גראס
תל־אביב

מיינע פריינד

נפתלי ווייס

נפתלי, אליין א בן טובים, אַ זון פון ר' שמואל און טריינע ווייס, איז געווען א געטרייער זון פון זיינע עלטערן; א טוב־לב ווי זיי, ליב־געהאט א טובה צו טון א יידן, געבן א גמילת־חסד א נויטבאדערפטיקן, איינשטעלן זיך פאר א ייד ביים בירגערמייסטער (ווען מען האט באדארפט — אפילו אין דער סטאראסטווע). זיין פראָ־טעקציע, מיט דער ריינער פוילישע שפראך זיינער, האט געמאַכט אן איינדרוק נישט פון א בקשה, נאר פון א פאדערונג.

נפתלי ווייס, ווי אלע יוגנטלעכע פון זיין עלטער, האט געלערנט אין בית המדרש. ער איז אבער פרי מיטגעריסן געווארן פון דער ציוניסטישער אידעע און אנגעהויבן איר צו דינען מיט לייב און נפש. צוזאמען מיט יצחק וורצל, נפתלי זיגפריד א. א. איז ער געווען פון די ווארטזאגערס פון דער יוגנט אין יענער צייט (סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה). נאכדעם ווי די חברים זיינע האבן פארלאזט דאס שטעטל, איז ער געבליבן דער אָנערקענטער אַדרעס פאר דער ציוניסטישער טעטיקייט פון שטעטל. כל זמן ס'איז נישט געווען קיין לאקאל קאָמיטעט ,איז ער געווען דער פארטרעטער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע פאר מערב קליין־פוילן און שלעזיע ביי אונדז, דער זאַמלער פאר קרן קיימת, דער אראנזשירער און פארזיצער פון ציוניסטישע אוונטן, דער פארזיצער פון נאציאנאלער ביבליאטעק, דער וואַל־קאָמיסאַר ביי די קאנגרעס־וואַלן א. א. עס איז נישט געווען קיין איין אפשניט פון ארץ ישראל און ציוניסטישער ארבעט נפתלי ווייס זאל נישט זיין פון די ראשונים און דער ראש המדברים. פאר די וואַלן אין 1927 צום שטאט־ראַט למשל, האט ער געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף די פאַרזאַמלטע מיט זיין ארויסטריט אין קלויז.

זיינע עלטערן זענען אים פרי אפגעשטאָרבן, האט ער געמוזט אויף זיך נעמען דעם עול פרנסה פאר דעם גאנצן הויזגעזונד. ער איז טאקע געווארן דער מאטריקאל־פירער און צו דעם אויך א געניטער סוחר. ווי א מאטריקאל־פירער האט ער געמוזט באהערשן די פוילישע שפראַך אין וואָרט און אין שריפט, ווי אויך באלייגן אן עקזאמען פון אייניקע גימנאזיע־קלאַסן. ער איז געווען א ליבהאבער פון ליטעראטור — פון דער דייטשער און פוילישער — א בן־בית אין ביידע.


ווען אין שטעטל איז געקומען א רעדנער פון דער ציוניסטישער באוועגונג, אדער א ליטעראט (ווי יואל מאסט־בוים, דניאל פערסקי), האבן זיי זייער סטאנציע געהאט ביי דער פאמיליע ווייס. נפתליס שוועסטער, זלאטע ווייס, איז אַ גוטע באלעבאסטע און א ציוניסטישע טוערין.

אין די לעצטע יארן האט נפתלי ווייס אנגעהויבן צו סימפאטיזירן מיט דער לינקער באוועגונג; ער איז אויך געווארן אַן אנהענגער פון דער יידישער ליטעראטור, איינ־געשאפן זיך אַ רייכע יידישע ביבליאטעק, געווארן אַ זאמלער פאר „יווא" א.א.וו.

אומגעקומען איז ער אין לעמבערג, א קרבן פון די היטלעריסטן ימ"ש.

מאַניעק (משה) קויפמאן

מאניעק קויפמאן איז געווען אַן אייניקל פון ר' אייזיק קויפמאן, א ייד אַ גביר און א גוטבאזיצער, וועלכער האט לעצטנס געווינט אין סארנע. ער האט אויך געשטאַמט



שאול ווינד (דער זון פון ר' ישראל ווינד.



מאניעק (משה) קויפמאן (ווײנבערג)

פון די ווײנבערגס, געווען פארבונדן מיט א רביישער משפחה. מאניעק האט באזוכט א חדר, אויך געלערנט אין דער פוילישער שול, אבער א סך מער געלערנט פאר זיך. נישט אומזיסט האט מען אים געהאלטן פאר אן אינטעליגענטן בחור. ער איז געווען באהאונט אין דער פוילישער ליטעראטור, געווען א מיטגליד אין די ספאָרט־קלובן, וועלכע זענען אנטשטאנען אין שטעטל, אבער נישט געהערט צו קיין שום ארגאניזאציע, כאָטש ער האט סימפאַטיזירט מיט די לינקע קרייזן און זיך געלאָזט קאָסטן פאר זיי.

שואל ווינד

שואל ווינד איז געווען א זון פון באקאנטן לעדער־סוחר ר' ישראל ווינד. ער האט געשמט פאר אַ גוטן קאפּ. א לענגערע צייט איז ער געווען א בית המדרש בחור, איינער פון די תלמידים פון ר' אליעזר פיסטראנג ז"ל און ר' לייביש בערנקנאפף ז"ל, ער האט אויך גשמט מיט זיין שאך־שפילן, מיט זיין שנעלער אָריענטאציע.

אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין טשעכאסלאוואקיי, לעצטנס איז ער צוריקגעקומען אין שטעטל און אומגעקומען צוזאמען מיט אַלע.

נפתלי ווייס, מאניעק קויפמאן און שאול ווינד זענען געווען די, מיט וועלכע איך האב פאַרבראַכט אין די לעצטע יארן פון מיין זיין אין שטעטל. מיט די פאר ווערטער וועגן יעדן איינעם פון זיי וויל איך דעריבער פארייביקן זייער אנדענקען.

חיים דוד ווינד, ז"ל

חיים דוד (געבוירן אין 1911) איז געווען א זון פון אהרן ווינד — א באַלעבאַטישער ייד אין שטעטל. די קינדער יארן האט ער פארבראַכט אין פשעצלעוו פון וואַנען ס'האט געשטאַמט די מוטער זיינע.

זייענדיק 14—15 יאר אַלט, הייבט ער זיך אן צו לערנען היטלמאַכעריי, בלייבט שוין ביים פאַך, און פון זיין ארבעט העלפט ער ארויס די עלטערן.

ער איז געווען א גערעטענער, מיט א סך פעיקייטן און ביי אנדערע באדינגונגען, אין א גרעסער אָרט, וואלט ער זיכער געהאט אַ מעגלעכקייט זיך צו אנטוויקלען.

ער האט געענדיקט די אָוונטיקע פאַך־שולע אין שטעטל מיט אן אויסצייכנונג און אויף די קורסן פון „תרבות" איז ער געווען פון די בעסטע שילערס; געהאט א טאלאנט צו צייכענען און אויך געשריבן לידער, וועלכע ער האט נישט געדרוקט. זיינע באַליבטע געביטן זענען געווען אַסטראָ־נאָמישע און מעטאַפיזישע חקירות.

ער האט געשטרעבט זיך ארויסצורייסן פון שטעטל און עפּעס צו דערגרייכן, נאר ליידער איז עס אים נישט געלונגען; געפרווט ארבעטן אין קראקע און זייענדיק דארט אַנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט דעם פאָלקס־דיכטער מרדכי געבירטיק.

פון דער נאַטור אַ מענטש מיט ליטעראַרישע נייגונגען און פילאָזאפישע חקירות, האט ער זיך שוואַך פאַנאַנדער־געקליבן אין פאָליטישע שטרעמונגען, וועלכע האבן פארפלייצט אין יענער תקופה די פויליש־גאַליצישע שטעטלעך. פלעגט ער איבערגיין פון איין פאליטישער ציוניסטישער ריכטונג צו דער אַנדערער. אבער אומעטום איז ער געווען דער געקרוינטער קולטור־לייטער, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין קולטור־אַרבעט און ליטעראַרישע שמועסן.

ווען איך האב געווינט אין סאַרנע, האב איך אין די יארן 1939־1940 באקומען א בריוו פון מיינע עלטערן ז"ל, וועלכע האבן מיך אַנגעפרעגט צי חיים דוד איז נישט געווען ביי מיר, ווייל זינט ער איז אַנטלאָפן פון שטעטל (נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה) האבן זיינע עלטערן קיין שום ידיעה נישט געהאט וועגן אים. און אַזוי, ווי ער איז געווען מיינס אַ גוטער חבר, קלערן זיי אפשר איז ער אנטלאָפן קיין סאַרנע.

זאָלן די ווערטער זיין א מצבה פאר אונדזער לאַנדסמאַן, וואס האט געשטרעבט צו קומען קיין ארץ־ישראל און נישט זוכה געווען, אומקומענדיק ערגעץ אונטערוועגס, בשעת ער איז אַנטלאָפן פון שטעטל אין אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מ. אייזלאַנד

ה

סופרים ויצירותיהם, אישים, יוצאי רדומישל

שרייבער און זייערע ווערק, פערזענלעכקייטן, וואס שטאמען פון ראדאמישלע

סופרים ויצירותיהם

שרייבער און זייערע ווערק


ראובן אייזלאנד

ראובן אייזלאדס וועג אין דער ליטעראטור

אינעם ערשטן באנד „לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור" (ארויסגעגעבן אין יאר 1956 פון אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס — פארייניקט מיט „ציקא", ניו־יארק), איז פאראן פאלגנדיקע באשיידענע נאטיץ:

„אייזלאנד, ראובן (29 אפריל, 1884, — 18 יוני, 1955) — געב. אין גרויס־ראדאמישל, מערב־גאליציע. געלערנט אין חדרים, קלויז, בית־המדרש. אנגעהויבן שרייבן העברעאישע לידער אין 1900 („סנונית", ירושלים), יידיש אין 1904 („טעגלעכער העראלד" נ. י.). סעפטעמבער 1903 געקומען קיין אמעריקע, געדרוקט לידער און דערציילונגען אין: „צוקונפט", „ליטעראטור", „שריפטן", „דער אינזל", „דער פירער", א. א. רעדאקטאר פון זשורנאל „ליטעראטור און לעבן" (1915), רעדאקטאר —מיט מאני לייבן — פון דעם זשורנאל „דער אינזל" (מערץ 1925 — יוני 1926). פון 1918 אן שטענדיקער מיטארבעטער פון „טאג". שפעטער פון „טאג־מ.־זשורנאל". — אין בוכפארם: „פון מיין זומער", לידער, וויך־נ. י. 1922, 72 ז'; „דאס געזאנג פון הירש", לידער נ. י. 1944; „פון אונדזער פרילינג", זכרונות און עסייען, מיאמי־ביטש נ. י. 1954. איבערגעזעצט די גאנצע סעריע לידער „צפון־ים" און פיר בענד פראזע פון היינע; „אן א פאטערלאנד", ראמאן, נ. י. 1920, 363 ז' און די נאוועלע „פראטעלי באדיניי", נ. י. 1919, 55 ז' פון הערמאן באנג; לידער פון ריכארד דעהמעל, מ. זאוטהענדע, ניטשע, סטיווענסאן א. א. פון כינעזישע דיכטער: סי־טאנג־פא, טהו־פו, טשאנג־סי א. א. געשריבן א דראמע א"נ „ר' אשר כהנא". אייזלאנד איז איינער פון די גרינדערס פון דער גרופע „יונגע". ער פארנעמט אן אנגעזעענעם ארט אין דער מאדערנער יידישער ליריק, דערהויפט אין דער שטילער, ריאיקער, קלארער און מער שילדערנדיקער, ווי עמאציאנעל־לירישער, פאעזיע. די לעצטע יארן איז אייזלאנד געווען קראנק, האט זיך צוריקגעצויגן פון זשורנאליסטישער טעטיקייט און זיך באזעצט אין מיאמי־ביטש, ווו ער איז געשטארבן אין 1955".

צום סוף א גענוג־באשיידענע ביבליאגראפיע רשימה.
און אין דער העברעאישער אנטאלאגיע „מבחר שירת יידיש



ראובן אייזלאנד

למן י. ל. פרץ עד ימינו", פון משה בסוק (הוצאת הקבוץ המאוחד, תשכ"ג), שרייבט דער צוזאמענשטעלער, דער דיכטער משה בסוק ז"ל:

„ראובן אייזלאנד, געבוירן אפריל 1884, ראדאמישל, גאליציע; נפטר געווארן יוני 1955, פלארידע, פאריייניקטע שטאטן. פון די פירנדיקע אין דער גרופע „יונגע" אין אמעריקע, פון די באגרינדער פון אירע טענדענצן און וועג. זיין אימפרעסיאניסטיש ליד אנטלויפט באוווסטזיניק פון פאַטעטישן און דערהויבענעם; מיט א שטילער און מעלאַדישער שטים, זינגט ער צום טאג־טעגלעכן, צו קלייניקייטן און נישט־אַנזעעוודיקייטן; א געמאָלן שטיל־לעבן, א שטיל ווינקל אין א הויז, פון א מענטש, פון א פייזאזש — אין דעם אלעם איז פאראן עפעס פון א סטאביליזירטן וויסן, פון א נשמה־צושטאנד נאך א שטורעם, פון א געפיל וואס באהערשט זיך אליין, פון א פלאם וואָס שרענקט זיך איין. דער הערשנדיקער טאָן איז אַן עלעגישער, א שמייכל פון משלים זיין שוועבט איבער אים. זיין עיקרדיק בוך, „פון מיין זומער", וויל זאגן: רייפע פרוכט, דערוויי־טערונג פון פרילינג־שטורעמס, איינגעשטילטע טומלס. אין זיינע עסייען וועגן ליטעראטור — א ביסל פון דער גרויסער צאָל, וואָס ער האָט געלאָזט הערן מינדלעך צווישן דיכטער און ליבהאבער פון פאעזיע — אנטפלעקט זיך דער דיכטער ווי א מענטש פון פאעטישער קולטור, וואס איז טאקע באאיינפלוסט געווארן פון די שטימונגען, וועלכע האבן אין יענע צייטן געהערשט אין דער דייטשער פאעזיע, אבער אויך געבענטשט געווען מיט גוטן געשמאק און קריטישן חוש. א ליבהאבער פון אמת און שיינקייט, האט ער זיך געפרייט מיט אל־דאס ווערנדיקע.

געבוירן געווארן אין גרויס־ראדאמישלע, אין גאליציע, האט ער באקומען א טראדיציאנעלע דערציונג און דער אָנהויב פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט איז געווען אין העברעיש („סנונית", ירושלים 1900). פון 1903 אין אמעריקע. רעדאגירט, צוזאמען מיט מאני לייב, אייניקע העפטן פון דער אויסגאבע שטענדיקער מיטארבעטער פון דער פרעסע. ביים סוף פון לעבן האט ער זיך באזעצט אין מיאמי־ביטש (פלארידע), און דארט איז דערשינען זיין לעצט בוך „פון אונדזער פרילינג" — זכרונות און פארטרעטן, דורכגעפלאכטן מיט אפשאצונגען פון ליטעראטור און שרייבער — פון דעם קומט אויף דאס פנים פון זיין דור, די פארטרעטן פון זיינע מיטצייטלער, ווען זיי זענען נאך יונג געווען, אויפגעשטורעמטע לגבי זייערע פאַרגייער און שטורעמענדיקע צו ענדערן די אנגענומענע ווערטן אין דער יידישער פאעזיע".

צו די אויבן־געבראכטע אינפארמאציעס און אפשאצונגען ווילט זיך נאך צוגעבן — כדי גאנצער צו מאכן דעם פארטרעט פון אונדזער לאנדסמאן און אָנגעזעענעם יידישן דיכטער, ראובן אייזלאנד — זיין אייגענע מיינונג וועגן זיך און זיין דרך, זיין זעלב־כאראקטעריסטיק, וועלכע ער האט געגעבן אין דעם פראַגמענט „וואַקסן טוט וויי", און דאָס קאַפּיטל „פינף און צוואנציק יאר שפעטער (וועגן דער גרופע „יונגע" אין דער אמעריקאנער יידישער ליטעראטור), פון דעם בוך „פון אונדזער פרילינג", — א בוך וואס איז „ארויסגעגעבן פון ר. אייזלאנד יובל־קאמיטעט, מיאמי־ביטש, פלארידא, אין פארלאג „אינזל", ניו־יארק 1954". דער פארזיצער פון דעם קאמיטעט איז געווען דער באקאנטער קריטיקער, ד"ר א. מוקדוני; געהערט האבן צו דעם קאמיטעט א צאל משפחה־מיטגלידער פון ראובן אייזלאנד, ד. ה. ראדאמישלער און „מיין לאנדס־פרוי און אלטע פריינדין, רחל בערנקנאפף".

אין דעם דאזיקן פראגמענט, וועלכער באהאנדלט אויך ערטערווייז דעם שעפערישן וועג און השפעה פון אנדערע יידישע שרייבער, קומט אבער בולט צום אויסדרוק דער אייגנארטיקער וועג פון ראובן אייזלאנד — פון גרויס־ראדאמישלע, ביז די פאדערשטע רייען פון דער מאדערנער יידישער פאעזיע.

מלך ראוויטש

ראובן אייזלאנד

[illegible]אר 1884 גרויס־ראדאמישל, גאליציע, 1903 — געקומען קיין ניו יארק.

אין א טומלדיקער גרויסער שטוב פון דער רעדאקציע פון ניו יארקער „טאג" זיצט ביי איינעם פון די טישן אין סאמע ווינקל ביים פענצטער א מאן, וואס איז שוין לאנג נישט מער יונג, אבער אויך לאנג נאך נישט אלט, איינער פון די שטענדיקע מיטארבעטער פון דער צייטונג, און קלאפט זייער לאנגזאם אויף א שרייבמאשין. ער האט פיינט, ווען מען שטערט אים, ער איז א „האנט" און דארף געבן א גוזמא שורות יעדן טאג און א מינוט געשטערט, איז — צוויי שורות ווערט. דאס איז ראובן אייזלאנד — איינע פון די הויפטזיילן פון דער גרופע פון די „יונגע" וואס האבן פון גרונט אויף אויפגעוויגט די יידישע ליטעראטור אין די יארן ארום 1910. טאמער שטערט מען אים פארט, הייבט ער אויף דאס קלוגע מידע פנים פון א תלמיד חכם און גיט א שמייכל. ער איז אי צו קלוג און אי צו גוט זיך צו בייזערן. מיט דערזעלבער מינע און צו קלוג און צו גוט האט אויך אייזלאנד געשריבן. די גוטסקייט האט אים באפוילן דעם פלאץ צו לאזן פאר אנדערע און די קלוגקייט האט אים געזאגט, אז עס איז נישט שיין איינצורייסן ווערלטן, צו שטופן זיך מיט די עלנבויגנס, אנדערע טוען עס שוין און עס קומט

זיי אויך גארנישט ארויס דערפון — און טאמער יא — דערגרייכן זיי ערשט אויך גארנישט. הכל הבל.

אט האט אייזלאנד געשריבן דיטיראמביש־פּאַטעטיש זיין פּאָעמע „לינקאָלן", און אָט ער געשריבן אזוי שטיל און דין, אז מען מוז ממש צולייגן די הענט צו די אויערן א וואָרט צו דערהערן „איבער אלע דעכער". מען קאָן א סך און מען וואָלט געקאָנט נאך מער. הכל הבל. „פון מיין זומער" הייסט א דין ביכל מיט ווייסע טאָוולען — דאס איינציקע אייזלאנדס. איז דאס די דערגרייכונג? איז דאס א פּראָבע בלויז? איז דאס א צייגניש בלויז פון קענען און נישט וועלן? איז דאס א שמייכל מיט א סך טרויער און אביסל איראָניע פאר די, וואס רייסן וועלטן איין? אלץ צוזאמען.

איך האב אין ניו יארק געזוכט א שעה מיט אייזלאנדן און איך האב זי געפונען זייגער 2 פארטאג אין א ביליקן נאכט־קאפע בשעת די שטולן זענען שוין געשטאַנען אויף די טישן, ווייל די מידע קעלנערס האבן זיך שוין געגרייט אהיים. געהאט אזויפיל צו רעדן מיט אייזלאנדן, אזויפיל — די גלעזלעך קאווע האט דער קעלנער מיט א געבייזער אוועק־געשטעלט אונטער א שטול אויפן טיש און א קוק געטון אויף אונדז ווי אויף צוויי טשודאקעס.

גערעדט האט מען גארנישט — נור פארשטאנען האט מען זיך גרינטלעך.

סימבאָל פון אייזלאנדס לעבן און דיכטונג; ער רעדט אזוי ווייניק — אבער ווער עס פארשטייט אזוי פיל...

אין דער קומענדיקער געשיכטע פון דער יידישער ליטע־ראטור, אין דעם קאפיטל וועגן די „יונגע" וועט דער נאמען ראובן אייזלאנד פארנעמען א גרויס אָרט.

— איז דאס די דערגרייכונג פון אייזלאנדס דיכטערלעבן?

— (קיין ענפער מיט ווערטער. בלויז א מידער, קלוגער, ווינקלפנימדיקער שמייכל).

געשריבן אין יאר 1935.

מנשה אונגער

ראובן אייזלאַנד, דיכטער און פובליציסט

מיטן טויט פון ראובן אייזלאנד איז אוועק דער לעצטער פון דער גרופע „יונגע", וואס האט געהאט אן אייגענע ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע.

צו דער גרופע „יונגע", וואס אירע הויפּט־זיילן זענען געוועז: ראובן אייזלאנד, זישע לאנדאו און מאַני לייב, האט מען צוגעשריבן, אז זי איז געוועזן א ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע אין אמעריקע וואס האט געקעמפט קעגן סאָציאלע מאָטיוון אין ליד.

דערמיט קומט אויס, אז די דאזיקע ריכטונג האט אגיטירט פאר „קונסט לשם קונסט", אבער אין דער אמתן איז עס נישט אזוי. דער טעארעטיקער פון די „יונגע" — ראובן אייזלאנד — האט דעמאלט געשריבן שאַפּ־לידער, וואס זענען פול מיט סאָציאַלן אינהאַלט און זיי זענען ארייגעגנומען געווארן אין די יידישע כרעסטאָמאַטיעס און אַנטאָלאָגיעס אפילו אין סאָוויעט־פארבאַנד, ווי מוסטערן פון סאָציאלע לידער.

דער קאמף פון די „יונגע" איז דער עיקר געפירט געוואָרן פאר יידישקייט, פאר דער אינדיווידועלקייט אין ליד.

ראובן אייזלאַנד אליין שרייבט אין זיין לעצטן בוך „פון אונדזער פרילינג" וועגן דער שטימונג, וואס עס האט דעמאלט געהערשט ביי די יונגע דיכטער און בפרט ביי אים. „ווי די מערסטע יונגע שרייבער אין אמעריקע פון יענער צייט בין איך געוועזן א פאבריק ארבעטער, א פעקער ביי קאפען...(?) אין דער פאבריק, ווו איך האב געארבעט, כאטש איינע פון די גרעסטע אין דעם פאַך און פאר יענער צייט היגיעניש די בעסט־איינגעאָרדנטע, זענען באַזונדערס אין מיין ווינקל שטענדיק געשטאַנען וואָלקענעס פאַרע, וואס האט מיט א צישעריי זיך אויסגעקנוילט פון גרויסע פירעקיקע קופערנע קעסלען און פון מאָנסטערהאפטע הידראליק מאשינען. אייביקע טריבקייט, שטיקעניש און אייביקער געשטאַנק, שטענדיקע ברעכעניש אין רוקן און ברענענדיקע זוילן פון שטיין יעדן טאג צען און מער שעה אויף די פיס און דאס געמיט שטענדיק באטריבט"... (זייט 2).

ביי אזא שטימונג וואָלט א דיכטער גדאַרפט אהיימקומען און אנשרייבן א סאָציאל ליד, וואס זאל אויסדריקן פּראָטעסט צו דער נישט יושרדיקער וועלט, א ליד מיט א סאָציאַלן געשריי. זענען אבער ראובן אייזלאנדס לידער וועגן יענער צייט געוועזן דינע, צאַרטע, איינגעהאלטענע לידער, „טעגלעכע לידער", לידער פון ארויסקוקן דורכן פענצטער, פון א „שטיל לעבן" ביי אן ארעמען טיש. און די דאזיקע לידער האבן מער גערעגט דעם בעסטן ליינער, ווי געוויסע שאַבלאָנישע, באָמבאַסטישע סאָציאַלע לידער פון יענער תקופה.

דער רעוואָלט פון די „יונגע" איז דעריבער מער געווען געווענדט קעגן דער דיכטונג דעמאָלט אין אמעריקע, ווי אייזלאנד אליין שרייבט, אז זי איז געווען „גרילצנדיק־שרייעריש, באָמבאַסטיש און מעלאָדראמיש ווען זי האט זיך צוגערירט צו סאָציאַלע טעמעס" (דארט, זייט 8).

אבער סאציאלע מאָטיוון האבן געשריבן אי ראובן אייזלאנד, אי מאני לייב.

פון דער אריגינעלער גרופע „יונגע", וואס איז באשטאנען פון די דריי דיכטער זישע לאנדוי, ראובן אייזלאנד און מאני לייב און די צוויי פּראָזאַאיקער: דוד איגנאטאוו און דוד קאזאנסקי, איז ראובן אייזלאנד געווען דער הויפּט־טעארעטי־קער, ווייל ער איז געקומען פון גאליציע קיין אמעריקע, מיט א באגאזש פון וועלטלעכער קולטור און באהאונט אין דער דייטשער ליטעראטור.

דער נאמען „יונגע" איז געגעבן געווארן דער גרופע אין יאר 1907 ווי א שפּאָט־נאמען, ווייל זי האט געהאט די „חוצפה" צו מאכן א רעוואלט קעגן די אלטע און קעגן דער העגעמאָניע פון די צייטונגען. האט די גרופע געשאפן א חודש־זשורנאַל „די יוגענד" האט מען פון זיי געחוזעקט; האבן זיי אַדאָפּטירט דעם דאזיקן נאמען און דער נאמען איז געבליבן ביי דער גרופע „יונגע" ביז צום סוף פון זייער לעבן...

ראובן אייזלאנד האב איך געקענט פון ערשטן טאג אן פון מיין קומען קיין אמעריקע, מיט איבער 20 יאר צוריק. אונדז האט פארבונדן א פריינדשאַפט נאך פון דער אלטער היים. הגם איך האב אים פערזענלעך נישט געקענט, האב איך אבער א סך געהערט פון אים, פון זיין פאטער און פון זיינע קרובים, די פארצווייגטע משפחה אייזלאנד אין

(גרויס) ראדאמישלע, מערב גאליציע, וועלכע זענען געווען הסידים פון מיין פאטער, דעם זשאבנער רבין זצ״ל.

ראובן אייזלאנד אליין האט זיין גאנץ לעבן געהאט א צייכן אויף זיין שטערן צוליב זיין געטריישאפט צו מיין פאטער.

אין ראדאמישלע זענען געווען חסידים פון אן אנדערן רבין. האבן די בית־המדרש בחורים זיך צעקריגט וועגן דער גרויסקייט פון די רביים. די בחורים־חסידים פונעם אנדערן רבין האבן געזאגט, אז זייער רבי איז גרעסער; און דער בית־המדרש־בחור ראובן אייזלאנד האט געזאגט, אז דער זשאבנער רבי איז גרעסער. איז מען פון ווערטער אריבער צו פעטש און דער סוף איז געווען, אז איינער האט געווארפן דעם יונגן בחור ראובן אייזלאנד א רער פון א מעשענעם הענג־לייכטער אין קאפ אריין און האט אים געמאכט א לאך אין שטערן. האט דער דיכטער אייזלאנד זיין גאנץ לעבן געהאט א צייכן אויפן שטערן פון זיין געטריישאפט צום זשאבנער רבין.

ווען ראובן אייזלאנד איז אוועק אין יאר 1903 קיין אמעריקע האט דער פאטער זיינער, וועגן ווערמען אייזלאנד האט געשריבן א פרעכטיק ליד, זיך געפראוועט ביים זשאבנער רבין, אז זיין זון זאל גיין אין אמעריקע בדרך הישר. און איינמאל, שוין נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיר האבן שוין געוווינט אין טארנע (ראובן אייזלאנד האט די שטאט פארייביקט אין זיין פערלדיקער פאעמע „טארנאוו״), איז דער פאטער פון ראובן אייזלאנד געקומען אויף ראש־השנה צו מיין טאטן און ער האט מיר שטילערהייט געזאגט, אז ער האט פאר מיר א מתנה: ער האט געגעבן ראובן אייזלאנדס ביכל לידער „פון מיין זומער״, וואס איז דעמאלט דערשינען אין ווין (פארלאג „אונדזער שייער״, ניו־יארק־ווין, 74 זייטן). ראובן אייזלאנדס פאטער האט שוין דעמאלט געוווסט אז איך בין „געכאפט אין דער מעשה״, אז איך זינדיק אונטער מיט שרייבן, האט ער זיך געוואלט בארימען מיט זיין זון דעם דיכטער...

ראובן אייזלאנד איז געווען 24 שעה אין טאג א דיכטער. מיט פאעזיע האט ער געאטעמט און מיט ליד האט ער געלעבט. דאך איז אייזלאנד נישט געווען אפגעזונדערט פון לעבן. ווען ער איז געווארן א מיטארבעטער אין „טאג״ און דערנאך אין „טאג־מארגן־זשורנאל״ האט ער געשריבן פיינע פובליציסטישע ארטיקלען פול מיט אחריות, כאטש ער האט יארן לאנג געשריבן אונטער די פען־נעמען „לונין״ און „א. שטיינמאן״, האט ער געשריבן נאר דאס, וואס האט געשטימט מיט זיין געוויסן. האט מען אים געהייסן שרייבן וועגן א טעמע וואס אז געווען קעגן זיין אנשויונג, האט ער זיך אפגעזאגט צו שרייבן.

ערשט אין שפעטערדיקע יארן, אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האט אייזלאנד אנגעהויבן צו שרייבן פובליציסטישע ארטיקלען אויך אונטער זיין נאמען.

און פונקט אזוי ווי אין זיינע לידער, אזוי אויך אין זיין פובליציסטיק, איז נישט געווען קיין איבריק ווארט. יעדעס ווארט האט ביי אייזלאנדן געטראגן חשיבות.

אייזלאנד איז אויך געווען א געזעלשאפטלעכער מענטש אויף פארשידענע געביטן. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער פועלי ציון פארטיי אין אמעריקע. ער איז געווען זייער טעטיק אין דער ראדאמישלער סאסייטי. ער האט איבערגעזעצט פינף בענדער פון היינעס פראזע און אין באנד לידער, וואס דער שרייבער משה שעליובסקי האט ארויסגעגעבן אין זיין פארלאג „אידיש״ (ניו־יארק 1918). ער האט אויך רעדאקטירט דעם זשורנאל „אינזעל״ פון די „יונגע״, געווען מיטרעדאקטאר פון די „שריפטן״ און זיך באטייליקט אין א גאנצער ריי ליטעראַרישע זשורנאלן.

אין די לעצטע יארן האט אייזלאנד ווייניק געדרוקט לידער. כאטש ער האט יעדן איינעם געזאגט, אז ער שרייבט מער נישט קיין לידער, דאך האב איך אים חושד געווען, אז ער „זינדיקט נאך אלץ אונטער מיט דער פען״, ווייל אן פאעזיע האט אייזלאנד נישט געקאנט לעבן. און איך בין זיכער, אז אין זיין שופלעדל וועט מען געפונען א סך נישט־געדרוקטע לידער.

איך דערמאן זיך ווי באלד דעם ערשטן זומער פון מיין קומען קיין אמעריקע האט אייזלאנד מיך מיטגענומען צו פארברענגען מיט אים אויף זיין וואקאציע אין דארף קעסטיל, וואס געפונט זיך אין די קעסטיל־בערג.

דער דאזיקער סוף־זומער האט זיך מיר שטארק איינגעקריצט אין זכרון.

ראובן אייזלאנד פלעגט גאנצע נעכט ארומגיין און רעדן פון דער אלטער היים, פון זיינע יונגע יארן, וועגן יוגנט־חלומות און פון זיין שרייבן.

א נייער קוואל האט זיך דעמאלט פאר אים געעפנט, א קוואל, וואס איז אפשר געווען פארזיגלט עטלעכע צענדליק יאר.

ער האט געזונגען אלטע חסידישע ניגונים. ער האט זיך דערמאנט ניגונים, וואס ער האט זיי שוין לאנג געהאט פארגעסן. און דעמאלט האט ער מיר געזאגט, אז ער האט פארטראכט א צאל סאנעטן, געזונגען צום הירש (דערנאך ארויס אין בוך־פארם) און א גרויסע ארבעט וועגן „חסידות און קונסט״ — און ער האט פאר מיר געלייענט לידער, וואס איך האב זיי קיינמאל נישט געזען פארעפנטלעכט. ליידער האט זיין קראנקייט אים נישט דערלויבט אנצושרייבן די גרויסע ארבעט „חסידות און קונסט״. בלויז א קליין קאפיטל פון דער דאזיקער ארבעט איז אריין אין זיין לעצט בוך „פון אונדזער פרילינג״.

עס איז מעגלעך, אז אייזלאנד האט די לידער אליין פארניכטעט, ווייל אייזלאנד איז געווען א שטרענגער שופט בנוגע לידער סיי צו אנדערע, סיי צו זיך.

ער האט פאראפראזירט דעם מאמר „אין רחמים בדין״ אויף „אין רחמים בפאעזיע״... פלעגט ער רעדן וועגן לידער, פלעגט ער תמיד בשעת מעשה קנעטן א ווייך שטיקל ברויט צווישן זיינע פינגער און דערפון מאכן א גאלקעלע.

זיינע לידער פלעגט ער פארליינען מיט זיין אייגענעם ניגון. דאס איז געווען א מין ניגון, וואס האט אים ארויסגעהאלפן אויסצוגעפינען דעם ריכטיקן ריטם פון ליד. און האט ער געוואלט בילדעריש אויסדריקן צי א ליד טויג יא, צי עס טויג נישט, האט ער געגעבן א פיר־צו זיינע צוויי פינגער צו דער נאז, ווי ער וואלט געגעבן א שמעק צום ליד אויסצוגעפינען, וואס פאר א ריח דאס ליד האט.

און איינמאל בין איך געווען א וואך צייט צוזאמען מיט אייזלאנדן אין א זומער־קאלאניע אין אלסטער־קאונטי. דארט האבן דעמאלט געזומערט די דיכטער: ליעסין, עליו השלום, און אים צו לאנגע יארן, דער דיכטער ב. י. ביאליסטאצקי. האט אייזלאנד מיר בסוד דערציילט, אז ער האט ביינאכט געחלומט א ליד און עס באלד פארטאג

אויפגעשריבן אויפן פאפיר. ער האט עס פאר מיר ביחידות געלייענט, אבער ער האט עס נישט געוואלט לייענען פאר די קאלעגן דיכטער... ער האט דעמאלט אויך געהאט פארטראכט צו שרייבן זיין אויטאביאגראפיע, וואס ער האט שפעטער אנגעשריבן און זי געפינט זיך אין דער רעדאקציע פון „טאג־מארגען־זשורנאל". אין דער דאזיקער אויטאביאגראפיע וויקלט ער פאנאנדער אויף א ברייטער קאנווע א שטיק יידיש לעבן אין מערב גאליציע מיט 50־60 יאר צוריק.

אייזלאנד איז געווען א נוח לבריות.

זיין קרעדא איז געווען, ווי ער דריקט זיך אליין אויס, צו האבן „ליבשאפט צו יעדן מענטשן און צום מענטשלעכן בכלל" (דארט זייט 279). „דער עטיקער האט ליב אלע מענטשן" — שרייבט דארט אייזלאנד, „דעריבער קאן ער נישט פארטראגן ווען איינער וויל לעבן אויפן חשבון פון אנדערע. אלע פאדערונגען פון עטיק זענען נישט מער ווי א שולחן ערוך מיט שטרענגע דינים פארן יחיד, כדי אנדערע יחידים און דער כלל זאלן נישט ליידן". אט אזא מין עטיקער איז געווען דער צארטער דיכטער ראובן אייזלאנד.

„אייזלאנד האט אריינגעטראגן אין זיינע לידער 'קלאסי־שעס' שיער נישט 'אקאדעמישעס'" — האט געשריבן קאלעגע ש. ניגער וועגן זיין פאעזיע. מיטן שטארבן פון ראובן אייזלאנד האט די יידישע וועלט פארלוירן א גרויסן פאעט און איך — א הארציקן פריינד!

דניאל לייבל

ראדאמישלע און ראובן אייזלאנד

חשובע יידן פון גרויס ראדאמישלע! זייט מיר מוחל, וואס אנשטאט צו רעדן מיט אייך פנים אל פנים; אנשטאט צו הערן פון אייך פה אל פה, וואס לעצטנס איז געווען גרויס ראדאמישלע אוידער דער צורר האט זי פארשניטן מיט קינד און קייט — קומט מיר אויס צו רעדן צו אייך פון דער ווייט, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון „עזוב תעזוב עמו". בפרט, וואס מיר זענען דאך נאענטע שכנים — איך בין דאך א דעמביצער ביז מיין 9־טן יאר און דערנאך א טארנער, — און דעריבער זענט איר מיר צוויי־פאכיק נאענט, „לייבלעכע אומבאקאנטע", אזוי צו זאגן. נאר איך טרייסט זיך, אז די פאר ווערטער מיינע צום טאג פון גרויסן אומקום פון ראדאמישלער יידן, וועט אייך פארלייענען מיין פריינד מאהלער, וואס לא די ער איז אליין „א שיינער ייד", וואס איר זעט דאך מיט אייערע אייגענע אויגן (ער וועט זיך אוודאי נישט אזוי גוט פילן צו לייענען די רייד), געהערט ער נאך צו א שיינער משפחה, צו די מאהלערס, די אייגענע מן הסתם, צו וועלכע איך געהער פון מיין עלטער־זיידן ר' יודא מאהלער פון דעמביץ. איז צוליב אים האב איך זיך גענומען די טירחה צו זיין א „רעדנער" פון דער ווייט, אין דעם טרויער פון ראדאמישלע. אבער, וואס עפעס דווקא צוליב דעם? אין דער אמתן בין איך צוגעבונדן צו ראדאמישלע מיט דריי דינע, אבער גענוג שטארקע שטריק.

ערשטנס בין איך מיט קרוב פופציק יאר צוריק געווען איינמאל אין ראדאמישלע און האב דארט געהאלטן די ערשטע רעדע אין דעם נאר וואס געגרינדעטן פועלי־ציון פאריין. וואס שפעטער איז מיט דעם פאריין געשען, האב איך נישט די מינדסטע השגה, ווייל באלד דערנאך בין איך אריבער קיין ווארשע און אין עטלעכע יאר שפעטער — קיין ארץ־ישראל. אבער עפעס אריינגעלייגט אין ראדאמישלע האב איך פארט.

צווייטנס, האט אין ראדאמישלע (מיט העכער 60 יאר צוריק) געלערנט מיינער אן עלטערער חבר, לייב ליכטינגער, וואס האט מיר בשעתו א סך דערציילט וועגן ראדאמישלע און בפרט וועגן איר אמתן גדול הדור, זיין פעטער דעם גאון, הרב ר' שמואל ענגעל, וואס איז געווען נישט בלויז א חכם הגדול, נאר אויך א בעל־מידות תרומיות. און טאקע ביי אים האט ער דארט געלערנט אין בית־מדרש צוזאמען מיט ראובן אייזלאנדן, דעם יידישן דיכטער, וואס דער עיקר וועגן אים וויל איך אייך דערציילן, צו זיין צענטן יארצייט — און ער איז עס דער שטארקסטער שטריק, וואס בינדט מיך צו גרויס ראדאמישלע.

אין ראדאמישלע האט מען אוודאי נישט געוווסט א סך וועגן ראובן אייזלאנדן. יידישע דיכטונג איז אוודאי נישט געווען פון די ארטיקלען מיט וועלכע מ'האט דארט געהאנדלט. דערצו איז ער אוועק פון שטעטל אין יאר 1903.

אזוי ווי ער איז געבוירן געווארן אין יאר 1884, זאגט דער חשבון, אז ווען ער האט פארלאזט ראדאמישלע איז ער געווען אלט 19 יאר.

ווי געזאגט איז ער געווען א תלמיד פון ר' שמואל ענגעל און האט פון אים א סך גענאשט. אפשר איז אייך באקאנט די מלחמה פון ר' שמואל ענגעל מיטן פלאנטשער רבין, וואס איז דאמאלט געווען א „חונה פה ק"ק ראדאמישלא".

נו, האט פלאנטש געהאלטן אז ר' שמואל ענגעל, דער שטאט־רב, איז ווינציקער חשוב ווי דער צוגעפארענער רבי. און ס'האט זיך אנגעהויבן א מחלוקת, ווער האט די דעה. האט מען אנגעהויבן מלחמה צו האלטן פריער מיט בריוולעך פון רבין צום רב און פארקערט. דערנאך מיט פאשקווילן, אויסגעקלעפטע פאר דער שול און פארן בית המדרש. און פארשטייט זיך אז דעם רבינס תלמידים זענען דערין געווען אריינגעמישט. און אזוי ווי השכלה האט שוין אריינגעשמעקט אויך קיין ראדאמישלע איז ראובן אייזלאנד, — דער ערשטער משכיל אין שטעטל — געווארן א הייסער קעמפער קעגן חסידות.

ער האט שוין גאר יונגער־הייט אנגעהויבן צו שרייבן העברעישע שירים. זיין ערשט ליד איז געדרוקט געווארן אין יאר 1900. איר וואלט נישט געגלויבט: ראובן אייזלאנדס ערשט ליד איז געדרוקט געווארן — ווו? — אין ירושלים, אין א בלעטל וואס האט געהייסן „סנונית". פאלג מיך א גאנג, א זעכצן־יעריק יינגל שרייבט א ליד אין גרויס־ראדאמישלע, — מאלט אייך ווי גרויס — און דרוקען דרוקט זיך דאס אין ירושלים. ווען? מיט פינף און זעכציק יאר צוריק. ווער האט דורכגעפירט אזא קפיצת הדרך? נישט אנדערש, נאר אייזלאנד איז שוין דעמאלט, ביי זיבעצן, געווען א ציוניסט, איינער פון די פיאנערן פון ציוניסטישן געדאנק אין די ערשטע יארן.

לייב ליכטינגער האט מיר א סך דערציילט וועגן אייזלאנדס גרויסער השפעה אויף אים.

פארשטייט זיך, אז ס'איז אים געווארן ענג אין שטעטל. ער איז טאקע א צייט לאנג געזעסן אין טארנע און געלערנט

דאָרט וועלטלעכע לימודים. טאַרנע האָט אויף אים געמאַכט גאָר א גרויסן איינדרוק און א סך יאָרן שפּעטער — שוין אין אַמעריקע, האָט ער פאַראייביקט איר בילד אין א באַזונדערער פּאָעמע „טאַרנאָוו", וואָס א שטיקל פון דעם ברענג איך דאָ, באַלד אויפן אָרט, כדי איר זאָלט האָבן א מינדסטן באַגריף וועגן דעם שפּעטערדיקן דיכטער:

עס שמעקט מיט זאַפּראַן, נעגעלעך און ענגלישן געווירץ
מיט זיסן צוקערוואַרג און שאַרפן קימל,
מיט ריחות פון געוואַנדן און מיט ראַסט פון אייזן,
און מיט דער קעלט פון לאַנגע שטאַבעס שטאָל.
עס שמעקט מיט זעק פון צוגעפוילטן שטרוי,
מיט קוישן, שאַכטלען און מיט קאַסטנס, וואָס דערציילן
פון ווייטע שטעט און פרעמדע מענטשן;
און מער פון אַלץ פון יענער שטאָט,
וואָס איז פאַר מיר דער טויער צו דער גרויסער
וועלט געווען.
מיין שענסטער קינדער־חלום — טאַרנאָוו!.
דו ביסט נישט איבעריק גרויס און נישט איבעריק שיין,
דו ליבסטע מיינע פון די שטעט,
צווישן בערגער צווייי צונויפגעדריקט,
ווי א ריזנפויגל מיט צוויי לאַנגע, אויסגעשפּרייטע
און צוגעשפּיצטע פליגל,
איינער רעכטס און איינער לינקס.
נאָר גרויס ביסטו
מיט דעם שטאָלץ אין טראָט פון די סוחרים דיינע,
און גרויס ביסטו מיט דעם רויש פון טויזנטער,
וואָס קומען האַנדלען אין דיינע טויערן.
און גרעסער נאָך פון אַלץ
מיט דיין ברייטן אָטעם,
וואָס שפּרייט זיך אַרויס אויף וועגן און הויכט־אָן לעבן
אין פערציק שטעט און דערפער הונדערטער אַרום.
און שיין ביסטו מיט דיינע טעכטער,
גאַליציעס שיינע טעכטער,
און מיט דעם בלויען גלאַנץ
איבער דיינע רויטע דעכער.
דאָך שענער נאָך
מיט דיינע גרינע פּייערן, וואָס ציִען זיך אין רייען,
אין די אויגן פון א יינגל,
וואָס קוקט אויף דיר פון באַרג.
און שענער נאָך און גרעסער אין דעם ציטער
פון מיינע קינדערשטע חלומות.

ס'האָט אים געצויגן די ברייטע וועלט. דעמאָלט האָט מען שוין א מאָל געקענט שיקן א העברעישן שיר קיין ירושלים, אָבער קיין חלוצים האָט מען נאָך נישט געשיקט. און אייזלאַנד איז אַוועק קיין אַמעריקע.

מיר ווייסן נישט ווי אַזוי איז געווען זיין אַנהייב דאָרטן. מן־הסתם האָט ער געאַרבעט אין שאַפּ. אַזוי ווי זיין בוך זכרונות און עסייען, וואָס איז אַרויס מיט עלף יאָר צוריק אין מיאַמי־ביטש, איז צו מיר נישט דערגאַנגען, האָב איך נישט פון וואַנען צו שעפּן פּרטים וועגן זיין ביאָגראַפיע. אָבער שוין אין יאָר 1904 איז געדרוקט געוואָרן זיין ערשט ליד אין יידיש אין דער טאָג־צייטונג „טעגלעכער העראַלד" און פון דעמאָלט אָן פלעג זיין נאָמען זיך אָפּט באַווייזן אין דער פּרעסע. ער האָט געדרוקט לידער און דערציילונגען אין דער „צוקונפט" און די זאַמלביכער „ליטעראַטור", „שריפטן" און האָט באַלד פאַרנומען א וויכטיקן פּלאַץ צווישן די שרייבער.

אין יאָר 1915 איז ער שוין געווען דער רעדאַקטאָר פון א זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבן". דערנאָך — צוזאַמען מיט דעם גאָר גרויסן דיכטער מאני לייב — א זשורנאַל „דער אינדזל". בקיצור, ער איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־וואָרטזאָגער פון די אַזוי גערופענע „יונגע", וואָס האָבן איינגעפירט מאָדערנע, וועלטישע דרכים אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, צוזאַמען מיט אַזעלכע שרייבער ווי לייוויק, אָפּאַטאָשו, גלאַטשטיין א.א.וו. און דאָס איז נישט קיין קלייניקייט. מ'האָט דערצו דעמאָלט געמוזט פאַרמאָגן א ברייט וויסן, שטאַרקע אינטעליגענץ און דער עיקר — טאַלאַנט.

פון יאָר 1918, איז ער געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם „טאָג". ער האָט אָבער אַלעמאָל נאָך געפונען צייט פאַר זיין אייגענער ליטעראַטורישער אַרבעט. געשריבן לידער, דערציילונגען, עסייען, איבערזעצט דייטשע און ענגלישע דיכטער, אפילו כינעזישע, (מן הסתם פון ענגליש). אפילו פאַרפאַסט א דראַמע „ר' אשר כהנא", וואָס איך האָב זי נישט געזען, אָבער זי איז אוודאי גענומען פונעם לעבן פון ראַדאָמישלע.

אין בוך־פאָרם זענען אַרויס:

„פון מיין זומער" — לידער, אין יאָר 1923,

„פון אונדזער פרילינג" — זכרונות און עסייען, 1954;

א ראָמאַן: „אָן א פאָטערלאַנד" — 1920, וואָס שוין דער טיטל ווייזט אָן זיין ציוניסטישע טענדענץ.

א באַזונדערן פּלאַץ אין זיין דיכטונג פאַרנעמט „דאָס געזאַנג פון הירש", לידער וואָס זענען געבויט אויף זיינער אָן אייגענער טעאָריע אין דער געשיכטע פון גלויבן ביי יידן. די לידער זענען געפעלן געוואָרן, אָבער די טעאָריע האָט זיך נישט אָנגענומען.

אייזלאַנד האָט פאַרנומען אָן אָנגעזעען אָרט אין דער מאָדערנער יידישער ליריק. זי איז געווען שטיל, רואיק, קלאָר און געלאַסן. און דער עיקר, — בלישטשענדיק מיטן געדאַנק און אויסגעצייכנט אין דער פאָרם.

די לעצטע יאָרן פון לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין מיאַמי־ביטש. דער אַלטער, קראַנקער מאַן האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער זשורנאַליסטישער טעטיקייט און הנאה געהאַט פון זיינע אייגענע שאַפונגען.

ראַדאָמישלער יידן מעגן וויסן, אַז אויך זיי האָבן געגעבן צו שטייער דער יידישער ליטעראַטור איינע פון אירע אינטערעסאַנטסטע פיגורן: ראובן אייזלאַנד.

זיין רוח איז געווען נישט אַזוי אין זיין פּראָדוקטיווקייט, ווי אין דער פעיקייט צו באַפרוכפּערן דאָס שאַפן פון אַנדערע. און דאָס איז געווען גאָר וויכטיק, גראָד אין אַמעריקע — ווו ס'איז געווען אַזוי גרינג, אַז יונגע מענטשן פון זיין עלטער זאָלן גייסטיק פאַראָרעמט ווערן אין דער אַטמאָספער פון לאַנגע יאָרן דלות און ביטערער האָרעוואַניע.

ראובן אייזלאַנד איז געווען א געטרייער שומר פון דער הויכער גייסטיקייט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים, פון בית־המדרש; ער האָט זי אין אַמעריקע באַרייכערט מיט ווערטפולע אוצרות פון וויסן — איז אָבער נישט אַמעריקאַניזירט געוואָרן. און דאָס האָט אים געגעבן זיין

פלאַץ, אַן אנגעזעצן פּלאַץ, אין דער דאָרטיקער יידישער קולטור־באַוועגונג.

איצט, אַז כ'האָב שוין געפּרוּווט אַנצוצייכענען פאַר אייך דאָס בילד פון ראובן אייזלאַנד, וואָס דאָס איז דער עיקר, קאָן איך אייך שוין דערציילן אַן אַנעקדאָט פון ראַדאָמישלע, וואָס איז סיי לאַכעדיק סיי צום באַטרויערן.

איך האָב אייך שוין דערציילט וועגן דער מחלוקת צווישן דעם פלאַנטשער רבין און דעם ראַדאָמישלער רב, רב שמואל ענגעל. מ'האָט זיך אַריינגעזאָגט וואָס אין דער קאָרט שטייט אין פּאַשקווילן און ידידי־בריוועלעך. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז איינמאָל, פאַר שבועות, דאַרף דער פלאַנטשער רבי שרייבן צוויי בריוו: איינעם אַ זידל־בריוו צום ר'ב און איינעם צו ר' יענקעלע פּאָמעראַנץ אין קראָקע, וואָס זיי זענען געווען מחותנים דורך די ווייבער זייערע. צום רב האָט ער געשריבן. דו אַזעלכער און אַזעלכער, דו מחוצף איינער וכדומה; צו ר' יענקעלע פּאָמעראַנץ, וואָס איז אַגב געווען מיינער אַ פעטער, האָט ער געשריבן: „טייערער מחותן, אַזוי ווי עס גייט צו שבועות, וויל איך דיר בעטן זאָלסט צו מיר קומען אויף יום־טוב קיין ראַדאָמישלע און זאָלסט זיך באַמיען מיטצוברענגען כאָטש דרייסיק חסידים פון קראָקע. און טאָמער וועסטו דאַרפן אויסלייגן הוצאות, זאָלסטו זיך נישט שרעקן, איך וועל דיר דאָס געלט צוריקגעבן, וויפל עס זאָל נישט קאָסטן". (אַזוי פלעגט זיך שוין דעמאָלט פירן די „מאַבילי־זאַציע" פון חסידים פאַר יום־טוב).

אָבער אַזוי ווי דער רבי האָט נישט געקענט אַליין אָנשרייבן די אַדרעסן אין גויאישער שריפט, האָט ער זיך געלאָזט אָנשרייבן די אַדרעסן אויף צוויי קאָנווערטן. אַז ס'איז געקומען אַריינצולייגן די בריוו אין די קאָנווערטן, האָט דער רבי משמעות זיך טועה געווען און פאַרביטן די בריוו. דעם זידל־בריוו האָט באַקומען ר' יענקעלע פּאָמעראַנץ און די באַשטעלונג פון חסידים האָט באַקומען ר' שמואל ענגעל.

איר קאָנט אייך מאַלן, וואָס דעמאָלט האָט זיך געטון אין ראַדאָמישלע. ראובן אייזלאַנד האָט שוין אויסגעפּויקט אין שטאָט די גאַנצע מעשה און ס'איז געווען פריילעך.

נחמן מייזיל

מאחרוני הצעירים

קטע ממאמרו של נחמן מייזל, שנדפס ב„על המשמר" מיום 21.10.1955 תחת הכותרת „אחרוני הצעירים" — (עם פטירתם של ראובן אייזלאנד ויוסף רולניק):

לפני שבועות מספר ליווינו למנוחת עולמים את המשורר ראובן אייזלאנד ולא מכבר נערכה לווייתו של המשורר יוסף רולניק. הראשון היה בן 71 במותו, ולפני שנה הוחג יום הולדתו השבעים; השני היה לפני שנה בן 75, ובחוגי הסופרים צויין יום זה באורח חגיגי.

אייזלנד הגיע לאמריקה מגליציה בגיל 20, ורולניק — מביילורוסיה, אף הוא באותו גיל. שני משוררים אלה עבדו תחילה באמריקה, ועבדו קשה; כדי „לעשות חיים", התענו בסדנות־הזיעה היהודיות משכבר־הימים, ויחד עם זאת עשו את צעדיהם הראשונים בשדה השירה. ואמנם צורפו שניהם מייד בשנים הראשונות אל החוגים והמעגלים הספרותיים השונים, שמהם קמה לימים קבוצת המשוררים והסופרים, הידועה בשם „צעירים".

ראשיתם של „הצעירים" נעוצה עוד בשנים 1906—1905 — ואכן חל עתה יובל החמישים להופעתם — יותר נכון, מאז קמה בקרב המשוררים־הסופרים היהודים הצעירים באמריקה השאיפה להילחם נגד ה„הגמוניה", כביכול, של הסופרים „הקשישים" ובעיקר — של העתונות היהודית מן הימים ההם, שלא עשתה דבר למען התפתחותם של הסופרים הצעירים ואף לא פתחה לפניהם בעין יפה את טוריה לפרסום יצירותיהם.

בשנים ההן הגיעו לאמריקה רבבות־רבבות מהגרים יהודים, שהיו להוטים מאוד אחרי מלה יהודית, והעתונות היהודית שיגשגה ומיספר העתונים התרבה והלך במהירות. המהגרים החדשים, שעוד בארצות־מוצאם ספגו אל קרבם את הרעיונות המהפכניים והשתוקקו למלה יהודית חופשית ורעננה, היוו כאן עתודה נפלאה, שממנה יכלו לשאוב ואף שאבו יצרנים וצרכנים חדשים של המלה היהודית היוצרת. אידיש היתה אז השפה היחידה, שהיתה ידועה ואהובה וקרובה ללבו של המהגר היהודי הצעיר. והעתונות היהודית — היומית והשבועית — היתה המקור היחיד שעשוי היה לרוות את צמאונם, את צמאונו של הקורא הפשוט, וכן — של הקורא המעולה יותר.

הופעתם הקולקטיבית של הסופרים היהודים הצעירים (אז לא נקרא להם עדיין בשם צעירים, אלא שכולם היו צעירים לימים, — כמעט כולם בשנות העשרים הראשונות לחייהם) חלה בחוברות הצנומות, הדלות למדי, שנשאו את השם „די יוגענד" („הנוער"). הגליון הראשון — 24 עמודים, הגליון השני והשלישי 32 עמוד כל אחד, שהופיעו בשנים 1908 ו־1907. עוד בחוברות הדלות ההן אנו מוצאים את שמותיהם של מספר משוררים־מספרים, שבמרוצת הזמן הניחו את היסוד לספרות היהודית הצעירה יותר באמריקה, אשר לימים נשתגשגה ונהפכה לבניין רב־קומות. יש שם בין השאר, יצירות קטנות של הסופרים מ. י. חיימוביץ', י. אדלר, מאני לייב, י. רולניק, א. ראבוי, י. י. שוואַרץ, ח. רויזנבלאַט, י. סלונים, י. אנטין, ד. איגנאטוב.

עוד בחוברות הצנועות למדי ההן מכריזים הם כי „שאיפתם (של הסופרים הצעירים) היא ליצור לספרות היפה של אמריקה בית עצמאי משלה. הספרות היהודית היפה כאן, באמריקה מסתופפת כדיירת־משנה בצל העתונות, ובתור זרה, היא זוכה ליחס הניתן לבת־חורגת... העתונות שלנו לא גילתה מעולם עניין ישיר, פנימי וכן בספרות. שתיהן, הן העתונות המסחרית, והן העתונות התעמלנית, חטאו רבות נגד הספרות היהודית..." וכו' וכו'.

ולאחר החוברות הצנומות התחילו מופיעות חוברות גדולות יותר, עבות יותר, קבצים ומאספים, שכבר נושאים שמות כגון „חלום ומציאות" (1909), „ספרות" (1910), „כתבים" (1912—1913), „הבית החדש" (1914) וכיו"ב. שם אנו מוצאים עדיין שמות של סופרים צעירים, שזו להם הופעת־הבכורה, כגון משה נאדיר (שאז עוד חתם בשם י. רייז) ואחרים. במאסף השני „ספרות" (1910), המכיל כבר 144 עמודים, — אנו מוצאים שוב שמות חדשים, שלימים נעשו מפורסמים, כמו מ. ל. האלפרן, ראובן אייזלנד, י. אופאטושו, ב. לאפין ועוד. בינתיים נוספו זישה לנדוי, א. מ. דילון, מ. באסין ועוד יותר מאוחר — לייוויק האלפר (ה. לייוויק) ואחרים.

מסביב לסופרים צעירים אלה נסתופפו גם נגררים ונלווים, שלא הוסיפו שום דבר ממשי לספרות היהודית באמריקה.

ראובן אייזלנד ויוסף רולניק היו — כל אחד מהם לחוד — בעלי אופי שונה לגמרי.

ראובן אייזלנד שמוצאו מגליציה, היה אחד התיאורטיקנים וממניחי היסוד הרעיוני לקבוצת „הצעירים". הוא היה גם ראש־המדברים בין הסופרים הצעירים. הוא עבר אפילו בעריה העיקריות של אמריקה בענייני המאספים. ויוסף רולניק היה ונשאר שקט, מצניע־לכת, הן בכתיבתו והן בחייו, בין כל חבריו, שלא פעם היו מקימים רעש והמולה.

מעניין — שני הסופרים שהלכו זה עתה לעולמם — ראובן אייזלנד ויוסף רולניק — פרסמו זה לא כבר ספרי־זכרונות: ראובן אייזלאנד — „מן האביב שלנו" — זכרונות ודיוקנאות ספרותיים, — שבהם אנו מוצאים תיאורים והערכות על ז. לנדוי, מאני לייב, מ. ל. האלפרן, ד. איגנאטוב, י. י. שווארץ, וכן סקירות כלליות על ימי האביב ההם של הספרות היהודית באמריקה שהיו גם תקופת־האביב בחייהם של כל הסופרים האלה, אשר נתקבצו וגדלו עם הצעירים ומסביבם. וכמו במאמריו משכבר הימים, ה„אני מאמין" של ה„צעירים" — כן גם כאן, בזכרונות הללו, יש לנו ביסוס תיאורטי ועיקרים ספרותיים־אמנותיים על הדרך והקוו של הצעירים לשעבר. יש כאן גם צלילים־הדים של המאבקים ההם, אשר ראובן אייזלאנד, עוד בשנות השבעים לחייו, מעורר אותם עתה ומבקש ללבותם מחדש.

אופי שונה לגמרי נושא הספר „זכרונות" של יוסף רולניק. זכרונותיו, כמוהם כשיריו הם חרישים, ליריים, אישיים בהחלט, שבהם הוא חי הכול ובעיקר את ביתו הישן, בעולמו הפנימי ואף מזכרונות־הלב האינטימיים שלו. ואכן פותח יוסף רולניק את ספרו בשיר אינטימי רולניקי־מובהק ומסיימו בשלושה שירים אינטימיים, אישיים בהחלט.

שני הספרים, שהאחד מהם הופיע ליום הולדתו ה־70 של ראובן אייזלנד, והשני — ליום־הולדתו ה־75 של יוסף רולניק — הן יצירות־הברבור של שני המשוררים, שפעלו בסביבה הספרותית־אמנותית היהודית באמריקה קרוב לחמישים שנה, והם משמשים מבחינת מפתחות לאופיים ולעולמותיהם של שני משוררים־אישים שונים אלה.

מעניין: „הצעירים" יצאו בשעתם בעיקר נגד שלטון העתונות היהודית ותבעו, שהמשוררים־הסופרים ייזהרו ויישמרו על נפשם מפני העתונות רבת־המדוחים. ואף־על־פי־כן הם עצמם נלכדו ברשתה של עתונות זאת. שני משוררים אלה, אייזלאנד ורולניק, עבדו קרוב לארבעים שנה בעתון „דער טאג", — אייזלאנד כעתונאי מוכשר, בתור „יד" מועילה בעתון, והשני, רולניק החרישי — כמגיה.

ראובן אייזלנד היה טיפוס לוחם ועל־פי דרכו היה גם אדם היודע את מטרתו עוד בשנים 1912—1914 במאמריו היה הודף אז את ההתקפות על הסופרים היהודים הצעירים והגן על העמדות הספרותיות של המשוררים־המספרים הללו ועם זאת הבליט את תכונותיה של הקבוצה ואת יתרונותיה. הוא קורא אז לצעירים ליצירת „אווירה ספרותית טהורה", אשר בלעדיה מן הנמנע כמעט שיווצר משהו חשוב. ומעניין, שבכל הזדמנות, כאשר בשנים הבאות היה כותב על סופר, או ציין איזה תאריך של יובל, היה אייזלנד מנסה תמיד שוב ושוב לבסס מחדש את המטרות והתפקידים של הסופרים הצעירים והיה מדגיש את הישגיהם. הקיצור, עד לשנות חייו האחרונות בניו־יורק (ובשנים האחרונות — במיאמי, פלורידה) היה אייזלנד מוסיף, כמותו כגנרל זקן, לספר על הקרבות והמאבקים מימים עברו, כאשר היו נותנים לאויב להריח את ריח אבק־השריפה.

בלהט כזה ובאותה „חוצפה" (במובנה הטוב של המלה), המציינת את הצעירים, היוצאים לפרוץ גדרות ולחסל מסורות ואמונות מקודשות, עמד פעם ראובן אייזלנד בראש המאבק נגד „הזקנים" ו„הזקנה". הוא הוא שכתב בראשית דרכו, כי „בין המשוררים היהודים הראשונים — (הכוונה לקשישים — נ. מ.) לבין „הצעירים" אין שום צד משותף, הן בדרך הכתיבה והן במניעיה, פרט לצד המשותף שבין אברהם רייזין ויוסף רולניק. חוץ ממקרה יוצא־דופן זה, אין להוכיח בשום מקום, שמשורר קשיש זה או אחר השפיע במשהו על איזה משורר מן „הצעירים"..."

עוד ביתר בהירות התבטא ר. אייזלנד על „המיפנה החדש בשירת יידיש" — בשנת 1915 (במאסף „מאדם לאדם"). אז אמר, כי „המיפנה החדש בשירה היהודית הוא המיפנה אל החיים, אל חיי היומיום של היחיד, אל ששונו ויגונו ואל כל רגשותיו". ר. אייזלנד היה גם האיש, שלאחר מותו של י. ל. פרץ, בשנת 1915, אמר: „יש לומר את האמת: פרץ, י. ל. פרץ הגדול, שלאורו התחממו רוב הסופרים היהודים ברוסיה, בשבילנו, בשביל הדור הצעיר של סופרים יהודים באמריקה, אינו יותר מאשר אגדה... לא למדנו ממנו מאומה, בדיוק כשם שלא למדנו מאומה ממנדלי, משלום־עליכם. אין לנו סבא, אין לנו אבא. אפילו רב לא היה לנו... מי ניסה להעמידנו על רגלינו — אף איש אחד!" וכו'.

נו, על כך לא נבוא לדבר עתה. על עמדתו זו של אייזלנד ושל אחרים (למשל — של זישא לנדוי) עמדנו במקום אחר ובאריכות.

במאמר זה רצינו להדגיש רק, כי ראובן אייזלנד, מלבד זה שהוא יצר שירים משלו, מקוריים ועצמאיים — הן על עיר מולדתו טרנובו, והן על אמריקה וגם אותם השירים שבהם באו על ביטויין חוויות אינטימיות של המשורר עצמו — היה גם מסאי מצויין, כותב מאמרים לא רע ואף עתונאי מוכשר, שכתב שנים רבות תחת שמות מושאלים שונים — פשוט שאת שמו ראובן אייזלנד הוקיר ושמר על טהרתו למטרות יצירה שירית בלבד. מעניין גם לגבי אופיו הלוחם של ראובן אייזלנד, כי לפני 14—13 שנה, כאשר פרץ סכסוך בין כמה סופרים פרוגרסיביים ב„טאג" לבין בעלי העתון וכמה סופרים אחרים, שעמדו לצד הבעלים — נסחף ראובן אייזלנד, שהיה כבר אז בעל לב חולה, לתוך המאבק, והוא ניהלו בפומבי בלהט רב, למרות האיסור של רופאיו.

פון ראובן אייזלאנדס ליריק

מיין פאטער

אַ שטילער, פשוטער מענטש, מיט גוטע גרויסע אויגן,
און מיט א ברייטן שטערן.
נאָר אייביק איינגעבויגן
און אייביק גרייט צו הערן און צו נעמען,
וואס אים איז באַשערט.
און ווייל איז אים, וואָס גאָט האט אים געגעבן
בטחון אין לעבן,
און אַקסלען וואָס צוקן אויף פון פרייד,
ווען ער קאָן געבן
אַ טרייסט צו מענטשן אדער זיך אליין.
און שיין איז ער אין מיין זכרון
פון יענע יאָרן,
ווען וואַרעם איז מיין האַנט אין דער זייניקער געלעגן
און ביידע זענען מיר אויף שטילע וועגן
געגאנגען שווייגנדיק,
און איינגעזאַפּט אין זיך די רו
פון גאָטס גרויסער וועלט.

דערוואכט האָט דער פרילינג...

דערוואכט האט דער פרילינג שוין דארטן,
דארטן אין שטעטל דעם קליינעם,
וו איך האב פארבראַכט מיין יוגנט,
נו, א געטלעכן חלום, א שיינעם...

דערוואכט האט דער פרילינג שוין דאָרטן,
איך פיל עס, איך פיל עס אין מיר,
דען דערוואכט האט שוין אויך אין מיין הארצן,
די בענקשאַפט א היים דארט צו איר...

דערוואכט האט דער פרילינג שוין דאָרטן,
אַלץ גרינט און בליט דארט מיט פּראַכט,
עס גרינט דאָרט די פרעכטיקע לאָנקע,
וו איך האב מיין יוגנט פארבראכט!

עס גרינט און בליט דארט דאס וועלדל,
וואס קייטלט און רינגלט ארום
ווי א האלבע לבנה דאס שטעטל,
די לאָנקע, די פעלדער פון תחום.

דערוואכט האט דער פרילינג שוין דאָרטן,
און מיין חוהלע איינע אליין,
שפּאַצירט דארט אום אין די פעלדער
און פלעכט דארט א קרענצעלע שיין.

און שעפּטשעט אזוי האַרציק א תפילה,
צום ווינטל וואס ווייעט דארט אום:
„נעם אָט דאָס קרענצל פון בלומען,
און טראָג עס אהין דאָרט צו אים...

„און לאָז אים דאָרט וויסן מיין בענקען,
מיין ליבע, מיין טרייקייט, מיין שמארץ...
— — — — — — — — — — — — — —
דערוואכט האט שוין דאָרטן דער פרילינג! —
איך פיל עס, איך פיל אין מיין האַרץ!...

ניו־יארק

געדרוקט אין דעם „יודישן ארבעטער" נר. 22 פון 31.5.1907

דער ווילדער וויינטרויב

דער ווילדער וויינטרויב ווערט שוין רויט.
דער טאָג ווערט קורץ; דער אָוונט קיל. —
קום, גיב די האַנט און לאָמיר שטיל,
ווי קליינע, גוטע קינדער, גיין
אהין, אין יענעם לאנד,
אין יענעם וויטן לאַנד!

פון וויטנס שפּיצט אַ טורעם זיך.
א ווינטל ווייט, א וואָלקן גליט;
דער וועג איז אָפן און עס ציט
א ליכט פאר אונדז. נו, לאָמיר גיין,
ווי קליינע, גוטע קינדער, גיין,
אהין, אין יענעם לאַנד,
אין יענעם וויטן לאַנד!

ס'גייט אַ קאלטער רעגן...

ס'גייט אין גאַס אַ קאַלטער רעגן,
ס'גייט אין גאַס ארום דער ווינט.
ווי א קליין פאַרלוירן קינד,
טרייב איך זיך ארום אויף וועגן.
מיט מיר גייט דער ווינט.

פייכט און שטעכיק אין די אויגן,
ווי א קעצל, קאַלט און נאַס,
שלעפּ איך זיך פון גאַס צו גאַס,
ציטערדיק און איינגעבויגן.
מיט מיר גייט דער ווינט.

הָאִילָנוֹת יוֹלִיכוּ...

הָאִילָנוֹת יוֹלִיכוּ לְקַצְוֵי־עַד,
וְהַמִּשְׁעוֹל בַּכְּחוֹל שָׁרוּי בַּצַּד;

וְאַגָּדִי יִרְמֹז הַכְּפָר, כּוֹחֵל,
בַּעֲרָפִלִּים כֻּלּוֹ טוֹבֵל.

וּמְהַסֵּס, בְּאֵין תַּכְלִית, אֵין־כֹּל,
אַפְלִיג, אַפְלִיגָה בַּמִּשְׁעוֹל.

הָאִילָנוֹת הוֹלְכִים – אֵלֵךְ אִתָּם.
אֶשְׁכַּח אֲשֶׁר־הָיָה, אֲשֶׁר־נֶחְתַּם.

וּבֶעָתִיד־לָבוֹא לֹא אֲהַרְהֵר:
רַק לֶכֶת אֶל הַכְּחוֹל, אֶל הַזּוֹהֵר.

טֶבַע דּוֹמֵם

לֶחֶם, וּגְבִינָה, וּדְבַשׁ עַל הַשֻּׁלְחָן.
הַתֵּה, לוֹ גוֹן־זָהָב,
קוֹרֵא בִּשְׂפָתַיִם, כּוֹסוֹתָיו.
יְרַקְרַק, צוֹנֵן וְרַעֲנָן
יִרְמֹז כַּד־מַיִם, מְעֻלָּף בַּטַּל.
בִּפְאַת שֻׁלְחָן – מִטְפַּחַת
שֶׁל אִשָּׁה, וְיָד קְטַנָּה וּנְבוֹנָה צוֹנַחַת
עַל סֵפֶר־שִׁירִים מְאֻרָךְ,
בְּמֶשִׁי כְּעֵין־הַיַּיִן מְכֹרָךְ –

בְּקֹשִׁי־יוֹמֵנוּ

בְּקֹשִׁי־יוֹמֵנוּ מַה לָּנוּ עוֹד? –
לְהִתְקַסֵּם בַּאֲמָרוֹת נָאוֹת
וּבְשִׂמְחָה בְּדוּיָה.
עִתִּים לְצַלֵּל
בְּמַחֲשָׁבָה כְּבֵדָה מִכֹּל,
אוֹ, מוּטָב, בְּלֶטֶף שֶׁל עֵינַיִם
הַמּוֹלִיכוֹת, כְּקֶשֶׁת בֶּעָנָן,
מִכָּאן
לִשְׁמֵי שָׁמַיִם – –

הערה: כָּל שְׁוָא בְּשִׁירִים אֵלֶּה הוּא שְׁוָא מֵנִיעַ וְיֵשׁ לְהָנִיעוֹ.

(לפי הספר: „מבחרי שירי ביידיש" — משה בסוק
הוצאת „הקיבוץ המאוחד", תשכ"ג)

נולד: באפריל 1884, רדומישל רבתי, גליציה.
נפטר: ביוני 1955, פלורידה, ארה"ב.
מראשי קבוצת „יונגע" (הצעירים) בארה"ב וממבססי מגמתה ודרכה. שירו האימפרסיוניסטי נמלט במודע מן הפתטי והנשגב: בקול חרישי ולחין ישיר ליומיומי, לזוטות ולבלתי־נחשב; הדומם המצוייר, קטע רוגע של בית, של אדם, של נוף — יש בהם מן הבינה שנצטללה מהלוך־נפש כתום סער, מן הרגש הכובש את עצמו, כשלהבת שמצטמצמת. הנעימה השלטת־אלגית, חיוך־של־השלמה מרחף עליה. ספרו העיקרי: „מיין זומער" (הקיץ שלי), רוצה לומר: הפרי הגמל, ריחוק מסערות אביב, והמיית־שלכת כבר מדמדמת. במסותיו על הסיפרות — מועט מן המרובה שהיה נוהג להשמיע על־פה בחוגי משוררים וידידי שירה — מתגלה המשורר כבעל תרבות שירית, שהושפע אמנם מן הרחובות המהלכות באותם הימים בשירה הגרמנית, אך מבורך בטעם ובהבחנה; אמת־בנין בידו ואהבת לבו אל היפה והוא שמח לברך „הנהניך".

נולד ברדומישל רבתי שבגליציה המערבית, קיבל חינוך מסורתי וראשיתו הספרותית — בעברית, („סנונית", ירושלים, 1900). מ־1903 באמריקה. עורך, יחד עם מאני לייב, אחדים מקובצי החבורה „יונגע" „דער אינזל" (האי), מתרגם שירה ומשתתף קבוע בעתונות. באחרית ימיו נשתקע במיאמי־ביץ' שבפלורידה וכאן יצא אחרון ספרו „פון אונזער פרילינג" (מימי אביבנו) — זכרונות ודיוקנאות, משולבים דברי הערכה על סיפורת וסופרים, — ופני הדור וקלסתר בני־דורו נשקפים כאן בעודם בצעירותם, מסוערים כלפי קודמיהם ומסתערים לשנות מן הערכים המקובלים בשירת יידיש.

● תודתנו מובעת בזה להוצאת הקיבוץ המאוחד, שבאדיבותה ניתנו לנו האפשרות להעתיר את ספרנו בשירי־בן־עירנו הדגול בעברית.

מלך ראוויטש

א סענסאציאנעל ליטעראריש בוך

וועגן ראובן אייזלאַנדס לעצטן ווערק „פון אונדזער פרילינג", האָט דער באַקאַנטער דיכטער און עסייאיסט מלך ראַוויטש, אפגעדרוקט אין די תל־אביבער „לעצטע נייעס", פון פרייטיק, 21 אקטאבער 1955, פאָלגנדיקע אָפּהאַנדלונג:

איינער פון די שטילסטע און צאַרטסטע פּאָעטן אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראטור האָט אויפגעשריבן איינס פון די סענסאַציאַנעלסטע־דורכויס ליטעראַרישע־ביכער. לייענער, וואָס ווילן סתם לייענען אַ סענסאַציאַנעל און נערוון־צעטרייסלענדיק בוך, וועלן אויף זייער חשבון נישט קומען. אבער לייענער, וואס קענען און האבן ליב די יידישע ליטעראטור; וואס זענען אויך באקאנט מיט אירע פראבלעמען, וועלן אָט דאס בוך לייענען מיט א פארכאפּטן אָטעם פון טאָוול ביז טאָוול. דאס בוך

איז איינער פון די בעסטע און קלאָרסטע בייטראָגן צו דער געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. א שליסל צו א תקופה, ריכטיקער א סוב־תקופה. און נישט סתם א שליסל — נאר ממש א כישוף־שליסל. און עס איז נאָר א צער, וואס אט די אלע התלהבותדיקע רייד מיינע וועלן דעם מחבר פון דעם בוך דערגרייכן — אויב אזא ראַדיאָ־טעלעפאטישע פארבינדונג איז בכלל דא — שוין אויף יענער וועלט. דער מחבר איז ראובן אייזלאנד, וואס איז געבוירן געווארן אין גרויס ראדאָמישלע, אין גאליצע, אין יאר 1884, און איז אוועק אין זיין אייביקייט דעם 19־טן יוני 1955 אין אמעריקע. אייזלאנד האט ארויסגעגעבן בלויז עטלעכע קליינע לידערזאַמלונגען. ער האט זיך אלע זיינע רייפע ליטעראַרישע יאָרן אידענטיפיצירט מיט דער גרופע פון די „יונגע" אין אמעריקע, וואס האבן זיך באוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור אין ניו־יארק צווישן די יארן 1905 און 1910. זייער גרופע האט קיינמאָל נישט עקזיסטירט ווי אן אבסאָלוט דיסציפלינירטער קרייז און איז זיך ממילא קיינמאל נישט צעפאלן. די צעשטערונגס־ארבעט האָט געטון דער מלאך המות און די צייט.

צו דער גרופע „יונגע" האבן געהערט: דוד איגנאַטאָוו, מאַני לייב, זישא לאנדוי, משה יונה חיימאָוויטש, דוד קאזאנסקי, ראובן אייזלאנד, משה לייב האלפערן, י. י. שוואַרץ, א. ראבאי, יוסף אפאטאשו, יוסף ראלניק און שרייבער נאך און נאך. איינער אין איינעם — דיכטער און פראזאיקער פון פאַרנעם. דאס פראָגראַם פון דער גרופע איז קיינמאל נישט געשריבן געווארן — און אלעמאל נאר ארומגעשריבן... זיי זענען געווען — בשעת זיי האבן צו דער גרופע באלאנגט — אנהענגער פון קינסטלערישן, אגעזעלשאפטלעכן — און אמאל אויך אנטיגעזעלשאפטלעכן — צוגאנג צו דער ליטעראַטור. זיי זענען געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אמעריקע, ווען מאָריס ראָזענפעלד איז געווען איר געקרוינטער קאָפּ און זיי האבן זיך פאַרמאָסטן אויף אט דער קרוין — נישט זי אנצוטון אויף דעם אייגענעם קאָפּ, נאר זי צו פארבלאָסן. מאָריס ראָזענפעלד איז געווען דער סאָציאַל־נאַציאָנאַלער, טענדענציעזער דיכטער פאַר עקסעלאנס. דערצו אבער א דיכטער פון גאָטס חסד.

דער קאמף פון די יונגע האָט געהאט א געוויסע צייט זיין בארעכטיקונג. דער סאָציאַלער צוגאנג צו דער ליטעראַטור איז אין ראזענפעלדס צייטן שוין אוועק אביסל צו ווייט, געווארן צו עקסקלוזיוו. און אלץ, וואס עקסלוזיוו איז שעדלעך פאר קונסט. אבער אויך די „יונגע" זענען צו ווייט אוועק אין זייער אַסאָציאַלן צוגאנג און — כאָטש זיי האבן די יידישע ליטעראַטור באַרייכערט מיט אומשטאַרביקע ווערטן — האבן זיי זי אבער, אין סך הכל, אויך געשעדיקט. דער עיקר אויפן באָדן פון אמעריקע. זיי זענען געווען ווי יענער פויגל, וואס זיצט אויף א צווייג, האט דארט אויסגעבויט זיין נעסט, זינגט הערלעך יעדן פרימאָרגן — און ער קוקט זיך גארנישט אום אויף די שרצים, וואס בייסן אָפּ זיין צווייג צוזאמען מיט זיין נעסט און זיין געזאַנג, אָט אונטער זיין זינגענדיקן שנאָבל... ער זינגט...

יא, דער מחבר פון דעם סענסאציאנעלן בוך הייסט ראובן אייזלאנד און זיין בוך הייסט: „פון אונזער פרילינג" — ליטעראַרישע זכרונות און פּאָרטרעטן. ארויסגעגעבן פון „אייזלאנד יובל קאָמיטעט אין מיאַמי־ביטש", פלאָרידאַ (אייזלאנד האָט דאָרט פאַרבראַכט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן). פארלאג „אינזל" ניו־יארק. יאר 1954. 286 זייטן. דאס בוך איז פארזען מיט א פאָרטרעט פון מחבר. די 22 עסייען אין בוך זענען איינגעטיילט אין צוויי אפטיילונגען. אין ערשטן אָפּטייל רעדט זיך עס כמעט אויסשליסלעך וועגן די חברים „יונגע", וועגן די יאָרן פון פארמירונג פון דער גרופע. אין דעם צווייטן טייל זענען פאראנען סתם ליטעראַרישע ארטיקלען, אבער אלע אונטער דעם קוק־ווינקל פון דער וועלטבאנעמונג פון די „יונגע". פאַראַנען דא ארטיקלען וועגן שלום אַש, טאָמאַס מאַן, אויך וועגן דעם דייטשן דיכטער־מאדערניסט סטעפאַן געאָרגע, וואס איז ביים סוף פון זיין לעבן געווארן א נאצי — אוועק צום עקסטרעם פון אַסאָציאַלקייט אין דער קונסט, וואס האט אים אוועק־געפירט צו אַמאָראַלישקייט און אפילו אנטימאָראַלישקייט. און קלוג האָט געטון דער קלוגער ראובן אייזלאנד וואס ער האט אט דעם ארטיקל זיינעם איינגעשלאָסן אין דער זאַמלונג.

ווי דאס רוב פון די עסייען־ביכער, וואס דערשיינען אין דער יידישער ליטעראַטור, איז אויך אייזלאנדס בוך נישט לכתחילה געשריבן געווארן ווי אַ בוך. עס האט דעריבער אין זיך נישט די גאנצקייט פון א בוך. די ארטיקלען זענען געשריבן געווארן אין פארלויף פון כמעט פערציק יאר. זיי זענען נישט דער מן המבחר פון אייזלאנדס עסייאיסטישן פארמעג בכלל — נייערט בלויז יענע טייל פון דעם פארמעג, וואס האט א שייכות צו די „יונגע".

צי זענען געווען אביעקטיווע סיבות, אז אזא גרופע „יונגע" — מיט אזא צוגאנג צו נאציאנאלע, סאָציאלע און קולטורעלע פראָבלעמען — זאל אנטשטיין? יא!

צי זענען געווען סוביעקטיווע סיבות? געווען! דער צונויפטרעף פון הויכטאלענטירטע דיכטער מיט אן ענלעכן צוגאנג צו מענטש, ייד, קונסט.

אבער נישט אלץ, וואס איז אי סוביעקטיוו און אי אביעקטיוו ארויסגערופן געווארן און האט עקזיסטירט ווי לאנג עס האט עקזיסטירט — איז אויך בארעכטיקט אין די ברייטערע ראמען פון דער געשיכטע בכלל, אדער קולטור־געשיכטע בפרט פון געגעבענעם פאלק. און ראובן אייזלאנדס מערקווערדיק אין מוטיק בוך איז פון איין זייט געשריבן געווארן ווי אַפּאָלאָגעטיק פון דער אנדערער זייט איז עס אבער אן אָפענער און סענסאציאנעל־מוטיקער על חטא... א נישט געוואָלטער על חטא — נאטירלעך.

— נישט שייך צו באשולדיקן א פיש פארוואס ער קען נישט פליען, א פויגל, פארוואס ער קען נישט שווימען. אזוי און נישט אנדערש האט אים גאט געשאפן. נאר מיר יידן ווייסן דאך, אז עס איז פאראנען א כוח פון בחירה. און נישט נאר איז אזא כוח פאראנען, נאר ער איז דער גרעסטער כוח אין דער וועלט. אזא כוח, וואס אפילו כביכול אליין האט איבער אים קיין שליטה נישט. און נאר דער מענטש אליין...

אבער נישט שייך צו באשולדיקן און צו מאָנען. מה דאך די מאָנונגען האבן קיין פעולה נישט געהאט, ווען די „יונגע" זענען טאקע נאך יונג געווען, מכל שכן היינט — ווען זיי זענען שוין — אין זייער רוב, אפילו אַלט אויך נישט מער, נאר אייביק. קאָן זיין, אז ווען זיי וואָלטן זייערע דינאמישע כוחות און זייערע טאלאנטן מחסד עליון אויסגעגעבן אויף קולטורעלן געזונט פון דעם גרויס־ישוב אמעריקע — וואלט ער היינט געהאט אן אנדער פנים און אן אנדער פנים זיין מארגן. קאָן זיין. און קאָן זיין אז עס וואלט סיי ווי געווען

א ברכה לבטלה. אבער דאס געוויסן וואלט כאָטש געווען אַבסאָלוט ריין.

א טיפּע פריינדשאַפט האָט פאַרבונדן דעם שרייבער פון די שורות מיט ראובן אייזלאַנד אין פאַרלויף פון פיל יאָרן. געזען האָבן מיר זיך נישט צו אָפט. זיך דורכגעשריבן נישט זעלטן. אייזלאַנד האָט געמיינט, אַז דער שרייבער־וועג פון דעם מחבר פון די שורות האָט אים געדאַרפט פירן אין דער ריכטונג פון די „יונגע״; און ער אַליין האָט געמיינט אַנדערש. איינמאָל, אין יאָר 1938, האָב איך פאַרבראַכט א גאַנצן זונטיק־נאָכמיטיק ביי אייזלאַנדן אין שטוב און סיי זיין פרוי, די דיכטערין אַננאַ מאַרגאָלין, א דיכטערין פון גרויסן פאַרנעם, האָבן מיך ביטער קריטיקירט אין יענע ביטערע שעהן. מיט ליבשאַפט האָב איך אָפּגעשוויגן, אָבער גאָרנישט צוגעגעבן. אייזלאַנד האָט געפילט, אַז מיין שוויַיגן גיט קיין טריומף צו זיינע באַהויפּטונגען נישט צו און ער איז געווען זייער אומעטיק. מיט ליבשאַפט זענען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען — יעדער מיט זיינע געדאַנקען.

חוץ ליטעראַרישע און קינסטלערישע מעדיטאַציעס אַנט־האַלט דאָס בוך אייזלאַנדס אויך א שלל זכרונות און מייסטער־האַפטע שילדערונגען פון פערזענלעכקייטן. עס דאַכט זיך אונדז אפילו, אַז אָט א די ממש רעמבראַנדטישע פּאָרטרעטן פון פערזאָנען זענען דער בעסטער טייל פון בוך. ווי וווּנדערלעך זענען דאָרט אַרויסגעבראַכט די געשטאַלטן פון א. ליעסין, אַננאַ מאַרגאָלין, מאַני לייב, זישא לאַנדוי, משה לייב האַלפּערן. עס זענען שוין אַרויסגעבראַכט געוואָרן טענות צו דעם בוך, אַז עס דערציילט צו אָפן אינטימע זאַכן. מיר מיינען אָבער, אַז עס איז קיין אַנדערער וועג נישטאָ אַרויסצוברענגען גאַנץ און קלאָר דעם מהות פון א דיכטער, א קינסטלער. וויפל אינטימיטעטן זענען שוין דערציילט געוואָרן וועגן טאָלסטאָי, וועגן מיצקעוויטש — און ווער האָט עס דערציילט? די אייגענע זין און טעכטער. א גרויסער מענטש קאָן נישט האָבן צוויי לעבנס — איינס אויפן פּאַפּיר און אן אַנדערס אין לעבן. אָבער דאָס איז אן ענין פאַר זיך. אוודאי זענען די געשטאַלטן אין אייזלאַנדס בוך נישט קיין טאָלסטאָי־געשטאַלטן — עס זענען די דיכטער פון דער „יונגע״־תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

דאָס בוך איז ניי און פריש אייגנאַרטיק מיט זיין אָפענעם אופן פון שרייבן וועגן אינטימע און שוין גאָרנישט אומוויכ־טיקע זאַכן. און אין דעם זינען איז עס ממש א סענסאַציאָנעל בוך אין אונדזער סביבה.

א גוט און א וויכטיק בוך. און א לייענער־בוך — אפילו פאַר איינעם, וואָס האָט נישט קיין ספּעציעלע ליטעראַרישע פאַראינטערעסירונגען.

ראובן אייזלאַנדס פראָזע און זכרונות

„פון אונדזער פרילינג״

ליטעראַרישע זכרונות
און פּאָרטרעטן
פון
ראובן אייזלאַנד

וואַקסן טוט ווי

ווען מאַני לייב האָט געהאַלטן ביי ווערן א יובילאַר האָט ער געזען זיינע יורשים, דעם יונגסטן דור דיכטער, אַזוי:

„די פּאָעטן, וואָס קומען נאָך אונז — יונגע פערדלעך
אָן צוימען.
אויף די פריילעכע טאָלן, די עקן פאַרשאַרצט אין די
בלויען.
בלוט און מילך אין די אויגן, די קלויען אַריבער די
רוימען.
און דער שטויב ווי דער דימענט בליצט העל אונטער
זייערע קלויען״.

זענען מיר אין אונדזער צייט אויך געווען „יונגע פערדלעך אָן צוימען... מיט די עקן פאַרשאַרצט אין די בלויען״? מסתמא. אָבער ניט שטענדיק אויף פריילעכע טאָלן. אינאיינעם מיט אונדזער האָפערדיקייט, פאַרשייטקייט און חוצפּהדיקער זיכערקייט, וואָס איז אַזוי אייגן די מערסטע יונגע פּאָעטן, איז אויך געווען א היפּש ביסל צער און טרויער און גאַנצע פעריאָדן פון געפאַלנקייט ביי זיך, פרעמדע ניט־אָנערקענונג און אייגענע ספקות, וואָס האָבן געגנאָגט און געצערט.

איך האָב אָנגעהויבן דרוקן לידער אין 1905. אָבער ערשט אין 1912 האָב איך דערפילט, אַז מיין ליד איז צייטיק. כמעט יעדער דיכטער בלאָנדזשעט אין זיינע יונגע יאָרן, און איך מיט מיינע חברים זענען אין דעם פּרט ניט געווען קיין אויסנאַם. מיר האָט געדויערט לענגער ווי אַלע צו דערשלאָגן זיך צו מיין אייגענעם דיכטערישן וועג. אפשר דערפאַר ווייל איך האָב געהאַט א שווערן באַלאַסט אָוועקצוּוואַרפן. מיין פרום־חסידישע קינדערשע וועלט איז געווען א פאַרצייטיקערע. איך בין אויך ניט דורכגעגאַנגען קיין רעוואָלוציאָנערע סביבה, וואָס זאָל פאַר מיר אָפּראַמען דעם וועג צו א פרייען וועלט־באַנעם. און מיינע ערשטע דיכטערישע איינפלוסן — פון וועלכע עס איז צום שווערסטן זיך צו באַפרייען — זענען געווען פאַרעלטערטע און פאַר מיר באַזונדערס שעדלעכע. מיינע ערשטע פּאָעטן זענען געווען די דייטשע ראָמאַנטיקער און די ליבלינגען — אייכענדאָרף און מאָריקע. צוויי גאָר פיינע דיכטער, אָבער מיט זייערע מאָטיוון און זייער אופן — ווי סם פאַר א ליריש־פאַרחלומט יינגל, ווי איך בין געווען. די גרענעץ צווישן ליריזם און סענטימענטאַליטעט איז זייער א דינע. און אין מיינע בלאָנדזשענדיקע יאָרן בין איך שטענדיק געווען אויף דער גרענעץ. איך האָב דעמאָלט א סך געשריבן, אָבער זייער ווינציק געדרוקט. דאָס אָנגעשריבענע האָט מיר פאַרשאַפט גאַנץ ווינציק פרייד. איך בין שטענדיק געווען מיין שטרענגסטער קריטיקער, און וואָס מיר איז ניט געפעלן האָב איך צעריסן און פאַרברענט. אומגינסטיקע קריטיק איז זייער שמערצלעך פאַר יעדן יונגן דיכטער. מיין אייגענע אומגינס־טיקע קריטיק איז געווען ניט ווינציקער שמערצלעך.

מיינע חברים זענען געקומען, ווער א יאר פריער און ווער א יאר שפעטער, אבער געטראפן האבן מיר זיך צווישן 1905 און 1910. דאס זענען געווען יארן פון אויפבלי אין דער יידישער ליטעראטור. אין ווילנע האבן זיך באוויזן דוד איינהארן און די „ליטעראַרישע מאנאט־שריפטן". אין ווארשע איז געקומען צום ווארט שוין א דריטער דור נאך פרצן — מנחם, א. מ. ווייסענבערג, יונה ראָזענפעלד, משה סטאַווסקי און אנדערע. אין לעמבערג — שמואל יעקב אימבער, יעקב מעסטעל, משה לייב האלפערן (אונטערן פסעוודאנים „פרידא האלפערן"), דוד קעניגסבערג און שפעטער אויך א. מ. פוקס און מלך ראוויטש. דא אין ניו־יארק איז געווען א מחנה פון צענדליקער יונגע שרייבער און עס זענען געמאכט געווארן די ערשטע פארזוכן צו באפרייען די ליטעראטור פון דעם אפוטרופסות פון דער פרעסע און שאפן פאר איר אן אייגענעם ווינקל. די וויכטיקסטע פון די פארזוכן זענען געווען דער חודש־זשורנאל „די יוגענד", ארויסגעגעבן און רעדאקטירט פון יואל ענטין, מ. י. כאימאוויטש, ידידיה מרגליות, און ב. סענטער, און די צוויי זאמעלביכער „ליטעראטור", ארויסגעגעבן פון דעם פאריין „ליטעראטור", ארום וועלכן עס האבן זיך געזאמלט אלע יונגע שרייבער פון יענער צייט. ארום דער ארגאניזאציע האט זיך צום ערשטן מאל אין ניו־יארק אנגעהויבן שאפן א שטיקל ליטעראַרישע סביבה. מען פלעגט זיך צוזאמענקומען יעדן זונטיק נאכמיטיק, און ביי די פאר־זאמלונגען האט זיך אנגעהויבן ארויסצושיילן די גרופע, וואס איז שפעטער געשטאנען ביי די זאמעלביכער „שריפטן" און אויף וועלכער עס איז אריבערגעטראגן געווארן דער נאמען „יונגע".

ווי יעדער אמתער דיכטער האט זיין סטיל, האט אויך יעדע צייט איר סטיל און איר — שאַבלאָן. דעם דאזיקן שאַבלאָן דערשפירט און פארווארפט דער אמתער פאעט נאך איידער ער געפינט זיין אייגענעם וועג. דערפון דער קאמף צווישן יונג און אלט, מיט אזא האפערדיקייט ביי די יונגע. דערפון אויך די דערשיינונג, וואס יעדע נייע קינסטלערישע שול איז שטארקער אין איר נעגאטיווער קריטיק אויף איר פאר־גייערין איידער אין איר פאזיטיוון פראָגראַם פאַר זיך. דאָס שוואכע ביים פריערדיקן דור קאן דער יינגערער לייכט דערזען. דעם אייגענעם וועג אנצייכענען איז שוין שווערער. ווען מיר, די „יונגע", האבן דערפילט, וואס עס איז פויל אין דער אמעריקאנער יידישער ליטעראטור, האבן מיר נאך אליין ניט געוווסט וואס אייגנטלעך מיר ווילן. מיר זענען דעמאלט אפילו נאך קיין געשלאסענע גרופע ניט געווען. מיר האבן נאר געוווסט, וואס מיר ווילן ניט. דאס איז געווען דאס ערשטע וואס האט אונדז פאראייניקט. דאס איבעריקע איז שוין געקומען פון זיך.

אין אן אנדערער ארבעט האב איך שוין אויסגערעכנט אלץ, וואס מיר האבן באלד פון אנהויב אָן ניט געוואלט. און יענער צעטל „ניטס" ווייזט אז אפילו דעמאלט, ווען אונדזערע אייגענע פליגל זענען נאך ניט געווען אויסגעוואקסן, זענען מיר אבער שוין געווען גענוג דערוואקסן צו פארשטיין דאס, וואס א סך פאַרשטייען נאך היינט ניט: ניט פרעמדער „תוך" מאכט א ליד, נאר אז מיט יעדן גוטן ליד ווערט געשאפן „תוך" — אייגענער, זייער וואַגיקער און זייער ווערטפולער פאָעטישער „תוך".

וואנדערלעכע יארן זענען דאס געווען פאר אונדז. איבער־הויפט די יארן צווישן 1907 און 1910. אמת, יארן פון בלאנדזשען און פיין, אבער אויך פון אנטדעקונגען און דערקענטעניש. יעדער טאג האט געבראכט עפעס נייעס — וויניקסטנס ניי פאר אונדז — פון פרעמדע ליטעראטורן און פון דער אייגענער, דער יידישער, אויף יענער זייט ים. מיר האבן אַלץ געשלונגען מיטן זעלביקן דורשט און פון אלץ האבן מיר עפעס געלערנט — ווען אפילו ווי אזוי נישט צו שרייבן. אמת, באפרידיקט האט אבער בלויז דאס פרעמדע, מיט וועלכן מיר האבן זיך דעמאלט באקענט: ביי די רוסן, ביי די דייטשן, ביי די פאליאקן און ביי די פראנצויזן, ביי וועלכע אלע מאָדערנע שרייבער האבן זיך געלערנט. באָדלער, ווערלען און רעמבאָ, וועלכע מיר האבן געקענט בלויז פון איבערזעצונגען, זענען געווארן אונדזער טעגלעך פאָעטיש ברויט, ניט ווייניקער ווי סאָלאָגוב, בריוסאָוו, באלמאנט און בלאָק, אדער ווי ליליענקראָן, דעהמעל, רילקע און האָפמאַנ־סטאַל. מיט סטעפאַן געאָרגע און טעאָדאָר שטאָרם האבן מיר זיך באקענט ערשט שפעטער, כאָטש שטאָרם האט גאר געהערט צו א פריערדיקן דור דייטשע דיכטער. זייער ווינציק האבן מיר געלערנט ביי ענגלישע און אמעריקאנער פאָעטן. דערפאר אבער האבן מיר געהאט א סך צו פארדאנקען די רוסישע און סקאנדינאווישע נאוועליסטן. באזונדערס די לעצטע. ביי זיי האבן מיר געלערנט דעם סוד פון ווונק, פון דער פויזע, פון דער אומגעריכטער פסיכאָלאָגישער ווענדונג און ווי אזוי מיט קארגע איינפאכע ווערטער ארויסצוברענגען דעם מאקסימום פון פאָעטישער שטימונג.

פון יידישע פאעטן אויף יענער זייט ים האט א קורצע צייט אונדז פארכאפט דוד איינהאָרן מיט זיין ערשטן בוך „שטילע געזאנגען". אן איינטאָגיק ווונדער איז פאר אונדז געווען מנחם מיט זיינע דעמאָלטדיקע עקזאָטישע לידער ווי „תפילות", „שווארצע רויזן", „קדוש, קדוש" און אנדערע פון דעם מין. מער ווי פון אלע זענען מיר געווען אנטציקט פון שמואל יעקב אימבער, איינער פון אונדזערע פיינסטע ליריקער, וואס וואָלט פארנומען אן אָנגעזעען אָרט אפילו אין א רייכער ליטעראטור, און גראד אין אזא ארעמער ליטעראטור ווי אונדזערע האט מען זיך אין די לעצטע צוויי צענדליק יאר פארגונען אים צו איגנארירן. איך קען זיינס א ביכל „וועלט איין, וועלט אויס", וואס איז פון טאָוול צו טאָוול פול מיט לידער, פון זעלטענער פארקלערטער שיינקייט. און וועגן דעם ביכל איז ביי אונדז אפילו קיין איינציקע רעצענזיע ניט געדרוקט געווארן. זיין ערשט קליין ביכל „וואס איך זינג און זאָג", האט זיך א לאנגע צייט געפונען ביי אונדז אלע. זיין ליד איז געווען דאס איירא־פעישסטע און פון דער ריינסטער ליריק, וואס מיר האבן ביז דעמאלט געהאט באגעגנט אין דער יידישער פאעזיע. ציטאטן פון יענעם ביכל זענען א לאנגע צייט געווען אויף אונדזערע ליפן. ביים „שטארקן" און „הארטן" מ. ל. האלפערן, וואס איז אין דער אמתן געווען א סענטימענטאלער מענטש, פלעגן זיך אנגיסן די בלויע אויגן, ווען ער פלעגט מיט א צערטלעכקייט, ווי מען ציילט פערל, אויסזינגען די שורות:

„אז מען האָקט דעם וואלד
וויינט א יעדער בוים:
און גאר שטיל, גאר שטיל
וויינט מיט זיי די האָק.
גלויבט איר ווען איך זאג:
איך, די האָק, איך וויין?"

איצט קלינגט דאָס סענטימענטאַל, אַלטמאָדיש־ראָמאַנטיש. דאָס אַלעגאָרישע וויינען פון דיביימער האָט אונדז דעמאָלט אויך ניט גענומען. נאָר אַז די האַק זאָל וויינען — דאָס האָט געטראָפן ווי אַ בליץ. דער בליץ האָט געפּאַקט, כאָטש זינלעך איז אַזאַ זאַך שווער געווען זיך פאָרצושטעלן. פון איינציקע שורות אימבערס, וואָס זענען דעמאָלט געווען אויף אַלעמענס ליפּן, האָבן אין זכרון זיך בלויז אָפּגעשטעלט

„וועגן שטילע ווי זקנים"

און

„אַ גאָלדענער שטערן, אַ צווייג מיט אַ רויז"

וואָס דערמאָנט אָן אַ יאַפּאַנישער צייכענונג. אויף שטענדיק איינגעקריצט זיך אין מיין זכרון האָט דער פאָלגנדיקער מיט דראַמע אָנגעלאָדענער סטראָף:

„דער רויטער עפּל ליגט צעשניטן —
אַ העלפט פאַר מיר, אַ העלפט פאַר דיר;
דאָס שאַרפע מעסער בלאַנקט אין מיטן,
און ווינקט צו מיר און ווינקט צו מיר."

איך געדענק שוין אָבער ניט, צי איז דער סטראָף אויך פון יענעם ערשטן ביכל, אָדער צי האָב איך אים געלייענט ערגעץ אַנדערש וווּ.

פּאָעטן אַלס כלל און נאָכמער יונגע פּאָעטן, זענען ענג, אומטאָלעראַנט און אומגעדולדיק. אַנטוישונגען קומען צו זיי נאָך שנעלער ווי באַגייסטערונגען, און זיי זענען ברוטאַל ווען אַנטוישט. דער נעכטיקער אידעאַל ווערט דאָס געלעכטער פון מאָרגן. גאַנץ אָפט איז אַפילו ניט נויטיק, אַז עס זאָל זיין אַנטוישונג. גענוג איז אַ נייער אידעאַל, אַז ער זאָל פאַרטונקלען דעם פריערדיקן. דאָס, וואָס איז ערשט נעכטן געווען „וווּנדערלעך" (אין יענער צייט האָבן מיר נאָך באַנוצט דעם דייטשמערישן „וווּנדערבאַר"), איז אויף מאָרגן שוין געווען „שוידערלעך". מנחם האָט ביי אונדז פאַרדרענגט איינהאָרנען. אימבער האָט זיי ביידע פאַרטריבן און גאָר אין גיכן איז אימבער פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ זייט פון דוד קעניגסבערג. מיט וואָס קעניגסבערג האָט זוכה געווען, דאָס איז פאַר מיר איצט אַ רעטעניש, כאָטש דעמאָלט בין איך געווען איינער פון זיינע הויפּט־פאַרערער. דער כוח פון פּאָעט איז אין זיין וואָרט און קעניגסבערג איז געווען און פאַרבליבן אַ שטומער. מיר האָבן אים טאַקע גערופן דער „שטומער דיכטער" און דאָך האָט ער אויף אונדז געמאַכט אַ מערקווערדיקן איינדרוק. זיין קליין ביכעלע מיט עטלעכע און צוואַנציק סאָנעטן איז צעריבן געוואָרן ביי אונדז אין די קעשענעס אײַנעם מיט די אומציילִיקע פאַרשריבענע אייגענע לידער, מיט וועלכע דיזעלביקע קעשענעס זענען געווען אָנגעפּאַקט, אַזוי לאַנג האָבן מיר זיך אַרומגעטראָגן דערמיט. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער שטאַמלט, דאָך האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז הינטער דעם שטאַמלען שטעקט עפּעס אָן אייגנאַרטיקער פּאָעט. אַ פינף אָדער זעקס פון זיינע סאָנעטן האָבן אונדז פּשוט געפּלעפּט. ווען איך האָב זיי אָבער דאָ ניט לאַנג אויפסניי געלייענט, האָב איך געקוועטשט מיט די פּלייצעס. וואָס האָבן מיר דעמאָלט געזען אַזוינס אין אים? מיר פעלט איצט איין, אַז קעניגסבערג האָט אונדז געפּאַקט דערמיט, וואָס ער איז געקומען מיט איינפאַכע וואָכעדיקע מאָטיוון, בעת מיר זענען געווען איבערגעגעסן מיט ראָמאַנטיק.

אין מיין זכרון איז פאַרבליבן אַ פאַלשער איינדרוק פון אַ זעלטענער שטילקייט אין זיינע לידער. איך האָב געהאַט אַ באָבע מאַטעלע, האָט איר קול געקלונגען ווי אַ גלאָק. אַז זי האָט גערעדט שטיל ביי זיך אין געוועלב, האָט מען געהערט אויף דער אַנדערער זייט מאַרק. מיין מאַמע פלעגט בלייך ווערן, ווען זי האָט געהערט איר שוויגערס קול. אַז מיין באָבע האָט אין אַ זומערדיקן שבת זיך אַרויסגעלאָזט שפּאַצירן, האָט עס אויך גערוישט. ווייל זי איז שטענדיק געגאַנגען מיט טעכטער, שניר און אייניקלעך, וואָס האָבן פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון וועג. אַז מיין מאַמע איז געגאַנגען שפּאַצירן איז זי געגאַנגען איינע אַליין. זי האָט בלויז מיט־גענומען אַ קינד, גרויס גענוג פאַר אַ שומר און ניט צו גרויס, אַז עס זאָל שטערן. און זי פלעגט זיך אָפּקערן פון וועג אויף אַ סטעזשקע אין פעלד און שווייגנדיק גיין און גיין, נאָר פון צייט צו צייט זיך איינגעבויגן און איינקוקן אין אַ גרעזל, אַ קרייטעכץ, צי אַ קוסט. דיזעלבע שטילקייט איז געווען אין איר לייענען דעם טייטש־חומש, אין איר דאַווענען און אין איר אָנטון, ווען זי איז געווען אויפגעלייגט. צו דער שטילקייט האָב איך געשטרעבט אין מיינע לידער און די שטילקייט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב געפונען ביי דוד קעניגסבערג. איינער פון די מייסטער פון שטילן ליד איז ביי אונדז יוסף ראָלניק. באַזונדערס אין די לאַנדשאַפט־לידער פון זיין קינדהייט. אַגב, האָט מיר ראָלניק צום ערשטן מאָל געפּאַקט מיט זיינס אַ ליד „אַ שׂכחה אין פעלד", אין וועלכן ער פאַרגלייכט זיך צו אַ פאַרשניטענער זאַנג, וואָס דער שניטער האָט פאַרגעסן אין פעלד. פון אַ סימיל ווערט אַ פולשטענדיקע פאַרוואַנדלונג. דער מענטש ווערט איינגעשרומפּן און קליין און דאַר און שטרויאיק, און זיין פאַרלאָזנקייט ווערט עמפּונדן כמעט פיזיש, ניט ווי די פאַרלאָזנקייט פון אַ מענטשן, נאָר פון אַ זאַנג, געגעצט פון רעגן און געשטויסן פון ווינט. איינע פון די ערשטע פאָדערונגען צו יעדן פּאָעט, אָבער וואָס ווייניק דערגרייכן.

מאַני לייב האָט זיך דיכטעריש אינגאַנצן געפונען אַרום ניינצן ניין־צען אין דער סעריע „טויבן שטילע...", וואָס איז אַריין אין צווייטן זאַמלבוך „ליטעראַטור". זישאַ לאַנדוי, אַ יאָר שפּעטער אין דער סעריע לידער, וואָס איז געווען געדרוקט אין אַברהם רייזענס יאָרבוך „דאָס נייע לאַנד". איך האָב נאָך אַלץ געבלאַנדזשעט און געוויייטיקט. איך האָב געוווּסט וואָס איך וויל, בין אָבער געווען ווי געפּענטעט און ניט געקאָנט קומען צום געוואָלטן.

„די טעג וואָרצלען אין שטיינער,
און וואַקסן טוט וויי."

האָט אַנאַ מאַרגאָלין געשריבן אַ סך יאָרן שפּעטער. דער בעסטער אויסדרוק פאַר דעם, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען אין יענער צייט.

ראובן אייזלאַד

אין שאַטן פֿון אַ ספר תורה

אַ מוראַדיקע איבערלעבונג פֿון אַ בר־מצווה ייִנגל

א זיבן־אַכט וואָכן נאָכדעם ווי איך האָב אָנגעהויבן תפֿילין צו לייגן, בין איך געפֿאַלן מיט אַ ספר־תורה. וואָס פֿאַר אַ מוראַדיקע איבערלעבונג דאָס איז געווען פֿאַר אַ דרייצן־יעריק ייִנגל, וואָס איז געבוירן און אויפֿגעצויגן געוואָרן אין דעם קליינעם, פֿרומען און חסידישן שטעטל ראַדאָמישלע, ביי טאָרנע, אין מערבֿ־גאַליציע, — וועגן דעם קאָן האָבן אַ שטיקל השגה נאָר דער, וואָס קומט פֿון אַן ענלעכער סבֿיבֿה און האָט פֿון קינדווייז אָן איינגעזאַפּט אין זיך דאָס גאַנצע אַמאָליקע קליינשטעטלדיקע ייִדישע לעבן מיט זיין לומדות און בטלנות, זיין פּקחות און שטות, זיין תמימות און איבערגעשפּיצטקייט, זיינע גלויבונגען, אַבערגלויבענישן, שפּרוכן, אָפּשפּרעכענישן און דעם גאַנצן שלל פֿון וווּנדערלעכע, ווילדע, נאַרישע און הערלעכע מעשׂהס, מיט וועלכע דאָס דאָזיקע לעבן איז געווען אַרומגעוועבט.

טאָמער איז דאָס נאָך ווינציק געווען, האָט אין אַ קורצער צייט אַרום געטראָפֿן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין ראַדאָמישלע אַ גרויסע צרה. ווי אַלעמאָל, ווען עס האָט אַן עדה ייִדן געטראָפֿן אַ צרת־רבים, האָט מען אין איר געזען אַן עונש פֿון הימל. און אַזוי ווי אומזיסט שטראָפֿט דאָך גאָט נישט, האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן די סיבה פֿון דעם עונש און עס האָט נישט גענומען לאַנג, אַז מען זאָל פֿאַרקניפּן די שטראָף, וואָס האָט געטראָפֿן דער שטאָט מיט דעם מכשול, וואָס האָט מיך געטראָפֿן מיט דער ספֿר־תורה. ווי אַזוי איך בין געקומען צום מכשול, וואָס עס האָט זיך יענעם טאָג אָפּגעטאָן ביי אונדז אין ראַדאָמישלע און וואָס פֿאַר אַ צרה עס האָט נאָכדעם געטראָפֿן אונדזער קהלה — וועגן דעם וועט דערציילט ווערן אין די קומענדיקע קאַפּיטלען. אָבער פֿריער פֿון אַלץ וועל איך זיך דאַרפֿן אָפּשטעלן אויפֿן יאָר און דעם טאָג, אין וועלכן איך האָב אָנגעהויבן תפֿילין צו לייגן. מחמת, לויט די גלויבונגען פֿון יענעם עולם, האָט אויך דאָס ערגעץ־ווו געהאַט אַ שטיקל שייכות צו די צוויי געשעענישן, וואָס האָבן מיך שיִר־נישט אומגעבראַכט און ממילא אויך געלייגט אַ חותם אויף מיין גאַנץ לעבן, נישט געקוקט דערויף וואָס אין לויף פֿון יאָרן בין איך אין אַלע פּרטים אַוועק אַזוי ווייט פֿון יענעם שטייגער און אַלץ, וואָס ער האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז גאַנץ אָפֿט איז מיר אַליין שווער צו געפֿינען אין זיך אַ שפּור פֿון יענעם דרייצן־יעריקן ייִנגל, מיט וועמען דאָס האָט געטראָפֿן און וואָס האָט דאָס אַלץ אַזוי שאַרף איבערגעלעבט.

א. קידוש־החמה תרנ״ז —
אַ גרויסער, נאָר פֿאַרשטערטער יום־טובֿ

איך בין אַלט געוואָרן דרייצן יאָר אין פֿערטן טאָג פֿון חודש אייר, תרנ״ז. אָבער לויטן מינהג, האָב איך אָנגעהויבן תפֿילין צו לייגן מיט אַ חודש פֿריער, אין פֿערטן טאָג פֿון חודש ניסן, וואָס איז אין יענעם יאָר אויסגעפֿאַלן אין אַ דינסטיק. דאָס איז געווען אַ גוטער טאָג צום געדענקען, נישט אַזוי פֿאַר זיך אַליין, נאָר פֿאַר דעם, וואָס איז געקומען באַלד נאָך אים. וואָרים אויף מאָרגן, מיטוואָך, דעם פֿינפֿטן טאָג אין ניסן, איז געווען אַ יום־טובֿ, אַ זעלטענער יום־טובֿ, וואָס קערט זיך אום בלויז איין מאָל אין אַכט־און־צוואַנציק יאָר, — יום־טובֿ פֿון קידוש החמה. ביי אונדז אין ראַדאָמישלע האָבן זיך דעמאָלט געפֿונען עטלעכע ייִדן, וואָס האָבן זיך באַרימט, אַז דאָס וועט זיין די פֿערטע קידוש־החמה אין זייער לעבן. מיר, דאָס יונג־וואַרג, האָבן זיי געגלויבט. ווייל אין אונדזערע אויגן זענען זיי געווען שטיין־אַלט. אָבער ייִדן אין די מיטלע יאָרן האָבן אָפּגעקערט זייערע פּנימער, ווען זיי האָבן דאָס געהערט און שטיל געשמייכלט פֿאַר זיך. מבֿייש זיין די זקנים און זאָגן זיי אין די אויגן, אַז זיי זענען מגזם, דאָס האָט מען נישט געוואָלט. אָבער הינטער זייערע רוקנס האָט מען געלאַכט און געמאַכט אַ חשבון, וואָס האָט באַוויזן, אַז דאָס איז נישט מעגלעך. נאָר איין־איינציקן פֿון די זקנים האָט מען געגלויבט. דאָס איז געווען דער דיין ר׳ רפֿאל הערש בלומענקראַנץ, וואָס האָט צו עטלעכע־נייַנציק יאָר אָנגעהויבן צו טראָגן אַ שטעקן, נישט ווייל ער האָט געדאַרפֿט, נאָר ווי אַ סגולה קעגן עין־הרע. דאָס איז געווען אַ שיינער ייִד, ווייס ווי אַ טויב און גלייך ווי אַ ווירע, אַן אַ קנייטשל אויפֿן פּנים און מיט ליכטיקע אויגן ווי ביי אַ ייִנגל. מיט אַ ברייט, קלינגעוודיק קול האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן פֿון דער „פּאָוסטאַניע״; פֿון ר׳ הערש משרת, וואָס איז פֿון אַ שניידער־ייִנגל דערגאַנגען צו אַזוינע מדרגות, אַז ער איז געוואָרן אַ צדיק, אַ רבי פֿון טויזנטער חסידים; פֿון דער ייִדענע מיט אירע פֿינף זין, שטריקמאַכערס, וואָס אַן אַמאָליקע גרעפֿין האָט באַצויגן פֿון קראָקע, כּדי אַרום איר הויף זאָל ווערן אַ ישובֿ און וואָס פֿון זיי איז דערנאָך אַרויסגעוואַקסן גאַנץ ראַדאָמישלע. מיט גרויס שטאָלץ פֿלעגט ער אין מרחץ ווייזן אַ פֿינגער אויף אַ פֿוס, וואָס איז ביי אים אָפּגעפֿרוירן געוואָרן, בעת זיין טאַטע האָט אים ווי אַ פּיצל קינד מיטגענומען אויף אַ שבת־חנוכּה צום „חוזה״ קיין לובלין.

פֿון שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט אַ סך ייִדן פֿון ליטע, פּוילן און וואָלין, ווייס איך, אַז פֿאַר די מערסטע פֿון מיינע לייענערס וועט זיין אַ נייעס צו הערן וועגן אַ קידוש־החמה. זיי ווייסן פֿון קידוש־החודש. זיי ווייסן אויך און אַ סך האָבן געזען, אַפֿילו מער ווי איין מאָל, אַ לקוי־חמה. אָבער „קידוש־החמה״? עטלעכע פּויליש ייִדן, זקנים, האָבן מיר געזאָגט, אַז עפּעס האָבן זיי געהערט וועגן „קידוש־החמה״ פֿון זייערע טאַטעס. אָבער אין זייערע צייטן געדענקען זיי נישט, אַז מען זאָל אין זייערע מקומות האָבן עס געפּראַוועט. ווי צוויי ליטווישע רבנים האָבן מיר געזאָגט, ווייסן זיי, אַז עס איז דאָ אַזאַ דין. אָבער מסתּמא איז דאָס איינער פֿון יענע דינים, וואָס מען האָט נישט אָפּגעהיט און זיי זענען מיט דער צייט פֿאַרגעסן געוואָרן. אַז דער דאָזיקער דין איז נאָך ערגעץ־ווו אָפּגעהיט געוואָרן אַזוי שפּעט ווי ביים סוף פֿון לעצטן יאָרהונדערט און אין אַנדערע מקומות אַפֿילו נאָך אין תרפ״ה (1925) — וועגן דעם האָבן זיי גאָר קיין אָנונג נישט געהאַט. ווייזט אויס, אַז דער מינהג פֿון צו פּראַווען קידוש־החמה האָט זיך געהאַלטן צום לענגסטן נאָר אין די מקומות, ווו דאָס אַלטע, איינגעשטעלטע, אייגנאַרטיקע ייִדישע לעבן איז געבליבן גאַנץ ביז נישט לאַנג צוריק, ווי אין קליינע פֿרומע חסידישע שטעט און שטעטלעך אין מערבֿ־גאַליציע און אין יענע קאַרפּאַטישע געגנטן, וואָס האָבן ביז נאָכן ערשטן וועלט־קריג געהערט צו אונגאַרן און

דערנאָך זענען זיי געוואָרן טיילן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און רומעניע.

אין מיין צייט האָט מען אין אונדזערע מקומות געהאַלטן א קידוש־החמה־יאָר ווי א מין הייליק יאָר, צו וועלכן מען דאַרף זיך גרייטן — און מ׳האָט זיך געגרייט. דער דין פון קידוש־החמה ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין דער גמרא ברכות דף נ״ט עמוד ב׳. דאָרט איז פאַראַן א ברייתא, וואָס לייענט זיך אַזוי: „תנו רבנן — די רבנן האָבן געלערנט: ווער עס זעט די זון אין איר תקופה, די לבנה אין איר גבורה און די שטערן אין זייער גאַנג און די מזלות אין זייער סדר, זאָגט „ברוך עושה מעשה בראשית״. ווען־זשע איז דאָס? זאָגט אביי: אַלע אַכט־און־צוואַנציק יאָר, ווען עס האָט זיך אומגעקערט דער מחזור און די תקופה פון ניסן איז אויסגעפאַלן אין שבתאי, פאַרנאַכט פון דריטן און דער נאַכט פון פערטן״. אין זיין פירוש אויף דער דאָזיקער ברייתא איז רש״י א ביסל מאריך וועגן דעם און זאָגט, אַז צייט דעם מחזור, וואָס אביי דערמאָנט, מיינט ער דעם גרויסן מחזור פון אַכט־און־צוואַנציק יאָר, אין וועלכן עס גייען אַריין זיבן קליינע מחזורים וואָס איטלעכער פון זיי באַשטייט פון פיר יאָר. „שבתאי״, דערקלערט דאָרט רש״י, איז דער נאָמען פון דער ערשטער שעה אין דער נאַכט, מיט וועלכער עס הייבט זיך אָן דער פערטער טאָג פון דער וואָך, איין מאָל אין אַכט־און־צוואַנציק יאָר. דאָס איז יענע שעה, אין וועלכער די „ליכט (דאָס הייסט: די זון מיט דער לבנה) זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן״. זיבן שעהן זענען פאַראַן וואָס איטלעכע פון זיי האָט איר באַזונדערן נאָמען און מיט איטלעכער פון די דאָזיקע זיבן שעהן הייבט זיך אָן א קלענער מחזור. ווען עס האָט מיטן זיבעטן קלענעם מחזור זיך פאַרענדיקט דער גרויסער מחזור און עס הייבט זיך אָן א נייער, דעמאָלט הייסט די שעה „שבתאי״. אין יעדן קלענעם מחזור רוקט זיך אָפּ די זון פון דעם אָרט, ווו גאָט האָט זי אויפגעהאָנגען, בעת ער האָט זי באַשאַפן מיט פינף טעג. אין לויף פון זיבן קלענע מחזורים מאַכט די זון דורך א קרייז און קערט זיך אום צוריק צום זעלביקן אָרט, ווו גאָט האָט זי אויפגעהאָנגען נאָכדעם ווי זי איז באַשאַפן געוואָרן. די זון מיט דער לבנה זענען, ווי באַקאַנט לויטן ספר בראשית, באַשאַפן געוואָרן מיטוואָך. לויט דער מסורה איז דאָס געשען אין דער שעה פאַרנאַכט ווען דער דינסטיק האָט זיך געענדיקט און די נאַכט פון מיטוואָך האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס האָט געמיינט אביי, ווען ער האָט געזאָגט: „פאַרנאַכט פון דריטן און דער נאַכט פון פערטן״. גאָר אַמאָל האָט מען זיך נוהג געווען צו פּראַווען קידוש־החמה ביים סוף פון א גרויסן מחזור, טאַקע אין יענער שעה, ווען דער דינסטיק האָט זיך באַגעגנט מיטן מיטוואָך. מיט דער צייט אָבער האָט מען מתקן געווען, אַז דאָס פּראַווען זאָל פאָרקומען ערשט מיטוואָך אינדערפרי, גלייך ווי די זון באַווייזט זיך.

אין יאָר תרנ״ז איז די תקופה פון ניסן אויסגעפאַלן פּונקט דעמאָלט, ווען עס האָט זיך געענדיקט דער טאָג פון מיין אָנהייבן תפילין צו לייגן, און קידוש־החמה האָט מען געזאָלט פּראַווען אויף מאָרגן גאַנץ פרי. אַלע יידן ביי אונדז אין שטאָט זענען געווען זיכער אַז אין יענער שעה, ווען די תקופה וועט אויספאַלן, וועט די זון זיך געפינען אויפן זעלביקן אָרט, ווו זי האָט זיך געפונען באַלד נאָכדעם ווי זי איז באַשאַפן געוואָרן. אַזאַ שעה איז זיכער א שעת רצון און דער גאַנצער טאָג, וואָס קומט נאָך איר, איז א גרויסער און א הייליקער. מען דאַרף נאָר זוכה זיין. און פרומע יידן האָבן געוווּסט, אַז כדי זוכה צו זיין מוז מען זיך גרייטן צו דעם דאָזיקן גרויסן און הייליקן טאָג. יעדער יחיד פאַר זיך, און גאַנץ קהל אינאיינעם. ווי אַזוי דער יחיד דאַרף זיך גרייטן — דאָס איז זיין זאַך. אָבער וואָס קהל דאַרף טאָן — דאָס וועלן די פירערס פון דער עדה דאַרפן באַשליסן. און די פירערס פון דער עדה האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם כמעט א גאַנץ יאָר פריער. ווען די לומדים און שיינע באַלעבאַטים זענען אחרון של פסח זיך צונויפגעקומען ביים רב צום נעילת החג, האָט מען גערעדט וועגן דעם און אַלע האָבן מסכים געווען, אַז דער בעסטער וועג ווי אַזוי קהל זאָל זיך גרייטן צו יענעם גרויסן טאָג, איז דורך א סיום הש״ס, אין וועלכן עס זאָלן זיך באַטייליקן אַלע לומדים און באַלעבאַטים, וואָס זענען נאָר בכלל לימוד.

באַלד נאָך יום־טוב האָט מען זיך אָבער אַרומגעזען, אַז דער ענין איז גאָרנישט אַזאַ לייכטער ווי מען האָט געמיינט. א חוץ די באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן געדאַוונט אין שול, איז גאַנץ ראַדאָמישלע דעמאָלט געווען געטיילט אין בית־המדרש יידן און קלויז־יידן. גאָר אַמאָל האָט צווישן דעם בית־המדרש און דעם קלויז געפלאַקערט א ביטערע מחלוקה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די חסידים פון צוויי רביים. ביי יענער מחלוקה זענען קעפּ געשפּאָלטן געוואָרן, דערנאָך האָט מען יאָרן־לאַנג זיך כמעט נישט משדך געווען צווישן זיך. אין מיינע ייִנגלשע יאָרן איז יענע מחלוקה שוין לאַנג געווען איינגעשטילט, אָבער זי האָט נאָך אַלץ געשטעקט אין געדעכעניש און ביי דער מינדסטער געלעגנהייט האָט זי געקאָנט אַרויסשפּרינגען און אויפסניי אָנצינדן א פייער. די מחיצה איז נאָך אַלץ געווען א שאַרפע. א בית־המדרש ייד איז קיינמאָל נישט געקומען דאַוונען אין קלויז אַריין און א קלויז ייד האָט קיינמאָל נישט אַריינגעשמעקט אין בית־המדרש. ווען מען האָט געהאַלטן ביים איינטיילן ש״ס, איז די קלויז־יידן נישט געפעלן, וואָס מען וויל דעם בית־המדרש צוטיילן מער מסכתות. צוערשט האָט מען זיך געדונגען, דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן אַריינצוזאָגן איינער דעם אַנדערן — אַזוי, אַז צווישן די היציקערע האָט שיִר נישט געהאַלטן ביי פּעטש. דער סוף איז געווען, אַז מען איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און די קלויז האָט באַשלאָסן צו מאַכן שבת פאַר זיך. אין בית־המדרש האָט א שטיקל צייט געקאָכט. ביסלעכווייז האָט מען זיך אָבער באַרויִקט און מען האָט זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז אין טאָג פון קידוש־החמה וועט מען פּראַווען צוויי סיומס און עס וועלן זיין צוויי גרויסע סעודות אין שטאָט. געווען אָבער עטלעכע פרומע יידן, אַפילו אין קלויז, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט באַרויִקן. דער באַזונדערער סיום אין קלויז, האָבן זיי געוווּסט, וועט נישט זיין לשם שמים, נאָר פון גאווה וועגן — און הלוואי זאָל פון דעם נישט אַרויסקומען עפּעס א מכשול...

דער טאָג ווען איך האָב אָנגעהויבן תפילין צו לייגן, איז פאַר מיר, ווי פאַר אַלע ייִנגלעך ווען זיי ווערן בר־מצווה, געווען א גרויסער יום־טוב. איך בין דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען ווי שיכור פון גליק. איך האָב אָבער דערביי נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז דער אמתער יום־טוב וועט זיין ערשט מאָרגן, ווען מ׳וועט אויפשטיין כמעט אַזוי פרי ווי צו סליחות און לויפן אין שול אַריין, אין בית־המדרש אַריין

און אין קלויז אריין, מען וועט אויף שנעל אפדאווענען ביים ערשטן שפּראָץ פון טאג און — ווי צו סליחות — וועלן יידן זיך צונויפפּאָרן פון אלע דערפער ארום, אלע יידן ווילן ארויס אין מאַרק אריין, ווו מען וועט אויפשטעלן א ספּעציעלן לאמטערן די גרויס פון א ריזיקן קאַסטן, אויף ה'עלכן עס וועלן זיין אויסגעקריצט אלע ברכות, תפילות, פסוקים פון תנ"ך און שטיקלעך פון גמרא, וואס וועלן געזאגט ווערן ביים קידוש־החמה און וואס איך האב געזען פארשריבן אין א ספּעציעל ספרל, וואס איז אין יענעם יאר פארשפּרייט געווארן אין אונדזערע מקומות. ווען איך בין נאכן דאווענען אהיימגעגאנגען פון קלויז צוזאמען מיטן טאטן, האב איך געוווּסט, אז עטלעכע גרויסע בחורים פּאָרען זיך אין אײנעם פון די פוסטע פּאָלישן פון דער שול ביי דעם דערמאָנטן לאמטערן, וואס וועט מארגן פארטאג ארויסגעטראגן ווערן אין מאַרק אריין און מען וועט אים אויפשטעלן אויף אזא געשטעל, וואס איז אפשר א שטאָק די הויך, אז אלע זאלן קאנען זען די תפילות, וואס וועלן אין אים זיין אויסגעקריצט און וועלן באלויכטן ווערן מיט ליכט, וואס וועלן זיך געפינען אין דעם לאמטערן. איך האב אויך געוווּסט, אז אין אײנער פון די יאטקעס האָקן קצבים גרויסע זייטן פלייש און יידענעס גרייטן צו ווייקשעפער און זאַלצבערעטער — דאס פלייש כשר צו מאכן; אנדערע יידענעס קלייבן צונויף טעפּ, קעסלען און גרויסע בראָטפּאַנען אויף צו קאָכן און באַקן, אבער נישט פאר צוויי סעודות, נאר פאר איין אײנציקער. מחמת די קלויז האט נישט באוויזן פארטיק צו ווערן מיט דעם סיום אין צייט און ער וועט געפראוועט ווערן ערשט שפּעטער, אינמיטן זומער אין חמשה־עשר באב, אדער אפשר נאך שפּעטער, ערשט מוצאי־שבת בראשית.

א יום־טובדיקער בין איך יענע נאכט געגאַנגען שלאָפן. א יום־טובדיקער בין איך צומאָרגנס פארטאג אויפגעשטאנען און צוזאמען מיטן טאטן און די אנדערע ברידער געלאָפן אין קלויז אריין. פון אלע גאסן און געסלעך זענען געלאָפן יידן און אין מארק זענען געשטאנען וועגענער, וואס האבן געבראכט די דאָרפס־יידן אין שטאָט אריין. מיטן שפּראָץ פון טאג, ווען די פענצטער פון קלויז זענען געווארן בלוי, האט מען זיך געשטעלט דאווענען. צו שמונה־עשרה איז אין דרויסן שוין געווען גוט ליכטיק און ביים מזרח־זוים פון הימל האבן זיך געצויגן לאנגע ראָזאָווע פּאַסן. דאס הארץ פון דעם ד'רייצן־יעריקן ייִנגל האט געקוואָלן. נאך אביסל און מען וועט שוין זיין פארטיק מיטן דאווענען — און גאנץ ראדאמישלע וועט זיין אין מאַרק. אזוי שנעל ווי די זון וועט זיך נאר באווייזן, וועט דער רב מאכן די ברכה, א פולע ברכה, בשם ומלכות; דער עולם וועט ענטפערן אמן, נאָכזאָגן די זעלבע ברכה און אלע תפילות, פסוקים, שטיקלעך תהילים און די יהי־רצונס ווי זיי זענען פארשריבן. דערנאך וועט מען זיך אומקערן אין קלויז אריין און אין בית־המדרש אריין מיט געזאנג און מיט פייקלען ווי נאך א קידוש־החודש, נאר מיט מער שמחה. אבער נאך איידער מ'האט פארענדיקט זאגן „עלינו", איז אין דרויסן פלוצים צוריק געווארן פינצטער און ווען דער עולם האט זיך געלאָזט גיין אין מארק אריין, האט זיך פון הימל א לאָז געטון א גאָס־רעגן וואס האט געשניטן די פּנימער, ווי מיט בייטשן.

דער רעגן האט געגאָסן און געגאָסן שעהן נאכאנאנד. דעם לאמטערן האט מען אין מאַרק גאר נישט ארויסגעטראגן. פּראָסטערע קרעמערס זענען אוועק עפענען זייערע קראָמען, און באַלמעלאָכעס אין זייערע ווארשטאטן. די שענערע באלע־באטים זענען מיט די לומדים צוריק אוועק אין בית־המדרש און אין קלויז אריין — דאָרטן אפּווארטן ביז די זון וועט זיך באווייזן — דערין איז מען געווען זיכער. מחמת עס איז דאך געווען א מיטוואָך — דער טאג, ווען די זון איז באשאפן געווארן און לויט דעם פאלק־גלויבן איז נישט מעגלעך, אז די זון זאל אין א מיטוואָך דעם גאנצן טאג זיין באהאלטן, כאָטש איין מאל מוז זי זיך באווייזן!... ה'ען אפילו בלויז אויף עטלעכע מינוט... דער רעגן האט אויפגעהערט נאך האלבן טאג, אבער דער הימל איז געווען אזוי פארכמארעט, אז עס האט זיך געדאכט — די זון וועט זיך שוין קיינמאל נישט באווייזן. דריי מאל איז מען אין קלויז אריינגעקומען צו לויפן מיט דער בשורה, אז עס לייטערט זיך אויס. דריי מאל איז דער עולם ארויס אין מארק און אלע דריי מאל האט ער זיך געמוזט אומקערן צוריק... ערשט צום פערטן מאל, שוין שפּעט נאָך וואָרעמס, ווען דער גאנצער עולם איז געשטאנען אין מארק, די קעפּ פאריסן אין דער הויך צום הימל, זענען די געדיכטע, זיך שנעל יאָגנדיקע וואלקנס אויף איין אָרט געווארן שיטערער און פון דאָרטן האבן אין דריי זייטן זיך אנגעהויבן ציען ליכטיקע, זילבערנע שנורן. א מורמל פון פרייד האט זיך דורכגעטראגן דורכן עולם. אלע אויגן האבן זיך איינגעגעסן אין יענעם פלעק. אבער פלוצים האט זיך באוויזן, נישט דארטן, נאר גאר א היפּש ביסל ווייטער, א פיצל זון, ווי אַן אויג פון בלעך, באַצויגן מיט א בעלם. דאס פריידיקע געמורמל איז געווארן גרעסער. מען האט געמישט אין די ספּעציעלע ספרימלעך, וואס זענען פאר דעם טאג ארויסגעגעבן געווארן. ארום רב זענען געשטאנען זיינע מענטשן, און מ'האט זיך געעצהט, צי איז דאס פיצל זון גענוג, מען זאל מעגן מאכן די ברכה. אבער נאך איידער דער רב האט געזאגט, אז יאָ און נאך איידער ער האט פארקוועטשט די אויגן אנצוהייבן די ברכה, וואס קומט אים ווי דעם רב און עלטסטן פון דער עדה, האט זיך געהערט ווי א יונגערמאנטשיק הייבט אָן צו זאָגן: „ברוך אתה"... און א גרויסער טייל פון עולם זאגט אים נאך. דער רב איז געווארן בלייך. איינער פון די מענטשן האט זיך נישט איינגעהאלטן און א זאג געטון: „חצוף"! אבער דער עולם האט שוין געהאלטן אין מיטן זאָגן. ווען מ'איז פארטיק געווארן, האט איינער געפּרוווט א זינג טון „טובים מאורות", אבער עס האט זיך נישט געזונגען. פנחס שמש האט אנגעהויבן קלאַפּן מיט זיינע פינגער אין דעם פייקל מיט די גלעקלעך, אבער עס האט קיינעם נישט פארכאַפּט. שטילערהייט איז מען זיך פונאנדערגעגאנגען. פון בית־המדרש עולם האט מען אנגעוויזן אויפן קלויז־עולם: „אלץ פון זיי! מבייש געווען ד'עם רב און ביי אים אויסגעכאַפּט אזא געהויבענע ברכה..." און אַן אלטער קאלכער, אַן ארעמער, פּראָסטער ייד, נאר א פרומער און אַן ערלעכער וואס האט אין אלץ געזען סימנים, האט מיט פארזאָרגט פּנים געזאגט צו די מענטשן, וואס זענען געשטאנען לעבן אים:

— ס'זאל זיך נאר אויסלאָזן צום גוטן!

ב. דער מוראדיקער פאל

עס איז שוין באלד דריי־און־פופציק יאר ווי דאס איז געשען. אין לויף פון די יארן בין איך געווארן אזא אנדערער,

אז דאס וואס האט זיך דעמאלט פארלאפן זעט מיר אויס אזוי ווייט און פרעמד, אז אפט איז מיר שווער זיך פארצושטעלן, אז איך בין דאס טאקע געווען דאס דרייצן־יאריקע ייִנגל, מיט וועמען דאס האט געטראפן. פונדעסטוועגן איז גענוג, אז איך זאל בלויז צומאכן די אויגן און אלץ זאל ווידער ווערן פאר מיר אזוי מוראדיק קלאר, ווי דעמאלט בשעת עס איז געשען. איך קאן זיך מער ניט דערמאנען א סך נעמען פון די מענטשן, וואס זענען געווען ארום מיר בעת און נאך דער שרעקלעכער געשעעניש. אבער ווען איך שרייב די שורות זענען פאר מיר זייערע פנימער, זייער הלבשה און אפילו זייערע העוויות אזוי לעבעדיק און בולט, ווי זיי וואלטן מיר איצט געשטאנען פאר די אויגן. און נישט נאר זיי איך הער נאך איצטער דעם ניגון, וואס האט זיך שטומערהייט געזונגען אין מיר, ווען איך האב זיך אויפגעכאפט זייער פרי יענעם מאנטיק אין די שפעטע ספירה טעג. איך זע נאך פאר זיך דעם מארק, ווי ער האט אויסגעזען אין זיין פרי־מארגנדיקער שטילקייט, ווען איך בין געווען אויפן וועג צו דער קלויז. דריי פערטל פון אים איז נאך געלעגן אין פארטאגיקן שאטן, בלויז די פענצטער אויף דער גויאישער זייט פון מארק האבן שוין געגליט קעגניבער דער אויפ־גייענדיקער זון. איך זע די סטאדע קי אויפן „קייזער־וועג״, וואס האט דורכגעשניטן שרעג דעם מארק; דעם שטאטישן פאסטוך, וואס איז געגאנגען נאך דער סטאדע א בארוועסער און דאך איינגעהילט אין שווערן און שמוציקן ווינטערדיקן טיזליק און געטרובעט אין א לאנגער בלעכערנער טרובע. איך זע די איינציקע קי, וואס זענען ארויסגעקומען פון די קליינע הייפלעך ביי די גויאישע הייזער, האבן אויפגעהויבן די אויגן צו דער זון, ווי פארשטענדיקע באשעפענישן און מיט שאקלענדיקע קעפ זיך געלאזט גיין צו דער סטאדע, וועלכע דער פאסטוך האט געפירט צו דער קאמונאלער פאשע, וואס מען האט גערופן די „בלאניע״. איך זע דעם יידן, דעם „דאפסגייער״, מיט א גרויסן קאשיק איינגעהילט אין א ליילעך און פארבונדן אויף די פלייצע, מיט צוויי קליינע קאשיקעס אנגעהאנגען אויף ביידע הענט, וואס איז מיר איילענדיק אקעגנגעקומען פון דער בית־המדרש גאס. איך זע דאס זומערדיקע אטלאסענע פרוכת מיט די ווייסע און בלויע פאסן איבערן ארון־הקודש, וואס מיין בליק האט דאס ערשטע אויפגעכאפט ביים אריינקומען אין קלויז אריין; דאס פרוכת איבערן פרוכת מיט די זילבערנע גלעקלעך, איינגענייט צווישן זיינע פראנזן, וואס האבן זיך געוויגט ווי א לינד ווינטל און פון זיך ארויסגעגעבן א ווונדערלעכן קלאנג. איך זע נישט ווייט פון ארון הקודש דאס קליינע, קאמישע יידל, שיעלע דאמביער מיטן שיטערן קאזשע־בערדל, וואס רעדט קיינמאל צו קיינעם קיין ווארט נישט אויס א חוץ ווען ייִנגלעך רייצן זיך מיט אים, ווי ער שטייט איינגעהילט אין אן אלטן, פארפעצטן טלית, מיט די קורצ־זיכטיקע אויגן איינגעגראבן אין א סידור און זיין מויל מאלט און מאלט ווי א קינד, וואס קאן נאך נישט רעדן „מלעם, מלעם, מלעם״; ווי עס קאן נישט איינפאלן א פולשטענדיק געזונטן מענטשן, אז ער וועט פאלן, צעברעכן א האנט אדער א פוס און בלייבן א קאליקע אויפן גאנצן לעבן. אזוינע זאכן טרעפן נאר דורך א קאטאסטראפע. קאטאסטראפעס נעמט מען קיינמאל נישט אריין אין חשבון ווען מען רעכנט אויס אויף עפעס. נאך ווינציקער ווען מען חלומט וועגן עפעס. אויף מיין דרייצענטן יאר איז דאס קאנען טראגן א ספר־תורה געווען פאר מיר איינער פון די שיינע חלומות, מיט וועלכע איך האב זיך דעמאלט ארומגעטראגן.

ווען מיין שוועסטער־קינד — יאסל האט מען אים גערופן, ר' שלמהס, ווייל ער איז געווען דער זון פון מיין עלטער־פעטער שלמה אייזלאנד — איז געקומען צו מיר און מיך געפרעגט, צי איך וויל מיטגיין מיט אים צוריקברענגען די ספר־תורה אין קלויז אריין, האב איך דערפילט, אז דא האלט ביים דערפילט ווערן אט דער איינער פון מיינע שיינע חלומות. מער האט ער מיך נישט געדארפט פרעגן. כדי צו וויסן פון וואנען מען האט די ספר־תורה געדארפט צוריק־ברענגען אין קלויז אריין, מוז איך דערציילן, אז ביז מיט א טאג פריער האט זיך אין ראדאמישלע געפונען צו גאסט דער זשאבנער רבי, ר' שלום־דוד אונגער, דער פאטער פון מיין פריינד און קאלעגע מנשה אונגער, אדער דער „זשאבנער רב״, ווי מ'האט אים גערופן, ווייל ווי די מערסטע רביים אין מערב־גאליציע איז אויך ער געווען סיי רב, סיי רבי. ער האט ממשיך געווען די אלטע טראדיציע, וואס האט זיך געצויגן נאך פון ערשטן דור חסידישע רביים, אז די וואס זענען געווען רבנים פריער איידער זיי זענען געווארן רביים; אדער וואס האבן געשטאמט פון אן אלטן רבנישן יחוס, האבן זיך גיכער גערופן רב, איידער רבי. ווען א רבי איז געקומען אין א שטאט אריין, האט ער געבראכט א שמחה אין דער שטאט. דער זשאבנער רבי איז דאסמאל געשטאנען צוויי וואכן ביי אונדז אין ראדאמישלע, איז דעריבער געווען צוויי וואכן שמחה. באזונדערס אין אונדזער משפחה, וואס איז מיטן איין־איינציקן אויסנאם באשטאנען דורך־אויס פון זשאבנער חסידים. מיין זיידע, ר' יחזקאל אייזלאנד, איז נאך געפארן צו ר' שלום־דודס עלטער זיידן, ר' מרדכי־דוד פון דאמבראווע, וואס ווערט דערמאנט צווישן די דריי און דרייסיק תלמידים פון לובלינער חוזה, וואס איטלעכער פון זיי איז אליין געווארן א גרויסער רבי. מיין זיידע האט זיך אויך געשלאגן פאר זיין זון און ר' שלום־דודס זיידע, ר' יאסעלע דאמבראווער, אין דער גרויסער מחלוקה, ביי וועלכער די קלויז איז אויפגעשטעלט געווארן. אין מיינע טעג האט מען צו דער זיבעטער הקפה נאך געזונגען דעם נצחון־ניגון, מיט וועלכן מען האט אריינ־געטראגן די ספר־תורות אין קלויז אריין צום חנוכת־הבית.

ווען מיין זיידע האט חתונה געמאכט זיין ייִנגסטן זון, האט ער אראפגעבראכט רב' שלום־דודן צו די לעצטע שבע־ברכות און ער איז שוין פארבליבן ביז איבער שבת. איך בין דעמאלט געווען א ייִנגל פון א יאר זיבן און האב דעמאלט געזען צום ערשטן מאל, ווי מען פארט און מען גייט אקעגן א רבין און מען ברענגט אים מיט פאראד אין שטאט אריין. דאס איז געווען א יאר נאכדעם ווי דער אלטער זשאבנער רב, ר' יעקב יצחק, איז נסתלק געווארן און ר' שלום־דוד האט איבערגענומען זיין כסא הרבנות און זיין עולם. ווי יונג איך בין דעמאלט געווען, איך זע דעם גמרא מלמד, ר' מאיר קלמן, וואס האט זיין חדר ביי א לאנגן טיש אין א ווינקל פון קלויז, ווי ער שטייט א קליינער און א קיילעכדיקער מיט פארקוועטשטע אויגן נישט ווייט פון זיין טיש, שאקלט זיך און זאגט ברכות־התורה מיט גרויס כוונה. זיינע לאנגע און גראבע פיאות ווארפן זיך פון ביידע זייטן און פון די

ליפן, וואס קוקן ארויס רויט פון א געדיכטער ווייסער באָרד און א וואָנצע, וואס איז געל פון טאבאק, רייסט זיך כסדר א פארעקשנטער „אי וואי וואי!”, ווי ער וואלט דורך דעם ויעלן פארטרייבן פון זיך מחשבות, וואס זענען אים מבלבל.

דערנאָך זענען געווען עטלעכע שעה ביים עק פון א לאַנגן טיש ביי אן אָפענער גמרא. איך בין געזעסן און האב געלערנט. גוט געלערנט און מיט הנאה געלערנט. אין יענעם זמן בין איך צום ערשטן מאל אין מיין לעבן מיט מיין לערנען אין גאנצן געווען אנגעוויזן אויף זיך אליין. דעם ווינטער פאר דעם האב איך געלערנט — מיט בחורים וואס זענען מיט צוויי און דריי יאר עלטער פון מיר — ביים „פוילישן רב”, ר׳ שלמה ליכט. וועגן אים וועט מיר נאָך אפשר אויסקומען צו שרייבן. א גרויסער למדן, א זעלטענער בעל־מעלה און בכלל איינער פון די מערקווירדיקסטע מענטשן וואס מיר איז ווען עס איז אויסגעקומען צו באגעגענען. דא וויל איך בלויז זאגן, אז נאָך אים האב איך זיך שוין געהאלטן ראוי צו לערנען פאר זיך אליין. איך האב אפילו נישט געוואָלט צוקלייבן פאר זיך א חבר מיט וועמען איך זאל קאנען לערנען צוזאמען. און דאס איז געווען א טעות. איך האב פון קינדווייז אן געהאט א גוטן קאָפּ צום לערנען. מיר האט אבער געפעלט התמדה. דעריבער אפשר איז מיר פון מיין אמאליקן לערנען כמעט גאר נישט געבליבן. ווען מען לערנט ביי א רבין, צי אפילו בלויז מיט א חבר, קאן מען זיך נישט נארן אדער „פאָפּן”, ווי עס האט געהייסן ביי אונדז. ווען מען לערנט אבער פאר זיך אליין, איז מען אין געפאר איבערצוהיפן שווערע ערטער, אויף וועלכע מען שטויסט זיך אן. הייסן הייסט עס בלויז „אויף דערווייל”, מיט דער דעה זיך צו זיי אומצוקערן שפעטער, דערביי ווייס מען אבער טיף אין זיך, אז דאס וועט קיינמאל נישט געשען. אין די ערשטע עטלעכע וואָכן פון יענעם זמן האט עס מיר עטלעכע מאל געטראפן און עטלעכע מאל ווען עס האט מיר געטראפן, האב איך זיך געפילט שולדיק און שרעקלעך אומעטיק. אן אייגנשאפט, וואס איז מיר פארבליבן אויפן גאנצן לעבן. איטלעכס מאל ווען איך האב זיך גענארט און האב געוווסט, אז איך נאר זיך, איז מיר געווארן שרעקלעך אומעטיק. אבער יענעם אין דער פרי האב איך זיך נישט „געפאָפּט”. מיט עקשנות האב איך זיך איינגעביסן אין די שווערסטע שטעלעס און, מערקווערדיק, ווי זיי האבן פלוצים אויפגעהערט צו זיין שווער. דער קאָפּ איז דעמאלט געווען מאדנע ליכטיק און דאס הארץ האט זיך געפרייט. מיין אייגן קול האט געקלונגען און א סך אנדערע קולות האבן געקלונגען פון פארשידענע ווינקלען, ווו עס זענען געזעסן און ס׳האבן געלערנט ייִנגערע און עלטערע בחורים, יונגעלייט אויף קעסט און עטלעכע געציילטע מיטל־יאריקע און עלטערע יידן, וואס לערנען איז געווען זייער טועכץ.

ארום ניין אזייגער האבן אין קלויז אריין אנגעהויבן קומען די דאוונערס. דאס זענען געווען מערסטנס יידן קרעמערס, וואס האבן אין זייערע היימען צי אין זייערע געוועלבער שוין געהאט אפגעזאגט זייער יום תהילים מיט מעמדות, צי אריינגעקוקט אין „חוק לישראל”, און איצט זענען זיי געקומען דאווענען בציבור. געוויינטלעך, אז די דאווענערס האבן זיך אנגעהויבן צוזאמענקומען, האט פון די לערנערס זיך אפגעטון דער חשק צום לערנען. יענעם אין דער פרי האט זיך מיר דווקא געוואלט נאָך ווייטער לערנען. אבער מיטאמאל איז

צו מיר צוגעקומען מיינס א צווייט שוועסטער־קינד, א בחור מיט א יאר פיר צי פינף עלטער פון מיר, און האט א זאג געטון: ווילסט אפשר גיין מיט מיר, ראובן? מען דארף צוריקברענגען אין קלויז אריין דאס ספר־תורה.

דא מוז איך זיך אפשטעלן אויף א ווייל און זיך אומקערן צו די טעג, ווען איך האב זיך אנגעהויבן גרייטן צו ווערן בר־מצווה. באלד נאָך דעם, ווי איך האב אנגעהויבן לערנען די דינים פון תפילין לייגן, האבן די גרויסע אין דער משפחה געפונען פאר נויטיק מיך צו דערמאנען, אז עס איז שוין צייט איך זאל ווערן א „מענטש” און א „לייט” זענען שטענדיק געקומען צוזאמען, גלייך ווי איינע וואלט שוין נישט איינגעשלאסן די אנדערע, אדער די ביידע וואלטן נישט געמיינט דאס זעלביקע. ווען איך בין געווען א קליין ייִנגל, האב איך ביי די מאָנונגען שטענדיק אראפגעלאזט די אויגן, ווייל זיי זענען שטענדיק געקומען נאכדעם ווי איך האב זיך מיט עפעס פארשולדיקט. ווען זיי זענען דאס מאל געקומען האב איך אויך אראפגעלאזט די אויגן. אבער נישט מער ווי איינער וואס פילט, אז ער האט זיך מיט עפעס פארזינדיקט, נאר ווי איינער וואס שעמט זיך צו ווייזן, אז ער האט דערפון א באהאלטענע הנאה. ווי אלע ייִנגלעך האב איך געוואָלט גאר פרי גילטן ווי א גרויסער, דערוואקסענער. דאס ווערן בר־מצווה איז ביי יעדן ייִנגל געווען א מין גרענעץ צווישן קליין און גרויס. אין דער דערמאָנונג פון די גרויסע אין מיין משפחה האב איך געזען דעם בעסטן סימן, אז אין זייערע אויגן האלט איך שוין ביים צוקומען צו דער דאזיקער גרענעץ. ווערן גרויס מיינט קריגן די זעלביקע פריווילעגיעס, וואס עס האבן די אנדערע גרויסע. אין דעם קליינעם חסידישן שטעטל פון מערב־גאליציע זענען די דאזיקע פריווילעגיעס געווען גאנץ באשרענקט. אלע האבן זיי זיך געדרייט ארום דעם בית המדרש און דער קלויז, וואס האבן באהערשט דאס גאנצע לעבן. קאָנקרעט זענען די פריווילעגיעס פון א בר־מצווה ייִנגל באשטאנען דערין, וואס מען קאן אים שוין מצרף זיין צום מנין, אויפרופן צו דער תורה און אויך לאזן טראגן א ספר־תורה. לויט די השגות, וואס איך האב דעמאלט געהאט, זענען דאס אלץ געווען זייער וויכטיקע דערגרייכונגען, צו וועלכע איך האב זיך קוים געקאנט דערווארטן. באזונדערס שטארק האב איך געלעכצט צום טאג ווען איך וועל קאנען טראגן א ספר־תורה. דאס איז געווען א מין יצר־הרע ביי מיר. פון וואנען ער האט זיך גענומען און צי ער איז געווען נאר ביי מיר אליין, דאס ווייס איך נישט ביז היינט צו טאג. אז מער ווי איין איינציק מאל אין מיין לעבן וועל איך קיין ספר־תורה נישט טראגן, דאס איז מיר דעמאלט נישט איינגעפאלן, דאס האט מיר גארנישט געקאנט איינפאלן. האב איך שוין פארשטאנען, אז דאס אראפברענגען פון דעם יונגן זשאבנער רב צו מיין ייִנגסטן פעטערס שבע־ברכות איז געווען בלויז אן אויסרייד. פון שמועסן, וואס איך האב געהערט אין זיידנס הויז, האב איך זיך דערוווסט, אז דאס איז געווען אין דער אמתן א מין פאליטישער צוג, אזוי צו זאגן — פון די זשאבנער חסידים אין ראדאמישלע — צו זען, וואס פאר א רושם ער וועט מאכן אין שטאָט. זייער צוג איז זיי מער ווי געלונגען. דער יונגער זשאבנער רב האט דעמאלט „איינגענומען” די שטאָט און ער האט זינט דעמאלט פון ראדאמישלע געהאט א גרעסער פארעכץ ווי זיין פאטער.

ווען ר׳ שלום־דודס זיידע, ר׳ יאָסעלע דאמבראווער, איז געקומען קיין ראדאמישלע, איז ער איינגעשטאנען ביי ר׳ יאסקע סטוטשינער, אדער ר׳ יאסקע מאלער, וואס איז דעמאלט געווען דער גרעסטער גביר אין שטאט. ווען זיין זון, דער אלטער זשאבנער רב ר׳ יעקב יצחק, איז געקומען קיין ראדאמישלע, איז ער איינגעשטאנען ביי ר׳ יאסקעס איידעם, ר׳ בערל זילבערמאן. ביי אים איז אויך איינגעשטאנען דער יונגער זשאבנער רב, ווען מיין זיידע האט אים צום ערשטן מאל געבראכט קיין ראדאמישלע. ווען ער איז דאסמאל געקומען האט ר׳ בערל זילבערמאן מער נישט געלעבט. זיין גרויסע און רחבותדיקע דירה אויפן ערשטן שטאָק פון זיין גרויסער קאַמעניצע האט איצט פארנומען זיין זון מרדכי־דוד. א דערבייאיקע דירה איז געשטאנען ליידיק. אט די ליידיקע דירה האט פארנומען דער זשאבנער רב, וואס איז דאסמאל געקומען צוזאמען מיט זיין גאנצן בני־בית.ביידע שבתים, וואס ער האט פארבראכט אין ראדאמישלע, האט ער געדאוונט און געפראוועט טישן אין דער קלויז. בלויז דער אזוי גערופענער „צווייטער טיש״, וואס איז שוין געווען א געמיש פון תורה, געזאנג, גלייכווערטלעך און חסידישער פאליטיק, איז געפראוועט געווארן אויף דער אכסניה. אין דער וואָכן האט ער געדאוונט אין דערהיים ביי זיך אויף דער אכסניא, די מערסטע טעג ביחידות, נאר מאנטיק און דאנערשטיק, ווען מען לייענט אין דער תורה, בציבור. פאר די טעג האט ער ביי זיך אויף דער אכסניא געדארפט האבן א ספר־תורה, וואס מען האט געבראכט אהין פון דער קלויז. איצט, אז דער רבי איז שוין אוועקגעפארן, האט מען זי געדארפט צוריקברענגען אין קלויז אריין.

מיין שוועסטער־קינד, יאסל שלמהס, איז נישט געווען פון די לערנערס. ער איז אבער געווען א חסידיש־באלעבאטישער בחור, וואס איז ארומגעגאנגען אין קלויז און אמאל אריינגעקוקט אין א ספר. ווי זיין טאטע, ווּעמען מיר האבן גערופן „דער פעטער שלמה״ (כאטש ער איז אונדז געווען נאר אן עלטער־פעטער) האט ער געהאט א זייער שיין און זיס קול צום זינגען. און ווען זיין טאטע האט אים אויף שבועות און ראש השנה מיטגענומען צום רבין קיין זשאבנע, האט מען אים מכבד געווען צו זינגען דעם „שיר־המעלות״ פארן בענטשן. ווען דער רבי איז איצט געווען צוויי וואָכן אין ראדאמישלע, האט ער די גאנצע צייט נישט אפגעטראטן פון דער אכסניא און די גאנצע צייט איז ער ווי ארומגעשווומען אין א שיינער יום־טובדיקער וועלט. איצט, אז דער רבי איז מער נישט געווען אין שטאט, האט ער פאר זיך קיין ארט נישט געפונען. ער האט זיך אנגעבאטן צו גיין ברענגען די ספר־תורה, ווייל אים האט זיך נאכאמאל געוואלט זיין אין די חדרים פון וואנען ער איז צוויי וואכן כמעט נישט אפגעטראטן. „דו פארשטייסט נישט, ראובן, ווי איך פיל״ — האָט ער מיר געזאָגט, ווען ער האָט גענומען א צונויפגעלייגטן טלית אונטערן ארעם און מיר האבן זיך געלאזט גיין צו מרדכי־דוד זילבערמאנס קאמעניצע; — „מיר גלויבט זיך נישט, אז ווען איך וועל ארויף די שטיגן און צוקומען צו דער טיר וועל איך גארנישט הערן און אז ווען איך וועל אריין אינעווייניק, וועל איך דארטן קיינעם נישט געפינען״. מיר איז געווען גוט צו הערן ווי אן עלטערער בחור רעדט אזוי צו מיר ווי צו א גלייכן. מיר אליין האט זיך עס אויך נישט געגלויבט. ווייל אויך איך האב אין די צוויי וואכן

געבטלט א סך צייט דארטן, געהאלטן אנגעשטעלט אויג און אויער אויף אלץ און ווי א פארליבטער געקוקט אויף דעם שיינעם, טונקלען פנים, מיט די טיפע, שווארצע אויגן, איינגעראמט אין דער ווילדער שווארצער באָרד, ווען נאר ער האט זיך באוויזן.

עס איז דעריבער געווען מאדנע אומהיימלעך, ווען יאסל שלמהס האט געעפנט די טיר און אונדז האט אקעגנגעזעצט א מאדנע פוסטקייט פון אלע חדרים, ווו גרויסע שווארצע פרייסן זענען ארומגעקראכן אויף די ווענט און אונדזערע טריט האבן אפגעקלונגען מיט א ווידער־קול. כמעט מיט מורא זענען מיר אריין אין דער גרויסער סאליע, ווו די ספר תורה איז געשטאנען פאריתומט אין א פוסט שייבן־שענקל. מיר האבן גארנישט גערעדט צווישן זיך. יאסל האט מיר געגעבן צו האלטן דעם טלית, דערנאך האט ער ארויסגענומען די ספר־תורה פון דעם שענקל, דערלאנגט אויף א מינוט מיר אין די הענט אריין, איינגעוויקלט זי אין דעם טלית, גענומען אויף דער רעכטער האנט און געלאזט זיך ארויסגיין פון דער פוסטער דירה, ווי פון עפעס אן אומהיימלעך אָרט. צוגעדריקט צו דער ברוסט האט ער דאס ספר. איינגעוויקלט אין טלית, ארונטערגעטראגן די שטיגן און פון דער פאָרהויז ארויס אין דעם געסל, דורך וועלכן מען איז אריין אין פאָרהויז פון יענער קאמעניצע. אין דעם געסל האבן געוווינט שניידערס, היטלמאכערס און מלמדים.

ווען מיר זענען ארויס פון קלויז האב איך געבעטן מיין שוועסטער־קינד, אז ער זאל מיך לאָזן טראגן די ספר־תורה. ער האט עס מיר צוגעזאגט. ער וועט עס נאר ארונטערטראגן פון די שטיגן, האט ער מיר געזאגט. אבער ווען מיר זענען געקומען אין שמאָלן געסל אריין און איך האב אים געבעטן, ער זאל מיר לאזן נעמען דאס ספר, האט ער עס נאך פעסטער צוגעדריקט צו זיך און מיר גאָרנישט געענטפערט. דאס געסל האט געפירט פון איין זייט אין מאַרק אריין און פון דער אנדערער זייט — צו א ברייטער הינטער־גאַס, וואס איז געלאפן פאַראַלעל צום מאַרק. איך האב געמיינט, אז יאסל וועט זיך פארנעמען אין קלויז אריין דורכן מאַרק. ער האט זיך אבער געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער ברייטער הינטער־גאס און איך הינטער אים. עטלעכע מאל האב איך אים געבעטן, ער זאל מיר געבן די ספר־תורה און ער, ווי ער וואָלט מיך נישט געהערט. ערשט אז מיר זענען שוין אפגעגאנגען א שטיק אויף דער ברייטער הינטער־גאַס, האט ער זיך אפגעשטעלט און א זאג געטון: „נא, ראובן! איצט טראג דו״.

איך האב געפילט ווי אלץ אין מיר גיט א טאַנץ פון פרייד. אבער ווען יאסל האט מיר דערלאנגט די הייליקייט, האב איך אנגעהויבן אזוי צו ציטערן, אז ער האט זי באלד געוואָלט נעמען צוריק. איך האב אים נישט געלאָזט, געוואַרט א ווײַלע ביז דאס ציטערניש איז אוועק, צוגעדריקט די ספר־תורה פעסט צו זיך און זיך געלאזט גיין אזוי שנעל, אז יאסל האט מיר געמוזט נאכלויפן. א מורא איז מיך באפאלן, אז איך זאל די ספר־תורה נישט ארויספאלן. און וואס גרעסער ס׳איז געווען די מורא, אלץ גיכער בין איך געגאנגען. און יאָסל נאך מיר. דער וועג איז געווען א קורצער, נאר מיר האט זיך געדאכט, אז ער וועט זיך קיינמאל נישט ענדיקן. די מורא אין מיר איז געוואקסן פון מינוט צו מינוט. נאר אט בין איך שוין צוגעקומען צו דער קלויז־גאס. און

אט בין שוין אריבער דעם וועג און דערנענטערט זיך שוין צום אריינגאַנג פון קלויז. נאך א טראָט און נאך א טראָט און באלד וועל איך זיין אינעווייניק. איך בין שוין ביי דער טיר פון פארהויז. געלויבט דער אויבערשטער איך גיי שוין אריין. אבער מיטאמאל, ווי איך האלט שויןביים אריינגיין אין פארהויז, פארטשעפעט זיך מיינער אן אפצאס אן דער שוועל און — באץ! איך פאל אין דער גאנצער לענג. מיינע הענט צעפליען זיך איןביידע זייטן, ווי ביי א געקוילעטן האן, דער טלית פליט, די ספר־תורה פליט און איך פאל איבער ביידע מיטן פנים אראפ.

ג. מ׳האט מורא פאר מיר ווי פאר א טויטן

נאך איידער איך האב געוווסט וואס מיט מיר טוט זיך, האָב איך דערהערט אן אימהדיקן קוויטש. דאָס האָט מיין שוועסטער־קינד, יאסל, ארויסגעלאזט דאס געשריי, ווען ער האט דערזען, אז איך בין געפאלן מיט דער ספר־תורה. זיין קוויטש האט מיר געבראַכט צו זיך ווי א שניט פון א בייטש. א צעטומלטער האב איך אויפגעהויבן די אויגן, געזען ווי יאסל האלט צו זיינע אויערן מיט ביידע הענט, האָצקעט זיך און דרייט זיך אויף איין אָרט און שרייט מיט א באנומען קול. דאס האט מיך א ריס געטון פון אָרט און איך האב זיך געוואָלט אויפשטעלן. אבער דא האב איך מיטאמאל דערזען די גאנצע קלאָג מיינע. פאר מיר איז דער טלית געלעגן אויסגעשפרייט אויף דער שמוציקער און נאסער פּאָדלאָגע נעבן דעם וואסער־געפעס, ביי וועלכן מען וואשט זיך די הענט. פון גרויס שרעק האב איך אויפגעריסן ברייט דאס מויל, ווי איינער וואס זעט, אז ער האט אפגעטון עפעס אויסטערלישס און גרויליקס. און איך בין צוריק א פאל געטון מיטן פנים צו דער ערד.

אינעווייניק אין קלויז האט מען א פנים יאסלס געשריי נישט געהערט, מחמת פון דארטן איז קיינער נישט ארויסגעקומען. אבער פון דרויסן, פון דער גאס, איז מען געקומען צו לויפן. דער ערשטער איז געווען משה יוסף מאהלער, א פשוטער, ווילער ייד, מיט א קליין, פלאַקסן בערדל. צוויי פון זיינע זין, וואס זענען דעמאָלט נאך געווען קליינע קינדער, זענען דא אין ניו יורק פאבריקאנטן פון פוטער־מאנטלען; א דריטער האט אן אייז־פאבריק אין תל־אביב. ער האט געוווינט אויף דער אנדערער זייט פון וועג, פונקט אנטקעגניבער דעם אריינגאנג צום קלויז. ווי ער האט שפּעטער דערציילט, איז ער געזעסן ביי זיין טיש נעבן פענצטער און געגעסן אנבייסן, ווען איך בין אנגעקומען מיט דער ספר־תורה און דער ביסן איז אים געבליבן שטעקן אין מויל, ווען ער האט געזען, וואס עס איז געשען. כמעט אינאיינעם מיט אים איז אויך געקומען צו לויפן שאול בעטהייל, א הויכער בחור מיט לאנגע און גראבע בלאָנדע פיאות. משה־יוסף האט מיך אויפגעהויבן. שאול בעטהייל האט א כאַפּ געטון די ספר־תורה. עמעצער א דריטער, וואס איז אנגעקומען פון גאס, האט אויפגעהויבן דעם איינגעשמוצטן טלית און אלע פינף זענען מיר אין א קופּע אריינגעפאלן אין קלויז אריין.

די יידן אין קלויז זענען שוין אלע געווען איינגעהילט אין זייערע טליתים. אנדערע האבן אויך שוין געהאט אויף זיך די תפילין. איינער איז אין טלית און תפילין געשטאַנען ביים עמוד און שוין געהאט אנגעהויבן צו דאווענען, אבער מיט אונדזער אריינקומען איז אלץ ווי איבערגעהאקט געווארן.

קיינער אין קלויז האט נישט געוווסט, וואס עס איז געשען. נאר ווייזט אויס, אז ווען מען האט א קוק געטון אויף אונדז, האט מען גלייך אלץ געוווסט. ווייל אלע זענען ווי פארגליווערט געווארן און קיינער האט קיין וואָרט נישט ארויסגערעדט. אבער באלד האבן פון אלע זייטן אנגעהויבן צו פליען דערשראקענע פראגן. איך בין געשטאנען, כ׳האב געציטערט ווי א פיש און עס האט מיר געקלאפט א צאן אין א צאן. יאסל האט געוויינט און געשריען: „יעך בין נישט שולדיק, יעך בין נישט שולדיק!" עס האט געדויערט א היפשע ווילע ביז שאול בעטהייל האט די ספר־תורה אריינגעשטעלט אין ארון־קודש און משה־יוסף האט דערציילט, וואס ער האט געזען. ערשט איצט איז אין קלויז געווארן א בהלה. „וואוּ?" — האט איינער אויסגעשריען מיט א מאָדנעם קול. „א ספר־תורה? ביי אזא אומריין אָרט? וואס שווייגט מען? וואס טוט מען גארנישט?" — האט געשריען אן אנדערער. „רחמנא ישמרנו ויצילנו!" — האט א זאג געטון פרום ר׳ מאיר־קלמן, דער גמרא מלמד, נאכדעם ווי ער איז צוגעגאנגען צו מיר און האט זיך באלד געררוקט אויף צוריק מיט די הענט אויפגעהויבן און די פינגער צעשפרייט, ווי איינער וואס רוקט זיך אפּ פון עפעס א טמא זאך, וואס מען טאר נישט אנרירן. דער טומל האט אזוי אנגעהאלטן א היפשע ווייל און די גאנצע צייט איז דער עולם געשטאנען באזונדער און איך באזונדער, ביז מיין געוועזענער רבי, דער „פוילישער רב" ר׳ שלמה, איז צוגעקומען צו מיר, האט מיך אנגענומען ביי א האנט און מיר געזאגט: „קום, ראובן, דערצייל מיר וואס עס איז געשען".

איך האב זיך צעוויינט, און וויינענדיק האב איך דערציילט, אלץ ווי עס איז געשען. ער האט מיך אויסגעהערט שטיל און רואיק. דער עולם ארום, וואס האט פאר אים געהאט גרויס דרך־ארץ, האט זיך ארומגעשטעלט און אויך צוגעהערט. די מחיצה צווישן דעם עולם און מיר איז געווארן קלענער. ווען איך בין געווען פארטיק, האט ר׳ שלמה צוגערופן מיין שוועסטער־קינד יאסל און אים אויסגעפרעגט. דערנאך האט ער צוגערופן משה־יוספן און שאולן און זיי אויסגעפרעגט. דערווייל איז אריינגעקומען אין דער קלויז ר׳ אלטער לייצעס, איינער פון די גרעסטע לומדים אין שטאט און גאר א געהויבענער צאנזער חסיד. געהערט וואס עס איז געשען, איז ער אויך צוגעקומען צו אונדז און אויך אנגעהויבן אויספרעגן. ר׳ אלטער און ר׳ שלמה האבן זיך מתווכח געווען א מינוט צוויי. דערנאך האט ר׳ אלטער א זאג געטון: „פונדעסטוועגן דאַרף מען גיין צום רב! ס׳איז דאך עפעס א ספר־תורה!" „צום רב! לאז מען גיין צום רב!" האבן זיך מיטאמאל דערהערט אויסרופן פון אלע זייטן.

איך מיט יאסלען האבן זיך געלאזט גיין צום רב. ווען מיר זענען שוין געווען אין דרויסן, זענען אויך אנגעקומען משה־יוסף און שאול. ביידע זענען געווען הויכע, ביידע האבן געהאט ווייסע האר ווי פלאקס און ביידע זענען זיי געווען געוווינט צו מאכן ווייטע גענג אויף זייערע לאנגע פיס. איצט האבן זיי זיך געיאָגט איבערן מאַרק אויף זייערע לאנגע פיס צום רב, וואס האט געוווינט אויף דער אנדערער זייט מארק אין דער שקאָלע גאַס. און כאָטש יאסל איז אויך געווען א הויכער און איך, צו דרייצן יאר, באלד אזוי הויך ווי היינט, האבן מיר זיי געמוזט נאכלויפן, אזוי האבן זיי געשפאנט. קרעמערס, וואס זענען געשטאנען אויף די

שוועלן פון זייערע געוועלבער, ווען מיר זענען פארביי־געגאנגען, האבן אונדז נאכגעקוקט. פון אונדזער לויפן האבן זיי פארשטאנען, אז עפעס איז זיך פארלאפן, נאר וואס אזוינס, דאס האבן זיי נישט געוווסט. ערשט, אז מיר זענען שוין געווען ניט ווייט פון רבס הויז, האבן מיר געזען ווי נאך אונדז קומען נאך אנדערע מענטשן. ווען מיר זענען ארויס פון קלויז האט מען וועגן מיין פאלן מיט דער ספר תורה געוווסט נאר דארטן. אבער נאך איידער מיר זענען אנגעקומען צום רבס הויז, האט שוין מיט דעם געקלונגען די גאנצע שטאט, און פון אלע זייטן האבן זיך מענטשן געצויגן צום רב.

רב אין ראדאמישלע איז דעמאלט גֶעווען ר׳ שמואל ענגעל און עד האָט אונדזער שטאָט געמאַכט באַרימט אין דער לומדישער וועלט. מחמת ער איז געווען איינער פון די גרויסע תורה־זיילן אין זיין צייט און איינער פון די דריי גרעסטע אין גאליציע. פארן סאמע גרעסטן האט מען דעמאלט געהאלטן דעם לעמבערגער רב, ר׳ יצחק שמעלקעס, באקאנט אין דער לומדישער וועלט ווי דער „בית יצחק”. די צוויי אנדערע זענען געווען דער ברעזשאנער רב, ר׳ שמחה מרדכי הכהן און דער ראדאמישלער רב, ר׳ שמואל ענגעל. ווען זיין אייניקל, הרב ר׳ ארי׳ לייב ריינמאן, האט מיט א צוויי יאר צוריק דא געלאזט איבערדרוקן איינס פון ר׳ שמואל ענגעלס ספרים, האט עס דא ארויסגערופן באוואונדערונג אפילו צווישן ליטווישע לומדים, וואס האבן פריער קיינמאל פון אים נישט געהערט. זיי האבן געזאגט אויף אים, אז ער איז געווען א גאון עולם.

ווען מיר זענען יענעם מאנטיק אינדערפרי אריינגעפאלן אין זיין גרויסער בית־דין שטוב, איז ער געזעסן אויבן־אן פאר א לאנגן פראָסטן טיש, וואס איז געווען אנגעלייגט מיט ספרים און האט געבלעטערט אין עטלעכע ספרים מיטאמאל. געזעסן איז ער אין א קאפל און איינגעטוליעט אין א וואַרעם כאַלאַטל. ער איז כל ימיו געווען א חלוש און געליטן פון שווינדזוכט. צוויי, צי דריי מאל א יאר, האט ער געקראגן בלוט־שטורצן און מען האט צו אים טעלעגראפיש ארויסגערופן פראפעסארן פון קראקע, ווייל איטלעכס מאל האט מען געמיינט, אז דאס איז שוין דער סוף. אבער נישט געקוקט דערויף האט ער מאריך ימים געווען און דערלעבט צו צוויי און אכציק יאר. זינט נאך דעם ערשטן וועלט־קריג האט ער געוווינט אין קאשוי, טשעכאסלאוואקיע, ווו טויזנטער יידן האבן געצויגן צו אים און אים אפילו דערלאנגט קוויטלעך ווי א חסידישן רבין. דארטן איז ער אויך נפטר געווארן. ווען מיר זענען אין פירן אריינגעפאלן צו אים, איז ער געווען אזוי פארטון אין לערנען, אז ער האט עס גארנישט באמערקט. ערשט ווען עס האבן אנגעהויבן קומען נאך מענטשן און איינער פון זיי האט צו־שטאַרק א קלאפ געטון מיט דער טיר, ווען ער האט זי צוגעמאכט, האט דער רב אויפגעהויבן די אויגן פון די ספרים. דערזען דאס געזעמל, איז ער אויפגעשפרונגען, אנגעשטעלט אויף אונדז אלעמען זיינע גרויסע שווארצע אויגן און א פרעג געטון דערשראקן: „וואס איז?”

משה־יוסף איז געווען דער ערשטער צוצוגיין צום טיש. יאסל און איך נאך אים. אבער נאך איידער עמעצער פון אונדז האט געעפנט דאס מויל האט אן אנדערער פון עולם א זאג געטון:

— רבי! אן אומגליק א גרויסע צרה האט געטראפן! א ספר־תורה איז פאראומרייניקט געוואָרן.

— א ספר־תורה? פאראומרייניקט געווארן? — האט דער רב ארויסגערופן ווי נישט מיט זיין קול, — ווו־ווען?

אין דער בית־דין שטוב ביים רב האט זיך דעמאלט געפונען איבער א מנין מענטשן און איטלעכס מאל האט נאך עמעצער אנדערער געעפנט די טיר און איז אריינגעקומען. אלע האבן, ווי געוויינלעך, אנגעהויבן צו רעדן מיטאמאל. אבער דא איז דער רב געקומען צו זיך, א קלאפ געטון מיט א האנט אויפן טיש, ס׳זאל שטיל ווערן. און ס׳איז שטיל געווארן. דערזען ווי גרויס דער עולם איז, האט ער געהייסן מען זאל צוגיין צו דער טיר, זי פארקייטלען און מער קיינעם נישט אריינלאזן, זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, אויפסניי זיך איינגע־הילט אין כאלאטל און באפוילן, אז בלויז איינער זאל רעדן און זאל דערציילן וואס עס איז געשען.

דער ערשטער האט אנגעהויבן צו רעדן מיין שוועסטער־קינד יאסל. ער האט דערציילט, ווי ער איז מיט מיר געגאנגען אין מרדכי דוד זילבערמאנס הויז צוריקברענגען אין קלויז אריין די ספר־תורה, וואס דער זשאבנער רב האט געהאט ביי זיך ביז מיט א טאג פריער; ווי איך בין מיט אים מיטגעגאנגען; ווי איך האב אים די גאנצע צייט געבעטן ער זאל מיר געבן צו טראגן דאס ספר און ער האט ניט געוואלט; אפילו צום סוף, ווען ער האט זיך שוין געלאזט איבערעדן און מיר דערלאנגט די ספר־תורה, האט ער זי גלייך געוואלט צוריקנעמען, נאר איך האב זי מער נישט געוואלט ארויסלאזן פון דער האנט. די גאנצע צייט האט ער פון מיר ניט אראפגענומען די אויגן, נאר אז ער איז אריין אין פארהויז פון קלויז און געזען, אז איך בין שוין אויך דאָ, האָט ער זיך געלאָזט גיין פאָרויס. אָבער מיט אמאל האט ער דערהערט הינטער זיך א שרעקלעכן זעץ און ווען ער האט זיך אומגעקוקט... אבער מער האט ער שוין ניט געקאנט דערציילן, ווייל ער האט זיך צעוויינט.

דער רב האט א קוק געטון אויף מיר און מיר געהייסן דערציילן. איך האב אויפסניי אנגעהויבן צו ציטערן. אלע האָבן געקיקט אוף מיר אין דער רב האט אויף מיר אויך געקוקט, נאר מיט אזוי פיל גוטסקייט און רחמנות אין זיינע גרויסע אויגן, אז איך האב אויפגעהערט צו ציטערן און מיט א רואיק קול, וואס האט מיך אליין איבעראשט, האב איך דערציילט אלץ: ווי איך האב זיך געבעטן ביי יאסלען, ווי יאסל האט מיר לכתחילה בשום אופן נישט געוואָלט געבן די ספר־תורה, ווי ער האט זי געוואלט צוריק צונעמען ביי מיר, ווען איך האב זי שוין געהאלטן, נאר איך האב אים ניט געלאָזט; ווי מיך איז פלוצים באפאלן א מאדנע אימה, איך זאל חלילה די ספר־תורה ניט ארונטערלאזן; ווי די מורא האט מיך געיאגט, איך זאל וואס פריער אנקומען אין קלויז אריין, ווי איך האב געדאנקט דעם אויבערשטן, ווען איך האב געזען, אז אט טרעט איך שוין אריבער די שוועל פון קלויז, נאר מיטאמאל האט זיך אן אָפצאָס פון מיין שטיוול פארטשעפעט אין דער שוועל און איידער וואס־ווען בין איך שוין געלעגן אויסגעצויגן מיטן פנים צו דער ערד. אז איך האב אויפגעהויבן די אויגן, האב איך דערזען ווי דער טלית ליגט אויסגעשפרייט אויף דער פאדלאָגע און די ספר תורה ליגט אויפן טלית. איך האב געוואלט ווייטער

דערציילן, נאר דער רב האט מיר איבערגעהאקט די רייד און געפרעגט:

— ווי אזוי, זאגסטו, איז עס געווען? דער טלית איז געלעגן אויסגעשפרייט און די ספר־תורה אויפן טלית?

מיר איז געווארן זייער ווארעם פון דעם, וואס דער רב האט מיך איבערגעפרעגט און דעם אופן ווי אזוי ער האט מיך איבערגעפרעגט.

— יא, רבי — האב איך געענטפערט. — דער טלית איז געלעגן אויסגעשפרייט אויף דער פאדלאגע און די ספר־תורה איז געלעגן אויפן טלית.

— האט עמעצער געזען ווי דו ביסט געפאלן? — האט דער רב געפרעגט.

— איך ווייס נישט, רבי, — האב איך געענטפערט. — איך ווייס נאר, אז ער — און איך האב אנגעוויזן אויף משה־יוסף מאהלער — האט מיך אויפגעהויבן און אז...

דער רב האט מיר ווידער איבערגעהאקט אין מיטן:

— הייסט עס, מען האט דיך געדארפט אויפהייבן? אליין האסטו זיך נישט געקאנט אויפשטעלן?

— יא, רבי, איך האב אים אויפגעהויבן — האט אנגעהויבן משה־יוסף, און ער האט דערציילט ווי ער האט געזען מיך אנקומען מיט דער ספר־תורה און אויך ווי איך בין געפאלן.

— אז דו האסט אים אויפגעהויבן, וואס האסטו געזען? - האט אים דער רב געפרעגט.

— איך געדענק שוין נישט, — האט משה־יוסף געענטפערט.

— איך מיין — העט דער רב ווייטער געפרעגט, — ווו האסטו געזען ליגן די ספר־תורה, אויפן טלית, צי חלילה אויף דער הוילער ערד?

— אויפן טלית, רבי.

— ביסטו זיכער?

— יא, רבי, כ'בין זיכער.

— גוט. ווער נאך האט עפעס געזען?

שאול בעטהייל האט דערציילט וואס ער האט געזען, ווען ער האט אויפגעהויבן די ספר־תורה. אויך אים האט דער רב גענומען אויף א שטרענגער חקירה ודרישה און געוואלט וויסן וואס פאר א סימן ער האט, אז דאס ספר איז נישט געלעגן אויף דער הוילער ערד, נאר אויפן טלית. שאול האט אנגעגעבן א סימן.

— דער פלאץ, רבי, איז אן אומריינער, פון וואשן די הענט איז דארטן שטענדיק א פלעטש און א בלאָטע. דער טלית איז געווען באשמוצט, אבער אויף דער ספר־תורה איז נישטא קיין שפרענקעלע.

מער קיין עדות זענען נישט געווען. דורך א זייטיקער טיר איז אריינגעקומען די רביצין, א קליין, דין ווייבל, די טאכטער פון א גביר אין בילגאריי, פוילן, וואס איז ביי זיך שטענדיק געווען תקיף, אפשר טאקע ווייל זי איז געקומען פון א גביריש הויז. דער רב האט זיך פארטראכט, פארמאכט די אויגן, א דריי געטון דעם קאָפּ, איינמאל רעכטס און איינמאל לינקס, נאכאמאל זיך איבערגעפרעגט ביי מיר, ביי משה יוספן און שמואלן, צי מיר זענען זיכער, אז די ספר־תורה איז נישט געלעגן אויף דער הוילער ערד. דערביי אונדז א סטראשע געטון מיט א העכער קול, אז מיט א ספר־תורה שפילט מען זיך ניט. טאמער איז ביי עמעצן פון אונדז דער מינדסטער ספק, טאר מען עס ניט פארהוילן. און ווען מיר האבן אים אויפסניי פארזיכערט, אז די ספר־תורה איז געלעגן אויפן אויסגעשפרייטן טלית, האט ער זיך א שאקל געטון און מיט פארמאכטע אויגן א זאג געטון צו אלעמען:

— הערט־זשע, רבותי. וואלט דאס יינגל, חס ושלום, אראפגעלאזט די ספר־תורה, אדער וואלט זי חלילה געפאלן אויף דער הוילער ערד, וואלט מען געדארפט גוזר זיין א תענית־צבור, לייענען „ויחל" און טון נאך זאכן. אבער אזוי ווי דאס יינגל האט דאס ספר נישט אראפגעלאזט, נאר איז געפאלן דערמיט; און אזוי ווי עס איז נישט געפאלן אויף דער הוילער ערד, נאר אויפן טלית, לכן וועסטו, ווי הייסטו? ראובן, דאכט זיך... יא, וועסט דו ראובן דארפן פאסטן בה"ב; און דו יאסל, וועסט דארפן פאסטן בה"ב, און אלע אנדערע, וואס האבן עס געזען, וועלן דארפן פאסטן בה"ב, טאקע אָנהויבנדיק שוין היינט. און די גאנצע קלויז וועט זיך דארפן אויסלייזן מיט ח"י צ"ל יעדער. און השם יתברך ישמרנו מכל צרה ומצוקה אמן ואמן.

מיר איז אראפּ א שטיין פון הארצן. אלעמען אין דער בית־דין שטוב איז אראפּ א שטיין פון הארצן. די פנימער זענען ליכטיקער געווארן און מען האט זיך געלאזט צו דער טיר. אבער דא האט די רביצין אנגעוויזן מיט א פינגער אויף מיר און אויסגערופן מיט איר ווייבעריש תקיפיש קולכעל:

— שמיל! דאס יינגל הייסטו פאסטן דריי תעניתים? אין אזוינע לאנגע טעג?

אונדזער רב האט אלעמאל געשמט ווי א מקיל. דערהערט וואס די רביצין פרעגט אים, האט ער מיך אפגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. ווי שוין געזאגט, בין איך צו דרייצן יאר געווען באלד אזוי הויך ווי היינט, אבער זייער דאַר און דעמאלט זייער בלייך. דער רב האט ווידער פארקנייטשט די אויגן און געזאגט:

— גערעכט! די רביצין איז גֶערעכט! אין דער ספירה זענען די טעג צו לאנג. דו וועסט פאסטן בלויז היינט. און די אנדערע צוויי תעניתים וועסטו אויסלייזן מיט צוויי מאל ח"י.

— רבי, האב איך געזאגט, — איך האב שוין געטרונקען קאווע.

— מילא! ס'וועט דיר פארעכנט ווערן פאר א תענית.

דער רב האט ווידער פארקנייטשט די אויגן און געענטפערט: נאר צו מנחה זאלסטו זאגן די גרויסע ווידוי, ווי צו מנחה ערב יום־כפור.

מיט פרייד בין איך ארויס פון רבס הויז און, צוזאמען מיט די אנדערע דריי, צוריק אוועק אין קלויז אריין. די איבעריקע יידן זענען אוועק איטלעכער פאר זיך אין פאר־שידענע זייטן. אבער ווען איך בין געקומען אין קלויז אריין, האט זיך די פרייד מיטאמאל אינגאנצן אפגעטון פון מיר. דעם רבס פסק האבן איבערגעגעבן משה־יוסף און שאול בעטהייל. ווען איך האב עפעס געוואלט זאגן, האט מען זיך אפגעקערט פון מיר. איך האב מיטאמאל אויפסניי דערפילט, אז איך שטיי באזונדער און דער עולם באזונדער. אפילו מיינע חברים האבן זיך אפגערוקט, ווען איך בין צוגעגאנגען צו זיי. אלע האבן דעמאלט געקוקט אויף מיר ווי מען קוקט היינט צו טאג אויף א מענטשן, וואס מען ווייס, אז ער האט א ראַק און איז א בן־מוות. קיינער האט נישט געגלויבט אז איך וועל מוצא שנתי זיין. אין אלעמענס אויגן בין איך שוין געווען אן אפגעשיידטער, צו וועמען עס איז א סכנה צוצוקומען נאענט.

מיין טאטע איז געקומען אין קלויז אריין באלד נאך מיר.

עמעצער האט אים אנגעזאגט די טרויעריקע בשורה נאך אינדערהיים. ער האט באַלד געכאַפּט דעם זאַק מיט טלית און תפילין אונטערן אָרעם און איז געקומען צו לויפן. מיין טאטע איז געווען א הינקעדיקער. זיינע אויגן האבן מיך אנגעהויבן צו זוכן גלייך ווי ער איז אריבער די שוועל פון קלויז. דערזען מיך, איז ער גיך צוגעהונקען צו מיר מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן און גֶעזאגט:

— שטעל זיך דאוונען און מירן באלד אהיימגיין צוזאמען.

איך האב גארנישט געענטפערט, אנגעטון די תפילין און זיך געשטעלט דאוונען. אבער עס האט זיך נישט געדאוונט. אינדערהיים האבן אלע געקוקט אויף מיר ווי אין קלויז. איך בין אריין אין דעם לעצטן צימער, זיך דארטן אין די קליידער א ווארף געטון אויפן בעט און איינגעגראבן דעם קאָפּ אין קישן. אבער וויינען האב איך נישט געקאנט.

א קוואל פון טרערן האט זיך ביי מיר געעפנט ערשט פארנאכט, ווען איך בין צו מנחה געשטאנען מיטן פנים צו דער וואנט, געזאגט די גרויסע ווידוי און זיך געקלאפט אין הארצן. די אויגן האבן געקוקט אין סידור. די ליפן האבן געזאגט די ווערטער, די רעכטע האַנט האט געקלאַפּט אין דער לינקער ברוסט. אבער די גאנצע צייט האב איך געזען בלויז ווי מיינע הענט צעפליען זיך ווי די פליגל פון א געקוילעטן האָן, ווי דער טלית פליט און די ספר־תורה פליט, און ביי מיר איז געווען א שטאַרקער ספק, צי האב איך טאקע נאכדעם געזען די ספר־תורה ליגן אויפן טלית און נישט אויף דער הוילער ערד. איצט בין איך געווען זיכער, אז איך וועל דאס יאר נישט אויסלעבן. דאס שטילע געוויין איז איבערגעגאנגען אין א כליפּען. אבער מיטאמאל איז צו מיר פון הינטן צוגעגאנגען מיין פעטער יקותיאל און מיר א זאג געטון שטיל אויפן אויער:

— זיי נישט קיין וצדקתך!

ד. די צירק־טענצערין און די „געהיימנישן פון פאריז"

ווען איך בין יענעם אוונט נאך מנחה־מעריב געקומען פון קלויז אהיים, בין איך נאך אַלץ געווען א פארוויינטער. איין ברעג פון טיש איז געווען געדעקט מיט א קליין מילכיק טישטעכל און אויפן טישטעכל איז געשטאנען א טעלער מיט צוויי פוטער־בולקעלעך. די מאמע איז באלד נאך מיר אריינגעקומען פון געוועלב, איז צוגעגאנגען צום אויוון, ווו עס האט זיך עפּעס געווארעמט אויף א דרייפוס. באלד האט זי מיר דערלאַנגט אַ טעפּעלע הייסע קאַווע און איז צוריק ארויס. ווען מיין ברודער בעריש (וואס איז געווען מיט זעקס יאר יינגער פון מיר) און מיין שוועסטער ברײנדל (וואס איז געווען מט צוויי יאר יינגער פון אים) האבן געוואלט אריין אין שטוב, ווו איך האב פארפאסט דעם תענית, האט זיי די מאמע נישט געלאזט, נאר מיט זיך זיי מיטגענומען אין גֶעוועלב אריין. א האלבע שעה שפּעטער האט די מאמע פאר מײַנעטוועגן געדעקט די אנדערע זייט טיש מיט א פליישיק טישטוך און מיר דערלאנגט דאס פליישיקע נאכטעסן, וואס איז געווען דאס הויפּט מאלצייט פון טאג. איך האב זיך געוואשן, פרום געזאגט „שאו ידיכם" און נאך פרומער געמאכט די המוציא. אבער דער ערשטער ביסן איז מיר גלייך געבליבן שטעקן אין מויל.

דאס הארץ איז מיר געווען פארשניטן און אין די אויערן האט מיר געריישט. ווידער און אבער אמאל זענען פאר מיינע אויגן געפלויגן — דער טלית און די ספר־תורה. ווידער און אבער אמאל האב איך געזען ווי ר׳ מאיר קלמן רוקט זיך אפּ פון מיר הינטערווײלעכץ מיט אויפגעהויבענע הענט און צעשפּרייטע פינגער, ווי ער וואלט מורא האבן, ער זאל נישט אָנרירן עפּעס א טמא זאך. ווידער און אבער אמאל האב איך דורכגעלעבט אויפסניי אלץ, וואס איך בין דורכגעגאנגען יענעם טאג פון דעם מוראדיקן פאל, ביז דער מינוט ווען איך האב א צעוויטיקטער זיך צעכליפּעט, זאגנדיק די גרויסע ווידוי ביי מנחה און מיין פעטער יקותיאל איז צוגעקומען צו מיר פון הינטן און מיר שטיל אַזאָג געטון אויפן אויער: „זיי נישט קיין וצדקתך". יענע נאכט האב איך קיין אויג נישט צוגעטון און אויף צומאָרגנס בין איך געבליבן ליגן אין בעט. ערגעץ ווו טיף אין הארצן בין איך געווען זיכער, אז איך וועל נישט שטאַרבן, כאָטש איך האב זיך אליין געוווּנדערט פון וואנען עס נעמט זיך צו מיר אזא זיכערקייט. אבער מיר האט זיך געוואָלט שטארבן און כאטש מיר האט שטאַרק גענאָגט ביים הארצן פון הונגער, האב איך נישט געוואָלט אויפשטיין. די וועלט, האט זיך מיר געדאַכט, איז מער נישט די זעלביקע ווי זי איז געווען ביז נעכטן, איידער איך בין געפאלן מיטן ספר־תורה. איך בין זיכער נישט דער זעלביקער. עפּעס איז געשען מיט מיר אזוינס, אז קיינער וועט מער נישט קוקן אויף מיר, ווי מען האט געקוקט ביז נעכטן אין דער פרי.

אויפגעשטאנען בין איך אויף א קורצער ווייל שוין הארט פאר צוועלף. אנגעטון די תפילין, געדאוונט און זיך צוריק־געלייגט אין בעט אריין.

עלף מענטשן זענען מיר געווען ביי אונדז אין הויז: טאטע־מאמע, דער מאמעס פאטער, דער זיידע ר׳ מענדל, זיבן קינדער און א יתומה, די טאכטער פון מיין מאמעס א פארשטארבענער שוועסטער. פון די זיבן קינדער זענען מיר געווען פינף ברידער און צוויי שוועסטער. איינער פון די ברידער, חיים־פסח, איז געווען מיט צוויי יאר עלטער פון מיר אלע איבעריקע זענען געווען יינגערע פון מיר. קיינער פון זיי איז יענעם טאג נישט צוגֶעגאנגען צום בעט, אין וועלכן איך בין געלעגן. טאטע־מאמע אויך נישט. ווייזט אויס, אז דאס האבן טאטע־מאמע אַנגעזאגט, מען זאל צו מיר נישט צוגיין. זיי האבן א פנים פארשטאנען, אז ס׳איז גלייכער יענעם טאג מיך צו לאזן אליין. אבער, אז איך בין אויף צומארגנס אויך געבליבן ליגן אין בעט, האט זיך דערפילט אן אומרואיקייט אין הויז. יעדעס מאל איז אן אנדערער צוגעקומען צו מיר און מיך געפרעגט פארוואס איך שטיי נישט אויף. אבער איך בין געלעגן מיט פארמאכטע אויגן, פארביסן די ליפּן און פארעקשנט קיינעם נישט געענטפערט. איצט האט מיך שוין גארנישט געארט. לאמיך יא שטארבן, לאמיך נישט שטארבן — זאל מען קוקן אויף מיר ווי אזוי מען וויל נאר, אבער זאל מען מיך לאזן צו רו. נאך ווארעמס איז עטלעכע מאל אריינגעקומען דער טאטע און געפרעגט פארוואס איך שטיי נישט אויף. דערנאך איז געקומען די מאמע און מיר באטאַפּט דעם שטערן. איך האב אַלץ געהאלטן פארמאכט די אויגן און נישט געענטפערט און קיין זאך וואס מען האט מיך געפרעגט. איך האב געהערט ווי מען רעדט ווענן רופן פנחסל רופא. אבער

דער זיידע ר׳ מענדל האט געזאגט „מען דארף נישט" און מען האט אים נישט גערופן.

ווען מען האט פארנאכט אין אן אנדער חדר זיך געזעצט עסן דאס נאכטעסן און צו מיר האט זיך דערטראגן דער ריח פון יויך און פלייש, האט מיר אנגעהויבן וואסערן דאס מויל. שפעטער, ווען אלע האבן שוין געהאט אפגעגעסן, — די גרעסערע ברידער זענען שוין געווען אין מאַרק און דער טאטע האט זיך געקליבן גיין צו מנחה־מעריב אין קלויז אריין, האב איך דערפילט אזא הונגער, אז איך האב געמיינט איך גיי אויס. און איך האב זיך צעוויינט. איך ווייס נישט, צי די מאמע האט דערהערט, אז איך וויין, אדער נישט. איך ווייס נאר, אז באַלד נאכדעם איז זי אריינגעקומען, א ריס געטון פון איבער מיר דאס איבערבעט און א זאג געטון: „שטיי אויף משוגענער און גיי עסן"! איך האב זיך כלומרשט אקעגנגעשטעלט, נאר ווען זי האט מיר דערלאנגט די הויזן האב איך זיי אנגעטון. און אז זי האט מיר דערנאך אריינגעבראכט א קעלישעק בראנפן, האב איך עס אויסגעטרונקען. צום טיש בין איך שוין אליין געגאַנגען און נאך איידער איך האב זיך געוואשן האב איך מיט דער האנט א קניפ געטון א שטיק פון ברויט און עס געכאַפּט אין מויל אריין. דאנערשטיק אין דער פרי בין איך אויפגעשטאנען, ווי פאר דעם פאל, גאנץ פרי און זיך געלאזט גיין אין קלויז אריין, ווען דער מארק איז נאך אין גאנצן געלעגן אין שאָטן פון באגינען. צו מיין שטוינען האט זיך קיין זאך נישט געביטן. די וועלט איז געבליבן די זעלביקע און איך בין געווען דער זעלביקער. אין קלויז האב איך אויך דאסמאל געטראפן שיעלע דאמביער ווען איך בין אריינגעקומען און א פרעמדן אורח, וואס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער באנק ביי דער מערב־וואנט מיט א פעקל צוקאפנס. איך האב אויסגעזוכט מיין גמרא חולין און זיך צוגעכאַפּט צום לערנען מיט א ברען. נאר אז איך בין צוגעקומען צו א האַרב אָרט, האט זיך מיר געוואלט עס איבערהיפן. אלץ ווי פריער. אבער ווי אין יענעם פרימארגן מיט דריי טעג פריער, איידער דאס אומגליק איז געשען, האב איך אין מיר גובר געווען דעם יצר־הרע און דאס האַרבע אָרט ניט איבערגעהיפערט. ווי דעמאלט איז מיר אויך דאס מאל דערפון געווארן ליכטיק אין קאָפּ און אין הארצן.

אין יענעם טאג האבן זיך מיינע חברים ביסלעכווייז צוגעשארט צו מיר. אין עטלעכע טעג ארום איז דאס לעבן געגאנגען מיט זיין געוויינלעכן, נאטירלעכן גאַנג. אין דער פרי האב איך געלערנט פאר זיך, נאך אנבייסן האב איך, צוזאמען מיט אנדערע בחורים, מער געבטלט, ווי געלערנט אין קלויז. און נאך מיטיק האב איך ווידער געלערנט פאר זיך. אבער נישט לאנג. ווייל אויף דער צווייטער וואָך האב איך געהאט נאכמיטיק א שיעור ביי שימעלע ראפאפארט — א יונגערמאן בלויז עטלעכע חדשים נאך דער חתונה. געקומען צו אונדז איז ער ווי דער איידעם פון ר׳ מרדכילע גאָרליצער, דער גרעסטער גביר אין ראדאמישלע, פון בוטשאַטש אדער ביטשוטש, ווי יידן האבן גערופן יענע שטאט אין מזרח־גאליציע. אבער מיט זיין האלטונג, זיין גאנג, זיין הלבשה, זיין ריידן און זיין באנעמען זיך צו מענטשן, האט ער געקאנט האבן געקומען פון א גאנץ אנדערער וועלט, אזוי אנדערש איז ער געווען פון אלע אנדערע יידן, וואס מען האט ביז דעמאלט געזען ביי אונדז. זיין גאנג איז געווען געמאָסטן, זיינע רייד — געמאָסטן און זיין קול האט זיך קיינמאל נישט אויפגעהויבן ביים רעדן. געטראָגן האט ער די זעלביקע לאנגע מלבושים, וואס אלע חסידישע יידן אין גאליציע און דאך זענען זיי געווען אנדערש. די זיידענע שבתדיקע זשופיצעס מיט סאַמעטלעך ביים ברעג פון די ארבל, די וואָכנדיקע — פון א גאנץ אנדערן שניט. נישט מיט קרומע, נאר מיט גלייכע קעשענעס און בכלל געניייט מער ווי א מאדערנער איבערציער, איידער ווי א חסידישע זשופיצע — און זייער נעט. מען האט געוווסט, אז ווי זיין פאטער, איז אויך ער א טשאָרטקאָווער חסיד און פון אים האט געשמעקט מיט טשאָרטקאָוו. ביי אונדזער עולם האט עס געהייסן, אז פון אים ווייעט א קעלט, ווי פון אלץ, וואס האט א שייכות צו דער סאדיגורער גזע. מיין זיידן, ר׳ מענדל, איז אמאל אויסגעקומען צו האלטן שבת אין רימאנאוו, ביים רבין ר׳ יאסעלע, וואס איז אויפגעצויגן געווארן אין סאדיגורער הויף און איבערגענומען דאס סאדיגורער התנהגות. געווען איז דאס אין מיטן זומער, ווען מיין זיידע איז אהיים געקומען פון רימאנאוו, האט ער דערציילט: „ס׳איז געווען אזא חמימה, אז מען האט געקאנט אומקומען. נאר איך בין שיער פארפרוירן געווארן. א מערכה וואס דארטן געפינט זיך זיין איידעם ר׳ אשרל און נאכן טיש האבן זיך ביי אים צונויפגעקליבן עטלעכע יונגעלייט, האב איך זיך א ביסל דערווארעמט. פאָרט אונדזערער א מענטש און א זון פון מיין רבין, דעם אמרי נועם זכותו יגן עלינו."

אבער איך, שימעלעס תלמיד, האב גיך איינגעזען, אז די קעלט וואס ווייעט כלומרשט פון אים, איז נאר א דרויסנדיקע, ווייל אין דער אמתן האט ער שטענדיק געגליט. זיין לערנען איז געווען א מין עבודה, ביי וועלכער ער פלעגט זיך ממש אויסטון פון דער וועלט. זייער ליב זענען מיר געווען יענע מינוטן, ווען אט דער יונגערמאן, ביי וועמען עס האט קוים אנגעהויבן צו שפראָצן א שיטער רויט בערדל, האט פארקנייטשט די אויגן ווי א זקן, זיך פאַוואָלינקע געשאָקלט שטיל פאר דעם יורה דעה, וואס איז געלעגן אָפן פאר אים, דערנאך האט ער מיט דבקות געזאגט א יהי רצון, וואס איך האב פריער פון קיינעם נישט געהערט און אין ערגעץ נישט געזען פארשריבן, אז זיין קאפ זאל זיין קלאר, די מחשבה ריין און דאס הארץ גאנץ ביים לערנען. פארענדיקט דעם יהי רצון האט ער מיט אן אייגענעם ניגון, וואס האט געקלונגען פרעמדלעך אין אונדזערע מקומות, זיך פארוויגט אין לערנען אויף צוויי־דריי שעה נאכאנאנד און גאנץ אָפּט האט ער פארגעסן, אז איך בין דא דערביי.

דאס האט געהאט אין זיך מעלה און א חסרון. די מעלה איז געווען, וואס איך בין מיטגעריסן געווארן מיט דעם ריטם און אימפעט פון זיין לערנען. דער חסרון איז געווען, וואס כ׳האב נישט געהאט דאס הארץ — און נאך ווינציקער די העזה — אים אפצושטעלן, ווען מיר איז אן ארט נישט געווען גאנץ קלאר. דאס האט געפירט דערצו, אז איך האב ביי זיין שיעור זיך אנגעהויבן מער צו „פאפען", ווי ביי דעם שיעור וואס איך האב געלערנט פאר זיך אליין. שפעטער איז צוגעקומען נאך א גרעסערער חסרון: דאס וואס שימעלע האט זיך אזוי פארוויגט אין לערנען, אז אָן מיר האט ער אָפּט פאַרגעסן, דאס האט גורם געווען, אז איך זאל גאנץ אָפּט פארלירן דעם פאָדעם פון לערנען און זיך פארטראכטן וועגן אנדערע זאכן. ווען דאס איז געשען, בין איך שוין

נישט געווען דער זעלביקער, וואס אין יענעם אומגליקלעכן מאנטיק אינדערפרי. אבער די אנדערשקייט איז נישט געקומען פון דעם, וואס איך האב געמיינט, אז זי וועט קומען, נאר פון גאר א נייער זאך, וואס איז אין צווישן אריינגעטראטן אין מיין לעבן.

פון קינדהייט אן בין איך געווען א גרויסער לייענער. צו פינף יאר נאכדעם ווי איך האב (ווי אלע יינגלעך אין אונדזערע מקומות) אנגעהויבן צו לערנען חומש, האב איך שוין געלייענט די צאינה וראינה און אנדערע ספרים און ספרימלעך אויף עברי־טייטש, אין וועלכע עס זענען געווען שיינע מעשיות. עטלעכע יאר שפעטער האב איך שוין געהאט איבערגעלייענט די גאנצע פאקענטרעגער־ליטעראטור, וואס די מוכרי ספרים האבן געבראכט צו אונדז און אויסגעלייגט אויף לאנגע טישן אין קלויז און אין בית־המדרש; אלע חסידישע מעשיות אויף יידיש און לשון־קודש, וואס מען האט ביי אונדז געקאנט געפינען און אזוינע ספרים ווי יוסיפון, שבט־יהודה, יון מצולה און נאך אנדערע פון דעם מין. א יאר פאר מיין בר־מצוה ווערן זענען אין מיינע הענט אריינגעפאלן יענע האלב־השכלה־ספרים, ווי „בוסתנאי", „חותן המלך" און נאך עטלעכע פון דעם מין. די מעשיות, מיט וועלכע איך האב זיך אנגעלייענט, האבן ביי מיר שטענדיק אנגעצונדן די פאנטאזיע און מיך פארטראגן אין ווייטע וועלטן, וואס זענען דאך געווען מיינע אייגענע. אבער דווקא אין יענע וואכן נאך דעם מכשול, וואס האט מיך געטראפן מיט דער ספר־תורה, ווען איך פלעג זיך אפט אויפכאפן אין מיטן דער נאכט מיט א טיאכקע אין הארצן — און איך האב געוווסט, אז איך דארף ווערן פרומער און לערנען וואס מער, כדי מתקן צו זיין דאס אויסטערלישע, וואס מיר איז געשען — דווקא דעמאלט איז אין מיינע הענט אריינגעפאלן דער „מסתרי פריז" פון עיזשען סי, אין דער העברעישער באארבעטונג פון קלמן שולמאן. דאס האט אין לויף פון איין־איינציקן מעת־לעת געמאכט פון מיר א גאנץ אנדערן מענטשן.

געקראגן האב איך בלויז די ערשטע טייל פון דעם דאזיקן געוואלדיק־שפאנענדיקן פראנצויזישן ראמאן. געווען איז עס פונקט אין א וואך, ווען שימעלע ראפאפארט איז געהאט אהיים געפארן צו זיין טאטן קיין ביטשוטש. דער ראמאן האט מיך אזוי פארכאפט גלייך פון ערשטן בלעטל אן, אז איך האב געלייענט דעם גאנצן טאג און די גאנצע נאכט. אוועקגעלייגט האב איך אים ערשט דעמאלט, ווען איך בין צוגעקומען צום סוף פון צווייטן טייל, וואס ענדיקט זיך מיט א סצענע, ביי וועלכער דער הויפט רשע אין דעם ראמאן ווערט אנטשלאפן — פונקט דעמאלט ווען ער קלייבט זיך אפצוטון עפעס גאר א שרעקלעך פארברעכן — און ער זעט א מוראדיקן און גרויליקן חלום. זינט איך בין ליטעראריש רייף געווארן, קאן איך נישט פארטראגן די אזוי־גערופענע שפאנענדיקע ראמאנען. נאך מער — וואס שפאנענדיקער עס איז א ראמאן, אלץ מער לאנגווייליק זעט ער אויס ביי מיר. עס איז דעריבער פאר מיר היינט צו־טאג שווער צו פארשטיין פארוואס עיזשען סיס האלב־שונדיסטישער, אטעם־פארכאפנדי־קער ראמאן, האט דעמאלט געמאכט אזא איבערקערעניש אין מיין לעבן. דאס מאכט מיר גלויבן, אז די מורא, וואס מיר האבן פאר די שונד און דעדעקטיוו־ראמאנען, מיט וועלכע דאס יונגוואַרג פאשעט זיך, איז א נישט בארעכטיקטע. ווייזט אויס, אז ס'איז פאראן א צייט אין לעבן פון יעדן מענטשן,

ווען ער דארף האבן דעם דאזיקן סארט גייסטיקע שפייז. מיט דער צייט וואקסט מען דערפון אויס און מען גייט איבער צו בעסערער ליטעראטור. ווען איך פרווו זיך היינט אפגעבן א חשבון פארוואס דער „מסתרי־פריז" האט געהאט אזא געוואלדיקע ווירקונג אויף מיר, מיין איך אז: ערשטנס, איז דאס געווען דערפאר, ווייל דער ראמאן האט צום ערשטן מאל געעפנט פאר מיר א פענצטער, אזוי צו זאגן, צו דער גרויסער, פרעמדער וועלט, פון וועלכער איך האב ביז דעמאלט נאך קיין אנונג נישט געהאט; און דער עיקר אפשר דערפאר, ווייל אין דעם בוך האב איך זיך צום ערשטן מאל אנגעשטויסן אן א העלד, וואס האט אנגעצונדן מיין פאנטאזיע מיט זיין גוטסקייט און גרייטקייט צו גיין אין פייער און וואסער פאר אלע בארויבטע און פארשטויסענע דערנידעריקטע און באליידיקטע.

אזא מוסטער איז פאר מיר געווארן דער דייטשער פרינץ רודאלף, וואס מוז צוליב עפעס אן אומבאדייטנדיקן חטא אפריכטן גלות און ער ווערט דער רעטער פון שיינע נשמות אין דער פאריזער אונטערוועלט, אז איך האב זיך אליין אנגעהויבן אונטערצושרייבן „רודאלף". ווו נאר איך האב געקראגן א שטיקל פאפיר, האב איך עס פארשריבן מיט „רודאלף אייזלאנד". איך האב געהאט א פעטער חיים, מיין מאמעס עלטסטער ברודער, וואס איז אין זיינע יונגע בחורשע יארן פארכאפט געווארן פון דער השכלה און ער איז אנטלאפן פון דער היים. דאס איז געווען אזא סענסאציע אין ראדאמישלע, אז מען האט גערעדט וועגן זיין אנטלויפן ווי וועגן שמדן זיך. אין דער אמתן אבער איז ער אוועק קיין לעמבערג און קראקע. איך ווייס נישט ווי אזוי אים איז אין איינער פון די שטעט אויסגעקומען צו טרעפן גרשם באדער. איך ווייס נאר, אז גרשם באדער האט אים אזוי איבערגעשראקן מיט זיין אפיקורסות, אז ער איז באלד צוריק אהיים געקומען א בעל־תשובה און ער איז דערנאך דאס גאנצע לעבן געווען מוראדיק פרום. ער האט געוווינט אין גדאוו, א קליין שטעטל אין די טאטרעס, ווו עס האבן זיך נישט געפונען קיין צוויי מנינים יידן. און אזוי ווי קיין פרנסה האט ער נישט געהאט, האט ער דארט נישט געקאנט איינזיצן, און ער פלעגט צוריקקומען „אהיים" קיין ראדאמישלע עטלעכע מאל א יאר. ווען ער האט דערזען די פאפירלעך, אויף וועלכע איך האב זיך אונטערגעשריבן „רודאלף אייזלאנד", האט ער זיך אנגעכאפט ביים קאפ און בייסיק מיר א זאג געטאן: „אזוי גאר? אויף אזוינע דרכים לאזטו זיך? ווילסט ווערן א 'רודאלף' ווי גרשם באדער איז געווען א 'גוסטאוו'?" ווייזט אויס, אז ער האט אמאל געזען, אדער געהערט, ווי עמעצער האט באדערן גערופן גוסטאוו. דער ביטול פון דער גאנצער וועלט איז דעמאלט געלעגן אויפן פנים פון מיין פעטער חיים. פונדעסטוועגן האט ער מיך נישט אפגעהאלטן פון ווייטער זיך אונטערשרייבן „רודאלף", אזוי ליב איז מיר געווען דער העלד פון „מסתרי פריז".

נישט ווינציקער ליב איז מיר געווען די „זמירה", די הויפט־העלדין פון עיזשען סיס ראמאן. אויב „מסתרי פריז" האט אין מיר אויפגעוועקט א בענקשאפט נאך דער גרויסער, פרעמדער וועלט בכלל, האט די „זמירה" ביי מיר אויפגעוועקט א בענקשאפט צו א פרוי, פאר וועלכער איך זאל קאנען איינשטעלן מיין לעבן נישט ווינציקער ווי רודאלף האט עס געטון פאר דער זמירה. טאג און נאכט בין איך ארומגעגאנגען

א פארטראכטער און פארחלומטער וועגן דעם וווּנדער־שיינעם און רייצנדיקן מיידל, וואס איך וועל באגעגענען ערגעץ־ווו אין א גרויסער, פרעמדער שטאט. אוודאי האב איך געוווּסט, אז דאס זענען זינדיקע מחשבות, און איך מוז זיך פון זיי אפשאקלען וואס גיכער. אבער וואס מער איך האב זיי געטריבן פון זיך, אלץ מער האבן זיי מיך באוועלטיקט און מעשה שטן פלעגן זיי קומען דווקא דעמאלט, ווען איך בין געזעסן פאר דעם אפענעם יורה דעה אקעגניבער מיין טייער פרומען און פארדבקהטן רבי שימעלע ראפאפארט.

אין מיטן זומער — און דווקא אין די דריי וואכן, ווען מען דארף זיין דורכגענומען מיטן טרויער פון חורבן — איז קיין ראדאמישלע אנגעקומען א צירק, אדער א „קאָמעדיע מיט קונצן", ווי מען האט צו יענער צייט גערופן א צירק ביי אונדז. פון קינדווייז אן האב איך ליב געהאט אלע „קאָמעדיעס", וואס זענען געקומען אין שטעטל אריין, אבער מער פון אלץ די צירקן. אינעווייניק האב איך נישט געקאָנט אריינגיין, אבער שטיין פון דרויסן און זען דורך א שפּאַלט אין דאַך פון דעם גרויסן לייוונטן געצעלט, ווי אַקראָבאַטן מאכן קונצן אין דער הויך אויף די טראַפּעזן — דאס האט מיר קיינער נישט געשטערט. פון דעם דאזיקן פארגעניגן האב איך מיך נישט געקאָנט אפזאגן אפילו איצטער, ווען איך בין שוין געווען א בר־מצווה בחור און האב געוווּסט, אז פאר מיר פּאַסט עס מער נישט. איין נאַכט, ווי איך בין אזוי געשטאַנען אין דרויסן פארן צירק און געוואַרט ביז איך וועל דערזען דעם אַקראָבאַט ביי זיינע קונצן אין דער הויך, האט צו מיר א צירק־דינער א ווונק געטון מיט א פינגער. אז איך בין צוגעגאנגען, האט ער מיך געפרעגט, צי איך וויל אריינגיין אינעווייניק. א ווײַלע האב איך זיך געקווענקלט, נאר דערנאך האב איך אים געזאגט, אז אויב ער קאן מיך אריינלאזן אויף אזא אָרט מען זאל מיך נישט זען, וואלט איך וועלן אריינגיין. ער האט מיר געזאגט, אז ער קאָן, אויב איך וועל אים געבן א צען־העלער־שטיק. איך האָב אים דערלאנגט די ניקלנע מטבע, ער האט געעפנט א זייטיקן אריינגאנג, און דאס האַרץ האט ביי מיר אנגעהויבן צו קלאַפּן, ווען איך האב זיך דערזען אינעווייניק אין דעם קײַלעכדיקן רוים, וואס איז געווען באלויכטן מיט בליץ־לאָמפּן.

פונקט דעמאלט, ווען איך בין אריין אין צירק פון איין זייט, האט מען פון אַן אנדערער זייט אריינגעפירט א ווייס פערד: אויף א רויטן זאָטל, וואס איז געווען אויסגעבייט מיט גאָלדענע „אוזאָרן" און באזעצט מיט אלערליי בלישטשינדיקע שטיינדלעך, איז געזעסן א האלב נאקעטע רייטערין. איך האב געוווּסט, אז די נאקעטקייט אירע איז בלויז א „פארבלענדעניש". פון דעסטוועגן האב איך אראפּגעלאָזט די אויגן. איך האב זיך פלוצים דערמאנט אָן יענעם מוראדיקן מאַנטיק אינדערפרי און מיר האט אנגעהויבן צו שווינדלען פאר די אויגן. ווען איך קאָן — וואלט איך אַנטלאפן. אבער איך האב נישט געקאָנט. די עטלעכע גויאישע מוזיקאנטן, וואס זענען געזעסן נישט ווייט פון מיר, האבן געשפּילט זייער פאמעלעך דעם אנהייב פון א וואלץ; די רייטערין האט זיך געהאלטן אין איין פארנייגן, דא אויף איין זייט און דא אויף דער אנדערער. דאס פערד האט זיך פּאַוואָליִנקע באוועגן אין דעם אינעווייניקסטן רינג; די מוזיק האט געשפּילט פּאַוואָליע, די רייטערין האט געשמייכלט און דער דירעקטאר, וועלכער איז געשטאנען אין מיטן, האט געהאלטן א לאנגע בייטש, וואס ער האט ריטמיש באוויגן צום קלאנג פון דער מוזיק. אבער מיט אמאל האט דאס פערד אנגעהויבן צו גיין שנעלער, די מוזיק האט אנגעהויבן צו שפּילן שנעלער. דער דירעקטאָר האט דערלאנגט א קנאַק מיט דער לאנגער בייטש און די רייטערין איז שוין נישט מער געזעסן אויפן זאָטל, נאר געשטאנען. איצט איז די מוזיק געווארן שטיל. פון צייט צו צייט האט זי ארויסגעלאזט עטלעכע צערטלעכע אוסרופן — צום פערד? צום עולם? צו מיר, וואס זי האט עפעס אזא מאדנעם קוק געטון? ווען איך בין יענע נאַכט ארויס פון צירק, האב איך געהאט געפונען מיין „זמירה" נישט אין דער גרויסער, פרעמדער וועלט, נאר דארטן אינדערהיים, אין ראדאמישלע. איך בין געווען פארליבט אין דער רייטערין ביז אבער די אויערן.

אבער אט די ערשטע ליבע מיינע האט געדויערט בלויז אין מעת־לעת, ווייל אויף מאָרגן ביינאכט האב איך שוין געהאט אן אנדערע „זמירה". די אנדערע איז געווען ליאַליא. א קליין מיידל, אין מיין עלטער, דאס איינציקע טעכטערל פון דעם צירק־דירעקטאר. אז איך האב שוין געוווּסט אז ס'איז דא א צירק־דינער, וואס מען קאן אים אונטערקויפן ער זאל מיך אריינלאזן דורך א הינטער־טיר און קיינער זאל נישט זען, האב איך אים אויף צומאָרגנס ווידער אויפגעזוכט, דערלאנגט אים עפעס אין יד אריין, און דאס מאל האב איך אינעווייניק פאר זיך אליין שוין אויסגעפונען נאך א באקוועמער אָרט, פון וואנען איך האב געזען בעסער און מיך האט מען גאר נישט געקאָנט זען. דאס מאל האב איך געוואַרט אויף דער רייטערין מיט א קלאַפּנדיק האַרץ און זי האט מיך דאס מאל נאכמער פארבלענדעט מיט איר שיינקייט מיט אירע קונצן רייטנדיק און איבערהויפּט — מיט דעם וווּנדערלעכן שפרונג, ווען דאס פערד האט אין א גאַלאָפּ זיך א יאָג געטון אונטער א שמאָלן טעפּיך, וואס צוויי דינער האבן געהאלטן אויסגעצויגן. זי האט א שפרונג געטון איבער דעם טעפּיך און איז געבליבן שטיין א גלייכע אויפן זאָטל. אבער ווען איר אַקט האט זיך געענדיקט און מ'האט זי מיטן פערד ארויסגעפירט, איז א דינער צוגעגאנגען נאענט צום מיטלסטן מאַסט, אויף וועלכן דאס גאנצע געצעלט האט זיך געהאלטן, דארטן אוועקגערוקט א פוירהאנג, — וואס איך האב פריער גאר נישט באמערקט — און איך האב דערזען א גיפּסענע פיגור פון א מיידל אויף א הילצערנעם פיעדעסטאל.

דער קלאון האט זיך באוויזן אין זיינע ברייטע פלודערן און צוגעקומען נאענט צו דער סטאטוע, האט זי מיט א שטומער פארוווּנדערונג באקוקט פון אלע זייטן, דערנאך איז ער צוגעגאנגען נאך נענטער, אנגענומען די סטאטוע ביי איין פינגער און זי פאמעלעך אנגעהויבן צו דרייען, ווי ער וואלט זי וועלן גוט באקוקן פון אלע זייטן. דערווייל האט ער געגעבן א געלעגנהייט אלע פון פובליקום, וואס זענען געזעסן אויסגעזעצט ארום דעם קײַלעכדיקן רינג, אז אויך זיי זאלן זי קאנען זען. מיטאמאל האט די גיפּסענע סטאטוע א דריי געטון דעם קאפּ אויף איין זייט און געעפנט איין אויג; דערנאך אויף דער צווייטער זייט און געעפנט דאס צווייטע אויג. נאכדעם האט זי געעפנט דאס קליינע פייןגעשניצטע מײַלעכל מיט א דין שמייכעלע, פארנייגט זיך אויף אלע פיר זייטן, אראפּגעשפּרונגען פון פיעדעסטאל, פאַרוואָרפן די הענט אין דער הויך און זיך א לאז געטון אין א וווּנדערלעכן טאנץ. דער עולם האט ווילד געפּאַטשט

ווען זי האט פארענדיקט און איך בין געווען שכור. מיין „זמירה״ איז געווען ליאליא. צוליב איר האב איך מער נישט פארפעלט קיין איין איינציקע פארשטעלונג אין צירק. פון איר האב איך געחלומט ביינאכט און וועגן איר האב איך געטראכט, ווען איך בין געזעסן ביים אפענעם יורה־דעה אקעגניבער שימעלע ראפאפארט. און איינמאל האב איך אפילו א טראכט געטון, אז איך וועל אנטלויפן פון דער היים און נאכפארן דעם צירק, כדי צו זיין נאענט פון איר.

נאר אט איז געקומען א דאנערשטיק ווען ביי אונדז איז געווען א יאריד. עס זענען זיך צונויפגעקומען טויזנטער פויערים און פויערטעס פון די ארומיקע דערפער אין מארק, ווו דער צירק איז געשטאנען. אין טאג פון א יאריד האב איך נישט געלערנט. מיין טאטע האט געהאלטן אן אייזן־געוועלב און מיר, אלע קינדער, האבן דעמאלט געמוזט זיין אין געוועלב, כדי צו היטן מען זאל די סחורה נישט צעטראגן. אבער אין סאמע מיטן ברען פון יאריד האב איך זיך דערמאנט, אז אין צירק ווערט היינט געגעבן א נאכמיטיק־פארשטעלונג פאר די פויערים. די בענקשאפט צו זען ליאליאן האט מיך א ריס־געטון פון געוועלב. נאך איידער איך האב זיך ארומגעקוקט, בין איך שוין געשטאנען פארן צירק. געמיינט האב איך בלויז צו קאנען כאפן א קוק אויף מיין „זמירה״. אבער ווען איך בין צוגעקומען צום צירק האט מיך, צו מיין שטוינען, דער דירעקטאר אליין געפרעגט צי איך וויל אריינגיין. ער האט שוין אפילו נישט געווארט אויף מיין ענטפער, נאר מיך אנגענומען ביי דער האנט און אריינגעפירט דורך דעם פארادענעם אריינגאנג. קוים בין איך געווען אינעווייניק, האט ער פון מיר אראפגעצויגן מיין זשופיצע און פון מיין קאפ צוגענומען דעם קאפעליוש און איז פארשוואונדן. איך בין געבליבן שטיין ווי אן אפגעשונדענער אין דער בלויזער וועסט מיט די לאנגע ציצית פון ארבע כנפות פאר אלעמען אין די אויגן, וואס זענען געווען פול מיט געלעכטער אויף מיין חשבון. איך האב מיט דער פלייצע זיך אנגעשפארט אן דער לייוונטענער וואנט פון געצעלט און האב געפילט, ווי דאס פנים פלאמט מיר פאר בושה. אבער דאס איז געווען ווי א שפילכל לגבי דעם, וואס איז געקומען אין עטלעכע מינוט ארום. ווען איך בין אריין אין צירק האט דער אקראבאט געוויזן זיינע קונצן. ווען ער איז פארטיק געווארן מיט זיין נומער, האבן די גויאישע מוזיקאנטן אנגעהויבן צו שפילן א יידיש שטיקל. פון א פליגל איז אריינגעקומען א קליין איינגעהויקערט חסידל און האט אנגעהויבן צו טאנצן. לכתחילה האב איך נישט געוווסט ווער דאס איז. באלד אבער האב איך דערפילט ווי דאס הארץ זינקט אריין אין מיר. דאס חסידל איז געווען מיין „זמירה״. דאס האט מען צוליב איר פון מיר אראפגעצויגן מיינע מלבושים און איצט טאנצט זי אויס — אין מיין זשופיצע, אין מיין קאפעליוש און ארומגעגארטלט מיט מיין גארטל, וואס מען האט געפונען אין איינער פון מיינע קעשענעס — די פיגור פון א יידן וואס ווערט מיט יעדן דריי אלץ סמישנער און קאמישער און אלע פויערים און פויערטעס, וואס פילן אן דעם צירק, האלטן זיך ביי די זייטן פון געלעכטער.

ה. די גרויסע טיפוס-עפידעמיע

ווי אזוי איך בין דעמאלט ארויס פון צירק און ווי אזוי איך בין צוריקגעקומען אין מיין טאטנס אייזן־געוועלב, דאס געדענק איך נישט מער. איך ווייס נאר, אז ווען איך האב דערזען ווי ליאליא האט אין מיינע מלבושים זיך פארשטעלט פאר אן איינגעהויקערט חסידל און טאנצט אין זיי אויס אזוינע קאמישע פיגורן, אז דאס „גאיעס״ ווערט שיער צעפלאצט פון געלעכטער, האב איך זיך בלויז געוווּנטשן, אז די ערד זאל זיך עפענען אונטער מיר און מיך איינשלינגען. איך ווייס אויך, אז זינט דעמאלט בין איך קיינמאל מער אין קיין צירק נישט געווען; אז עטלעכע טעג נאכדעם, האב איך זיך געשעמט צו קוקן מענטשן אין אויגן; זיך ווינציק צוגערירט צום עסן און בין געווען אזוי צערייצט, אז פאר א ליאדע זאך האב איך זיך געכאפט שלאגן מיט איינעם פון מיינע ברידער.

איך ווייס נישט צי אפילו איין ייד האט מיך דעמאלט געזען אריינגיין אין צירק. ווי אזוי מען האט דארטן אינעווייניק פון מיר אראפגעצויגן מיינע חסידישע יינגלשע מלבושים און מיך געלאזט שטיין ווי א גולם, דאס האט דאך זיכער קיינער פון די ראדאמישלער יידן נישט געזען. פון דעסטוועגן האט זיך מיר געדאכט, אז אלע קוקן אויף מיר און אלע טייטלען אויף מיר מיט די פינגער. פרייטיק־פארנאכט, איידער מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה פאר קבלת־שבת, האב איך שטענדיק ליב געהאט ארומצוגיין ארויף און אראפ אין קלויז און זאגן שיר השירים מיטן באקאנטן מתיקותדיקן ניגון. אבער יענעם פרייטיק, נאך דער מיאוסער מעשה אין צירק, האב איך דאס מויל נישט געקאנט עפענען. אז דאס איז א מיאוסע מעשה, פאר וועלכער מען וואלט מיך געדארפט אויספאטשן, דאס האב איך געוווסט. און ווען איך האב דערזען מיין פעטער יקותיאל אריינקומען אין קלויז אריין, האב איך זיך דערמאנט אין זיין „זיי נישט קיין וצדקתך!״ און האב דערפילט, ווי דאס פנים פלאמט מיר. א פנים, אז ער קען מיך בעסער ווי איך זיך אליין, האב איך מיר געזאגט. מען טאר דאך מיך נישט אריינלאזן אין קיין מקום־קדוש!

מער פון אלץ, האב איך געפילט אין יענע טעג, וועט פאר מיר זיין שווער זיך צו ווייזן פאר שימעלע ראפאפארט. מיט אזא מיאוסן סוד אין הארצן אריינצוקומען צו אים אין שטוב, זיך זעצן ביים טיש אקעגניבער אים, עפענען דעם יורה־דעה אוןווארטן ביז ער וועט פארקנייטשן די אויגן, זאגן דעם יהי־רצון און, ווי שטענדיק, זיך נעמען צום לערנען בקדושה ובטהרה — דאס האט מיר דעמאלט אויסגעזען אומעגלעך. א מערכה נאך וואס פרייטיק און שבת האב איך נישט געהאט קיין שיעור ביי אים. זונטיק וועל איך שוין געפינען א תירוץ, אז איך זאל נישט דארפן גיין צו אים און ביז מאנטיק וועט אפשר דער אויבערשטער העלפן.

און דער אויבערשטער האט געהאלפן. איך בין געשלאפן אין איין בעט מיט מיין עלטערן ברודער חיים־פסח. זונטיק ביינאכט האט ער געהערט ווי איך קרעכץ און ווי איך וואלגער זיך און קאן נישט איינשלאפן. אז ער האט מיך געפרעגט, וואס מיר איז אזוינס און פארוואס איך קרעכץ, האב איך אים לכתחילה נישט געוואלט ענטפערן, נאר אז ער איז שטארק צוגעשטאנען צו מיר און מיר צוגעשווירן בהן שלו, אז ער וועט קיינעם נישט אויסזאגן, האב איך אים דערציילט אלץ, וואס עס האט זיך מיט מיר פארלאפן דאנערשטיק אין צירק. געמיינט האב איך, אז ער וועט אויפשוידערן ווען ער וועט הערן די מיאוסע מעשה. אבער ער איז זיך פארגאנגען אין אזא געלעכטער פון דעם וואס

איך האב אים דערציילט, אז איך האב אים בשום אופן נישט געקאנט אפשטעלן. בשעת מעשה האב איך געפילט, אז איך וואלט אים דערפאר געקאנט דורס זיין. ווארים: ווי קאן מען דאס לאכן ווען מען הערט אזוינס? אבער, אז איך האב זיך אויפגעכאפט צומארגנס פארטאג, האב איך, צו מיין אייגענעם שטוינען, דערפילט, אז דאס עסן זיך, דער צער, די מורא און די באהאלטענע בושה — זענען ווי צוגענומען געווארן מיט דער האנט.

עס זענען אנגעקומען די „ניין טעג" און דעם אונטערשט פאר דעם, ווען מען האט לויט אן אלט ווערטל (וואס איך ווייס נישט פון וואנען ס'האט זיך גענומען) געדארפט כלומרשט עסן אין דרויסן פאר דער שול, האט זיך, פאר זון־אונטערגאנג, ווי אלע יארן אין דער זעלביקער צייט, באוויזן אין מארק א יידישער קונצן־מאכער פון ריישע, וואס זיין גאנצע קונץ איז באשטאנען אין ארומלויפן פופצן מאל ארום אונדזער ריזיקן מאַרק, און פארענדיקן דאס לויפן מיט א שפרונג, וואס האט אים א הויב געטון עטלעכע מעטער אין דער הויך. דאס איז געווען דער איינציקער קונצן־מאכער, וואס אפילו פרומע חסידישע יידן האבן זיך מתיר געווען צו זען. קינד און קייט זענען יענעם פארנאכט ארויסגעקומען אין מארק אריין זען דעם וווּנדערלעכן „לויפער", וואס זיין אויבערשטע טייל קערפער איז געווען נאקעט; די פיס אין טריקא, נאר לענדן און דיך באדעקט מיט קורצע הייזקעס, וואס זענען געווען באהאַנגען מיט גלעקלעך און אלערליי מעדאלן. אז ער איז געלאפן, זענען אים נאכגעלאפן יידישע יינגלעך און שקצים. אלע האבן געוואלט ווייזן, אז עס איז גאר קיין קונץ נישט. ווען איך בין געווען א קליין יינגל, פלעג איך אים אויך נאכלויפן. אבער קיינער האט קיינמאל נישט געקאנט דורכלויפן דעם ריזיקן מארק אפילו א העלפט פון זיינע פופצן מאל. ווען ער האט פארענדיקט איז ער ארומגעגאנגען מיט א טאמבורין אן גלעקלעך און דער עולם האט דערין אריינגעווארפן מטבעות פון פארשידענער גרויס. נאך מנחה־מעריב פלעגט ער קלייבן ארום זיך מענטשן אין איינער פון די שענקן, דערציילן זיי אלערליי מעשיות פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך, וואס ער איז אין זיין לעבן שוין דורכגעפארן און פאר זיי אויך זינגען יידישע טעאטער־לידער און אלערליי פאַלקס־לידער. אלע יאר פלעג איך גלייך מיט אלעמען זיין אין מארק, אים נאכקוקן ביי די אלע פופצן הקפות, וואס ער האט געמאכט און ווארטן אויף דעם וווּנדערלעכן שפרונג. אבער אין יענעם יאר בין איך נישט ארויס אין מאַרק. זיין קומען האט דערמאנט אן צירק, וואס איז געווען ביי אונדז אַט ערשט נישט לאנג און דאס האט ערגעץ ווו אין דער טיפעניש דערלאנגט אזא שטאך, אז איך האב זיך איינגעדרייט אין דרייען.

און באלד איז געקומען דער חמשה עשר באב, ווען פאר אונדז, די בית־המדרש בחורים און די קלויז־בחורים, האט זיך שוין כמעט פארענדיקט דער זומער. מחמת חמשה עשר באב הייבט מען אן צו לערנען ביינאכט. פון איצט אן ביז די סאמע לעצטע וואכן פאר דעם קומענדיקן פסח, וועלן סיי אין בית־המדרש און סיי אין דער קלויז, ברענען די גרויסע בליצלאַמפּן ביז שפעט אין־דער־נאכט אריין; אויף אלע טישן וועלן אחוץ דעם זיין אויסגעשטעלט טיש־לאַמפּן אויף קלעצלעך, וואס וועלן ווארפן זייער ליכט אויף אפענע גרויסע גמרות און אויף צענדליקער בחורים און יונגע־לייט, וואס וועלן הילכן מיט זייער לערנען. אויף יענער נאַכט האב איך געהאט אפגעמאַכט אנצוהייבן נאך א שיעור. אבער שוין נישט אליין און אויך נישט ביי קיין גרעסערן למדן ווי איך, נאר מיט א חבר. דער חבר מיט וועמען איך האב געזאלט אנהויבן דעם נייעם שיעור האט געזאלט זיין ישראלקע חיים־יאנקלס, וואס איז פון זיין פאטערס צד געווען אן אייניקל פון דעם פארשטארבענעם רב ר' דוד כהן, און פון דער מוטערס צד אן אייניקל פון ר' בערל זילבערמאן. אבער מיר האבן דעם שיעור קיינמאל נישט אנגעהויבן. ווארים, א צוויי טעג נאך תשעה־באב איז ער פלוצים שלאף געווארן און א טאג שפעטער האט מען שוין געוווסט, אז ער ליגט קראנק אויף טיפוס און ער דארף רחמים. פערצן טעג איז ער געלעגן א געפערלעך קראנקער און געגרעדט פון היץ. און אז ער איז ענדלעך ארויס פון געפאר איז ער געווען דין ווי א שפענדל און זיינע רויטע פיאות זענען געווען אויסגעקראכן.

נאך איידער ער איז אריבער דעם קריזיס האט מען דערהערט, אז ביי אונדזערן א שכן, משה גראָס, איז קראנק א מיידל און אז ערגעץ אויפן וואָל זענען פאראן צוויי חולאים און דער דאקטאר פארשרייבט זיי די זעלביקע מעדיצין. ערשט איצט האט מען זיך דערמאנט, אז אייגנטלעך גייט שוין ארום א טיפוס אין שטאָט פון באלד נאך שבועות. נישט מער — פריער זענען עס געווען איינצלנע פאלן און איצט הערט מען, אז עס ווערן קראנק עטלעכע מענטשן מיטאמאל. אנהייב אלול איז געווען דער ערשטער טויטן־פאַל. דער ערשטער קרבן איז געווען אהרן קארטאגאנער, א באלעבאטישער ייד, וואס האט געהאט אן איינפאר־הויז און א שענק און האט שטענדיק אויסגעזען ווי א ריז מיט א פייערדיק־רויטער בארד. בלויז דריי טעג האט ער געברענט מיט פערציק גראַד פיבער און זיין האַרץ האט נישט אויסגעהאלטן. אויפן פערטן טאג האט מען פאר זיין הויז שוין געזעגט ברעטער פאר זיין ארון און נאך דעם זעלביקן טאג האט די חברה קדישא זיך געמוזט אומקערן פון בית החיים דאס רעכט צו טון אן אנדער מת. פון דעמאלט אן האט דער טיפוס אנגעהויבן פארכאַפּן אַלץ מער און מער מענטשן. אויף ראש־השנה און יום־כפור האבן א סך דארפס־יידן מורא געהאט צו קומען אין שטאט אריין, אבער זיי זענען דאך געקומען. באלד נאך די ימים נוראים האט אויסגעזען, ווי די שלאַפקייט וואלט האלטן ביים אפלאזן. אבער, נאך איידער עס איז אויסגעפאלן דער ערשטער שניי, איז שוין די גאנצע שטאט כמעט געווען פאַרכאַפּט. יענעם ווינטער האב איך אויך געהאט א שיעור ביי שימעלע ראפאפארט, ער האט אבער אנגעהאלטן בלויז עטלעכע וואכן. ווארים ווען איך בין איינמאל געקומען צו אים האב איך אים געפונען אין בעט און אויף צו מאָרגנס האט מען מיך צו אים מער נישט אריינגעלאָזט, ווייל ער האט שוין געברענט.

אונדזער הויז איז געשטאַנען אויף דער וואָל גאַס, אקעגניבער דער שטאטישער גמינע און בלויז עטלעכע הייזער פון מארק. דער גאנג אין קלויז אריין און פון דער קלויז האט געמוזט זיין איבער יענעם טייל מארק ווו עס איז געווען די „פאטשטענע". פון וואנען דער נאמען נעמט זיך, דאס ווייס איך נישט. לויטן קלאַנג איז עס א פארגרייזט פויליש וואָרט און ווי עס ווייזט אויס, האבן זיך אמאל

געפונען „פּאַטשעגעס" אין אַ סך שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. פון מיין צייט געדענק איך „פּאַטשענעס" אין כמעט אַלע דערבייאיקע שכנישע שטעטלעך פון ראַדאָמישלע. אין אונדזער ליטעראַטור האָב איך אָנגעהויבן באַגעגענען די „פּאַטשענע" ערשט גאָר אין די לעצטע יאָרן, אין די לידער פון שלום שטערן און דאַכט זיך אויך ביי מרדכי שטריגלער, וואָס ביידע קומען זיי פון זאַמאָשטשער געגנט. ביי אונדז איז די „פּאַטשענע" געווען אַ מין פּאַסאַזש, וואָס האָט פאַרבונדן אַרום זעכציק הייזער אויף דער דרום זייט פון מאַרק. באַשטאַנען איז זי פון אַ ריי געמויערטע סקלעפּעס, אונטערגעהאַלטן פון דיקע, פירעקיקע געמויערטע סלופּעס. צו דער „פּאַטשענע" זענען אַרויס די גרעסטע געוועלבער. ביי די ווענט צווישן די געוועלבער זענען געשטאַנען אָנגעלענט „שענקלעך" מיט צעלניק, וואָס מען האָט אַהין אַרויסגעבראַכט אין דער פרי און צוריק אַהיים געטראָגן פאַרנאַכט. פון פאָרנט, פאַר די געוועלבער, צווישן די סלופּעס, זענען געשטאַנען „שראַגענס", ביי וועלכע עס זענען געזעסן זיצערקעס מיט וואַסער־בייגל, אייער־בייגל, בייגעלעך, קליינע חלהלעך מיט מאָן, קיכלעך און אַלערליי סאָרטן ברויטן. פאַר זיי, שוין אונטערן פרייען הימל, זענען געשטאַנען אַנדערע „שראַגענס", אויף וועלכע עס זענען זומער געלעגן אַלערליי מינים פרישע פירות און ווינטער — פאַרפרוירענע עפּל, אָדער געזייערטע. ווען איך בין פאַרטאָג געגאַנגען אין קלויז אַריין, זענען די זיצערקעס נאָך נישט געווען אין מאַרק. אָבער ווען איך בין אַרום צען אַזייגער אין־דער־פרי געגאַנגען אַהיים, זענען אַלע זיצערקעס שוין געזעסן ביי זייערע „שראַגענס".

איינמאָל אין אַן אין־דערפרי, ווען איך בין געווען אויפן וועג פון קלויז אַ היים, האָב איך פון דערווייטנס דערזען ווי די זיצערקעביים ערשטן „שראַגען" ווייזט אָן אויף מיר מיט אַ פינגער און רופט אַריבער צו איר שכנטע ביים צווייטן „שראַגען": „נאַ, זע, ער גייט שוין!" די אַנדערע האָט אַ צי געטון דעם קנופּ פון דער פּאַטשיילע אונטער דער גאָמבע, מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, פאַרשנורעוועט די ליפּן, און אַ וואָרף געטון אַזוי גלאַט אין מאַרק אַריין — נאָר ס'זאָל טרעפן מיך אין פּנים אַריין: „ווי אַ צדיקל גייט זיך עס! מיטן תפילין־זעקעלע אונטערן אָרעם, דער ימח־שמוניק!" אין אָנהייב האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען. אין אָנהייב האָב איך זיך אפילו נישט געכאַפּט, אַז דאָס מיינט מען מיך. אָבער נאָך איידער איך האָב געהאַט דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן וועג פאַרביי אַלע „שראַגענס", האָבן זיך אונטער מיר אָנגעהויבן בייגן די קני. וואָרים פאַר יעדן צווייטן צי דריטן „שראַגען" האָב איך דערהערט אַן אַנדערן פּיזמון אויף מיין חשבון. און ווען איך בין דערנאָך אַריינגעפאַלן אַהיים, האָב איך געמוזט אויסזען גאָר שוידערלעך. ביי אונדז איז דאָס הויז־געזינט געווען צו גרויס, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אונדז, קינדער, קאָנען אַרויסווייזן צערטלעכקייטן. געהיט האָבן זיי זיך אויך אַרויסצוווייזן איין קינד מער ליבשאַפט פון די אַנדערע, הגם דאָס האָט נישט פאַרהיט, מיר זאָלן אַלע וויסן, אַז דער מאַמעס צוויי ליבלינגען זענען איר עלטסטער זון חיים־פּסח און איר בן־זקונים יצחק, וואָס איז געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. שטאַרק אומגע־קוקט זיך אויף אַ קינד האָט מען נאָר ווען עס איז געווען עפּעס נישט מיט אַלעמען. ווען איך בין דעמאָלט אַהיים

געקומען פון קלויז און די מאַמע האָט מיך דערזען האָט זי מיר געזאָגט: „קום נאָר אַהער, ראובן!" — מיך אָנגענומען ביי אַ האַנט, צוגעפירט צום פענצטער און מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן. ווייזט אויס, אַז זי האָט מורא געהאַט, צי בין איך אויך נישט פאַרכאַפּט פון דער חולאת, וואָס בושעוועט אין שטאָט. ווען זי האָט אָבער געזען ווי מיינע אויגן פילן זיך אָן מיט טרערן, האָט זי זיך גלייך אָנגעשטויסן אָן עפּעס. און אפשר איז שוין פון פריער געהאַט דערגאַנגען צו אירע אויערן, אַז אין שטאָט וואַרפט מען די שולד פון דער מגיפה אויף מיר, איבער דעם מכשול מיטן ספר־תורה, וואָס האָט מיך געטראָפן אָנהייב זומער. וואָרים, זי האָט מיר זייער ווייך און צערטלעך אַ גלעט געטון איבער ביידע הענט און זיך אָוועקגעדרייט.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך אויפגעהערט צו גיין פון קלויז איבערן מאַרק, נאָר ווי אַ גנב האָב איך זיך געשאַרט אַהיים איבער דער בריי טער הינטער־גאַס. אָבער אויך דאָרט האָבן מיך דורכגעשטאָכן אויגן, ווען נאָר עמיצער האָט מיך דערזען. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. די מגיפה האָט אין יענע טעג געהאַלטן אין איין שטייגן. און ווען איך בין געזעסן אין קלויז, פלעגט זיך אַלעמאָל אויפּפּראַלן די טיר און איטלעכעס מאָל איז אַריינגעפאַלן אַ קופּע ייִדענעס איינגעהילט אין שאַלן, וואָס זענען צוגעלאָפן צום ארון־קודש און מיט יאָמערלעכע קולות אָנגעהויבן „איינרייסן". איך ווייס נישט וויפל מענטשן עס געדענקען נאָך, ווי אַזוי דאָס יאָמערלעכע „איינרייסן" פלעגט ווי מיט טויזנטער נעגל זיך איינבייסן אין לייב און צונעמען די נשמה; וואָס פאַר אַן אומבאַשרייבלעכע וויינענדיקע ליידיקייט עס איז פאַרבליבן אין דעם מקום־קדוש, נאָכדעם ווי די איינרייסערינס זענען מיט דעם זעלביקן יאָמער צוריק אַרויס. אין יענע טעג האָב איך ביי יעדן „איינרייסן" געפילט, אַז דאָס איז מיין סוף. וואָרים אין מיינע אויערן האָט עס געקלונגען נישט ווי אַ געשריי צום הימל, אַז ער זאָל גיך שיקן אַ רפואה שלימה צו אַ חולה מסוכן, נאָר ווי אַ געשריי צו מיר: „רוצח! רוצח!" און ווי אַ מסירה צום הימל קעגן מיר. איין אין־דער־פרי, נאָך דריי איינרייסן, איינס נאָכן אַנדערן, בין איך אַהיים געקומען און האָב זיך געלייגט אין בעט אַריין. דאַסמאָל איז מען אין דערהיים געווען זיכער, אַז דאָס חולאת האָט שוין אויך מיך פאַרכאַפּט. אָבער איך בין געלעגן און זיך געקאָרטשעט אין דרייען נישט פון היץ, נאָר פון אַ מוראַדיקן שולד־געפיל, אַז איך האָב געבראַכט אַזאַ צרה אויף דער שטאָט; קראַנק געוואָרן אויף טיפוס בין נישט איך, נאָר מיין ייִנגערער ברודער משה־יאַנקל, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין האָטעל אין סאַראַטאָגאַ.

אַ וואָך אָדער צוויי נאָכדעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען פון דער קרענק, זענען דער טאַטע מיט דער מאַמען, ביידע מיטאַמאָל קראַנק געוואָרן. פערצן טעג האָבן זיי ביידע געקרענקט און פערצן טעג האָט דער טאַטע נאָכאַנאַנד געפּרעדט פון היץ און די מאַמע איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אירע באַקן האָבן געגליט ווי ציגל. ביידע זיידעס זענען די גאַנצע צייט נישט אַרויס פון הויז. דעם טאַטנס טאַטע איז געזעסן נעבן זיין בעט און דער מאַמעס טאַטע נעבן איר בעט. ווער עס האָט אויפגעפּאַסט אויף אונדז קינדער און געזען מיר זאָלן האָבן אַ לעפל געקעכץ, געדענק איך שוין נישט. דאָס געשעפט איז געפאַלן אויף די פּלייצעס פון מיין עלטערן

ברודער חיים־פסח, דעמאלט א יינגל פון זעכצנטן יאר. חברה ביקור־חולים מענטשן זענען געזעסן אין הויז טאג און נאכט און געלייגט די חולאים קאלטע קאָמפּרעסן צו די שטערנס און דער דאקטאר איז געקומען צוויי מאל א טאג. איין פרייטיק פארנאכט האט די מאמע געהאלטן אזוי שמאָל, אז מען האט צו איר גערופן ביידע דאקטוירים, וואס האבן זיך געפונען אין ראדאמישלע. זיי האבן געהאט א קאָנסיליום און פּנחסל רופא, וואס האט זיך צוגעהערט, האט געזאגט, אז די מאמע דארף רחמים. מומעס זענען אוועקגעלאָפן „איינרייסן" אין שול, בית־המדרש און קלויז באלד נאך ליכט־בענטשן. אלע האבן מיר געוווסט, אז נאר א נס קאן זי ראטעווען. אבער אזוי גיך ווי זיי זענען ארויס, האט די מאמע געעפנט די אויגן, צוגערופן איר פאטער, דעם זיידן ר' מענדל און אים געבעטן, ער זאל פאר איר זינגען „שלום עליכם" און קידוש מאכן. אז ער האט אנגעהויבן צו זינגען שטיל, קוים וואס מען האט געהערט, האט די מאמע געבעטן ער זאל זינגען העכער. האט ער געזונגען הויך אויפן קול און די טרערן זענען אים גערונען אין דער ווייסער בארד אריין. באלד נאך קידוש איז זי איינגעשלאָפן, און דער נס איז געשען. זי איז בייגעקומען דעם קריזיס און אויף מאָרגן איז זי געווען ארויס פון געפאר.

די גאנצע צייט וואס טאטע־מאמע זענען געלעגן קראנק, בין איך פון הויז נישט ארויס. ווען זיי זענען אראָפּ פון די בעטן האב איך ווידער אנגעהויבן צו גיין אין קלויז אריין. די קרענק האט אביסל אפגעלאזן. איצט זענען אוועק טעג און אין קלויז אריין האבן זיך נישט באוויזן קיין ווייבער מיט זייערע יאמערלעכע געשרייען פארן ארון־קודש. אבער גענוג מענטשן זענען נאך געווען קראנק און א סך פון די קראנקע זענען געשטארבן. נישט ווייט פון אונדז האט געוווינט א ייד משה שאיע, וועמען מען האט אויך גערופן משה עסיק־מאכער. ער האט געהאט צוויי זין, אן עלטערן מיטן נאמען מרדכי און א יינגערן מיטן נאמען יאסל. מרדכי איז שוין געווען א חתונה־געהאטער, נאר יאסל איז נאך געווען א בחור, אן עלטערער בחור, וואס האט שוין נישט געקאנט באהאלטן זיין בערדל, וויפל ער האט עס נישט געפרווט ארונטערקעמען מיט דער האנט אונטער דעם קין. א צוויי וואָכן נאכדעם ווי מיין טאטע־מאמע זענען אויפגעשטאנען פון דער קרענק, איז מרדכי־שאיע געשטארבן. ווען זיין ברודער יאָסל איז אויפגעשטאנען פון דער שבעה און איז צום ערשטן מאל געקומען אין קלויז אריין, בין איך געזעסן ביי א גמרא און האב געלערנט. מיטאמאל האט ער זיך אוועקגעשטעלט אקעגנאיבער מיר, אָנגעשטעלט אויף מיר א פאָר בייזע אויגן און מיר א געשריי געטון גלייך אין פּנים אריין:

„דו, דו! דו האָסט דערהרגעט מיין ברודער!"

ו. די תורה איז ניט אין הימל

איך בין געזעסן מיט דער פּלייצע צו א פענצטער ווען יאסל־שאיע איז מיך באַפאַלן מיט זיין ווילד געשריי. צווישן מיר און אים איז געשטאנען א לאנגער טיש און פונקט אזא לאנגע באַנק מיט א הויכן אָנלען. אויף זיין געשריי איז נעבן אים, אויף דער אנדערער זייט באנק, באלד אויסגעוואקסן א רעדל. איינער האט מיט א האנט אים פארמאכט דאס מויל. אנדערע האבן אים געוואלט אוועקשלעפן. עס האבן זיך אבער געפונען נאך אנדערע, וואס האבן פונקט ווי ער מיר ארויסגעוויזן אָפענעם כעס און שנאה. איינער פון זיי האט געשריגן, אז מען האט מיך שוין לאנג געדארפט ארויסטרייבן פון קלויז. ביי דעם טיש, ווו איך בין געזעסן, איז דאס לערנען איבערגעהאקט געווארן גלייך ווי יאסל שאיע האט ד'ערלאנגט זיין ווילד געשריי. אין אפאר מינוט ארום איז שוין געווען שטיל ביי אלע טישן. איך האב זיך געקאָרטשעט אין דרייען און א שוים האט מיר ארויסגעזעצט אויף די ליפּן. דאס איז שוין געווען איבער אלע מאָסן. לאַנג אויסהאלטן מער, האט זיך מיר געדאכט, וועל איך נישט קאָנען. ווי דעמאלט, אין יענעם אומגליקלעכן פרימארגן, ווען אין בין געפאלן מיטן ספר־תורה, איז אויך דאס מאָל מיר צו הילף געקומען מיין געוועזענער רבי, דער פּוילישער רב ר' שלמה ליכט. דערזען וואס ס'טוט זיך, איז ער אויפגעשטאנען פון זיין אָרט נעבן ארון־קודש, ווו ער איז געזעסן און האט געלערנט מיט זיין זון יצחק־משה. ער איז צוגעקומען צום רעדל און עס צעטריבן מיט א פאָכע פון ביידע הענט, ווי מען צעטרייבט א טשאַטשע עופות: „גאַיטס! גאַיטס!" און צו מיר האט ער געזאגט ווייך און פאטערלעך:

„זיי אים מוחל! ער איז נעבעך א מר־נפש און דו ווייסט דאך, ראובן, אין אדם נתפס על צערו".

דער דרך־ארץ פאַר דעם דאָזיקן מערקווערדיקן מענטשן איז געווען אזוי גרויס, אז יענע, וואס האבן מיט א ווייל פריער מיר ארויסגעוויזן בייזע שנאה און ס'האט אויסגעזען, ווי זיי וואלטן זיין גרייט זיך צו ווארפן אויף מיר, האבן זיך אפגערוקט פאַרשעמטע. אז דער פּוילישער רב קאן אזוי רעדן צו מיר, איז יאסל נישט גערעכט, זענען זיי נישט גערעכט. אבער איך האב אפילו נאכדעם א לאנגע צייט נישט אויפגעהערט צו קאָרטשען זיך אין אומבאשרייבלעכע יסורים.

איך ווייס נישט ווער עס האט אָנגעזאגט וועגן דעם אין דער היים. איך ווייס נאר, אז ווען איך בין אהיים געקומען האט די מאמע געזאגט, אז זי וועט מיך מער נישט לאזן גיין אין קלויז אריין. דער טאטע האט געשוויגן, נאר געשלונגען דאס שפּייעכץ, ווי אלעמאל ווען ער האט פון עפּעס געהאט גרויס צער. איך האב זיך געטראכט: איך וועל דווקא גיין. אויב איך בין שולדיק ,אויב עס איז טאקע אמת, אז די גרויסע צרה אויף דער שטאט האב איך געבראכט, זאל איך קריגן וואס איך פארדין. אויסגעלאָזט האט זיך אבער, אז עטלעכע טעג נאכדעם בין איך נישט געגאנגען. אבער מיין לעבן איז געווען צופיל פארקנופּט מיט דער קלויז, אז איך זאל לאנג קאָנען אויסהאלטן אין דער היים. גיין אין טאטנס געוועלב אריין און זיך איינשפּאנען אין געשעפט, ווי דאס האט געטון מיין עלטערער ברודער חיים־פסח, דאס האב איך נישט געקאָנט. פון קינדוואייז אָן האב איך פיינט געהאט די קעלט, דאס שווארצקייט און דעם זשאווער, וואס האט זיך דאָרט געטראָגן פון די אומציילינקע לאַנגע שטאבעס אייזן און שטאָל; פון די פלוג־בלעכן און בראָנע־נעגל; פון די פלאָטן, אָקסן און בוקסן; פון אלערליי סאָרטן זאַוויעסעס, ריגלען און שלעסער; פון שרופן, פיילן, עגבערס און אלערליי טשוועקעס; פון העק, זעגן און זעגלעך; פון די גלאנציקע בלעכן און צינק־בלעכן. איך האב אפילו נישט געקאָנט פארטראגן די געשליפענע מעשענע און ניקלנע באשלעגן און די אלערליי סאָרטן אייזערנע און עמאלירטע געשירן, מיט וועלכע אונדזער געוועלב איז געווען פול. נאך

מער פיינט האב איך געהאט די אלע פארבן, איילן, לאקירן, טערפענטינען און וואקסן, וואס האבן זיך געפונען אין אונדזער געשעפט, וואס פון די מערסטע האבן זיך געטראגן שארפע, אדער איבלדיקע ריחות. גלאט ארומגיין שלינג און שלאנג האב איך אויך נישט געקאנט. מיר האט געפעלט די קלויז, וואס איז געווען נישט בלויז אן ארט פון לערנען, נאר אויך א מין קלוב און צענטער, ווו מען האט זיך געשארפט די צונג און דעם וויץ; ווו מען האט געזונגען און געוואיעוועט, געשלאגן זיך, גערעדט, בארעדט, געהערט און דערציילט זיך אלערליי מעשיות, א סך מאל אפילו גערעדט „עזותקייטן", אדער אויסגעזוכט פעפערדיקע שטעלן אין גמראס און אין שאלות־ותשובות־ספרים.

ארום פורים־צייט, ווען מען האט געמיינט, אז די קראנקייט האט זיך שוין אפגעטון, האט זי זיך פלוצים אויפסנייע צעפלא־קערט. אין יענער צייט האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז מען וועט שטעלן ראדאמישלע אונטער קאראנטין, קיינעם נישט ארייגלאזן און נישט ארויסלאזן פון שטאט. דאס האט אנגעווארפן אויפן שטעטל נישט ווינציקער פחד, ווי דער טיפוס. מחמת ביי אונדז האבן זיך יעדן דאנערשטיק געשטעלט גרויסע יארידים, פון וועלכע סיי יידן, סיי גויים, האבן געצויגן דעם גרעסטן טייל פון זייער חיונה. שטעלן ראדאמישלע אונטער קאראנטין, וועט מיינען אפשטעלן די יארידים און אפשניידן פון אלעמען די פרנסה. עס איז וועגן דעם גערופן געווארן א ספעציעלע זיצונג פון דער „ראדע" אין דער גמינע. אויף דער זיצונג האבן גויאישע ראדניקעס געשריגן, אז יידן מוזן זען עפעס צו טון, ווארים מען וועט נישט דערלאזן, אז קאטאליקן זאלן זיין קרבנות פון א שטראף, וואס יידן האבן אויף זיך אראפגעצויגן פון הימל פאר עפעס א זינד זייערער. די יידישע ראדניקעס האבן גארנישט געענטפערט. זיי האבן גארנישט געקאנט ענטפערן, מחמת די נישט יידישע באפעלקערונג איז פון דעם טיפוס כמעט נישט באריט געווארן. איז טאקע אויסגעקומען, אז אויב מען וועט ראדאמישלע שטעלן אונטער קאראנטין, וועלן די גויאישע איינוווינער ליידן איבער א קרענק, וואס בושעוועט בלויז צווישן יידן. נאך דער זיצונג זענען דער גויאישער בורמישטש און דער יידישער וויצע־בורמישטש געפארן קיין מיעליץ צו דער באצירק־הויפטמאנשאפט. דער גויאישער בורמישטש האט אוועקגעלייגט זיינע טענות, דער יידישער וויצע־בורמישטש האט איבערגעלאזן און „פארגעסן" גרינע פאפירלעך אויפן גרינעם טיש און די קאראנטין־גזירה איז אפגעשריגן געווארן.

ערשט איצט האט אנגעהויבן צו קאכן ביי די יידן פון ראדאמישלע. הערט נאר, הערט! אפילו זיי, די ערלים, ווייסן, אז מיר האבן אויף זיך געצויגן אן עונש מן השמים און מיר מאכן זיך נישט ווויסנדיק. פארוואס שווייגט מען? די ערשטע צו שרייען האבן אנגעהויבן די בית־המדרש יידן. זיי האבן געווארפן די שולד אויף דער קלויז, אלץ פון דארטן! מען האט זיך דערמאנט אן א סך חטאים פון דער קלויז. ווי אזוי קלויז־יידן האבן אין זייער גאווה זיך אפגעריסן פון גאנץ קהל און געמאכט שבת פאר זיך, ווען מען האט איינגעטיילט ש"ס פאר א סיום־התורה. מען האט זיך דערמאנט, אז ביז די קלויז איז געווען פארטיק מיט איר סיום, האט מען אים שוין נישט געקאנט פראווען ווי געהעריק, ווייל אין שטאט איז שוין ארומגעגאנגען די געפערלעכע שלאפקייט.

אנדערע האבן זיך דערמאנט, אז א קלויז־ייד האט מבייש געווען דעם רב ביי קידוש־החמה און ביי אים אויסגעכאפט די ברכה. אבער מער פון אלץ האט מען גערעדט, אז סוף־כל־סוף איז דאך א ספר־תורה פארשוועכט געווארן נישט אין בית־המדרש, נאר אין דער קלויז. באלד האט מען אויך אין דער קלויז אנגעהויבן מתרעם צו זיין אויף די שיינע יידן, די גרויסע לומדים, ווי דער פוילישער רב, ר' אלטער לייצעס און אנדערע, למאי זיי האבן גענומען אזוי לייכט דעם ענין מיט דער געפאלענער ספר־תורה. אבער דער עיקר האט מען אנגעהויבן צו מורמלען קעגן דעם רב. פארוואס איז ער געווען אזא מקיל? פארוואס האט ער נישט גוזר תענית געווען ווען דאס אומגליק איז געשען? פון אלע זייטן האבן זיך אנגעהויבן צו הערן געשרייען, אז מען טאר נישט שווייגן, אז עפעס מוז געטון ווערן. א קלייניקייט? מען קאן דאך נישט לאזן אויסגיין א גאנצע שטאט!

פאר פסח האט מען זיך ארומגעזען, אז דאס, וואס די קראנקייט האט ארום פורים־צייט צוגענומען, איז געווען בלויז א לעצטער פלאקער. שוין צוויי וואכן, אז קיין נייע חולאים זענען נישט צוגעקומען און די, וואס ליגן קראנק פון פריער, האלטן ביים בעסער ווערן. פונדעסטוועגן האט שטאט נישט אויפגעהערט צו מאנען, און דער רב האט סוף־כל־סוף נאכגעגעבן. אין ערשטן טאג פסח האט ער געלאזט אויסרופן אין שול, בית־המדרש און קלויז, אז אין ערשטן טאג חול־המועד, באלד נאך מנחה־מעריב, וועט זיין אן אסיפה אין קלויז, קיינער זאל נישט פארפעלן צו קומען. נאך איידער מען האט זיך יענעם פארנאכט געשטעלט דאווענען, איז די קלויז שוין געווען איבערגעפאקט. באלד נאך מעריב האט מען אויסגעשטעלט א ריי טישן אין דער פארם פון א „חית". דער רב האט זיך געזעצט אויבן־אן, אים צו ביידע זייטן — די לומדים פון קלויז און בית־המדרש, אויסגעמישט מיט די נגידים, וואס עטלעכע פון זיי זענען אליין געווען גרויסע לומדים. דערנאך, לויט זייער ראנג, די שיינע באלעבאטים. דער איבעריקער עולם איז געשטאנען צונויפגעדריקט אין דעם חלל פון דער „חית" און פון וואנט צו וואנט. געעפנט די אסיפה האט דער רב מיט א שטילער תפילה — מער געמורמלט פאר זיך, ווי פארן עולם. דערנאך האט זיך אנגעהויבן א שטילער וויכוח, צווישן אים און די, וואס זענען געזעסן נעבן אים. בלויז די נאענטסטע האבן געקאנט הערן. דער עולם, וואס איז געשטאנען, האט אויסגעקרימט די העלדזער און געשפאנט אנגעשטעלט די אויערן. מיט אמאל האט זיך פון מיטן עולם דערהערט א רוף: „העכר אביסל! מיר ווילן אויך הערן. כל העדה כולם קדושים!".

דער רוף האט צעטומלט. ווי דער שטייגער ביי אזוינע פאלן, זענען באלד געווארן צוויי צדדים. איין צד האט אונטערגעכאפט: „העכער! מיר ווילן אויך הערן!" דער צווייטער צד האט געשריגן: „שא!" אבער דער צד, וואס האט געשריגן „העכער", האט גובר געווען. אויבן־אן, נעבן רב, האט מען אנגעהויבן צו רעדן העכער. אבער דער טומל צווישן עולם האט זיך נישט איינגעשטילט. דער טומל־ארויס־רופער האט צוערשט גערעדט גאנץ שטיל צו די, וואס זענען געשטאנען נעבן אים. דערנאך האט ער הויך אויפן קול א ווארף געטון איבער די קעפ פון עולם אין דער ריכטונג צום רב: „און איך זאג, אז שולדיק איז דער רב, דער מרא דאתרא! אין שטאט איז געשען א נבלה, א ספר־תורה

איז פארשוועכט געווארן! מען האט געלאָזט, אז א ייִנגל, א ראָצער, א סמאַרק, זאל עס גיין ברענגען און ער האט עס אראפגעלאזט. וואס־זשע האט געטון דער רב? דער מרא דאתרא? האט ער גוזר טענית געווען? האט ער געלאזט קלאפן אין שול אריין, מען זאל זיך צוזאמענקומען און בעטן מחילה און סליחה? ניין! מיט ח״י צ״ל אפגעפטרט, מיט ח״י צ״ל, ווען ער האט געוווסט, אז איבער דער שטאָט הענגט א סכנה, רחמנא ליצלן. וואס איז דאס פאר אן אומגליק אזא, אז אין אלץ זוכט ער נאר ווי אזוי מען קאָן מקיל זיין?״

גערעדט האט דאס דודל יאמינס, אדער דוד באזשנע. דודל יאמינס האט מען אים גערופן אויפן נאמען פון זיין שווער בנימין בלומענקראנץ, וואס איז גֶעווען דער עלטסטער זון פון דעם שוין דערמאנטן דיין ר׳ רפאל־הערש בלומענקראנץ. דעם צונאמען „באָזשנע״ האבן אים ייִנגלעך געגעבן, פאר זיין איבערגעטריבענער פרומקייט און פאר זיין קרימען זיך אויף אַלץ אין ראדאמישלע. אליין איז ער געווען א באָבאָווער, א זון פון גבאי ראשון ביים אלטן באָבאָווער רבין ר׳ שלמהלע האַלבערשטאַם; און אין אים האט שוין געשטעקט דאס חוצפהדיקע איבערנעמען זיך, מיט וועלכן ס׳האבן זיך שפעטער אויסגעצייכנט די מערסטע באָבאָווער חסידים, וואס האבן געהאלטן, אז עס איז דא בלויז איין גאָט און איין רבי — דער באָבאָווער! ווען ער האט אָנגעהויבן צו רעדן, האט א טייל פון עולם אים געוואָלט שטערן. אבער ער איז נישט געווען פון יענע, וואס מען קאָן אפשטעלן. עס האט זיך אויך באלד ארויסגעוויזן, אז א גרויסער טייל פון עולם איז מיט אים מסכים. וואָרים פון אלע זייטן האט מען צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, אז ער איז גערעכט. ער האט געוואָלט נאך עפעס זאגן, אבער דא האט זיך מיטאַמאָל געטון א שטעל אויף דער רב און געשריי געטון: „התורה לא בשמים היא!״

אונדזער רב איז געווען א הויכער, א גלייכער, מיט גריסע שווארצע און אין זיך ארייננקוקנדיקע טיפע אויגן. ווען ער האט זיך איצט געטון אזא שטעל אויף, האט זיך אים דאס שטריימל פארוקט אויפן נאַקן און ער האט אויסגעזען נאך העכער ווי געוויינלעך. זיין הויכער שטערן איז געווען זייער ווייס און נאך ווייסער האבן זיינע באקן ארויסגעקוקט פון דער דיקער, לאנגער, שווארצער בארד. מ׳האט געקאנט זען, אז די הענט זיינע, וואס האבן זיך אנגעשפּאַרט אָן טיש, האבן שטאַרק געציטערט. אזוי ווי ער איז כל ימיו געווען א חלוש און האט געליטן פון שווינדזוכט, איז אים דאס קול געבליבן שטעקן אין האלדז און פון דעם ענגן האלדז האט זיך עס א ריס געטון אזוי אויסטערליש, אז עס האט אויף אלעמען אנגעווארפן א פחד.

אין קלויז איז איצט געווען אזוי שטיל, אז אין די אויערן האט געבלאָנדזשעט דער אפקלאַנג פון דעם רבס פארשטיקט קול. ווען ער איז אביסל געקומען צו זיך, האט דער רב צוגעגעבן, נאך אלץ מיט כעס, אבער שוין איינגעהאלטענער:

„און ווי דער דין איז, דאס ווייס איך, און נישט יענער דאָרטן־אָ. איך האב געפסקנט, ווי איך האב געפסקנט נאך דעם ווי איך האב אויסגעהערט עדים נאמנים און, שהדי בשמים, אז נישט, חלילה, פון קלות־ראש״.

איצט האט מען פון אלע זייטן זיך געוואלט א ווארף טון אויף דודל יאמינס. אבער די שיינע יידן אויבן־אָן האבן געקלאַפּט אין טיש, ס׳זאל זיין שטיל. צוויי פון זיינע מקורבים האבן דעם רב אוועקגעזעצט און עס איז סוף־כל־סוף שטיל געווארן, הגם פון דא און דאָרטן האבן זיך נאך אלץ געטראָגן „חצוף!״ „מנובל!״ „שייגעץ!״ „אויסוווּרף!״ און נאך אזוינע אויסרופן אויף דודלס חשבון. איצט האט זיך ווידער אנגעהויבן א שטילער וויכוח צווישן רב און די מענטשן נעבן אים, אבער ער האט נישט לאנג געדויערט. גאר גיך האט זיך דער רב ווידער אויפגעשטעלט און דאָסמאָל איז ער שוין געווען אינגאנצן רואיק. ער האט געלאזט וויסן דעם עולם, אז ער און די אנדערע לומדים האבן אויפסניי ארומגערעדט דעם גאַנצן ענין און אלע זענען מסכים מיט אים, אז ער האט געטון אלץ וואס מען האט געדארפט טון. וואָרים, דאס ספר־תורה איז, חלילה, נישט פאר׳שוועכט געווארן. מען האט עס נישט אראפגעלאזט. עס איז אויך נישט געפאלן אויף דער הוילער ערד. מען האט אויך דעם בחור געמעגט לאזן טראגן די הייליקע תורה, ווייל ער איז שוין א גאנצער ייִד גלייך מיט אלעמען און ער ווייס ווי שטאַרק אפגעהיט מען דאַרף זיין מיט א ספר־תורה. אים האט, נעבעך, געטראפן א מכשול. אבער פונקט אזוי האט דער מכשול, חלילה, געקאנט טרעפן יעדן איינעם. אלץ וואס מ׳האט געדארפט טון על־פי־דין, איז גֶעטון געווארן. נאר אזוי ווי אדם מועד לעולם און שגיאות מי יבין? און אזוי ווי עס געפינען זיך מענטשן און שטאָט, וואס מיינען, אז מען האט נישט געטון אַלץ וואס מען האט געדארפט, „על כן האבן מיר ליתר־עוז מחליט געווען בהחלט כולם, אז אזוי ווי עס איז געווען א מכשול מיט א ספר־תורה, זאל מען מתקן זיין מיט לאָזן שרייבן א נייע ספר־תורה; און אזוי ווי דער מכשול איז געווען אין קלויז, דארפן קלויז־יידן לאזן שרייבן דאס נייע ספר־תורה; און אזוי ווי דער מכשול איז ארויסגעקומען דורך א בחור, זאלן די בחורים פון קלויז אויך עפעס טון. זיי האבן א חברה קנין־ספרים, זאלן זיי אויך מאכן א חברה כלי־קודש און מיט דעם געלט וואס זיי וועלן צווישן זיך זאמלען, וועט מען קויפן א נייעם כתר, ציץ און יד פאר דער קלויז. און השם יתברך זאל העלפן, אז די מחלה רחמנא ליצלן זאל זיך שוין אינגאנצן אָפּטון און מיר זאלן מער נישט געפרווּט ווערן מיט קיין שלעכטס. און הקדוש ברוך הוא זאל אונדז שיקן דעם גואל צדק בקרוב בימינו, אמן״.

ווען דער עולם האט זיך אנגעהויבן פארנאנדערצוגיין, זענען גֶעפלויגן פעטש צווישן דודלען און אן אנדערן יונגן־מאן. אויף מאָרגן האט מען געהערט, אז בית־המדרש־יידן ווילן נישט בלייבן הינטערשטעליק פון דער קלויז און מען שמועסט, אז אויך זיי וועלן לאזן שרייבן א נייע ספר־תורה. אט אזוי האט זיך די זייער טראגישע מעשה פארן שטעטל פארענדיקט כמעט ווי זי האט זיך אנגעהויבן, מיט א קאנקורענץ צווישן דעם בית־המדרש און דער קלויז. נאר מיר, קלויז־בחורים, האבן טעג נישט געקאָנט פארגעסן, ווי אזוי אונדזער רב האט געקאָנט שטעלן אזוי שטאַרק אויף זיך און אויסרופן: „די תורה איז נישט אין הימל!״ מיר זענען אלע געווען זייער שטאָלץ אויף דעם.

* * *

דאס אַלץ איז זיך פארלאפן אין תרנ״ז און תרנ״ח, וואס לויט דער אלגעמיינער צייטרעכענונג זענען זיי אויסגעפאלן אין די בירגערלעכע יארן 1897 און 1898. אין יענע צוויי יאר איז דאס יידישע לעבן אין דער גאנצער וועלט אויפגעטרייסלט געווארן פון אזוינע צוויי גרויסע געשעענישן, ווי

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס און די אויפגעלעבטע מעשה דרייפוס. אָפּקלאַנגען פון די דאזיקע געשעענישן האבן זיך, נאטירלעך, אויך דערטראגן צו אונדז. מיין פעטער אהרן פערטיק, האט שוין דעמאלט אויסגעשריבן דייטשע און פוילישע צייטונגען פון ווין, קראקע און לעמבערג. ביי אונדז אין ראדאמישלע האט מען אפילו געוווסט, אז אין דער נאענטער „גרויסער שטאט" טאַרנע, אדער טאַרנאָוו, איז פאראן א יידישער אדוואָקאַט, ד"ר זאַלץ, וואס האט געגרינדעט א חברה ציון, געקויפט לאַנד אין ארץ־ישראל און געגרינדעט א קאָלאָניע מיטן נאמען „מחניים". נאר ד׳אס זענען אַלץ געווען אפקלאנגען פון א וועלט, וואס האט עפעס א שטיקל שייכות צו אונדז, אבער זייער א ווייטע און א פרעמדע. ביי אונדז איז דאס לעבן נאך געווען אזוי טיפיש יידיש־חסידיש, אזוי ווי אין די טעג פון חוזה, אדער גאר פון בעש"ט.

מיין פעטער אהרן פערטיג, אדער זיין פריינד און רבי, דער „רעליגיאָנס־לערער" בלומענבלאט אין דער שטאָטישער שקאלע, האבן מיט זייער אויפירעכץ געהאט צו שטארק איבער־געריסן מיטן איינגעשטעלטן לעבן, דורכדעם זיך אליין געשטעלט מחוץ למחנה, ממילא נישט גֶעקאָנט האבן די השפעה, וואס זיי האבן געוואלט האבן. די גרויסע וועלט־געשעענישן, ;וואס זענען דורך מיין פעטער דערגאנגען צו אונדז, האבן דאס היימישע לעבן אויף א האר נישט אָנגערירט. דערפאר אבער האט אזא קליינע, אומבאדייטנדיקע אָרטיקע געשעעניש, ווי דאס אוועקפארן פון איין איינציקן מענטשן, אין בלויז געציילטע חדשים, געפירט צו אן אמתער איבערקערעניש. לכתחילה בלויז אין לעבן פון עטלעכע יונגע מענטשן. אבער גאר גיך האט א היפשע טייל פון דער יוגנט אנגעהויבן צו רעדן אנדערש, זיך אנטון אנדערש און זיך אויפירן אזוי, אז דאס לעבן אין ראדאמישלע האט אנגעהויבן צו קריגן א גאנץ אנדער פנים.

דער איינציקער מענטש איז געווען מיין אלטער ידיד און רבי, יוסף מאַרגאָשעס, איצט דער זקן־הסופרים דא אין ניו־יארק, דער פאטער פון מיין יוגנט־פריינד ד"ר שמואל מארגאשעס און זיין ברודער, קאָלעגע הערמאַן מאַרגאָשעס. צו אונדז איז יוסף מארגאשעס גֶעקומען פון לעמבערג כמעט אין איין צייט ווען איך בין געבוירן געווארן. זיין פאטער, א ראש־הקהל פון לעמבערג, איז געווען א חסידישער ייד און דער גרינדער פון דער חברה „מחזיקי הדת", וואס איז געשאפן געווארן פון די פרומע יידן, ווי אן אָפּקער־מיטל קעגן די משכילים און אסימילאנטן. אבער דער יונגער יוסף, אדער „יאָשע" מאַרגאָשעס, ווי מען האט אים ביי אונדז גערופן פארצויגן, איז שוין אליין געווען א משכיל, ווען ער איז אנגעקומען צו אונדז ווי אן איידעם פון דעם רייכן גוטבאזיצער מרדכי דוד שטיגליץ. וואָלט ער געווען אן ארטיקער און אן אָרעמאַן, וואלט ער אפשר פאַרפאַלגט געוואָרן, ווי מען האט מיר יארן פריער פארפאַלגט מיין פעטער אהרן פערטיג. אבער פאר א גרויס־שטאטישן מענטשן, ו׳אס איז נאך א רייכער איידעם, האט מען שטענדיק געהאט דרך־ארץ. אחוץ דעם האט ער נישט געווינט אין ראדאמישלע גיפּא, נאר א מייל הינטער דער שטאט, „אויף דער אשיצע", ווו ער האט געהאט זיין פאָסעסיע. אין שטאט אריין פלעגט ער קומען בלויז איינמאל א וואָך, אדער איינמאל אין צוויי וואָכן, אויף אַ טאָג, אָדער אפילו בלויז אויף עטלעכע שעה.

איך געדענק נאך ווי היינט ווי מען האט אים שטענדיק נאכגעקוקט, ווען ער איז אראפ פון זיין בריטשקע און זיך געלאזט גיין איבערן מאַרק. ער איז געווען זייער שיין און זייער איינדרוקספול אין זיין האלב־חסידישער און האלב־„דייטשער" הלבשה, וואס האט זיין הויכער געשטאַלט צוגעגעבן פריצישקייט און פאַרנעמקייט. מער פון אַלץ האבן אים נאכגעקוקט פרויען. איך גֶעדענק, אז ווען איך בין נאך געווען א יינגל, האב איך געהערט ווי איין פרוי האט געזאָגט צו א צווייטער, ווען ער איז פארבייגעגאנגען: „אז עס טאנצט דאך די ערד אונטער אים!"

יוסף מארגאשעס איז צום ערשטן מאל אוועק קיין אמעריקע אין יאנואר 1898. אין זיין היים, אויף דער פאָסעסיע, האט ער געהאט א גרויסע און רייכע ביבליאטעק. כל־זמן ער איז געווען אין דערהיים, האט זיך קיין פרעמדער צו זיין ביבליאָטעק ניט צוגֶערירט. אבער אזוי גיך ווי ער איז אוועק האט זיין שוואָגער, בערל לעוו, אנגעהויבן צו שלעפן פון דאָרטן אלערליי ספרי־השכלה ומחקר, מיט וועלכע ער האט געוואָלט אביסל „אויסמענטשלען" זיין עלטסטן זון, מלך. צו מלכן האבן זיך די ספרימלעך נישט צוגעקלעפּט. ער האט געהאט א פלאטשיקן קאָפּ. אחוץ דעם האט ער גלאט נישט געהאט קיין געדולד אריינצוקוקן אין א ספר. אבער דורך אים האבן די ספרימלעך אנגעהויבן צו גיין פון האַנט צו האַנט און זיי האבן אין עטלעכע יונגע הערצער אנגעצונדן א פייער, וואס האט אינגיכן פארכאפּט אַלץ מער און מער. איך בין געווען דער ערשטער פארכאַפּט צו ווערן פון דעם פייער. דאס ערשטע ספרל האב איך געקראגן ביי מלכן נאך פסח און אין צוויי וואָכן ארום האב איך שוין געהאט איבערגעלייענט אלע, וואס זיין טאטע האט געבראכט פון דער אשיצע.

אין יענער צייט איז געקומען א פרעמדער מוכר־ספרים קיין ראדאמישלע און צום ערשטן מאל האב איך זיך דערוווסט, אז אחוץ די פרומע ספרים, וואס ער האט אויסגעלייגט אויף א לאנגן טיש אין קלויז; און אחוץ דעם ביסל רומל מיט די צענדליקער פאקעטערעגער־ביכלעך אויף עברי־טייטש, האט ער געהאט אונטערן טיש נאך אנדערע סאָרטן ספרים. עס האט מיר נישט גענומען לאַנג צו דערגיין, אז דאס זענען יענע ספרים, נאך וועלכע איך גיי אויס.

יענעם זומער האב איך אנגעהויבן צו לערנען פאר זיך אלע פארטאג ווי אין די צוויי פריערדיקע זמנען. אבער דאס איז געווען מיין איינציקער שיעור און לאנג האט אויך דער איין שיעור נישט אנגעהאלטן. די נייע ספרים האבן פארשטופּט די גמרא. גאר אינגיכן האב איך דערפילט, אז ס׳איז מיר ענג אין ראדאמישלע. די גרויסע, ווייטע וועלט, אין וועלכער איך האב מיט א קנאפּ יאָר פריער געהאט גֶעכאפּט א בליק דורך דעם ראָמאן „מסתרי פריז", איז איצט מיט יעדן טאג געווארן אלץ גרעסער און שענער. לגבי דעם גרויסן, בלענדנדיקן ליכט, וואס האט זיך געטראגן פון יענער גרויסער און ווייטער וועלט, האט ראדאמישלע מיר אויסגעזען קליין, ענג, שטיקנדיק און פינצטער. איין פארטאג, ווען אלע אין הויז זענען נאך געשלאָפן, האב איך שטיל אויפגעקייטלט דאס טויער און זיך ארויסגעגנבֿט. אונטערן לינקן אָרעם האב איך געטראגן מיין פלושן תפילין־זעקל, אבער די רעכטע האַנט האט געהאלטן אין איין טאַפּן די רעכטע הויזן־קעשענע. אין דער קעשענע איז געלעגן א זילבערנער חפץ, אן אַנטיק, וואס איז ביי אונדז געלעגן א ירושה פון אן עלטער־זיידן.

מיט דעם חפץ, וואס איך האב געוווסט, אז כ׳קאן פאר אים קריגן א היפשע מטבע, בין איך יענעם פרימארגן צום ערשטן מאל אַנטלאָפן פון דער היים.

אין דרויסן זענען די ווייס־געקאלכטע הייזער נאך געווען בלוילעך, נאר אונטערן הימל האט שוין געקרייזט מיט געפלוידער א גרויסע טשאַטע שווארצע פייגל. א רגע בין איך געבליבן שטיין. אפשר זיך פארנעמען, ווי שטענדיק, מיטן מארק צו דער קלויז? אבער נאך איידער וואס־ווען האבן די פיס מיך שוין געטראגן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, מיט דער לאנגער וואָל־גאַס אויפן וועג קיין טאָרנע, דאָרטן וועל איך פארזעצן דאס זילבערנע חפץ און מיטן געלט פארן ווייטער — קיין קראקע, אדער אפשר גאר קיין ווין. דאס הארץ האט געקלאפט, נאר די פיס האבן געשפאַנט ווי פון עמעצן געטריבן. אט בין איך שוין אויף יענער זייט וואל און אט בין איך שוין אויך אריבער די ווילקע און ראדאמישלע איז געלעגן הינטער מיר. די זון האט אנגעהויבן אויפצוגיין איבער א נעפל ווייס ווי מילך, וואס איז געשטאנען דיק פוןביידע זייטן וועג און אַלץ פאַרשטעלט. מיטאמאל האבן איבער דער ווייסקייט אנגעהויבן צו שפילן קליינע פיצלעך רעגנבויגן, דא און דאָרטן האבן זיך אנגעהויבן ארויסצושיילן קוסטעס, ביימער, קיילעכדיקע שטיקער פעלד; און העט ווייט צו דער רעכטער זייט, ביים ברעג פון הימל, דער שווארצער קאַם פון א וואַלד. דער נעפל איז געווארן שיטערער און ערטערווייז באגילדט. אויף א דין ריטל פון א ווערבע־קוסט, הארט ביים וועג, איז געשטאַנען א גאלדענע לערך, מיטן קעפל פאריסן צום הימל און איז זיך פארגאנגען אין א וואונדערלעך געזאנג. מיר האט מיטאמאל אנגעהויבן צו נאָגן ביים הארצן. איך האב געקראגן גרויס רחמנות אויף זיך אליין, וואס איך וועל דאס מער קיינמאל זען און מער קיינמאל נישט הערן און האב נישט געוווסט, אז אין בלויז דריי טעג ארום וועל איך שוין זיין צוריק.

משה גאלד הי״ד

משה גאלד איז געבוירן אין גרויס ראדאָמישלע, אין יאר 1909. ער איז געווען אַ זון פון ר׳ אהרן גאלד, אַ באַקאַנטער תבואה־סוחר, אַ מיטגליד פון דער פארצווייגטער פאַמיליע גאלד.

משה האט געלערנט אין חדר און באַזוכט די פוילישע פאלקסשול אין שטעטל. דער עיקר האט ער זיך אבער אויסגעצייכנט מיט זיין העברעיש קענען. זייענדיק גאר א ייִנגל (פון 13־12 יאר) האט ער געלערנט זיך אויף העברעישע קורסן צוזאמען מיט דערוואקסענע, 18־16 יעריקע. אַ געוויסע צייט האט ער געלערנט צוזאמען מיט אנדערע בחורים ביים ראדאמישלער רב ר׳ חיים ענגל. שפעטער — אין קראקע, אין ראדאמסקער ישיבה. ער קומט אין שטעטל זיצט און לערנט געשמאַק אין בית המדרש און פארעפנטלעכט פון צייט־צו־צייט פון זיינע ליטערארישע שאַפונגען. אין די שפעטע דרייסיקער יארן האט ער חתונה מיט מרים וואלף, די טאכטער פון ר׳ פיניע וואלף און עפנט זיך אַ געשעפט פון ראווערן־צודאטן. מיט דעם ערשטן אריינמאַרש פון דער דייטשער ארמיי קיין פוילן, אַנטלויפט ער קיין לעמבערג. ער קומט אַבער שפעטער צוריק און קומט אום אויף קידוש השם, צוזאמען מיט דער גאנצער ראַדאָמישלער יידישער עדה קדושה.

פון קינדווייז אָן האט משהן געצויגן צו שרייבן. ייִנגלווייז זייענדיק אַ שטענדיקער לעזער פון „היינט", דרוקט ער דארט אין „פראווינץ שפיגל" די ערשטע הומאריסטישע קארעספאדענץ פון שטעטל (אין יאר 1925 אדער 1926).

אין דער „אנטאלאגיע פון רעליגיעזע לידער און דער־ציילונגען" (שאַפונגען פון שרייבער אומגעקומענע אין די יארן פון דעם יידישן חורבן אין אייראפע) אונטער דער רעדאקציע פון משה פראגער (פונוואנען מיר האבן די דערציילונג „תהלים זאגער"), לייענען מיר פאלגנדיקס וועגן אים: „משה גאלד, געבוירן ראדאמישל (גאליציע), אומגעקומען אין די חורבן יארן. ער איז געווען איינער פון די טוער און ארגאניזאטארן פון דער ארטאדאקסישער באַוועגונג „צעירי אגודת ישראל" אין גאַליציע און באטייליקט זיך אין אירע צוזאַמענפארן. אַנגעהויבן שרייבן האט ער אין דער ווארשעווער ארטאדאקסישער טאג־צייטונג „דאס יידישע טאגבלאט" מיט א רייע סקיצן אויפן פאן פון די יידישע נשמה־איבערלעבענישן בעת דער נאצי איבערקערעניש אין דייטשלאַנד. ער האט זיך אויך באַטייליקט אין ארגאן פון „פועלי אגודת ישראל" — „די יידישע ארבעטער שטימע", מיט שילדערונגען אויף סאציאלע מאָטיוון. גלייכצייטיק האט ער געשריבן אין העברעיש. זיין סקיץ דער „תהלים זאגער" איז איבערגעזעצט פון זשורנאל „דרכנו". זיין גורל אין די חורבן יארן איז אומבאקאנט".

מ. א.

משה גאלד

דער תהילים־זאגער

פון די שטעטלישע טיפן

צו קיין „חברה תהלים" געהערט ער אפילו נישט אָן, — וואָרעם אין אונדזער שטעטל איז אזא חברה דווקא נישט בנמצא. און זאָל מען גענוי בדקענען זיין התנהגות אין בית־המדרש יעדן פרימאָרגן, — וועט גאָר אַרויסוואַקסן אַ גרויסער ספק, צי ער פטרט צומאָל יעדן טאָג זיין „יום" תהלים... דאָך האָט דאָס שטעטל אים צוגעקלעפט דעם נאָמען:

— דער תהלים־זאָגער!

זאָגט עמעצער אין שטעטל: „דער תהלים־זאָגער" — ווייסן אלע, אַז דאָס מיינט מען נישט קיין אנדערן, ווי דעם קליינעם ר׳ לייבלען.

אַ קליינטשיקער איז ער, אַז יעדעס בר־מצווה־בחורל שטייגט אים איבער מיטן גידול זיינעם. אַ בערדעלע האָט ער, אז קיין „חצי שיעור" האָט עס אפילו נישט. דאָס פיצעלע בערדעלע

איז גלאַנציק־זילבערדיק, חלילה נישט פון זקנה, אלא וואָס דען? סתם אַזאַ סאָרט זילבער־קאָליר איז עס... דער שטערן זיינער איז געל ווי וואַקס, אלא וואָס דען, קיין סימן פון קיין קנייטשל איז נישטאָ דאָרט צו געפינען. אַ קנייטשל איז אַ חותם פון דאגות; און זיינע בליציק־טאַנצנדיקע קליינע אייגעלעך זאָגן עדות, יעדע שעה און יעדע רגע, אַז אַ קוואַל פון שמחה פליסט און פליוסקעט אינעווייניק אין דאָזיקן קליינטשיק־איינגעדאַרטן גופל.

אַ זריז איז ער, אַ גוזמא צו זאָגן. וואָס ער טוט, טוט ער אין איילעניש. די צייט לויפט דאָך אַזוי שנעל און תמיד רק ער לויפט גיך־גיך צו דעריאָגן די אַנטלויפנדיקע צייט. נישט ער לויפט איבער דעם שאָטישן געסל, גיכער שוועבט ער אין דער לופטן. אויף זיינעביידע דריבנע פיסלעך שוועבט ער מיטאָמאָל, ווי ער וואָלט ממש געווען געפלויגן.

זיין הייזקע ליגט אַ פאַרוואָרפענע אין עק־שטעטל. קליין און איינגעזונקען איז די הייזקע, מערער אין דר׳ערד, ווי אויף דר׳ערד... דער שטרויענער דאָך איז שוואַרץ ווי סאַזשעס. אַרום דעם דאָך זענען זיך צעוואַקסן ווילד־גרינע גרעזער, וואָס שטייגן נאָך העכער פאַר דער הייזקע. איין־איינציקער בוים שטייט פאַר די הייזער, דאַר און נעבעכדיק, ווי אַן אָרעמער שומר פון אַזאַ אַלט־פאַרזונקענער הייזקע...

זיין מסחר איז — אַלטע שיך. פולע הויפנס וואַלגערן זיך אַרום די אָפּפאַל־שיך אויפן דיל און עס דוכט זיך, אַז פון דעם פאַרסאַזשעטן סופיט און פון די שוואַרץ־קלעפּיקע ווענט שיט זיך כסדר אַרונטער דאָס דאָזיקע אַלט־פאַרשימלטע שיכוואַרג.

שטעלט זיך אַמאָל אָפּ עמעצער פון די פאַרבייפאָרנדיקע פויערן פאַר דער האַלבפאַרזונקענער הייזקע און האַנדלט־איין אַ וואָזשנע „יקר המציאות" — פאַר עטלעכע גרייצערס: אַ פּאָר צעריסן־פאַרלאַטעוועטע שטיוואַלעס, וואָס דאָס רעגן־וואַסער רינט־אריין דאָרטן דורך איין לאָך און רינט־ארויס דורכן צווייטן; אָדער גאָר אַ קאָמפּלעט אָפּגעטראָגענע בעלי־בתישע „קאַלאָשן", פאַראיינצלטע יתומים, וואָס זענען פון דאָסניי געוואָרן צוזאַמענגעפּאָרט און לאָו־דווקא פון זעלביקן נומער...

דער פויערישער קונה לאָזט זיך אַהיים אַ גליקלעכער פון דער „מציאה" און דאָס קליין־דארינקע סוחרל איז גליקלעך צו האָבן דערווייל אָפּגעצערט זיין „פרנסה בריווח" אויף אַ גאַנצע וואָך ארויס...

נו, מילא, די פרנסה — אלא וואָס דען, אויף קיין מחלה, האָט ער, חס וחלילה, זיך קיינמאָל נישט געהאַט צו באַקלאָגן. אַ קליינטשיק, דאַר־פאַרקוואַרט גופל און צו קיין רופא דאַרף ער נישט אָנקומען. קיינמאָל אפילו אַ הוסט נישט געטון, קיין „קאַטאַר", במחילה, נישט אריינגעכאַפּט...

אלא וואָס דען, פאַרוואָס־זשע רופט מען אים „דער תהלים־זאָגער"? נישט בחינם וואַרפט זיך דאָס שטעטל מיט אַזאַ טיטול.

שבת אינדערפרי ווען דאָס לעצטע חסידישע מנין האָט זיך נאָך נישט אָפּגעזעגנט מיטן בית־המדרש, עטלעכע פון די פאַרשפּעטיקטע חסידים זענען זיך נאָך מפלפל וועגן אַ פשוטן פשט אין אַ שטיקל „אור החיים" — און ער, דער קליינער ר׳ לייבעלע איילט שוין צוריק אין בית המדרש אַריין. גיך־גיך איז ער פאַרטיק געוואָרן מיט דער שבתדיקער סעודה צוזאַמען מיט די זמירות; גיך־גיך האָט ער מיט אַביסל שבתדיק געצוימטע שפּרייזן פאַרבייגעשוועבט אַ היפּשן וועג פון זיין הייזקעלע ביז צום גרויסן בית־המדרש. ער איז דאָ. דאָס

בית־המדרש ווערט שנעל אָפּגעליידיקט. ער בלייבט איינער אליין. נעמט ער איצטער שפּרייזן אַזוי גיך־גיך מיט פריילעך־האָפּסלדיקע טריט איבער דעם ליידיקן בית־המדרש און עס דוכט זיך אַז די טאַנצנדיקע טריט זיינע שפּילן אויס אַ שבתדיק־חדווהדיקן זמרל...

אליין שפּרייזט ער אַן אינערלעך־צעטאַנצטער איבערן בית־המדרש, ביז עס קלייבט זיך לאַנגזאַם צונויף דער ערשטער מנין פון די שבתדיקע תהלים זאָגערס.

דער קלייניקער ר׳ לייבעלע שפּרינגט־אונטער צום עמוד. דער עמוד איז צו־הויך פאַר אים. ער ציט זיך אויס, שטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער און מיט פריידיק־טאַנצלדיקע אויגן דערגרייכט ער קוים צום „ברעטל". אַן אָפענער סידור ליגט אויפן „ברעטל" פון עמוד. ר׳ לייבעלע שפּיצט־אָן די ליכטיק־צעצונדענע אויגן, אַ שטייגער ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אינעווייניק אין סידור אַריין. אלא וואָס דען, ער זעט גאָרנישט, ווייל דער סידור ליגט צו־הויך. און זאָגן תהלים, זאָגט ער אויף אויסנווייניק...

ער איז דער פאָר־זאָגער. מיט זיין התלהבותדיקן תהלים־זאָגן רייסט ער אַלעמען מיט. זיין פנים איז צעפלאַמט, ווי ער וואָלט געשטאַנען אַקעגן אַ ברענענדיק פייער. יעדן פרק תהלים לאָזט ער אויס מיט אַ הילכיק־בשורהדיקן קול, ווי ער וואָלט אָנגעזאָגט אַ גרויסן נצחון. און יעדעס מאָל שפּרינגט ער אונטער, פלאַטערט אַרויף העכער, טאַנצלט־אונטער הויך־הויך מיטן דאַרן גופל, ווי עס וואָלט געווען פון „ספּרענזשינעס" און עס דאַכט זיך, אַז נישט ער איז דער קלענסטער צווישן עולם תהלים־זאָגערס, נאָר דווקא דער גרעסטער, און העכסטער פון אַלעמען..

נישטאָ קיין כוח אין דער וועלט, וואָס זאָל אים אָוועקרייסן פון דבקותדיקן תהלים־ניגון, — אויך נישט די „ווייסע חברהניקעס", וועלכע זענען זיך אָנגעלאָפן אויפן פּוסטן בית־המדרש־הויף און וואַרפן שניי־קוילן אין די קאַלירט־פאַר־פרוירענע שויבן; און אַפילו נישט די בייז־געוואָרענע תהלים־יידן, וועלכע לאָזן זיך מיט רוגזה אויף די קליינע חוצפהדיקע קונדסים.

דער קליינער ר׳ לייבעלע ציט ווייטער דעם תהלים־ניגון און זינגט־אויס די סוף־פסוקים פון יעדן פרק מיט אַ נצחון־שאַל...

און דערווייל, ווי די יאָרן זענען פאַרפלאָסן, האָט זיך אינעווייניק אין דאַרן גופל עפּעס אָפּגעריסן. ער האָט דעם סוד קיינעם נישט אויסגעזאָגט. און קיינער האָט גאָרנישט חושד געווען קיים שום שינוי אין אים. דאָס בערדעלע איז אַלץ געווען אַזוי זילבערדיק־ווייס ווי תמיד. און די אויגן האָבן פריילעך געפינקלט, ווי תמיד. אלא וואָס דען, דאָרט, באַהאַלטן אין פנימיות, איז עפּעס נשתנה געוואָרן. ער האָט זיך געמוזט צולייגן אין בעט.

צום ערשט האָט ער זיך צוגעלייגט אַביסל און איז צוריק אויפגעשפּרונגען אַ געשטאַרקטער. אַ שטייגער למשל — די זון אין אָסיען־צייט, ווען זי ראַנגלט זיך מיט די פינצטערע כמאַרעס און רייסט זיך פאָרט אַרויס. און אַז עס איז געקומען שבת־קודש — פלעגט ער זיך טאַקע איינגאַנצן אַרויסרייסן פון קראַנקן־בעט. ווי קיינמאָל גאָרנישט האָט ער גיך־גיך דורכגעשוועבט דעם וועג ביז צום בית־המדרש און זיך אָוועקגעשטעלט זאָגן תהלים מיטן זעלבן מונטער־האָפּערדיקן ניגון.

און געשען איז עס אין איינעם אַ ווינטערדיקן שבת. דאָס שטעטל איז געווען פאַרדעקט מיט אַ פריש־פּוכיקן שניי.

ר׳ לייבעלע דער תהלים־זאָגער האָט קוים געקענט אַרויסהייבן זיינע דינע און קורצע פיס פון דעם טיף־געדיכטן שניי. שריט ביי שריט האָט ער געמוזט גיין, ציילן יעדן שריט. און ביי יעדן שריט טיף אָפּציען דעם אָטעם. ביז ער איז קוים דער־גאַנגען אין בית־המדר״ש אריין.

ער האָט גיך־גיך אַראָפּגעצויגן דעם שווערן מאַנטל, ווייל ער איז דאָך געווען פֿאַרשפּעטיקט און דאָס מנין תהלים־זאָגערס איז שוין געווען אומרואיק. ער איז צוגעשפּרונגען צום עמוד און גענומען אָנשטעלן דעם ריכטיקן תהלים־ניגון — אלא וואָס דען, דאָס קול זיינס איז געווען הייזעריק, מאַט און דערשלאָגן. און ווי ער האָט אָנגעהויבן פאַר־זאָגן די ערשטע פּרקים פון תהלים, איז דאָס קול אַלץ געוואָרן שוואַכער, שוואַכער.

ער האָט זיך געהאַלטן מיט די לעצטע שוואַכע כוחות, ווי אַ ליכטל וואָס צאַנקט און וויל פאָרט נישט אויסגיין. מיט די לעצטע טראָפּנס האָט דאָס ליכטל געצאַנקט און געצאַפּלט; און דאָס אויסגייענדיק־שוואַכיקע פלעמל האָט אַלץ געציטערט און געפלאַטערט, — ביז ער האָט מיטן לעצטן אָטעם צוג אויסגעזונגען: „כל הנשמה תהלל י—ה״ און איז אַנידערגעפאַלן אַ פארחלשטער...

צומאָרגנס איז ס׳גאַנצע שטעטל נאָכגעגאַנגען ביי זיין לוויה. און פּלוצלינג האָט זיך ס׳שטעטל גענומען שושקען:

— אַ צדיק נסתר, אַ למד־וואָוניק, אַז מען האָט גאָרנישט געוווּסט, וואָס מ׳האָט דאָ פאַרמאָגט!

לאַנג־פאַרבאָרגענע סודות זענען מיט איינמאָל אַרויס־געשווומען אויבן־אויף, — אויס סוד, אויס געהיימניש.

האָט זיך איינער פון די שטעטלשע בעל־עגלהס אָנגענומען מיט קוראַזש:

— היינט האָב איך מער נישט מורא פאַר מיין שבועה. צוגעשווירן און אויסגעהאַלטן האָב איך. און איצטער, זאָל ער מיר מוחל זיין, ער, דער תהלים־זאָגער! וואָס מיינע אויגן האָבן געזען, וועל איך דערציילן. אַ שווערער וועג איז עס דעמאָלט געווען, בררר... שטורעם־ווינט, ווי אַלע מכשפות וואָלטן זיך אָפּגעריסן. און דער שניי איז געלעגן איבערן וועג, ווי אַ גנב. שניי־בערגער מיט שניי־גריבער. און דער ווּיסטער ווינט האָט אַלץ איבערגעקערט קאַפּויער. מיינע סוסים קריכן אריין אין אַ שניי־גריב ביז איבער די רעדער. און קוים מיט צרות דערשלעפּן זיך די סוסים צום שטעטל אין מיטן דער נאַכט.

— און די נאַכט איז גאָר געווען — ציט ווייטער דער בעל־עגלה זיין מעשה — א ליכטיקע. דער פראָסט האָט געברענט און די פאַרפרוירענע לבנה האָט געשיינט. רוקן זיך די סוסים אונטער שטילערהייט צום שטעטל און איך אַליין ווער איבערגעשראָקן. עפּעס אַ שד קייקלט זיך איבערן שניי. יאָ, עפּעס אַ שוואַרצער שד קאָליערט זיך איבערן ווייסן שניי. בין איך מיר אָבער נישט קיין פחדן, לויף־אונטער שטיל, בגנבה, און כאַפּ־אָן דעם שד ביי די פּאָלעס: „צו אַלדי גוטע יאָר, וואָס קוילערסטו זיך איבערן שניי?״ ערשט דערזע איך, אַז דאָס איז נישט, חלילה, קיין שד, נאָר דער תהלים־זאָגער איז עס, און זיינע אויגן ברענען ווי די שטערן אין הימל, זיין פּנים לייכט ווי ביי אַ מלאך. און ער נעמט גאָר וויינען פאַר מיר און טוט מיך באַשווערן, קיינעם גאָרנישט צו דערציילן, ווי לאַנג ער וועט לעבן... האָב איך טאַקע מיין שבועה געהאַלטן, ווי כ׳בין אַ ייד געבוירן!...

און דאָ איז אויפגעשפּרונגען דער קהלישער בעדער:

— הערט־זשע אַ מעשה! איך האָב אַלץ געוווּסט! און אויב אזוי, וועל איך אויך אַלץ דערציילן! דער תהלים־זאָגער האט געהאט „גלגול־שלג״, און נאָכדעם פלעגט ער קומען זיך טובל זיין אין מקווה! ווינטער און זומער פלעגט ער זיך יעדע נאַכט טובל זיין! ער האָט געהאַט אַן אייגענעם שליסל צו דער מקווה און קיינער, אויסער מיר, האָט פון דעם סוד נישט געוווּסט...

און דערנאָך האָט זיך אָנגערופן אַן אָרעמער שכן פון תהלים־זאָגער, אַ יריד־פאָרער:

— און וואָסאַרער בעל־צדקה ער איז געווען, דאָס ווייס איך! ער פלעגט מיר שטענדיק אונטערוקן צדקה־געלט, אז איך זאָל עס פארטיילן, און קיינער זאָל נישט וויסן. „מתן בסתר״ איז דאָס געווען, ער האָט צומאל נישט געוואָלט וויסן, ווער עס זענען די מקבלים...

— ווער דער תהלים־זאָגער איז געווען האָט דאָך עדות־געזאָגט זיין הסתלקות, — אזוי האָט צוגעגעבן דער שטעטלשער רב בעת זיין רירנדיקן הספד, — דאָס איז טאַקע דער אמתער תכלית פון א תהלים־זאָגער: אפּצוגעבן זיין נשמה מיטן לעצטן פסוק פון תהלים: „כל הנשמה תהלל י־ה, הללוי־ה״ — — —

מ. גולד הי״ד

מגיד־התהלים

מטיפוסי העיירה

אין הוא נמנה עם חברי „חברת תהילים״, כי חברה כזו איננה נמצאת כלל בעיירה. גם אין הוא בין האומרים תהילים יומיום — ובכל זאת כינוהו בשם זה. כשאומרים: מגיד התהילים — מיד יודעים הכל שזהו ר׳ אריה הגוץ, שגובהו מגיע לגובהה של נער בן שלוש־עשרה. אם יש שערות־כסף בזקנו אין זה מחמת הזיקנה שקפצה עליו, כמו אצל שאר בני אדם הבאים בימים, רק סתם כך הוא הצבע שלו מעולם. עיניו נוצצות מתוך חוריהן ומפיקות תמיד רק שמחה. מצחו כתום כדונג, אבל איננו מקומט כמו אצל שאר אנשים בני־גילו, ושערות אחדות צומחות ומבצבצות על מצחו מתחת למגבעתו סביב בחצי עיגול.

זריז הנהו עד למאוד. הכל עושה הוא במהירות יתרה. אם הולך הוא על פני הרחוב נדמה שאין הוא נושא את רגליו וצועד פעם בזו ופעם בזו — רק מרחף הוא בשתיהן בבת־אחת וטס.

ביתו מרוחק קצת ועומד בצד העיירה. נמוך הוא מאוד וכמו שקוע בארץ. סביבו צומחים עשבים ירוקים, וגם אילן צנום, כמו שומר בית, עומד לצדו ומתנועע הנה והנה לעבר הרוח.

מסחרו — נעלים בלות. נטושות הן על הריצפה, באמצע החדר, ודומות כאילו נפלו מהכתלים השחורים ומהתקרה המלאה פיח.

באים אליו אכרים מסביבות העיירה וקונים מה„סחורה״ לצורכם, זה — זוג ערדליים שסוליותיהם בלו ונוקבו, וזה — מגפיים שהפנת שלהם הוטלא כבר טלאי על גבי טלאי.

פרנסתו דחוקה קצת, אבל אין הוא מתרעם כלל ואין הוא מטיח ח״ו דברים כלפי מעלה. העיקר שהוא, ב״ה, בריא ושלם ואינו זקוק לרופא ולתרופותיו.

אפילו אינו משתעל. מימיו לא חלה או נפל למשכב ואפילו נזלת קלה לא דבקה בו מעולם.

ולמה נקרא בשם „מגיד־התהילים"? שם זה לא לחינם בא לו. ביום השבת, תיכף אחר גמר סעודתו, הבשר עודנו בין שיניו, הולך ר' אריה לבית־המדרש. בית־המדרש ריק הוא עכשיו כמעט לגמרי. רק הדי־קולות של החסידים המאחרים ומתווכחים בפשט ב„אור החיים" נשמעים בתוכו.

פוסע הוא ר' אריה לאורכו ולרוחבו של בית־המדרש דרך חירות, כאדם בתוך ביתו ומאזין לקול פסיעותיו המקשקשות עתה בחלל במין עליצות וחדווה של שבת. — עד שבאים עשרת הראשונים ומתחילים לומר „תהילים".

והנה עובר ר' אריה בקפיצה אחת אל ה„עמוד" ובקול מלא התלהבות מקריא הוא פסוקים ממזמורי תהילים.

נמוך הוא מן העמוד, מגיע לחציו. הוא מגביה את עצמו על בהונות רגליו, מרים את ראשו למעלה ובכל זאת אי־אפשר לראות את האותיות ב„סידור". נדמה שהוא קורא מתוך הסידור ובאמת קורא הוא הכל על־פה.

בשעה זו הוא מצעיר בהרבה שנים. פניו משולהבים כפני איש העומד מול תנור בוער, קולו מתחזק וכל מזמור שהוא קורא הוא מסיים בקול נצחון כרץ שהתחרה עם הרצים, מי יגיע קודם למחוז־חפצו. חיים חדשים התחילו מפכים בו. שוב אין הוא עומד על מקום אחד, רק מתנועע לכאן ולכאן וקופץ כלפי מעלה, כאילו הוא עומד על גבי קפיצים. נדמה שגדל ועוד מעט יהיה משכמו ומעלה גבוה מכל הצבור...

אין כוח ביד־מי להפנותו לרגע מ„סידורו". הנערים השובבים המפריעים בשבתות־החורף את מנוחת בית־המדרש בזורקם כדורי־שלג, וגם בעלי־הבתים הגוערים בהם בנזיפה, לא הסבו עיניו מ„סידורו".

מסור ונתון כולו לאמירת התהילים ולכן קראו לו בשם: מגיד התהילים.

גופו של ר' אריה נעשה חלש. אם כי בפניו לא ניכר שום שינוי. שערו לא הפך לבן יותר ממה שהיה, עיניו נוצצו כבתחילה, גבו לא שח, אבל בפנימיותו חש שדבר־מה מציקו, איזה חולי דבק בו. לא גילה סודו לשום איש, אין זה מטבעו לגבב דברים.

ופתאום נפל למשכב, מתחילה שכב במיטה רק אי־אלו שעות, התחזק וירד ממיטתו ושוב שכב, כשמש בימי הסתיו המאירה ומסתתרת מבעד לעננים ושוב מאירה...

רק ביום שבת לא שכב על משכבו. אז היה מאסף את כל כוחותיו והולך לבית־המדרש לומר תהילים לפני ה„עמוד" כמימים ימימה.

והיה מעשה, בשבת אחת משבתות־החורף, השלג כיסה את פני תבל, כל העיירה היתה כמרופדה לבנים, רק רצועות שחורות, שנרמסו ברגלי אדם, נמשכו פה ושם כגידים כחולים על פני ידיו של איש זקן.

ר' אריה פסע כדרכו פסיעות קטנות, כאלו מנה אותן, ובכל רגע ורגע הפסיק הילוכו ושאף אוויר מלוא פיו ועשה את דרכו הלאה, עד שבא לבית־המדרש, פשט אדרתו מעליו וירד לפני התיבה, כהרגלו, לומר תהילים. קולו נעשה צרוד ועצוב כאחד ומדי פעם בפעם הנמיכו יותר ויותר. הכל הרגישו שר' אריה איננו כתמול שלשום. בכוחותיו האחרונים המשיך מזמור אחרי מזמור, כמו נר דולק המתאבק עם טיפות־שמנו האחרונות. כמעט הגיע לסוף וסיים: „כל הנשמה תהלל יה" — נפל ארצה אין־אונים ויתעלף.

למחרת ליווהו כל בני העיירה למנוחת־עולמים. אם כי איש זקן היה, בא בימים, בכו והתעצבו על מותו.

בתוך חבורת המלווים לחש איש לרעהו:

— הוא היה צדיק תמים, לא ידעו אנשי העיר ולא הכירו את ר' אריה. פעם אחת, בליל חורף, שלג גדול ירד אז על הארץ ועד הברכיים הגיע — ואני נסעתי אז מהעיירה הסמוכה... הדרך היתה קשה מאוד. העגלה התהפכה מיספר פעמים והסוסים נלאו למשוך הלאה... ירדתי מהעגלה והלכתי ברגל ליד עגלתי... פסיעות אחדות — והפסקה, עוד פסיעות אחדות — ושוב הפסקה... הדרך נמשכה לי שעות אחדות יותר... כשבאתי אחר חצות־הלילה סמוך לעיירה, ראיתי מרחוק והנה דבר שחור מתהפך ומתגלגל על פני השלג הלבן, ושוב עומד ומפיל עצמו על הארץ ומתגלגל... חשבתי שאיזה שד חמד לו לצון, אבל מטבעי אינני פחדן, ניגשתי אליו וחטפתיו בראשו, ומיד הכרתי את ר' אריה. עיניו נוצצו ככוכבים, פניו האירו כפני מלאך, לא שאלתיו כלום, אלא הוא התחנן לפני מאוד וישביעני שלא אגלה לשום נברא שמץ־דבר ממה שראיתי כאן, כל ימי חייו...

ואחריו ענה הבלן: ואחר גלגול־השלג היה טובל במקווה. לא פעם ראיתיו שם באמצע הלילה. בכל לילה טבל את עצמו, בין בקיץ ובין בחורף. היה לו מפתח מיוחד ושום איש זולתו לא ידע על כך.

— אלי, שכנו, היה נותן לו בכל יום חמישי בשבוע סכום הגון לפזרו בין העניים.

כל בני החבורה שמעו וישתוממו וידברו אל עצמם: כן, כן, האדם צריך לדעת כיצד לחיות על פני האדמה. אשריו ואשרי נשמתו הטהורה.

רבות בשנים היה זכרונו של ר' אריה מגיד־התהילים לשיחה בפי אנשי־העיירה.

(הועתק מ„אודים", לקט דברי סופרים עברים, שנספו בשואת אירופה בשנות ת"ש—תש"ה בעריכת אלחנן אינדלמן. הוצאת „עוגן" שליד ההסתדרות העברית באמריקה בשיתוף עם הוצאת ספרים מ. ניומן, בע"מ, ירושלים—תל־אביב, תש"ד).

שמואל זלץ

בכתב עת לאמנות "Realites", Junè 1965, המופיע בלונדון נמצא מאמר גדול המוקדש לבן עירנו, שמואל זלץ. קטעים מהמאמר המעניין הזה אנו מביאים כאן.

מאוצרות סם זלץ

זלץ הוא אוסף וסוחר דברי אמנות, אשר קונה ציורים של אמנים מפורסמים מדורות קודמים באירופה במחירים גבוהים ומוכר אותם לחובבים עשירים או למוזיאונים באמריקה.

הוא ידוע היטב לאספני אמנות ולמנהלי מוזיאונים, אך כמעט ואינו מוכר לקהל הרחב, ככה שלט זלץ, למעשה בשקט על שוק האמנות האמריקני במשך 30 שנה.

בכל זמן הוא יכול להציע ללקוחותיו מבחר של מאה ציורים מאוחסנים בכספות בבנקים או בביתו שלו. הוא גם בעליהם של כששים תמונות אך אינו מראה כולן ללקוחות אלא 20 המצויות בביתו שברח' 76.

לא קל לראותן, מפני שלזלץ אין גלריה לאמנות, מעולם אינו עורך תוצגות ומוותר על פרסומת. הוא מקבל לקוחות רק לפי הזמנה מיוחדת, בבית, ואפילו אין שלט עם שמו אינו על דלתו. מה יכול לקוח לראות בביתו של זלץ? מעלית מעלה אותו לדירה בת חדר קטן אחד לקומה שלישית ובו שלוש כורסות בלבד. הקירות בלתי מקושטים, על מנת לאפשר ריכוז תשומת הלב לתמונות.

זלץ והלקוח מתיישבים ועוזר מביא תמונה או שתיים מהחדר הסמוך ומניח אותן לפני הלקוח הפוטנציאלי, כשזלץ מדליק שני זרקורים. מעולם אינו מראה יותר מ־10 תמונות כי אחרת ה„עיניים מעייפות".

שעה שהלקוח נהנה בנחת ובאיטיות מהתמונה באווירה של התענינות ושקט מפסיק זלץ את השקט מדי פעם ע"י מספר הערות ומסתכל בפני הלקוח על מנת לראות אם יש „קשר" בין התמונה והקונה".

כאשר אין קיים „קשר" כזה, זלץ אינו מוכר. „על־ידי כך עשיתי לעצמי מספר אויבים", הוא אומר בחיוך. מעולם אין אני רץ אחרי לקוחות, אבל למצוא תמונות עלי לרוץ קשה".

מתי התחיל מרוץ זה אחרי אוצרות אמנות? ב־1920, כתגובה על משבר מכאיב. כי סם זלץ התחיל את חייו בכוונה לצייר תמונות ולא למכרן. „מאז שנת ה־15 בחיי החלטתי להיות צייר ולא דבר אחר, למדתי ציור היסטוריה ואמנות, באקדמיה לאמנות בוינה".

כבר בשנת 1923 עשה זלץ לעצמו שם בינלאומי ע"י ארגון תערוכת שגל בקלן, אשר נחנכה ע"י ראש העיר קונרד אדנאואר. תוך 12 שנה היו לזלץ לקוחות גדולים בגרמניה ובהולנד. מהר התחילו גם לקוחות מהצד השני של האוקינוס האטלנטי דופקים על דלתותיו. חוג הלקוחות האמריקנים נהיה גדול יותר מאשר האירופאים וב־1936 החליט להתיישב בניו־יורק היות מלבד אספנים שווייצים גדולים, כל לקוחותיו הם אמריקנים.

שעה שהוא מגדיר את יחסו לתמונות נוהג זלץ להגיד „אני אוהב תמונות כמו שאוהבים נשים. כשאני קונה, אני מעדיף בתולות — כלומר תמונות שמעולם עוד לא הראן לאדם. בדרך כלל אינני הולך לסוחרים ואינני מבקר במכירות פומביות".

התמונות של אוספו הפרטי תלויות בחדרו, אבל לא כולן. יש תמונות שאינני מעז לתלותן מחשש שאנשים יציקו לי למכור אותן.

מה שנוגע לאחרות (לתמונות אחרות — המתרגם) משתדל זלץ למצוא להן בית חדש ובזה הוא קפדן מאוד. הקונה הנבחר צריך להיות עשיר ובעל טעם טוב, כמו הלקוח שבא לביתו של זלץ בינואר וקנה שלוש תמונות נהדרות בלי לשאול כלל על מחירן. „אני מאמין לך", אמר לזלץ, „תשלח לי את החשבון הביתה. החשבון היה על סך 530,000 דולר, וכעבור ימים מספר קיבל זלץ את הצ'ק.

הלקוח צריך גם להיות אספן אמיתי אשר אינו קונה על מנת למכור. „סוחרים ומתחילים כמעט אין באים אלי, אלא מי שרוצה להתקשר לתמונה כל ימי חייו ואם אפשר יוריש אותה למוזיאון אחרי מותו. באמריקה, אומר זלץ, תופסת התמונה היום אותו מקום כמו שלפני שנים תפס תואר אציל. להיות אספן תמונות זה כמו להיות אציל.


עם התעשרותו נעשה זלץ גם נדבן ותרם מספר תמונות למוזיאונים: תמונה של מנה ללובר, תמונות נוף נהדרת של מונה למטרופוליטן ושני פסלים גדולים של מיו ודספיו ל„נשיונל גלרי" בוושינגטון.

בהיותו לבדו בביתו הוא אוהב להתבודד בחדרון בו הקירות מכוסים מאות צילומים של תמונותיו היפות ביותר שאהב, קנה ומכר. מוינה עד סוזן היתה דרך ארוכה.

ר' יוסף מארגאשעס

דער שרייבער יוסף (אליעזר) מאַרגאָשעס איז נישט געווען קיין ראדאמישלער געבוירענער. ער איז בלויז געווען א ראדאמישלער איידעם, א צאָל יארן געוווינט אין ראדאמישלע און אין דער סביבה. אבער ווען אפילו נישט דער פאקט, וואלט ער אויך פארדינט א חשוב אָרט אין אונדזער ספר הזכרון פאר זיינע „דערינערונגען פון מיין לעבן" (דערשינען אין פארלאג מאקס מייזעל, ניו־יארק, 1936).

ר' יוסף א. מארגאשעס איז געבוירן געווארן אין לעמבערג (דעם 16־טן נאוועמבער 1866; נפטר געווארן אין אמעריקע, דעם 10־טן אפריל 1955), אין א גאר מיוחסדיקער משפחה פון לומדים, וועלכע האבן זייער יחוס געצויגן פונעם גאון ר' שלמה לוריא (מהרש"ל). ווען ער האט געלערנט אין טארנאוו, איז ער צו 16 יאר געווארן דער איידעם פון ראדאמישלער יידישן גוטבאזיצער, ר' מרדכי דוד שטיגליץ און אליין געווארן א גוטבאזיצער אין ראדאמישלער געגנט.



ר׳ יוסף מארגאשעס*)

אין 1903 באזעצט ער זיך אין אמעריקע, ווו ער הייבט אן צו שרייבן; זייט 1914 ווערט ער א פראפעסיאנעלער זשורנאליסט („טאג", „מארגן־זשורנאל", „די צוקונפט" — אין א סך פראווינצער און אויסלענדישע צייטונגען). ער שרייבט בעיקר אויף היסטארישע טעמעס, אויף וועלכע ס׳זענען אויך געשאפן געווארן זיינע וויכטיקסטע ארבעטן: „די עשרת השבטים", „יידן אין די ווייטע לענדער", „גרויסע פיגורן אין דער וועלט פון חסידות", א.א.וו. שרייבעריי און פרעסע האט ער געהאלטן פאר א מין „פאמיליען־פעלער", ווי ער שרייבט עס אין זיינע „דערינערונגען":

„מענקיש (אן איידעם פון ר׳ ניסן מארגאשעס, א פעטער פון ר׳ יוסף מארגאשעס — די רעד.)... האט געגרינדעט און ארויסגעגעבן די ערשטע העברעישע וואכנצייטונג אין גאליציע, דעם „מבשר". ער האט די צייטונג ארויסגעגעבן אן ערך פון צוויי יאר און דערנאך זי איבערגעגעבן צו זיין שוועסטערס זון... ר׳ יוסף כהן צדק, וואס איז שפעטער אויך געווארן דער רעדאקטאר פון אנדערע העברעישע צייטונגען און זשורנאלן.

ווי מען זעט, איז דאס שרייבעריי און דאס עוסקן זיך מיטן געדרוקטן ווארט ביי מיר און אויך ביי צוויי פון מיינע זין (ד״ר שמואל מארגאשעס און הערמאן מארגענשטערן,ביידע פונעם „טאג") אן אלטער פאמיליען־פעלער".

*) דעם ביבליאטעקאר פון י. ל. פרץ ביבליאטעק אין תל־אביב, ה׳ ש. אסאווסקי, א דאנק פאר זיין פריינטלעכקייט ביי דערמעגלעכן צו באקומען די פאטאגראפיע וועלכע געפינט זיך אין י. מארגאשעס בוך „דערינערונגען פון מיין לעבן".

י. מארגאשעס איז געווען איינער פון די איניציאטארן פונעם ניו־יארקער יידישן שרייבער־פאריין — דעם י. ל. פרץ שרייבער־פאריין (אין 1915); ער איז געווען א פארשער פון דער יידישער געשיכטע, יידישער פרעסע און זיינע אפהאנדלונגען אויף דעם געביט זענען וואגיקער היסטאריש־וויסנשאפטלעכער מאטעריאל. אבער די קרוין פון זיין שרייבערישער טעטיקייט זענען געווען זיינע „דערינערונגען פון מיין לעבן" — אויב נישט דאס אינטערעסאנטסטע, פארביקסטע און אינהאלטסרייכסטע ווערק, וואס שילדערט דאס יידישע לעבן אין גאליציע אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יארהונדערט (מיט אפטע עקסקורסיעס אויך אין פריערדיקע צייטן).

אין דער שילדערונג פון יידישן גאליציע האבן מיר אויך — די איינציקע אין דער יידישער ליטעראטור — מאטעריאלן וועגן אלטן גרויס־ראדאמישלע און סביבה. אין ערגעץ נישט קאן מען נישט געפינען אזעלכע וויכטיקע מאטעריאלן, שילדערונג פון שטייגער, געשיכטלעכע אינפארמאציעס, צייכנונג פון געשטאלטן פונעם יידישן לעבן אין גאליציע — און טאקע אויך וועגן ראדאמישלע און דער געגנט, — ווי ס׳איז פאראן אין די דאזיקע דערינערונגען פון ר׳ יוסף מארגאשעס.

מיר מיינען, אז די פאלגנדיקע פינף קאפיטלעך („איך ווער א חתן", „מיין חתונה", „נאך דער חתונה", „ראדאמישלע" „א געפאלענער תקיף"), וואס זענען דירעקט פארבונדן מיט ראדאמישלע, וועלן אונדז געבן א נישט־אפשאצבאר בילד פונעם ראדאמישלער לעבן אין יענע יארן און באגלייביקע, ווערטפולע אינפארמאציעס צו דער געשיכטע פון ראדאמישלער יידישן יישוב — נישט רעדנדיק שוין וועגן דעם אינטערעסאנטן לייען־שטאף, ווי אזא, וואס די קאפיטלעך שטעלן מיט זיך פאר.

יוסף מארגאשעס

ראדאמישלע

ראדאמישלע, וואס געפינט זיך אן ערך פון דריי און א האלב מייל פון טארנע און צוויי מייל פון דער באן־סטאנציע טשארנא, איז געווען א זייער ווויל שטעטל און אין א סך פרטים גאר אנדערש פון די אנדערע שטעט פון דער אומגעגנט.

אין די נישט־ווייטע שטעטלעך: שטשוטשין, פשעצלאוו און עטלעכע אנדערע, האבן די דארטיקע יידן געפירט א לעבן, נישט פיל אנדערש, ווי די שטאטילע גויים.

יעדער ייד, וואס איז נאר געווען עפעס פארמעגלעך, האט געהאט זיין אייגענע קו, אדער גאר עטלעכע בהמות און אויך אן אייגן (אדער געדונגען), שטיקל פעלד, פון וועלכן ער האט געצויגן דעם גרעסטן טייל פון זיין פרנסה.

יידישע בעל־הבית׳טעס אין די דאזיקע שטעטלעך, פלעגן, יעדן פרימארגן, ארויסטרייבן זייערע בהמות צום אלגעמיינעם פאסטוך און זיך נישט שעמען, צוויי אדער דריי מאל א טאג, די קי צו געבן עסן און טרינקען און אפילו אליין אויסמעלקן זיי.

הינטערן הייזל האט כמעט יעדער ייד געהאט אן אייגענעם גארטן, אין וועלכן עס זענען געוואקסן בולבעס און שאר ירקות. יעדער בעל־הבית פלעגט אליין, מיטן ווייב און קינדער,

באארבעטן דאס גערטנדל און דערפון ארויסשלעפן וואס מען האט נאר געדארפט האבן צום לעבן.

גאנץ אנדערש איז דאס אבער געווען אין ראדאמישלע. אין דעם ענין האבן זיך די דאָרטיקע יידן, ובפרט שוין אין מיין צייט, געפירט ווי די גרויס־שטעטישע.

כמעט קיין איין ייד אין ראדאמישלע האט נישט געהאט קיין בהמה, אָדער עפּעס אַ גערטנדל. מען איז שטענדיק געווען פארנומען מיט מסחר און זיי האבן דערפון א סך בעסער געלעבט, ווי די יידן אין די ארומיקע שטעטלעך.

ראדאמישלע איז אויך געווען די איינציקע שטאט, אויף א סך מיילן ארום, וואס האט פארמאָגט פיל רייכע יידן, גבירים אדירים.

דאס מיינט נישט צו זאגן, אז אין ראדאמישלע זענען גאר קיין אָרעמעלייט נישט געווען. עס זענען פון דעם דאָזיקן מין געווען איבער־גענוג. עס איז דאָך אַ בפירושער פסוק אין דער תורה „כי לא יחדל אביון”. אבער אזעלכע קבצנים אין זיבן פּאלעס ווי ערגעץ אנדערש, זענען די ראדאמישלער אָרעמע יידן אויך נישט געווען...

דערפאר האט אבער ראדאמישלע ביי זיך געהאט עטלעכע פאמיליעס, וואס זענען געווען שטיין־רייך און געפירט גאר גרויסע מסחרים. זיי פלעגן האנדלען מיט וועלדער איבער גאנץ גאליציע. עס זענען אויך געווען עטלעכע בהמות־סוחרים, וואס האבן יעדע וואָך אויסגעגעבן טויזנטער גילדן פאר בהמות און זיי געפירט קיין קראקע, אָדער ווין, צום פארקויפן.

יידן אין ראדאמישלע האבן זיך אויך זייער פיל אפגעגעבן מיטן געלט־האנדל, דאס הייסט — לייען געלט אויף פּראָצענט.

די אבערדאמס און די ראַפּאַפּאָרטס און שלאָסערס און די אנדערע, זענען געווען גאנץ נישקשהדיקע וואכערניקעס און האָבן גענומען הויכע פּראָצענטן. זייערע פאַרמעגנס זענען צוליב דעם געוואקסן פון יאר צו יאר.

אין ראדאמישלע זענען געווען א היפש ביסל שטאטישע גויים (מיעשטשאנעס), וואס האבן זיך שטענדיק געפונען אויף דער רייזע איבער גאנץ גאליציע, אויף די ירידים, אויפקויפנדיק חזירים אויף אוועקצושיקן קיין אויסלאנד. זיי אלע האבן געהאנדלט מיט יידיש געלט און דערפאר געצאָלט גוטע פּראָצענטן. עס זענען צווישן די דאָזיקע מיעשטשאנעס געווען אזעלכע, ווי יאראסעס און קאסטאקאוויטשעס, וואס האבן פארמאגט אייגענע גרויסע גיטער און דאך זענען זיי שטענדיק ארומגעפאָרן אויפקויפן חזירים.

עטלעכע ראדאמישלער יידן האבן אויך פארמאָגט זייערע אייגענע גרויסע גיטער און וועלדער.

מרדכילע גארליצער (ביי וועמען איך האב שפּעטער געהאלטן דעם פּאלווארק אשיצע) איז געווען איינער פון די גרעסטע גבירים פון דער אומגעגנט. ער האט, צוזאמען מיט זיינעם אַ שוואָגער, געירשנט פון זיין פאטער (זייער אַ קארגער ייד) דאס גרויסע גוט יאשטשאמבקע, פון זעקס הונדערט אקער, דערצו פופצן הונדערט אקער גוטן און שווערן וואלד. ער האָט זיך שפּעטער צעטיילט מיטן שוואגער און פאר זיך גענומען דעם וואלד, דער ווערט פון וועלכן איז געשטיגן פון יאר צו יאר און איז ווערט געוואָרן איבער א פערטל מיליאָן גילדן.

די פאמיליע גוטווירט האט געהאט גאר נאענט פון שטאָט צוויי גיטער: גרויס דילטשע און קליין דילטשע. ביידע האבן געהאט עטלעכע הונדערט יאַרד גאַנץ גוט פעלד און דערצו האבן זיי אויך געהאט שיינע עטלעכע הונדערט אקער וואלד. כאָטש ער איז נישט געווען אזוי פיל ווערט ווי דער יאָשטשאָמבקער וואלד, האט ער אבער אויך באַטראָפן א הונדערט טויזנט גילדן.

דערצו האבן די גוטווירטס געהאט די שטאטישע פּראָפּינאציע (דאס אויסשליסלעכע רעכט צו פארקויפן אלקאהאלישע געטראנקען). זיי האבן דאס פארדונגען פאר אַכט, ביז צען טויזנט גילדן א יאר. שפּעטער, ווען די רעגירונג האט איבערגענומען אלע פּראפּינאציעס און דערפאר צו די אייגנטימער באצאלט גרויסע סומען געלט, זענען די דאזיקע יידן גאר נתעשר געוואָרן.

א חוץ דעם זענען אין ראדאמישלע געווען איינוווינער עטלעכע דאָרפס־יידן פון דער אומגעגנט. אלע זענען זיי געווען אנגעשטאָפּט מיט געלט. מען האָט אפילו נישט געקאנט וויסן — זיי אליין האבן אויך נישט געוווּסט — וויפל זיי פארמאגן.

איך וועל דא נישט אויסרעכענען אלע רייכע לייט פון ראדאמישלע. אבער איך דענק, אז עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן, ווען איך וועל שרייבן, אז אלע צוזאמען האבן זיי פארמאגט אַן ערך פון צוויי מיליאָן גילדן. דאס איז געווען א גאר גרויסע סומע געלט, מיט איבער פופציק יאר צוריק.

ווי געוויינלעך זענען צווישן די דאזיקע גבירים געווען פארשידענע מענטשן: פיינע לייט און אויך גרויסע פּאַרכעס. גוטהארציקע מענטשן און הארט־לייביקע, וואס האבן זיך אויף גאר נישט געוואָלט לאזן קאָסטן.

געווען אין ראדאמישלע א יידענע, וואס איז יאָרן־לאנג געווען אַן אלטע מויד און דערנאך חתונה געהאט מיט א מאַן, וועמען זי האט קוים אפגעגעט. די דאזיקע „אלטישע”, איז פּשוט געווען אנגעשאָפּט מיט מזומן געלט, זיכער איבער א האַלבן מיליאָן גילדן. זי האט קיינעם נישט געוואָלט קיין טובה טון און קוים א גרויסן נגיד געבאַרגט עטלעכע טויזנט גילדן. דער סוף איז איר געווען, אז ווען זי איז קראַנק געוואָרן, האבן זיך עטלעכע גבירים אויף איר דערבאַרעמט, זי אריינגענומען צו זיך אין הויז אריין. דערנאָך געמאַכט א פאלשע צוואה און דאס גאנצע גרויסע פארמעגן צוגענומען פאר זיך.

כאָטש זי האט געהאט עטלעכע אָרעמע קרובים, האט זי זיי קיינמאָל נישט געוואָלט שטיצן און די גבירים וואס האבן צוגענומען איר פארמעגן, האבן דערנאָך פאר מורא, די דאזיקע קרובים צוגעוואָרפן עפּעס א ביינדל.

ארום די נגידים האבן אויך געלעבט א היפש ביסל אנדערע פאמיליעס. זיי זענען ביי זיי אנגעשטעלט געווען אלס שרייבער, וואלד־גייערס און נאמנים אין זייערע פילע געשעפטן.

בכלל איז ראדאמישלע געווען א גאנץ לייטישע האנדלס־שטאָט. יעדער האט געהאַט עפּעס א באשעפטיקונג און דערפון געצויגן גאר קיין־מעשה־נישט פרנסה.

אפילו די דריי דיינים פון שטאט זענען אויך נישט געווען קיין בטלנים, ווי דאס טרעפט גאנץ אָפט ערגעץ אנדערש; זיי האבן נישט געקאָנט איינזיצן בלויז על התורה ועל העבודה.

דער עלסטער דיין, ר' רפאל הערש, איז געווען א וועלטס־שדכן און אָפט ארומגעפארן צוליב זיינע שידוכים. יאנטשע דיין האט „אונטער־געקרעמלט”. זיין ווייב האט געהאט א „סטראַגאַן” (א טישל) אין מארק מיט פארשידענע פּויערישע סחורות. ווען זי איז געווען שטאַרק טרוד, איבערהויפּט דאנערשטיק אויפן וועכנטלעכן יריד, האט ער איר מיטגעהאָלפן האנדלען מיט די פּויערים און פּויערטעס.

דער ייִנגסטער דיין איז געווען ברוך פוקס („פוקסל“ האָט מען אים גערופן). ער איז געווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם און אויך אַ שטאַרקער פּקח במילי דעלמא. ער איז געווען אַ שטיקל עושר און אַ גרויסער אייער־סוחר.

דאָנערשטיק, אויפֿן יריד, האָט ער אַליין מיט זיינע אַרויס־העלפֿערס איינגעהאַנדלט אַסך הונדערטער שאָק (אַ שאָק איז זעכציק) אייער, זיי סאָרטירט, געפּאַקט אין קאַסטנס און אַוועקגעשיקט למרחקים.

יעדעס דינסט־מיידל אָדער בעל־הביתטע, ווען זי האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ שאלה, וועגן אַן עוף, אָדער וועגן טעפּל־לעפל, איז זי קיינמאָל נישט געגאַנגען צום רבֿ פֿרעגן, נאָר זי פֿלעגט אַרויסלויפֿן אין מאַרק אַריין צו פוקסלען, וועלכער איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק צווישן זיינע קעסטלעך אייער, ער האָט בלויז אַן אויג געוואָרפֿן אויף דער הון, אָדער מיט איין אויער אויסגעהערט די שאלה און באַלד אַרויסגעזאָגט זיין „אורטייל“: כּשר אָדער טריפֿה.

ראַדאָמישלע איז געווען אַ שטאָט פֿון לויטער חסידים (אָבער נישט קיין פּאַרשלומפּערטע, אָדער קאַטשעלאַבעס, ווי מען פֿלעגט דאָס זען אין דער בעלזער געגנט). ווער עס איז נאָר געווען אַ שטיקל בעל־הבית, האָט געמוזט פֿאָרן צו אַ רבין. אַנדערש איז מען גאָר קיין מענטש נישט געווען...

מען פֿלעגט זיך האַלטן אַן דער ראָפּשיצער גזע. אַ סך זענען געפֿאָרן צו די רביים אין די אַרומיקע שטעטלעך — זשאַבנע, דעמביץ, מיעלעץ, עטלעכע קיין דזשיקעוו.

עס זענען אויך געווען עטלעכע נגידים — צווישן זיי מיין שוואָגער בערל לעוו — וואָס זענען געפֿאָרן אַזש קיין טשאָרטקאָוו, אָדער הוסיאַטין, וואָס איז געווען אַ גאָר ווייטע נסיעה פֿון ראַדאָמישלע. מען האָט אָבער אויף די דאָזיקע חסידים גערעדט, אַז זיי מיינען נישט אַזוי פֿיל זייערע רביים, נאָר אַבי דורכצופֿאָרן זיך קיין לעמבערג און דאָרטן, בשעת מעשה, לעבן אַ גוטן טאָג...

מאַנכע רביים זענען אויך נישט געווען קיין פֿוילע און זיך אַליין מטריח געווען קיין ראַדאָמישלע. קיינער פֿון זיי האָט צום שטעטל נישט צוגעלייגט. יעדער רבי האָט אַרויס־געפֿירט שיינע עטלעכע הונדערט גילדן. ראַדאָמישלער ייִדן זענען געווען ברייטהאַרציקע און זיך געלאָזט קאָסטן געלט...

ס'איז אויך איינמאָל געווען אַ צייט, וואָס דער פּלאַנטשער רבֿ, דער זון פֿונעם ראַזוואַדאָווער רבין און אַן אייניקל פֿונעם גרויסן ראָפּשיצער, האָט געוווינט מיט זיין גאַנצן בני־בית אין ראַדאָמישלע, דאָרטן געפֿירט אַ גאַנצן „הויף“ (עס רעדט זיך נאָר אַזוי...). די שטאָט און די אַרומיקע דאָרפֿס־ייִדן האָבן אים אויפֿגעהאַלטן בכּבֿוד גדול.

אַ ווילע שטאָט געווען די דעמאָלטיקע ראַדאָמישלע!

אַ געפֿאַלענער „תּקיף“

אויב איר האָט אַמאָל אויף אייער לעבן געזען אַ ייִד, אַ יורד, האָט איר אָבער נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שרעקלעכע ירידה, ווי דאָס איז געווען דער פֿאַל מיטן „תּקיף“ פֿון ראַדאָמישלע, ר' אַבֿרהם משה קליינמאַן.

איך בין שוין עטלעכע דרייסיק יאָר אַוועק פֿון גאַליציע און איך בין דערפֿאַר נישט אַזוי גרינטלעך אינפֿאָרמירט וועגן די אינערלעכע צושטאַנדן אין די דאָרטיקע ייִדישע קהילות. אָבער לויט ווי איך ווייס פֿון די דאָרטיקע ייִדישע צייטונגען,

פֿון וועלכע איך בין אַ „קורא ותיק“, זענען דאָרטן שוין מער קיין „תּקיפֿים“ נישט פֿאַראַנען.

די אומשטענדן אין די שטעטלעך האָבן זיך, זייט דער מלחמה, זייער פֿיל געענדערט און אַפֿילו מיט יאָרן פֿריִער האָט שוין די אינסטיטוציע פֿון די „תּקיפֿים“ געהאַלטן ביים אונטערגיין.

אָבער מיט אַ פֿופֿציק און מער יאָרן צוריק איז אין גאַנץ גאַליציע כּמעט נישט געווען קיין איינציק שטעטל, וואָס האָט נישט געהאַט איר אייגענעם „תּקיף“. וועלכער איז געווען דער פֿירער. זיין וואָרט איז געווען אַ געזעץ, וואָס יעדער האָט געמוזט פֿאָלגן און אויב נישט...

אין די שטעטלעך אַרום ראַדאָמישלע האָב איך געקענט עטלעכע אַזעלכע „תּקיפֿים“: אין דאָמבראָווע, ר' ליפּאַ סאַני־טאַריע; אין שטשוטשין — אַלטער קאַמפֿף; אין פּשעצלאָוו, — ישׂראל בינשטאָק; אין מיעלעץ — חיים קליין; אין זשאַבנע — דוד בינשטאָק. דער וויכטיקסטער פֿון זיי אַלע איז געווען ר' אַבֿרהם משה קליינמאַן, אין ראַדאָמישלע.

ווייל איך האָב אים, אַבֿרהם משה קליינמאַנען, אַ סך בעסער געקענט, ווי די אַנדערע „תּקיפֿים“ און ווייל זיין ירידה איז אויך געווען אַ פֿיל טיפֿערע, וועל איך זיך דאָ בלויז מיט אים אַליין פֿאַרנעמען.

ווען איך האָב חתונה געהאַט, האָב איך באַלד געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן „תּקיף“, ר' אַבֿרהם משה קליינמאַן. ער איז געווען אַ מאַן פֿון אַ יאָר זעכציק, הויך, פֿעטס־געבויט, מיט אַ זייער שיינער ווייסער באָרד און זייער נעט און ריין געקליידט, אַז עס איז פּשוט געווען אַ פֿאַרגעניגן אויף אים אַ קוק צו טון. זיין גאַנץ אויסזען האָט ביי איטלעכן אַרויסגערופֿן רעספּעקט..

ער איז געווען אונדזערער אַ מחותּן. זיין זון מענדל איז געווען אַן איידעם פֿון מיין עלטער־שווער, ר' יודל שטיגליץ. דאָס הייסט, אַז מענדל איז געווען מיין שווערס שוואָגער און אַ פֿעטער פֿון מיין ווייב.

ווען איך האָב אים דערקענט, איז ער שוין געווען אַ היפּש ביסל אַרונטער פֿון זיין גדולה, אָבער נאָך גענוג „תּקיף“ מיט זיינעם אַ וואָרט האָט מען זיך נאָך געמוזט רעכנען...

פֿריִער איז ער געווען דער איינציקער ראש הקהל אין שטאָט (באַשטימט פֿונעם מיעלעצער באַצירקס־הויפּטמאַן); און איינער פֿון די זיבן שטאָטישע „ראַדניקעס“. ער איז געווען דער פֿירער פֿון דער מעטריקע. דאָס הייסט, אַז ביי יעדן פֿאַל, ביים געבוירן ווערן און ביים אָפּשטאַרבן, האָט מען געמוזט צו אים אָנקומען.

ער האָט אויך געהאַלטן פֿון דער רעגירונג די „הויפּט־טראַפֿיק“, דעם מאָנאָפּאָל פֿון טאַבאַק, טיטון און די אַנדערע שמעק־און רויכער־זאַכן און אַלע אַרענדאַרעס פֿון דער גאַנצער אומגעגנט האָבן געמוזט צו אים קומען „פֿאַסן“, דאָס הייסט, קויפֿן די דאָזיקע אַלע אַרטיקלען.

אַ חוץ דעם האָט ער פֿון דער רעגירונג געהאַלטן די לאָטעריע, וווּ יעדער האָט געשפּילט אויף די גליקס־נומערן.

דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווייניק. דער „תּקיף“ איז געווען אַ גרויסער חשובֿ, סיי ביים געריכט אין זאַסאָוו (ראַדאָמישלע האָט דעמאָלט נאָך נישט געהאַט קיין אייגן געריכט און שטייער־אַמט. זיי האָבן זיך געפֿונען אין דעם דאָרף זאַסאָוו, אַ קנאַפּע מייל פֿון שטאָט), אויך ביים שטייער־אַמט, ועל כּולם ביים סטאַראָסטע אין מיעלעץ. אומעטום האָט ער געקאָנט

א גרויסע טובה טון און אויב ער האָט געוואָלט... אויך פארקערט...

אויב אימיצער — דאס הייסט א ייד פון שטאט, אדער פון די ארומיקע דערפער — האט געדארפט שטיין צו דער מיליטערישער „אסענטירונג", צום פריזיוו, האט מען זיך אָן אים נישט געקאָנט באגיין. ער איז געוועזן דער איינציקער מעקלער און דעה־זאָגער ביי דער קאָמיסיע און וועמען ער האט געוואָלט, האָט ער באפרייט פונעם מיליטער־דינסט.

ווי מען קאַן זען פון אלע זיינע פארשידענע באשעפטיקונגען, איז ער טאַקע געווען דער אמתער פירער פון שטאָט און געהאט צו שאפן איבער איטלעכנס האָב און גוטס, אפילו איבער מענטשלעכער פרייהייט.

אבער טראָצדעם אלעמען איז ער קיין גרויסער „באַרייסער" ווי די אנדערע „תקיפים", נישט געווען. ער האָט נישט געהאלטן אין ארויסרייסן דעם לעצטן ביסן פון זיינע „אונטערטאנען". איבערהויפט ווייל ער האָט געהאט פרנסה בריווח פון די אלע אנדערע זיינע געשעפטן. אים איז עס בלויז געגאנגען אין כבוד און ער האט דווקא געוואָלט, אז אלץ וואס ער זאָגט נאר ארויס, זאל אויך אויסגעפירט ווערן...

ווען זיין ירידה האָט זיך אָנגעהויבן, ווייס איך נישט גענוי אָנצוגעבן. דאס איז פאָרגעקומען עטלעכע יאָר פאר מיין חתונה. אבער די סיבה דערפון איז געווען א שטאַרקע שטאטישע מחלוקה איבערן רב.

ער, דער „תקיף", האט דעם רב שטענדיק גערודפט. אבער די נגידים האבן געהאלטן מיטן צווייטן צד און מיט עטלעכע פון זיי איז ער אויך געווען אין קירבת משפחה.

דעם תקיפס מפּלה איז, דער עיקר, געקומען דורך דער גוטווירט פאַמיליע.

דער אלטער אברהם מרדכי גוטווירט איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען א מלמד פון גמרא־קינדער. ער האט זיך אבער — איך ווייס נישט ווי אזוי — דערוואָרבן א זייער גרויס פארמעגן. ער האט געהאט האַרט ביי דער שטאט צוויי גיטער מיט א גרויסן וואַלד און דערצו אויך די שטאָטישע פראָפינאַציע, וועלכע איז געווען אַ גאָלד־גרובן.

דער אלטער אברהם מרדכי איז געווען זייער א מערקוויר־דיקער מענטש, מיט א גאר שטאַרקן גייסט. מען זעט היינט צו טאג גאר נישט אזעלכע יידן.

ער איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם, אבער אויך א דורכגעטריבענער סוחר. אן איידעלער ייד, אבער א גאָר קנאפער בעל רחמנות. אויך ער האָט שטאַרק ליב געהאַט כבוד, אבער דער אלטער „תקיף", ר' אברהם משה קליינמאן, האט אים נישט גֶעלאָזט דעם קאָפּ אויפהייבן. ער האט אויך גאר שטארק חשק געהאט — געלט האט ער דאך שוין געהאט גענוג — צו פארנעמען עפּעס א שטאָטישן אמט. אבער אברהם משה איז געשטאַנען אויף דער וואַך און קיינמאל נישט געלאָזט דערצו קומען.

איך געדענק אים, ר' אברהם מרדכי, דעם „גביר־מלמד", ווען ער איז שוין געווען אויף דער עלטער און האלב פּאַראַליזירט. אבער טראָץ דעם האָט ער, בשום אופן, נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיין אלטער חזקה, צו דאווענען אינעם שטאָטישן בית־המדרש די ימים נוראימדיקע מוספים.

מען פלעגט אים ברענגען צו־פירן אויף א שטוּפּ־וועגעלע און אזוי, זיצענדיקערהייט, האָט ער געדאַווענט פארן עמוד. ער האט אבער טראָץ זיין פאראליז — פארמאגט זייער אַ שטארקע, אַ ריזיקע שטים, אן אמתן „שאגת ארי". אז ער

האט א געשריי געטון ביי דער קדושה, אדער דער עבודה, האבן פשוט די ווענט געציטערט...

ער האט געהאַט עטלעכע זין (איינער פון זיי, נאַכטשע, איז געווען א תם און שפּעטער א גאנצער אידיאָט). דריי פון זיינע זין זענען געווען זייער פעיקע און איינרייסערישע פארשוינען.

קיין תלמיד חכם, ווי דער פאָטער, אין קיין איינציקער פון זיי נישט געווען. אבער גאר טיכטיקע געשעפטס־לייט יאָ. זיי האבן ארום זיך און זייער פראפינאציע געבילדעט א גאנצע קליקע מיט דעם איינציקן צוועק — שטענדיק צו קעמפן קעגן דעם „תקיף" און אים, צוביסלעך, ארונטער־צוזעצן פון זיין גדולה.

דער קאמף האט געדויערט יאָרן און האט, פוןביידע צדדים, אפּגעקאָסט שווערע טויזנטער גילדן.

אבער דער טרויעריקער סוף איז געווען, אז די גוטווירטס זענען ארויס די זיגערס און ר' אברהם משה קליינמאן, דער „תקיף", האט אנגעהויבן צו פארלירן איין פּאָזיציע נאך דער אנדערער.

מען האָט פון ביידע זייטן זיך באַנוצט מיט מסירות און געשאָטן געלט פאר די באַאַמטע. זיי האָבן אנגעהויבן קליינ־מאנען צו פארפאלגן, ווו זיי האָבן נאָר געקאָנט.

און אז מען זוכט — געפינט מען. עס האָט זיך ארויס־געוויזן, אז ער איז באגאנגען פאלשקייטן קעגן דער רעגירונג און מען האָט, קודם כל, פון זיינע הענט ארויסגעריסן זיינע צוויי גרעסטע און וויכטיקסטע געשעפטן: די טראַפיק און די לאָטעריע, וועלכע האבן אים געגעבן פרנסה מיטן פולן מויל. זיי ביידע האט איבערגענומען א רייכער יונגערמאן, וואס איז שוין, ממילא, צוליב דעם געוואָרן זיינער א קעגנער...

אז עס פלעגט קומען פרילינג, אין דער צייט ווען די „אַסענטירונג" הייבט זיך אָן, פלעגן די קעגנער זיינע דינגען מענטשן — דורכגעטריבענע יידלעך — וואס האבן כסדר געהאַלטן אים אין איין נאָכפאָרן און נאָכגיין, נישט גַעלאָזט זיך זען מיט זיינע „אדונים". נישט איין ייד איז צוליב אזעלכע דרכים און מסירות געוואָרן א זעלנער און געמוזט דינען ביים מיליטער, בשעת אברהם משה קליינמאן וואָלט אים געווען גאר לייכט באפרייט...

פארשטייט זיך, אז דער „תקיף" האט זיך געהאלטן אין איין ווערן און אויך געהאט זיין צד, וואס האט געהאלטן מיט אים. די מחלוקה אין שטאָט האט געהאלטן אין איין וואקסן.

אין יענער צייט האט זיך די עסטרייכישע רעגירונג מיישב געווען, אז זי וועט אליין איבערנעמען אלע „פּראפינאציעס", איבערן גאנצן לאנד. אבער זי האט דאס אלטע רעכט גַעמוזט פריער אָפּקויפן ביי די אייגנטימער.

דער באזיס, אויף וועלכן דאס דאָזיקע אפּקויפן איז פארגעקומען, איז געווען „פּערצן פּראָצענט". דאָס הייסט, אז די רעגירונג האָט געצאָלט פערצן מאל אזוי פיל, ווי די פריערדיקע אייגנטימער האבן אָנגעגעבן זייערע איינקונפטן אין די לעצטע עטלעכע יאָר, ביי זייער אָפּצאָלן די שטייערן.

איז געווען אזוי: די דאָזיקע אייגנטימער, וואס זענען געווען ערלעכע מענטשן און נישט געזוכט צו באשווינדלען די רעגירונג אין די לעצטע יאָרן, אָנגעגעבן ריכטיק זייערע איינקונפטן, זענען פשוט נתעשר געוואָרן. זיי האָבן אויף איינמאל באקומען אזוי פיל געלט, אויף וועלכן זיי האבן זיך נישט גערעכט.

עס זענען אויך געווען אזעלכע — איבערהויפט פוילישע

פריצים, וואס האָבן געוווסט מאחורי הפרגוד, וואָס די רעגירונג האט אין זינען צו טון — און זיי האבן אין די לעצטע עטלעכע יאר אָנגעגעבן זייערע איינקונפטן פון די „פראפי־נאציעס" נאך פיל העכער, ווי זיי זענען געווען אויף אן אמת. זיי האבן גאר אפגעלעקט א פעט ביינדל און געוואָרן גבירים אדירים פון זייערע „פראפינאציעס".

די יעניקע אבער, וואס האבן דורך די לעצטע יאָרן אנגעגעבן זייערע איינקונפטן גאר קליינע — האבן איצט באקומען א גאר קנאַפּן פרייז און דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש, אבער זיך גארנישט געקאָנט העלפן...

צווישן די דאזיקע פארשוינען פונעם לעצטן קלאַס זענען אויך געווען די גוטווירטס. דער פאָטער האט שוין דעמאלט נישט געלעבט און די דריי ברידער, רפאל, לעזער און זלמן, האבן געפירט אלע געשעפטן.

אזוי ווי דורכגעטריבענע מענטשן זענען זיי געווען, האבן זיי זיך אן עצה געגעבן און פשוט נאָכגעמאַכט פאלשע דאָקומענטן און קאָנטראַקטן, וואס האָבן זיי געגעבן א בארעכטיקונג צו באקומען א סך מער געלט, ווי עס איז זיי געקומען אין דער אמתן.

זייער אלטער שונא, אברהם משה קליינמאן, איז אבער אויך נישט געשלאָפן. ער האט זיך דערפון דערוווסט און וועגן דעם אנגעגעבן דאָרטן, ווו מען דאַרף...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע דינים און משפטים און עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אז אלע דריי גוטווירטס זאָלן מוזן גיין אויף עטלעכע יאָר אין געפענגעניש. זיי האבן געשאָטן מיט געלט און זיי זענען ארויס די זיגער.. דערצו האבן זיי, פאר זייער „פראפינאציע", באקומען וויפל זיי האבן נאר אליין געוואָלט און דאס האָט זיי געמאַכט פאר נאָך גרעסערע עשירים, ווי זיי זענען שוין געווען פון פריער.

איצט האָבן זיי זיך גענומען, מיט נאך מער פארביטערונג, צום „תקיף" און דורך מסירות און זייער מיאוסע מעשים, האבן זיי ביי אים אוועקגענומען דאס לעצטע שטיקל ברויט זיינס, די מעטריקע. דערצו האט ער נאָך געמוזט גיין זיצן אין קרימינאל פאר עטלעכע פעלשונגען, וואס האבן זיך ארויס־געוויזן אין די מעטריקע־ביכער.

עס איז זעלבפארשטענדלעך, אז ער האָט שוין מער קיין ראש הקהל נישט געקאָנט זיין (ער איז דאך שוין געווען א באַשטראָפטער). ער האָט אנגעווירן זיין גאנצן איינפלוס און איז געקומען עד ככר לחם...

זיין גאַנץ פארמעגן האט ער שוין געהאַט געפטרט אויף די משפטים קעגן די שונאים און אויף זיך אליין צו פארטיידיקן — איז ער שוין געווען א גאנצער ארעמאן און עס האָט אנגעהויבן אויסצופעלן ברויט אין הויז.

דערצו האָט אים געטראָפן נאָך אן אנדער שרעקלעך אומגליק.

ער האט געהאט א טאָכטער, רייזל האט זי געהייסן. זי איז געווען זייער א שיין, קלוג און אינטעליגענט מיידל. עס זענען אין ראדאמישלע ביי די גרעסטע גבירים נישט געווען אירס גלייכן און ער האט זיך געריכט מיט איר אויסצוכאַפּן דעם גרעסטן שידוך.

ווען ער איז געזעסן אין קרימינאל, אויף דער אונטערזוכונג, האט דאס מיידל געארבעט מעשים. זי איז שטענדיק געווען פול ביי אלע באאמטע און געבעטן רחמים פאר איר פאָטער, וואס ווערט אומזיסט פאַרפאָלגט פון זיינע שונאים און יעדער האט געוווסט, אז דאס וואס ער האָט באקומען אזא קליינע שטראָף, פון בלויז עטלעכע חדשים (מען האט זיך געריכט, אז ער וועט באקומען, לכל הפחות, גאנצע דריי יאר), איז געווען בלויז איר צו פארדאנקען. אויך בשעת ער איז געווען אין טאַרנע, אין תפיסה, האט זי פאר אים געטון אַלדאס מעגלעכע.

אז גאָט האָט ענדלעך געהאָלפן — ער איז אויסגעזעסן זיין צייט און איז צוריק אהיימגעקומען, איז צו דער פרייד פון רייזלען גאר קיין שיער נישט געווען.

זי האָט זיך מיטן פאָטער, ווימען זי האָט פשוט פארגעטערט, אזוי געפרייט — אז זי איז, פון גרויס שמחה, ארונטער פון זינען און שוין אזוי פארבליבן.

עס האבן זיך אנגעהויבן מעשות מיט דאקטוירים און שפיטאַלן, אבער קיינער האט איר נישט געקאָנט העלפן.

זי איז געווען א רואיקע משוגענע. זי האט קיינעם נישט געטשעפּעט, סיידן, ווען עס פלעגט איר אנקומען איר ווילדער כעס. דעמאָלט פלעגט זי לויפן צו די גוטווירטס, אויסהאַקן די שויבן און שעלטן מיט שרעקלעכע קללות.

דער פאָטער האט זיך מיט איר ארומגעפירט — די מוטער האט שוין נישט געלעבט — ווי מיט א קליין קינד און ווען דער כעס איז איר אָנגעקומען, האָט זי דעם אַלטן מאַן געשלאָגן מכות רצח, אז עס איז געווען א צער צוצוקוקן, ווי ער איז ארומגעגאנגען צעקיילט און צעביילט.

דערווייל איז ער שוין געוואָרן אזא אָרעמאן, אז ער האָט געמוזט אָנקומען צו פרעמדער הילף. אין אָנפאַנג איז עס נאָך צוגעגאנגען בדרך כבוד. ווען ער פלעגט צו מיר, אדער אימיצן אנדערש, קומען, האט ער נאָך גערעדט מיט אַלטן שטאָלץ: ליי מיר א צענערל, אדער א פינפערל. אבער צוביסלעך איז ער געוואָרן א פשוטער מקבל און געמוזט נעמען וואס מען האט אים געגעבן, א גילדן, אדער צוויי.

אין זיינע גוטע יארן איז ער געווען א דזשיקאָווער חסיד. דאָרטן האט ער זיך אויך געהאַלטן אין די טעג פון זיין שרעקלעכער ירידה. דער דזשיקאָווער רב, ר' יהושעלע האָראָוויץ, פלעגט אים אָפּט געבן אויף פרנסה.

ער איז געשטאָרבן, עטלעכע יאָר נאָך זיין ירידה, אין דזשיקאָוו, ווען ער איז דאָרטן געווען אויף ראש השנה.

דאָס איז געווען דער טרויעריקער סוף פון איינעם פון די לעצטע „תקיפים", ווימען די שטעטלשע מחלוקה האָט אין גאנצן רואינירט.

דאס איז געווען דער שווארצער כוח פון יידישן ברידער־קריג !...

יוסף מארגאשעס

איך ווער א חתן

אין ראדאמישלע („גרויס ראדאמישלא", נעבן טארנע. ביי ראזוואדאוו איז אויך פאראנען א שטעטל מיטן נאמען „קליין ראדאמישלא"), איז געווען א ייד א שדכן, ר' מענדל ר' בערישעס, געלדצײילער (ער איז געווען דער זיידע פונעם באוווסטן דיכטער און זשורנאַליסט ראובן אייזלאנד).

דער דאָזיקער ר' מענדל פלעגט אָפּט קומען קיין טאַרנע

און זיין אן איינגייער אינעם הויז פון מיין רבין, ר׳ נפתלי. אז ער האט מיך דערזען, האב איך ביי אים שטאַרק נושא־חן געווען און ער האט ביי זיך באשלאָסן, אז ער מוז מיך, אונטער אלע אומשטענדן, מאכן פאר א חתן. האט עס אים טאקע נישט לאנג גענומען און ער האט דאס זייניקע אויסגעפירט...

עס איז געווען דער שטענדיקער „מנהג״ פון אלע שדכנים צו זאגן ליגן. די טבע פון זייער „פאַך״ פאָדערט פון זיי, אז זיי זאלן גאר א סך איבערטרייבן און פאר די מחותנים, וואָס זוכן שטענדיק גליקן, דערציילן זאכן, גוזמאות, אשר לא היו ולא נבראו...

איך וויים נישט, צי דער דאָזיקער ר׳ מענדל איז טאַקע געווען אן אויסנאַם צווישן אלע שדכנים, אבער ביי די צוויי־דריי שידוכים, וואס ער האט פאר מיינעטוועגן פארגעשלאָגן, האָט ער זיך כסדר, אויף ווי ווייט עס איז אים נאר מעגלעך געווען, געהאלטן גאַנץ נאענט צום אמת.

אין דעם דערמאנטן שטעטל ראדאמישלע האָט געוווינט אן עלטערער, בכבודיקער בעל־הבית, מיטן נאָמען ר׳ יודל שטיגליץ, מיט זון און איידעמס (אלע צוזאמען האָט מען גערופן „די שטיגליצעס״).

קיין גרויסער גביר, אָדער שטאַרקער תלמיד חכם, איז ער נישט געווען, אבער זייער אן איידעלער ייד און א העכסט פיינער בעל־הבית. ער פלעגט האנדלען מיט וואַלד און זיין ווייב, רחמה, א גרויסע אשת חייל, האָט געפירט א ווייַן־שענק. דערפון אליין האט מען געהאט זייער שיין פרנסה. זי האט אבער דערצו אויך געהאַנדלט מיט די „מיעשטשאַנעס״, שטאטישע גויים, וואס פלעגן פאָרן אויף ירידים איבער גאנץ גאליציע און אויפקויפן חזירים. זי פלעגט זיי באָרגן געלט און נעמען גוטע פראָצענטן.

דער עלטסטער זון זייערער איז געווען ר׳ מרדכי דוד שטיגליץ. ער האט געהאט א גרויסע פאסעסיע אינעם דאָרף זגורסק, א האלבע מייל פון ראדאמישלע.

ווייל זגורסק האט דערנאך געשפילט א היפשע ראָלע אין מיין לעבן, וויל איך דאָ דערפאַר וועגן דעם דאָרף אביסל מער שרייבן.

דאס דאָרף זגורסק, מיט עטלעכע ארומיקע דערפער און א סך וועלדער, האט אמאל באלאנגט צו דעם באוווסטן פוילישן גראַף אסאלינסקי. ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, האָט ער זיין גרויס פארמעגן, אין מזומנים און געוויסע הכנסות פון די גיטער, פארשריבן פאר טובת הכלל. פון זיינע פאָנדן איז גַעגרינדעט געוואָרן אין לעמבערג די גרויסע און בארימטע אָסאָלינסקישע ביבליאָטעק.

פון די גיטער האָט ער געמאַכט (מיט א באזונדערער באוויליקונג פון דער רעגירונג) א „פידייקאָמיס״, דאס הייסט, אז זיי טאָרן קיינמאָל נישט פארקויפט, אָדער פארדונגען ווערן, נאָר דאַרפן פארוואַלטעט ווערן פון די פאַמיליעס, וועלכע ער האָט באַשטימט פאר זיינע יורשים. און אַלס יורשים האט ער באשטימט — אויף וויפל איך וויים — דריי פוילישע פאמיליעס פון שליאכטשיצעס: בראַניאָווסקי, באיער און די פירשטלעכע משפחה לובאָמירסקי.

די גיטער און די וועלדער (צוזאמען עטלעכע טויזנט אַקער) זענען צוערשט איבערגעגעבן געוואָרן צו דער פאמיליע בראַניאָווסקי אין באזיץ, אויף אזוי לאנג ווי זי וועט עקזיסטירן אין מאנסבילשע מיטגלידער. וועלן די זכרים אויסשטארבן, גייט אַלץ איבער צו דער פאמיליע באיער און נאָך זיי — צו די לובאָמירסקיס.

צו דער אָסאָליניסקישער ביבליאָטעק האָט מען פונעם גאַנצן מאַיאָנטעק געדאַרפט צאָלן בלויז דריי טויזנט פינף הונדערט גולדן א יאָר.

דער ערשטער בראניאווסקי, וואס האט, נאכן טויט פונעם גראַף אסאָלינסקי איבערגענומען די גיטער, איז געווען א שפּאָרזאַמער מענטש. ער האט אלץ פארוואלטעט אין בעסטער אָרדנונג, ווי אן אמתער בעל־הבית. אז ער איז (מיט יארן שפעטער) געשטאָרבן, האט ער צו זיין איינציקן זון אַנטאָני (אנטעק) איבערגעלאָזט, א חוץ די גיטער, אויך איבער א האלבן מיליאָן גילדן במזומנים.

דער דאָזיקער זון איז אבער געווען פונקט דער היפוך פונעם פאָטער: א גרויסער פארשווענדער און א היפשער טרינקער. אויך א שטיקל פלוט דערצו, א חושים׳ניק, ווי עס פלעגן צו זיין א סך פוילישע פריצים, די מה־יעשהניקעס.

באלד נאכן פאָטערס טויט איז אנטעק אוועק קיין פאריז און אנדערע מקומות און האט דאָרטן אנגעהויבן צו לעבן א גוטן טאָג. די גיטער זיינע זענען פארוואלטעט געוואָרן פון פרעמדע הענט.

איידער עס זענען אוועק עטלעכע יאר, איז פון אנטעקס גאנצע מזומנים (אַ האלבע מיליאָן גילדן שוין) גארנישט פארבליבן. דער אוצר איז פארלומפט און צערונען געוואָרן, פיל לייכטער ווי ער איז אפגעשפארט געווארן.

אבער אנטעק האט זיך נאך אפגעשטעלט. ער האט איצט אנגעהויבן לעבן — כאָטש שוין ניט אזוי פארשווענדעריש — אויפן חשבון פון די אסאלינסקישע גיטער און — איבערהויפּט — פון די גרויסע און אלטע וועלדער.

לאנג האט אבער אזא ווירטשאַפט אויך נישט געקאַנט אנגיין. די פוילישע פארוואלטערס אין די גיטער האבן געגנבעט און גערויבט וואס זיי האבן נאר געקאָנט. ס׳איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז עס איז שוין נישט געווען וואס צו שיקן אנטעקן קיין פאריז. אפילו אויף צו צאָלן די פארהעלטנישמעסיק קליינע סומע פון פערטהאלבן טויזנט גילדן צו דער ביבליאָטעק האט געפעלט געלט.

איז, באין ברירה, אַנטעק צוריק געקומען פון פאריז און זיך באזעצט אין איינעם פון די גיטער, אינעם דאָרף פשיביש. ער האָט אָנגעהויבן אליין צו ווערן א בעל־הבית.

ער האָט אבער נישט פארשטאַנען ווי אזוי פירן אזעלכע גיטער און וועלדער און א קורצע צייט שפעטער האָט ער באשלאָסן די גיטער, איינס נאכן אנדערן, צו פארדינגען צו... יידן...

איי, דער „פידייקאָמיס״ פארווערט דאך אויסדריקלעך די גיטער צו פארדינגען? נו, זענען אויף דער וועלט פאראן קלוגע און פיפיקע אַדוואָקאַטן, וואָס קאָנען געפינען אן עצה. זיי האבן זיך גענומען צו דעם דאָזיקן „פידייקאמיס״ און אין אים אזוי לאנג אריינגעלערנט פשט, ביז עס איז אויסגעקומען, אז אויף איין יאר מעג מען יאָ די גיטער פארדינגען. ווייטער מוז מען יעדעס יאר דעם קאָנטראַקט באנייען...

קוים האט מען שוין געהאלטן אזוי ווייט, האבן זיך שוין אויך געפונען יידן, וואס האבן געוואָלט די גיטער דינגען.

דער קאנטראקט איז טאקע געווען אויף בלויז איין יאר, אבער מזומן האָט מען דעם פריץ געמוזט געבן פאר היפשע עטלעכע יאר אין פאָרויס. עס איז געוואָרן א געהיימער אָפּמאַך,

מיט פאַרשידענע באוואָרענישן, אַז דער קאָנטראַקט האָט צו לויפן גאַנצע צוועלף יאָר.

אַנטעק איז אָבער שוין געווען דער לעצטער מאַנסביל פון דער משפחה בראַניאַווסקי און נאָך זיין טויט האָט געזאָלט קומען די פאַמיליע באַיער (אַן אָרעמע שליאַכטשיצן־פאַמיליע אין פוילן, וואָס האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף זיין טויט). איז דאָס גאַנצע געלט, וואָס די יידן האָבן געגעבן אין פאָרויס, געווען איינגעשטעלט. די געפאַר איז געווען, אַז זיי זאָלן די גיטער מוזן פאַרלאָזן תיכף נאָך אַנטעקס אָפּשטאַרבן...

פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז דאָס גאַנצע געלט געשטאַנען אין אַ סכנה פאַרלוירן צו ווערן און מען האָט דערפאַר געמוזט די גיטער דינגען גאָר־גאָר ביליק. זענען אין אָנפאַנג אויך נישט געווען קיין צופיל בעלנים דערויף.

בלויז צוויי יידן האָבן זיך איינגעשטעלט און דעם פּריץ געגעבן צו פופצן טויזנט גילדן און ביי אים גענומען צוויי גיטער אין פאַכט.

בראַניאַווסקי איז דערווייל נישט געשטאָרבן. קיין פּאַריז איז ער טאַקע שוין אויך מער נישט געפאָרן, נאָר אין פשיביש געלעבט אַ „גוטן טאָג" און די צוויי יידן זענען דערווייל נתעשר געוואָרן.

זיי זענען געווען שוואָגערס פון ר' מרדכי דוד שטיגליץ, וואָס איז פונקט דעמאָלט אַרויס פון זייער אַ פּאָסעסיע מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַ פינף און צוואַנציק טויזנט גילדן און אַ זייער גוטן קרעדיט דערצו.

דער פּריץ בראַניאַווסקי האָט נאָך דעמאָלט „געבאַלעבאַ־טעוועט" אין איין גוט, זגורסק, — דאָס בעסטע און אויך דאָס גרעסטע גוט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, פון איבער טויזנט אַקער פעט לאַנד. דאָס איז אים אָבער אויך נמאס געוואָרן און ער האָט עס פאַרדונגען צו שטיגליצן און ביי אים צוגענומען די גאַנצע פינף און צוואַנציק טויזנט גילדן.

שטיגליץ האָט דערביי געמאַכט אַ זייער גוט, כאָטש אַ גאָר ריזיקאַליש, געשעפט. דער טויטער און לעבעדיקער אינווענטאַר און די אָנגעוואַקסענע תבואות, וואָס ער האָט איבערגענומען מיטן גוט, האָט אָנגעטראָפן אַ הון רב. דערצו האָט ער פאַר די קומענדיקע זיבן יאָר כמעט גאָר קיין צינז נישט געדאַרפט צאָלן.

אין די ערשטע צוויי יאָר איז ער אַרויס מיט זיינע פינף און צוואַנציק טויזנט גילדן און ער איז געווען אויפן בעסטן וועג — אויב בראַניאַווסקי וועט נאָר פריער נישט שטאַרבן — צו ווערן אַ גאָר גרויסער עושר, מיטן גרעסטן גוט אין דער גאַנצער אומגעגנט.

אָט מיט דעם דאָזיקן ר' מרדכי דוד שטיגליץ, דעם פּאָסעסאָר פון גוט, האָט דער שדכן ר' מענדל בערישעס פאָרגעלייגט דער מאַמען אַ שידוך פאַר מיר.

דער עסק איז דער מאַמען און מיין ברודער באַלד געפעלן געוואָרן. מיין שוועגערין איז געפאָרן אָנקוקן די כלה און איז צוריקגעקומען אַן אַנטציקטע און אַ באַגייסטערטע, פאַר דעם גרויסן גליק וואָס מיר שיינט דאָ פאַר.

אַ וואָך שפּעטער איז דער אַלטער ר' יודל שטיגליץ, מיט זיין אשת חיל רחמה, געקומען צו אונדז קיין טאַרנע. זיי האָבן מיט זיך אויך מיטגעבראַכט זייערן אַ בן־עיר, ר' זעליג ניימאַן („דער רויטער זעליג" האָט מען אים גערופן). ער איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַ גמרא מלמד. איצט איז ער געווען אַ גרויסער עושר און אַ וואָכערניק.

דערדאָזיקער ר' זעליג האָט מיך פאַרהערט אַ היפּש שטיקל גמרא און אַ תוספותל און אויך חושן משפט, הלכות טוען ונטען. און „צו גוטער לעצט", האָט ער מיר געגעבן אַ „טעמע", אַז איך זאָל וועגן דעם, טאַקע דאָ אויפן אָרט, אָנשרייבן אַ לשון הקודשדיק בריוול.

איך האָב עומד בנסיון געווען און אַלץ געטון צו זיין בעסטער צופרידנקייט. ער האָט דערנאָך געזאָגט צום שדכן ר' מענדלען, אַז אויב די שטיגליצעס וועלן זיך נישט צוויילן צום שידוך, איז ער מוכן ומזומן מיך צו נעמען פאַר אַ חתן, פאַר זיין איינציקער טאָכטער...

אַ צוויי וואָכן שפּעטער זענען מיר אַלע זיך צונויפגעקומען אויף דער נאָענטער באַן־סטאַנציע טשאַרנע. עס איז אַנוועזנדיק געווען די גאַנצע משפחה שטיגליץ. פון מיין צד זענען מיט מיר מיטגעפאָרן — כדי מיך צו „באַשויען" — עטלעכע גבירים, ר' זכריה מענדל אַבערדאַם און ר' משהל וועקסלער.

דאָרטן בין איך, צו מזל, אַ חתן געוואָרן און אַז איך בין אַהיימגעפאָרן האָב איך שוין געטראָגן אַ גרויסן גאָלדענעם זייגער, מיט אַ גראָבער קייט.

דער אַלטער מחותן, ר' יודל, האָט מיר געשאָנקען אַ „סערבישן לאָס" (אַ בילעט) און אַלע האָבן מיר געווונטשן, אַז ביז צו מיין חתונה זאָל איך געווינען דאָס גרויסע געווינסט...

דאָס איז געווען ווינטער (אַרום חנוכה צייט). זיבן חדשים שפּעטער, תמוז שנת תרמ"ב (1882), ווען איך בין אַלט געווען זעכצן יאָר (אָן פיר מאָנאַטן) האָב איך למזל חתונה געהאַט.

די מאַמע און מיין ברודער האָבן איצט לייכטער אָפּגע־אָטעמט. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערן עול פון זייער קאָפּ און — מיך געבראַכט צו אַ תכלית.

מיין חתונה

מיין חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּראַכט און גלאַנץ. זי האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט און, מיט יאָרן שפּעטער, האָט מען נאָך אַלץ וועגן איר געהאַט וואונדערים צו דערציילן.

דער מחותן, ר' מרדכי דוד שטיגליץ, איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט תמיד ליב געהאַט זיך ברייט צו שטעלן און זיך אַרויסצווייזן טאַקע ווי אַ גרויסער גוטס־באַזיצער..

היינט, אַז ער האָט אויף אַן אמת געהאַט צוויי גרויסע פּאָסעסיעס, זאַגורסק און יאַזעפּאָוו, און גאָט האָט אים נאָך געהאָלפן, אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַזעלכע מיוחסדיקע און פאַרנעמע משפחות — האָט ער זיך אוודאי געוואָלט שטעלן נאָבל און ברייט..

לכבוד דער חתונה זענען צוגעגרייט געוואָרן גאַנצע דריי גרויסע סעודות.

די ערשטע סעודה איז געווען דאָס „אָרעמע מאָלצייט". עס זענען זיך צונויפגעקומען איבער הונדערט אָרעמע יידן און שלעפּערס, מיט זייערע ווייבער און קינדער. זיי זענען געקומען פון היפּשע עטלעכע מייל אַרום. מען האָט פאַר זיי געמאַכט אַ גרויסע סעודה, אַן אמתע חתונה (אַ חוץ דעם חתן, וואָס איז נישט געווען דערביי), מיט כלי־זמרים און בדחנים. די חברה האָט געגעסן און געטרונקען און געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט, ביז צום פרימאָרגן. ביים אָוועקגיין האָט

יעדער פון זיי באַקומען צוויי גרויסע בולקעס, מיט א היפּש שטיק געבראָטן פלייש און דערצו גאנצע צוואנציק גראַצער במזומנים.

די חברה האט אַ גאנצע נאַכט אזוי פיל געגעסן און נאָך מער געטרונקען, אז א סך פון זיי זענען געווען טויט־שיכור און זענען דערנאָך שעהן לאנג געלעגן אינעם גאַרטן אדער אויף די ארומיקע פעלדער.

די צווייטע סעודה איז געווען „די פּריצישע".

ראַדאָמישלע איז געווען בלויז א האַלבע מייל, מיטן קייזער־וועג, פונעם זגורסקער הויף. עס איז דאָרטן אין שטאָט געווען א באַצירקס־געריכט און שטייער־אַמט און דערצו אויך „פינאַנצן" און זשאַנדאַרמען. מיט די דאָזיקע אַלע פאַרשוינען האט די פאַמיליע שטיגליץ גאָר גוט געלעבט. ערשטנס איז דער אַלטער ר' יודל שטיגליץ יאָרן־לאנג געווען דער וויצע־בירגערמייסטער פון שטאָט. דער „בורמישטש" איז געווען א רייכער חזירים־סוחר און פלעגט זייער וויניק זיין אין דערהיים, נאָר ארומגעפאָרן וועגן זיינע מסחרים. ר' יודל האָט געפירט די שטאָט. ער האט געקענט גוט פויליש רעדן, אָבער נישט שרייבן און לעזן. פלעגט אים דער סעקרעטאַר פאַרלייענען אַלע בריוו און דאָקומענטן, וואָס זענען אָנגעקומען אין „גמינע". ר' יודל האט זיך געמאַכט זיינע נאָטיצן, אין יידיש, טאַקע אויף די בריוו און אַנדערע געריכטלעכע שריפטן און זיי דערנאָך שוין דערליידיקט. א חוץ דעם זענען אַלע באַאַמטע געווען אָפטע קונדן און איינגייער אין דער „פּאַני שטיגליצאָוועס" שענק.

אַז מען האָט פאַר זיי געמאַכט א סעודה און מען האט נאָך זיי געשיקט קאַרעטעס, זענען זיי אַלע געקומען און — צוזאַמען מיט עטלעכע פּריצישע שכנים פון די ארומיקע גיטער — פאַרבראַכט און געהוליעט ביי דער גרויסאַרטיקער סעודה.

די דריטע, די הויפּט־סעודה, איז געווען אינעם טאָג פון דער חתונה. עס זענען דערביי אַנוועזנדיק געווען איבער צוויי הונדערט פּערזאָן. עס זענען געווען אַלע נגידים און בעלי־בתים פון ראַדאָמישלע, אויך די דאָרטיקע „שיינע יידן" און איבערהויפּט אַלע קרובים פון דער שוויגערס צד, אַן ערך פון א פערציק־פופציק מענטשן.

אויף די דאָזיקע מחותנים איז נעבעך געווען „א גאָטס רחמנות", צוליב א מחלוקה אין דער משפּחה.

ר' מרדכי דוד שטיגליץ האט געהאַט א שוואָגער, יאָסקי חיים, אויך א רייכער פּאָסעסאָר, אינעם נישט־ווייטן דאָרף פּשיביש.

די דאָזיקע צוויי שוואָגערס זענען דעמאָלט געווען צעקריגט. איז ווען יאָסקי האט זיך דערוווסט, אַז מרדכי־דוד האט שוין באַשטימט דעם טאָג פון זיין טאָכטערס חתונה, האט ער, אים אויף להכעיס, אויך באַשטימט פאַרן זעלבן טאָג די חתונה פון זיין טאָכטער. די גאַנצע משפּחה האָט זיך אפילו אַריינגעלייגט און געוואָלט ביי יאָסקין פּועלן, אַז ער זאָל אָפּלייגן אויף אַן אַנדער וואָך. ער איז אָבער געווען אַן אדם קשה כברזל און מען האט ביי אים גאָרנישט געקאָנט אויספירן. האט די משפּחה זיך, נעבעך, געמוזט צערייסן און טאַנצן אין איין נאַכט אויף צוויי חתונות...

קיין טאַרנע, מיך צו ברענגען צו דער חופּה, האט דער מחותן געשיקט גאַנצע פיר קאַרעטעס מיט די בעסטע „צוגאָוועס" פערד. עס איז מיטגעפאָרן דער רבי, ר' נפתלי ר' פסחס, מיט דריי בחורים, מיינע חברים, און עטלעכע טאַרנער נגידים, פון מיין שוועגערינס משפּחה.

אַז מיר זענען, אין מיטן העלן טאָג, אָנגעקומען קיין ראַדאָמישלע, זענען אַלע קאָרעטעס, מיט גרויס בייטשן־געקנאַקעריי, דריי מאָל ארומגעפאָרן דעם שטאָטישן מאַרק און דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך צונויפגעלאָפן אונדז אָנצוקוקן און צו באַוואונדערן.

נאָך דער חתונה

א נייע, פאַר מיר גאַנץ אומבאַקאַנטע, וועלט האט זיך געעפנט ווען איך בין אָנגעקומען — און שוין פאַרבליבן — אין דאָרף.

דער חתונה־טאַראַראַם איז שוין געווען פאַריבער. די מאַמע, וואָס איז מיט מיר פאַרבליבן נאָך א וואָך צייט, איז צוריק־געפאָרן קיין טאָרנע. און איך, דער זעכצן־יעריקער יונגער־מאַנטשיק, בין אַליין געבליבן מיט מיין ווייב, אויף דריי יאָר קעסט, ביי די שווער און שוויגער.

כאָטש איך האָב מיין כלה רעכט נישט געקענט — מיר האָבן זיך בלויז געזען, און זייער וויניק גערעדט בשעת די תנאים; און דערנאָך קיין איין בריוול אפילו ניט געשריבן — זענען מיר אָבער, באַלד נאָך דער חתונה, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך בעסער דערקענט, אזוי צוגעלאָזן געוואָרן איינער צום צווייטן און זיך באמת ליב באַקומען, גלייך מיר וואָלטן זיך געווען געקענט א סך יאָרן. און די דאָזיקע האַרציקע ליבשאַפט האַלט שוין אָן, ברוך השם, איבער פופציק יאָר און וועט שוין אזוי פאַרבלייבן ביז צו אונדזער לעבנס־ענדע...

ווען איך האָב חתונה געהאַט, איז מיין שווער, ר' מרדכי דוד שטיגליץ, געווען א מאַן פון קנאַפּע פערציק יאָר. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַכט קינדער. מיין פרוי רחל־לאה, איז געווען זיין צווייטע טאָכטער. אַן עלטערע טאָכטער, איידל, איז שוין געווען זייט צוויי יאָר פאַרהייראַט צו א פיינעם יונגנמאַן, בערל לעוו, פון שענדישאוו.

מיין שוויגערס משפּחה איז געווען א היפּש גרויסע און א ווייט־פאַרצווייגטע און א רייכע דערצו. אַלע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַלטן גרעסערע, אָדער קלענערע, גיטער און פּאַכט.

איר פאָטער, ר' ישראל לינד (וועמען איך האָב שוין נישט געקענט), איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען אַן אַרענדאַר אינעם דאָרף רידע, ביי ראַדאָמישלע.

דאָס איז נאָך געווען אין די יאָרן, ווען עס זענען אין גאַליציע נאָך גאָר קיין באַנען נישט געווען, און אַלע אָקסן, וואָס זענען אויף די גרויסע ירידים פאַרקויפט געוואָרן קיין אָלמיץ, ברין און ווין, זענען אַהין געטריבן געוואָרן איבער געוויסע באַשטימטע וועגן.

ישראל רידערס קרעטשמע איז געווען אויפן טראַקט, איבער וועלכן טויזנטער אָקסן זענען יעדער וואָך פאַרביי־געטריבן געוואָרן. איז ביי דער דאָזיקער קרעטשמע געווען די אָקסישע סטאַנציע, דאָס אָפּרו־פּלאַץ. דאָרטן האָט מען זיי געפיטערט מיט היי — געקויפט ביים אַרענדאַר — און אָנגעטרונקען מיט וואַסער.

דער אָקסן־מסחר איז אין יענע צייטן געווען א גאָר גרויסער און איז אינגאַנצן געווען אין יידישע הענט. עס זענען דערביי באַשעפטיקט געוואָרן א סך מענטשן. א חוץ די גויאישע טרייבערס, זענען יידן געוואָרן די באַגלייטערס פון די טראַנספּאָרטן, נאמנים, קאַסירערס, רואי־חשבונס. אַלע פלעגן

פאַרן מיט פיינע קאָרעטעס, איבערהויפּט די סוחרים, וואָס פלעגן אָפּט נאָכפאָרן, כדי אויף די ירידים די אָקסן צו פאַרקויפן.

אַז די אַלע מענטשן פלעגן דורכפאָרן דאָס דאָרף רידע, דאָרטן אָפּטרעטן, אָדער אויך איבערנעכטיקן אין קרעטשמע און געבן צו לייזן אַ סך געלט. דער אַרענדאַר, ישראל, האָט אָפּגעוווינט אַ סך יאָרן אין דער קרעטשמע און איז נתעשר געוואָרן.

און אַז עס זענען שפּעטער אין גאַליציע אויפגעקומען די באַנען און מען האָט שוין מער קיין אָקסן נישט געטריבן, נאָר געפירט מיטן באַן, האָט די גאַנצע שפע מיט אַמאָל אויפגעהערט און עס האָט זיך דעם אַרענדאַר שוין מער נישט געלוינט צו בלייבן ווייטער וווינען אין דאָרף.

אַזוי ווי געלט האָט ער שוין געהאַט גאָר אַ סך, האָט ער פאַר זיך און זיינע קינדער, זין און איידעמס (אַ צען אַן ערך) געדונגען גרויסע גיטער. אַלע האָבן זיך זייער גוט אויסגעטויגט צו די פּאַסעסיעס און שטאַרק מצליח געווען.

כמעט קיינער פון זיינע קינדער און אייניקלעך האָבן נישט געוווינט אין שטאָט, נאָר אין די דערפער, אין געדונגענע (און שפּעטער אויך — אין אייגענע) גיטער.

עס איז געווען אַ צייט, אין מיינע יאָרן, ווען זיינע קינדער און אייניקלעך האָבן, אין איין און דערזעלבער צייט, געהאַלטן צוויי און צוואַנציק גרעסערע, אָדער קלענערע גיטער. און אַלע — נישט ווייט פון ראַדאָמישלע.

מען האָט שוין געוווּסט, אַז אויב ר׳ ישראל קעלקיאָווערס (מען האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן וועגן דעם דאָרף רידע, נאָר אים גערופן אויפן גרויסן גוט, קעלקיאָוו, וואָס ער האָט געהאַלטן יאָרן־לאַנג אין פּאַסעסיע און דערנאָך איבערגעגעבן צו זיין יונגסטן זון, משה לינד, וועלכער האָט זיך שוין געפירט אַזוי ברייט ווי אַן אמתער שליאַכטשיץ...)

אַ זון, אָדער אַן איידעם, מאַכט חתונה אַ קינד, וועט מען אים באַלד פאַרזאָרגן מיט אַ פּאַסעסיע. .

אויך מיין שווער, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן עושר, האָט דאָסזעלבע געטאָן.

ווען ער, מיין שווער, איז אַריין אין זגורסק, אין דעם גרויסן גוט פון בראַניאַוואָסקין, האָט ער פריער נאָך געהאַט אַ קליין גוט, קאָניעץ, ביי פּשעצלאָוו, נעבן ראַדאָמישלע.

דאָס איז אפילו געווען אַ קליין גיטל, אָבער זייער גוטע ערד און מען האָט דערביי יעדעס יאָר פאַרדינט אַ סך געלט.

זיין ערשטער איידעם, בערל לעוו, אַ שטאָטישער בחור, האָט גאָר נישט געוווּסט אין הלכות גוט. ער האָט אפילו, פּונקט ווי איך, כמעט קיין איין וואָרט פּויליש נישט פאַרשטאַנען. אָבער דאָס יונגע ווייבל זיינס, איידל, איז געווען אַ גאָר גרויסע בריה, פלאַם־פייער, און איר האָט דער פאָטער איבערגעגעבן דעם פאָלוואַרק קאָניעץ צום פאַרוואַלטן.

זי איז אָבער דאָרטן געזעסן בלויז איין יאָר. דער קאָנטראַקט האָט זיך אויסגעלאָזט און איר פאָטער האָט פאַר איר געדונגען אַ סך אַ גרעסער גוט, יאָזעפאָוו, פון אַ פיר הונדערט און פופציק אַקער גוטע ערד. ער האָט דאָרטן אַריינגעלייגט אַ קאַפּיטאַל פון איבער צוואַנציק טויזנט גילדן.

מרדכי דוד שטיגליץ איז געווען אַ זייער גוטער און געטרייער פאָטער. ער האָט פאַר זיינע קינדער שטענדיק געטאָן נאָך מער, ווי זיינע כוחות האָבן אים דערלויבט. ער האָט אָבער זיין ליבשאַפט צו קיינעמען קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן. ער איז געווען אַ זייער שטרענגער און פעסטער כאַראַקטער און אַלע, אויך זיינע נאָענטסטע, האָבן פאַר אים גאָר שטאַרק געציטערט און זיך געהיט נישט אַרויסצווייזן אַ פרייע מינע אין זיין קעגנוואַרט. ער האָט אויך ליב געהאַט אַ היפּש ביסל כבוד און ביי זיך געווען זייער שטאָלץ. אַלץ, וואָס ער האָט נאָר אַרויסגעזאָגט, האָט געמוזט אויסגעפירט ווערן תיכף ומיד.

מלך ראַוויטש

ד״ר שמואל מאַרגאָשעס*)


(פון דער סעריע „מיין לעקסיקאָן״)

(געבוירן אין יאָר 1887, אין יוזעפאָוו, ביי טאָרנע, מערב־גאַליציע, אין אַמעריקע זינט דעם יאָר 1905)

צווימאָל אַ דאָקטאָר און איינמאָל אַ רב און אַלעמאָל אַ גאַליציאַנער, וואָס דאָס איז שוין אויך אַ שטיקל טיטל. און דערצו — אין פאַרלויף פון לעבן — אַ זיבעצן וויכטיקע אַמטן, מיט און אָן טיטולן, צווישן זיי יאָרן פּרעזידענט פון דער מעכטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע. און דערצו, נאָך פאַר אַ צולאָג, האָט גאָט צוגעגעבן אַ שטרענג און מאַרקאַנט פּנים פון אַ מענטשן, וואָס אָט, אָט זאָגט עס „ניין״! ד״ר שמואל מאַרגאָשעס. מיר — יידישע שרייבער — קענען אים לרוב פון זיינע יאָרן אַלס רעדאַקטאָר פון „טאָג״ אין ניו יאָרק און פון זיינע פיל צענדליקער יאָרן שרייבן דאָרט אַרטיקלען אין צוויי לשונות — יידיש און ענגליש. צום שטרענגן פּנים מיט די גרויסע ברילן האָט מאַרגאָשעס אויך אַ שטרענגע שטים. רעדט ער יידיש איז מיט אַ שמץ ענגלישן אַקצענט — שוין כמעט פון דער פריער יוגנט אין אַמעריקע; און רעדט ער ענגליש, איז מיט אַ שמץ יידישן אַקצענט. ער איז דאָך כסדר צווישן יידיש־רעדנדיקע. און ער איז בכלל אַ ציוניסט־אַמעריקאַניסט, העברעיסט־יידישיסט. און עס דאַכט זיך מיר, אַז די פיר ווערטער זאָגן אַלץ וועגן ד״ר שמואל מאַרגאָשעס.

ווו האָב איך אים אַלץ באַגעגנט? אין וואַרשע, אין ניו־יאָרק, אין מאָנטרעאַל, אין ירושלים. אָבער דאָס סאַמע ערשטע מאָל אין וואַרשע, באַלד נאָך די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. געקומען דעמאָלט אַהין מיט אַ מיסיע — ווי דען? און מיר, דער עיקר מיר פּאָעטן, האָבן געוווּסט, אַז מיר האָבן פון די דאָזיקע „מיסיאָנערן״ גאָרנישט צו דערוואַרטן — חוץ ביטול. און דערצו נאָך אַ רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער טאָג־צייטונג. ווער דאַרף אונדז? פלעגן מיר זיך ווערן מיט פאַראַכטונג קעגן ביטול... נישט אַ קוק טאָן

*) נפטר געוואָרן אין יאָר 1968



ד"ר שמואל מארגאשעס*)

פלעגן מיר אין דער זייט פון די גרויס־געסט. אבער ווי פארוואונדערט זענען מיר געווען, אז עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז שמואל מארגאשעס זוכט גאר אונדז, אז ער איז גאר אין אונדז פאראינטערעסירט. ער קען און לייענט אונדז, ער איז נישט מסכים מיט אונדזער דרך, אבער ער אנערקענט אונדזער רעכט אויף אן אייגענעם דרך. און זינט דעמאלט איז געבליבן אין מיר עפעס אזא מין אָנגענעם דאנק־געפיל צו דעם דאזיקן, שטרענגען כלפי חוץ און מילדן כלפי פנים, שמואל בן יוסף.

רב יוסף מארגאשעס, א שרייבער מיט אסך פארנעם אין יידישן שטח און אין יידישער צייט, איז געווען שמואלס פאטער, אינגאנצן צוואנציק יאר עלטער פון זון. ער האט אריינגעלעבט אין טיפן, טיפן עלטער. קיין אמעריקע געקומען פיל יארן פאר זיין זון. איך געדענק דעם חומשדיקן רושם, וואס עס האט אויף מיר געמאכט די באגעגעניש פון דעם טאטן און דעם זון צוזאמען אין א ניו־יארקער ליטעראַרישער קאפעטעריע. לו יהי יעקב אבינו און ראובן ערגעץ אין די געעצלטן פון א מארק אין גושן. דער אלטער איז יארן לאנג געווען א פארזארגער און זאָרגער פאר יידישע שרייבערס איבער גאר דער וועלט. משגיח — לאמיר עס רופן היימישלעך־פאטריארכאל — פון פרץ־שרייבער פאריין אין ניו יורק.

אין אנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די צערודערונג איז געווען אָן א סוף; און נישט נאר טוליען האט זיך איין יידישער שרייבער געוואלט צום צווייטן, נאר ממש קלאמערן, פלעג איך אָפט קומען צו די מארגאשעסעס. זיין פרוי, פון דער משפחה קירשענבוים, פלעגט אליין פון צייט צו צייט זיך צוכאפן צו דער פען מיט א ליד און האט גערן געהאט אט די אומענדלעכע שמועסן וועגן דיכטונג און דיכטער.

און אט רעדן מיר וועגן שמואל יעקב אימבער. שמואל מארגאשעס פאלט ממש אריין אין א כעס און הייבט אָן שפאנען איבער דער שטוב:

— אוודאי קאָן מען נישט ראטעווען אלעמען, אבער כאטש יחידים. און דו, שמואל יעקב, ביסט געווען עטלעכע מאל אין אמעריקע און צוליב א נארישן קאפריז ביסטו צוריקגעפארן אין תהום אריין...

*) דער אריגינאל פון בילד געפינט זיך אין צענטראלן ציוניסטישן ארכיוו אין ירושלים, וועמען מיר דאנקן פאר זייער דערלויבן אראפצונעמען א קאפיע.

מיר איז גוט געווען צו זען אזויפיל חברישע זאָרג. און נאך בעסער איז מיר געווען, ווען עס איז נייטיק געווען צו שרייבן „אפידעווידס" פאר משפחה־מיטגלידער פון שרייבער און — ווען נאר איך האב א קלונג געטון צו ד"ר מארגאשעס, האט ער איבערגעלאזן אלע עסקים און געלאפן ווי מען האָט אים געשיקט.

שווער צו זיין אפילו א קליין ביסל אנדערשדיק אין דער, אָפט קנאישער, אין דער אדער אין יענער ריכטונג, יידישער פרעסע. אבער מארגאשעס איז אין זיינע, אלעמאל קלאָרע און גרונטאָוונע, עסייען, זייער אָפט אנדערשדיק. און ער האט א גרויסע פעריפעריע לייענער, ער שרייבט דאך, אזוי־צוזאגן, מיטביידע הענט — יידיש און ענגליש. ביי ציוניסטן איז ער אפט שיר נישט א גלות־אידעאלאָג, און ביי העברעיסטן — א יידישיסט (און דאס איז ער טאקע...) און וויצע ווערזא. און ער האָט ליב, ניין — ער איז פארליבט אין יידשער דיכטונג. און אָפט פארסירט ער אריין, אין העכסט־פאליטישע טעג, צווישן העכסט־פאליטישע קאלומס אין ענגליש — א מין שיר השירים וועגן שירים אין יידיש. און קורץ און שארף איז ער מסביר אָפט א שווערן פאָעט, אז עס ווערט ממש ליכטיק אין די אויגן. דערפאר ווייל מארגאשעס האט אויף אן אמת ליב דיכטונג — און, ווי אסך פובליציסטן, האט ער אנטדעקט דעם סוד, אז מען קאן פון דיכטונג שעפן אינספיראציע אפילו פאר קאָמפליצירטסטע פאָליטישע טעמעס. און — זאל מיר דערלויבט זיין אן אחרון־אחרון — איך בין אים טיף דאנקבאר, וואס ער האט זיך מיט אזא ערנסט באצויגן צו מיינע מעדיטאציעס וועגן א צווייטן ספר־הספרים...

ד"ר ש. מארגאשעס

א פארלאָשענער שטערן

(געדרוקט אין „יערלעכער געדענק־בוך", 1, פארלאג „גאליציע". תשכ"א — בוענאס־איירעס — 1961)

פון צייט צו צייט דערמאָן איך זיך, אז איך בין א גאליציאנער, ס'וואלט געווען נענטער צום אמת צו זאגן: מען דערמאנט מיך, אז איך בין א גאַליציאַנער. איך אליין בין גענייגט צו פארגעסן. איך האב אפגעלעבט מיינע יונגע יארן אין מערב־קאַנט פון גאליציע, אבער כ'לעב שוין אין די פאראייניקטע שטאטן דריי מאל אזוי לאנג. איך בין געקומען קיין אמעריקע א יונגערמאנטשיק פון אכצן; איך בין שוין היינט א מענטש אין די זיבעציקער יארן. מיין אוניווערסיטעטס־בילדונג און מיין לעבן־דערפארונג האב איך געקראגן אין אמעריקע. מיינע קינדער זענען געבוירן געווארן דא אין לאנד, מיינע עלטערן רוען אין דער אמעריקאנער ערד, מיין אויסבליק איז פון אן אמעריקאנער יידן.

פונדעסטוועגן בין איך זעליש געקניפט און געבונדן מיט גאליציע, מיט מיין אלטער היים. איך האב א סך באקאנטע און פריינד צווישן גאליציאַנער יידן. ווען מיר באגעגענען זיך רעדן מיר וועגן די אלטע צייטן אין אלט־גאליציע. פאראן עפעס שותפותדיק צווישן זיי און מיר. און שותפותדיקייט ליגט נישט נאר אין געמיינזאמע יוגנט־

דערינערונגען; זי באשטייט אין דער ספעציעלער מענטאליטעט וואס איך בין געניגט אנצורופן „די גאליציאנער מענטאליטעט".

איך האב אמאל געשריבן וועגן דעם געמיינזאמען שטריך, וואס גייט דורך די גאנצע יידישע פאעזיע וועלכע איז געשאפן געווארן פון גאליציאנער דיכטער. אנהויבנדיק מיט שמואל יעקב אימבערן, דורך הארוויצן, דורך משה לייב האלפערן, דורך משה נאדירן, דורך קעניגסבערגן, דורך מאיר שטיקערן, בערל וויינשטיינען, ביז צו איציק מאנגערן — ציט זיך איין פאעטישע ליניע, וואס פארבינדט זיי אלעמען, איך וואלט זי אנגערופן די סענטימענטאל־איראניש־ראמאנטיש־לירישע ליניע. זי איז א פראדוקט פון א סך לייענען היינעס לידער, פונקט ווי די ליריק פון אונדזערע רוסיש־יידישע דיכטער איז אן אפשפילונג פון גרויס פאראינטערעסירטקייט מיט דער רוסישער פאעזיע. גענוג צו פארגלייכן די צוויי דינסטע יידישע ליריקערס, וואס זענען טיפיש פאר זייערע דיכטונגען: משה לייב האלפערן מיט מאני לייבן, כדי צו זען, אז פונקט ווי איינער איז א היינעשער פאעט, איז דער צווייטער א לערמאנטאוו־פושקין־דיכטער.

איך האב זיך אפגעשטעלט אויף דער יידישער ליריק און דעם גאליצישן אנטייל אירן, אבער איך וואלט פונקט אזוי גוט געקאנט זיך אפשטעלן אויף אנדערע גייסטיקע געביטן, אין וועלכע דער גאליצישער אנטייל טראגט אויף זיך א ספעציעלן חותם. נעמט למשל, חכמת ישראל. צווישן קראכמאלן און ראפאפארטן, ניימארקן און פעדערבושן, מערקט זיך א באזונדערע גייסטיקע קרובהשאפט, וואס צייכנט זיי אויס פון די אנדערע געלערנטע, וועלכע זענען עוסק אין יידישער געלערנטזאמקייט. דאס זעלבע קאן געזאגט ווערן וועגן דער יידישער פירערשאפט פון א דאקטער טהאן, א ד"ר בירענבוים, א דאקטער רייך און א. שטאנד. איך וויל דערמיט חלילה נישט זאגן, אז דער גאליצישער שבט איז א מער פעיקער, א מער טאלענטירטער, ווי אנדערע יידישע שבטים; איך וויל בלויז באהויפטן, אז ער איז אן אייגנארטיקער — נישט חלילה צוליב אן אנדערער ראסע, נאר צוליב גאנץ באזונדערע אומשטענדן, אונטער וועלכע ער האט געלעבט און זיך אנטוויקלט.

דא, אין אמעריקע, ווי אין ישראל און איבער גאר דער וועלט, הערשט די טענדענץ צו פארווישן די אלע שבטישע אונטערשידן אין א מיזוג גלויות. סוף כל סוף זענען מיר די לעצטע גאליציאנער; אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן שוין זיין וואס זיי וועלן זיין, אבער נישט קיין גאליציאנער. נאר פאר אונדז, וועלכע זענען געבוירן אין גאליציע, איז דאס גאליציאנערטום אן ענין, וואס איז טיף אריין אין אונדז, אז עס מוז ווירקן אין אונדז אזוי לאנג ווי מיר וועלן לעבן. און ס'איז קיין נפקא־מינה נישט, וואס גאליציע גופא האט שוין לאנג אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ווי א באזונדערע איינהייט — נאך צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פאראן שטערן, וועלכע שיקן ארויס זייערע שטראלן, וואס וואנדערן מיליאנען ליכט־יארן, איידער זיי דערגרייכן די ערד; די שטערן גופא זענען שוין לאנג אויס־געלאשן, ווען זייערע שטראלן ווארעמען נאך די מענטשן־קינדער אויף דער ערד. גאליציע איז אונדזער אויסגעלאשענער שטערן.

ד"ר ש. מארגאשעס

מיין ראדאמישל

(איבערדרוק פון „דער גאליציאנער", ארויסגעגעבן פון „פאראייניקטע גאליציאנער יידן אין אמעריקע", קאנווענשאן יאר בוך, 23־טן אפריל 1939)

1

פרעגט מיך בחרם ווי עס זעט איצט אויס מיין אלטע היים אין גאליציע. שוין יארן און יארן, אז כ'האב פון איר נישט געהערט. אין די גאר אלטע צייטן, ווען די בענקשאפט נאך די גרינע פעלדער, וואס הינטערן מארק, האט נאך גענאגט, פלעגן בריוו פליען אהין און אהער און די פאטשטן, וואס האבן מיך דערגרייכט, האבן געצונדן מיין דמיון און וואך געהאלטן מיין הארץ. כ'בין געלעגן אין די לאנגע נעכט אין אטוירני סטריט און מיין קאפ איז געוועזן אין ראדאמישל. אבער פינף־און־דרייסיק יאר אין אמעריקע האבן נישט בלויז געזילבערט מיינע שלייפן, נאר אויך פארבלאסט אין מיר דאס בילד פון שטעטעלע ראדאמישל. א שוואכע דופט בלויז איז פארבליבן ווי פון פארבליטע אקאציעס און נישט מער. אמאל פאסירט נאך, אז כ'זע אין חלום צעווארפענע נידעריקע הייזקעס, מיט קרומע פענצטער און משופעדיקע דעכער ארום א פוסטן מארק אין לבנה־ליכט. איך כאפ זיך, אין א רגע פון דערקענונג, אז דאס אלטע שטעטעלע, אויפטויכנדיק פון תהום פון אונטער באוווסטזיין, איז ווידער וואך געווארן אין מיין זכרון. אבער דער מאמענט פארגייט און ראדאמישל איז ווידער א פינטעלע ערגעץ אויף דער לאנדקארטע, נישט צו געפינען און נישט צו געדענקען. א ברעג פון א טרוים, וואס האט א פלאטער געטון אינעם רויש פון דער יוגנט און איז צוזאמען מיט איר פארשוווּנדן אויף אייביק.

נאר גיי פארלאז זיך אויף אייביקייטן. א קלונג פונעם בריווטרעגער — און ראדאמישל איז ווידער דא. א לאנגער קאנווערט מיט פוילישע פאסט־מארקעס ליגט אויף מיין טיש און דער שטעמפל זאגט קלאר און דייטלעך: ראדאמישל. כ'האלט דעם גרויסן בויגן פאפיר אין מיין האנט, קוק זיך איין אין די אותיות און פאר די אויגן טראגט זיך ווידער אן אלט־באקאנט, כאטש אביסל אפגעריבן בילד — ווי א פארגעלטע ראדירונג, וואס איז אקארשט געפונען געווארן אונטער א בארג שמות אין אלטן דאך־שטיבל, וווּ זי איז אפגעלעגן הונדערטער און הונדערטער יארן. דער אלטער כמעט אויסגעוועפטער דופט הערט זיך ווידער. די אקאציעס בליען אין די סעדער און די בחורים און מיידלעך גייען אויף און אפ אויף דער „קייזער־שטראסע" דעקלאמירנדיק היינען, בשעת סוחרימלעך מיט שטעקלעך דרייען זיך ארום אין מארק און ווארטן אויף א פארדינסטל. מיין שטעטעלע ראדאמישל, דו לעבסט ווידער און ברענגסט מיר צוריק מיין יוגנט! אבער צייט צו לייענען דעם בריוו. וואס קאנען זיי וועלן פון מיר, די פאנטאמען פון אמאל, די לאנדסלייט פון שטעטעלע ראדאמישל?

דאס אויג לויפט, שפרינגט פון שורה צו שורה, דאס הארץ זינקט. איך לייען די געקרייזלטע שריפט:

„וויר אונטערגעדריקטע ארבייטער פאַן ראדאמישל ווענדען זיך צו אייך אַלס ראדאמישלער לאַנדסמאַן, דאס איהר זאלט אונס ארויסהעלפען פאַן אונזער שלעכטער לאגע אונד פיר אונס צו זעהן עפעס באהילפיג צו זיין וויר זאלן קענען ארויסעמיגרירען נאך אמעריקע. היער אין ראדאמישל איזט זעהר שלעכט. מ׳געהט אויס נאך א גראשן און ער איז ניטא. וויר האבן געגרינדעט איין קאָמיטע דער האנדווערקער פאן זאָלכען, וואס האבן דאקומענטן און די זעלבסטשטענדיג זינד, דען וויר וואָלן ניכט דער אמעריקאנער רעגירונג צו לאַסט פאלן. וויר געהען הערום ארבייטסלאָז אונד וויר האבן זיך ניט צו יעמאנדען צו ווענדען. ווענדען וויר זיך צו איהנען און וויר האָפן דאס זי אונס ניט פארגעסן ווערדען. וויר האבן זיך שאן אַן דען הערען פרעזידענטן רוזוועלט געווענדעט, דאַ ער א נייעם פליכטלינג־פלאן האט פיר דויטשע אידען, און מיר בעטען זי אונז די געפעליקייט ביים פרעזידענטן צו טון דאמיט וויר נאָך אמעריקא אויסוואנדערן קענען, ווי די אידען אין דייטשלאַנד און עסטרייך. וויר האבן גאָלדענע הענט, אבער וויר האבן ניכט ביי וואס צו ארבייטען. העלפען זי אונז ביי פרעזידענט רוזוועלט״. און צום סוף בריוו א באשטעטיקונג פונעם אָרטיקן רב: „מפני גודל הלחץ זו הדחק במדינתנו בכלל ובעירנו בפרט אבוא ג״א בשם הקהל לבקשהו כטובו הגדול לטכס עצה עבור אנשי עירנו כי כמעט כשל כוח הסבל״ און גאָר אונטן — א שטעמפל פון דער גמינע.

כ׳לייען שוין דורך פארטרערטע אויגן. מיין אָרעם, נאַאיוו, פארצווייפלט שטעטעלע ראדאמישל!

מילא, פאַרפאַלן. די ראַדאָמישלער לאנדסלייט מיינע וועלן מיר שוין מוזן מוחל זיין פארוואס איך קאן זיי נישט טון די געפעליקייט און כאָטש לייענען דעם בריוו זייערן פארן פרעזידענט רוזוועלט אליין. כ׳בין נישט דער יוצא ונכנס ביים פרעזידענט, ווי זיי שטעלן זיך פאָר. און א חוץ דעם — ווענט האבן טאקע אויערן, אבער די ווענט פון ווייסן הויז זענען נישט תמיד צום דערגרייכן אפילו פאר דער ווארעמסטער תפילה. נאר אויב נישט צו רוזוועלטן דירעקט, צו א טייל יידן אין אמעריקע קאנען דאך די לאנדסלייט מיינע דערגרייכן דורך מיר. און מיר דאַכט זיך, אז זיי האבן נישט בלויז א בקשה, נאר א טענה, — און א גערעכטע — די יידן פון ראדאמישל:

פארוואס האט מען אָן זיי פארגעסן? פארוואס באטראכט מען זיי נאך אַלץ ווי שטיף־ברידער? מיט וואס האבן זיי זיך פארזינדיקט ערגער, ווי די ברידער אונדזערע פון דייטש־לאנד און עסטרייך?

2

פארגעסט אן דעם דייטשמעריש, פאַרמאַכט די אויגן אויף א רגע אויף דער נאַאיווער פשטות פון די באַלמעלאָכעס מיט „גאָלדענע הענט״ און דערזעט דעם פאַטאָס, וואס שלאגט פון יעדער שורה פונעם בריוו. אזוי האט מען אמאל, אין פריען מיטל־אלטער, געשריבן וועגן פדיון שבויים, וועגן אויסלייזן יידן פון רוצחישע הענט. דו שטאַמלסט, שטעטעלע ראדאָמישל — און צוזאמען מיט דיר אנדערע שטעטלעך אין גאליציע, אין קרוין־פוילן — אבער כ׳ווייס וואס דו ווילסט.

דו ווילסט אזוי זאגן:

„ליבהארציקע אמעריקאנער יידן, וואס שווייגט איר? פארוואס ווייסט איר נישט, אז כלו כל הקיצין, אז אלע שטריק רייסן שוין און אז דער חלף ליגט שוין אויפן האלדז? טא אויף וואָס וואַרט איר נאָך? קיין פרנסה איז דאָ נישטאָ, דאס לעצטע ביסן פונעם מויל איז שוין אויך צוגענומען און מיטן לעבן איז מען אויך נישט זיכער. וואַרטן דא לענגער קאָנען מיר נישט. ראשית, איז נישטא אויף וואס צו וואַרטן; און שנית, נישטאָ, נישטאָ מער קיין כוחות. די איינציקע האָפנונג איז אמעריקע. אויב נישט פאר אלעמען פון אונדז, איז כאטש פאר א טייל, פאר די יינגערע, פאר די טיכטיקערע, פאר די דאזיקע מיט א פאַך אין די הענט. האבן מיר געהערט, אז אייער גרויסער פרעזידענט רוזוועלט האט גערופן אן אסיפה פון רעגירונגס־פארטרעטער צו געפינען ערטער, ווו די גערודפטע פון פינצטערע לענדער זאָלן זיך קאנען באזעצן און דערווייל גייט ער עפענען אביסל ברייטער די טויערן פון אמעריקע פאר איינוואנדערער. פרעגן מיר: און וואס וועט זיין וועגן אונדז? דערווייל האבן מיר נישט געהערט, אז אימיצער זאל גאר טראכטן אָדער זיך משתדל זיין וועגן אונדז. דייטשע יידן, עסטרייכישע יידן, זיי איז איצט ווייל, זיי זענען די יתומים פון דער וועלט, אבער זענען מיר דען ערגערע מענטשן דערפאר, ווייל איבער אונדז שוועבט אן אַנדערער צלם און נישט דווקא דער האקענקרייץ? גלויבט אונדז, ווען ס׳קומט צום רכוש, גלייכן מיר זיך אויס מיט די אנדערע יידן, אויב נישט מיט א שמיציק ערגער. דער נפש איז דאָ אויך נישט קיין זיכערער. טאָ, חזרן מיר איבער, פארוואס גלייכט איר אונדז נישט אויס מיט די אנדערע יידן, ווען עס קומט צו הנחות און אויסוואנדערונג? אויב שוין יא קאָנפערענצן וועגן גערודפטע, האט אונדז אויך אין זין. ראַדאָמישל איז טאקע נישט בערלין, צי ווין, אבער שלעכט איז אומעטום. און א כלל זאָלט איר האבן: כל ישראל חברים. און געדענקט, די נויט איז גרויס און קיין צייט צו וואַרטן איז נישטא, ווייל יעדער טאג דא איז ווי א יאָר און יעדעס יאר — ווי א שמיטה. און הלוואי זאל נישט ווערן צו שפעט.

אט אזוי שרייבט ראדאמישל — פון א שווער געמיט, נאר אין א לייכטער איצערזעצונג.

3

פארשטייט מיך גוט: איך זאג נישט, אז די אמעריקאנער יידן דארפן ארויס אין דעם איצטיקן מאָמענט מיט א געשריי, אז די אימיגראַציע־געזעצן דארפן אָפגעשאַפט, צי אפילו געענדערט ווערן, כדי די גאליציאנער און פוילישע לאנדסלייט אונדזערע זאלן קאָנען קומען אהער פראנק או פריי. כ׳קען צו גוט דעם געמיט־צושטאַנד פון די אמעריקאנער מאסן און ווייס, אז אזא פאדערונג, שוין אפגערעדט פון א געשריי, קאן ביי אונדזערע היינטיקע באדינגונגען בלויז ברענגען שאָדן און נישט קיין גוטס. כ׳ווייס אויך, אז אלע די דאָזיקע, וואס האלטן אין איין פארטומלען די יידישע גאס מיט זייער געפילדער פאר אָפענע טויערן אין אמעריקע און פארן אָפשאַפן די אמעריקאנער קוואטע פאר פליטים, בשעת זיי אליין רירן נישט צו קיין פינגער צו עפענען אפילו א שפעלטל אינעם סאָוויעטישן גן־עדן, ווו זיי זענען גאַנצע דעה־זאָגערס און פארענטפערערס, — אז זיי אלע טרייבן נישט קיין יידישע פאליטיק נאר דעם נידריקסטן מין דעמאַ־גאָגיע. ווייל סוף־כל־סוף גייט אַלץ אויפן חשבון פונעם אָרעמען וואָגלער, — צי אויפן דאנוי, צי אויף דער ווייסל. נאר אויף זיין חשבון און נישט אויף קיין אנדערנס. כ׳ווייס —

און נישט דאָס בין איך אויסן. אבער — און די קשיא וועל איך נישט אויפהערן צו פרעגן אזוי לאנג ווי דער בריוו פון מיינע ראדאמישלער לאנדסלייט וועט ברענען ווי א ווונד אין מיין אינגעווייד — וואס הערט זיך וועגן פארלייכטערונגען אין די גרענעצן פון דער איצטיקער קוואָטע?

כ'האב זיך גענומען די מי (ראדאמישל, מיין ראדאמישל!) נאכצוקוקן די סטאטיסטיק פון דער וואנדערונג פון פוילן אין די פאראייניקטע שטאטן ווי גרויס איז די קוואָטע פאר פוילן? זעקס טויזנט פינף הונדערט און פיר־און־צוואנציק. וויפל זענען אריינגעקומען פון פוילן אין יאר 1937? צוויי טויזנט פינף הונדערט און זיבן־און־זעכציק. סך־הכל בלויז 39 פראצענט פון דער צאל, וואס לויטן געזעץ האט געמעגט אריינקומען. 61 פראצענט פון דער קוואָטע איז געבליבן נישט פארפילט.

קלאָר ווי דער טאג, אז ס'איז נישט געווען קיין מאַנגל אין קאנדידאטן אויסצופילן די פוילישע קוואָטע; אז אין יאר 1937, דעם יאר פון פאָגראָם־כוואליעס און באָיקאָטן און רייד וועגן עוואקואציע, האבן זיך נאך געפונען אין פוילן נאך 3957 יידן, וואָס האָבן געוואָלט, געגאַרט — וואָס זאג איך? — געריסן זיך מיט אלע כוחות צו קומען קיין אמעריקע און אנצוהייבן דא דאָס לעבן אויפסניי. וואס דען? מ'האט זיי נישט אריינגעלאָזט; מ'האט זיי געלייגט שטיינער אין וועג, געשלעפט זיי נאָכאמאָל און ווידעראַמאָל קיין וואַרשע צום אַמעריקאַנער קאָנסול; געפאדערט פון זיי אַפי־דייוויטס און נאך אפידייוויטס. און צום סוף אוועקגעשיקט אהיים — באליידיקטע, דערנידעריקטע, פארצווייפלטע, אָן אַן אמעריקאנער וויזע. איז אט וועגן אָפשאַפן אט די דאזיקע אומענטשלעכע שוועריקייטן פאר די פוילישע יידן האַנדלט זיך דאָ, נישט וועגן קיין אנדער זאך.

קאן מען דאס אויספירן? כ'רעכן מ'קאָן. מ'האט גערעדט דערפון שוין יאָרנלאַנג נאָכאַנאַנד, נאך איידער מיינע ראדא־מישלער לאנדסלייט האבן דערפילט, אז כלו כל הקיצין און די וועלט עקט זיך פאר זיי. נאר מ'דאַרף ווייטער רעדן און אָפטער און צודרינגלעכער און אין באמת הויך־פאַטעטישן טאָן, ווי מ'טוט עס אין נאָמען פון די דייטשע און עסטרייכישע יידן. און מ'דאַרף, קודם כל, געפינען א פאָרמול, וואָס זאָל איינשליסן אלע יידן פון אלע לענדער, ווו זייער מזל איז ביטער און קאן מער נישט דערטראגן ווערן. אויב דער טערמין „פליכטלינגע" טויג נישט פאר דעם דאָזיקן צוועק, לאמיר געפינען א נייעם! אפשר איז „קרבן פון פאַרפאָלגונג" א בעסערער נאמען אבער דער עיקר איז, אז ער זאל כולל זיין די פוילישע יידן צוזאמען מיט די אנדערע יידן פון די נאצי־לענדער. ווי לאנג איז דער שיעור צו טראכטן בלויז וועגן די פאַרוואָגלטע אויפן דאנוי און צו פאַרגעסן אָן די פאַרוואָרלאָזטעביים דונאַיעץ? און אז די צרות ווערן נישט באַגלייט פון דראַמע, זענען זיי דען קלענער און טוען זיי ווינציקער וויי?

מיר דאַכט זיך, דאס איז דער אמתער זין פונעם ראדאָ־מישלער בריוו; דאס איז דער געשריי, וואס שפארט פון יעדער פון זיינע שורות. וועמען גייט אָן צו וועמען דער בריוו איז געווענדעט? ענטפערן די ראדאמישלער באַלמעלאָכעס דארפן מיר אלע. ענטפערן און פארענטפערן זיך פאר אונדזער פארגעסנקייט פון זייער שטילן, אָבער טיפן צער. צוקאָפּנס פון אלע יידישע פירערס און טוערס אין די חברות וואָלט איך געלייגט דיין בריוו; זאל ער ליגן ביי זיי אונטערן קישן און ברענען — און שטערן זייער שלאָף, ווי ער האט געשטערט מיינעם — ראַדאָמישל!

יצחק טורקאוו

ארטור מילער

א גרויסער אמעריקאנער שרייבער שטאמט פון ראַדאָמישלע

עס איז געווען פאר מיר א גרויסע איבעראשונג, ווען איך האב געלייענט אין אן אינטערוויו, וואס א יידישער זשורנאליסט פון פוילן האט געהאט מיט ארטור מילערן, אז דער בארימטער אמריקאנער שרייבער — פון די גרעסטע דראמאטורגן אין אונדזער דור — דריקט אויס זיין ווילן צו קאנען באזוכן דאס שטעטל ראדאמישלע, טארנאָווער געגנט, ווו זיין פאָטער איז געבוירן געווארן. ארטור מילער האט זיך דאן (אין 1965) געפונען אויף א באזוך אין פוילן, אויפן צוריקוועג פון ראטן־פארבאנד, ווו ער איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד. ער האט נישט באוויזן מקיים צו זיין דעם פארלאנג זיינעם — צו שטארק געווען פארנומען. ארטור מילער, וועלכער איז דאן אלט געווארן 50 יאָר, האָט זיך געפונען אויפן הויכפונקט פון זיין קאַריערע — ווי א שרייבער, א דראמאטורג, וואס ווערט געשפילט אין אלע ציוויליזירטע שפראכן פון דער וועלט און אין אלע וועלט־טיילן; ווי דער פאָרזיצער פונעם אינטערנאציאָנאלן פען־קלוב — אן אַמט, וועלכן ס'פארנעמען זינט צענדליקער יארן די בארימטסטע שרייבערס פון דער וועלט; ווי א קינסטלער און פערזענלעכקייט.

איך האב וועגן דעם אינטערוויו צווויסן געטון דעם קאָמיטעט פון ראדאָמישלער יזכור־בוך און דער פריינד רייכמאן האָט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיטן גרויסן שרייבער. און אט זענען פראגמענטן פון דער תשובה, וואס דער פריינד רייכמאן האָט אין דער פראגע באקומען פון ארטור מילערן:

„איך האב מורא, אז איך קאן אייך ווייניק דינען מיט אינפאָרמאַציעס וועגן מיין פאַמיליעס פאַרבינדונגען מיט ראדאמישלע. מיין מוטער איז שוין געבוירן געוואָרן אין די פאראייניקטע שטאטן און מיין פאטער האט געהאט פארלאזן ראדאמישלע ווען ער איז אלט געווען זעקס אדער זיבן יאר. די עלטערן פון מיין פאטער האבן ביידע געשטאמט פון



ארטור מילער

דארט, ווי אויך מיין מוטערס פאָטער. מיין מוטערס מוטער איז געבוירן געווארן אין קראָקע..."

„מ׳האָט קיינמאָל נישט גערעדט ביי אונדז קיין סך וועגן ראדאָמישלע, סיידן אימיצער האָט גערעדט וועגן א שלעכטס, וואס איז גאט צו דאנקען פארביי... און ווען איך פלעג פרעגן וועגן דער אלטער היים, האב איך ווי אן ענטפער באקומען א מאַך מיט דער האנט, ווי איינער זאגט: ס׳איז נישט כדאי צו רעדן וועגן דעם..."

"אזוי זעט עס אויס. איך האב נישט קיין סך צו זאגן און איך באדויער וואס עס איז אזוי. איך דאנק אייך אבער פאר אייער שרייבן און איך בעט מיר מוחל צו זיין דעם פארשפעטיקטן ענטפער..."

„פ. ס. מיין מוטערס זיידע איז געבוירן געווארן אין ראדאמישלע; ער האט געהייסן לואיס בער, פריער נאך — באַרנעט; מיין פאָטערס באַבע איז געוועזן דאָראַ ליפניק, איר מיידלשער נאמען איז געוועזן שטערן".

אט דער בריוו באשטעטיקט, אז ס׳איז פולשטענדיק לעגיטים צו באטראכטן דעם גרויסן שרייבער ווי א ראדאמישלער לאנדסמאן — אין א געוויסער מאָס — כאטש ער איז שוין געבוירן געווארן אין אמעריקע און אויך זיינע עלטערן זענען דאָרט דערצויגן געוואָרן. זיין אפשטאַם בלייבט אָבער פארט א ראדאמישלער און דערמיט ווערט פארגרעסערט די גאנץ בכבודיקע צאל שרייבערס, וועלכע שטאמען — אדער זענען אויף וועלכן נישט אופן געוועזן פארבונדן — מיט ראדאמישלע. די דאָזיקע צאָל ווערט פאַרגרעסערט נישט מיט אַבי־וועמען — מיט א שיינדל פון דער היינטצייטיקער אמעריקאנער ליטעראטור און א נאַוואָטאר אין דער וועלט־דראמאטורגיע.

ארטור מילער האט שוין צו 17 יאר (אין 1932 יאר) אנגעהויבן זיין ליטערארישע טעטיקייט. אנגעהויבן — מיט א פארס (צוזאמען מיט א שותף) אין ענגליש, פארשטייט זיך. א שפאר ביסל יארן האט ער זיך גאנץ לייטיש געמאטערט און נישט געקאנט דערשלאגן צו א פאזיציע אין דער ליטעראטור — כאטש ער האט שוין זעלבשטענדיק געשריבן פיעסן און דערציילונגען און איין פיעסע זיינע „דער מענטש מיט א סך מזל", איז אפילו אויפגעפירט געווארן אויף בראָדוויי (אין יאר 1944). אין דעם זעלבן יאר דערשיינט אבער זיין ראמאן „די לאגע איז נארמאל" (וועגן די באציונגען אין דער ארמיי אין יענע מלחמה יארן), וואס באקומט שוין א גוטע פרעסע, ווערט אפילו אין א געוויסער מאס א „בעסטסעלער". דעם ערשטן גרעסערן ליטערארישן דערפאלג דערגרייכט ער גלייך נאך דעם — אין יאר 1945 — מיט זיין ראמאן „פאָקוס", וועגן די דערשיינונגען און ווילדע געגנג פונעם אנטיסעמיטיזם אין אמעריקע (דער ראמאן איז איבערגעזעצט געווארן אין יידיש אונטערן נאמען „מיט א יידיש פנים"; ער איז אויך באארבעט געווארן — מיט אייניקע יאר צוריק — אין א טעלעוויזיע־סצענאר, וואס איז אויפגעפירט געוואָרן אין דער אמעריקאַנער טעלעוויזיע).

אין דעם לעצטן ראמאן קומען שוין בולט צום אויסדרוק די כאראקטעריסטישע שטריכן פון מילערס שרייבער־קונסט: א שטארקער חוש פאר דראמאטיזירן געשעענישן און אנט־וויקלען זיי אין א האנדלונג; פסיכאָלאָגישע פארטיפונג פון געשטאלטן און זייערע האנדלונגען — מעלות וואס זענען טאקע שפעטער געווארן דער הויפט־גורם פונעם באזונדערן דערפאלג פון זיין דראמאטורגיע. א חוץ דעם — זיין פראָגרעסיוו־קעמפערישע איינשטעלונג, בולטע סאָציאַלע אַנגאַזשירונג, פאציפיסטישע אקצענטן, דעצידירטע קעגנער־שאפט קעגן ראסן־דיסקרימינאציע און געזעלשאפטלעכן נישט־יושר. די אלע שרייבערישע אייגנשאפטן און מעלות האבן זיך נאך שארקער ארויסגעוויזן אין זיין פיעסע „אלע מיינע זין" — אַ שארפע אנטי־מלחמה פיעסע, וואס איז אין יאר 1947 אויפגעפירט געווארן אין ניו יארק און אנגעהויבן א טריומף־מארש פון מילערס דראמאטורגיע איבער די וועלט־בינעס (אין ישראל איז די פיעסע געשפילט געווארן אין „קאמרי"־טעאטער און לעצטנס — אין יידישן מלוכה־טעאטער אין פוילן. דארט איז טאקע דער מחבר געוועזן בעתן אויפירן די זאך, ווען ער האט געגעבן דעם אויבנדערמאָנטן אינטערוויו דעם ווארשעווער זשורנאליסט).

אָבער דעם אמתן וועלט־נאָמען — און זיין איצטיקע פאָזיציע אין דער ליטעראטור — האט זיך מילער דערוואָרבן מיט זיין ווייטערדיקער פיעסע „דער טויט פון א קאָמיוואָיאַ־זשער". כאטש אויך דאס איז אים נישט אזוי לייכט אנגעקומען. די דערמאָנטע פיעסע האט ארומגעוואנדערט מער ווי א יאר צווישן פארשידענע טעאטער־אונטערנעמערס און קיינער האט זי נישט געוואַגט אויפצופירן. סיי צוליבן תוכן פון דער פיעסע — סוף כל סוף געפינען זיך א סך מענטשן וועלכע האבן מורא פארן בלויזן וואָרט „טויט" — סיי צוליב איר „משונהדיקער פאָרם".

אוודאי האט די פארם געמוזט דאן אויסזען משונהדיק: מילער האט מיט דער פיעסע געבראָכן אלע פארפליכטנדיקע דראמאטורגישע געזעצן און פאָרמען. ער האט געשאַפן א נייע פאָרם, ווי פראנץ קאפקא האט עס געטון (מיט צענדליקער יארן פריער) אין דער פראָזע: האנדלונג, אין וועלכער ס׳ווערט אויסגעמישט זעונג, וויזיע — צומאָל האלוצינאַציעס — מיט געשעענישן, וואס קומען פאר אין דער אמתן, מיט דער רעאליטעט; אין וועלכער א נאענטע פארגאנגענהייט (און ס׳מעג אפילו זיין א ווייטערע אויך) ווערט אויסגעמישט מיטן לויפנדיקן מאָמענט; שפיל פון פאַרטנערן אויף דער

בינע — מיט דירעקטע ווענדונגען צום עולם; ווו פסיכישע צושטאנדן ווערן מאטעריאליזירט, פארוואנדלען זיך אין האנדלונג און — בכלל נישט קיין פיעסע, נייערט „געוויסע פריוואטע געשפרעכן אין צוויי אקטן, מיט א הספד".

די עצם־האנדלונג איז: דער לעבן־סך־הכל פון א פשוטן „גרויען בירגער", דעם קאמיוואיאזשער ווילי לאמאן, וועלכער לעבט אפ עטלעכע און זעכציק יאר אין שווערער הארעוואניע כדי מפרנס צו זיין די משפחה; אלע פריידן, ליידן און חטאים פון א פשוטן אמעריקאנער בירגער (ער מוז נישט דווקא זיין קיין ייד, פונדעסטוועגן קריכט ווו נישט ווו ארויס ביי אים א יידישער כאראקטערשטריך) — דאס אלץ גייט פאר אונדז קאליידאסקאפיש פארביי אויף דער בינע. לסוף דערפילט ער, אז ער איז „אן אויסגעדינט פערד"; זיינע באלעבאטים, די פירמע וואס האט אים אויסגענוצט יארנלאנג, ווארפן אים ארויס ווי „אן אפגעשיילטע שאלעכץ פון מאראנץ" און — — — ער באגייט זעלבמארד צוזאמען מיט זיין אויסגעדינטן וואגן, דעם צעטריילטן אלטן אויטא, מיט וועלכן ער האט זיך ארומגעשלעפט איבער אלע וועגן פון אמעריקע.

מען מוז מודה זיין, אז מילער האט נאך געהאט מזל וואס צום אויפירן די פיעסע האט זיך נישט גענומען עפעס א רוטין־רעזשיסער, נייערט זיין נאענטער פריינד, איינער פון די באדייטנדיסקסטע אוואנגארד־רעזשיסערן אין טעאטער און פילם, עליא קאזאן. ער האט מיט זיין דרייסקייט און קינסטלערישער נאוואטארישקייט באוויזן צו געבן דער פאר־שטעלונג די פאסיקע סצעניש געשטאלטיקונג, וואס האט א סך גורם געווען דאס ווערק זאל ווערן איינס פון די גרעסטע סצענישע דערפאלגן פון אונדזער צייט און זאל דורכמאכן א טריומף־מארש כמעט איבער אלע בינעס פון דער וועלט.

מיר האבן זיך לענגער אפגעשטעלט אויפן „טויט פון א קאמיוואיאזשאר" ווייל דאס איז געווען א ווערק, וואס האט ענדגילטיק באפעסטיקט מילערס פאזיציע — סיי אין דער אמעריקאנער ליטעראטור, סיי אין דער וועלט־דראמא־טורגיע. די נייע דראמאטורגישע טעכניק מיט וועלכער מילער באנוצט זיך אין דער פיעסע — בעיקר די אזוי־גערופענע „פלעשבעקן", וואס ווערן אויף א נאטירלעכן אופן אריינגע־פלאכטן אין דער לויפנדיקער סצענישער האנדלונג; זיין סימבאליק אין די רעאלע געשטאלטן און געשעענישן, אדער ריכטיקער — דאס סימבאלישע ארויסהייבן די דאזיקע געשטאלטן און געשעענישן, דערפירט צו דער מדרגה פון רעאלע איבערלעבונגען; די זעלטענע פארבינדונג פון דרא־מאטישע קאנפליקטן דורך עקספרעסיווע בילדער פון פאר־גאנגענע און איצטיקע געשעענישן, פסיכישע צושטאנדן מיט פאקטישע האנדלונגען, צוזאמען מיט דער בולטער סאציאלער אנלאדונג פון דער זאך, דעם טיפן מיטגעפיל פונעם מחבר פאר דער טראגיק פונעם „גרויען מענטשן" — דאס איז געווען די גרויסע קראפט פון ארטור מילערס ווערק.

א ווייטערדיקער עטאפ אין מילערס שאפן — א העכערער אין פרט פון געזעלשאפטלעכער צילגעווענדטקייט און קעמ־פערישקייט, אבער נישט קינסטלעריש — איז די פיעסע „דער פייערפרווו", אדער „די מכשפה פון סעילעם". די פיעסע איז אויפגעבויט אויף א היסטארישן עפיזאד פון א מכשפה־געיעג אין סוף 17־טן יארהונדערט אין אמעריקע. אויף דער זעלבער טעמע האט אויך ליאן פויכטוואנגער אנגעשריבן זיין פיעסע „דער טייוול אין באסטאן". ביי פויכטוואנגערן,

דעם גרויסן מייסטער פון היסטארישער בעלעטריסטיק, טראגט די פיעסע א טיפיש־היסטארישן כאראקטער (דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס דאס איז ביי אים א בוך־דראמע, אן א פראקטישן סצענישן ווערט); ביי מילערן איז עס כלומרשט א היסטארישע פיעסע און בעצם — א דאן אקטועלער קעמפערישער ארויסרוף קעגן דעם מעק־קארטיזם, דעם צעפענטעטן מכשפה־געיעג פון „אנטי־אמעריקאנער־טעטיקייט", פון וועלכער מילער האט אויך געליטן פערזענלעך. אין זיין צייט — ווען די פיעסע איז געשאפן געווארן — האט מילער אליין טאקע אפגעלייקנט, אז די פיעסע זאל האבן א וועלכע עס איז פארבינדונג מיט אקטועלע ענינים. ער האט אבער דערביי צוגעגעבן, אז שטודירנדיק די היסטארישע דאקומענטן פון יענער תקופה איז אים איינגעפאלן „סעילעם שטאמט פונעם העברעישןווארט שלום, פרידן. אבער איצט איז אין מיין גייסט און אויף די גאסן אזא פינצטערע וועלט..." „דער קאמענטאר רעדט שוין אליין פאר זיך — אין שייכות מיט דער לאגע, אין וועלכער דער מחבר האט זיך דאן געפונען.

די דאזיקע פיעסע פארמאגט טאקע נישט די קינסטלערישע נאוואטארישרייט — סיי אין פארם, ס׳יי אינהאלטלעך — ווי זיין פריערדיקע פיעסע („דער טויט פון א קאמיוואיאזשער"); זי איז ערטערווייז אפילו מעלאדראמאטיש אנגעצויגן — זיכער אין א גרעסטער מאס, ווי ביי פויכטוואנגערן. סצעניש אבער שטייט זי אומפארגלייכלעך העכער ווי יענעמס ווערק. זי איז פולבלוטיק סצעניש, שפאנענדיק און ווירקנדיק ווי אן איבערוף מיט דער דאן אקטועלער לאגע אין אמעריקע. זי איז דאס ווערק פון א געבוירענעם דראמאטורג, ביי וועלכן דער געשיכטלעכער שטאף איז א חומר אויף אויסצופארמען געדאנקען און געשעענישן, וואס זאלן זיך איבערופן מיט דער צייט, אין וועלכער דאס ווערק איז געשאפן געווארן און אויב איר ווילט אפילו — ווארפן א שיין אויף די סטיעזשקעס פון דער נאענטער צוקונפט. די דאזיקע פיעסע (להיפך צו פויכטוואנגערס, נישט געקוקט אויף פויכטוואנגערס וועלט־בארימטקייט) איז אויך געשפילט געווארן אין א סך שפראכן און לענדער און זי איז פארפילמט געווארן.

א ווייטערדיקע פיעסע פון מילערן איז געווען „א בליק פון דער בריק" — ווידער א סאציאל־פארשארפטע און אריגינעל־אויפגעבויטע טראגעדיע פונעם לעבן פון דער ארעמסטער ארבעטער־סביבה, פון א פאמיליע איטאליענישע עמיגראנטן אין ניו־יארק. דאס איז א פלאנטער פון געפאלנקייט און דערהויבנקייט; ריינער ליבע און סעקסועלער דעגענעראציע, ווי א פועל יוצא פון די שוידערלעכע באדינגונגען, אין וועלכע ס׳לעבט די ארעמקייט, אומלעגאלע איטאליענישע עמיגראנטן (און פארשטייט זיך — נישט בלויז איטאליענישע). דעם אייגנטלעכן אויסקלאנג פון דער פיעסע באצייכנט מילער אליין אויף אזא אופן: „איך טראכט זיך אריין אין דער פראגע וועגן מענטשלעכן געוויסן און וואס עס געשעט מיט אונדזער געוויסן, ווען א מענטש „פארקויפט זיין נשמה" — צו דער כלוכה, צו דער הערשנדיקער געזעלשאפטלעכער מיינונג, אפילו צו פריינד, אדער א פרוי..." אט די פראבלעמען פון געוויסן, פון מענטשלעכער ווערדע — אויסגעפורעמט אין שטארקע דראמאטישע סצענעס, אין א האנדלונג אויף אייניקע פלאכן פאראלעל, מיט סענסאציאנעלע, צומאל דראסטישע מאמענטן — דאס איז די אקס פון דער פיעסע, וועלכע איז אויך איבערגעזעצט געווארן אין א סך שפראכן, געשפילט

אויף א סך בינעס (צווישן אנדערע — אויך אין דער „הבימה") און פארפילמט געווארן.

נאָך דער פיעסע לאָזט זיך אבסערווירן אן איבערייס פון שיינע עטלעכע יאר אין ארטור מילערס שאפן. גֶעוועזן פרווון צו פארענטפערן דעם איבערייס מיטן אויסרייד, אז דער דראמאטורג שאפט פארן פילם (צו וועלכן ער האט זיך אין יענע יארן גאר שטאַרק דערנענטערט); ער ספעציאליזירט זיך אין שרייבן פילם־סצענארן, אבער פאקטיש האט ער דאן איבערגעלעבט א שווערן שעפערישן קריזיס. די סיבות פון קריזיס זענען אויבנויפיקע און ס׳וועט נישט זיין קיין אומדיסקרעטקייט אויב זיי וועלן אנגערופן ווערן ביים נאמען (די וועלטפרעסע איז בשעתו סיי־ווי פול געווען מיט ידיעות און רכילות וועגן דעם): ארטור מילער האט חתונה־געהאט מיטן בארימטן פילם־שטערן מערילין מאָנראָע (וועלכע איז זיך אפילו מגייר כדי חתונה צו האבן מיט אים — אזוי שטאַרק איז ביים אים די צוגעבונדנקייט צו דער טראדיציע — כאטש ער איז געווען לחלוטין ווייט פון אקטיווער יידישקייט, אויב מ׳קאן זיך אזוי אויסדריקן). אין די ערשטע צייטן הייסט עס (אין די רכילות־רובריקן פון דער געלער פרעסע), אז זיי פירן א גליקלעך צוזאמענלעבן; אז מערילין וואקסט אויס — ביי דעם אינטעלעקטואַל און ערנסטן שרייבער ארטור מילער — אינטעלעקטועל אור קינסטלעריש; אז זיי שטודירן צוזאַמען א.א.וו. — ביז עס שטורעמט אויף די סענסאציע וועגן זייער גט ((אין יאָר 1961(. נאָך א גרעסערע סענסאַציע איז געווען: א קורצע צייט נאכן גט באגייט די פארגעטערטע קינסטלערין זעלבמאָרד. ס׳גייט אייגנווילִיק אוועק פונעם לעבן די בילד־שיינע פרוי, וועגן וועלכער מ׳האט געטראכט, אז זי דארף זיין די גליקלעכסטע פרוי אויף דער וועלט...

ס׳גייען פארביי א צוויי־דריי יאר נאָך איר טויט און ארטור מילער ווערט ווידער דער העלד פון א גרויסן סקאנדאל מיט זיינס א נייער פיעסע: די פיעסע „נאָכן פאַלן" ווערט באטראכט — דורך אָנהענגער פון מערילין — ווי א באליידיקונג פונעם אָנדענק אירן, א באליידיקונג פאר פרויען בכלל. אלע דערקענען אין דער זאך אן אויטאָביאָגראַפיש ווערק; א סך האלטן, אז דער מחבר וויל זיך אין דער פיעסע אויסוויישן, אויסלייטישן, ווארפנדיק אלע שולדן אויף דער זעלבמערדערין; אז ער דעקט אויף אינטימע פרטים פון זייער צוזאמענלעבן — אין א נעגאטיוו ליכט פאר מערילין, וועלכע ער באווייזט מיט אן א שיר חסרונות, ממש א שד און זיך (אין דער געשטאלט פון אדוואָקאט קווענטין) — ווי א מלאך.

דער מחבר האט אויף אלע אָנפאַלן געענטפערט: „די פיעסע איז א בעלעטריסטיש ווערק... דאס זענען כאראקטערן, דורך וועלכע דער דראמאטורג זוכט צו אנטוויקלען די טעמע, ביי וואס ער איז פאראינטערעסירט ארייַנצובליקן אין דער טיף פון מענטשן און ארויסצוברענגען די עלעמענטן פון אליין־פארניכטונג און אכזריות צו אנדערע".

דאס קלינגט שוין ווי א מין עקזיסטענציאליסטישער אני מאמין. נאָך מער אפשר — אזא ציטאטע: „די פיעסע זעט אינעם מענטשן און זיינע אייגנשאפטן דעם איינציקן מקור פון גַעוואלד טאטן, וואס דערנענטערט אונדז אלץ מער צום אונטערגאנג פון גאנצן מענטשלעכן מין. קיין שום פאָלק אָדער סאָציאלער רעזשים האָט נישט קיין מאָנאָפּאָל אויף געוואלד־טאַטן..." „...די פיעסע פארוואנדלט זיך אזוי ארום פאקטיש אין א משפט: דאס משפטן מענטשן דורך זיין געוויסן, ווערטן און מעשים"...

נייערט — ווי מיר זאלן נישט צוגיין צום עצם אינהאלט פון דער פיעסע און די כוונות (באהאלטענע, אדער אָפענע) פונעם מחבר, מוז מען מודה זיין, אז דראמאטורגיש, קינסטלע־ריש — אין פרט פון סצענישער קאָנסטרוקציע און אנטוויקלען די סצענישע האנדלונג — איז עס איינס פון די שטאַרקסטע און צום מייסטן דרייסטע דראמאטורגישע ווערק פון אונדזער צייט; עס טרייסלט אויף, מאכט א ריס אין דער מענטשלעכער נשמה, מאכט אויפשוידערן דעם צושויער. דערביי איז דעם דראמאַטורג געלונגען אויסצובויען צווי ראלן (דעם אַדוואָקאַט קווענטין און זיין פרוי, די קינסטלערין מעגי), — ראלן וועגן וועלכע אַקטיאָרן קאנען חלומען א גאנץ לעבן. דאס איז אויך נישט קיין ענין פון קליינעם באדייט — פון ריינעם טעאטער־שטאַנדפונקט. איז טאקע נישט קיין ווונדער, וואס אויך די פיעסע האט אין משך פון דער קורצער צייט, זינט זי איז געווארן אָנגעשריבן, שוין ארומגעוואַנדערט איבער די וויכטיקסטע בינעס פוןביידע ערד־קיילעכס (אין ישראל — געשפילט געווארן אין „קאמרי").

נאכן אָראפּווארפן פון זיך די פערזענלעכע משא, וואס האט אפנים נישט ווייניק געדריקט און געשווערט אויף דער נשמה און פסיכיק פונעם שרייבער, האט ארטור מילער א קורצע צייט שפעטער געשאפן א ווערק פון אן אויסגעשפראָכן פאָליטישן, אנטי־נאַצישן כאראקטער — „דער אינצידענט אין ווישי". צו אונדז איז נאך דאס דאזיקע ווערק נישט דערגאנגען, דאקעגן איז יאָ דערגאנגען א געוויסער אינצידענט ארום „דער אינצידענט אין ווישי". לויט פרעסע־ידיעות איז מיט מילערן פארהאנדלט געוואָרען — בעת זיין ווײַלן אין ראטן־פארבאנד — ער זאל ארייַנפירן א געוויסע ענדערונג אינעם ווערק: דער העלד פון ווידערשטאַנד זאל נישט זיין קיין ייד, ווי מילער האט אים געשאפן (מן־הסתם בהסכם מיט דער „נאציאָנאַלער קאדרען־פאליטיק", וואס ווערט זיבט יארן געפירט דורכן ראטן־פארבאנד). דער מחבר האט זיך אַפגעזאגט צו געבן זיין הסכמה אויף דער ענדערונג. דאס זאגט ווידער עדות וועגן דער פערזענלעכקייט, דעם כאראקטער פון ארטור מילערן — דעם דראמאטורג, וועלכער פארנעמט א פירנדיק אָרט אין דער מאדערנער דראמאטורגיע. ער צייכנט זיך אויס — א חוץ זיינע אריגינעלע סצענישע אייַנפאלן און פארטראכטונגען — אויך מיט זיין דעצידירטער שטעלונג פון א קינסטלער, וועלכער איז אקטיוו באטייליקט אינעם ברויזנדיקן לעבן, אין אויספורעמען דאס לעבן און די פסיכיק, די נשמה פון מענטשן.

א מין צוריקקער צום שורש איז ביי ארטור מילערן פארגעקומען אין זיין לעצטער פיעסע — א פיעסע וואס איז אויפגעפירט געווארן אין יאר 1968 — א יוצא דופנ׳דיקע אין א געוויסער מאס: „דער פרייז". טעכניש איז זי אויפ־געבויט ממש ווי א קלאַסישע פיעסע, מיט איר דריי־אייניקייט פון צייט, אָרט און האַנדלונג. אין איר עצם איז עס ווידער א וויוויסעקציע פון מענטשלעכע נשמות — אין משך פון געציילטע 2־3 שעה פון דער האנדלונג ווערט דורך מילערן דורכגעפירט אַן אַנאַליז פון איבערלעבונגען, ליידן און געפילן פון א יידישער משפחה אין אַמעריקע אין משך פון א דור: די רעזולטאַטן פונעם צעטרייסלענדיקן עקאָנאָמישן קריזיס אין יאר 1929 און די אפהילכן דערפון אין עטלעכע דרייסיק

יאר ארום. פאַראַן אין דעם אויך א געוויסער אויטאָביאָגראַפישער עלעמענט — אין 1929 איז מילערס פאטער רואינירט געווארן און דער 14־יעריקער ארטור האט געמוזט אנהויבן זיך אליין מפרנס צו זיין.

מילער שרייבט: „הינטער מיין יעדער פיעסע געפינט זיך די זיכערקייט, אדער וויניקסטנס — די הנחה, אז דאס לעבן האט א באדייטונג. כ׳האב געהאַט די כוונה אויפצודעקן אַן אמת, וואס איז נאך נישט באַמערקט געווארן דורך אלע מענטשן." מילער האַלט, אז דער פשוטער מענטש איז אויך מאַטעריאַל פאר א דערהויבענער טראַגעדיע — אזוי ווי אמאל ס׳זענען געווען מלכים און פירשטן. און אין „פרייז" — דער קאמעראלער פיעסע ווו ס׳קומט כמעט גאַרנישט פאר; בלויז רייד, אנגעלאדענע מיט הויכער שפּאַנונג, מיט גאַלגן־הומאָר — צווישן צוויי ברידער, א שוועגערין און אן אלטיטשקן אויפקויפער פון גענוצטן מעבל, אין משך פון געציילטע שעהן, אויף איין און דעם זעלבן אָרט — שפּילט זיך אָפּ די טראַגעדיע פון א משפחה, פון א גאנצן דור קאָן מען זאגן. דער אויפקום פון שנאה צו א ברודער — צי זי איז א פועל־יוצא פון קנאה, צי זי איז דער פאטום, וואָס שוועבט איבער דער פארפרעמדטער יידישער משפחה, נישט וויכטיק. ס׳איז גורל, ס׳איז גורלדיקער גערעאנגל, ס׳איז א פלאַטער פון מענטשלעכע נשמות. און אין דעם משפחה־גערעאנגל — א כמעט הונדערט־יעריקער לעבן־גערעאַנגל פון א יידישן אַקראָבאַט, וואס איז נישט בלויז אקראבאט אין צירק, נייערט אויך — אויף די הויכקייטן און נידערן פונעם לעבן.

נאך עפּעס: אין קיין שום פון מילערס ביז־איצטיקע פיעסן קומט נישט אזוי בולט צום אויסדרוק די יידישקייט פונעם דראמאטורג. ס׳איז טאקע ווייטער פאראן אין איר די פרעמדקייט, די אפגעפרעמדטקייט זיינע פונעם יידישן שטייגער, פון יידישער ספּעציפישקייט; ס׳איז אבער — מער ווי אומעטום — פאַראַן די אַנונג פון בשותפותדיקער יידישער גורלדיקייט, פון די סאָציאַלע פארקריפּלטקייטן פונעם יידישן זיין, אפילו אין דעם שפעדיקן אמעריקע. ס׳איז פאראן — צום ערשטן מאל אזוי בולט ביי ארטור מילערן — דער פונק פון א יידישער נשמה, די סענסיטיוויקייט פון א יידישן מענטשן, וועלכער זעט ווייט און טיף; פון א קינסטלער, וועלכער קען זיינע זעונגען פארוואנדלען אין לעבעדיקע בילדער, אין בילדערישע געדאנקען און עמאָציאָנעלע איינדרוקן.

חילופי מכתבים *)

בין הסופר ארתור מילר ומר אייזיק רייכמן

ארתור מילר כותב (קטעים מהמכתב)

1 באפריל 1966

מר רייכמן היקר,

אני חושש שלא אוכל להיות לעזר רב בדבר אינפורמציה באשר לקשריה של משפחתי לרדומישל. אמי נולדה בארצות־הברית, ואבי עזב את רדומישל בהיותו בן 6 או 7. סבתי וסבי, הוֹרי אבי, באו שניהם מרדומישל וכן אבי־אמי. אֵם אמי היא מקרקוב.

בביתנו לא דובר רבות אודות רדומישל, כולם היו מאוהבים באמריקה, וכאשר אנוכי כן שאלתי על „הארץ הישנה" קיבלתי כתשובה תנועה ביד, כלומר, לא כדאי אפילו לשוחח על כך.

...מכל מקום, הייתי תמיד סקרן אודות המקום; וכך, לפני שנתיים, בהיותי בווינה, חשבתי לבקר שם, אך כאשר החילותי חוקר בעניין, גיליתי לפחות ארבע רדומישלים, וכך הייתי צריך לבחור לאיזו מהן אני מתכוון. וזה היה מסע ארוך ומייגע מדי.

על כל פנים, אני מניח כי זו רדומישל ליד קרקוב, משום שסבתי באה מקרקוב. ובכן הרבה אין לספר, אני מצטער שאין עוד.

תודה שכתבת אלי, וסליחה על האיחור בתשובה.

שלך בכבוד

ארתור מילר

רוקסברי, קונטיקוט.

נ.ב. סבי מצד אמי יליד רדומישל נקרא לואיס בר, ולאחר מכן ברנט, סבתי מצד אבי היתה דורה ליפניק. משפחת קרובים אחת נקראה בשם שטרן.

מר אייזיק רייכמן כותב (קטעים מהמכתב)

30 במאי, 1966

מר ארתור מילר,
מר מילר היקר!

בשם אנשי העיירה רדומישל הגרים היום בישראל ובשמי אני, הנני מודה לך על מכתבך האדיב מתאריך 1.4.66.

העובדה היא, כי מספר אנשים בהחלט זוכרים היטב את השמות, אשר הזכרת במכתבך. למותר לציין, כי אנו כולנו גאים בכך ששורשיך הם מרדומישל... אצלנו בעיירה היתה משפחת מהלר, ייתכן שהם קרובים שלך מצד משפחת אביך.

אנו משקיעים מאמצים רבים, כדי שספר זה יהווה מצבת זכרון ראויה לשמה, לאנשי עירנו, אשר נספו באורח כה טרגי בשואה.

אף־על־פי, שידוע לנו שהנך עסוק ביותר, ובכל זאת רוצים אנו לבקש שתואיל לכתוב דבר־מה בשביל הספר „יזכור" של עיירתנו, ותרומתך מפרי עטך הפורה תהיה בעל ערך רב בעבורנו...

בתודה מראש,

שלך א. רייכמן

*) מתורגמים מאנגלית.

אישים

פערזענלעכקייטן

י. א. מהלר

בנימין כהן

בפי חברים יומא (קיצור מבנימין) היה ממנהיגי „פועלי ציון" בקרקוב ובמערב־גאליציה וממייסדי תנועת הנוער של „פועלי־ציון" „יוגענד" בשנת 1904־1905.

נולד ברדומישל בשנת 1889. תקופת חייו מתחלקת לשלוש: שנות הילדות ברדומישל עד שנת 1904; קרקוב — 1932; ארץ ישראל — תל־אביב עד פטירתו 1965.

בנימין — בנו של ר' נפתלי כהן (קון) הנקרא ר' נפתלי הרבי'לה, הסופר, תלמיד־חכם, ירא־שמים — בן משפחה דתית אדוקה, חי כנער, במישטר נוקשה שבו נותר מעט מקום ליוזמה של אדם צעיר.



בנימין כהן

רדומישל היתה עיירה קטנה ללא אם־דרך, ללא תחנת רכבת. העיר טרנוב היתה השער לעולם הגדול והקשר אתה היה דרך „פראַכטער". שלוש פעמים בשבוע נסע אליה בעגלה על מנת לסדר תקניות בשביל סוחרי העיירה; הפראכטר היה מסדר את התקניות עבור סוחרי העיר שלא נסעו בעצמם. הוא שכר את העגלה ולקח אתו גם נוסעים. בשתיים אחרי חצות הלילה יצאו כדי להגיע השכם בבוקר לטרנוב ולחזור לעיירה עוד באותו יום. בשביל נערים לומדי תורה אצל מלמדים או בבית־מדרש היתה נסיעה כזאת לטרנוב חוויה.

באותה תקופה 1904־1905, היתה כבר בעיר קבוצת בחורים משכילים, מלומדי ה„קלויז". סיפרות האידיש טרם הגיעה אליהם אבל הסיפרות הגרמנית הקלסית, כגון גטה ושילר היתה חומר קריאה להם.

סיפרות זאת למדו בכובד־ראש ובעיון רב כמו דף גמרא עם מהרש"א. הבחור הצעיר יומא כהן התקרב אליהם לשמוע שיחות חולין שלהם.

בשנות המהפכה 1904/5 גילה הנער יוזמה ויצא לקרקוב לקרובים כדי ללמוד מקצוע. בתקופה ההיא מנעו בעלי בתים, מטעמי כבוד, לשלוח את בניהם ללמוד מקצוע „גס", להיות לבעלי־מלאכה חלילה, ואם כבר מלאכה — מלאכה נקיה, כגון, שענות, כריכת ספרים וכד'.

בבואו לקרקוב הצטרף כהן הצעיר ל„יוגענד" של „פועלי־ציון"; מצא שם נוער, עוזרים בבתי מסחר („האנדלס אנגע־שטעלטע") אבל ביחוד נמשך אחרי העוזרים למלמדים בחדרים (ה„בעלפערים"). הכניס כל מרצו באירגונם, ניסה להחדיר רעיונות חדשים ואורח חיים חדש שיתאים למציאות של הזמנים החדשים, אחרים מהנהגים הישנים שבהם חונך. מהודעה בעתון „דער יידישער ארבייטער" מיום 17.12.1909, נודע לנו שבנימין קון ביחד עם שכנא זאגאן היו ממרכז „יוגענד" בקרקוב באותו זמן.

שביתת ה„בעלפערים"

בנימין כהן היה ממארגני שביתת ה„בעלפערים", כפי ששמעתי מפיו.

באותה תקופה, 1904/5, היו קיימים בקרקוב תלמודי תורה של הקהילה, מיספר בתי ספר מודרניים עבור ילדי ישראל והרבה „חדרים" מהטיפוס הישן; בכל „חדר" היו עסוקים שניים עד ארבעה „בעלפערים".

ה„בעלפערים" לא היו בחורי־המקום, הם באו מהעיירות של מערב גאליציה, לרוב ילדים של הורים עניים. למסור את הילדים לבעלי־מלאכה היתה טרגדיה בשבילם וגם מבחינת בעיית הכסף, מפני שצריכים היו לשלם שכר־לימוד בלימוד מקצוע של שענות או צורף־זהב כ־200 גולדן ולעבוד ארבע שנים בלי תשלום. לעומת זאת התנאים בשביל ה„בעלפער" נראו להורים, מצויינים. הוא אכל „טעג" (כל יום אצל בעל בית אחר) אצל הבעלי־בתים. העוזר למלמד המשנה (אונטער־בעלפער) קיבל דמי חודש והעוזר למלמד הראשי ה„אובער־בעלפער" קיבל משכורתו ישר מה„מלמד", והניצול, האכס־פלוטציה, היה נורא. ה„בעלפער" היה משועבד 14־15 שעות ביום, מחובתו היתה להביא את הילדים מהבית ל„חדר" ולהחזירם בערב לבתיהם. גם בשבתות הוא לא היה חופשי, עליו היה לאסוף את הילדים מבתי־ההורים ולטייל אתם ב„דיטל־פלנטן" (שדרות־דיטל) אשר בקרקוב.

כדי להגן על אינטרסיהם נוסד ע"י „פועלי־ציון", ויומא כהן בראשם, אירגון של ה„בעלפערים" (בעלפער פאריין) בשם „עוזרי־ציון". האירגון סידר קורסים ללימוד כתיבה וחשבון וניהל תעמולה לטובת אירגון הפועלים ובסוף הוכרזה שביתה של כל ה„בעלפערים" בקרקוב והרוח החיה בה היה יומא כהן.

השובתים דרשו: לבטל את סעודת ה„טעג״, התלמידים או בעלי הבתים ישלמו כסף בעד אותה „סעודה״ והעוזרים יוכלו לאכול במקום שתאווה נפשם; לקצר את יום העבודה עד 8 בערב; לבטל את חובת הטיול בשבת עם בניהם; יחס אנושי אליהם, הן מצד ה„מלמדים״ והן מצד הורי הילדים.

השביתה נמשכה שבועות מיספר והיתה לסנסציה בעיר ומחוצה לה. ה„מלמדים״ היו אש להבה על „חוצפה״ זאת. כמובן, כל „כלי־הקודש״, הרבנות ודעת הקהל היו לצידם. הפועלים היהודים ודעת הקהל הפרוגרסיבי עמדו איתן לצידם של השובתים. סודרה קרן־שביתה, לעזור לשובתים. השביתה נסתיימה בניצחון מלא של ה„בעלפערס״ ותוצאותיה היו שרוב ה„בעלפערס״ החליפו את מקצועם: למדו תפרות, מלאכת הדפוס ונעשו עוזרים בבתי־מסחר, אבל העיירות שבסביבה מילאו את הקאדרים בחדשים והאירגון „עוזרי ציון״ שמר על אינטרסיו של חבריו.

במלחמה העולמית הראשונה גוייס בנימין לצבא והגיע לדרגת רב סמל („פלדפבל״) ובשובו ב־1918, אירגן מטבח לעניים ולנצרכים; הוא היה הרוח החיה שם. אירגן מישלוח חבילות לחיילים־חברים שנשארו עוד בשירות. אירגן צרכניה („קונסום״).

ב־1920, בימי הפילוג במפלגת „פועלי־ציון״ נשאר הוא עם חבריו הותיקים בצד הימין. היה חבר בוועד המרכזי („צענטראל קאמיטעט״) של המפלגה, אירגן את בעלי המלאכה („האנדווערקער־פאריין״), נסע לכל הוועידות של המפלגה, היה משמיע הרצאות בסניפים שונים של המפלגה; היה חבר במשרד הארצישראלי (פּאַלעסטינע־אַמט) מטעם המפלגה. היה פעיל בקרן היסוד. התפרנס מיגיע כפיו, כתפר (אויבער־טיילמאַכער). רושם גדול בקרב חברי „פועלי ציון״ עשה מאמרו ב„ארבייטער ווארט״ מס. 10 מיום 20.3.1921, שבו מבקר ב. כהן בחריפות את פעולותיו הפרלמנטריות של ד״ר יצחק שיפר, מי שהיה ציר ב„סיים״ הפולני מטעם „פועלי־ציון״ בתקופה 1922—1919.

ב־1932 עלה עם בני משפחתו לארץ־ישראל. לא ניצל את עמדתו כעסקן ותיק של המפלגה, אלא נעשה לפועל בנין. שבע שנים עבד במקצועו זה, עד שנחלש ברגליו ומצא התעסקות במפלגה עד לצאתו לגימלאות (פנסיה) בשנת 1955. בשנת 1938 נבחר בתור חבר למועצת הסניף של מפא״י והיה פעיל מאוד בתנועה.

אחרי השואה, כשנוסד „אירגון יוצאי רדומישל״ לא פסח על שום פגישה של האירגון, אם כי רוב שנותיו עברו עליו בקרקוב. הרגיש את עצמו כאיש רדומישל. נפטר בשיבה טובה בשנת 1965. השאיר אחריו אשה, שני בנים ושתי בנות. יהא זכרו ברוך.

רחל קורנרייך

צפת

חיים האפשטעטנער

(פון מיינע זכרונות)

ווען איך בין נאך גאר יונג געווען איז געקומען קיין ראדאָמישלע צו זיין מוטער, מירל האָפשטע־טער, איר זון חיים האָפשטעטער, א קראַנקער אויף טובערקולאָז. חיים האָפשטעטער איז געווען אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָר אין סאן־פראנטשיסקאָ, ווי אויך אין שיקאַגאָ.

מירל האָפשטעטער האָט געהאט נאָך צוויי קינדער: די טאָכטער טויבע און דעם זון יענקל. זיי זענען געווען אונדזערע נאָענסטע שכנים. האָט זי געבעטן, אז מיין מוטער זאָל מיר דערלויבן צו זיין ביים קראנקן אין שטוב, כדי ער זאָל זיך נישט געפינען אליין.

איינמאָל, ווען איך האָב ביי אים געוואַכט, האָט ער מיר דערציילט זיין גאנצע ביאָגראפיע:

אלס צען־יעריק יינגל האָט ער פארלאָזט די היים — די עלטערן זיינע זענען געווען געגעט — און ער איז אנגע־קומען קיין האמבורג. פון דאָרט איז ער אלס שיף־יינגל געפאָרן קיין אמעריקע. אין אמעריקע האָט ער געארבעט בייטאָג און ביי נאכט, אָבער ער האָט זיך אויך געלערנט און א סך געלערנט, ביז ער איז דערגאַנגען צום טיטל „ד״ר פילאָזאָפיע״ און שפעטער געוואָרן אן אוניווערזיטעטס־פּראָ־פעסאָר.

אין דער שטוב, אין וועלכער ער איז געלעגן, האָבן ארומשפאצירט א סך עופות. האָט ער געזאָגט צו מיר: „מיין מאמע איז מפרנס זיך און אונדז, די קינדער, פון דעם וואָס זי באָרגט די פויערים געלט אויף א משכון און אלס פּראָ־צענט באקומט זי פארשידענע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָ־דוקטן, ווי אויך עופות״.

די עופות האָבן טאַקע פראנק און פריי ארומגעשפאצירט אין דעם חולהס צימער.

— רחלע — זאָגט ער צו מיר — די הענער וווינען אין א שיינעם צימער, וואָס איז פיין מעבלירט און האָט פּוירהאַנ־גען אויף די פענצטער; און איך, א קראנקער פּראָפעסאָר, דארף ליגן אין א הינער־שטאָל. ווי מיינסטו, איז עס גע־רעכט?...

כולד נוי-ניישטאט

אונדזער לאנדסמאן, מלך ניישטאַט (נוי) ז״ל, האט קינדהייט פארלאזן ראדאמישלע און אויף וויפל ס׳איז אונדז באוווסט האט ער אין קיין איינער פון זיינע ארבעטן נישט אפגעשטעלט זיך ספעציעל אויף זיין געבוירן־שטעטל. וואס שייך ווידער זיין שרייבערישן עזבון, איז ער געווען פון פובליציסטישן, אדער געשיכטלעכן כאראקטער (אלגעמיינע אדער פארטייאישע פובליציסטיק), האט דעריבער נישט קיין אינטערעס צו ברענגען עפעס א פארגמענט פון זיינע ביכער. מיר ווילן אבער נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט, וואס מער צו דערמאנען אונדזערע לאנדסלייט וועגן אזא חשובן און פארדינסטפולן ראדאמישלער, ווי מלך נוי, דעריבער האבן מיר באשלאָסן דא צו ברענגען די

גרעסערע נאטיץ פונעם קריטיקער מרדכי יפה ז״ל אינעם 6־טן באנד פונעם „לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור״, דערמאנענדיק בלויז, אז אין יאר 1960 איז דערשינען אין תל־אביב (פאראלג „איחוד״) א זאמלהעפט: נעקראלאגן און אפשאצונגען וועגן מלך נוי ז״ל.



מלך נוי (ניישטאט)

און אט איז די נאטיץ פון מרדכי יפה (אונטערגעשריבן מ. י.)

נוי־ניישטאַט, מלך — (31־טן אקטאָבער 1895 — 15־טן סעפטעמבער 1959) — געבוירן אין ראדאמישל, גאליציע. געגאנגען אין חדר און וועלטלעכע לימודים אליין געלערנט. דורך זיין גרויסן פלייס און שטארקן ווילן האט ער במשך פון א קורצער צייט באוויזן צו באקומען א פילזייטיקע בילדונג און א טיפע באהאוונקייט אין די פראבלעמען פון געזעלשאפטלעכן לעבן. צו 17 יאר מאביליזירט געווארן אין דער עסטרייכישער ארמיי, געדינט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען אויך א קריגס־געפאנגענער אין רוסלאנד.

פארטייאיש־געזעלשאפטלעכע טעטיקייט אנגעהויבן זייער יונג. שוין אין 1911 פארנומען א וויכטיק ארט אינעם סעקרעטאריאט פון דער קראָקעווער ארגאניזאציע פון דער יוגנט־לעכער ארבעטער־באוועגונג „יוגנט״, וואס איז געווען פארבונדן מיט דער פוע״צ־פארטיי. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען דער סעקרעטאר פון דער פוע״צ־פארטיי אין דייטשלאנד. געגרינדעט דעם צוויי־וואכענטלעכן פארטיי־ארגאַן „אונדזער באוועגונג״, וואס ער האט דאס רוב אליין אויסגעפילט. אין 1926 האָט עיר זיך באַזעצט אין א״י, געווען (ביז 1929) פארוואלטער פון פאַלעסטינע־אַרבעטער־פאנד (קפא״י), דערנאָך געקומען קיין פוילן ווי א שליח פון דער „הסתדרות״, געווען פארזיצער פון א״י־אמט אין ווארשע און רעדאקטאר פון דער צייטונג „דאס ווארט״ (1933). אין 1930, ארגאניזירט אין בערלין דעם קאנגרעס פארן ארבעטנדיקן א״י. 1934 — צוריקגעקומען קיין א״י און איבערגענומען דעם אמט פון גענעראל־סעקרעטאר פון „איחוד עולמי״ (וועלט־פארבאנד פון פועלי־ציון „התאחדות״), וואס ער האט אנגעפירט (אין הויפט ביורא אין ת״א) איבער 20 יאר. פון 1936 געווען דער אנפירער אין דער צענטראלער שטייער־ביורא (לשכת המס) פון דער הסתדרות.

אין די יארן פונעם היטלער־רעזשים — א לענגערע צייט געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פון וואנען ער האט ארגאניזירט הילף און רעטונג־ארבעט פאר די געליטענע פון נאציזם.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך ניישטאַט אָפּגעגעבן מיט אויסארבעטן א פלאן פון ארגאניזאציאנעלע ענדערונגען אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (די קאַמיסיע, וואָס האט געזאלט דעם פלאן דורכפירן, האט טאקע געהייסן די „נוי־קאמיסיע״ — לויט זיין העברעישן פאמיליע־נאמען).

ניישטאט האט א סך געשריבן (וועגן די פראבלעמען פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג, וועגן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און וועגן מדינת־ישראל) אין דער יידישער פרעסע פון פארשידענע לענדער, צווישן אנדערע אין די ניו־יארקער „אידישער קעמפער״, „מארגן־זשורנאל״ (ווי א שטענדיקער מיטארבעטער זינט 1948) א. א.

פון 1949 איז ער געווען דער רעדאקטאר פון דעם יידישן „איחוד״־ארגאן „ישראל״ אין ת״א. אין א״י האט ער זיך באטייליקט אין „דבר״, „קונטרס״, „הפועל הצעיר״ א. א.

זיינע ביכער וועגן חורבן־ווארשע, אין יידיש און העברעאיש געהערן צו די וואגיקסטע ווערק אויף דעם געביט.

זיין בוך וועגן די פראבלעמען פון דער ציוניסטישער און ארבעטער־ציוניסטישער באוועגונג נאכן אויפקום פון מדינת ישראל און זיין געשיכטלעך בוך וועגן צען יאר מדינת ישראל פארנעמען א וויכטיק פלאַץ אין אונדזער סאָציאַל־פּאַליטישער ליטעראטור.

אין בוך־פאָרם פאַרעפנטלעכט: „15 יאָר פּאַלעסטינע־ארבעטער־פּאָנד״, מיט א הקדמה פון שלמה קאפלאנסקי, ת״א, 1928 (129 זייטן), „דער יידישער ארבעטער אין ארץ־ישראל״, ארויסגעגעבן פון די פוע״צ אין בראַזיל, ריאָ־דע־זשאַנעירא, 1928 (20 זייטן), „דער וועג פון טאט״ (40 זייטן, 1934), „די וועלט־באוועגונג און אירע אקטועלע פראבלעמען״, ארויסגעגעבן דורך דער וועלט־פאַרייניקונג פון „פוע״צ־התאחדות״ ת״א, 1939 (16 זייטן); המס האחיד ותפקידיו״, הוצאת ועד הפועל, ת״א, 1941 (16 זייטן); „דער כוח פון דער הסתדרות״, ת״א, 1942 (35 זייטן); „שנת השמדה״ (היהדות ותנועתנו בתקופת הנאצית על סף שנת תש״ד), ת״א 1943 (46 זייטן); „חברות ומסים בהסתדרות בתקופת המלחמה״, הוצאת הועד הפועל, ת״א, 1944 (46 זייטן); „די קעמפער פון ווארשעווער געטא דערציילן״, 1945 (40 זייטן); „על היהדות ותנועתנו בארצות אירופה״ (רשמי בקור באביב 1946), ת״א, 1946 (64 זייטן); „וועגן יידישן לעבן און אונדזער באוועגונג אין אייראָפּע״ (איינדרוקן פון אַ רייזע אין פרילינג 1946), ת״א, 1946, (64 זייטן); „דער רוף פון דער וועלט־באוועגונג צו דער פוע״צ (צ.ס.)־פּאַרטיי אין פוילן״ (רעפעראַט), „איחוד״ פאריזער ביורא, 1946 (32 זייטן); „חורבן ומרד של יהודי ורשה״, ת״א, 1946, ספר עדויות ואזכרות, 143 ע״מ, צילומים; „בערל לאקער א בן־ששים״, ת״א, 1947 (15 זייטן); „חורבן און אויפשטאַנד פון די יידן אין ווארשע״, עדות־בלעטער און אזכרות. 1־טע טייל; „עדות־בלעטער״, 2־טע טייל; „די געפאַלענע אויף דער וואַך״, איבערגעזעצט פון העברעאיש ד. ב. מאלקין, ארויסגעגעבן פון ועד הפועל, ועדת הגולה, פון דער אלגעמיינער ארבעטער־ארגאניזאציע אין א״י און פון יידישן נאציאנאלן ארבעטער־פאַרבאַנד אין אַמעריקע, ת״א, 1948 (720 זייטן); „מרד יהודי ורשה (לפי עדות לוחמי הגיטו״), איחוד עולמי פוע״צ, ת״א, 1948 (24 זייטן); „די נייע ווירקלעכקייט״, ציוניסטישע און ארבעטער־ציוניסטישע באוועגונג נאכן אויפקום פון מדינת־ישראל, ת״א, 1954 (356 זייטן); „בחירות להסתדרות — כיצד?״, ת״א, 1955 (35 זייטן); „במערכה החדשה״, הוצאת ספרים מ. ניומן, ת״א, מהדורה ראשונה 1955,

מהדורה שניה 1956 (350 זייטן) ; „געבוי, כאראקטער און אויפשטייג פון דער הסתדרות", ת"א, 1955 (47 זייטן) ; „מבנה אפיה והתעלותה של ההסתדרות", ת"א, מהדורה ראשונה יוני 1955, מהדורה שניה דצמבר 1955 (52 זייטן) ; „בראשית ובעשור למדינת ישראל", ירושלים־ת"א, 1958 (343 זייטן) ; „דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל" (צוריקבליק און איבערבליק), פארלאג י. ל. פרץ, ת"א, 1958 (406 זייטן).

געשטארבן אין מדינת ישראל.

שלמה גל (וועלנער)

מלך ניישטאַט (נוי)

א געבוירענער אין ראדאמישלע וויעלקי, איז מלך ניישטאַט געווען איינער פון די אָנגעזעענע פירער אין דער פועלי־ציון באוועגונג אין פוילן, אין דער ארבעטער־באוועגונג אין ארץ־ישראל, ווי אויך איינער פון די וואָגיקע פובליציסטן — סיי אין פארטייאישע, סיי אין אלגעמיינע פראגן.

צו באַשרייבן דעם לעבנס־וועג פון מלך ניישטאַט וואָלט געהייסן שרייבן קאַפּיטלעך פון דער געשיכטע פון דער פועלי־ציון באוועגונג אין עסטרייך (פון פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה), אין דייטשלאנד, אין פוילן — ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווי אויך פון אנדערע גלות־לענדער, מיט וועלכע מלך נוישטאט איז געווען אזוי ענג פארבונדן.

מיין באַקאַנטשאַפט מיט ניישטאַט האָט זיך אָנגעהויבן אין יאר 1911. שטודירנדיק אין קראקע, בין איך צוגעצויגן געווארן צו דער קולטור־ארבעט אינעם יוגנט־פאריין „פועלי־ציון". דאָרט האב איך צום ערשטן מאל זיך באגעגנט מיט מלך ניישטאַט, וועלכער האָט אין איינעם מיט יעקב קענער, שכנא זאגן, יוסף לוי און בנימין כהן (אויך א ראדאמישלער) אנגעפירט מיט דער קולטור־ארבעט.

אין יענער צייט איז די ארבעטער־יוגנט שווער עקספּלאָאַטירט געווארן פון די ארבעטס־געבער. יונגע קינדער פון 13־14 יאר האבן געארבעט צו 12 שעה א טאג אין ענגע, נישט־היגיענישע ווארשטאטן און באצאלט האט מען זיי גראָשנס.

אנפירן מיט א יוגנט־ארגאניזאציע, האט געהייסן צו קעמפן פארן פארבעסערן זייער עקאנאמישע לאגע, ווי אויך געבן בילדונג דער יוגנט, וועלכע האט זיך געריסן צו בילדונג. דאָס האָט ניישטאַט, צוזאַמען מיט די דעמלטדיקע אָנפירער, דורכגעפירט בשלמות.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאלט ער אריין אין געפאנגענשאַפט קיין רוסלאַנד. נאך דער באפרייונג טראגט ער זיך אריבער קיין דייטשלאנד און ווערט דאָרט דער אנפירער פון דער פון דאס ניי ארגאניזירטער פועלי־ציון באוועגונג. ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ארגאניזירונג פון יידישע ארבעטער, וועלכע געפינען זיך אין דייטשלאַנד, ווי אויך אינעם קולטור־לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג בכלל. דאס קולטור־לעבן פון דער יידישער באפעלקערונג אין דייטשלאַנד איז דאן געווען זייער לעבעדיק אַ דאנק דעם פאַקט, וואס א טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ און א באדייטנדיקע צאל יידישע שרייבער פון רוסלאנד, האבן זיך צייטווייליק באזעצט אין דייטשלאנד.

דאָ ווערט מלך ניישטאַט רעדאַקטאָר פונעם פועלי־ציון פארטיי־ארגאן. שפעטער פאָרט ער אריבער קיין ארץ־ישראל. דאָ פירט ער ווייטער זיין אקטיווע אַרבעט אין דער פועלי־ציון באוועגונג, ווערט דער סעקרעטאר פון וועלט פארבאנד פועלי־ציון, ווי אויך דער ארגאניזאטאר פונעם פינאנץ־אינסטרומענט פון דער הסתדרות — די „לשכת־המס". זיין כוח, ענערגיע און טאלאנט לייגט ער אריין אין דעם דאזיקן מוסד, אויסנוצנדיק די דערפארונג, וואס ער האט באקומען בעת זיין ארבעט אין דייטשלאַנד. דער מוסד איז ביז היינט געבליבן דער פינאנציעלער יסוד פון דער הסתדרות.

נישט געקוקט אויף זיין אָנגעשטרענגטער ארבעט אין לשכת המס, האט ער דערביי נישט פארנאכלעסיקט זיינע קאָנטאַקטן מיט דער פועלי־ציון באוועגונג אין אויסלאנד.

אין שליחות פון דער ארץ־ישראל ארבעטער־באוועגונג ארגאניזירט ער די ערשטע זאמלונגען פונעם קפא"י — פּאַלעסטינער־אַרבעטער־פאָנד — און גיט ארויס (אין יידיש) קפא"י־ידיעות, וועלכע אינפארמירן וועגן אַלץ, וואס קומט פאר אין ארץ־ישראל און אין דער הסתדרות..

אין נאמען פון דער הסתדרות ארגאניזירט ער אין פוילן די ליגעס פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל און שאפט א מאסן־באוועגונג פאר דער הסתדרות, א באוועגונג אין וועלכער עס באטייליקן זיך טויזנטער מיטגלידער, וואס ארבעטן מיט געטריישאַפט און מסירות פארן דאזיקן צוועק.

אין די ליגעס פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל באטייליקן זיך נישט בלויז מיטגלידער פון החלוץ, השומר הצעיר, פועלי ציון און התאחדות, נאר אויך אלע דעמאקראטישע עלעמענטן, וועלכע זעען אין דער הסתדרות א פארווירקלעכונג פון זייערע ציוניסטישע אידעאלן.

אַ דאַנק די צוגרייטונגען, וועלכע מלך ניישטאַט האָט דורכגעפירט, קומען פאר צוויי גרויסע מאניפעסטאציעס פארן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל : איינע אין וואַרשע און די צווייטע אין בערלין.

אין דער פרעכטיקער מאניפעסטאציע פאר דער הסתדרות אין ווארשע, באטייליקן זיך הונדערטער געוויילטע דעלעגאטן פון גאנץ פוילן און פארטרעטער פון דער הסתדרות, — דער פארשטאָרבענער נשיא פון מדינת־ישראל, יצחק בן־צבי, און דער פארשטאָרבענער כנסת־פרעזידענט, יוסף שפרינצאק. ווי די פאַרטרעטער פונעם אינטענאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַרן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל באטייליקן זיך אין צוזאמענפאר : דער פירער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאל עמיל וואנ־דערוועלדע און זיין פרוי.

אין בערלינער צוזאמענפאר באטייליקן זיך דעלעגאטן פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג פון דער גאנצער וועלט, ווי אויך פארטרעטער פון דער הסתדרות און די שענסטע געשטאַלטן פון דער יידישער אינטעליגענץ, מיט אלבערט איינשטיין בראש.

מצד דעם אינטערנאציאָנאַלן קאָמיטעט פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל טרעטן ארויס מיט באגייסטערטע רעפעראטן : עמיל וואנדערוועלדע, עדוארד בערנשטיין, דע־ברוקער און אנדערע אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן פונעם אינטערנאציאָנאַלן סאָציאַליזם.

אין ארץ־ישראל, נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (אין 1939), נעמט זיך מלך ניישטאַט צו דער אַרבעט

פון אָרגאַניזירן הילף פון פועלי־ציון צ. ס. — התאחדות איחוד־עולמי מיט ארויסשיקן פעקלעך צו די פארשיקטע חברים פון פוילן און ליטע אין די ארבעטס־לאַגערן, קאָלכאָזן און ווייטע סיבירער סטעפּן, כדי די חברים זאָלן פילן, אז מען האט זיי נישט פארגעסן.

די דערהאלטענע בריוו, ווי אויך די דערקלערונגען פון חברים, ווען זיי זענען שוין געקומען אין לאַנד, באווייזן די גרויסע נוצלעכקייט פון דער דאָזיקער הילפס־אַקציע.

נאכן אנקומען פון די ערשטע ידיעות פון פוילן, נאך דער דייטשער אָקופּאציע, פאָרט נוישטאט צוויי מאל קיין טערקיי, ווו ער באגעגנט זיך מיט דעלעגאטן און ארגאניזירט אויך דאָ פינאנציעלע הילף. דאָ טרעפט ער זיך מיטן יידנ־פריינד שינדלער, דערוויסט זיך דעם אמת וועגן לאגער אין פלאַשאָוו, ביי קראקע (ווי אויך אין אנדערע לאגערן) און אָרגאניזירט פאר זיי די מעגלעכע הילף.

נאָך אַ גענויער זאַמלונג פון מאַטעריאַלן וועגן דעם, וואס עס איז פארגעקומען אין פוילן אין דער צייט פון דער נאצי־הערשאַפט, גיט ער ארויס (אין יאר 1946) דאס ערשטע בוך וועגן דער יידן־פאַרניכטונג, אונטערן נאמען: „חורבן ומרד של יהודי ורשה". דאס בוך דערשיינט אין עטלעכע אויפלאַגעס אין העברעאיש, ווי אויך (אין יאר 1948) אין יידיש.

הגם מיר פארמאָגן שוין היינט א גאָר רייכע ליטעראטור אויף דער דאָזיקער טעמע, איז נײַשטאטס ווערק דער ערשטער אינהאַלטסרייכער פרווו אויף דעם געביט.

אפשאַצנדיק די וויכטיקייט פון פארבינדן דעם גלות מיט ישראל דורך א גוטער אינפאָרמאציע וועגן דעם וואס קומט פאָר אין לאַנד, גיט נײַשטאַט ארויס (אין יאָר 1955) אַ בוך אין העברעאיש און יידיש, אונטערן נאמען: „המערכה החדשה". אין יאר 1958, גיט ער ארויס א בוך: „דאס ערשטע און דאס צענטע יאר מדינת ישראל". ביידע ביכער צילן הויפט־זעכלעך צו געבן אן אויסשעפנדיקע אינפאָרמאציע פארן גלות וועגן לעבן אין ישראל.

דאָס אַלץ טוט נײַשטאַט נישט פאַרלאָזנדיק זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט — ווי דער אָנפירער פון לשכת המס, מיטגליד פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות, חבר פון ועד הפועל פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, א געוויסע צייט (ביים 23־טן ציוניסטישן קאָנגרעס געוויילט) ווי א חבר־פערטרעטער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, ווי אויך פון אַ סך אָרטיקע מוסדות.

עס איז שווער אויסצורעכענען אין אַ קורץ אַרטיקל די פרוכטבאַרע און פילזייטיקע נוצלעכע אַרבעט פון אזא פערזענלעכקייט, ווי מלך נײַשטאַט. אין מיטן פון זיין אַרבעט ווערט דער פאדעם פון זיין לעבן איבערגעריסן. ער איז נפטר געווארן דעם 15־טן סעפטעמבער 1959.

זיין אנדענק, וואס וועט אייביק פארבלייבן אין זכרון פון חברים און פריינד, איז פאַרייביקט דורך זיינע ביכער און מעשים, ווי אויך — דורך דער פאמיליע און חברים — מיטן אָנרופן די נייע אַמבולאַטאָריע פון קופת־חולים אין בת־ים אויפן נאמען פון מלך נוי.

ד"ר משה פלץ

ד"ר משה פלץ, יליד רדומישל, בנו של ר' יעקב פלץ, התיישב בקאֶלץ והצטיין כרופא וכעסקן בצרכי ציבור באמונה.

להלן קטעים מספר „קאלץ" המוקדשים לזכרונו הברוך.

ליקט: אחיו דוד פלץ, חיפה.

דף מס' 41

כאשר פולין חזרה להיות עצמאית וכל חלקיה נתאחדו שוב, התחילו זורמים מגליציה רופאים יהודים צעירים שהתיישבו בקאֶלץ, מהם ציונים ומהם עסקנים ציבוריים. המובהק שביניהם היה ד"ר פלץ, עסקן ציבורי שהכניס בקהילה היהודית סדרים למופת, היה נציגה של הקהילה במיספר מוסדות ציבוריים והגן על האינטרסים של היהודים כלפי חוץ. בעל מרץ ויוזמה, השתדל ללא ליאות לשפר את חיי היהודים בפנים ולהשיב מלחמה לאנטי־שמים מבחוץ.

דף מס' 92

בין השאר: ביחוד התרחבו פעולות החברה מזמן שהועמד ד"ר פלץ בראשה. עסקן ידוע, בעל מרץ ואופי איתן. הוא יסד גם מרפאה ע"י „לינת־הצדק" ושם במשך מיספר שעות ביום היו מקבלים חולים בתשלום מינימלי לבדיקת המחלה ולמנוע התפתחותה.

דף מס' 96

מ ו ש ב ז ק נ י ם. גם אחרי שהוקם הבנין ונוצר המוסד, לא גרעו הנדבנים עין ממנו. גם כאן פעל הרבה העסקן שלא ידע ליאות, ד"ר פלץ. בעצותיו ובידיעותיו שכלל מוסד מועיל זה. השגיח בקפדנות על התנאים הסניטריים וההיגיניים. גם המיטבח היה בהשגחתו והקפיד שהתזונה תהיה מתאימה לקיבותיהם החלשות של הזקנים, וכו'...

דף מס' 98

ב י ת י ת ו מ י ם. מרת וולמן, מנהלת הגימנסיה לנערות היתה הפטרונית של בית־היתומים. היא וחברי הועד שביניהם ה"ה זאגאיסקי, ריזמן, והד"ר פלץ, נחמיה אוסטרוביץ, הגב' פיגה ארטן, היו מסורים בלבם ובנפשם למוסד חשוב זה.

דף מס' 208

עוד לא בא הסופר להעריך את פעולות ראשי־הקהל בימי השמדת היהודים בפולין, אבל לפי הידיעות שהגיעו אלינו, היתה עמידתו של כל אחד ואחד בפני האויב אמיצה ומעוררת כבוד. הם נתנו את נפשם ולא חיללו את כבוד עמם. ראש קהילת ורשה, המהנדס צ'רניקוב ז"ל והעסקן הקאֶלצאי ד"ר משה פלץ, הם המלמדים על הכלל כולו.

דף מס' 213

חברי מועצת עיריית קאֶלץ היהודים היו עסקנים ידועים בשטחים שונים, כאן אזכיר רק את ד״ר פלץ, כי הוא במרצו ובידיעותיו, בבקיאותו בצורכי העיר בכלל הטביע חותם על פעולותיה של העירייה, ובהגנתו על האוכלוסיה היהודית קנה לו שם בין תושבי קאֶלץ היהודים.

דף מס' 240

ראש־המועצה הראשון היה ד״ר פלץ. פעם ניתנה לו פקודה להזריק זריקת־רעל לחולים ולתשושי־כוח הנמצ־אים בבית־החולים, כדי להיפטר מהם. ד״ר פלץ סירב. הנאצים אסרוהו בבית־הסוהר ומשם נשלח למחנה־השמדה באושוויץ. אולם התנהגותו לא שימשה דוגמה לקידוש־השם לשאר חבריו הרופאים. פקודה שטנית זו נתמלאה על־ידי רופאים אחרים מוגי־לב.

דף מס' 266

אין געטאָ ברעכט אויס אַ פיל ערגערע עפּידעמיע: — דעגענעראַציע, און אסימילירטער ייד, הערמאַן לוי, מסרט דעם פּרעזעס פון יודן־ראַט, ד״ר משה פעלץ, וועלכער האָט אַלץ געטאָן צו פערלייכטערן דאָס לעבן פון די יידן אין געטאָ, אז ער אַרבעט קעגן די דייטשע מאַכט ד״ר פעלץ ווערט פאַרשיקט קיין אושוויענצים וו ער קומט אום אין די גאַז־קאַמערן...

כך חי, כך פעל וכך מסר את נפשו על קידוש־השם למען כבודו הוא, כבוד משפחתו וכבוד עמו.

„תהא נשמתו צרורה בצרור החיים"

ישראל אידלמן
סגן ראש עירית פתח תקוה

ר' יוסף פפר (אלטכון)

לראשונה נפגשתי עם ר' יוסף פפר (אז קראו לו יוסף אלטמן) בוורשה, בחורף תרצ״ד (1934), בבואו להתעניין בעניין עלייתו לארץ־ישראל. לעתים תדירות יותר נפגשנו במרכז אגודת־ישראל בוורשה בשנת תרצ״ה (1935), בבואו לדרוש את הסרטיפיקט שהובטח לו אחרי שעבר כבר את קיבוץ ההכשרה האגודאי, ואז התיידדנו



ר' יוסף פפר ז״ל

כאחים לצרה. שנינו רצנו, כרבים אחרים, יומיום כדי לקבל את הסרטיפיקט לעלות. שנינו באנו בברית הנישואין ולא הסתדרנו, לא בבירה ולא בעסק ובפרנסה ו„ישבנו על המזוודות" וחיכינו לעלייתנו. ואז הספקתי להכיר היטב את תכונות נפשו וכשרונותיו. ראיתי בו אברך חסידי מלא וגדוש בידיעות בתורה. גם בהיותו בוורשה והוא התארח בחדרו הצר של הסופר אלימלך שטייאר הי״ד, שהיה מחבריו וידידיו הטובים ביותר, הוא שמר על שיעורי התורה שלו.

אחרי התרוצצות של קרוב לשנתיים בפרוזדורי מרכז אגודת־ישראל, השגנו סוף־סוף את הסרטיפיקטים שלנו ועלינו לארץ־ישראל בשטומ״צ, כותב השורות לפני פסח תרצ״ו (אפריל 1936) והוא — מיספר חדשים אחרי, בקיץ של אותה שנה. בשומעו שאני קבעתי את דירתי בפתח־תקוה מפני שבמשבר הכלכלי דאז וחוסר העבודה היו יותר סיכויים להשיג יום עבודה בחקלאות בפרדסי פתח־תקוה מאשר במקום אחר, גם הוא בא לפתח־תקוה, אבל מאחר שלא השיג דירה, השאיר את אשתו אצל קרובים בתל־אביב והוא ישן על הרצפה של מירפסת דירתי הדלה בצריף (כי מיטות גם לי עוד לא היו) ואז, הספקתי להכיר את יוסף פפר מקרוב ואת גודל נפשו, הסתפקותו במועט, שמח בחלקו, משמח ומעודד אחרים במצבם הכלכלי הקשה, מכניס חדוות חיים בסביבתו, ומאז ועד ליום פטירתו ללא־עת, ביום ז' בטבת תשכ״ב, אפשר לומר שהיינו קשורים בקשרי חברות וידידות ואהבה. ממש לא זזה ידו מתוך ידי וצעדנו יחד אותה כיברת דרך של עשרות שנות־חיים בארץ־ישראל עד התהפוכות. התחלפות הזמנים והעתים, שנות טרום־מדינה, שנות המשבר הכלכלי הקשה, שנות־החנק תחת שילטון רשע, שנות הקמת־המדינה, בכל הזמנים האלה מצא ר' יוסף פפר את מקומו וחלקו, לא קטן במעבר היסטורי, משיעבוד לעצמאות מדינית. הוא לבטח נמנה בין אלה שהקימו את המדינה במסירות־נפשם ובהקרבה עצמית בעליית אחים ובקליטתם, שרידי־החרב בעת מצוקה וצרה כשגזירות שילטון הרשע דרשו סגירת השערים לעלייתם.

תיכף עם בואו נסחף לעבודה ציבורית ומצאו אותו בשורה הראשונה שבין פעילי תנועת פועלי אגודת ישראל, אשר למען רעיונה התמסר עוד בארץ מולדתו בפולין. נבחר למוסדות הסניף בפתח־תקוה ובועידות הארציות של התנועה הוא נבחר למוסדות המרכזיים, למועצה המרכזית, לועד־הפועל, למזכירות המצומצמת של הועד הפועל, ובשנות חייו האחרונות הוא היה מזכירה הכללי של התנועה.

בשנים הראשונות לבואו לארץ ישראל, לא רצה לעבוד בתנועה בשכר, ולא בז לכל מיני עבודות לפרנסת ביתו. עבד בחקלאות, בבנין, בסלילת כבישים. שבועות וחודשים עבד

בערבות־הנגב ובמקומות מרוחקים בהקמת מחנה הצבא הבריטי, וכיהודי שהיה נזהר בקלות כבחמורות הזיר עצמו מלאכול במיטבחים ציבוריים והיה מסתפק בלחם וזיתים שבועות וחודשים. בכל־זאת, היו תמיד השחוק והצהלה בפניו, ובפיקחותו ובחוכמתו הוא רכש לו בכל מקום ידידים וכולם אהבו אותו.

כשתנועת פועלי אגודת ישראל התרחבה, בעיקר עם התמסרותו של מנהיג התנועה הבלתי נשכח, ר' בנימין מינץ ז"ל וחבר־שליחיו, למחנות ההצלה אחרי גמר מלחמת־העולם השניה והמאבק המר של הישוב ומוסדותיו להעלות את שארית הפליטה בכל הדרכים ולקולטם בארץ, ראו בר' יוסף פפר את אחד הכוחות הכישרוניים ביותר לפעול בעבודה קדושה והיסטורית זו. ראו כי הוא מסוגל ומוכשר לקשור קשרים אמיצים עם מוסדות ואישים, הפצירו בו ולחצו עליו שייכנס לעבודה יומיומית בתנועה והטילו עליו תפקידים רבי־אחריות ואת כולם ביצע בהצלחה רבה. בעיקר הוא עשה עבודה קדושה היסטורית בשטח הקליטה. באותן השנים, שהוא עמד בראש מחלקת הקליטה של פועלי אגודת ישראל, זרמו לארצנו עולים מכל הארצות שהיו כבושות על־ידי הנאצים הארורים ימ"ש. עולים אלה שעלו בדרכים־לא־דרכים, בתנאים קשים ומרים, כששילטונות סוגרים בעדם את השערים, וכשהגיעו סוף־כל־סוף לחופי הארץ הם באו שבורים ורצוצים בגופם ובנפשם, וגם כאן היו תנאי הקליטה קשים, הם נקלטו אז לא כמו שהעולים נקלטים היום, כשדירות מוגמרות עומדות כבר מוכנות ומחכות להם, אז היו צריכים העולים לשבת שבועות וחדשים במחנות אוהלים. היהודים שטיפלו בקליטתם היו צריכים להיות בעל־לב יהודי חם, למצוא עם האחים הנאנקים, אשר כל־כך סבלו לפני בואם וסיבלם טרם נגמר אחרי בואם, שפה משותפת ולעודדם, לחזקם במענה רך, וראש מחלקת־הקליטה של פועלי אגודת ישראל, ר' יוסף פפר, הצטיין בשטח זה; הוא התמסר לעבודה זו בכל להט לבו ונפשו, נדד על פני מחנות העולים, שבת אצלם בשבתותיו, התרוצץ בערים ובמושבות לשכור דירות, לדאוג לרהיטים, בעצמו היה סוחב כלי־בית וכלי מטבח. היה דופק על דלתות אישי הסוכנות היהודית ואנשי הקליטה והוא מצא אצל כולם אוזן קשבת והוציא מהם את המקסימום למען העולים הדתיים והם העריכו מאוד את עבודתו. כדאי לציין במיוחד את ההערכה וההוקרה שרכש לו השר המנוח גיורא יוספטל, שעמד אז בראש מחלקת הקליטה ותמיד היה עונה לקריאותיו של אברך חסידי זה.

אפשר לומר בהחלטיות גמורה, כי בשנות עבודתו למען הקליטה, הוא התעלה במעשיו הכבירים בשטח זה כאחד האישים הדגולים בישוב, ותודות לעבודתו זו הוגדל והתרחב הישוב הדתי בארץ־ישראל. הוא היה גם היוזם והמבצע להקמת מיספר כפרים וישובים דתיים חדשים המצטיינים בצביונם המיוחד ומוסיפים כבוד ופאר ליהדות הדתית.

עם ייסוד המדינה, כשהעבודה רבתה ונוספו תפקידים ועמדות, ועל מיספר חברים מצמרת תנועת פועלי אגודת ישראל הוטלו תפקידים ממלכתיים ומוניציפליים, הוטל על ר' יוסף פפר התפקיד האחראי לעמוד בראש התנועה ולשמש כמזכירה הכללי וביד מכוונת בחוכמה ובפיקחות הוא ניהל את העניינים. כולם אהבו אותו מפני שהוא ידע לאהוב את כולם. גם הפעם הצליח בתפקידו באופן יוצא מן הכלל. הופיע בכל המוסדות ואצל כל האישים כדובר פועלי אגודת ישראל, נציין רק מיספר דברים שהוא הצליח למען תנועתו בימי כהונתו כמזכיר הכללי ואשר תודות להם יכולה תנועת פא"י להחזיק מעמד עד היום, ולהתקיים כתנועת פועלים עצמאית, והם: ההשתלבות בלישכת העבודה הכללית; ההסכם עם האיגוד המקצועי; ההסכם עם לישכת המס המרכזית של ההסתדרות הכללית. בכל המוסדות היה נחשב ר' יוסף פפר כבן־בית והתחשבו בדעתו. אבל, כאמור, לשיא התמלאות בעבודתו הציבורית הוא הגיע בעבודתו בשטח הקליטה ועבודה זו נתנה גם לו סיפוק רב ולא פעם התבטא, כי הוא רואה שנות פעולה והישגיו בשטח הקליטה, והעזרה שהצליח להושיט לאחים אומללים ולקומם ולשקמם מחדש אחרי שנות סבל וראותם כך הרבה רעה, את שנות חייו היפות ביותר.

גם במקום מגוריו בפתח־תקוה הוא היה פעיל בכל שטחי החיים הציבוריים ונחשב כאחד האישים הדגולים בעיר והיה חביב ומוכר בחוכמתו ובפיקחותו בכל החוגים; בעיקר הוא היה נערץ בין שכבות הפועלים והסתדרויות הפועלים ראו בו אחד הידענים הגדולים בענייני עובדים ומעבידים ויחסי עבודה. בשנות המאבק למען עבודה עברית, עמד ר' יוסף פפר בראש ציבור הפועלים במושבה ויחד איתם הוא נאבק למען זכות הקיום והעבודה לפועל היהודי החוזר לארצו.

עם כל טירדותיו הציבוריות, הוא ידע להתמסר לביתו וניהל חיי משפחה למופת, היה בעל ואב טוב ומסור. אשת נעוריו, הגב' הינדה תבל"א, היא אשה דגולה, בעלת הכרה ותבונה ועמדה לימין בעלה הדגול והיקר בכל ענייני הכלל, והצליחו לגדל בנים כישרוניים, יראים ושלמים. חתנם, בעל־בתם נחמה, הרב אלימלך וינטר, הוא אברך מצוין במעלות ומוכתר במידות תרומיות ומשמש כאחד המורים וראשי ישיבת „הדרום" ברחובות. בנם, הרב החיים, הוא ממצוייני ובחירי תלמידי ישיבת פוניביז' הגדולה ונחשב כאחד העילויים הגדולים בכולל אברכים בישיבה מפורסמת זו. בנם, אברהם־דוד, הוא אברך תלמיד חכם, מעובדי לשכת־המס בפתח־תקוה מטעם פועלי אגודת ישראל. בנם הצעיר, שמואל, הוא אחד התלמידים הכישרוניים בישיבת „הדרום".

כנראה, שהעבודה המפרכת מלפני כניסתו לעבוד בתנועה, ועבודתו ללא הגבלה של זמן ושעות אח"כ, נתנו אותותיהם בו במובן פיזי, ובשנים האחרונות התחיל סובל ממחלות שונות, מלחץ־דם גבוה, מסוכרת, מאבני־כליות ולבסוף הותקף גם במחלת־לב וביום ז' בטבת, תשכ"ב, הוא נפטר בשם טוב בבית החולים „השרון" בפתח־תקוה.

ביום פטירתו היה יום שבו ירד גשם שוטף, סערה השתוללה בחוץ, וזה לא הפריע את ההמונים, מאות ידידים ומכרים מכל פינות הארץ, לבוא ולחלוק לו את הכבוד האחרון. לשעות הלוויה התבהרו השמים והקהל הגדול התכנס ליד בית פועלי אגודת ישראל בפתח־תקוה אשר המנוח השקיע לא מעט עמל להקמתו וכותב השורות, הרב קלמן כהנא, ראש תנועת פועלי אגודת ישראל וסגן שר החינוך והתרבות, הרב יהושע־משה אהרונסון, חבר הרבנות הראשית לפתח־תקוה, מר י. חסקין הספידו בשם הועד הפועל של ההסתדרות הכללית ובשם לשכת המס המרכזית ועוד אישים הספידו אותו נרגשות. ליד בית־הכנסת הגדול בפתח־תקוה, הספידו מר פינחס רשיש, ראש העיריה, ועוד.

חבריו בפתח־תקוה ומוסדות התנועה בארץ, לא הסתפקו בהלוויה היפה ובדברי ההספד החמים בעל־פה ובכתב, אלא גם הקימו לזכרו מפעל הנצחה יפה: בית־הכנסת ובית פועלי אגודת ישראל בפתח־תקוה הורחב והוגדל ושופץ ונקרא על שמו „משכן יוסף", ובית זה שוקק חיים תורתיים ונעשים בו

דברים טובים בשטח הפילנטרופי בעשיית הצדקה והחסד, בהגשת עזרה לזולת כפי שפעל הוא וראה שאחרים גם יפעלו.

ביום פטירתו מתכנסים בבית נהדר זה הנושא את שמו יושבים בצוותא, מסיימים ש"ס הנלמד על־ידי חבריו, בניו וקרוביו לזכרו, מספרים על מעשיו. עתון התנועה „שערים" מקדיש מאמרים לזכרו מפרי עטם של חבריו שנשאו יחד אתו בעול העבודה הציבורית.

בחפץ לב נעניתי לבקשתם של יוצאי רדומישל לכתוב לספר שהם מוציאים לזכר קהילתם הקדושה וזכר יהודיה שניספו בשואה הי"ד, מאמר לזכרו ואני מודה להם בעד ההזדמנות שנתנו לי לחרוט בעט עלי ספר זכרון לקדושים וטהורים שורות מספר, לזכרון חבר וידיד כה טוב וכה אהוב.

עלי להדגיש, כי כל מה שהספקתי מאז יום פטירתו לומר ולכתוב על אותה אישיות דגולה, רבת־החן ורבת־הפעלים שגילם ר' יוסף פפר ז"ל, הוא חלק מני אלף ממה שיש לומר, לספר ולכתוב עליו.

יהי זכרו ברוך ו־ת. נ. צ. ב. ה.

ו

זכרונות והווי

זכרונות און שטייגער

משה יעקב איסלנד
פתח־תקוה

זכרונות מעיירתי

כמקובל התחלתי לומד ב„חדר" בהיותי בן ארבע. בן שבע התחלתי מבקר את ביה"ס הממלכתי הפולני (ביה"ס אחר לא היה קיים בעיירתנו).

ב„חדר" למדתי עד גיל 13—14 ואחר התחלתי לומד אצל תלמידי־חכמים של העיירה, שלימדו בחורים כשרוניים בבית־המדרש או ב„קלויז" שלא על מנת לקבל פרס. כן למדתי אצל ר' שמואל אלטמן, ואצל ר' אליעזר פיסטרונג וזמן רב למדתי בצוותא עם אלימלך אלטמן, בחור עילוי. מושלם בכל המעלות ומידות טובות (נשא אשה מנובי־סונץ, שימש שם זמן ידוע כשוחט ונהרג על קידוש השם, הי"ד).

ר' שמואל אלטמן היה בעל מוח חריף; כאשר היה שואל שאלה שלא היתה בפינו תשובה עליה היה רגיל לומר אני יודע שאתם יודעים את התשובה, רק אתם בעלי־סוד ואינכם רוצים לגלות אותה.

חברי היו שמעון פדר הי"ד ויבל"א יעקב בראנד בן שיעלע שהצטיין כבחור כשרוני, בעל שכל חריף וזכרון של ברזל. אחרי כך הצטרף אלינו (ליעקב ואלי) מאטל קליין ויצרנו ביחד שלישיה של חברים בעלי אינטרסים משותפים ושאיפות חברתיות.

עד כמה אני זוכר שמשחר נעורי הייתי בעל השקפות לאומיות יהודיות, לפעמים בגוון דתי יותר ולפעמים ציוני חילוני יותר.

יחד עם חברי למדנו מדי שבת פרקים בתנ"ך אצל ר' משה זלץ ועברית למדנו אצל המורה הרשל פשוווזניק אשר לימד גם את המקצועות החילוניים כמו חשבון ופולנית לילדים היהודים שלא ביקרו בבית הספר הפולני.

כדי לדעת יסודית את השפה הפולנית התחלנו מתלמדים ב„איגרות של וולקובסקי" ומתאמנים בקריאה בעתון פולני „נובי דז'נניק", עתון ציוני שיצא בשפה הפולנית בקרקוב, בטאונה של ההסתדרות הציונית בחבל זה של פולניה.

הקריאה בעתון הפקיחה את עיני והתחלתי מבין ומנתח תופעות שונות בחיי היהודים בגלות.

כפי שהזכרתי לעיל הייתי בעל השקפה לאומית. נזכר אני בהיותי נער בן 12—11 לקח אותי אבא ז"ל ר' פלטיאל קוך



בין בית המדרש והשכלה

מימין לשמאל: ברוך ווינד, יעקב ברנד, משה־יעקב קון (איסלנד)

ל„שולחן הרבי" „צום רבינס טיש". (הרבי מדמביץ שאבי היה נמנה עם חסידיו הנלהבים) והיה שמח. אבל אותי לא משכו שמחות אלה, לא התורה של הרבי, וגם ה„שיריים" שחילק הרבי לחסידיו, לא השפיעו עלי, בנפשי וברוחי הייתי רחוק מכל אלה, שאפתי לחיים לאומיים יהודיים בארץ אבותינו, במדינת ישראל, וכבר אז נתבשל אצלי הרעיון שעתידי בארץ ישראל.

כאשר התבגרתי התחלתי מגשים את רעיוני, לעבוד למען ארץ־ישראל, למען האידיאלים הקשורים עם יישוב א"י. התחלתי בהפצת חומר תעמולה של „אגודת ישראל", ולאסוף כסף עבור קרנותיה וזה בהשפעתו של אלימלך אלטמן הי"ד.

הקריאה ב„גובי דז'נניק" הכניסה אותי לעולם לגמרי אחר של ציונית מדינית ומעשית והפכתי לציוני אדוק מסור לתחיית העם בארצו והתחלתי מנהל תעמולה ציונית בין חוגי הנוער ומטיף לדיבור העברי והייתי בין אלה שאירגנו חוגים של השפה העברית ותולדות עם ישראל. אותם חוגים הכו שרשים בעיירתנו, התרחבו והקיפו את הנוער המתבגר משני המינים דבר שלא מצא חן בעיני הורינו. נזכר אני: פעם במוצאי שבועות, כאשר אבא ז"ל חזר מדמביץ, מביקורו אצל הרבי, פגש אותי, בחברה של בחורים ובחורות שטיילו ברחוב והתווכחו על נושא „הציונות", התנפל עלי בצעקות, איך אני מעז לא לנסוע לרבי ולבלות את זמני לריק בהתעסקות ב„שטויות" של הציונות.

פעולותינו הציוניות התבטאו בהפצת שקלים, הרקת קופסות קק"ל ולאט־לאט עזבנו את בית המדרש.

ב־1927 נפתח בעיירתנו בי"ס עברי בהנהלתו של המורה־הפדגוג הנפלא מר פנחס לנדר (כעת פנחס אלעד) מרופשיץ, אני נבחרתי לגזבר של ביה"ס, הייתי בא כל יום לביה"ס כדי לגבות את שכר הלימוד של התלמידים, נהניתי וקיבלתי סיפוק רב מעבודתי.

היינו (אני וחברי) פעילים בספריה הלאומית שהיתה בעיירתנו ואחרי מלחמה אידיאולוגית עלתה בידנו להעביר בבחירות את המועמדים שלנו, שביניהם היה גם חברי הטוב מאטל קליין.

בשנת 1928 עזבנו את עיירתי ואת פולין כדי לנסוע לעולם הרחב והגדול ולא לחזור, הגעתי לגרמניה וב־1935 עליתי עם בני משפחתי ארצה.



עומדים — מימין לשמאל: יעקב ברנד, מרדכי (מוטל) קליין, חיים לייב פורשטנצר, איסר גרוס, המורה — פינחס לנדר, אברהם גולדפינגר, נפתלי ויס, משה פדר, הרשל בייאר.

נפתלי בערל
נהריה

דאס לעבן אין שטעטל

ראַדאָמישל וויעלקי. א קליין שטעטל. אָרעם, פרי־מיטיוו, האָבן געלעבט ביז דעם אויסברוך פון קריג 300 פאמיליעס יידן. שווער איז געווען דאָס לעבן פון דעם הייפל מענטשן. מ'האָט זיך געמאַטערט די גאנצע צייט, ווייל אין יענער צייט איז נישט געווען קיין עלעקטרי, קיין וואַסער, קיין באַן. וואַסער פלעגן מיר קויפן אויף קענדעלעך ביי די וואסער־פירערס, — פינף גראָשן האָט געקאָסט א קענדעלע וואַסער; א סך פון אונדז האָבן אליין געשלעפט דאָס וואסער פון דער ווייט, בכדי צו שפּאָרן די 5 גראָשן.

ווען ס'איז פינצטער געוואָרן, האָבן מיר זיך באנוצט מיט נאפט־לעמפלעך; אין די געסעלעך איז געווען א פחד צו גיין צוליב דער פינצטערניש. די קינדער, ווען זיי פלעגן גיין אין חדר אויף דערנאכט, פלעגן זיך באנוצן מיט לאמ־טערנדלעך, אנדערש זענען זיי אריין אין די בלאָטעס, וועלכע האָבן נישט געפעלט ביי אונדז.

אין שטעטל איז נישט געווען קיין קינאָ, טעאטער, קאפע־הייזער. די יוגנט האָט זיך באגעגנט טאָג טעגלעך אין דער ציוניסטישער אַרגאניזאציע; מ'האָט געלייענט א צייטונג, א ביכל. אויך פאָרלעך האָבן זיך דאָרט געשאפן, ווי ס'קומט פאַר ביי יוגנט. מ'האָט געשיקט אויף הכשרה צו פאָרן קיין ארץ ישראל. די עלטערן האָבן א ביסל געשטערט, זיי האָבן נישט געוואָלט אז די קינדער זייערע זאָלן פארלאָזן דעם „יידישן וועג", ווייל אונדזערע עלטערן זענען געווען חסידים.

אונדזער שטעטל האָט אויך געהאט א גוטע חסידישע יו־גנט, אָן אינטעליגענטע, נישט פאנאטיש. זיי האָבן געלערנט טאָג און נאכט תורה, געלייענט אויך ביכער, וואָס מ'האָט 'נישט געטאָרט". די ביכער האָט מען גענומען אין דער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך אויסגעהאלטן מיט דער הילף פון איינצלנע מענטשן, וועלכע זענען געווען פאראינטע־רעסירט אין דעם.

א גרויסער פראָצענט פון דער יוגנט האָט נישט געוווּסט וועגן ארבעט, עפּעס פארדינען, טראכטן וועגן דער צוקונפט — מ'איז געווען ווי אויטאָמאַטן. ווען מ'האָט חתונה געהאַט, האָט מען גענומען א נדן און געמאכט זיך א געשעפטל. ביז צו דער חתונה איז מען געווען ביי די עלטערן, אזוי ווי זיי ביי זייערע עלטערן. מיידלעך האָבן אונדזערע עלטערן אין גאנצן נישט דערלויבט אוועק פון דער היים. דאָס גאנצע לעבן האָט מען געזאמלט דעם נדן פאר די טעכטער און אליין זיך גוט געמאטערט וועגן פרנסה. 90% זענען געווען סוחרים. זיי פלעגן פאָרן נאָך דעם ביסל סחורה 30 ק"מ מיט פערד און וואָגן; ווינטער, אין די גרעסטע פרעסט, שלעפן זיך א גאנצע נאכט, בכדי צו פאַרזאָרגן אויף דאָנער־שטיק — דאָס איז געווען דער יריד־טאָג ביי אונדז. דעם טאָג איז געווען א יום־טוב. שוין מיטוואָך האָבן די סוחרים געקוקט אויפן הימל צי ס'איז נישט פארכמורעט. זיי האָבן געבעטן גאָט ס'זאָל זיך שטעלן א גוטער יריד, אז נישט וועלן זיי נישט האָבן צו דעקן די וועקסעלעך, די ראַטעס פאר דער גמילות־חסדים־קאסע. מ'איז אויך געפאָרן אויף ירידים קיין זאסעוו און דעמביץ.

אזוי האָט אויסגעזען דאָס לעבן פון אונדזערע עלטערן. א גאנצע וואָך — געטראכט וועגן פרנסה. אָבער ווען ס'איז געקומען ערב שבת, האָבן זיי פארגעסן פון אלעם: געגאנגען אין באָד אריין, געמאַכט זיך א שוויץ, אָפּגעוואשן פון זיך אלע זאָרגן און צוגעגרייט זיך צום שבת.

ערב שבת האָט מען דערקענט אין יעדער שטוב. די מאמעס האָבן געבאַקן, געקאָכט, געוואַשן לכבוד שבת. פארן ליכט בענטשן האָבן זיי דעם טשאָלנט געטראָגן צום בעקער. דער־נאָך האָט די מאַמע געבענטשט ליכט און דער טאטע איז געגאנגען אין בית־המדרש דאוונען. דאן האָט זיך די מאמע ארויסגעזעצט פאר דער שטוב, געווארט — ביז זי האָט געזען, אז מ'גייט שוין פון דאוונען, איז זי אריין אין שטוב. די ליכט האָבן געברענט, די חלות אויפן טיש. דער טאטע האָט געזונגען „שלום עליכם" און געמאכט קידוש.

איז געקומען א בייזער ווינט און צעבראָכן, פארניכטעט דאָס אלץ!...

רחל בר־עם
חיפה

יום היווסד הספריה הלאומית בעיירתנו

הרבה התווכחתי עם בני־עירי אם כדאי להוציא ספר־זכרון על עיירתנו. לדעתי, היתה זאת עיירה שלא הצטיינה בכלום, דלה ומשעממת, מכוערת ואוהבת־רכילות ואם כתבו על איזו שהיא עיירה בגליציה המערבית כתבו כבר עליה. — לא, טוענים אחרים: היא היתה, למרות דלותה, מלאת־חיים ותוססת ובאופיה הדינמי עלתה על כל העיירות שבסביבה. — ואולי צודקים בני עירי; יהיה אשר יהיה, דמותה ואופיה הרי אֵם היתה, אֵם לנו ולדורות מי ימנה. היא איננה עוד. היא נפלה בידי מרצחים. אולי באמת מגיעה לה מצבה משלה?

רוצה אני לכתוב על יום אחד שנחרת במיוחד בזכרוני, יום־קיץ אחד בסוף המלחמה העולמית הראשונה, יום היווסד הספריה שלנו. היה זה יום גדול שעשה היסטוריה בעיירתנו. לא רק ספריה נוסדה בו, אלא כל חיי הנוער החברתיים והתרבותיים אשר התפתחו מאוד בקצב כה מהיר ורק השואה שמה קץ להם.

ואמנם, תכונה גדולה היתה בעיירתנו זה חודשים לקראת אותו יום. בחורים צעירים מתהלכים ברחובות ומתלחשים, פיאותיהם וקפוטותיהם הולכות ונעשות קצרות יותר ויותר. גם בחורות נאספות קבוצות־קבוצות ויש להן הרבה לספר. וכשהם יוצאים מחוץ לעיר, לשדות, ליערות, הקבוצות של בחורים ובחורות מתערבבות, הם מרימים ראשיהם ומדברים בקול רם יותר. — הם מתכוננים למרד. די לנו להעביר את הספר ואת העתון מיד ליד. כמעט בכל העיירות שבסביבה (אמנם גדולות יותר) יש כבר ספריה וחדר־קריאה. למה לא להזמין מזמן לזמן מרצה מקרקוב? אפשר לארגן חוגים ללמוד השפה העברית. יש „וולקובסקי" ויש „ראטה". למה לא לארגן „השומר" ו„החלוץ"? אבל זה עוד חזון למועד. בינתיים צריך לשכור חדר ולקנות ספרים. ההורים? הם ישלימו, כמו שהשלימו במקומות אחרים. צריך לצאת בגלוי ובמרץ!

וההורים — פניהם קדרו, עולמם חשך. הם רואים את

הפורענות ההולכת וקרבה. הבנים יוצאים לתרבות רעה! פאת ראשם ותפארתם, אשר עד עכשיו נדמה היה ששום כוח בעולם לא יכול להרחיק אותם מעל דפי הגמרא, עכשיו מוחם עסוק בעתונים ובספרי לעז. תולעת נכנסה לפרי רענן ואוכלת אותו כולו. האם להסתכל ולא לעשות כלום? אולי ללחום את הרע בעודנו באִבּו? וויכוחים סוערים בכל בית יהודי, אשר רק מרחיבים את הקרע בין אבות ובנים.

— אני כולי אוזן לכל המתרחש סביבי, עודני צעירה יותר מדי כדי להשתתף. צר לי מאד על ההורים, אבל לבי, לבי עם אחותי ואחי הגדולים, עם כל אלה הצעירים השואפים למטרות נעלות כל־כך! כל אחד מהם הוא בבחינת גיבור בעיני. אני עוד רואה אותם לפני (הנה יחזקאל קאופמן, האחים וורצל, בריש אייזלנד, האחים זיגפריד, נפתלי ווייס ועוד ועוד). הנה הצליחו הם כבר לשכור חדר, קנו מיספר ספרים, שולחן, 2 ספסלים ואפילו תמונת הרצל. החדר הוא דווקא באמצע העיר (בשוק) מה שלא כל־כך טוב. כל מי שייכנס יהיה בעין־הכל, אבל מי עוד ירצה להשכיר חדר פרט לאותו איש משכיל (ברוך ג.) שחנותו בין כה וכה משמשת בית־ועד לצעירים והזקנים מחרימים אותו.

את יום־הפתיחה החגיגי קִבעו לכ׳ בתמוז. דבר לא יאֻמן. בחורות ובחורים לבשו בגדי חג באמצע יום חול והולכים לחגיגה. מי דרך השער הראשי, ומי דרך חצרות וגזוזטרות של בתים שכנים שלא להתבלט. לי נדמה שכל אחד יכול להרגיש שזה לא יום ככל הימים, שמשהו גָדול מתרחש כאן. בחוץ מתקהלים אנשים, מקווים לראות משהו דרך החלון. פתאום אני שומעת אומרים שהאבות התארגנו בבית־המדרש והנה הם באים להרוס את הכל. פחד נופל עלי, מבלי לחשוב הרבה אני רצה לספריה כדי להזהיר. פותח לי אחד הצעירים ומרגיע אותי: „אל תפחדי, שום דבר לא יקרה". בדיוק עומדת אחותי על הבמה ומדקלמת שיר (בגרמנית), באולם שוררת דממה. עוד מעט שרים את „התקוה" ומתפזרים. אני נושמת לרווחה, שום דבר לא קרה.

שום דבר לא קרה, לא אז ולא אחר־כך. כנראה „הזקנים" שלנו לא היו מסוגלים למעשה־אלימות והצעירים המשיכו במה שהתחילו בהצלחה רבה. — אלה, המיסדים הראשונים, אמנם עזבו רובם ככולם את העיירה, יצאו לחפש להם פרנסה בעולם הגדול; באו אחרים, צעירים יותר והמשיכו. לא עבר זמן רב ומספר כרכי הספריה עלה למעלה מאלף. גם התנועה הציונית אשר הקיפה כמעט את כל הנוער הלכה והתפתחה. יבואו אחרים ויספרו כיצד נוסדה „תרבות", איך למדנו עברית לא רק מ„מכתבי הוראה" אלא מפי מורים. כיצד נערכו הצגות חנוכה ופורים וכל אנשי העיירה נהרו אליהם. אין דבר שבאמצע ההצגה הספסלים התמוטטו זה קרה בהצגה ראשונה. אח"כ למדנו גם לארגן באופן טוב יותר. — על הטיולים בל"ג בעומר דרך רחובות העיר וחוצה לה. כיצד צעד הנוער עם דגלים מתנופפים בלי מורא ופחד. איך התארגן „החלוץ" ומספר בנים ובנות יצאו להכשרה ועלו ארצה. ומספר גדול יותר מאלה שעלו, נשארו מחכים בתור לסרטיפיקטים, לא יכלו לצאת ויד השואה השיגה אותם. בוודאי יכתבו גם על תקופה נוראה זאת, אני רק על יום אחד כתבתי.

וואוועק גוטווירט
ניו־יארק

זכרונות פון מיין יוגנט

זייענדיק נאך א שילער אין דער ראדאמישלער שול, האב איך שוין געליטן פון אנטיסעמיטיזם — מיין דעמאָלטדיקער לערער איז געווען קאמודאַ, א רשע מרושע און א געפערלעכער שונא ישראל. ער האט מיר נישט פארגונען צו בלייבן אין קלאַס בעת דער פויזע און שטודירן. איך האב געמוזט (לויט זיין באפעל) ארויס ווינטער אויפן הויף פון שול און צו זיין אויסגעוויזן אויף די שניי־קוילן, וואס די שקצים פלעגן אונדז ווארפן, און די יידישע שילער איז געווען פארבאָטן צוריקצוווארפן.

איין פרימאָרגן, אין א שרעקלעך־קאלטן וועטער, בין איך אריינגעקומען אין קלאס עטלעכע מינוט צו שפעט, מיינע הענט זענען געווען ממש פארפרוירן אויף אייז. האט ער מיר געגעבן א „לאפע", אז מיין האַנט איז באַלד אויפגעשוואָלן און איך האב געהאט ביטערע יסורים עטלעכע טעג.

מיין פאָטער ע"ה איז געקומען און געפרעגט, היתכן? אבער דער רשע, קאמודא, האט זיך פארענטפערט מיט פוילע תירוצים.

גרויס אנטיסעמיטיזם האם איך אויך מיטגעמאכט אין מיין אייגענער צוקערניע, וואס מיין פאטער ע"ה האט איינגעריכטעט און איך האב דאס געפירט.

ווען ס'פלעגט קומען א קאָמיסיע און קאָנטראָלירן ווי עס האלט מיט דער ריינקייט, איז געווען א בהלה אין שטעטל. מ'האט געפוצט, געזויבערט און דעם קאנטראלער איז דאס אלץ נישט גענוג ריין געווען. ער איז ארומגעגאנגען ארום יעדן שאכטל פון שאקאלאד (אדער אנדערע שאכטלען) מיט זיין טאשן־טיכל צו זען אויב עס איז נישט שטויביק. טאמער, חלילה, האט זיך יא געפונען א פיצל שטויב (ווייל ווי איז דאס געווען מעגלעך עס זאל טאקע זיין אזוי זויבער?), האט ער שוין גענומען פארשרייבן און מאכן הארץ־קלאפעניש. איין גליק — אויף דעם געביט האט מען זיך כאָטש געקאָנט אויסקויפן, עס איז בלויז אויסגעגאנגען צו געלט און שרעק.

ווען איך דערמאן זיך איצט וואס מיר זענען דורכגעגאנגען די אלע יונגע יארן פון אונדזערע „גוטע גויים", מכלומרשט, די שכנים אונדזערע און מיטשילער, ציטער איך ממש פון כעס און פארשטיי נישט פארוואס די מאיאריטעט פונעם שטעטל איז נישט אַנטלאָפן אין צייט.

מיר האבן די אויבן דערמאנטע פאסירונגען אריינגעגעבן דעם געדאנק צו אנטלויפן פון פוילן אבער ווו אהין לויפט מען? ובפרט — אָן געלט און אָן מיטלען.

נאך א פעריאד פון עטלעכע יאר האבן אייניקע פון מיינע אינטימסטע חברים, ווי ישראל מלך בעטהייל (א זון פון שאול בעטהייל), עליע בראנד (א זון פון יאסל בראנד), חתונה געהאט — מיר האבן געהאט געלערנט אינאיינעם ביי ר' נפתלי שנור.

דעמאלט האבן מיינע עלטערן ע"ה אויך מיך אנגעפאנגען צו מוטשען, אז איך זאל נאכטון זיי — מיינע חברים — און חתונה האבן.


מ'האט מיר אנגעהויבן צו רעדן שידוכים, נישט בלויז פון ראדאמישלע, נאר פון טארנאוו, קראקע און אנדערע שטעט. איך האב אבער פארזיכערט מיינע עלטערן ע"ה, אז איך

פלאַן אוועקצופאָרן פון פוילן — איך וועל אין פוילן נישט חתונה האבן.

נאטירלעך האבן מיינע עלטערן געלאכט פון מיר און פון מיין פלאן: ערשטנס מוז מען האבן א פּאַס צום פאָרן (ס'האט דעמאלט געקאסט 500 זלאטעס און דאס איז געווען א פארמעגן); מיין פאטער ע"ה, האט מיך פארזיכערט, אז ער וועט מיר נישט געבן די 500 זלאטעס, דאסזעלבע מיין מוטער ע"ה. „טא ווו וועסטו נעמען געלט צום פאָרן?" מייז ענטפער איז געווען: „זייט זיכער איך וועל פון אייך נישט פרעסן קיין געלט. מ'קאן זיך דאך ארויסשמוגלען פון פוילן אויך. איך וועל נישט זיין דער ערשטער דאס צו טון".

פון דעמאלט אן האב איך אנגעהויבן צונויפצולייגן א גראשן צו א גראשן. איך פלעג אויך פארדינען ביים האנדלען מיט וואלוטע, ווי א ווינקל־שרייבער (איך פלעג שרייבן בריוו פאר די גוים צו זייערע משפחות אין אמעריקע). אָט די אלע געלטער האב איך אנגעזאמלט און אין משך פון א ריי יארן האב איך געהאט אָפּגעשפּאָרט 90 דאָלאַר.

דאס פארמעגן האב איך געהאלטן זייער גוט פארשטעקט, אזוי אז קיינער זאל נישט האבן קיין ידיעה ווו עס געפינט זיך. מיין פאַרבאָרגן רייכטום האט אונדז אין הויז זייער פיל מאל ארויסגעהאָלפן פון א נויט אויך. איך האב אויסגעבאָרגט מיין פאָטער געלט, איך האב אבער אויך אויפגעפאסט מיינע הלוואות צוריק צו קריגן.



ר' לייב גוטווירט מיט זיין פרוי פריידע.

ס'איז געקומען די צייט פון שטעלן זיך צום מיליטער. ווי דער מנהג איז געווען האט מען פאר דער שטעלונג זיך „געפּלאָגט", ד. ה. נישט געשלאפן, נישט געגעסן.

איך בין קיינמאל נישט געווען קיין צו גרויסער העלד, אזוי אז איך האב נישט געפונען פאר נויטיק זיך צו פלאגן. די אנדערע „שטעלער" האבן זיך אבער יא געפלאגט.

די אלע חברים און באקאנטע „שטעלער" פלעגן פיל פארברענגען און אונדזער „צוקערניע" — אפילו נאך פאר דער שטעלונג. האבן זיי מיר געמאכט א פראפאזיציע: „אויב דו ווילסט מיר זאלן לאָזן שלאפן דיין טאטע־מאמע, מוזטו אויפהאלטן די צוקערניע ביז 2 ביינאכט. שפעטער קאָנסטו גיין שלאפן און וועסט זיך נישט מוזן מיט אונדז מיטפלאגן". האב איך דען געהאט א ברירה? איך האב איינגעשטימט (מיט דער הסכמה פון מיינע עלטערן) אויף צו זיין מיט זיי ביז 2 ביינאכט, בתנאי זיי זאלן זיך פארהאלטן רואיק, כדי נישט צו שטערן דעם שלאָף פון מיינע עלטערן.

איינמאל האב איך מיט א זייער שווער הארץ אוועקגערופן מיין מוטער ע"ה אין א זייט און איר געזאגט, אז איך פאָר מארגן אוועק, זי זאל מיר גרייט מאכן מיינע וועש. איר קאָנט

זיך נישט פארשטעלן איר געוויין און געבעט איך זאל זיך אָפּזאגן פון מיין פלאן.

דער טאטע ז"ל איז געווען גראד ביים דאווענען אין בית־המדרש, האט די מאמע געוואָלט וואַרטן ביז ער קומט צוריק. איך האב זיך ביי איר געבעטן רחמים, זי זאל דעם טאטן באיינפלוסן, נישט צו זיין קעגן מיין אוועקפארן.

ווען דער טאטע איז אהיימגעקומען פונעם דאַווענען און געזען ווי די מאמע פּאָרעט זיך מיט פּאקן זאכן, פרעגט ער — „וואס פּאַקט מען עפעס?" האט אים די מאמע דערציילט אז איך פאָר מאָרגן אוועק.

איך בין אריינגעקומען אין שטוב ערשט נאך א ווייל. דער טאטע האט מיך אנגעקוקט מיט א בייזן בליק און גארנישט געזאגט. די מאמע האט מיט אירע טרערן נאס געמאכט יעדעס שטיקל מלבוש. מיין שוועסטער כאַנטשע האט זי געפּרווט צו בארואיקן, עס האט אבער נישט פיל געהאָלפן.

פארן גיין שלאפן האט מיך דער טאטע געפרעגט: „זאג מיר נאר, ווו אהין אייגנטלעך פאָרסטו?" איך האב ערשט דאן מגלה געווען דעם סוד, דאס איך האב זיך אפגעשמועסט מיט מיינס א חבר, וועלכער איז אין טארנע, אז מיר וועלן צוזאמען פארן. ווו אהין? לעת־עתה מיינען מיר צופארן קיין דייטשלאנד.

דאסמאל האט שוין מיין טאטע נישט געלאכט. ער האט געזען אז ס'איז ערנסט. זאגט ער צו מיר „איך הייס דיך נישט פארן" — און מיט די ווערטער איז ער געגאנגען שלאפן.

צומארגנס האב איך זיך פרי אויפגעהויבן, געגאנגען דאווענען צו זיין גרייט צום אויטאבוס, וועלכער האט דאן שוין קורסירט צווישן ראדאמישלע און טאַרנע.

איך געדענק עס ווי איצט, כאָטש 40 יאר זענען פארביי זינט דאן: ווען איך בין געגאנגען צום אויטאבוס אין באגלייטונג פון מיין מוטער ע"ה און מיין שוועסטער כאנטשע, צו לאנגע יאר, האט זיך מיין פאטער אויסגעקעמט זיין בארד און זיך גרייט געמאכט צו גיין דאווענען. זאג איך צו אים: „טאטע איך וויל זיך מיט דיר געזעגענען". זיין ענטפער איז געווען: „איך הייס דיר נישט פארן און איך וויל זיך מיט דיר נישט געזעגענען".

מיין וויינען און מיין געבעט האבן גארנישט געהאלפן — ער האט זיך מיט מיר נישט געזעגנט. מיין פאטער איז מיט מיר ברוגז געווען גאנצע 9 חדשים, מיר נישט געשריבן קיין אות, פון דעסטוועגן שטענדיק ארויסגעקוקט אויף מיין שרייבן.

אנקומענדיק מיט מזל קיין טארנע האב איך גלייך אויפגעזוכט מיין חבר און מיר האבן באשטימט נאך דעמזעלבן נאכמיטיק אפצופארן. אונדז האט מען געזאגט צו פארן נאך נאָווי־טאַרג און דאָרט אימיצן אויפצוזוכן, וועלכער באַזאָרגט א פשעפּוסטקע פאר א געוויסער סומע געלט. מיט דער פשעפּוסטקע וועלן מיר קאָנען פאָרן ביז 50 קילאָמעטער אין דער טשעכאָסלאָוואַקיי ווי כשרע טוריסטן. נאך די 50 קילאמעטער וועט שוין נישט זיין קיין סכנה ווייטער צו פארן.

אנגעקומען אין נאָווי־טאַרג שפּעט פארנאַכט, האבן מיר גלייך אויפגעזוכט דעם פארשוין, וועלכער פארזאָרגט פשעפּוסטקעס פאר טוריסטן. עס איז געבליבן, אז אויף צומאָרגנס וועט ער עס פאר אונדז באזארגן. דער זעלבער פארשוין האט אונדז אנגעוויזן א שוסטער, וועלכער האט

אונטער א נייע פאַר זוילן אריינגעארבעט אונדזערעביידנס דאלארן, וועלכע מיר האבן געהאט מיט זיך. מיר האבן איינגעטיילט אין יעדן שוך א געוויסע סומע. דאס רעשט (א קליינעם טייל) איבערגעלאזט מיט זיך צו האבן אויף וויטערדיקע הוצאות.

אויף צו מארגנס, ארום 12 א זייגער, האט אונדזער פארשוין געבראכט אונדזערע ביידנס פשעפּוסטקעס און מיר האבן זיך געלאזט אין וועג אריין.

איך דערינער זיך: עס איז געווען א פרייטיק, האבן מיר ביידע אפגעמאַכט צווישן זיך, מיר זאלן נישט פארן אום שבת. אז מיר וועלן זען ס'ווערט שוין נאענט צו שבת, וועלן מיר אפשטייגן אין דעם פלאַץ, ווו דער צוג וועט שטיין בלייבן און דארט האלטן שבת. וכך הוה: מיר האבן געהאלטן שבת אין א דערפל אין טשעכאָסלאָוואַקיי, עס האט געהייסן קארלאוואני. מיר האבן געדונגען א צימער, מקבל שבת געווען, קידוש געמאַכט (מיר האבן מיט זיך געהאט א פלאש וויין) און ארויס שפאצירן. אונדז האט אינטערעסירט צו וויסן צי עס געפינען זיך יידן אין דעם דערפל.

ווי מיר שפּאַצירן אזוי, זעען מיר פון דער ווייטנס א הויז ווו עס לייכטן זיך די שבת־ליכט. האבן מיר זיך דערפרייט, צוגעגאנגען צום הויז, אנגעקלאַפּט אין טיר, קומט ארויס א פרוי. מיר האבן זי אין דייטש געפרעגט צי עס געפינען זיך דא אין דערפל מער יידן? „ניין" — איז געווען איר ענטפער, — „נאר איין איינציקע משפחה". זיי זענען נישט רעליגיעז, נאר זי האט איר מוטער צוגעזאגט צו צינדן ליכט, טוט זי עס.

באלד ווי עס איז געוואָרן אויס שבת האבן מיר באצאלט דעם בעל אכסניה און געגאנגען צום צוג. מיר האבן געוואלט וואס ווייטער פארן און בלויז געבעטן ג' שוין צו זיין אין בערלין.

השי"ת האָט געהאלפן — מיר זענען אנגעקומען קיין בערלין גראָד די נאַכט פאר ערב ראש השנה.

יעקב דרעליך
הרצליה

מיין שטעטל און מיין היים

איך וועל אנפאנגען פון א קאלטן ווינטער־טאג אין יאָר 1923. איך געדענק אזוי ווי איצט, ווי צוליב דער גרויסער קעלט האָט מיך דער טאַטע ז"ל, גימפל קליין, איינגעוויקלט ביז איבערן קאָפּ מיט דער באָבעס וואָלענעם שאַל און אוועקגעטראָגן אין חדר צו איטשעלע פויגלפאנג ז"ל. מיין פאָטער האָט מיטגעבראכט ראָזשינקעס און נאָך פארשידענע זיסווארג, צעטיילט עס צווישן די קינדער.

מיר פלעגן אלע זיצן ביי א לאנגן טיש — פון אינדער־פרי ביז מיטיק און פון נאָך מיטיק ביז שפעט ביינאכט — אין חדר. איטשעלע פויגל האָט שטענדיק געהאלטן א שטיקל ברויט צווישן די פינגער און עס שטענדיק געקנאָטן. אזוי פלעגט ער איבערפרעגן דעם א' ב'.

ווי דער חדר האָט אויסגעזען? ער איז באשטאנען פון איין צימער 5 אויף 4 מ'. ווו דער רבי האָט געוווינט — געשלאָפן און געקאָכט. דאָנערשטיק פלעגט מען נישט גיין אין חדר, ווייל ס'איז געווען א יריד און דער רבי האָט געמוזט דער רביצין העלפן: אויפן מארק האָבן זיי געהאט א שטעל, ווו די רביצין האט געהאַנדלט מיט שניט און די קינדער פלעגן אין דערהיים די עלטערן העלפן — אכטונג געבן, אז דער 'ערל זאָל נישט לקחנען".

פון איטשעלע פויגלפאנג בין איך געגאנגען צו וויגדער מלמד. דאָ האָט מען שוין געלערנט גמרא, משניות. שבת נאָך מיטיק איז מען געגאנגען לערנען פרק.



ר' מרדכי גימפל קליין מיט זיין פרוי, רבקה, זיין טאכטער, סימע און דער זון, יחזקאל.

יידיש שרייבן האָב איך געלערנט ביי איטשע לערער. ווען איך האָב געקענט לייענען יידיש, האָב איך אונטער דער ווירקונג פון אונדזערע שכנים, ווי משה נאָרד, משה גאָלד — וואָס זענען דאַן געווען די גרינדער פון „אגודת ישראל" — געוואָרן א שותף צום אָבאָנירן די צייטונג „טאָג־בלאט". אזוי ארום אויך געוואָרן א סימפאטיקער פון אגודת ישראל. באזונדערס האָט מיך אינטערעסירט אין דער אגודת ישראל די ארץ ישראל־צוגרייטונג.

א סך בחורים, — ווי יוסף פעפער, משה נאָרד, משה גאָלד — זענען געפאָרן אויף הכשרה קיין גאָרליץ. ווען זיי פלעגן קומען א היים אויף יום־טוב און דערציילן וועגן דער שווערער ארבעט און דעם לעבן אין די הכשרות; רעדן וועגן פועלי אגודת ישראל, בין איך זיי מקנא געווען און געקלערט: ווען איך וועל ווערן גרעסער, וועל איך אויך אזוי מאכן. ווען איך בין אָבער געוואָרן זעלבשטענדיק און אָנגעהויבן מער פארשטיין פון סאָציאליזם, האָט מיך געצויגן צו די פרייע ציוניסטישע אָרגאניזאציעס. אונטער דער ווירקונג פון מיין חבר יחזקאל אייזלאנד בין איך אריבער אין „השומר־הצעיר".

★

אביסל וועגן מיין פאָטער: ער איז געווען א פיינער בעל־תפילה. פאר די יום־טובים פלעגן קומען די גבאים פון שול, אָדער פון אנדערע בתי־תפילות, אים באשטעלן אויף א שחרית, אָדער א מוסף. און אז ס'איז אינדערהיים געווען ענג מיט געלט, איז ער מיט א שווער הארץ אויך געפאָרן אין א דענעבנדיק דאָרף דאַווענען פאר געלט. קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען, אָבער אן ערלעכער מענטש. אויפריכטיק און גאָטספאָרכטיק. האָט תמיד שווער געארבעט (אַ גלעזער) און באזונדערס שווער — אין באָד. קיין וואסער איז אין די ברינעמער נישט געווען, נאָר ווען ס'האָט גערעגנט. האָט מיין פאָטער געמאכט א גאנצע אינסטאָ־לאַציע פון רערעלעך מיט רינעס — פון די דעכער אין די ברינעמער אריין. נישט איינמאָל, אז ער האָט אינמיטן

דער נאכט געהערט עס רעגנט, איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט און געלאָפן אין באָד אריין אָנשטעלן די רינעס אין די ברינעמער אריין. זייער שווער איז געווען דאָס וואסער דערנאָך ארויפצופאָמפּען מיט דער האנט אין א רעזער־וואר אויפן בוידעם. פיל מענטשן האבן זיך געוואונדערט פאר וואָס מ׳פלעגט שאלעוועז א ביסל וואסער אין שעפל אריין. דאָס פלעגט מיין פאָטער זייער אויפרעגן. אָבער אז ער האָט געזען, אימיצער האָט נישט צו באצאָלן, פלעגט ער ארייננלאָזן פאר ביליקער, אָדער אָן געלט בכלל.

די שענסטע דערינערונג פון מיין היים איז: כמעט אלע רבנים, וואָס פלעגן קומען קיין ראדאָמישלע, זענען ביי אונדז איינגעשטאַנען. איך פלעג טאקע מוזן דאַן אוועקגיין שלאָפן ערגעץ ווו, אָבער אין שטוב איז דאַן געווען א יום־טובדיקע אטמאָספער. מענטשן זענען געגאנגען צום רבין א גאנצן טאָג מיט קוויטלעך; פרויען פלעגן קומען מיט קינדער. איך — נישט ווילנדיק — פלעג הערן אלע פראָבלעמען, וואָס די מענטשן פלעגן דעם שמש דיקטירן ער זאָל ארייננשרייבן אין דעם קוו׳טל. ס׳זענען אויך געווען מענטשן, וואָס פלעגן קומען פרעגן עצות וועגן געשעפט, אָדער א שידוך, אָדער א קראנקייט. ווי קלוג פלעגט ער יעדן איינעם ענטפערן! די מענטשן זענען אוועק צופרידענע. פארשטענדלעך, פלעגט יעדער איינער איבער לאָזן א פּאָר זלאָטעס — לויט זיינע מעגלעכקייטן. ס׳זענען אָבער אויך געווען גאנץ פיינע בעלי־בתים, וואָס ס׳איז זיי געווען א שאַד צו געבן דעם רבין א פּאָר זלאָטעס און זיי האָבן נישט געזוכט דעם רבינס ברכות. פלעגן די חסידים צוזאמען־שטעלן א ליסטע און מ׳פלעגט זיי גיין רופן.

די חסידים זענען אזוי געזעסן ביז שפּעט ביינאכט, האָבן געהערט, וואָס דער רבי פלעגט דערציילן און מ׳האָט אויך גערעדט פּאָליטיק.

✶

איך ענדיק מיטן ווונטש, אז דער ספר זאָל אונדז גע־לינגען און ער זאָל אונדז דינען א זכר לדורות.

אסתר הארענדארף
ירושלים

וואָס געדענק איך פון מיין היים?

אונדזער ראַדאָמישלע איז געווען אַן אינטעליגענט שטעטל. עס איז געווען ביי אונדז א העברעישע שול, מיט אנדערע קולטור אינסטיטוציעס. די פאמיליעס פּעלץ און זיגפריד האָבן געשיקט זייערע קינדער שטודירן אין די גרעסערע שטעט.

די ערשטע בעלי־בתים אין שטעטל זענען געווען: פּעלץ, שמואל ווייס, די גוטווירטס, לייבאָוויטש, זיגפרידס א. א. מיט וועמענס קינדער איך בין געגאנגען אין דער שול.

צווישן די ראטמענער פון אונדזער שטעטל זענען געווען שלום גאָלד, איטשע וועג (מייַן פּאָטער ז״ל) און פּעלץ.

דאָס סוחרטום האָט געצויגן די חיונה פון די ירידים, וואָס זענען פאָרגעקומען יעדן דאָנערשטיק. די פּויערים האָבן געבראַכט זייערע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטן צו פּארקויפן. די יידישע סוחרים האָבן געקויפט ביי זיי תבו־אות, עופות, אייער א. א.

דער פּויער האָט ווידער פאר דעם געלט, וואָס ער האָט באקומען פאר זיינע פארקויפטע פּראָדוקטן, איינגע־האנדלט אין די יידישע געשעפטן אנטועכץ, קליידונג, מאנו־פאקטור און אנדערע פּראָדוקטן.

דער שבת און יום טוב איז ביי אונדז געווען זייער שמחותדיק. די קינדער פלעגן זיך אָנטון ריינע קליידער און זיך לאָזן שפּאצירן אין דער טארנער גאַס. שבת נאָך מיטיק פלעגט מען אונדז געבען שבת־אויבסט, וואָס איז באשטאנען: זומער — פון עפּל; ווינטער — פון זויער־קרויט און פאַרפרוירענע עפּל. ווינטער, פרייטיק צונאכטס, פלעגט מען עסן קיילעכדיקע ארבעס.

שמחות תורה איז מען געגאנגען צו הקפות און ראש־השנה — צו תשליך. תשעה באב פלעגט מען נישט צורוימען די שטוב און עס איז געווען אויסגעגאָסן א טרויער אויפן גאנצן שטעטל.

מיין פּאָטער איז געווען א ווינקל־שרייבער, ער האָט געדאַווענט אין דעם בית המדרש, אָבער געהאט אויך א זיץ־פּלאַץ, א „שטאָט״... אין דער קירך. אונדזער הויז איז געווען נאָענט צו איר און דער פריערדיקער אינהאבער האָט פאר־קויפט דאָס הויז צוזאמען מיט דער שטאָט אין קירך.

מיין מוטער האָט געפלעגט אונטערשטיצן אָרעמע נויט־באדערפטיקע. זי פלעגט קאָכן פארשידענע יאָכלעך פאר קראנקע, נויטבאדערפטיקע און איך פלעג זיי אוועקטראָגן. נישט איינמאָל האָב איך באקומען ברכות פון די קראנקע פאר מיין טרחה: „אז די געבראָטענע טויבן (וואָס איך האָב זיי געבראכט), זאָלן גיין פארן בית דין של מעלה און דיר, אסתר, זאָל דאָס מזל לייכטן ווי די זון אין תמוז״. ביי אונדז אין שטוב איז געהאָנגען א מאיר בעל הנס פושקע וואָס פלעגט שנעל ווערן איבערגעפולט.

איך אליין האָב געלערנט ביים זיידן חומש יעדן טאָג און שבת געלערנט די צאינה וראינה. ל״ג בעומר האָב איך באקומען א בייגל מיט א האַרט איי און בין מיר געגאנגען אין פעלד אריין עסן עס אונטער א הויכן בוים.

פייערלעך פלעגן ביי אונדז אין שטעטל פאָרקומען תנאים און חתונות. מען האָט געטאנצט א קאדריל און דער טאנצ־מייסטער האָט געגעבן פראנצויזישע אָנווייזונגען.

יוחנן הלוי (בן בנימין גרוס-שרויב)
באר־שבע

אהבתיך רדומישל

רדומישל רדומישל! **כמו חלום הנך עוד על לוח זכרון הילדות שלי.**

מה אהבתיך רדומישל הגדולה־הקטנה, **רדומישל שאיננה עוד.**

הרבה דברים עברו עלי במשך ה־25 השנים שעברו מאז עזבתיך. ראיתי דברים יפים ונפלאים בעולם הגדול, וראיתי **את זוועות המלחמה, ראיתי גבורת האדם וראיתי את החיה** שבאדם בצורתה הנמוכה, השפלה ביותר.

הרבה דברים אזכור והרבה שכחתי, אותך הקטנה והמופלאה לא אשכח לעולם.

לא פריס הגדולה ולא יתר הערים היפות שבצרפת, לא בלגיה ולא ספרד, ולא שווייץ עם הריה המפורסמים, שום עיר, שום ארץ לא חרתה בלבי את חותמה הבלתי נשכח של חיי עם יהודי, עם עני וצנוע, פשוט, ללא יומרה, ללא רשע, עם שכולו טוב, עם שכולו קדוש.



ר׳ איטשע שרויב ואשתו אסתר

אזכור את הנהר (ה„טייך") הקטן והבוצי של רושינובסקי. אזכור את ימי „תשליך" ביום א׳ דראש־השנה, שכל אנשי רדומישל באו ל„השליך" בו את עוונותיהם. אזכור אותו קפוא בחורף מכוסה שלג עבה, שכל נערי רדומישל באו להתגלש, וצעקותיהם וצחוקם השמחים והעליזים החדירו דרך החלונות הכפולים לתוך ביתם הצנוע, הקטן והנקי של הסבתא והסבא שלי — איצ׳ה שרויב, איצ׳ה לערער...

רדומישל! הזוכרת אַת את סבא (ה„זיידע") שלי — את איצ׳ה לערער? איזו דמות! איזו אישיות: כולו אומר כבוד, גבוה, חזק ועם כל זה שקדן וצנוע. כרוב יהודיך התפרנס בדוחק, גידל ולימד דורות של בנים לדעת ולתורה; ילדיו הרבים פזורים בעולם הגדול.

סבא יקירי! לעולם לא אשכח את הסיפורים הנהדרים שבקול נמוך ושקט סיפרת לנו בערבים הקרים, על השבי שלך ברוסיה, או על כל מיני נושאים מרתקים.

איך לפעמים התיישבת ליד התנור ובכתב־יד נפלא כתבת בשפות שונות שאיש אינו יודע היכן למדת אותן.

כמה „תלמידים" עברו תחת ידיך ושאבו ידע וחינוך ממך? האם יודעים הם שיומיום בחורף הקר, בסופות ובשלג, בחושך, נעלת את המגפיים ועם פנס סגור שנר דולק בתוכו, הלכת להדליק מוקדם את התנור המעשן על מנת שייחם לתינוקות־דבית־רבן, שעה שיבואו ללמוד תורה! („די קינדער זאלן האבן ווארעם ווען זיי וועלן קומען לערנען;").

ואתה, סבי השני, ישראל וינד, עם מקטרתו הארוכה עד הברכיים, התזכרי אותו רדומישל?!

הזוכרת אַת איך שבפסיעות הקטנות והמהירות טיפל הוא, כמו בילדים, בעצי השזיפים שלו. אוי ואוי למי שהיה מעז לגעת בהם! (אפילו אני יכולתי לטעום מהם רק בגניבה) וכל שבת אחרי התפילה באתי אליו שיבחן אותי וקבלתי ממנו עוגת־ביצים, שטעמה עלה על כל העוגות שבעילם.

ואיצ׳לה פויגלפנג, המורה לדרדקי, עם זקנו הלבן־צהוב, שהיה מוראו ופחדו של כל נער במשך שנים על גבי שנים?

והזוכרת אַת את רחוב הקצבים — „די פליישעקע גאס"? את ה„מעליצער גאס", „פשעצליוועור גאס", ה„מארק"...? אולי קיימים הם, אבל מה טיבם, הגידו־נא? מה טיבם של אותם הרחובות שאין בהם כבר ה„קלויז", „בית המדרש", ה„שול" (בית הכנסת); מה טיבם של אותם הבתים שאין בהם כבר כל היהודים המופלאים של רדומישל. מה חייך עוד רדומישל?

הראית, רדומישל, איך טבחו את יהודיך? למה! אלהים! למה!?...

גרמניה הגדולה, גרמניה החזקה, גרמניה „הנותנת" פיצויים, ארורה תהיי לנצח, אלף פעמים ארורה!!!

רואה אני בעיני רוחי איך כנער קטן „לובוס", אני מתרוצץ חופשי כציפור, פעם ליד סוסיו של מכלוביץ, פעם ב„מארק" בימי חמישי במחסן למכירת ביצים של הדודים, יחיאל וחיים וינד.

זוכר אני את ה„שגצים" והגויים השיכורים, זוכר אני את המשוגעים למיניהם שבאו למצוא מחסה בבתי תפילה.

את ה„פולן" ה„לויזער", מלא־הכינים שהיה מגרד עצמו כל הזמן, היה לו זקן אדמדם ושערות ארוכות, יושב היה בבית־מדרש ושותק. ואת המשוגע האינטליגנטי, הענק שהיה משרת אצל הכימר, ועוד ועוד.

כיום, שאין „שול", אין בית־כנסת, אין בית־מדרש, אין „קלויז" — לאן הולכים הם (מאחר שתמיד יש כאלה), לאן הולכים הם לחמם את עצמותיהם הדלות? והיערות ברדומישל — האם קיימים אתם עוד? הראיתם מה שעוללו לנו? האם ממשיכים אתם לתת צילכם לאדמה זו? אילו ילדים באים לאסוף ה„גודגדיות" („יגודעס")? האין שומעים אתם בלילות את זעקותיהן של הנשמות הטהורות שבחייהן כה שקטים וצנועים היו?

איך יכולה את עוד להתקיים רדומישל בלי שבת, שהיהודים הולכים כל אחד ב„בעקעשע" (מעיל ארוך) וה„שטריימל", לבתי התפילה השונים, שריח החמין (ה„טשאלנט") נודף מהמאפיות שהעיר כולה חג, כולה קודש. איך נראית את, רדומישל, בלי כל זה?

איך אפשר עוד ליהנות מחג או מתפילה אחרי שאין שומעים כבר את מיכאל פיש שבהדרת־קודש מתחיל את „למנצח"... לפני תקיעת השופר? אני כולי רעדתי, הקירות רעדו, השמים נפתחו וקול השופר בקע מעולם אחר... אזכור את תפילת „כל נדרי" ושאר תפילות יום הכפורים של דוד אבנהולץ השוחט, כולו הוד ומלכות.

מעולם לא יכולתי ליהנות מתפילות אחרות; שמעתי חזנים גדולים וקולות יפים, אבל תפילה שבה האדם והתפילה והנשמה והאלהים יהיו אחד, רק ברדומישל שמעתי זאת.

הו! אלהים אדירים! למה נטבחה והושמדה רדומישל היהודית?

מה יפה היתה שמחת הכנסת תורה חדשה להיכל.

מה שמחה היתה קבלת רבי שבא לבקר ומוליכים אותו בריקודים ובשירים, כמו מלך. מה יפות היו החתונות היהודיות!

פריס, גם את קיבלת אותי יפה, הראית לי את תמונותיך ב„לובר", את ההדר ב„נוטר־דם", את עושרך ב„וורסי", קיבלת את פני, פני־זר יפה. אבל, סלחי לי, אם איני יכול לאהבך, נשמתי ואהבתי נקברו ברדומישל הישנה, יחד עם הסבים והסבות שלי, יחד עם הדודים והדודות, יחד עם כל יהודים אלה, הקטנים, הפשוטים, הצנועים — שאין תמורתם!...

גרמניה הגדולה והאדירה, גרמניה המשליטה סדר באירופה, ארורה תהיי לנצח! אלף פעמים ארורה!!!

מנחם פורת (מענדל פיסטראנג)

קבוץ מזרע

לעגענדעס און מעשיות פון ראדאָמישלע

Dאס קליינע שטעטל ראדאמישלע האט זיך געקאנט באַרימען מיט אזא שיינער שול, מיט אזעלכע מאלערייען, וואס איז געווען זעלטן צו זען. ווער געדענקט נישט דעם „לויתן״ אויף דעם באַלקן פון דער שול און די אלטע מאלערייען ארום, אויף די ווענט, די חיות און פייגל? דעם ארון־קודש, מיט די צוויי לייבן פוןביידע זייטן?

אין דער שול, אזוי פלעגט מען זאגן, זענען אין די נעכט פאראן מתים. דערפאַר האט מען ביינאכט מורא געהאַט פארבייצוגיין דאָרט, אז די מתים זאָלן נישט אויפרופן צו דער תורה.

מען האט דערציילט, אז עס איז פאָרגעקומען אזא זאך: איין מאל ביינאַכט איז א ייד דורכגעגאנגען פאר דער שול. פלוצלינג הערט ער, ווי מען רופט אים אויף, ער זאָל עולה זיין צו דער תורה. דער ייד האָט זיך דערשראָקן און איז געלאָפן צום רב, אים דערציילט, וואס האט אים פאַסירט. דער רב האָט אים געזאָגט, אז ער האָט נישט קיין אנדער ברירה, ער מוז עולה לתורה זיין, ווען נישט — וועט ער נישט אויסלעבן דאס יאר. דער רב האָט אים מיטגעגעבן זיין שטעקן, דעם טלית און תפילין, אויך דעם קיטל. דאס אַלץ האט ער אָנגעטון און אזוי איז ער אריין אין שול.

אין דער שול, אויף דעם שולחן, איז געווען אויפגעשפרייט א ספר־תורה, דאס הייסט, אז די מתים האבן אויף אים געוואַרט. דער ייד איז ארויפגעגאנגען אויפן בעלעמער, צוגעגאנגען צום שולחן און געמאַכט די ברכה. איינער פון די מתים האט פארגעלייענט פון ספר־תורה. ווי ער האט געענדיקט דאס לייענען, האָט דער ייד ווידער געמאכט די ברכה. אזוי לאנגזאם האט ער פארלאזט די שול, נישט אומגעקוקט זיך, אזוי ווי דער רב האט געהייסן.

אויך דערציילט מען, אז איין רב האט געבענטשט די שול, אז זי זאל קיינמאל נישט פארברענט ווערן. און דאס איז מקויים געוואָרן. עס זענען פארגעקומען א סך שריפות; עס איז געווען א קליינע שריפה און דער נאך, אין יאר 1900 איז געווען א גרויסע שריפה, וואָס די גאַנצע שטאָט איז כמעט פארברענט געוואָרן, אבער די שול איז געבליבן.

ראדאמישלע האט פארמאָגט אן אַלטן בית־הקברות, וואס מען האָט שוין נישט ארויסגעזען די מצבות — זיי זענען שוין געווען כמעט אונטער דער ערד. דאס בית־הקברות איז געווען כמעט אין שטאָט. פון איין זייט — דאס הקדש, אביסל ווייטער די באָד. די מזרח־וואַנט פון דער שול איז ממש ארויס אויפן בית־הקברות. דערפאר, מן־הסתם האט מען געגלויבט, אז ביינאַכט קומען דאָרט מתים.

ווען איך בין געווען א קליין יינגל, האב איך געלערנט ביי יענקל בראַנד. זיין חדר איז אויך נישט ווייט געווען פון דעם אַלטן בית־הקברות. זענען מיר, קינדער, דאָרט געגאנגען צוזאמענקלייבןביינער און זיי פארקויפן צו אברהם־דודל.. אויך אלטע אייזנס האבן מיר צוזאמענגענומען און דאָס פארקויפט. ער האָט אויך געהאַנדלט מיט קאָקס־קויל, און פון דעם אלעם זיך מפרנס געווען בדוחק.

אגב, אויף דעם אברהם־דודל האט מען דערציילט, אז ער איז געווען איינער פון די גרעסטע סוחרים אין שטעטל, אויך פון די שענסטע בעלי־בתים. ער האָט געהאַט 4 נעמען. בדרך כלל האט מען אים גערופן אברהם־דודל, אבער ווען מען האָט אים אויפגערופן ער זאָל עולה זיין צו דער תורה, האָט מען אים גערופן מיט אלע 4 נעמען: אברהם דוד יהושע העשל.

די אלטע באָד אין ראַדאָמישלע איז געשטאַנען אויף ניסים. די זקני הדור האָבן דערציילט אַ סך מעשיות פון דער אלטער באָד. אבער דאס, וואס איך שרייב איצט, געדענק איך אליין, ווען איך בין געווען א קליין יינגל. דער בעל־הבית פון באָד איז געווען לייזער פלאַנצגראַבן. אחוץ דער באָד האט ער געהאַט פארשידענע געשעפטן. האט ער נישט געהאַט קיין סך צייט צו ארבעטן אין באד. האט ער זיך גענומען צוהילף א גוי, וועלכער האט געהייסן יוזעקל. דער יוזעקל האט אים געמאַכט די גאַנצע ארבעט.

איין מאל, גאַנץ פרי, הערט מען א געשריי: חורבן בית־המקדש! יוזעקל איז דערטרונקען געוואָרן אין דער מקוה. איצט וואס וועט א גאנצע שטאָט יידן טון? יוזעקל האט טמא געמאַכט די מקוה.

נסים פון פלאנטשער רבין

ראַדאָמישלע האט געהאַט אָן א שיעור חן. מ׳האט געקאַנט דורכגיין דאס גאַנצע שטעטל אין דער לענג און אין דער ברייט במשך פון אַ האלבער שעה; ס׳האָט נישט קיין באַן, נישט קיין עלעקטרישע באלייכטונג, קיין גוט וואסער צום טרינקען; אבער ס׳האט געהאט א יריד איינמאל אין דער וואָך (דאָנערשטיק), וואס דער יריד איז ווי בלויז באשאפן געוואָרן פאר די יידן, פאר זייער האַנדל און פרנסה. און דער עיקר — ווונדערבאַרע מעשיות ,לעגענדעס, וואס זענען איבערגעגעבן געוואָרן מדור לדור.

גרויס ראַדאָמישלע האט מען אַמאָל גערופן „קליין־ירושלים״ ווייל אין דעם שטעטל האבן געלעבט גרויסע תלמידי־חכמים, ווי הרב שמואל ענגל, אדער ווי דער פלאַנטשער רבי; אויך גרויסע גבירים תלמידי־חכמים, ווי אברהם מרדכי גוטווירט.

שמואל ענגל איז געווען באוווסט אין גאַנץ גאליציע, אויך אין אונגאַרן, ווייל די לעצטע יאָרן האָט ער געלעבט אין קאָשיצע (קאַשוי).

דער פלאנטשער רבי איז געווען באַרימט אין גאליציע, אויך אין רוסיש־פוילן. ער האט באוויזן א סך מופתים ער האָט געהאַט איייניקע צענער טויזנטער חסידים, וואס אויף יעדן יום־טוב זענען זיי צו אים געקומען. אויך א גאנץ יאר האבן ביי אים די טישן נישט גערוט. ווער עס איז געווען אין א צרה, איז קודם געקומען צום פלאנטשער רבין. און ווידער ביי א שמחה, אז איינער האָט חתונה געמאַכט א זון, אַדער אַ טאַכטער; אַדער איינער האט זיך געמאַכט א געשעפט — איז מען אויך געקומען צום פלאנטשער רבין ער זאל אנווינטשן ס׳זאָל זיין מיט מזל.

איך געדענק דעם פלאנטשער רבין אזוי ווי אין חלום. כ׳געדענק אבער אביסל, וואָס מ׳האָט דערציילט וועגן זיינע מופתים.

דער פלאנטשער רבי האָט געהאט 3 זין. איינער איז געווען דער פשעצליווער רבי דער צווייטער — דער גראָדזשיסקער רבי. דער עלטסטער, שלמהלע, איז יונג געשטאָרבן. האָט מען דערציילט אזא מעשה:

שלמהלע, ווען ער איז געווען 18 יאָר, האט חתונה געהאט. אבער אין טאָג פון דער חתונה, ווען דער פלאנטשער רבי איז געזעסן ביחדות און גערייכערט דעם ליולקע־ציבעק, איז געקומען דער רויטער זעליק צו זיין זון בן־ציון און האָט אים געזאָגט: „איצט איז די צייט, אז דו מיט דיין ווייב זאָלן זיך אריינרייסן ממש מיט כוח צום רבין, אפילו מען וועט אייך נישט לאזן". ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם: בן־ציון האָט געלעבט מיט זיין ווייב אפאר יאר און האט נישט געהאַט קיין קינדער. האָט בן־ציון געפאָלגט זיין פאטער, גענומען זיין ווייב און געלאָפן צום רבין. ס'איז זיי געלונגען אריינצוקומען צו אים מיט אַ גרויס געוויין: „וואס הייסט, רבי, אזוי פיל יאר נאך דער חתונה און מיר האָבן נישט קיין קינדער? מיר גייען נישט ארויס ביז איר וועט אונדז נישט אנווינטשן מיר זאָלן האבן קינדער". דער רבי האָט געבענטשט און ס'האָט געהאָלפן. בן־ציון ניימאַן האָט געהאָט 2 טעכטער.

דאס זעלבע איז געווען מיט א געפערלעך קראַנקן מענטש — ער איז אויך געזונט געוואָרן. אָבער נאָך א קורצער צייט איז דער שלמהלע, דער עלטסטער זון פונעם פלאנטשער רבין, געשטאָרבן. דער פאטער זיינער האט אים מספיד געווען און געזאָגט: מיין זון שלמהלע, דו גייסט פון דער וועלט נישט פאר דיינע זינד, נאר פאר מיינע זינד. איך האָב זיך איינגעשפּאַרט קעגן ווילן פון רבונו־של־עולם. אין הימל איז געווען אנגעשריבן, אז דער און דער זאָל נישט האָבן קיין קינדער און דער און דער זאָל גיין פון דער וועלט. איך האָב זיך איינגעשפּאַרט, ס'זאל זיין פארקערט. דער רבונו־של־עולם האט מיר צוליב געטון. אבער איצט האב איך דערפאר באַצאָלט מיט דיין לעבן".

נאָך א מופת פון פלאנטשער רבין: מען האָט געזאָגט, אז דער פלאנטשער איז 40 יאר נישט געשלאָפן אין זיין בעט. ער איז תמיד געזעסן אויף א שטול ביים טיש און געלערנט. פון צייט צו צייט האָט ער אזוי געכאַפּט א דרימל. איין מאל, שפּעט אין דער נאַכט, ווען ער איז געזעסן און געלערנט, איז דורכגעגאנגען א שייגעץ, גענומען א שטיין און אריינגעוואָרפן דורך דעם פענצטער. ער האָט געטראָפן דעם רבין אין די פּלייצעס. דער שייגעץ איז אהיים געגאנגען, איז קראַנק געוואָרן און אָפּגעלעגן א סך יאָרן. ווען ער איז אויפגעשטאַנען און ארויס אין גאַס, איז ער געווען קליין (אפשר א מעטער די הויך) און געהאַט א הויקער פון ביידע זייטן. מענטשן, וואָס האבן אים געדענקט איידער ער איז קראַנק געוואָרן, האָבן געזאָגט אז ער איז פריער געווען א הויכער, געזונטער שייגעץ, ווי זיינע ברידער. מען האָט געזאָגט, אז דער פלאנטשער רבי האָט אים פאַרשאָלטן.

דער רבי האָט געוווינט אין אַ גאָס נישט ווייט פון די פּאָליאַקן. דאס הויז האט דערנאָך געקויפט מרדכי מעכלאָוויטש. אין דעם הויז איז אויך געווען א בית־מדרש, וואס דאָרט האָט דער רבי מיט זיינע חסידים געדאַוונט. אָבער די ימים־נוראים איז ער געגאנגען דאוונען מיט זיינע חסידים און שול. אויפן וועג פון זיין הויז ביז אין שול, ווען א גוי האָט געזען דעם פלאנטשער רבין, איז ער אוועק אין א זייט. ער האָט מורא געהאַט, אז ער זאָל נישט געשעדיקט ווערן.

א מופת האָט דער פלאנטשער רבי באוויזן אויך ביי מיינס אן עלטערער שוועסטער: זי האָט געכאַפּט אַ צוג־לופט אזוי, אז דאס גאנצע פנים איז איר אויסגעקרימט געוואָרן. מיין פאטער איז געווען א פלאנטשער חסיד. איז במקום צו גיין צו א דאקטאר, איז ער געגאנגען צום פלאנטשער רבין. דער רבי האָט אים געזאָגט: חיים־שאול ברענג פרייטיק צונאַכט 2 עמער ביר און דיין טאָכטער וועט האבן א רפואה שלימה". פרייטיק נאָך מיטיק האָט מיין פאָטער אהין געפירט 2 עמער ביר, און ביינאכט זענען זיך צוזאמענגעקומען די חסידים. דער פאָטער אליין איז געשטאַנען און געגעבן די חסידים צו טרינקען. ווען ס'האָט זיך געענדיקט איין עמער און מ'האָט אָנגעהויבן דעם צווייטן, איז דער פאָטער אריינגעלאָפן צום רבין: „רבי, די חסידים האבן שוין אויסגעטרונקען איין עמער ביר, אט ענדיקט זיך דער צווייטער, וואָס וועט זיין?" דער רבי ענטפערט אים „חיים שאול, זאָרג נישט. ברענג מיר אריין א האלבע ביר". דער פאטער האט באלד געבראַכט פאר דעם רבין א האלבע ביר. דער רבי נעמט די האַלבע ביר, וואַרעמט דאס גלאָז מיט ביידע הענט און זאגט דערביי פארשידענע תפילות. אַ לענגערע צייט דערנאָך האָט דער רבי געמאַכט „אַ שהכל" אָפּגעטרונקען א העלפט און די אַנדערע העלפט גיט ער מיין פאָטער און זאָגט אים: „לויף שנעל אהיים און גיב צו טרינקען דיין טאָכטער, וועסטו זען, אז זי וועט האָבן באַלד א רפואה שלימה". און אזוי ווי מיין שוועסטער האָט אָנגעהויבן צו טרינקען, האָט זיך איר פּנים אָנגעהויבן אויסצוגלייכן.

דער פלאנטשער רבי טרייבט ארויס א דיבוק

איצט איז פארגעקומען אזא מעשה:

אין א געוויסן טאָג, נאָך מיטיק, האָט מען געזען אין מאַרק 2 ווייבלעך מיט ציידענע טיכלעך אויף די קעפּ. מען האָט זיך געפרעגט: ווער זענען די ווייבלעך? אבער קיינער האָט נישט געוווּסט.

נאָך אייניקע שעה איז געוואָרן לעבעדיק אין שטעטל. יעדער האט שוין געוווּסט, אז זיי זענען געקומען צום פלאנטשער רבין ער זאָל ארויסטרייבן א דיבוק.

צומאָרגנס אין דער פרי איז דאס גאנצע שטעטל געגאנגען אין שול זען ווי דער פלאנטשער רבי וועט ארויסטרייבן דעם דיבוק. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן זענען אין דעם ווייבל אריין 2 דיבוקים: א מאן און א פרוי. דער מאַן האָט געהייסן משה פאנצער און די פרוי — איטע־רחל.

קודם כל האט דער רבי זיך גענומען צו דעם משה פּאנצער. דער רבי האט אים געפרעגט פארוואָס ער איז אריין אין דער נקבה. דאס ווייבל האָט געעפנט דאס מויל און אָנגעהויבן צו באוועגן מיט די ליפּן. און ס'זענען ארויס קולות פון משה פאנצער. מענטשן פון שטאט, וואס האבן אים געקענט נאך ווען ער האָט געלעבט, האבן דערקענט זיין קול. ער האָט געזאָגט, אז ער איז פון בזשעסטיג, אז ער איז געווען א קצב און האָט פארקויפט טריפה פלייש, געטון נאָך אנדערע עבירות און ווי ער איז געקומען אויף יענער וועלט, האט מען אים אפילו אין גיהינום נישט אריינגעלאָזט. די פּאָר יאר וואלגערט ער זיך ארום אין אלע וויסטעניש, ביז ער איז אריין אין דער נקבה און ער וועט פריער נישט ארויס פון איר ביז דער רבי וועט אים נישט געבן קיין תיקון. דער רבי האָט געבעטן מיט גוטן, אז ער זאָל ארויס פון דער נקבה; דערנאָך מיט בייזן. אבער עס האָט נישט געהאָלפן. האָט אים דער רבי צוגעזאָגט, אַז ער וועט זען א מנין יידן זאָל לערנען פאר אים א גאנץ יאר משניות. אויך ער אליין וועט זאָגן פאר אים א פּאָר קאַפּיטלעך תהילים פארן דאַוונען א גאנץ יאר. אָבער ער זאָל קודם ארויס פון דער נקבה.

משה פאַנצער האָט גאַנץ פּשוט געענטפערט: „איך וויל נישט ארויסגיין". אויך דאָס זעלבע איז געווען מיט דער איטע־רחל. „דו גייסט? — האָט א געשריי געטון יוסלע גבאי — שייגעץ, אז דער רבי זאָגט דו זאָלסט ארויסגיין, מוזטו גיין!"

האט א ייד צווישן קהל אויסגערופן אז איצט וועט דער דיבוק ארויסגיין, מען דאַרף בלויז עפענען די פענצטער פון שול. האָט זיך געמאַכט א בהלה צווישן די מענטשן, ווייל די פענצטער פון שול זענען געווען זייער הויך. ווי אזוי מען האט געעפנט די פענצטער, ווייס איך נישט, אבער מען האט זיי געעפנט. אלע מענטשן זענען געפאלן אויף דער ערד, כדי ביים ארויסגיין זאל דער דיבוק נישט אריין אין וועמען עס איז אנדערש. דאַן האט ווידער יוסלע גבאי א געשריי געטון: „משה פאנצער און איטע־רחל, דער רבי איז אויף אייך גוזר, אז איר זאָלט ארויס פון דער נקבה!" אבער זיי זענען אלץ נישט ארויס. די 2 ווייבלעך זענען אהיים געפאָרן מיט גאַרנישט.

אברהם משה גוטווירט

אין אנפאַנג האב איך געשריבן, אז עס איז געווען אין שטעטל גרויסע נגידים אויך תלמידי־חכמים. עס איז געווען אייניקע אזעלכע, אבער איך געדענק נאר וועגן איינעם, דאס אויך בלויז פון דערציילן. דער איינער איז געווען אברהם־מרדכי גוטווירט, א זיידע פון לייבעלע און מאָטעלע גוטווירט.

דאס איז געווען א ייד א גביר וועלכער האט געהאט פיל פעלדער און וועלדער, געווען דערביי א ייד א תלמיד־חכם און איינער פון די בעסטע בעלי־תפילות אין שטאָט.

אין די לעצטע יאָרן איז ער געווען געלעמט, נישט געקאָנט גיין, אויך נישט רירן מיט די הענט אבער ער האט נישט געוואָלט מוותר זיין צו זיין א שליח־ציבור ראש־השנה און יום־כיפור אזוי, אז מען האט אים געטראָגן אין בית־המדרש אריין און דאָרט איז ער געזעסן אויף א שטול פאַרן עמוד און עס איז געשטאַנען ביי אים א מענטש, וואס האט געמישט די בלעטלעך פון מחזור. אגב — דער מענטש, וואס איז ביי אים געשטאַנען דאס איז געווען שלום גאָלד.

מען דערציילט, אז אברהם־מרדכי גוטווירט פלעגט זיצן אין בית־המדרש און לערנען מיט נאָך תלמידי־חכמים. איין מאָל, נאָך מיטיק, זיצט ער מיט א ייד, אויך א תלמיד־חכם אבער א גרויסער אָרעמאַן, פרעגט ער אים: „וואס האסטו היינט געגעסן צום מיטיק?" ענטפערט דער ייד — „ארבעס מיט פערפל". אברהם־מרדכי קומט אהיים און זאָגט צו זיין ווייב: „מאָרגן צום מיטיק וויל איך ארבעס מיט פערפל". דאס ווייב האט אים צומאָרגנס געגעבן ארבעס מיט פערפל. דאס עסן האט אים זייער געשמעקט. זאָגט ער צו זיין ווייב: „נעכטן אין בית־המדרש האט מיר (דער און דער) געזאָגט, אז צום מיטיק האט ער געגעסן ארבעס מיט פערפל מיט אזא זויער פנים, אז איך האב געמיינט כ'וועל עס נישט קאָנען עסן. דערוויל האט עס מיר זייער גוט געשמעקט". ענטפערט אים זיין ווייב: „די ארבעס מיט פערפל, וואס יענער האט געגעסן, זענען נישט די זעלבע, וואס דו האסט געגעסן". און זי דערקלערט אים: „איך האב גענומען דאס שענסטע מעל, געקנאָטן מיט אייער און אריינגעגעבן א שיין ביסל הינערן־שמאַלץ. אויך די פיינע, גרויסע צוקער־באָבעס. אבער דעם יידס ווייב האט זיכער גענומען שווארצע מעל, געקנאָטן מיט וואַסער און די שווארצע ארבעס. דערפאַר האט ער געמאַכט א זויער פנים".

דאס גולדענע יויזיל

אין דער ראַדאַמישלער טמאה איז געווען א גאָלדן יויזל. האבן זיך צוזאַמען גענומען אייניקע שותפים, וואס האבן ארויסגעגנבעט ס'יויזל — צוויי יידן מיט א גוי. דער גוי מיט איין יידן האבן דאס גאָלדענע יויזל באַגראַבן אין פעלד ביי א צווייטן יידן און דאָרט האָט מען דאס יויזל געפונען. די פויערים האבן אליין געמאַכט א משפט: מען האָט גענומען דעם יידן, אויסגעטון אים נאַקעט און אויף ביידע אַקסלען האט מען אים צוגעבונדן 2 אייזערנע שווערע שינעס. אזוי האט מען אים געפירט אין אלע גאַסן. נאָך אים זענען געגאַנגען א פאַר פויערים, דערנאָך די גלחים, צום סוף — דאס גאַנצע שטעטל גויים, אזוי ווי מען גייט מיט א פראָצעסיע.

אלטעשי

עס איז געווען אין שטאָט א פרוי, וואס האט געהייסן אַלטעשי. ווער זי איז געווען, פון וואַנען זי איז געקומען קיין ראַדאַמישלע — דאס האט קיינער נישט געוווּסט. מען האט געזאָגט, אז זי איז געווען א מכשפה. זי איז געווען זייער רייך און האט געלעבט גאַנץ אליין. זי האט אבער געהאט שומרים, וואס האבן זי געהיט. זי האט פאַרמאָגט עטלעכע הייזער און נאָך איר טויט האט מען ביי איר געפונען א סך גאָלד און טעץ מיט פערל. אייניקע יידן אין שטעטל זענען נאָך איר טויט רייך געוואָרן. די קהילה האט אויך גענומען זייער פיל געלט פאַר דער קבורה און פאַר דעם געלט האט מען געבויט א באָד.

זי האט געוווינט אין דעם הויז, וואָס לעצטנס איז עס געווען שלום גאָלדס הויז. ווען אלטעשי איז קראַנק געוואָרן האבן די שומרים אירע קיינעם נישט געלאָזט צו איר אריינגיין. תמיד האט מען געזאָגט, אז אלטעשי שלאָפט. אזוי איז דאס גאַנצע פאַרמעגן איבערגעגאַנגען אין זייערע הענט. אלע יאָרן נאָך איר טויט איז דער נאָמען „אלטעשי" געווען א שם־דבר. קינדער האבן ביינאַכט מורא געהאט ארויסצוגיין — אלטעשי זאָל זיי נישט כאַפּן. „זי איז געווען א מכשפה. ביינאַכט זענען צו איר געקומען שדים און רוחות און זיי האבן עס איר געברענגט דאס גאַנצע עשירות" — פלעגט מען זאָגן אין שטעטל.

די משפחה פיסטראַנג

אין ראַדאַמישלע האָט געלעבט (בערך מיט 90, אדער 100 יאָר צוריק) א משפחה פיסטראַנג. 3 ברידער: יחזקאל, אהרן און יאַנקל. יחזקאל מיט יענקלען האבן געהאט שענקען. אהרן האט געהאט די פאַרטרעטונג פון זאַלץ. יחזקאל האט די שענק געהאט אין זיין הויז, ווו אין אונדזערע צייטן האט זיין זון, אליעזר פיסטראַנג, געהאט די שענק. אהרן מיט יאַנקלען האבן געהאט שותפות א גרויס הויז, דאָרט איז געווען א גרוימער זאַל, וואס אין איין זייט איז געווען די שענק, אין דער צווייטער זייט איז געווען דאס זאַלץ.



דער אנגעזעענער שטאָט־בעל הבית, ר׳ הערשל גאָלדפינגער (און איידעם פון ר׳ יחזקאל פיסטראַנג) מיט זיין פאַרצווייגטער פאַמיליע: טעכטער שנורן און אייניקלעך.
עס שטייען פון רעכטס: ניכע גאָלדפינגער (די טאָכטער פון ר׳ מרדכין), ניכע פיסטראַנג (די טאָכטער פון ר׳ אליעזרן). זלאַטע פיסטראַנג (די פרוי פון ר׳ אליעזרן), ר׳ הערשל גאָלדפינגער ר׳ הערשלס פרוי פון צווייטן זיווג, ליבע גאָלדפינגער (די פרוי פון ר׳ מרדכין־פון דער היים אייזלאַנד) מיט אירע צוויי טעכטער: כומע און רחל.
עס זיצן: פון רעכטס ריווטשע און חייטשע פיסטראַנג די טעכטער פון ר׳ יאַנקל פיסטראַנג.
די קינדער וואָס שטייען ביי די זייטן און דאָס קינד, וואָס זיצט צופוסנס זענען אויך ר׳ הערשלס אייניקלעך.

אהרן מיט יענקלען זענען געווען צוויי באַזונדערע טיפן. אהרן האָט זיך מיט יעדן אַרומגעקריגט און זיך געמישט אין שטאָטישע זאַכן. בכלל האָט ער זיך מיט אַלץ אינטערעסירט; יענקל ווידער איז געווען א שטילער, גוטער מענטש, א גאַנצן טאָג געזעסן אין שענק און באַדינט די גויים, וואָס זענען געקומען טרינקען בראָנפן. אין דער פרייער צייט האָט ער געזאָגט „תהילים", אָדער ער האָט זיך אינטערעסירט מיט זיין מעשר־בוך. ער האָט געגעבן מעשר פון זיינע איינקונפטן פון שענק אויף צדקה.

זומער איז דאָס שותפות נאָך געווען צו דערהאַלטן, אָבער אהרן האָט געהאַט טענות. ער האָט געזאָגט, אז א שענק איז תמיד בעסער, ווי האַנדלען מיט זאַלץ. „וואָס הייסט, אז א גוי קומט צו מיר קויפן א פעקל זאַלץ? קודם כל טרינקט ער ביי יענקלען א גלעזל בראָנפן, דערנאָך קומט ער צו מיר קויפן דאָס זאַלץ. ביים אַרויסגיין טרינקט ער ווידער ביי יענקלען א גלעזל בראָנפן. אַזוי אַז דער גוי גייט אַרום א גאַנצן טאָג מיט דעם פעקל זאַלץ פון איין געשעפט אין צווייטן, דערביי גייט ער ווידער איבער יענקלס שענק און טרינקט ווידער א גלעזל בראָנפן".

דאָס איז געווען זומער.

אָבער אָט קומט דער ווינטער: ביי יאַנקלען אין שענק שטייט א גרויסער סאַמאָוואַר, וואָס מען קאָכט דאָרט די טיי. דער סאַמאָוואַר הייבט אָן צו קאָכן, מאַכט זיך אַ פּאַרע און דאָס זאַלץ ביי אהרנען הייבט אָן צו שוויצן. גייט שוין אהרן אַרויס אין גאַנצן פון די כלים. א בייזער איז ער דאָך, כאַפּט ער דעם סאַמאָוואַר און וואַרפט אים אַרויס אין דרויסן. שטעלט אייך פאָר, וואָס עס האָט זיך געטון צווישן די צוויי ברידער!

יחזקאל איז ווידער געווען א ייד מיט א קאָפּ. מען זאָגט אַז ער איז געווען אַ גאַנצער אַסטראָנאָם, געוווּסט ווי די שטערן גייען, אָנגעשריבן א לוח אויף 50 יאָר שפּעטער, אויפגעבויט א זון־זייגער. ער האָט אפילו געשריבן א בוך, א מין פּינקס, וווּ ער האָט אַריינגעשריבן אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט יעדן טאָג אין שטעטל. ער איז געשטאָרבן אין דער ערשטער וועלט־קריג (1915).

יאַנקל איז געווען א מענטש, וואָס די וועלט איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אַלץ, וואָס ער האָט געטון, איז געווען פאַר יענער וועלט. מען דערציילט, אז ווען ער פלעגט גיין אין בית־המדרש — אין דער פרי, אָדער פאַרנאַכט — האָט מען אויפן וועג זיך געקאָנט שלאָגן, הרגענען, אים איז עס נישט אָנגעגאַנגען. ער איז געגאַנגען ווייטער.

יאַנקל פיסטראַנג האָט געהאַט אָן איין איינציקן זון, שאול. ער איז געווען ביי זיין מוטער טייער, ווייל פון עטלעכע זין איז ער דער איינציקער געבליבן. די אַנדערע זענען קליינערהייט געשטאָרבן. אויך דער שאול איז קינדווייז געווען זייער קראַנק, איז די מוטער געפאָרן צו גרויסע רביים. האָבן זיי געהייסן אים צוגעבן נאָך א נאָמען: חיים. דאָס האָט געהאָלפן און ער איז געבליבן לעבן. פון דעמאָלט זאָט מען אים גערופן: חיים־שאול. אין די קינדער־יאָרן האָט ער געמעגט טון, וואָס ער האָט געוואָלט, איז ער טאַקע געווען אביסל ווילד. לערנען האָט ער נישט געוואָלט. צו 18 יאָר, ווי עס שטייט געשריבן, בן שמונה עשרה לחופה, האָט ער חתונה געהאַט מיט מענדעלע וואָלפס טאָכטער. ביי 21 יאָר, ווען ער האָט באַדאַרפט שטיין צו דער אַסענטירונג, האָט ער שוין געהאַט 2 קינדער. אין יענע יאָרן זענען יידן כמעט נישט געגאַנגען צו די זעלנער. וואָס האָט מען געטון? דאָס רוב יונגע־לייט האָט זיך געמאַכט פעלערס: א ברוך, אביסל בלינד געמאַכט אויף איין אויג, אָדער אָפּגעהאַקט דעם ריכטיקן פינגער א.א.וו. חיים־שאול האָט נישט געוואָלט הערן וועגן מאַכן זיך א פעלער. איז געווען נאָך א ברירה: צו געבן געלט. אָבער דאָס מאָל האָט מען געהערט, אז אין מיעלעץ גייט נישט קיין געלט. האָט מען געראָטן, אז חיים־שאול זאָל זיך באַהאַלטן ביז צו דער נאָך־מוסטערונג אין ריישע. דאָרט וועט זיכער גיין געלט.

נאָך א חודש איז פאָרגעקומען די נאָך־מוסטערונג אין ריישע. מען האָט אָפּגעקויפט פשוט די גאַנצע קאָמיסיע, א חוץ איינעם. אָבער דאָס שפּילט דאָך נישט קיין ראָל, וואָס האָט איינער צו זאָגן?

די נאָכמוסטערונג איז פאָרגעקומען פרייטיק. קיינער איז מיט אים נישט מיטגעפאָרן, ווייל מען איז געווען זיכער, אז אַלץ וועט זיין אין בעסטן אָרדנונג. חיים־שאול איז אַריין צו דער קאָמיסיע. מען האָט אים אפילו נישט אָנגעקוקט און באַלד געזאָגט „נישט טויגלעך". אָבער דאָ שטעלט זיך אויף דער איינציקער, וואָס איז נישט געווען אָפּגעקויפט און האַלט אים איין. ער קוקט אים אָן און דערנאָך פרעגט ער ביי זיינע חברים פון דער קאָמיסיע: „וואָס פעלט אים? גאַנץ שיין אויסגעפרעסן זעט ער אויס. איך גלייב, אז ער וועט זיין א שיינער זעלנער". עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר־האַנדלונגען, ביז ער האָט געזאָגט, אז ער נעמט אים אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָ האָט די גאַנצע קאָמיסיע גאָרנישט געקאָנט טון און מען האָט חיים־שאולן אַסענטירט.

דאָס געזעץ האָט געזאָגט, אז ביי א נאָכמוסטערונג, אויב מען האָט אַסענטירט, איז מען באַלד צוגענומען געוואָרן. איצט שטעלט אייך פאָר: פרייטיק נאָך מיטיק קומט אַ

טעלעגראַמע — „אסענטירט פּיסטראַנג, גלייך קומען". מען איז באַלד געלאָפן צום רב פרעגן, וואָס מען זאָל טון, באַלד איז שבת, צי זאָל מען פאָרן און ווער עס זאָל פאָרן: זיין מוטער, אָדער זיין ווייב. דער רב האָט געפּסקנט, אַז מען זאָל יאָ פאָרן און פאָרן זאָל דער, וואָס דאַס האַרץ טוט מער וויי. מען איז געקומען פרעגן זיין ווייב, האָט זי געזאָגט, אַז זיין מוטער זאָל פאָרן, ווייל זי איז זיכער, אַז דער מוטער טוט דאַס האַרץ מער וויי, ווי איר.

דער רב האָט באַשלאָסן, אַז קודם כל זאָל מען גיין צום דאַווענען, צו קבלת־שבת. נאָכן דאַווענען זאָל יעדער בלויז קידוש מאַכן און דערנאָך זאָל די גאַנצע שטאָט באַגלייטן חיים־שאולס מוטער ביז צו שפּאַנגעלעטן (דאָס איז געווען אַ קילאָמעטער, אָדער צוויי, הינטער דער שטאָט).

נאָכן דאַווענען איז יעדער אַהיים געגאַנגען, געזונגען שלום־עליכם, געמאַכט קידוש און דערנאָך איז מען געגאַנגען באַגלייטן חיים־שאולס מוטער. צוערשט איז געפאָרן אַ יידישער פיאַקער ביז צו שפּאַנגעלעטן. דאָרט האָט ער געוואַרט.

פאַרויס איז געגאַנגען די מוטער מיט דער גאַנצער משפּחה. דער נאָך — דער רב מיטן גאַנצן שטעטל. ביי שפּאַנגעלעטן האָט מען זיך מיט איר געזעגנט און איר אָנגעוווּנטשן, אַז זי זאָל בקרוב אַהיימברענגען איר איינציקן זון. זי איז אַרויף אויף דעם וואָגן צו פאָרן קיין טשאַרני, צו דער באַן. און די גאַנצע שטאָט מענטשן — אַלע זענען לאַנגזאַם צוריק־געגאַנגען, ממש ווי פון אַ לוויה.

חיים־שאולס מוטער איז אָנגעקומען פרייטיק צונאַכטס קיין ריישע. אָבער דאָרט האָט מען איר געזאָגט, אַז מען האָט דעם זון באַלד געשיקט קיין יאַראָסלאַוו. איז זי איבער שבת שוין געבליבן אין ריישע. צומאָרגנס איז זי געפאָרן קיין יאַראָסלאַוו און דאָרט האָט זי זיך ערשט געזען מיט איר זון — אָבער שוין אַ זעלנער, אָן די באָרד און פּאות. זי האָט זיך איינגעדונגען אין אַ האָטעל הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פון די קאַשאַרן. דער בעל־הבית האָט געהייסן לייב ווייזענפעלד. חיים־שאולס מוטער איז געווען זייער אַ שיינע פרוי, האָבן די אָפיצירן איר דערלויבט צו קומען אין די קאַשאַרן. צום פּלאַץ פון די איבונגען איז זי מיט־געגאַנגען און געשטאַנען פון דערווייטנס, זיך צוגעקוקט, ווי מען מאַכט פון איר חיים־שאולן אַ זעלנער. און ווען עס איז געווען אַ הפסקה, איז זי באַלד צוגעלאָפן מיטן טיכל און אים אָפּגעווישט דעם שווייס. די אָפיצירן מיט די זעלנער האָבן געלאַכט דערפון.

אין ערשטן בריוו האָט זי אַהיימגעשריבן, אַז זי וועט נישט קאָנען מיטברענגען איר איינציקן זון. דער צווייטער בריוו איז געווען זייער אַ שלעכטער: מען מוטשעט חיים־שאולן זייער שטאַרק פון גאַנץ פרי ביז מיטיק אויפן פּלאַץ פון איבונגען און נאָך מיטיק דאַרף ער ערשט פּוצן דאָס געווער. זי בעט מען זאָל גיין צום רב, ער זאָל אויסרופן, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל זאָגן תהילים, מען זאָל גיין איינרייסן קברים, אַז חיים־שאול זאָל באַפרייט ווערן פון די זעלנער. חיים־שאולס ווייב איז קודם־כל געלאָפן צום פאָטער יאַנקל (דזשאַדעקל), אָנגעהויבן וויינען און שרייען: „שווער, איר דאַרפט עפּעס טון, אַז חיים־שאול זאָל אַהיים קומען פון די זעלנער!" אָבער ער רופט זיך נישט אָפּ, זאָגט ווייטער תהילים. פרעגט זי אים: „שווער, איר זאָגט כאָטש אַ קאַפּיטל תהילים, אַז חיים־שאול זאָל אַהיימקומען פון די זעלנער?"

ענטפערט ער: „חס־וחלילה. אַלץ פאַר מיינעטוועגן. איי, וואָס חיים־שאול איז ביי די זעלנער? גאָט האָט אַזוי געהייסן. און דאָס וואָס מען מוטשעט אים דאָרט און עס איז אים שווער? דאָס איז גזירת המלכות. קעגן דעם קאָן מען גאָרנישט טון".

ענדלעך, נאָך 11 חדשים, האָט מען אים באַפרייט ווי אַן איינציקן זון. עס האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן געלט.

איצט שטעלט אייך פאָר: חיים־שאול איז אַהיימגעקומען אָן אַ באָרד און פּאות. מילא, מיט אַ באָרד האָט מען גאָרנישט געקאָנט טון. אָבער מיט פּאות האָט מען זיך אַן עצה געגעבן: מען האָט גענומען אַ ספּרענזשינע, אָנגעהאָנגען 2 פּאות און חיים־שאול האָט דאָס אָנגעטון הינטערן קאַפּעליוש. אָבער אַזוי ווי חיים־שאול איז געווען אַביסל אַ ווילדער, איז ווי ער האָט אָנגעהויבן צו רוישן, האָט זיך די ספּרענזשינע פאַרוקט. איז אויסגעקומען, אַז איין פּאה איז געווען פון הינטן, די צווייטע — אויף דער נאָז.

חיים שאולס שענק

ווען חיים־שאול איז אַהיימגעקומען פון די זעלנער איז נאָך דער נדן געווען גאַנץ, ווייל די ערשטע יאָרן איז ער געווען אויף קעסט ביים שווער. האָט ער זיך געמאַכט אַ שענק. מען זאָגט, אַז ער איז געווען זייער טיכטיק. אין יענער צייט האָט אַ יעדער געקאָנט האָבן אַ שענק, נאָר בראָנפן האָט מען געדאַרפט קויפן אין דער פּראָפּענאַציע. דער פּראָפּענאַטאַר איז געווען זלמן גוטווירט, איינער פון די גרעסטע גבירים אין שטאָט. ער האָט געהאַט אונטער זיך צוויי פּאַכאָלקעס, וואָס זיי האָבן געהיט, אַז אין שענקען זאָל נאָר זיין בראָנפן פון דער פּראָפּענאַציע. איינער איז געווען יידעלע פּאַכאָלעק, דער צווייטער איז געווען יענקל כלאָפּ.

ביי חיים־שאולן איז דער בראָנפן פון דער פּראָפּענאַציע געווען נאָר אין דער אויסלאַגע, אָבער פאַרקויפט האָט ער געשוואַרצטן בראַנפן, וואָס מען האָט אים געבראַנגט ביינאַכט פון פּשעצלאַוו. ער האָט געהאַט אין פענצטער געמאַכט אַ באַהעלטעניש, אַז מען האָט עס נישט דערקענט. די פּאַכאָלקעס האָבן אָנגעהויבן צו היטן ביינאַכט אויף די וועגן, אָבער חיים־שאול האָט זיך אַן עצה געגעבן: ער האָט געמאַכט באַנקעס פון בלעך מיט דאָפּלטע דנאָען. פון אויבן איז געווען עסיק און פון אונטן בראָנפן.

זלמן גוטווירט מיט זיינע פּאַכאָלקעס זענען אַרומגעגאַנגען ווי די פאַרסמטע מייז: וואָס הייסט, תמיד זעט מען ביי חיים־שאולן פיל פּויערים טרינקען און אין דער פּראָפּענאַציע קויפט ער כמעט נישט. מוז דאָך זיין, אַז ער שוואַרצט.

אָבער געכאַפּט האָט מען אים נישט.

האָט יידעלע געזאָגט, אַז מען מוז אים כאַפּן. יעדן טאָג איז ער געקומען זוכן, אָבער נישט געפונען. איין מאָל קומט ער אַריין און הייבט אָן צו זוכן. מען נעמט אַרויס אַלאַ כשרע פלעשער פון שאַנק — די שפּיל איז אַזוי געגאַנגען אַ פּאָר מאָל. חיים־שאול האָט נאָך נישט באַוויזן אַלץ אין אָרדנונג צו ברענגען און יידעלע איז ווידער געקומען. האָט חיים שאול שוין אָנגעהויבן צו קאַכן. אַ כהן איז ער דאָך געווען. זאָגט ער: יידעלע נאָך איין מאָל, אַז דו וועסט אַריינקומען, גייסטו נישט אַרויס קיין לעבעדיקער.

אבער עס האָט נישט לאנג געדויערט און יידעלע איז ווידער געווען. חיים־שאול איז צו אים צוגעגאנגען און אים געגעבן א מתנת־יד צווישן די אויגן, אז יידעלע איז אנידערגעפאלן, ווי א טויטער. דאס גאנצע שטעטל איז זיך צוזאמענגעקומען. א געשריי: „חיים־שאול האט געהרגעט יידעלע פּאַכאָלעק". מען האט אים קוים דערמונטערט, אהיימגעטראגן און געלייגט אין בעט. האט חיים־שאולס מוטער ווידער געהאט „נחת" פון איר איינציקן זון: חדשים לאנג האט זי געפלעגט יידעלען מיט פיינע יאָכלעך און מיט די בעסטע איינגעמאכצן, ביז זי האט אים כמעט געזונט געמאכט.

חיים־שאולס מוטער האט פיל געליטן אין יאַראָסלאָוו, ווען איר זון איז געווען ביי די זעלנער; דער פאַל מיט יידעלע האט איר אויך נישט פארשאָפט קיין פאַרגעניגן — זי איז קראנק געוואָרן און נאך א קורצער צייט געשטאָרבן. איר מאן, דאס הייסט חיים־שאולס פאָטער, יענקל דזשאדיקל, האט דאן פארקויפט דאס הויז, די שענק, — אלץ, וואס ער האט געהאט, אפילו די שטאט אין בית־המדרש האט ער פארקויפט, צוזאמענגעשטעלט שיין געלט און געפארן קיין ארץ־ישראל. ער האט געלעבט אין צפת 13 יאר. ער האט אפילו נאך אמאל חתונה געהאט. צום סוף איז ער געשטאָרבן און חיים־שאול האט אָפּגענומען א שיינע ירושה.

חיים שאול ווערט א מילנער

די שווארצע געשעפטן האבן געבליט. קיינער האט זיך מער נישט דערוועגט אריינצוקומען זוכן ביי חיים־שאולן. ער האט געהאט אזוי פיל געלט, אז ער האט נישט געוווסט וואס צו טון דערמיט. איז אים איינגעפאלן צו בויען א מיל. אַ פּלאַץ האט ער געהאָט, וואס ער האט באקומען בחינם. ווי מען זאגט: אז עס גייט, גייט מיט אלעם. די מעשה איז אזוי געווען: א גוי, וואס האט געהאט א שטיק פעלד קעגנאיבער דעם שעכטהויז, האט געמאכט אַן אָפּמאַך מיט חיים־שאולן, אז ער זאל אים געבן צו טרינקען בראָנפן דאס גאנצע לעבן, וועט ער אים דערפאר פארשרייבן דאס פעלד. און חיים־שאול האט מזל געהאט, אז נאך א קורצע פאר יאר, איז דער גוי געשטאָרבן, דאס פעלד איז אריבער אויף זיין נאמען. אויף דעם פעלד טאקע האט ער באשלאָסן צו בויען די מיל.

אין פילזנע איז געווען א ייד, וואס האט געהייסן שיע מילנער. צו אים איז חיים־שאול געפאָרן מיט זיין פּלאַן. שיע מילנער האט אים צוגעזאגט צו העלפן בויען די מיל. ווען ער איז אהיימגעקומען פון פילזנע, איז ער זיך געגאנגען באַראָטן וועגן זיין פּלאַן מיט זיין שוואגער שלמהלע וואָלף. ער האָט אים אפילו פאָרגעשלאגן צוצונעמען פאר א שותף.

שלמהלע וואלף איז געווען זייער א קלוגער ייד. די משפחה האט פון אים זייער געהאלטן. זיי האבן געזאגט, אז ער האט שלמה המלכס חכמה. ער איז געווען א געלאסענער דער היפוך פון חיים־שאולן. ער האט די זאך גענומען גאנץ ערנסט, אבער „עס ברענט נישט. מען מוז זיך גוט אינפאָרמירן מיט וואס דאס שמעקט". ענטפערט אים חיים־שאול: „די זאך איז פארטיק". אַ פּלאַץ, וווּ די מיל דארף שטיין, האט ער. א פאכמאן, ווי אזוי צו בויען די מיל, האט ער אויך. ער האט שוין אפילו דעם טערמין, ווען די מיל וועט אנהויבן צו מאָלן. האט אים זיין שוואגער שלמה וואָלף אוועקגעשיקט.

עס האט נישט לאנג געדויערע ווי חיים־שאול מיט שיעלע מילנער, אויך זיינע צוויי יועצים — הערשל הייבער מיט ישראליש ראכמאכער — זענען געפארן קיין ווין קויפן די מאשינען פאר דער מיל. ווען די 4 חברה זענען אנגעקומען קיין ווין, זאגט חיים־שאול:

— דאס ערשטע מוז מען זען דעם קיסר. וואס הייסט צו זיין אין ווין און נישט צו זען דעם קיסר?

זיי האבן געקויפט די מאשינען און באלד מיט זיך מיטגעברענגט אַן אינזשיניער צו בויען דעם בנין פאר דער מיל. ווען דער בנין איז געווען פארטיק, זענען אָנגעקומען די מאשינען. דאס איז דווקא געווען שבת. ווען יידן זענען געווען אין בית־המדרש ביים דאווענען, איז דורכגעגאנגען א גאנצער צוג מיט וואָגנס מיט די מאשינען פאר חיים־שאולס מיל. אלע יידן זענען ארויס פון בית־המדרש, מיטן רב בראש. זיי האבן געבייזערט זיך אויפן חילול־השם און דער רב האט פארשאלטן די מיל. האט מען טאקע געזאָגט, אז ביינאכט דרייען זיך דאָרט ארום דייטשלעך, דאס הייסט שדים.

די מיל האט געמאלן מיט א פולן טעמפּאָ. פון דער גאנצער אומגעגנט (ארום ראדאמישל איז געווען 42 דערפער) האָבן אלע פויערים געברענגט ווייץ און קאָרן. אבער דא איז פארגעקומען אזא מעשה: ערב־שבועות, חיים־שאול האט געזאגט דעם הויפּט־מילנער, אז לכבוד יום־טוב זאל ער אָפּשטעלן די מיל 11 א זייגער. אבער ווען חיים־שאול איז אהיים געגאנגען, האט זיך דער מילנער געטראכט, אז עס איז א שאד די מיל זאל שטיין ביז ביינאכט. און דא איז מקוים געוואָרן די קללה פון רב, אז די מיהל וועט נישט מילן. ווען דער מילנער האָט גֶעלאָזט די מיל, איז ער געהארגעט געוואָרן. די מיל איז פארקויפט געוואָרן און חיים־שאול האט נישט געזען קיין העלער פון איר.

פרשת נח

נח איז געווען א הויכער, געזונטער יונג. זיין ערשטע ארבעט איז געווען (אזוי פלעגט ער זאגן אויף דער עלטער): ציגל צו טראגן אויף די מויערן. ער האט צוזאמענגעלייגט א גראשן צו א גראשן, ביז ער איז געקומען צו אביסל געלד, האט ער געקויפט א שטיקל פעלד. אין א קורצער צייט האט ער דאס שטיקל פעלד פארקויפט און געקויפט א שטיקל וואַלד. ער האט כסדר מצליח געווען. וואס ער האט גענומען אין די הענט — איז דערפון געוואָרן גאָלד. מען זאָגט, אז דאס איז אים געקומען, ווייל ער האט געהאלטן פון דער מצווה כבוד־אב־ואם. ער האט זיין אלטע מוטער זייער מכבד געווען.

געהאט האט נח א סך טעכטער מיט איין איינציקן זון. דער איינציקער זון זיינער איז געווען א שם־דבר אין דער גאנצער שטאט. נח האט געוווינט אין א דאָרף, אבער דעם זון האט ער געהאלטן אין שטאט — ער האט געלערנט ביים ראדאמישלער רב, רב שמואל ענגעל.

ישראל נחס, — אזוי האט מען אים גערופן, — איז בחורוויז שבת געגאנגען אין א זיידענער בעקעשע מיט א קאָלפאק אויפן קאָפּ. ער איז געווען א הויכער, שיינער בחור. צו אַכצן יאָר האט ער חתונה געהאט מיט א געוויסער ריוומשע פּיצאלעס, געהאט מיט איר א זון מיט א טאכטער. אבער ער האט געהאט א לונגען־פעלער און איז יונגערהייט

געשטאָרבן. וואס נח האט אַלץ נישט געטון? ער האט ממש איינגעריסן וועלטן, אבער עס האט נישט געהאָלפן.

ריווטשע ישראל נחס איז געבליבן א שיינע, רייכע יונגע אלמנה. זי האט התונה געהאט מיט אָרלינסקין, באקאנט ווי דער ראַדאָמישלער אדוואָקאַט. ער איז געווען אירס א שטיקל משפחה (דער אָרלינסקי האט פריער געהייסן פּיצאלעס). ריווטשע איז געווען א כשר, פרום ווייבל, אפילו מיט א שייטל אויפן קאָפּ. די בעסטע חברטע אירע איז געווען חיה־רייזל דיניס. דאס איז געווען איידער איר מאן ישראל נחס איז געשטארבן.

נח האָט באקומען דעם ערשטן קלאַפּ ווען זיין איינציקער זון איז געשטאָרבן. ער האט געזאָגט: „עס מוז זיין א גאָט זאך"; אנגעהויבן צו קלערן: מיט וואס האט ער זיך פאַר־זינדיקט קעגן רבונו של עולם? ער האט געוווסט אז תשובה, תפילה און צדקה מעבירין את רוע הגזירה.

— תשובה? — איך ווייס נישט וואס איך האב געזינדיקט.

— תפילה? — דאס האב איך נישט געלערנט, דאס קען איך געבעך נישט.

— אבער צדקה? — דאס קען איך און איך וועל געבן וויפיל עס וועט זיך לאָזן.

נישט בלויז געזאגט, נאר געטון: ער האט באַלד געשיקט אַפּאָר קלאַפּטער האָלץ אין שטאט אריין פארן בית־המדרש און פארן קלויז; אויסגערופן, אז יעדער ארעמער ייד, וואס דארף האָלץ אויף ווינטער, זאל קומען צו אים, וועט ער געבן. ער האט זיך געקויפט א הויז אין ראדאמישלע און איז געקומען וווינען אין שטאט. האט מען אנגעהויבן צו גיין צו נחן. ווער עס האט באדארפט, האט נח געגעבן. האט מען געהערט אין דער אומגעגנט, אז עס איז דא א ייד, וואס גיט געלט, איז מען געקומען פון אלע זייטן: רבנים, סתם שיינע יידן. נח האט קיינעם נישט אפגעזאגט. ביז דאן האבן די קינדער און די אייניקלעך געשוויגן. אבער ווי נח האט אנגעהויבן צו פארקויפן א שטיקל פעלד, אדער וואַלד, האבן זיי אנגעהויבן צו שרייען: זיי וועלן נישט לאָזן ער זאָל פארטאכלעווען דאס פארמעגן!

דאקעגן נח האט געזאגט גאנץ אָפן, אז ער וויל זיי גארנישט איבערלאזן. ווי די קינדער האבן דאס גֶעהערט, האבן זיי זיך צוזאמענגענומען און געקלערט אן עצה, וואס מען טוט. זיי האבן באשלאָסן, אז אָרלינסקי, ווי אן אַדוואָקאַט, זאל עס נעמען אין זיינע הענט און פירן א משפט.

אמת, נח איז שוין געווען אלט, בלינד, אבער זיי האבן געזאגט, אז ער איז נאך געזונט און קאן נאך לעבן א סך יארן און דאס גאנצע פארמעגן אוועקגעבן פרעמדע מענטשן.

קורץ נאך א סך משפטים איז זיי געלונגען צו מאכן נחן „נישט פאראַנטווארטלעך פאר זיינע מעשים".

ווען נח איז געשטארבן (דאס, גלייב איך, איז געווען ווינטער 1925) האבן די חברה־קדישא געמאכט א חשבון מיט די יורשים. זיי האבן געמוזט באצאלן זייער פיל פאר דער קבורה.

חיים שאול, דער יורד

חיים שאול, ווען די מיל האט זיך געענדיקט, האט באין ברירה זיך צוריקגענומען צו דער שענק. אבער דער קאָפּ איז נישט געווען אין דער שענק, ער האט אויפגעהערט מיט די שווארצע געשעפטן און פרנסה איז שוין געווען בדוחק.

ביז אין יאר 1912 האבן אויפגעהערט די פּראָפּינאציעס און מען האט געגעבן קאנצעסיעס אויף א שענק. דער פארטיילער איז געווען איינער פון די גרעסטע נגידים אין שטאט, אייזיק קויפמאן. ביי אים איז נישט געווען קיין אונטערשיד צי מען האט פריער געהאט א שענק, אדער נישט. ווער עס האט געגעבן געלט דעם האט ר' אייזיק קויפמאן געגעבן קאָנצעסיע.

חיים שאול האט נישט געהאט קיין געלט האט ער קיין קאָנצעסיע נישט באקומען. ער האט אבער ווייטער געפירט די שענק, ווי פריער. עס איז געווען א גוי, וויסאצקי, וואס האט געקויפט א קאָנצעסיע האט ער גארנישט געזאָגט; אבער עס איז געווען א ייד, וואס פריער האט ער נישט געהאט קיין שענק, האט ער געזאגט, אז ער וועט חיים־שאולן נישט לאזן מער שענקען. און עס איז נישט געווען בלויז דיבורים: צו ערשט איז ער געגאנגען צו דער זשאנדערמעריע, אויף דער פּאָליציי און זיי דערקלערט, אז חיים־שאול האט נישט קיין קאָנצעסיע און זיי דארפן אים נישט לאָזן פארקויפן קיין בראָנפן. מען האט אים צוגעזאגט אבער גאר נישט געטון.

דער ייד האט געוווסט דעם וועג קיין מיעלעץ, אבער דער מיעלעצער סטאַראָסטע איז געווען א גוטער ברודער פון חיים־שאולן, איז צום געריכט נישט געקומען. האט דאס דעם ייד זייער פארדראָסן, נאך מער זיין ווייב: וואס הייסט מען קאן חיים־שאולן גאר נישט טון? ער איז נישט מיד געוואָרן, געמאכט אָנקלאַגע ביז קיין לעמבערג. „איך גלייב, אז ביי אייך וועל איך געפינען די ריכטיקע מענטשן, וואס וועלן זיך אננעמען די קריוודע פון דער רעגירונג און נישט לאָזן פארקויפן קיין בראָנפן א יידן, וואס האט נישט קיין קאָנצעסיע און צאָלט נישט קיין שטייער".

עס ווייזט אויס, אז די אָנקלאַגע האט געמאכט א שטארקן רושם אין לעמבערג, ווייל ס'איז באלד אָנגעקומען צום מיעלעצער סטאַראָסטע און ער האט אים געוויזן די אנקלאַגע און געזאָגט, אז איצט האט ער נישט קיין ברירה. עס האט נישט לאנג געדויערט, ווי מען האָט חיים־שאולן געבראכט פארן געריכט. אבער פארן געריכט האט קיינער נישט געוואָלט עדות זאָגן קעגן חיים־שאול און ער איז נישט באשטראָפט געווארן. נאר קיין בראנפן האט ער שוין נישט געטאָרט פארקויפן.

ער האט נישט געוווסט צו וואס זיך צו נעמען. האט אים איין גוי, געוויסער סטאנישעווסקי, פּאָרגעשלאַגן: דער גוי האט געהאט א סך פעלדער, היי און קליי, וואס זענען געשטאנען פארן שניידן. האט ער אים געעצהט ער זאל עס שניידן, בינדן און אריינלייגן אין די סטאדאלעס אויפן ווינטער, דאן וועט עס זיין זייער טייער. קיין געלט דארף ער נישט אריינלייגן, נאר באצאלן די ארבעטער.

ס'ברעכט אויס די מלחמה

קיין אנדערע געשעפטן האט חיים שאול נישט געהאט, האט ער זיך גענומען צו דער ארבעט און אלץ געמאכט אין אָרדנונג. דא איז אויסגעבראָכן די קריג 1914.

איידער די קריג איז אויסגעבראכן, האבן יידן געזען ביינאכט אונטער דער טומאה, אויפן הימל, אַ פייערדיקן בעזים. דאס איז א סימן, אז עס וועט זיין א קריג.

אפאר טעג שפעטער, שבת אין דער פרי, איז שוין טאָמעקל דער פּאָליציאנט ארומגעגאנגען מיט דער פאלקע און אויסגערופן, אז די מלחמה איז אויסגעבראכן און אלע אקטיווע זעלנער

דארפן שטעלן זיך צו זייערע רעגימענטן. קיין סך יידישע זעלנער זענען נישט געווען אין שטעטל. עס איז געווען שיעלע בראנד, הערש יוסף פאגעלפאנג, זלמן־ראובן הארטמאַן.

חיים־שאול האט נישט געוווסט צו ער דארף זיך שטעלן, אָדער נישט. די מאָביליזירונג איז געווען ביז 42 יאָר. ער איז געבוירן אין יאר 1872, אין חודש מערץ. דאס הייסט, אז ער איז עלטער ווי 42 יאר. בעצם האט ער יא באדארפט זיך שטעלן, אבער ער האט עס נישט געטון און דער שפּאַס איז אים געלונגען א געוויסע צייט.

איינמאל מיטיקצייט, קורץ נאכן אויסברוך פון דער מלחמה, ווערט א בהלה אין שטאט. מען האט פארמאכט די געשעפטן; יידן זענען געלאָפן אין בית־המדרש אריין זאגן תהילים; ווייבער זענען ארומגעגאנגען מיט שערן אין די הענט, אפצו־שערן די האָר פון יונגע ווייבלעך, וואס זיי האבן געהאט הינטער די שייטלעך. דערביי האט מען געוויינט און געזאגט: דאס איז אַלץ צוליב אונדזערע זינד.

אויף אלע וועגן זענען געשטאַנען זשאנדארן מיט ביקסן. אויך די באפעלקערונג האט אנטייל גענומען אין צוגרייטן שוץ: זיי האבן געמאכט באריקאדעס אויף די וועגן. מען האט געזאגט, אז עס דארפן קומען אויטאָמאָבילן מיט שפּיאָנען; מען האט געזאגט, אז די רוסן זענען שוין הינטער דער שטאט.

נאָך איידער די רוסן זענען געקומען קיין ראדאמישלע, האט חיים־שאול אוועקגעשיקט זיין משפחה און אליין געבליבן היטן דאס פארמעגן. די רוסן זענען אריינגעקומען פרייטיק נאָך מיטיק. די ערשטע — קאָזאַקן אויף פערד. דאס ערשטע איז געווען — זיי דארפן היי פאר פערד. איז מען באלד געקומען צו חיים־שאולן ער זאל עפענען די סטאָדאָלעס און געבן היי פאר די פערד. ער האט קיין ברירה נישט געהאט, ער האט זיי געמוזט געבן היי, וויפיל זיי האבן געוואָלט, אבער געלט האט מען אים נישט געגעבן. האט ער זיך דערוווסט אז די קאמאנדע פון די רוסן זיצט אין קאסטערס הויז. ער האט זיך נישט געפוילט און איז דאָרט אהינגעגאנגען. אבער די קאָזאַקן האבן אים אויפגענומען מיט אפאר גוטע קאָלבעס, ער איז קוים מיטן לעבן אנטלאפן. ער קומט צו זיין הויז זעט ער, ווי די טירן זענען אויפגעבראָכן. אין קעלער האט ער געהאט באהאלטן דאס גאנצע פארמעגן. ער גייט אראפּ, זעט ער, ווי די רוסישע זעלנער עפענען אויף א קופערט מיט וועש און גיסן דאָרט אריין אַ פלאַש מיט סיראָפּ. הייבט ער אָן צו שרייען: וואס טוט איר? דערהערט ער אפאר יידישע ווערטער, פון א ייד, א רוסישן זעלנער: רב ייד, שרייט נישט, די רוסן זענען חיות־רעות. זיי קאָנען אייך נאָך הרגענען.

דאָן האט ער באשלאָסן, אז ער וועט מיט די רוסן צוזאמען נישט זיין. צו מארגנס, שבת אין דער פרי, האט ער זיך געלאָזט אין וועג אריין. ער האט געזען ווי 40 רוסישע זעלנער גייען אין דעם וועג פון טארנאָוו. קלערט ער נישט קיין סך און גייט זיי נאָך פון הינטן, ביז צו יאנאוויצער וואלד. דאָרט האבן זיי זיך איינגעטיילט — 20 פון יעדער זייט, ווייל דער וואלד איז געווען פון ביידע זייטן. בלייבט ער שטיין און ווייס נישט וואס צו טון? אין ביידע זייטן זענען די רוסן, אויפן וועג וועלן זיי אים זען. אבער וואס קאָן ער טון? האט ער אנגעהויבן צו גיין. פון דערווייטנס האט ער דערזען אן עסטרייכישן אולאנער, מיט די רויטע הויזן, אויף אָ פערד. הויבט ער אָן צו לויפן צום אולאנער און ווארנט אים ער זאל ווייטער נישט רייטן, ווייל אין וואלד פון ביידע זייטן זענען דא רוסישע זעלנער. דער אולאנער האט אים אוועק געפירט צו דער עסטרייכישער קאמאנדע. דאָרט האט ער אלץ דערציילט אין וועלכן הויז אין ראדאמישלע זיצט די רוסישע קאמאנדע. מען האט אים זייער געדאנקט און אָפּגעפירט ביז טארנאָוו. פארנאכט איז ער שוין געווען צוזאמען מיט זיין פאמיליע.

די רוסן זענען אינגאנצן געווען אין ראדאמישלע 7 טעג. אבער זיי האבן באוויזן אנצוטון גרויסע צרות. צווישן די 7 טעג איז געווען יום־כיפור. די יידן האבן מורא געהאט צו גיין אין בית־המדרש דאווענען. האבן זיך צוזאמענגענומען שכנים אין איין הויז און האבן געדאוונט. אזוי האבן זיך ביי יענקל גרין אין זיין הויז אויך צוזאמענגעקומען שכנים און דאָרט געדאוונט. אין מיטן דאווענען קלאפן ביי דער טיר אפאר קאזאקן. מען האט זיי נישט געוואָלט עפענען.. אפאר מענטשן האבן צוגעהאלטן די טיר. האט איין קאזאק ארייג־געשאָסן אין דער טיר און געהארגעט עלע אביגדור, ברוך יוסף אביגדורס זון.

באלד נאך יום־כיפור זענען די רוסן אוועק און די עסטרייכער זענען צוריק געקומען אין שטעטל. זיי האבן געפרעגט אויב צווישן דער באפעלקערונג זענען נישט געווען קיין פראוואקאַטאָרן. האט מען אנגעוויזן אויף א גוי, וואוזשעקל דער האָלצהאַקער, אז ער איז די גאנצע טעג ארומגעגאנגען מיט די רוסישע זעלנער און אַלץ זיי דערציילט. מען האט אים באַלד געברענגט פארן קריגסגעריכט, פארמישפּט צום טויט און דערשאָסן אויפן צמענטאַזש.

עס האט נישט לאנג געדויערט, די רוסן האבן געמאַכט א גרויסע אָפענסיווע און זענען דערגאנגען כמעט ביז קראָקע. דאן איז כמעט דאס גאנצע שטעטל שוין אַנטלאָפן. א טייל האט אבער נישט באוויזן און געבליבן די גאנצע צייט מיט די רוסן. די רוסן האבן באשלאָסן, אז דווקא אין ראדאמישלע זאל זיין די שטאַבסקאָמאַנדע מיטן שטאבסקאמענדאנט ראטקא דימיטראָוו. ער איז געווען אביסל א משוגענער.

ביי די רוסן איז חיים־שאול מיט זיין משפחה אַנטלאָפן קיין בעהמען. ווען זיי זענען אוועק, איז אָנגעקומען צו אים אַ בריוו פון שלום גאלד: חיים־שאול, דו קאנסט גאנץ רואיק צוריקפארן קיין ראדאמישלע און דו וועסט קאָנען שענקען, וויפל דו ווילסט, קיינער וועט דיר נישט שטערן, ווייל דתן ואבירם זענען געשטאָרבן.

חיים־שאול האט אבער באדארפט ווי אַן אקטיווער זעלנער שטעלן זיך צום מיליטער. דאס ארויסדרייען זיך איז אים אנגעגאנגען ביז איצט, ביז ס'איז פארגעקומען אַ קאָנטראָל. חיים־שאולן האט מען צוגענומען, געמאַכט פאר א זעלנער און געשיקט אין זיין רעגימענט קיין בודאפעשט.

מ׳נעמט צום מיליטער

באלד דערנאך האט מען גענומען צום מיליטער פון 18 ביז 45. ס'איז געווען זייער א שלעכטע קאָמיסיע, מען האָט צוגענומען כמעט אלע יידן. עס ווייזט אויס, אז דער דאקטאר איז געווען א גרויסער אנטיסעמיט, ווייל פאָליאַקן האט מען דווקא נישט אזויפיל גענומען.

צווישן די אלע ראדאמישלער יידן, וואס זענען געשטאַנען פאר דער קאָמיסיע, זענען געווען יידל דינסטיק און פנחס גאלד. יידל דינסטיק, גלייב איך קוים, אויב ער האט געהאט די מאס, אויך איז ער בלינד געווען אויף אַ אויג. האט דער

דאקטאר געזען אז ער איז בלינד אויף אן אויג, האט ער אים פרייגעלאָזט. אבער פנחס גאָלד איז געווען לאָם אויףביידע פיס. און ער האט אים צוגענומען צו די זעלנער. מען האט אים אהיימגעשיקט ערשט פון מיליטער.

א סך יידן האבן געזען, וואס עס טוט זיך, זענען זיי באלד נישט ארייגעגאנגען צו אים, זיי האבן זיך באלד באהאלטן. אזוי אז עס האט זיך געשאפן א קאדער פון דעזערטירטע. א טייל איז געווען ביי שימעלע (שמואל שאולס)‏; א צווייטער — ביי יצחקל וואָלף; א דריטע — ביי אליעזר קאָך אויפן בוידעם. דאָרט האט מען געמאַכט א דאָפלטע ויאַנט צווישן אליעזר קאכס און שלמהלע וואָלפס בוידעם.

אין שטאט האט מען זיי נישט געזען. אבער די זשאנדאר־מעריע האָט געהאַט א גענויע רשימה פון די אלע דעזערטירטע. א סך מאל האבן די זשאנדארמען, מיט דעם קאמענדאנט אחשורוש, געמאכט אנפאלן און נישט איינמאל איז זיי געלונגען צו כאַפּן וועמען.. האט מען אים באַלד געשלאָסן אין קייטן. געווען אויך אזעלכע, וואס האבן דעזערטירט שוין פון די זעלנער, אזא איינעם האט מען באלד געשיקט אויפן פראָנט.

דאס לעצטע יאָר פון דער מלחמה איז געקומען א רעגימענט פון זעלנער אביסל זיך אויסרוען, איידער זיי זענען געגאנגען אויפן פראָנט. זיי האבן נאר פון צייט צו צייט געמאכט איבונגען אויף די בלאניע, האט דער ראדאמישלער קאמענדאנט אויסגענוצט די געלעגנהייט ארומצוזינגלען די גאנצע שטאט מיט זעלנער און געגאנגען זוכן פון הויז צו הויז. דאס איז געווען שבת פארטאג. עס איז זיי געלונגען צו כאַפּן אנשל טענענבוים און הערשל ניישטאַט. מען האָט זיי איינגעזעצט אין דער גמינע. די זשאַנדארן זענען געגאנגען עסן מיטיק און זיי האבן איבערגעלאָזט אַ פּאָליציאַנט, וואס האט געהייסן בייגאלע, ער זאל זיי היטן. דער רוסיש־פוילישער שלאסער קויפמאן האט דאן גענומען א שטיק זייף, צוגעגאנגען צום שלאס און געמאַכט פון אים א מאָדעל, פון וועלכן ער האט אין דער היים געמאַכט א שליסל. דאן האט מען בייגאלען אנגעהויבן צו פאַרעדן, אין דער צייט האט מען געעפנט די טיר פון דער גמינע און אנשל טענענבוים מיט הערשל ניישטאַט האבן געמאַכט ויברח. בייגאלע נעבעך האט אנגעהויבן צו שרייען און צו בעטן, אבער ווער האט אים געהערט? אין שטעטל איז יענעם שבת געווען א גרויסע שמחה.

חיים שאול קומט צוריק

דאס לעצטע יאר פון דער מלחמה איז חיים־שאולן נמאס געווארן צו זיצן אין בודאפעשט. ער האט געהערט, אז אין יאַראָסלאַוו איז דאָ א הויכער אָפיציר, דעם ראדאמישלער אפטייקערס אַ ברודער. דאס איז געווען זיינס א גוטער באקאנטער. האט ער זיך צו אים געוואָנדן און מיט גרויס פּראָטעקציע איז ער אריבער קיין יאראסלאוו, דארט ווו ער איז געווען א זעלנער מיט עטלעכע און צוואנציק יאר צוריק. דער אפיציר האט אים געשיקט, נאך מיט צוויי גויאישע זעלנער, קיין ראדאמישלע, זיי זאלן היטן דעם שט־יעראַמט. ער האט געקריגן א ביקס אויף איין פּאַטראָן, נאך פון מאריע־טערעזעס צייטן, אבער א שאָס האָט זי געגעבן ווי א קאַנאָן. דער מאגאַזין פון דער ביקס מיט די פּאַטראָנען זענען געווען ביי חיים־שאולן אין שטוב. איינמאָל האָב איך גענומען דעם ביקס, ארייגעלייגט אַ פּאַטראָן און געגעבן א שאָס, איז זיך דאָס גאַנצע שטעטל צוזאמענגעלאָפן. עס האָט נישט קיין סך געפעלט, ווי איך וואָלט געווען אוועקגעהארגעט מיינע אַ שוועסטער. אזוי האָט ער געהיטן דעם שטייעראמט ביז צום סוף פון דער מלחמה. אבער דעם אמת געזאָגט, האָבן די צוויי גויים געהיטן דעם שטייעראמט און חיים־שאול אליין האָט געהיטן זיין שענק.

די מלחמה האט זיך געענדיקט, פוילן איז אויפגעשטאנען לתחיה. די פּאָליאקן האבן געמיינט, אז זיי האָבן געקריגן פוילן כדי צו רויבן יידן. יעדן טאג אין פארשידענע שטעטלעך זענען פּאָרגעקומען פּאָגראָמען. מען האָט געהערט, אז אויך די דערפער ארום ראדאמישלע קלויבן זיך צו קומען דאַנערשטיק צום יריד, כדי צו רויבן יידן. די יוגנט, מיט מלך אמסטערדאם בראש, האָט זיך אָרגאניזירט. די פארזאמ־לונגען זענען געווען אין קלויז. מלך אמסטערדאם האט די יוגנט באשווירן זיי זאָלן שטיין אויף דער וואַך און קעמפן מיט אלע כוחות. דאס וועט נישט זיין אזוי לייכט, ווייל זיי וועלן קומען טויזנטער און מיר זענען זייער ווייניק. אבער ווען מיר וועלן זיין אָרגאניזירט, וועלן מיר מיט גאָטס־הילף זיי באַקעמפן. די הויפטזאַך: צו שטיין אויף דער וואַך אין דער יידישער גאס און נישט צולאזן אריינגיין קיין איין גוי.

מיר האבן באקומען אפאר ריכטיקע רעוואָלווערן, אבער די מערסטע זענען געווען פרימיטיווע רעוואלווערן, וואס מען האט גענומען ביי יאסל יחזקאלס (אייזלאנד). מיט די רעוואל־ווערן האט מען זיך באַנוצט ל״ג בעומר, אדער פורים. אויך האט ער געגעבן אנדערע זאכן, וואס מאכן רעש. מיט דעם האט מען זיך צוגעגרייט צו דער מלחמה.

דאנערשטיק, באלד אין דער פרי, האט מען געזען אז עפּעס גרייט זיך, ווייל אזויפיל פויערים האט נאך ראדאמישלע אויף קיין שום יריד נישט געזען. אויך האט מען באמערקט, אז זיי האבן גארנישט געברענגט צו פארקויפן.

3 א זייגער האבן אלע יידן פארמאכט די געשעפטן. די יוגנט איז געשטאנען אויף דער וואַך. די אלע וואס זענען געהאט געווען ביים מיליטער, האבן ווידער אָנגעטון די מיליטערישע קליידער.

באלד אין דער פרי זענען אלע שכנים, ווייבער און קינדער געקומען אין חיים־שאולס הויז. די שטובן זענען געווען פול. חיים־שאול האט אויך אנגעטון די זעלנערישע קליידער, גענומען די ביקס אין דער האַנט און געוואַרט. דאס הויז איז געווען אן עק־הויז פון צוויי גאסן: די בית־המדרש־גאס און די קלויז־גאס. מען האט אויך געזען כמעט דעם גאנצן מארק.

דער רויב האט זיך אנגעהויבן. איז חיים־שאול ארויף אויפן בוידעם. דאָרט זענען געווען קליינע פענצטערלעך. ביים פענצטער, פון וואנען מען האָט געזען ביידע גאסן און דעם מארק, האט ער זיך אנידערגעלייגט. ווען די פויערים האבן געפרוווט צו קומען פון דער קלויז־גאס, האט זיי חיים־שאול מכבד געווען מיט אַ שאָס, זענען זיי זיך צעלאָפן, ווו דער פעפער וואקסט. דער שאָס איז געווען אזוי ווי פון אַ קאַנאָן. דאס גאנצע הויז האט אויפגעציטערט. קורץ — די יידישע גאס איז געווען אָפגעראטעוועט. אויסגעצייכנט האט זיך אשר פלאם מיט זיין רעוואָלווער. אויך לעאָן אָרלינסקי, דעם אדוואַקאט אָרלינסקיס א זון, וואס איז געלעגן אויף זייער גאניק מיט א רעוואָלווער און געשאָסן אויף די, וואס האבן געוואָלט קומען אין דער יידישער גאס.

די פויערים זענען אנטלאָפן. אפאר יידן זענען פארוואונדעט געוואָרן, איינער — אפילו שווער.

עס האט נישט לאנג געדויערט, איז מען געקומען צו חיים־שאולן און ביי אים צוגענומען די ביקס.

ווידער א פאגראם

מען האט געמיינט, אז מיט דעם האט עס זיך געענדיקט, אָבער ניין. נאך אפאר חדשים האט מען ווידער געהערט, אז די פויערים קלויבן זיך ווידער צו קומען רויבן. אבער איצט האט מען זיך גוט צוגעגרייט. ערשטנס האט מען געברענגט 50 יידישע מיליץ פון קראקע, וואס זענען געוועזן זעלנער מיט ביקסן. זיי האבן געהאט אויך אַ מאשין־געווער. זיי זענען איינגעשטאנען אין הערשל פיסטראָנגס הויז, פארנומען דאָרט כמעט דעם גאנצן שטאָק. דאס מאשינגעווער האט מען געשטעלט אויפן גאניק, יעדער האט אים געקאנט זען

אין שטעטל איז געווען א נייער קאמענדאנט. זיינס א ברודער איז געווען אָ ראדאמישלער פּאָליציאַנט. ער האט געשטאַמט פון אָ דאָרף נעבן ראדאמישלע. דער קאמענדאנט האט געזאגט צו די יידן, זיי זאלן גארנישט מורא האבן, ער איז פאראנטוואָרטלעך אז עס וועט גאָרנישט געשען.

דאנערשטיק אין דער פרי האט ער איינגעטיילט זעלנער אין אלע גאסן, זיי זאלן נישט אריינלאָזן קיין איין גוי אין שטאט ארײן. דאס מאל זענען די פויערים געקומען מיט פערד און וואָגן. זיי האבן געמיינט, אז זיי וועלן א סך קאָנען רויבן, אבער זיי האבן געהאט א טעות. זיי האבן פערד און וואָגן געלאָזט הינטער דער שטאט און אליין אריינגעגנבעט זיך דורך פארשידענע הינטערגעסלעך.

ס׳האט נישט לאנג געדויערט, איז דער מארק געוואָרן פול מיט פויערים. דער קאמענדאנט איז געגאנגען צווישן זיי; זיין ברודער, דער פּאָליציאַנט, איז אים נאכגעגאנגען פון הינטן מיט אָ רעוואָלווער אין דער האָנט און אים געהיט. דער קאמענדאנט האט געהאלטן גאנצע רעדעס פאר די פויערים. ער האט זיי געזאגט, אז ער אליין איז איינער פון זיי, ער איז א זון פון א דאָרף, אבער ער האט זיי געבעטן זיי זאָלן רואיק אהיים גיין. דאָס האט נישט געהאָלפן. איינער פון די פויערים האט אָנגעהויבן צו שרייען, אז ער איז אפגעקויפט ביי די יידן. ער האט געשריגן: „ברידער פויערים, נעמט אייך צו רויבן". דא זענען די ברידער לאנטשאק (דער קאמענדאָנט מיטן פאליציאנט) אוועק אן א זייט און געגעבן א באפעל צום מאשינגעווער. אזוי ווי דאָס מאשינגעווער האט אנגעהויבן צו שיסן, זענען די פויערים זיך צעלאָפן ווי פארסמטע מייז.

דאס שטעטל האט אויפגעלעבט און עס איז געוואָרן א נארמאל לעבן.

נאך א קורצער צייט איז פארגעקומען א מעשה רצח. עס איז געווען א דאָרפסגייער, וואס האט געהייסן יאָסל שעפער. ער האט געקויפט ביי די פויערים אין דאָרף אלץ, וואס האט זיך געמאכט (ס׳איז געווען א סך אזעלכע דאָרפס־גייערס). דער יאָסל שעפער איז כמעט יעדן טאג אויפגעשטאנען גאנץ פרי און געגאנגען אין דאָרף אריין. פארנאכט פלעגט ער צוריקקומען. עס האט נישט געטראָפן ער זאָל האבן אמאל פארשפעטיקט. דאס מאל — די פאמיליע וואַרט ביז שפעט ביינאכט און ער קומט נישט. צו מאָרגנס אין דער פרי האט מען עס געמאָלדן אין דער פּאָליציי. זיי זענען באלד אוועק אין די דערפער, ווו ער פלעגט גיין. אין איין דאָרף האט מען געזאָגט, אז זיי האבן נעכטן פארנאַכט געזען ווי יאָסל שעפער איז געווען אויפן וועג אין שטאט אריין. אויף דעם וועג איז געווען א קליין וועלדל און אזוי ווי די פּאָליציאנטן זענען אריין אין דעם וועלדל, האבן זיי געטראָפן ליגן יאָסל שעפער, א געהארגעטן.

די בייזע בשורה איז באלד געקומען אין שטאָט אריין און כמעט דאס גאנצע שטעטל איז געגאנגען זען דאס טרויעריקע בילד. דער רצח האט געמאַכט אָ שטארקן רושם, אז ס׳האט אוועקגענומען ס׳לשון. צומאָרגנס האט מען דעם ארון אנידערגעשטעלט צווישן בית־המדרש און קלויז. דער רב, חיים ענגל, האָט געמאַכט אָ הספד און פאָרגעלייענט די פרשה פון העגלה־הערופה. דער גאנצער קהל יידן האָט געענטפערט: ידינו לא שפכו את הדם הזה, ועינינו לא ראו.

נאך דעם רצח זענען די מענטשן פון שטעטל ארומגעגאנגען, ווי טויטע. מען האט מורא געהאט צו פאָרן, צו גיין הינטער דער שטאָט.

דעם רוצח האט מען באלד געכאַפּט און ער האט זיך מודה געווען, אז ער האט געהארגעט. ער האט ביי אים געזען פיל געלט און דאס האט אים געברענגט דערצו.

איצט האט מען זיך דערמאָנט, אז עס האט שוין אמאל אזא רצח פּאַסירט. מיט א סך יארן צוריק — אויך 2 דאָרפס־גייער, וואס איינער פון זיי האט געהייסן הערשעלע־יאָניש.

חיים־הערשעלע אייזלאנד, א וואלדגייער, פלעגט אָפט אריינקומען צו דעם „לעשני", וועלכער האט געהייסן שעווטשיק. ווען ער איז איין מאָל אריינגעקומען, האט ער געטראָפן שעווטשיקן ניש קיין רואיקן. אויך די ביקס, וואס איז שטענדיק געהאָנגען אויף אָ באַשטימט אָרט, האָט ער נישט געזען. האָט אים געכאַפּט א ציטער אין די ביינער און ער איז אוועק. באלד דערנאָך האט ער געהערט, אז מען האט געפונען צוויי געהארגעטע יידן אויף דעם וועג פון מיידען. האט זיך חיים הערשל געקלערט אז דאס האט קיינער נישט געטון, נאָר שעווטשיק. ער איז באלד געלאָפן אין דער פּאָליציי, מ׳זאָל ארעסטירן שעווטשיקן. יענער האט זיך באלד מודה געווען אז ער האט זיי געהארגעט און נישט צוליב געלט, נאר דער טייוול האט אים אנגערעדט דערצו.

אין שטעטל זענען געווען נאך דאָרפסגייער, אבער נאך דעם רצח פון יאָסל שעפער, האט מען אויפגעהערט צו גיין איבער די דערפער. בלויז איין ייד, אליעזר פלאנצגראבן, איז ווייטער געגאנגען אין די דערפער. וויפל מען האט אים נישט געוואָרנט: אתה מאבד את עצמך לדעת — האט עס נישט גֶעהאָלפן. ער האט געענטפערט: „פאר מיר האט איר נישט וואס צו זארגן. איך גיי תמיד ביינאכט און קיינער זעט מיך נישט".

און לייזער (אליעזר) איז נישט אהיימגעקומען איינמאָל. מען האָט געמאָלדן אין דער פּאָליציי. מען איז אים געגאנגען זוכן און דא האט עס לענגער געדויערט, ווי ביים פריערדיקן רצח. דער רצח, ווייזט אויס, איז געווען פארויס געפּלאָנט. נאך לאנגע זוכענישן האט מען אים געפונען, אבער א געהארגעטן. מען האט אים געברענגט אין שטאט אריין. דעם ארון האט מען אויך אנידערגעשטעלט צווישן בית־המדרש און קלויז, אויף דעם וועג פון בית־הקברות. און דער רב האט אין הספד ווידער פארגעלייענט די פרשה פון העגלה הערופה.

די ״ספּולקעס״

אין דער צייט זענען געקומען זייער א סך פּאַליאַקן פון אמעריקע צוריק קיין פוילן, עס האט זיך געמאכט אַ האנדל מיט דאָלארן. אביסל שפּעטער האט זיך גַעשאפן א שותפות־געזעלשאַפט פון 30 יידן — די גרויסע „ספּולקע״. ס׳האט זיך געשאפן אויך א קליינע „ספּולקע״, אבער א גוטע. די שותפים זענען געווען בלויז 5: חיים־שאול, זיין זון הערשל פּיסטראַנג, חיים־לייביש האָראָוויץ, ישראל גרין (דער קליינער ישראל) און אנשל טענענבוים. די הויפּט־סוחרים זענען געווען חיים־שאול מיט זיין זון. זיי ביידע האבן געהאט שענקען. ווי געוויינלעך, אז א גוי קומט אין שטאט אריין, גייט ער צוערשט אין שענק עפּעס טרינקען. חיים־לייביש האראוויץ און ישראל גרין זענען געווען די גֶעלטגעבערס. אנשל טענענבוים איז נישט געווען קיין סוחר און נישט קיין געלטגעבער, פונדעסטוועגן איז ער געווען דאס שיינדל פון דער „ספּולקע״. ער איז געווען א שיינער יונגער־מאַנטשיק און געהאט א מויל צום רעדן. און אזא איינעם האבן זיי באדארפט, ווייל דא איז געווען 5 קעגן 30. דאָנערשטיק, דעם טאג פון יריד, איז אנשלס באשעפטיקונג געווען צו שפּאצירן מיטן שטעקל אין דער האנט — פון חיים־שאולן ביז צו הערשלען — אַהין און צוריק, פון איין שענק אין דער צווייטער, זען צי אַלץ איז אין אָרדנונג און צי מען דאַרף נישט זיין הילף.

יעדע געזעלשאַפט האט געהאַט אין קראקע א מענטש אויף דער שווארצער בערזע, וועלכער האט צו וויסן געטון די פּרייזן פון דאלארן דורך טעלעגראמען (קיין טעלעפאָן איז דאַן אין ראדאמישלע נישט געווען). די טעלעגראמעס זענען געווען אזוי געמאַכט ,אז דער פון קראָקע האט געשיקט א נאמען און דער נאמען האט געהאט א באדייטונג — דעם פּרייז פון דאלארן. דאָנערשטיק ביינאַכט איז מען געפאָרן פארקויפן די דאלארן און פרייטיק נאך מיטיק זענען זיי אהיים געקומען. תמיד זענען געפאָרן 2 מענטשן. די פּאָרערס זענען מערסטנס געווען אַנשל מיט הערשלען.

איין מאל ווען זיי זענען געפאָרן קיין קראקא פארקויפן די דאלארן, האבן זיי געהערט, אז צומאָרגנס, שבת, וועט זיין א בארימטער חזן אין קראקע. האבן זיי באשלאָסן דאָרט צו בלייבן איבער שבת און גֵיין הערן דעם חזן.

ווען זיי זענען אהיימגעקומען, האבן זיי אָפּגעגעבן א דין וחשבון פון די הוצאות, — ווי געוויינלעך. אבער דא איז עפּעס נישט געווען גלאטיק. עס איז געווען געשריבן הוצאות, אבער אויף וואס — איז נישט געווען געשריבן. מען פרעגט אנשלען, זאגט ער „הערשל זאל זאגן״; פרעגט מען הערשלען, זאגט ער „אנשל זאל זאגן״. מען האט שוין אנגעהויבן זיי חושד זיין: ווער ווייס אויף וואס זיי האבן דאס געלט אויסגעגעבן? שטעלט זיך אויף אנשל און הייבט אָן צו זינגען דעם שיינעם „כבודו מלא עולם״, וואס זיי האבן געהערט ביים באַרימטן חזן און אַלץ איז קלאָר געוואָרן.

די אויטאמאביליזאציע

אין ראדאמישלע איז נישט געווען קיין באַן. די גאַנצע קאָמוניקאַציע איז געווען מיט פערד און וואגן. טאָרנע איז געווען די גרויסע שטאָט, וואס אלע ראדאמישלער יידן פלעגן דאַרט פאָרן קויפן די סחורות און ברענגען אין שטאט.

האבן זיך צוזאמענגֵענומען אפאר יידן מיט חיים־שאולן בראש: עס וואָלט געווען א גוט געשעפט צו קויפן אן אויטאָמאביל, וואס זאל פירן יידן קיין טאָרנע. עס האט נישט לאנג געדויערט און עס האט זיך געשאַפן אַן אקציע־געזעלשאפט ווייל אין יענער צייט האט אַן אויטאמאביל געקאָסט זייער א סך געלט.

אפאר יידן זענען געפאָרן קויפן דעם אויטאמאביל, מיט חיים־שאולן, ווי א מבין. ער האט דאָך אמאל געהאט א מיל אויף בענזין...

מען האט געקויפט א לאסט־אויטאמאביל און מען האט אים געמאַכט פאר א פאסאזשירן־אויטאָ. מען האָט געדונגען אַ שאָפער און אָפּגערעדט מיט אים 500 זלאָטעס א חודש. ווען עס איז געווען אַלץ פארטיק, האט מען טעלעגראפירט קיין ראדאמישלע, אז דער אויטאמאביל קומט קעגן אָוונט קיין ראדאמישלע. אין גאנצן שטעטל האט כמעט קיינער נישט געזען קיין אויטאמאביל. איז דאס גאנצע שטעטל ארויס הינטער דער שטאט אויפן וועג ווו דער אויטא דארף קומען. ווען דער אויטאמאביל איז אָנגעקומען, איז שוין געווען גאנץ פינצטער, אבער מען האט אים געזען פון דערווייטנס, ווייל ער האט געהאט 2 גרויסע קארביד־לאָמפּן. דער אויטאמאביל איז צוגעפאָרן ביז צו חיים־שאולס הויז. די 2 קארביד־לאָמפן האבן פארלויכטן די גאנצע גאס. דאס שטעטל איז יענע נאַכט נ׳שט אזוי שנעל געגאנגען שלאפן.

נאך אפאר טעג האט דער אויטאמאביל אָנגעהויבן צו פירן קיין טאָרנע און עס איז געווען נישט שלעכט. א סך מאָל אין טאג איז ער געפארן. אין דער פרי האט ער געפירט פאסאזשירן און באלד צוריקגעפארן מיט פעסער ביר און ווידער צוריק. אדער ער האט גענומען ליידיקע פעסער, אדער ער האט גענומען קאַסטנס אייער — אין אָוונט האט ער צוריקגעברענגט די פאסאזשירן און דאס געשעפט איז געגאנגען. האט זיך אבער געמאַכט אזא מעשה: דער שאָפער איז געווען פון קראָקע. ער האט גענומען 500 זלאָטעס א חודש און דאס איז געווען א סך געלט. אין ראדאמישלע איז געווען א שייגעץ, וואס האט געהייסן קאָניעטשני. האט ער געזאָגט אז ווען ער איז געווען ביי די זעלנער, האט ער געלערנט צו פירן מיט אן אויטאמאביל און ער קען זיין א שאָפער. ער וועט עס מאכן פאר ביליק געלט. קודם כל האט מען דעם שייגעץ צוגענומען צו הילף דעם קראקעווער שאָפער. נאך א צייט האט מען געזען, אז דער קאָניעטשני קען באמת פירן מיט דעם אויטאמאביל. האט מען דעם קראקעווער שאַפער אָפּגעזאגט. צומאָרגנס אין דער פרי האט דער קראָקעווער שאָפער גענומען זיינע פעקלעך, איז געפאָרן מיטן אויטאמאביל ביז טאָרנע און דאָרט האט קאָניעטשני איבערגֵענומען דעם אויטאמאביל. דעם טאג האט ער באדארפט 2 מאל פארן. מען האט אים אויפגעלאדן פעסער ביר און ער איז צוריקגעקומען קיין ראדאמישלע. צוריק קיין טאָרנע האט ער גענומען ליידיקע פעסער מיט אפאר פאסאזשירן. קאָניעטשני האט באוויזן צו פירן ביז ליסא־גורא. דא האט ער באדארפט ארויף אויף דעם וועג דאָמבראָווע־טאָרנע. אבער דאס רודער־רעדל האט נישט געארבעט: אנשטאט ארויף אויף דעם וועג פון דאָמבראָווע, איז דער אויטאמאביל ארויף אויף א בוים און דאָרט זיך פארהאלטן. דעם שאָפער קאַניעטשני איז גארנישט געשען, אבער די פאר מענטשן, וואס זענען געווען אין אויטאָמאביל, זענען פארוואונדעט געוואָרן פון די ליידיקע פעסער, איינער פון זיי אפילו שווער. די פּאָדערשטע טייל פון אויטאמאביל איז זייער רואינירט

געוואָרן. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס שטיקל אַרבעט האָט געמאַכט דער קראָקעווער שאָפער פון נקמה, וואָס מ'האָט אים אָפּגעזאָגט. ווען מען האָט זיך דערוווּסט אין שטאָט וואָס עס האָט פּאַסירט דעם אויטאָמאָביל, איז געוואָרן לעבעדיק אין שטעטל. פאַר די פיאַקערס איז געווען אַ שמחה, אָבער דער עולם יידן האָט עס באַדויערט. איצט וועט מען זיך ווידער דאַרפן שלעפּן מיט וואָגן.

די אַקציע־געזעלשאַפט האָט באַשלאָסן מען זאָל פאַרקויפן דעם אויטאָמאָביל, ווייל עס איז געווען אַן ענין מיט דעם ייד פון טאַרנע, וואָס איז פאַרווונדעט געוואָרן. ער האָט געמאָנט זייער פיל געלט — מער ווי דער גאַנצער אויטאָמאָביל האָט געהאַט די ווערט. חיים־שאול און חיים־לייביש האַראַוויץ האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון אויטאָמאָביל. קודם־כל זענען זיי געפאָרן צו דעם ייד פון טאַרנע — ער איז געווען אַ שטיקל קרוב פון חיים־שאולן און צוליב דער קרבה האָט מען זיך מיט אים פאַרגלייכט מיט ווייניק געלט. דאַן זענען זיי געקומען צו דער אַקציע־געזעלשאַפט, אַז זיי האָבן אַ סוחר, וואָס וויל קויפן דעם אויטאָמאָביל. אויך דעם ענין פון דעם פאַרווונדעטן ייד נעמט ער אויף זיך. אַזוי אַרום איז זיי געלונגען צו קויפן דעם אויטאָ פאַר ווייניק געלט. קאַניעטשני איז אויך געווען אַ שטיקל מעכאַניקער, האָט ער געהאָלפן פאַריכטן דעם אויטאָ און ער האָט אָנגעהויבן צו פירן ווי פריער. די בעלי־בתים זענען איצט געווען בלויז חיים־שאול מיט חיים־לייביש האַראַוויץ.

האָט זיך געמאַכט סוף זומער, עס האָבן אָנגעהויבן די רעגנס און שנייען, דער וועג איז געוואָרן שלעכט. מיט די שנייען האָט מען זיך נאָך אַן עצה געגעבן. מען האָט אויף די רעדער צוגעבונדן קייטן און אַזוי לאַנגזאַם זיך אַרויפ־געשלעפּט אויף דעם יאַנאָוויצער בערגל. עס זענען אויך געווען פאַלן, אַז די מענטשן זענען אַראָפּ פון אויטאָ און געהאָלפן שטופּן אים. פון ראַדאָמישלע קיין טאַרנע איז געווען 4 מייל. 1 מייל האָט זיך געצויגן דורכן פּאָוויאַט מיעלעץ. דעם מייל האָט דער אויטאָ ווינטער נישט געקאָנט דורכפאָרן. מען האָט געפּרוּווט צו פירן איבער פּילזנאָ־טשאַרני. אָבער דאָרט איז געווען פיל ווייטער. אָבער נישט דאָס איז געווען דער עיקר. אַזוי ווי דער אויטאָ האָט אָנגעהויבן צו פאָרן איבער פּילזנאָ־טשאַרני, זענען די ווייבער פון די פיאַקערס געפאָרן צום סטוטשינער רבין און געמאַכט יענעם גוואַלד: אַז 2 גבירים פון שטאָט האָבן געקויפט אַן אויטאָמאָביל און זיי נעמען צו די פּרנסה. דאָס איז טאַקע געווען אמת, ווייל ווי לאַנג דער אויטאָ איז געפאָרן גלייך קיין ראַדאָמישלע, האָבן די פיאַקערס נאָך געקאָנט לעבן, אָבער איצט, ווען דער אויטאָ האָט אָנגעהויבן צו פאָרן קיין טשאַרני, האָבן די פיאַקערס מער נישט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל זייער אַרבעט איז געווען צו פירן קיין טשאַרני צו דער באַן. דער סטוטשינער רבי האָט זיי צוגעזאָגט, אַז דער אויטאָמאָביל וועט נישט פאָרן. אויך אין שטאָט האָבן זיך מענטשן אָנגענומען די קריוודע פון די פיאַקערס און האָבן געזאָגט, אַז חיים־שאול וועט האָבן אַזאַ סוף מיט דעם אויטאָ, ווי ער האָט געהאַט מיט דער מיל. קורץ — עס איז זיי נמאס געוואָרן דאָס עסק. חיים־שאול האָט באמת מורא געקריגן ס'זאָל זיך נישט איבער־חזרן די מעשה מיט דער מיל. האָבן זיי פאַרקויפט דעם אויטאָמאָביל, אַבי עס זאָל זיין שלום אין שטעטל. אַזוי איז ראַדאָמישלע געבליבן אָן אָן אויטאָמאָביל און מען האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו שלעפּן מיט פערד און וואָגן קיין טאַרנע.

טעאַטער אַמאַטאָרן

אין שטאָט איז געווען אַ ייד, וואָס האָט געהייסן יעקאַלע. זיין זון, שיע האַרטמאַן, האָט געהאַט 5 זון מיט 2 טעכטער: זלמן־ראובן, מענדל, הענעך, לייביש, חיים הערשעלע. זיי זענען געווען אויסערגעוויינלעכע זין, ווי מען זאָגט — צו גאָט און צו לייט. מען האָט זיי גערופן בני יעקאַלעך, אָדער די האַרטמאַנס און זיי זענען געווען אין שטאָט זייער באַליבט. גוטע אַרבעטער און געלערנטע בחורים. אַלע האָבן זיי אויך שיין געזונגען. זלמן־ראובן, דער בכור, איז בחורווייז געפאָרן קיין אַמעריקע. מען זאָגט, אַז ער האָט דאָרט געאַרבעט אין אַ טעאַטער. ער איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע נאָך פאַרן ערשטן קריג. אין די יאָרן פון קריג איז ער און זיינע ברידער געווען ביי די זעלנער. נאָכן קריג האָט זלמן־ראובן אָנגעהויבן ביי אונדז זיין קאַריערע פון טעאַטער. ער האָט גענומען צו הילף זיינע 4 ברידער און האָט זיי צוגעגרייט פאַר שוישפּילערס אין טעאַטער. מען האָט געדונגען אַ גרויסן זאַל ביי יקותיאל אייזלאַנד און פורים האָבן זיי פאָרגעשטעלט „דעם אַלטן פאָטער". זעלבפאַרשטענדלעך, אַז זלמן־ראובן האָט געשפּילט די הויפּט־ראָל. וואָס איז דאָ צו דערציילן — די האַרטמאַנס האָבן איינגענומען דאָס גאַנצע שטעטל. אַ לענגערע צייט — וווּ מען מען איז נאָר געגאַנגען, האָט מען געהערט זינגען דאָס ליד, וואָס זלמן־ראובן האָט געזונגען. דאָס איז אַ ליד ווי אַ אַלטער פאָטער קומט צו די זין און טעכטער און מען לאָזט אים נישט אַריין. דאָס ליד געדענק איך ביז היינט, נאָך איצט קלינגט עס מיר אין די אויערן.

ברוך ווינד־יחיאלי
קיבוץ ניר דוד

צרור זכרונות מהילדות

שני השמשים של בית המדרש וה„קלויז" שונים היו באָפיים ובהתנהגותם. שניהם שלטו בכיפה בממלכתם שלהם. למען האמת יוגד, כי לא לשניהם היתה מידה שווה של שליטה על גודל הנאתנו ועומק חווייתנו ובמיוחד כשהמדובר היה בערבים הארוכים של ימי־החורף הקרים.

לבית המידרש רב־המידות היה כוח משיכה רב. הוא שימש לנו זירה למישחק ולהתפרקות בערבי החורף הקרים. עוד בטרם התפזרו המוני מתפללים לאחר תפילת „מעריב", ניצלנו אנו „הזאטוטים" הקטנים את צפיפות בני האדם המרובים הנהנים אף הם מאוויר החם והדחוס ומסביבם יכולנו לבצע את תעלולינו.

מנדיל קליין, „הכעסן", כפי שנקרא בפינו, הטיל בנו את חיתיתו ועל כן אימצנו לנו תחבולות שונות כדי להערים בתמרונים אלה. קרה ובשעות של אחרי־הצהריים, בשבת, עת הינחנו, כי מנדיל השמש נהגה משינה עמוקה — התפרץ הוא בסערה וחילק לנו מכות נאמנות. תכופות הרגשנו על בשרנו את נחת זרועו.



ר׳ יחיאל ווינד ואשתו שיינדל

לעיתים גם קרה, שדעתו נחה עליו ואז גילה מתינות ומאור פניו ועיניו הכהות המבריקות דיברו אל לבנו והרגשנו כי הוא כולו רוך ועדנה. במיוחד נחה דעתו בערבי „הסזון", כשעל דוכנו שפע של קטניות ועל שולחנו פרושה תערוכה עשירה של „מעשה־ביכלעך" שאנו, הילדים, נחשבנו לצרכנים הנאמנים ביותר. אנו „הפירחחים הקטנים" נשבענו לנקום במנדיל השמש. והנה בערבו של חנוכה, עת השמש מנדיל ניגש למלאכת הדלקת הנרות במנורה שהוצבה על החלון הדרומי הפונה אל הרחוב — הוצף הוא במבול של חפצים, בקריאות ובשריקות שמילאו את חלל בית המדרש ונבצר ממנו למלא את מבוקשו. במיוחד גבר זעמו בערביו האחרונים של חג החנוכה, עת חייב היה להספיק להדליק שבעה או שמונה נרות. לנו, הילדים, גרם הדבר קורת־רוח רבה אם כי לא פעם דבקה בנו הרגשת רחמים.

את מנדיל קליין הבלן ה„בעדער", זוכר אני גם במלאכתו בבית המרחץ הישן. בית מרחץ זה על פרוזדוריו הארוכים האפלים והקרים שהובילו אותי בואך אל חדר־המקוה החם וחדר הרחצה המיוחל. חיל ופחד אחזתני בעוברי דרך יסורים זו. היה זה „המשולש" שהטיל אימה עלי: בית המרחץ, ה„שול" ובית הקברות הישן.

מקור חוויות ילדות בלתי נשכחות הם סיפורי בלהות דמיוניים על רוחות ושדים, על כוחות טמירים ונעלמים השולטים בכיפה על הווייתנו ובעיקר בשעות מסויימות של הלילה. לא היה גבול ליכולת הקליטה של דמיוני על עולם הפלאות ועל הכוחות הדמוניים השולטים ופועלים כנסתרים מחוץ למעגל החוקיות המקובלת על הבריות. היו אלה סיפורי־בדים על „לעכטלעך" המסנוורים, המתגלים והנעלמים חליפות ולהם כוח משיכה והטעייה במיוחד על אלה אשר חטאת רובצת עליהם.

פחד ואימה הטילו בנו הסיפורים של עריכת „חצות" של המתים על־יד התיבה שב„שול" ואוי לאיש הנקלע לשם בעת עריכת „תפילה" זו. במיוחד הפליא לעשות בסיפורים על כגון זה: מנשה מלר הזקן. שיפעת סיפוריו היו כמעיין המתגבר וכוחו הסיפורי היה עצום ומרתק את כולנו. היה זה כרגיל בערבי שבתות שבין „מנחה" ו„מעריב", בטרם אפשר היה להעלות אור. מנשה הזקן עם סיפורי ה„מופת" שלו, היה שובה את לבי ובקוצר רוח חיכיתי להמשך סיפוריו הנפלאים והנוראים כאחד...

ר׳ איטשע שרויב חוזר הביתה

היה זה בעת ארוחת־הצהרים של אחת השבתות הרגילות. מבעד לדלת הפתוחה הפונה לעבר החדר שממולי הרגשתי

בתכונה מיוחדת במינה. לפתע קראה לי אמי ובלי הסברים מיוחדים הגישה לידי טס כסף „היפה שבכולם", מעוטר עיטורים להפליא ועליו פרי יקר מהמובחר, מפיץ ריח נעים.

משקיבלתי את הסברה של אמי על יעדי, לקחתי מידיה את הטס ויצאתי לדרכי. היה זה לכבוד ידידנו איטשע שרויב, שחזר זה עתה משבי הרוסי ואחד האחרונים מה„נאספים". איטשע לרר כפי שקראנוהו נשבה עוד בעת המלחמה העולמית הראשונה ונקלע שם מעבר המזרח הרחוק הסיבירי כחייל בצבא האוסטרי. היה זה בשנת 1920, כלומר, שלוש שנים לסיום המלחמה וכלתה נפשם של המשפחה לראות את אביהם בחיקם.

נרגש נכנסתי לביתו כשכולם מסובים ע"י ארוחת הצהריים ופניהם קורנות מאושר. הגשתי את הטס ובקול רם אבל מאופק הכרזתי: „לכבוד דעם גאסט". מבטי־כולם הופנו אלי ואני כאילו נעשיתי לרגע קט מרכז האירועים. כך דימיתי בנפשי. בחיוך רחב נגשה אלי אסתר הרעייה ונטלה ממני את הטס ותוך כדי כך הציגה אותי בפני בעלה — האושפיזין: „זה בנו של שיינדאלע יחיאל'ס". הסמקתי קמעה. וכרגיל התמלאו כיסי אגוזים ובעל השמחה בכבודו קם על רגליו ובלטיפה חמה ונשיקה על מצחי ליווה אותי אל מעבר הדלת.

לאחר שנים רבות נזדמן לי להכירו יותר מקרוב. כרגיל יושב היה ב„פוליש" של ה„שול" כשהוא מלמד את תלמידיו. מורה מיוחד היה איטשע לרר. התמזגו בו שתי אסכולות בחינוך היהודי המסורתי. איש קפדן וישר־דרך, עניו ועממי בכל ישותו. שנים רבות היה גם לפה של שיכבת העמלים מתפללי ה„שול". אין פלא, כי הוכתר כגבאי נצחי בה„שול" וזכה להוקרה ולכבוד מצד הציבור כולו שרק מעטים הגיעו לכך.

דוד אבנהולץ השוחט, ומשפחתו חוזרים מרומניה לרדומישל

באחד הימים הרחוקים, עוד בהיותי ילד, נתבשרנו על בואו של ר׳ דויד ומשפחתו מרומניה להתיישב ברדומישל מפי אבי שמעתי כי המדובר על משפחה גדולה, בנים ובנות וכולם בני שיר.

ר׳ דויד, בנו של ר׳ אלי איש התורה והלחן, אשר זכיתי להכירו בערוב שנותיו וכוחו עדיין היה עמו. קולו העמוק — הבאריטון הרועם — עוד מהדהד באוזני. בעומדו על־יד התיבה בעת התפילה הקסים ממש, ובקולו חוצב הלהבות הרטיט את כולם בחינת „וינועו אמות הסיפים". ר׳ דויד בנו, שהיה מחונן בחוש מוסיקאלי מפותח, שר גם מתווים, הביא עמו אל העיירה רוח השירה היפה המאורגנת וביתו היה הומה מלא נערים „טלאנטים", שמצאו כאן את פורקנם. ר׳ דויד אירגן לעצמו עדת־משוררים ופרק זמן התבלט הטנור „הפלאי" של חיים טננבוים.

לימים אף אני קינאתי בחברי חיים ונפשי יצאה להיות גם בין עדת המשוררים, אלא שכשרוני לא עמד לצידי. זוכר אני את מבוכתו של ר׳ דויד בעת בחינתי, והוא חיפש מוצא של כבוד על מנת שיניח את דעתי.

עם בגרותי יצא לי לשוחח עמו רבות. נמשכתי אל אצילות נפשו ורוחב־לבו. איש התבונה היה, ונועם הליכותיו אמרו כבוד. ר׳ דוד היה בעל אמונה עמוקה ויחד עם זאת היה כה סובלני ואנושי. כל יישותו אמרה הומאניזם. ממש צדיק בדורו.

יעקב הופשטטר — המשכיל הפלאי בעיירתנו

תקופת חברותו של אבי יחיאל ז״ל עם ידידו הטוב יעקב הופשטטר זכורה לי עד מאוד. זכרונות אלו מגיעים עוד מזמן שבתנו בביתנו הבנוי עץ אשר ברחוב היהודי.

היה גם זמן, שגם בעריש אייזלנד שותף היה לחברות זו. היה זה כעין משולש שצלעותיו אמנם שוות היו, אבל במהותה העמוקה של החברות המשולשת הזאת ביטא י. הופשטטר את יכולתו התיאורטית המכרעת ונהיה לדוברם הראשי כמעט בכל הסוגיות החשובות. את האמירה המסיימת והחותמת בכל עניין רציני שעמד על הפרק — נשארה היתה בידי יעקב הופשטטר. בעוד בריש אייזלנד חיבב את הפוליטיקה ונמשך אל האקטואלי וכוחו בפרשנות מבלי לצאת מרמת הקליטה ההשכלתית של סביבתו — נשאר י. הופשטטר איש ההגות העמוק. מוחו הפתוח, כושר ניתוחו וקשירת הקצוות הפליא רבים, ובהארת השגותיו הוסיף הוא מימד „פילוסופי" אשר היה משום יוצא־דופן ביחס לרמת ההשכלה של בני תקופתו. בדירוג ההיארכי של משכילי רדומישל התאים לו ביותר השם „היסטוריוסוף". בשיחותיהם ובמיפגשיהם המשותפים בבית אבי נסבו תמיד על נושאים רציניים ובחלקם מופשטים. זוכר אני את דיבורו השקט והמתמשך. מחשבותיו נראות היו לי משובצות ומסודרות כבמסגרת גיאומטרית. ניסוח הרעיון, בניית המשפט נעשה אצלו במתינות והם עברו היתוך במוחו, התבשלו מחדש ויצאו כמין איכות חדשה, נעשו מקוריות יותר. בציבור היהודי הבעל־ביתי „הנאור" בעיירתנו, הוסיף יעקב הופשטטר בזמנו — בתקופה מוגדרת מאוד — גוון מיוחד ונמנה עם הלמדנות הנאורה, מבלי שיבטא אסכולה קונקרטית כלשהי.

בעת טיוליהם בשדה הפתוח, אהבתי לחזור אחריהם וללקט בדרך גרעיני שיבולים שטרם בשלו ובלי משים אספתי פירורים זעירים מאימרותיו הנבונות מלאת־הטעם שוודאי השאירו רישומיהם בנפשי הצעירה. כך גם ראיתיו במימד־הראייה הבוגרת שלי.

בשנות מאוחרות יותר לחייו, נחבא י. הופשטטר והתעטף באיצטלה של תוגה דקה....

שימחת החתונה

חוויות־ילדות של שימחות יהודים בעיירתנו ספגתי מלוא חופניים. דירתנו המרווחת וחדריה הגדולים שימשו לרבים מתושביה מקום מוצלח לאירועי שמחות ובמיוחד שמחת הכלולות.

בשמחת החתונה השתתפו בדרך כלל רק מוזמניה. מקצת סקרנים אשר נמצאו בחוץ הציצו מבעד לחלונות, כדי לחזות בריקודי הבחורות ולהתבשם מיופיין ומלבושן הנאה של ה„קרענציל־פריילינס". גם לעניים הרעבים — בציפייתם לשעת כושר לסעוד לבם מטובי המאכלים — נמצא פתרון ובעבורם נמצא חתימת מקום באחת הפינות והלעיטו את עצמם מהמוגש וכן מ„השירים" המשופעים.

היו זמנים בהם המכובדים שבזקני עיירתנו ידעו את סוד השמחה: לרקוד ולהרקיד. עוד נחרת בזכרוני הופעתו של בנימין בלומנקרנץ הזקן עם ה„קוזאק" המלהיב. זקן זה, ספוג תורה וחכמה, רציני ויומרני נראה היה צעיר ברוחו וכן יצאו לו מוניטין בכשרונו הסיפורי המעניין, שהיה גדוש הומור ושנינות ומפליא היה בתיאורי אופי וטיפוסים למיניהם. ה„קוזאק" של בנימין בלומנקרנץ היה תמיד הדוגמה והפלא לעדת הצעירים שניסו אמנם לחקותו ובמעט הצלחה.

שלמה בעריל שהיה אורח נוטה לכבד את כולם בהופעתו, ניסה למלא את החלל עם פטירתו של ר׳ בנימין. וכטוב ליבו בי״ש ידע גם הוא למתוח את עצמו „עד קצה הגבול" הדק ביותר...

מחומר מיוחד קרוץ היה שלמה בעריל. מחושל באופיו, גברתני, עירני ללא מורא ופחד. בהרבה מקרים רציניים ובעת מצוקה ידע הוא להפגין יכולת ותושיה ומתחת קליפתו „המחוס־פסת" פעם לב חם ורגיש. רבים מבני עיירתנו ידעו להכיר רוחב ליבו ודאגתו לנצרך.

גם בשעות האחרונות לחייו ידע גבורה וכבוד.

על מותו הטראגי מספרים, כי ביום הוצאת זקני רדומישל להורג מאן שלמה בעריל לעלות על העגלות העמוסות יהודים בדרכם האחרונה אל בית הקברות. לקח את אישתו תחת זרועו ואמר: „40 שנה הלכנו יחד בחיים — נצעד נא לקראת המוות בקומה זקופה ביחד".

וכך צעדו בצוותא.



עומד מימין: ר׳ ישראל ווינד (חותנו של ר׳ דוד אייזיג). יושב: ר׳ דוד אייזיג. עומדים אחריהם: בנו ברוך; אשתו — חוה; בנו השני — יעקב; בלומה דורנברג (נכדתו של ר׳ ישראל) ואיידל — אשתו של ר׳ ישראל ווינד.

דודתי חוה — המטרוניתה המשפחתית

מכל קרובי משפחתי אהבתי את דודתי חוה. זו המטרוניתה המשפחתית. אליה נצמדתי ביותר, בשמחה ובשכול. גם עת שיחקתי משחק ה„ברוגז" בבית הורי והכרזתי „שביתת־רעב" — מצאתי מיקלט אצל דודתי חוה ושם בסתר סעדתי את ליבי, כשהיא יודעת ומבינה את הכול. לטוב ליבה לא היה גבול.

שני חדרים היו לדודה חוה ולדוד דויד. חדר־מיטבח עם כיריים שהוא שימש גם חדר־שינה ובו היתה קבועה ה„גריבע", אשר בתחתית הריצפה, ששימש מקום איחסון לתפודים. חדר שני רחב־המידות, שהיה חדר־האוכל וחדר־שינה ובנוסף שימש גם מחסן לעורות. מאחורי המיטות „שבחדר האוכל" עמדו שני ארונות ומאחוריהם פרוש היה מסך־בד עבה שווילון על המחסן שמאחוריו. שם במחסן אפשר היה לראות עורות יקרי־ערך כגון: ה„צויבל", שועל־הכסף, הנמייה, הבואש. מקירות החדרים נטפו מים רבים וריח של טחב מילא את חלל דירתם. גם בפרוזדור הצר אשר בהמשכו נמצא ה„סליק" הארוך והאפל — שימש גם כן מחסן לעורות הגסים ולתוצרי ציד שונים שצחנתם התפשטה למרחקים.

דודי דויד שעסק במסחר עורות היה מטבעו שתקן, קימץ בדיבורו ומכונס בתוכו. ידע ספר, מפוכח, קר מזג ומאוזן בנפשו. לא כן דודתי חוה. נרגשת ונסערת נעשתה לכל מאורע ולכל צרה של הפרט או של הכלל.

תכונה מיוחדת במינה היתה לדודתי חוה. וזאת לשיח עם כוחות „עליונים" ונסתרים בצורה ובדרך בלתי אמצעית. היתה זו אמנות השיחה. לעת מחלה שפקד את אחד מקרובי המשפחה — דינה של הדודה חוה להתייחד ולבקש תחנונים מעם הקדוש־ברוך־הוא. בכייה ותחנוניה הרם ע"י ארון הקודש הפתוח היה לשם דבר. וכשננעלו בפניה שערי רחמים העליונים — מעולם לא התייאשה. בעזרת דודתי פייגע החלו צועדות לעבר בית העלמין ולבקש את התערבותם של הקדושים והטהורים...

שלוש כתובות ידעו הן בבית העלמין וסדר ההתייחדות עמהן התנהלו לפי גדולת קדושתם בעודם בחיים. ראשית הצעידה היתה לעבר קברו של ר' אלי. משם המשיכו אל קברו של ר' רפאל הדיין ולבסוף אל הסבא ר' ברוך הדיין.

לאיש מהצד דומה היה הדבר לדו־שיח דרמטי שנמשך זמן רב. אמנות הדיבור והניב המיוחד, כושר „השיכנוע" היה מאלף ביותר. קורעי לב ומזעזעים היו תחנוניהן ונראים כה בלתי אמצעיים, עד כי לרגע נדמה לי (כמובן בדמיוני), כי הנה מתמזגים החיים והמתים והיו לאחד.

נער צעיר הייתי וסקרנותי לא ידעה שובע. אני לתומי חיכיתי להד, לרמז, לצליל שיעלה מעומקו של הקבר. לאכזבתי הגדולה לא התפתחה פנייתן מעולם לדו־שיח של ממש עם „דיירים של מטה" והצטערתי מאוד על שדודתי חוה יצאה מקופחת ביותר.

חגיגת „יום הולדת" של החמה בשנת תרפ"ה?

כבר ימים ושבועות לפני המאורע התבשרתי על מה שעתיד להתחולל. רבים התלחשו: גדולים וצעירים, פיקחים, שנונים וטיפשים מכל הדרגים. גם בויכוחים לא חסכו. איש איש עם פירושו, אמצאתו ובגודל דמיונו.

מסופר היה על יום שכולו „הרת־עולם" ועל רגע של שעת רצון לכל המשאלות הטובות והחסודות של בני ישראל ברדומישל המצפים לישועה. אנשי מעשה „מפוכחים" הכינו

את מכשיריהם בעוד מועד כגון זכוכיות למיניהן צבועות ומפוייחות במסגרות שונות ומשונות.

באותו בוקר „הסגולי", שברכת „ארוכות הימים" משמשת את משאלות כולם (כך מילמלו הזקנים והאמינו הצעירים), הוצפו רחובות עיירתנו המוני יהודיה. עוד לפני צאת החמה מנרתיקה, נראו כולם נוהרים שטופי שמחה אל הרחבה הגדולה שבפינת השוק הגובלת במבואותיה של בית המדרש וה„קלויז". זקנים וצעירים, נשים וטף ואף תינוקות דבית־רבן על זרועות הוריהם, שנראו מבוהלים ומבולבלים — הצטופפו בערבוביה.

עם הנץ החמה. עת הזדקרו רסיסי קרניה הראשונות, כבר החלו הריקודים ההמוניים, כשעשרות ספרי תורה בידי נבחרי הציבור. משולהבים מעצמם ומעוצמת אמונתם, פצחו בשירה אדירה אליה הצטרפו המוני בית ישראל, אשר מילאו את רחבי השוק.

מי שלא זכה לראות שמחה והתלהבות ספונטנית זו של יהודי רדומישל בהמוניהם — מעולם לא ידע שמחה מהי!

כוסו של אליהו ודמעות אבי

יותר מכל החגים אהוד עלי היה חג הפסח. בבית היתה התכונה רבה. החצר התמלאה גרוטות של השכנים מכל הסוגים. ספרי קדושה הוצאו החוצה והרוח האביבית הקלילה דיפדפה בהם חרישית. רעש של גילגול חביות „המגעילות" כלים למיניהם בעזרת מים רותחים על אבנים לוהטות. הגיע גם תורו של בדיקת החמץ באור לארבעה עשר בניסן, מה הנעים לי לראות במראה הנהדר איך אבי תר בכל פינות החדרים, אוסף וגורף שיירי חמץ בעזרת הנוצה הלבנה שבידו האחת לתוך־תוכה של כף־מאכל רגילה ואני, בנר אשר בידי עוזרו במלאכתו. ולמחרת בבוקר יצאתי כשליח מצוה עם כף החמץ שבידי עטופת קרע בד לבן אל בית המרחץ הישן ושם זרקתי את הכף אל התנור הגדול הבוער והמעלה בכל פעם לשונות אש צבעוניות חדשות.

ובערב לקראת לכתנו אל ה„קלויז" לקבל פני החג בתפילה מתהדר אני בבגדי החדשים, אשר נתפרו זה עתה ע"י שמואליק'ל החייט, שבקושי עמד בהתחייבויותיו להגיש את הבגד בזמן.

ובה„קלויז" לא עניין אותי שום דבר זולת מבטי הראווה של הנערים אל התוצגת של מלבושי החדשים.

הוי, כמה עצבות אמרו עיני חברי אשר לא זכו לבגד חדש זה.

וכך הגענו אל סעודת „ליל־הסדר". בחדר אווירה של התרוממות רוח. שלל האורות הבהיקו בזוהרם והשולחן היה ערוך מכל טוב. אבי לבוש ה„קיטל" ומסביב למותניו אבנט שזור חוטי כסף נוצצים, תפס את מקומו בתוך הכורסה המרופדת, נוטל את הקערה על שקערותיה המסומנות ועשויה חרסינה צ'כית למהדרין.

דממה מלאה הוד מילאה את החדר עת אבי נטל לידו כוסו של אליהו. אמי „הנועזה" שבכולם הזדרזה לפתוח את הדלת, כדי לקבל את פני אליהו. עיני תרות לכאן ולכאן. פעם לצידו של האבא כשאני מתרגש עד עומק ליבי לראות את דמעותיו הניגרות לתוך הכוס אשר בידיו כשבקולו הנרגש הנשמע כמנגינה עריבה משמיע את פסוקי „שפוך חמתך" ופעם מביט אני לעבר כוסו של אליהו ולחוש נגיעת קודשו. מלא פליאה אני על „זריזותו" של אליהו ומ„גבורתה" של אמי, הניצבת פנים אל פנים מול המלאך האושפיזין הנכנס.

חרדת „הימים הנוראים"

קרבת „הימים הנוראים" לא היו בעבורי כה נוראים. היו אלה ימי קודש כרוכים בימי שמחה ונראה לי תמיד, כי השמחה עולה ומרובה על הקודש.

ימי „ההתעוררות" ותפילת „הסליחות" שקדמו את החגים, שימשו חוויה בלתי נשכחת גם לנו הילדים. הדפיקות בחלונות ובתריסים ע"י זישה הקברן עוד בשעות החשכה, המעורר את יושבי הרחובות לאמירת „הסליחות" והד הנשמע והחוזר מהמכות הקצובות מירכתי השוק המרוחקים, מוסיפים הוד ויראה. אני צועד לצידו של אבא באפלת הרחוב והד צעדיהם של המוני יהודים בדממת הליל מפיג את המתיחות ומקל על כובד נשימתי.

שופרו של ר' משה זלץ

ראש השנה — חג נאה ושמח. יהודים מברכים ומתברכים. אומר אחד לחברו: „לשנה טובה תכתבו" והשני עונה — „לאלתר לחיים". יהודים מעלים חיוכים ופניהם קורנות. מתבסם אני מהאווירה החמה שב„קלויז" ומתוח קצת מהציפיה לתקיעת השופר.

ר' משה זאלץ, הסופר, המחזיק ב„חזקה" את שופרו כבעל תקיעה נראה אף הוא מתוח מאוד. מנדיל רייכמן עם מבטו העדין והחייכני היושב בקרבתו יודע מראש, כי דינו של השופר שיגיע לידיו. יואל הוניג, כורך הספרים, דער איינ־בינדער, עומד עם טליתו המורדת על פניו ומתוך כוונה רבה מתחיל הוא בקריאה הראשונה — תקיעה. משה זאלץ מתמתח ועונה ברצון ובנשיפה אחת מוצלחת פולחת האויר תקיעתו. אחרי כן באה הקריאה — תרועה. ההצלחה של ר' משה משחקת לו. אחריה באה הקריאה — שברים־תרועה. עתה מתחיל המשבר הגדול. ר' משה מנסה את כוחו שוב ושוב, מתעקש, מתעצבן ועמו כל הקהל ולשוא. מעשה שטן... כך בדיוק מפרש לעצמו ר' משה בעל תקיעה. השטן המקטרג מתגונן וסותם את שופרו של ר' משה. אבל כאן בא התימרון המהיר של ר' משה. השופר נמסר על־ידו לעבר מנדיל רייכמן המחכה בדריכות והוא המסיים בהצלחה את התצליל האחרון והחזק של „שברים־תרועה"...

הרצועה של ר' יואל הוניג

היה זה כרגיל בערב יום הכיפורים.

שעות רבות יכולתי לעמוד ולחזות בתמונה החוזרת ונשנית, ביהודים הכורעים ונופלים על רצפת בית הכנסת שבין התיבה והבמה כשיואל הוניג מצליף ברצועתו על גבם.

עונג מיוחד היה לי לראות יהודים מכובדים, גאוותנים מתבטלים בפני ר' יואל, מורידים מגאוותם וכבודם, כורעים ומכסים את פניהם ומצייתים ליואל בעל התמותה, המצליף (לא בכוח רב) על ימין ועל שמאל ללא משוא פנים על „חט־איהם כי חטאו"...

יום כיפורים ב„קלויז"

תפילת „כל נדרי" היתה מאורע גדול גם בעיני הילדים. עוד בטרם הגיעו הורי אל ה„קלויז", מקיימים היו את ביקוריהם המסורתיים אצל בני המשפחה ובהתרגשות בירכו איש את רעהו ואף התנשקו הדדית. אווירה מיוחדת אפפה המוני יהודים שנהרו אל בתי התפילה, כשפניהם מביעות רצינות. בה„קלויז" כבר ממלמלים בלחש ובדביקות את „תפילה־זכה" ור' אייזיק מאהלער תופס את מקומו ע"י התיבה. ר' אייזיק התמיר, שכולו אומר הדרת כבוד ורצינות, מהורהר ומכונס בתוכו. יודע הוא, כי שליח ציבור הוא לעדה גדולה, המצפה לרחמים וסליחה. בקול מתנגן שקט ועמוק מצהיר הוא „על דעת המקום ועל דעת הקהל" וממשיך כמנגינת פיו (שהיא גם מנגינת ליבו) את תפילת „כל־נדרי", כשכל הציבור חוזר אחריו בלחן מלא הרגש ובנפש בוכיה.

יום רציני וכבד היה יום כיפורים גם בעבורי. הבית היה סגור ורק בהפסקות הקצרות שבין התפילות יוצא אבי לשאול בשלום אמי. אנו, הילדים, נהנים כל היום מ„צרור" אשר במטפחת מיוחדת ובו דברי מאפה ופירות למיניהם ולסוגיהם. כל היום נמצא אני בציפיה לקראת תפילת „עבודה" המעלה בדמיוני משהו מהוד קדומים עת עמד בית־המקדש על תילו.

„הכריעה ההמונית" של כל המתפללים והחבטה החזקה הנשמעת עם נפילתו של בעל „המוסף" ר' יעקב הערש וגילוי יראת הכבוד של הענעך הארטמאן המרים את יעקב הערש ומחזק את רגליו הכושלות.

סוכתי הראשונה הנחמדה החרותה בזכרוני היא זו של ישראל וינד (רייכמאכער). יפה בהדרה הפנימי, בקישוטיה המרהיבים וברוחב מידותיה. ברצון ובאהבה שיתפתי את עצמי בקישוטיה ותמיד הרגשתי בה כאילו יושב אני בביתי. גם אם הופרעה ישיבתנו השלווה בה מחמת הגשם הסתווי, לא הופחתה שימחתנו. תמיד זכרתי, כי התצליל האחרון של החג, הוא יום שמחת־תורה והיא תביא לנו חוויות למכביר.

שמחת־תורה בה„קלויז" היה לשם דבר. מכל בתי התפילה אשר בעיירתנו באו המונים לחזות בריקודי הפאר של מתפלליו ולהתרשם מהתוצגת המרהיבה של כל ספרי התורה על עיטוריהם ומלבושיהם הצבעוניים, נזריהם ופעמוניהם.

ערב שמחת־תורה דמה לחגיגה (פסטיבל) עממי שגרף עמו תוך התלהבות המוני עם על כל שכבותיו. נשים וטף, בנות עליזות „הפוזלות" גם לצדדים, באו להתבסם מאווירת השמחה והרומנטיות שהקיפה את כולם. יוסאלע בראנד, הארי שבחבורה, המנצח הבלתי־מוכתר של הערב גרף לתוך מעגלו אף את המהססים ביותר וכל המעצורים הנפשיים נמוגו. הריקוד המלהיב ביותר שהגיע לפיסגתו — היה זה המלווה בלחן המסורתי, מתנת ר' יוסקה מאהלר — מייסדו של ה„קלויז" — שהוכתר כ„הימנון" ה„קלויז" מאז היווסדו.

במתח נפשי חיכיתי להמשכו של החג למחרת היום. במיוחד נעמה לי התערוכה של ספרי התורה, אשר הונחו לראווה לפי סדר גודלם כשמתחתיהם הגדולים וה„שמנים" ומעליהם הקטנים „הרזים". במיוחד נמשך ליבי לאלה הקטנים הצנומים הדומים מאוד לתינוקות בחיתוליהם, אותם אפשר ביתר בטחון להחזיק, ללטף ולהצמיד אל הגוף מבלי להסתכן למעוד רגל ולהפילם. ערב חג זה, הסתיים בתהלוכה מאורגנת אל ביתו של ר' לייביש אייזלאנד למישתה המסורתי ומוזמנים היו אליו כל באי ה„קלויז".

עברו מספר שנים והילד נעשה לנער. המתח הנפשי הלך והתעצם. עומס „החדר" ובית־הספר הוסיף נופך למתיחות זו. אני מתקרב לגיל ה־13. נעשיתי ל„בר־מצוה" ואולי ל„בר־חובה"? לאט הולכים ומתבהרים הגבולות בין ודאות ודמיון. נולדים רעיונות והזיונות על גדולה ועל כבוד. באה גם ההתנגשות בין תקוות רבות לבין המציאות. מעולם לא הייתי חולמני. ליבי היה פתוח, אוזני דרוכות להקשב העמוק ופתוחים ועזים היו חושי.

ובאה הקריאה וענה ההד. לא תמיד ידעתי לבטא את עצמי בדברים ואז באה „השיחה", השיר, המשחק. לא הכול הבינותי אך מה שראיתי וחשתי — כבש את ליבי כולו. וכך נתגבשה החברות העמוקה לרעיון, לשותפות־חיים.

הרבה הם הזכרונות. דפים עולים חוזרים ונמוגים ואם כי הרבה חלומות נשרפו בשלהבתם של הנעורים, ביצבץ מהם להט וצימאון לחיים חדשים ויפים יותר.

יפים ועמוקים היו הם חיי „צוותא". היתה זו מסכת חיה ומופלאה ובה ארוגים ושזורים מישאלות הפרט ותקוות דור. בחורים ובחורות מגבשים לעצמם דרך חיים ורעיון ונמצא גם המפתח לפתיחת הלבבות. כל אחד עם חלומותיו, רעיונותיו והזיונותיו. סנדר דורנברג המיותם, החיוור, ה„דלן מאונס" חולם חלומות מקסימים. קדרות חייו נוטעת בלבו אמונות ורעיונות על עולם „שכולו טוב וטהור". כאותו היהודי המאמין יום־יום, שעה־שעה, בביאת המשיח, כן סנדר „שלנו" מאמין בביאת המהפכה „הגואלת". כך האמין סנדר בכל תום ליבו הטהור ואולי כך האמין עד כלות נשמתו...

גרשון אייזלאנד, הספקן שלנו, קר־המזג והמחשבה. פוסח הוא תמיד על שתי שעיפים. הרעיון לחוד ומציאות לחוד. מפוכח לעילא ומשהו תמיד חבוי באמתחתו והוא כולו חידה ואפתעה. עורג חלומות והופכם למציאות. כזה היה גרשון, דינמי ויומרני.

אין ימים שמחים לישראל כמו שימחת־תורה!

שימחת תורה חגגו ב„קלויז" קצת אחרת מאשר בבית־המידרש וב„שול": בבית־המידרש ערכו „הקפות" פעמיים — בליל שימחת־תורה ובשימחת־תורה. לעומת זה ב„קלויז" ערכו „הקפות" שלוש פעמים: בליל שמיני־עצרת, בליל שימחת־תורה ובשימחת־תורה.

בליל שמיני עצרת נהרו מכל העיר ל„קלויז". אבי ז"ל היה עורך „הקפות". היה לו קול ערב והיה מרוצה וחביב לקהל כל העיר.

עריכת ה„הקפות" אצלנו היתה שונה מכל העיירות שבתפוצות הגולה. שבכל מקום חלוקת „הקפות" מתחילה בכוהנים, לויים, הגבירים הנכבדים ואחריהם — קהל המתפללים.

אצלנו לא חילקו „הקפות" — באף בית כנסת. — כל ספרי התורה הוצאו מארון־הקודש הונחו על השולחן והציבו שמירה מסביב. הזקנים בעיר לא זכרו אחרת, ולא ידעו סיבתו של מינהג זה. כנראה שפעם קרה מיכשול וספר־תורה נפל ארצה, ומאז תוקנה תקנה, לא לחלק ספרי־תורה ל„הקפות".

עורך ה„הקפות" החזיק ספר־תורה קטן, עתיק־יומין, שאף פעם לא קראו בו וקודש היה רק ל„הקפות". ב„הקפות" הראשונות הצטרפו חלק מהקהל והקיפו. לעומת זה ב„הקפה" השביעית „עוזר דלים" הקיף כל הקהל, מקטון ועד גדול. הניגון שהושר בשעת „הקפה" זאת היה א „סקרבובער" ניגון, כל השנה לא השמיעו אותו. היה קודש אך ורק ל„הקפה" השביעית „עוזר דלים".

אחרי השואה התקשר אתי ש"ב, ר' ראובן אייזלנד, שאל ודרש על הקרובים מי ומי ניצל מהשואה. סיפר לי זכרונות מהעבר ובכה על דאבדין ולא משתכחין. סיפרתי לו שהנני מעביר לבני את מינהגי וניגוני בית־אבא שימשיך את השרשרת. וכן סיפרתי לו שלימדתי את בני את הניגון של „עוזר־דלים" ושלחתי לו תוי־הניגון ושידע למה אני מתכוון.

התשובה לא איחרה לבוא. בקבלו את התוים רץ אתם למנהל המדור המוזיקלי של עתונו כדי לפענחם. כששרו לפניו את הניגון, הוא כותב, התרגש עד לדמעות. התדע מי הניגון הזה?

לפני מאה שנה, כשהסבא — דודנו, ר' יוסקה מהלר זצ"ל, יסד ובנה את ה„ז'בנר קלויז", לחנוכת ה„קלויז" שרו ניגון זה.

רק פעם בשנה, בשימחת תורה, ל„הקפה" עוזר־דלים" שרו אותו, והוא נקרא ההימנון של ה„קלויז".

המלמדים שלי

המלמד דרדקי שלי היה ר' שלמה שטרן — נכדו שלמה שטרן, בנו של אלתר שטרן חי בכפר־גדעון—דירתו היתה מאחורי ביתנו ברחוב המוביל מקביל למארק, מה„קלויז" על אחורי בית קוסטרקביץ. הוא נחרת בזכרוני כזקן נמוך־קומה, סבלן לילדים בהסברתו האבהית: „אם אמרו לך זה שולחן, זה ארון, הנך זוכר, אבל שאני מסביר, זאת אות גימל, זאת אות טית —

אינך זוכר". „עברי" לא זכיתי ללמוד אצלו, נלקח פתאומית למרומים. כל העיר התאבלה עליו, רבים היו מתלמידיו.

כשמלאו לי חמש שנים למדתי אצל ר' וולף־הרש אנגלנדר. אחיו היה ר' ישראל שוחט. הוא היה בין מתפללי ה„קלויז", אדם שקט, מלמד מתון, עשה את מלאכתו באמונה. כל השבוע למדנו את פרשת השבוע. לימד במתינות ובלי התרגזות. בהפסקות איפשר לנו לצאת החוצה וניצלנו את הזמן לשוח בשדה, בשדות של קוסטרקביץ, שהיו סמוך ל„חדר" שלנו.

מלמד הגמרא היה ר' אלתר'ל ברנקנופף. קראו לו ר' אלתר גימפלס. הוא היה מלמד בעל־אופי, בעל שיטות פידגוגיות משלו. שיטה שעד היום המחנכים לא החליטו לחיוב או לשלילה. מינהגו היה להרביץ, לא בסרגל, אלא ממש בידו החזקה.

אינני זוכר אם גם אני הייתי בין סופגי מכות, אבל פחד נפל עלי כשהרביץ בחברי. בזה הצליח לשמור על השקט ועל ההקשבה. כשרצה להכשיל תלמיד שלא הקשיב כראוי, הוא היה נכנס באימרה באמצע ההסבר „תמוז טענצן די געגז אויפן אייז" (בתמוז מרצדים האווזים על הקרח). התלמיד מחוסר תשומת־לב חזר ביידיש על האימרה והיה לצחוק בפני כולנו.

נוסף למלמדות היה גם סוחר־תבואה וקטניות. ביום ה„יריד" החל ביום חמישי, השאיר את התלמידים בתוך כותלי החדר, בהשגחת ה„רביצין" והוא יצא לשוק לסחור. בהתחשב שהיה מלמד טוב, אמן־פידגוג, הסכימו הורינו לסידור זה. בכלל לא הלכנו ביום חמישי כזה ל„חדר". העסיק אותנו בברירת קטניות. קיבלנו שק קטניות ובררנו אותן לסוגיה. זאת היתה עבודה „נעימה, בלי מכות ובלי נזיפות. לא קל היה להשלים עם המכות ורצינו לא פעם להקניט אותו. חיפשנו כל מיני תחבולות, לפעמים הצלחנו ולפעמים נפלנו בפח.

ר' אלתר לא היה בין הפזרנים, היה מקציב סכום כסף לחלק צדקה למחזרים על הפתחים. את הסכום שהקציב רשם על דפנות הארון בגיר וכל פעם כשתרם הקטין את הסכום עד שנגמר הסכום, יותר לא חילק.

אנחנו, על־מנת להתנקם בו, ולגרום לו הוצאות, הגדלנו כל פעם את הסכום. סיפוק רב נתנה לי פעולה זאת, וחשבנו אפילו שיש לנו חלק בצדקה זאת. בפעולה זאת הצלחנו. לעומת־זה, נפלנו בפח בפעולה הבאה:

בחדר השני ב„סלון", היה תלוי שעון על הקיר, לפיו התחלנו וסיימנו את יום הלימודים. כדי להקטין את שעות הלימוד, היינו מזיזים מזמן לזמן את המחוג, מבלי שהרגיש בכך, והרווחנו רבע שעה של לימודים. הנחת־רוח שהיתה לנו מפעולה זאת אין לתאר. פעם קרתה תקלה, טיפל בזה איזה צוציק שלא היה רגיל לכך. במקום להזיז את המחוג הגדול, הזיז את המחוג הקטן. התחבולה נתגלתה כמובן בנקל, וביום זה כבר היה לנו יום שמח.

ר' אלתר היה מבקר בביתנו מזמן לזמן. הוא נתקבל בסבר פנים יפות — הגישו לו כיבוד עם כוס בירה. לשבחו יש להגיד, שלא היתה כל אפליה אצלו. התייחס שוה לכולם — דרש הקשבה והתמדה בלמידה והצליח בשיטתו.

שנים לפני פרוץ המלחמה העולמית הראשונה, עלה לא"י ומנוחתו כבוד בצפת עיה"ק.

ר' מאיר קלמן, ממתפללי ה„קלויז" — איש תמים, תלמיד־חכם מובהק; כשאני למדתי אצלו היה כבר זקן מופלג. גם אבי ז"ל היה בין תלמידיו. חייו היו מחוץ כל הוויות עולם הזה, כולו שקוע בים התלמוד. מלמד היה מצעירותו ותמיד לימד בתוך כותלי ה„קלויז". כשהיה שרוי בהרחבת הדעת רגיל היה לספר לנו שהוא נעשה מלמד ביום שהקיסר פרנץ־יוזף הוכתר לקיסר ושבחוהו כמלך־חסד, הלימוד היה ברצינות רבה.

דברים בטלים לא השמיע אף פעם. מספרים שחסיד לץ ניגש אליו פעם ואמר לו: ר' מאיר קלמן כבודו מעכב את הגאולה.

ר' קלמן התחלחל לשמוע דברים כאלה ושאל בתמיהה: „מי, אני מעכב את הגאולה?" ענה לו הלז: „נאמר אין משיח בן־דוד בא אלא אם־כן העולם יהיה כולו זכאי או כולו חייב".

העולם, לדאבוננו, כבר כולו חייב. ר' מאיר קלמן עודנו זכאי.

ר' מאיר קלמן היה יוצא־דופן. לא נסע לז'בנא, אלא לאדמו"ר מבובוב הממשיך את השושלת של סאנץ.

ר' אלתר פליבוים, הנקרא ר' אלתר סאנצר ע"ש מקום מוצאו — לא היה מלמד בשכר, היה מגיד שיעור ב„קלויז" בשעות הבוקר המוקדמות לפני מיספר בחורים. למדנו בכורות עם פירושו של רי"ט אלגזי שלימודו היה לדעת הגמרא כפשוטה, בלי פלפולים.

כל זמן שלא הבין את הגמרא לא היה מעיין בשום מפרשים. כשהפסיק את הלימוד לשם עיון היה מניח את המטפחת („פייטשעלע") על הגמרא והיה יושב וחושב.

הוא היה אומר לתלמידיו: „כלל גדול בלימוד גמרא, קודם להבין ואח"כ לעיין במהרש"א.

מינהגו היה לעיין מזמן לזמן בדברי תורה וחסידות של בעל „דברי חיים" שהיה מורו ורבו.

בזכרוני נשאר „מופת" של הרבי שסיפר לנו. יום פרוץ מלחמת פרוסיה ואוסטריה היה בערב שבת והרבה יהודי סאנץ גוייסו לצבא האוסטרי. ההתרגשות היתה רבה וביחוד כמובן בקרב הורי המגוייסים. באותה השבת היתה שימחה בבית הרבי: נכדו בא בברית הנישואין. באמצע תפילת קבלת שבת פרצו האימהות של המגוייסים לבית הכנסת של הרבי בבכי ובצעקות, התחננו בפני הרבי שיתפלל להצלת בניהם מידי הגויים. הרבי במקום להקשיב להם ולהשתתף בצערם, התרגז ונזף בהם באומרו: אל תפריעו את שמחתי!

אבל אין מקשין על הרבי.

בגמר קבלת שבת ניגשו לשולחן, קידש על היין, נטל את ידיו ותיכף לאחר ברכת „המוציא" התחיל שר שלא כמנהגו מזמירות של יום שבת:

„העם אשר נע כצאן תעה
זכור לפקדו בברית ושבועה
לבל יעבור בם מקרה רע".

הרבי חזר על פסוקים אלה, מספר ר' אלתר סאנצר, מאה פעמים ואחת בבכיה שאין לשער. פחד נפל על כל המסובין וראה בעין שמשהו כביר מתרחש כאן.

כעבור ימים מיספר שבו כל המגוייסים הביתה, והשימחה בעיר היתה רבה. ר' אלתר היה גומר סיפור חסידי כזה במלים: אבי ז"ל היה שר את הפסוקים מדי שבת בשבתו בדביקות רבה — ואני, הקטן, ממשיך את המסורת ומעבירו לדור אחרי.

ואחרון אחרון חביב! ר' שמואל אלטמן, אביו של חברינו יוסף פפר ז"ל ואהרן פפר יבלח"א.

אצל ר' שמואל אלטמן, חתנו של ר' חיים פפר זצ"ל, למדנו שלושה חברים: משה'לה בן האדמו"ר מגרודזיסק, נכד האדמו"ר מפלנץ' שנפטר בצעירותו לפני 35 שנים.

נפתלי ווייס, בנו של שמואל ווייס — איש פעיל בתנועה הציונית בעיירה, נהרג בשואה, — הי״ד.

ואני.

ר׳ שמואל היה אז בשנותיו הארבעים, מטופל במיספר ילדים. לפרנסת הבית דאגה אשתו, היתה בעלת חנות למיני סידקית (גלנטריה). הוא לא מצא סיפוק במיסחר והיה עזר כנגדה ע״י נתינת שיעורים בגמרא.

ר׳ שמואל היה תלמיד־חכם מובהק, כרסו מלאה בש״ס ופוסקים, זך־השכל, חריף ובקי, ידען גדול בחסידות.

ר׳ שמואל היה אהוב על כולם והתלמידים העריצוהו.

ר׳ שמואל היה חסיד נלהב של האדמו״ר מפלנץ׳. הוא היה בעל־זכרון נפלא והיה חוזר על התורה של האדמו״ר מפלנץ׳ מלה במלה.

היה מעיין גם בספרי מחקר ואהב לעמוד בוויכוחים עם משכילי העיר וכולם ביקשו את חברתו.

ר׳ שמואל מת מות קדושים בזמן השואה.

יהי זכרו ברוך!

א. י. מהלר

תל־אביב

אנשי רדומישל בטרנוב

אנשי טרנוב, העיר הגדולה והקרובה ביותר לרדומישל משכה את עיירתנו מהרבה בחינות: היא היתה בבחינת „השער לעולם הגדול״; התנועה הלאומית הכתה בה שרשים עמוקים עוד לפני הרצל; לטרנוב נסענו לשמוע את נחום סוקולוב ואת אדולף שטנד. בשנת 1904 נוסדה שם תנועת „פועלי ציון״. הסוחרים נמשכו אליה בתור „המשביר״ לעיירה הקטנה.

טרנוב היתה מפורסמת בתלמידי חכמים, וה„צאנזר־קלויז״ היה שם. דבר שקרב כל האוכלוסיה היהודית שגרה בסביבותיה.

בן־עיירתנו הדגול ראובן אייזלנד חיבר לכבודה את הפואימה הנודעת „טרנוב״. טרנוב השפיעה גם על עשירי עיירתנו שראו בה מקום מגוריהם מפאת עסקיהם, כי פרנסתם לא היתה קשורה בעיירתנו, לכן מכרו את הנכסי דלא ניידי שלהם בעיירה ועקרו לטרנוב. בערך בין השנים 1907—1905 עזבו את עיירתנו העשירים: ר׳ אברהם אברדם, ר׳ משה רפפורט, ר׳ אליהו שלוסר, ר׳ חיים גורליצר, ר׳ אייזיק קויפמן, ור׳ הרשלה טורן; רובם היו ממתפללי ה„קלויז״, כולם היו עשירים בעלי יחוס רב ותלמידי חכמים (תורה וגדולה במקום אחד). עקירתם מהעיירה היה הפסד גדול בשביל רדומישל. בטרנוב נקלטו יפה, הוסיפו נדבך לחיים הדתיים של חסידי טרנוב וכמעט כולם היו ממתפללי ה„צאנזר קלויז״.

אצלנו בבית הצטערו מאוד על עזיבתם את העיירה, מפני שביניהם היו שני דודיו, אליהו שלוסר וחיים גורליצר והיתר היו מחותנינו. מאז היתה טרנוב קרובה לנו קירבה משפחתית והיתה עילה לבקר בה לעתים קרובות.

יעקב מלר

תל־אביב

זכרונות מימי המלחמה העולמית הראשונה

לא פעם, בלילות של נדודי שינה, חושב אני ומהרהר מהי הסיבה שמאנשינו, כה מעט אנשים ברחו מזרחה, הלא יודע אני שמכל העייר׳ת ברחו המוני אנשים מזרחה ורובם ניצלו ע״י זה, ואנחנו, אנשי רדומישל, כה מעט אנשים, ונשים בכלל, לא ניצלנו הזדמנות זו.

והנה עלה ברעיוני, שמאורעות קודמים שקרו לאנשי העיירה שלנו, במלחמה העולמית הראשונה ולאחריה, ונסתיימו ללא אסונות, השפיעו על האמונה שגם זה יעבור בשלום, והנה בא אני לקשור שני מאורעות שקרו אצלנו ונגמרו בשלום יחסי:

א) כידוע, היתה עיירתנו במשך 7—6 חודשים במלחמה העולמית הראשונה בשנת 1914־15, תחת הפלישה הרוסית. אם אינני טועה, היינו אני ומאיר זרמי (שטרום) היחידים בארץ שנשארנו אז ברדומישל עם כ־50 משפחות בזמן הנ״ל וטרם הספקנו לברוח מערבה, לאוסטריה, צ׳כיה והונגריה ובאו חזרה בשלום אחרי שחרור גליציה המערבית והמרכזית, אחרי מערכה כבדה ע״י גורליץ שנקראה: „דער דורכבראך פון גארליץ״. ליתר דיוק, ברחו כל אנשי רדומישל פרט למשפחת משהלי וינד, לפני בוא הרוסים, אלא עשרות משפחות, וביניהן המשפחה שלנו, נתקענו בטרנוב והרוסים הדביקונו. לאט לאט התחלנו, בערך 50 משפחות, חוזרים לרדומישל ולהסתדר מי בביתו ומי בבית זר כרצונו, ומעניין שהתרכזנו כולנו כמעט בגיטו ברחוב היהודי או בקרבתו. יוצאים מן הכלל היו איטשע וועג והרשל קוף בשוק וזלמן גרין ומשפחתו ברחוב ביה״ס. משפחות אלו התפרנסו בדוחק אבל היינו שבעיי־רצון. מאורעות או גניבות כמעט לא קרו. המפקד המקומי, סרן רוסי צעיר בערך, הנהיג משמעת ברזל ולא פעם קרה שנתפס חייל או כפרי באיזו גניבה קטנה והעניש אותו בפומבי לעיני־כול בעשר מלקות ויותר. הענשה זו היתה להלכה בלבד ולמעשה היינו מושפלים קצת. הכריחו אותנו כמעט כל יום, פרט לשבת, לעשות כל מיני עבודות כמו תיקון דרכים וניקוי השוק (המארק) ולאותן עבודות גופא לקחו את הגויים בשבת; רק פעם אחת קרתה תקלה, המפקד התגורר אצל איטשע וועג והוא הודיע לו מתי חג ומועד ומובן שגם הודיע לו ימים מיספר קודם, שהשבוע יהיה חג פורים, וכדרכו נתן פקודה למיליציה יום קודם שמחר לא ייקח יהודים לעבודה אלא גויים, בלבד. וכך היה. וקרה, בבוקר יוצא לו המפקד למרפסת ורואה ששמעון, בנו של איטשע וועג, מנקה את השלג לפני ביתו. „או!״ הוא אמר, „היעבריי, היהודי רימה אותי״, ובלי שום טענות ומענות שרק במשרוקית ופקד: „וושיע יעבראי זאבריאטש דא ראבוטי״ (לקחת את כל היהודים לעבודה). באותו זמן היינו כולנו בבית־הכנסת בתפילה ובשמיעת קריאת המגילה וכשיצאנו מבית הכנסת תפסו את כולנו לעבודה.

והנה מאורע רציני יותר ממשמש ובא. כידוע שימשה עיירתנו כחודש וחצי מקום מושבה של המפקדה הראשית הרוסית, מטה החזית הקרפאטית, שבראשה עמד גנרל רדקו דמיטרוב, ממוצא בולגרי, איש גוץ, במיטב שנותיו, טוב לב. והנה, בא פעם דודו של הצאר ניקולאי ניקולאייביץ, המפקד הראשי של כל צבאות רוסיה לביקור. ימים מיספר לפני בואו הודיעו לנו המיליציאנטים (אלה היו חיילים רוסים זקנים) על

בואו והזהירונו שאיש בל יתראה באותו יום בחוץ, אחרת יהיה גורלנו מר. צורר זה גירש את כל יהודי ליטא, קורלנד ועוד לערבות רוסיה. מובן, שקיימנו עצה־פקודה זו (יש לשער שהעצה יצאה מהמפקד המקומי, איש לא רע) והנה, ימים מספר אחרי עזיבתו של ניקולאייביץ׳ את עיירתנו, בא המפקד לגיטו שלנו ובישר לנו שבעוד חודש הוא יגרש את כל היהודים ונקב גם בשם המקום ברוסיה, וככה היה בא מדי יום ביומו כמו יהודי דתי סופר ספירת העומר ומודיע היום בעוד עשרים ותשעה ימים, היום בעוד עשרים ושמונה ימים וכו׳. כיוון שהגיע כבר לספירה של היום ה־14, התחלנו רצים בהשתדלויות אצל בעל בית המרקחת, מאטולה, שבביתו היה המפקד יוצא ונכנס והיה חשוב אצל הרוסים, היות ששם התאכסן הגנרל רדקו דמיטרוב בכבודו, ואצל הכומר המקומי, איש מאד נוח והם השפיעו על המפקד שיואיל לקחת כופר בסך —.1,000 רובל, בערך, בדיוק כמה אינני זוכר כבר, ובזה בטלה הגזירה, גזירת־גירוש.

אחרי זמן קצר עזב המטה הרוסי את רדומישל ועבר לפילזנו, ונשתרר שקט מוחלט בעיירתנו והיינו שבעי רצון אע״פ שהפרנסה נתמעטה, היות שהרבה משפחות התפרנסו ממסחר אצל הרוסים, אנשי הפמליה של המטה, שהיו מביאים סחורות ממרחקים, כמו לבוב; הם נסעו לשם עם הדואר הצבאי המקומי ובשובם הביאו סחורות שונות; רובם של החיילים הסוחרים האלו היו יהודים.

היו גם 2 רופאים יהודים אבל פחדו מאוד להתידד אתנו, אבל במקום אכסנייתם, אצל זלמן גרין ואביגדור שחר, השפיעו רוב טובות.

ב) והנה עוד מאורע, שקרה אצלנו בשנת 1918, עם קום פולין המשוחררת, שגם הוא נגמר בערך בסדר.

כידוע פרצו עם קום המדינה הפולנית מאורעות כמעט בכל עיר ועיירה ובמקומות מיספר גם פוגרומים קשים.

והנה, כמדומני, שזה היה בנובמבר, יום ה׳, כבר ימים מיספר הרגישו באוויר את הסכנה, היות שהמימשל החדש עוד לא היה חזק. הז׳אנדרמריה לא היתה אלא מיליציה בת עשרה אנשים בפיקודו של השופט קושניעזש, אנטישמי קיצוני.

הנוער, בעיקר החיילים שכבר שבו מהמלחמה, התארגנו להגנה עצמית. נשק כמובן לא היה, אולי אקדח אחד ברשותו של אשר זינגר ועוד אחד; עיבדו תכנית בעיקר להגן על הרחוב היהודי. ואכן, ביום חמישי, בשעה 9—9.30 פרצו המאורעות. נפצעו: ינקל גרין ועוד יהודים מיספר. כדרכם של פורעים התחילו בוזזים את החנויות ובן־רגע ננעלו כל החנויות על מסגר בכוח רב. התחילו מסתערים על ה„שענק" של „פוד ניבם" של לייזר פיסטרונג. המשמר האזרחי הסתובב בלי לעשות שום דבר. אז התעורר אחד מהמשמר האזרחי, הלא הוא מיודענו שימק גנצרסקי, השיכור המועד. הקנאה והשנאה נגד ה„חמים" שהולכים לכבוש את ה„פוד ניבם" שלהם וישתו בחינם, הוריד את הרובה וירה מספר יריות, אמנם באויר, והפורעים ברחו. לשמע היריות בא קושניעזש הנ״ל ולקח את כל המשמר האזרחי לעיריה ובכך הפקיר את העיירה.

אז הסתערו אנשי ההגנה העצמית, כמדומני, בפיקודו של ביזגייער, בנו של ישעיה מהסימטה שבין שלמה בלזם ובין נטע הרשלאג על הכניסה לשוק ואחד עם אקדח ירה באויר ובכך השתלטו על כניסה זו.

קצת הלאה, בסימטה של יחיאל קליין, ראש הקהל, התארגנו רובם של אנשינו ואשר זינגר ירה יריות מיספר מאקדחו.

ומעניין, אז הופיע ליאון, בנו החורג של ד״ר אורלינסקי, ובלי שום קשר עם אנשינו ירה מספר יריות לכיוון השוק נגד הפורעיב ובכך עזר להצלת השכונה היהודית והפורעים ברחו. (לא עבר זמן רב וליאון זה התנצר בקרקוב).

בקרב אנשינו היה השופט היהודי ד״ר גריס שפיקד עליהם. בשמוע קושניעזש שיהודים מתגוננים בהצלחה, לקח את אנשיו והתחיל מפזר את הפורעים הנשארים ואח״כ בא לאנשינו לחפש אצלם נשק. לעומת זאת, התנהג הכומר, אע״פ שלא היה ידוע בתור אוהב יהודים, ביתר הגינות. הוא בא בכבודו ובעצמו לאנשינו בתחנונים לא לירות והוא הבטיח לעשות מה שבאפשרותו להפסקת פרעות הגויים. דומני שעשה מה שהיה ביכולתו לעשות.

לדברים המתוארים לעיל הייתי עד ראייה, היות שנשלחתי ע״י אבי בהתחלה להוודע מה נעשה בחוץ ולא יכולתי לחזור ומצאתי את בטחוני האישי בין המגינים.

העיקר: עיירתנו ניצלה. אחרי יום חמישי זה נסע ד״ר גריס בלווית עוד אחד לקרקוב וקיבל מה־פ. ק. ל. קצין יהודי ועשרים רובים ברשות, בשביל חברי ההגנה העצמית והשלום הובטח. כשוך המהומות בסביבה, אחרי שבועיים בערך, באה פקודה מגבוה ופרקו את הנשק מההגנה שלנו.

כעבור ששה חדשים, באביב, שוב פרצו המהומות בסביבה ובקולבושוב הסמוכה היה פוגרום עם מיספר הרוגים יהודים. בראש המשטרה אצלנו עמד איש בן עירנו לונצק, שוטר אוסטרי ותיק, ועזר לו אחיו לונצ׳ק מהמשטרה העירונית, והם הצליחו בעוז ובטקט בעזרת מכונת ירייה שירתה באויר, להשתלט על נסיון של מאורעות ביום השוק, ולא קרה כלום.

לאור מאורעות אלו בכיבוש הרוסי ובהתחלת התחדשות המדינה הפולנית, שסכנות גדולות ריחפו מעל ראשינו וניצלנו מהן, לפי דעתי, זה השפיע על השאננות או נקרא לזה התקוה, שגם עכשיו יתבהרו העננים והכל יסתדר איכשהו, והסוף ידוע... אנשינו, רובם כמעט נשארו והמיעוט הקטן בלבד ברח מזרחה ומאלה רובם ניצלו.

☘

הנה מספר אפיזודות מעניינות:

1. אינני יודע, אולי זו רק אגדה!

בכל אופן שמעתי לא פעם, שהמלך הפולני הידוע יאן השלישי סאביעסקי עבר דרך רדומישל להגיש עזרה לוינה (1683) ויש בעיירה כסא שעליו ישב בהיותו ברדומישל.

2. זאת ראיתי במו עיני אצל נפתלי ווייס, מנהל מירשם התושבים היהודים; בפנקסיו על ביקורת הספרים נמצאת חתימה בגרמנית: קצין המחוז בזאסוב.

3. מעניין שהחלוץ הראשון שעלה ארצה בשנת 1913 או 1914, מהעיירה שלנו בעליה השניה היה דודי שיחי׳, הלא הוא ר׳ יוסף מיכעל בלס, שגר היום לעת זקנתו בבני־ברק, עד לפני כארבע שנים היה גר בירושלים שבה עברו עליו המלחמות העולמיות הראשונה והשניה, המצור הערבי על כל מאורעותיו; עם כל זיקנתו ועם כל מה שעבר עליו, הוא עוד במלוא כחו הפיסי והרוחני, מגיד שיעורים בשני בתי כנסת ומרוצה מעצמו בכל המובנים.

4. בימי שלטונם של הרוסים קבע המפקד המקומי מחירו של הרובל הרוסי לעומת הכתר האוסטרי. מובן שהעלה את מחירו של הרובל כפליים בערך משויו הרגיל, מה עשה המפקד? ביום השוק היה דרכו לבוא ולבדוק את המגירות

של הסוחרים, כביכול, הוציא מהם את הכתרים ונתן להם רובלים תמורתם. בסופו של דבר, היינו מוכרחים להחביא את הכתרים ולהשאיר במגירות רק את הרובלים והקופיקות.

לפני עזבו את העיר בבריחה עשו רשימה של כעשרה אנשים יהודים וגויים כדי לקחת אותם כבני ערובה לרוסיה (זאקלאדניקי). הדבר נודע לרוב אנשי רשימה זו והתחבאו. והגורל נפל על איטשע וועג וישראל גרין אשר הובלו לרוסיה ובסופה של המלחמה חזרו בשלום הביתה.

רפאל עבענהאלץ
פתח־תקוה

דאס לעבן און דער אונטערגאַנג

ראדאמישלע וויעלקי, א קליין שטעטל, אין גאליציע, 31 קילאמעטער פון טארנאווּ, פון מיעלעץ — 17 ק״מ און פון דעמביץ 21 ק״מ. דאס זעלבע אומגעפער פון דאמבראווע, ווי אויך פון סטוטשין וועלכע האט געבילדעט די גרענעץ מיט קאנגרעס־פוילן (די ווייסל). די ארומיקע דערפער, ווי דאלטשיע, זשוריק, זשאראווקע, האבן געדינט כמעט ווי דער מקור פון פרנסה פאר די ראדאמישלער איינוווינער. ביי 800 פאמיליעס — די העלפט יידישע.

א קליין שטעטל מיט א גרויסן מארק, א „טראַגאָוויצע", א וואעל־גאס מיט א פּאָר הינטערגעסלעך. דער מארק מיט זיינע געמויערטע הייזער, ווו קיין איינס האט נישט איבער־שטיגן 1 שטאָק. די הויפּט־געוועלבן זענען געווען: שניט, אייזן, תבואה און אייניקע שענקען. אויף דעם יריד־טאג, דאנערשטיק, פלעגן אלע אַרויסקוקן, ווייל דאן פלעגט זיך דער מאַרק, ווי אויך די טאַרגאָוויצע, אנפילן מיט וועגענער, כויערים, פויערטעס, וואס פלעגן ברענגען לאנדפּראָדוקטן: הינער, גענדז, אייער, קרוליקלעך, תבואה און קארטאָפל, גרינצייג, אויבסט — צום פארקויפן. די 2 בודקעס אין מיטן מארק — משהלע קריזער און אלתר איינהאָרן — זענען געווען געדיכט ארומגערינגלט, מ'האט זיי קוים ארויסגעזען. משהלע קריזער און אלתר איינהאָרן זענען אויך געווען די סאדע־וואסער פאבריקאנטן.

דעם טאג איז כמעט יעדער געווארן א סוחר: מ'איז געשטאנען מיט א שטעלעכל. טאנדעט, היטלען, שיך אדער קליינקייטן, ווי מעסערלעך, שיכבערשטלעך, זייף, פאדים, נאדלען א.א.וו. אזוי האט דער מארק־טאג גערויעט זומען און ווינטער.

אויך דאס שעכט־שטיבל פון עופות האט אויסגעזען ווי א האלבער יריד: אויסגעלייגטע גענדז, געשאכטענע און לעבעדיקע, האבן געווארט ביז בלומע אדער יוכבד דעם שוחטס וועט זיך אויסדינגען וועגן די פעדערן, וואס זיי פלעגן אפקויפן. דערווייל האט מען אריינגעכאַפּט א הינדל צום אָפּפליקן. דער רעש איז נישט געווען קיין קליינער.

צווישן דער דינגעניש האט מען געהערט תחנונימדיק: „בלומע קרוין, עס האט ווער אכטונג צו געבן אין געשעפט? פליקט מיר, איך ווארט שוין אזוי לאנג, איך מוז אנטלויפן".

עס האט אויך נישט געפעלט קיין אומגעדולדיקע געשרייען: „גיט מיר צוריק די גאנדז!"... „איך וועל נישט ווארטן, פליק מיר" א.א.וו.

געווען א צייט ווען ס'האט אויך געבליט דאס היטלמאכעריי. א סך האבן געעפנט אזעלכע פאבריקלעך. עס איז געווען א פּראָספּעריטי. מ'האט גענומען צו הילף די גאנצע פאמיליע און מ'האט געארבעט טאג און נאכט.

די זארג וועגן דירות איז נישט געווען אזוי גרויס. מ'האט געקאנט וווינען אין א געבויטער דירה. די עיקר־דאגה איז געווען: חיונה צו מאכן, די טעכטער א נדן, און אויף דעם האט מען געמוזט אנווענדן פיל ענערגיע.

ס'זענען געווען פאמיליעס פון 8—10 נפשות, וועלכע פלעגן זיצן אין אַן איין־צימער־וווינונג, דאס רוב אין די הינטער־געסלעך. א פּראָבלעם איז געווען וואסער. נישט איין שכן מיט צווייטן האבן זיך געקריגט (און טיילמאל צעשלאגן) אין א רעגן־טאג איבער דעם וואסער פון דער רינע. וואסער האט מען געקויפט. אין שטאָט איז קיין ברונעם פון קיין טרינק־וואַסער נישט געווען. מ'פלעגט נעמען אויף די עמערס ביי זשמודען אדער ווילקן — זיי פלעגן צעפירן מיט וועגענער פעסער וואסער.

אין שטאט האט עקזיסטירט א פאלקס־שול פון 7 קלאסן. דער איינציקער וועלכער האט „אויסשטודירט" זיינע זין איז געווען יעקב פעלץ ז"ל. דער עלטסטער זון, משה, איז געוואָרן אַ דאקטאָר אין קיעלץ; דער צווייטער, יוסף איז געווען אַן אדוואקאט אין ראדאמישלע; הערמאן האט נישט געענדיקט, ער איז געווען א ווינקל־אַדוואָקאט. שפּעטער האט ר' ברוך געלדציילער געלאזט לערנען זיין טאכטער אין גימנאזיע. אויך דעם רבס טאכטער האט געלערנט אין גימנאזיע.

ר' שמעון אייזלאנדס ז"ל זון, יחיאל, וועלכער איז פרי אוועק פון דער היים, האט שטודירט.

שפּעטער מיט אייגענע כחות, האבן געענדיקט דעם ווילנער לערער־סעמינאר מ. טענענבוים ז"ל און יבלח"א מענדל אייזלאנד.

עס זענען געווען ביי אונדז א פאר מלמדים, ווי ר' איטשע לערער, ר' הערשל לערער, פייגעלע ר' ישראל ווינדס, ר' אביגדור פינטשעווסקי, ר' שמואל אלטמן. מיט די שוין זעלב־שטענדיקע האט געלערנט ר' אליעזר פיסטראנג און ר' לייב בערנקנאָפּף. אויך דער רב, ר' חיים ענגעל ז"ל, האט געלערנט מיט בחורים, און ר' משה זאלץ ז"ל, דער סופר, האט יעדן שבת געלערנט תנ"ך. די תורה האט קיינמאל נישט אויפגעהערט אין ראדאמישלע. אויך די יעניקע וואס האבן זיך שוין דערלויבט צו שפּאצירן אין גלחס גארטן (וואס דאס איז צו יענער צייט געווען א חטא), אדער גיין אין פאלקס־ביבליאָטעק, האבן געלערנט א שיעור.

די עקאנאמישע באזע, די דעמאלטדיקע קאמוניקאציע־באדינגונגען, דער טראנספּארט דורך טשארנע און דער מסחר מיט טארנאווּ — מיט דער איינציקער פערד־קאמוניקאציע, וואס האט ביי שלעכטע שאסייען זייער לאנג געדויערט, — האט געשטערט דעם קאנטאקט מיט די שכנותדיקע שטעטלעך. שפּעטער האט זיך עס געלאזט פילן ביי די ארגאניזאציאָנעלע באציאונגען, ווי צוזאמענטרעפן, ספּאָרט־מאטשן און טעאטער־טרופּעס־אויסטויש. די איזאָלירטקייט האט געבילדעט א געוויסן וועג, צו, זוכעריי פון א „לאן?"

דער עיקר שפּאציר איז געווען אין די פרייטיק־צונאכטן —

אין מארק, אויף די טראטוארן. צו דער צייט האבן איינצלנע זיך ארייננעכאַפּט נאָכן טיש אין דער פאלקס־ביבליאטעק, אדער יחידים האבן זיך דערלויבט צו גיין שפאצירן אין גלחס גאָרטן. מיט דער צייט האט מען שוין אנגעהויבן צו שפאצירן אין דעמביער וועלדל, אדער ביז שפאנגעלעט (שבת נאכן עסן).

א גאַנצע וואך האט מען געארבעט אויפן שבת קודש. די חסידישע יונגע לייט פלעגן אויך אריינגיין צו ר' שיע אייזלאנד, אדער אליעזר פיסטראנג, אפטרינקן א האלבע ביר און פארבייסן מיט קיילעכדיקע ארבעס (פארשטייט זיך אויף באָרג ווייל קיין געשעפטן זענען חלילה נישט געווען אָפּן אום שבת). דורך דער הינטער טיר פלעגן זיך צוזאמענקומען חסידישע יידן, ווי ר' שמואל אלטמאן, ר' יוסף שמיד, ר' חיים לאבעווער יבדל לחיים ארוכים, ר' מענדל דעם שוחטס, יחיאל מענדל רייכמאן, מאָטל קליין, משה יעקב קאָך, יאנקל בראנד, שיעלעס א.א.וו. און מ'פלעגט אריינכאַפּן א פּאר האלבעס ביר. קיין ווייַן האט מען אין ראדאמישלע נישט געטרונקען (אויף קידוש האט מען געמאכט פון ראָזשינקעס).

די ארומיקע פויערים האבן געהייסן נישט פון די רייכע. נענטער צו סטוטשין, אדער צו מיעלעץ, זענען די פויערים געווען רייכערע. פון דארט פלעגן קומען פון די סעדער די בעסערע אויבסטן.

צו מאכן דעם שבת פאר די ראדאמישלער באַלעבאסטעס איז נישט געווען אזוי לייכט: די פליטע איז געהייצט געוואָרן מיט שטיין־קוילן. געבעקסן, אויסער ברויט און זעמל, האט מען געמוזט מאכן א ראזטשינע, פארקנעטן און באקן אליין.

אבער פרייטיק־צונאכטס איז אין יעדער שטוב געווען ליכטיק און פריילעך. עס האט אין ערגעץ נישט געפעלט לחם, פלייש, פיש און ווייַן.

אויך פרעמדע ארעמעלייט פלעגן נישט האבן קיין דאגה: מ'פלעגט זיי נאכן דאווענען אהיים בעטן. נישט איינמאל פלעגן זיך בעלי־בתים קריגן וועגן אַן „אויסגעכאַפּטן" אורח. ביי ר' דוד אייזיג, ר' שמעון לייב שטרום, אדער ר' קלמן אייזיג, איז זעלטן געווען א שבת אָן אַן אורח. די קאָנקורענץ צווישן די ראַדאָמישלער פרנסה־זוכנדיקע איז אויך נישט געווען קיין קליינע. ס'איז געווען א סך דאָרף לויפער (ד"ה די וואס האבן געזוכט זייער חיונה אין דאָרף). זאלמעלע גרין — א בעל מטופל מיט פיל קינדער — האט געהאט א שפּייז־געשעפט, פארקויפט מילך, געשאָכטן פון צייט צו צייט א קעלבל צום פארקויף, כמעט אלע קינדער זענען געווען באשעפטיקט און ער אליין איז נאך אוועק אין דאָרף האנדלען. ר' משה'לע ווינד, אַן אייער־סוחר, איז מיט די קינדער אייביק געווען א פאַריאַגטער אין דארף. יחזקאל שעפער מיטן ברודער, — קצבים און באשעפטיקט אין דארף. אזוי ר' דוד אייזיג און קלמן אייזיג, גרויסע עופות־סוחרים; זיי פלעגן ליפערן קיין קרענעץ און קאטאָוויץ — אויך זיי זענען זיך נישט באגאנגען אָן דעם דאָרף.

ס'איז געגאנגען אַן אייער־עקספּארט קיין אויסלאנד. די עקספּאָרטערן: חיים וואָלף ווינד יבלח"א און זיין ברודער ר' יחיאל ווינד; אויך די ווייבער זייערע זענען געווען אקטיווע סוחרים. ר' משה יוסף מאהלער מיט זיין איידעם, ר' איטשע באנקער — זייער אידעלע און באשיידענע מענטשן — האבן געהאט א שפּייז־געשעפט און עקספּארטירט אייער. שמואל און גומפל שפּילמאן זענען אויך געווען אייער סוחרים.

די קריסטלעכע באפעלקערונג האט אויסשליסלעך געהאנדלט מיט חזרים.

אין יאר 1932־33 האט אין די דערפער געהערשט א זייער פארביטערטע שטימונג. די פויערים־פארטייען האבן נישט געזשאלעוועט קיין אנטיסעמיטישע לאָזונגען. דאן זענען אנט־שטאנען ביי די פארשידענע פויערים־פארטייען „פּשיבודוור־קעס" (זייטיקע ארגאניזאציעס) ווי „סאַמאָפּאָמאָץ כלאָפּסקא". שפּעטער „פּזשישלאָשטש כלאָפּסקא" און אנדערע. דאס רוב פון די ארגאניזאציעס זענען געווען אין קאָנטאַקט מיט די שטעט, מיט די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס.

די פויערים־מאַרשן (אין אנהויב 33־קער יאר), וואס זענען געווען ארגאניזירט דורך די „סטראָנניצטווא לודאָווע", זענען געווען געצילט קעגן די שטעט — פארשטענדלעך: מיט אנטיסעמיטישע לאָזונגען. מיט דער הילף פון קאמוניסטישע אויפרופן און ביי דער מיטארבעט פון די אזוי גערופענע „פויערים־קאמיטעטן" איז געלונגען אויסצו־מיידן א פאגראם אויף יידן, וואָס איז שוין געווען צוגעגרייט. אין זאַסוּוו, דאָמבראָווע, דעמביץ, מיעלעץ, ראָפּשיץ און ראדאמישלע איז נישט געקומען צו קיין פאגראמען.

אין יאנואר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האט זיך דער אנטיסעמיטיזם נאָכמער פאַרשפרייט. אבער מיטן שטאַרקן זיך פון דער רעאקציע, האט זיך אויך פארשטאַרקט דער עקשנותדיקער קאמף קעגן דער רעאקציע. אין רעזולטאט זענען פארגעקומען גרויסע ארעסטן.

אין 34־סטן יאר האט ראדאמישלע גֶעליטן איינס פון די גרעסטע פארלוסטן: יוסף שטרום ז"ל, דעמאלט געווען סעקרעטאר פון קרעניצער יוגנט־קאָמיטעט, איז פלוצים אהיים געקומען קראנק. מ'האט אים אפגעפירט קיין טארנאוו אין שפיטאל, אפערירט און ער איז געשטארבן.

דער איינפלוס פון „דייטשן רייך" האט שטארק געווירקט אויף דער פוילישער שטודירנדיקער יוגנט. צו דער צייט האבן זיך שטאַרק פארשפרייט די פּיקעטן־אקציעס, דער באָיקאָט אויף די יידישע סוחרים. דער טעראָר פון דער סקלאַדקאָווסקי־רעגירונג קעגן דער אזוי גערופענער ספּעקר־לאציע, דאס שאפן קארטעל־בערעזע, האט אנגעזאגט די גאנצע גרויזאמע טראגעדיע פון יידישן פאָלק. עס האט זיך דערנענטערט דער אונטערגאנג. נישט געווען שוין קיין אנט־לויפן. דעם 6־טן סעפּטעמבער 1939, איז ראדאמישלע נישט געווען צו דערקענען: פון אלע זייטן האבן געצויגן מאסן מיליטער אין אומאָרדנונג, באפרייטע ארעסטאנטן האבן זיך ארומגעשלייכט אין מארק, נישט וויסנדיק ווו זיך אהינצוטון; די וועגן זענען געווען באדעקט מיט דורכגייענדיקע אלטע און יונגע, מענער, פרויען; באלייגט מיט הרוגים פון דער באמבארדירונג. דער ערשטער קרבן פון ראדאָמישלע איז געפאלן לייזער בראנד ז"ל, אין פשעצלאוו. דאס איז געווען פרייטיק. צומאָרגנס איז אין קולבעשוו געהארגעט געווארן יששכר שעכטער ז"ל. דעם זעלבן שבת איז אויך מענדל שענקער ז"ל פארוואונדעט געווארן אין קולבעשוו ביים אריינרייסן זיך פון די דייטשן, ימ"ש.

רעכטס און לינקס אין ראַדאָמישלע

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט, האט רדומישל רבתי (וויעלקי) זיך קונה שם טוב געווען מיט אירע תלמידי חכמים, ווי ר׳ אלי חזן, ר׳ חיים פעפער, ר׳ משהלע ראפאפאָרט, אייזיק קויפמאן, ר׳ ישראל גרין (דער זון פון נח גרין). אויך האט ראַדאמישלע זוכה געווען צו האבן פאר רב אין שטעטל דעם גאון הדור, הרב ר׳ שמואל ענגל זצ״ל, דערנאך אב״ד דק״ק קאַשאַו (טשעכאסלאוואקיי). דער גאונישער נאמען זיינער האט געבראכט קיין ראדאמישלע תלמידים פון ווייטן אונגארן. צווישע זיי האט זיך אויך געפונען א בחור מיטן נאמען חיים הלל יעקב, א שוסטערס א זון, וואס מ׳האט דעם שוסטער גערופן אין זיין שטעטל „דער מורא צדק״. זיין זון, ר׳ חיים הלל, איז געקומען לערנען קיין ראדאמישלע. בישט איין טאג פלעגט ער לערנען אומגעגעסן. דאס האט באמערקט ר׳ דוד ז״ל, ר׳ שלום ז״ל בראנדס איידעם, וועלכער איז נאך געזעסן אויף קעסט ביי זיין שווער. פלעגט ער אים, ווי זיין שטייגער איז געווען, ברענגען עסן. ר׳ אייזיק מאהלער ז״ל פלעגט נאכדערציילן אין קלויז פון דער התמדה פון דעם ראדאמישלער רבס תלמיד און זיין מסתפק זיין זיך במעט.

דער בחור חיים הלל האט באקומען היתר הוראה און האט חתונה געהאט קיין סיגעט (מאַרמארעש). אין צווישן־צייט האט מען אויפגענומען דעם מיעליצער חזן, ר׳ אלי ז״ל, ווי א חזן און מגיד קיין סיגעט. ר׳ חיים הלל, זייענדיק באפריינדט מיט דודן, ר׳ אליס זון, איז אריינגעקומען צום תלמיד חכם ר׳ אלי׳.

אויף די יום־טובים פלעגן מיר פארן קיין טאַרנאָוו, צו די רביים. דאס רוב האט זיך געטיילט אין צוויי גרופן חסידים: דער גראָדזשיסקער און זשאבנער. אויסער דעם פלעגן אויך זיין קליינע גרופעס וואס זענען געפארן צום שטוטשינער, נאך ווינציקער — צום דעמביצער. די רביים גופא פלעגן אויך צוקומען קיין ראדאמישלע אויף א שבת. פארשטענדלעך אז דעמאלט פלעגט זיין גאר היימלעך אין וויכוחים, ווי אויך עס איז געווען ווו צו גייין.

ס׳איז אויך אַנטשטאנען א „ביתר״, וואס די ארגאניזאטארן זענען געווען משה גאָלדפינגער, יחזקאל שעפער, וויגדער אייזלאנד, יצחק בלאס א.א. דער בית״ר האט מיטגעארבעט מיט מיעלעץ, ס׳פלעגן קומען פון דאָרט רעפערענטן.

די הכשרה־באוועגונג האט זיך אנגעהויבן אין אנפאנג פון די דרייסיקער. די ערשטע איז פון הנוער ארויסגעפארן שרה רויזנבלוט. אויך פון מזרחי האט מען געפאדערט מענטשן אויף הכשרה. זייענדיק שוין אין החלוץ האב איך באקומען דעם מאנדאט צו פאָרן קיין דעמביץ אין קיבוץ מזרחי. אין בראשניאוו האט צו יענער צייט עקזיסטירט דער קיבוץ „המפלס״ פונעם החלוץ, ווי אויך קבוץ „על המשמר״. געארבעט האט מען אין א טארטאק ביי נישט לייכטע באדינגונגען.

דער בית״ר, אונטער דער אנפירונג פון משה גאָלדפינגער, אביגדור אייזלאנד און יחזקאל שעפער, האט אויך נישט געוואלט אפשטיין פון באטייליקן זיך אין הכשרה. פון זיי איז ארויסגעפארן מנדל שענקער און יעקב אייזיג, אבער צוריקגעקומען זענען זיי שוין נישט קיין ביתרים.

תפארת בחורים

לויט דער איניציאטיוו פון הרב ר׳ מנדל הורוויץ זצ״ל (דעם מיעלעצער רב), איז אין ראדאמישלע ארגאניזירט געווארן א „תפארת בחורים״. דאס האט געזאָלט זיין אַן אַנטקעגנשטעלונג צו די אזוי גערופענע „פרייע ארגאניזאציעס״ — אויפצוהאלטן די פאר חסידישע ראדאמישלער בחורים. דער פרעזעס איז געווען עקיבא אלטמאן ז״ל, ר׳ שמואל אלטמאנס זון, יוסף פעפערס ז״ל ברודער.

שבת אין דערפרי האבן די בחורים געמאכט א מנין אין שטיבל פון בית המדרש. זיי האבן די ערשטע אין ראדאמישלע אנגעהויבן צו טראגן אזוי גערופענע פרוכתלעך, אנשטאט אן אויסבינדער (א ברייט שטיקל זייד, אדער א גלאַט מין שטאָף).

צו די אקטיווע מיטגלידער פון תפארת בחורים האבן געהערט: משה נאָרד, משה דעמביצער, פנחס בעטהייל, נחום שפיץ. זיי האבן צוגעצויגן משה גאָלד, וועלכער איז צו יענער צייט געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט פיל אויסלענדישע רעדאקציעס און האט באקומען אפילו „די ראָטע פאַהנע״ (אומלעגאל) אין פוילן, ווי אויך פיל אויסלענדישע צייטונגען. שפעטער איז אויך משה קאָרנפעלד צוגעשטאנען צו זיי, ישראל פריד און מנדל געלדציילער.

צעירי אגודת ישראל

איז אנטשטאנען כמעט פון די אלע, וועלכע האבן געהערט אין דער תפארת בחורים. דער ערשטער קאָמיטעט פון דער „אגודה״ — ווי זיי האבן זיך אליין גערופן — איז באשטאנען פרעזעס אלימלך כהן (קאן), ר׳ פנחס חזנס זון; וויצע פרעזעס — יחיאל עבענהאָלץ ר׳ דוד שו״בס זצ״ל זון, סעקרעטאר — מאיר וויגדאָר. זיי האבן איינגעפירט דעם דף היומי און אַבאָנירט די צייטונג „דאס יידישע טאג בלאט״ (אָרגאַן פון „אגודה״). משה גאַלד האט פון מאל צו מאל געשריבן אין דער צייטונג.

שטארק האבן זיך אָרגאַניזירט די „בנות אגודה״, ווי אויך א „בית־יעקב״, ווו נפתלי שנור ז״ל האט זיך אקטיוו באטייליקט. שפעטער איז משה נאָרד געווען דאָרט אַקטיוו. זיי האבן פאַקטיש באהערשט אלע בחורים פון בית המדרש. אפילו ראובן דאָרף האט געהייסן א מיטבאטייליקטער, נישט געקוקט דעריויף וואס אים זענען פאַקטיש נישט אנגעגאנגען די אלע זאכן. ער איז געזעסן און געלערנט. אַ קראנקער פון דער נאַטור, האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אויסערגעוויינלעכן זכרון אין תנ״ך.

מזרחי

ביי די קאָנגרעס־וואַלן פלעגט די מזרחי ארויסווייזן א געוויסע אַקטיוויטעט, בראש מיט מענדל אייזלאַנד. זיי פלעגן באקומען שטימען אין אַ נישט־דערווארטער צאָל.

אגודת הנוער העברי „עקיבא״

לויט דער איניציאטיוו פון משה גאָלדפינגער און דוד פעלץ, מיט דער מיטהילף פון קראקעווער מרכז, יהודה ארענשטיין, איז אין ראדאמישלע געגרינדעט געווארן דער קן. די אקטיווע אָרגאַניזאַטאָרן, דוד שרויב, פעשקע געלד־ציילער ברוך ווינד (חיים וואלפס), שפרה בלאס — האבן אנגעפירט מיט דער ארגאניזאציע ביי די שווערסטע (אזוי

גערופענע „פראקציע־קאמפן") צווישן עקיבא און הנוער הציוני.

די „עקיבא" איז פאקטיש געווארן אין יענער צייט אין ראדאמישלע די פירנדיקע יוגנט־ארגאניזאציע.

סוף 1929 ארגאניזירט פעשקע געלדציילער דעם החלוץ הכללי, ווו עס ווערט אויסגעווילט א קאמיטעט פון פאלגנדיקן צוזאמענשטעל: מזכירה — חנה גראס; איך און מטעם פועלי־ציון — יאנטשע צוקער (גזבר), יוסף שטראם און הערשל פון פלאנטש; מטעם „עקיבא" — ברוך ווינד. דאס איז געווען דער ערשטער קאמיטעט פון החלוץ. שפעטער איז צוגעקומען כישע גרין, נפתלי פיסטראנג, יצחק גאלד, יחיאל וויגדאר, חיים דוד ווינד, מינע שפאץ, יעקב פשעוואזניק.

אין טארנאוו איז פארגעקומען א קאנפערענץ פון החלוץ, ווו כמעט אלע די אויסגערעכנטע האבן אנטייל גענומען.

די „לינקע" אין ראדאמישלע

אין אנפאנג פון די דרייסיקער יארן האט אין פוילן שטארק זיך געלאזט פילן דער איינפלוס פונעם מזרח. אזוי איז צום ביישפיל געשטאנען די פראגע אין „שומר הצעיר" וואס מאכט א „שומר", ווען ער האט נישט די מעגלעכקייט עולה צו זיין? די עלייה איז באגרענעצט, שטודירן קאן ער נישט. אזוי איז געשטאנען די פראגע אין בראשניאוו, אין קיבוץ. איז דער לינקער איינפלוס שטארק געוואקסן. דער „הבה נתחכמה" האט אויך ארומגעכאפט די קליינע שטעטלעך, ווי דעמביץ, מיעלעץ, ראדאמישלע. דער עקאנאמישער מצב פון דער ראדאמישלער ארעמקייט איז געווען א שווערער, נישט געקוקט אויף דער הארעפאשנעקייט פון דער יוגנט (שניידערס, היטל־מאכערס, טאנדעט־נייערס) — ווייל מען איז ווינציק געשטאנען אין קאנטאקט מיט אינדוסטריעלע צענטרען. מיט די פויערים איז געגאנגען דער קליין־האנדל, אבער אין דארף האט אויך געהערשט אן אומרואיקייט, איז נישט שווער געווען צו געפינען מיט זיי א געמיינזאמע שפראך. די פויערים, דאס רוב באלאדענע מיט פיל קינדער, באזיצנדיק פון 1 ביז 10 מארג ערד (און דאס נישט־פרוכטבארע, זאמדיקע) האבן געהארעוועט און נישט געקאנט ארויסציען זייערע באדערפענישן. דער אנטאגאניזם מיט די „מיעשטשאנעס" איז נישט געווען קיין קלענער, גראד ווי צווישן די יידן און „מיעשטשאנעס".

דער אפקלאנג פון די פאלעסטינער אויגוסט־געשעענישן פון 1929 איז ביי דער ראדאמישלער יידישער באפעלקערונג געווען גאר א שווערער צוליבן פאלן פון ר' שמעון גערטנערס זון ז"ל, וועלכער איז געווען דער שטאלץ פון ראדאמישלע; ווי אויך צוליבן געפינען זיך אין פאלעסטינע פון די אנדערע ראדאמישלער, ווי: מענדל וואלף, מענדל פיסטראנג, אהרן אלטמאן, ר' יקותיאל גרינס זון, פנחס, מאיר שטרום. פון דעסטוועגן האט עס געוועקט די ראדאמישלער יוגנט צום שטרעבן צו הכשרה און עליה. דאס ערשטע איז פארווירקלעכט געווארן. אבער פינאנסיעלע שוועריקייטן האבן נישט דערלאזט צו עליה. בילדונג האבן די עלטערן אויך נישט געהאט די מעגלעכקייט צו געבן צוליב געלט־מאנגל. האט עס ארויס־גערופן יוירונגען אין שטעטל.

דער פאקט פון פולא־מארד (אין 31־קסטן יאר), ווען דער מערדער, פולא, א שטעטישער פאליאק, האט אין ראדאמישלע מיט א מעסער אויף טויט דערשטאכן א דולטשער דארפסמאן, אויך א פאליאק, נאר דערפאר ווייל ער איז געווען א דארפישער, האט ארויסגערופן אן אויפברויז ביי דער יוגנט. ווען מ'האט דעם מערדער ארעסטירט, האט ער געזאגט: „וואס איז דער מער, איז איין כאם ווינציקער"...

אין אנפאנג 1932 איז ארויס אן אויפרוף צו די פויערים וועגן פארביליקערן דעם אפצאל פון דער „טראגאוויצע" (דאס איז געווען דער אפצאל פאר די בהמות, וואס דער פויער האט געבראכט אין שטאט צו פארקויפן). אין אויפרוף האט זיך גערעדט וועגן א הנחה אויף 80% טארגאוויצע אפצאל. אונטערגעשריבן איז געווען: „ק.פ.פ., מיעיסקי קאמ. ראדאמישל וויעלקי". ענלעכע אויפרופן האט דאן ארויסגעגעבן דער ראיאן־קאמיטעט פאר די פאוויאטאווע שטעטלעך מיעלעץ, ראפשיץ, דאמבראווע, דעמביץ. אונטער א דרוק איז דערגרייכט געווארן א הנחה פון 15%. אויפן געביט פון דארף האבן די ראדאמישלער קאמוניסטן דערגרייכט זייער פיל. מיט זייער הילף זענען אויפגעשטעלט געווארן קאמוניסטישע קעמערלעך אין די דערפער דולטשע מאלע, דולטשע וויעלקיע, זשארוווקע. די טעטיקייט איז אנגעגאנגען צו באהערשן דאס דארף און ארויסשטויסן די איינפלוסן פון דער פויערים־פארטיי. דאס איז אויך געלונגען שפעטער, ביי די פויערים־מארשן אויף די פאוויאטן, ווי אויך אין 33־קסטן יאר בעת די פויערים־געשעענישן אין זאסעוו, פשעצלאוו, וועלכע האבן אנגענומען אן אנטי־רעגירונגס־כאראקטער, נישט־געקוקט אויף דער טענדענץ פון דער פויערים־פארטיי צו פארוואנדלען עס אין אן אנטיסעמיטישער העצע און מאכן א פאגראם אויף יידן. פיל האבן אין דעם פרט קעגנגעווירקט די ראדאמישלער מיט דער הילף פון ארומיקע דערפער.

אין 33־קסטן יאר, מיטן קומען צו דער מאכט פון היטלער י"ש, איז דער טעראר מצד דער פוילישער רעגירונג געוואקסן קעגן די ארבעטער און פויערים. ס'זענען געווען פיל ארעסטן אויך צווישן די פויערים. קארטוז־בערעזע האט זיי אויך נישט געשוינט. די יידן־העצערס האבן זיך געשטארקט, דער אנטי־סעמיטיזם האט זיך געלאזט פילן אין אלע טיילן פון פוילן. די סקלאדקאווסקי־רעגירונג — אנשטאט צו וועקן די אויפ־מערקזאמקייט אויף דער דראענדיקער סכנה מצד די שוואבן (מיט דעם נאמען ווערן באצייכנט די דייטשן דורך די פאליאקן), האט צו יענער צייט ארויסגעגעבן „עססטעטישע" פאראָרדנונגען: צו קאלכן הייזער, מאלן די פארקענעס, די פריסטאראווע איז ארויסגעטראטן מיט איר „הומאניטארישן" קעגן שחיטה־געזעץ; גערינג, י"ש, איז פארבעטן געווארן קיין ביאלאוויעזשע אויף יאגד. אזוי האט מען רעזערווירט די שעכט־פלעצער פאר דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן. די באיקאטן אויף די יידישע געשעפטן, מיט פיקעטן, האבן געוויזן וואס פאר א גוטע שול עס גרייט זיך צו פארניכטן די יידן. זבאנשין האט אויך סיגנאליזירט.

און רידז־שמיגלי האט דערווייל מסכים געווען אויף צו באקומען „זאאלזשיע", ארייגעכאפט דערמיט דעם לעצטן נאגל אין דער טרומנע פון פוילן. דאס אלץ האט גורם געווען צום אויפשטייג פון דער לינקער באוועגונג אויך צווישן דער יידישער יוגנט אין ראדאמישלע.

יוסף שטרום און סנדר דארנבערג האבן נישט ווינציק מיט־געווירקט (מיט גרויס סכנות נפשות) קעגן אנטיסעמיטיזם. יוסף שטרום איז געווען אן איידעלע נשמה, געשטארבן ווי דער סעקרעטאר פון קרעניצער קאמסאמאל.

הערשל פיסטראנג
ניו־יארק

זכרונות פון מיין שטעטל

א. ר׳ שמואל ענגל, ראדאמישלער רב

דער רב שמואל ענגל איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם, א צדיק הדור. ער האט ארויסגעגעבן א ספר שו״ת. צו אים זענען געקומען פון גאנץ אייראפע שאלות וועגן היתר ואיסור. ווען ער איז אלט געווען 13 יאר האט ער געקענט גאנץ ש״ס און ווען ער איז געווען ביים סאַנדזער, זכותו יגן עלינו, האט יענער געזאגט אויף אים, אז ער איז א „ספרים שאנק״.

דרשות האט ער געהאלטן אין שבת תשובה און אין שבת הגדול. אַ מאַן פון הויכן וווקס און א קאפ האט ער געהאט אזוי גרויס, אז מען האט געמוזט מאכן פאר אים אן עקסטרא קאפעלוש היקל אין ווין.

זיין גאנץ לעבן האט ער געליטן פון קראנקייטן, פון בלוט־שטאָרצן; ער איז מער קראנק געווען ווי געזונט.

איך געדענק איינמאל אין א פרייטיק אין דער פרי, ווען ער האט באקומען א בלוט־שטאָרץ, האט מען טעלעגראַפירט קיין קראקע נאך א פראָפעסאר. די גאנצע שטאט איז געגאנגען רייסן קברים און ביים פענצטער זענען געשטאנען יינגע קינדער און גרויסע בחורים, געוויינט און געזאגט תהלים. און גאט האט געהאלפן, ער איז געזונט געווארן און מאריך שנים געווען. נפטר איז ער געווארן ערשט אין קאשוי.

ער האט געהאט א זון, ר׳ חיימל, אויך א גרויסער תלמיד חכם, חתונה געהאט מיט דעם פאדגורזשער רבס טאכטער. די גאנצע פאמיליע איז אומגעקומען פון היטלערס רוצחים.

ב. דער פלאנטשער רבי,

ר׳ אברהם חיים האראוויטץ זצוק״ל

דער פלאנטשער רב איז געווען א זון פון ר׳ משה האראוויטץ. ער האט געוווינט א געוויסע צייט אין ראדאמישלע, געהאט 3 זין און צווי טעכטער. דער עלסטער זון איז יינגערהייט געשטארבן. איין זון האט געהייסן דודל און דער צווייטער אליעזר. די עלטסטע טאכטער האט געהייסן חוהלע און האט חתונה געהאט מיטן יאַסלערס זון, אלימלך; די צווייטע האט געהייסן מארגאלטשע, חתונה געהאט מיט ר׳ יוליש טייטלבוים, דעם סיגעטער רבס זון. ער איז אלט געווען 14 יאר צו דער חתונה. איך געדענק אים ווען ער פלעגט קומען צום דאווגען, געשטאנען אין ווינקל און זיך געשאָקלט. דער פלאַנטשער רב האט זיך אין אים געשפיגלט: ער האט זיך איינגעקויפט א גוטן איידעם און פון גרויסן יחוס.

ג. אפאר שילדערונגען פון פלאנטשער הויף

ערב ראש השנה ביים פלאנטשער רבין

סליחות פון ערב ראש השנה האט מען אנגעהויבן צו זאגן פיר אין דער פרי. אלע מענער און פרויען זענען געווען פארזאמלט אין דער שול.

דער פלאנטשער איז געקומען אין שול מיט דעם הויכן ספאדיק, מיט דער זיידענער בעקעשע און זיין פנים האט געשיינט. ווען ער האט אנגעהויבן צו זאגן אשרי יושבי ביתך... האבן די ווענט געציטערט.

ראש השנה ביים רבין

ערב ראש השנה זענען כסדר געקומען חסידים פון דער גאנצער וועלט צום רבין אויף יום־טוב. דער פלאנטשער האט געהאט טויזנטער חסידים.

ווען א חסיד איז געקומען, איז ער געגאנגען צום רבין שלום נעמען און נאכדעם זיכערן זיך א האטעל און א רעסטאַראַן פאר יום־טוב. אין שטעטל איז געוואָרן פריילעך, מען האט געמאכט גוטע געשעפטן. אזוי ווי עס איז נישט געווען קיין האטעלן און רעסטאראנען, האט מען אויך אריינגענומען צו עסן און צו שלאפן אין פריוואַטע הייזער.

אין אונדזער שטעטל זענען געווען חסידים פון פארשידענע רביים, ווי: זשאַבנע, דעמביץ, מעליץ, וואס פלעגן פאָרן ערב ראש השנה צו זייערע רביים. האָבן די בני בית געקאנט פארדינגען א צימער די צוגערייזטע חסידים און פארדינען א פאר קראָן. ווען דער חסיד איז שוין געווען פארזארגט מיט א סטאנציע, איז ער געגאנגען אין מרחץ אריין לכבוד דעם יום־הדין און נאכדעם צו ר׳ קסיל אייזלאנד טרינקען א גלעזל אָקאָטשימער ביר, מיט קיילעכדיקע ארבעס און עפעס אָפעסן אויך.

געדאווענט האט מען אין דער גרויסער שיינער שול, וועלכע איז געווען באלויכטן מיט בליץ־לאָמפן און הענג־לייכטער. דער רבי, ארומגערינגלט מיט א סך חסידים, איז געקומען אין שול און באלד זיך געשטעלט צו דאווגען מנחה. מערב האָט געדאווגט איינער פון די אָנגעזעענע חסידים און דער רבי, מיט זיין זיסער שטים, האט געזאגט פסוק ביי פסוק דעם „לדוד מזמור...״

נאכן דאווגען איז יעדער חסיד צוגעגאנגען צום רבין ווינטשן אים א שנה טובה און אוועק צו זיך אויף דער אכסניה עסן, ער האט געמאכט קידוש, זיך געוואשן געגעסן און געבענטשט. נאכן עסן איז מען ערשט געקומען אין רבינס בית המדרש, צום רבינס טיש.

דעם רבינס בית המדרש איז געווען א גרויסער, מיט לאנגע געגרייטע טישן. זילבערנע רערן־לייכטער האבן באלויכטן דאס בית המדרש. געבראכט האט מען צום טיש גרויסע טעלערס פיש און דער רבי האט געטיילט שיריים. דאס צווייטע מאכל איז געווען לאָקשן מיט יויך און צוקער־ארבעס; נאכדעם — די גרויסע טעלערס מיט פלייש, וואס האבן פארשמעקט אין גאנצן בית המדרש. צווישן איין מאכל און דעם אנדערן האט מען אויך געזונגען זמירות — דער רבי אליין, אדער ער איז מכבד געווען א בכבודיקן חסיד. צום סוף פון עסן האבן די חסידים געשטעלט וויין צום טיש, וואס איז געווארן אויסגערופן דורכן גבאי משה חיים. ער האט אויסגערופן דעם נאמען פון חסיד אין די צאל פלעשער וויין וואס ער שטעלט. דערנאָך האט מען נאך געטאנצט און געזונגען, געבענטשט מזומן — ווען עס איז שוין געווען אין דער האלבער נאכט.

ראש השנה אין דער פרי האבן די מתפללים געוואַרט אויפן קומען פון רבין, וועלכער האט אנגעהויבן דאס דאווגען מיטן געזאנג פון אדון עולם... די פארשידענע טיילן פון די

תפילות האבן שוין געהאט זייערע בעלי־תפילות: ר׳ נפתלי פייגעלעס האט געזאגט פסוקי דזמרה מיטן יום־טובדיקן ניגון; שחרית מיטן „המלך” האט געדאוונט אברהם קאָלביסיוער ווען די קאָלביסיוער חסידים האבן אונטערגעהאלטן. דער רבי אליין האט געזאגט שיר המעלות ממעמקים.

עולה לתורה זענען געווען די תלמידי חכמים און עלטערע יידן.

פייערלעך און פּאָרכטיק איז פארגעקומען דאס בלאזן שופר ביים פלאנטשער רבין.

פארן שופר בלאָזן איז דער רבי געגאנגען אין מרחץ אריין מיט אים אויך אנדערע חסידים. צוריקקומענדיק פון מרחץ איז דער רבי מיט זיינע צוויי זין ארויף אויפן בעלעמער. ר׳ חיים פעפער האט אנגעהויבן צו זאגן למנצח לבני קורח מזמור און די פסוקים מן המצר קראתי י־ה. דער פלאנטשער איז געווען מקריא. שופר האט געבלאזן: דעם ערשטן טאג ר׳ דודל, אין צווייטן — ר׳ לוזערל. מוסף דעם ערשטן טאג האט געדאוונט דער פשעצלאווער שוחט און אין צווייטן טאג — ר׳ שמעון באַראַנאָווער. ווען דער חזן איז געקומען צו די ווערטער בראש השנה יכתבו... האט דער פלאנטשער געהאלטן די גאַנצע צייט דעם קאפּ אויף דער שטול און געוויינט, אז דאס יידישע פאָלק זאל האבן א גוט יאר. ווען דער בעל תפילה איז געקומען צום פסוק: כי כשמך כן תהילתך, האט ער אנגעהויבן צו זינגען, דער עולם האט מיטגעזונגען און דער רב האט געטאנצט און געזונגען. אין א פלאַמיקן טאנץ איז זיך דער רבי פארגאנגען ביי היה עם פיפיות שליחי עמך בית ישראל. ווער עס האט נישט בייגעוווינט דאס דאוונען פון פלאנטשער און ביים פלאנטשער ראש השנה, קאן זיך נישט פארשטעלן קיין פארגעניגן פון יידישקייט.

נאכן דאוונען איז מען געגאנגען צום רבין אויף קידוש און אין גרויסן בית המדרש עסן די סעודה. דערנאך — צו תשליך, צום ברונעם, וואס איז געווען אין מיטן מארק. בעת דעם גיין האט מען דעם גאנצן וועג געזונגען און געטאנצט א פריילעכן חסידישן זמרל.

מעריב פון צווייטן טאג ראש השנה האט דער רבי געדאוונט אין בית המדרש און געמאכט קידוש. א חסיד זיינער, אן אונגארישער ייד, האט געהאט די חזקה צו ברענגען א נייע פרי, איבער וועלכער דער רבי האט געמאכט א שהחיינו. די פרוכט האט געהייסן אניסאפּל, דער חסיד האט זי געבראכט פון זיין אָרט, אנגעוויקלט אין א סך פאפירן זי זאל נישט קאליע ווערן. ער האט זי פּאָוואָליע אנגעהויבן אויסצופאקן, אנידערגעלייגט אויף א טעלער; דער רבי האט אנגעהויבן זי צו שיילען און געגעבן די חסידים אויך א כזית צו מאכן שהחיינו.

מוצאי יום־טוב, נאך דער הבדלה, איז מען געגאנגען זיך געזעגענען מיטן רבין. צוערשט איז מען געגאנגען צום גבאי משה חיים שרייבן א קוויטל. מיטן קוויטל און מיטן פדיון איז מען געגאנגען צו דער טיר פון רבינס חדר, ווו עס איז געשטאַנען יאָסעלע גבאי און אריינגעלאזט בלויז איינציקווייז צום רבין.

קסיל אייזלאנד האט געפלעגט דערציילן, אז 10 פעסלעך אקאטשימער ביר האט מען ביי אים אויסגעטרונקן און קיינער האט נישט באַצאָלט מיט געלט. ערשט נאך יום־טוב האבן אלע יידן באַצאָלט ביז א העלער.

אויך עשרת ימי תשובה האט געלייגט זיין חותם אין פלאנטשער הויף. שבת עשרת ימי תשובה האט דער פלאנטשער זכותו יע״א געזונגען זמירות מיט אנדערע ניגונים: דעם שלום עליכם, אשת חייל א. א. אין טאג פון שלוש עשרה מידות האט געזאגט סליחות ר׳ אברהם וורצל. נאכן דאוונען האט מען געזאגט גאנץ תהילים און געפאסט ביז 12 א זייגער.

ד. דעם פלאנטשער רבינס מופתים

ביי אונדז האט געוווינט אַ פאמיליע וואָלינסקי אין די זגורסקע גאס, ווו דער רבי האט געוווינט.

אין א ווינטער־נאַכט (דאס איז געווען חנוכה־צייט) איז דער רבי געזעסן און געלערנט. פלוצלונג האט ווער אריינ־געווארפן א שטיין אין רבינס פענצטער. האט דער רבי געזאגט, „קרום און לאָם זאל ער ווערן”.

מען האט גערופן יאנקל בעדער (ער איז געווען א גלעזער) און ער האט אריינגעשטעלט נייע שויבן און מ׳האט עס פארגעסן.

אין איין פיינעם טאג איז, דער עלטסטער שייגעץ פון שטאט־גוי, וואלינסקי — א הויכער און שטארקער, אלע יידן האבן פאר אים מורא געהאט, ווייל ער איז געווען א גרויסער אנטיסעמיט — פלוצלונג קראנק געווארן. די דאקטוירים האבן נישט געוווסט וואס פאר א קרענק דאס איז. ער האט געפרעסן און געטרונקען ווי תמיד, נאר ער איז געווארן איינגעשרומפן, אלץ קלענער און דארער און ס׳איז אים אויסגעוואקסן א הויקער. דער הויקער איז כסדר געווארן גרעסער און ער איז געווארן מיט יעדן טאג קלענער.

ביז ער זאגט די עלטערן זיינע, אז דאס איז זיכער גאטס־שטראף, ווייל ער האט אריינגעווארפן שבת צו נאכט א שטיין אין רבינס פענצטער.

איז געקומען וואלינסקי מיט זיין פרוי צום פלאנטשער רבין און זיי האבן אים געבעטן, אז זייער זון זאל געזונט ווערן. זיי האבן אים געזאגט: זייער זון האט זיך מודה געווען, אז ער האט אריינגעווארפן דעם שטיין אין רבינס פענצטער. זיי האבן געוויינט און געקלאגט דער רבי זאל בעטן גאט זייער זון זאל געזונט ווערן, צוגעזאגט א סך געלט. אבער דער רבי האט זיי געענטפערט, אז עס איז פארפאלן.

דער שגץ האט נאך געלעבט א סך יארן, געגאנגען אין גאס און האט זיך געשעמט. די יונגע קינדער האבן פון אים חוזק געמאכט און אלע שקצים האבן מורא געהאט זיך צו פארטשעפען מיט יידישע קינדער. מען האט זיי געסטראשעט, אז מ׳וועט זאגן דעם רבין, האבן זיי מורא געהאט.

ה. מיט מיין טאטן, ז״ל

דאס איז א געשיכטע פון 50 יאר. א ווינטער איז מיין טאטע ז״ל קראַנק געווארן אויף טיפוס און לונגען־אנטצינדונג, ל״ע, גאָר געפערלעך קראנק. די מאמע און די מיידלעך זענען געגאנגער אויפן בית־הקברות און איך מיט די ברידער זענען געגאנגען אין בית־המדרש, אנגעצונדן ליכט אין אלע הענג־לייכטער און אויפגעשריבן אויף דעם ארון הקודש, אז חיים שאול בן יעקב לרפואה שלימה, אמן. א גאנצע נאכט האבן מיר געוויינט און געבעטן גאט, אז אונדזער טאטע זאל האבן א רפואה שלימה. ס׳איז געווען ווינטער, א גרויסע זאוויערוכע און א גרויסער שניי. דער טאטע האט געהאט זייער הויכע היץ.

דאָנערשטיק צו נאכט, נאך מנחה־מעריב, זענען געקומען יידן מבקר חולה זיין דעם טאטן. ס'זענען געקומען יידן פון קלויז, פון בית־המדרש, שיעלע שלומס און קסיל אייזלאנד זענען אויך געקומען. ווי דער טאטע האט זיי דערזען, האט ער אנגעפאנגען זייער צו לאכן. ער האט צוגערופן קסיל אייזלאנד פון דער שענק און אים געזאגט גאנץ הויך ער זאל גארנישט געבן צו עסן, אדער צו טרינקן אויף זיין קאנטע, ווייל ער איז נאך נישט זייערער. ער וועט נאך געזונט ווערן און לעבן. האבן אויך אלע יידן אנגעפאנגען צו לאכן. איך בין געווען א פלאנטשער חסיד, בין איך געגאנגען צום פלאנטשער רבין ער זאל בעטן גאָט מיין טאטע זאל האבן א רפואה שלימה. פרייטיק אין דערפרי בין איך געווען ביי דעם פלאנטשער רבין און געדאווענט. האט דער רבי מיך אריינגערופן אין זיין צימער און געזאגט, אז היינט נאך מיטיק וועט זיין א חתונה פאר דער שול. עס וועט חתונה האבן חיים קעניגס זון; זאל איך גיין צו ד'ער חופה און אהיים נעמען א ביסל ווייַן פון חתן כלה.

ווי דער פלאנטשער רבי האט געמאכט די ברכה און האט געגעבן דעם חתן און דער כלה צו טרינקען פון וויין, האב איך געבעטן מען זאל מיר אויך געבן א ביסל וויין פאר מיין טאטן ער זאל האבן א רפואה שלימה. אלע האבן געזאגט אמן.

ווען איך בין געקומען אהיים מיטן גלעזל וויין, האט דער טאטע געמאכט א בורא פרי הגפן. ווי נאר ער האט אויסגעטרונקען דעם וויין האט ער געזאגט, אז דער וויין איז פון גן־עדן און ב"ה — ס'איז אים בעסער געווארן.

אין א קורצער צייט האט ער פארלאזט דאס בעט, ער איז געזונט געווארן.

ו. דער מארק־פלאַץ

א גרויסער פלאַץ, פיר־עקיק.

די מיוחסים האבן געוווינט נעבן אפטייק, ווו מאטולע איז געווען דער אפטייקער; דארט איז אויך געווען פנחס דער רופא, ער איז אויך געווען א שטיקל דאקטער: געשוירן די קעפ, געשטעלט באנקעס און פיאווקעס. נאך פנחסל רופא איז געווען ישראל מלכס סאדע־וואסער פאבריק. און אין דעם ראג איז געווען דער נאָטאַר גלייזער. דערנאך איז געווען א שענק פון יארוישן און די קירך.

נעבן דער קירך האט געוווינט אייזיק קויפמאן. ער איז געווען א גרויסער עושר, געהאט דעם הויפט־טראפיק און געהאנדלט מיט וועלדער; ער איז געווען איינער פון די שענסטע בעלי־בתים פון שטאָט. נאכדעם איז געווען די גמינע (מיט פיר פּאָליציאנטן) די וואל־גאס, מיטן געריכט־הויז, ווי אויך דער קרימינאל. נאכדעם האט געוווינט קאסטערקעוויטש, דאן — יחיאל בוקסבוים, א שענקער ווי אויך יקותיאל אייזלאנד, אויך א שענקער. ער האט געהאט א גוט גלעזל אָקאָטשימער ביר. א האלבע ביר האט געקאָסט צען גראצער. אויף דער פּאָטשינע איז געווען שלום כאשיס שניט־געשעפט. ווייטער האט געהאט יאסל אייזלאנד א גאלאנטעריע־געשעפט. דאן איז געווען א שענק פון יחזקאל פיסטראנג. נאך דעם — די ברייטע גאס, דארט האט געוווינט מיין זיידע און באבע, ר' יאנקל פיסטראנג. קעגן איבער דער גאס האט געהאט ארעלע קאהן א לעדער־געשעפט, ווי אויך פארקויפט שטיוול און שיך. ער פלעגט ברענגען די סחורה פון טארנאוו.

ווייטער איז געווען מיין פעטער ארעלע פיסטראנג, — ער האט געהאט א זאַלץ געשעפט; א צוקערניע, מ'האט זיך גערופן צערעלס צוקערניע; אן אייזן־געשעפט מיטן נאמען „שלום בראנד אייזן־האנדלונג"; א ביכער־געשעפט מיט אלע סאָרטן שרייב־געצייג, (אהרן פארטיג — ער האט דאס געשעפט פארקויפט צו מעכל פיש). אין עק איז געווען א גרויסע טארגאוויצע, א ספעציעלער פלאץ, ווו צו קויפן און פארקויפן פערד, חזירים און בהמות. איינמאל א וואך פלעגט זיין זייער א גרויסער יריד (יעדן דאנערשטיק). שוין מיטוואך פלעגן אנקומען פרעמדע סוחרים צו קויפן פערד, בהמות, חזירים, אייער און תבואה. דער איינער טאג האט געגעבן פרנסה דער גאנצער שטאט. מ'האט ארויסגעשטעלט גרויסע סטראַגאנעס מיט אלערליי סחורות, ווי צום ביישפיל: קאפעליושן, שיך, שטיוול, הויזן, העמדער א.א.וו., ווי אויך פארשידענע עס־ווארג.

אבער ווען ס'איז געווען א גרויסער שניי, אדער פראסט, איז מען נישט געקומען קויפן און פארקויפן, ס'זענען געווען גרויסע צרות.

די שול איז געווען דריי שטאָק הויך, אויסגעמאָלן מיט פארשידענע בילדער פון ירושלים עיר הקודש; די אלע קברים פון הייליקע צדיקים, די מערת המכפלה, דער כותל המערבי, פארשידענע בערג און טאלן, פארשידענע חיות מיט מזלות. אויף דער רעכטער זייט פון דער שול האט זיך געפונען א לעמפערט ווי א לעבעדיקער. אויף אים איז געווען אויסגערעכנט (דער מאָלער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם) ווען עס איז די צייט צו זאגן די תפילת נעילה, ווייל ווען די זון איז געקומען אויפן לעמפערטס אויג איז געווען איר ריכטיקע צייט. האט מען געוואַרט אויף דער מינוט ווען די זון וועט זיך דאָרט באווייזן, כדי אנצוהויבן די תפילת נעילה.

אין עק איז געשטאנען מיין טאטנס ז"ל הויז. ער האט געהאט א שענק, ווי אויך א קליינעם טראפיק. מיין גאָטזעליקע מוטער פלעגט אָפּבראָטן גרויסע גענדז און קאטשקעס, פארשידענע געבעקס — מיינע ליבע שוועסטערס רייזל און אדעל, פלעגן עס באקן.

פון דער בית־המדרש גאס איז מען געפארן קיין פשעצלאוו, א קליין שטעטל. אין דער גאס איז געווען די קאסערנע מיט די זשאנדארן.

אין דער זעלבער גאס האט געוווינט דער פלאנטשער רבי, דארט איז אויך געווען דער הקדיש און די באָד מיט יענקל בעדער און הינדע בראנד דער טיקערין. נעבן דער באָד איז געשטאַנען די שול און נעבן דער שול דער בית־המדרש.

אין עק האט געהאט וואלף גאלד א גרויס געשעפט, „סימאלעס געשעפט". דאן — א זייגער מאכער, ער האט געהייסן מאירל דער זייגער־מאכער; חיים פעפערס שניט־געשעפט; א שענק פון ר' זלמן גוטווירט. ער האט געהאט א פראפינאציע פון אלע געטראנקען. ווייטער האט געוווינט ר' משה'לע ראפאפארט, א כהן. א גרויסער עושר.

ווייט אין דער גאס איז געווען דאס גייסט הייזל. דארט האט מען געהאלטן נאפט און יעדן שבת, נאכן עסן, איז מען געגאנגען שפאצירן צום נאפט הייזל.

ז. ר' נח גרין

ר' נח גרין איז געווען אן אלטער מאן, א רייכער ייד. ער האט געהאט א גרויס פּאָלוואַרק אויף זאגורסק, פעלדער

און גרויסע וועלדער. זיין זון, ישראל גרין, האט געגעבן אן ארון קודש אין בית המדרש אריין.

דער ר׳ נח גרין האט געהאט אויך טעכטער און א סך אייניקלעך. ער פלעגט געבן 10 קלאפטער האָלץ און בית־המדרש אריין, אויך אָרעמע יידן האט ער געגעבן בריוולעך, אז מען זאל יעדן ייד געבן א פור האָלץ בחינם.

די איידעמס מיט די אייניקלעך האבן געמאכט ר׳ נחן פאר משוגע, און האבן אים געקלאגט אין געריכט אריין, כדי צו באשטימען אן אפּוטרופּוס אויף זיין פארמעגן. זיי האבן גענומען דעם אדוואקאט ארלינסקי ער זאל זיי פארטרעטן אין געריכט. יום כפור האט מען אים אויפגערופן צו אן עליה, האט ער געגעבן א שטאַרקן קלאַפּ מיטן שטעקן אין שולחן און אנגעפאנגען צו שעלטן די איידעמס מיט די אייניקלעך, אז זיי האבן אים געמאכט פאר משוגע. אין בית־המדרש איז געווארן א רעש ביים לייענען די תורה.

ח. דאָקטוירים

צוויי גוטע דאקטוירים זענען געווען אין שטאט, איינער האט געהייסן לערענסקי און דער צווייטער האט געהייסן צימבלער. ער האט אמאָל געזאגט צו מיין טאטן ז״ל, אז ער גלויבט נישט אין גאָט, נאר אין איין זאך גלויבט ער יא: אין תחית המתים. ווייל ווען א ייד הייבט זיך אויף שבת, קומט א היים פון בית־המדרש, מאכט קידוש אויף א גלעזל ספּירט 96 גראד, עסט פיש, טשאָלנט, וואס מען האט פרייטיק נאך מיטיק אריינגעשטעלט אין אויוון אויף א גאנצע נאכט; נעך דעם עסן געטרונקען א פאר גלעזלעך אָקאָטשימער ביר, געגאנגען שלאָפן און זיך אויפהויבן א לעבעדיקער, — איז ממש תחית המתים. אין דעם גלויבט ער יא.

ט. די דריי בתי־מדרשים

אין דער שול האבן געדאוונט די בעלי־מלאכהס און ר׳ הערשל מעכלאוויטש איז געווען דער שענסטער בעל הבית פון דער שול. ער איז געזעסן ביי דער מזרח וואנט אויבן אָן. ער האט געהאט זייער שטארקע זין, ווען ס׳האט זיך אנגעשיכורט א גוי האבן זיי אים מכבד געווען, אז ער זאל מער נישט אנפאנגען מיט יידן.

ביי דער שול איז געווען דער בית־המדרש. דאָרט האבן שוין געדאוונט שיינע בעלי־בתים — דעמביצער חסידים, מעליצער חסידים און פלאנטשער חסידים. מען האט געלערנט גמרא און מען האט געזאגט תהילים.

לייזער קאך איז געווען דער גבאי, יחיאל בוקסבוים דער צווייטער גבאי. ס׳איז אויך געווען א גוטער בעל־תפילה, ער האט געהייסן מעכל פיש. ס׳זענען געווען א סך יונגע לייט וואס האבן געקענט שיין דאווענען. ווי צום ביישפּיל, אנשל טענענבוים און נאך. און דער שמש איז געווען פנחס ליפשיץ — א הויכער און ברייטער ייד, אלע קינדער האבן פאר אים מורא געהאט. חנוכה האבן מיר געשפּילט אין קוויטלעך, אדער אין דריידלעך, נאכן לערנען.

אין קלויז האט דער שמש געהייסן אליעזר ליכטמאן. ער איז געווען זייער א גוטער שמש, נישט געווען קיין שלעגער. די קינדער האבן אים ליב געהאט. און ער האט געלאזט שפּילן אין קארטן. די בעלי־בתים זענען געווען זשאבנער חסידים.

איך געדענק ווען דער זשאבנער רבי איז געקומען קיין ראדאמישלע, איז ער איינגעשטאנען ביי ר׳ אייזיק מאהלער, א זשאבנער חסיד און א גרויסער גביר. און בכלל זענען געווען זייער אנגעזעענע בעלי בתים צווישן די זשאבנער.

י. געוועלבלעך אין מאַרק

אין מיטן מארק זענען געשטאנען צוויי בודקעס מיט סאָדע־וואסער. איינע האט געהערט צו ישראל נוישטאט, די צווייטע צו מלך אייזלאנד. מען האט אויך פארקויפט „לאָדי״, אייז־קרעם.

אייניקע מארק־זיצערינס האבן פארקויפט עפּעלעך, בארנ־דלעך, וויינפערלעך, אגרעסטן, פלוימען, יאגאדעס. דאס האט מען פארקויפט אויף די סטראגאנעס. די גויים האבן געבראכט אין שטאט אריין קייבערלעך מיט יאגאדעס און מאלינעס. מען האט געמאכט פון די יאגאדעס קיכעלעך און פון די מאלינעס האט מען געמאכט מאלינע סיראָפּ, פארשידענע איינגעמאכטס.

מיט איבער 50 יאר צוריק האט מאירל זייגערמאכער געבראכט א גראַמאָפאָן מיט יידישע פּלאַטן. ער האט געוווינט אין מיטן מאַרק, פלעגט עפנען א פענצטער און ארויפשטעלן דעם גראמאפאָן אויפן פענצטער. אלע יידן זענען געשטאנען אין מיטן מארק און זיך צוגעהערט צו פארשידענע חזנישע פלאטן, פון יידישן טעאטער א.א.וו. דער אפּטייקער מאטולע האט אויך געבראכט א גראמאפאָן, נאר ער האט געשפּילט פוילישע פּלאַטן.

יא. „וועלקאָלי״

מיט א סך יארן צוריק איז געווען ביי אונדז א גלח, איז ער געפאלן אויף אן אידעע ווי אזוי צו מאכן א גרויסע חגא. נישט ווייט איז געווען א קליין דערפל מיט נאמען וואלקי, מיט א קליינער קירך און אונטער דער קירך איז געווען א טייכעלע און א קריסטלעכער בית־הקברות. איז געגאנגען דער גלח, האט אנגעצונדן א ליכטל און אנגעטריפט אויף א שטיקל טאָוול, געלאזט דאס ליכטל מיטן טאוול אויפן וואסער פון טייכל. האט אימיצער דערזען, אז דאס ליכט ברענט אויפן וואסער: „דאס איז זיכער יעזוס אליין״. מען האט אנגעפאנגען צו קלינגען אין אלע קירכעס, ס׳זענען געקומען א סך גויים צום וואסער וואס „האבן אליין געזען מיט זייערע אויגן״ ווי יעזוס האט זיך באוויזן אין מיטן דער נאכט אויפן וואסער. פון דעמאלט אן איז געווארן דעם 6־טן אויפן 7־טן אויגוסט א גרויסע חגא. יעדעס יאר אין דער דאטע, אויף דער נאכט, זענען די גויים געגאנגען מיט זייערע הייליקע בילדער און געזונגען זייערע תפילות. פון דער גאנצער אומגעגנט זענען געקומען פיל גויים. איז עס געווען זייער א גוטער טאג פאר יידן צו מאכן געשעפטן.

דעם זעלבן טאג, דעם 6־טן אויגוסט 1914, האב איך חתונה געהאט מיט מיין טייערער פרוי ריוועטשע רויש; מיר לעבן גליקלעך און צופרידן ביז 120 יאר, אמן.

יב. דער פּאָגראָם

ס׳האט זיך געלעבט זייער גוט ביז עס איז געקומען 1918, איז געווארן אן איבערקערעניש.

די גויים זענען געקומען דעם ערשטן „פוילישן״ דאנערשטיק אויפן יריד און זיי האבן אנגעפאנגען צו רויבן די יידישע

געשעפטן, געשלאגן יידן. ס׳איז געווען א פחד ארויסצוגיין אין מארק אריין. זיי האבן גערויבט סחורה פון אלע יידישע געשעפטן, וואס ס׳איז זיי געקומען אונטער דער האנט.

ס׳איז געווען ביי אונדז א פראָבאָשטש, א גלח, זייער אן אלטער און א יידן־פריינד. ווען ער האט געזען ווי די גויים רויבן דאס יידישע האָב און גוטס, איז ער געגאנגען מיט דעם שטעקן אין האנט און געשלאגן די גויים, געשריגן, אז מען טאר נישט רויבן. האבן זיי אים גערופן „זשידאָווסקי וויעץ״ ד. ה. אז ער איז א יידישער פעטער. זונטיק זענען געקומען גויים אין שטאָט אריין צו גיין אין קירך. צו מיר אין שענק זענען דאן אריינגעקומען אייניקע שטאָט־גויים אויף ביר. האט מיר א גויה געזאגט, אז דער פראָבאשטש האט געהאלטן א „קאַזאַניע״, געוויינט מיט טרערן און געזידלט די גויים, ווייל זיי האבן גערויבט ביי די יידן און יעזוס כריסטוס האט אלץ געזען. „איר וועט זיך מאַטערן און נישט קאָנען שטארבן; יעזוס וויל אייך נישט קענען, ביז איר וועט נישט צוריקברענגען דאס גערויבטע״.

מאנטיק אינדערפרי, ווען יידן זענען געגאנגען צום דאווענען, האבן זיי באמערקט פעקלעך מיט זייערע זאכן ביי די טירן פון זייערע געשעפטן. די גויים האבן צוריקגעבראכט כמעט אלץ, וואס זיי האבן אוועקגערויבט. א סך גויים האבן אפילו געבעטן ביי יידן זיי זאלן זיי מוחל זיין, געבראכט די יידן מתנות.

אבער די יונגע שקצים, די זעלנער, וואס זענען געקומען אהיים פון מיליטער, האבן נישט מורא געהאט פאר גאט. זיי זענען געווארן שרעקלעכע אַנטיסעמיטן. די יידישע דאָרפס־גייער האבן מורא געהאט צו גיין אין דאָרף אריין קויפן ביי די גויים, ווייל זייער לעבן איז געווען איינגעשטעלט.

לייזער פלאנצגראבן איז יא געגאנגען אין דאָרף. דאס איז געווען א דאנערשטיק. פרייטיק פארנאכט האט מען אים נישט געזען אהיים קומען, איז מען געוואָרן איבערגעשראָקן. לסוף זענען די זשאנדארן געוואויער געווארן, אז א פוילישער זעלנער האט אים געהאָנגען. מען האט געפונען זיין טויטן קערפער. מ׳האט דעם פוילישן זעלנער ארעסטירט און ס׳איז פארגעקומען א פראָצעס אין טארנאווו. מען האט דעם זעלנער פרייגעשפראָכן. אזוי האט אויסגעזען די פוילישע גערעכטיקייט.

יג. דער משומד פון וואדאוויטש

מאָטשעק האט זיך געשמדט ווען ער איז געווען יונג. ער האט זיך פארליבט אין א געזונטער שיקסע פון זעלבן דאָרף און חתונה געהאט מיר איר. גֶעהאט א סך קינדער — א גרויסע פאמיליע.

ער פלעגט קומען קיין ראדאמישלע פארקויפן פארשידענע פראָדוקטן פון פעלד, ווי אויך קעלבלעך, פערד, חזירים, גענדז, אייער און הינער. אין שטאָט האט ער איינגעקויפט וואס אים איז געווען נייטיק. ווען ער איז געווען אין שטאָט, פלעגט ער אריינקומען צו מיין טאַטן ז״ל טרינקען שנאַפּס און ביר און שטענדיק גערעדט צו מיין טאַטן יידיש.

איינמאל איז אויסגעפאלן מיטוואָך ערב יום־כפור, איז דער יריד געווען מיטוואָך אנשטאט דאנערשטיק. צוויי אזייגער האט מען אנגעהויבן צו צענעמען די סטראגאנעס פון מיטן מארק און צוגעמאכט די געשעפטן. דער מארק־פלאץ איז געווארן ליידיק און יידן האבן געטראגן גרויסע ליכט אין די בתי־מדרשים; אנגעטון אין די בעקעשעס מט שטריימלעך — געגאנגען דאווענען מנחה. פלוצים קומט אריין דער אלטער מאָטשעק מיט אן אויפרעגונג און פרעגט מיין טאטן: חיים, וואס איז דאס היינט? האט אים דער טאטע געענטפערט, אז היינט איז ערב יום־כפור. האט ער אנגעפאנגען צו וויינען און גֶעהייסן זיך געבן א גרויס גלעזל שנאַפּס, דערנאָך יענומען א קוואָרט שנאַפּס און געגאנגען אויפן וואגן, זיך גוט אנגעטרונקען און אנטשלאפן געוואָרן. ווען ער איז געקומען אין שטאָט א צווייט מאל, האט ער דערציילט מיין טאטן אז ער איז א גאנצע נאכט געלעגן אויפן וואָגן, געוויינט און גֶעקלאָגט און געמאכט א חשבון הנפש, וואס האט ער אויפגעטון. האט מיין טאטע אים געראטן ער זאל צוריקקומען צום יידישן גלויבן; האט ער געענטפערט, אז ס׳איז שוין צו שפעט, ווייל ער האט שוין אייניקלעך שקצים מיט שיקסעס. עס איז פארפאלן. אין א קורצע צייט ארום איז ער געשטארבן.

יד. מיין גאָטזעליקע באָבע, פריידע־איטע

דער זיידע, ר׳ יעקב פיסטראנג, האט געדאווענט אין בית המדרש א גאנץ קיילעכדיק יאר. ער האט קיינמאל נישט געוואלט דאווענען נישט אין קלויז, נישט אין שול. ווען עס איז געקומען א חזן אין שטאָט אריין און האט געדאווענט אין שול, אדער אין קלויז, איז מען געגאנגען הערן דעם חזן, נאר מיין זיידע איז קיינמאל נישט געגאנגען. מיין טייערע באָבע אבער האט געדאווענט אין קלויז.

ס׳איז געווען א שבת מברכים החודש אב; מיין באבע איז געווען ביים דאווענען, ווי שטענדיק, מיר זענען שוין געזעסן און געגעסן דעם טשאלנט. איז געקומען צו לויפן צעריל, ישראל ווינטס טאכטער, מיט א געוואלד אז די באבע פריידע איז אוועקגעפאלן אין חלשות און מען קאָן זי נישט דערמונטערן. זענען מיר אלע געלאפן צו דער באַבען, מען האט געוויינט, געקלאגט, געשריען; גלייך גערופן דעם דאקטער און מער האט זי נישט געקאנט אפמונטערן.

ביי אונדז אין שטאָט זענען געווען א סך משוגעים, א סך נאראָנים, קאַליקעס און אלע זענען געווען „געסט״ ביי מיין באַבען אין שענק. מיין באַבע האט זיי אלע געגעבן ברויט מיט טיי. ספּעציעל ווינטער פלעגן זיי אלע קומען צו דער באבען, וועלכע איז געווען א צדקת.

שבת א גאנצן טאג האט זי געהאלטן צוגעמאכט די אויגן און זייער שווער געאטעמט. אזוי איז געווען ביז נאך הבדלה. ס׳איז געווען טונקל אין דרויסן און די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן. פלוצים האט זי געעפנט די אויגן און אלעמען אנגעקוקט. מיין טאטע האט זי ארומגענומען, געקושט און געהאלדזט, „מאמעשי, רעד צו מיר איך בין דיין איינציקער זון, חיים שאול״. זי האט גארנישט געענטפערט, נאר געקוקט אויף אים. פלוצים האט זי אנגעפאנגען צו זאגן „קריאת שמע״. יעדעס ווארט פאמעלעך, קלאָר און דייטלעך. עס האט גענומען זייער לאנג ביז זי איז פארטיק געווארן מיט קריאת־שמע און האט צוגעמאכט די אויגן אויף אייביק...

זונטיק נאך מיטיק איז געווען די לוויה. מיין טאטע האט געטראגן די מיטה, די איידעמס און אייניקלעך האבן געהאלפן. די גאנצע שטאָט, יידן און גויים, האבן געזאגט א גוט וואָרט. ס׳זענען אויך נאכגעגאנגען אלע קאליקעס און האבן געוויינט. ס׳איז געווען א גרויס מיטלייד מיט די ארעמע נעבעך. אין דער שבעה, בייטאג און ביינאכט, איז די גאנצע שטאט

יידן געקומען מנחם אבל זיין דעם זיידן און דעם טאטן, מיט אלע קינדער.

ווען מיין זיידע איז געבליבן אן אלמן, האט ער אויפגעגעבן דאס געשעפט, געזעסן יומם ולילה געלערנט און געזאגט תהילים. אייניקע מאנאטן שפעטער האט ער געשריבן צום כולל ירושלים קיין דראָהאָביטש, אז ער איז געווארן אן אלמן. על־כן, וואלט ער געוואלט אויף דער עלטער פאָרן קיין ירושלים און דאָרטן זיך אויסלעבן די פאר יאר, וואס איז אים געבליבן (ער איז אלט געווען 72 יאר). אין אייניקע וואָכן ארום איז געקומען קיין ראדאמישלע א קאָמיסיע פון ארץ ישראל מיט אלע פאפירן און זיי האבן אים גענומען קיין ארץ ישראל. ער האט נאך דאָרט געלעבט 3 יאר און געשריבן צו אונדז, אז עס פעלט אים גארנישט, מען פאַסט אויף אים אויף, ווי אויף א קינד.

אין 1923 בין איך געקומען קיין אמעריקע און איך האב געארבעט ביי ר׳ משה ריינפעלד. איך האב געמאכט ווורשט, ווייל איך האב געקענט די ארבעט נאך פון דער אלטער היים.

איינמאל, זומער צייט, זענען מיר געזעסן אין דרויסן בייִם געשעפט, נאך דער ארבעט, און גערעדט פון דער אלטער היים. קומט צו א ייד מיט א לאנגער בעקעשע, מיט א באָרד און בעט א נדבה פאר א ישיבה פון ארץ ישראל. האט אים ר׳ משה ריינפעלד געגעבן א נדבה. ער האט ביי מיר אויך געבעטן, האב איך אים געזאגט, אז איך בין נאך א גרינער, נישט לאנג געקומען קיין אמעריקע. האט ער מיך געפרעגט ווי איך הייס און פון וואנען איך קום. ווען כ׳האב אים געענטפערט האט ער מיך ווידער געפרעגט צי איך האב נישט געהאט קיין פאמיליע יעקב פיסטראנג? האב איך אים געזאגט, אז ר׳ יעקב פיסטראנג איז געווען מיין זיידע. האט ער דערציילט, אז ר׳ יעקב פיסטראנג האט געגעבן מעשר איבער 50 יאר. ער האט געהאט א גרויסן פנקס, און האט איינגעשריבן, יום א׳, פרשת בראשית צוויי גילדן מיט 30 גרייצער, מעשר 23 גרייצער; יום ב׳, פרשת בראשית, און אזוי כסדר. ערב ראש חודש האט ער געמאכט א סך־הכל און געגאנגען אין פּאָסט־אַמט נאך א געלט־אנווייזונג און געשיקט דאס געלט צום כולל ארץ־ישראל, קיין דראָהאָביטש, גאליציע. ווען מען איז געוויער־געווארן אין ארץ־ישראל, אז ר׳ יעקב פיסטראנג וויל קומען אהין, איז געווארן א שמחה אין ירושלים. ווען די שיף איז אנגעקומען, איז מען ארויס אויפנעמען דעם טייערן גאסט. עס זענען געגאנגען צו דער שיף אנשים, נשים וטף, אזוי ווי ס׳וואָלט געקומען דער גרעסטער רב, אָדער א גרויסער צדיק. מען האט אים אויפגענומען ווי די גרעסטע פערזענלעכקייט. מען האט אים מקבר געווען אויף דעם הר הזתים, ווו אלע גרעסטע רבנים ליגן. איך בעט ביי גאט, אז איך זאל נאך האבן די זכיה צו זיין אויף דעם הייליקן זיידנס קבר, אמן.

טו. דער באזוך פון בישאָף

דער הויפט פון די גלחים האט געזאגט דעם ראדאמישלער רב, ר׳ שמואל ענגעל, אז דער בישאָף וועט קומען קיין ראדאמישלע, וויל דער גלח, אז די יידן זאלן אים אויפנעמען מיט פראַכט און גלאַנץ.

האט מען באַשלאָסן, אז מען זאל מאכן א טויער אויף דעם וואעל, נעבן ישראל בלאטבערג, — דאס איז געווען דער יידישער טויער (די גויים האבן געמאכט א באזונדער טויער נעבן דער קירך). די יידן האבן אויסגעקליבן דעם שענסטן נגיד — ער איז געווען א גוטער פויליש רעדנער — ר׳ זלמן גוטווירט, א שיינער מאן מיט א נגידיש בייכל; מען האט דאס טויער באַהאָנגען מיט פארשידענע בלומען — און די גאנצע שטאָט יידן איז ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם שיינעם גאסט. ר׳ זלמן גוטווירט האט געהאלטן די ספר תורה און געווארט אויף דעם גאסט. ווען מען האט דערזען דעם בישאָף מיט דער גאנצער סוויטע אנקומען, האט דער בישאָף באגריסט ר׳ זלמנען און ער האט דעם בישאָף דערלאנגט די ספר תורה. דער בישאָף האט געגעבן א קוש דעם ספר און ר׳ זלמן גוטווירט האט געזאגט אויף פויליש: „לוד איזראעליצקי וויטאַ דאסטאָינעגאָ גאָסטשיא אי פּראָשי בלאָגאָסלאַוויענסטוואָ״. ד. ה. די יידן באגריסן דעם הויכן גאַסט און בעטן ער זאל געבן זיין ברכה. האט ער געענטפערט, אז די תורה וואס ער האלט אין דער האנט, איז דער בעסטער דאָקומענט און די בעסטע קאָנסטיטוציע, וואס די וועלט האט. ער האט צוגעגעבן: ווען די גאנצע מענטשהייט וואָלט געהאלטן און אפגעהיט, וואס עס שטייט אין די תורה, וואָלט געווען א שענערע וועלט צום לעבן.

מיט א שמייכל אויף זיין פנים האט ער געמאכט מיט דער האנט און געזאגט: גאט זאל אייך אלע בענטשן. אמן. און איז געפארן צום גויאישן טויער. די גויים האבן שפעטער געזאגט, אז זיי זענען זייער צופרידן, וואס די יידן האבן אויפגענומען דעם בישאָף מיט א גרויס פאראד; און דער הויפט פון די גלחים האט געזאגט, אז דאס איז געווען די שענסטע מאניפעסטאציע צווישן די יידן און צווישן די גויים און צוגעגעבן, אז עס זאל שטענדיק זיין שלום צווישן די יידן און גויים אויף דער וועלט.

דאס איז געווען אין די עסטרייכישע צייטן, אונטער דעם ליבן קייזער פראַנץ יאָזעף דעם ערשטן.

טז. געבורטס־טאג פון קייזער פראַנץ־יאָזעף

דעם 18־טן אויגוסט איז געווען דעם קייזערס געבורטס־טאג. האט מען אנגעצונדן ליכט אין די פענצטער פון יעדן הויז; אין די בתי־מדרשים האט מען אויך אנגעצונדן ליכט און דער רב האט געהאלטן א דרשה לכבוד דעם קייזערס געבורטס־טאג.

אין טארנאוו איז געווען א שול, וואס מען האט זי נישט געקאנט אויספארטיקן. איז געווען א גרויסע נגידעסטע אין טארנאוו (זי האט געהייסן אבערדאם), האט זי געגעבן א סך געלט, אז מען זאל די שול אויספארטיקן. אין 1910, דעם 18־טן אויגוסט, האט מען די שול אויסגעפארטיקט. האט די טארנאווער קהילה איינגעלאדן דעם קייזער צו זיין געבורטס־טאג קיין טארנאוו, אז ער אליין זאל אויפעפענען דער ערשטער די שול (די שול האט געהייסן „פראנץ־יאזעפס שול״). האט ער געענטפערט, אז ער קאן נישט קומען, ווייל ער פילט זיך נישט גוט, עס איז אים פארבאָטן פון דאקטאר, אבער ער האט געשיקט דעם קרוין־פרינץ, פראנץ פערדינאנד. (פראנץ פערדינאנד האט מען געשאָסן אין סאראַיעוואָ, אין 1914, וואס האט גורם געווען די ערשטע וועלט־מלחמה).

דעם 18־טן אויגוסט, אין קייזערס געבורטס־טאג, איז געקומען דער שני למלך מיט דער גאנצער סוויטע; די שול איז געווען אויסגעפוצט מיט שיינע פאנען, מיט גרויסע פּלאַקאַטן, וואס האבן באגריסט דעם שני למלך. דער פרעזידענט

פון שול מיט דעם ראַבינער, האבן דעם שני למלך איבערגעגעבן דעם שליסל פון דער שול. דער חזן מיטן גרויסן כאָר, האבן אנגעפאנגען צו זינגען דעם עסטרייכישן הימן: „גאט ערהאלטע גאט בעשיצע, אונדזער קעניג און אונדזער לאנד", מוזיק האט צוגעשפילט און די מענטשן האבן מיטגעזונגען. צום סוף האט דער שני למלך באדאנקט די יידן פון טארנאווו פאר דער שיינער אויפנאמע.

יז. אַ דיסקוסיע אין שטעטל

די זשאנדארן ביי אונדז אין שטעטל האבן איין מאל געמאכט א צוזאמענקום. זיי האבן איינגעלאדן פריינד און באקאנטע פון ראדאמישלע, האבן געגעסן און געטרונקען. עס איז שוין געווען שפעט ביינאכט, האבן זיי דיסקוטירט אויף א טעמע, וואס האט מיך זייער אינטערעסירט. איך האב צוגעהאלפן דעם טאטן ז"ל צוצוטראגן שנאפס און ביר צו די טישן און האב געהערט ווי זיי דיסקוטירן אויף דער טעמע: ווער עס איז הייליקער: דער גלח, אדער להבדיל א רב.

יעדער האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג און כמעט אלע האבן געזאגט, אז דער גלח איז הייליקער. האט זיך אויפ־געשטעלט דער קאמענדאנט, דער וואכמייסטער, און אנגעפאנגען מיט די ווערטער: „געערטע הערן און פרויען. איר האט דא אלע דיסקוטירט וועגן א גלח און א ראבין, וועל איך אייך זאגן, אז איר ווייסט נישט וואס איר האט גערעדט. עס איז אזא אונטערשיד צווישן א גלח און א ראַבין, ווי טאג צו נאַכט. א גלח איז א הולטאי, ער טוט גארנישט, עסט און טרינקט און האט צו טון מיט פרעמדע ווייבער. זיי זענען א באנדע מיט פאסקודניאקעס, ס'איז נישטא קיין רעכטער מענטש. לאמיר איצט גיין זען, וואס דער גלח טוט און וואס דער ראבין טוט, וועט איר זיך אלע איבערצייגן. דער גלח ליגט איצט מיט דער „גאָספּאָדיניע" פון דער פלעבאניע און טוט נישט קיין פיינע ארבעט. אבער דער ראבין — ער ווינט אין דער זעלבער גאס ווו די קאזארמע איז; ווען איך גיי פארביי, בייטאג צי ביינאכט, זומער צי ווינטער, זע איך ווי דער ראבין זיצט אויף זיין שטול, קוקט אריין אין גרויסע ביכער און בעט גאט. גאנצע נעכט קאן ער אזוי אפזיצן און לערנען. פרעג איך אייך אלע: ווער איז א הייליקער מענטש, דער גלח אדער דער ראבין?...

יח. די „דריי וואָכן"

די גאנצע דריי וואָכן זענען יידן געגאַנגען מיט אראפּ־געלאזטע קעפּ, נישט געהאט קיין פריילעכע מינע. מען האט נישט געמאכט קיין חתונות, ס'איז נישט געווען קיין מוזיק, גאנץ ראדאמישלע איז געגאנגען אין טרויער. מען האט זיך נישט אָפּגעשוירן די האר ביז נאך תשעה באב. אין די 9 טעג האט מען נישט געגעסן קיין פלייש. שבת „חזון", האט מען נישט געזונגען דעם „בעל אדון", נאר דעם ניגון פון „איכה ישבה בדד העיר", דאס אַלץ צו דערמאנען דעם חורבן. ערב תשעה באב, פארנאכט, איז מען געגאנגען צו די קינות, אין אלטע מלבושים. איך געדענק ווי פנחס חזן פון דער שול, איז געגאַנגען צום דאוונען אנגעטון אין אן אלטן קאפּעליוש און אן אלטער בעקעשע מיט לאָטעס און מיט לעכער. די בעקעשע איז ער געגאנגען נאר איינמאל אין יאר — תשעה באב.

אין בית־המדרש, צו מנחה האט מען אַראָפּגענומען דעם פרוכת, מען האט איבערגעדרייט די בענק און די שטענדערס, מען האט געדאוונט מנחה אין א שטילן טאָן. עס איז געווען טונקל אין בית המדרש, נאר א פאר ליכטלעך האבן זיך געלויכטן.

ר' לייביש צינווירט איז געזעסן אויף א קליין בענקעלע געהאלטן א ליכטעלע אין דער האנט, געזאגט די קינות און געוויינט אויפן חורבן ירושלים. און דער גאנצער עולם האט געוויינט און געקלאגט אויפן חורבן. מען האט אויסגעטון די שיך, בלויז אין די זאקן איז מען געגאנגען.

נאך די קינות איז מען ארויסגעגאַנגען אן די זאָקן. מען האט נישט גערעדט איינער מיטן אנדערן. די גאנצע שטאט איז געווען אין טרויער.

ווען מיר זענען אהיימגעקומען, האבן מיר געטראָפן אין שטוב אויסגעזעצט אויף דער פאדלאגע אונדזערע פרויען און מיידלעך. מיין טייערע מאמע ע"ה האט געהאלטן א ליכטל אין דער האנט, געלייענט פון דער „צאנה וראנה" חורבן בית־המקדש. אלע פארזאמלטע פרויען האבן געוויינט און געקלאגט אויפן חורבן ירושלים, ביז אין דער האלבער נאכט אריין.

אין דערפרי האט מען זיך נישט געוואשן, נאר אפגעגאסן די נעגל און געגאנגען צום דאוונען. מען האט נישט געלייגט קיין טלית און תפילין, מען האט נישט געדאוונט דאס גאנצע דאוונען. נאָכן דאוונען האט מען געזאָגט קינות. דאן איז מען אהיים געגאנגען, געפאסט און ביז 12 אזייגער בייטאג האט מען נישט גערייכערט קיין סיגארעטל אפילו.

יט. דאס ארויסטרייבן דעם דיבוק

ס'איז געקומען קיין ראדאמישלע א ייד מיט א יונג מיידל פון א יאר 16 און געפרעגט אויף דעם פלאנטשער רבי ז"ל. ער האט געזאגט, אז ס'איז אין דעם מיידל אריין א דיבוק און ער פארלאנגט דער פלאנטשער רבי זאל דעם דיבוק ארויסטרייבן. האט דער רב אים געזאגט, אז מארגן 11.00 בייטאג זאל ער זיין אין דער גרויסער שול. ווען מ'האט זיך דערוווסט אין שטאט, אז מארגן וועט דער פלאנטשער רבי ארויסטרייבן א דיבוק פון א 16 יעריק מיידל — קאנט איר זיך פארשטעלן, וואס עס האט פאסירט! דאס איז געווען אין מיטן דער וואָך, יידן האבן געהאט צייט.

10.00 אזייגער איז שוין די גרויסע שול געווען געפּאַקט מיט מענטשן. ס'זענען געקומען מענער, פרויען און קינדער.

11.00 אזייגער איז דער פלאנטשער רבי מיט די גבאים, משה חיימס און יאָסל זאץ, געקומען. א סך חסידים זענען מיטגעגאנגען מיטן רבין. דער פלאנטשער איז געגאנגען אין ספאדיק מיט דער זיידענער בעקעשע, ארומגעבונדן מיט א ברייטן גארטל און געהאלטן א שיין שטעקעלע מיט א זילבערן הענטל. דער גאנצער עולם האט געווארט מיט א פארכאפּטן אָטעם.

דאס מיידל איז געשטאנען אין מיטן דער שול צוגעמאַכט די אויגן און שווער געאָטעמט. פרעגט דער רבי: „ווער ביסטו און פון וואנען קומסטו?" האט דער דיבוק געענטפערט: „איך בין משה פאנצער, איך האב פארקויפט כשר פלייש, נאר איך האב געגעבן א פאלשע וואָג, דאדורך קאָן איך נישט געפינען קיין רו. איך בין שוין געווען איבעראל; איך בין געווען אין גיהינום און מען האט מיך פון גיהינום ארויס־געווארפן. איך קאָן נישט געפינען קיין תיקון. איך וועל נישט ארויסגיין פונעם מיידל ביז דער רב וועט מיר נישט

צוזאגן, אז איך וועל האבן א תיקון, איך זאל האבן מנוחה אויף יענער וועלט".

האט אים דער רבי צוגעזאגט, אז ווי נאר ער וועט ארויסגיין, וועט ער האבן א תיקון. דער רבי האט אויפגעהויבן דעם שטעקן און געגעבן א קלאפּ אין באנק: א סימן, אז די גאנצע יידישע עדה איז מסכים ער זאל האבן א תיקון.

נעבן רבין איז געשטאנען א ייד פון ראדאמישלע מיטן נאמען הערשל מעכלאוויטש. ער איז געווען א פערד־סוחר. האט ער א געשריי געגעבן: „דו הערסט נישט, וואס דער פלאנטשער רב זאגט דיר? דו מוזט באלד ארויסגיין, ווען נישט וועט דיך דער רבי פארשעלטן אויף אייביק, וועסט נאך מגולגל ווערן אין הינט און קעץ".

די מחלוקה האט געדויערט איבער א שעה. פלוצלונג האט א שויב געפּלאַצט אין שול, גאר אינדערהויך. דאס גלאז איז צעבראכן געווארן און אלע האבן געזאגט, אז אט דורך דעם קליינעם פענצטערל איז דער דיבוק ארויס...

דוד פלץ
חיפה

אלתה'שי

קורות אשה בעלת-הון עצום שחיה ברדומישל

לגבי, אלתה'שי היא דמות אגדית. אני כשלעצמי לא הכרתיה, רק שמעתי אודותיה אגדות לרוב. על חלקה, עליה בנה מר ויסוצקי את חנותו, מול העיריה, — עמד לפנים בית־עץ רעוע ובו התגוררו אלתה'שי עם הוריה — הבית היה שייך להם.

הוריה של אלתה'שי, כרוב יהודי רדומישל, היו במצוקה. דלות וחרפת רעב. אביה היה „א דארפס־לייפער" (אדם שהיה יוצא יום יום לכפרים הסמוכים לעיר, קונה מהכפרים מקצת מתוצרתם, כגון: תבואה, תרנגולות, ביצים, תפודים, שלחי־בהמות, לחמניות וסוכריות לילדים וכו'). הפרנסה היתה קשה כקריעת ים־סוף. העוני היה מנת־חלקם יום־יום, ובאותם התנאים גדלה בתם „אלתה" שמתוך חיבה הוסיפו לה את ה„שי", לכן קראו לה „אלתה'שי".

אביה, מוכר היה כדלפון — וביום בהיר אחד, פתאום מופיע בטראפיק אצל אייזיק קויפמן ובידיו ניירות־ערך של בנקים שונים בעלי שם עולמי — למכירה. הטראפיק היה שייך לאייזיק קויפמן, היתה זו החנות היחידה בעיר בה מכרו טבק וסיגריות. בטראפיק היו גם מתכנסים חכמי העיר לשיחות רעים על פוליטיקה, מסחר, נמצאה בה הבורסה המקומית, יהודים היו מחליפים ביניהם כספים, קונים ומוכרים ניירות ערך. וסתם יהודים באו להטות אוזן על המתרחש בעולם ועל מה מדברים חכמי העיר ביניהם. כך חזר יומיום פעמים מיספר אביה של אלתה'שי בטראפיק, כל פעם עם דברי ערך שונים למכירה, כגון מטבעות זהב, מרגליות, בנקנוטים (שטרי־כסף) של ארצות שונות וכו'.

אייזיק קויפמן היה האיש העשיר ביותר ברדומישל. נוסף לחנות למימכר טבק וסיגריות שהכניסה לו הכנסה עצומה, היה בעל רכוש של מיספר אחוזות, שכל אחוזה היתה בת מאות

אחדות דונמים של אדמת פלחה, ומאות דונמים של יערות סביב רדומישל, היו שייכות לו.

והדבר עורר תדהמה חיש־מהר בין תושבי העיר.

ורדומישל היא עיירה קטנה וכל אחד יודע מה שמתבשל בקדרתו של הזולת. אבל את סודו של אבי אלתה'שי אף איש לא יכול היה לפתור. שמועה רדפה שמועה, ובסוף התחילו מתרקמות אגדות על גבי אגדות אודות עושרם הפתאומי של הורי אלתה'שי.

אמה של אלתה'שי חיזקה אגדות אלו בזה, שכל שבת היתה מופיעה ב„שול" לתפילה מקושטת ומגונדרת בתכשיטים בעלי איכות וערך גבוה. פעם הופיעה במחרוזות של פנינים יקרים, ופעם בשרשרת־זהב סביב לצווארה, ועל חזיה תלוי שעון־זהב עם יהלום לפי האופנה המקובלת דאז, עגילי זהב משובצים יהלומים, טבעות זהב ממולאות יהלומים על אצבעותיה; יהודי רדומישל יצאו ממש מכליהם בראותם כל אלה מבלי לפענח את תעלומת־הדבר.

השינוי הדרסטי שחל אצל משפחת אלתה'שי שינה גם את היחס של היהודים אל המשפחה. אדירי־העיר התחילו מתייחסים אליהם בכבוד־יתר. אביה מכר את הבית למר ויסוצקי וקנה את הבית בו התגורר אח"כ הרשל קוך.

למרות שהמשפחה המשיכה ברמת־החיים הנמוכה בה היתה רגילה, גבר התאבון והפעם חיפשו עבור בתם אלתה'שי שידוך בעל רמה מעולה, אבל אף בחור מקומי לא ניאות לשאת את אלתה'שי לאשה, וזה משני טעמים: —

א) רמת־החיים בה המשיכו לחיות.

ב) האגדות שהתרקמו סביבם זרעו פחד לבוא במגע עם כל המשפחה.

לבסוף נישאה אלתה'שי לבחור מחוץ לרדומישל, שלא ידע שום דבר אודות המשפחה וכעבור חודשים מספר, מאותן הסיבות (א' ב') דלעיל, התגרש ממנה.

אחרי מות הוריה ירשה אלתה'שי את הונם, נשארה בודדת, ערירית, ללא ילדים, אף איש לא ביקר אצלה וקרוביה שנאו אותה שינאת מוות על שלא היתה עוזרת להם במאומה, בידעה את מצבם הקשה, את מצוקתם ורעב ללחם.

אגדות לרוב נרקמו סביבה ועל עושרה העצום. שמועות וסיפורים שונים התהלכו בין הבריות, והמבוגרים, הם שידעו לספר, לתאר ולצייר בדייקנות את הסוד הכמוס על כל פרטיו, כאילו אלתה'שי שיתפה אותם בכל עניניה..

מהסיפורים נבע, שלאלתה'שי היה קשר עשיר עם מתים, שדים ורוחות רעים — רחמנא ליצלן. הם היו מבקרים אצלה לילה־לילה פרט לשבתות וחגים, ומביאים לה כסף, זהב ואבנים טובות לרוב.. מי שהאזין לסיפורים הללו, נוכח לדעת איך התנהל כל הדבר הזה על כל פרטיו ודקדוקיו.

היו אנשים בעלי אומץ לב וגבורה, שסיכנו את חייהם כדי לראות ולהיווכח, למען יוכלו לספר לעם ולעדה מה שראו עיניהם על המתרחש בביתה של אלתה'שי.

האגדות היו מספרות שבשעות הלילה המתקרבות לחצות, מקיפה ה„חמולה" שהזכרתי לעיל את ביתה של אלתה'שי בטבעת, וכל המתקרב נסחב למעגל ריקוד השדים עד צאת נשמתו; לכן, יהודי רדומישל, משעה 10 בערב היו עושים מאמצים כדי לעקוף את ביתה, היו מוסיפים אפילו דרך הליכה ובלבד שלא להיסחף לתוך השרשרת המקיפה וליפול קורבן למחול־השדים.

סיפורו של יהודי אחד, בעל אומץ־לב, שהחליט לסכן נפשו

ולראות במו עיניו מה האמת בדבר — ולאחר המיבצע הנואש סיפר את הסיפור כדלקמן:

במשך שבוע ימים בוקר־בוקר השכם, הלך לטבול במקווה, התנזר מכל דבר... העלול לפגוע בקדושת האדם, צם כל שני וחמישי בשבוע ונוסף לכל אלה הירבה באמירת מזמורי תהילים עם תוספות שונות.

בלילה אחד, אחרי חצות, לקח בידו האחת את מקלו ובידו השניה את הטלית־קטן המצויצת בציציות, אחרי שבדק אותן, בדיקה קפדנית, אם כשרות הן ובתפילת הדרך על שפתיו יצא את ביתו בכיוון ביתה של אלתה'שי.

בהתקרבו אל ביתה, נתקל בהתנגדות עזה מצד ה„חמולה", שבכל מיני תחבולות ניסו לסחוב אותו לתוך מעגל מחול השדים, אבל תודות לציציות של הטלית־קטן הכשרות שנפנף בהן ימינה ושמאלה וקריאת „שמע" התפזרה ה„חמולה" והוא הצליח לפרוץ את השרשרת ולהתקרב אל תריס החלון ולהציץ מבעד לחרכיו אל חדרה של אלתה'שי, ומה ראו עיניו? אלתה'שי ניגשת אל תנור החימום, פותחת את הפישפש ומוציאה משם שקיות, שקיות מלאות מטבעות זהב; מניחה אותם על השלחן, מונה את המטבעות וכעבור זמן מחזירה את השקיות לתוך התנור כדי שלמחרת יתמלאו שוב.

יהודי רדומישל משוכנעים היו שכל גניבות התכשיטים בעיר ובסביבה מבוצעות ע"י ה„חמולה" ומובאים אליה ערב־ערב, אבל אף אחד מבעלי הנזק לא העז להיכנס לביתה ולברר אם הגניבה נמצאת אצלה, מפחד להיכנס בעניינים עם ה„חמולה" ומחמת נקמה מצדם.

יהודי רדומישל היו בעלי חוש דמיוני מפותח מאוד. בשעת הפנאי בבית המידרש, החבר'ה היו עוסקים במיסטיקה ובמט־פיזיקה. היו מתעמקים בשאלות עלי אדמות, רצו לדעת מה מתרחש מעל השמיים, מתחת למים ובמעמקי־האדמה. לשם כך נוצרו הנחות שלאחר מכן הפכו לאגדות למיניהן שענו למשאלותיהם שטרם מצאו את פתרונן.

בפגישותיהם אצל הרבנים, בשבתות ובחגים, תמיד חידשו את מלאי האגדות ששמעו מפיהם של חסידים ממקומות שונים.

האגדות היו עוברות מפה לאוזן, מהמבוגרים לצעירים, מדור לדור. היו ביניהם אגדות משעשעות וגם המסמרות את שערות הראש.

בין היתר, ידעו לתאר כל מקום מיסטי וכוח מטפיזי על המתרחש והכרוך בו.

בדרך־כלל, בשבתות, בחודשי החורף, בין־השמשות, בין הערביים, בשלוש סעודות, בבית המידרש סביב תנור החימום, כשבחוץ כפור ושלג, ישבו יהודים טובים בעלי אמונה עמוקה ומספרים על זמנים שעברו, ששמעום מפי הוריהם וסביהם, ובין היתר על אירועים שקרו בעבר להוריהם ולסביהם וסתם יהודים שאפשר לסמוך עליהם. הצעירים, בעיקר בני 7—12, היו מצטופפים סביבם ומאזינים לסיפוריהם, בין כל אלה הייתי גם אנוכי.

תודות להם, נפתחו לפני אופקים רחבים במיסטיקה ובמט־פיזיקה, התחלתי מבין את ההבדלים בין הגן־עדן לגיהינום, בין מלאכים טובים לרוחות רעים, בין שדים לשטן ובין מלאך המוות לאשמדאי.

על הגן־עדן לא הרבו לספר, זה היה מובן מעצמו, שכל יהודי טוב, צדיק, ירא־שמים, אחרי מותו נכנס ישר לגן־העדן וחי במחיצתם של אבותינו ואימהותינו אברהם, יצחק ויעקב, שרה, רבקה, רחל ולאה, משה רבנו, דוד המלך וכל הצדיקים שהלכו לעולמם ומסתופפים בצל כנפי השכינה. מאידך, תיאור

הגיהינום העביר צמרמורת בעצמותינו, הכיבשנים, המשרפות, המכות והעינויים העוברים על הרשעים, גרמו לעצירת הנשימה. פחד ואימה ריחפו מעל ראשינו המאזינים. תיאורו של דנטה על הגיהינום הוא כאין וכאפס לעומת תיאור זה.

כל דמות מטפיזית זכתה לתיאור משלה: השד נברא ביום השישי לבריאה אחרי הצהריים. הוא דמות דומה לבן־אדם, בעל שלוש עיניים, העין השלישית נמצאת במצחו בקו ישר עם האף, שתי קרניים על ראשו. הרגל השמאלית דומה לרגל של בן־אדם, והרגל הימנית דומה לרגל של סוס. הוא דמות בת־אלמוות, מתחפש בכל מיני צורות, חי במים, באש, בשדות, עף כמו ציפור, רץ כמו סוס דוהר ומטריד אנשים.

השטן, הוא דמות שחורה, מראהו איום, על ראשו אלפי עיניים נוצצות כמו כוכבים או יהלומים. הוא מפתה יהודים למעשי עבירה, אחרי־כן מופיע בפני כסא־הכבוד, מלשין ודורש את חיסולו של העם היהודי.

את המעשה על שלמה המלך והאשמדאי שמעתי עשרות פעמים, וכדי להוכיח את קיום כל אלה, סיפרו מעשיות על אירועים שקרו.

סיפר אחד: —

פעם נסע סבו בלילה ממיאַליץ לרדומישל בעגלה רתומה לסוס. השעה היתה אחרי חצות. בעגלה ישבו שני אנשים סבו ובעל העגלה, הגוי. כשנכנסו לתוך היער פיונטקוביץ החל פתאום הסוס מחרחר, מגלה מאמץ יתר במשיכת העגלה וכך המשיכו עד שהגיעו עד אמצע היער והסוס נעצר. הסוס הרים את זנבו והתחיל מחרחר ומחרחר, מנסה להרים את רגליו הכבדות, כאילו משותקות היו ולא היה מסוגל להתקדם אף פסיעה אחת. סבו והגוי החליפו מבטים ביניהם ותיכף הבינו איש את רעהו. הגוי הצטלב ומילמל את הברכה שלו והדבר לא עזר — אז הוציא סבו את הציציות ובקריאת „שמע" בקול רם החל מנפנף בציציות על ימין ושמאל ומה מתברר לנגד עיניהם, שעל העגלה יחד איתם יושב לו „תרנגול" עצום בגודלו כגודל הסוס עצמו, קם על רגליו, התחיל מנפנף בכנפיו ובקריאה קו־קו־רי־קו, חא... חא... חא.. נעלם במעבה היער. באותו רגע קפץ הסוס והתחיל דוהר (גלופ) שקשה היה לעוצרו עד לעברו השני של היער. היה זה שד.

סיפר השני: —

גם לסבו קרא מקרה דומה. בלילה אחד, אחרי חצות, בדרכו ממיעליץ לרדומישל, נסע לבדו בעגלה רתומה לסוס. בעוברו מעל הגשר של הנהר ויסלוקה, קפצה מהמים אשה עירומה יפהפיה, כשחלק גופה העליון דומה לאשה והחלק התחתון לדג. החלה מסובבת את העגלה, מזמרת שירים לבביים בקול קוסם, מתקרבת לסבו ומפתה אותו לדבר עבירה — רחמנא ליצלן — ל„זנות", אבל סבו עמד בניסיון ולא נתפתה, היא ליוותה אותו עד הכניסה אל היער פיונטקוביץ ונעלמה. היה זה מעשה שטן שהשתמש במקרה זה בשדית, לעזרתו.

עשרות סיפורים סופרו במעמד זה, כל אחד השתדל לעלות בסיפוריו על חברו והיה שאותו אדם סיפר פעם־פעמיים ויותר אותו הסיפור וכל פעם בצורה שונה.

אלתה'שי גרמה תענוג מיוחד ליהודי רדומישל, שאיפשרה להם לכוון נגדה את כל החיצים אודות הכוחות המטפיזיים איתם היא באה — כביכול — במגע.

אם אינני טועה, בשנת 1890, פרצה שריפה ב„הינטער־גאס" — הרובע היהודי — והאש איכלה את הרובע עד היסוד. מחוסר מכשירי כיבוי מתאימים ומפחד התפשטות האש על העיר כולה — מיספר פעמים קרה הדבר בעבר — נעשה פינוי כללי של תושבי העיר מבתיהם וכל מיטלטליהם הוצאו לכיכר

העיר. אמצעי הכיבוי באותה תקופה היו — היו מביאים חבית מים ושופכים על האש — כדוגמת סיפורו של שלום־עליכם: „...און אז דער פלאקן איז ארויסגעפאלן אויפן וועג פון פאס, איז דער בעל־עגלה געקומען אן וואסער...”

שמענו סיפורים רבים זהים על מקרים כגון אלה.

אחרי שריפה גדולה זאת, רכשה העיריה מכשירי כיבוי משוכללים לפי אותה תקופה — משאבות־יד — אבל לרוע המזל, פרצו הדליקות דווקא במקומות שבקירבתם לא היו מים, ושוב היה צורך להביא מים בחביות עמוסות על עגלות רתומות לסוסים. לכן גם המשאבות המשוכללות לא היו יעילות די־צורכן. אז הוציאה העיריה הוראה שכל בעל־בית חייב לכרות באר בחצר־ביתו — הדבר נעשה — וכך התקדמה העיירה צעד אחרי צעד מבחינה משקית ותרבותית גם יחד...

בין המפונים היתה גם אלתה׳שי — חולה ובאה בימים — ישבה על מיזוודותיה ושומרת עליהן בשבע עיניים. איש לא התעניין בגורלה מתוך קינאה, שינאה וצרות־עין, ולא הגיש לה כל עזרה.

אשה אחת היתה ברדומישל, פיקחית ונבונה, ושמה נחמה קויפמן. היא ראתה את שעת־הכושר ברגע זה, ניגשה אליה ואספה אותה אל ביתה על כל מיזוודותיה (קיפפערס).

אלתה׳שי נכנסה לביתו של אייזיק קויפמן חיה, והוצאה משם בארון־מתים.

בביתו של אייזיק קויפמן קיבלה אלתה׳שי טיפול וטיפוח מלכים, והמשיכה לחיות עוד מיספר שנים בהשגחתה המסורה של גב׳ נחמה קויפמן — במלוא מובן המלה, אבל לצאת את ביתה לרגע קט, זה לא ניתן לה.

כידוע, ברדומישל נמצאו בתי־שימוש בחצרות של כל בית ובית ואלתה׳שי היתה עושה את צרכיה לתוך סיר־לילה ונחמה קויפמן בכבודה ובעצמה היתה משרתת אותה... העיקר למנוע מאלתה׳שי מגע עם מישהו מבחוץ. גם בראש השנה וביום הכפורים ובשאר חגי ומועדי השנה, היתה אלתה׳שי מבלה ומתפללת בחברתה של נחמה קויפמן — אבל בבית.

אחרי מעשיה של נחמה קויפמן, התאוששו קרוביה של אלתה׳שי והרימו קול זעקה נגד אייזיק קויפמן ודרשו את שיחרורה; לא פעם זממו לפרוץ אל ביתו, אבל אייזיק קויפמן, האיש החזק של רדומישל סיכל את מזימותיהם.

באותה עת היה אייזיק קויפמן סגן ראש העיר ובעל חנות יחידה בעיר — הטראפיק — חנות בה היו מוכרים טבק וסיגריות, העמיד אייזיק קויפמן שמירה קפדנית של 24 שעות ביממה, של שוטרים עירוניים סביב ביתו, שמנעו בכוח להתקרב אל ביתו כדי מטרים מסויימים. מי שביקש לקנות סיגריות חייב היה להכין מראש כסף במרחק מסויים, לגשת אל החלון, להניח את הכסף, לקבל את התמורה ולהסתלק מיד.

אביה של אלתה׳שי היה יליד רדומישל; אמה לא היתה רדומישלאית, היא נולדה הרחק מרדומישל, לכן קרוביה מצד אמה לא נמצאו במקום, אך קרוביה, מצד אביה, היו מרובים במקום וחסרי־אונים למראה כל האימפרזה שהתחוללה לנגד עיניהם. וזה למה? אסביר את הדבר:

יהודים, כדרכם של יהודים בתפוצות ובמיוחד באותה העת, מתוך שגירה של התבודדות מרוב חלק העם כדי לשמור על ערכי מוצאם, ניצלו כל הזדמנות — אם ניתן להם — כדי להתחמק מידי החוק הממלכתי הקיים *.

* המערכת אינה תמימת דעים עם השקפתו ההיסטורית של המחבר על תולדות ישראל בעמים.

ברוב המקרים היו היהודים (בעיקר החרדים — ומי לא היה חרדי?) מתחתנים על פי חוק ריטואלי ולא לפי חוק ממלכתי שדרש מיספר פעולות פורמליות בקשר לנישואין. יצא, איפוא, שהילדים שנולדו להורים כאלה נחשבו לפי החוק כילדים אַל־חוקיים (ממזרים) ונרשמו על שם משפחת אמם.

במקרה והאב נפטר והיה בעל רכוש — ילדיו לא היו זכאים לפי החוק לרשתו, הואיל והאב היה אדם זר והיורשים המוכרים היו קרוביו.

העקשנות היהודית החרדית לא סטתה מדרכה במשך דורות — ואני יכול לומר עד קץ יהדות אירופה — והדבר גרם לתסבוכות מרובות בענייני ירושה ואפילו לטרגדיות משפחתיות. ואלתה׳שי היתה אחת מסוג הילדים האַל־חוקיים הללו.

בזה היה גם כוחו של אייזיק קויפמן, שלא התחשב בקרוביה של אלתה׳שי מצד אביה, ובמקרה והופיע איזה קרוב מצד אמא, נכנס תיכף מר קויפמן איתו במשא ומתן ובהטבה של —.100 כתרים אוסטריים (סכום מאוד מכובד באותו זמן) התפטר ממנו.

הגיע הזמן ואלתה׳שי נזדקנה, מצב בריאותה החל מתפורר ומתכוננת ללכת לעולמה.

ימים מיספר לפני פטירתה הזמין אייזיק קויפמן את הנוטריון המקומי, את מר ברייער, שיערוך צוואה שתגן עליו מפני קרוביה של אלתה׳שי. מר ברייער, גוי בעל חוש מפותח, תפש מיד במה המדובר כאן, הציג אולטימטום למר אייזיק קויפמן, אם לא ישותף בצוואה כיורש שווה חצי־חצי, יגיש קובלנה לבית המשפט נגד אייזיק קויפמן על מעצר אַל־חוקי של אשה חסרת־אונים בכוונה לגזול את הונה. לא עזרו לאייזיק קויפמן שום הבטחות מפתות ובסופו של דבר נכנע לדרישותיו של ברייער. מאז שברייער נכנס לביתו של אייזיק קויפמן לא יצא אותו רק אחרי מותה של אלתה׳שי וחלוקת ההון. מר ברייער חרד לעזוב את הבית פן יעלים אייזיק קויפמן איזו מזוודה או את תוכנה.

יום לפני פטירתה הוזמנו שני עדים (גם הם „ליקקו” משהו) שהיו נוכחים בשעת חתימתה של אלתה׳שי על הצוואה. בחוץ עמדו קרוביה חסרי־אונים, בוכים וזועמים כשהגזל נעשה לנגד עיניהם.

למחרת פטירתה, התגאה מר ברייער, שירש יהודיה בהון כזה שיספיק לו להתקיים ממנו כל ימי חייו מבלי כל צורך לעבוד עוד. מר ברייער סיפר שכדי לחלק את הפנינים בינו לבין אייזיק קויפמן השתמשו בכלי בן ליטר שמודדים בו חלב — זאת היא לא גוזמה.

רק זמן קצר עוד כיהן מר ברייער כנוטריון ברדומישל; הוא קנה בית ברחוב גרוצקה בקרקוב, בקירבת ארמון המלכים „וואוועל”, ושם המשיך את חייו.

בשעת ההלוויה של אלתה׳שי עמדו קרוביה בשני צידי הדרך והמטירו מתוך ריתחה וזעם מטר של אבנים על ארונה וגם קללות לא חסרו, סתם יהודים ליוו אותה ביללות חתולים (קאצן־מוזיק). ובדרך זאת נפרדה אלתה׳שי מעולם הזה.

אייזיק קויפמן, זכר את חסדה, והקים על קברה מצבה משתי אבנים גדולות, שלעולם — אפילו בבוא המשיח — לא תוכל להסירן מקברה.

אבי ז״ל, אדם מתקדם, רחוק מקנאות, אינו מאמין באמונות תפלות ובקיום כוחות מטפיזיים, כגון: שדים ורוחות רעים, ללא כל צל של פחד היה לעתים מבקר אצל אביה של אלתה׳שי הזקן, וכן אצל אלתה׳שי עצמה, לפי בקשתם, להגיש להם עזרה רפואית.

אבי ז״ל, ניסה לא פעם, לא מתוך צרות עין אלא מתוך סקרנות — להוציא דבר־מה מפיהם אודות האגדות האופפות

אותם; הם הכחישו והפריכו אגדות אלו, אבל מהטיפין־טיפין שגילה אביה של אלתה׳שי, צייר אבי תמונה זו:

בשנת 1846 בגליציה, ובפרט במחוז טרנוב, שגם ראדומישל והסביבה נכללו בו, התחילו מתרכזים כוחות פולניים בהנהלתם של האצילים בכוונה להתארגן ולהתקומם נגד הכובשים האוסטרים. הדבר נודע לשלטונות הכיבוש שעשו מעשה תחבולה נגד המתקוממים. השלטונות פנו אל הכפראים, לאכרים הצמיתים, בעזרת סוכנים והציעו להם להתקומם נגד האצילים. כשכר עבור ההתקוממות הבטיחו השלטונות לצמיתים, שכל השלל שיפול לידיהם שלהם יהיה, וכן חלקות האדמה שקיבלו לעיבוד מידי הפריצים תעבורנה לידיהם, כרכוש פרטי שלהם.

התחבולה הצליחה. ספונטנית התנפלו הכפראים על האצילים, רצחום נפשם וגזלו כל דבר שבא לידיהם.

הצמיתים הפרימיטיביים, מוגבלים בכל דבר, לא הבינו ולא העריכו את השלל שנפל לידם. כעבור 4 — 3 שבועות של השתוללות, החלו השלטונות מחזירים את הסדר על כנו, ובזה נסתיימה האימפרזה על כל הצדדים.

המתקוממים הכפראים הביאו הביתה כשלל ניירות צבעוניים, מחרוזות פנינים, מטבעות זהב, טבעות זהב, עגילים משובצים יהלומים וכו׳ וכו׳... אבל להעריך את השלל לא היה להם מושג.

כפי שהזכרתי בתיאור של משפחת אלתה׳שי, היה אביה, כרבים אחרים, „א דארפס־לייפער״, הוא היה היחידי שהעז לצאת אל הכפרים בשעת המהומות, כשההמונים מתפרעים כל יום במקום אחר.

בבואו אל הכפר, נדהם ממראה עיניו. ילדים משחקים ב„בנקנוטים״ (שטרות־כסף) של רבבות — כנייר צבעוני — ניירות ערך של בנקים ותעשיות בעלי שם עולמי של ארצות שונות, מטבעות זהב של כל העולם, הנשים יושבות עם מרגליות בעלות איכות וערך גבוה, עגילים וטבעות משובצים יהלומים, שעוני זהב של גברים וגברות. כל אלה הביאו הפורעים הביתה ומסרום לנשים ולילדים לשחק בהם.

החוש היהודי החל פועל מיד במקום.

לילדים הציעו: לחמניות וסוכריות בעד הניירות ה־צבעוניים; לנשים — כהחלפה לפנינים — מחרוזות אדומות; לגברים — בעד כל מטבע זהב „קרויצער אוסטרי״; את העגילים, הטבעות עם יהלומים, השעונים וכו׳, קנה בפרוטות. האכרים קיבלו את הצעותיו ואביה של אלתה׳שי היה חוזר יומיום הביתה עם הון עצום בל ישוער שקנה אותו בפרוטות מידי האכרים.

זהו הסוד הכמוס אודות ההון העצום בידיה של אלתה׳שי.

אף־על־פי־כן, רמת החיים של משפחת אלתה׳שי לא נשתנתה. הקמצנות אצלם בלטה בכל אתר ואתר, גם אלתה׳שי הלכה בדרכה של הוריה ולא נהנתה במאומה מהונה.

היחידים שנהנו מהונה העצום היו שני אנשים — אייזיק קויפמן והנוטריון ברייער.

דוד פעלץ

מאיר קוטש

אויב אין ראדאָמישל זענען געוועז צדיקים, איז מאירל דער אזוי גערופענער „קוטש״, געווען א ל״ר־ניק. אָפּגעלעבט האָט ער א לעבן — אויף אלע שונאי ציון געזאָגט. וואָס מען האט אים נישט געגעבן: אביסל עסן, אנצוטון א.א.וו. האָט ער נישט געהאַט. בכלל נישט גענאָסן פון עולם־הזה.

אַ זעלטענע ראָל האָט ער געשפּילט אין שטעטל. דהיינו: פרייטיק נאָכמיטיק האָט ער אויסגערופן אין די גאסן פון שטעטל בקול־רם, „אין באָד אריין״, און פאַרנאַכט, — פאַר ליכט־צינדן און שבת אין דער פרי: „אין שול אריין״.

די יידן אין ראדאָמישל זענען געווען אזוי צוגעווינט צו מאירל׳ס רופן, אז זיי האָבן געטראכט: ווען גאָט וועט אים צונעמען צו זיך, וועלן זיי נישט וויסן ווען צו גיין אין דער מקוה און אין דער שול.

אזוי האָט מאירל מקיים געווען אין זיין לעבן א וויכטיקע מצווה, צו רופן די יידן פון ראדאָמישל אין באָד אריין און אין שול אריין.

י ה א ז כ ר ו ב ר ו ך!

רחל קארנרייך
צפת

געשעענישן

דער פארשוועונדער

אין מיינע צייטן האָט געוווינט אין אונדזער שטעטל א ייד א זקן: א הויכער, א זויבערער מאן, א גוט־באזיצער, זייער א רייכער.

ער האָט געהאט א סך טעכטער, איידעמס, אייניקלעך א. א. וו. געווען א איש ישר. טאקע אָן בילדונג, אָבער מיט נאטירלעך פארשטאנד און א גוט הארץ.

אלע זיינע קינדער האָט ער גוט פארזאָרגט מיט פאר־מעגנס און ווען ער איז געקומען קיין ראַדאָמישלע האָט ער זיך פאראינטערעסירט מיט אָרעמע נויט־באדערפטיקע און זיי פאַרזאָרגט מיט פראָדוקטן און ברען־מאטעריאלן אויף ווינטער.

די רייכע קינדער איז אָבער אלץ געווען צו ווייניק; ס איז זיי געווען א שאָד, וואָס דער אלטער פאָטער אונטער־שטיצט אנדערע. און זיי האָבן באשלאָסן אים צו שטעלן אונטער א קוראטעלע. ער האָט פאר זיי צו לאנג געלעבט...

כדי דורכצופירן זייער פלאן, האָבן זיי געמוזט פארלאנגען פון געריכט מען זאָל אים אָנערקענען אלס נישט נאָרמאלן... זיי האָבן געדונגען די בעסטע אדוואָקאַטן און א פסיכיאטער, כדי צו דערגרייכן זייער ציל.

דער ערלעכער אלטער איז געקומען צו דער געריכטס־פארהאנדלונג אליין, אָן אַן אדוואָקאַט. אָנגעטון איז ער געווען אין אן אלטן אויבערציער, רייך, אָבער אָפּגעבליאקעוועט פון אלטקייט; א ברייטן סאמעטן קאפעליוש מיט א קאפל — פאַרשמאָלצן פון אלטקייט; א פאָר שטיוול אויף די פיס — גוט איינגעשמירט מיט פעטס, כדי זיי זאָלן לענגער האלטן. אזוי איז ער געקומען אין געריכט.

דער פסיכיאטער און די אדוואָקאטן האָבן אים פאָרגע־וואָרפן, אז ער איז א „פארשווענדער״, גייסטיק נישט נאָר־מאל א. א. וו. אָבער דער אלטער זאָגט צום ריכטער:

— הער ריכטער, קוקט מיך אָן, 40 יאָר טראָג איך מיין אויבערציער. די שטיוול זענען אין גאנצן אלט 35 יאָר. זומער גיי איך באָרוועס. דער קאפעליוש איז אויך נישט פון די נייעסטע. עסן, עס איך, וואָס איך האָב פארדינט פון מיין

ארבעט: שווארץ ברויט, פוטער, קעז. דאָס אַלץ האָב איך אויסגעאַרבעט מיט מיינע אייגענע הענט און פלייס. דורך ערלעכקייט און פלייס האָב איך א פאַרמעגן דערוואָרבן. ביטע, הער ריכטער, בין איך א פאַרשווענדער?... איך לעב צו לאַנג פאַר מיינע קינדער? זאָלן זיי לעבן אַזוי ווי איך האָב געלעבט, וועלן זיי קיין ירושה נישט דאַרפן. איך האָב פון מיינע עלטערן געירשנט נישט מער, ווי מיין אָרעמען גוף. און אויב איך וויל פון מיינע ערלעכע אָפּשפּאָרונגען העלפן מיינע אָרעמע יידישע מיטבירגער אין זייער נויט, פאַרלייכטערן זיי, דערפאַר בין א גייסטיק געשטערטער און א פאַרשווענדער?"

דער ריכטער האָט די קינדער געמאַכט א פאַרוואָרף און דעם אַלטן, ערלעכן מאַן אויסגעדריקט זיין אָנערקענונג און אַכטונג.

דאס גליק אין אומגליק

אין הויז פון א באַקאַנטן יידישן וואַלד־סוחר, ישראל ק., איז מען געווען פאַרנומען מיט ריי־ניקן די שטובן פון פורים ביז פסח: די צימערן געווייסט, דעם שטויב פון די מעבל אַראָפּגענומען, דאָס מיסט גרינטלעך אויסגערייניקט. די אַלטע זאָשקע, מיט אַנדערע צוויי געהילפן, האָבן צוגעהאָלפן ביי די רייניקונגען.

אין דער וואָך פאַר פסח האָט מען בכלל נישט געטאָרט אַריינקומען אין די וווינונגס־צימערן — אַלץ איז שוין געווען כשר לפסח: די מצות אין א קעסטל פאַרפּאַקט, דער וויין צוגעגרייט צום סדר.

צום סדר זענען געקומען די טאָכטער, מיטן איידעם, מיט זייערע קינדער פון טאַרנע; — די טאָכטער פון ראַדאָמישלע מיט אירע פאַמיליע (מאַן און קינדער); די גרושה, די שכנה, מיט איר זון, מערערע אורחים אַלע האָבן זיך געגרייט צום סדר. אַלע זענען געווען אין נייע קליידער, די צימערן יום־טובדיק באַלויכטן מיט די זילבערנע לייכטער מיט די בליץ־לאָמפּן.

דאָס עסן איז באַשטאַנען פון פיש, פאַרשידענע אַרטן פלייש מיט ביילאַגן א. א.

נאָך דעם ערשטן העלפט סדר, ווען דער בעל הבית מיט זיין פאַמיליע און געסט האָבן אָפּגעזאָגט די ערשטע העלפט הגדה, אָפּגעגעסן די פיש, די זופּ און זיך געגרייט צום פלייש, איז פּלוצים די גאַנצע שמחה פאַרשטערט געוואָרן: אין א שטיק אינדיק האָט מען געפונען א גערשטן־קערנדל, אוי! א בראָך, דאָס גאַנצע עסן איז חמצדיק, טריף.

אַזא אומגליק ביי דער ערשטער סדר־נאַכט? די גאַנצע פאַמיליע וועט מוזן פאַסטן אַלע אַכט פסח־טעג. די גאַנצע שטאָט האָט מיטגעפילט די אומגליקלעכער פאַמיליע.

וואָס זאָל מען טון? — מען גייט צום רב פרעגן א שאלה.

דער רב, ר׳ שמואל ענגעל, צוזאַמען מיט צוויי דיינים, זענען ביז שפּעט אין דער נאַכט געווען פאַרנומען מיט בודק זיי דעם גערשטן און צום סוף האָט דער רב געזאָגט:

— ס׳איז כשר. עס איז נישט קיין גערשטן קערנדל, נאָר א שטיקל צואה...

שמואל סלפטר־קוד

קבוץ עין חרוד

סיפור חיי

סבי היה ר׳ חנוך קוד ז״ל, קרוי הניך החסיד. אבי היה אברהם קוד ואמי היתה ממשפחת סלפטר ממיעליץ.

אבי היה אדוק מאוד ובכל יום השכים והלך לבית המדרש ללמד ואח״כ להתפלל. היה חסיד שינאווע וגם חסיד של ה„דמביצר". כדי לקיים מצות שמירה נוהג היה לקנות ככר בקיץ חטים יבשות, טחן אותן בעצמו והאפייה הית הנעשית בנוכחותו ובהשגחתו.

בזמני היה בעל התפילה בראש השנה ויום־הכפור החזן ר׳ שמואל יוסל בבית הכנסת שול, ובקלויז היה חזן מפורסם — ר׳ אלי — ומאוחר יותר הוא נלקח כחזן לעיר מיעליץ.

היה בעיירה רב גאון ומפורסם ר׳ שמואל אנגל זצ״ל וגם רבי מפורסם הפלנצ׳ר רב, שבאו אליו לחגים ובמיוחד לראש השנה. חסידים רבים באו מרחוק ומקרוב ומפולין הקונגרסאית.

בכל יום חמישי היה יום שוק בעיירה ואכרים היו באים מכל הכפרים שבסביבה והביאו אתם ביצים, עופות, סוסים, פרות, תבואות וכל מיני ירקות וכך התפרנסו היהודים בעיירה.

בעיירה היה עו״ד אחד ושני רופאים וספר ששמו יעקב פלץ, שהיה מבקר ביחד עם הרופאים אצל החולים ובצורה כזו למד רפואה. הצמיד לחולים כוסות־רוח (ביינקעס) ועלוקות (פיובקס) וגם עקר שיניים. רכבת לא היתה בעיירה וכשהיה צורך היו נוסעים למיאליץ, לצ׳רנא ולטרנוב בעגלה עם עגלון.

אני שמואל סלפטר, נולדתי ברדומישל. בגיל 3 התחלתי מבקר בחדר אצל הרבי שלמה שטרן. כל בוקר בא העוזר (בעלפער), הלבישני ורחצני ואמר אתי את ברכת השחר „מודה אני" והביאני לחדר. הרבה פעמים שלחו אותנו הביתה מהחדר, כאשר המשטרה באו לבדוק את החדר. בגיל 5 התחלתי לומד חומש. הלכנו עם העוזר לבתי היולדות לקריאת „שמע" וקיבלנו כתמורה דברי מתיקה.

אח״כ למדתי אצל איצ׳ה פוגלפנג ומאוחר יותר אצל רב גדול יותר, רב אשר רב איצ׳ס, יחד עם פסח וראובן אייזלנד. למדנו שם חומש עם פירוש רש״י, גמרא; בחורף למדנו עד מאוחר בלילה והלכנו הביתה עם מנורות נייר ביד. בכל שבת שמעו מפינו מה שלמדנו וקבלנו פירות שבת. לבית הספר לא הלכנו כיוון שהחסידים לא שלחו את ילדיהם לבית ספר של גויים. אע״פ שבזמני היה בבית הספר מורה לדת.

בגיל 14 שלחו אותי לבית מסחר גדול בטרנוב ללמוד מסחר. לאחר מספר שנים נסעתי לגרמניה, לדיסלדורף. בשנת 1906 נשאתי לאשה את בתו של אהרון מוהר מטרנוב. בדיסלדורף יסדתי בית מסחר לרהיטים והייתי גם עסקן פוליטי וציוני.

כמו״כ הייתי גם גבאי בבית הכנסת של יהודי המזרח 25 שנה, ובין מיסדי „תלמוד תורה". הייתי, בוועד הקהילה של יהודי גרמניה, המייצג של יהודי מזרח אירופה.

הייתי יו״ר הארגון של יהודי מזרח אירופה שמטרתו היתה להלוות כספים לנצרכים וגם כסף להוצאות נסיעה למקום או

מדינה אחרת. היות והיתה מלחמה תמידית בין יהודי מזרח ויהודי מערב, (אוסט־וועסט יודען) הייתי אני המייצג ונלחמתי למען יהודי מזרח אירופה.

אשתי יסדה ג״כ „חברת מזרח נשים״ לחולים. היינו נוהגים לערוך נשפי חנוכה ופורים ביחד עם ארגון ציוני ואת הכספים העברנו לנצרכים ולארץ ישראל. בהזדמנויות שונות אספנו אשתי ואני, כספים למען ארץ ישראל. וכשבאו לגרמניה גדולי הציונים כמו משה בילינסון, אנצי סירני, מ. שרתוק ועוד, היו מתארחים בביתנו. את גרמניה עזבנו בשנת 1936 ועברנו לארץ ישראל ישר לקיבוץ עין חרוד המאוחד אל בתי וחתני שהם היו שם חברים זמן רב קודם לכן. עבדתי במשק עד גילי השמונים ועזרנו כפי יכלתנו. אנחנו מאד שבעי רצון בגורלנו.

⁂


1) עין־חרוד תשכ״ו

2) מקוצר ומתורגם ע״י א. רייכמן.

משפחת איסלר הקשורה עם משפחת סלפטר



איסלר יחיאל (איכל)
אשתו מרים ובתם חנה.



איסלר חנוך (היינריך),
אשתו אלקה.



איסלר זכריה (זיגמונד),
אשתו סופי ובניהם חנוך ויחיאל



סלפטר אוסקר ואשתו ברוניה (מבית איסלר) עם בנותיהם:
ריקר -- העומדת ע״י האם, רניה על חיקו של אבא ודורית



איסלר יעקב
ואשתו הרטה



איסלר יוסף ואשתו לאה (מבית פרנצבלאו)



עמליה ובעלה אוסקר איסלר

אייזיק רייכמן־ביזגייאר
תל־אביב

ביוגרפיה ציבורית של העיירה רדומישל־רבתי בערך עד שנת 18—1917

עיירה קטנה היתה רדומישל רבתי. עיירה קטנה, אך תוססת וערה, תוססת ודינמית בכל השטחים, הן בדברי קודש והן בדברי חולין. עיירה קטנה בלי רכבת אך מאוד מורכבת. פעמו בה חיים תרבותיים תוססים ורבגוניים, החל מבעיות קטנות וכלה בבעיות גדולות. בני אדם בלבוש המסורתי ובלבוש לא מסורתי, למדנים ואף בטלנים.



ר׳ חנינא ביזגייער ואשתו אסתר

משכילים וחסידים, סוחרים, וכאלה הנאבקים על חיי היומיום עם הרבה חרדה בלב. בחורים עם הבנה עמוקה וידיעה רבה אשר למדו בבתי־המדרש וב„קלויז". כפי שציינתי כבר, עיירה קטנה ומורכבת שיש בה מכל כל. אך ישיבות בעיירתנו לא היו. ולכן, רבים היו הבחורים אשר ברחו מבית המדרש או מבית הרבי כדי למצוא דרכים לפתח את השכלתם ולהרחיב את אופקיהם בעולם הגדול. במאמצים על־אנושיים רבים היו כרוכות תכניות אלו. אך רבים היו אנשי עיירתנו ואני בתוכם אשר לא נרתעו ולא נבהלו מכך למרות הקשיים שבדבר. ואין כל פלא. קשים היו ההסתגלות והמעבר מעיירתנו הקטנה לעולם הגדול. אך האנשים היו מוכנים לכל מאמץ ובלבד שיצליחו להרחיב את השכלתם. מה רבים היו המכשולים הן מצד הרבי, ולא מעט מבני הבית. לא מעטות היו המלחמות הנטושות בין ההורים לילדיהם עקב צמאונם של הילדים לדברי חכמה ותורה. ההורים חרדו לגורל ילדיהם, אשר לא ידעו אנה פניהם מועדות. מהו המחכה להם מחוץ לגבולות העיירה, אשר נראה להם כה גדול ובלתי ידוע ונורא וחרדתם היתה רבה.

רבים היו אלה אשר חיפשו אחרי דרכים חדשות ורבים הם אשר לא זכו להגיע למטרתם. אך בלבותיהם של כולם היו געגועים לאותה עיירה קטנה אותה עזבו — ואשר עם כל היותה קטנה לא חסרו בה חיים כבכל אותן הערים הגדולות של אז. למרות שלא היה בה חשמל ולא מים מאוד אהבנו את עיירתנו. וכל זאת דוקא בגלל כל אותם הדברים הקטנים שהשאירו בנו זכרונות בלתי נשכחים.

מה קשה היה להגיע ממקום למקום בשעה שרכבת ומכוניות לא היו. היינו עושים את כל המרחקים הגדולים של קילומטרים רבים בעגלות תוך שעות רבות. אך מי מאתנו לא חיכה וציפה לאותו רגע שיוכל לנסוע בעגלה על־אף הקשיים שבדבר, ונסיעה מפרכת של לילה תמים ללא שינה. ובפרט, נסיעה של השגרתים („פרכטרס" בלע"ז) שהיתה על עגלות עמוסות סחורה.

אך כל נסיעה כזו היתה מלווה בשמחה רבה ובהומור רב. בשבילנו, הילדים, היתה זו ממש חוויה ומאורע גדול לזכות בנסיעה כזו, ומה מאוד חיכינו לזכיה גדולה זו.

לא פחות מכך זכורות לנו החגיגות והחתונות אצל הרביים בעיירתנו; אף המריבות בין הגבאים ובין הרבנים שבתוך עיירתנו היתה להן משמעות מיוחדת ואופיינית. אפשר להאריך ולהוסיף קוריוזים בלי קץ ולא אגזים אם אומר שעיירתנו עד כמה שקטנה היתה יכלה לספק חומר לא מעט לתסריט. מתוך החיפושים הרבים של אנשי עיירתנו — נפוצו האנשים והתפזרו בכל קצוות תבל. וצדקה עשה הקב"ה שפיזר את אנשי רדומישל — שע"י כך מוצאים אחרי השואה את אנשי רדומישל בכל העולם. שלא התבוללו בין הגויים, ולהיפך, חיו את זכרונות העיירה ונמשכו החוטים לעיירה אשר לכאורה היתה כה פרימיטיבית. נשארו געגועים בלב, הן לימים הרעים והאפורים שבחיי היומיום בעיירה, והן לחיים הטובים שהיו בה. אין בונים את העתיד אך ורק ע"י כך שנזכיר את הרציפות והזכרונות מהעיירה. הנאצים ימ"ש הצליחו למחוק את הגוף והחיים של העיירה אך לא יכלו להכרית את הרוח והיצירה.

בעיירתנו ישבו על כסא הרבנות הרבה רבנים גאונים, ביניהם הרב הגאון ר׳ שמואל אנגל זצ"ל וכן הצדיק, ה„פלאנצ'ר רבי", ר׳ אברהם־חיים הורביץ זצ"ל, שהוא נין לר׳ נפתלי מרופשיץ זצ"ל. ברצוני להעלות מספר זכרונות עליהם.

הגאון ר׳ שמואל אנגל זצ"ל

גאון זה בכל בינתו, חכמתו וגאוניותו היה איש צנוע ומטרתו היתה להאיר עיני צעירים ומבוגרים בתורתו ולהקים דור תלמידים. ממש מסר נפשו על התורה כדי ללמדה, להפיצה ולהסבירה. לא היה מוציא פסק־דין עד אשר ידע להכיר ולברר ולחקור שורש הדבר והעניין. ובכך נתגלתה חכמתו וגדולתו. את גאוניותו יכולים במיוחד להבין ולהכיר גם מתוך לימוד ועיון בספרו שו"ת מהר"ש. וכל המבקש להכיר עומקו וחריפותו בלימוד, אין לפניו מקור חשוב יותר מספרי המהר"ש.

יחיד בדורו היה. מקל בעניני עגונות וחליצה. גאל הרבה עגונות בשנת המלחמה העולמית הראשונה (1914—1918), למרות שהיה מחמיר בהרבה דברים, השתדל בענין חליצה ועגונות להסביר „כחו דהיתרא עדיף".

דיבורו היה בנחת; השתדל להשפיע ולהפיץ תורתו לתלמידיו לעומקו על רוחבו ולעודד ללימוד. בנו הגאון, ר׳ חיים הי"ד היה מלמד והוא עצמו היה משגיח על הלימוד ובוחר את התלמידים. לא עשה כל אפלייה בזמן בחירת תלמידיו. לא ייחס כל חשיבות למעמד או „יחוס" או מאיזה רבי בא התלמיד, אלא כשרונותיו של התלמיד בלבד עמדו לפניו. לכן היו התלמידים מגוונים ואהבו אותו אהבת נפש. אם ראה גאווה כלשהי או התרוממות אצל אחד מתלמידיו בגלל ייחוסו, לא התבייש ולא נרתע מלהוציאו מכלל תלמידיו.

הוא אהב מאוד לקחת אחדים מתלמידיו ולערוך אתם טיול מחוץ לעיר בחיק הטבע. בשעת הטיול היה נוהג לבחון את התלמידים, והם הכירו ברהיטות המחשבה והזכרון הפנומלי של בוחן ושוקל על סוגיותיה — וניהל אתנו גם שיחות חולין של תלמיד־חכם. איזו חכמת חיים היתה בשיחות החולין שלו. והשיחות התנהלו אצלו בעיקר על המחשבה והמעשה. היה מקרב כל תלמיד ומשוחח אתו בענייני דיומא וגם בענייני משפחה.



עומד: זישה ביזגייער (בנו של ר' חנינא), יושבים — מימין לשמאל: רחל (אשתו של זישה מבית דינסטיג); נחום ווייזר (בעלה של רבקה — חתנו של חנינא); שני ילדיהם של רבקה ווייזר, היושבת הראשונה משמאל.

והפלא הגדול היה בכך שהיה איש חולני מנעוריו, סבל הרבה והיה מתנסה בהרבה יסורים, בפרט בין פורים לפסח.

אעפ״כ לא הפסיק ללמד וקיבל כל היסורים באהבה. לא נתן לאיש מתלמידיו, ולמשפחתו בפרט, להרגיש סבלו הרב, וסבל בשקט עד אשר נפל לגמרי למשכב. את תלמידיו היה ממשיך לקבל בסבר פנים יפות.

בזמן מחלתו האנושה, שהיתה שאלת חיים, חרדו לו כל תושבי העיירה והסביבה, ואף הגויים דאגו לו בחרדה רבה, היות וכולם כיבדוהו ואהבוהו מאוד.

בזמן המלחמה העולמית הראשונה, כשקרבו הרוסים לעיירתנו, עקר ממנה לוויצען שבהונגריה. כולנו הצטערנו מאוד. בני העיירה והסביבה, וביניהם גם תלמידיו, ואני בתוכם, אשר יצאו לעולם הגדול ואשר קיבלו השכלה חילונית, לא שכחוהו. כולם התגאו בכך שזכו להיות מתלמידיו של רבי שמואל אנגל זצ״ל.

דמותו המושלמת, קסם אישיותו, תכונתו להיות מעורב עם הבריות ועם תלמידיו, חריפותו, שנינותו, הסברו וסגנונו המיוחד במתן בסוגיות קשות, לא יישכחו לעולם לברכה, למי שהיה בקרבתו — זצ״ל.

הפלנצ׳ר רבי זצ״ל

הפלנצ׳ר רבי, כפי שנקרא בפי כל, הרב אברהם־חיים הורוביץ זצ״ל, נינו של ר' נפתלי מרופשיץ זצ״ל — היה איש תמים אשר עסק בתורה יומם ולילה. אומרים עליו שלילות רבים לא טעם טעם שינה. תלמיד חכם היה, גדול בתורה, למרות הרבנות. לימד תורה רק את נכדו ואותי ותלמיד אחד או שניים נוספים, אותם לימד רק בחצות הלילה. בחגים היו נוהרים אליו מאות חסידיו מכל קצווי הארץ ובמיוחד מפולין הקונגרסאית.

בימי החגים והימים הנוראים היה עובר לפני התיבה ונעימות תפילותיו היו גורמות להתרגשות רבה וחוויה בלתי נשכחת. ניגוניו הערבים וזמירותיו המיוחדות היו נשמעים בכל פינה. תפילות וניגונים אלה היו נמשכים משעות הבוקר המוקדמות, עד לשעות אחרי הצהרים המאוחרות, בהתלהבות אשר דבקה בכל הסובבים אותו. כשהחל רוקד בשעת אמירת פיוטים אחדים, למרות חולשת גופו, רקד בלי הפסק, עד אשר האמינו שמלאכים רוקדים עמו. מי שלא זכה להתפלל במחיצתו לא זכה לרגש תפילה מימיו.

זכורים לי ה„סדרים" אשר היה עורך ב„ליל פסח". „סדר" כזה היה נמשך עד עלות השחר ולא יכולנו לשכחו לעד. ולא פחות מכך היתה הדלקת נר חנוכה. באיזו יראת־קודש היה מדליק ואווירת קודש היתה נסוכה על כל הסובבים אותו. ה„פלנצ׳ר רבי" היה אחד הרבנים היחידים שחגגו את שבת חנוכה במלואה; היתה אז הילולה רבתי ולא נעדרו אף משפחת יעקב גולדמן ובניו, אשר אחד מהם היה מלווה את ההילולה בנגינה בכנור.

ומי אינו זוכר את החתונות אצל הרבי עם חסידיו והקוזקים מעבר לגבול, פולין הקונגרסאית. הילולות אלו נמשכו ממש כל שבעת ימי המשתה, בהתלהבות רבה של הריקודים והניגונים הפלנצ׳אים והרופשיצאים שחן מיוחד היה נסוך בהם והישרה שמחה והתלהבות בקרב כל הנוכחים.

במיוחד אהב לחגוג את סעודות „מלווה מלכה" במוצאי־שבתות. חגיגה זו היתה ממש עבודת קודש. ההתלהבות, הנגינה, הריקודים, „המבדיל" — וכל אוירת קודש זו הביאו להתרוממות הנפש.

בהתלהבותו ובתפילותיו הורגש שהרבי ממלא את רצון אלקים אם בנסתר או בנגלה, מעשיו היו נעשים תמיד מתוך קדושה וטהרה. בדבקותו השפיע על חסידיו.

במחיצתו, בתורתו ובהתלהבותו שכחו את דאגות היום־יום הקשות שלהם. החסידים נהגו להקדיש ימים ולילות כדי להסתופף בצלו של הרבי, על־מנת לספוג התלהבותו וטהרת נפשו.

הרבי מפלנץ׳ נחשב לאחד מגדולי הצדיקים ויעיד על כך הספור הבא:

בעיירה לא רחוקה, פילזנה, שליד טרנוב, חיתה אשה אשר בדמיונה ובמעשיה חשבה ש„דבוק" נכנס לתוכה. וזאת כיוון

שהקצב של העיירה מכר בשר טרף לאוכלוסיה היהודית. רצתה האשה לחזור בתשובה על מעשיו ולתקן נשמתו של הקצב כדי שיוכל להיכנס לגן העדן. לכן צריכים לגרש את ה„דיבוק". ומה לעשות כדי לגרש אותו מהאשה? רק רבי גדול בעל מופת יכול לעזור בגירוש „הדיבוק".

לכן החליטו לשלוח את האשה אל הרבי מפלנץ׳ כדי שיגרש את ה„דיבוק" ממנה. אני עצמי, שהייתי אז בן 8—7 שנים, הייתי עד לכל אותו מחזה מאחר והייתי מבין באי־ביתו של הרבי, ויחד אתי היו עדים למחזה, כמובן, מחצית מאנשי העיירה שבאו לראות ולשמוע.

הרבי הזמין את האשה לבית הכנסת — „השול" — כדי לשמוע את כל סיפור המעשה. הרבי ישב מרחוק והאשה החלה מספרת ומדברת, פעם בקול של גבר ופעם בקול של אשה בתוספת של העוויות ותנועות משונות. סיפר „הדיבוק" שהוא היה קצב בעיירה ומכר כל הזמן בשר טרף. עתה הוא נע ונד ואין נותנים לו להיכנס לגן־עדן, ובקשתו היא שהרבי יתן לו „תיקון". „הדיבוק" ביקש לצאת מהאשה ולהיכנס לגן־העדן בזכות המצוות והצדקות האחרות הרבות שעשה. הרבי העמיד תנאים ל„הדיבוק" שייצא אך ורק דרך האצבע הקטנה ושלא יזיק לאשה ושלא ייכנס בדרכו החוצה לתוך מישהו אחר. היה משא ומתן ארוך וממושך עד אשר האשה ואף הרבי עייפו, והרבי החליט להמשיך בנסיון למחרת היום, לשמחתם הרבה של הילדים אשר בטלו מלימודיהם. למחרת המשיכו באותו תהליך עד אשר הסכימו להועיד יום ושעה בו ייצא „הדיבוק". ביום השלישי בו הוחלט על יציאת „הדיבוק", התעקש „הדיבוק" שוב ולא רצה לצאת אלא העמיד תנאים שונים, כי הרבי ילמד פרקי משניות ויגיד „קדיש" כל יום, עד אשר החליט הרבי להחרים את האשה בצום ובתקיעת שופר אם „הדיבוק" לא ייצא מתוכה עד למחרת היום — וכמובן, ש„הדיבוק" לא יצא.

הוטל על האשה חרם והוכרזה תענית בכל העיירה. הזמינו „בעל תקיעה", הדליקו נרות בבית הכנסת. בשעת התקיעה החלה האשה צועקת, רועדת ובוכה בקול ה„גבר", שהוא כבר רוצה לצאת, אך שוב לא יצא. תקעו תקיעה נוספת והרבי החל מפרש את החרם. האשה שוב החלה רועדת וצועקת, הפילה עצמה על האדמה וביקשה שיפסיקו את החרם.

כשהופסק החרם והאשה חדלה מבכייה, סיפרה שיש לה עבירה נוספת וחמורה יותר מאשר מכירת ואכילת הטריפה, אך עבירה זו אין היא רוצה לגלות בפרהסיה, אלא אך ורק לרבי עצמו וכשאין איש עמו. החל משא ומתן ארוך מאחר והיה בדבר עבירה של „יחוד" עם אשה אך לבסוף הסכימה האשה וגם הרבי שהגבאי, ר׳ יוסלה, יהיה נוכח בשעת הוידוי. האשה שהיתה אשת־איש סיפרה על העבירה החמורה שעשתה: חיתה פעמים מספר עם גבר אחר. הרבי אשר נזדעזע לשמוע סיפור זה מפי האשה, אמר שיחשוב בדבר ויתן תשובה למחרת היום. בלילה נעלמה האשה מהעיירה.

הקשר של הדיבוק לאנסקי
עם הדיבוק הידוע של רדומישל־פילזנה

אמנם זו השערה בלבד, אבל השערה שיש לסמוך עליה; בזכרונותיו של אנסקי ז"ל הוא מזכיר שמערכה אחת של „הדיבוק" הוא כתב ב„טארנאוּוער קלויז".

כידוע, במנוסתם מהאויב הרוסי בסוף 1914 נתקעו עשרות משפחות של רדומישל בטרנוב, רובם בלי אמצעים כספיים, ובכלל היינו נתונים במצב די קשה, פחמים ועצים בחורף הקשה של 1915 קשה היה לקבל ואם קיבלום כי אז ביוקר, ואנו הגברים והנערים בילינו הרבה זמן ב„קלויז" הגדול ששם היה חם, שמענו וסיפרנו אחד לשני מעשיות שונות ואגדות, רובן על רקע חסידי ומופתים מרכזיים (זי"ע), ולא פעם דובר על „הדיבוק הידוע" ואטי רעכיל ומשה פנצר שהרבי מפלאנץ׳ במושבו ברדומישל השתדל להרחיק מהאשה האומללה, בתו של הדיין הפילזנה ללא הצלחה.

כידוע, סבב אנסקי בתור בא־כוח של ועד העזרה לנפגעי המלחמה, שאורגן ע"י הדומה הממלכתית בעיירות האלו, כפי שהוא רושם בספרו „חורבן גליציה", הוא מזכיר את טארנא, פילזנה דעמביץ, על כל פנים בתור איש שחיפש אגדות ולגנדות הסתובב בלי שום ספק בטארנאוּוער קלויז וכתב שם חלק מהמחזה, ושם קלט באזניו מעשיה פיקנטית זאת, ויש לשער שעל רקע השמועות האלו בא לו הרעיון של „הדיבוק".

החיים הכלכליים

האופייני לעיירתנו היו במיוחד התבואנים (סוחרי התבואות) שעסקו בממדים גדולים והאיכרים אשר הביאו תבואתם מכל הסביבה בימי חמישי בשבוע, שהיה יום היריד. אופייניים היו גם סוחרי העופות והביצים אשר עסקו גם בייצוא סחורתם למרחקים גדולים יותר כמו למדינות אוסטריה, גרמניה ועוד. בעיירתנו אף עסקו בתעשיה קלה, ששמה היה ידוע בכל גליציה, במיוחד תעשית הכובעים שהחלוצים בזה היו האחים פדר, אלטר שטרן ואחרים, ותעשית קוסמטיקה. התבואנים היו: חנינא ביזגייאר, וולף גולד ובנו אהרן גולד ועוד.

רוב חיי המסחר והכלכלה, היבוא והיצוא, היו מרוכזים בידי השגרנים שנקראו „פ ר כ ט ר ס". אותם שגרנים מילאו תפקיד מרכזי וחשוב בחיי עיירתנו ובקיומנו. עבודתם לא היתה קלה כלל וכלל, בפרט כשהמדובר באמצעי תחבורה שעמדו לרשותם. כידוע רכבת לא היתה בעיירתנו והיה עליהם לשכור עגלות מידי האכרים כדי שיוכלו הם וסחורתם להגיע לרכבת, ובצורה כזו אף להגיע לעיר הגדולה טרנוב. הדרכים היו מסוכנות ומשובשות. נסיעות כאלו היו נמשכות, לא פעם, שעות על גבי שעות, בלי הבדל של יום או לילה; ולמרות עבודתם הקשה לא זנחו שגרנים אלה את ביתם ואת משפחתם ואת חינוך בניהם וחיפשו להם את המלמדים הטובים ביותר.

רצוני להעלות כאן במיספר מלים את הנסיעה מעיירתנו לעיר הגדולה. בביתו של אבי, חנינא ביזגייאר ז"ל, שהיה גם בין השגרנים נוסף לעסקיו האחרים כגון מכולת, תבואָן במידה לא קטנה, היתה לי ההזדמנות להתבונן כיצד היו היהודים בעיירה קטנה חיים את חייהם. במשך כל השבוע היה אבי עסוק מעלות השחר ועד אחרי חצות מבלי שיהיה סיפק בידו אפילו לישון. מאחר והיה יהודי ירא־שמים, אוהב ללמוד פרק משניות, חומש ורש"י ומיספר פרקי תהילים, לא הסכים לוותר על תענוגות אלו, למרות העבודה הרבה. את ימי הששי אחרי הצהרים ואת ימי השבת היה מקדיש לעיון וללימוד ואף בימות החול לא עזב את הבית מבלי לסיים את תפילתו או התפלל בדרך.

ביום ראשון וגם ביום חמישי שהיה יום יריד בעיירתנו,

היו ימי מהומה ורעש, היו נוהגים לשכור את הגויים עם עגלותיהם לימי השבוע. בשעה אחת בלילה החלו מעמיסים את התבואה על העגלות ובהזדמנות זו הצטרף כל מי שרצה לנסוע אל מחוץ לעיר, בפרט בתשלום זול יותר. לאחר צפיה של שעתיים החלו העגלות זזות. חלק מהן לכיוון הרכבת של צ׳רנה וחלק אל העיר הגדולה טרנוב וגם למיאֶליץ. בחוץ גשם, שלג וקור ומאומה לא מרתיע. הנסיעה היתה קשה ומעייפת, ולא פעם התעייפו הסוסים מהדרך הקשה והיה צורך לרדת מהעגלה ולעזור לעגלה לזוז ולהמשיך בדרכה ע״י דחיפות. ענין משיכת העגלות ע״י הנוסעים היה חוזר ונשנה לפני כל עליה אל הר ולפני כל ירידה במדרון, שהסכנה בה היתה גדולה והיה צורך לעצור בעד הסוסים. כך היו ממשיכים שעות על שעות ובאפיסת כוחות לאחר נסיעה של שעות היו מגיעים לפונדק („קרמצ׳ה״). שם התאספו כל השגרנים ובעלי העגלות והנוסעים החליטו להינפש במקום זה לפני שימשיכו בדרכם המייגעת. במקום זה נחו, התפללו, עשו שמח, אכלו ושתו ורק לאחר שאגרו מספיק כוחות, המשיכו בדרכם עד אשר הגיעו למחוז חפצם; שם פרקו את העגלות והחלו במיקח וממכר שארכו גם כן שעות רבות. רק לאחר שסיימו את מכירת מרכולתם, וקניות כל מיני סחורות עבור העיירה, חזרו באותה דרך ובאותן התלאות עייפים ורצוצים לבתיהם, ולמרות הכל היו האנשים אנשים בריאים ושמחים בחלקם. ביום הששי לכבוד השבת הסירו מלבם את כל תלאות השבוע, פשטו את בגדי החול והלכו להתקשט בבגדי שבת. עם סיום השבוע סיימו את כל עסקי החולין והחלו מתעסקים בדברי קודש, בדברים שברוח ונפש. לא העלו ולא הזכירו את ימות השבוע המייגעים, לא דיברו על עסקים, הורגשה אוירת קודש בכל. הלכו למקוה, למרחץ־הזעה (שוויץ־באד), גם אבי ז״ל שכח את כל עסקיו, חיסל שבוע של חולין והתחיל מרגיש את הקדושה בכל הבית. אבא התחיל קורא פרשת השבוע שניים מקרא ואחד תרגום בכוונה גדולה ובהתלהבות עד כניסת השבת והליכה לבית הכנסת.

הדור הצעיר והשכלתו

הדור הצעיר בעיירתנו לא הסתפק בתורה שספג בבית המדרש, אלא שאף להתקדם, ללמוד ולרכוש תורה והשכלה נוספת. על־אף האיסור בקריאה ספרי חולין, שנחשב „לטריפה פסול״, ואפילו נ״ך אסור היה עלינו ללמוד, עשו הבחורים את כל המאמצים כדי להשיג ספר ולהצליח לקרוא בו.

ההורים חלמו על ילדיהם כעל רבנים בעתיד; לעומת זאת, עשו הילדים כל שביכולתם כדי להתפתח ולהתפשט אף מחוץ לגבולות המצומצמים של עיירתנו.

המלמדים והרביים בעיירתנו היו: ר׳ אשר דרשוביץ (ר׳ אשרל), חיים הרש אנגלנדר, ר׳ אשר ר׳ איצ׳ס, ר׳ מאיר קלמן, אשר ניסה להרביץ תורה משעה 4 לפנות בוקר עד לשעה 9 בלילה — בימי החורף הקשים ובימי החום הגדולים.

הגדולים שביניהם אשר השפיעו שפעה של תורה על תלמידיהם היו: ר׳ אלתר סנדזר והרב הגאון ר׳ שמואל אנגל ובנו הגאון ר׳ חיים אנגל הי״ד. רק מעטים הם אלה אשר זכו ללמוד אצלם, ואני הייתי בין יחידי הסגולה שזכיתי ללמוד אצלם, היות והם הקפידו מאוד על לימוד יסודי עם כל הפירושים.

לימודי חול למדנו אצל ר׳ איצ׳ה שרויב (הנקרא איצ׳ה לרר) ואצל המורה הרשל פש׳וזניק (הנקרא הרשל לרר); אצל ר׳ איצ׳ה שרויב למדנו ראשית הכתיבה והקריאה ביידיש ובשפות הלועזיות ואצל הרשל פש׳וזניק למדנו גם היסטוריה וגיאוגרפיה.

את עצם החשק ללמוד ולהשכיל הכניסו בחורי בית המדרש בהתחלת המאה הנוכחית. באותה תקופה הובאה ספריה בזעיר אנפין ע״י ד״ר ברקלהמר. עברית למדנו מהאגרות של שבח וולקובסקי ומ„שפת עמנו״, ספרו של משה ראַטה מווינה. גרמנית למדנו מהמכתבים של לנגשייט.

קראנו את העיתונים העבריים „הצפירה״ ו„המצפה״ ואת העתון הגרמני „נייע פרייע פרעסע״ מווינה ומכל הבא־ליד והמוסיף להשכלתנו ולידיעתנו, וכל זאת במחתרת, לבל ידעו הורינו ולבל יראו מורינו.

כל לימודי החולין והתוכניות סביבם נרקמו ממש כבמחתרת ובדרך זו אף הגענו לציונות. היו בינינו גם אחד שעלה ארצה בזמן של העלייה השניה, משה סלמון ז״ל.

בתקופה מאוחרת יותר נהנינו מספריה גדולה יותר אשר נמצאה בביתה של משפחת ברוך געלדציילר. החברים והחברות מסרו נפשם על שמירת הספריה וטיפולה, שהיתה עבורם קודש, בחרדה ובלב חרד נמסרו הספרים לבחורי בית המדרש. בדרך זו התערבבה למידת התורה בבית־המדרש עם למידת דברי חולין ועברית. היו אלה חיים תוססים, ערים ורבי־ענין. מחד גיסא הרצון לדעת „דף גמרא״ עם תוספות, מהרש״א ושאר המפרשים, ומאידך גיסא הרצון לדעת עברית, קצת מהרמב״ם, וקצת מספרות העולם — את גיטה ושילר.

לא היה מנוס ונאלצנו להביא מורה ללימוד עברית על־אף החרם הגדול, אך משך הזמן היה צורך לפטר אותו מחמת הלחץ הגדול שנכפה על ההורים והילדים (דרך אגב: בחיבור „שפתי מהר״ש״, בשנת 1913, ישנה דרישה על הבאת המורה העברי הראשון לעיירתנו). ואף־על־פי־כן, למרות שהיתה זו חובה לבקר בבית־ספר ממשלתי וכל המשתמט שילם קנס, העדיפו לשלם את הקנס וללמוד אצל מלמדים ומורים פרטיים. בשנת 1913, הובא לעיירה ע״י ר׳ ברוך גלדציילר ויעקב פלץ המורה הראשון לעברית, אשר לא הצליח להחזיק מעמד זמן רב מחמת הלחצים סביבו.

לאט־לאט, התפתח הנוער ולא הסתפק במה שהביאו לעיירה, אלא יצא לעולם הגדול לחפש השכלה נוספת, ידיעות נוספות, ולנסות לחיות חיי עיר. ובאמת, רוב בחורי רדומישל הצליחו למצוא דרכם בעולם הגדול, מי במסחר ומי בלימודים וזוהי הסיבה שבעיירתנו נשאר יחסית פחות אנשים צעירים, מאשר בעיירות אחרות.

ע צ ר ת כ׳ ת מ ו ז — לזכרו של ד״ר הרצל ז״ל, שהוחגה בעיירתנו ושעליה נלחמו בחירוף נפש ובסכנה רבה — לא אשכחנה! איזה רעש ואיזו מהומה גרמה חגיגה זו. המארגנים נרדפו והוחרמו, אך הם לא נרתעו. בין המארגנים היו: רייזל קרטגנר, בריינדל גרטנר, איצ׳ה וורצל, יחזקאל קויפמן, נפתלי וייס, אייזיק ביזגייאר־רייכמן ועוד הרבה בחורי בית־המדרש. ובזכותם ועזרתם הרבה תרמו להצלחת חגיגה זו להעלאת זכרו של ד״ר הרצל.

אנשי מעש

עיירתנו הצטיינה באנשים שידעו להגן על עיירתם בחרוף־נפש ולשמור על רכושם, ויקר מכל היה בעיניהם כבוד עיירתם הקטנה.

בשנת 1914, יום אחרי ראש־השנה, כשפלשו הרוסים לגלי־ציה, החליטו הרוסים, ובפרט הקוזקים, לפרוע פרעות, לשדוד ולבוז. היתה זו עיירתנו, העיירה היחידה בכל הסביבה, אשר אירגנה קבוצת אנשים אשר עמדו יומם ולילה על המשמר. בין המארגנים — יהושע ברנד, חנינא ביזגייאַר, אהרן גולד ועוד.

זכורני, בערב יום הכיפורים, כאשר כל אנשי העיירה היו בבית־הכנסת, והשעה היתה לפני תפילת „כל נדרי", החליטו הקוזקים שזו שעה מתאימה לפרוע פרעות. חלק עמדו מסביב בית הכנסת, חלק התפרעו בחוץ וחלק אף נכנס לתוך כותלי בית־הכנסת והחלו מאיימים בהריגה והשמדה.

כל בית הכנסת החל רועש וגועש כשנרות־נשמה על השולחנות והקוזקים רצו לכלות בהם חמתם; אך למרות זאת, שמר הקהל על קור רוח והצליח לעכבם מתוך אמתלות שונות ובתבונה רבה עד אשר הצליחו חלק מהבחורים לצאת דרך החלונות והגגות ולהביא תגבורת, מהקצינים הרופאים הרוסים־יהודים. בצורה זו הצליחו להציל אותו ערב יום־הכפור את מתפללינו מהריגה ושחיטה מוחלטת. המצב הגיע לידי כך שהקוזקים פחדו להרוג ביהודים בגלוי. הם המשיכו בנסיונותיהם בהרג רק במחתרת מבלי שיראום ומבלי שהעזו להיכנס לבית יהודי פנימה. מדי לילה, ערכו יהודים אלה סיבוב בעיר וכשהרוסים רצו להתחיל בפרעות, הנחיתו בהם מכות. הרוסים היו בלי נשק.

זכורה גבורת אנשי רדומישל עיירתנו בשנת 1918, כאשר קמה פולין, בראשית חודש נובמבר 1918.

הפולנים היו ידועים אז כפורעי פרעות ביהודי כל הסביבה, ובעיירתנו הקטנה קמה מעין „הגנה" שאורגנה מאנשים אשר שירתו בצבא האוסטרי ומבחורים ובעלי־בתים אשר החליטו לשמור על עיירתם — כדי לא לתת לפורעים להיכנס ל„אידישע גאס".

בין ראשי המארגנים היו האחים יהושע וולף ברנד, בחורי בית־המדרש והחיילים המשוחררים מהצבא האוסטרי, וכאשר רצו הגויים להתחיל בפוגרום, התנפלו עליהם היהודים אשר היו מתורגלים להפליא. מאחר ונשק לא היה לנו, היינו צריכים למצוא אמצעי לחימה אחרים. ורק מחשבותינו והנכונות היו לנו לעזר. ברגע שהתקרבו הגויים עם עגלותיהם וסוסיהם, התנפלנו תחילה על הסוסים אשר נבהלו והקימו מהומה גדולה ורק אז התנפלנו על הגויים אשר החלו בורחים במנוסה גדולה מהעיירה, ואנו המשכנו לרדוף אחריהם עד אשר עזבו את העיירה החלוטין. המשטרה הפולנית היתה נגדנו... והרוחות בעיירה נרגעו.

פנחס רייכמן
תל־אביב

ווי איך געדענק אונדזער שטעטל

דעם ערשטן חדר וואס איך האב באזוכט איז געווען ביי ר' איטשעלע פויגלפאנג ז"ל. ער איז געווען איינער פון די מלמדים, וואס האבן אויסגעלערנט דעם א' ב' א סך ידישע קינדער. איך געדענק זיינס א ווערטל: ווען אַ קינד האט געזאגט „רבי איך וועל אהיים גיין", האט ער געענטפערט: „אז משיח וועט קומען וועלן אלע יידן א היים גייך". מיין צווייטער מלמד האָט געהייסן ר' חיימל ביבערמאַן. זיין חדר



ביילע רייכמאַן, די פרוי פון ר' יחיאל מענדל, מיט אירע קינדער (פון רעכטס) קיילע, חיה און רבקה; (עס זיצן): די עלסטע טאכטער פון ר' יחיאל מענדל (פון ערשטן זיווג) חיה און ביילע רייכמאַן.

איז געווען אין שטיבל פון קלויז. ביי אים האט מען שוין געלערנט חומש מיט רש"י. אין דער זעלבער צייט האב איך געלערנט שרייבן יידיש ביי איטשע לערער. דאָ וויל איך באַטאָנען דעם באַזונדערן עול, וואָס איז געלעגן אויפן יידישן ייִנגל צו יענער צייט ביי אונדז אין שטעטל: אין דער זעלבער צייט, וואס מ'האט באזוכט דעם חדר, האט מען אויך געמוזט לערנען אין דער אלגעמיינער שול (די „שקאָלע"). אין חדר האט מען אנגעהויבן צו לערנען פון 6 אינדערפרי ביז 8 און פון 8 ביז 1 — אין דער שקאלע. פון נאך מיטיק ביז 8 אין אוונט — ווידער אין חדר.

שפעטער, האב איך געלערנט ביי אביגדור פינטשעווסקי און שעור גמרא האב איך געלערנט ביי ר' אליעזר פיסטראנג. א ספעציעלע איבערלעבונג איז געווען דאס גיין פארהערן זיך ביי ר' יעקב הערשן, יעדן שבת נאך מיטיק, נאָכן באקומען דאס שבת־אויבסט. ס'איז כדאי צו דערמאנען די סעודות, וואס מען האט געמאכט ווען מ'האט אויפגעהערט צו לערנען ביינאכט אין חדר. דאס איז געווען מיינסטנס ביי פרשת תרומה.

אין די יארן 1937/1938, איז געגרינדעט געווארן אין שטעטל א ישיבה און צו דעם צוועק האט מען אראפגעבראכט ראשי־ישיבות פון צווישן די תלמידים פון דער ישיבה „חכמי לובלין" און זיי געגעבן א בכבודיקן געהאלט. ס'איז כדאי צו באטאָנען, אז צווישן די גרינדערס און פירערס פון דער ישיבה איז געווען מיין ברודער חיים, ווי אויך ראובן בראנד. א שטארקן רושם האט איבערגעלאָזן דער שעור וואס דער רב ר' חיים ענגל האט געגעבן אין דער ישיבה. ספעציעל אין זכרון איז מיר געבליבן די סוגיה פון רבי חנינא סגן הכהנים.

אין יאר 1938, בין איך געפארן לערנען קיין קראקע אין דער ישיבה „כתר תורה". איך דערמאן דאס, ווייל דאס איז אויך געווען דער וועג פון א סך אנדערע יינגלעך פון שטעטל, ווי אויך מיינע ברידער, הערשל און מלך, וועלכע האבן יארן לאנג געלערנט אין ישיבות מחוץ לבית.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דא באמערקן, אז אונדזער מאטעריעלע לאגע איז נישט געווען קיין גאר גוטע, נישט געקוקט דערויף איז געווען ביי מיין פאטער ז"ל די הייליקע פליכט אויסצוגעבן כמעט דאס גאנצע פארדינסט (ווי אויך די גאנצע שטיצע פון אמעריקע) פארן לאזן לערנען די זין אין ישיבות און די טעכטער אין בית־יעקב. און ווען כ'דערמאן שוין די גוטע מידות פון מיין פאטער ז"ל און מוטער ע"ה, מוז איך דערמאנען, אז איך בין געווען דער שליח צו די פארשידענע ארעמעלייט אין שטעטל: צו דעם א קילא צוקער און צו דער א קילא מעל און בעבלעך,

ארבעס א.א.וו. ס׳איז כמעט נישט געווען א שבת ס׳זאל נישט זיין איינער, אדער צוויי ארעמעלייט ביים טיש.

ספעציעלע איבערלעבענישן זענען געווען אין שטאט דאס באזוכן פון די רביים. עטלעכע מאל אין יאר פלעגן זיי קומען און יעדער רבי פלעגט איינשטיין ביי אן אנדער בעל־בית, ווי צום ביישפיל: דער זשאבנער רבי — ביי ר׳ לייביש אייזלאַנד; דער גראדזשיסקער — ביי ר׳ גימפל קליין, דא ווו דער רבי האט געדאוונט, פלעגט מען ענדיקן מיט א שעה שפעטער, דערנאך פלעגט מען גיין צום טיש און כאפן שיריים. פארשטייט זיך, אז יעדער רבי פלעגט זינגען זיינע ספעציעלע ניגונים, וואס האבן געשטאמט נאך פון זייערע זיידעס. נאך שבת פלעגן די בעלי־בתים ברענגען צום רבין א קוויטל מיט א פדיון. אגב: מיין פאטער ז״ל פלעגט ברענגען דעם פדיון מיטן קוויטל צו אלע רביים, אן אונטערשיד.

איך געדענק א רבישע חתונה אין שטעטל: יידן האבן זיך פארשטעלט פאר קאָזאַקן און זענען אנטקעגנגעריטן דעם חתן אויף פערד. די גאנצע שבעת ימי המשתה זענען געקומען רבנים פון דער געגנט.

ווען איך שרייב שוין וועגן חסידות אין מיין צייט — אין די לעצטע פינף יאר פארן קריג — מוז איך דערמאנען ס׳חסידות, וואס מיין ברודער הערשל האט געבראכט אין שטעטל — דאס ברעסלאווער חסידות (די טויטע חסידים). אויף דעם זענען געכאפט געווארן נאר אייניקע בחורים, ווי צום ביישפיל: וואָלף פריד (טאטאטלעס), מענדל וואָלף און אביסל אליעזר נאסען. זיי זענען געווען הערשלס תלמידים. פון וואנען הערשל האט דאס געבראכט, ווייס איך אליין נישט. ס׳פלעגט באזוכן ס׳שטעטל אויך דער באוווסטער „טויטער חסיד״, ר׳ בן־ציון אפטער. ער פלעגט טאנצן און זינגען אין קלויז. עסן פלעגט ער ביי אונדז.

איך דערמאן זיך, ווי מ׳פלעגט אויף יעדן יום־טוב פארן צו די רביים (צום זשאבנער און צום גראדזשיסקער). מ׳פלעגט דינגען פערד און וואָגן (פיאקערס) און זיך לאזן אין וועג אריין צום רבין. איין פאל האט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון — ווען דער באשטעלטער גוי איז מיטן וואָגן נישט געקומען צו דער צייט. דאן האט מען טעלעפאָנירט קיין טארנאוו און באשטעלט אן אויטאָ.

די אלע חסידישע ייִנגלעך האבן געהערט צו דער אגודת־ישראל־ארגאניזאציע (צערי אגודת ישראל).

מאניעק ריינדעל
בוענאס־איירעס, ארגענטינע

זכרונות פון ראַדאָמישלער אין ארגנטינע

איך געדענק, אז מיינע עלטערן פלעגן דערציילן, ווי אזוי זיי זענען געווארן ראדאמישלער תושבים. ריכטיק האבן זיי געשטאַמט פון זאוויכאסט, דאס איז א שטעטל נעבן סאַנדאָמיעזש, אין קאָנגעס פוילן, ביז צום ערשטן וועלט־קריג האט עס געהערט צו רוסלאנד. ווען זיי האבן געהאלטן ביי חתונה האבן, האבן זיי אנגעהויבן צו קלערן וועגן פרנסה און אין קאָנגרעס־פוילן איז די לאגע נישט געווען ווי צום בעסטן. האט מען מיין טאטן געזאגט, אז פאר קאמאשן־מאכערס איז דא זייער גוטע אויסזיכטן זיך איינצואָרדנען אין גאליציע. נו, האט ער זיך ארויסגעלאָזט זוכן, ביז ער האט געפונען ראדאמישלע און זיך דאָרט איינגעארדנט.

זייט איך בין צו מיין שכל געקומען געדענק איך מיין צונאמען פון דערהיים: „דער פוילישער״ אדער „פאָניע״. מען האַט מיך אזוי גערופן, ווייל מיינע עלטערן האבן געשטאַמט פון קאנגרעס־פוילן. מיין טאטן ווידער פלעגט מען רופן „דער פוילישער״, אדער דער „אויבערטייל־מאכער״, ווייל ער איז געווען פון פאַך א קאמאשן־מאכער.

דאס חדר

איך גלויב, אז איינס פון די וויכטיקסטע ערטער אין אונדזער זכרון פארנעמט דאס חדר.

דאס ערשטע, וואס איך געדענק און וואס איז איינגעקריצט געוואָרן אין מיין זכרון, איז ווען איך האב אנגעהויבן צו גיין אין חדר צו איטשעלע פאָגעלפאַנג. אלע קינדער אין מיינע יארן, וואס האבן אנגעהויבן דאס חדר, האבן אנגעהויבן צו לערנען ביי אים.

ווען איך האב צו אים אנגעהויבן גיין אין חדר, איז ער שוין געווען א זקן, מיט א לאנגער גרייז־גרויער בארד. די קינדער פלעגן פאר אים שטאַרק מורא האבן, אבער דאס גאנצע שטעטל פלעגט פון אים האלטן, אז ער איז דער בעסטער מלמד פאר קליינע קינדער, וואס הויבן אן צו גיין אין חדר.

א חוץ זיין מלמדות האט ער אויך געהאט א שניט־קראָם. מיט דעם מסחר האבן זיך פארנומען זיין ווייב חנה און זיין זון, בערל. ער אליין פלעגט זיך ווייניק אפגעבן מיטן מסחר, ווייל ער איז געווען פארנומען מיט זיין מלמדות. זיי פלעגן די סחורה פארקויפן אויף די ירידן אין ראדאמישלע און אין די דערבייאיקע שטעטלעך. אלע מאל, ווען זיין ווייב און דער זון פלעגן צוריק קומען פון דעם יריד, פלעגט ער מאָביליזירן אלע קינדער פון חדר און יעדעס קינד האט גענומען א שטיק סחורה פון וואָגן, עס אוועקגעלייגט אויפן פלאץ, ווו ער האט געהאלטן די סחורה.

נאך עטלעכע זמנים, וואס איך בין געגאנגען צו אים אין חדר, האם איך זיך אויסגעלערנט גוט עברי און אנגעהויבן צו לערנען חומש.

דער מינהג איז געווען, אז מען האט אנגעהויבן צו לערנען חומש ביי דער ערשטער פרשה פון ספר ויקרא. דאס איז שוין געווען א צייכן, אז מען דארף זוכן א גרעסער חדר.

מיין צווייט חדר איז געווען ביי הערשל לערער. ביי אים האב איך שוין אנגעהויבן צו לערנען חומש, רש״י און אויך שרייבן יידיש. ער האט געלייגט זייער פיל אכט אויף אויסלערנען שרייבן און לייענען יידיש. ווען איך האב אנגעהויבן צו לערנען ווינטער־צייט ביינאכט אין חדר, האט מען מיר אינדערהיים געקויפט א לאמטערן ביי יאסל בלעכער. איך גלויב, אז דאס אנהויבן צו גיין ביינאכט אין חדר אריין איז ביי די קינדער געווען די גרעסטע פרייד. ביינאכט פלעגן מיר שפילן אין קאָרטן, דריידלעך, אדער אין דאמינא; מיר פלעגן דאס טון, ווען דער רבי איז געווען פארנומען

מיט דער אנדערער כתה און מיר האבן באדארפט איבערצוחזרן די סדרה. ווען ער פלעגט אונדז כאפן ביי אזא שטיקל ארבעט, פלעגט ער צערייסן די קארטן, אדער צונעמען דאס שפילצייג. א סך מאל האבן מיר אויך געכאפט מיטן פאסיק איבערן ה..., ווייל ער פלעגט זיין א כעסן.

א חוץ דעם וואס ער איז געווען א מלמד, הערשל לערער, האט ער אויך געשריבן ביטעס (אדער ווי מ'פלעגט עס רופן „פאדאניעס") פאר פארשידענע מענטשן, אויף פויליש, פארן מאגיסטראט, שטייער־אמט און סטאראסטע. מערסטנטייל פלעגט ער שרייבן די ביטעס פאר מענטשן, וואס האבן באקומען געלט־שטראפן און זיי האבן נישט געוואלט, אדער נישט געקאנט באצאלן, אדער ביטעס פאר ארעם־צייגענישן.

נאך עטלעכע זמנים לערנען ביי הערשל לערער, האט מיך דער טאטע געשיקט צו איטשע לערער. ער איז שוין געווען א מלמד פאר א ביסל מער דערוואקסענע קינדער. ער האט געהאט זיין חדר אין פאליש ביים ארייננגאנג אין דער שול.

איך גלויב, אז ביי אים האב איך זיך מער פון אלץ אויסגעלערנט יידיש שרייבן, אויף וואס ער האט געלייגט א סך אכט. א חוץ דעם איז ער געווען א מענטש, וואס די קינדער האבן אים זייער שטארק רעספעקטירט, נישט ווי אין אנדערע חדרים, וואס די קינדער פלעגן דעם רבין דערגייגן די יארן. איך געדענק נישט, אז ער זאל ווען ס'איז האבן אנגערירט א קינד. ער האט געהאט פארשידענע אנדערע מיטלען, וואס האבן מער געווירקט ווי שלאגן די קינדער, ווי אנדערע מלמדים פלעגן עס טון.

ער פלעגט פאר אונדז לייענען פארשידענע מעשה־ביכלעך און דערציילן מעשיות, פון וועלכע די קינדער האבן געהאט גרויס הנאה. ער האט טאקע געטראגן חסידישע קליידער, אבער ער איז געווען א מער וועלטלעכער מענטש, וואס האט פארדינט א סך רעספעקט.

מיין לעצט חדר ווו איך בין געגאנגען, איז געווען ביי יעקב הערשן ראזענצווייג. ער האט געהאט דאס חדר אין דער מיעלעצער גאס, אין א צימער ביי איטשע זינגער, ווו ס'איז אמאל געווען דער בית־יעקב. איך גלויב, אז דאס איז געווען דאס מאדערנסטע חדר אין ראדאמישלע, שוין צוליב די בענק, אדער ווי מיר פלעגן עס רופן, די „לאווקעס" און דער „טאבליצע" (טאוול), וואס דער בית־יעקב האט אים איבערגעלאזט בירושה... שוין דאס אליין האט דעם חדר צוגעגעבן א מער מאדערנעם אויסזען. אויך איז דארט געווען א גרויסער גארטן, וואס איטשע זינגער האט דערלויבט, אז די קינדער זאלן זיך דארט שפילן אין דער פרייער צייט.

ער האט אויך געהאט א זייער פיינעם צוגאנג צום לערנען די קינדער.

איך וועל דא ברענגען א ביישפיל, וואס ער האט געוואלט איינפירן ביי זיך אין חדר (אבער ס'האבן זיך קעגנגעשטעלט א סך טאטעס פון די קינדער, פארשטענדלעך — די מער רעליגיעזע). א גרויסע טייל פון די קינדער פלעגט, ווען זיי האבן געענדיקט דאס חדר, נישט געדענקען דעם טייטש, אדער דעם באדייט, פון די ווערטער פונעם חומש. זיי האבן געלערנט, ווייל זיי האבן געמוזט, אבער ווייניק דערפון געוואוסט. האט ער געפלאנט איינצופירן מען זאל טאקע אנהויבן צו לערנען בראשית, די ערשטע וואך נאך סוכות, אבער מען זאל די סדרה לערנען עטלעכע וואכן גרינסלעך, ביז די קינדער וועלן פארשטיין און געדענקען דעם טייטש פון יעדן ווארט. אזוי ווי עס האבן געלערנט די מאדערנע העברעישע לערערס. די פרשה (סדרה) פון חומש, פון דער לויפנדיקער וואך האט ער געפלאנט צו לערנען אבי יוצא צו זיין, אן טייטש, בכדי נישט צו פארלירן קיין סך צייט. דאקעגן לייגן מער אכט אויף דעם אויבן דערמאנטן נייעם אופן לערנען. אבער די מערסטע בעלי־בתים האבן זיך קעגנגעשטעלט דעם פלאן. זיי האבן געזאגט, אז דאס איז אפיקורסיש און ער האט געמוזט דערפון רעזיגנירן. רעדן פלעגט ער אבער אלעמאל וועגן דעם פלאן זיינעם. ער האט געהאט א שם פאר כמעט דעם בעסטן מלמד פון דער שטאט. צו אים בין איך געגאנגען אין חדר ביז איך בין אלט געווארן דרייצן יאר, געווארן בר־מצווה און אזוי ארום געענדיקט מיטן חדר.

די פוילישע שול (שקאלע)

איך גלויב, אז יעדן איינעם פון אונדז זענען גוט איינגעקריצט אין געדאנק די יארן, וואס מיר זענען געגאנגען אין דער פוילישער שול („שקאלע"). מיר האבן זיך דארט אויסגעלערנט רעכנען, פויליש שרייבן, געשיכטע, געאגראפיע א.א.וו.. און אפשר צוליב די פוילישע נאציאנאלע יום־טובים, וואס מיר האבן געפייערט, ווי דער 3 מאי, 11 נאוועמבער און אנדערע, בין איך געווארן נאציונאל געשטימט.

נאר מער פון אלעם געדענקען זיך אונדזערע פוילישע מיטשילער, וועלכע זענען געווען אנגעשטעקט מיטן אנטי־סעמיטיזם און וואס מיר יידישע שילער האבן געהאט אויס־צושטיין פון זיי. עס פלעגט נישט אדורכגיין קיין טאג, וואס עס זאל נישט האבן געווען קיין געשלעג צווישן אונדז און די פוילישע שילער, אדער ווי מיר פלעגן זיי רופן — די שקצים. נישט איינמאל פלעגט מען אהיימקומען מיט א צעהאקטן קאפ, אדער צעקאלעטשעטע. אין די פרייע מינוטן, ווען מיר פלעגן ארויסגיין פון קלאס אויף אפרו (פויזע) נאך יעדער שעה לערנען, האבן די יידישע קינדער אלע מאל געשפילט באזונדער, כדי זיך נישט צו דארפן שלאגן מיט די פאליאקן. איך געדענק ווען איך בין נאך געגאנגען אין די קלענערע קלאסן, אז ס'פלעגט ארויסקומען א געשלעג מיט די פאליאקן, פלעגן מיר לויפן נאך הילף צו די יידישע קינדער פון די העכערע קלאסן, — זיי זאלן אונדז באשיצן. אין דעם האבן זיך אויסגעצייכנט צוויי חברים — לייביש וואדלער און לייביש טאפעל. זיי פלעגן האבן א שם פאר די שטארקסטע אין דער שול.

די ציוניסטישע און אנדערע יוגנט-ארגאניזאציעס

די וויכטיקסטע ציוניסטישע יוגנט־ארגאניזאציעס, וועלכע איך געדענק, זענען געווען: די עקיבא, בית״ר, השומר־הצעיר און די ליגע. אין דער ביבליאטעק האבן געהערט מערסטן טייל געוועזענע חברים פון עקיבא, אדער בעסער געזאגט, אלגעמיינע ציונים.

ארום דער „ליגע פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל" האבן זיך גרופירט (מערסטנטייל) די לינקע ציונים פון השומר־הצעיר, וועלכער האט זיך געהאט אויפגעלייזט אין די לעצטע

יאָרן, זענען אַלע אַריין אין דער ליגע. אויך האָבן דאָרט געהערט די פּועלי־ציון.

אין דער אגודה האָט זיך גרופּירט די פרומע יוגנט, אָדער בעסער געזאָגט — די רעליגיעזע, בלויז מענער. איך גלויב, אַז זיי האָבן געשפּילט אַ גאַנץ וויכטיקע ראָל אין סאָציאַלן לעבן ביי אונדז אין שטעטל.

די בעסטע יאָרן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ראַדאָמישלע זענען געווען די צייטן, וואָס איך האָב געהערט צו דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „עקיבא״.

שוין אין די לעצטע יאָרן פון גיין אין חדר אַריין פלעג איך אַריינקומען אין „עקיבא״. איך בין נישט געווען קיין אָפיציעלער מיטגליד, ווייל אין חדר האָב איך געהאַט עטלעכע מאָל דיסקוסיעס מיט מיין לעצטן מלמד, ר׳ יעקב הערש. ער האָט מיר שטרענג פאַרבאָטן צו געהערן צו „עקיבא״. דער מאָטיוו איז געווען: — ווי קען מען גיין אין אַ חדר און לערנען תורה און געהערן צו אַן אָרגאַניזאַציע, וווּ „יונגען מיט מיידן״ טאַנצן צוזאַמען און גייען שפּאַצירן צוזאַמען? ער האָט גערופן מיין טאַטן און אים דערציילט דעם גאַנצן ענין. מיין פאָטער איז נישט געווען קיין פרומער, אָבער ער האָט זיך דאָך געמוזט רעכענען מיט דעם. ער האָט מיר נישט געשטערט, אָבער ער האָט אויך נישט געוואָלט פירן קיין דיסקוסיעס וועגן דער זאַך מיט יעקב הערשן. איז כדי אויסצומיידן וויכוחים, האָב איך געמוזט זיין אַ געהיימער מיטגליד אין „עקיבא״. אָבער נאָכן פאַרענדיקן דאָס חדר, בין איך געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער אָרגאַניזאַציע.

די בעסטע זכרונות מיינע פון דער אַלטער היים, ראַדאָמישלע, זענען די פאַר יאָר, וואָס איך האָב געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע. מיר זענען געווען אַ זייער צוגעפּאַסטע גרופּע חברים, יינגלעך און מיידלעך. מיר האָבן זיך איינגעלעבט, ווי ברידער מיט שוועסטער, אָדער ווי אַ גרויסע פאַמיליע, געלעבט מיט דער אידעע צו ווערן עלטער און עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. מיר האָבן געלערנט יידישע געשיכטע, ציוניסטישע געשיכטע, די העברעישע שפּראַך, פּאַלעסטינאָ־גראַפיע (ווי מען האָט עס דאַן גערופן). אונדזערע עלטערע חברים פון די העכערע קבוצות האָבן פאַר אונדז געהאַלטן רעפעראַטן אויף פאַרשידענע קולטור און פּאָליטישע אַקטועלע טעמעס. באַזונדערס האָבן זיך אויף דעם געביט אויסגעצייכנט דער ד״ר שפּיגל און זיין פרוי און די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע, ווי יאַנעק ווינד, לאַלעק לויפּבאַן און יעקב (יאַנעק) גאָלד, וואָס אַ דאַנק אים (יאַנעק גאָלד) האָב איך זיך אויסגעלערנט העברעיש. מיר האָבן אויך געלייגט גרויס אַכט אויף פאַרשידענע ספּאָרט־איבונגען ווי פוטבאָל און אַנדערע. פון צייט צו צייט פלעגן קומען פון קראָקע עקזעקוטיוו מיטגלידער, פון די אָנפירער פון דער אָרגאַניזאַציע־צענטראַלע, אויף באַראַטונגען צו אונדז אין קן.

באַזונדערס שיין און אינטערעסאַנט פלעגן זיין די צוזאַמענ־פאָרן פון עטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון שכנותדיקע שטעט, וואָס מיר פלעגן איינאָרדענען אין ראַדאָמישלע, אָדער פאָרן אויף אַזעלכע פייערונגען אין אַנדערע שטעט. צו אונדז פלעגן קומען חברים פון טאַרנאָוו, מעליץ, דאָמבראָווע, דעמביץ און פון אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך.

אַ באַזונדער שיינעם כאַראַקטער האָט געהאַט דער צוזאַמענ־פאָר ווען מיר האָבן באַנייט די פאָן פון קן. דעם יום־טוב האָט געהאַט אַ דאָפּלטן כאַראַקטער: ערשטנס האָבן מיר געפייערט דעם יובילייַ פון עקזיסטענץ פון דער אָרגאַניזאַציע און אויך די באַנייונג פון דער פאָן. פאָרשטייערס פון אַלע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון שטעטל האָבן געהאַלטן באַגריי־סונגרעדעס, אַפילו די חסידישע יידן האָבן געשיקט אַ פאָרשטייער (מענדל האָניג, ע״ה). ס׳איז מיר געבליבן איינ־געקריצט אין זכרון ווי אַזוי ער האָט פאַרענדיקט זיין דרשה: „ותחזינה עינינו בשובך לציון...״

אַזעלכע צוזאַמענפאָרן פלעגן זיין אַ יום טוב פאַרן גאַנצן שטעטל — יידן און קריסטן זענען געווען די צושויער פון די פייערונגען.

ס׳איז כדאַי צו דערמאָנען אַזאַ עפּיזאָד: די לעצטע פגישה, צוזאַמענטרעף, פון די אַרומיקע אָרגאַניזאַציעס וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט (שוין נאָענט פאַרן קריג), האָבן מיר געבעטן דעם רב חיים ענגעל ע״ה, ער זאָל אונדז דערלויבן איינצואָרדנען די פגישה אויף זיין פּלאַץ, וואָס ער האָט געהאַט נעבן דער שקאָלע. ער האָט אונדז טאַקע דערלויבט, אָבער באַלד האָבן אויף דעם רעאַגירט די פרומע יידן (און די נישט פרומע קעגנערס זיינע) בזה הלשון: ווי קען אַ רב דערלויבן, אַז אויף זיינעם אַ פּלאַץ זאָלן טאַנצן „יינגען מיט מיידן צוזאַמען״. מ׳האָט אים דערפאַר אַריינגעוואָרפן שטיינער אין די פענצטער און צעבראָכן זיין זיץ־פּלאַץ אין בית־המדרש. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיי דאָס נישט געשאָנקען, מיר האָבן זיך אָנגענומען דעם רבס עוולה און זיי אָפּגעגעבן כפל כפליים. מ׳האָט זיי אָפּגעטון פאַרשידענע שפּיצלעך: יעקב (יאַנעק) גאָלד האָט אָנגעשריבן אַ שוואַרצע ליסטע און זיי אויסגערעכנט דעם גאַנצן יחוס, — אַלע, וועלכע האָבן שאַנטאַזשירט דעם רב. דאָס האָבן מיר אָנגעקלעפּט אויפן סאַמע אויבן־אָן אין בית המדרש און ביים אַריינגאַנג אין שול. מיר האָבן דאָס געטון אין אַ פרייטיק צונאַכטס, גאָר שפּעט אין אָוונט. אויך האָבן מיר אויפגעקלעפּט די ליסטעס אויף פאַרשידענע פלעצער אין שטאָט. אין דעם שטיקל אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט: יאַנעק גאָלד, לאָלעק לויפּבאַן, און איך. די שוואַרצע ליסטע איז געווען זייער גוט רעדאַגירט און דאָס איז געווען פאַר זיי די ביטערסטע פּיל. זינט דאַן האָבן זיי שוין מורא געהאַט מיט אונדז צו טשעפּען.

דער עונג שבת

גאָר שיין איז געווען ביי אונדז אין דער אָרגאַניזאַציע דער עונג שבת, וואָס מיר פלעגן איינאָרדנען יעדן מוצאי־שבת. דאָס פלעגט דויערן עטלעכע שעה פאַרן אָנצינדן די ליכט. מיר פלעגן זינגען העברעישע, יידישע און אַפילו פּוילישע לידער — אָבער אַלץ אויף ישראל־טעמעס. די עלטערע חברים פלעגן קאָמענטירן פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט אין דער וואָך, ספּעציעל — אין ישראל, אָדער ווי מ׳פלעגט עס דאַן רופן „פּאַלעסטינע״. מיר פלעגן אויך אַרומרעדן פאַרשידענע פּאַרטייאישע און פינאַנציעלע ענינים, וואָס זענען געווען. פינאַנציעלע פּראָבלעמען פלעגן מיר דאָך אַלע מאָל האָבן... נאָכן פאַרענדיקן אַלע קאָמענטאַרן האָבן מיר געזונגען און געמאַכט אַ ריקודל לכבוד דער נייער וואָך. אין דעם פלעגן זיך באַטייליקן כמעט אַלע מיטגלידער פון קן.

די ביבליאָטעק

אז מען דערמאָנט ראַדאָמישלע, מוז מען דערמאָנען די ביבליאָטעק.

די ביבליאָטעק, גלויב איך, איז גֶעווען איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס אין דער שטאָט. שוין צוליב דעם, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין פּאַרטייאישן כאַראַקטער. דאָרט פלעגט מען קומען מיטן איינציקן ציל זיך אויסצובאָרגן א בוך, וואָס עס האָט איינעם אינטערעסירט צו לייענען. ס'זענען געווען ביכער אין יידיש, העברעיש, פּויליש, דייטש. פון צייט צו צייט פלעגן דאָרט פאָרקומען פאַרשידענע קולטור־אונטערנעמונגען. צ. ב. דיסקוסיעס, רעציטאַציעס א.א.וו. די רעציטאַציעס פלעגן אויסגעפירט ווערן דורך געסט, וואָס זענען געקומען פון אַנדערע שטעט.

די ביבליאָטעק איז געווען טעטיק נאָך אפילו א שטיק צייט אונטער דער דייטש־נאַצישער ממשלה. לאַנג, האָט עס אָבער נישט געדויערט, ווייל ס'איז גֶעקומען א באַפעל פון די נאַציס צו דער פּאָליציי, אַז זיי זאָלן שליסן דאָס לאָקאַל פון דער ביבליאָטעק און קאָנפיסקירן אַלע ביכער. ווען די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער גזירה, אייניקע טעג פריער, האָבן זיי אַרויסגענומען א טייל פון די ביכער און פאַרטיילט זיי צווישן די מיטגלידער, כדי ס'זאָל נישט אַריינפאַלן אַלץ אין די דייטשע לאַפּעס.

די חסידים

ווען מען רעדט פון ראַדאָמישלע און מען דערמאָנט נישט די רעליגיעזע יידן, איז ווי מען וואָלט נישט דערמאָנט ביי א מענטשן א וויכטיקן אבר. נישט געקוקט דערויף, וואָס די גרעסטע טייל יוגנט איז שוין געגאַנגען אין אַנדערע וועגן, האָט זיך נאָך שטאַרק געמערקט ביי אונדז אין שטאָט דער רעליגיעזער שטייגער, ווי איבערלאָזן אַליין די פאַמיליע און פּאָרן אויף יום־טוב צום רבין, בעטן ביי אים ער זאָל אויסבעטן א רפואה שלמה פאַר א קראַנקן, א גוטע פּרנסה, אָדער א גוטן שידוך פאַר א פאַרזעסענער טאָכטער א.א.וו.

גאַנץ אָפט פלעגן צו אונדז קו͏̇מען רביים צו גאַסט — דער גראָדזשיסקער רבי, דער סטיטשינער רבי און אַנדערע. מענטשן פלעגן אַרויסנעמען קוויטלעך, אַריינגיין צום רבין און זיך נעבעך אויסוויינען דאָס ביטערע האַרץ ביי אים, בעטן א הילף צו אַלע זייערע צרות.

די פרייטיק־צונאַכטס סעודות, וואָס מ'פלעגט פּראַווען אין בית־המדרש, ווען ס'פלעגט קומען א רבי אין שטעטל אַריין, זענען געווען אויסערגעוויינלעך. אַלע חסידים האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום רבין וועלכער האָט געפירט טיש. צווישן איין עסן און דעם אַנדערן פלעגט דער רבי זאָגן תורה און אַלע חסידים האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין, ווי ער רעדט, מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, כדי נישט צו פאַרהערן חלילה קיין וואָרט. א סך מאָל פלעג איך גיין מיט מיינע חברים זיך צוקוקן צו אַזעלכע טישן אין בית המדרש, אָדער אין דער היים פון אייניקע בעלי־בתים, ווו די רביים פלעגן זיך אויפהאַלטן צו גאַסט.

באַזונדערס שיין פלעגן זיין די רבנישע חתונות, וואָס זענען אָפטמאָל פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטעטל און פלעגן דויערן א וואָך צייט (און לענגער אויך). געוויינלעך האָבן זיך משדך געווען צוויי רבנים און אויף אַזאַ מין שמחה זענען געקומען חסידים פון ביידע צדדים — פון דער ווייט. מ'פלעגט ברענגען די בעסטע בדחנים און כלי־זמרים פון דער פרעמד און פון דער שטאָט. די חסידים פון ביידע צדדים האָבן זיך געסטאַרעט צו באַשיינען די שמחה מיט זייערע טענץ, כדי זי זאָל זיין ווי צום שענסטן. מיט איין וואָרט — ס'פלעגט זיין א יום־טוב אין שטעטל א גאַנצע וואָך צייט און אין אים האָבן אָנטיילגענומען די יידן און קריסטן, ביז די חסידים זענען זיך צעפאָרן אַהיים.

שבת פאַרנאַכט אין מיטן מאַרק

זומער, שבת נאָך מיטיק, נאָכן אָפּעסן, פלעגן יידן זיך צולייגן כאַפּן א דרעמל. אין וואַלד אַריין שפּאַצירן האָבן זיי נישט געטאָרט גיין, ווייל ס'איז נישט געווען געמאַכט קיין ערוב. איז נאָכן שלאָפן א פּאָר שעה צייט, פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אין מיטן מאַרק, אָנגעטאָן אין די שבתדיקע שטריימלען, זיידענע בעקעשעס און זיך אַדורכרעדן וועגן די געשעענישן פון דער וואָך: פּאָליטיק, קהילה־ענינים, היימישע פּאָליטיק. איינער פלעגט דערציילן דעם צווייטן די מופתים פון זיין רבין און מ'האָט דאָרט אַמאָל געהערט א שיינעם וויץ אויך.

נאָך מנחה פלעגן אַלע אַהיימגיין, אָפּעסן שלש־סעודות און זיך צוזאַמלען צו גיין דאַווענען מעריב. נאָכן אָפּדאַווענען, איז מען אַהיימגעגאַנגען מאַכן די הבדלה און אַזוי אַרום האָט מען פאַרענדיקט דעם שבת, אָנגעהויבן די נייע וואָך.

די שטאָט־ראַט וואַלן

די יידישע באַפעלקערונג איז ביי אונדז אין שטאָט געווען א מערהייט. נו, האָבן מיר געהאַט די זכיה צו האָבן אַלע מאָל א יידישן וויצע־בירגערמייסטער. די לעצטע יאָרן פאַרן קריג ביז סעפּטעמבער 1939, האָט דעם אַמט פאַרנומען ירמיהו לייבאָוויטש.

מיר האָבן אויך געהאַט די זכיה צו האָבן יידישע ראַטמענער לאַווניקעס. מער ווייניקער פלעגט דער מאַגיסטראַט זיין צוזאַמענגעשטעלט פון א העלפט יידן, א העלפט פּאָליאַקן.

ביי די לעצטע וואַלן, וואָס האָבן געזאָלט פאָרקומען אין יאָר 1939, איז פאָרגֶעקומען א גאַנצע מחלוקה צווישן די יידן און פּאָליאַקן. נישט געקוקט דערויף, וואָס די יידישע באַפעלקערונג איז געווען א מערהייט, האָבן די פּאָליאַקן פּרעטענדירט צו האָבן א מערהייט פון די ראַטמענער אין מאַגיסטראַט.

די וואַל קאָמיסיע פון מעליץ האָט אַרויסגעגעבן א טערמין, ביז ווען עס איז דאָ צייט צוצושטעלן צו איר די ליסטעס פון די יידישע און קריסטלעכע קאַנדידאַטן. אָבער די פּאָליאַקן האָבן, אַלס פּראָטעסט, ווייל די יידן האָבן זיי נישט געוואָלט נאָכגעבן, נישט צוגעשטעלט זייער קאַנדידאַטן־ליסטע און באַשטימטן טערמין. אין אייניקע טעג אַרום זענען זיי געפאָרן קיין מיעלעץ צום סטאַראָסטע געוויר ווערן, וואָס ס'וועט זיין דער סוף פון דער זאַך. האָט זיך דער סטאַראָסטע מיט זיי געוויצלט, אַז איר וועט האָבן א יידישן מאַגיסטראַט,

ווייל איר האט נישט צוגעשטעלט די קאנדידאטן־ליסטע און די יידן יא. ליידער איז דערפון גאָרנישט ארויס, ווייל אין א פאר וואָכן שפעטער איז אויסגעבראכן די מלחמה צווישן פוילן און דייטשלאנד.

די קהלה וואלן

די פארוואלטונג פון דער קהילה איז אלע מאל געווען ביי די רעליגיעזע אין די הענט, אבער אויך צווישן זיי זענען געווען פארטייען, וועלכע האבן געוואָלט געווינען די וואלן און אריינזעצן זייערע מענטשן. דער גרעסטער קאמף ביי די וואלן צו דער קהילה אין די יאָרן וואס איך געדענק, האט זיך אָפגעשפילט צווישן די אנהענגערס פון ראדאמישלער רב, ר' חיים ענגל ע״ה — משה פאדאווער, יחיאל קליין, יעקב גרין און נאך אנדערע אנגעזעענע בעלי־בתים; און צווישן די אנהענגערס פון שמואל לייבאָוויטש און זיין זון ירמיהו. זיי פלעגן פירן א פארביטערטן קאמף. אלע מאל האט געווונען די פארטיי פון ראדאמישלער רב.

אזוי האט זיך יעדער געלעבט אויף זיין שטייגער ביז צום ערשטן סעפטעמבער 1939. זייט דאן, קאן מען זאגן, האט זיך אנגעהויבן דער סוף פון אונדזער בליענדיק לעבן אין ראדאמישלע. שוין אין דער ערשטער וואָך פון דער מלחמה, ווען דאס פוילישע מיליטער האט אפילו נישט געקאָנט שטעלן קיין ווידערשטאַנד דער דייטשער ארמיי, האבן זיי אבער נישט פארגעסן צו רויבן יידישע געשעפטן און צו שלאגן יידן.

די דייטשן זענען אריין

נאך א וואָך צייט האבן די דייטשן באזעצט די שטאט. באלד ביים אנקום האבן זיי באוויזן ווער זיי זענען: אין דער ערשטער נאכט האבן זיי ארויסגענומען א פאר הונדערט מאן, זיי אריינגעזעצט אין דער קירך, נישט געבנדיק זיי קיין עסן און זיי געהאלטן אין די ערגסטע באדינגונגען. אויף אָנצוּוואַרפן א פחד אויף די מענטשן, האבן זיי א מאל ביינאכט אריינגעשאָסן און געטראָפן עטלעכע מאן. דער תירוץ איז געווען, אז עטלעכע מאן האבן געוואָלט אנטלויפן... אזוי האט מען די מענטשן אפגעהאלטן א וואָך צייט. דאס איז געווען די ערשטע לעקציע פון די נאצים, זיי האבן שוין דאן געוויזן ווער זיי זענען.

דאס לעבן אין שטאט האט זיך ראדיקאל געענדערט, עקאנאמיש, קולטורעל און סאָציאַל. פון אלע יידישע פרנסות איז געווארן א תל, מערסטן טייל געשעפטן זענען געווארן אויסגערויבט. א סך האבן אויספארקויפט די סחורה און נישט געהאט ווו צוריקצוקויפן. א גרויסע טייל האָט באהאלטן א ביסל סחורה און אויספארקויפט צו ביסלעך, כדי צו קאָנען לעבן. ערגער איז אבער געווען די לאגע פון די ארבעטער מענטשן, וועלכע האבן געלעבט פון זייער ארבעטס־לוין, ווייל ס'איז נישט געווען ביי וואס צו ארבעטן. אין א סך יידישע שטיבער האט מען איינפאך געהונגערט.

אלע יידישע אינסטיטוציעס, ארגאניזאציעס, זענען געווארן געשלאָסן, דערקלערט געווארן אומלעגאל, מיטן אויסנאַם פון יודען־ראט — וואס זיי האבן געשאפן, און וואס האט אונדז גענוג צרות פארשאפט. וועגן יודען־ראט איז דא זייער פיל צו שרייבן.

עס איז אפילו נישט געווען דערלויבט צו דאווענען. ווען די דייטשן פלעגן א מאל טרעפן א מנין יידן דאווענען, פלעגט מען זיי שלאגן געפערלעך. די שול, דעם בית־המדרש און די קלויז, האבן זיי פארוואנדלט אין שטאַלן פאר זייערע פערד. די לאגע איז געווארן פון טאג צו טאג ערגער. מען האט געלעבט ווי אויף א ווולקאן. יעדער טאג האט געבראכט א נייע צרה. איינמאל האבן זיי געכאפט מענטשן און אוועקגעפירט אויף צוואנגס־ארבעט קיין פוסטקאָוו, ווו זיי האבן באהאנדלט די מענטשן ערגער ווי חיות. אָפטמאל פלעגן קומען די געסטאַפּאָ און זיך פארווילן — שיסן עטלעכע יידן. דאס איז פאר זיי געווען דאס גרעסטע פארגעניגן. קיינער האט נישט געוווּסט, וואס עס וועט מיט אים פּאַסירן אין א שעה שפעטער. מ'האט געלעבט, וואַרטנדיק אויף דעם ערגסטן.

ערגער איז נאָך געוואָרן די לאגע אין יאר 1942, ווען מ'האט אנגעהויבן ארויסציאיגן די יידן פון די שכנותדיקע שטעטלעך. דאן האבן מיר שוין געוווּסט אונדזער גורל.

דער חורבן פון אונדזער שטאט

ה' באב (1942), אויב איך האב קיין טעות נישט, איז אויסגעפאלן דער חורבן פון אונדזער שטאט ראדאמישלע.

א פאר הונדערט מאן, ספעציעל יונגע מענער, וואס זענען נאך געווען פעיק צו דער ארבעט, האבן זיי אויסגעקליבן און אוועקגעשיקט קיין מיעלעץ אין דעם קאָנצענטראציע־לאגער, ווו איך — און נאך צענדליקער פון מיינע חברים — זענען שוין געווען.

די עלטערע מענטשן, קינדער, קראנקע און מענטשן, וואס האבן שלעכט אויסגעזען, האבן די דייטשישע מערדערס אוועקגעפירט אויפן בית־עולם און אויסגעשאָסן.

אין דייטשע לאגערן

די פאר יאר, וואס מיר זענען געווען אין מיעלעץ, האבן מיר געליטן הונגער און נויט, געלעבט אין די ערגסטע באדינגונגען און בכלל נישט זיכער געווען מיטן לעבן. מיר האבן געארבעט ביי די שווערסטע און שמוציקסטע ארבעטן. צענדליקער פון אונדזערע ראדאמישלער זענען דארטן געפאלן קרבנות פון הונגער, נויט און פארשידענע קראנקייטן און א סך — פון די סעלעקציעס, וואס די ס.ס. לייט האבן דארט דורכגעפירט פון צייט צו צייט.

ביז זומער 1944 זענען מיר דארט געווען. ווען די רוסישע ארמיי האט שוין געהאלטן ביים פארנעמען די געגנטן, האבן זיי אונדז אריינגעזעצט אין פארמאכטע לאסט־וואגאנען און אוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. נאך עטלעכע טעג פאָרן אין די פארמאכטע וואַגאָנען זענען מיר אנגעקומען קיין וויעליטשקע (פוילן). דארטן זענען מיר געווען בלויז אייניקע טעג, און מען האט אונדז ווידער געשיקט אין די זעלבע באדינגונגען קיין פלאָסענבורג (בייערן). דאָרט האט מען מיך צעטיילט פון מיין מאמען. זי האט מען אוועקגעשיקט

מיטן טראנספּאָרט פון די פרויען און איך בין געבליבן מיטן טאטן. אין פלאסענבורג זענען מיר געווען א קורצע צייט און פון דארט האט מען אונדז געשיקט קיין לייטמעריץ (טשעכאָ־סלאוואקיע), אין א שטיינגרובן. אויף וויפל שלעכטס ס'איז אונדז געווען אין מיעלעץ, איז אין די לאגערן פון דייטשלאנד געווען נאך ערגער. קודם דערפאר, ווייל אין פוילן זענען מיר געווען בלויז יידן און דא האט מען אונדז אויסגעמישט מיט פארשידענע מענטשן פון אייראָפּעאישע לענדער, אָקופּירטע דורך די דייטשן. מען האט אונדז דארט אזוי אויסגעמישט, אז זעלטן ווען האב איך געטראָפן א ראדאמישלער. מען האט מיך אפילו אפגעטיילט פון מיין טאטן (מיר האבן זיך די גאנצע צייט געהאלטן צוזאמען).

נאך אייניקע חדשים האט מען אונדז ווידער אוועקגעשיקט קיין מאטהאוזען (עסטרייך) אין דער אפטיילונג פון „גוזען־2". דארט איז ערשט געווען דאס אמתע גיהינום. דער, וועלכער איז דארט נישט געווען, קאן זיך נישט פארשטעלן, וואס פאר א מארד־מאַשין דארט איז געווען. דארט איז טאקע געשטארבן מיין טאטע ע"ה און צענדליקער פון אונדזערע ראדאמישלער.

דעם 5־טן מאי 1945 איז דארט אריין די אמעריקאנער ארמיי און מיר זענען באפרייט געווארן פון די נאצישע בעסטיעס. אין דער אמתן האט זיך מיר געדאכט, אז דאס אלץ איז א חלום, ווייל מיר זענען שוין געווען אזוי רעזיגנירט, אז קיינער האט נישט געגלויבט ארויסצוגיין לעבעדיק פון דעם גיהינום.

ווען כ'בין שוין אביסל געקומען צו די כוחות (ווען כ'בין ארויס פון לאגער בין איך געווען א האלבער מת), האב איך זיך אנגעהויבן נאכצופרעגן צי ס'איז געבליבן לעבן ווער פון מיין פאמיליע. דעם טרויעריקן גורל פון מיין טאטן און מיין יינגערן ברודער האב איך שוין געוווסט. אבער איך האב געהאט א האפנונג — אפשר זענען געבליבן לעבן מיין מאמע און מיין שוועסטער. לויט די גרוסן, וואס איך האב אפגענומען, האב איך אבער געזען, אז זייער גורל איז געווען דער זעלבער, ווי פון מיליאנען פוילישע יידן. פון מיין גאַנצער פארצווייגטער משפחה אין פוילן איז געבליבן לעבן מיינער א פעטער, גדליה פאגעל, וועלכער האט געוווינט אין ראדאמישלע און מיינער א קוזין, וועלכער געפינט זיך איצט אין קאנאדע.

די ראדאמישלער אין ארגענטינע

איך בין זיכער, אז די מערהייט פון אונדזערע לאנדסלייט, ווו זיי זאלן נישט זיין, איז אומבאקאַנט, ווי אזוי און פאַרוואָס די ראדאמישלער האבן בכלל עמיגרירט קיין ארגענטינע. פון מיינע געשפרעכן, וואָס איך האב דא געהאט מיט מיינע לאנדסלייט, (ספעציעל די, וועלכע זענען דא אנגעקומען פארן צווייטן וועלט־קריג), איז לייכט צו זען, אז אין דער אמתן האבן זיי געוואלט עמיגרירן אין די פאראייניקטע שטאטן, אבער אזוי ווי דארטן האט מען געמאכט גרויסע שוועריקייטן פאר די פוילישע עמיגראנטן (ווער געדענקט דאס נישט די קלאַץ־קשיות, וואס מען פלעגט שטעלן אין דעם אמריקאנער קאָנסולאַט אין ווארשע צו באקומען די וויזע) און קיין ארגענטינע צו עמיגרירן האט מען נישט געברויכט די אלע פארמאליטעטן, איז מען געפארן אהין. די איינציקע זאך וואס מ'האט באדארפט, איז געווען: צו האבן געלט אויף א שיפס־קארטע כדי אהינצוקומען.

מיין רייזע קיין ארגענטינע

דאס פארן קיין ארגענטינע פאר די יידישע עמיגראנטן נאך דער מלחמה איז נישט אנגעקומען אזוי לייכט, ווי פאר דעם.

אין 1945 איז דא געווען ביי דער מאכט די פעראניסטישע רעגירונג און זיי האבן געהאט א זייער א נעגאטיווע שטעלונג לגבי די יידישע עמיגראנטן. קיין אָפיציעלער פארבאט פאר די יידישע עמיגראנטן איז נישט געווען, ווייל לויט דער ארגענטינער קאָנסטיטוציע קאן יעדער פריי ארייַנקומען, אבער... ווען א יידישער עמיגראנט איז געגאנגען בעטן א וויזע, האט ער אלע מאל באקומען אן ענטפער א גרויסן — „לא". אין די ארגענטינער קאנסולאטן פון אייראפע האט מען נישט געזאגט, אז מען לאזט דיך נישט אריין ווייל דו ביסט א ייד. אבער ווען די עמיגראנטן־קאמיסיע האט דערזען, אז ס'האנדלט זיך וועגן א ייד, האט מען דורך פארשידענע דריידלעך און אויסריידן אפגעוואָרפן זיין ביטע.

ביי אונדז יידן איז דא א ווערטל: „א ייד גיט זיך אן עצה". נו, האט ג' געהאלפן, אז אלע שכינותדיקע לענדער: בראזיל, אורוגוויי און פאראגוואי, האבן דווקא יא ארייַנגעלאזט יידן. זענען יידן געפארן אין אנדערע לענדער, שפעטער זיך פאראייניקט מיט זייערע משפחות אין ארגענטינע.

מיין אינדיווידועלער פאל איז געווען אזא: ווען איך בין אוועק פון עסטרייך קיין איטאליע, איז מיר געלונגען זיך צו פארשטענדיקן מיט מיינע פאמיליעס פון ארגענטינע און קאנאדע. מיט א צייט שפעטער האב איך באקומען פון מיין משפחה פון בוענאָס־איירעס פאפירן צו פארן קיין פאראגוואי.

האבנדיק די וויזע און אלע נויטיקע פאפירן קיין פאראגוואי (ווי די טראנזיט־וויזע קיין בראזיל), האב איך אנגעהויבן צו זוכן צו באקומען א שיפס־קארטע. אבער אן דערפאלג, ווייל דער שיפס־פארקער צווישן אייראָפּע און דרום־אמעריקע איז געווען גאר א קליינער אין יענער צייט.

נאך גרויס זוכעניש און מאטערניש איז מיר געלונגען צו באקומען א פּלאַץ אויף א שיף, וואס דער „דזשאָינט" האט אפגעדונגען פאר א פאר הונדערט יידישע עמיגראנטן. מיר האבן געהאט זייער א פיינע רייזע, ווייל 90 פּראָצענט פון דער דריטער קלאס זענען געווען יידישע עמיגראנטן און אז עס פאראן קיין עין הרעה אזא עדה יידן, פארברענגט זיך נישקשה. בפרט, אז אויף דער שיף איז דאך קיין דאגת־פּרנסה נישט פאראן. פרומע יידן האבן איינגעארדנט מנינים, געדאוונט; נישט פרומע, האבן פארבראכט אויף זייער אופן.

נאך 19 טעג רייזע זענען מיר מיט מזל אנגעקומען קיין בראזיל, קיין ריאָ־דע־זשאנעירא. צו דער שיף איז געקומען זייער א גרויסע צאל יידן, ווייל זיי האבן געלייענט אין די צייטונגען, אז ס'קומען אָן יידישע עמיגראנטן, האט עס ביי זיי ארויסגערופן אינטערעס (מיר זענען געווען כמעט פון די ערשטע יידישע עמיגראנטן). אין בראזיל האט מען אונדז זייער גוט אויפגענומען און זייער פיין באהאנדלט.

אויף צומארגנס האבן מיר גענומען די באַן קיין בוענאָס־איירעס און נאך 2 נעכט און א טאג רייזע בין איך אנגעקומען אהין.

ענדלעך אויף אן ארט

נאך מער ווי צוויי חדשים ארומוואנדערן, בין איך אנגעקומען קיין ארגענטינע. פארשטייט זיך — ס׳איז פאר מיר געווען א גרויסע פרייד זיך צו טרעפן מיט מיין פאמיליע נאך אזוי פיל יארן און איבערלעבענישן, געשעענישן א.א.וו. מיין פאמיליע דא האט מיך זייער פיין אויפגענומען. מ׳האט געפראוועט שמחות לכבוד מיר א.א.וו. דערנאך האב איך אנגעהויבן צו קלערן וועגן תכלית און איך האב זיך גענומען צו דער ארבעט.

גלייך ווי איך בין דא אהערגעקומען, האב איך זיך אנגעהויבן נאכצופרעגן נאך ראדאמישלער, אבער אן דערפאלג. איך האב זיך געטראפן מיט מענטשן פון פארשידענע שטעט ארום ראדאמישלע, אבער זיי האבן נישט געקענט און נישט געוווסט צי ס׳איז דא ווער פאראן פון ראדאמישלע. איך פון מיין זייט, האב געוווסט, אז דא דארף זיין לייביש פאדאווער ווייל איך האב זיך דערמאנט: ווען ער איז אוועק פון ראדאמישלע, האט דאס גאנצע שטעטל גערעדט, אז ער פארט קיין ארגענטינע.


בחינם איז אבער געווען מיין מי. ערשט נאך לאנגע חדשים האב איך זיך צוזאמענגערעדט איינמאל מיט א ייד. איך האב אים דערציילט, אז איך בין ערשט נישט לאנג אהערגעקומען און איך האב אים געפרעגט, צי ער ווייס נישט פון א ראדאמישלער? (ער אליין איז אויך געווען א גאליציאנער, נישט ווייט פון אונדזער געגנט). ער האט מיר געזאגט, אז ער קען איינעם א ייד פון טארנאוו און עס דאכט זיך אים, אז זיין פרוי איז א ראדאמישלערין. ער האט זיי באלד אנגערופן אויפן טעלעפאן און ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אז די פרוי איז טאקע א ראדאמישלערין, זי הייסט הודעס שאיע — ישראל שאיעס א טאכטער. זי האט זיך באלד פארבונדן טעלעפאניש מיט יצחק פאדאווער און אים דערציילט די גאנצע זאך. זי האט מיר טאקע דערציילט, אז א חוץ לייביש פאדאווער, געפינען זיך אין ארגענטינע אנדערע ראדאמישלער, ווי יצחק פאדאווער, יוחנן טאפעל, לישע גרין און דוד גרין (דוד גרין איז מיט א צוויי יאר צוריק געשטארבן).

באלד, דעם זעלבן טאג זענען צו מיר געקומען יצחק פאדאווער און יוחנן טאפעל. מיר זענען געזעסן שעהנלאנג און איך האב זיי וועגן אלעם דערציילט, וועגן אלע געשעענישן. מיט א פאר טעג שפעטער האב איך זיך געטראפן מיט לייביש פאדאווער און אויך מיט דוד און לישע גרין. איז מיר געווארן אביסל לייכטער אויפן הארצן, ווייל כ׳האב זיך שוין אין בוענאס־איירעס אנגעהויבן צו פילן א ביסל היימישער ווען כ׳האב זיך באגעגנט מיט מיינע לאנדסלייט. פון דאן אן האבן מיר זיך אנגעהויבן צו טרעפן אפטער און ביי יעדעס מאל ווען מיר האבן זיך באגעגנט, זענען מיר געזעסן שעהן און זיך דערציילט וועגן אונדזער שטעטל. נאך היינט צו טאג, ווען מיר טרעפן זיך, איז דאס זעלבע.

מיט איבער א יאר שפעטער איז אנגעקומען לאלעק לויפבאן און זיין פרוי פון איטאליע. אזוי, אז אונדזער עדהלע ראדאמישלער האט זיך פארגרעסערט.


אזוי ביסלעכווייז זענען שוין אדורך 18 יאר, ווי איך בין א תושב אין בוענאס־איירעס. דורך דער צייט האב איך חתונה־געהאט און מיר האבן צוויי קינדער (זין).

איך און מערסטן טייל פון אונדזערע ראדאמישלער לאנדסלייט ווילן און זענען ממשיך דאס יידישע לעבן פון אונדזערע עלטערן, זיידעס און עלטערזיידעס, וועלכע זענען אזוי טראגיש אומגעקומען. פארשטייט זיך, אז אין אן אנדער פארם ווי זיי, אבער יידיש. איך ווייס נישט אויף וויפל ס׳איז אייך באקאנט דאס יידישע לעבן דא אין ארגענטינע, אבער ווער ס׳וויל דא דערציען זיינע קינדער אין א נאציאנאל־יידישן גייסט, דער קאן עס דערגרייכן, ווייל מיר האבן דא פרעכטיק־שיינע און גוטע יידישע און העברעאישע שולן.



ישראל ריינדל און זיין פרוי, רויזע.

צום סוף וויל איך באגריסן מיינע חברים און לאנדסלייט, די וועלכע האבן אויף זיך גענומען די איניציאטיוו ארויסצוגעבן דאס יזכור־בוך ראדאמישלע רבתי, כדי אונדזערע קינדער זאלן זיך באקענען מיט אונדזער פארגאנגענהייט. שלום וברכה.



די קינדער פון ישראל ריינדל (פון רעכטס): בערל און גאלדע.

יזכור

דאס זענען די נעמען פון מיין פאמיליע,
וועלכע זענען אומגעקומען ביי די נאציס:

מיין טאטע — ישראל ריינדעל
מיין מאמע — רויזע ריינדעל
מיין ברודער — בערל ריינדעל
מיין שוועסטער — גאלדע ריינדעל
זאל געבענטשט זיין זייער אנדענק.

קלמן שמעיה

תל־יצחק

מה אספר על נעורי?

רשמה: בתו מרים

באקדמה לזכרונות המועלים כאן, רציתי להוסיף מלים מיספר על קשרי הרוחני לעבר הרחוק האופף את חייהם הראשונים של הורי. עבר הזר לי, הצברית שלא ידעה את הגולה ולא טעמה עינויים ואשפלה — מנת כל יהודי בה. עלי להודות שלא הרבה היה ידוע לי על ילדותם של הורי, ואם אמי מתארת לי לעתים מראות יקרים לה מהבית שאיננו, הרי אבי לעולם איננו מרבה בדברים על כך. כל זכרון, ולו גם מהעליזים שבהם, מעלה מיד רגשי־עצב וגעגועים למה שלא יחזור; מרבית משפחותיהם של הורי הוצאה להורג בידיו העקובות מדם של התליין הנאצי. לאבי אין אף תמונה אחת שתזכיר לו את פני הוריו.

וכך ארע שעצם הרעיון להעלות בכתב את קורות העיירה רדומישל קירב אותי אל אותו עבר רחוק — ההווי היהודי בעיירה קטנה והמלחמה שהביאה לקיצה. עבר שלא היה לי חלק בו אך שיסביר לי כעת הרבה דברים שאולי לא הבינותי אותם עד היום. לפי בקשתו העליתי את סיפורו בכתב. אין זה כל הסיפור כי אם קטעוני זכרונות ורשמים המקושרים ע״י העובדות העיקריות והריהו כפי ששמעתיו מפי אבי:

1. זכרונות ראשונים:

נולדתי במשפחה דתית ועל כן קיבלתי גם חינוך מסורתי, דהיינו, למדתי בחדר. הורי נטו לזרם הציוני ומתוך כך למדתי גם שיעורים בעברית. במקביל לשיעורי הדת והעברית למדתי גם בבית־הספר הפולני היסודי. הייתי השני מבין ששת הילדים במשפחה. להורי היתה חנות לממתקים — שבצידה היו להם עוד עסקים אחרים. אמא היתה פעילה מאוד בהגשת עזרה, צדקה לעניי העיירה — יהודים כנוצרים. בקיץ נוהגת לקנות כמות גדולה של עצי הסקה שהיו זולים בעונה זו ובחורף מכרה זאת לעניים בזול ואף נתנה בחינם. גם אבי נטל חלק בענייני הציבור והיה בין הפעילים בקופת גמילות־חסדים.

2. תנועת „הנוער הציוני":

בגיל 16 עברתי לגור בעיר טרנוב, שם התחלתי עובד בחנות גלנטריה של ויסברג. עבדתי שם כשנתיים ובמשך תקופה זו הצטרפתי לשורות התנועה בה ביליתי את שעות הערביים לאחר העבודה. בטרנוב היו כ־600—700 חבר בתנועת הנוער הציוני אשר נודעה לה השפעה עזה על הנוער שם. חבריה באו ברובם מבתים הגונים ומשכבות שונות, שכן תנועה זו ראתה את יישוב המולדת מתגשם ע״י כל שיכבות העם כאחד. קיבלנו פעולות שתוכנן היה כמובן ספוג ברוח הציונית, שמענו הרצאות רבות על ההיסטוריה היהודית בישראל ובגולה. לעתים בילינו זמננו בריקודים ומחולות־עם וכן בפעולות צופיות. ערכנו אף טיולים מחוץ לעיר, בחיק הטבע, בשדות טרנוב. מדי שבת נהגתי לנסוע לביתי אשר ברדומישל ואף בה גיליתי מספר אנשים שגילו זיקה רגשית לתנועת הנוער הציוני.

בזמני הפנוי, בשבתות, נהגתי להתאסף עם צעירי שאר התנועות בעיירה (מ„השומר הצעיר", „עקיבא" ופועלי־ציון) במועדון הקריאה צ׳טלניה). לפעמים כאשר הגיע לעיירה מרצה מאחת התנועות נתעוררו חילוקי דעות חריפים ביחס לאופי הגשמת הציונות כפי שהסביר זאת הנואם.

3. תקופת ההכשרה:

במשך היותי בתנועת הנוער הציוני עמדה בפני מטרה אחת ויחידה: כיצד אמצא את דרכי לישראל. בפולין של הימים ההם לא יכולתי להגשים זאת מבלי לעבור קודם הכשרה חלוצית בגולה. מטרת ההכשרה היתה להרגילנו לתנאים הקשים יותר שהיו קיימים בארץ ישראל, כמו: עבודה גופנית קשה, חיי חברה בצוותא, הסתפקות במועט, בחיי יומיום הנהגנו שיתוף מלא במזונות, ביגוד ודיור. מתוך כך חינכנו את עצמנו לחיות במחיצת אנשים שונים שלא תמיד היינו מוכנים להסתגל אליהם. ההכשרה בה הייתי אני נמצא בעיר רז׳שוב (רישא), ענפי העבודה היו מגוונים. נקטנו כלל בידנו לקבל כל עבודה שהיא אשר יש בכוחה להבטיח את קיומנו. מכיוון שהשטח המוקצב להכשרה נמצא בעיר עצמה, הרי שלא פעם עסקנו בעבודות בלתי מקצועיות כמו סבלות, נשאנו סחורות מחנות לחנות, בעבודות בנין, עבדנו גם בחנויות גדולות. כן עיבדנו חלקת אדמה בה גידלנו ירקות וכן עסקנו בשמירת לילה על רכוש פרטי אחרי שעות העבודה היומיות שמספרן הגיע ל־10.

תכניתי היתה לעלות לישראל בדרך אל־חוקית והעניין היה בטיפול המוסדות של עליה ב׳, אך לצערי הרב לא הצלחתי להימלט מחובת הגיוס לשורות הצבא הפולני.

4. התגייסותי לצבא:

כיהודים אחרים ניסיתי אף אני, עם עוד שלשה צעירים, להשתחרר מהגיוס בעזרת שוחד לביורוקרטיה הפולנית של אז. בהיותנו קרובים להשגת מטרתנו הוכשלנו לפתע. יהודי, שהיה מתחרה בשיווק דגים לאחד מאתנו, היה מעונין דווקא להיפטר ממתחרהו לעתיד (אביו של הלה הזקין ולא יהיה מי שיחליפו ליד דוכן המכירה). יהודי זה מסר אותנו לשלטון המקומי, למשטרה, ונאלצנו לעבור בשניה את הבדיקות השונות. לאמי היו קשרים עם המשטרה, הצליחה לא פעם לשחרר יהודים מהאשמות שונות, בעיקר על עבירות מסחריות. היא הזמינה לביתה את קצין המשטרה המקומי ולאחר מיספר לא מבוטל של כוסיות וודקה ובירה וארוחה דשנה, הוציאה מתיקו הוכחות ברורות לזיהותו של המלשין.

5. השירות בצבא:

עם הצטרפותי לצבא נוכחתי לדעת שאנטישמיות חזקה מאוד שררה בחברה הצבאית הלא־יהודית. שלושת החדשים הראשונים היו קשים במיוחד לכל טירון. עברנו, בין השאר, ריצות במסכות־גז עם נשק, מסעות ארוכים, עונשים כבדים על עבירות קלות כמו עמידת־דום ממושכת עם חגור מלא; על מיסדר שלא הוכן כראוי הוטלו עונשים, על הופעתו של החייל ובעיקר על המשמעת. החופשות היו קצרות ומעטות.

פעמיים בשנה ניתנה חופשה ארוכה יותר של שבוע עד שבועיים. גם אז היה על החיילים להישאר במדים, אפילו בבית־הכנסת. המשטרה האזרחית שמרה זאת בקפדנות בעיירה שלנו. לאחר שנה ומחצה סיימתי את שירותי בצבא פולין, חזרתי לרדומישל ועזרתי להורי בחנות.

עם פרוץ המלחמה, החלטתי, כחיילים משוחררים אחרים, להתגייס לצבא בשנית וללחום עם האויבים הגרמנים. באותם הימים שרר אי־סדר איום במערכת השלטון וההנהלה, כך ששלחו אותנו ממקום למקום ונוצר מצב הפוך מזה שלפני התגייסותי: רצינו להתגייס ולא לקחו אותנו. לבסוף הגעתי למקום הריכוז האחרון, העיר בוסק ליד ביח"ר לבירה. שם הוחלט להציב חזית שניה של אלפי חיילים משוחררים, ושרידי היחידות שלחמו כבר, אך החזית לא הצליחה להתייצב וזאת משום שהיה קיים גייס חמישי בשורות הצבא. היו אלה עוזרי הגרמנים — פולנים או גרמנים אשר השיגו אינפורמציה מדוייקת על מקום החזית. הם מסרו זאת לגרמנים וכאשר הגענו למקום הריכוז, הפתיעו אותנו הגרמנים בהפציצם באש מרוכזת ממטוסים. מרבית אנשי הצבא הפולנים מצאו את מותם בהתקפה זו, אם במחנה ואם בדרכם אליו. המשכנו בכיוון טרנופול, מזרחה, כאשר הגרמנים מלווים אותנו כל העת בהתקפות אויריות. וכאילו לא די בכך, נערכו עלינו התנפלויות אכזריות עוד יותר מצד האוקראינים שניצלו את חולשת מדכאיהם הפולנים. הם חסמו את הדרכים ושדדו את הנשק, התחמושת והבגדים. היו מקרים שהשאירו את החייל ללא בגד לעורו. בימים הראשונים למלחמה קיבל הצבא הפולני פקודה להכין את הציוד המלחמתי, לתקנו ולשפצו. במשך תקופה זו נערכה הפצצה גרמנית חמורה על כל שדות התעופה. כך קרה שפולין נפלה תוך ימים ספורים ורוב חלקי פולין נתפסו ע"י גיסות הגרמנים. עם הגיענו לטרנופול נלקחנו בשבי ע"י הצבא הרוסי הפולש אשר נדהם למצוא חיילים רבים ללא נשק ומדים. בכל־זאת זיהו אותנו כחיילים עפ"י הראשים המגולחים — חוק בל יעבור בצבא פולין. הרוסים התחילו בחקירת היהודים שבינינו והיהודים שבצבאם חקרו אותנו בלשון האידיש אשר שימשה אז כשפה המשותפת היחידה. התקבלנו ביחס לבבי מאד וסופקו לנו מזון ובגדים. נחקרנו על מקומו של הנשק ושאר הציוד שהשארנו. סיפרנו אז על אודות האוקראינים שהתעללו בנו. החיילים שלחו חיילים כדי לגזול את טרפם של השודדים מפיהם. הללו פתחו באש אך לאחר קרב קצר נכנעו והללו, שנמצא אצלם נשק, הוצאו להורג. כאשר נסתיימו הקרבות העיקריים שוחררו כל הטוראים.

בינתיים, נמצאה רדומישל בידי הגרמנים. מכל פולין נדדו הפליטים בכיוון לבוב, הצטרפתי אל האחרים. אנו, פליטי רדומישל, התחלנו עוסקים בענפי מספר שונים. כעבור חודשים מיספר ערכו הרוסים רישום של הפליטים הפולנים, בהיותם מעוניינים להרחיקנו מגבולות פולין למען בטחון שלטונם, סיפרו לנו שנחתם הסכם עם הגרמנים לפיו הותר לנו לחזור לביתנו בפולין. כך הצליחו להוליכנו שולל, ובמקום לפולין הוסענו כולנו לפנים רוסיה, עד סיביר.

בסיביר עבדנו בעבודות קשות, כמו כריתת עצים ביערות, עשיית קורות ושאר עבודות בעצים. בסוף שנת 1941 נחתם הסכם בין רוסיה ושלטונות פולין באנגליה על החזרת חיילים ופליטים פולנים לצבא פולין שיעמוד כמובן לימין בעלות הברית. היהודים היו מעוניינים להילחם בשורות הצבא ולקחת נקם ממשמידיהם, חיילי היטלר. אך השנאה כלפיהם הניעה את מנהיגי הצבא הפולני להתנגד לקבלת יהודים לצבא. מי שזכה, בכל־זאת, להתקבל נחשב למאושר. יחד עם מספר פולנים הצלחתי להתקבל מחדש לצבא.

הדיביזיה השישית שבה שירתי יצאה דרך טשקנט מרוסיה, הפלגנו בים הכספי מהעיר אסטרחן לעבר איראן. בדרך לעיר הנמל הספקנו לאסוף עשרות אחדות של פליטים יהודים שעשו עמנו את הדרך לפרס. הנסיעה באניה עברה על החיילים בתנאים גרועים — חוסר מזון, מחלת־ים חמורה, וליהודים — תוספת יתרה: האנטישמיות שלא פסקה אף לרגע. המחנה נטה ע"י טהרן הבירה. גרנו באוהלים גדולים. גם פה היו התנאים קשים. חלק גדול מאתנו נספה במגפות הטיפוס והבורדם (דיזנטריה) שפשו בנו. בליל־הסדר אירחה אותנו, קרוב לאלפיים חיילים ופליטים יהודים, הקהילה היהודית בטהרן. הדבר סודר עם הצבא האנגלי, אליו היתה מסופחת הדיביזיה הפולנית, אך היהודים לא הסתפקו בכך ומבית־הכנסת לקחו אותנו, בקבוצות קטנות יותר, אל בתיהם. בעוד שהשיכבה העשירה לא רצתה לעלות לישראל או לתמוך בבנייתה, הרי התרשמנו מאוד מרצונם העז של יהודי השיכבה הבינונית להגיע ארצה או לפחות לשלוח את בניהם. בינתיים התקדמה החזית דרך ארצות ים־התיכון. מטהרן הגעתי לבצרה בעיראק ומשם נדדנו לעבר בגדד. שם נפגשנו עם יהודים אשר פחדם הרב מהשלטונות מנע אותם אף מלדבר עמנו. משם עברנו לירדן והצבא שנתעתד להגיע לאל־עלמיין הגיע לישראל. בנקודה זו כבר פסקה האנטישמיות והצבא היה מעוניין בחיילים יהודים.

ההגנה אירגנה את בריחתנו מהצבא שכן השגנו את יעודנו ולא היה טעם להמשיך עוד עם הצבא. חנינו ע"י גדרה. הפולנים הרגישו בעריקה ושמו משמר כבד וחוטי־תיל מסביב למחנה. כן נערכו חיפושים אחרי הללו שעזרו להגנה, אך למרות הכל הצלחתי לערוק.

כדי להסדיר את ענין רשיונות העליה שלנו, עברנו את הירדן מאשדות־יעקב וחזרנו באותה דרך בה לא היה נחוץ רשיון כזה, ובזה הקילונו על הסוכנות. כך נסתיימה פרשת נידודי ובשנת 1942 בטרם נגמרה המלחמה העולמית השניה הגעתי לביתי, הוא משק תל־יצחק.

כיום הנני אב לשתי בנות וכחבר משק הנוער הציוני הנני... מגדל תפודים ובוטנים, במלים אחרות, איכר המעורה במולדתו האהובה — י ש ר א ל.

ז

בונים ומגינים

בויערס און פאַרטיידיקערס

שמואל גנני (גרטנר)

ב„דבר הימים האלה" (הוצאת „דבר") מיום כ"ד באב, תרפ"ט, 30.8.1929, בידיעה תחת הכותרת „התנפלויות נוספות על שכונת הגורג'ים" קוראים אנו בין היתר „...נהרגו שם התייר היהודי מאנגליה וינר והחבר מנחם סבלוני, נפצע קשה ה' שמואל גנני, שמת ביום ד'. התייר ושני הפועלים ירדו באוטו ממקום עבודתם בשעת ההתנפלות, הנהג הביאם לתוך ההמון הפורע על־יד שער שכם ושם נרצחו, שם נהרג כשליש ממספר כל הקרבנות, שנפלו בירושלים. הזקן וינר מאנגליה היה מידידיהם המובהקים של הערבים והחזיק על חשבונו כמה מתלמידים ערבים מא"י בקולג' האמריקאי בבירות..."

גם בספר „יזכור עם ישראל את קדושי אב תרפ"ט" מאת א. צ. ברזין, ירושלים, מנחם אב, תר"צ, מצויה הכתבה על שמואל גנני הי"ד ואנו מביאים אותה בשלימותה:

„שמואל גנני ז"ל, נולד בשנת 1902 בעיירה רדומישל וילקי, בגליציה המערבית, להורים אדוקים בדת. למד ב„חדרים" ובישיבות עד היותו בן שש עשרה. אז באה תמורה בנפשו. הוא רואה את חיי היהודים מסביבו, ואין את נפשו ללכת במסלולם הכבוש. הוא עורג לחיי עבודה ורוצה לשתף את עצמו בגישום מפעלי התחיה. בן שבע־עשרה הוא עוזב את גליציה, הולך לגרמניה. בבואו לקלן על הרינוס הוא פונה מיד ליושב ראש של קלוב הנוער הציוני: מבקש שישתפו אותו בעבודה ציונית־ציבורית — הוא מעמיד את עצמו לשירותה, לכל ערב וערב. שמואל מגלה מסירות וחריצות בפעולות הצבוריות, הנעשות על־ידיו. בהמשך הזמן הוא מיחד את עבודתו לאירגון החלוצים בגרמניה; כחבר הועד המרכזי להסתדרות „החלוץ" הוא נוסע ומבקר בערים שונות לשם תעמולה, אירגון וייסוד סניפים להסתדרות. ומיום שבא לגרמניה הוא חי על עבודתו הגופנית: כפועל „שחור", אחרי כן כפועל במיכרות־הפחם באַכן. כעבור איזה זמן הוא מתכשר לקראת העבודה בארץ־ישראל: נכנס לבית־ספר לעבודות בנין בלייפציג.

בתחילת יולי 1925 עולה שמואל לארץ. רק דרכה רגלו על אדמת ארץ ישראל, חלה בדיזנטריה ובפופטצ'ה. זמן רב



אחי היקר שמואל גנני (גרטנר), מראשוני החלוצים בעיירתנו רדומישל ומראשוני הקרבנות במאורעות שנת תרפ"ט (1929) בירושלים, אשר קברו על הר הזיתים הושמד ע"י הערבים.

תהא זאת מצבת־עד לזכרו!

אחותו: רחל גרטנר בר־עם, חיפה

הוא שוכב בבית־החולים בעין־חרוד. בעוזבו את בית החולים הוא עובר לעבודה בעפולה; מתמחה, הלכה למעשה, בעבודות הבנין. הוא הולך לירושלים, לנהל עבודות בנין מטעם „סולל־בונה". עם זה הוא מקדיש את כל זמנו הפנוי לעבודה ציבורית, חבר מסור ל„הפועל הצעיר". פעיל בוועדות וב־וועדים השונים שעל יד מועצת פועלי ירושלים, ממלא במשך זמן ידוע את תפקיד המזכירות באגודת פועלי בנין, מארגן קבוצת פועלים לעבודה בעבר־הירדן. וכל הפעולות הנעשות על ידיו טבועות בחותם אופיו: רגש אחריות מפותח, כח התמדה למופת, התמכרות שלימה וטהורה לרעיון ולמפעל: וכקווי־לואי: נימוסי תרבות והליכות־אנוש יפות.

בשנת 1928 נושא שמואל אשה. גם היא עסוקה בעבודה. שמואל מקווה, כי בכוחות משותפים יבואו לחיי עבודה שקטים, אחרי הטילטולים והסבל, אשר שבע. והנה בא יום הדמים: ביום הששי, י"ז באב, יצא שמואל לעבודה בבנין בית וינר, על־יד יריחו. שמואל שב בצהרים עם מנחם סבלוני, במכוניתו של וינר, אשר ליווה אותם. על־יד שער שכם התנפל עליהם המון פרוע. שמואל נפצע קשה: גופו היה פלוח ומחוץ במקומות שונים וריאתו ספוגה כדורים. ששה ימים התבוסס שמואל במכאובים גדולים — וביום רביעי, כ"ב באב, מת.

לזכרו של אהרן סלוכוון (שלוכוי)

(לקט מדברי חבריו בקיבוץ מזרע — שנה למותו)

אהרון היה מן הוותיקים אצלנו, אחד מהמעטים שנותרו עוד מקבוצת „הפועל־הכובש", אשר עלתה ארצה עם ראשוני העלייה השלישית.

מוצאו מרדומישל, עיירה קטנה בגליציה המערבית. הוריו אדוקים ואמידים־למחצה, בביתו לא פינקו אותו מעודו. במשפחה היו ארבעה אחים וארבע אחיות. מילדותו חי חיי עבודה ועמל ומאס בחיי בטלה ושיעבוד, האופייניים לעיירות אלו באותה תקופה. הוא עזר להוריו בחנות מכולת בסיטונות ועסק בכל עבודה מצוייה.

פרצה המלחמה העולמית הראשונה. מאימת הפלישה הרוסית ברחה כמעט כל האוכלוסיה מן העיירה וחיו כפליטים במדינת קירה הנרחבת. יום אחד, היה זה בינואר 1915, שמענו שאהרון עמד במיבחן לגיוס לצבא. לשמע בשורה זאת תצילינה האזניים. פשוט לא אבו להאמין. לאהרון מלאו אז רק 17 שנה ונוסף לכך היה צנום ורזה, עודנו נער. והייתכן שאותו יגייסו לצבא? אביו השתדל בכל מיני דרכים וגם פיזר כסף לרוב למען שיחרורו. אהרון התנגד לזה וכל אותן השתדלויות היו למורת רוחו.

סתיו 1918. המלחמה העולמית נסתיימה; העולם הרחב נפתח שוב, אולם חיי העיירה היו עוד יותר קודרים וחסרי סיכויים משהיו קודם. קבוצת צעירים מתכננת תכנית לעזוב את העיירה ולהפליג „לעולם הגדול". אהרון הוא היוזם, ובמוחו כבר מנצנץ הרעיון (אם כי מעורפל): ארץ־ישראל.

גרמניה משמשת תחנת ביניים. אהרון לא שכח את המטרה וכתום שנתיים לשהותנו בגרמניה אנו מייסדים קבוצה להכשרה גופנית ומתכוננים לעלות ארצה. עזרו לנו מנחם בדר ואיש־שלום. אהרון הוא הרוח החיה בקבוצה; הוא היה בין המארגנים והעושים ומקדיש לזה את כל אונו והונו. ובהגיע זמן העלייה אנו עושים „קומונה" ואהרון מכניס את כל רכושו שהגיע לסכומים גדולים —— למען אפשר לכולם את העליה.


במשך שנתיים נדדנו ועברנו מקומות רבים בארץ. עבדנו בכבישים, במסילות ברזל, בבנין ועוד.

בחנוכה תרפ"ד עלינו על הקרקע והנחנו את היסוד לנקודה צריפין — היא מזרע כיום. יקצר המצע מלתאר את חלקו של אהרון וכל פרשת מעשיו ופעליו בעיצוב החיים המשקיים. החברותיים, הכלכליים מראשית התיישבותנו עד ימיו האחרונים. מהיום הראשון הוא נצמד אל הקרקע ואל החקלאות, כאן על הקרקע מצא את תיקונו ונשלם המעגל לשלימות חייו. השורשים העמוקים שלו באדמה ובחקלאות נתנו לי לא פעם יסוד לחשוב: הנה התמזיג (ה„סינתזה") הנפלא „האדם עם הטבע".

חיי צנע והסתפקות במועט היו לו לקו ומשקולת בחייו. בוועדות ובשיחות הטיף לחיי צנע ויצא חוצץ נגד „מותרות". הוא קיים מצוות אלו בחייו.

גם ביחסים עם השכנים, פלח, או אפנדי — אצל כולם רכש לו חיבה והערצה וגם הוא ידע להתייחס אל הערבים בחיבה והבנה. חוג'ה אהרון היה ידוע בכל הסביבה הערבית. זוכרני, בעצם הימים החמים, ימים אחדים לפני הרצחו, הביע לפני מילים של צער והשתתפות על סבלות הפלחים באמרו: „מה הם יאכלו? הלא יגוועו ברעב אם לא ניתן להם לקצור את יבולם!" אלה שלגורלם היה חרד רצחוהו נפש!

באותו יום מר ונמהר בעת שהתנהל המו"מ עם הערבים בנצרת על ההפוגה לזמן הקציר שחתי לי את חרדתו לשמע החלטתו לצאת לקצור את השדה ע"י ההרים. שאלתיו: האם הערבים נתנו איזו ערובה או בטחונות לקיום ההסכם? והוא השיב לי במילים אלו: „פלח שזרע — יוצא לקצור את שדהו ואינו חוקר לערובות ובטחונות. אומרים לצאת ואני יוצא". והוא יצא באומץ ובבטחון כחייל על משמרתו. יצא — ונפל.



אהרון סלומון (שלומי)

בעוד זמן קצר אנו נחוג את מחצית היובל לעלייתנו על הקרקע בנקודה זאת. מה מחרידה היא המחשבה, כי אדם אשר חלקו כה רב בכל המפעל הזה, אדם אשר כל חייו היו קודש בלי שיור לעיצוב ובנין מזרע — אדם זה לא זכה לחוג ולשמוח אתנו יחד בשמחת היצירה.

מ. וולף

„אהרון שלומי, למה התגייסת?"

כך שרו ושאלו הילדים, כאשר התגייס אהרון לצבא הבריטי בימי המלחמה העולמית השנייה.

שאיפתו ותקוותו להתגייס ולהגיע לבריגדה שקמה אח"כ — לא התגשמה. והיום הננו שואלים: אהרון שלומי, למה נפלת? למה נרצחת? ועל ידי מי? ובאילו מסיבות?

למה עלית? ולמה היית דבוק לפלחה זאת שלך? עד נשימתך האחרונה? ולמה היית כה קשור לכל אחד, גדול כקטן?

היש תשובה לכל „למה"?

כן. כל חייך ומאבקך ומסירותך לקיבוץ, לחברים למשק, והסתפקותך שלך במועט, ויחסך לשכנים ומסיבות מותך הלא ממקור אחד נבעו: טוהר־המצפון.

מנחם

⁂

...שנים חיינו יחד. והוא, בלא דברים רבים, בלא התפארות ובלא יומרות חי את חיי־הקיבוץ, את חיי החקלאות עד תומם. פעיל, ער, תבע מעצמו לפחות אותה מידת המסירות שידע לדרוש מאחרים לפעמים התעקש, לפעמים התאכזר, אולם תמיד היה מוכן להוציא את המסקנות ולהוכיח במעשיו את צדקת דרכו.

חיים בדר

⁂

הלכתי עם אהרון כברת דרך ארוכה. מקלן שעל הנהר רהיין עד יום נופלו על אדמת הקיבוץ, כמעט שלושים שנה.

בשובי מהצבא האוסטרי, עם תום המלחמה העולמית הראשונה אל ביתי בקלן הצטרפתי שוב ל„השחר", זו אגודת הציונים הצעירים, שנוסדה על־ידי לשם אירגון צעירים ממזרח־אירופה. מדי פעם בא גל חדש של מהגרים צעירים לקלן וביניהם ציונים רבים. פעמים מיספר ניסיתי להקים גוף חלוצי, אולם ללא הצלחה. לבסוף באה קבוצת בחורים מרדומישל וזו הוציאה אותנו מן המיצר. הם הביאו אווירה ציונית של יהדות שורשית. אולם מבין הרדומישלאים לא רבים עלו ארצה.

בין מעטים אלה היה אהרון. מיד התבלט כאיש המעשה והיוזמה, חריף־מוח ונאמן ללא גבול. הכול עשה בתבונה, נאמנות ולכן האירה לו ההצלחה את פניה.

מ. איש-שלום

⁂

כדי שנוכל לתפקידינו הקשים, תנאי ראשון לנו להיות חיילים טובים בעלי הבנה, היודעים על מה ולשם מה הננו לוחמים, ואז נהיה ראויים לאותה ההכרה והכבוד, שזכו בהם החיילים היהודים שהקדימו אותנו.

עלינו להיות חדורי רצון לעזרה הדדית וליחסי אחווה וריעות, כי רב משקלם של אלה בחיינו כחיילים, ובעיקר בחזית. וגם משמעת נחוצה לנו. כי בלא משמעת לא נוכל למלא את המוטל עלינו. באחת: אנו חייבים להיות חיילים למופת בכל.

ועוד עלינו לדעת: א"י היא בתוך המלקחיים שהאויב מאיים לסגרם: קאווקז מצד אחד ומצרים מצד השני. עלינו להיות מוכנים להגן על ארצנו. אני מאמין שביכולתנו לעמוד כחומה בצורה נגד האוייב ולא לתת לו לעבור את גבולות ארצנו. ועלינו לדעת שאין נסיגה בעבורנו, לנו אין עורף, כאן מקומנו, כאן תקוותנו. ואם נצליח לעכב את האויב, ואני מאמין שנצליח — נתרום בזה תרומה חשובה לחזית של המזרח התיכון, ונוסיף במידת יכולתנו למען ההכרעה הסופית במלחמת עולם זו, למען הנצחון הסופי המובטח של הברית. ובבוא יום הנצחון תבוא הגאולה גם לנו, לארץ, ליישוב, לעמנו המעונה.

(קטע מנאומו של אהרון סלומון במסיבת הסיום של הפלוגה בסרפנד).

מנחם וולף

קטעים אלו, הם מעזבונו של מנחם וולף ז"ל ונלקחו מחוברת יובל ל"ה, שנות עליית הראשונים, שראתה אור בשעתו.


הרקע:

סוף שנת 1918. קץ המלחמה העולמית השניה בת ארבע השנים. ממלכות וקיסרויות קורסות ונופלות. המדינה האוסטרו־הונגרית, מיסוד השושלת ההבסבורגית, בת מאות השנים — מתפוררת ועל חורבותיה קמות ריפובליקות צעירות, שעמיהן היו משועבדים מאז דורות. פולין קמה ומתעוררת לתחיה, גל של אנטישמיות ופרעות דמים ביהודים פורצים ברחבי המדינה הצעירה. הפרעות וגלי האנטישמיות מגיעים עד לתוך אולמות, בתי־הספר התיכוניים והגבוהים. סטודנטים יהודים מוכים ומושלכים מבתי־האולפנא בצריחות: „יהודים לכו לפלשתינה!" — בין הנוער היהודי עולה וגואה התנועה הלאומית הציונית. — פולין עודנה מנהלת מלחמת מאסף עם שכנותיה ממזרח. הצעירים מגוייסים למלחמה בין הנוער היהודי, חייב הגיוס — מתפשטת תנועת בריחה והגירה מן הארץ: אין כל רצון לשפוך דם להגנת מדינה, שתקומתה הוכתמה בדם יהודיה — אזרחיה. —

על אדמת גרמניה:

מברלין נסענו לקלן. ולמה דוקא לקלן? מהחברים שקדמו לנו קבלנו ידיעות, שבקלן המצב שפיר ואפשר שם „לעשות חיים". וזו היתה אמת. העיר קלן וכן חבל הריין היו כבושים והוחזקו בידי צבאות ארבע המעצמות המנצחות: האנגלים, האמריקנים, הצרפתים והבלגים. העיר קלן וסביבתה היו בידי הבריטים ובמרחק שעת נסיעה ברכבת או בחשמלית היתה דיסלדורף, מעבר לנהר הריין, בלתי־כבושה. המצב הזה גרם לפרוספריטי ויצר גן־עדן לספסרים ולמבריחים. בשטח הבלתי־כבוש היה רעב וחוסר מצרכים ומעבר מזה יכולתי להשיג מכל טוב והעברת מצרכים מצד אחד למשנהו הכניסה רווחים עצומים והסיכון לא היה רב ביותר. היהודים, בעיקר מהגרים ממזרח אירופה, הריחו ריח העסקים ורווחים ונמשכו למקומות ההם כנחילי דבורים אחרי הדבש.

לנו, הצעירים, גרם מעבר פתאומי זה, מן העיירה הנידחת בגאליציה לכרך הגדול קלן — להסתחררות־הראש. נאחזנו בחיים קלוקלים אלה ולא הרפינו מהם. עסקנו כמו יצר היהודים במסחר, בהברחה ואגרנו מלוא חופניים כסף, — „עשינו חיים". נמשכנו לחיים קלים אלה כבמבט קסם; אורות הכרך רמזו





דפי מזרע

עלון לאינפורמציה פנימית....

קיבוץ השומר הצעיר מזרע / עלון מס' 2 (861) שנה כ"ב / י"ד תשרי תשכ"ט, 6.10.68

שבעה למותו של

מנחם וולף

נולד בפולין 1.9.1899

נפטר במזרע, ו' תשרי תשכ"ט, 28.9.68

הבריחה:

בין הצעירים היהודים בעיירות גליציה — יאוש, מבוכה ואזלת־יד. בעיירתנו רדומישל, המתקנו סוד צעירים בני 19—20 וגמרנו אומר לברוח לאשר ישאנו הרוח. היינו „ציונים" מסוג הציוניסטען, שמתאר א' שבדרון: מכרנו שקלים, ערכנו עצרות בכ' בתמוז, קראנו „הצפירה", „המצפה", את ביאליק, פרישמן, מנדלי וכו'. אולם הציונות בהתגשמותה הקונקרטית, כלומר, העליה לא"י — טרם הכתה שרשים בלבנו ועדיין לא קרמה עור וגידים. מגמת בריחתנו היתה, לצאת לעולם הגדול מבלי לדעת את המטרה.

וכך יצאנו את העיירה ובליל אפל אחד עברנו את הגבול לגרמניה דרך אושוויצים — היא אושוויץ הידועה לשימצה. סייעו לנו בהברחת־הגבול (בכסף מלא, כמובן) מבריחים יהודים וגויים. משם הגענו דרך ברסלאו לברלין. שם התעכבנו ימים אחדים והיינו עדי־ראיה לקרבות־רחוב בין הרייכסוהר ובין הספרטקוס ב„אלכסנדר־פלאץ" ועוד מקומות ידועים. —

וקרצו ואנו נמשכנו אליהם כפרפרי־לילה. נעורינו עברו עלינו בעיירה החשוכה, מחוסרי טעם ונטולי ענין וכעת טעמנו מעץ־החיים.

התמורה:

כך עברה שנה, ואז חל המפנה.

תהינו על קנקנו ופתאום ראינו את עצמנו דלים וריקים. לאט־לאט חדרה ההכרה ללבנו, כי לא לעולם חוסן, כי הכרחי, שיבוא שינוי יסודי באורח־חיינו. אז צף ועלה הרעיון הציוני במובנו הקונקרטי — העליה לארץ־ישראל. בהחדרת רעיון זה לשינוי פני הדברים מיסודם וליציאה למרחב, עמדו לנו לעזר שני אנשים, החיים וקיימים אתנו כיום והם: בדר ואיש־שלום.

„הפועל הכובש":

כאמור, בעזרת שני החברים הנ"ל התארגנה קבוצה בת 16 איש והוחל בהכנות לעליה. השלכנו מאחורינו את המסחר

וכל ההתעסקויות המפוקפקות ויצאנו להכשרה בעבודה פיזית. בגרמניה שררה אז מצוקה וחוסר־עבודה והחוק אסר להעסיק זרים. בדר יצא לתור אחרי מקומות־עבודה והצליח להשיג בלוכסמבורג מקומות־עבודה לרוב חברי הקבוצה. עברנו לשם ועבדנו משך מספר חדשים במכרות־ברזל ובבתי־יציקה. יסדנו קופה משותפת. כל הכספים שהיו בידי החברים וכן עודף החסכונות משכר־העבודה — אחרי הוצאות הקיום — היו קודש למימון העליה....

...בסוכות שנת תר״פ — (הצלחנו) סו״ס להתגבר על כל המכשולים ואבני־הנגף והתבשרנו כי מועד העליה קרב ובא. לשמחתנו ולאשרנו לא היה גבול. כאן יש לציין, כי היתה זאת קבוצת החלוצים הראשונה, שעלתה באורח מאורגן מגרמניה.

עד אז עלו רק בודדים.

אז הגיע הזמן לתת שם לקבוצה ותקרא בשם: „הפועל הכובש״.

מדברי מנחם בדר על קברו

אני נפרד ממך אישית ובשמו של איש־שלום.

לאחר מותו של אהרון שלומי ז״ל — נשארנו יחד אתך שלושה חברים מאותה קבוצה של 16, שהתארגנה בסוף מלחמת העולם הראשונה ועלתה לארץ בשנת 1920. — עתה שוב התיתמנו ונותרנו מאותה קבוצה רק שנינו. —

עצובים מאד נפרדים אנו ממך מנחם וולף היקר! עד יומנו האחרון נזכור את חסד התחלתנו המשותפת ואת חסד 50 שנות לכתנו יחד בידידות ונאמנות, צמודים לחלום שהתגשם בעזרת כל העומדים כאן. החלום לבנות את הארץ ואת עצמאות ישראל ולהבנות לחיים חופשיים בבית קיבוצי. —

ובקיומו של בית זה נתנחם, וינחמו גוניה, ילדיה ונכדיה וכל משפחתה — יחד עם כל אבלי ציון וירושלים.

II

ה ש ו א ה

דער חורבן



הִלֵּל הַרְשׁוֹשַׁנִּים

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!

(לְזֵכֶר קְדוֹשֵׁי הַשּׁוֹאָה)

הֵם – לְמֶמֶר וָרֶצַח.
וְאָנֹכִי – לַמּוֹקֵד;
פִּי – לְזֶמֶר־הַנֶּצַח
בַּכִּבְשָׁן הַיּוֹקֵד:
„שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!"

לֹא צִיַּתִּי לַמֶּמֶר – – –
בִּגְבוּרָה – לַמּוֹקֶדֶת;
רִנָּתִי – רִין־הַגֶּמֶר.
בַּמְּדוּרָה הַיּוֹקֶדֶת:
„שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!"

בְּכַשִּׁיל וּמַקֶּבֶת
אֶת אֵבָרַי רִסְּקוּ;
וּשְׂפָתַי – שַׁלְהֶבֶת,
אֶת דְּבָרַי זִנְּקוּ:
„שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!"

הִמְלִיאוּ אֶת לֹעִי
עוֹפֶרֶת רוֹתַחַת;
גֵּוִי – יָקוּד, וּפִי
רָן שִׁירָה בוֹטַחַת:
„שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!"

מְחוֹלוֹת הַלַּהַט
אֶת גֵּוִי הֶאֱפִירוּ,
וְאֶפְרוֹת־הַבַּהַט
אֶת נִיבִי הִצְפִּירוּ:
„שְׁמַע יִשְׂרָאֵל!"

הערה: כל שוא בשיר זה הוא שוא מניע ויש להניעו בהיגוי.

ראובן אייזלאנד

#ביים שפיגל

(פראגמענט)

איך קום פון לייפצערדאק
און בעקעשע און ספאַדיק.
גרויס ראדאמישלע איז דאָס אָרט
ווו ס'איז מיין וויג געשטאנען.
געפינסט עס אויף קיין לאנדקאַרט נישט
און דאָך איז דאָרט פאַראַנען
א גרויסע שול, א גרויסער רב,
אויף דיין שפראַך אויך אַ „צאַדיק". *)

פאַראַן א גרויס בית המדרש אויך,
אַ גרויסע קלויז מיט לערנער.
אַ גרויסער מאַרק מיט קלייטן פול,
און געסלעך פול מיט דלות.
פארשייטע יידן, ערלעכע,
און צביעות אין א טלית,
נאאיוו פאַרליבטע יונגעלייט
און מיידלעך שטאָלץ מיט הערנער.

אויך בחורים היינטוועלטיקע
מיט צייטונגען און ביכער,
וואָס חלומען און פיבערן
אין בענקעניש נאָך ציון,
און קריגן זיך און רייסן זיך
מיט אנדערע וואָס גליען
אין חלום פון א נייער וועלט,
וואָס קומען באַלד וועט זיכער.

נאָר ווי איז מיר און וויינד ווען כ'זאָג,
אז דאָרטן אין פאַראַנען.
געוועזן! געוועזן! און ערשט נאָר וואָס,
און ס'איז שוין לאַנג לעגענדע. —

— (פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל"
ניו־יאָרק, נאָוועמבער 14־טער, 1954)

*) דאס רעדט ער צו זיין פרוי אידא, וועלכע האט געשטאמט פון אוקראינע.

כ ך ז ה ק ר ה

אזוי איז עס געשען

מגילת פולין

אין דער אויסגאבע אונטער דעם דערמאָנטן נאָמען „היוצא לאור על ידי התאגדות יהודים חרדים, יוצאי פולין", לייענען מיר אין פינפטן טייל, באנד איינס, וועגן אונדזער שטעטל:

„ראדאמישל וויעלקי, א בכבודיקע קהילה אין טארנאווער געגנט, קראקעווער קרייז, ווו עס האבן געלעבט ביים אויסברוך פון קריג 1400 יידן, האָבן געפירט אן אינטענסיוו געזעלשאַפטלעך און רעליגיעז לעבן. ביים איינעמען פוילן דורך די דייטשן איז ראדאמישל געוואָרן א עיר מקלט פאר זייער אסך ארויסגעטריבענע, אדער אַנטלאפענע יידן. נישט געקוקט אויף די זייער שווערע באַדינגונגען און די גרויזאַמע יסורים, וואס זיי האבן אליין געהאַט אויסצושטיין, האבן זיי (די ראדאמישלער — רעד.) אויפגענומען א סך יידן און געזאָרגט פאר זיי. שרעקלעכע פיין און נויט האבן דורכגעלעבט די ראדאמישלער יידן. אלע יידישע אינסטיטוציעס זענען פארמאַכט, אדער קאנפיסקירט געווארן. אבער דער פיין און די ליידן האבן נישט צעבראכן דעם יידישן גייסט און זייער האָפנונג אויף אַ בעסערער צוקונפט. ליידער איז זייער האָפנונג צונישט געווארן אויפן גרויזאמען אופן.

די ראדאמישלער קהילה איז ליקווידירט געווארן ה' אב תש"ב. מען האט אלע יידן ארויסגעטריבן און אַוועקגעפירט צום טויט".

צו דער געשיכטע פון חורבן

אין ביולעטין פון יידישן היסטארישן אינסטיטוט אין ווארשע (נומ. 30 פון אפריל־יוני 1959) געפינען מיר א גרעסערע אַרבעט (אין פויליש) פון ע. פּאָדהאָריצער־סאנדעל וועגן דעם אומקום פון די יידן אין קראקעווער דיסטריקט, פון וועלכער מיר ברענגען געוויסע ציטאטן, וואס זענען נוגע אונדזער שטעטל.

„דער קראקעווער דיסטריקט איז געווען איינער פון די פיר און פון אויגוסט 1941 — איינער פון די פינף דיסטריקטן פון דער „גענעראל גווערנעמענט". דעם שטח האט דער אָקופּאַנט צעטיילט אויף 10 פּאָוויאַטן (קרייזן).

פון די פארשידענע קרייזן האבן זיך געפונען גרעסערע צונויפזאַמלונגען פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די פאָלגנדיקע ערטער (אין סעפטעמבער 1939): 1) דעמביצער קרייז: דענ׳ביץ (2200), מעליץ (ביי 3500)... גרויס־ראדאמישלע (1300)...

אין דעם פראַגמענט פון דער דערמאָנטער אַרבעט אונטערן קעפל: „ביאָלאָגישע פאַרניכטונג", לייענען מיר:

„צו די אַקציעס, וועלכע זענען אונטערגענומען געווארן אויף א גרויסן פאַרנעם געהערן די אָבלאַוועס, וואס זענען דורכגעפירט געווארן אויף די לינקע עלעמענטן אין קראקעווער, ווי אין אנדערע דיסטריקטן, אין די טעג פון 28־30 אפריל 1942. אויפן יסוד פון פריער־צונויפגעשטעלטע ליסטעס האט מען דעמלט ארויסגענומען פון די הייזער און אויסגעהרגט הונדערטער מענטשן (לויט דעם קאנען מיר פארשטיין דעם פאליטישן אונטערשלאק פון דערהרגנען דעם השומר הצעירניק יחזקאל אייזלאנד הי"ד. ער איז דערהרגט געווארן ווייל דער השוה"צ אין געווען פארעכנט צו די לינקע ארגאַניזאציעס). די הריגה איז פארגעקומען ס׳רוב אויף די בתי־קברות אין די דאזיקע ערטער. ווען מען האט נישט געטראפן אין דער היים די פערזאן, וואס האט פיגורירט אויף דער רשימה, האט מען גענומען וועמען עס איז פון די הויז־איינוווינערס".

אויף זייט 95 פון דער ארבעט לייענען מיר:

„די סיסטעמאַטישע פארניכטונג־אַקציע פון די יידן האט ארומגענומען די יידן פון דעמביצער קרייז סוף יולי 1942. פון 15,000 יידן אין דעם קרייז וואס האבן געוווינט אין די געטאָס פון באראנעוו, ראָזוואדעוו, דזשיקעוו, פילזנע, גרויס ראדאמישלע, ראָפשיץ, וויעלעפאָליע, בלייבן איבער 12,000 צונויפגעזאמלטע אין די געטאס פון דעמביץ און סענדישעוו. אין דער צייט פון צווישן 21־25 יולי, נאך א פריערדיקער סעלעקציע און אַקציעס, איז די יידישע באפעלקערונג פון די געטאס ארויסגעפירט געווארן קיין בעלזעץ. אין דעם פאוויאט בלייבט בלויז איבער א געוויסע צאל יידן אין דעמביצער געטא און אין אייניקע גרעסערע ארבעט־לאַגערן פאר יידן".

וועגן די לאַגערן:

„איינער פון די צום פריסטן געשאַפענע ארבעט לאגערן פאר יידן אין דעמביצער קרייז איז געווען דער לאגער אין מעליץ. דער לאגער וואס איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון די ס.ס., האט זיך געפונען אויפן שטח פון דער לופטפלי־פאבריק „היינקעל". פון אָנהייב האט דער לאַגער געציילט 250 יידן (80 פון מעליץ, דאס רעשט געקומענע מיטן טראַנספּאָרט פון וויעלעפּאָליע). די צאָל אין דעם לאגער האט זיך באדייטנטיק פארגרעסערט נאך דער מערץ־אויסזידלונג אַקציע (1942) פון די מעליצער יידן אין לובלינער קאנט. זומער 1942 האט דער לאגער געציילט צוזאמען מיט די געקומענע אהער יידן אין יענער צייט פון דזשיקעוו און פון דער קאמארעווער הוטע — ביי 1000 מענטשן. אין מעליצער לאגער זענען אומגעקומען טעגלעך פון 10 ביז 15 יידן קאָנטוזירטע, אדער קראַנקע, וועלכע מען האט דערשאָסן. דער מעליצער לאַגער האט עקזיסטירט ביזן 24־טן אויגוסט 1944. אין דער צייט פון דער ליקווידאַציע האט ער געציילט ביי 3000 מענטשן. א טייל פון זיי האט מען צוזאמען מיט די איינריכטונגען ארויסגעשיקט קיין וויעליטשקע ווו עס האבן באדארפט געגרינדעט ווערן אעראפלאנען פארשטאטן. פון דארט האט מען זיי, — צוליבן דערנענטערן זיך פון דעם פראנט, — נאך צוויי וואָכן ארויסגעפירט קיין פלאָסענבורג.

אין דעמביצער קרייז האָבן נאך עקזיסטירט צוויי ארבעט־לאגערן פאר די יידן, דער לאגער אין פוסטקעוו און אין פלאוונע ביי ראזוואדעוו, וואס האט זיך גערופן ראזוואדעווער לאגער.

דער לאגער אין פוסטקעוו האט זיך געפונען אויפן שטח פון דער ס.ס. טרופענאיבונגספלאַץ. דער לאגער אין אנטשטאנען אין אפריל 1942, ביי דעם עקזיסטירנדיקן (שוין פון 1940) אויף דעם ארט שטראף־לאגער. די באדינגונגען אין דעם יידישן לאגער אין פוסטקעוו זענען געווען אויסערגעוויינלעך שווער. די אַרעסטאַנטן האבן געאַרבעט ביי די „אלגעמיינע עלעקטרישע קאַבעלווערקע" און אחוץ דעם — ביים אויסהאַקן וועלדער. אויפן שטח פון לאגער האט מען אריינגעבראַכט די אזוי גערופענע שטראַפקאָמאַנדאָ־אַפטיילונג, די אַרעסטאנטן פון וועלכער האבן געארבעט ביי קאַנאַליזאַציע־אַרבעטן פאר דער דייטשער פירמע קראַוזע. אין לאגער פון פוסטקעוו האט מען באזעצט די יידן פון מעליץ (ביי 400), ראָפשיץ, סענדישעוו א.א. אין אויגוסט 1942 האט מען ארויסגעשיקט פון דעם לאגער 1222 מענטשן — מן־הסתם קיין האַמבורג. אין אויגוסט 1943 האט זיך אנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דעם לאגער אין פוסטקעוו (ער האט דעמלט געציילט ביי 1500 אַרעסטאַנטן). 280 מענטשן האט מען אַרויסגעשיקט אויף פארניכטונג אין אָשוויענטשים, בזעזשינקי. אין הערבסט האט מען דאס רעשט יידן ארויסגעפירט קיין שלעזיע, ווו מען האט זיי פונאַנדער־געטיילט צווישן די גרובנס".

אייזלנד יחזקאל
רעננה

די גרויל־איבערלעבונגען

פרייטיק אין דער פרי, דעם טרויעריק־באַרימטן טאג פון 1־טן סעפטעמבער 1939, נאכדעם ווי דער פוילישער ראדיא האט מודיע געווען אז די דייטשן האבן איבערגעשריטן די פוילישע גרענעץ, האט א מאדנע שטימונג אָנגעהויבן צו הערשן אין שטעטל. א שטימונג — וואס האט אין זיך געהאט עפעס פון פארגעפיל וועגן דעם וואָס וועט פארקומען אין די נאָענטסטע טעג. יידן זענען ארויס פון די הייזער און געשעפטן, געזאמלט זיך גרופּקעלעך אויפן גרויסן מארק, אדער אויף די טראָטוארן ארום די געשעפטן פון ברוך געלדציילער, ביי וואָלף גאלד, אדער ביי אונדזער אייזן געשעפט, געשמועסט פאליטיק און געזאגט נביאות אויף היטלערס שנעלער מפלה. אנדערע ווידער, באזונדערס דער עלטערע דור, האָבן גאנץ שטאַרק אפגעזיפצט, הערנדיק אז די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראכן. זיי, די עלטערע יידן, האבן נאך גוט געהאט אין זכרון דעם ביטערן טעם פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, מיטן אנטלויפן קיין ווין, אָדער מעריש־אָסטרוי; זיי האבן נאך גוט געדענקט די פארברענטע הייזער, וואָס זיי האבן

אייניקע יידישע יוגנטלעכע אין דער פוילישער ארמיי אין יאר 1939






פון רעכטס: גרשון אייזלאנד (בן שמעון), יחיאל בראנד (בן יהושע), שמאי גרין, מענדל שענקער

געפונען אהיימקומענדיק. ביי די עלטערע יידן איז די שטימונג יענעם טאָג געווען זייער נישט קיין גוטע. זיי האבן געשאָקלט מיט די קעפּ: — „ווער ווייס וואס דער מאָרגן וועט אונדז נאך ברענגען? ווער ווייס וואס פארא צרות עס רוקן זיך אויפן פוילישן יידנטום?"

די יוגנט דאָקעגן, וועלכע האט נישט מיטגעמאכט די ערשטע וועלט־מלחמה און נאך נישט געשמעקט קיין פולווער, האט די ידיעה אויפגענומען אפילו מיט אביסל ענטוזיאזם. נאך עטלעכע טעג פריער, ווען מען האט שוין געפילט אין דער לופט, אז דאס שרעקלעכע דערנענטערט זיך, האט די פוילישע רעגירונג ארויסגעגעבן א באפעל, אז מען זאל אין אלע שטעט און שטעטלעך אין גאנץ פוילן גראָבן „אָקאָפּעס" קעגן די לופט־אנגריפן פון די דייטשן. האט מען אין ראדאמישלע ארויסגעגעבן א קול־קורא, אז אלע וואס קענען האלטן א לאָפּאַטע אין דער האנט, זאלן ארויסגיין אויף די פעלדער פון קאסטורקיעוויטש, אדער ביים טימאלע אין דער מיעלעצער גאס, גראָבן אקאפעס. נאך דעם זעלבן אוונט (דאס איז געווען שבת צו נאכטס, א וואָך פארן קריגס־אויסברוך), איז ארויס די גאנצע יוגנט, סיי פרומע סיי נישט־פרומע — אלע אָן אויסנאם האבן געכאַפּט אין דער האנט אַ לאָפּאַטע און ארויס גראָבן אָקאָפּעס. צום ערשטן מאל האב איך דאָן געזען, אז יידן קענען ארבעטן מיט א לאָפּאַטע. מע האָט געארבעט ביי לאָמפּן א האלבע נאַכט און דאָס געזאנג ביי דער ארבעט האט זיך געהערט ווייט־ווייט, ביז צו העשקעס וואלד. מיט דעם זעלבן ענטוזיאזם האט די יידישע יוגנט געארבעט א גאנצע וואָך. יעדן טאָג, ווען די גרופּעס האָבן געענדיקט די ארבעט, האט מען זיך צוזאמענגעשטעלט צו פיר אין א ריי, מעשה מיליטער, מיט די לאָפּאַטעס אין דער הויך און אזוי האט מען מארשירט פון פעלד אין מארק אריין, מיט א געזאנג און א הורא־געשריי. דערמיט האט די יידישע יוגנט אין ראַדאָמישלע (מן־הסתם אויך אין אנדערע שטעטלעך אין פוילן), געוואָלט באווייזן דער וועלט, אז זיי האבן נישט קיין מורא פאר היטלערן און איצט וועט קומען זיין סוף.

ווען דער ספיקער פון פוילישן ראַדיאָ האָט דעם 1־טן סעפּטעמבער באקאנט געמאַכט, אז היטלער איז ארויס אין אַ מלחמה קעגן פוילן און די דייטשע עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן פוילישע שטעט, דאָס דייטשע מיליטער מאַרשירט שוין איבער דער גרענעץ, — האָט אַזאַ מאָדנע־געמישטע שטימונג געהערשט אין ראַדאָמישלע. אבער סיי ביי די ענטוזיאסטן, סיי ביי פעסימיסטן, האָט געהערשט דאָס געפיל, אז עפּעס גרויס, עפּעס שרעקלעכס הענגט אין דער לופטן.

א גאנצע וואָך פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האבן אלט און יונג, ווייבלעך און מיידלעך, געהאלטן אין איין קלעפּן די פענצטער מיט פּאפּיר־שטרייפן. געווען אזעלכע, וואס האבן געקלעפּט שטרייפן אין דער לענג, אנדערע — אין דער קווער; געווען אזעלכע, וואס האבן געקלעפּט אזוי געדיכט איינס נעבן אנדערן, ווי זיי וואָלטן געטראכט, אז די געדיכט געקלעפּטע שטרייפן אויף די פענצטער־שויבן וועלן איינהאלטן היטלערס גאנצע ארמיי. משונהדיקע צורות האבן יענע וואָך באקומען די יידישע הייזקעס אין ראדאמישלע: די פארשמירטע און פארקלעפּטע פענצטער האבן די הייזקעס געמאכט נאָך מיאוסער, ווי זיי זענען געווען.

אין טאָג, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט די מאַכט באפוילן צו פארקלעפּן שטאַרק די פענצטער מיט קיט און מיט פארשידענע שמאַטעס, בכדי גאז זאָל אפילו נישט ארייננדרינגען אין די הייזער. דאָס ביסל קיט, וואס האט זיך געפונען אין די ראַדאָמישלער אייזן־געשעפטן, האט זיך אויספארקויפט אין דער ערשטער האלבער שעה. עס איז געווען א סכנה, אז דער רוב פענצטער זאל נישט בלייבן פארקלעפּט און דורך לעכער זאָל ארייננדרינגען גאַז. מיין פאטער, עליו השלום, האט געזען וואס טוט זיך האט ער געזאָגט:

— קינדערלעך, ס'איז נישט קיין עסק. מ'קאָן נישט לאָזן א שטאָט מיט יידישע פענצטער אָן קיט, אז דער גאַז זאָל חלילה ארייננדרינגען אין די הייזער. מען דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט און מאַכן אליין קיט.

מיר אלע אין דער משפחה האָבן זיך געגעבן א נעם

און אויסגעארבעט צענדליקער קילאָס קיט. יידן האָבן דעם קיט געכאַפּט, ווי מצה־וואסער און פארקלעפּט די לעכער אין די פענצטער.

אבער קיינער פון די יידן, וואָס זענען דאָן געווען אין ראדאָמישלע, האָט נאָך נישט געהאָט די מינדעסטע אַנונג, וואָס פארא „קיט" מען דאַרף אָנגרייטן, בכדי צו זיין באשיצט פאר דעם פינצטערן גאַז, וואס דאַרף אונדז אלעמען פארניכטן.

דער פאליציאַנט שטשעמפּקאַ, מיט דעם געמיינדע־פאליציאַנט קוואשניקיעוויטש, זענען אַרומגעלאָפן מיט די מאָביליזיר־צעטלען אין די הענט און געזוכט די „רעזערוויסטן", וועלכע האבן זיך באַדאַרפט מאָביליזירן. פון מיין משפחה זענען מענדל אייזלאנד און מענדל געלדציילער געווען אין רעגולערן מיליטער־דינסט (אין 40־סטן פולק אין לעמבערג). געווען אויך אין מיליטער־דינסט ברוך ווינד און קלמן שמעיה. און אין טאג פון מלחמה־אויסברוך זענען נאָך עטלעכע ראַדאָמיש־לער יידן מאָביליזירט געוואָרן. קיין גרויסע צאָל יידישע רעזערוויסטן איז אבער אין ראדאָמישלע נישט געווען.

די געציילטע ראַדיאָ־אפּאראטן, וואס האבן זיך דאן געפונען אין ראדאָמישלע, זענען געווען באלאגערט פון הונדערטער מענטשן, וועלכע האבן געלעכצט צו הערן עפּעס נייעס. געווען א ראַדיאָ ביי... אין דער קלויז־גאס ביי דער טארגאָוויצע, זענען דאָרט געווען פארזאַמלט צו יעדער צייט ווען עס זענען געווען קאָמוניקאַטן — הונדערטער יידן. די שטובן זענען געווען פול און צענדליקער מענטשן זענען גֶעשטאַנען אין דרויסן פאר די פענצטער. דאס לויפן הערן ראַדיאָ־נייעס האט זיך נאָך אָנגעהויבן א 10 טעג פארן אויסברוך פון דער מלחמה, ווען אין דער לופטן האט זיך שוין געפילט דער ריח פון פולווער. אויך ביי נפתלי ווייס און ביי ד"ר שפיגעל זענען געווען ראדיא־אפּאראטן און פרוי שפיגעל האט געעפנט אלע פענצטער, אז יידן זאָלן קאָנען הערן די נייעס. געווען נאָך אַ ראַדיאָ ביי דער יידישער אַפּטייקערין און ביי ברוך געלדציילער, אויף „הערערס". פון אָט די אלע קוואַלן האט מען — אין די לעצטע טעג פאר דער מלחמה, — געשעפּט די ידיעות (פיל מאל פאלשע), וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

א נערוועזקייט און שפּאַנונג האָט אלעמען ארומגעכאַפּט ווען די יידישע צייטונגען האָבן געזאָלט קומען פון דער דעמביצער באַן. צענדליקער יידן האָבן שוין געוואַרט ביים פעטער ברוך געלדציילערס געשעפט. מיט גרויס אומגעדולד האָט מען אויסגעקוקט, אז דער פוילישער פּיאַקער גרוש־טשינסקי זאל שוין קומען און ברענגען די צייטונג. און אז גאט האט געהאלפן — די פּאָסט איז שוין געקומען, האט יעדער וואס איז געשטאַנען ביי דער פּאָסט אין קאסטור־קעוויטשעס הויז, געוואָלט כאַפּן א מצוה, נעמען שנעל די צייטונג און אוועקטראגן צו ברוך געלדציילער. אויב פריער האבן די יידישע צייטונגען נישט געהאט מער ווי איינצלנע שטאַבילע אַבאָנענטן, האט מען איצט, די לעצטע וואָך פאר דער מלחמה, דאס ביסל צייטונגען, וואס זענען אנגעקומען קיין ראדאמישלע, צעכאפּט ווי מצה־וואסער, מען האט זיך דאן אָנגעהויבן צו קלייבן אין קרייזלעך און שלינגען יעדעס וואָרט. מיין פאָטער ע"ה, האט געליינט דעם „היינט" און ווען מען האט געבראכט די צייטונג, האט מען זיך אַרומ־געשטעלט נעבן אים און ער האָט הויך, אויפן קול, געלייענט אלע נייעס, וואס האבן יענע טעג אינטערעסירט. דאס זעלבע איז אויך געווען ביי יחזקאל אייזלאנד אין שענק, ביי מאָניעק קויפמאן אין דער טראַפיק און פארשטייט זיך — ביי ברוך געלדציילער אין צייטונגס־געשעפט, ביי אים נאכמער, ווייל מ'האט דאָרט געהאט די געלעגנהייט צו כאַפּן א בליק סיי אין „היינט", סיי אין „מאָמענט", סיי אין „נאָווי דזשענניק", אדער „קוריער". דאס זענען אייגנטלעך געווען די הויפּט 4 צייטונגען, וואס ראַדאָמישלער יידן האָבן געלייענט.

דעם ערשטן סעפּטעמבער איז שוין אבער קיין צייטונג אויך נישט געקומען און דאס איינציקע, וואס איז געבליבן, זענען געווען די עטלעכע ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אבער אויך דאס האט נישט מער אָנגעהאַלטן, ווי 2 אָדער 3 טעג, ביז דער פוילישער ראדיא איז באָמבארדירט געוואָרן און — אויס ראַדיאָ.

שבת און זונטיק זענען די טעג פארלאָפן אָן באזונדערע געשענישן אין שטעטל. פון צייט צו צייט האָבן זיך באַוויזן גאַנץ הויך עראָפּלאַנען, וואס מיר האבן אליין נישט געוווסט, אויב דאס זענען פוילישע, אָדער דייטשע. איז געוואָרן אביסל א טומל, א לויפעניש. א טייל זענען געלאָפן אין קעלערס, אַ טייל — אויף די פעלדער צווישן די זאנגען און די דרייסטע האָבן זיך גאָר אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק און פריי ארויפגעקוקט אין הימל אריין, געוואַלט געני טרעפן וואס פארא פליער דאָס זענען. די פליער האָבן אפנים נישט אין זין געהאט אונדזער שטעטל און בלויז אדורכגעפלויגן. שפּעטער איז מען געוויער געווארן, אז דאס האָבן זיי גאר געמיינט די עראָפּלאַנען־פאבריק אין מיעלעץ, וועלכע איז אין די ערשטע טעג שוואַך באָמבאַרדירט געוואָרן. ראדאמישלע איז פון באָמבאַרדירן אינגאנצן געשוינט געוואָרן.

ארום מאָנטיק נאָכמיטיק האבן זיך אין שטעטל באוויזן די ערשטע פּליטים. דאס זענען געווען יענע, וואס זענען אנטלאָפן גלייך דעם ערשטן טאג פון די גרענעץ־געביטן און וואס האבן געהאט אייגענע אויטאָמאָבילן. איך געדענק, ווי מאָנטיק אין אוונט איז אריין צו אונדז אין געשעפט אן עלעגאנט געקליידעטער הער און זיך פאָרגעשטעלט ווי דער פאבריקאַנט פון קאָסעס אין אויבערשלעזיע. היות ווי מיר האבן א אייזן־געשעפט און מיר פארקויפן זיינע קאָסעס, איז ער געקומען זוכן ביי אונדז אביסל „פּראָטעקציע": גלייך דעם ערשטן טאָג איז ער אנטלאָפן פון דער היים, ווייל די דייטשן זענען אריין צו זיי אין שטאָט. ער אליין האט נאך באוויזן עפּעס איינצופּאַקן, געכאַפּט זיין אויטא און גענומען פאָרן אין דער ריכטונג אויף מזרח. ביז איצט האט ער נאָך געהאַט אביסל בענזין, איצט איז אים דער בענזין אויסגעגאנגען און ער בעט ביי מיין פאטער ע"ה, אפשר קאן ער אים פארשאַפן אביסל בענזין. מיין פאטער איז גלייך אוועק צו שימעלע אייזלאנד און געבראכט 1 ליטער בענזין. דעם יידן איז נעבעך פינצטער געווארן פאר די אויגן: וואס קאָן ער אויפטון מיט איין ליטער בענזין? מיין פאטער האט אים אבער דערקלערט, אז אין ראַדאָמישלע זענען נישט פאַראַן קיין רעזערוון פון בענזין, נישטאָ קיין אויטאס. דאס ביסעלע בענזין וואס שימעלע האט אין געשעפט, מוז מען האלטן לכל צרה שלא תבוא. איז פון דעם קאָסעס־פאבריקאנט האבן מיר אָנגעהויבן צו הערן די ערשטע נייעס, וואס האבן אנגעיאגט א פחד אויף אלע איינוווינער. אויף אזא שנעלער מפלה — אז שוין אין פערטן טאָג זאָלן די דייטשן מארשירן

טיף אין פוילן אויף אלע פראָנטן — אויף דעם האבן זיך אפילו די גרעסטע פעסימיסטן נישט געריכט. דער שלעזישער ייד האט אויך דערציילט, אז אלע וועגן זענען שוין באלייגט מיט פליטים — גאנץ שלעזיע לויפט...

ב.

אין דער זעלבער נאכט האט מען שוין געהערט א פאַרערייגייערי. דינסטיק איז שוין דאס גאנצע שטעטל געווען פול מיט פליטים. דעם זעקסטן טאָג האט מען אין ראדאָמישלע געמיינט, אז גאנץ פוילן — יידן און גויים — זענען געקומען קיין ראַדאָמישלע. דער גרויסער מאַרק, אלע זייטיקע גאסן, אלע שענקען און אלע הייזער זענען געווען פול מיט פליטים. אין מארק האט מען קיין שפילקע נישט געקאָנט וואַרפן. אויטאמאבילן, פערד, בהמות. פויערים האבן געשלעפט זייערע קי און די פוילישע זעלנער, מיט די שיך אין די הענט און די ביקסן אָנגעבונדן אויף אַ שטריקל. אין זיי נעבעך, האט מען געזען די גאנצע בראָך.

די טעג זענען געווען הייסע. מיטאמאָל האָט אָנגעהויבן אויסצופעלן וואסער אין שטעטל. אַלע זענען געווען אויסגעמאטערט פון דער היץ און געוואָלט טרינקען. וואלאק מיט שמיעטשאזשן — די צוויי גויאישע וואסער־טרעגערס, — האבן נישט געפירט מער קיין וואסער. איז באלד געוואָרן א שטארקער וואסער־מאַנגל און דער עולם האט זיך געלאָזט אין די ארומיקע דערפער מיט עמערס אין די הענט — זוכן גוט וואסער צום טרינקען. אין ראַדאָמישלע איז נישט געווען קיין גוט וואסער און דאס טרינק־וואסער האבן די גויאישע וואסער־טרעגערס געשלעפט פון הינטערן שטאט. געווען 2 ברונעמס אויפן וואל הינטערן טייך, זענען זיי אין יענע טעג געווען באלאגערט בייטאג און ביי נאַכט. הונדערטער מענטשן זענען אהין געלאָפן מיט עמערס, אדער מיט אַ פעסל אויף א קליין וועגעלע און מען האט געשלעפט וואסער. איך, מיט מיין קוזין יחזקאל אייזלאנד ז"ל, זענען געלאָפן יעדער מיט צוויי עמערס ביז צו א פויער, נעבען העשקען, ביים וואַלד. דאָרטן האָבן מיר געהאָט א באקאנטן פויער, וואס האָט געטיילט וואָסער נאָר פאר זיינע „באקאנטע זשידקעס". לייבוש און שיע אייזלאנד האבן געהערט צו זיין קרייז באקאנטע און דערפאר האָט ער אונדז דערלויבט צו נעמען וואסער. ס'איז אבער געווען זייער ווייט און מיר האבן זיך אָפּגעשלעפט די הענט ביז מיר האָבן די זכיה געהאט אהיימצוברענגען 2 וויאַדרעס מיט גוט וואסער.

אין מאַרק און אין די גאָסן זענען מענטשן אויסגעגאנגען נאָך אביסל וואסער. א רחמנות געווען צו קוקן אויף די פארחלשטע פליטים, ווי זיי גייען, נעבעך, ארום מיט די טעפלעך אין האנט און זוכען וואסער.

און דער עולם פליטים איז געוואָרן פון שעה צו שעה גרעסער. אלץ האט געצויגן קיין מיעלעץ, אדער פשעצלאוו. דער גאנצער שטראָם איז געקומען פון דער טאָרנער גאס, וועלכע איז געווען שווארץ פון מענטשן און פערד.

די פליטים האבן דערציילט שוידערלעכע זאכן וועגן די דייטשע אָקופאַנטן. האָבן אויך אונדזערע יידן זיך אָנגעהויבן צו פּאַקן אין וועג אריין. יעדע מינוט איז אן אנדערער געקומען צו לויפן זיך געזעגענען, אָדער געקומען דערציילן אז דער איז שוין אוועק, דער גייט ביינאכט און יענער גייט מאָרגן אינדערפרי. ביי אונדז אין שטוב האט זיך די משפחה צוזאמענגענומען ביי דער טאַנטע ברײַנדל ע"ה צו א דרינגענדיקער באראטונג וואס צו טון. די טאנטע בריינדל האט אין די לעצטע יאָרן געליטן אויף די פיס און ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האט זי נעבעך שוין בכלל נישט מער געקאָנט ארומגיין, מען האָט זי געפירט אויף אן אינוואלידן־וועגעלע. פארשטייט זיך, אז מיט אזא פערזאָן איז געווען אומעגלעך זיך ארויסצולאָזן אין וועג. אויסער דעם איז דער זיידע לייביש אייזלאנד שוין געווען קרוב צו אכציק, אויך מיין מוטער ע"ה איז נישט געווען קיין גאנץ געזונטע, דעריבער איז ביי אונדז אין משפחה געווען שווער צו דעצידירן, צי מען זאל לויפן, אָדער נישט. מיין קוזין יחזקאל איז געווען דערפאר, אז איך מיט אים, מיין ברודער יקותיאל און זיין ברודער יקותיאל, זאָלן אוועק קיין פשעמישל, צו אונדזער פעטער יעקב גרין. ער האָט געוואָלט, אז מיין פאָטער ע"ה זאל מיטגיין. איך, וואס א אמת, האב נישט געהאט קיין גרויס חשק צו לויפן, אבער זעענדיק אז אזוי פיל יוגנטלעכע לויפן, האב איך שוין אויך מסכים געווען. אינמיטן דער משפחה־באראטונג שטעלט זיך אויף מיין זיידע לייביש און זאגט:

— קינדערלעך, אָדער מיר גיין אלע, אָדער מיר בלייבן אלע אין ראַדאַמישלע. וואס וועט זיין מיט איינעם, וועט זיין מיט אלעמען. מען נעמט נישט און מען צערייסט נישט קיין משפחה; מען לאָזט נישט איבער אן אלטן יידן מיט צוויי פרויען און פיר נאָך נישט דערוואקסענע קינדער...

ווייל לויטן „לויף־פּלאַן" האָט די טאָכטער פון בריינדל אייזלאנד העניע און מיינע צוויי ברידער, מענדל און מאיר, די שוועסטער ביילטשע — זיי אלע האבן געזאלט בלייבן אין דער היים. יחזקאל שיעס האט נאָך געפרווט איבערצייגן דעם זיידן, אז פרויען מיט קינדער און עלטערע יידן וועט היטלער ימח שמו, גאָרנישט טון און בלויז מיר מענער זענען אין געפאַר, אבער דער זיידע האָט זיך געהאלטן ביי זיינס און בשום אופן נישט מסכים געווען. זענען מיר טאקע נישט געלאפן, געבליבן אין שטעטל „מקבל פנים צו זיין" דעם „גאַסט", די דייטשע ארמיי.

לאנג האט דער גאסט נישט געלאָזט אויף זיך וואָרטן: דאָנערשטיק איז דער שטראָם מיט פליטים געוואָרן נאָך שטארקער. אָט זענען דערשינען אויך טארנער יידן און דערציילט, אז טארנע איז שוין באזעצט און די דייטשן גייען ווייטער. עס איז געוואָרן אַ בהלה אין שטעטל: אויב טארנע האט נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם שונא, איז וואס נאָר מיר? פוילישע אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין שטעטל מיט זייערע פאָלקן, האָבן געוואָלט איבערצייגן דעם עולם, אז אויפן וועג צווישן ראַדאָמישלע און טאָרנע וועט די פוילישע אַרמיי אויפשטעלן אַ פראָנט איינצוהאַלטן דעם שונא. אבער יידן האבן שוין געלאכט זיי אין די פנימער: אויב אין לויף פון א וואָך צייט האָט מען זיי נישט געקאָנט אין ערגעץ איינהאלטן; ווען די פוילישע ארמיי איז נאָך געווען אין א געוויסער מאָס אָרגאַניזירט, ווילן די אפיצירלעך זיי דווקא איינהאַלטן ביי ראַדאָמישלע, מיט א פאר צעבראַכענע זעלנער, מיט געשוואָלענע פיס, אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס, מיט ביקסן וואָס הענגען אויף שטריקלעך! קיינער האט שוין אין אזא נס מער נישט געגלויבט און יעדער פאר זיך האָט זיך געגרייט אויפצונעמען דעם מאָרגעדיקן טאָג.

די ערשטע זאַך, מיט וואָס מען האט זיך געגרייט, איז

געווען — פארשטייט זיך — פּראָוויאַנט, באַזונדערס: מעל און צוקער. שוין אין די לעצטע טעג פון פארן מלחמה־אויסברוך, איז געוואָרן א גרויסער געיאג נאָך פּראָוויאַנט. יידן האבן אנגעקויפט פון אַלדאָס גוטס און די שפּייז־קראָמען האבן געהאט פולע הענט מיט ארבעט. לוזער שעכטער מיט מלך אַמסטערדאַם האבן עטלעכע מאל א וואָך געדונגען פיאַקערס און געבראכט צו פירן מעל. אויך נעפּט האָט מען אנגעקויפט אויף זאפּאַס.

פּארטיק גֶעוואָרן מיטן פּראָוויאנט, האבן משפחות אָנגעהויבן זיך צוזאמענצודריקן און קאָנצענטרירט זיך ספּעציעל אין די שטאָק־הייזער. מיר האָבן געוווינט אין זיידן לייבישס הויז, נעבן דעם מאַגיסטראַט, האָבן מיר דאָנערשטיק אין אוונט איינגעפּאַקט דאָס ביסל פּראָוויאַנט אין א גרויסן קאָפער אויף רעדער (וואס דער זיידע לייביש האט נאָך מיטגעבראכט פון ווין נאכן ערשטן וועלט־קריג), אין עטלעכע זעק און מיר זענען אריבערגעגאנגען אינעם גרויסן שטאָקיקן הויז פונעם זיידן יקותיאל, וווּ דאָס אייזן־געשעפט און די שענק זענען געווען. דאָרטן האבן מיר זיך קאָנצענטרירט — אלע אייזלאנדס; טאַנטע ברײַנדל, מיט איר טאָכטער העניע און צוויי זין יחזקאל און יקותיאל (מענדל איז געווען אין מיליטער); פעטער יאָסל אייזלאנד מיט זיין פרוי; העניך האַרטמאַן מיט זיין פרוי אייגע, מיט דריי קינדערלעך; דער זיידע לייביש אייזלאנד; מיינע עלטערן בעריש און מלכה אייזלאנד, מיין שוועסטערביילטשע, מיינע דריי ברידער: יקותיאל מענדל, מאיר און איך. דאָס הויז איז געווען גענוג גרויס, אזוי אז מיר אלע האבן זיך אויבן גוט און באקוועם איינגעאָרדענט.

די לעצטע נאַכט פארן איינמאַרש פון די דייטשן, זענען מענטשן וויניק וואס געשלאָפן. דער רעש און דער טומל פון די פליטים און פון די פוילישע סאָלדאַטן, האט קיינעם נישט געלאָזט קיין אויג צומאכן. צענדליקער טויזנטער האבן דורכגעשפּרייזט דעם גרויסן מארק און געצויגן מיטן מיעלצער שליאַך אויף מזרח. ביזן היינטיקן טאג טרעף איך נאָך יידן, וואס ווען זיי הערן, אז איך שטאַם פון ראַדאָמישלע, דערציילן זיי, אז זיי זענען דאָרט געווען אין דער שוידערלעכער לויף־וואָך, ווען גאַנץ מערב גאַליציע און שלעזיע האט דורכגעשפּרייזט איבער אונדזער שטעטל. דוכט זיך, אז דאס איז געווען די גרעסטע פעלקער־וואנדערונג, וואס האט ווען עס איז געטראָפן ראַדאָמישלע.

פרייטיק אינדערפרי זענען די מענטשן נישט געגאנגען מער מענטשלעך, נאר געלאָפן ווי ווילדע. מען האָט געטריבן די פערד און די בהמות, וואס מען האט מיטגעשלעפּט. אויב ביז פרייטיק האבן א טייל פליטים זיך אויפגעהאלטן אויף א ווייל אין שטעטל בכדי עפּעס צו קויפן, אדער באַזאָרגן וואסער, האט פון פרייטיק אינדערפרי קיינער זיך נישט דערוואגט אפּצושטעלן, ווייל דער שונא איז אט־אט הינטערן רוקן. אבער נישט געקוקט דערויף זענען אין פיל הייזער געבליבן גענוג פליטים, וועלכע זענען אפּגעשטאנען פון וועג און נישט געקאנט ווייטער גיין.

פרייטיק אינדערפרי, ארום 9 אזייגער, זענען מיר, איך מיטן גרויסן יחזקאל (יחזקאל שיעס האט מען גערופן דער גרויסער יחזקאל און מיך דער קליינער יחזקאל. איך בין פון אים געווען יינגער מיט פינף יאָר), ארויסגעגאנגען הינטערן שטאט מיט פיר וויאדרעס צו ברענגען וואסער.

אינדעם דערהערן מיר א שטארקע קאַנאָנאַדע פון דער טארנעווער זייט. דאס שיסן איז געוואָרן וואס א מאָל שטארקער און נענטער. פון דערווייטנס, פון דער זשוריצער זייט, האבן זיך באוויזן אויפן הימל גרויסע רויך זיילן פון שריפות. מיר האבן געכאפּט די וויאדרעס מיט וואסער און געהויבן פיס. מיר זענען נישט געגאנגען, נאר דער אימפּעט האט אונדז געיאָגט, געלאָפן — קוים דעם אָטעם צו דערכאַפּן. ווען מיר זענען אריינגעלאָפן אין טויער פון אונדזער הויז, איז פון די פולע עמערס מיט וואסער געבליבן א פערטל. איך כאפּ א בליק אויפן מאַרק, — וואָהין זענען אהינגעקומען די טויזנטער פליטים, וואס זענען ערשט מיט א האלבער שעה צוריק געווען פול אין מארק? — נישט געבליבן קיין זכר פון קיין מענטשן. דער מארק איז ליידיק, ווי דאָנערשטיק אין אוונט, נאך א גוטן יריד. ס׳קומען צו לויפן עטלעכע פוילישע זעלנער און שרייען:

— זיי קומען! די דייטשן זענען שוין הינטער דער שטאָט!

דאס שיסעריי דערנענטערט זיך וואס א מאל, די זיילן רויך פון די שריפות ציען זיך ביז צום הימל. עס דאכט זיך אויס, אז אלע דערפער ארום דעם שטעטל פון דער טארנער זייט ברענען. אין עטלעכע מינוט ארום, ווי די לעצטע פוילישע זעלנער האבן פארלאָזט ס׳שטעטל און געלאפן אין דער מיעלעצער ריכטונג, איז נישט געווען צו געפינען מער קיין לעבעדיק נפש אויפן גאס, אָדער אין מאַרק. אלץ האָט זיך ווי מיט איינמאל איינגעשלאסן אין די הייזער, ראַדאָמישלע האט אין די עטלעכע שעה אויסגעזען ווי אויסגעשטאָרבן.

מיטאמאל האט דאס שיסן אויפגעהערט. די מאָדנע שטילקייט האט אָנגעהאלטן עטלעכע שעה. דער גרויסער מארק האט אויסגעזען, ווי נאך א שלאָכט. אויפן גאנצן מאַרק איז געווען אָנגעווארפן מיט שמאַטעס, טעפּלעך, צעריסענע קישנס און א וועלט מיט שטרוי. אָבער קיין לעבעדיקן מענטשן האט מען נישט געזען.

אינדעם (עס האט געמוזט זיין א זייגער 2 נאכמיטיק) — עס הערט זיך פון דער טורנער גאס א גערויש פון מאָטאָרן. עס האָט נישט לאנג געדויערט און עס האבן זיך באוויזן אין עק טורנער גאס, נעבן אונדזער הויז, עטלעכע דייטשע זעלנער אויף מאָטאָציקלען און גלייך הינטער זיי — אויף דער זייט פון שלום גאָלדס הויז, נעבן דער טראפיק — עטלעכע דייטשע זעלנער פוס־גייער, מיט אויסגעשטרעקטע מאשין־געווער. זיי האבן אויסגעהאַקט אלע פענצטער אין שלום גאלדס הויז, ווו די קויפמאנס האבן געוווינט. מיר זענען געשטאַנען ביים פענצטער און פון א זייט אָבסערווירט זיי. אינדעם כאַפּט א דייטשער סאָלדאַט א בליק צו אונדזער פענצטער (ווו מיר,ביידע יחזקאלס, זענען געשטאנען) און דערזעט אונדז. צילט ער גלייך זיין געווער אויף אונדז. אינסטינקטיוו האבן מיר זיך געוואָרפן אויף דער ערד און בלויז געהערט די שאָסן, וואס דער סאלדאט האט געגעבן. צום גליק זענען די קוילן נישט אריין אין פענצטער, נאר געטראָפן אין מויער. מיר ביידע זענען געבליבן ווי פאר־גליווערט. מיר זענען אזוי געלעגן אויף דער ערד און זיך נישט גערירט. געווען זענען מיר זיכער, אז אָט קומען אריין דייטשע סאָלדאַטן און וועלן אונדז זוכן, מיינענדיק אז מיר זענען שפּיאָנען, אָדער פוילישע באהאלטענע סאָלדאַטן. יעדע מינוט האט זיך געצויגן ווי יאָר. אבער קיינער איז נישט

געקומען. האבן מיר שוין מורא געהאט זיך צו דערנענטערן צום פענצטער און בלויז זיך צוגעהערכט צו דעם וואס א מאל שטארקערן מאטארן־גערויש, וואס האט זיך געהערט פון דרויסן.

קודם זענען אריינגעפארן סאלדאטן אויף מאטאציקלען; דאן האבן זיך באוויזן קליינע פאנצער־מאשינען און דאן — א וועלט מיט טאנקן, באגלייט מיט פולע אויטאס גוט באוואפנטע זעלנער. דער גרויסער מארק האט זיך אנגעפילט מיט טאנקען און גרויסע מיליטערישע אויטאס, אנשטאט האלב צעבראכענע פויערישע וועגעלעך און פערד, וואס האבן ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק פארפלייצט דעם מארק. ס'האט אויסגעזען, ווי א געפאנצערטער גייענדיקער שלאנג. אן אויפהער האבן זיך געצויגן די שווערע טאנקען, די שווערע קאנאנען און די פול־געפאקטע אויטאס מיט דייטשע סאלדאטן. אלץ האט געצויגן אין דער מיעלעצער גאס אריין. אזא משא האט נאך דער ראדאמישלער מארק אויף זיך נישט געטראגן. די שטיינער וואס דער מארק איז געווען אויסגעפלאסטערט מיט זיי, האבן לאנגזאם זיך אונטער־געגעבן און אנגעהויבן צו זינקען, געשאפן גרויסע גריבער איבערן גאנצן מארק.

דאס שטעטל האט מיט איינמאל באקומען אן אויסזען פון א ריזן־מיליטערישן לאגער. דער טומל פון די מאטארן און פון די שווערע אייזערנע קייטן פון די טאנקען, האט געמאכט א שרעקלעכן איינדרוק אויף די אלע, וואס זענען געזעסן איינגעטוליעט אין די שטיבער און בלויז זיך צו־געהערכט צום גערויש, וואס קומט פון דרויסן. ארויסגיין אויפן מארק, אדער בכלל פון שטוב, האט זיך דער דרייסטער נישט דערלויבט. אלץ איז געלעגן איינגעשלאסן אין די הייזער, פארהאקט טירן און פענצטער. אין די שטיבער האט מען בלויז געקאנט הערן, אז עס גייען פארביי אין די הונדערטער כלי משחית. דער שאסיי פון דער טארנער גאס און דער שאסיי, וואס האט דורכגעקווערט אין מיטן מארק, האבן נישט גערוט קיין איין מינוט. און ווען דער מארק איז געווארן פול, האבן אויטאס באזעצט די זייטיקע גאסן, אזוי אז ראדאמישלע איז געווארן „באזעצט" פון אלע זייטן. דער גורל פון דעם קליינעם גאליציאנער שטעטל — באזונדערס פון דעם יידישן שטעטל ראדאמישלע — איז מיט דעם „באזעצן" געווארן א געשטעמפלטער.

דאס אלץ האבן איך און יחזקאל אייזלאנד (שיעס) געקאנט אבסערווירן דורך א קליין שפארעלע אין די פאר־קלעפטע פענצטער. אונדזער הויז איז דאך געשטאנען אין סאמע עק פון מארק, ביים אריינפאר אין דער טארנער גאס און מיר האבן געקאנט אבסערווירן סיי דעם גאנצן מארק, סיי די טארנער גאס, ווי אויך דעם איינפאר אין דער מיעלעצער גאס, איז דער גאנצער דורכמארש און דורכפאר פארביי־געגאנגען אונדזער הויז. אונדזער נייגער האט נישט אויס־געהאלטן, נישט געקוקט אויף דער שרעק, וואס מיר האבן געהאט מיטן סאלדאט, וועלכער האט צו אונדז ארויפגעשאסן. ווי נאר מיר האבן זיך בארויקט נאך דער ערשטער שרעק, האבן מיר אויפגעריסן א שטיקל פאפיר אין פענצטער וואס איז נאך געווען פארקלעפט צוליב דער פארטונקלונג. אזוי האבן מיר אבסערווירט דעם ריזן איינמארש פון דער דייטשער ארמיי קיין ראדאמישלע.

הינטער אונדז זענען געזעסן איינגעטוליעט די אנדערע משפחה־מיטגלידער און געהערכט מיט שרעק אלע אונדזערע דערציילונגען, וואס עס טוט זיך אין מארק.

אינדעם זעען מיר, ווי עס פארט צו דירעקט צו אונדזער הויז א גרויסער דזשיפ. לויט זייער אנטון האבן מיר געקאנט גלייך באמערקן, אז דארט זענען העכערע אפיצירן. זיי זענען אויסגעשטיגן פון דזשיפ און זיך אוועקגעשטעלט דירעקט אין ראג פון מארק בכדי צו אבסערווירן דעם דורכמארש און דורכפאר פון די מאשינען. נאך א ווײַלע זעען מיר דורכן לאך פון פענצטער, אז זיי גייען צו צו אונדזער הויז. פארשטייט זיך, אז דאס טויער פון הויז איז געווען געשלאסן. האט טאקע נישט לאנג געדויערט ווי מיר האבן דערהערט א שטארק קלאפן אין טויער און א ווילד שרייען „אופמאכן". דאס הארץ האט זיך ביי יעדן פון אונדז אפגעשטעלט, דאס בלוט, איז ווי פארגליווערט געווארן אין די אדערן. מיר, יינגלעך, זענען גלייך געלאפן זיך באהאלטן אונטער די... בעטן. די פרויען האבן אנגעהויבן צו שרייען און ספאזמירן. מיין פאטער האט זיך איינגאנצן פארלוירן, נישט געוווסט וואס אנהויבן צו טון. דאס קלאפן אין טויער האט נישט אויפגעהערט, פארקערט — וואס אמאל שטארקער און שטארקער געווארן: „אופמאכן — אופמאכן". דער איינציקער וואס האט זיך נישט פארלוירן, איז געווען דער 80־יעריקער זיידע לייביש.

— קינדערלעך, — זאגט ער, — מען דארף גיין אראפ עפענען דאס טויער, ווייל אזוי איז נאך פיל ערגער. זאל ווער אראפגיין און עפענען, הערן וואס זיי פארלאנגען, אפשר מיינען זיי גארנישט קיין שלעכטס?

אבער ווער זאל זיין דער עפנער? מיר, יינגלעך, נאכדעם ווי מיר האבן זיך אנגעהערט פארשידענע מעשיות פון די פליטים, וואס די דייטשן טוען מיט יינגע מענער, נאך דערצו מיט יידן, — איז דאך נישט קיין רייד, אז מיר זאלן גיין עפנען ס'טויער; די פרויען האבן נאך אלץ געוויינט און געשריגן; דער זיידע מיט זיין לאנגער בארד — אוודאי נישט. איז געפאלן דער גורל אויף מיין קליינער, 14־יעריקער קוזינע העניע (הענדל), טאנטע ברײַנדלס טאכטער, אז זי זאל גיין עפנען ס'טויער. דאס מיידעלע, נעבעך, האט געציטערט ווי א פיש, אבער אנגענומען זיך מיט מוט און אראפ אויפמאכן ס'טויער. דערזעענדיק פאר זיך אזא קליין מיידעלע, האבן זיך די הערן אפיצירן אביסל בארואיקט און באפוילן איר, אז זי זאל גלייך ברענגען... עטלעכע בענקלעך צו זיצן פאר די הערן אפיצירן. אונטן איז געווען די שענק פון פעטער שיע אייזלאנד און קיין בענקלעך האבן דארט נישט געפעלט, האט העניע גלייך ארויסגעשלעפט 4 בענקלעך און דערלאנגט די אפיצירן. זיי האבן זיך באקוועם אוועקגעזעצט אבסערווירן דעם דורכמארש פון זייער ארמיי. קיינער פון אונדז האט נישט אין דעם מאמענט געאנט, אז די בענקלעך האבן אונדזער הויז אפגעראטעוועט פון א פיל גרעסערע צרה, וועגן וועלכער איך וועל שפעטער דערציילן.

ג.

די קאנאנען און טאנקן זענען נאך אלץ געגאנגען אן אויפהער. די נאכט איז געפאלן לאנגזאם. דער גערויש פון די דורכפארנדיקע מאשינען האט גארנישט אויפגעהערט און די פיר דייטשע אפיצירן זענען אזוי ווייטער געזעסן נעבן אונדזער הויז. מיר זענען אפערגעקראכן פון אונטערן בעט

און ווייטער פאַרנומען אונדזער פּאָזיציע ביים פענצטער, ביז עס איז אינגאַנצן פינצטער געוואָרן. אין ראַדאָמישלע איז דאָך נישט געווען קיין עלעקטריש ליכט, האָט מען מיטן צופאַלן פון דער נאַכט מער שוין גאָרנישט געקאָנט זען.

דער זיידע לייביש האָט דערמאָנט, אַז עס איז פרייטיק־צו־נאַכט, מען דאַרף דאַווענען און עסן די שבתדיקע סעודה. „זאָל זיין וואָס עס וויל, שבת אויף גאָטס וועלט!” דער זיידע לייביש מיטן פעטער יאָסל אייזלאַנד האָבן זיך אָוועקגעשטעלט דאַווענען. איך מיט יחזקאל און די יקותיאלס האָבן דערווייל גערעדט וועגן די גיגאַנטישע טאַנקען און קאַנאָנען, וואָס מיר האָבן געזען, פאַרגליכן עס מיט די פוילישע פערד און צעבראָכענע אויטאָס. אונדזער קינדישער שכל האָט נישט געקאָנט משיג זיין, ווי אַזוי האָט זיך אַזאַ נישטיקע אַרמיי פאַרמאָסטן מיט אַזאַ גיגאַנט. און זיי האָבן זיך נאָך באַרימט אין די לעצטע טעג פאַרן קריג, אַז זייער אַרמיי שטייגט איבער די דייטשע פּילפּאַכיק און זיי וועלן די דייטשן צעברעכן ביים פּרווון דורכרייסן די גרענעץ!

אָפּגעדאַוונט, האָט דער זיידע לייביש געזאָגט, אַז מען זאָל גרייטן צום טיש, ווי תמיד, און פּראַווען אַ שבתדיקע סעודה. גלייך ווי דער זיידע האָט אָנגעהויבן צו זאָגן „יום הששי”, האָבן זיך ווידער דערהערט שטאַרקע קלעפּ אין טויער. און היות, ווי דאָס טויער איז שוין געבליבן פריער אָפן (ווייל די אָפיצירן האָבן באַפוילן נישט צוצומאַכן עס), האָבן זיך גלייך דערהערט שווערע טריט אויף די שטיגן. די טיר פון צימער, וווּ מיר זענען געזעסן ביים שבתדיקן טיש, האָט זיך אויפגעפּראַלט און עס רייסן זיך אַריין עטלעכע דייטשע סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער אין האַנט און מיט אַ ווילד געשריי: „אַלע אויפשטעהן — הענדע האָך”! מיר האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט מיט די הענט אין דער הויך און געציטערט. „זינט היער פּאָלנישע סאָלדאַטען” ???, — האָט איינער פון די סאָלדאַטן (אַפּנים דער אָנפירער פון דער גרופּע) — געגעבן אַ געשריי. די מאַמע ז״ל, וועלכע האָט גוט געקענט דייטש, האָט גלייך דערקלערט, אַז ביי אונדז אין הויז זענען נישטאָ קיין סאָלדאַטן און מיר אַלע זענען איין משפחה. און ווער איז דער יונגער? — פרעגט ער אויף יחזקאל אייזלאַנד, שיעס. — ער איז באַשטימט אַ סאָלדאַט, וואָס מיר האָבן אים געגעבן ציווילע קליידער. לויט זיין עלטער, האָט יחזקאל שיעס אויסגעזען צו זיין אַ סאָלדאַט. דער אמת איז אויך אַז יחזקאל האָט באַדאַרפט זיין אין מיליטער און איז אויך פאַרן קריג געווען אין מיליטער צוזאַמען מיט זיין ברודער, מענדל אייזלאַנד. ער איז אָבער פון דינסט באַפרייט געוואָרן, ווייל זיין פאָטער, יהושע ז״ל, איז געשטאָרבן און זיין מוטער, ברײַנדל (זי איז די לעצטע יאָרן פאַרן קריג געלעמט געוואָרן אויף די פיס) האָט נישט געקאָנט בלייבן אָן פּרנסה־געבער, דערפאַר האָט די פוילישע אַרמיי באַפרייט יחזקאלן פון מיליטער־דינסט מיט עטלעכע חדשים צוריק.

מיין מוטער האָט דעם אונטעראָפיציר דערקלערט, אַז דאָס איז אַ זון פון דער פרוי (ווייזנדיק אויף טאַנטע ברײַנדל) און ער איז בכלל נישט קיין סאָלדאַט. די טאַנטע ברײַנדל איז אויסגעבראָכן אין אַ היסטעריש געוויין און געוויזן אירע קאַליקע פיס. דער אונטעראָפיציר, אַפּנים מיט אַ שטיקל מענטשלעך הארץ, האָט יחזקאלן גלייך אָפּגעלאָזט און באַפוילן זיינע סאָלדאַטן גוט דורכצוזוכן אין אַלע צימערן, צי עס געפינען זיך נישט קיין פוילישע סאָלדאַטן. דערווייל האָט דער אונטעראָפיציר געכאַפּט אַ שמועס מיטן זיידן לייביש און געפרעגט צי ער איז אַ ראַבינער? געענטפערט האָט, פאַרשטייט זיך, מיין מוטער און נישט דער זיידע, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן כוס אין האַנט און געציטערט אויפן גאַנצן קערפּער. ער איז אַזוי געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרגליווערטער, ביז דער אונטעראָפיציר האָט אים געהייסן: „מאַך ווייטער דיין געבעט, דו אַלטער ראַבינער”. אָבער זעענדיק אויפן טיש די ווייסע שבתדיקע חלה, האָט ער באַפוילן מיין מוטער: „דאָס גאַנצע ווייס־ברויט איינפּאַקן פיר די סאָלדאַטען”.

אינדעם האָבן זיך ווי פון דרויסן, אויפן באַלקאָן פון הויז, דערהערט עטלעכע שאָסן. אַלעמען האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק: ווער ווייס, וואָס די זעלנער האָבן דאָרט געפונען? האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זעלנער האָבן געהאַט אַ חשד, אַז אין די אָפּטריטן, וואָס זענען געווען אויפן באַלקאָן, געפינט זיך עמעצער און נישט האָבנדיק קיין ליכט, האָבן זיי אַריינגעשאָסן אַהין.

נאָכדעם, ווי זיי זענען צוריק אַריין אין צימער און געמאָלדן דעם אונטעראָפיציר, אַז זיי האָבן גאָרנישט געפונען, האָבן זיי — מיטנעמענדיק די חלות און אַ פלאַש בראָנפן, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש לכבוד שבת — פאַרלאָזט דאָס צימער.

פּטור געוואָרן די שרעקלעכע געסט, איז אונדז אַלעמען לייכטער געוואָרן אויפן הארצן. דער זיידע ז״ל איז אַריין אין התלהבות און אָנגעהויבן צו זינגען זמירות מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דאָס האָב איך ביי אים נאָך קיינמאָל נישט געהערט און נישט געזען.

דער ערשטער אָקופּאַציע־טאָג האָט זיך אָבער נאָך נישט געענדיקט. מען האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצועסן ס'מאָלצייט, האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי פון אַלע זייטן. אָבער נישט סתם אַ שיסעריי, נאָר ממש אַ קאַנאָנאַדע. אַ שיסעריי פון מאַשין־געווער און פון קאַנאָנען, מיט אַ קראַפט ווי די קאַנאָנען וואָלטן געשטאַנען נעבן אונדזער פענצטער. יעדער שאָס האָט געמאַכט אויפציטערן ס'גאַנצע הויז. אין פאַרשלאָסענעם הויז האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט וואָס דאָס איז. עמעצער האָט געגעבן אַ זאָג, אַז אַפּנים די פוילישע אַרמיי קומט צוריק. ווער ווייס: ס'קאָן זיין, אַז מען שלאָגט זיך נעבן שטעטל אין זגירסק, אָדער אפשר גאָר אין שטעטל גופא. די שיסעריי איז געווען אַזוי נאָענט, אַז די השערה האָט געקאָנט זיין אַ ריכטיקע. אָבער ערשט מיט טעג שפּעטער האָבן מיר זיך געקאָנט דערוויסן וואָס דאָס האָט באַדייט. דאָס שיסן איז געקומען פון די דייטשע סאָלדאַטן וועלכע האָבן אַרומגעזוכט באַהאַלטענע פוילישע זעלנער; און די דייטשן האָבן נאָך אָוועקגעשטעלט נעבן דער טמאה עטלעכע קאַנאָנען וואָס האָבן באַשאָסן דעם פוילישן וועג ווו דער קריגס־פראָנט האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער נאַכט. די שיסעריי האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה (ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט) און ביי יעדן שאָס האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס הויז פאַלט איין. די פרויען האָבן געיאָמערט און מיר, קינדער, האָבן זיך טיף פאַרשטעקט אין בעטגעוואַנט און אויך געכליפּעט. די טמאה איז דאָך געווען עטלעכע צענדליק מעטער פון אונדזער הויז און דאָס שיסן פון דאָרט האָט אויסגעזען ווי דירעקט נעבן הויז.

אַרום איינס אַזייגער בייננאַכט הערט זיך ווידער אַ קלאַפּן אין טויער. אָבער דאָסמאָל נישט אַזוי שטאַרק. מיין שוועסטער ביילע איז דאָסמאָל אַראָפּ עפענען ס'טויער. אַרויפגעקומען איז דער זעלבער אונטעראָפיציר, וואָס האָט פריער צוגענומען די חלה מיטן בראָנפן און געפרעגט צי מיר האָבן קאַפע? ער האָט געבעטן מען זאָל שנעל אָפּקאָכן אַ טאָפּ „גוטן באָנען־קאַפע" פאַר די אָפיצירן, וואָס זיצן דאָ נעבן הויז. און די צוויי „מידכען" — מיין שוועסטער באַלטשע און הענדל — זאָלן נעמען 4 זילבערנע גלעזער און אַרונטערטראָגן די קאַווע פאַר די אָפיצירן. די מוטער ע"ה האָט נאָך געכאַפּט אַ גאַנצן קוכן און דערלאַנגט דעם אונטעראָפיציר פאַר די „הערען" וואָס זיצן אונטן (און געטראַכט זיך אוודאי דערביי, אַז זיי זאָלן נאָר דערשטיקט ווערן דערמיט).

דער אונטער־אָפיציר האָט געדאַנקט העפלעך און געזאָגט דער מוטער, אַז נאָכדעם ווי די מיידלעך וועלן צוריק אַרויפקומען, מעגן מיר צומאַכן ס'טויער און קיינער וועט אונדז מער נישט שטערן. ער האָט דערציילט מיט מוטער אַ סוד (אפנים, אַז איר גוט דייטש רעדן האָט אים אימפּאָנירט), אַז אַלע מענער פון גאַנצן שטעטל האָט מען היינטיקע נאַכט אַרעסטירט אין טמאה, נישט געבליבן קיין איינציקער מאַן אין די הייזער. אָבער ווייל מיר האָבן זיך אַזוי פיין באַצויגן צו די אָפיצירן, האָבן די אָפיצירן באַפוילן, אַז פון אונדזער הויז זאָל מען קיינעם נישט אַרויסנעמען. ער אַליין פּאַסט טאַקע אויף, אַז קיינער פון די פּאַטראָלן, וואָס נעמען צוזאַמען די מענער פון די הייזער, זאָלן צו אונדז נישט אַרויפגיין און מיר קאָנען בלייבן רויִק.

הערנדיק אַזאַ מעשה איז אונדז אַלעמען געוואָרן שלעכט: וואָס הייסט מען נעמט אַרויס אַלע מענער פון די הייזער? וואָס עפּעס אין דער טמאה און וואָס וועט מען מאַכן מיט זיי אין דער טמאה? אָט די אַלע פראַגן האָבן אָנגעהויבן יעדן צו גריבלען אין מוח נאָכדעם ווי דער אונטעראָפיציר איז אַוועק. פון גיין שלאָפן איז שוין נישט געווען קיין רייד, קיינער פון אונדז האָט אפילו נישט געטראַכט דערפון. מיר זענען געווען זיכער, אַז דער אונטעראָפיציר דערציילט דעם אמת. אָבער אַז אונדזער הויז וועט אָפּגעראַטעוועט ווערן — אין דעם האָבן מיר נישט געגלויבט. סוף־כל־סוף וועלן דאָך די אָפיצירן פון דאַנען אַוועק און דאַן — אויס שוץ און אויס היטערס. מען וועט אונדז נעמען גענוי, ווי אַלע אַנדערע.

די צוויי מיידלעך זענען אַרויפגעקומען מיטן ליידיקן טאָפּ פון קאַווע און דערציילט שרעקלעכע זאַכן: פון אַלע זייטן קומען סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווער אין האַנט און טרייבן מענער מיט אַ געשריי, קאַפּען זיי, מען זאָל שנעלער גיין. אַלע ווערן געפירט אין ריכטונג צו דער טמאה. מען פירט סיי ייִדן, און סיי גוייִם. איצט איז שוין קיין שום צווייפל נישט געווען, אַז עפּעס שרעקלעכס קומט פאָר אין שטעטל, אָבער וואָס אַזוינס, האָבן מיר נאָך אין דער נאַכט נישט געוווּסט.

אַלע האָבן מיר זיך געגעבן אַ וואָרף אויף די בעטן מיטן אָנטועכץ און עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס שטילע וויינען פון מיין מוטער ע"ה און פון דער טאַנטע ברײַנדל. אַזוי זענען מיר געלעגן אויף די בעטן און זיך צוגעהאָרכט צו יעדן שאָרך וואָס קומט פון דרויסן. אָבער מער, ווי דאָס רוישן פו די מאָטאָרן, פון צייט צו צייט — דאָס שיסן פון די שווערע קאַנאָנען, האָבן מיר נישט געהערט.

ד.

דער קליינער לאָך אין פּאַפּיר פון פענצטער האָט אונדז מבשר געווען, אַז אַ נייער טאָג קומט אויף גאָטס וועלט. גאָט זיי דאַנק די שרעקלעכע נאַכט איז שוין פאַרביי! דאָס שיסן האָט אויפגעהערט, אָבער די שווערע טאַנקען, האָט מען נאָך אַלץ געהערט קלאַפּן אין די שטיינער פון שאָסיי. מיר כאַפּן אַ בליק דורכן לאָך — דאַכט זיך, זייט נעכטן אָוונט האָט זיך גאָרנישט געענדערט. דער שאָסיי פון דער טורנער גאַס און דער שאָסיי, וואָס צעטיילט אויף צוויי דעם מאַרק, זעט נאָך אַלץ אויס ווי אַ גייענדיקער שטאָלענער שלאַנג, וואָס שלענגלט זיך פון דער וואָל גאַס ביז אין מאַרק אַריין און קווערט דורך דעם מאַרק דירעקט אין דער מיעלעצער גאַס אַריין. די גרויע ראַדאָמישלער הייזער האָבן נאָך אַזאַ פּראָצעסיע נישט געזען, ווי לאַנג ראַדאָמישלע עקזיסטירט.

חוץ אויטאָס מיט טאַנקען און דייטשע סאָלדאַטן, האָט זיך אין מאַרק קיין איינציקער מענטש נישט געפונען, ווי אויסגעשטאָרבן דאָס גאַנצע שטעטל. לאַנג האָט עס אָבער נישט אָנגעהאַלטן. — אַרום אַכט אַזייגער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פּוילישע פרויען אין גאַס, איינגעהילטע אין טיכלעך, געקומען זוכן זייערע צוגענומענע מענער. קופּקעס ווייבער האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אין דער ריכטונג צו דער טמאה. פון פענצטער האָבן מיר געקאָנט באַמערקן, אַז אַ גרויסער פּאַרקער פון דייטשע דזשיפּס און אויטאָס גייט פון געסעלע, וואָס פירט צו דער טמאה. דאָס אָנגעלויף פון ווייבער איז געוואָרן גרעסער פון מינוט צו מינוט. לויט ווי איך האָב געקענט די גויעס, זענען געקומען צו לויפן באַבעס אפילו פון אונטערן שטעטל. וואָס האָט דאָרט אַזוינס פּאַסירט אין דער נאַכט, האָבן מיר, איינגעשפּאַרטע אין הויז, נאָך נישט געוווּסט.

עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו באַווייזן נעבן דער טמאה די ערשטע ייִדישע פרויען. צעשראָקענע, פאַרוויינטע, האָבן זיי זיך לאַנגזאַם צוגעשאַרט צו די פּוילישע באָבעס און געכאַפּט אַ שמועס, וועלנדיק עפּעס געוווּיר ווערן וועגן די אַרעסטירטע מענער. לאַנגזאַם האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויס־צושאַרן נאָך און נאָך ייִדישע פרויען און מיידלעך, אַלץ אין דער ריכטונג צו דער טמאה.

אויך מיין שוועסטער האָט באַקומען מוט, געכאַפּט די טאַנטע אייגע (פּעטער הענעך האַרטמאַנס פרוי, מיין מוטערס אַ שוועסטער) און אַרויס אין גאַס הערן וואָס עס טוט זיך. באַלד זענען זיי געקומען צוריק און דערציילט שרעקלעכע זאַכן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון היינטיקע נאַכט אין די הייזער.

דייטשע סאָלדאַטן, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און מאַשין־געווער, זענען אַריין אין אַלע הייזער און אַרויסגענומען פון דאָרט אַלע מענער, וואָס האָבן — לויט די סאָלדאַטנס מיינונג — געקאָנט זיין אין פּוילישן מיליטער־דינסט. זיי אַלעמען האָט מען אינטערנירט אין דער גרויסער טמאה פון שטעטל — דער איינציקער פּלאַץ, וואָס האָט געקאָנט אַריינעמען אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן. אין דער נאַכט האָבן זיי נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן ייִד און גוי. די דאָזיקע אַקציע איז געווען אויסצוגעפינען פּוילשע סאָלדאַטן. אָבער — ווי מען האָט שפּעטער דערציילט — איז דאָס געקומען ווי אַ שטראָף, וואָס מען האָט געשאָסן אויף די דייטשע סאָלדאַטן פון די פענצטער אין אַ דאָרף פאַר ראַדאָמישלע און ביים אַריינמאַשירן. ווער האָט געשאָסן און פון וואַנען

מען האָט געשאָסן, איז מען, דאַכט זיך, אויך נישט געוויר געוואָרן, אבער מער ווי זיכער, אז דאָס צוזאמענקלויבן אלע מענער האָט געהאָט פאר די דייטשן א דאָפלטן ציל. ערשטנס האָבן זיי געוואָלט די מענער היטן, כדי צו פארמיידן פארטיזאנער־אַרבעט ביים אריינמאַרש פון מיליטער; צווייטנס — כדי ארויפצוווארפן א מורא גלייך פון ערשטן טאָג אָקופאציע.

ביי דער ערשטע אקציע אין ראדאָמישלע האָבן די דייטשן גראָד נישט בלויז די יידן געמיינט. מען האָט מער גויים צוגענומען, ווי יידן. דאָס שענדן די טמאה גלייך אין ערשטן טאָג, איז אויך געקומען פאר די פאליאקן ווי א ווארנונג, אז אויך זיי זענען גוט אין פעקל; אז מיט די דייטשן וועלן זיי אויך האבן צו זינגען און צו זאָגן, נישט בלויז די יידן. קאָן זיין, אז די אקציע פון ארעסטירן אין דער ערשטער נאכט האָט פארמיטן אין שטעטל א רויב־אָנפאַל מצד די גויים, וואס נישט איינער פון זיי האט זיך געקליבן צו מאכן אין טאָג פון דייטשישן אריינמאַרש. פארשטייט זיך, אז אין דער ערשטער ריי וואָלטן געליטן יידישע געשעפטן און יידישע הייזער.

אין די ערשטע 8 טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען נישט באַמערקט אין ראדאמישלע קיין שום ספעציעלע אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען מצד די אָקופּאַנטן. דאס האבן מיר ערשט דערפילט צום ערשטן מאָל אין דעם באַרימטן שווארצן זונטיק, צומאָרגנס נאָך יום כיפור.

אבער דערווייל — צוריק צום ערשטן טאָג.

די דייטשן האבן ארויסגעשלעפט די מענער אפילו פון די בעטן, קראַנקע און לאָמע — אלעמען געטריבן אין דער טמאה. די טמאה האָט זיך אָנגעפולט איינס און צוויי, מען האָט אריינגעשטופט וויפל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו קריכן איינער אויפן צווייטן. א טומל און אַ פּאַניק זענען אויסגעבראָכן ביי די אַרעסטירטע, ווען די קאַנאָנען האָבן אָנגעהויבן צו שיסן הינטער דער טמאה. דער עולם האָט געמיינט, אַז מען וויל זיי אלעמען אויסשיסן. איז געוואָרן אַ געדרענגעניש און אַ שטופעניש, אז מען האָט צעטראָטן מענטשן. די, וואָס זענען געווען נענטער צו דער טיר, האָבן געפּרוווט גליק, זיך דורכצורייסן דורך די וואַך־פּאָסטנס, וואס זענען געשטאַנען ביים אריינגאַנג און גַעהיט די געפאנגענע. פארשטייט זיך, אַז די וואַך־פּאָסטנס האָבן זיי צריק געשטופט. די, וואָס זענען געשטאַנען ביי די ווענט האָבן געפּרוווט ארויפצוקלעטערן אויף די ווענט צו די הויכע פענצטער פון דער טמאה און ארויסצושפּרינגען. די סאָלדאַטן האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שיסן אויפן עולם. איז די פּאַניק געוואָרן נאָך גרעסער, ווייל איצט זענען די מענטשן שוין געווען זיכער, אַז מען גייט אלעמען אויסהארגענען. די געוואלדן זענען געגאנגען ביז צום הימל.

נאכדעם, ווי דער המון האָט זיך אַביסל בארואיקט און די שיסעריי האָט אויפגעהערט, האָט מען זיך גענומען ארומקוקן, אז עס זענען געפאלן עטלעכע קרבנות און עטלעכע מענטשן זענען פארוווּנדעט געוואָרן. לויט ווי איך געדענק זענען דאָן אין דער קירך אומגעקומען בלויז פליטים, וועלכע זענען געבליבן שטעקן ביי אונדז אין שטעטל. צומאָרגנס האָט מען זיי באַגראָבן אויפן הויף נעבן דער טומאה.

דעם גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג און נאָך צוויי ווייטערע טעג האבן מיר זיך נישט גערירט פון הויז. די אַרעסטירטע אין קירך זענען דאָרט געבליבן עטלעכע טעג, אבער די גַעמיטער האבן זיך באַרואיקט. די מיליטער־מאַכט האָט אויפגעקלערט, אז עס וועט קיינעם גאָרנישט פּאַסירן אויב אַלע וועלן זיך פאַרהאַלטן רואיק און נישט אָנמאַכן קיין פּאַניק; געוואָרנט, אז די יעניקע, וואָס וועלן שטערן די אָרדנונג וועלן גלייך ארויסגעפירט ווערן צו א קורצן משפט. וואס דאס האָט באַדייט, האט יעדער פארשטאנען.

די פראגע פון פּראָוויאַנט פאר די אַרעסטירטע איז אָבער נישט געוואָרן געלעזט דורך די דייטשן. די ארעמע פרויען האָבן מיט אלע כוחות זיך באמיט (יעדע אויף איר אויפן) דורך די וואַך־פּאָסטנס דורכצושמוגלען פאר איר מאַן, אָדער זון, עפּעס וואס צו עסן. אויך ביי דעם האָבן זיך אפּגעשפּילט שרעקלעכע סצענעס, ווייל יעדע פרוי, אָדער מאַמע האט געוואָלט וואס מער אריינשיקן פאר אירע נאָענטסטע. ווי תמיד אין אזא פאל — זענען געווען אזעלכע, וואס האָבן בעסער מצליח געווען, אנדערע ווייניקער. אויך גַעווען אומגליקלעכע, וואס האבן בכלל נישט מצליח געווען וואס עס איז אריינצושיקן. האָבן זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע סצענעס אין דרויסן, ביז די סאלדאטן זענען געוואָרן אויפגערעגט און האָבן דעם גאַנצן פּראָוויאַנט אויסגעגאָסן און אויסגעשאָטן אין דרויסן, און נישט געוואָלט מער אריינטראָגן קיין עסן. די לאַגע פון די אינטערנירטע איז אזוי אַרום געוואָרן אומדערטרעגלעך.

אָבער נאָך עטלעכע טעג האָט מען אָנגעהויבן צו באפרייען די אינטערנירטע. לאנגזאם האָט מען אלעמען אהיים געשיקט.

דאָס דורכפארן פון דער מאָטאָריזירטער ארמיי, האט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. טעג און נעכט זענען זיי ווייטער און ווייטער געפארן.

מיטאיינמאל (עס האָט געמוזט זיין אַרום מאנטיק, אָדער דינסטיק, אינדערפרי) זעען מיר, ווי דאס פארן הערט אויף צו דער מיעלעצער גאַס. אלע טאַנקען און קאַנאָנען האָבן אַנגעהויבן גיין אין דער פּשעצלאווער גאַס, קיין פּשעצלאַוו.

וואס זאל דאס באדייטן? קיינער פון אונדז האָט נישט געקאַנט געבן קיין תשובה. „נישט אנדערש — האָט געזאָגט מיין פאטער ע"ה — נאָר די פּאָליאַקן האָבן אויפגעריסן די בריק אויף דער ווּיסלאקע נעבן מיעלעץ און די דייטשן קאָנען נישט דורכגיין און נישט אריין קיין מיעלעץ. אָדער ס'קען גאָר זיין, אז די פּאָליאקן איז געלונגען איינצוהאַלטן די דייטשע ארמיי און איצט מאַכט זי א ריקצוג. דער זעלבער פאל איז אויך געווען אין ערשטן וועלט־קריג, ווען ראדאמישלע איז איבערגעגאנגען עטלעכע מאל פון האנט צו האַנט".

איין השערה פון מיין פאטער ע"ה איז געווען א ריכטיקע. די בריק אויף דער ווּיסלאקא, נעבן מיעלעץ, איז טאקע אויפגעריסן געוואָרן דורך דעם אָפּציענדיקן פוילישן מיליטער. דאס האט באמת אויפגעהאלטן אויף א ווייל די זיגרייכע דייטשע ארמיי, אָבער ראדאמישלע איז דאָסמאָל — נישט מער איבערגעגאנגען פון האנט צו האנט, ווי אין ערשטן וועלט־קריג.

דערווייל אבער האט א מאָמענטאַנע האָפנונג זיך דערוועקט ביי יעדן פון אונדז אין הויז: אפשר דאָך? אפשר וועט געלונגען דער פוילישער ארמיי צוריקצושטויסן די דייטשן און אונדז ווידער צו באפרייען? נאָר די פאלשע האָפנונג האט לאנג נישט אָנגעהאַלטן, ווייל צומאָרגנס האָבן ווידער דייטשע פּאַנצער־מאשינען אָנגעהויבן צו גיין אין די מיעליע־

צער גאס. דאן איז געווארן קלאר, אז מיעלעץ איז שוין אויך געפאלן און — אויס האפנונג.

דאס גיין פון די געפאנצערטע דיוויזיעס איבער ראדאמישלע האט אנגעהאלטן גאנצע 8 טעג. אין לויף פון דער צייט, האבן זיך וויניק מענער געוויזן אין דער גאס. די פרויען, וועלכע פלעגן זיך פרייער באוועגן האבן דערציילט, אז דייטשן כאפן יידן אין דער גאס צו ארבעט און מען באקומט אויך געשלאגן. יעדע פאר שעה איז מען געקומען אלארמירן, אז מען כאפט מענער צו דער ארבעט. דאן האבן מיר אלע, וואס זענען נאך געווען צוזאמען אין הויז, געכאפט אונדזערע פעקלעך און ארויף אויפן בוידעם. דארט האבן מיר זיך געטראפן מיט די בראנדס פון שניט־געשעפט, מיט וועלכע מיר האבן געהאט א בשותפותדיקע וואנט און דער בוידעם איז נישט געווען דורכגעצוימט. דאס זענען געווען די ברידער יחיאל און ישראל בראנד (פאדאווער) מיט זייער אלטן פאטער. אויפן בוידעם האבן מיר געהאט שעניקעס. מיר האבן זיך אויסגעלייגט נעבן די רונדע עפנונגען, וואס זענען געווען אין דער וואנט פון בוידעם און דורך זיי ארויסגעקוקט אויפן מארק.

פון דער וואל־גאס און פון עלטערע הייזער פון מארק האט מען כסדר ארויסגעפירט גרופעס יונגע יידן און זיי געפירט צו איינעם פון די אויטאס, זיי געגעבן ארבעט — מיינסטנס פוצן, אדער שלעפן וואסער, שווערע קאסטנס מיט סחורה, אדער מוניציע — פון די אויטאס, אדער אויף די אויטאס.

נאכן פארטיק מאכן די ארבעט, האט מען די מענטשן אהיימגעשיקט. די לאגע איז נישט געווען אזוי געפערלעך, אבער ווער עס האט זיך געקאנט אויסבאהאלטן און פארמיידן א באגעגעניש מיט די דייטשן, האט עס גערן געטון.

דאס כאפן יידן צו ארבעט האט למעשה זיך אנגעהויבן גלייך, ווי די דייטשן זענען אריינגעקומען, אבער ווי געזאגט איז עס נאך נישט געווען געפערלעך.

ביז עס איז געקומען דער טרויעריקער בארימטער „שווארצער זונטיק״. אויב איך האב נישט קיין טעות, איז עס געווען צומארגנס נאך יום־כפור.

ה.

ראש־השנה און יום כפור האט דער זיידע צוזאמענגעשטעלט א מנין ביי זיך אינדרהיים. ס׳האבן זיך שטילערהייט אריבערגעגנבט דורך די הינטערגעסלעך עטלעכע שכנים און דער עולם האט פול געמאכט די שטוב. מען האט געדאוונט מיט מנין ביידע טעג ראש־השנה און יום־כיפור. ממש דעם לעצטן טאג פארן אויסברוך פון דער מלחמה האט מען די ספרי תורהס פון קלויז (קאן זיין אויך פון בית המדרש — דאס געדענק איך אבער נישט אויף זיכער) איבערגעגעבן צו עטלעכע בעלי־בתים אהיים צום היטן, ביז דער שטורעם וועט פארביי. היות ווי מיין זיידע לייביש האט מיט יארן צוריק געהאט געשאנקען א ספר תורה אין קלויז אריין, האט ער געבעטן ביי שלמה שמש, אז ער זאל אים ברענגען זיין אייגן ספר. ר׳ שלמה שמש ע״ה האט אין לעצטן אוונט פארן אריינמארש פון די דייטשן געבראכט צום זיידן זיין ספר תורה און ראש־השנה, יום־כיפור האט מען געלייענט פון דעם ספר.

עס איז געווען א צער צו הערן מיט וואס פארא ביטער הארץ די פאר יידן האבן געדאוונט אין די ימים־נוראים, די ערשטע טעג מיט די דייטשן. זייערע תפילות און דאס וויינען פון די פרויען האט געקאנט רירן א שטיין. אלע האבן געפילט, אז א שרעקלעכע צייט רוקט זיך אויפן יידישן שטעטל ראדאמישלע, אויף אלע יידן אין פוילן. יעדער פון די מתפללים האט אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ פארן רבונו של עולם. אבער מען האט נאך גאר קיין אנונג דאן נישט געהאט, וואס אלץ ס׳דערווארט יעדן פון אונדז.

גלייך צומארגנס האבן מיר עס אנגעהויבן צו דערפילן. אויב אין ערשטן טאג פון דייטשן אריינמארש האט מען צוזאמענגענומען אלע מענער אן אויסנאם — ייד אדער פאליאק — איז געקומען דער „שווארצער זונטיק״ און אונדז דערמאנט, אז יידן מיינט מען ספעציעל.

זונטיק גלייך אינדערפרי האבן מיר באמערקט עפעס א מאדנע מין מיליטער האט זיך געגעבן א לאז אריך אין שטעטל. צו די גרויע מונדורן פון די דייטשע זעלנער האבן מיר זיך שוין אביסל געהאט צוגעוווינט. דעם זונטיק האבן זיך גאנץ פרי באוויזן אין די גאסן נייע זעלנער, מיט נייע היטלען און עפעס נייע מונדירן. מיר זענען נאך אלץ נישט ארויסגעגאנגען פון אונדזער הויז, סיידן די פרויען. מיטאמאל קומט צו לויפן מיין שוועסטער ביילע און שרייט: „שנעלער! מענער אויפן בוידעם — מען כאפט צו דער ארבעט״. מיר האבן גלייך געכאפט עפעס אין האנט — א בוך, עפעס צו עסן — און ארויף אויפן בוידעם. מיר כאפן א בליק דורכן בוידעם־לאך אין מארק: די נייע מאדנע זעלנער, מיט לאנגע רימענס אין די הענט, טרייבן מיט געשריי עטלעכע יידן פון בית־המדרש גאס אינמיטן מארק אריין. די יידן לויפן מיט בעזעמס אין די הענט און אין בלויזן קאפ. אן אנדער גרופע מיט יידן גייען ארויס פון די מיעלעצער און סטיצינער גאסן. נישט זיי גייען, נאר לויפן. די זעלנער אין שווארצע אוניפארמען טרייבן און שלאגן מיט די רימענס און שרייען „לאס — שנעלער — ארבייטען״.

עס האט נישט לאנג געדויערט און דער מארק איז פול געווען מיט יידן און אלע קערן צוזאמען דאס מיסט וואס איז דארט געלעגן. אויב ביז איצט, ווען מען האט געכאפט צו ארבעט, הא מען די יידן געלאזט ארבעטן רואיק און נישט געשלאגן סתם אין דער וועלט אריין, איז איצט די ארבעט באגלייט מיט געשריי און געשלעג. מען טרייבט אונטער דעם עולם — „שנעלער — שנעלער — דו יודע פערעקע״.

יידן, נעבעך, אין זייער גרויס פארצווייפלונג, טוען וואס מען הייסט זיי און יעדער באמיט זיך וואס בעסער צו מאכן, אלע ארבעטן פלייסיק. אבער אפנים, אז נישט דאס האבן די בעסטיעס אין די שווארצע מונדירן געמיינט. זיי זענען געשיקט געווארן צו געבן די „ערשטע לעקציע״ דעם יידישן עולם אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך. דאס זענען געווען די אזוי גערופענע „איינזאץ־טרופען״, וואס זייער אויפגאבע איז באשטאנען צו פייניקן און שלאגן יידן, שפעטער — אינגאנצן זיי צו פארניכטן. קוים איז דאס מיליטער ארויס פון די שטעטלעך, האט מען גלייך דערזען די שווארצע חיות און זיי האבן אונדז באוויזן ווער זיי זענען און וואס זיי קענען.

נאכדעם ווי דער מארק איז געווארן פול מיט יידן, האט זיך ערשט אנגעהויבן דער אמתדיקער שדים־טאנץ.

געהייסן האָט עס, אַז מען האָט אַרויסגענומען די יידן ריין צו מאַכן דעם גרויסן מאַרק־פּלאַץ. דאָס איז אָבער נאָר געווען אַן אויסרייד. יעדער פון די חיות האָט געהאַט אין האַנט אַ נאַהייקע, אָדער אַ שטעקן און געשלאָגן מכות רצח, נישט געשוינט קיין יונג און אַלט. פאַרקערט — די אַלטע יידן האָבן נאָך מער באַקומען געשלאָגן, ווי די ייִנגערע. די געשרייען פון די אומגליקלעכע מענטשן זענען געגאַנגען ביז צום הימל. די חיות האָט דאָס נאָך מער צערייצט און זיי האָבן נאָך מער געשלאָגן.

פּלוצלינג דערזעען מיר: עס לויפן אַרויס עטלעכע פון זיי מיט שערלעך אין די הענט, כאַפּן יידן מיט בערד, רייסן ביי זיי די בערד, מיט געוואַלד און געשלעג, שניידן אָפּ די בערד פון אַלע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען דעם טאָג אויפן מאַרק. אַ סך האָבן אַפילו ממש געריסן די בערד מיט דער האַנט — ביז בלוט.

עטלעכע שעה צייט האָט געדויערט דאָס דאָזיקע פייניקן. דורך אַ נס זענען מיר אויך דאַסמאָל פאַרשוינט געבליבן און פון אונדזער הויז האָט מען קיינעם נישט אַרויסגענומען, אָבער מיין זיידע האָט זיך דעם טאָג אַליין אָפּגעשוירן די באָרד, זעענדיק וואָס עס טוט זיך.

ס'איז געווען אַ שרעק אַ קוק צו טון אויפן זיידנס פּנים אָן באָרד. נאָך מער שרעק איז געווען צו קוקן אויף די יידן, וואָס מ'האָט זייערע בערד אָפּגעשוירן, בעסער געזאָגט — אויסגעריסן. אַ סך פון די יידן זענען געווען פאַרוווּנדעט אין קאָפּ און אין פּנים. אַלע אַנדערע יידן, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון דעם שדים־טאַנץ, האָבן אַליין אָפּגעשוירן זייערע בערד.

עס איז באמת זיך זייער שווער פאָרצושטעלן אַ ראַדאָ־מישלער יידן אָן באָרד. דאָס גאַנצע ראַדאָמישלער יידישע שטעטל איז געוואָרן אָן בערד.

ו.

צומאָרגנס זענען די שוואַרצע בעסטיעס פאַרשוווּנדן. זיי האָבן זייערס אָפּגעטון — אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף יידן אין שטעטל.

ס'האָבן זיך באַוויזן ווידער נייע פּנימער, נייע אוניפאָרמען. דאָס איז שוין געווען די דייטשע פעלד־פּאָליציי, וואָס האָט באַזעצט דאָס שטעטל.

מיטן דערשיינען פון דער פעלד־פּאָליציי האָט יעדער ייִד אָנגעהויבן אַ ביסל לייכטער צו עטעמען. מ'האָט געהאָפט אַז די ציווילע פאַרוואַלטונגס־מאַכט וועט איינפירן רו און אָרדנונג אין שטעטל.

למעשה איז עס טאַקע אַזוי געווען. ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אָרטס־קאָמאַנדאַטור, מיט אַ העכערן דייטשן אָפיציר אין דער שפּיץ. קאָמאַנדאַנטור האָט געזאָלט ווידער נאָרמאַליזירן דאָס לעבן. ס'האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אין דער דייטשער און פּוילישער שפּראַך, וואָס האָבן גערופן די באַפעלקערונג צו אָרדנונג און דיסציפּלין. די באַפעלקערונג איז אויפגעפאָדערט געוואָרן צו עפענען די געשעפטן, בעלי־מלאכהס — ווייטער צו אַרבעטן, די ירידים וועלן פאָרקומען ווי געוועזן.

אַ ספּעציעלער פּלאַקאַט האָט אויך צום ערשטן מאָל באַקאַנט געמאַכט די אַנטי־יידישע געזעצן: יידן טאָרן זיך נישט באַנוצן מיט גויאישע אַרבעטס־הענט; יידן טאָרן נישט באַשעפטיקן פּוילישע פרויען ביי הויז־אַרבעטן; יידן טאָרן נישט אַרויסגיין אין גאַס נאָך 9 אַזייגער אין אָוונט און פאַר 6 אין דערפרי; דער עיקר — ביי יעדן יידישן געשעפט דאַרף ווערן אַרויס־געהאַנגען אַ גרויסער בלויער מגן דוד מיט אַן אויפשריפט, אויף פּויליש און דייטש: „יידיש געשעפט".

נישט מיט גרויס חשק האָבן יידן געוואָלט עפענען ווידער זייערע געשעפטן. ערשטנס האָט מען מורא געהאַט פאַר רויבעריי מצד די פּאָליאַקן און באַזונדערס — פאַר די פּויערים; צווייטנס, האָבן יידן גוט געדענקט דעם מצב בעתן ערשטן וועלט־קריג בנוגע מסחר, ווען סחורות זענען געשטיגן מיט יעדן טאָג. איז צו וואָס עפענען די געשעפטן? ווער ווייס אויב מען וועט בכלל קאָנען צוריקקויפן אַנדערע סחורות?

אָבער די נייע דייטשע אָרטס־פאַרוואַלטונג האָט פּשוט געצוווּנגען, אַז אַלע געשעפטן — יידישע און נישט־יידישע — זאָלן גלייך געעפנט ווערן און מען זאָל גאָרנישט אויסבאַהאַלטן. אַלץ, וואָס איז פאַראַן, מוז פאַרקויפט ווערן. די איינציקע געשעפטן, וואָס טאָרן נישט געעפנט ווערן, זענען געווען שניט־געשעפטן, ווייל שטאָפן וועלן אין דער נאָענטסטער צוקונפט פאַרטיילט ווערן אויף קאַרטן און פריי האַנדלען איז גלייך פאַרבאָטן געוואָרן. אַלע געשעפטן, וואָס האָבן פריער געהאַנדלט מיט שטאָפן, מוזן גלייך אָנגעבן זייער לאַגער באַשטאַנד און דערווייל נישט עפענען ביז ווייטערדיקע פאַראָרדנונגען.

בלית ברירה האָבן יידן ווידער אויפגעמאַכט זייערע געשעפטן, אָבער פאַרשטייט זיך, מיט ליידיקע פּאָליצעס. אונדזערע שכנים, די שניט־סוחרים בראַנד און לויפּבאַן, ווי אויך אַנדערע שניט־געשעפטן האָבן אָנגעגעבן אַ גאָר קליינעם טייל פון זייער לאַגער באַשטאַנד און דאָס רעשט — גוט באַגראָבן, אָדער איינגעמויערט און גוט־מאַסקירטע באַהאַלטענישן. פאַרשטייט זיך אַז די פּרייזן פון שניט־סחורות זענען גלייך פון ערשטן טאָג געשטיגן און מיט יעדן טאָג אַלץ מער און מער.

די זעלבע לאַגע, ווי מיט שניט־סחורה איז אויך געווען מיט מעל, צוקער, פלייש, קאַווע, בכלל — עסנוואַרג. די אַלע אַרטיקלען זענען גלייך געוואָרן פאַרבאָטן פריי צום פאַרקויפן און די אָרטס־קאָמאַנדע האָט באַקאַנט געמאַכט, אַז די אַלע שפּייז־אַרטיקלען וועלן ווערן פאַרטיילט פאַר דער באַפעלקערונג נאָר אויף קאַרטן, לויט דער צאָל קעפּ אין יעדער משפּחה. די שפּייז־געשעפטן האָבן זיך יאָ באַדאַרפט אויפמאַכן, אָבער די אויסגערעכנטע אַרטיקלען דערווייל נישט פאַרקויפן. אויך יעדעס שפּייז־געשעפט האָט געמוזט אָנגעבן דעם לאַגער באַשטאַנד פון די אַלע פּראָדוקטן. אַנדערע זאַכן, ווי גרויפּן, אַרבעס, געבריטנטע גערשטן־קאַווע און נאָך אַזעלכע, מעג מען דערווייל פריי פאַרקויפן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער שוואַרצער האַנדל האָט גלייך פון ערשטן טאָג אָן אָנגעהויבן צו בליען. אַ סך יידן האָבן די ביי־געשעפענע לאַגע ווי געהעריק אויסגענוצט.

שלעכט איז געווען מיט דער פראַגע פון נאַפט. קיין גרויסע רעזערוון פון נאַפט זענען ביי שימעלע אייזלאַנד און ביי שיעלע בראַנד קיינמאָל נישט געווען. דאָס ביסעלע נאַפט וואָס מענטשן האָבן צוגעגרייט פאַרן אויסברוך פון מלחמה, האָט זיך ביים עולם שנעל געענדיקט אין די דריי וואָכן, וואָס ס'מיליטער איז געשטאַנען. איז טאַקע די ערשטע אינטערווענץ ביי דער מיליטער־מאַכט געווען, אַז זי זאָל

געבן א דערלויבניש צו ברענגען נאפט. היות, ווי די מיליטער־מאַכט האָט פאַרלאַנגט פון דעם בורמישטש, אז ער זאל ווייטער אָנפירן מיט דער ציווילער פארוואלטונג, האט דער בורמישטש אינטערווענירט ביים דייטשן אָרטס־קאמענדאנט, אז מען זאָל דערלויבן צו ברענגען נאפט. די דערלויבניש איז באמת גלייך געגעבן געוואָרן, די ערשטע 3 וועגעלעך, מיט עטלעכע ליידיקע פעסער, זענען געפאָרן ביז גאָרליץ און מ׳האט געברענגט נאפט, וואס מען האט געטיילט צו איין ליטער פאר יעדער משפחה.

די יאטקעס האט מען לעת־עתה בכלל נישט געדאַרפט עפנען, ווייל אויך דאס שחטן כשר איז פארבאָטן געוואָרן פון ערשטן טאג. דער שווארצער פלייש־האנדל האט זיך דעריבער גלייך צעבליט מיט דער גאנצער קראַפט. גענוג גוים האבן שוין געזאָרגט מ׳זאל צופירן פלייש אין שטעטל. יידן זאָל נישט פעלן קיין פלייש; אויך יידישע דארפגייער, האבן זיך איינגעשטעלט גלייך פון די ערשטע טעג און געלאָפן אין דאָרף אריין געבראַכט פארשידענע פראָוויאנט־מיטלען אין שטעטל.

די אייזן געשעפטן האבן די ערשטע צייט געמעגט אלץ פארקויפן פריי, אָן יעדער באַגרענצונג. די עטלעכע אייזן געשעפטן, וואס זענען געווען אין ראדאמישלע, האבן זיך אלע ווידער אויפגעמאַכט, אבער פיל ארטיקלען זענען ארויף אויפן בוידעם, אָדער ווו אנדערש פארשטעקט, ווייל מען האט נישט געוווסט אויב מען וועט קאָנען צוריקקויפן אנדערע סחורות. אזוי ווי די פויערים האבן דערשמעקט, אז די געשעפטן אין ראדאמישלע האבן זיך ווידער אויפגעמאכט, האבן זיי זיך א לאָז־געטון אין שטעטל זוכן מציאות, געקויפט אַלץ וואס עס איז זיי אונטערגעקומען אונטער דער האנט.

מיט יאָרן צוריק האט אַ גרויסער אייזן־סוחר פון טארנע באנקראטירט און ליקווידירט זיין געשעפט. מיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַן אייזן־סוחר, האט דאַן אפגעקויפט דאס גאנצע געשעפט, מיט אלע גוטע זאכן און אלע באָוולען. די גוטע זאכן האבן מיר טאקע באַלד פארקויפט, אבער די באָוולען האבן מיר נישט געקאָנט פטור ווערן. ביי אונדז איז געלעגן א פולער מאגאזין מיט די סחורות און נישט איינמאל האט דער פאָטער דאס געוואָלט פארקויפן אויף שמעלק. איצט איז דער גאנצער לאגער געוואָרן אויספאַרקויפט אין געציילטע וואָכן. די פויערים האבן געכאפט וואס מען האט זיי נאר געוויזן: זאכן פון פארן ערשטן וועלט־קריג; פאָראָסטע בלעכן און קייטן משונהדיקע אלטע אייזערנע טעפּ, פארשידענע באשלעגן פאר טירן און פענצטער — פון פאריקן יארהונדערט, — אַלץ איז געוואָרן פארצוקערט.

די בעקער האבן גלייך אָנגעהויבן צו באַקן ברויט, אזוי ווי עס האט זיך נאר איינגעשטעלט די האלב־ציווילע מאכט. ביי יאָסל האנט, ביי יאכטשע און ביי טרעמפעטערן, זענען געווען אביסל זאפאסן פון מעל און די מיליטער־מאַכט האט באפוילן צו באקן און פריי פארקויפן פאר דער באפעלקערונג ברויט אין דער ערשטער צייט. אויף לאנג האט אבער אויך זייער זאפאס נישט געסטייעט און די בעקער זענען געלאָפן צום בורמישטש, אז ער זאָל אינטערווענירן מ׳זאל דערלויבן אריינבצוברענגען מעל פון טארנע. אויך די דערלויבניש איז באלד געגעבן געוואָרן און מען האָט געברענגט פון די טארנער מילן וועגעלעך מיט מעל. אבער באלד איז אריינגעפירט געוואָרן דאס פארקויפן ברויט אויף קאַרטן.

עס האט נישט לאַנג געדויערט, — יידן האבן אָנגעהויבן צו ריזיקירן און געפאָרן קיין טאָרנע קויפן סחורות. איך בין געווען פון די ערשטע, וואס האָבן זיך אַ לאָז געטון קיין טאָרנע. כדי ארויסצופאָרן פון שטעטל האט מען געברויכט א פאסאשיר־שיין און אין די ערשטע צייטן, ווען די קאָמענדאטור האט זיך אָרגאַניזירט, האָט די מיליטערמאַכט נאָר דערטיילט „פאַסיר־שיינען" פאר פליטים, וועלכע האבן געקאָנט אויפווייזן, אז זיי זענען נישט קיין ראדאמישלער, נאר געבליבן שטעקן אין שטעטל. די דייטשע קאמענדאטור איז געווען פאראינטערעסירט, אַז דאָס שטעטל זאָל זיך אויסליידיקן פון פליטים, ווייל די פליטים האבן געשטערט ביים אַפּראָווידירן. די פליטים האָבן אָנגעהויבן מאסנווייז צו פארלאזן ס׳שטעטל. יעדן טאג פארטאג זענען ארויס עטלעכע פורן מיט זיי.

אין די ערשטע טעג האבן זיך געגעבן א ריר די פוילישע פליטים. לאנגזאם, ווען עס האט זיך אביסל בארואיקט און מען האט געהערט, אז מען לאָזט צוריק אָן שוועריקייטן, האבן אויך יידישע פליטים זיך ארויסגעלאָזט א היים. ביי אונדז אין שטוב איז געווען א פליט פון קראקע, א קראַנקער ייד, אן אינוואליד, וואס האט בכלל נישט געקאָנט גיין. ער איז ביי אונדז געבליבן א 3 וואָכן און דאן אוועק אין דער קאָמענדאטור בעטן א „פאַסיר־שיין" אויף צוריק קיין קראָקע. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל פרווון מיך מיטנעמען, ווי א באגלייט־פערזאן ביז טאַרנע און פון טארנע וועט ער פאָרן מיטן צוג, אדער מיטן אויטאָ.

היות ווי די באַן־ליניע קיין קראָקע איז נאָך געווען איבערגעריסן, האט דער אינוואַליד באקומען א דערלויבניש צוריקצופאָרן קיין קראקע מיט אַ וואָגן און מיט א לאָסט־אויטאָ, ווייל אָמניבוסן זענען די ערשטע צייטן אויך נישט געגאנגען. דער פליט האט פאר מיר אויך געבראכט אַ „פאַסיר־שיין" און א געוויסן פרימאָרגן זענען מיר ביידע אויפגעשטאַנען גאנץ פרי, ארויס אויפן מארק זוכן אן ארט צו פאָרן קיין טאָרנע. עס איז נישט געווען אזוי לייכט צו באקומען אַ פלאַץ אויף א פור, ווייל אינגאנצן זענען געווען 2 פיאקערס, וועלכע האבן באַקומען די דערלויבניש צו פירן מענטשן. איינער פון זיי איז גַעווען גרושטשינסקי, וועלכער האט זיך באַרימט געמאכט אין שטעטל צוליב זיין וואָגן מיט א בויד, וואס איז געווען ווי אן אויטאָ. היות ווי מיר זענען געווען סטאבילע קליענטן ביי גרושטשינסקין, האט ער מיך מיטן קראקעווער יידן גלייך מיטגענומען און מיר זענען אוועק קיין טארנע. במקום מען פלעגט פאר דער מלחמה מיט גרושטשינסקיס 2 פערד פאָרן בלויז 3 שעה קיין טארנע, זענען מיר דאָסמאל קוים אנגעקומען נאָך 5 שעה. דער גאַנצער וועג קיין טארנע איז געווען בלויז לעכער פון די טאַנקען. דאס פאָרן שנעלער איז גַעווען אוממעגלעך. אויסער דעם איז יעדע עטלעכע קילאָמעטער געווען א דייטשע וואַך, וועלכע האָט קאָנטראָלירט אויב מען האט א „פאַסיר־שיין".

די דאָזיקע ערשטע רייזע איז נאָך געווען אויסצוהאַלטן. אין די ערשטע טעג זענען נאָך נישט געווען קיין פאָליציאַנטן אויף די וועגן, נאר סאָלדאַטן, וועלכע האבן בלויז געזוכט פוילישע מיליטער־לייט. די וועלכע האבן געהאַט א „פאסיר־שיין", האט מען גלייך דורכגעלאָזן, די וואס האבן נישט געהאַט, אלץ גוים, האָבן די פאָסטנס במחילה געהייסן אַראָפּקריכן פון וואָגן, גענומען צו דער אויספארשונג און דאן אונדז דערלויבט ווייטער צו פאָרן.

ז.

די געשעפטן אין טארנע זענען שוין געווען אָפּן. יידן האָבן געפירט מסחר און מען האט שוין אָפּגעוואַרט, אז מען זאל קומען פון דער פראָווינץ האַנדלען. אויך מיר איז געלונגען גלייך אין דער ערשטער רייזע איינצוקויפן פאר אונדזער אייזן־געשעפט עטלעכע זאַכן און כ׳האב עס בשלום אהיים געבראכט. זעענדיק, אז מען קאָן ווידער באקומען סחורה, האבן מיר שוין דרייסטער פארקויפט פון אלטן זאפאס און דער האַנדל האט זיך אָנגעהויבן.

אין לויף פון עטלעכע וואָכן נאָכן דייטשן אריינמארש אין שטעטל, האט דער האנדל — סיי דער לעגאלער, סיי דער שווארצער, — זיך צעבליט נאך מער, ווי פארן קריג. עס האט זיך אָנגעהויבן א נייער מסחר, וואס האט געהייסן „שמוגלען". די גרויסע שטאָט טאָרנע איז געווען א הונגעריקע, געלעכצט נאך א ביסל מעל, קאַרטאָפל, פלייש. די קליינע שטעטלעך ארום טארנע האבן אָנגעהויבן צו „זארגן" פאר זייער גרויסן „ברודער" טארנע, אז די מענטשן דארט זאלן חלילה נישט פארהונגערן. עס איז דאך געווען די צייט פון נאכן שניט, די תבואה־זאפאסן ביי די פויערים זענען נאך געווען פולע און מ׳האט פארשפרייט א קלאנג, אז די דייטשן קלויבן זיך צוצונעמען די תבואות ביי די פויערים. די שמועות האבן געהאָלפן, אז די פויערים זאלן אָנהויבן צו פארקויפן פון זייערע שפייכלערס, און פארשטייט זיך, אז בלויז יידן זענען געווען די קויפערס. די געוועזענע יידישע דאָרפסגייער פלעגן ווידער גיין איבער די דערפער און אפקויפן גאַנצע וועגענער מיט תבואה. זיי האבן אויך גלייך אויף אן אָרט געדונגען וועגענער, וועלכע פלעגן דאס אוועקפירן קיין טארנע. די פרייזן פון די סחורות זענען געשטיגן מיט יעדן טאג. ס׳האט זיך געמאַכט אן אינפלאַציע, דאס געלט האט בכלל פארלוירן זיין ווערט. גאר הויך זענען געשטיגן עס־זאַכן און שטאָפן. איינס איז געווען געבונדן מיטן צווייטן. די פויערים האבן געזען, אז מען רייסט זייער סחורה — יעדער סוחר, וואס פלעגט צו זיי קומען, האט שוין צוגעזאגט א העכערן פרייז; אבער מיטן געלט האבן זיי נישט פיל מער געקאָנט אויפטון, ווייל פאר אן אנצוג אדער העמדער־שטאָף האט מען אין שטעטל שוין פארלאנגט אין די הונדערטער, שפעטער אין די טויזנטער זלאָטעס. האט זיך אָנגעהויבן א טויש־געשעפט. זיי האָבן פארלאנגט נאר שטאָפן, אדער אזעלכע זאַכן, וואס מען האט שוין אויפן פרייעם מארק מער נישט באקומען, באַזונדערס — צוקער און קאווע (צוויי ארטיקלען, וואס זענען באלד פון ערשטן טאג אָן פארשוונדן פון מאַרק און עס איז אויך געווען פארבאטן צו האנדלען מיט דעם), איז אויב א יידישער דאָרפגייער האט געוואָלט מצליח זיין אין דאַרף, האט ער באַדאַרפט מיטנעמען אביסל שטאָף, זאַלץ, צוקער — ווי א טויש־מיטל פאר תבואה, אדער פאר פלייש, הינער, אייער.

מיט איין וואָרט, דער האנדל האט געהאט גרויס דערפאלג. עס זענען געווען יידן אין ראדאמישלע, וואס האבן נאך קיינמאל אזוי גוט נישט פארדינט, ווי דאַן, ביי די דייטשן. באַזונדערס אין די ערשטע צייטן, ווען די קאָנטראָל אויף די וועגן איז נאָך נישט געווען אַזאַ שטרענגע.

ביי דעם שמוגל־האַנדל האט זיך ספעציעל אויסגעצייכנט זלמן שטארך, וועלכער איז פאַרן קריג אליין געווען א בעל־עגלה און ווידער גענומען ס׳פערד מיטן וועגעלע, אָנגעהויבן קודם צו פירן פארשוינענע קיין טארנע אין זיין בויד־וואָגן (ווי ביי גרושטשינסקי). פריער האט ער געהאָט בשותפות מיט חיים וואָלף אייזענבערג. חיים וואָלף איז אָבער אנהויב מלחמה אנטלאָפן קיין רוסלאַנד, איז זלמן שטארך אליין געבליבן ביים פיאקער. ער האט אבער באלד געזען, אז פון פירן פארשוינען, וועט מען פיל נישט האבן. איינמאָל איז צו אים געקומען יחיאל בראנד, א זון פון שיעלע בראנד און אים פאָרגעשלאָגן, אז ער זאל פירן תבואה קיין טאָרנע. יחיאל בראנד האט נישט געהאט קיין דערלויבניש אויף צו פירן תבואה קיין טאָרנע, האָט ער איינגעזען, אז צום בעסטן וועט זיין צוצוציען זלמן שטאָרכן, וועלכער האָט גלייך, פאר א גוטן פרייז, מסכים געווען. זלמן האט גוט געקענט דעם גאנצן וועג קיין טארנע און געוווסט גענוי, ווו עס שטייען וואכן, אדער פאָליציי, וועלכע זוכן שמוגל וועגעלעך. דאס געשעפט האט טאַקע אָנגעהויבן מצליח צו זיין קאָלאָסאַל. זלמן האט אבער נישט מער געוואָלט זיין א פיאקער, נאר ווערן זעלבשטענדיק אין דעם „געשעפט". האט יחיאל בראנד פאָרגעשלאָגן זלמנען צו ווערן צו אים א שותף. זלמן האט פארשטאנען, אז צום מסחר און נעמען א פרייז וועט יחיאל בראנד בעסער טויגן פון אים. אזוי זענען יחיאל בראנד מיט זלמן שטארך געוואָרן שותפים און דאס געשעפט איז אוועק. די צוויי יידן זענען אין גאר קורצער צייט ממש רייך געוואָרן.

שפעטער איז די גאנצע פאָליציי — סיי די פוילישע, סיי די דייטשע — וואס האט פאַטראָלירט אויפן וועג, געוואָרן אפגעקויפט און געלעגן ביי אים אין קעשענע.

אנדערע, וואס האָבן געפרווט מיטן זעלבן געשעפט, האבן עטלעכע מאל מצליח געווען, אבער גלייך אריינגעפאלן מיט א וועגעלע סחורה, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן. דער ייד האט דאַן געדאַנקט גאָט, אז ער קומט ארויס א לעבעדיקער און מיט גאנצע ביינער, ווייל חוץ וואס די פאָליציי פלעגט די סחורה קאָנפיסקירן, פלעגט זי נאך שלאָגן מכות רצח, שפעטער אויך שיסן, אָדער פארשיקן אין א לאַגער.

אבער יידן האבן ווייטער ריזיקירט, ווייל דער בעסטער פארדינסט איז געווען פון שמוגלען קיין טארנע. די גרויסע שטאָט האט באַדאַרפט א טאָג טאָגנען מיט מעל, פלייש און אייער. ראדאמישלער יידן זענען געווען פון די פאַרזאָרגערס פאר טאָרנע.

צוליב דעם, זענען די פרייזן פון עסנווארג אויך אין ראַדאָמישלע געשטיגן. דאס שטיקעלע ברויט און דאס ביסל צוקער אויף קאָרטן האט נישט געסטאַרטשעט אפילו אויף איין מאָלצייט, איז נישט געווען קיין ברירה, נאָר צו קויפן „שוואַרץ". און שווארץ האט געהייסן א סך געלט. די יידן, וואס האבן אליין געהאנדלט, האט עס נישט אויסגעמאַכט, אבער פאר אנדערע איז די לאַגע נעבעך געווען א ביטערע.

נאך עטלעכע וואָכן זיין אין שטעטל האָבן די דייטשן געשאַפן א „יודן־ראט". ווען דער אָרטס־קאָמענדאַנט האט אָנגעהויבן איינצופירן זיין הערשאַפט, האט ער געברויכט א גוטן דאָלמעטשער, וועלכער זאָל אים העלפן אין זיין ארבעט. דאס איז געוואָרן דער יידישער פליט פון דייטשלאַנד — משה גרין, א ברודער פון דעם הויכן יאנקל. משה גרין איז געווען יאָרן אין דייטשלאַנד און ווען מען האט די פוילישע יידן אויסגעוויזן קיין זבאָנשין (נאך אין 1938), איז ער געווען צווישן זיי. האָבנדיק א ברודער אין ראדאמישלע, איז ער געקומען צו אונדז אין שטעטל. איינמאל האט אים געטראָפן

דער נייער דייטשער שטאָט־קאָמענדאַנט און גענומען אים אלס דאָלמעטשער. נאָך עטלעכע טעג האט ער אים דערטיילט די פולמאַכט צו שאַפן א „יודען־ראַט". די ערשטע אויפגאבע, וואס משה האט באקומען, איז געווען אויפצוזאמלען פאר דער דייטשער קאָמענדאַטור בעטן, בעט־וועש, טישטעכער און בכלל הויז־ווירטשאַפט פאר דעם קאמענדאנט מיט זיינע משרתים. דאס איז געווען דער ערשטער רויב, די ערשטע קאָנטריבוציע, וואס יידן האבן געמוזט צוזאַמענקלויבען אין ראַדאָמישלע פאר די דייטשן.

מיט א צייט שפעטער איז דאס פארטיילן לעבנס־מיטל קאָרטן פאר דער יידישער באפעלקערונג אויך איבערגעגעבן געוואָרן דעם יודען־ראַט. משה גרין האט אבער נישט געקאנט מער פירן אַליין אלע יידישע ענינים, האָט ער צוגענומען צו הילף ירמיהו לייבאָוויטש, וועלכער איז שפעטער געוואָרן דער הויפט־פאָרשטייער פון יודען־ראַט.

דער יודן־ראַט האט בלויז פארטיילט די קאַרטן. דאס לעבנסמיטל האט מען באקומען פארקויפט פאר געלט (אויף גאר ביליקע פרייזן) אין ספעציעלע געשעפטן. די דערלויבניש צו פארקויפן שפייז אויף קאַרטן, האט די יידישע געשעפטן געגעבן די מעגלעכקייט צו האלטן אויך „שוואַרצע" שפייז. חוץ דעם האבן די שפייז־סוחרים שוין געזאָרגט דערפאַר אז פון יעדן זאק צוקער, אדער מעל, וואס זיי האבן פארקויפט אויף קאַרטן, זאָל פאר זיי בלייבן עטלעכע קילאָ סחורה „מאַנקאָ". פון די „מאַנקאָ" האָט מען גֶעהאַט מער פרנסה, ווי פון גאנצן זאק. דער יודן־ראט האט דעריבער איינגעפירט, אז יעדן חודש זאָלן 2—3 אנדערע סוחרים באקומען דאס רעכט צו טיילן אויף קארטן, בכדי יעדער זאָל קאָנען געניסן פון די פריווילעגיעס.

ביטער איז אבער געווען די יידן, וואס האבן נישט געקאָנט צוקויפן „שוואַרץ" קיין ברויט, אָדער צוקער, געמוזט אויסקומען מיט די צוגעטיילטע ראַציעס. און געווען זענען אזעלכע גענוג אין שטעטל, כאָטש די ווירטשאַפטלעכע לאַגע איז אין שטעטל געווען א סך א בעסערע אין די ערשטע צייטן פון אָקופּאציע, ווי פאַרן קריגס־אויסברוך, אָבער מצליח גֶעווען האבן גראָד די יעניקע, וואס זענען פריער געווען גרויסע אָרעמעלייט. פיל פון די וואס זייער לאַגע איז פארן קריג געווען א גוטע, האבן פשוט נישט געקאָנט זיך צוגעוווינען צום שוואַרצן האנדל און צו די טויש־געשעפטן מיט די פויערים. געווען אויך ארעמעלייט וואס פאר דער מלחמה האבן זיי נאָך תמיד צוזאַמענגעקראַצט עפּעס צו עסן, אבער ביי דעם יקרות ווען די פרייזן פאר ברויט זענען געשטיגן אין די הונדערטער זלאָטעס, האט דאס אין דער ערשטער ריי גֶעטראָפן אין ארעמעלייט.

אין דער צייט איז ביים יודען־ראַט געשאַפן געוואָרן די אזוי גערופענע „אפיעקאַ ספאלעטשנאַ" („סאציאלע שוץ"), וועלכע האָט געהאט די אויפגאבע צו זאָרגן פאַר דער ארעמער באפעלקערונג. צו דעם צוועק איז געשאַפן געוואָרן א יידישע פאָלקס־קוך אין הויז פון די יידישע יאטקעס אין דער יידישער גאַס. דער לייטער פון דער אקציע איז געווען מלך גראס און גֶעהאָלפן אים האט דערביי מיין קוזין יחזקאל אייזלאנד. זיי האָבן אָרגאַניזירט א יידישע פאָלקס־קיך, ווו מען האט יעדן טאג געקאָכט מיטיקן און די נויטבאדערפטיקע האבן באקומען געקאָכטע עסנס. באַזונדערס האט זיך די קוך ארויס־געוויזן פאר וויכטיק, ווען קיין ראַדאָמישלע האָבן אָנגעהויבן

קומען ארויסגעשיקטע פון מיעלעץ, דעמביץ, קראָקע און פון די דערפער. די יידישע פאלקס־קוך איז געווען טעטיק ביז צום לעצטן טאג פון יידיש־ראדאמישלע.

די קוך איז געווען דער איינציקער שיינער אויפטו פון יודען־ראַט. זייער שנעל האָט דער יודען־ראַט זיך פארוואנדלט אין א מכשיר אויף צו פייניקן. מיטן יודען־ראַט האבן זיך די דייטשן באַנוצט אויף ארויסצובאקומען פון די יידן געלט, סחורות, שקלאַפן־אַרבעטער.

ת.

אין חודש נאָוועמבער, אָדער דעצעמבער, האָט מען דער יידישער באפעלקערונג צוויסן געגעבן דורך א צירקולאר, אז אלע יידישע מענער וועלן דאַרפן גיין אָפּאַרבעטן אין אַן ארבעטס־לאַגער אויף 2 יאָר. דער דאָזיקער צירקולאָר האָט געמאַכט א שרעקלעכן איינדרוק. געהייסן האט עס, אז די רעגיסטרירונג וועט פארקומען אין די נאָענסטע טעג. אבער דערצו איז קיינמאָל נישט געקומען. אַפנים אז אין בערלין האָט מען שנעל איינגעפּאַקט דעם דאָזיקן פלאַן און די הויפּט־קעפּ האבן שוין געטראַכט וועגן אן „ענד־לעזונג". די פאַר־העלטנישמעסיק שטילע צייט פון דעם בארימטן „שווארצן זונטיק" ביז דער מיטיילונג וועגן צוואַנגס־ארבעט, האָט דעם עולם גֶעמאַכט אביסל פאַרגעסן אין ווען מען העט מען געפינט זיך. באַזונדערס נאָך דעם, ווי יידן האבן ווידער געקאנט האנדלען. דער דאָזיקער צירקולאָר האט אלעמען ווי אויפ־געוועקט פון שלאָף.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און א צווייט מאל האט מען אונדז דערמאנט, אז די דייטשן האבן א ספעציעלן פלאן פאר יידן. דער דייטשער קאָמענדאַנט אין טאָרנע האט ארויס־געגעבן די פאַראָרדנונג, אז יידן דארפן טראגן דעם ספעציעלן „יודען־צייכן" — א מגן־דוד אויפן לינקן אָרעם. די גזירה האט זיך שנעל אריבערגעטראגן צו אונדז און אין א געוויסן טאג, אין חודש יאַנואר 1940, זענען אלע יידן אין ראַדאָמישלע ארויס אין גאס מיט א ווייסן אָרעם־באַנד און אן אויסגעשטריקטן מגן־דוד אויפן לינקן אָרעם. עס זענען געוואָרן אויסגעהאָנגען פלאקאטן, אז וועלכער ייד וועט נישט טראָגן די „אָפּאַסקע", וועט ווערן שטרענג באַשטראָפט, ביז פאַרשיקט ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. צום ערשטן מאל האבן מיר געהערט וועגן קאָנצענטראַציע־לאַגער, נישט אָפּגעבנדיק זיך נאָך קיין דין־וחשבון וואס דאָ איז אזוינס.

די יידישע פרויען האבן באַקומען באשעפטיקונג: צו נייען „אָפּאַסקעס" און שפעטער אויך זיי צו וואַשן, ווייל די שטאָפענע „אָפּאַסקעס" זענען זייער שנעל שמוציק געוואָרן.

פלייסיקע פאבריקאנטן אין טאָרנע האבן איינגעזען, אז מען קאָן ביי די „אָפּאַסקעס" מאַכן געשעפט און באלד האבן זיך באוויזן אין די געשעפטן פאַרטיקע „אָפּאַסקעס" מיט א געדרוקטן מגן־דוד, במקום אויסגעשטריקטע. די „אָפּאַסקעס" האָבן אַבער געהאַט אן אנדער צרה: יעדעס מאל נאכן וואשן איז דאס געדרוקטע געוואָרן בלאסער און בלאסער, ביז נאכן 4־טן — 5־טן וואשן איז שוין נישט געבליבן קיין זכר פון דעם מגן־דוד. יידישע קעפּ רוען אבער נישט. אויב ס'זענען נישט גוט קיין געדרוקטע בענדער אויף שטאָף, האבן זיי ארויסגעלאָזט אויפן מאַרק „אָפּאַסקעס" פון א מין גומי און דאס האָט מען בכלל נישט באדארפט וואשן, בלויז אביסל א וויש געבן מיט א פייכט טיכל. מיט דער צייט זענען דערשינען אין גאָס פארשידענע מינים „אָפּאַסקעס": קליינע

און גרויסע, אַזעלכע וואָס מ'האָט געקאָנט אַביסל פאַרשטעלן זי זאָל נישט אַזוי אויפפאַלנדיק זיין אין גאַס. האָבן די דייטשן אַרויס געגעבן אַ באַפעל, אַז מען דאַרף טראָגן נאָר ווייסע „אַפּאַסקעס" און איבערן גאַנצן אָרעם. דאָס האָט אַביסל געשטערט די ראַדאָמישלער יידן, וואָס פלעגן גיין אין דאָרף, אָדער פאָרן קיין טאַרנע איינקויפן סחורות, ווייל אַן „אַפּאַסקע" האָט תמיד פון דערווייטנס אָנגעלאָקט אַ פוילישן אָדער דייטשן פּאָליציאַנט צו מאַכן אַ רעוויזיע ביים יידן וואָס ער פירט. יידן האָבן אָבער ווייטער ריזיקירט, אַרויסגעפאָרן קיין טאַרנע, אָדער געלאָפן האַנדלען אין דאָרף און אַראָפּגעצויגן די „אַפּאַסקע". איך, צום ביישפּיל, פלעג נאָך דעם ווען מען האָט שוין נישט געברויכט קיין „פּאַסיר־שיין" אויף צו פאַרלאָזן ס'שטעטל, דינגען אַ פויער, אָדער צוויי, אויף צו פירן דאָס איינגעקויפטע אייזן־וואַרג. אַליין פלעג איך זיך אַרויסלאָזן קיין טאַרנע אויפן ראָווער און גלייך אונטער דער שטאָט פלעגַ איך באַהאַלטן די „אַפּאַסקע" אין קעשענע. פון איין זייט איז דאָס געווען אַ גאָר גרויסע ריזיקע. טאָמער מען האָט געכאַפּט און די דייטשן האָבן דערקענט, אַז עס איז אַ ייד, איז געווען ביטער; אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט זיך די „אַפּאַסקע" געוואָרפן שוין פון דער ווייטנס אין די אויגן אַריין און דאָס איז געווען נישט בעסער. באַזונדערס האָט זיך אָנגעהויבן דערביי אויסצוצייכנען די פוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט אָנגעהויבן איבערצושטייגן די דייטשן.

דער ערשטער ווינטער צוזאַמען מיט די דייטשן האָט זיך אָנגעהויבן און מיט אים — נייע צרות. קוילן איז בכלל נישט געווען צו קריגן אין שטעטל. ביי שאול בעטהייל איז געווען אַ גאָר קנאַפּער זאַפּאַס און צו ברענגען פון דרויסן איז נישט געווען מעגלעך, ווייל דאָס וויכטיקע קריגס־אַרטיקל איז באַלד פאַרשוואונדן פון מאַרק. דאָס האַקן האָלץ אין וואַלד איז געוואָרן פאַרבאָטן פון די דייטשן. זיי האָבן דאָס האָלץ געברויכט פאַר זיך. דאָס אַריינפירן האַלבע קלאָפּטערס האָלץ ווי ראַדאָמישלער יידן זענען געוווינט, איז איצט מער נישט מעגלעך געווען. געווען הייזער, ווו מען פלעגט אָנגרייטן האָלץ נאָך אין זומער, כדי עס זאָל אין די זומער־חדשים גוט אויסטריקענען. אָבער נאָר די גבירים האָבן זיך עס געקאָנט דערלויבן, די אָרעמעלייט האָבן זומער געברויכט דאָס געלט אויף אַנדערע זאַכן. איז אַ גאָר גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג געבליבן אָן הייץ־מאַטעריאַל.

גויים האָבן אויסגענוצט די לאַגע און אָנגעהויבן אַריינצופירן בינטעלעך האָלץ. פאַר דער מלחמה, אַז די ערשטע פרעסט האָבן אָנגעהויבן אָנצוקלאַפּן אין די שויבן, האָבן זיך די אָרעמעלייט געריסן און געשלעפּט די בינטלעך האָלץ. איינער האָט געריסן דעם אַנדערן פון אונטער דער האַנט. נאָך דעם, ווי מען האָט זיך גוט אָנגעשלאָגן מיט די אַרומיקע און גוט אויסגעדונגען מיטן פויער, בשלום געבראַכט צו שלעפּן די פּאָר שטיקלעך האָלץ אַהיים, האָט דאָס האָלץ נישט געוואָלט ברענען, ווייל עס איז געווען נאַס.

איצט איז די זאַך נאָך ערגער געוואָרן, ווייל מען האָט בכלל נישט דערלויבט צו האַנדלען מיט האָלץ און די פויערים, וואָס פלעגן יאָ אַריינשמוגלען אַ פּאָר בינטלעך האָלץ, פלעגן שינדן די הויט.

אין זיידנס הויז, נעבן דעם מאַגיסטראַט, האָט געוווינט אונדזערס אַ ידיד ראובן שלאַנגענקאָפּף — אַ זון פון גבריאל שלאַנגענקאָפּף. ער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד קיין זבאָנשין און דאַן געקומען מיט זיין פרוי (ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער) קיין ראַדאָמישלע צו זיין פאָטער. דער ייד האָט שנעל אויפגעגעסן זיין ביסל קליינגעלט, וואָס ער האָט באַוויזן מיטצוברענגען פון דייטשלאַנד און ער איז געוואָרן אַזאַ אָרעמאַן, אַז ער האָט פּשוט נישט געהאַט אויף עסן.

די שלאַנגענקאָפּס האָבן אַזוי פיל געליטן פון דער קעלט, אַז זיי פלעגן ליגן גאַנצע טעג אין די בעטן. איך פלעג פון צייט צו צייט אַריינקומען צו זיי, ווייל הינטערן הויז האָבן מיר געהאַט אַ סקלאַד, וואָס האָט געהערט צום אייזן געשעפט. איך פלעג זיך ביי זיי בעטן, אַז זיי זאָלן ביי טאָג אַריבער קומען צו אונדז אין הויז, ווו ס'איז געווען וואַרעם, אָבער זיי האָבן בלויז געדאַנקט און נישט געוואָלט אַרויסגיין. זיין פרוי איז געווען אַ שעמעדיקע, איז זי בעסער געבליבן אין בעט, געליטן קעלט און הונגער. דער ראובן פלעגט אויך זיין פון די לויפערס אין מאַרק צו זוכן עטלעכע בינטלעך האָלץ. טיילמאָל פלעג איך אים אויסטוישן עטלעכע נאַסע בינטלען האָלץ, אויף טרוקענע.

אַזאַ לאַגע איז געווען אין אַ סך יידישע הייזער אין ראַדאָמישלע.

אין אַ געוויסן טאָג האָט יאָסל בלעכער געבראַכט צו פאַרקויפן אַ נייעם סאָרט אויוון, וואָס מען דאַרף נישט קיין האָלץ און נישט קיין קוילן נאָר... זעגעכץ. איך ווייס נישט גענוי צי דער „פּאַטענט" האָט געשטאַמט פון אונדזערע ראַדאָמישלער בלעכער, אָדער זיי האָבן עס געגנבעט ביי אַנדערע, אַ פאַקט: דער אויוון אויף זעגעכץ איז געווען אויסגעצייכנט און דאָס האָט געגעבן אַ וווּנדערבאַרע וואַרעמקייט. נעבן ראַדאָמישלע איז אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג אויפגעשטעלט געוואָרן אַ טאַרטאַק, וואָס האָט געזעגט האָלץ אויף ברעטער פאַר דער גאַנצער געגנט. ביי זיי האָט זיך אָנגעקליבן מיט דער צייט אַ גאַנצער באַרג מיט זעגעכץ און זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס דערמיט צו טון. ביז עס איז דערפונדן געוואָרן דער פּאַטענט פון דעם אויוון אויף צו הייצן מיט זעגעכץ.

דאָס איז געווען אַ מין רונדער אויוון, געמאַכט פון דיקער בלעך, מיט אַ לאָך אין מיטן. אין דעם לאָך האָט מען אַריינגעשטעלט אַזאַ רונדן שטעקן און גוט גוט אָנגעפּאַקט מיט זעגעכץ. ווען עס איז שוין געווען פול געפּאַקט, האָט מען אַרויסגעשלעפּט דעם שטעקן און דאָס זעגעכץ האָט זיך אַזוי געהאַלטן אין מיטן פון אויוון־פּעסל. דאָס האָט מען אַריינגעשטעלט אין אַ צווייטן פּאַס, וואָס איז געווען הערמעטיש פאַרמאַכט און געבונדן מיט אַ בלעכענער רער אַרויס אין קוימען. ווען דער אויוון איז געוואָרן גוט צוגעמאַכט, האָט מען פון אונטן אונטערגעהייצט דאָס זעגעכץ, פלעגט עס גאַנץ לאַנגזאַם ברענען זייער פיל שעהן. דאָס האָט געגעבן זייער אַ שטאַרקע היץ און אין צימער איז דערפון געווען אַ מחיה וואַרעם.

די „פאַבריק" פון די אויוונס האָט געהאַט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג און די בלעכערס האָבן געהאַט שיין פרנסה פון דער פּראָדוקציע.

מאַטעריאַל פאַר די אויוונס האָט געליפערט מיין פאָטער ז"ל און אַנדערע אייזן־געשעפטן. שפּעטער, ווען עס איז געוואָרן אַ מאַנגל אין נייע בלעכן, האָט מען אָנגעהויבן

אויסצוארבעטן פון אלטע אייזערנע פעסער. באזונדערס גוטער מאטעריאל דערצו איז געווען פון קאַרביט־פעסער. „קאַרביט" איז אויך געווען א קריגס־ארטיקל אין ראַדאַמישלע. נאָך דעם, ווי נאַפט איז געוואָרן נישט צו באַקומען, האָבן סוחרים געבראַכט צו פירן אין שטעטל לאָמפּן, וואָס ברענען אויף קאַרביט. דאָס איז אזא מין לאָמפּ אָן א גלעזל, וואָס די קוילנגרעבער נוצן. דאָס האָט געגעבן א גוטע ליכט, אבער שלעכטע לאָמפּן האָבן שרעקלעך געשטונקען און פאַרשאַפט קאָפּ־שמערצן. מיין פאָטער האָט געבראַכט פון טאַרנע א נייעם סאָרט לאָמפּן, וואָס איז געווען זייער הערמעטיש געשלאָסן און האָט בכלל נישט געגעבן קיין ריח. דערפאַר האָט מען עס געכאַפּט ווי מצה־וואַסער. דעם קאַרביט פלעגן מיר ברענגען אין ספּעציעלע אייזערנע פעסער און די זעגעכץ געווען ווי געוואונטשן פאַר די אויוונס פון זעגעכץ.

אזוי האָבן זיך צווי ספּעציפישע מלחמה'דיקע הילפס־מיטלען צוזאַמענגעפּאָרט און געהאָלפן דער באַפעלקערונג צו לעבן צווי אזעלכע וויכטיקע גויטן ווי ליכט און וואַרעמקייט.

קאַרביט האָט מען באַקומען, וויפיל מען האָט נאָר געברויכט. דאָס האָבן די דייטשן געבראַכט פון דייטשלאַנד בשפע און פאַרקויפט פאַר דער באַפעלקערונג אָן באַגרענעצונג.

נישט געווען קיין הויז, ווו עס איז נישט געווען קיין אויוון אויף זעגעכץ. פון אנהייב האָט דער בעל־הבית פון טאַרטאַק געהאַט גענוג מאַטעריאל און פאַרקויפט וויפל מען האָט נאָר געוואָלט. ער האָט ממש געדאַנקט, וואָס מען נעמט עס ביי אים צו. אבער שנעל האָט זיך אויך זיין זאַפּאַס אָנגעהויבן אויסלאָזן, און ס'איז באַשטאַנען די גֿעפאַר, אז באַלד וועט זיך אויסלאָזן די וואַרעמקייט. דעריבער האָט זיך אנגעהויבן א כאַפּעניש אויף דעם זעגעכץ און ווי געוויינלעך ביי א כאַפּעניש, איז דער פּרייז געשטיגן פון וואָך צו וואָך. שפּעטער האָט דער טאַרטאַק באַקומען האָלץ צום שניידן פון די דייטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן ארויסצופירן קיין דייטשלאַנד געשניטן געהילץ און זעגעכץ איז געווען גענוג. אבער דער פּרייז איז שוין געבליבן א הויכער.

נישט איינמאָל פלעג איך ארויספאָרן קיין רידע, ווו דער טאַרטאַק איז געווען — און איינקויפן פאַר דער גאַנצער משפחה זעגעכץ. דאָס צווייטע און דריטע יאָר פון דער מלחמה האָבן מיר זיך אָנגעגרייט נאָך אין זומער עטלעכע וועגעלעך זעגעכץ. וואָס זיכער איז זיכער. ביי דער „אויסזידלונג" פון ראַדאַמישלע, איז נאָך ביי אונדז אויפן הויף געבליבן א היפּש ביסל פון דער סחורה.

ט.

דער ערשטער ווינטער פון קריג, האָט מיטגעבראַכט מיט זיך א נייע צרה. די דייטשן האָבן „אויסגעזידלט" אלע פּאָליאַקן פון פּויזנער געגנט און זיי צעשפּרייט איבערן גענעראַל־גאָווערנאַמענט. אויך ראַדאַמישלע האָט באַקומען א „פּאַרציע" פּליטים פון פּויזנער קאַנט, — אלע אנטיסעמיטן. פיל יידן האָבן געמוזט זיי אריינעמען אין זייערע הייזער. דאָס איז נאָך געווען האַלב צו דערליידן. אבער געווען פון זיי אזעלכע יידן־שונאים, וואָס האָבן זיך גלייך פאַרקויפט צו די דייטשן און אָנגעהויבן מיט זיי מיטצוארבעטן, באזונדערס — מסרן פאַר די דייטשן ווען יידן פלעגן עפּעס ארויסשמוגלען פון שטאָט, אדער קויפן פלייש. די דאָזיקע פּליטים זענען געוואָרן א גרויסע פּלאָג פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַדאַמישלע. אַ שגץ פון זיי, וואָס איז שפּעטער געוואָרן א פּוילישער פּאָליציאַנט, האָט געדינט די דייטשן בלב ונפש. זיין נאָמען איז געווען פּיעלאַך. דער דאָזיקער פּיעלאַך האָט זיך שפּעטער באַרימט געמאַכט מיט זיין אכזריותדיקייט לגבי יידן. מ'האָט פאַר אים מער מורא געהאַט, ווי פאַר געסטאַפּאָ. ביים ארויספירן די יידן פון ראַדאַמישלע האָט ער זיך אקטיוו באַטייליקט מיט שיסן יידן. ער פלעגט אויך אויף אייגענער האַנט מאַכן אַבלאַוועס אין די וועלדער, ווו יידן זענען געווען אויסבאַהאַלטן און זיי אומברחמנותדיק אויסשיסן. דאָס איז געווען א מערדער, וואָס די וועלט האָט עס נישט געזען. ליידער איז אים געלונגען צו פאַרשווינדן נאָך דער מלחמה און צו אנטלויפן פון משפט צדק.

געווען א צווייטער פּליט, וואָס מען האָט גערופן „דאָס לאָמע הענטל", אַן אינוואַליד אויף איין האַנט, וואָס האָט אים תמיד געשטעקט אין אַן ארבל. דער דאָזיקער אינוואַליד האָט זיך באַרימט געמאַכט ביי דער דייטשער און פּוילישער פּאָליציי, וואָס ער פלעגט אויפשטיין פאַרטאָג און ארומגיין איבער די געסלעך ארומזוכן עפּעס א וועגעלע מיט סחורה, א גרייטע זיך צום שמוגלען קיין טאַרנע. שטיל פלעגט ער זיך צוגנבענען צום וועגעלע און פאַרלאַנגען זיין „שוויג־געלט". אויב מען האָט אים נישט געוואָלט געבן, פלעגט ער איבערלאָזן זיינס א חבר ביים וועגעלע און אליין איז ער אוועק אויף דער פּאָליציי מסרן, אז ער האָט געפּאַקט א וואָגן מיט תבואה, אדער פלייש, אדער אנדערע זאַכן.

דאָס „לאָמע הענטל" איז געוואָרן א שרעק אין שטעטל. מען האָט פשוט פאַר אים געציטערט, ווי פאַר פייער.

אנפאַנג ווינטער, ווען דער שניי האָט אָנגעהויבן צו באַדעקן די ערד, איז די דייטשע קאָמענדאַטור אוועק פון שטעטל צוזאַמען מיט דער דייטשער פּאָליציי און זיי האָבן געלאָזט די הערשאַפט אין די הענט פון דער פּוילישער פּאָליציי. בלויז איין דייטשער פּאָליציאַנט, מיט גאָר ווייניק פּולמאַכטן, איז געבליבן אין שטעטל. ער האָט געזאָלט דינען ווי א מין קאָמענדאַנט פאַר דער פּוילישער פּאָליציי, אבער אליין טעטיק איז ער נישט געווען.

האָט דעם ערשטן ווינטער פון קריג געהערשט פּאַקטיש בלויז די פּוילישע פּאָליציי. אבער זייער הערשאַפט איז נישט געווען בעסער, ווי פון די דייטשן.

די „ארויסגאַנג־שפּערע" איז געווען נאָך 9 אזייגער אין אוונט. איינמאָל האָט זיך געמאַכט, אז איך, מיט יחזקאל פּיסטראַנג און יחיאל קאָך, זענען געגאַנגען שפּאַצירן אין אוונט איבערן מאַרק. איידער מיר האָבן זיך ארומגעקוקט איז דער זייגער שוין געווען 15 מינוט נאָך 9. ווי פון אונטער דער ערד האָט זיך באַוויזן פאַר אונדז דער פּוילישער פּאָליציאַנט שטשעמפּעק און אויסגעשריגן: „שטיין בלייבן!" אנשטאָט שטיין צו בלייבן האָבן מיר דריי געהויבן פּיס — יעדער אין דער ריכטונג צו זיך אהיים. געפּאַקט האָט ער אונדז נעבן לייבעלע גוטווירטס געשעפט. שטשעמפּעק האָט זיך גראַד געלאָזט לויפן נאָך יחיאלן און געהאַלטן אין איין שרייען: „סטוי, סטוי, פּאַרשיווי זשידשע!". יחיאל, הערנדיק דאָס, האָט גענומען נאָך שנעלער לויפן און מורא האָבנדיק אריינצולויפן צו זיך אין הויז, איז ער אוועק אין געסל נעבן ברוך געלדצייגלער, אין דער ריכטונג צו דער שול. דער פּאָליציאַנט האָט געכאַפּט דעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסן.

יחיאל איז אבער פלינק אריבערגעקראָכן דעם פלויט צו ראובן גראס אין הויף און דאָרט זיך באהאלטן אין א שאַפע.

אן אנדער מאָל האט מיר פּאַסירט א פאל ווידער מיט א פוילישן פּאָליציאַנט — אויך אין א אָוונט, נאָך 9 א זייגער. איך האב באַגלייט א מיידל א היים און געבליבן נאָך אביסל שטיין מיט איר נעבן הויז. וואקסט אויס א פאליציאנט און שרייט, אז עס איז שוין „נאַכט־שפּערע" פאר יידן. איך בין שנעל אריין מיטן מיידל אין הויז און מיר האבן צוגעמאַכט דעם ריגל. איך האָב געהאָפט, אז ער וועט באַלד אוועקגיין און דאַן וועל איך קאָנען שנעל צולויפן צו אונדז אהיים. דער פאליציאנט האט אפּנים פארשטאנען, אז איך געהער נישט צו דעם הויז. האט ער צוגעוואַרט אין דרויסן. נאָך א האלבער שעה האב איך לאַנגזאַם אויפגעמאַכט ס'טויער כדי אהיימצוגיין. כאַפּט מיך אָן דער פּאָליציאַנט ביים אָרעם, שלעפּט מיך ארויס פון הויז און הייבט מיך אָן צו שלאָגן מכות רצח: אין קאָפּ, איבערן פּנים, געקאָפּעט. איך האָב זיך אָבער פון אים ארויסגעריסן, שנעל געמאַכט פליטה און בין געקומען אהיים אָן היטל, מיט אַ צעריסענעם זשאַקעט און אַ צעבלוטיקט פּנים.

די דייטשן האבן געהאט זייער גוטע פארטרעטערס אין דער פוילישער פּאָליציי. זיי האבן זיך גוט געקאָנט פארלאָזן, אז וואס שייך יידן, וועט די פוילישע פאליציי דאס בעסער מאכן ווי זיי.

די פוילישע פאליציאנטן ווי שטשעמפּקע, לישעוויטש און קוואשניקעוויטש און אנדערע, וועלכע זענען געווען אין שטעטל נאָך פון פאר דער מלחמה, האבן גראַד דאַן אָנגעהאַלטן זייער גוטע באציונגען מיט די יידן. אבער ווען די דייטשן זענען אריינגעקומען האבן זיי איבערגעדרייט זייער הויט און ארויס־געוויזן זייער אנטיסעמיטישקייט נאָך מער ווי די דייטשע אָקופּאַנטן. בעתן ארויסשיקן די יידן פון ראַדאָמישלע האבן די פוילישע פאליציאנטן מיטגעהאָלפן שיסן יידן און שפּעטער — די יידן, וואס האבן זיך געראטעוועט אין די וועלדער. באזונדערס אכזריותדיק זענען זיך באגאנגען שטשעמפּקע, לישעוויטש און דער טרויעריק־בארימטער פּיעלאַך דער פליט, וועלכער איז שפּעטער גאר עולה לגדולה געווען ביי די דייטשן.

פארטאג, אזוי ווי מען האט שוין געקאָנט ארויספאָרן פון שטעטל און די ערשטע פּיאַקערס האבן זיך געוואָלט רירן, זענען זיי ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן און געמאַכט רעוויזיעס. פארשטייט זיך, אז קיין טריפה זאכן האָבן נישט געפעלט אין וואָגן. געווען תמיד פלייש, אייער, פוטער. זייער מעטאָדע איז געווען: צוגעקומען צום וואָגן, האָבן זיי געהייסן יעדן אַראָפּגיין און אָנגעהויבן ארויסצוואַרפן די פעקלעך פון אונטער די געזעסלעך. תמיד האט זיך שוין ווער געפונען, וועלכער האט אָנגעהויבן מיט די פאליציאנטן צו האנדלען, צוגעזאָגט „לאַפּוווקע". פיל מאל איז געלונגען מיט עטלעכע הונדערט זלאָטעס זיי אפּצוקויפן, אז זיי זאלן אפילו נישט אויפמאַכן די פעקלעך. אבער אנדערע מאל האבן זיי דורכויס פארלאנגט מען זאל אויפמאכן די פעקלעך און לויט דעם וואס איז אין זיי געווען — פארלאנגט אַ פּרייז פאר יעדער זאך באזונדער.

דער ערשטער ווינטער איז געווען א שנייאיקער און די שאָסייען זענען שנעל באדעקט געוואָרן מיט שניי. די דייטשע אויטאָס האבן נישט געקאָנט זיך באַוועגן אין טיפן שניי. איז געקומען א באפעל צו דער פוילישער פאליציי, אז זיי זאָלן וואס שנעלער אַראָפּשאַרן דעם שניי אין דער מיעלעצער און טארנער גאס און צו דער ארבעט נעמען בלויז יידן. די פוילישע פּאָליציי האט נאר געוואַרט אויף אזא באפעל און גלייך געגאנגען פון הויז צו הויז, ארויסגענומען א 50—60 יינגע חברה מיט לאָפּאַטעס און ארויסגעשיקט אויף די שאָסייען אַראָפּצורייניקן דעם שניי. זיי פלעגן ארויסנעמען יעדן טאָג א פארטיע יידן פון די הייזער אויף א גאנצן טאג צו רייניקן דעם שניי.

אבער נישט געקוקט אויף דעם אלעם איז דער ערשטער ווינטער געווען א פארהעלטניסמעסיק רואיקער. קיין דייטש האט מען נישט געזען אויף קיין רפואה, חוץ דעם איינציקן דייטשן פאליציי־קאָמענדאַנט.

די פארטייען און אָרגאַניזאציעס האבן זיך גלייך ביים איינמאַרש פון די דייטשן געשלאָסן. ביים אויסברוך פון דער מלחמה זענען אין ראדאמישלע געווען עטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאציעס: „עקיבא", „בית"ר", „השומר הצעיר" און די „ליגע פארן ארבעטנדיקן א"י". די פרומע יוגנט האט טיילוויז געהערט אין אגודת ישראל און מזרחי, וועלכע האט אבער ביים אויסברוך פון דער מלחמה נישט געהאַט קיין אייגענעם לאָקאַל. די ליגע פארן ארבעטנדיקן א"י האט געהאט פיל מיטגלידער און זייער לאָקאַל איז געווען דאָרט ווו מענדל האניג האט אמאל געוווינט נעבן קלמן אייזיק אויפן הויף. דער בית"ר האט געהאַט זיין לאקאל ביז צום סוף ביי יאנקל גרין אין הויז. דער „יודען־ראַט" האט עס צוגענומען און דאָרט אויפגעמאַכט זיין רעזידענץ.

נאָך געווען א לאָקאַל פון די סתם־ציוניסטן מיט ד"ר שפּיגל בראש. זייער לאקאל איז געווען ביי יצחק זיס אין הויז, אין דער וואל־גאס.

„השומר הצעיר" האט זיך לעצטנס קאָנצענטרירט אין די לאָקאַלן פון דער ליגע פארן ארבעטנדיקן א"י און „עקיבא" — נעבן די סתם־ציוניסטן.

ביים אריינמאַרש פון די דייטשן האבן זיך אלע לאָקאָלן פארמאכט. מען האט אויך נישט מער געטוישט קיין ביכער אין דער יידישער ביבליאטעק, נאר יעדער האט זיך אהיים גענומען עטלעכע ביכער און די יוגנט האט צווישן זיך געטוישט די ביכער. דאס חבריש־געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אבער נישט אָפּגעשטאָרבן. די יוגנט האָט אויסגעמעקט אלע אידעאָלאָגישע קאַמפן, וואס האָבן פריער געהערשט צווישן די פארטייען, זיך פאראייניקט און געזוכט אַ פּאַסיקן פלאַץ ווו צוזאַמען צו פארברענגען. אזא פלאַץ האבן מיר געפונען ביי דער שמאַיאָווען אין דער צוקערניע. די שמאַיאָווע האט געהאט א צוקערניע אין נפתלי ווייס הויז, נעבן הערשל קארטאָגענער. די צוקערניע איז געווען דורכגעטיילט מיט א הילצערן ווענטל און דאָרטן אין דעם צווייטן טייל פון געשעפט, האבן מיר, די יוגנט געבוירענע אין די יאָרן 1919־20־1921, זיך פארזאמלט יעדן אוונט (אבער נישט די פרומע). פון אנהייב האבן די צוזאמענטרעפן געדינט ווי א פלאַץ פאר פארשידענע אונטערהאַלטונגען. אינטערעסאנט, אז דיסקוסיעס האבן בכלל אויפגעהערט. ערשטנס איז מען געווען אָפּגעריסן פון דער גאנצער וועלט, קיין צייטונג, קיין ראַדיאָ. מיר האבן בכלל נישט געוווּסט וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט. פון צייט צו צייט פלעגט אריינפאלן אין אונדזערע הענט א דייטשע צייטונג, וואס אלע האבן אויף איר געקוקט ווי אויף

א קוואל פון שקרים. פון דער דאָזיקער צייטונג האָט מען גאָרנישט געקאָנט וויסן. האָט די יוגנט בכלל נישט געהאָט איבער וואס צו דיסקוטירן. די פאַרטייאישע דיפערענצן פון פאַרן קריג זענען אָפּגעווישט געוואָרן און די הויפּט־טעמע איז געווען: ווען וועט היטלער איינעמען א מיתה־משונה און ברעכן דעם קאָפּ? יעדנס ווונטש איז געווען, אז דאָס זאָל וואס גיכער קומען. שנעל איז אבער די יוגנט מיד געוואָרן פון די דאָזיקע צוועקלאָזע געשפּרעכן און א געוויסן שבת נאָכמיטיק האָט ווער פון דער חברה מיטגעבראַכט א פּעשל קאָרטן און מ׳האָט אָנגעהויבן צו שפּילן.

מיר, געוועזענע פירער פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, האָבן געפּרוווט זיך אַנטקעגנצושטעלן. דאָס לעבן איז אבער געווען שטאַרקער. מיר האָבן גאָרנישט געהאָט אָנצובאָטן דער יוגנט במקום די קאָרטן. עפּעס וואס זאָל זיי אָפּלענקען פון די צרות, וואס זאָל ביי זיי אַרויסרופן אַן אינטערעס. זענען צוביסלעך אַלע געכאַפּט געוואָרן אין שפּילן, אַלץ האָט געשפּילט. אבער געשפּילט האָט מען נישט קיין האַזאַרד, נאָר רעמי, אָדער ברידזש, נישט אויף קיין הויכע סומעס געלט.

ווען עס איז אבער געקומען שבת אין אָוונט און מען האָט נאָך נישט געטאָרט אָנצינדן קיין ליכט, האָט חברה זיך אָוועקגעזעצט אויף די טישן, אויף די בענק, אפילו אויף דער ערד און געמאַכט אַן עונג־שבת מיט געזאַנג, ווי א מאָל אין די גוטע צייטן אין די אָרגאַניזאַציעס. יעדער פון אונדז האָט זיך פאַרטראַכט און אָוועק מיט זיינע געדאַנקען צוריק, אין דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען מען איז געזעסן אין לאָקאַל און געחלומט וועגן עליה קיין ארץ־ישראל. „ווער ווייס צי מיר וועלן נאָך בכלל זוכה זיין צו הערן, אָדער צו זען ארץ־ישראל?״. — אבער ווי נאָר מען האָט אָנגעצונדן ס׳ליכט, האָט חברה זיך גלייך א לאָז־געטאָן צו די פּעשלעך קאָרטן, געלעבט מיטן היינטיקן טאָג.

פון צייט צו צייט האָבן זיך בלויז אַדורגעריסן ידיעות אין שטעטל וועגן כאַפּן יידן אין אַרבעטס־לאַגערן, ווו מען פּייניקט און מען שלאָגט ביז טויט. עס זענען אָנגעקומען ידיעות אז ביי דעמביץ האָבן די דייטשן געמאַכט א לאַגער, וואס רופט זיך „פּוסטקאָוו״ און עס פאָרן אַרום ס״ס אין די אַרומיקע שטעטלעך צו כאַפּן יידן פאַר דעם דאָזיקן לאַגער. געגנוי וואס עס טוט זיך אין דעם לאַגער האָט מען פון אָנהייב נישט געוווּסט, עס איז אבער גענוג געווען, אז מען זאָל דערמאָנען דאָס וואָרט „לאַגער״, עס זאָל א ציטער דורכגיין דורך די ביינער.

פלעגן קומען יידן פון טאָרנע, דעמביץ, אָדער דאַמבראָווע און דערציילן, אז דאָרטן זענען שוין פאָרגעקומען אַבלאַוועס אויף יידן און יעדעס מאָל האָט מען צוגענומען עטלעכע צענדליק יידן, בעיקר יוגנט, קיין פּוסטקאָוו, אין לאַגער.

די שמועות וועגן א באַפאַרשטייענדיקער אַבלאַווע זענען געווען גענוג, אז די יוגנט זאָל זיך געבן א לאָז אַרויס איבער די דערפער, זיך אויסצובאַהאַלטן.

אין א געוויסן אָוונט איז געקומען א ייד פון מיעלעץ מיט א ידיעה, אז היינטיקע נאַכט איז באַשטימט אַן אַבלאַווע אין ראַדאָמישלע. מיר, הערנדיק אַזא ידיעה, האָבן גלייך געכאַפּט עפּעס מיט זיך און אַרויס איבער די פעלדער אין העשקעס וואַלד, ביז קיין דאָמביע. געגאַנגען זענען מיר: איך און יחזקאל אייזלאַנד (פּעטער שיעס), זיין ברודער יקותיאל, מיין ברודער יקותיאל. ביים אַרויסגיין פון שטעטל זענען נאָך צוגעשטאַנען צו אונדז: ראובן און יוקל האַנד (די בעקערס) און יחזקאל גראַס. דער לעצטער איז געווען א שטיקל דאָרפס־גייער נאָך פון פאַרן קריג און גענוי געקענט די וועגן. ער האָט גלייך געראָטן, אז מיר זאָלן לויפן אין דאָרף דאָמביע, ווו ער האָט א באַקאַנטן גוי וואָס וועט אונדז באַשטימט אַריינלאָזן. אינדרויסן איז געווען א קעלט, א פראָסט. מיר זענען אבער געווען גוט אָנגעטאָן און געלאָזט זיך אין וועג אַריין.

קומענדיק נאָך העשקעס וואַלד, האָבן מיר דערהערט א גערויש פון פערד דערנענטערן זיך. מיר גיבן א קוק — הינטער אונדז רייטן 4 מאַן, צוויי פּוילישע און צוויי דייטשע פּאָליציאַנטן. אַך און וויי איז אונדז געוואָרן — אַנטלאָפן פון פייער און אַריין אין פלאַם. וואס טוט מען דאַ? ראובן האַנט האָט א געשריי געטאָן: „חברה, שנעל צוריק אין וואַלד״. מיר אַלע זענען אַראָפּ פון שליאַך און דורך פעלדער שנעל צוריק אין דער ריכטונג פון וואַלד. אַפּנים אז די דייטשן האָבן אונדז דערהערט און אָנגעהויבן צו שרייען, אז מיר זאָלן שטיין בלייבן. ווי די ווילדע, איז יעדער פון אונדז געלאָפן וואס שנעלער צום וואַלד. א גליק, אז דער וואַלד איז נישט געווען ווייט און מיר האָבן באַוויזן צוצוקומען. מיר האָבן נאָך געהערט די שאָסן, וואס די פּאָליציי האָט אונדז נאָכגעשאָסן. אבער מיר זענען שוין געווען אין וואַלד. ווען עס איז שטיל געוואָרן, האָבן מיר זיך ווידער צוזאַמענגענומען. איצט איז פאַר אונדז שוין נישט געווען קיין שום צווייפל, אז אין שטעטל איז באַשטימט אַן אַבלאַווע אויף יידן. האָבן מיר ממש אָנגעהויבן צו לויפן קיין דאָמביע. געקומען בשלום קיין דאָמביע און געפונען דאָס הויז, ווו דער באַקאַנטער גוי פון יחזקאל גראָס האָט געוווינט, איז א סטאַדע הינט אונדז באַפאַלן — אט־אט צערייסן זיי אונדז אויף שטיקער. מיר דערהערן א געשריי פון א באַבע: „ווער איז דאָרט?״ יחזקאל האָט באַלד דערקענט איר קול און געגעבן איר צו וויסן, אז ער איז עס. זי האָט צוזאַמענגענומען אירע הינט און אונדז אַלעמען אַריינגעפירט אין הויז. אין הויז האָבן מיר געפונען דעם גוי, ווי ער שטייט ביים טיר מיט א שווערער אייזערנער האַק אין האַנט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אז ער האָט נאָך פריער געזען דורכרייטן די פּאָליציי און ווען ער האָט דערהערט בילן די הינט, האָט ער געמיינט, אז די דייטשן זענען געקומען צונעמען א בהמה, אָדער א קעלבל. איז ער געווען גרייט זיי אויפצונעמען מיט א האַק אין האַנט.

דערווייל האָבן מיר געפונען א דאַך איבערן קאָפּ. אבער אַן אומרואיקייט האָט אונדז אַלעמען באַהערשט. ווייל: וואס פּלוצלינג, האָבן זיך דאַ אַרומגעדרייט פּוילישע און דייטשע פּאָליציי? דאַ וווינען דאָך נישט קיין יידן, וואס מען גייט זיי כאַפּן קיין פּוסטקאָוו? מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואס עס טוט זיך דאַ.

דער גוי האָט אונדז אויסגעבעט אויף שטרוי אין א צווייטן צימער, אבער פון שלאָפן האָט קיינער נישט געקלערט.

די נאַכט איז אַדורך בשלום. אינדערפרי איז דער גוי געקומען זאָגן, אז אין דאָרף איז שטיל. נישט געקוקט דערויף זענען מיר געווען אומרואיק און געבעטן ביים פויער, אז ער זאָל אַריינשיקן זיין זון אין שטעטל געוווּיר ווערן וואס דאָרט טוט זיך. ער האָט איינגעשפּאַנט א פערד און געשיקט דעם

זון. נאָך 2 שעה איז דער זון צוריק געקומען און דערציילט, אז אין שטעטל איז גאַנץ רואיק, אַלץ אין בעסטן אָרדנונג. ערשט דאַן האָבן מיר זיך גענומען קלייבן אין וועג אַריין צוריק אהיים. געקומען אין שטעטל, האָבן מיר נאָר געזען ווי פון אַלע זייטן קומען צוריק פאַרשידענע גרופּעס יוגנטלעכע וואָס זענען גענוי ווי מיר אַנטלאָפן צו אַ באַקאַנטן גוי אין דאָרף זיך אויסצובאַהאַלטן. געגלייבט צו גאָט, אז דאָס מאָל איז מען נאָר אָפּגעקומען מיט בלויזער שרעק.

דאָס זעלבע לויפן האָט זיך אין שטעטל איבערגעחזרט עטלעכע מאָל דעם זעלבן יאָר, ביז די ריכטיקע אַבלאַווע איז געקומען גראָד דאַן, ווען קיינער האָט זיך דערויף נישט געריכט.

געווען איז דאָס סוף זומער 1940. אַ געוויסן שיינעם זונטיק, די זון האָט געשיינט מיט איר פולער הערלעכקייט; שוין אַ צייט, ווי אין שטעטל איז געווען רואיק און מען האָט שוין כמעט נישט מער גערעדט פון קיין אַבלאַוועס.

מיין מוטער ע״ה האָט אַרויסגענומען די בעטן און מאַטראַצן און געוואָלט אַ ביסל זויבער מאַכן פאַר די יום־טובים. זי האָט מיך געבעטן, היות ווי איך בין זונטיק פריי פון געשעפט, אז איך זאָל איר אַ ביסל העלפן ביים אַרויסטראָגן די מאַטראַצן אויפן גאַניק. איך האָב זיך געפונען אין שטאָקיקן הויז, וווּ דאָס אייזן־געשעפט און די שענק זענען געווען.

פלוצלינג — איך גיב אַ קוק אויפן מאַרק: דאַכט זיך אז עס לויפן עטלעכע יידן און שרייען עפּעס פון דערווייטנס. איך האָב קוים געקאָנט הערן. דאָס סתּם לויפן איבערן מאַרק איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג, ווייל אויב מען האָט ביי פראַנדעל גרין אין דער מיעלעצער גאַס דערזען אַ דייטשן אויטאָ דערנעענטערן זיך צום שטעטל, האָט מען באַלד געגעבן סיגנאַלן. דער סיגנאַל איז באַשטאַנען פון איין וואָרט „הולך״. דאָס איז געווען אַ וואָרט, וואָס האָט געמאַכט גליווערן ס׳בלוט אין די אָדערן, דאָס האָט געהייסן — מען דאַרף אַפּציען, מען דאַרף שנעל גיין, ווייל עס דערנעענטערן זיך דייטשן. עס איז גענוג געווען אימיצער זאָל אפילו אויף שפּאַס געבן אַ געשריי „הולך״, אז דאָס גאַנצע שטעטל יידן זאָל אַנטלויפן אין די באַהעלטענישן. דער גאַנצער מאַרק און די יידישע גאַס זענען געוואָרן אויסגעליידיקט, ווי אָפּגעשטאָרבן. און ביז די געפאַר איז נישט פאַרביי, זענען יידן נישט אַרויס פון די באַהעלטענישן.

אויך דעם דאָזיקן זונטיק האָב איך געטראַכט, אז דאָס לויפן איז אַ „הולך״־סיגנאַל, וואָס פיל מאָל האָט עס בלויז געהייסן, אז אַ דייטשער אויטאָ איז דורכגעפאָרן ס׳שטעטל.

דאַסמאָל אָבער האָט דאָס לויפן אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער. מען לויפט פון אַלע זייטן און מען שרייט עפּעס. נישט מער „הולך״, נאָר עפּעס אַנדערש, וואָס איך האָב נישט גענוי פאַרשטאַנען. איך גיב אַ קוק ווידער אויפן מאַרק: פון דער בית־המדרש גאַס פאָרט אַרויס אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ מיט דייטשן און פלוצלינג שטעלט ער זיך אָפּ ביי צעראַלעס צוקערניע. פון אויטאָ האָבן זיך אַרויסגעלאָזט עטלעכע צענדליקע ס״ס־סאָלדאַטן און מיט אַ געלויף אַריין אין דער יידישער גאַס.

איך לויף אַראָפּ אונטן. אין גאַס אַ געלויפעניש, אַ געשרייעניש: „געוואַלד, אַן אַבלאַווע!״ גענויע פּרטים האָט קיינער נישט געוווּסט, יעדער איז געלאָפן וווּ נאָר ער האָט געקאָנט. אַלע פון אונדזער געגנט האָבן זיך אַ לאָז געגעבן

אין דער ריכטונג פון העשקעס וואַלד, אין פעלד אַריין. און דאָס איז גראָד געווען דער טעות.

איך האָב עפּעס נישט געהאַט קיין חשק צו לויפן מיט אַלע און בין געלאָפן דורך אונדזער געסל אין דער יידישער גאַס אַריין, פון דאָרט גענומען לינקס און גלייך אַריינגעלאָפן אין קאַסטורקעוויטשס הויף, וווּ די פּאָסט איז געווען. דער הויף פון קאַסטורקעוויטשן האָט זיך געצויגן פון טאַרנער גאַס, ביז העט צו די פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער ריכטונג צו העשקעס וואַלד. אין עק פון דער יידישער גאַס, וווּ די משפּחה שפּאַץ האָט געוווינט, איז געווען אַ ברייטער טויער — אַן אַריינפאָר פאַר די וועגענער און בהמות פון קאַסטרוקיעוויטשן. אויפן הויף זענען געווען שטאַלן און שאָפּעס. נישט טראַכטנדיק קיין סך, בין איך אַריין אין דער ערשטער שטאַל פון די בהמות. אויפן הויף איז געווען שטיל, קיינעם האָט מען נישט געזען. אָבער פון אַ צווייטער סטאָדאָלע האָט אַרויסגעקוקט אַ קאָפּ פון אַ שגץ. דער שגץ איז עס געווען מיין מלאך המות.

בשעת מעשה האָב איך גאַרנישט געטראַכט וועגן דעם שגץ, בלויז געזוכט עפּעס אַ פּאַסיקן פּלאַץ אין שטאַל זיך צו באַהאַלטן. אין שטאַל זענען געווען עטלעכע קי, אָבער אַלץ איז געווען אָפן און ס׳איז נישט געווען קיין ווינקל, וווּ איך וואָלט זיך געקאָנט באַהאַלטן פאַר די ס״ס. נאָר אין איין ווינקל איז געשטאַנען אַ קעלבל, אָפּגעצוימט מיט אַ לייכט ווענטל, דאָס גאַנצע ווינקל איז געווען פול מיט שטרוי. איך האָב נישט פיל געטראַכט און אַריבער איבערן ווענטל, אַריינגעקראָכן צום קעלבל אין זיין „סאַלאָן״. איך האָב אָפּגעשאַרט אַ היפּש ביסל שטרוי און זיך ממש איינגעגראָבן אין שטרוי, באַדעקט זיך איבערן קאָפּ. איצט בין איך געווען זיכער, אז קיינער וועט מיך דאָ נישט געפינען. און קיינער וואָלט מיך נישט געפינען, ווען דער פאַרשאָלטענער שגץ וואָלט מיך נישט געמסרט.

איך בין אין שטרוי געלעגן באַשטימט איבער אַ האַלבער שעה. פלוצלינג פיל איך, ווי עמעצער קריכט איבערן ווענטל. איך הויב אויף מיינע אויגן דורכן שטרוי: — ווײ איז מיר! — אַ מיליטערישע היטל, מיט אַ טויטן קאָפּ און די צוויי באַרימטע דייטשע בוכשטאַבן „ס־ס״. „נו, — טראַכט איך — איצט בין איך אַ פאַרלוירענער״.

דער ס״ס מאַן שטייט שוין נעבן מיר, בלויז אַ ביסל שטרוי צווישן אונדז ביידע. דאָס קעלבל האָט אָנגעהויבן שפּרינגען און מויקען, אָבער דער ס״ס מאַן האָט געגנישטערט אין שטרוי ביז ער האָט מיך געפונען. איך האָב דערפילט ווי ער כאַפּט מיך אָן מיט זיינע שווערע הענט און הייבט מיך אין דער הויך, שלעפּט מיך אַרויף און מיט אַ קראַפט וואַרפט ער מיך נעבן די בהמות אין שטאַל, אין מיסט אַריין. איך האָב געהערט אַ הילכיק געלעכטער פון אַ צווייטן ס״ס־מאַן, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט ביי די בהמות. דער צווייטער ס״ס איז צו צו מיר מיט אַ געשריי און אַ געוואַלד: „דו פערפלוכטער יודע, וואָ האָסט דו דיך פערשטעקט?״. און באַלד דערויף דערלאַנגט ער מיר מיט אַ שווערן קאַנטשיק, אז איך האָב אָנגעהויבן שרייען פאַר ווייטיק. דאָס האָט אים נאָך מער צערייצט און ער האָט נאָך מער מיך געשלאָגן ביז דער ערשטער ס״ס־מאַן איז אַריבערגעקומען און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ריכטיקער שדים־טאַנץ אַרום מיר. ביידע ס״ס־לייט האָבן מיך מיט זייערע רימענס געשלאָגן ווי נאָר זיי האָבן געטראָפן: פּנים, פּלייצע, נאָך דערצו צוגעקאָפּעט

מיט זייערע שווערע שטיוול. ס׳בלוט איז ביי מיר גערונען פון פנים און די שמערצן זענען געווען נישט צום אויסצוהאַלטן.

די צוויי מחבלים האָבן דערזען בלוט ביי מיר, האָבן זיי מיך אביסל אפגעלאזן און געזאָגט איך זאָל אויפשטיין, גיין מיט זיי. איך האָב געפרווט אויפצושטיין — גייט נישט! זיי האָבן מיך אזוי צעשלאגן, אז איך האב זיך קוים געקאָנט רירן. האָבן זיי דערלאנגט נאָך עטלעכע קאָפּעס מיט זייערע שווערע שטיוול און מיט אלע כוחות האב איך זיך געגעבן א שטעל אויף, גענומען גיין. אבער מער ווי צוויי שריט בין איך נישט אומשטאנד געווען צו גיין. איך האָב באלד דערפילט ווי מיין קאָפּ גיט זיך א פארדריי און בין געפאַלן אין חלשות. ווען איך בין אויפגעקומען, האב איך בלויז געפילט ווי איך בין אינגאנצן נאַס. די באנדיטן האָבן מיך באגאסן מיט אן עמער.

האב איך ווידער אָנגעהויבן צו גיין און די ס״ס הינטער מיר. זיי האבן מיך געשטורקעט פון הינטן מיט זייערע ביקסן. ארויסגייענדיק פון שטאַל, האב איך דערזען שטיין דעם זעלבן שגץ ביים טיר א שטראַלנדיקן. דאן איז מיר קלאר געוואָרן, אז דאס איז געווען זיין שטיקל ארבעט. די דייטשן האבן אים געקלאַפּט איבערן פּלייצע און אנגעבאָטן א ציגארעט.

איך בין ארויס פון הויף אין דער יידישער גאַס. פון אלע זייטן האבן ס״ס געפירט יידן צעשלאגענע, צעהארגעטע. עטלעכע ס״ס האבן ארויסגעפירט פון יאסל האנדס געסל א גרויסע גרופּע יידן, — דאס זענען געווען די, וואס זענען געלאָפן אין פעלד אריין זיך באהאלטן. קיינער האט נישט געאָנט, אז די שטאָט איז ארומגערינגלט פון אלע זייטן און די אלע, וואס זענען געלאָפן זיך אויסבאהאלטן צווישן די זאנגען, אָדער אין וואַלד, האט מען געכאַפּט. די ס״ס האבן שוין געוווסט, אז יידן לויפן אין די דערפער, האבן זיי ארומגערינגלט ס׳שטעטל פון אלע זייטן.

מיט געשרייען און שלעגעריי האט מען אונדז אלעמען געפירט איבער הינטערגעסלעך, ביז מען האט אונדז געבראכט אין מאַרק אריין.

אין מארק זענען שוין געווען אנגעזאמלט צענדליקער יידן. און פון אלע זייטן האָט מען נאָך אַלץ געפירט. דער זאַמל־פונקט איז געווען אין מאַרק, ביים ארייננגאנג אין געסל צו דער טמאה, נעבן לויפבאנס געשעפט.

די פארזאמלטע זענען געווען ארומגערינגלט מיט א שטאַרקער וואַך פון ס״ס־לייט. עטלעכע אָפיצירן פון ס״ס האבן געמאַכט א סעלעקציע.

נאכדעם ווי זיי האבן שוין געהאט אוועקסאָרטירט עטלעכע צענדליק יידן, באזונדערס — יונגע חברה, האט א ספעציעלע גרופּע סאָלדאַטן זיי ארומגעצוימט, אפגעציילט ביז 30 מאן. דאן איז צוגעקומען א לאַסט־אויטא און מיט געשריי און געשלעג האט מען ארויפגעיאָגט די גרופּע מענטשן אויפן אויטא. ווען דער אויטא איז געוואָרן פול, האָט מען שנעל צוגעמאַכט די טיר און עטלעכע ס״ס, מיט מאשין־געווער אין האנט, האבן זיך אויך ארויפגעזעצט נעבן זיי צום היטן. דער אויטא איז גַעפאָרן אין דער ריכטונג צו דער בית־המדרש גאָס. איצט איז שוין געווען קלאָר, אז מען פירט אונדז אלעמען אין לאגער פוסטקאוו.

די דייטשן האבן פאַרלאָדנט עטלעכע אויטאס מיט יידן און אוועקגעפירט אין לאגער פוסטקאוו. מיר זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אין מאַרק און געווארט אויף אונדזער ריי. געהייסן האט עס, אז מיר וועלן דא וואַרטן ביז די אויטאס וועלן צוריקקומען פון פוסטקאוו און דאַן וועט קומען אונדזער ריי.

נאך א היפש ביסל צייט זענען צוגעלאָפן צו אונדז, די נאך געבליבענע אופין מארק, עטלעכע ס״ס לייט מיט שטעקענעס און רימענס אין די הענט, אריינגעפאלן צווישן אונדז, ווי די ווילדע חיות און געשלאגן אויף לינקס און אויף רעכטס. מען האט בלויז געהערט ווי זיי שרייען: „לאָס, פארשווינדעט, איר פערפלוכטע יודן״.

די גאַנצע מחנה, וואס איז נאך געבליבן אין מאַרק, האט זיך א לאָז געטון לויפן, ווי איינער האט נאר געקאנט. די ס״ס חיות — נאך אונדז. אונדז נאכגעלאָפן, געשריגן און געשלאָגן. נאך מיר איז נאכגעלאָפן דער זעלבער ס״ס־זעלנער, וואס האט מיך געפונען אין שטאַל. א־פּנים עס האט אים פאַרדאָסן וואס מען לאָזט מיך פריי. ער האָט פריער אלע זיינע חברים צוגערופן, געוויזן אויף מיר און זיי דערציילט, ווי אזוי ער האט מיך געפונען ביים קעלבל אין שטרוי.

מיט די לעצטע כוחות בין איך געלאָפן אין דער ריכטונג צו אונדז אהיים. איך האָב בלויז געפילט, ווי יעדעס מאָל פאַלט אויף מיינע פלייצעס א קאַנטשיק, געהערט ווי דער ס״ס מאן שרייט: „וואַרט, ווארט, — דען נעכסטען מאל ווירסטו ניכט געשאָהנט בלייבן״... איך בין געלאָפן ביז איך האב געפילט, אז דער ס״ס־מאן איז פון מיר צוריק צו זיינע חברים. מיט די לעצטע כוחות בין איך אריין אין אונדזער הויז.

דאס מאל בין איך ניצול געוואָרן פון זייערע הענט. אויך זענען באפרייט געוואָרן מיינע צוויי קוזינס, יחזקאל און יקותיאל. אבער צענדליקער אנדערע יידן זענען גענומען געוואָרן דעם טאָג קיין פוסטקאוו. תשעה באב האָט געהערשט אין שטעטל.

יא

צומארגנס אין דער פרי האט אין שטעטל געקאָכט, ווי אין א קעסל. מענטשן האָבן געוואָלט הערן, וואס עס טוט זיך, טאמער איז ווער איבערנאַכט צוריקגעקומען פון דעם שרעקלעכן לאַגער און קאָן דערציילן, וואס דאָרט טוט זיך און וואס עס האט פּאסירט מיט אונדזערע ראדאמישלער ברידער. א גאנצע נאַכט נאָך דער אבלאווע האט קיינער נישט געוואגט ארויסצוגיין אין גאס, ווייל די מורא איז געווען גרויס טאמער ס׳קומען די ס״ס צוריק אין שטעטל. אין אנדערע שטעטלעך האט פּאסירט, אז אזעלכע אבלאוועס זענען פאָרגעקומען איינע נאָך דער אנדערער. דאס איז געווען איינער פון הונדערטער טריקען פון די ס״ס, וועלכע האָט געוווסט, אז נאכדעם ווי די אבלאווע איז פארביי, וועלן יידן זיך פריי באוועגן אין די גאסן. אזוי זענען פיל שטעטלעך אריינגעפאלן: קיינער האָט זיך מער נישט געריכט אויף קיין אבלאווע גלייך אויף צומאָרגנס, די גאסן און דער מארק זענען געווען פול מיט יידן, האבן די ס״ס ווידער ארומגערינגלט ס׳שטעטל און תמיד איז זיי ביים צווייטן מאל בעסער געלונגען, ווי ביים ערשטן. אזעלכע ידיעות האבן זיך אריינגעגנבט אויך צו אונדז און דער עולם האט זיך גלייך נאך דער ערשטער אבלאווע באהאלטן טיף, יעדער אין זיין באהעלטעניש.

אין דער פרי זענען קודם ארויסגעגאנגען די פרויען און „אויסשפּיאָנירט די לופט״. נאכדעם, ווי ס׳האט זיך ארויס־

געוויזן אז עס איז שטיל אין שטעטל, האָבן לאנגזאם אָנגעהויבן ארויסקריכן פון זייערע באהעלטענישן אויך די מענער.

ביז מיטאָגצייט האָט מען גאָרנישט געהערט, קיינער איז נישט צוריקגעקומען און קיינער איז נישט אַנטלאָפן פון דאָרט. עטלעכע פרויען פון די געפאנגענע מענער האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן, געזוכט א פיאקער, וועלכער וועט וועלן מיט זיי פאָרן ביז צום לאגער, קיין „פוסטקאוו" — אפשר וועט געלינגען זיך צו טרעפן מיט זייערע מענער. די הויפּט־האָפנונג איז אבער געווען: צו קאנען באפרייען זיי.

מען האט באַלד געפונען א גוי, וועלכער האט פאר גוט געלט מסכים געווען צו פאָרן. גלייך האבן זיך געפינען אין וואָגן א זעקס פרויען, גרייט צו יעדער ריזיקא, אַבי צו באפרייען זייערע נאָענטע. יינג און אלט, ווער ס'האט גַעהאט א משפחה־מיטגליד אין פוסטקאוו, האָט זיך באַמיט איבער־צוגעבן צו איינער פון די פרויען, וועלכע זענען געפאָרן אין וואָגן א פעקל מיט עסן פארן מאַן, אָדער פאַרן זון. עס איז געווען א רחמנות — סיי אויף די פרויען, וואס זענען געזעסן אין וואָגן, סיי אויף די פרויען, וועלכע האָבן נעבעך געשטופּט די פעקלעך מיטן עסן פאר זייערע נאענטע. הארצ־רייסנדיקע סצענעס האבן זיך אפגעשפּילט ביז דער וואָגן העט גערירט אין דער ריכטונג צו דער בית מדרש גאס, איבער רידע קיין פשעצלאוו און פון דאָרט קיין פוסטקאוו.

לאַגער „פוסטקאָוו" איז געלעגן צווישן פשעצלאוו און דעמביץ. פארשידענע שמועות זענען געגאנגען וועגן דעם לאגער. די דייטשן האבן אפנים געהאט בדעה דאָרט אויפצו־בויען א לופט־פלאַץ, אדער א פלאַץ פאר געווער, דערצו האבן זיי געברויכט ארבעטס־הענט. האט מען געכאַפּט יידן.

אין לאגער האבן געהערשט שרעקלעכע באדינגונגען. פינצטערע באַראַקן אָן בעטן און אָן שעניקעס. יידן זענען געשלאָפן אויף דער הוילער ערד, מיט א קליין ביסל שטרוי אויסגעבעט, אפענע טירן און אָן פענצטער. צום עסן האט מען געגעבן א פּעניצל ברויט מיט א וואסערדיקער זופּ ווי אין אלע אנדערע לאגערן, אבער דאס ערגסטע אין דעם לאגער איז געווען די שווערע וואלד־ארבעט און דאס שלאגן מכות רצח פון די ס"ס־משגיחים, וועלכע האבן נאר געהאט איין אויפגאבע: וואס מער צו טרייבן די קרבנות ביי דער ארבעט. די נאהייקעס זענען געפלויגן איבער יידישע קעפּ.

נישט קיין ווונדער, אז יעדער האט אויסגעקוקט וואס שנעלער צו אנטלויפן פון דעם גיהינום, וואס שנעלער צו קומען א היים. אין די ערשטע צייטן איז נאך פוסטקאוו נישט געווען קיין טיפּישער לאגער מיט שטעכלדראט און עלעקטרישע צוימען. ער איז טאקע געווען ארומגעצוימט, אבער מ'האט שוין אויסגעפונען גענוג לעכער אין צוים און געמאכט פליטה.

דעם דריטן טאג נאָך דער אָבלאַווע אין ראדאמישלע זענען שוין א סך צוריקגעקומען אין שטעטל, אנטלויפנדיק פון לאגער. אך און וויי איז געווען צו יענעם, וועמען אן ס"ס־פּאָסטן האט דערווישטביים אנטלויפן. זיין לעבן איז שוין נישט קיין סך ווערט געווען. געשאסן האט מען אין יענער צייט נאך נישט, אבער קלעפּ האט מען אזוי פּיל באקומען, אז נישט יעדער האט געקאָנט אויסהאַלטן.

די פרויען, וואס זענען אהינגעקומען זוכן זייערע מענער, האט מען צו קיינעם נישט צוגעלאָזט. פונדערווייטנס האבן זיי נעבעך געקאָנט זען די אויסגעמאַטערטע יידן. באזונדערס האט די ס"ס געמאטערט די ניי־אנגעקומענע, געגעבן זיי באלד אנצוהערן וואס עס איז אזוינס א ס"ס־ארבעטס־לאגער.

איניקע עלטערע געפאנגענע יידן איז געלונגען צוצוקומען צו די פרויען. זיי האבן שוין געהאט מער דערפארונג און צוגעזאָגט איבערצוגעבן די פעקלעך עסן פאר די ראדאמישלער. די נאַיווע פרויען האבן איבערגעגעבן זיי די פעקלעך און אויפגעשריבן אויף יעדן פאר וועמען מען דאַרף עס איבערגעבן. אבער די אויסגעהונגערטע קרבנות, וועלכע זענען שוין פון לאנג געווען אין לאגער און גוט אויסגעהונגערט געווארן, האבן נישט געקאנט ביישטיין דעם נסיון און צוגענומען די פעקלעך פאר זיך. א טייל עסן בלויז איז דאָך אנגעקומען צו אונדזערע געפאנגענע.

מיט יעדן טאג זענען אַלץ מער ראדאמישלער אנטלאָפן פון פוסטקאוו און געקומען צוריך אהיים. צעריסענע, צעהאקטע און צעשלאגענע, זענען זיי צוריקגעקומען און אָנדערציילט זיך שרעקלעכע זאַכן פון לאגער. הערנדיק די אלע מעשיות פון פוסטקאוו, איז א שוידער דורך די ביינער.

דעם צווייטן דינסטיק, צום יריד, (די דייטשן האבן אפגעשאַפט דעם יריד דאנערשטיק און אים איינגעשטעלט אויף דינסטיק), איז פלוצלינג געוואָרן א געלויף אין מארק. יידן זענען געלאָפן אין די באהעלטענישן, נישט וויסנדיק קיינער, וואס עס איז געשען. מען האט געזען ארייַנפאָרן אן ס"ס־אויטאָ פון דער בית־המדרש גאס, אריבערפאָרן דעם גרויסן מארק און ארייַנפאָרן אין טארנער גאס צו יצחק זיס הויז (דעם טישלער). דאס איז שוין געווען גענוג, אז אלע יידן זאָלן לויפן שנעל אין באהעלטעניש. פון אויטא זענען ארויסגעגאנגען עטלעכע ס"ס־לייט מיט אן אפיציר און הינטער זיי — דער עלטסטער זון פון יצחק זיס, שמואל, וועלכער האט יארן לאנג געוווינט אין דייטשלאַנד.

שמואל איז אריין מיט די ס"ס צו זיי אין הויז. דאס גאנצע שטעטל איז געווארן פארציטערט: — וואס קומט דא אייגנטלעך פאָר? וואָס קאן דאָס באַדייטן? מיר האָבן געוווסט, אז שמואל זיס איז אויך געכאַפּט געווארן, בשעת דער אבלאווע, קיין פוסטקאוו. אבער וואָס זאָל דאָס הייסן: צו קומען מיט אן אויטאָ פון ס"ס אהיים?

באלד האט זיך אויפגעקלערט דאס רעטעניש. שמואל זיס איז געווען א רידעוודיקער בחור און גערעדט וווּנדערבארן דייטש, געהאַט א „געשליפן מויל". קומענדיק קיין פוסטקאוו האט ער זיך אָנגעהויבן ארייַנצודרייען צו דער ס"ס־קאמענדאַ־טור, כדי צו געניסן פון פארלייכטערונגען. מיט זיין דייטש־רעדן האט ער געמאַכט א רושם און האט גלייך געוואונען די ס"ס־חברה, געוואָרן ביי זיי א גאנצער יוצא ונכנס. ער האָט זיי צוגעזאָגט, אז ער קאָן זיי פארשאַפן, געגנדז, אייער, פוטער און אלץ, וואס זיי ברויכן. די ס"ס־לייט האבן מיט שמחה אָנגענומען זיין פּראָפּאָזיציע. איצט זענען זיי געקומען מיט אים קיין ראדאמישלע צום יריד איינקויפן די אלע זאַכן. די ס"ס האבן געצאָלט יעדן פּרייז. בכלל האבן זיי זיך נישט געמישט אין איינקויף און פאַרלאָזט זיך אויף שמואלן. שמואל ווידער האט געצאָלט יעדן פּרייז, וואס די פּויערים האבן פארלאנגט און די פּויערים האבן גערן פארקויפט זייער סחורה.

דורך שמואלן האבן יידן אָנגעהויבן אונטערצוהאנדלען וועגן בארפרייען פון פוסטקאוו און ס'איז אין א קורצער צייט געלונגען צו באפרייען כמעט אלע ראדאמישלער יידן. שמואל אליין האט זיך מיט דער צייט אויך באפרייט פון זיי, אבער ווייטער געבליבן מיט זיי אין קאָנטאקט. פארקערט — דער

קאָנטאַקט מיט דער ס״ס איז געוואָרן שפּעטער נאָך שטאַרקער. דער פאָטער, יצחק זיס מיט זיינע קינדער, וועלכע זענען געווען אַלע טישלער, האָבן טאָג און נאַכט געאַרבעט פאַר די ס״ס די שענסטע מעבעל, פון בעסטן מאַטעריאַל. כמעט יעדן דינסטיק איז אויך געקומען אַן אויטאָ פון פּוסטקאָוו איינקויפן געגנדז און אייער.

לאַנגזאַם האָבן די יידן צוגעווינט צום „פּוסטקאָווער ס״ס־אויטאָ״, וואָס פלעגט זיין גאָר אָן אָפּטער גאַסט נעבן יצחק זיס הויז. דער עולם האָט אויפגעהערט מורא צו האָבן אַזוי שטאַרק פאַר פּוסטקאָוו. מער קיין אַבלאַוועס פון די פּוסטקאָווער ס״ס זענען אין ראַדאָמישל׳ע נישט פאָרגעקומען. צי דאָס איז געווען און זכות פון שמואל זיס, איז שווער צו זאָגן.

פון די אַנטלאָפענע יידן זענען מיר געוווירר געוואָרן אַז וואָס פאַראַ שרעקלעכער לאַגע די דאָרטיקע יידישע געפאַנגענע געפינען זיך. געווען דאָרט יידן פון ווייטערע שטעטלעך און זייער אַנטלויפן איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת נפשות. היות ווי זיי האָבן נישט געקאָנט אַזוי לייכט אָנקומען אין זייער שטעטל און אויך נישט געהאַט וועמען עס זאָל זיך פאַר זיי משתדל זיין, זענען די יידן געבליבן שטאַבילע תושבים פון פּוסטקאָווער לאַגער, נעבעך געליטן הונגער און קעלט. האָבן זיך אין די אָרומיקע שטעטלעך נעבן דעמביץ־מיעלעץ געשאַפן אָרטיקע קאָמיטעטן צו הילף פאַר די פּוסטקאָווער קרבנות. די הילף איז באַשטאַנען אין צוברענגען אין לאַגער: ברויט, וואַרעמע קליידונג, ווי אויך געלט. דער עיקר אָבער — עסנוואַרג, ווייל מענטשן זענען פשוט אויסגעגאַנגען פאַר הונגער.

אויך אין ראַדאָמישל׳ע האָט זיך צו יענער צייט געשאַפן אַזאַ מין הילפסקאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען מיינסטנס פון יוגנטלעכע פון די אָרגאַניזאַציעס. איך קאָן זיך נישט גענוי דערמאָנען, ווער פון די יוגנטלעכע האָט געהערט צו דעם קאָמיטעט. ווי אַ מיטגליד פון דעם קאָמיטעט געדענק איך בלויז, אַז דער קאָמיטעט האָט זייער פיל אויפגעטאָן פאַר די געליטענע אין פּוסטקאָוו, מיר זענען געווען זייער אַקטיוו.

מיר האָבן אָרגאַניזירט גרופּעס און יעדע גרופּע האָט באַקומען עטלעכע גאַסן. אין אַ באַשטימטן טאָג האָבן זיך אַלע גרופּעס אַרויסגעלאָזט איבער די הייזער זאַמלען ברויט, צוקער, אָנטועכץ, ווי אויך געלט פאַר די קרבנות פון פּוסטקאָוו.

מיר האָבן געהאַט זייער גרויס דערפאָלג און ביים ערשטן מאָל האָבן מיר אָנגעזאַמלט אַזוי פיל ברויט און אַנדערע זאַכן, אַז מיר האָבן געמוזט דינגען אַ ספּעציעלן וואָגן, כדי דאָס אַוועקצופירן. מיט דער הילף פון שמואל זיס האָבן מיר באַקומען אַ דערלויבעניש דאָס אַריינצופירן אין לאַגער און צו פאַרטיילן צווישן די געפאַנגענע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָבן שוין געמאַכט בלויז פרויען, ווייל מענער האָבן אַלץ מורא געהאַט צו פאָרן קיין פּוסטקאָוו.

דער דערפאָלג פון דער דאָזיגער הילפס־אַקציע איז געווען אַזאַ גרויסער, אַז מיר האָבן באַשלאָסן ממשיך צו זיין מיט דער זאַמלונג און כמעט יעדע וואָך איז אַוועק קיין פּוסטקאָוו אַ טראַנספּאָרט מיט ברויט. איינמאָל האָבן מיר געמאַכט אַ ספּעציעלע געלט־זאַמלונג, פאַר דעם געלט איינגעקויפט ביי די בעקערס פריש ברויט און אַוועקגעשיקט עטלעכע זעק מיט פריש ברויט אַהין.

דער ראַדאָמישלער קאָמיטעט האָט זיך נישט צופרידנ־געשטעלט מיט זיין הילף אויפן אָרט. מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצופאָרן קיין דאָמבראָווע, כדי דאָרט צו אָרגאַניזירן אַזאַ קאָמיטעט. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ דעלעגאַציע אין וועלכער ס׳זענען אַריין: יענטע וואָלף, עטל פּאַדאָווער און איך. אַ געוויסן זונטיק אינדערפרי זענען מיר אַריינגעפאָרן מיט אַ פיאַקער קיין דאָמבראָווע. מיר האָבן געהאַט אַן אַדרעס פון איינעם פון די אָנפירער פון אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע און ער האָט צוזאַמענגערופן נאָך עטלעכע יונגטלעכע. גלייך אויפן אָרט האָבן מיר געשאַפן אַן ענלעכן הילפס־קאָמיטעט, ווי ביי אונדז. מיר האָבן זיך אָבער דערמיט נישט צופרידנגעשטעלט און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל גלייך דעם זעלבן טאָג דורכפירן אַ ברויט־אַקציע אין די הייזער, כדי מיר זאָלן גלייך קאָנען מיטנעמען מיט זיך דאָס ברויט. די דאָמבראָווער האָבן באַלד צוזאַמענגעשטעלט עטלעכע פאָרלעך און מען האָט זיך געלאָזט איבער די הייזער.

די ערשטע אַקציע זייערע איז אויך געווען אַ געלונגענע. מיר האָבן באַוויזן מיט זיך מיטצונעמען אַ היפּש ביסל פּראָוויאַנט קיין ראַדאָמישלע און געשיקט קיין פּוסטקאָוו. מיר האָבן מיט זיי אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן יעדע וואָך דורכפירן אַזאַ הילפס־אַקציע און אַריבערשיקן די געזאַמלטע פּראָדוקטן קיין ראַדאָמישלע, ווייל מיר האָבן שוין געהאַט מער דערפאַרונג ווי אַזוי אַריבערצופירן דאָס עסנוואַרג אין לאַגער.

די הילפס־אַקציע איז אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט און מיר האָבן באַוויזן אין דער צייט זייער פיל צו העלפן די אומגליקלעכע יידן אין לאַגער פּוסטקאָוו.

אַמאָל האָבן זיך פאַרשפּרייט עקשנותדיקע קלאַנגען, אַז ס״ס פון קרייז לובלין פאָרן אַרום איבער די יידישע שטעטלעך אין מערב־גאַליציע און כאַפּן יידן אין זייערע לאַגערן; און אונדזערע שכנים, די פּוסטקאָווער ס״ס, לאָזן זיך אין לובלינער געגנט און כאַפּן דאָרט יידן פאַר פּוסטקאָוו. דער שכל דערפון — האָבן יידן געטענהט — איז דער, אַז זיי ווילן וואָס ווייטער די יידן פאַרשלעפּן פון זייער וווין־ערטער, כדי זיי זאָלן נישט קאָנען אַזוי לייכט אַנטלויפן צוריק אַ היים. אַ פאַקט איז געווען, אַז וואָס ווייטער דער אַרבעט־לאַגער האָט זיך געפונען, אַלץ ערגער איז געווען צו אַנטלויפן.

די שמועות וועגן די „לובלינער־ס״ס״ און וועגן זייערע אַבלאַוועס האָבן אַ לענגערע צייט אָנגעהאַלטן אין שטעטל און די מורא דערפאַר איז געווען גרויס.

ביים מינדעסטן פאַרדאַכט זענען יידן געלאָפן אין די באַהעלטענישן. יעדעס הויז האָט געהאַט אַזאַ באַהעלטעניש, מיינסטנס — אויף די בוידעמס, אָדער אין די קעלערס. עס זענען געווען גוט־פאַרמאַסקירטע באַהעלטענישן, וואָס האָבן אָפּגעראַטעוועט פיל יידן ביי דער גרויסער אַבלאַווע קיין פּוסטקאָוו.

פיל מאָל האָט פּאַסירט, אַז נישט אַלע האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן אין די באַהעלטענישן און זיי זענען געפאַלן אַ קרבן פון פאַרשידענע ס״ס, אָדער געסטאַפּאָ־גרופּעס, וואָס זענען צופעליק אַדורך ס׳שטעטל. איינמאָל איז עפּעס אַ „זאָנדער־קאָמאַנדאָ״ דורכגעפאָרן און סתם זיך אָפּגעשטעלט אין ראַדאָמישלע אַ שפּיל צו געבן מיט יידן. ווי תמיד אין אַזאַ פאַל, איז דאָס שטעטל ליידיק געוואָרן. אָבער די מערדער איז דאָך געלונגען צו כאַפּן עטלעכע יידן און אין מיטן גאַס זיי דערשאָסן. אויף אַזאַ אופן זענען אומגעקומען: דער מלמד וויגדאָר פּינטשאָווסקי און זיין שכן פנחס (פּינטשע) גרין.

ביידע האבן געוווינט אין דער הינטער־גאס, ווו מען איז געגאנגען צו יאָסל האנטס בעקעריי. די באנדיטן האבן זיך געגעבן א ריס פון זייערע אויטאס און גלייך אריין אין דעם געסל, צוגעלאָפן צו וויגדאָר פינטשאווסקיס הויז. אריין אין שטוב און געכאַפּט וויגדארן שטיין אין טלית און תפילין דאווענען. דאס איז פאר זיי געווען עפעס א „מציאה". זיי האָבן אים ארויסגעשלעפּט פון שטוב מיטן טלית און תפילין, געשלאגן מכות רצח, געבונדן אים מיט די רצועות פון די תפילין און צום סוף געשאָסן אינמיטן גאַס.

פינטשע גרין האט עפּעס באַמערקט, אז עס רודערט זיך אין גאַס, האט ער געפּרווט ארויסצולויפן ערגעץ זיך צו באהאלטן און איז אריינגעפאלן צו די מערדער אין די הענט. זיין הויז איז געשטאַנען גענוי אקעגניבער דעם הויז פון וויגדאָרן. נאכדעם, ווי זיי האבן אים געשלאגן מכות רצח און ארומגעשלעפּט איבערן גאס, האבן זיי אים אויך גַעשאָסן און אזוי אינמיטן גאס געלאָזט ליגן ביידע קרבנות. נאָכדעם זענען זיי צוגעפאָרן צום יודן־ראַט און באפוילן ארויסצושיקן גלייך מענטשן צוצונעמען די צוויי קרבנות.

אזא זאך האט ארויפגעוואָרפן אַ פחד אויפן יידישן שטעטל. אזא זאך איז נאָך ביז דאן נישט געווען. דאן האבן מיר ערשט אנגעהויבן צו פילן, ווי אזוי אונדזער יידיש לעבן ווערט אינגאנצן הפקר.

אן אנדער מאָל איז דאס זעלבע געשען מיט די יוגנטלעכע וויגדאָר קעלער און דעם יונגן פנחס פיש, מיכל פיש׳ס א זון. סיי וויגדאָר קעלער, סיי פנחס פיש, זענען געפאלן קרבנות פון צופעליקע ארומזוכענישן פון יידן אויף דער גאַס.

שנעל איז באוווסט געוואָרן אין ראדאמישלע דער נאָמען פון דעם בלוטדורשטיקן מערדער, דעם געסטאַפּאָוויעץ צימערמאן. דאס איז געווען א פשוטער מערדער, וועלכער איז ספּעציעל געקומען אין די ארומיקע שטעטלעך נעבן מיעלעץ כדי צו מאָרדן יידן. אויך ראדאמישלע האט ער נישט אויסגעמיטן, געווען אן אָפטער „גאסט" אין שטעטל. איז גענוג געווען צו דערמאנען דעם נאמען ׳צימערמאן", אז אלע מענער זאָלן זיך אויסבאהאלטן.

יב.

אין יאָר 1941 בשעת דער ערשטער „אויסזידלונג" פון די קראקעווער יידן, זענען קיין ראדאמישלע אָנגעקומען פיל יידישע משפחות, וועלכע האָבן אין ראַדאָמישלע געהאט קרובים. צווישן אנדערע דערמאַן איך זיך אין מרדכי גאָלד־פינגער, וועלכער איז אייגענטלעך געווען א ראדאמישלער תושב, נאר מיט יארן צוריק, פאר דער מלחמה, איז ער אוועק מיט זיין משפחה קיין קראקע. איצט איז ער געווען צווישן די ערשטע, וואס זענען צוריק געקומען קיין ראדאמישלע מיט דער גאנצער פאמיליע. געקומען איז אויך א משפחה פענסטער, (וועמענס קרובים זיי זענען געווען, געדענק איך נישט). געווען ביי זיי צוויי ברידער, וועלכע האבן זיך שנעל אַקלימאַטיזירט צווישן אונדזער יוגנט־קרייז. געקומען א משפחה פון גיטל ווייזער — קינסטלינגער האָבן זיי געהייסן.

צווישן די קראקעווער פליטים, וועלכע זענען געקומען קיין ראדאמישלע, האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט א משפחה מיטן נאָמען ראָזענפעלד. זיי האבן באקומען א דירה אין שכינות פון מענדל רייכמאן, אויפן וואל, אין דער טאָרנע־גאס. דאס איז געווען א גאר־פארצווייגטע משפחה מיט פיל קינדער און דערוואקסענע — אלע פעיקע און ארבעטזאמע בחורים. עס האט נישט לאנג געדויערט און די ראזענפעלדס האבן אָרגאַניזירט אין ראדאמישלע א בערשטל פאַבריק און באשעפטיקט א צאָל יידן ביים בינדן און מאכן בערשטלעך פון די כל המינים. זייערע בערשטלעך האבן באקומען א גוטן נאמען אין דער גאנצער געגנט און דאס פאבריקל האָט שנעל מצליח געווען, געהאַט ארבעט איבערן קאָפּ. דאס עצם מאַכן א פאבריקל אין ראדאמישלע (אויסער היטל־מאכעריי) איז געווען מבחינת חידוש ביי אונדז. אין שטעטל האבן דאָך נישט עקזיסטירט קיין שום פאַבריקן און דאס איינאָרדנען אזא ווארקשטאט, באשעפטיקן ארבעטער און באזונדערס יידן, האָט ארויסגערופן א געוויסן רעספּעקט פאר די דאָזיקע יידן. אין שטעטל האָט מען די ראזענפעלדס אָנגעהויבן צו אַכטן.

זייער פאבריקל איז אנגעגאנגען א סך חדשים און דאכט זיך געווען טעטיק כמעט ביז צו דער ליקווידאציע פון יידישן ראדאמישלע.

אלע אנדערע פליטים האָבן „געגעסן פון גרייטן". זיי זענען ארומגעגאנגען און גארנישט געטון, בלויז געוואַרט און געהאָפט וואס שנעלער צוריקצופארן קיין קראקע. אלע פּליטים, וואס זענען געקומען פון קראקע, זענען געווען פארמעגלעכע יידן, דעריבער האבן זיי זיך געקאנט דערלויבן גארנישט צו טון, לעבן פון גרייטן און בעסער לעבן, ווי די ראדאמישלער איינוווינער. א גרויסער טייל פון זיי האט זיך אביסל געהאלטן ווייט פון אונדז, אביסל געבלאזן פון זיך.

די יוגנט פון די פליטים האט יאָ געפּרווט זיך חברן מיט אונדזערע יוגנטלעכע. יוגנט געפינט תמיד א געמיינזאמע שפּראך.

דאס יאָר, ווען די קראקעווער זענען געקומען, איז אויס־געבראָכן א טיפוס־עפּידעמיע אין שטעטל. אלע האָבן נאך געוווינט אין זייערע אייגענע הייזער, אייגענע דירות. יעדער האט געהאלטן זיין דירה זויבער, פון וואנען־זשע האט זיך גענומען א עפּידעמיע פון א פלעק־טיפוס, וועלכע האט זיך פארשפּרייט אַלץ מער און מער? די פּוילישע מאכט־אָרגאַנען האבן גלייך אנגעווענדט מיטלען קעגן דעם און באַשטימט איינס פון די פּארלאָזענע הייזער אויף וואל־גאַס ווי א „רעוויר" פאר די אנגעגריפענע פון פלעק־טיפוס, כדי די קראנקע וואס מער צו איזאָלירן.

געווען דאַן א פּויליש־יידישער דאָקטאר אין ראדאמישלע וועלכער איז געקומען פון מיעלעץ. ער אליין איז געווען א שמדניק און נישט געוואָלט וויסן פון יידישקייט. שוין יאָרן פארן קריג האָט ער זיך געהאַלטן פאר א גוטן גוי און א גוטן פּאָליאק. היטלער אבער האט אים דערמאַנט, אז ער האט געהאַט א יידישע באָבע און אים געמאַכט צוריק שנעל פאר א ייד. איך געדענק נישט גענוי צי ער איז געקומען פרייוויליק קיין ראדאמישלע, אָדער די דייטשן האבן אים ארויסגעטריבן. איך דערמאן זיך בלויז, אז ער האט נישט געטאָרט מער פּראקטיצירן אין מיעלעץ און באקומען די דערלויבעניש צו ארבעטן אין ראדאמישלע — און נאר פאר יידן.

דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט איבערגענומען די רעטונגס־אַקציע קעגן דער טיפוס־עפּידעמיע. ער האָט געהאָלפן די קראנקע וויפל ער האט געקאנט, ווייל עס האבן געפעלט מעדיקאמענטן קעגן דער שרעקלעכער עפּידעמיע. עס זענען געלעגן צענדליקער קראנקע, זייער פיל שווער־קראַנקע, וועלכע האבן נישט אויסגעהאלטן דעם קריזיס און געשטאָרבן. צווישן די געשטאָרבענע איז געווען משה פלאווקע, דער זייגער־

מאכער און חתונה־מוזיקאנט.. דער אמת איז, אז די עפידעמיע האט געטראפן מער די ארעמערע באפעלקערונג. קאן זיין, אז דער מאנגל אין גוטער שפייז, האט מיטגעהאלפן דער עפידעמיע. דער אויסגעדארטער קערפער, אן וויטאמינען און אן פעטקייטן, איז געווארן נישטווידערשטאנד־פעיק קעגן די טיפוס־באקצילן. די יידן זענען טאקע געווען צוליב דעם די גרעסטע קרבנות פון דער עפידעמיע.

דער פויליש־יידישער דאקטאר פון מיעלעץ האט גלייך אנגענומען שריט כדי די קראנקהייט זאל זיך נישט פארשפרייטן. צו דעם צוועק האט ער זיך באמיט און טאקע באקומען מאטעריאל איינצושפריצן קעגן טיפוס. די דייטשן אליין זענען געווען פאראינטערעסירט, אז די קראנקהייט זאל זיך נישט פארשפרייטן, מורא האבנדיק פאר זייערע אייגענע מענטשן. דערפאר האבן זיי צוגעשטעלט יעדע קוואנטום איינשפריצונגען, וואס איז געווען נויטיק. דער דאקטאר האט צו ערשט גערופן פרייוויליק זיך לאזן מאכן די איינשפריצונגען און שפעטער האבן די דייטשן ארויסגעגעבן א פארארדנונג אז יעדער מוז דורכמאכן איינשפריצונגען קעגן פלעק־טיפוס.

דער יודן־ראט האט צו דעם צוועק געשאפן א ספעציעלע סאניטאר קאמיסיע, וועלכע האט באקומען די אויפגאבע צו העלפן אין דער אקציע פון אויסראטן די עפידעמיע. אין דער סאניטאר קאמיסיע זענען אריין מיינסטנס יוגנטלעכע. צווישן אנדערע בין איך, יעקב גאלד, ווי אויך מענדל וואלף אויסגעוויילט געווארן אין דער סאניטאר־קאמיסיע. ווי א פאראנטווארטלעכער איז באשטימט געווארן דורכן יודן־ראט א פליט פון קראקע — הערנסדארף.

דער דאזיקער פליט האט זייער גוט ארגאניזירט די סאניטאר קאמיסיע און מיר זענען גלייך צוגעשטאנען צו דער ארבעט. די מיטגלידער פון דער קאמיסיע זענען געווען די ערשטע, וואס האבן באקומען די איינשפריצונגען קעגן פלעק־טיפוס, כדי צו זיין געשיצט ביי אונדזער ארבעט.

די הויפט־אויפגאבע פון דער קאמיסיע איז באשטאנען צו ברענגען די געזונטע מענטשן צום דאקטאר און דאן — גיין פון שטוב צו שטוב און האלטן א קאנטראל איבער זויבערקייט אין די דירות.

די יידישע באפעלקערונג האט מיטגעבראכט מיט דער סאניטאר־קאמיסיע און געהאלפן איר. צום שבח פון דער קאמיסיע מוז געזאגט ווערן, אז אלע אירע מיטגלידער האבן פלייסיק געארבעט און יעדער פון אונדז האט געטון דאס, וואס מען אויף אים ארויפגעלייגט. געווען אויך נויטיק צו זאמלען שפייז פאר די יעניקע קראנקע, וואס האבן דורגעהאלטן דעם קריזיס און מען האט זיי באדארפט באזארגן גוטע שפייז, אז זיי זאלן אביסל קומען צו זיך. די קראנקע זענען געלעגן סיי אין דעם ספעציעלן רעוויר, ווו זיי זענען געווען אינגאנצן איזאלירט און נאר מיר, פון דער סאניטאר־קאמיסיע האבן געקאנט אריינקומען; אויך אין פריוואטע דירות, ווייל זייערע משפחות האבן נישט געוואלט ארויסגעבן די קראנקע, מורא האבנדיק, אז אין רעוויר וועט מען אויף זיי נישט אזוי אכטונג געבן. האבן זיי אלץ געטון, כדי די קראנקע צו דערהאלטן אין דערהיים. אבער היות ווי אזא זאך איז געווען א סכנה פאר די געזונטע משפחה־מיטגלידער, האט דער דאקטאר אין אזעלכע פאלן גלייך געמאכט איינשפריצונגען אלע אנדערע משפחה־מענטשן און פלאמבירט די דירות, קיינער פון די מענטשן זאל נישט ארויסגיין אין גאס און קיינער זאל נישט אריינגיין אין אזא הויז. אויפן טיר פון א הויז, ווו עס איז געלעגן א קראנקער, איז געהאנגען א גרויס צעטל אויף פויליש „טיפוס — איינטריט פארבאטן".

די אלע קעגן מיטלען האבן באמת פיל געהאלפן און די עפידעמיע איז לאנגזאם פארשוווּנדן פון שטעטל. אבער נישט געקוקט אויף אלע באמיונגען, איז דעם דאקטאר נישט געלונגען אלע קראנקע צו ראטעווען און פיל פון זיי זענען געשטארבן. אבער די רעטונג אקציע פון דער „סאניטאר־קאמיסיע" האט בלי ספק געראטעוועט פיל אנגעגריפענע און א דאנק די איינשפריצונגען זענען פיל יידן אין שטעטל געראטעוועט געווארן.

אזוי האט זיך דאס לעבן אין ראדאמישלע ווייטער געקייקלט אין די ערשטע צוויי יאר. צווישן שרעק און האפנונג זענען פארביי איין טאג נאכן אנדערן. אפטימיסטן האבן געהאלטן אין איין צוזאגן א גיכן סוף פון דער שרעקלעכער מלחמה. דאקעגן זענען געקומען די געשווירענע פעסימיסטן, ווי דער פעטער ברוך געלדצוויילער, מרדכי גאלדפינגער און מיין פאטער ע"ה, וועלכע האבן געטענהט, אז היטלערן וועט זיין שווער אזוי שנעל צו באזיגן. והא ראיה, — ער איז שוין באלד ביי מאסקווע. אומעטום זיגט ער, און וואס בלייבט נאך צו האפן פארן יידישן פאלק?

אבער טיף אין הארצן האבן אלע יידן אין שטעטל געלעבט מיט דער גרויסער האפנונג, אז סוף סוף וועט היטלער ברעכן דעם קאפ, נאר ווער ווייס, אויב ווער פון אונדז וועט דאס דערלעבן?" — האבן געטענהט די פעסימיסטן. „היטלער — האבן זיי געזאגט — וועט זען, אז ער האלט ביים פארלירן, וועט ער פריער פארניכטן אלע יידן, אז זיי זאלן נישט דערלעבן זיין מפלה".

יג.

אין א געוויסן טאג, אין דעצעמבער, קומט מרדכי גאלדפינגער צו מיין פאטער ע"ה מיט א דייטשער צייטונג אין האנט און ווייזט אים די לעצטע רעדע פון היטלערן, אין וועלכער ער זאגט בפירוש, אז אויב אמעריקע וועט צושטיין צום קריג, מאכט ער דערפאר פאראנטווארטלעך דאס גאנצע יידישע פאלק און וועט זיך ביטער נוקם זיין אין אלע יידן, וואס געפינען זיך אויף די געביטן פון זיין הערשאפט. פאר יעדן דייטשן סאלדאט וואס וועט פאלן אויפן רוסישן פראנט, אדער אויפן מערב פראנט, וואס די אמעריקאנער ווילן עפנען קעגן דייטשלאנד, וועט ער נקמה נעמען און 5 יידן וועט ער שיקן אויף יענער וועלט. „אויב אזוי, — האט געזאגט מרדכי גאלדפינגער — איז וואס איז שוין געבליבן פאר א האפנונג? וואס וועט שוין אונדז דערפון ארויסקומען, אז היטלער וועט פארלירן, אויב ער וועט אונדז פריער אומברענגען?"

אזוי טאג איין, טאג אויס, — צווישן שרעק און טראפן האפנונג פון טיפן הארצן, — איז דאס לעבן ווייטער געגאנגען אין ראדאמישלע. מעשיות אויף מעשיות, שמועות אויף שמועות, גוטע ווי שלעכטע, האבן זיך אין די צענדליקער פארשפרייט יעדן טאג. פיל יידן פלעגן נאך פארן קיין טארנע, אדער קיין מיעלעץ. און יעדעס מאל, ווען א וועגעלע פלעגט צוריקברענגען עטלעכע יידן בשלום פון א סכנותדיקער רייזע קיין טארנע, האבן גרופקעלעך יידן גלייך באלאגערט די אנגעקומענע פאסאזשירן און געוואלט הערן עפעס „נייעס". און נייעס האט מען געברענגט צו פירן מער, ווי סחורה.

פארשטייט זיך אז אלע „נייעסן". האבן זיך געשטיצט אויף בלויזע שמועות. סיי פּאָליטישע נייעס, וואָס האבן געשטאַמט פון הערן אילעגאַלע ראדיא־סטאציעס; סיי אינערלעכע יידישע נייעס, וועגן פאַרשידענע נייע געזעצן וואס דאַרפן ארויסקומען קעגן יידן, נייע גזירות. אלע ידיעות, וואס מען האט געבראכט אין שטעטל, האבן זיך בלויז געשטיצט אויף „געהערט דא, געהערט דאָרט". אבער פון זיכערע קוועלן האט קיינער גאר נישט געקאָנט דערציילן. יידן האבן דאס א נאמען געגעבן „ייווא־ידיעות". דאס זאל הייסן: יידן ווילן אזוי. ווי „ייווא־ידיעות" האט מען באצייכנט די נייעסן וועגן כלומרשטע היטלערס מפּלות אין רוסלאנד, אדער אויף די ימים. דאס זענען געווען גוטע נייעסן, וואס האבן אביסל אויפגעהייטערט דעם פארפינצטערטן מצב רוח ביי אונדזערע יידן און פונקן פון האָפנונג האבן אויף א קורצער ווייל אויפגעפלאַקערט אין האַרצן — טאָמער דאָך וועט באַלד קומען די ישועה.

אבער במקום די ישועה, איז אין א געוויסן מערץ־טאג 1942 געקומען די טרויריקע נייעס, אז מיעלעץ ווערט „אויס־געזידעלט" און מען מאַכט עס „יודען־ריין".

די ידיעה וועגן דעם איז געקומען אויפן שטעטל, ווי א דונער. דאס איז געווען א זונטיק. יידן זענען געפאָרן, ווי געוויינלעך, עפּעס איינקויפן קיין מיעלעץ. ס'איז גראָד געווען א פארהעלטנישמעסיק שטילע צייט. קיין שום שלעכטע ידיעות האבן זיך נישט געהערט די לעצטע טעג. אין אזעלכע טעג פלעגן יידן דרייסטער פאָרן עפּעס האנדלען קיין טארנע, אָדער מיעלעץ. יעדע רייזע איז טאקע געווען פארבונדן מיט פארשידענע סכנות, ווי א רעוויזיע אין וואָגן און קאָנפיסקירן די שמוגל־סחורות, אראָפּנעמען פון וואָגן די מענער צו ארבעט; אדער סתם שיקאנעס מצד דער פוילישער אדער דייטשער פאליציי, וואס איז תמיד געווען פול מיט זיי אויף די וועגן קיין טאָרנע אדער מיעלעץ. איינמאל, ביי אזא רייזע, קיין טארנע, האט מען געכאַפּט מיט א טראַנספּאָרט פלייש א יונגן בחור, יצחק מעט, אן אייניקל פון שיעלע בראנד. דעם בחור האָט מען קודם געשלאָגן אויף אן אָרט מכות רצח, דאן האָבן זיי אים גענומען אויף דער געסטאַפּאָ און דאָרט איז ער דערשאָסן געוואָרן. זיין גאנצער חטא איז באשטאנען אין דעם, וואס ער האט געפירט עטלעכע קילאָ פלייש פון ראדאמישלע קיין טאָרנע.

אדער אן אנדער מאל האט פּאסירט, אז אין מיטן העלן טאג ווערט א געלויף אין די יידישע גאסן אין טארנע און איידער מען קוקט זיך אום זענען די גאסן געווען באלאגערט פון ס"ס און פאליציי. ווערמען עס איז געלונגען צו אנטלויפן און צו באהאלטן זיך, האט זיך געראטעוועט. אנדערע זענען נעבעך אריינגעפאלן אין זייערע הענט. ביי אזא אבלאווע איז אויך געווען אין טארנע משה פראכטער (אונגער), א זון פון יאנקעלע פראכטער. משה פראכטער איז ווי תמיד געווען פאַרטון מיט די פויערים און מיט זייערע פארלאדענע וועגענער סחורות האָט ער אפנים נישט באמערקט, אז עס ווערט א טומל אין גאס און יידן אנטלויפן. ער איז געבליבן אזוי שטיין מיטן פויער ביים וואָגן. פלוצלינג זענען צוגעקומען צו אים עטלעכע ס"ס־לייט און איידער עד כאַפּט זיך, וואס דאָ האט פּאַסירט, איז ער גלייך געווען אויף א לאסט־אויטא פון די ס"ס. וואָכן לאַנג האט מען נישט געוווסט ווו משה פראכטער איז אהינגעקומען. אבער מיט א צייט שפּעטער האט די פרוי זיינע באקומען א ידיעה, צוגעשטעלט דורך דער פּאָסט, אז איר מאַן איז גענומען געוואָרן קיין אוישוויץ

אין קאָנצענטראַציע־לאגער און דאָרט איז ער „געשטאָרבן" אויב זי וויל באקומען זיין אַש, דארף זי אריינשיקן 30 זלאטעס הוצאות, וועט מען איר צושיקן. משה פראכטער איז געווען דער ערשטער ראדאמישלער קרבן אין אוישוויץ, ווען מיר אלע האבן נאך נישט געהאט דעם מינדעסטן באגריף וועגן דעם אמתן מהות פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן לאגער. צו יענער צייט האָט מען בלויז געוווסט, אז אוישוויץ איז א קאָנצענטראַציע־לאגער פאר פוילישער אינטעליגענץ.

יענעם זונטיק, ווען מען האט די יידן ארויסגעטריבן פון מיעלעץ, האָט קיינער נישט געאַנט, וואס דער דאָזיקער טאג וועט מיט זיך ברענגען.

אין איינעם פון די וועגעלעך, וואס זענען געפאָרן פון ראדאמישלע קיין מיעלעץ, איז אויך געווען מאלע אייזלאנד, שימעלע אייזלאנדס יינגערע טאָכטער (די יינגסטע איז געווען רייזל). מאלע אייזלאנד האָט אין די קריגס־יארן באוויזן צו ווערן א גוטע סוחרטע און צוזאמען מיט איר ברודער גרשון (וועלכער איז פאר דער מלחמה געווען א רייזענדער פון דער פירמא „עלדאָראַדאָ", פון די ברידער פרץ און מרדכי אייזלאנד אין טארנע) האט זי געפירט א גאנץ שיין געשעפטל, וואָס האָט צוגעצויגן פיל קונים. מאלע איז געווען א דרייסט מיידל. זי פלעגט תמיד פאָרן איינקויפן סיי קיין מיעלעץ, סיי קיין טארנע, קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין פחד.

יענעם טאג האט מען אויפן גאנצן וועג גארנישט געמערקט, קיין שום שפּור פון פּאָליציי. דער וועג איז געווען פריי, ווי אין די אמאליקע צייטן. די פּאסאזשירן זענען געווען אין א גוטער שטימונג. באזונדערס פלעגט תמיד באלעסטיקן די פּאָליציי פון זגירסק. אבער דאסמאל זענען זיי מאָביליזירט געוואָרן אלע קיין מיעלעץ, צו העלפן ביי דער „אויסזידלונג". האבן זיי נישט געהיט דעם וועג.

נאָר ווען די וועגעלעך זענען צוגעקומען צו דער בריק, זענען געשטאַנען פאליציי מיט דעם געסטאפּאָוויעץ צימערמאן בראש. זיי האבן געהיט ביי דער בריק, אז קיינער זאל נישט אריין און נישט ארויס.

מאלע אייזלאנדס גורל איז אזוי געווען: זי איז די ערשטע צוגעקומען מיט איר וואָגן צו דער בריק. צימערמאן האט זי געפרעגט ווו אהין זי פאָרט און צו וואָס זי וואָרט. מאלע האט אים געענטפערט, אז זי פארט קיין מיעלעץ עפּעס קויפן און נישט מער. צימערמאן אליין האט זי אַראָפּגעשלעפּט פון וואָגן און געהייסן איר לויפן אויפן וועג אויף צוריק קיין ראדאמישלע. ווען זי איז געלאָפן האט ער איר נאכגעשאָסן עטלעכע מאָל און אויף אַן אָרט דערהאַרגעט. אזוי איז מאַלע געוואָרן דער ערשטער קרבן פון דער מיעלעצער „אויסזידלונג". די פויערים, וואס האבן בייגעוווינט די דאזיקע סצענע, האבן שוין געווארנט די אנדערע יידן, וואס האבן זיך דערנענטערט צו דער בריק, אז מען האָט דאָרט דערשאָסן א יידיש מיידל. האבן אלע איבערגעדרייט דעם דישעל און — צוריק קיין ראַדאָמישלע. די צוריקגעקומענע האבן געבראכט די טרויעריקע ידיעה וועגן מאלע אייזלאנדס טויט. דאָס האָט געמאַכט א־שרעקלעכן איינדרוק און א מרה־שחורה־שטימונג האט זיך פארשפּרייט איבערן שטעטל.

ערשט צומארגנס איז אונדז באקאנט געווארן דער טרויע־ריקער סוף פון אונדזער נאענסטן שכן — מיעלעץ. מיעלעץ איז געוואָרן „יודען־ריין". מיר איז נישט באקאנט גענוי, ווו עס זענען אהינגעקומען אלע יידן פון מיעלעץ. עס איז מיר בלויז באוווּסט, אז א סך פון זיי האָט מען געשיקט אין

לאגער „פוסטקאוו" נעבן דעמביץ, באזונדערס מענער. כמו־כן, האט מען מיט מיעלעצער יידן געעפנט דעם ארבעטס־לאגער נעבן מיעלעץ, נעבן דער אַעראפלאַנען־פאבריק.

נאך דעם טאג, האט קיין ייד נישט געטאָרט אריינקומען קיין מיעלעץ. אָפיציעל האָט די דייטשע מאַכט מיטגעטיילט, אז היות ווי מיעלעץ, איז אַ שטאָט וואס איז באצייכנט ווי א קריגס־אינדוסטריע־אָביעקט (געמיינט די אַעראפלאַנען־פאבריק), דארפן אין איר נישט וווינען קיין יידן, וועלכע זענען אָנערקענט פאר שונאים פון דייטשן פאלק.

מיעלעץ איז גֶעווארן דאס ערשטע שטעטל אין אונדזער געגנט אינגאנצן „פריי פון יידן". אמת, פון קראקע האט מען „אויסגעזידעלט" א סך פריער, אבער אין קראקע איז נאך געבליבן א געטא. מיעלעץ איז אבער אינגאנצן פריי געווארן פון יידן. טויט־שטראָף האט געדראָט יעדן וועלכן מען וועט געפינען אין תחום פון מיעלעץ.

צו יענער צייט זענען שוין דערגאנגען ידיעות וועגן שאפן געטאס אין די גרעסערע שטעט. אויך וועגן טארנע זענען שוין געווען שמועות אין שטעטל. אָבער דאס ארויסטרייבן אלע יידן פון מיעלעץ איז געווען א נייע דערשיינונג אויף דעם פאוואלקענטן הימל, וואס האט אָנגעזאגט נישט קיין פריילעכס אויך פאר אונדז.

אונזערע אָפטימיסטן האבן אפילו געטרייסט דעם עולם, אז ראדאמישלער יידן קען אזא זאך קיינמאל נישט פאסירן. ווייל וואס האבן מיר, מ׳שטיינסט געזאגט, אין ראדאמישלע? נישט קיין קריגס־אינדוסטריע, נישט קיין מיליטער־לאגער, אפילו נישט קיין אייזן־באַן. פיל, זייער פיל, האָבן זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק, געלעבט ווייטער אין דער האָפנונג, אז מיר וועלן בשלום איבערלעבן די שרעקלעכע מלחמה.

דער גלויבן איז נאך מער פערשטאַרקט געווארן מיטן פאקט, אז צומאָרגנס נאך דער ליקווידאציע פון מיעלעץ, זענען אריבערגעקומען קיין ראדאמישלע אלע יידישע „באטשאַלניקעס" פון מיעלעץ: דער גאנצער יודען־ראט, מיט די פאליציאנטן מיטן טרויעריק בארימטן יידישן פאליציי־שעף כילאָוויטש, ימח שמו, בראש. זיי אלע זענען אריבערגעפירט געווארן קיין ראדאמישלע און באקומען פון די דייטשן דעם מאנדאט איבערצונעמען דעם יודען־ראַט ביי אונדז. מקורבים צו די דאָזיקע געקומענע האבן כלומרשט פון זיי געהערט, אז ראדאמישלע האט נישט וואָס מורא צו האבן, ראדאמישלע וועט מען נישט „אויסזידלען". דער בעסטער באווייז איז, אז די געסטאַפּאָ אליין האט אריבערגעבראכט אהער זייערע משרתים און זיי איבערגעגעבן די שליטה איבערן שטעטל.

ברוך געלדציילער, מרדכי גאָלדפינגער און אנדערע פעסימיסטן, האבן אין דעם אלעם נישט געגלויבט און געטענהט אז אונדזער אלעמענס סוף איז דער זעלבער ווי פון די מיעלעצער יידן.

אין עטלעכע טעג ארום האט דער פרעזעס פון מיעלעצער „יודען־ראַט" איבערגענומען דעם יודען־ראט אין ראדאמישלע. ער איז פאקטיש געווארן דער אמתער הערשער אין שטעטל. דער דאָזיקער נייער פרעזעס האט געהאַט זייער גוטע באציונגען מיט דער דייטשער מאַכט אין מיעלעץ (און ראדאמישלע האט דאך געהערט צום מיעלעצער פאוויאט), באזונדערס מיט דער געסטאַפּאָ פון מיעלעץ, ווו דער טרויעריק־בארימטער צימערמאן איז געווען שעף.

ווי ערשטער געהילף צום פרעזעס איז באַשטימט געווארן דער יידישער פאליציי־שעף כילאָוויטש, וועלכער האט זיך בארימט געמאַכט נאך אין מיעלעץ ווי א שלעגער און אויסוורף. דער דאָזיקער כילאָוויטש איז געווען אן אמתער געטרייער דינער פון דער געסטאַפּאָ און אויסגעפירט אלע זייערע פארלאנגען. אליין האט ער געשטאַמט פון קראקע און בשעת דער ערשטער „אויסזידלונג" פון קראקע (אין 1940) איז ער מיט זיין פרוי אריבערגעקומען קיין מיעלעץ און דא עולה לגדולה גֶעווארן. פון נאטור — א סאַדיסט, האט ער גלייך נושא חן געווען ביי צימערמאנען, דעם געסטאַפּאָוויעץ, וועלכער האט אים באַשטימט פארן שעף פון דער יידישער פאליציי. איצט, קומענדיק קיין ראדאמישלע, האט ער אויך דאָ אָנגעהויבן צו פירן די מלוכה ביד חזקה.

עס איז געווען גענוג צו דערמאנען כילאָוויטשס נאמען, אז א ציטער זאָל אדורך איבערן לייב. מען האט פאר אים מורא געהאט און יידן האבן פשוט אויסגעמיטן זיך מיט אים צו טרעפן פנים אל פנים. מען האָט קיינמאָל נישט געוווסט, וואס דער מענטש האט בדעה צו טון. נישט איינמאל איז ער באפאלן מענטשן — נישט מיר און נישט דיר — און גענומען שלאָגן מיט זיין קאַנטשיק. אויסער דעם האט מען געוווסט אין שטעטל וועגן זיינע באציונגען מיט דער געסטאפא אין מיעלעץ. ס׳איז געווען באקאנט, אז ער טרעפט זיך מיט זיי אָפט און ווער ווייס, וואס אַלץ ער גיט זיי איבער? מיר זענען געווען זיכער, אז ער גיט איבער אַלץ, וואס עס טוט זיך ביי יידן. מען האָט קעגן אים גאָרנישט געקאָנט טון, ווייל פאקטיש איז ער געווען דער פערטרעטער פון געסטאַפּאָ אין שטעטל.

מען קאָן זאגן, אז א נייע עפּאָכע האט זיך אָנגעהויבן מיט די נייע יידישע הערשער. אויב דער פריערדיקער יודען־ראט האָט צייטנווייז געזוכט אויך צו פארגלעטן און צו העלפן אביסל; צו פארלייכטערן פארשידענע גזירות, וואס זענען געקומען פון די דייטשן, זענען איצט, ביים נייעם מיעלעצער פרעזעס, אלע דייטשע פארלאנגען און באפעלן אויסגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט. די לאגע האט זיך אויף אזוי פיל פארערגערט שוין דערפאר, ווייל פריער, ווען די דייטשן האָבן עפעס געדאַרפט, האבן זיי זיך קודם כל געוואנדן צום פרעזעס אין מיעלעץ און ער האט שוין דאס פארלאנגטע צוזאמענגעשטעלט ביי די מיעלעצער יידן. איצט איז דער אַפּעטיט פון די דייטשן נישט קלענער געוואָרן. זיי האבן זיך ווייטער געוואָנדן צום זעלבן פרעזעס וויסנדיק, אז ער וועט זיי פארשאפן אלץ, וואס נאר זיי פארלאנגען פון אים, האט זיך די גאנצע לאסט איצט געלייגט אויף די ראדאמישלער יידן, בעסער געזאָגט — אויף די ראדאמישלער קבצנים, ווייל אין מיעלעץ זענען געווען פארמעגלעכערע יידן, ווי אין ראדאמישלע. דעם נייעם פרעזעס האט גארנישט געארט: באלד ווי ער האט באקומען א באפעל פון די דייטשן עפעס צוזאמענצושטעלן, איז עס געבוירן געווארן. זיין געהילף, דער פאליציי־שעף כילאָוויטש, האָט שוין דערפאַר געזאָרגט.

מיר האבן שנעל דערזען, אז מיר זענען גוט אריינגעפאלן מיטן נייעם פרעזעס און זיין געהילף, מיר האבן אבער געמוזט שווייגן, נישט געהאט קיין אנדערע ברירה. נאך א מזל, וואס אונדזערע ראדאמישלער יידן וועלכע זענען פריער געווען אין יודען־ראַט, זענען געבליבן און זיי האבן ווי ווייט מעגלעך, וויפל זיי האבן נאר געקאנט, צוריקגעהאַלטן דעם מיעלעצער פרעזעס.

צווישן אנדערע זענען געווען אונדזערע ראדאמישלער אין יודען־ראַט: ירמיהו לייבאָוויטש, מלך גראָס און יחזקאל

אייזלאנד (שיעס). די לעצטע צוויי האבן געארבעט צוזאמען אין דער אזוי גערופענער „אפיעקא־ספּאָלעטשנאַ״ (פּאַרזאָרגונג פאר דער ארעמער באפעלקערונג), וועלכע האט אויפגעשטעלט אין ראדאמישלע זייער א שיינע יידישע פאָלקס־קיך, איינגע־אָרדנט אין איינעם פון די 3 יאטקע־געשעפטן, וואס זענען געווען אין דער הינטער־גאס (יידישע־גאס). עס האָבן נישט געפעלט קיין יידן, וועלכע האבן גארנישט פארדינט און האבן ממש נעבעך נישט געהאט קיין שטיקל ברויט. דער יודען־ראט האט באקומען ספעציעלע פּראָדוקטן פאר דער יידישער פאָלקס־קיך און מען האט דאָרט געקאָכט יעדן טאג מיטיק פאר די אָרעמעלייט. די יידישע פאָלקס־קיך האָט זיך אויס־געצייכנט ווי א וויכטיקער אויפטו אויך א צייט שפּעטער ווען ראדאמישלע איז באשאנקען געוואָרן מיט א נייער „מתנה״, — מיט א גרויסער צאָל יידן, מיינסטנס אָרעמעלייט, ארויס־געשיקטע פון דעמביץ. אויך די דייטשן אין דעמביץ האבן געזוכט פּטור צו ווערן פון די יידן, נאָך איידער די מאסן־ליקווידאציעס האבן זיך אָנגעהויבן. צו דעם צוועק האבן די דייטשן אין דעמביץ פארלאנגט פון זייער יודען־ראַט, אז זיי זאָלן געפינען פּלאַץ פאר עטלעכע הונדערט יידן אין די ארומיקע שטעטלעך, ווייל דעמביץ האט צופיל יידן — האָבן די דייטשן געטענהט. ביים צוזאמענשטעלן די ליסטעס ווער עס דאַרף ארויס פון דעמביץ, האבן זיך די רייכערע יידן שנעל אויסגעקויפט מיט כופר־געלט. קלאר, אז צום סוף זענען געבליבן בלויז אָרעמע לייט, וואס האבן נישט געהאט צו באַצאָלן קיין כופר־געלט און די אלע אָרעמעלייט האט מען ארויסגעשיקט פון דעמביץ קיין ראדאמישלע. מען האָט זיי איינגעאָרדנט אין קלויז און אין בית־המדרש, וועלכע זענען געשטאַנען פּוסט. דאָרט האט מען געבראכט שעניקעס אויסגעלייגט איבער דער גאנצער פאדלאגע און אריינגעפירט די דעמביצער פּליטים, נעבעך. די ארעמקייט ביי זיי איז געווען זייער גרויס. זיי האבן גארנישט פארמאָגט, חוץ די פּאָר שמאַטעס אויף זייער קערפּער. מען האָט באדאַרפט פאר די אומגליקלעכע אַלץ צוזאמענשטעלן — פון א פאר לייטישע הויזן, אדער קלייד, ביז א טעפּל און א טעלער. די יידישע באפעלקערונג אין ראדאמישלע האט גענומען אויף זיך דעם שווערן עול פון אויסהאַלטן די אומגליקלעכע פארשיקטע, ווייל די דעמביצער קהילה האָט מער נישט געוואָלט וויסן פון זיי. אונדזערע ראדאמישלער יידן האבן געהאָלפן מיט וואס מען האָט נאָר געקאָנט. עס האבן זיך אָרגאַניזירט עטלעכע פרויען, וועלכע האָבן קודם אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו זאמלען — פון שטוב צו שטוב — אלץ, וואָס מ׳האַט געקאָנט שפּענדן פאר די פּליטים. און פאר אלעם — צו עסן. די מענטשן זענען געווען אויסגעהונגערטע און אויס־געמאָגערטע. אויך קליינע קינדער זענען געווען צווישן זיי און מען האָט באַזאָרגט פאר זיי מילך און אנדערע שפּייז, כדי די קינדער זאָלן נישט ליידן קיין הונגער.

די יידישע פאָלקס־קיך האט פארגרעסערט איר שטאַב און אָנגעהויבן קאָכן מיטיקן פאר די אלע ארויסגעשיקטע פון דעמביץ, צוגאבלעך נאָך פאר די ראדאמישלער אָרעמעלייט.

די לאסט איז נישט געווען קיין לייכטע, ווייל מיט פּראָדוקטן איז געווען זייער שווער. מען האָט טאַקע אַלץ באַקומען צו קויפן אויפן שווארצן מאַרק, אבער פאר געפעפערטע פּרייזן. די „אָפּיעקע ספּאָלעטשנאַ״ האט זייער פיל געארבעט כדי צו פארלייכטערן די נויט און זיי האָבן כסדר פארלאנגט פונעם פּרעזעס, אז ער זאָל באַזאָרגן פּראָדוקטן אויפן אָפּיציעלן פּרייז פון דער רעגירונג. די קיך איז אבער אויסגעהאלטן געוואָרן סיי פון די אָפּיציעל־געקויפטע פּראָדוקטן סיי פון פּראָדוקטן, וואס מען האָט געמוזט צוקויפן אויפן שוואַרצן מאַרק.

צו די אומגליקלעכע יידן זענען גענוג זאַט געוואָרן פון דעם עסן, וואס זיי האָבן באקומען אין דער פאָלקס־קיך, איז שווער צו זאָגן. א פאַקט, אז פיל פון די דעמביצער יידן פלעגן זיך ארויסלאָזן איבער דו הייזער, ווי אַמאָל פארן קריג. דאס זענען מיינסטנס געווען „פּראָפעסיאָנעלע״ אָרעמעלייט, וואָס פלעגן גיין איבער דער מדינה אין די צייטן פון פארן קריג. זייער לאגע איז געווען א בעסערע פון די, וואס האבן זיך נעבעך געשעמט און נישט געקאָנט גיין איבער די הייזער. דער מין יידן איז געווען אויף גרויסע צרות. אבער צום גליק האבן זיך תמיד געפונען יידישע פרויען, וועלכע האבן אויך געזאָרגט פאר די יעניקע, וואס האבן זיך נישט געקאָנט אליין העלפן.

מיין קוזין יחזקאל אייזלאנד (שיעס) איז געווען זייער טיכטיק אין דער ארבעט פון דער „אָפּיעקא ספּאָלעטשנאַ״. ער האט געאַרבעט מיט גרויס מסירת נפש. צוזאמען מיט מלך גראָס האט ער זייער פיל געטון כדי צו פארלייכטערן די לאגע פון די אומגליקלעכע אָרעמע יידן, וועלכע מען האט פאַרטריבן פון זייערע היימען נאר דערפּאַר, ווייל זיי זענען געווען אָרעמע־לייט. ער, יחזקאל, האָט כסדר געמאָנט ביים מיעלעצער פּרעזעס, אז ער זאָל זען צו העלפן צום פארלייכטערן די נויט פון די דעמביצער און געמאָנט ביים עולם אין שטעטל, אז זיי זאָלן העלפן מיט וואָס נאר זיי קאָנען. יחזקאל אייזלאנדס איבערגעגעבנקייט צו דער וויכטיקער סאציאלער ארבעט האט ער אבער באַצאלט מיטן לעבן. עס וואלט געווען א פעלער צוזאָגן, אז די סאציאלע ארבעט האט גורם געווען זיין פריצייטיקן טויט, אבער אומדירעקט איז ער געפאלן א קרבן פון זיין ארבעט אין די ראמען פון יודען־ראט.

טו

דאס איז געווען דעם 28־טן אפּריל 1942. ארום 9 א זייגער אינדערפרי איז געקומען פון מיעלעץ דער טרויעריק־באַרימטער געסטאַפּאָ־מערדער צימערמאן, מיט נאָך צוויי געסטאַפּאָווצעס, צום פּרעזעס פון יודען־ראַט און געהייסן זיך ברענגען אלע יידישע קאָמוניסטן. דער פּרעזעס האָט אים דערקלערט, אז ער ווייס נישט ווער עס זענען דאָ קאָמוניסטן. האָט צימערמאַן ארויסגענומען אַ צעטל מיט א רשימה פון פאָלגנדיקע מענטשן, וואס זענען ביי אים פאַרצייכנט געווען ווי קאָמוניסטן:

1. אייזיג יעקב, 2. שענקער מענדל, 3. אייזלאנד יחזקאל, 4. עבענהאָלץ רפאל. אין לויף פון 15 מינוט האט ער געהייסן די 4 מענטשן אהערברענגען.

דער מיעלעצער פּרעזעס, נישט טראַכטנדיק לאנג, האט גלייך באפוילן זיין פּאָליציי־שעף כילאָוויטש אויפצוזוכן די פיר מענטשן און ברענגען זיי אין ביורא פון יודען־ראט.

למעשה האָט די יידישע פּאָליציי געוווסט, אז זי דאַרף זוכן בלויז דריי פון די פיר פארלאנגטע יידן, היות ווי רפאל עבענהאָלץ, האָבן זיי געוווסט, געפינט זיך נישט אין ראדא־מישלע (נאָך אנפאנג קריג איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאנד).

די פּאָליציי האט זיך ארויסגעלאָזט אין גאס ברענגען די פארלאנגטע דריי „קאָמוניסטן״. אימיצער פון די אנוועזנדיקע אין יודען־ראט (בשעת צימערמאן האָט פארלאנגט די 4 פּערזאָן) האָט עס געהערט און זיך גלייך ארויסגעלאָזט

אין גאס צו לאָזן וויסן צו מענדל שענקער און יעקב אייזיג, אז די געסטאַפּאָ זוכט זיי. ביידן, סיי מענדל שענקער, סיי יעקב אייזיג, איז געלונגען צו אנטלויפן כדי זיך צו באהאלטן.

ביזן היינטיקן טאג איז מיר נישט קלאָר, פארוואס די זעלבע ווארנונג (אויף צו באהאלטן זיך) איז נישט אנגעקומען צו יחזקאלן. יחזקאל איז גראָד דעם פרימאָרגן געווען אינדער־היים. ווען דער יידישער פּאָליציאנט איז געקומען צו אים אין הויז, האט ער אים געפונען באשעפטיקט ביי זיין געזעלשאַפטלעכער ארבעט פאר דער יידישער פאָלקס־קיך. דער פּאָליציי־מאַן האָט אים גאָרנישט דערציילט וועגן צימער־מאנען (און אין דעם איז באשטאַנען דעם פאליציאנטס פארברעכן, ווייל ער האָט געוווסט, אז ווען צימערמאן פארלאנגט, שמעקט דאס נישט מיט קיין גוטס); פארקערט, ער האָט אים נאָך געזאגט א ליגן, אז מען רופט אים אין יודען־ראט וועגן קיך־ענינים.

יחזקאל, נישט חושד זייענדיק קיין שום בייז, האָט זיך אנגעטון און אוועק מיטן יידישן פאליציי־מאן אין יודען־ראט, נישט זאָגנדיק אפילו קיינעם אינדערהיים, אז ער גייט אוועק. אזוי איז ער אוועק אויף אייביק.

ווי אזוי יחזקאל אייזלאַנד, נישט קיין קאָמוניסט, איז געווען פאשריבן ווי אַ „קאמוניסט" ביי דער געסטאַפּאָ, איז מיר ביזן היינטיקן טאג נישט קלאר. ער איז פארן קריג געווען דער גרינדער און לאנג־יעריקער אָנפירער פון „השומר־הצעיר" ביי אונדז אין ראדאמישלע; געווען זייער אַקטיוו אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאציע און צוזאמען מיט ברוך ווינד, זיין ברודער מענדל און אנדערע — אויפגעבויט א שיינעם קן פון „השומר־הצעיר". ער האָט זיך נישט צופרידנגעשטעלט בלויז מיט א לינקער יוגנט־אָרגאַניזאציע, נאָר צוזאמען מיט די אויבנדערמאָנטע אויפגעבויט א סניף פון דער „ליגע פארן ארבעטנדיקן א"י", וואס האָט אָנגעפירט א שיינע טעטיקייט אין די לעצטע יאָרן פארן צווייטן וועלט־קריג. ער איז אויך געווען זייער שטאַרק אקטיוו פּאָליטיש אנגעהויבן ווערן טעטיק אין שטאטישע און קהילישע ענינים. פאר די וואַלן איז ער עטלעכע מאל ארויסגעטראטן מיט עפנטלעכע רעדעס אין בית־המדרש. דאס איז צו יענער צייט געווען א חידוש, אז א יוגנטלעכער (געבוירן 1916) און נאָך דערצו א פירער פון א לינקער ארבעטער־פארטיי, זאל ארויסטרעטן אין בית המדרש. זיין ארויסטריט האט דאַן געמאכט א גרויסן רושם אויף אלע צוהערער און דער עולם האָט געהאַט א גֵעפיל, אז דער דאָזיקער יוגנטלעכער וועט זיך צו עפּעס העכערס דערשלאָגן. דאָס גאנצע שטעטל האט אים גערן באקומען און ער איז געוואָרן דער ליבלינג ביי דער גאנצער יידישער יוגנט — אָן אונטערשיד פון פארטיי־צוגעהעריקייט.

ער איז געווען אין זיינע ארויסטרעטונגען און אין זיינע דיסקוסיעס מיט אנדערע פארטיי־חברים קאָנסעקווענט און באוווסטזיניק געקעמפט פאר זיין אידעע. אנדערע פארטייען האָבן פאר אים רעספעקט געהאט, ווייל ער האט מיט זיי דיסקוטירט צום ענין, תמיד זאכלעך און אויסגעהאלטן, קיינמאל נישט באשמוצנדיק זיינע פארטיי־קעגנער..

יחזקאל האט זיך טאקע געחברט מיט מענדל שענקער און יאנקל אייזיג, וואס זענען אין שטעטל געווען באקאנט ווי קאמוניסטן — ביידע אינטעליגענטע און באלעזענע יוגנט־לעכע. היות ווי די קאמוניסטישע פארטיי איז אין פארמלחמה־דיקן פוילן געווען פאַרבאָטן, האבן די צוויי דערמאנטע נישט געהאָט קיין שום אָרגאַניזאציע און האבן באזוכט די ליגע פארן ארבעטנדיקן א"י. זייער ליבלינג־חבר איז געווען יחזקאל אייזלאנד, מיט וועלכן זיי האָבן געפונען א מער געמיינזאמע שפראַך, ווי מיט אַלע אנדערע חברים פון די לינקע אָרגאַני־זאציעס. אפשר דערפאַר האבן פיל אין שטעטל געהאלטן אויך יחזקאלן פאר א קאמוניסט, דאס איז אבער נישט געווען אמת.

מיר איז אויסגעקומען מיט יחזקאלן זייער פיל צו פאר־ברענגען. מיר האבן געוווינט אין איין הויז די גאנצע יאָרן (בעסער געזאגט — געשלאָפן פיל יארן צוזאמען אין איין צימער) און צוזאמען מיט אים האָב איך אָנגעפירט דעם קן פון השומר־הצעיר אין שטעטל און איך האב גוט געקענט יחזקאלס אָנשויונגען. ער איז געווען וואס א אמת, א באוווסט־זיניקער קעמפער פארן סאָציאַליזם, פאר קלאסן־קאַמף און סאָציאַלער רעוואלוציע אויף דער וועלט. אבער גלייכצייטיק איז ער געווען אן איבערגעגעבענער ציוניסט, ווי אלע חברים פון השומר־הצעיר זענען עס געווען און נישט אנדערש געזען זיין צוקונפט, ווי נאר אין ארץ־ישראל, ווו ער איז גרייט געווען צו קעמפן פאר סאציאלער גערעכטיקייט. זיין נשמה איז אויסגעגאנגען צו קאָנען קומען קיין ארץ־ישראל און דאָ צו בויען זיין היים. די טרויעריקע משפחה פארהעלטנישן ביי זיי אין דער היים האָבן נישט דערמעגלעכט אים צו פארווירקלעכן זיין חלום און בענקשאַפט, עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. זיין פאָטער, שיע אייזלאנד ע"ה, איז געשטאָרבן אין יאר 1938. זיין מוטער, בריינדל אייזלאנד, איז נאכן טויט פון איר מאן אינגאנצן צוזאמענגעבראָכן, פּאַראַליזירט אויף די פיס, נישט מער געקאָנט אליין גיין און מען האָט זי געפירט אין א אינוואלידן וועגעלע. זיין עלטערער ברודער, מענדל, איז גענומען געוואָרן אין פוילישן מיליטער און אין דער היים זענען נאך געבליבן צוויי נאך נישט דערוואקסענע קינדער — יקותיאל און העניע.

קלאר, אז אין אזא מצב האט יחזקאל נישט געקאָנט אוועק פון דער היים, געמוזט איבערנעמען די שענק (כאָטש ער האט עס נישט געוואָלט) און ווערן דער איינציקער מפרנס פון דער משפחה. די ארבעט אין דער שענק איז אים גאָר נישט געווען צום הארצן. זיין ליבשאַפט און טריישאַפט צו ציון האבן אים געצויגן קיין ארץ־ישראל. נישט איינמאל האט ער פאר מיר אויסגערעדט זיין ביטער הארץ. ער האָט געפילט, ווי ער דערווייטערט זיך פון זיין ענד־ציל צו קומען קיין ארץ־ישראל צוליב דער געשאפענע לאגע אין דער משפחה. ער האט שאַרף געקעמפט קעגן דעם קאָמוניסטישן צוגאנג צו דער יידן־פראַגע און צו ארץ־ישראל.

אזוי ווי די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האט יחזקאל איבער־געריסן יעדע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. זיין גאנצע פרייע צייט האָט ער זיך איצט פארנומען מיט לייענען וויסנשאַפטלעכע ביכער, יידישע ליטעראטור. אין לייענען האָט ער געפונען זיין טרייסט. ער איז געזעסן טעג און נעכט אין דער שענק און געלייענט ביכער. ער האט זיי ממש געשלונגען, פארטיפט זיך וואס מער אין ליטעראטור.

פון יודען־ראט האט מען זיך צו אים געוואָנדן — ער זאל קומען צו זיי ארבעטן — ער האט יעדן פאַרשלאַג אפגעוואָרפן. צום סוף האט מען אים פארגעשלאגן די ארבעט אין דער „אפיעקאַ ספּאָלעטשנאַ", ער זאל איבערנעמען די לייטונג איבער דער יידישער פּאָלקס־קיך, אויך די ארבעט האט ער נישט געוואָלט אננעמען, אבער מיין פאטער ע"ה און מלך גראָס האבן אויף אים משפיע געווען ער זאָל די

ארבעט יאָ איבערנעמען, היות ווי אין דער ארבעט וועט ער באַשטימט געפינען זיין באפרידיקונג. ער איז לסוף מסכים געווען.

היות ווי זיין ברודער מענדל איז אָנפאנג 1940 צוריק־געקומען פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט און געוואָרן אויך אַקטיוו אין געשעפט, איז יחזקאל נישט מער געווען אזוי געבונדן מיט דער שענק. דאס האט אים דערמעגלעכט זיך אויך אָפצוגעבן מיט געזעלשאַפטלעכער ארבעט — דאסמאל פארן ווויל פון די אָרעמע, קראנקע און אַלטע. ער איז ביי די מענטשן זייער שנעל באליבט געוואָרן. אַ דאַנק זיין ווארעמער באציונג צו די עלנדע מענטשן האט ער זיך ביי זיי שנעל איינגעקויפט עולם הבא. די ארעמע האָבן געפילט, אז מען האָט זיי איבערגעגעבן אין גוטע הענט. ער האָט די יידישע פאָלקס־קיך אוועקגעשטעלט אויף א גאר שיינער מדרגה און דער דאָזיקער אויפטו איז אייגנטלעך געווען דער שענסטער, ווי אויך דער שענסטער און בעסטער טאט, וואס דער יודן־ראט האט געקאנט טון אין יענע טרויעריקע טעג.

אז דער יידישער פאָליציי־מאן איז געקומען רופן יחזקאלן אין ביורא, איז דאס פאר אים געווען א פארשטענדלעכע זאך, ווייל נישט איינמאל האט עס פאסירט, אז מען האָט גערופן אין יודען־ראט צוליב פארשידענע ענינים פון דער פאָלקס־קיך. דעריבער איז, גייענדיק מיטן פאָליציאנט אין יודען־ראט, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין הויז פון יאנקעלע גרין אין דער מיעלעצער גאס, ביי יחזקאלן נישט געווען קיין שום חשד.

קומענדיק אבער אין ביורא, האָט ער גלייך באַמערקט, אז די געזיכטער פון זיינע מיטאַרבעטער זענען נישט ווי תמיד. קיינער האָט מיט אים נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. אימיצער האָט אים בלויז געגעבן א זאָג, אז דער פּרעזעס וויל מיט אים רעדן, ער זאָל אריינגיין אין זיין ארבעטס־צימער און דאָרטווארטן. ווען ער איז אריינגעקומען אהין, האָט מען פאַרשלאָסן די טיר פון דרויסן.

זיין אינסטינקט האט אים אין דעם מאָמענט ווי אנגעזאגט, אז דאָ גרייט זיך עפּעס קעגן אים, עפּעס נישט קיין גוטס. וואס דאס איז דאס נישט גוטע, האט ער נישט געוווסט, ווייל ער האָט נאָך נישט געוווסט, אז צימערמאַן געפינט זיך אין אן אנדער צימער פון יודען־ראט.

א שרעק האָט יחזקאלן אנגעכאַפּט. ער איז מיט אימפּעט צוגעלאָפן צום פענצטער, וואס איז ארויסגעגאנגען אין דער ריכטונג פון יאנקעלע גרינס הויף אין פֿעלד אריין, אויפגעריסן דאס פארהאקטע פענצטער און מיט איין שפרונג איז ער שוין געווען אינדרויסן.

אימיצער פון דער יידישער פּאָליציי האט עס באַמערקט און געגעבן א געשריי, אז יחזקאל איז אנטלאָפן. באלד זענען אים נאָכגעלאָפן עטלעכע יידישע פּאָליציאנטן.

יחזקאל איז געלאָפן ווי אַ הירש און די פּאָליציי־לייט הינטער אים. אלע פּאָליציאנטן, חוץ איינעם, האבן אים נאכגעיאגט, נאר כדי צו באווייזן, אז זיי טוען זייער פליכט. די ליבע צו יחזקאלן האט זיי נישט צוגעלאָזט אים צו כאַפּן, ווייל זיי האבן שוין געוווסט וואס אים דערווארט ביים געסטאַפּאָוויעץ — צימערמאן. נאר איינער פון דער פּאָליציי, דער קצב־יונג קיסטלינגער (פון קראקע), איז יחזקאלן נאכ־געלאָפן מיט אימפּעט כדי אים צו כאַפּן. צום סוף איז עס אים אויך געלונגען און נאָך א געראַנגל מיט אים, האָט ער יחזקאלן אַוועקגעפירט אויף צוריק אין הויז פון יודען־ראט,

ווו צימערמאן האט אים שוין אָפּגעוואַרט און איבערגענומען אין זיין רשות.

די יידישע פארטרעטער האבן געפּרווט זיך שפּעטער צו פארענטפערן, אז נאכדעם ווי עס איז נישט געלונגען קיינעם פון די פיר פארלאנגטע יידן צו ברענגען צו צימערמאנען — אויב מען וואָלט נאך יחזקאלן אויך נישט געכאַפּט, וואָלט צימערמאן זיך ביטער נוקם געווען סיי אין יודען־ראט, סיי אין דער יידישער באפעלקערונג. „איז בעסער איין קרבן, ווי חלילה פיל קרבנות" — האבן געטענהט דער פּרעזעס און כילאָוויטש און פארצייכנט לשבח די „העלדישקייט" פון דעם פארברעכער קינסטלינגער, וואס נאר ער איז פאקטיש שולדיק אין יחזקאלס פריצייטיקן טויט.

דאס איז אבער געווען א פארברעכערישער ליגן, ווייל נאך איידער מען האט געבראכט יחזקאלן אין יודען־ראט — און בשעת מען האָט געזוכט יאנקל אייזיג און מענדל שענקער — האבן די געסטאפּא־פארברעכער, מיט צימערמאנען בראש, דערווייל געמאכט א שפּאציר איבערן שטעטל (עס איז גראָד געווען א יריד־טאָג), געכאַפּט עטלעכע יידן און זיי געשאָסן אין מיטן גאס — אזוי, סתם פאר זייער פארגעניגן־וועגן.

אין שטאט איז אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. ווי געוויינלעך אין אזא פאַל האָט זיך ס'גאנצע שטעטל מענער באהאלטן יעדער אין זיין באהעלטעניש.

צימערמאן, איבערנעמענדיק יחזקאלן פון דעם געסטאַפּאָ־משרת קינסטלינגער, האט גלייך געבונדן זיינע הענט. די געסטאפּא, מיט צימערמאנען בראש, האבן אים אזוי געפירט איבערן גאנצן מארק, ביז אין דער יידישער גאַס, פארביי דער בעקעריי פון יאָסל האנד אויף קאסטורקעוויטשס פעלדער, ווו מען פלעגט ארויסגיין פון שטעטל צו העשקעס וואלד.

די גאנצע צייט האבן די געסטאפּאווצעס אים מערדערלעך געשלאָגן און געפירט אים מיט אויסגעשטרעקטע רעוואלווערן. ביז מען האָט אים געבראַכט אויפן פעלד און דאָ האָבן זיי פארענדיקט זייער פארברעכן.

די מענטשן פון די שכנותדיקע הייזער האבן פון זייערע לעכער גוט געקאנט אבסערווירן און שפּעטער דערציילט ווי אזוי מען האט יחזקאלן געפייניקט. צוויי געסטאַפּאָווצעס האבן זיך געשטעלט אַ 20 מעטער איינער פון אנדערן — צימערמאן איז געשטאַנען פון דער זייט — און מען האָט געהייסן יחזקאלן לויפן פון איין געסטאַפּאָוויעץ צום אנדערן. יעדעס מאָל, פארביילויפנדיק צימערמאנען, האט דער לעצטער אים דערלאנגט מיט זיין רייט־בייטש איבערן קערפּער, איבערן פּנים, ווו ער האט נאר געטראָפן. שפּעטער — ווידער געזייסן לויפן, אינמיטן לויפן — געהייסן פאלן און אזוי שלעפּן זיך אויף דער ערד, ווידער אויפשטיין און לויפן אהין און צוריק, ווידער געשלאָגן מיט דער רייט־בייטש. די דאָזיקע „שפּיל" האט אָנגעהאַלטן א געוויסע צייט, ביז זייער קרבן איז געוואָרן אן אויסגעמאטערטער און געפאלן, נישט געקאָנט ווייטער לויפן. דאן האָבן די געסטאַפּאָ־חברה אויסגעשאָסן אין דער לופט. א פּנים פון שרעק האט זיך יחזקאל ווידער געגעבן א שטעל אויף און ווידער געפאַלן. דאן האבן צוויי געסטאפּאָווצעס אים געגעבן א ריס און געשלעפּט צו דער סטאָדאָלע פון קאַסטארקעוויטש, אוועק־געשטעלט נעבן דער וואנט און באגאסן מיט א וויאַדרע וואסער. אפּנים אז יחזקאל איז דערפון ווידער אביסל געקומען צו זיך, ווייל ער האט אָנגעהויבן צו לויפן אהין און צוריק פון איינעם צום אנדערן און ווידער — מיט די נאהייקעס

איבער זיין קערפּער. ער איז געוואָרן באַגאָסן מיט בלוט. צימערמאַן, דערזעענדיק בלוט, האָט אים ווידער געהייסן לויפן צו זיך און פון דער נאָענט אַריינגעשאָסן אים אין קאָפּ עטלעכע קוילן פון זיין רעוואָלווער.

מיט זיין טראַגישן טויט האָט אונדזער גאַנצע משפחה באַקומען אַ שווערן קלאַפּ. באַזונדערס זענען געטראָפן געוואָרן זיין מוטער בריינדל און זיין ברודער מענדל. דאָס איז געווען דער ערשטער קרבן אין דער משפחה. אויך דאָס גאַנצע שטעטל האָט שטאַרק געטרויערט נאָך דעם אַלעמענס באַליבטן יחזקאל, באַזונדערס די אָרעמע, מיט וועלכע ער האָט זיך מיט אַזוי פיל ליבשאַפט מטפל געווען.

זיין ברודער מענדל איז געווען אין אַ שרעקלעך פאַר־צווייפלטער לאַגע. ער האָט כסדר געדראָט, אַז ער וועט זוכן נקמה צו נעמען אין די יידישע פאַרעטער, וועלכע ער האָט דירעקט באַשולדיקט אין זיין ברודערס טויט. איך, מיט זיין חבר העניע גאָלד, האָבן גענומען אויף זיך אַכטונג צו געבן אויף אים, ער זאָל עפּעס נישט אָפּטון אַ זאַך, וואָס וואָלט געווען געבראַכט טרויעריקע קאָנסעקווענצן. מענדל איז געווען פעאיק אין מאָמענט פון כעס און פאַרצווייפלונג אָפּצוטון אַ נקמה־אַקט.

עס האָט אים געפּייניקט דער פאַקט, אַז יחזקאל איז אוועק און ער האָט אפילו נישט באַוויזן אים צו זען יענעם טאָג. מענדל איז שוין דאַן געווען אַ חתונה־געהאַטער מיט רויזע גאָרן (זיי האָבן שוין אפילו געהאַט אַ קינד) און ער האָט נישט געוווינט ביי אונדז אין הויז, נאָר אין דער מיעלעצער גאַס, אין הויז פון אַלטן פעלץ. אין דעם טרויעריקן טאָג איז מענדל געקומען אין געשעפט, שוין נאָכדעם ווי יחזקאל איז אוועק אין ביוראָ פון יודען־ראַט. דאָס האָט אים שרעקלעך וויי געטון און ער האָט נישט געפונען קיין רו. ער איז אַרומגעגאַנגען ווילד און געטענהט: פאַרוואָס ער האָט אפילו נישט באַוויזן אַ קוק צו געבן אויף אים צום לעצטן מאָל?

דעם דריטן טאָג נאָך יחזקאלס טראַגישן טויט האָט מענדל גערופן מיך מיט העניע גאָלד און געזאָגט אונדז, אַז ער האָט באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז נאָכאַמאָל צו זען דאָס פּנים פון יחזקאלן. ער האָט שוין — דערציילט ער אונדז — אָפּגעמאַכט מיטן קברות־מאַן, הערשל דעם באַגראַבער, וועלכער האָט מסכים געווען פאַר אַ געוויסער סומע געלט אויפצומאַכן יחזקאלס קבר.

מיר האָבן אים געפּרוווט אָפּצורעדן פון דעם פּלאַן. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס קאָן נאָך אויף מענדלען פיל ערגער ווירקן. חוץ מזה איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט אַ געפאַר, אַז אימיצער זאָל זיך דאָס דערוויסן און איבערגעבן דער געסטאַפּאָ. אין טאָג פון מאָרד האָט די געסטאַפּאָ נישט געלאָזט מאַכן קיין לוויה, נאָר באַפוילן אין יודען־ראַט, אַז מען זאָל צונעמען דעם קערפּער פון פעלד און גלייך אוועק־פירן אויפן בית־עולם און מקבר זיין, קיינער זאָל — חוץ דעם קברות־מאַן — נישט זיין דערביי. הערשל דער באַגראַבער האָט בלויז מיטגענומען אַ ייִנגל צום העלפן און קיינער האָט יחזקאלן נישט באַגלייט צו זיין אייביקער רו.

מענדל האָט גאָרנישט געוואָלט הערן און באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, אַז ער מוז נאָך איין מאָל זען יחזקאל, ויהיה מה.

איך, מיט העניע גאָלד, האָבן געזען אַז מיר וועלן דאָ גאָר נישט אויפטון און אויב מיר וועלן נישט מסכים זיין — וועט ער אַליין גיין און דאָס קאָן נאָך זיין ערגער, האָבן מיר באַשלאָסן מיטצוגיין.

דאָס עפענען ס׳קבר איז באַשטימט געווען אויף זונטיק, 3 אַזייגער נאָכמיטיק (ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דינסטיק). הערשל דער קברות־מאַן האָט שוין אַלץ געהאַט צוגעגרייט און געקומען זאָגן, אַז מיר קאָנען אַהינגיין. מיר, דריי מאַן, זענען כלומרשט אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן איבער די פעלדער ביז צום בית־הקברות און, אַז קיינער זאָל אונדז נישט באַמערקן, האָבן מיר זיך אַריינגעגנבט אויפן בית הקברות דורך אַ ספּעציעלן לאָך אין פּלויט, וואָס הערשל דער באַגראַבער האָט ספּעציעל אויפגעמאַכט פאַר אונדז, כדי מיר זאָלן נישט אַריינגיין דורכן הויפּט־איינגאַנג.

דאָס קבר איז שוין געווען אויפגעגראָבן, נאָר פון אויבן מיט אַ ברעט צוגעדעקט. אַראָפּנעמענדיק דאָס ברעט פון קבר, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנטפּלעקט דאָס פּנים פון יחזקאלן, וואָס איז מיר אַזוי געבליבן אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג. מיר האָבן אים דערקענט, כאָטש זיין פּנים איז געווען צעהאַקט פון דעם רימען, מיט וועלכן די געסטאַפּאָ האָט אים געשלאָגן און זיין שטערן איז געווען דורכגעלעכערט מיט 2 קוילן. מענדל איז אַרויפגעפאַלן אויפן קבר, געדריקט זיין פּנים צו יחזקאלס און זיך גוט אויסגעוויינט. עס איז אונדז זייער שווער אָנגעקומען מענדלען אָוועקצורייסן פון זיין ברודערס קערפּער. אויך איך האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן, זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד, געלעגן אויף דער ערד נעבן מענדלען און געדריקט זיך צו יחזקאל׳ס קערפּער. העניע גאָלד האָט אונדז אָבער געריסן מיר זאָלן אויפשטיין און געשריגן, אַז מיר מוזן וואָס שנעלער אוועק פון דאַנען, ווייל עס קאָן נאָך אימיצער פאַרבייגיין און אונדז דאָ טרעפן. מיט שוועריקייטן האָבן מיר קוים באַוויזן מענדלען אויפצוהייבן פון דער ערד. ער האָט געזאָגט קדיש און מיר האָבן אַביסל פאַרשאַרט ס׳קבר ביז הערשל וועט קומען כדי ווידער צוצודעקן ס׳קבר ווי ס׳איז געווען פריער.

האָבן מיר דריי זוכה געווען נאָך איינמאָל צו זען זיין פּנים נאָכן טויט. מיר זענען צוריק אין שטעטל און קיין מענטשן נישט דערציילט, וואָס מיר האָבן געטון. מענדל מיט העניע גאָלד האָבן דעם דאָזיקן סוד מיטגענומען מיט זיך אין זייער קבר און איך, ווי דער איינציק־פאַרבליבענער עדות פון דער דאָזיקער שרעקלעכער סצענע, האָב דאָס געהאַלטן בסוד די גאַנצע יאָרן ביז איצט, ביים פאַרעפנטלעכן מיינע זכרונות פון יענע טראַגישע טעג.

דער רצח פון יחזקאל אייזלאַנד האָט געלאָזט נאָך זיך אַ מרה שחורה אין שטעטל. אַ שווערער טרויער האָט געהערשט אַ צייט לאַנג נאָך זיין טויט. איבעראַל האָט מען נאָר געהערט רעדן וועגן דעם שרעקלעכן פאַל און ווי אַזוי דאָס איז געשען. דאָס איז נישט געווען סתם אַ רצח, דאָס איז געווען אַ רצח, וואָס די געסטאַפּאָ האָט אים אויסגעפּלאַנירט ביזן סוף. זיי האָבן אפילו נישט געקאָנט מוחל זיין דעם יודען־ראַט און דער יידישער פּאָליציי, פאַרוואָס זיי האָבן נישט אַהערגעבראַכט די אַנדערע דריי יידישע „קאָמוניסטן“, וואָס זיי האָבן פאַרלאַנגט. צימערמאַן האָט איבערגעלאָזט ביים פּרעזעס פון יודען־ראַט אַ שטרענגן באַפעל צו כאַפּן די אַנדערע יידן, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט און זיי איבערגעבן דער געסטאַפּאָ, אויב נישט — וועט ער ציען די געהעריקע קאָנסעקווענצן דערפון.

פאַרשטייט זיך אַז מענדל שענקער און יאַנקל אייזיג זענען מער נישט אַרויסגעגאַנגען פון זייערע באַהעלטענישן און מען האָט זיי אין ראַדאָמישלע מער נישט געזען. ווי מען האָט

איבערגעגעבן מפה לאוזן, האבן זיי נאך יעדע עטלעכע טעג געביטן זייער באהעלטעניש, אוועק אין אנדערע, מורא האָבנדיק אז ווער ס׳איז זאָל זיי נישט פאַראָטן ביי דער דייטשער פּאָליציי.

דער עצם פאַקט, אז די יידישע „אָרדנונגס־דינסט“, ווי זיי האָבן זיך גערופן, האָט אויף אזאַ נידערטרעכטיקן אופן איבערגעגעבן יחזקאלן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ, האט ביי אונדז צוגענומען יעדע אמונה אין זיי. מען האט געציטערט פאר זייערע טריט און יעדער האט אויסגעמיטן זיך מיט זיי צו טרעפן, באזונדערס מיט די „אָרדנונגס־דינסט“־לייט, וואס זענען אייגנטלעך נישט געווען קיין ראדאמישלער, נאר פר׳עמדע (פון די מילעצער, אָדער קראקעווער פליטים), וואס האבן ביי דעם פּאָליציי־שעף כילאָוויטש מער נושא חן געווען, ווי אונדזערע ראדאמישלער ייִנגלעך, צו וועלכע כילאָוויטש האט נישט געהאט קיין צוטרוי. אונדזערע היימישע טאַקע האבן נישט געקוקט אויף אלץ, זיך נישט דערוואַגט צו זיין פּראָוואָקאַטאָרן.

טז.

דער פּרעזעס פון יודען־ראט, מיט זיין פאליציי (די יידישע „ארדנו׳נגס־דינסט“) באזונדערס דער פאליציי־שעף כילאָוויטש, זענען אַלץ מער געוואָרן אריינגעצויגן צו ווערן טרייע משרתים אין דינסט פון דער געסטאפא, און אויסגעפירט יעדן באפעל. נאָכדעם ווי דאס יידישע מיעלעץ האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, האט די געסטאַפּאָ כסדר געבראכט נייע פארלאנגען צום מיעלעצער פּרעזעס, וועלכער איז איצט געוואָרן דער הויפּט־הערשער אין ראדאמישלע. זיי האבן פארלאנגט סחורות, מעבל, טעפּיכער און קאָנטריבוציעס. די יידישע באפעלקערונג אין ראדאמישלע האט עס געמוזט צושטעלן, ווייל כילאָוויטש האט אָנגעוואָרפן א פחד אויף אלעמען און קעגן אים האט זיך קיינער נישט דערוועגט אַנטקעגנצושטעלן. אזוי האט זיך אָנגעהויבן אן אָפיציעלע רויבעריי ביי די יידן — און אלץ אויפן לעגאלן אופן, אין נאמען פון דער געסטאַפּאָ.

אין שטעטל האבן די משרתים פון דער געסטאַפּאָ דערציילט, אז די אלע זאכן, וואס מען גיט אוועק, זענען נאר פארן טובת הכלל, ווייל די געסטאַפּאָ זאגט צו, אז זי וועט פאר די אלע זאַכן וואס יידן געבן זיי אוועק, אָפּהיטן דאס שטעטל פון אן אלגעמיינער „אויסזידלונג“. דער פחד פאר אַן אויסזידלונג, אזוי ווי אין מיעלעץ, איז געווען זייער גרויס. אין צווישנצייט האָט מען אויך אָנגעהויבן ארויסצושיקן יידן פון טארנע, מען האט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַ געטאָ אין טארנע. דאס בלויזע וואָרט „אויסזידלונג“ איז שוין געווען גענוג, אז יידן זאָלן אַוועקגעבן פון זיך אַלץ, וואס מען האט נאר פון זיי פארלאנגט, אבי צו בלייבן אין שטעטל. די געסטאַפּאָ האט שוין אפנים געוווסט וואס וועט זיין דער סוף פון ראדאמישלער יידנטום און כדי דאָס גאַנצע יידישע פארמעגן זאָל נישט שפעטער אריינפאלן אין די הענט פון די פּאָליאקן, האבן זיי אויף אזא אופן ארויסגענאַרט לאנגזאם אלע ווערטפולע זאכן פון דער יידישער באפעלקערונג. און כדי יידן זאָלן געבן ברצון, האבן זיי כביכול בסוד געמאָלדן דעם פּרעזעס, אז זיי וועלן אלץ טון, אז די יידן אין ראדאמישלע זאָלן בלייבן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין אָפּלייקנען די קלאַנגען, וואָס האבן זיך פארשפרייט עקשנותדיק אין שטעטל, אז מען וועט ראדאמישלע אינגאנצן „אויסזידלען“.

פיל יידן האבן אין דעם געגלויבט און צוויי פאקטן האבן פארשטאַרקט זייער גלויבן: ערשטענס — דאס אריינברענגען קיין ראדאמישלע אזוי פיל יידן פון דעמביץ, און אריבערפירן דעם מיעלעצער יודען־ראט קיין ראַדאָמישלע; צווייטנס — האט מען אריבערגעפירט קיין ראדאמישלע אלע יידן פון די ארומיקע דערפער. מען האט אויסגעליידיקט אלע דערפער ארום ראדאמישלע פון יידן — סיי פון דער טארנער זייט, סיי פון דער מיעלעצער זייט. די צוויי פאקטן האָבן געזאָלט דינען ווי אַ צייכן, אז ראדאמישלע וועט מען נישט ליקווידירן, נאָר פארקערט — מען וועט נאך אין שטעטל קאָנצענטרירן יידן פון דער גאַנצער סביבה. אין די לעצטע צוויי חדשים פון פארן חורבן, האָבן זיך אין שטעטל פארשפרייט עקשנותדיקע קלאנגען, אז ראדאמישלע וועט פארוואנדלט ווערן אין א קאָנצענטראַציע־פּונקט פאר יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער.

לאַנג האבן אַבער די דאָזיקע קלאנגען נישט אָנגעהאַלטן. יעדער טאג האט מיט זיך געבראכט נייע ווערסיעס און השערות.

אין א געוויסן טאג, אָנפאַנג יוני 1942, זענען געקומען שליחים פון מיעלעץ צום יודען־ראט, אז זיי זאָלן זיי צושטעלן א געוויסע צאָל יונגע און קרעפטיקע יידן פאר דער מיעלעצער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק, אויך פאכמענער, ווי שלאָסער א.ד.ג.

די דאָזיקע שליחים האבן געגעבן אָנצוהערן, אז נאָר די יידן, וואָס וועלן גיין קיין מיעלעץ ארבעטן אין דער פאַבריק, האבן שאַנסן צו בלייבן אין דער געגנט. אויך האבן שאנסן די עלטערן פון די יוגנטלעכע, וועלכע וועלן גיין אין מיעלעצער לאגער. זיי וועלן אַ דאנק דעם באקומען דאס רעכט צו בלייבן אין שטעטל. אלע אנדערע וועלן ווארשיינלעך פארשיקט ווערן — ווער ווייס ווו אהין. דעריבער ראטען זיי, אז עס זאָלן זיך לטובת הכלל מעלדן וואס מער יידישע יוגנטלעכע פארן מיעלעצער לאגער.

די שליחים פון מיעלעץ האבן מיט זיך מיטגעבראַכט אויך עטלעכע יידן פון מיעלעצער לאגער, וועלכער איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער צייט ווען מען האָט ארויסגעשיקט די מיעלעצער יידן, געמאַכט מיעלעץ „יודען־ריין“, דאן האָט מען אוועקגעשיקט א צאָל יידן אין דער אעראָפּלאַנען־פאבריק נעבן מיעלעץ און די מילעצער זענען געווען די ערשטע, די בויער פון דעם שפעטער באַרימטן מיעלעצער ארבעטס־לאגער, אין וועלכן יידן זענען געבליבן ביזן 18.7.1944.

די דאָזיקע לאגער־יידן האָבן דערציילט אין שטעטל, אז אין זייער לאגער איז גאר נישט שלעכט. מען לעבט טאקע אין לאגער, אבער מען ארבעט און מער באקומט צו עסן, אז די פאבריק־לייטונג איז פאראינטערעסירט אין פיל יידישע פאכלייט פארן אַעראָפּלאַנען־בוי, ווו די ארבעט איז נישט קיין שווערע.

הערנדיק דא דאָזיקע מעשיות (דערצו, אז יעדער, וואס וועט גיין קיין מיעלעץ, וועט דורך דעם ראטעווען זיין משפחה) האבן זיך פיל יידן, באזונדערס יוגנט, פרייוויליק געמאָלדן צו גיין קיין מיעלעץ.

די דערהאלטענע ידיעות פון מילעצער לאגער האבן באמת באשטעטיקט, אז די לאגע איז דאָרט נישט קיין שלעכטע. מיט אַ צייט שפעטער זענען ווידער אוועק צענדליקער יידן ווייל וואס שפעטער, איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן, אז א שווארצע כמארע ציט זיך איבערן שטעטל.

א פאקט איז געבליבן, אז דאס גיין קיין מיעלעץ אין לאגער אריין, האט באמת געגעבן אַ שאַנס איבערצולעבן דעם

חורבן ראדאמישלע. מען קאָן זאגן, אז די גרעסטע טייל ראדאמישלער, וואס האט איבערגעלעבט די מלחמה, איז געווען אַ דאנק דעם מיעלעצער לאגער ,וואס האט ביז יולי 1944 עקזיסטירט.

אין יענע טעג פון חודש יוני 1942 איז דאס הויפּט־געשפּרעך און דער הויפּט־געדאַנק געווען בלויז ארום דער פראַגע: גיין קיין מיעלעץ, אָדער נישט גיין? די יעניקע, וואָס זענען געגאנגען פרייוויליק (פאר דער „אויסזידלונג״) איז דאס קומען קיין מיעלעץ אָנגעקומען זייער לייכט. זיי האָבן זיך באדארפט בלויז מעלדן אין יודען־ראַט, אז זיי ווילן פאָרן. אויב דער פרייוויליקער איז געווען נאך גענוג יונג און קרעפטיק, האָט מען אים גלייך באַשטעטיקט און ער איז אוועק אין לאגער. קיינער האט נאָך דאן נישט געאַנט, אז יידן וועלן זיין גרייט אוועקצוגעבן זייערע פארמעגנס, אז מען זאל זיי בכלל נעמען אין מיעלעצער לאגער, ווי דאס איז געוואָרן דער פאל אין די לעצטע טעג פארן חורבן.

ווידער האבן זיך געטראָגן שמועות נאך שמועות. יעדער טאג האט מיט זיך מיטגעבראכט נייע ווערסיעס, נייע ידיעות. אין א געוויסן טאג האט ווער פארשפּרייט ידיעות פון „זיכערע קוועלן״, אז די דייטשן האבן באַשלאָסן צו לאזן די יידן אין ראדאמישלע, נאָר מען וועט אלעמען קאָנצענטרירן אין אַ געטאָ און דאָס געטאָ דאַרף זיין אין דער יידישער גאַס און אין די הינטער־געסלעך. פון מארק וועלן אלע יידן מוזן ארויס, בלויז די ריי פון לייבעלע גוטווירט, ביז צו וויסאָצקין, וועט בלייבן אין געטאָ; אדער אין א געוויסן טאג, דערטראָגט זיך א שמועה, אז מען וועט די ראדאמישלער יידן ארויספירן אין טארנער געטאָ, וואס האט שוין צו יענער צייט אָנגעהויבן צו עקזיסטירן; שפּעטער ווידער א נייער קלאַנג, אז נישט טאָרנע, נאר אין דעמביץ וועט אויפגעבויט ווערן א ריזן־געטאָ פאר די אלע ארומיקע שטעטלעך און אויך ראדאמישלער יידן וועלן אריבערגיין קיין דעמביץ. איז וואס איז ווידער געווען דער שכל, אז דעמביצער יידן האט מען געבראַכט קיין ראדאמישלע? אויף דעם האָט קיינער נישט געקאנט געבן קיין ענטפער.

איינס איז קלאָר: אין אלע מעשיות האבן יידן געגלויבט. עס קאָן געשען „אויסגעזידלט״, אין אן אנדערער שטאָט מאכן א געטאָ, גיין אין ארבעטס־לאגער. אַלץ זאכן וואס האבן זיך געלייגט אויפן שכל. אבער, אז די דייטשן גרייטן אן אלגעמיינע שחיטה און האבן בדעה אלעמען אויסצוהרגנען — אזא שמועה האט זיך בכלל נישט געהערט. און ווען עס וואָלט ווער יא דערציילט אזא זאך, וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אז עס קאָן איבערהויפּט געשען.

אבער דאס אריבערברענגען די באַראָוּוער יידן קיין ראדאמישלע, ממש אין די לעצטע טעג פארן חורבן; דער אופן, ווי אזוי די באראווער יידן זענען אריבערגעבראַכט געוואָרן קיין ראדאמישלע, דאס האט אונדז שוין געמאַכט גלויבן, אז די דייטשן מיינען נישט סתם קאָנצענטרירן אין געטאָס, נאר ממש אויסשעכטן.

די באראווער יידן זענען אין א געוויסן טאג צוזאמענגעבראכט געוואָרן ביי זיי אויפן מאַרק־פּלאַץ. מ׳האט ארויסגענומען פון די הייזער אלע יידן, פון קליין ביז גרויס, געהייסן מיטנעמען בלויז צו קליינע פּעקלעך, ווייל מען וועט גיין צו פוס און אַלץ איבערלאָזן אין די הייזער, נישט צושליסנדיק די טיר.

אלע באראווער יידן האבן זיך פארזאמלט, און געסטאַפּאָ מיט דער דייטשער און פוילישער פאליציי האט זיי ארומגערינגלט. ווען די דייטשן האבן געפונען אין הויז נאך דער באשטימטער צייט האבן זיי גלייך דערשאָסן. ווען אלע זענען שוין געווען צונויפגעזאמלט, האט מען די גאר אלטע יידן אריינגעזעצט אין פויערישע וועגענער. דער רעשט עולם האט געמוזט גיין צו פיס דעם גאנצן וועג פון באראווע, ביז ראדאמישלע.

די דייטשן מיט דער פוילישער פאליציי האבן זיי באגלייט דעם גאנצן וועג. דער יעניקער, וואס האט געמאַכט דעם מינדסטן פּרווו צו אנטלויפן, אָדער איז געפאַלן אין חלשות פון מידקייט, איז גלייך אויף אַן אָרט דערשאָסן געוואָרן. ביז די פארטריבענע זענען אנגעקומען קיין ראדאמישלע, האָט שוין פון זיי געפעלט א שיינע צאָל יידן, וועלכע זענען אונטערוועגס דערשאָסן געוואָרן. די אַנגעקומענע האבן אויך דערציילט וואס פאר א קלעפּ זיי האבן באקומען פון די דייטשן אונטערוועגס, ווען מען האָט געטריבן דעם עולם זיי זאָלן גיין וואָס שנעלער.

די דערציילונגען פון די באראווער יידן האָבן אָנגעיאָגט א פּחד אויפן שטעטל. פון דער אנדערער זייט אבער האבן יידן געפרעגט: פארוואס האט מען די באראווער יידן געבראכט קיין ראדאמישלע? נישט אנדערש נאר אין ראדאמישלע וועט מען קאָנצענטרירן די יידן פון דער געגנט.

צווישן פּחד און פארשטיקטער האָפנונג, וואס האט זיך שוין כמעט ביי קיינעם נישט געהאַלטן, האט זיך געיאָגט א טאג נאך א טאג. דער שרעקלעכער סוף האט זיך דערנענטערט.

בערך א צוויי וואָכן פארן חורבן זענען אנגעפאָרן אין שטעטל עטלעכע גרויסע אויטאָמאָבילן פון דעמביץ, מיט עטלעכע דייטשן אין ציוויל און דייטשער פאליציי. זיי זענען מיטאמאל צוגעפאָרן צו די נאָך דאַן עקזיסטירנדיקע אייזן־געשעפטן: יאָסל קאָך (וואָלף), יאנקל קלאגסבאלד, וואָלף בראנד און צו אונדזער אייזן־געשעפט, ארויסגעטריבן די יידישע בעל־הבתים פון זייערע געשעפטן און מיט זייערע טרעגער, וואס זיי האבן מיטגעבראכט פון דעמביץ, האבן די דייטשן אָנגעהויבן ארויסצוטראָגן אלע סחורות פון די געשעפטן און זיי פארלאָדן אויף די אויטאָס.

מיין פאָטער ע״ה, וועלכער האט זיך אָנפאַנגס אנטקעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן רויב אין מיטן העלן טאג, האט באָקומען שרעקלעך געשלאָגן פון די דייטשן. זיי האבן אויסגעליידיקט ס׳געשעפט, נישט איבערלאָזנדיק קיין איין טשוועקל. דאס זעלבע האָבן זיי געמאַכט אויך אין די אנדערע דריי געשעפטן.

מען איז געלאָפן צום יודען־ראט זוכן הילף — א נעכטיקער טאג. די דייטשן האבן געטענהט פאר די פאָרשטייער פון יודען־ראט, אז זיי האבן א באפעל צו קאָנפיסקירן אלע אייזן ארטיקלען פון די יידישע געשעפטן, ווייל אייזן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ קריגס־וויכטיקער ארטיקל, וואס יידן טאָרן עס נישט מער האלטן און נישט מער פארקויפן. מיר האבן נישט געגלויבט אין זייערע טענות, אבער דער דאָזיקער פאַקט האָט אונדז נאָך מער איבערגעצייגט, אז דער סוף רוקט זיך אָן. די דייטשן, אויס מורא אז די אייזן־סחורות זאלן נישט אריינפאלן אין די הענט פון די פּאָליאקן, וואָס וועלן רויבן נאכן ארויסטרייבן די יידן, האבן זיי עס בעסער צוגענומען.

מיין פאטער ע״ה איז אין דעם טאג פארוואונדעט געוואָרן אין האַנט. ער האָט באקומען דערפון אן אנטצינדונג אין

דער רעכטער האַנט, וואס האט אויך גורם געווען זיין שנעלן טויט אין טאג פון דער ליקווידאציע.

אין חודש יולי 1942 איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן, אז דער סוף פון יידישן שטעטל ראַדאָמישלע־וויעלקי רוקט זיך אלץ נענטער און נענטער. די דייטשן האבן טאקע געהאלטן אלץ בסוד און אפילו מיט דעם מינדסטן רמז נישט געוואָלט מודה זיין פאר די מיטגלידער פון יודען־ראט, וואס עס גרייט זיך. אָבער אינסטינקטיוו האט יעדער פון אונדז, וואס האט דאַן געלעבט אין ראדאמישלע, געפילט אז דער סוף איז נאָענט. יידן האבן אָנגעהויבן אריינצוטראכטן וואהין צו אנטלויפן, אָדער זיך באַהאלטן. עס איז געווען קלאר, אז צו באהאלטן זיך אין ראדאמישלע גופא, האט נישט קיין זין. ווייל אין מאָמענט, ווען ראַדאָמישלע וועט ווערן יודען־ריין, איז א סכנה פאר יעדן וואס וועט זיין באהאלטן. איז ארויסגעשווומען די פראגע צו אנטלויפן אין די אנדערע שטעט, וווּ מען האָט נאָך דערווייל נישט גערעדט וועגן אן אויסזידלונג — אדער אין קראקעווער, אדער אין טארנער געטאָ. קראָקע און טאַרנע האבן שוין דאן (אין יולי 1942) געהאט דורכגעמאַכט טיילווייזע אויסזידלונגען און עס זענען שוין דאָרט געווען געטאָס, וועגן וועלכע מען האָט גערעדט, אז זיי וועלן בלייבן. האָבן פיל ראדאמישלער איינגעפאַקט זייער ביסל זאַכן און אוועק אין טאַרנער געטאָ, אָדער קיין באָכניע, אין געטאָ וואָס איז, דרך אגב, געבליבן דאָס איינציקע געטאָ אין מערב־גאַליציע נאָכן ליקווידירן אלע שטעט און שטעטלעך. דאס געטאָ אין באָכניע איז געבליבן מיט אַ גאנץ גרויסער צאָל יידן ביז דעם 1־טן סעפטעמבער 1943.

אויך זענען דערגאַנגען ידיעות, אז פלאנטש ווערט דערווייל נישט אויסגעזידלט און פיל ראדאמישלער זענען אוועק קיין פלאנטש.

די יידן, וואס האבן געהאט באקאנטשאַפט אין די דערפער, האָבן געפּרוווט גליק ביי באַקאַנטע פויערים, אוועק צו זיי זיך באהאלטן. ווידער אנדערע — מייִנסטנס דאָרפס־יידן, ווי אויך יידן, וועלכע פלעגן גיין פיל אין די דערפער און האבן געקענט די געגנט — זענען אוועק אין וואַלד אריין און דאָרט אויפגעבויט באַהעלטענישן. פון די אלע אויבן־דערמאָנטע פלעצער, ווו ראדאמישלער יידן זענען אנטלאָפן, האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, אז אין וואַלד איז דאָס זיכערסטע אָרט. פיל יידן, וואס זענען געווען אין וואלד, האבן איבערגעלעבט די מלחמה. דאס אנטלויפן אין אנדערע געטאָס איז בלויז געווען אַ מאָמענטאַלע רעטונג, ווייל דער סוף פון יעדן שטעטל און יעדן געטאָ איז געקומען — פריער, אָדער שפּעטער.

קיינער האט אבער נישט געקאָנט פאָרויס זען, וואס ס'איז יא גוט און וואָס נישט; ווו אַהין ס'איז בעסער צו לויפן — קיין טארנע, אָדער באָכניע, אָדער פלאַנטש? דער איינציקער געדאַנק ביי יעדן איז געווען קודם: זיך צו ראטעווען פון דעם פייער, וואס רוקט זיך איצט אויף ראדאמישלע. אויך האבן נישט אלע יידן געקאָנט אַנטלויפן. די וועגן זענען שוין דאַן געווען זייער שטרענג באוואַכט. די דייטשן האָבן געאַנט, אז יידן וועלן פרווון ארויס פון שטעטל און דאס כאַפּן אונטער־וועגס איז ממש געווען א זיכערער טויט. אבער יידן האבן נישט געקוקט דערויף. מען האט פארקויפט די גויים וואס מען האָט נאר געקאָנט, כדי צונויפצוזאמלען אביסל געלט, געדונגען א פיאַקער און אַוועק, ווו איינער האט נאר געקאָנט. זייער פיל האבן זיך ארויסגעלאָזט צופוס, ווייל מיט א פיאקער איז די סכנה פון געכאַפּט ווערן דורך די דייטשן געווען פיל א גרעסערע. האבן זיך א סך אָרגאניזירט אין גרופּעס און געגאנגען צו פוס אין די נעכט — ביז פלאַנטש, אָדער טאָרנע.

איצט, ווען די סכנה האט זיך שוין געפילט ממש גאר נאָענט, האבן פיל יידן, באזונדערס יוגנטלעכע און ארבעטס־פעיקע, געוואָלט גַיין אין מיעלעצער ארבעטס־לאגער. יידן האבן געבראַכט גאַנצע פארמעגנס אין יודען־ראט, כדי מען זאָל זיי צונעמען קיין מיעלעץ אין לאגער. חוץ דעם לאגער אין מיעלעץ (ביי דער אַעראָפּלאַנען־פאַבריק), זענען נעבן מיעלעץ געווען 2, אָדער 3, קלענער לאַגערן, ווי „בוים עט לעש" און אנדערע, וועלכע האָבן באשעפטיקט יידן ביי פארשידענע בוי־אַרבעטן. דאס גוטע אין די קליינע לאַגערן איז געווען, וואס זיי האָבן אויך צוגענומען גאנצע פאמיליעס, פרויען מיט קינדער. אין די לאַגערן איז גאר שווער געווען זיך אריינצוכאַפּן. מען האָט פאר אַ פּלאַץ ביי „בוים עט לעש" באַצאָלט פיל געלט, גאָלד מיט ברילאַנטן. מיט גרויס מי איז עטלעכע יידישע משפחות געלונגען אהינצוקומען. צווישן אנדערע זענען אריבער צו „בוים עט לעש": די משפחה טאַפעל מיט זייערע איידעמס שאול ווינד און שמואל קליין, א זון פון יחיאל קליין. אויך איז אריבער די משפחה שמעיה מיט זייערע צוויי טעכטער; יחיאל ווינדס איידעם, מיט זיין פרוי איטוש ווינד און דאַכט זיך אויך יחיאל ווינד, מיט זיין פרוי שיינדל. אהינצוקומען צו „בוים עט לעש" האט מען געהאלטן פאר א גליק, ווייל מען האט געקאָנט אהינגיין מיט דער גאנצער משפחה; דאקעגן אין די אעראָפּלאַנען־פאַבריק האָבן בלויז געקאָנט קומען מענער אליין און נישט יינגער פון 18 יאָר. אבער ווי אזוי קומט מען אָן אין מיעלעצער לאגער? דאס איז איצט, אין די לעצטע טעג פארן חורבן, געווען איינס פון די שווערסטע זאַכן. פארשטייט זיך: אלע מענער האָבן געוואָלט גיין אהין. יידן זענען געלאָפן אין יודען־ראט און מען האט זיך קודם פארשריבן צו גיין אין לאגער. אבער דאָס אַליין איז נישט געווען גענוג. דערצו האט מען נאָך געברויכט צוויי גוטע זאַכן: גוטע פּראָטעקציע ביים מיעלעצער פּרעזעס, און פיל געלט, אָדער ווערט־זאַכן. מיט יעדן טאג איז דער פּרייז פארן פארשרייבן אין לאַגער אריין געוואָרן טייערער און טייערער, אז בלויז יחידים האבן שוין געקאָנט עס דערגרייכן. די יודן־ראַט מענטשן האבן אבער צו אלע צרות נישט געוווּסט וויפיל יידן מען וועט ביי זיי פארלאנגען פארן מיעלעצער לאַגער. דאס האט די געסטאַפּאָ געהאַלטן בסוד ממש ביזן לעצטן טאָג. צום סוף זענען אלע פארשרייבעכצער אין יודן־ראַט גאר נישט ווערט געווען, ווייל די גַעסטאַפּאָ האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ גרופּע פון בערך 150 מאַן אין לעצטן טאָג פאר דער אויסזידלונג. זיי האבן גענומען וועמען זיי האבן געוואָלט און נישט די יעניקע וואס זענען געווען פארשריבן ביים יודען־ראַט.

יז.

אין די לעצטע טעג פארן חורבן האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע בהלה אין שטעטל. מענטשן זענען ארומגעגאנגען ווי פאַרסמט. מען האָט מקנא געווען די, וואס האבן באוויזן זיך ארויסצורייסן פון שטעטל און זענען אוועק אויף א „זיכערן" פלאץ. יעדער האָט בלויז געטראַכט, ווי אזוי קאָן מען זיך ראטעווען? די געשעפטן האָבן זיך מער נישט געעפנט, קיינעם איז עס נישט מער אנגעגאנגען: יא געשעפט, נישט געשעפט,

איין געדאַנק האט יעדן געמאַטערט: ווי אזוי ראַטעוועט מען זיך פון דער פאַרשטייענדיקער שריפה.

מען האָט אויך געפּרוווט ראַטעווען האב און גוטס. מען האָט דאָך געהאָפט, אז אפשר וועט מען זוכה זיין איבערצולעבן די שרעקלעכע מלחמה און מען וועט קאָנען אמאל צוריקומען קיין ראַדאָמישלע. האבן יידן געמאַכט גריבער נעבן זייערע הייזער, אויף די הויפן, באַגראָבן דאָרט ס׳זילבער־וואַרג, גאָלד און ווערט־זאַכן, געמאַכט סימנים ווי אזוי עס צוריק געפינען בבוא היום. זאַכן, וואָס מען האָט נישט געקאָנט באַגראָבן, ווי וועש, אַנטועכץ, בעטגעוואַנט, אפילו מעבל, האָבן יידן אָנגעהויבן אַוועקצופירן צו באַקאַנטע פויערים, זיי דאָס איבער־געגעבן צו היטן. נישט געווען קיין הויז, פון וואַנען מ׳זאָל נישט אַוועקגעטראָגן עפּעס צו באַקאַנטע פויערים. און וועלכער ייד אין ראַדאָמישלע האָט עס נישט געהאַט קיין באַקאַנטע „ערלעכע" גויים, וואָס זענען געווען גרייט צוצונעמען יידישע פאַרמעגנס?

דער גלח פון שטעטל איז געווען באַקאַנט פאַר אַן ערלעכן גוי. האבן פיל יידן אַוועקגעטראָגן צו אים זייער האָב און גוטס. קודם מיט דער אויסרעכנונג, אז דער גלח וועט באַשטימט צוריקגעבן; צווייטנס — אויב די דייטשן וועלן זוכן יידישע זאַכן, וועט מען ביים גלח באַשטימט נישט זוכן. יעדער, וואָס האָט נאָר געהאַט די מינדסטע באַקאַנטשאַפט מיטן גלח, זיינע שכנים, האָבן אַוועקגעטראָגן זייערע פאַרמעגנס צו אים. אויך מיין פאָטער ע״ה, וועלכער איז געווען זייער באַפריינדט מיטן גלח, האָט אַוועקגעטראָגן סחורות און ווערט־זאַכן צום גלח. קומענדיק מיט מיין פאָטער צום גלח, האָב איך דאָרט געטראָפן שוין א פולע סטאָדאָלע מיט יידיש האָב און גוטס.

וואָס מען האָט נישט באַוויזן צו באַהאַלטן, האָט מען געזוכט דערויף קונים און פאַרקויפט פאַר גראָשנס. די גויים האָבן גאָרנישט געוואָלט קויפן. זיי האָבן גַעטענהט, אז סיי ווי וועלן מיר דאָס אַלץ איבערלאָזן און זיי וועלן דאָס צונעמען בחינם.

געקומען דער שבת ד׳ אב, 18־טן יולי 1942, דער לעצטער יידישער שבת אין ראַדאָמישלע, דער לעצטער טאָג פאַרן חורבן ראַדאָמישלע.

פרייטיק צונאַכטס האָט קיין מענטש נישט צוגעמאַכט קיין אויג. עס איז שוין געווען קלאָר אז אַן אויסזידלונג איז א זיכערער פאַקט. פרייטיק צו נאַכט האָט געהערשט אזא בהלה אין שטעטל, וואָס דאָס קאָן מען קוים באַשרייבן. די גרעסטע צאָל פון די, וואָס זענען אַנטלאָפן פון שטעטל, זענען אַנטלאָפן אין דער נאַכט.

מענדל אייזלאַנד, מיין קוזין, איז געקומען צו מיר, אז מיר אַלע זאָלן אַוועק קיין טאַרנע. ער האָט געדונגען א פיאַקער אויף וועלכן אַלע וועלן קאָנען אַרויף. אויסער דעם האָט ער באַזאָרגט אַן איינמאָליקן רייזע־שיין און מיר קאָנען פריי פאָרן. ער האָט פאָרגעשלאָגן, אז מיר זאָלן קודם־כל פאָרן קיין טאַרנע און אויב מיר וועלן נישט קאָנען אַריינפאָרן אין טאַרנער געטאָ, וועלן מיר פאָרן קיין באָכניע. זיין פּלאַן איז געווען זייער א גוטער, אָבער מיין פאָטער ע״ה, איז געלעגן מיט הויכן פיבער, מיט אַן אַנטצינדונג אין דער פאַרוווּנדעטער האַנט און געטענהט, אז ער איז נישט אומשטאַנד צו פאָרן אין אזא לאַגע. פאַרשטייט זיך, אז מיין מאַמע ע״ה, האָט נישט געוואָלט אזוי לאָזן דעם פאָטער און אויך נישט

געוואָלט פאָרן. אזוי זענען מיר אַלע געבליבן אינדערהיים און געוואַרט אויף אונדזער גורל.

מענדל אייזלאַנד, מיט זיין מוטער ברײַנדל און טאָכטער הענדל, ווי אויך מיין זיידע, דער איבער 80־יעריקער לייביש אייזלאַנד, האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף דעם פיאַקער און איינס אַזייגער ביינאַכט אַרויסגעפאָרן פון שטעטל קיין טאַרנע. זיי אַלע זענען בשלום אָנגעקומען קיין טאַרנע און בשלום אַריין אין געטאָ. דער זיידע לייביש ע״ה, איז נאָך געבליבן לעבן אין טאַרנער געטאָ, ווי אויך טאַנטע ברײַנדל — ביז דער ליקווידאַציע פון טאַרנער געטאָ, אַרום ראש־השנה 1942. ביי דער דאָזיקער אַקציע זענען אומגעקומען דער זיידע לייביש, טאַנטע ברײַנדל און איר טאָכטער, הענדל. מענדל מיט זיין פרוי רויזע (גאַרן), מיט זייער קליין קינד יהושע, איז געלונגען צו אַנטלויפן פון טאַרנע קיין באָכניע אין געטאָ, וווּ זיי זענען געבליבן ביז צום סוף פון באָכניער געטאָ. מענדל אַליין איז נאָך געלונגען, בשעתן ליקווידירן ס׳באָכניער געטאָ, צו קומען אין אַן אַרבעטס־לאַגער און דאָרט איז ער אומגעקומען צוזאַמען מיט ראובן האַנד און מינדל פאַדאווער.

דעם זעלבן פרייטיק צו נאַכט האָבן פאַרלאָזט צענדליקער ראַדאָמישלער דאָס שטעטל — מייסטנס אין די אַרומיקע דערפער — מיט דער האָפנונג, אז אפשר וועט מען דאָך איבערלאָזן א טייל יידן אין שטעטל, וועלן זיי דאַן צוריקקומען. צווישן אַנדערע זענען אַוועק קיין באָכניע מרדכי גאָלדפינגער מיט זיין משפחה. לויט מיין מיינונג, האָבן פאַרלאָזט ראַדאָ־מישלע (פאַר דער אַקציע) איבער 500 יידן, אָבער בלויז א קליינע טייל פון די אַנטלאָפענע זענען געבליבן ביים לעבן.

די מענער, וואָס זענען נאָך געבליבן שבת אינדערפרי אין שטעטל (און איך צווישן זיי) האָבן נאָך געהאַט די האָפנונג: אפשר וועט אונדז געלונגען אַריבערצוכאַפּן זיך אין מיעלעצער לאַגער...

דאָס ביוראָ פון יודען־ראַט איז געווען באַלאַגערט פון הונדערטער מענטשן. יעדער האָט זיך געשטופּט, געשריגן, געוואָלדעוועט. יעדער האָט געוואָלט זוכה זיין צו זיין פאַרשריבן אויף דער ליסטע אין מיעלעצער לאַגער. עס איז שוין געווען באַוווּסט, אז עס דאַרפן קומען אויטאָס פון דער עראָפּלאַנען־פאַבריק צו נעמען די פאַרשריבענע.

צום סוף איז אָנגעקומען דער אויטאָ פון מיעלעצער לאַגער נאָך די „גליקלעכע". עס איז זיך קוים פאָרצושטעלן די סצענעס וואָס עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט ביים אויטאָ. פון לאַגער איז געקומען דער דעמאָלטדיקער פּוילישער לאַגער־פירער פּאַלע־ראַווסקי. דער דאָזיקער פּאָלאַק איז געווען א גרויסער געלט־פרעסער און האָט געוואָלט רייך ווערן ביים יידישן אומגליק. ער האָט עס געמאַכט דעם אָפּמאַך מיטן פּרעזעס פון יודען־ראַט וועגן פאַרשרייבן קיין מיעלעץ. ער האָט פאַרלאַנגט פאַר יעדן קאָפּ א ריזן־סומע געלט. ווען דער דאָזיקער פּאַלע־ראַווסקי איז געקומען קיין ראַדאָמישלע יענעם שבת כדי איינצוקאַסירן ס׳געלט און מיטצונעמען די יידן אין לאַגער, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אזא בהלה ביים יודען־ראַט, אז עס איז פשוט נישט געווען מעגלעך צו באַהערשן די לאַגע.

אין די הונדערטער יידן זענען געשטאַנען ביים אויטאָ און יעדער האָט געוואָלט אַרויף. ביז היינט איז מיר נישט קלאָר, צי עס זענען ביים ערשטן אויטאָ אויפגענומען געוואָרן די יידן, וואָס האָבן געהאַט באַצאָלט גוט געלט, אָדער די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט שטאַרקערע עלנבויגנס און מיט כוח זענען זיי אַרויף אויפן אויטאָ. די אָרדנונגס־דינסט האָט

געארבעט מעשים, די פעקלעך זענען געפלויגן אין דער לופט; מען האט זיך געשלאגן, געהרגט. ווער ס'האט געהאט „מזל" אין ארויף אויפן לאסט־וואגן, אין וועלכן ס'האבן געקאנט אריין בערך 80 מענטשן. דער אויטא איז פול געווארן און אוועק. פאלעראווסקי, זעענדיק ווי מען שלאגט זיך, כדי צו קומען צו אים, אין זיין „גן־עדן", האט צוגעזאגט דעם יודען־ראט, אז ער וועט נאכאמאל קומען, נאר מען זאל אנגרייטן ווידער א בייטל מיט געלט.

איך בין צופעליק געשטאנען און געהערט ווי ער זאגט אז ער וועט נאך אמאל קומען צו פארן. בין איך שנעל אהיימגעלאפן און דערציילט עס, און מען זאל זען עפעס צו טון אין יודען־ראט, אז איך מיט מיין ברודער יקותיאל, זאלן קאנען מיטפארן. די מאמע ע"ה איז גלייך אוועק אין יודען־ראט און געפרוווט מיך מיטן ברודער פארשרייבן צום צווייטן טראנספארט. אבער א נעכטיקער טאג, קיינער האט מיט איר נישט געוואלט רעדן. איצט האט מען בלויז פארשריבן די סאמע מיוחסים: מיטגלידער פון יודען־ראט און ארדנונגס־דינסט.

איך האב געזען, אז די לאגע איז שלעכט, האב איך באשלאסן צו בלייבן ביים יודען־ראט און ווארטן אויפן אויטא פון מיעלעץ, פרווון מיין מזל. נעבן מיר זענען געווען מיין ברודער יקותיאל און מיין קוזין יקותיאל, פעטער שיע אייזלאנד'ס.

מיטאמאל האבן מענטשן אנגעהויבן צו לויפן און שרייען עפעס אומפארשטענלעכעס. איך האב בלויז פארשטאנען איין ווארט: „געסטאפא".

עס האט זיך ארויס געוויזן, אז אין דעם מאמענט איז אנגעקומען א פולער אויטא מיט געסטאפאווצעס, עטלעכע אויטאס מיט דייטשער און פוילישער פאליציי, ארומגערינגלט ס'גאנצע שטעטל. אין יוצא ואין בא.

ווער עס איז געבליבן אויפן הויף פון יודען־ראט (ביי יאנקל גרין) האט נישט געקאנט מער ארויס, בלויז פרויען האט מען דורכגעלאזט. אלע מענער האבן געמוזט בלייבן אויפן פלאץ, קיינער האט זיך נישט געטארט רירן. איך האב נאך באוויזן פונדערווייטנס צו כאפן א בליק אויף מיין צעשראקענער מוטער. איך האב געזען איר פארוויינט פנים און באלד האט מען זי ארויסגעשטופט פון יאנקל גרינס הויף, ווו מיר אלע זענען געווען פארזאמלט, פארמאכט ס'גרויסע טויער.

אויפן הויף זענען געבליבן א 200 יידן. באלד האט די געסטאפא באפוילן אלעמען זיך אויסצושטעלן אין צוויי רייען, נישט צו רירן זיך פון ארט און דערקלערט, אז ווער עס וועט פרווון צו אנטלויפן, ווערט גלייך אויף אן ארט דערשאסן.

מיר האבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען און געציטערט ווי די פיש.

א געסטאפא־מאן, מיט א דייטשן מייסטער פון דער אעראפלאנען־פאבריק אין מיעלעץ, זענען פארבייגעגאנגען נעבן אונדזערע רייען, זיך אפגעשטעלט נעבן די יונגערע מענטשן און געפרעגט: ווי אלט און וואס פארא בארוף? יעדער וואס איז געפעלן דעם געסטאפא־מאן מיטן דייטשן מייסטער האט באקומען א באפעל ארויסצוגיין פון דער ריי און אריבערצוגיין אין דער צווייטער זייט, שאפן א צווייטע גרופע און ווידער אוועקשטעלן זיך אין גלייכע צוויי רייען.

אזוי האבן זיי געמאכט א סעלעקציע און אויסגעזוכט בערך 70 יונגע מענטשן, נעבן וועלכע מען האט גלייך אוועק־געשטעלט א ספעציעלע שמירה. מיך האט מען אויך אויס־געקליבן צווישן די 70, וועלכע מען האט באשטימט קיין מיעלעץ אין דער אעראפלאנען פאבריק. מיין ברודער מיט מיין קוזין האט מען נישט אויסגעוויילט, זיי זענען געבליבן.

מיר האבן געהערט ווי די געסטאפא האבן גערעדט צווישן זיך, אז די 70 זאלן בלייבן דא שטיין און די אלע אנדערע קאן מען פאנאנדערטרייבן. מארגן וועלן זיי גיין קיין פוסטקאוו אין דעם טרויריק־בארימטן לאגער, וועגן וועלכן איך האב שוין פריער דערציילט.

באלד דערויף האט זיך דערהערט א געשריי פון די פאליציאנטן צו דעם איבערגעבליבענעם עולם, אז זיי זאלן פון דאנען שנעל פארשווינדן. מיט קאנטשיקעס אין די הענט האבן זיי פאנאנדער־געטריבן דעם רעשט עולם.

עס האט נישט לאנג געדויערט און עס איז צוריקגעקומען פאלעראווסקי דער לאגער־פירער, מיט דעם לאסט־אויטא. מען האט אונדז געגעבן א באפעל צוצוגיין אין גלייכע רייען און אין ארדנונג צום אויטא.

דער אויטא איז געשטאנען אין דער מיעלעצער גאס. איצט האט זיך שוין קיינער מער נישט געשטופט. צו צוויי אין א ריי זענען מיר לאנגזאם ארויף אויפן לאסט־אויטא.

קיין לעבעדיקער ייד האט זיך מער נישט געזען אין דער מיעלעצער גאס. די גאס איז געווען ווי אויסגעשטארבן. פאלעראווסקי איז געשטאנען נעבן אויטא און געציילט זיינע „קרבנות", וועלכע ער דארף איצט מיטנעמען צו זיך אין לאגער. יעדער פון אונדז איז אבער אין דעם מאמענט געווען דער גליקלעכער צו געפינען זיך אין דעם אויטא, וואס וועט אונדז פירן אין לאגער. דערווייל וועט מען נאך קאנען בלייבן לעבן...

איך בין אזוי געשטאנען פארנומען מיט מיינע געדאנקען, פלוצלינג גיב איך א קוק: אין דער פוסטער גאס זענעןביידע יקותיאלס — מיין ברודער און דער קוזין — געלאפן מיט זייערע פעקלעך אין די הענט אהער, צום אויטא. קיינער פון די געסטאפא איז שוין נישט געשטאנען ביים אויטא, נאר די ארדנונגס־דינסט. די יקותיאלס זענען צוגעלאפן צום אויטא און געבעטן זיך רחמים ביי דער פאליציי, אז מען זאל זיי ארויפלאזן. נושעק איזאק, וועלכער איז דאן אויך געווען ביי דער יידישער פאליציי און געשטאנען נעבן אויטא, האט געגעבן א כאפ די צוויי יונגלעך און זיי געגעבן א זעץ אריין צווישן אונדז. קיינער פון די דייטשן האט דאס נישט באמערקט און די יקותיאלס זענען געבליבן אין אויטא.

גלייך נאכדעם זענען ארויס פון יודען־ראט פאלעראווסקי מיטן שעף פון דער יידישער פאליציי — כילאוויטש. כילאוויטש איז אויך אריין אין אויטא. איצט האבן מיר געזען, אז די בראך איז פארטיק. קוים האט די געסטאפא געהייסן אויך כילאוויטשן פארן אין לאגער, איז שוין דער בעסטער באוויז, אז קיין איינציקער ייד וועט נישט בלייבן אין שטעטל. צוזאמען מיט אים זענען אויך אריין אין אויטא אנדערע יידישע פאליציאנטן: נושעק איזאק, אוריש שווארץ, לייביש טאפעל א. א. דער פרעזעס פון יודען־ראט איז אבער נישט מיטגעפארן און ווי מיר האבן שפעטער געהערט, האט מען אים אוועקגעפירט קיין דעמביץ.

דער אויטא האט גערירט פון פלאץ און גלייך ביים טמאהלע האבן מיר דערזען, וואס דערווארט מארגן ראדאמישלע: דער גאנצער שאסיי איז געווען פול מיט דייטשער און

פוילישער פּאָליציי. רעכטס און לינקס אין די פעלדער — פול מיט פּאָליציי. ס׳גאנצע שטעטל איז ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט באוואפנטע פּאָליציאנטן און קיין מענטש קאָן שוין מער נישט ארויס פון שטעטל. דער גורל פון אלע, וואס געפינען זיך נאָך אין שטעטל, איז שוין איצט א געשטעמפּלטער.

דעם דאָזיקן שבת, ד׳ אב, דעם 18־טן יולי 1942, ארום 3 אזייגער נאָכמיטיק, האָב איך צום לעצטן מאָל געזען מיין געבוירן־שטעטל ראדאמישלע־וויעלקי (רבתי). אויף צומאָרגנס ה׳ אב, דעם 19־טן יולי 1942, איז דאס שטעטל ראדאמישלע חורב ונחרב געוואָרן אויף אייביק.

★

וואלף איינשפרוך
חולון

דורך פעלדער און וועלדער

א.

געבוירן בין איך דעם 5־טן מאי 1901, אין דאָרף ביעלאָווע ביי פילזנא ווו כ׳האב געוווינט ביז דעם יאר 1927.

אין 1927 האב איך חתונה מיט רבקה סאַמבאָר פון ראדאמישלע און איך בין געוואָרן אזוי ארום א ראדאמישלער איינוווינער. אונדזער געשעפט איז געווען: תבואה

נאכדעם ווי די דייטשן זענען אריינגעקומען האבן זיי חרוב געמאכט די בתי מדרשים און פארברענט די ספרי־תורה. די שול האבן זיי פארוואַנדלט אין א פערד־שטאַל.

איך וויל אבער עפּעס דערציילן אויך פון מיעלעץ. ווען די שונאים זענען אריין קיין מיעלעץ, ערב שבת, האבן זיך א סך יידן געפונען אין באָד. די דייטשן האבן אריינגעגאָסן בענזין אין באָד אריין און פארברענט אלע מענטשן, וועלכע האבן זיך דאָרט געפונען. סיי דאָרט, סיי אין ראַדאָמישלע, זענען יידישע לעבנס געוואָרן הפקר.

אפאר חדשים שפּעטער איז געקומען קיין ראדאָמישלע אויף א קאָטש א גלח, א דייטש, וועלכער האָט געוואָלט איבערפירן דעם קערפּער פון זיין געהרגטן ברודער, וואס איז געפאלן ביי ראדאמישלע, קיין דייטשלאַנד. פאָרנדיק איבער דער גאַס האָט ער אנגעטראָפן יאנקל גרין, אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— דו, פארשאלטענער ייד, פארוואס האסטו נישט אראפּ־גענומען דאס היטל פאר מיר?

גרין האט געענטפערט:

— נעכטן האב איך יאָ אראפּגענומען דאס היטל פאר די דייטשן האבן זיי אויף מיר געשריגן דערפאַר.

האָט דער גלח ארויסגענומען פון זיין טאַש א שער, צעטיילט די באָרד פון יענקל גרין אויף צוויי טיילן, אפּגעשניטן א האַלבע באָרד, אראפּגעוואָרפן אים דאס היטל פון קאָפּ און געהייסן „גיין צום טייוול״.

ווען איך האָב דאס דערזען, האב איך נישט געוואַרט אויף די דייטשן און אליין זיך אָפּראזירט די בארד.

אין 1940 האט מען אָנגעהויבן צו נעמען מענטשן צו צוואנג־ארבעט. מיר האבן געארבעט אין די פעלדער ביי קאנאליזאציע. ווער עס האט געהאט געלט, האט זיך באפרייט דורכן יודען־ראט און ווער עס האט נישט געהאט, האט געמוזט ארבעטן. מיר האבן געארבעט ביזן יאר 1942.

אין יאר 1942, ווען מען האט ראדאמישלע „אויסגעזידלט״ האט דער לייטער פון דער ארבעט אונדז אָפּגעזאָגט כדי מיר זאָלן גיין צוריק קיין ראדאמישלע און די פּאָליציי וועט אונדז שוין שיקן אין דעם לאגער, ווו עס זענען דא א סך יידישע ארבעטער. פרעג איך מיין שוואָגער, מאיר איזלער, וואָס דארפן מיר איצט טון? אין ראדאמישלע איז דאָך שוין קיינער פון די אונדזערע נישטאָ. האבן מיר זיך געלאָזט וואנדערן איבער די פעלדער. דאס איז געווען ראש חודש אלול. מיר האבן געוואנדערט פון דאָרף צו דאָרף. א סך מענטשן זענען געלאָפן איבער דער ווייסל קיין פאצעניוו, ווו זיי האבן געמיינט אז זיי וועלן קאָנען פארבלייבן. אבער אין אפאר טעג ארום זענען זיי צוריק געקומען אין קליינעם דולטשע וואלד.

איך, מיט מיין שוואָגער איזלער, זענען נישט געגאנגען אין וואַלד אריין. מיר האבן זיך דערנענטערט ביי נאַכט צו אַ דאָרף, וואס הייסט פיען. דאָרט האב איך געהאט א סך באקאנטע גויים. ווען מיר זענען אנגעקומען איז שוין געווען 12 א זייגער ביינאַכט. איך בין צוגעגאנגען צו דער טיר פון דער סטאָדאָלע, זי לאנגזאַם געעפנט, מיר זענען אריין און זיך געלייגט שלאפן מיט מזל. ווען עס איז טאג געוואָרן און דער גוי איז אריינגעקומען נעמען אביסל קליי פאר די בהמות, האב איך א קרעכץ געגעבן. ווען דער גוי איז געוויר געוואָרן ווער מיר זענען, האָט ער געזאָגט:

— איר קאנט נאָך שלאפן..

— ווי אזוי קאנען מיר שלאפן, ווען מיר זענען הונגעריק?

— ענטפערן מיר.

איז דער גוי שנעל אריין צו זיין פרוי און איר איבערגעגעבן אז „וואָלעק״ (אזוי האָט ער מיך גערופן) מיט זיין שוואגער געפינען זיך אין דער סטאָדאָלע. די פרוי האָט שנעל אריינ־געבראַכט צו עסן. ווען מיר האָבן אָפּגעגעסן, גיב איך א קוק דורך א שפּאַרע — עפּעס א מענטש גייט. דאס איז געווען זאלמעלע גרין. מיר האָבן אים אריינגערופן און ווען מיר האָבן געגעבן אַ קוק אויף זיין פנים, איז געווען אַ קלאָג צו אונדזער פנים. ער האט זיך שוין געהאַט אָפּגעשוירן די באָרד, אנגעטון א קאַפּעליוש פון א גוי און נישט גערעדט צו דער זאַך. לסוף, ווען מיר האבן זיך געוואָלט געזעגנען מיט אים האָט ער געזאָגט:

— וואַרט אויס, איך האב דיר צו זאגן אפאר ווערטער. נעכטן האב איך זעך געזען מיט דיינס א באקאנטן גוי, האט ער מיך געבעטן: אז דו וועסט זען וואָלעקן, זאג אים ער זאָל צו מיר קומען. איך האב וויכטיק מיט אים צו רעדן. נאר ער זאל קומען ביי נאַכט; דער גוי הייסט קיליאן לודוויק, זיין מוטער, טעקלאַ. זיי וווינען אין דאָרף פיען.

צוערשט האבן מיר געצווייפלט, צי מיר זאלן גיין צו אים, אבער נאכדעם האבן מיר באשלאָסן, אז יאָ.

עס איז געווען שוין 12 ביי נאַכט, ווען מיר זענען אהין געקומען. איך האָב אַ קלאַפּ געטון אין פענצטער, האָט ער מיר אויפגעמאַכט די טיר. דער שוואגער איז געבליבן אין דרויסן.

דער גוי האט מיר אנגעהויבן צו דערציילן, ווי אזוי עס איז געווען אין טאג פון דער אויסזידלונג. די פּאָליציי האט אלע מענטשן ארויסגעיאגט פון די שטיבן אין מארק אריין, ווו מען האט די מענטשן סאָרטירט: עלטערע מענטשן מיט קליינע קינדער אויפן בית החיים געטריבן, און סאָרטירטע פון נומ. 2 אַרויפגעזעצט אויף וועגענער און געפירט קיין דעמביץ. דאָרט האט מען זיי אריינגעזעצט צווישן שטעכעדיקע דראָטן און געהאלטן זיי דריי טעג. מיטנעמען האט מען זיי דערלויבט 2 קילאָ ברויט פאר איין מענטש, איין קישן און איין האנטוך.

פון וואנען ווייס איך, אז די ראדאמישלער מענטשן זענען געזעסן אונטער די שטעכל־דראטן? מיין קוזין פון פילזנא איז געווען אין דעמביצער ארבעטס־לאַגער. ער האט אויך, ווען ער איז אדורך צו דער ארבעט, געזען מיין פרוי מיט 4 קינדער. גערעדט האָט ער מיט זיי נישט, נאר געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער הייסט אברהם איינשפרוך. אים איז געלונגען צו אנטלויפן פון לאגער (ער איז היינט אין אמעריקע). נאָך דער באפרייונג בין איך געגאנגען קיין פילזנא און ווען איך האב זיך מיט אים געטראָפן, האט ער מיר אַלץ דערציילט: נאך דריי טעג האט מען זיי וואַגאָנירט אין קאלעך־וואַגאָנען און אוועקגעפירט קיין בעלזעץ. ווען דער צוג האט אנגעהויבן צו פארן, איז געוואָרן אזא שטויב, אז ווען די מענטשן זענען געקומען קיין בעלזעץ, איז אפילו קיין פערט חלק נישט געבליבן לעבן פון זיי. דאס האט מיר ווידער א פוילישער פאליציאנט דערציילט.

אבער לאָמיר צוריק צו מיין באקאנטן גוי, קיליאן. נאכדעם ווי ער האָט מיר דערציילט וועגן חורבן פון אונדזער שטעטל ראדאמישלער וויעלקי, פרעגט ער מיך: „ווילסטו עפּעס עסן?"

— יאָ, איך האב אבער אינדרויסן מיין שוואגער.

ער רופט אים אריין און נאכן עסן זאָגט ער צו מיר:

— דו וואלסט געקאנט זיין ביי מיר...

— און וואס זאל איך טון מיט מיין שוואגער?

— שיק אים צו זיינע באקאנטע פויערים.

איך האם זיך אבער נישט געוואָלט צעשיידן מיט מיין שוואָגער און קיליאן איז לסוף מסכים געווען:

— בלייבט צוזאמען ביי מיר.. אָבער מיין ווייב דאַרף נישט וויסן וועגן אים (וועגן מיין שוואָגער, הייסט עס).

ער איז באלד אוועק אין סטאָדאָלע און געמאַכט אין שטרוי א טיפן לאָך פון צוויי מעטער. דאָרט זענען מיר געזעסן 3 חדשים. ביי טאג זענען מיר אוועק אין א קליין וועלדל, ווו מיר זענען געווען ביז פינצטער און אין אוונט זענען מיר צוריק געגאנגען קיין פיען, ווו מיר האבן באקומען עסן און געגאנגען שלאָפן.

סוכות־צייט האט דער שוואגער נישט געוואָלט עסן מחוץ לסוכה, האבן מיר אין וועלדל אויפגעשטעלט א סוכה און דאָרט געגעסן.

ווען מיר זענען אזוי געזעסן אין דער סוכה, קומען צו גיין צוויי יונגע קריסטן, וועלכע איך האב געקענט און קוקן אונדז גיט אָן.

זייער קוקן איז מיר נישט געפעלן געוואָרן. זיי האבן פארלאנגט פון אונדז ציגארעטן, אבער פון וואנען קאנען מיר האבן פאפּיראָסן? האבן זיי זיך געזעגנט מיט אונדז און זענען אוועק. זאג איך צו מיין שוואגער:

מיר מוזן פארלאזן דאס אָרט.

מיר זענען געגאנגען ווייטער. צומאָרגנס, ביין א זייגער אין דער פרי, איז געקומען פּאָליציי צו אונדזער סוכה און זענען באלד אוועק ווייטער זוכן. זאג איך צו מיין שוואגער:

לאָמיר זיך לייגן אויף דער ערד און זאָגן תהלים, דאס קאַפּיטל וואס דוד המלך האט געזאגט, ווען ער איז געווען אין א צרה.

זיי זענען אדורכגעגאנגען 5 ביז 6 מעטער פון אונדז. פאר זיי איז געגאנגען א גרויסער שמעק־הונט, מיר האבן שוין געזען די שטיוול פון דער פאליציי. זיי האבן געגעבן אַ שאָס פון א רעוואָלווער, געמיינט אז מיר וועלן זיך דערשרעקן און אנטלויפן. דער שוואגער האט טאַקע געוואָלט לויפן, נאר איך האב אים צוגעהאלטן. גאט האט אונדז געהאלפן און זיי זענען אלע, מיטן הונט, ווי בלינד געוואָרן. נאכדעם זענען מיר שוין 14 טעג נישט געגאנגען אין וועלדל נאר געזעסן ביים גוי.

איינמאל ווען מיר זענען געווען ביי אים, האט א פרוי, וואס איז געקומען צו אים, געוואָלט מיט אונדז רעדן. די פרוי איז געקומען מיט דריי קינדער. ווען מיר האבן זי דערזען, איז אונדז פינצטער געוואָרן פאר די אויגן. דאס איז געווען דאכע מענדל־לוזערס טאכטער. זי האט אונדז דערציילט, אז זי איז געווען אין דילטשער וואלד מיטן מאַן און ער האָט זי פארלאזט. איצט גייט זי קיין ראדאמישלע זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער פאָליציי. מיר האבן זיך גוט אויסגעוויינט. מיין גוי, לודוויק קיליאן, האט איר געגעבן פרישטיק און שטיקלעך ברויט אויפן וועג. זי האָט אים געוואלט באצאלן, אבער ער האָט נישט גענומען פון איר קיין געלט.

איינמאָל האבן מיר פון דער סטאדאלע, דורך דער שפארע געזען, אין פארשנייטן פעלד עפּעס א מענטש. איך זאג צו מיין שוואָגער:

— דאס מוז זיין א יידיש קינד.

אין דער פרי איז דער ברודער פון מיין גוי אריין אין דער סטאָדאָלע נעמען עסן פאר די בהמות, האט ער געטראָפן דאס יינגל דאָרט שלאָפן. אויף דער פראגע: ווי ער קומט דא אהער? האט ער געענטפערט:

— עס איז געווען שפּעט ביי נאַכט, עס איז מיר געווען קאַלט, ווייל איך האב נישט קיין שיך, בין איך אריין אין דער סטאדאלע און זיך געלייגט שלאָפן.

— ווער ביסטו?

— איך בין פון דעם גלעזער, ביי וועלכן דו האסט געמאלן ווייץ אויף פסח, אויף מצות. מיין פאָטער האט געהייסן גימפל קליין און איך הייס ישראל.

מיר האבן זיך דערמאַנט ווער דאס איז. דאס יינגל האָט געבעטן מ'זאל אים לאזן ערגעץ זיך באהאלטן. האבן מיר גערעדט מיט יאַן קיליאן, לודוויקס ברודער, דאס יינגל זאל זיך אויסבאהאלטן ביי אים דריי חדשים. ער האט צוגעזאגט צו באַצאָלן, ווייל ער האט א סך קליידונג אין שטאט, ביים סעקרעטאר גארדולסקי. ער וועט גיין צו אים, עס אָפּנעמען און אים אוועקגעבן.

יאַן האָט געזאגט צו מיר:

— אז די וועסט מיר גאראנטירן פאר אים, וועל איך אים האלטן דריי חדשים. דו ווייסט דאך, אז אין קליין דולטשע, אין וואלד, געפינען זיך א סך יידן. זיי גייען ארום ביי נאכט און ראבעווען. זיי האבן אויך א סך געווער. ער, דאס יינגל, קומט פון וואלד. וואס וועל איך טון, ווען ער וועט זיין ביי מיר א פאר טעג, צוריק אוועק אין וואלד און ברענגען א באנדע זי זאל מיך באראבעווען?

איך האב גאראנטירט פארן יינגל.

ב.

אין דארף פאדבאזשע זענען געווען פארשטעקט ביי א גוי א 30 יידן, נאר אזוי ווי א גוי האט זיי געמסרט, האבן זיי מיט א 2־3 טעג איידער די פאליציי איז געקומען — פארלאזט די באהעלטניש ביים גוי און זיך אויסבאהאלטן אין דעם קליינעם וועלדל פון סראבאוויץ. דארט איז אויך געווען די משפחה פון שמעון זיגפריד און יידן פון אנדערע דערפער. איך מיט מיין שוואגער זענען דארט געווען אפאר מאל און זיך געזען מיט אלע מענטשן.

מיר זענען א נאכט דורכגעשלאפן ביי אונדזער גוי און פיר פארטאג זענען מיר אויפגעשטאנען, אוועק קיין סראבאוויץ צו די מענטשן. בלייבן בייטאג ביי דעם גוי האבן מיר מורא געהאט. איינמאל איז געקומען צו חלום א באקאנטע און געזאגט דריי מאל: „גייטס נישט היינט דארטן אהין". ווען כ'בין אויפגעקומען פון שלאף, האב איך דערציילט מיין שוואגער פון דעם חלום. זאגט ער צו מיר: „גלויבסטו אין חלומות?"

— איך האב קיינמאל נישט געגלויבט, נאר היינט וויל איך גלויבן און וועל דארט נישט גיין.

מיר זענען געגאנגען צוויי קילאמעטער ווייטער. עס איז געווען א זייגער 9, אדער האלב צען, האבן מיר געהערט א שיסעריי אין וועלדל סראבאוויץ: מען האט אויסגעשאסן 27 מענטשן. דריי איז געלונגען צו אנטלויפן — דער פרוי זיגפריד מיט אירע צוויי קינדער.

איצט, — זאג איך צו מיין שוואגער — וועסטו שוין גלויבן אין חלום?

די פרוי זיגפריד מיט די קינדער איז אנטלאפן אין דולטשער וועלדל. זיי האבן געלעבט דארט ווי איך מיט מיין שוואגער.

ווען איך בין מיטן שוואגער ביינאכט צוריק געקומען צום פויער לודוויק קיליאן, זאגט צו אים זיין ווייב:

— יאג ארויס די יידן! דו האסט געהערט, וואס די דייטשע פאליציי האט געמאכט? זיי האבן אויסגעשאסן א סך יידן, פארברענט 27 הייזער, צוגענומען די בהמות און די תבואה. די פויערים זענען זיך צעלאפן אין די וועלדער.

לודוויק האט דערויף רואיק געענטפערט:

— ווען מען וועט מיך שיסן, וועל איך נישט זיין...

אבער דער דריטער ברודער, יוזעף, איז געקומען ביינאכט און געזאגט צו זיינע צוויי ברודער, אז זיי זאלן באלד ארויס־טרייבן די יידן, אדער אראפדרייען זיי די קעפ, ארויפלייגן אויף א טאטשקע און באגראבן דארט, ווו מען באגראבט די פערד.

לודוויק איז אריין צו אונדז און האט עס דערציילט. איז אונדז פינצטער געווארן פאר די אויגן און מיר באשלאסן צומארגנס אוועקצוגיין.

טאקע צומארגנס, ווען עס איז געווארן טונקל, האבן זיך מיר אלע דריי אויפגעהויבן, איינגעפאקט און צוזאמען מיטן גוי, וואס האט מיטגענומען א לאפאטע און א וויאדרע, געגאנגען קיין דולטשע. אין וואלד האט אונדז דער פויער געמאכט א בונקער און מיט מזל און ברכה זענען מיר שוין געווארן איינוווינער פון דולטשער וואלד. אונדזער גוי האט זיך מיט אונדז געזעגנט און געזאגט:

— אויב איר וועט עפעס דארפן, קומט צו מיר שפעט ביינאכט.

ווען מיר זענען נאך געזעסן ביי לודוויק קיליאן האט זיך איין מאל, ביינאכט (דער זייגער איז געווען שוין 10), געעפנט די טיר און עס האט זיך באוויזן אין איר א מיידל. מיין שוואגער האט געפרעגט אין פויליש ווער זי איז? האט זי געענטפערט אין יידיש.

— מאיר! איר זענט עס?

זי האט אים דערקענט אין קול. זי האט אונדז דערציילט, אז זי איז געווען ביי א פויער 6 וואכן און היינט האט ער זי ארויסגעיאגט. איז זי געגאנגען צו א צווייטן פויער, נאר אזוי ווי מען האט אין פאדבאזש אויסגעשאסן די יידן, האט זי דער צווייטער גוי אויך ארויסגעטריבן.

דאס מיידל האט געהייסן חנה קאך. זי איז געווען די טאכטער פון הערשל קאך.

דורך א צופאל האב איך זיך אויך צוזאמענגעטראפן מיט פנחס גאלד און זיין פרוי, הינטערן וואלד, ביי א גוי ווו זיי זענען געווען באהאלטן. ער האט געזאגט צו מיר:

— וואלף, דאס איז נישט אויף היינט און נישט אויף מארגן. די קריג איז אויף א לענגערער צייט...

ער איז געווען א קלוגער מענטש; נישט געקוקט דערויף האט ער געגעבן דאס געלט, וואס ער האט געהאט, דעם פויער

— ער זאל אים צוריקשטעלן קיין ראדאמישלע. דער גוי האט אים צוריקגעפירט אין שטעטל און דארט איז ער דערליידיקט געווארן...

זענען מיר שוין, הייסט עס, געווען 4 מענטשן אין וואלד און צו עסן איז נישט געווען. ארויסגיין פון וואלד איז א פחד, צו מיין גוי איז ווייט. וואס זאלן מיר טון?

איניקע טעג שפעטער, ווען מיר זענען געזעסן ביי אונדזער בונקער נאך מיטיק, איז געקומען א מיידל פון א 16 יאר צו אונדז. אויף אונדזער פראגע האט זי געענטפערט:

— איך בין שמשון וויזנפעלדס א טאכטער. ביז היינט בין איך געווען פארשטעקט אין מיין דארף, וואדאוויץ, ביי א באקאנטן פאליציאנט. איצט האב איך עס געמוזט פארלאזן, ווייל דער פאליציאנט האט מיר געהייסן גיין. איך ווייס, אז מיינע עלטערן געפינען זיך אין דולטשער וואלד, בין איך געקומען זיי זוכן...

— דער וואלד האט טויזנט דרייהונדערט מארג. מיר זוכן זיי שוין דריי וואכן און מיר קאנען זיי נישט געפינען. קאנסטו זיין מיט אונדז. עסן האבן מיר טאקע בלויז קארטאפל, אבער א דאנק גאט פאר דעם, וואס מיר האבן קארטאפל...

און זי איז דערווייל געבליבן.

אין א געוויסן פרימארגן (עס איז געווען א זייגער 8), האבן מיר דערהערט, ווי אין אונדזער נאענט האקט מען מיט א האק קליינע ביימלעך. איך הייב מיך אויף און וויל זען דעם גוי, וואס האקט. איך האב לאנגזאם ארויסגעשטעקט מיין קאפ און ווי דער גוי האט מיך דערזען, איז ער שנעל אנטלאפן. ער האט אוועקגעווארפן די האק און לויפנדיק צעבראכן א סך ביימלעך. ער האט זיך זייער דערשראקן און אנשטאט מיר זאלן פון אים אנטלויפן, איז ער פאר אונדז אנטלאפן.

איצט האָבן מיר שוין געמוזט פאַרלאָזן אונדזער הייל, ווייל דער גוי קאָן ברענגען פּאָליציי...

און אַזוי איז עס טאַקע געווען — ער האָט געבראַכט פּאָליציי. מיר זענען געזעסן 50 מעטער ווייטער פון אונדזער הייל, האָבן מיר געהערט ווי זיי האָבן צווישן זיך גערעדט און געלויערט אויף אונדז.

גאָט האָט געהאָלפן און זיי זענען אַוועק. אָבער מיר זענען ביי טאָג מער נישט געזעסן אין בונקער, נאָר אין וואַלד אַרומגעגאַנגען. בלויז ביינאַכט זענען מיר אַריין שלאָפן.

איינמאָל ביינאַכט האָבן מיר אויך דערהערט, אַז מענטשן גייען. איך האָב באַלד געזאָגט, אַז דאָס זענען אונדזערע מענטשן. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט, פרעג איך זיי אויף פּויליש „ווער גייט דאָרט?" — האָבן זיי מיך באַלד דערקענט אין דער שפּראַך.

דאָס איז געווען די משפּחה זינגער פון ראַדאָמישלע און נאָך צוויי בחורים פון מיעלעץ, באַוואָפנטע מיט געווער. א דאַנק גאָט, וואָס עס זענען איצט שוין געווען מיט אונדז אַ פּאָר יידן מיט געווער.

זיי האָבן אונדז צוגעפירט צו זייער באַהעלטעניש און אונדז געגעבן אַ נאַכטלעגער — פּונקט ווי ביי אונדז אין שטעטל, ווען עס זענען געקומען אָרעמע לייט, האָט מען זיי געמאַכט נאַכטלעגער אין הקדש און קעסט אין די הייזער.

אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן צו פירן אַ שותּפותדיק לעבן. דאָ האָב איך געטראָפן כמעט אַלע מענטשן פון ראַדאָמישלע און פון די דערפער פון ראַדאָמישלער אומגעבונג, ווי אויך אַ פּאָר מענטשן פון קראָקע. דאָס איז געווען פּלטיאל קאַכס טאָכטער, שיינדל, מיט אַ קינד פון 15 חדשים. איר פאָטער איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און געשטאָרבן.

פיל מענטשן זענען שוין געשטאָרבן פון הונגער און טיפוס. נישט היינט געדאַכט בין איך אויך קראַנק געווען 6 וואָכן — נישט קיין דאָקטער, נישט קיין מעדיצין. צוויי מאָל בין איך אַוועקגעפאַלן. ביינאַכט האָט מען מיך אויפגעוועקט מיט פּעטש, וואָס איך האָב באַקומען פון מיין שוואָגער מאיר איזלער.

שפּעטער ווען אין' האָב געגעבן אַ קוק אין שפּיגל, האָב איך זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין. דאָס לייב איז געווען אין גאַנצן שוואַרץ, אַזוי ווי קויל. אויסגעדאַרט בין איך געוואָרן, אַז איך האָב געווויגן 35 קילאָ. מען האָט שוין געשאַצט, אַז אויב איך וועל לעבן דריי טאָג, וועט זיין גוט. און גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַז איך בין געבליבן לעבן, אַז איך זאָל היינט קאָנען אין אָנדענקס־בוך וועגן אונדזער איבערלעבן פון די וועלדער שרייבן.

עס איז געווען אַ ביטער לעבן. וואָס מער איך דערמאָן זיך וועגן דעם ביים שרייבן, פאַרגיס איך מער טרערן ווי טינט וועמען דאָס האָט נישט געטראָפן, קאָן וועגן דעם קוים גלויבן ווען איינער דערציילט מיר דאָס, וואָס איך האָב דורכגעלעבט, וואָלט איך אים נישט געגלויבט.

דאָס לעבן אין וואַלד: מען האָט געמוזט גיין ביי נאַכט זוכן עסן ביי די פּויערים און אויך אין די פעלדער.

אַמאָל זענען געגאַנגען צוויי מענטשן נאָך קאַרטאָפל אין פעלד. איינער האָט געהייסן הערשל גרין, דער צווייטער — אַברהם ראָזנבלאַט. הערשלען האָט אַ פּויער געכאַפּט און אים געשלאָגן מכּות מוות. ער איז געקומען אינגאַנצן צעבלוטיקט און אָן קאַרטאָפל. זייט דאַן זענען געגאַנגען דריי מענטשן מיט געווער

„איצט וועלן זיי באַקומען קלעפּ פון אונדז, נישט מיר פון זיי".

יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט וועגן אַברהם ראָזנבלאַט. די פרוי זיינע איז געווען פון דער היים גאָרן. זיי זענען געווען באַהאַלטן הינטערן וואַלד ביי אַ גוי. אינצווישן האָט זי געבוירן אַ קינד און געווען קראַנק. דאָס קינד האָט אָפּגענומען אַ גויה. דערווייל האָט מען ראָזנבלאַטן דערשאָסן. אַזוי ווי זי איז געווען קראַנק, האָט זי געשיקט דעם גוי צו אונדז אין וואַלד זאָגן, אַז זי וויל קומען צו אונדז, ווייל די שכנים פון גוי ווייסן, אַז זי געפינט זיך ביי אים. אָבער וואָס טוט מען מיטן קינד? עס איז געווען קאַלט, פראָסט, האָט דער מאַן גענומען אַ קישן איינגעוויקלט דאָס דריי טאָגיקע קינד און האָט עס אַוועקגעלייגט ביי נאַכט הינטער דעם דריטן הויז פון דעם גוי, ביי וועלכן זיי זענען געווען באַהאַלטן. ווען דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו וויינען, ווי אַ קליין קעצעלע, האָט די גויה דערהערט דאָס געוויין, אויפגעוועקט איר מאַן און געזאָגט, אַז אַ קינד וויינט ביים פענצטער. איז ער אַרויס און געברענגט אַ קינד. ער האָט געזאָגט:

— זעסט, גאָט האָט אונדז געהאָלפן, אַז מיר האָבן אַ קינד.

דאָס ווייב זיינס איז געווען אַ קראַנקע און האָט נישט געקאָנט האָבן קיין קינדער. די שׂמחה איז דעריבער ביי זיי געווען גרויס.

אין דער פרי איז דער מאַן אַוועק צום וואָיט פון דער גמינע. דער וואָיט האָט אים געשיקט צום גלח. דער גלח האָט געהייסן ברענגען דאָס קינד אין דער טמאה, פאַרבעטן אַ פּאָר שכנים, אויך דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט און מען האָט געמאַכט אַ גרויסן באַל. איז ווי אַזוי זאָל מען איצט צוריק־באַקומען דאָס קינד?

ג.

אין 1944 האָבן די דייטשן באַקומען גוטע קלעפּ פון די רוסן און לויפנדיק האָבן זיי דערגרייכט ביז צום דולטשער וואַלד. ביי דעם וואַלד האָבן זיי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און מיר זענען געבליבן הינטער דעם דייטשס פלייצע. עס איז געוואָרן זייער שלעכט פאַר אונדז, ווייל מיר האָבן זיך נישט געקאָנט מער באַווייזן, נישט געקאָנט גיין ברענגען צו עסן.

אָבער לאָמיר נאָך עפּעס דערציילן פון יאָר 1943. אַ מיידל האָט זיך פאַרליבט אין אַ בחור. זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, פאַרלאַנגט פון דעם בחור ער זאָל מיט איר שטעלן אַ חופּה, מקדש זיין. האָבן מיר טאַקע געמאַכט אַ חתונה כּדת משה וישראל. עס איז געווען אָנגעגרייט פון אַלעם גוטן. אליעזר דעמביצער האָט געשריבן די כּתובה און אַמסטערדאַם, פון מיעלעץ, איז געווען דער מסדר קידושין. מען האָט געבאַליעוועט אַ גאַנצע נאַכט, נישט געקוקט אויף אַלע צרות.

אויף פּסח האָבן מיר געבאַקן מצות. מיר האָבן קיין חמץ נישט געגעסן.

אין יאָר 1944 האָט אויסגעפעלט עסן, ווען די דייטשן האָבן באַלאַגערט דעם וואַלד. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן מאַכן אַן איבערפאַל אויף דער דייטשער ליניע, ווייל מיר זענען סיי ווי סיי פאַרלוירן.

פיר אַ זייגער בייטאָג — עס איז געווען אַ שניי מיט אַ רעגן — האָבן מיר געמאַכט אַן איבערפאַל אויף דער דייטשער ליניע און מיר זענען אַריין צו די רוסן. אויפן וועג האָבן מיר דערזען פאַר זיך דאָס גיהינום. די געשרייען זענען געווען

אויסערגעווײנלעך. ווען מיר האבן געגעבן אַ געשריי: „הורא, אויף היטלערן!" — האבן די דייטשן נישט פארשטאנען, וואס דא קומט פאר. זיי האבן געמיינט, אז די רוסן זענען זיי אונטערגעקומען, זענען זיי אנטלאָפן פון זייערע פלעצער און האבן אונדז געמאַכט א פרייען וועג. מיר זענען געגאנגען פאַרויס, ארויף אויף שטעכל־דראטן, מען האָט זיך אָפּגעריסן נישט בלויז דאס אנטועכץ, נאר אויך דאס לייב, אז עס איז פון אונדז גערונען בלוט. ווען מען איז פון די דראָטן ארויס, זענען מיר ארויף אויף אַ פעלד מיט מינעס. און ווען מיר זענען אדורך די ליניעס, האבן די דייטשן, ווי אויך די רוסן, געעפנט א פייער און מיר האבן זיך געפונען צווישן א פייער פון ביידע זייט. ס׳איז ממש ליכטיק געוואָרן פון די ראקעטן. א טייל מענטשן זענען ארויף אויף מינעס און זענען צעריסן געוואָרן. די רעשט איז געגאנגען פאר זיך. איינער פון אונדז האט אָנגעהויבן צו שרייען צו די רוסן אויף רוסיש:

— הברים שיסט נישט! ציווילע גייען!

האבן די רוסן אָפּגעשטעלט דאס פייער און זענען אונדז אנטקעגן געקומען. אבער די דייטשן האבן אזוי אנגעהויבן צו שיסן, אז עס האט זיך געדוכט: ס׳איז עק וועלט. די פרוי וואס האט געהייראט אין וואלד, איז געבליבן מיט איין פוס און איר מאַן איז געפאַלן ביי דורכברעכן די דייטשע ליניע, נאך איינע איז פארוווּנדעט געווארן און די רוסן האבן איר אויך אראפּגענומען א פוס.

אבער מיר זענען שוין, גאט צו דאנק, געווען אין די רוסישע הענט. די רוסן האבן אונדז אריינגענומען אין די בונקערס ביז עס איז געוואָרן טאג. די אָפיצירן זענען געקומען אנקוקן די גרויסע העלדן, וואס האבן אדורכגעבראָכן די דייטשע ליניע. עס איז אויך געווען א פוילישע אפּטיילונג און א סך יידן, וועלכע האבן נישט געקאנט אנוווּנדערן זיך ווי אזוי א קליינע גרופּע, מיט ווייניק גֶעווער, האט געקאַנט אדורכברעכן די דייטשע ליניע. איין רוסישער אָפיציר, א ייד, האט צו אונדז געזאגט:

— פארוואס איז נישט איינער פון אייך אריבערגעקומען צו אונדז זאגן, אז עס איז דא אין וואַלד א פאר יידן? איך וואָלט גענומען א צוויי, אָדער דריי קאָמפּאַניעס מיליטער און מיר וואָלטן אייך אלע ארויסגענומען נישט באשעדיקטע.

איך מיין אבער, אז ווען איינער גייט, וואָלטן זיי אים באשטימט געשאָסן.

זיי האבן אונדז שפּעטער אוועקגעשיקט 3 קילאָמעטער פון פראָנט, געגעבן אַ וווינונג און געזאַגט:

— איצט רוט אייך אויס. מיר וועלן אייך באַלד ברענגען צו עסן.

זיי האבן אונדז געברענגט עסן, אונדז זייער גוט אויפגענומען.

צומארגנס זענען געקומען א פאר וועגענער, מען האט אַרויפגעזעצט די פרויען מיט די קינדער און אוועקגעפירט ביז רודע, א דאָרף נאך ראַדאָמישלע.. דאָרט האט שוין גַעוואַרט אויף אונדז אַ לאַסט־אויטא און מען האָט אונדז אוועקגעפירט אין א קליין שטעטל סענדזשישוו. דארט האָט מען אונדז גאָר ארעסטירט. ס׳איז געקומען צו אונדז אן ענקאווע־דיסט און געזאָגט:

— איר זענט נישט קיין ארעסטאַנטן, מיר ווילן בלויז וויסן ווער איר זענט און וואס איר האט אויפגעטון אין די וועלדער?

מיר זענען געווען זייער פאראומרייניקט. די לייז האבן אונדז געמאַכט לעכער אין לייב. האבן זיי אונדז געמאַכט אַ באָד, געגעבן פרישע וועש און פעט עסן, מער ווי די סאלדאטן.

נאך דריי וואָכן האבן זיי די דייטשן אוועקגעשטופּט ווייטער. אין ראדאמישלע זענען זיי געווויר געוואָרן ווער מיר זענען און דורך דער צייט, וואס מיר זענען גֶעזעסן, האבן זיי אויפגענומען פראטאקאלן.

צוועלף ביינאַכט, אין בעסטן שלאף, האט מען אויפגעוועקט:

— קום אין דער קאנצעלאַריע!

מען האט געפרעגט פארשידענע זאכן. אלע נאַכט האבן זיי געוועקט אַן אנדערן.

נאכן ענדיקן מיט די פראטאקאלן האט מען אונדז אוועקגעפירט קיין ריישע. זיי האבן געגעבן א שטרענגן באפעל דער פוילישער גמינע, אז זיי זאָלן אונדז געבן וווינונגען און בעטן מיט מאַטראצן — אלץ, וואס מיר וועלן פארלאנגען! מ׳האָט געהייסן קאָכן די בעסטע עסנס פאר אונדז און זיי וועלן קומען יעדן טאג קאָנטראָלירן. די פּאָליאקן האט עס געשטאָכן און געבראָכן ווען זיי האבן געזען, אז עס איז נאך דאָ יידן. זיי האבן געמיינט, אז מ׳האָט אונדז שוין אלע אויסגעקוילעט.

וועגן די ריישער אנטיסעמיטן איז בכלל דא וואס צו דערציילן. מיר האבן געוווינט אויף דער טאנענבוים־גאַס. דאָרט איז פאָרגעקומען אזא געשעעניש: די אנטיסעמיטן האבן אויסגעגראבן א טויט פויליש קינד, וואס איז שוין געווען א פאר מאנאטן באגראבן און עס אונטערגעוואָרפן אין דעם קעלער, ווו מיר האבן געוווינט. עס איז געוואָרן א מהומה אין שטאָט, אז עס פעלט א קינד. זיי האבן געזוכט און זיי האבן דאס קינד געפונען אין קעלער. די אנטיסעמיטן האבן באַלד אנגעהויבן צו ראבירן די יידן און שלאָגן, אז מיר האבן געמוזט אנטלויפן פון ריישע. אבער די רוסן האבן זיך אריינגעמישט, האבן צונויפגענומען א סך פּאָליאַקן, געגעבן זיי אביסל קלעפּ און א סך פון זיי אוועקגעשיקט קיין רוסלאנד.

מיר זענען אוועק פון ריישע, געלאָפן קיין מיעלעץ. דאָרט האבן מיר גַעוווינט ביז דעם קיעלצער פּאָגראָם, וואס איז פארגעקומען אין יאר 1946. די אנטיסעמיטן האבן געזען, אז עס קומען צו יידן פון רוסלאַנד, האבן זיי געוואָלט אויסהרגנען דעם רעשט, וואס איז געבליבן. איך האָב זיך צונויפגערעדט מיט א פאר מיינע באקאנטע און מיר זענען ארויס פון פוילן. מיר האבן ווידער גענומען דעם וואנדערשטעקן אין דער האנט און אַוועק צו דער פוילישער גרענעץ. דאָרט האָט מען אונדז בודק געווען די טאַשן און צוגענומען וואס מיר האבן געהאט, אפילו א פאר אמעריקאנער סיגארעטן. מיר זענען אוועק צו דער טשעכישער גרענעץ. די טשעכן האבן ווידער בודק געווען, אבער שוין נישט אזוי ווי די פאליאקן. מיר זענען ווידער געקומען אונטער דער אויפזיכט פון די רוסן. דא האָט אונדז דער פירער אונדזערער אָנגעזאָגט אז ווען די רוסן וועלן אונדז עפּעס פרעגן, זאָלן מיר נישט ענטפערן, זיך מאַכן ווי שטומע, נאָר מאַכן מיט די הענט.

אזוי זענען מיר געקומען קיין ווין און פון דאָרט קיין דייטשלאַנד, צו די אַמעריקאַנער.

ווען די שוועסטער מיינע אין דער שווייץ איז געוויור געוואָרן וועגן מיר, האט זי מיר ארויסגעשיקט אן ארויספאָדערונג, וועלכע האט באדארפט באשטעטיקט צו ווערן דורך דעם שווייצער קאָנסול.

ער האָט אבער פארלאנגט פון מיר א פוילישן פּאַספּאָרט. אין פוילישן קאָנסולאַט האט מען מיך אויסגעפרעגט: ווי

איך בין געווען בעת דער מלחמה און פאַרוואָס איך בין אַוועק פון פוילן? איך דערצייל אים די גאַנצע מעשה פון וואַלד און וועגן דעם עלילת דם אין ריישע, פון וועלכן מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן א דאַנק די רוסן; וועגן קיעלצער פּאָגראָם...

— און ווער האט אייך געהאָלפן? — האט ער געפרעגט.

— קיינער. גאָט האט אונדז געהאָלפן.

זיי האבן זיך איבערגעקוקט און געהייסן באַצאָלן זעכציק מאַרק — שטראָף, ווייל איך בין אַדורך די פוילישע גרענעץ; וועל איך דאַן באַקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּאַספּאָרט, גילטיק אויף 3 חדשים און וועל קאָנען פאָרן אין דער שווייץ.

אין שווייצערישן קאָנסולאַט האט מען מיר אָבער געזאָגט, אַז דער פּאַס איז נישט גילטיק און איך מוז האָבן א פּוילישן פּאַספּאָרט, אַז איך בין א פּוילישער בירגער.

בין איך ווידער אַוועק צום פּוילישן קאָנסולאַט און דערציילט די גאַנצע מעשה. האָבן זיי מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן געשריבן קיין וואַרשע, זיך אָנגעפרעגט וועגן מיר און אין 5 וואָכן וועט זיין די תשובה. נאָך דער צייט איז טאַקע געקומען א פּאָזיטיווער ענטפער, אָבער אינצווישן האט מיין שוועסטער (דורך פּראָטעקציע) אויסגעפועלט א וויזע פאַר מיר.

פון שווייץ, וווּ איך האָב אין דער צייט אויך חתונה געהאַט, בין איך געקומען קיין ישראל.

צום סוף — נאָך א פּאָר ווערטער וועגן דעם קינד, וואָס ראָזנבלאַט האט אונטערגעוואָרפן ביים גוי: נאָך דער באַפרייונג האט דער פּויער באַקומען א בריוו פון דער פרוי, אין וועלכן זי שרייבט אים: זאָלסט וויסן, אַז דאָס קינד, וואָס דו האָסט אונטערן פענצטער געפונען, איז מיינס.

דעם פּויערס פרוי (א צווייטע שוין; די ערשטע איז דורך דער צייט געשטאָרבן), איז געווען א גרויסע אַנטיסעמיטקע. זי האט אליין געשוואַנגערט און האָט געמאַכט דעם מאַן דעם טויט, ער זאָל גיין קיין מיעלעץ צום יידישן קאָמיטעט — זיי זאָלן דאָס קינד אויסקויפן. „מיר ווילן האָבן אונדזערע אייגענע קינדער צו וואָס דאַרפן מיר כאָווען א יידיש קינד?" דער פּויער איז געקומען צום יידישן קאָמיטעט, זיי אַלץ דערציילט און פאַרלאַנגט מען זאָל דאָס קינד אויסקויפן.

פרעגט אים דער פּרעזעס: וויפל ווילסטו?

האט ער געגעבן א זינג דעם פּרייז פון צען טויזנט דאָלאַר.

ס'איז אָבער אויך געווען א געוויסע צאָל מענטשן, וואָס זייער גייסט און מאָראַל איז נישט געבראָכן געוואָרן. איין טייל פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט — די וואָס האָבן נישט פאַרלוירן די אמונה. זיי פלעגן נאָך יעדן טאָג דאַווענען, נישט עסן קיין טרפות, געווען פול מיט בטחון; די צווייטע טייל — דאָס זענען געווען איינציקע גרופּן, וואָס האָבן זיך אָרגאַניזירט און געפּלאַנט ווי אַזוי צו אַנטלויפן אין די וועלדער, זיך נישט צו לאָזן פירן ווי שאָף צו דער שחיטה. איין גרופּע פון די סאַנדזער (פון שטאָט סאַנדז) האָבן די דייטשן אַנטדעקט און מען האָט זיי אַלע אויסגעשאָסן.

צו איינער פון די גרופּן האָבן געהערט: יעקב גאָלד, ירוחם אַפּעל (פון מיעליעץ) און איך. א ספּעציעל פּראָבלעם איז געשטאַנען פאַר מיר, צוליב וואָס מען האָט מיך נישט געוואָלט אַנשליסן צו דער גרופּע: כ'האָב געהאַט אין לאַגער דעם פאָטער מיט מיינע ברידער. ווען איך וואָלט אַנטלאָפן, וואָלטן זיי געווען פאַראַנטוואָרטלעך מיט זייערע קעפּ פאַר מיר. אָבער נישט געקוקט דערויף בין איך געגאַנגען מיט יעקב גאָלד אויסקוקן די קאַנאַלן, דורך וואַנען מען קאָן אַנטלויפן און צופּאַסן שליסלען צו די מאַגאַזינען פון געווער.

איינמאָל האָב איך מיט יעקב גאָלדן געמאַכט א סאַבאָטאַזש־אַרבעט אין איינער פון די מאַשינען אין פלוג־צייג־פאַבריק. מיר זענען שוין געווען גרייט, אַז מען וועט אונדז אַרויסרופן צום שיסן. איך געדענק, ווי מיר האָבן ביי זיך אָנגעגרייט שטיקער אייזנס, בכדי מיר זאָלן זיך קאָנען שיצן און אַנטלויפן.

דאָך, אין די שווערע צייטן, זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק געהאָלפן און געהאָלפן אויך אַזעלכע, וועלכע זענען געווען קראַנק און האָבן זיך אַליין מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. ס'זענען געווען אַזעלכע צווישן אונדז, וואָס האָבן נאָך געקענט אַנשליסן פאַרבינדונג מיט די גויים; וואָס האָבן נאָך געהאַט געלט און פלעגן קאָנען קויפן עסנוואַרג. זיי פלעגן אונטערשטיצן מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט. פאַרשטענדלעך, אַז נישט א סך זענען אַזעלכע געווען, נאָר ס'איז זיי כדאַי צו דערמאָנען, ווייל אין אַזאַ ביטערער צייט האָט נאָך אין זיי געקלאַפּט דאָס הומאַניטערע געפיל...

דער פראָנט דערנעענטערט זיך

זומער 1944: דער רוסישער פראָנט האָט זיך דערנעענטערט און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן סימנים פון דער דייטשישער מפּלה. אָבער פאַר אונדז, ייִדן אין לאַגער, איז דאָס געווען זייער א געפערלעכע צייט. דאָס אַלץ וואָס מיר האָבן דורכגעליטן ביז דאַן איז געווען כאין וכאפס קעגן דער פּיין, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעפאַנגען. די דייטשן זענען געווען אַזוי ווי די פליגן אין האַרבסט — פאַרן טויט! דעם גאַנצן גיפט און צאָרן האָבן זיי אויסגעגאָסן אויף אונדז.

אין א שיינעם פרימאָרגן זענען אָנגעקומען וואַגאַנען מיט צענדליקער ס.ס.־לייט. מ'האָט אונדז אָנגעהויבן צו יאָגן, שלאָגנדיק דערביי, איינגעפּאַקט אין די לאַסט־וואַגאָנען, וואָס האָבן געדינט נאָרמאַל צו איבערפירן בהמות; אָנגעפּאַקט, אַז ס'איז קוים געווען וווּ צו שטיין. אַזוי האָט מען אונדז געפירט, פאַרשמאַכטע, אַ פּאָר טעג, ביז מען האָט אונדז געבראַכט קיין ווילעליטשקע (נעבן קראָקע). דאָרט האָט שוין געוואַרט אויף אונדז א גרייטער אַרבעט־לאַגער מיט טויזנטער ייִדן, וועלכע האָבן געהערט צום קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּלאַשאָוו. זייענדיק דאָרט א פּאָר טעג, האָט מען אונדז גענומען פאַנאַנדערשיקן אין פאַרשידענע אַנדערע פּלעצער. א סך מיעליצער ייִדן האָט מען אַוועקגעשיקט קיין פלאָסענבורג.

די דייטשן, ימח שמם, האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן קאָנען פאָרזעצן זייער אויסאַרבעטן טיילן פאַר דער קריג־אינדוסטריע אין די זאַלץ־גרובן פון ווילעליטשקע. האָט מען אונדז פאַרטיילט צו פאַרשידענע אַרבעטן. איך האָב געאַרבעט ביי דער עלעקטרישער געזעלשאַפט „ציִמענס". די באַדינגונגען אין דעם לאַגער זענען נישט געווען קיין בעסערע ווי אין אַלע אַנדערע לאַגערן. אויך דאָרט האָבן נישט געפעלט קיין עפּידעמיעס און שיסערייען. אָבער אויך דער „גן־עדן" האָט נישט אָנגעהאַלטן לאַנג. אין א פּאָר וואָכן אַרום האָט מען דעם לאַגער ליקווידירט און מען האָט אונדז איבערגעפירט קיין פּלאַשאָוו.

פּלאַשאָוו איז געווען א ריזן־לאַגער — סיי פאַר מענער סיי פאַר פרויען (פאַרשטענדלעך — צעטיילט אין צוויי לאַגערן). אין לאַגער גופא זענען געווען פאַרשידענע וואַרשטאַטן און איך האָב דאָרט געאַרבעט ביי די באַן־ליניעס מיט יחזקאל אייזלאַנד און מרדכי דינסטאַג. דאָרטן האָט מען מיך צעשיידט פון טאַטן מיט די ברידער. זיי האָט מען אַוועקגעשיקט אין א לאַגער אין טשעכיע, איך בין אין פּלאַשאָוו געבליבן אַליין. כ'האָב דאָרט געאַרבעט ביי פאַרשידענע אַרבעטן, צווישן אַנדערע אויך: ביים אויפגראָבן די מאַסן־קברים און פאַרברענען די טויטע, כדי ס'זאָלן נישט בלייבן קיין שפּורן פון זייערע באַרבאַרישע טאַטן. צווישן אונדז איז נאָך געווען א ספּעציעלע גרופּע, וואָס האָט געהאַט דעם באַפעל פון אַרויסרייסן (ביי די טויטע) די גאָלדענע ציין.

דער רעזשים אין לאַגער איז געווען זייער א שטרענגער. ס'פלעגן פאָרקומען שטראָף־אַקציעס פאַר גאָרנישט. ווער רעדט, אַז עמיצער האָט געפּרוווט צו אַנטלויפן פון לאַגער, דאַן פלעגט מען מאַכן שעהן־לאַנגע אַפּעלן אויפן הויף. מיר האָבן געמוזט צוקוקן, ווי מען שלאָגט, אָדער מען הענגט די באַשטראָפטע.

אין ענדע 1944 האָט מען אונדז ווידער געשלעפּט אין גרויסן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין נידער־שלעזיע „גראָס־ראָזן". דער קבלת־פּנים דאָרט איז געווען: מיר האָבן זיך געמוזט א גאַנצע נאַכט אַרומדרייען נאַקעטע, געיאָגט פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן. לויט ווי איך בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן, האָבן זיך די דייטשן צווישן זיך באַראָטן, וואָס מען זאָל מיט אונדז מאַכן: גלייך שיקן אין די גאַז־קאַמערן, אָדער נאָך נישט. דער לאַגער האָט געשמט מיט זיין אכזריות, שיטות־עונשין און קרעמאַטאָריעס.

צו מיין מזל האָט מען מיך אַריבערגעשיקט אין 8 טעג אַרום אין אַן אַרבעט־לאַגער נעבן רייכענבאַך, אין דער „ספּאָרט־שולע". אין דעם לאַגער האָב איך געאַרבעט אין

א ווערק, ווו מ׳האט אויסגעארבעט פארשידענע טיילן פאר דער קריג־אינדוסטריע. דארטן האב איך שוין קיין ראדא־מישלער, אדער מיעליצער יידן נישט געזען. די יידן אין יענעם לאגער זענען געווען פון דראהאביטש און סאָקאַל.

פון דארט ווידער האט מען מיך אריבערגעשיקט קיין ווילהעלמסהער, אויך אן ארבעט־לאגער. פון דארט — צוריק אין דער „ספארט־שולע״ ביי רייכנבאך.

דאס זענען שוין געווען די לעצטע טעג פאר דער באפרייונג, מאי 1945. — א קריטישע לאגע פאר אונדז, ווייל מיר האבן שוין געזען דעם סוף פון די דייטשן און קיין כוח צו אנטלויפן האבן מיר שוין מער נישט געהאט. מיר האבן נישט געוווסט, וואס די דייטשן וועלן באשליסן מיט אונדז צו מאכן אין לעצטן מאמענט פון זייער מפלה.

דעם 8־טן מאי 1945 (דער טאג פון זייער קאפיטולאציע) האט אונדז דער לאגער־עלטעסטער צוזאמענגערופן אויף אן אפעל און דערקלערט, אז פון איצט אָן זענען מיר פרייע מענטשן. אבער די ס.ס.־לייט זענען נאך געשטאנען אויף דער וואַך ארום לאגער. מיר האבן געזונגען די התקוה, געוויינט פאר פרייד.

א פאר שעה שפעטער איז אריינגעפארן דער ערשטער רוסישער טאנק אין לאגער.

אונדזער ערשטער וועג איז געווען צו גיין זוכן א שטיקל ברויט אין די ארומיקע דייטשישע דערפער. מיר זענען געווען זייער שוואַך, מוטלאָז און נידערגעשלאגן און מיר האבן נישט געהאט דעם מוט זיך צו רירן פון לאגער. זענען מיר געבליבן זיצן אין רייכנבאך א געוויסע צייט, ביז מיר זענען געקומען צו זיך און אנגעפאנגען צו טראַכטן ווי אזוי מען קאן פאָרן אהיים, זוכן די אייגענע. די קאמוניקאציע, גלייך נאכן קריג, איז געווען זייער א שווערע. מיט גרויס מאטערניש האט מען געקאָנט פאָרן פון איין פלאַץ צום צווייטן. אזוי בין איך דערפארן קיין קראקע.

אנקומענדיק קיין קראקע האב איך זיך געטראָפן מיט מיין פאטער און מיינע דריי ברידער. דאן האבן מיר ערשט דערזען די גרויס פון אונדזערע פארלוסטן. מיין מוטער מיט מיינע שוועסטערס זענען אומגעקומען.

כ׳האב געוואלט פארן קיין ראדאמישלע. כ׳בין שוין דערפארן ביז טארנאוו. דארט האב איך זיך געטראָפן מיט מיין קוזינע איידל שרויב פון מיעלעץ. זי און נאָך אנדערע — האבן מיר געראָטן נישט צו פארן קיין ראדאמישלע, ווייל מ׳איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן (מצד דער פוילישער באפעלקערונג). ס׳איז אויך, ליידער, נישט געווען צו וואס אהין צו פארן. א גרעסערע טייל פון שטאט איז געווען פארברענט. יידן זענען דארט כמעט ווי נישט געווען. כ׳בין צוריקגעפארן קיין קראקע און כ׳האב באשלאָסן צו פארן קיין ארץ ישראל.

דער וועג צו ארץ־ישראל

אין קראקע האב איך זיך געטראפן מיט ברוך ווינד, וועלכער איז צוריקגעקומען פון רוסלאנד און געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באוועגונג. ער האט מיר געראָטן אנצושליסן זיך אן א קיבוץ און צוזאמען מיט זיי עולה זיין.

דער קיבוץ איז געווען א גרופע קינדער, צונויפגעקליבענע, — א טייל פון די וועלדער, א טייל ביי די גויים אויף ארישע פאפירן, א טייל פון זיי זענען געוועזן אין קלויסטערס און א טייל פון די לאגערן.

די דערוואקסענע האבן זיך באמיט צו לערנען די קלענערע קינדער עלעמענטאר וויסן, ווי: שרייבן, לייענען, עברית, חשבון, יידישע געשיכטע. פארשטייט זיך, אז מ׳האט אויך געמוזט ארבעטן כדי צו עקזיסטירן.

מיין פאטער מיט די ברידער האבן געוווינט פריוואט אין א וווינונג און געפרוווט זיך צו נעמען צו מסחר. ליידער איז די לאגע אין פוילן געווען אזא, אז נאך דעם גרויסן חורבן איז מען נאך אַלץ נישט געווען זיכער מיטן לעבן, ס׳זענען נאך פארגעקומען דא און דאָרט פּאָגראָמען אויף יידן. אזוי ארום האבן אויך מיין פאטער מיט די ברידער מיינע באשלאָסן צו פארלאזן פוילן. מיר האבן אלע גוט געזען, אז יידן האבן דארט מער נישט קיין פלאץ. זיי זענען אפגעפארן קיין דייטשלאנד (און פון דארט קיין אמעריקע). אזוי ארום האב איך זיך ווידער א מאל געדארפט שיידן מיט זיי.

אין א געוויסער צייט ארום האט אויך דער קיבוץ באשלאסן צו פארלאזן פוילן. דאס איז געווען אין ענדע 1945. דאן איז שוין אבער געווען שווערער ארויסצופארן, מען האט באדארפט מאסקירן פאר דער פוילישער רעגירונג דעם פלאן צו פארלאזן פוילן. זענען שוין אבער געווען טעטיק די שליחים פון א״י (פון דער סוכנות היהודית), וועלכע האבן אָרגאַניזירט פלאַנמעסיק דאס איבערשמוגלען אונדז פון פוילן. מיר זענען געווען פארשטעלט פאר גריכישע בירגערס און ס׳האט געהייסן, אז מיר קערן זיך צוריק אין אונדזער היימלאנד — גריכנלאנד. אזוי ארום, נאך פארשידענע שוועריקייטן מצד דער רוסיש־פוילישער גרענעץ־וואך, זענען מיר דורך טשעכאסלאוואקיי אנגעקומען קיין דייטשלאַנד. מיר האבן זיך אפגעשטעלט אין גרויסן ד.פ.־לאגער, וועלכער איז געווען אויסגעהאלטן דורכן דזשאָינט און אונרא.

די מענטשן אין די ד.פ. לאגערן זענען געווען אלע צעבראכענע, קראנקע פיזיש און גייסטיק, אנטוישטע נאך די אלע איבערלעבונגען — ווער אין די לאגערן, ווער אין די וועלדער, רוסלאנד א.א.וו. נישט טרעפנדיק קיינעם פון זייערע משפחות, האבן זיי פארלוירן דעם גלויבן אין מענטש און גאָט. ס׳איז געווען זייער א שווערע ארבעט זיי צונויפ־צונעמען גייסטיק און אריינצוגעבן אין זיי אביסל דעם ווילן צום לעבן, בעסער געזאגט — אנצופאנגען דאס לעבן פון דאסניי.

מיט דער הילף פון די שליחים פון דער יידישער בריגאדע זענען געשאפן געווארן פארשידענע סעמינארן און ס׳האט זיך אנגעפאנגען צו אנטוויקלען די ציוניסטישע טעטיקייט.

מיין קיבוץ איז אריבערגעפארן אין דער פראנצויזישער אָקופּאַציע־זאָנע און דארט האבן מיר אנגעהויבן צו פירן א נארמאלע טעטיקייט פון א קיבוצישן לעבן־שטייגער; מ׳האט געארבעט און געפירט א קולטור־טעטיקייט. פון אונדזער קיבוץ זענען ארויס יוגנטלעכע, וואס זענען שפעטער געווארן מדריכים אין די ניי־געשאפענע קבוצים; אנדערע ווידער זענען אריבער ארבעטן אין אקטיוו און אין דער בריחה (די בריחה — דאס איז געווען דער אומלעגאלער אויספיר־אָרגאַן פון דער סוכנות, וואס זיין אויפגאבע איז געווען אריבער־צופירן די יידן דורך די גרענעצן ביז זייער אָנקום קיין א״י). אויך איך האב זיך באטייליקט אין דער ארבעט פון דער בריחה.

גלייכצייטיק זענען (גרופן־ווייז) אפגעפארן אונדזערע

חברים פון קיבוץ, דורך פארשידענע וועגן און אומוועגן, דורך איטאליע און פראנקרייך, — געזוכט דעם וועג קיין א״י. מיט דער לעצטער גרופע (אנפאנג 1947) בין איך אדורך איבער די אלפן־בערג צופוס און אָנגעקומען קיין איטאליע. אין א פאר מאנאטן ארום זענען מיר ארויף אויף דער אומלעגאלער שיף „התקוה״, נישט ווייט פון גענוא.

ווי ס׳האט זיך ארויסגעוויזן שפעטער, האט אונדזער מאָס פוןליידן נאך נישט געענדיקט זיך דערמיט.

ווי באוווסט, האט מען נישט געקאנט, צו יענער צייט, אריינקומען לעגאל קיין א״י. די אינסטאנצן האבן געזוכט פארשידענע וועגן, (סיי דורכן ים, סיי מיט דער לופט, אדער יבשה) כדי אריינצושמוגלען וואס מער יידן קיין א״י. „התקוה״ איז געווען אן אלטע לאַסט־שיף, וואס נאָרמאַל האבן געקאנט אויף איר פאָרן אפשר 100 מאן. מיר זענען אבער געפארן קרוב צו 700 מאן. מיר זענען געווען אנגעפאקט אונטערן דעק אויף 3 שטאקיקע נאַרעס, ווייל אויבן האט דער דעק באדארפט צו זיין פריי פון מענטשן, כדי צו מאסקירן זיך פאר די ענגלישע אעראפלאנען. צו דער שיף זענען מיר צוגעשווומען אויף קליינע לאָדקעס אין מיטן דער נאכט. דאס איז דורכגעפירט געווארן מיט דער גרעסטער שפאנונג און פארזיכטיקייט, ווייל די ענגלישע מיליטער־מאכט האט געהיט אלע אייראפעישע פארטן. ווען זיי וואלטן אונדז אנטדעקט, וואלטן זיי געשטערט אונדזער אפפאָר. און אזוי זענען מיר ארויסגעפארן פון איטאליע אום האלבער נאַכט, גרייטע אויף אלץ...

די „רייזע״־באדינגונגען אויף דער שיף זענען געווען אוממענטשלעכע. דאס וואסער איז געווען באגרענעצט. עסן האט מען באקומען בלויז פושקעס קאנסערוון, נאר אפילו דאס האט מען נישט געקאנט עסן, ווייל אלע זענען געווען קראַנק אויף דער ים־קראנקייט. דעם גאנצן טאג האט מען געמוזט זיצן אונטערן דעק, מ׳האט ממש נישט געהאט מיט וואס צו אטעמען פון ענגשאפט. ערשט אין די נאכט־שעהן האט מען ארויסגעלאזט צו עטלעכע (און אויך נאר די, וואס האבן געחלשט, אדער זיך זייער שלעכט געפילט) אויבן, אויפן דעק, אויף עטלעכע מינוט צו כאפן א ביסל פרישע לופט.

דעם מארטירער־וועג אויפן ים האבן מיר דורכגעמאכט גאנצע צוויי וואכן. ווען מיר האבן זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון א״י, האבן די ענגלישע אויסשפיר־אעראפלאנען אונדז אנטדעקט און מיר זענען ארומגערינגלט געווארן דורך ענגלישע קריגס שיפן. די ענגלענדער האבן געפאָדערט מיר זאלן זיך אונטערגעבן און דאן האט זיך אנטוויקלט א קאמף. מיר האבן זיך נישט געוואלט אונטערגעבן. די ענגלענדער האבן זיך באנוצט מיט טרערן־גאז און סילאָנען וואסער, געשאָסן אין דער לופט. מיר האבן אויף זיי געוואָרפן פושקעס קאָנסערוון און פלעשער. פארשטענדלעך אז זיי האבן אונדז באזיגט. זיי זענען ארויף אויף אונדזער שיף, אנגעבונדן זי אן זייער שיף און אזוי געשלעפט אונדז ביז קיין חיפה.

ווידער א לאגער: ציפערן

אין ציפערן זענען מיר אדורך א שטרענגע רעוויזיע. פארשטייט זיך, אז דאס ביסל געווער, וואס מיר האבן געהאט מיט זיך אויף אונדזער שיף, האבן מיר נאך פריער באוויזן אריינצוווארפן אין ים אריין.

אין ציפערן האט זיך אנגעהויבן א ניי לאגער־לעבן. אויסערלעך איז עס נישט געווען אסך אנדערש פון די דייטשישע קאנצענטראציע־לאגערן: ארומגערינגלט מיט געווער — סיי אויף טורעמס, סיי ארום דעם לאגער.

דאס לעבן אין די לאגערן פון ציפערן גופא: — הונדערטער פאלאטקעס און בלעכערנע באראקן, אין וועלכע די זון האט געבאקן זומער און דער רעגן האט אריינגעדרונגען ווינטער — דאס זענען געווען אונדזערע „וווינונגען״.

אויך דאס עסן איז געווען קארג צוגעטיילט. אבער אין דעם פרט האט דער דזשאָינט אונדז געהאלפן.

טראָץ די אלע אוממענטשלעכע באדינגונגען זענען מיר נישט געזעסן מיט פארלייגטע הענט. ס׳האבן זיך געפירט — מיט דער הילף פון די אריינגעדרונגענע שליחים פון א״י — קורסן פון הגנה. אלע יוגנטלעכע זענען דורכגעגאנגען מיליטערישע איבונגען, ווי אויך פארשידענע סעמינארן.

דאס לעצטע יאר פון אונדזער זיין אין ציפערן — 1948 — בין איך געשטאנען אין שפיץ פון דער קולטור ארבעט אין אלע לאגערן, ווי דער מרכז פון דער צענטראלער פארוואלטונג דארט. כמעט אלע מענטשן אין די לאגערן האבן געלערנט עברית, ווי אויך אלגעמיין וויסן. ס׳איז אויך געשאפן געווארן א דראמאטישער קרייז און אן אָרקעסטער.

אויך פון ציפערן איז געפירט געווארן אן אומלעגאלע עליה. מ׳האט געגראבן א טונעל פון לאגער אונטער די שטעכל־דראָטן און הונדערטער מענטשן זענען ארויס מיט דער הילף פון דער הגנה. די אלע, קומענדיק קיין א״י, זענען גלייך מאָביליזירט געווארן און אנטייל גענומען אין אונדזער באפרייונג־קאמף.

אויך אייניקע ראדאמישלער זענען געווען אין ציפערן, ווי: ישראל קאך, נפתלי בערל, נחום אייזיג, נפתלי פייט און זיין טאכטער שרה, שמעון לייבאוויטש — דאס זענען די, וועלכע איך געדענק.

מיטן פראָקלאַמירן פון א יידישער מדינה האבן מיר סוף־סוף זוכה געווען צו קומען קיין א״י. איך האב געהאט דעם זכות צו זיין דער לעצטער מעפיל, צו פארשליסן די טויערן פון די לאגערן אין ציפערן.

און אט איז אן אויסצוג פון א פרעסע־מעלדונג („על־המשמר״ — 11.2.1949) — וועגן טאג פון ליקווידירן די לאגערן אין ציפערן:

היהודי האחרון עוזב את המחנה

„....היהודי האחרון שעזב את המחנה קילוטומבו, מייצג בנאמנות את 53,000 המעפילים שעברו דרך המחנות. שמו פנחס רייכמן, הוא נולד ברדומישל שבפולין, היה עצור במחנות ריכוז הנאציים, לאחר שבילה זמן־מה במחנות העקורים בגרמניה. עם תום המלחמה יצא את אוסטריה, במסע שארך שנתיים, הוא עבר ברגל את הרי האלפים לאיטליה ומשם הפליג בספינה „בלתי חוקית״ „התקוה״ אשר נעצרה במימי א״י ע״י הצי הבריטי והובא לקפריסין בחודש מאי 1947״.

אָט אזוי האט אויסגעזען מיין וועג פון אונדזער היימשטעטל ראדאמישלע, צו אונדזער היים, אין דער מדינה ישראל.

משה ריינער
בני־ברק

די ליקווידאציע

(אויפגענומען אויפן טייפרעקארדער דורך ישי בן אברהם גראס)

איך בין כמעט דער איינציקער עד ראיה, וואס האט געזען ווי אונדזער שטאט איז ליקווידירט געווארן.

ס'איז געווען שבת, ד' אב, האט מען באמערקט א באוועגונג פון ס.ס.־לייט און פארשידענע פאליצייען, וואס מען האט אן אנדערש מאל נישט געזען. האט מען געווארפן א חשד אז דא דארף עפעס פארקומען. מען האט געפרווט צו שיקן שתדלנים צו דער געסטאפא, אז זיי זאלן זאגן, וואס דארף פארקומען. זיי האבן געוואלט פארטושן די זאך, אבער מען האט זיך נישט געלאזט איינרעדן, מען האט געזען, אז די באוועגונג איז צו גרויס.

שבת פארנאכט איז מען געקומען אז זיי פארלאנגען א סכום פון א האלבן מיליאן זלאטעס, וועט אלץ זיין בסדר.

איז מען שבת ארומגעלאפן און צוזאמענגעשטעלט דעם סכום. מען האט געקלערט, אז מיט דעם וועט מען זיך דעקן.

א סך האבן זיך נישט געלאזט איינרעדן און האבן זיך געמאלדן אין ארבעטס־לאגער אין מיעלעץ, אין פאבריק. זיי זענען נאך יענעם שבת אפגעפארן אין פאבריק אריין.

שבת צונאכט איז די נאכט דורכגעגאנגען שטיל. זונטיק אין דער פרי האבן זיך אנגעהויבן צו דרייען פוילישע פאליציי און ס.ס. לייט; ס'האבן אנגעהויבן אנצוקומען וועגענער פון די דערפער, וואס זיי האבן געבראכט צו דער אקציע.

דאס איז געווען 8 פרי. די יידישע ארדנונגס־דינסט האט באלד אנגעהויבן ארומצולויפן איבער די שטיבער און געהייסן יעדן איינעם ארויסגיין אין מארק אריין. ווער עס וועט נישט ארויסגיין, האבן זיי געדראט, וועט געשאסן ווערן.

מ'האט קיין ברירה נישט געהאט. מ'האט אנגעהויבן ארויס־צוגיין, גרויס און קליין, אין מארק אריין. דער מארק איז שוין געווען פול מיט וועגענער פון די דערפער.

אין משך פון א האלבער שעה איז דער גאנצער מארק אויך פול געווארן מיט מענטשן. צווישן די מענטשן האבן זיך געדרייט ס.ס. לייט און פוילישע פאליציי. וואס פאר א זאך ס'איז זיי געפעלן געווארן, וואס מענטשן האבן געטראגן, האבן זיי צוגענומען. דא און דארט האט מען געהערט שיסערייען פון די שטיבער, אויך קולות און געוואלדן. מען האט געזען, אז מ'גייט אונדז ענדיקן.

מיר זענען אפגעשטאנען אין מארק ביז האלב צוויי א זייגער. דאן זענען זיי אונדז באפאלן מיט די קאלבעס פון די ביקסן און געהאקט איבער די הענט, אז מען זאל אוועק־ווארפן די וואליזעס, וואס מען האט געהאט, מען זאל גארנישט מיטנעמען.

ס'האט זיך אנגעפאנגען די סעלעקציע. מען האט אנגעהויבן צו קלייבן די עלטערע מענטשן, זיי צוגעפירט צו די וועגענער, און ארויפגעווארפן די מענטשן אויף זיי. דאס האט געדויערט בערך 1½ שעה.

אין די 1½ שעה האבן זיי צוזאמענגעקליבן 700 עלטערע

מענטשן (נישט שטארק אלטע אויך). די רעשט מענטשן ארויפגענומען אויף די אנדערע וועגענער און אלעמען אנגעהויבן ארויסצופירן.

די עלטערע מענטשן האט מען געפירט אין דער קלויז־גאס, צום בית־החיים. די אנדערע מענטשן — אין דער ריכטונג פון דער וואל־גאס.

ווען מיר זענען געפארן, זענען ארויס אלע שטעטלערס פון וואל־גאס — די יידן־פיינט — און געפאטשט מיט די הענט, געטאנצט פאר שמחה.

מען האט אונדז געפירט ביז דעמביץ. אין דעמביץ זענען שוין געווען אויף א פלאץ אויסגעשטעלט טויזנטער יידן פון אנדערע שטעט פון דער אומגעגנט, ווי פון סענדישיוו, ראפשיץ, מיעלעץ און פון דער גאנצער אומגעגנט ארום און ארום. דארטן, אויפן פריין פעלד, האט מען געהייסן אנידערזעצן זיך. דאס איז געווען זונטיק ביי דערנאכט, ה' באב.

וואס עס איז געשען מיט די מענטשן, וואס מען האט געפירט אויף דעם בית החיים, האט מען פארשטאנען, אבער געענוי האט מען נישט געוווסט.

זונטיק ביי דער נאכט האבן זיך ארומגעדרייט צווישן אונדז ס.ס. לייט און אנדערע רוצחים, געשלאגן יעדן איינעם מכות רצח. ביז ס'איז געקומען דער פרימארגן איז ממש געווען ביי יעדן איינעם כלות הנפש.

מאנטיק אין דערפרי האט זיך אנגעהויבן א פרישע שפיל. מען האט ווידער צוזאמענגענומען אלע מענטשן אויף איין פלאץ און מען האט אנגעהויבן צו מאכן א סעלעקציע — וועלכע אין דער זייט און וועלכע אין דער אנדערער זייט. איך בין על־פי צופאל אויסגעפאלן אויף דער זייט, וואס מען האט דערווייל איבערגעלאזן אויפן פלאץ.

דאן איז ווידער געווען די אייגענע מעשה: מען האט געשלאגן אכזריותדיק, ארויסגעפירט מענטשן אויפן בית־החיים און די רעשט פארלאדן אין וואגאנעס. די מענטשן זענען געשטאנען אין די וואגאנעס א טאג צייט. מען האט געפרווט צו האנדלען, מען האט פריש גענומען קאנטריבוציע אבער מען האט גארנישט געפועלט. מען איז מיט א טייל מענטשן אוועקגעפארן.

מיר, די איבערגעבליבענע אויפן פלאץ — די ס.ס. לייט האבן ווידער געפאדערט פון אונדז, אז מיר זאלן זיי אוועקגעבן דאס געלט און אלץ, וואס מען האט. זיי זענען ארומגעגאנגען מיט זעק און מיר האבן געזען ממש ווי די זעק האבן זיך אנגעפילט.

מען האט געוואלט וויסן דעם גורל פון די, וואס מען האט אוועקגעפירט און דעם גורל פון די, וואס זענען דא געבליבן, אין דעמביץ. קודם כל האט מען נאכגעשיקט שליחים נאך די, וואס מען האט אוועקגעפירט מיט דער באן. מען האט באצאלט א סך געלט, זענען זיי נאכגעפארן און געקומען מיט דער תשובה, אז ס'איז זייער נישט גוט. מען האט זיי געפירט אין א לאגער אין בעלזעץ און דארט פארניכטעט מען אלע מענטשן.

אזוי בין איך געבליבן אין דעמביץ א פאר חדשים. יעדע פאר וואכן איז פארגעקומען א סעלעקציע. מ'האט ווידער אויסגעקליבן אויף צו שיקן קיין בעלזעץ.

איך האב געזען אז דער גורל האלט שוין ביי מיר, בין איך ארויס פון געטא און אוועק נעבן אונדזער שטאט אין די דערפער.

כ׳האב זיך געטראָפן דאָרט מיט מענטשן פון אונדזער שטאָט (זלמן שטאָרך און נאָך אַנדערע). זיי האָבן מיר דערציילט ווי מען האָט דאָ אויסגעשאָסן אַלע מענטשן און מען זוכט נאָך. כ׳האָב אויך געטראָפן זישע ביזגייער, דעם לאָמען יוקעווו. זיי גראָד האָבן זיך גוט איינגעאָרדנט אין העשקעס וואַלד. כ׳האָב זיך געוואָלט מצרף זיין צו די מענטשן, האָט מען מיך אַוועקגעיאָגט.

אַזוי ווי איך האָב געזען אַז זיי לאָזן מיך נישט מיט, האָב איך געפּרוּווט צו גיין זוכן ערגעץ אַנדערש מענטשן פון אונדזער שטאָט.

כ׳בין צוגעגאַנגען ביז צום הייזל פון בלינדן יוזעק. דאָרט בין איך אַריין און געטראָפן אַ היפּש ביסל אייגענע. כ׳האָב געטראָפן יאַנקל הויפּשטעטערס זין און חיים פּסחס פּאַרשנערס זין און אַ סך אַזעלכע, וואָס כ׳האָב שוין פאַרגעסן ווער מען. זיי האָבן מיך יאָ אַריינגעלאָזט. דאָרט האָט מען געגעבן געלט דעם בלינדן יוזעק און ער האָט איינגעקויפט ברויט און פאַרשידענע זאַכן. כ׳האָב דאָרט אויך געטראָפן לייביש פעדער.

דאָס איז געווען דאַנערשטיק. כ׳בין דאָרט געווען דאַנערשטיק און פרייטיק. דאַנערשטיק ביינאַכט איז געשטאָרבן דער אַלטער איציק, דער קצב, אויפן בוידעם. האָבן די חברה אים גענומען אויפן בית החיים און דאָרט מקבר געווען.

שבת נאָך מיטיק. ס׳איז געווען אַ שווערער ווינטער־טאָג. אַ גרויסער שניי איז געווען אין דרויסן. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט געוואַלדן פון דערווייטנס. גיב איך אַ קוק דורך די פענצטער: ס.ס.! כ׳האָב געהערט זייערע געשרייען: „שטיין בלייבן״.

אַזוי ווי עס איז געווען נישט ווייט פון וואַלד און קיין ברירה האָט מען נישט געהאַט, איז מען אַרויסגעלאָפן גלייך אין העשקיס וואַלד אַריין. לייביש קעניגס זון, וואָלפן, האָבן זיי דורכגעשאָסן די האַנט. די רעשט זענען אַלע אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין.

אין וואַלד אַריין האָבן די ס.ס. נישט געוואָגט צו קומען. אַזוי ווי דער וואַלד איז נישט געווען גרויס, האָב איך מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אַרומרינגלען דעם וואַלד. האָב איך זיך אַנידערגעלייגט אויף דער ערד און אַזוי זיך געשיבט ביז זדזשורעץ. דאָרט בין איך אַריין צו אַ באַקאַנטן גוי. ס׳איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט. כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל מיך אַריינלאָזן, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט. ער האָט מיר געזאָגט: אויב מען וועט מיך טרעפן ביי אים, וועט מען אים אויך שיסן (אַזוי איז געווען באמת). דאָך האָט ער געהאַט רחמנות און האָט מיר געלאָזט די נאַכט איבערנעכטיקן.

גראָד האָט געטראָפן אַ צופאַל: ווען כ׳בין געלעגן אויפן בוידעם זונטיק אינדערפרי, האָב איך געהערט אַ שיסעריי — דאָס איז געווען אַ שיסעריי פון דער פּוילישער פּאָליצײַ פון ראַדאָמישלע. די כלומרשטע יידן־פריינד, די פּאָליציאַנטן שטשעמפּקע, אָדער פעלעק, דער קאָמענדאַנט, האָבן נאָכגעיאָגט שלום מעכלאָוויטש, מרדכיס זון.

דער גוי האָט זיך געציילעמט פאַר מיר איך זאָל אַוועקגיין, האָב איך זיך ביי אים איינגעבעטן ער זאָל מיך לאָזן בלויז ביז נאַכט און דאַן וועל איך אַוועקגיין. ביינאַכט האָב איך מיך געלאָזט אין וועג אַריין צו אַ באַקאַנטן גוי אין דאָרף.

דער גוי האָט מיך יאָ אַריינגעלאָזט. כ׳האָב זיך ביי אים אויפגעהאַלטן אויפן בוידעם אַ פּאָר חדשים. אין צווישן זענען געוואָרן גרויס די קאָנטראָלעס און מען האָט געזוכט אויף אַלע פּלעצער. דאָרט האָט זיך אויך באַהאַלטן נפתלי בערנקנאַפּס ווייב, משה ווינדס ווייב מיט אַן אייניקל, גומפּל שפּילמאַנס טעכטערל. זיי זענען נישט געווען מיט מיר צוזאַמען, נאָר דער גוי האָט מיר דערציילט, אַז זיי זענען דאָרט באַהאַלטן.

די קאָנטראָלעס האָבן געשטאָכן מיט שפּיזן אין די סנאָפּעס היי און מען האָט געכאַפּט משהלע ווינדס ווייב מיטן אייניקל, אויך האָט מען געכאַפּט בערנקנאַפּס ווייב. דאַן איז דער גוי צו מיר אַריינגעקומען און געזאָגט: „זאָלסט וויסן, אַז איך וויל דיך גערן האַלטן, איך וויל דיך ראַטעווען, נאָר דו זעסט ווי עס זעט אויס. מ׳וועט דיך כאַפּן און דו וועסט אומקומען און מ׳וועט מיך מיט דער גאַנצער משפּחה אומברענגען״.

אָבער געיאָגט האָט ער מיך נישט, ער האָט מיר נאָר געגעבן צו פאַרשטיין.

איך האָב געזען, אַז ער איז גערעכט. ווען איך בין אַוועק, האָב איך געטראָפן דעם קברן וואָס איז געווען אין ראַדאָמישלע ביי דער אויסזידלונג. ער האָט מיר דערציילט, וואָס עס איז געווען מיט די 700 מענטשן אויף דעם בית החיים: מען האָט אַרויפגעפירט די מענטשן אויפן בית החיים און מען האָט געהייסן יעדן איינעם אַוועקגעבן אַלץ, וואָס מען האָט נאָר געהאַט. דאַן האָט מען געהייסן יעדן איינעם אויסטאָן די קליידער. דאָרט זענען שוין געווען צוגעגרייט גרויסע גריבער און געהייסן אַלעמען זיך שטעלן נאָענט נעבן די גריבער. נישט יעדער האָט געוואָלט צוגיין צום גרוב, האָבן זיי געשלאָגן אַכזריותדיק. צווישן די איז אויך געווען די אַפּטייקערין פון אונדזער שטאָט. זי האָט נישט געוואָלט פון זיך אַראָפּנעמען די קליידער, האָבן זיי זי אומגעבראַכט מיט אַזאַ מיתה משונה, וואָס איז נישט צו דערציילן. זיי האָבן איר אָפּגעהאַקט די הענט און די פיס.

ער האָט מיר אויך דערציילט דעם וידוי פון די 700 מענטשן. צווישן זיי איז געווען דער מיעליצער רב, וואָס איז געווען די גאַנצע צייט ביי אונדז באַהאַלטן. ס׳זענען אויך געווען קראָקעווער איידעלע יידן. די לעצטע ווערטער זייערע זענען געווען שמע ישראל! און „ס׳וועט אייך נישט געשענקט ווערן; אונדזערע קינדער וועלן זיך פאַר אונדזער בלוט אָפּנעמען.״

ווי אַזוי איז דער קברן געבליבן לעבן? ביים אויסשיסן אַלע מענטשן אין גרוב אַריין האָבן זיי 10 מאַן איבערגעלאָזט זיי זאָלן די טויטע צושיטן. ווען זיי האָבן שוין געהאַט דאָס דערליידיקט, האָבן זיי גענומען די 10 מאַן — ס׳איז שוין געווען ביינאַכט — זיי אויך געשאָסן און צעגעשאָטן מיט ערד, נישט הויך. אים, דעם קברן, האָט מען בלויז אַ פינגער דורכגעשאָסן. און ווען זיי זענען אַוועק, האָט ער זיך אַרויס־געגראַבלט פון גרוב, אַריין צו העשקין און וואַלד אַריין. דאָרט, אין וואַלד, האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אַ צייט, ביז זיי זענען געוואויר געוואָרן זיין באַהעלטעניש און ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון דאָרט.

אַזוי איז אומגעקומען אונדזער שטעטל, פאַרלאָשן געוואָרן דאָס לעצטע ליכטל.

חיים שפיץ
תל־אביב

איך נרצחו הורי הי״ד

בהיותי במחנה־העבודה במיאליץ, במפעל לאווירונים, נודע לי על ידי מר משה ריינר וגם ע״י לישביץ הצעיר, בנו של השוטר לישביץ, כי זמן רב אחרי חיסול יהודי עיירתנו היו הורי מסתתרים במיקלט, שבנו להם בעליית־הגג של ביתנו, ופעם בשבוע יצאו לכפרים הסמוכים כדי להמיר בד ואריגים שונים שנשארו להם מהחנות שלהם במזון. עד שנתפסו ע״י השוטר לישביץ שהביא אותם לבית העלמין כדי להרגם שם (כסלו תש״ד — 1943).

לפני הרציחה (לפי שמספרים) רצו לשחרר את אחי מנשה (יליד 1921) שיישאר בחיים, אלא הוא (אחי מנשה), התנגד ואמר, שמקומו בין הרוגי משפחתו ורוצה למות יחד אתם, וכך נהרגו בידי השוטר לישביץ אבי צבי שפיץ, אמי אלתה, ואחי מנשה שפיץ, הי״ד.

בשואה ניספו גם אחי נחום שפיץ, אב לשתי בנות, ואחי נוח, הי״ד.

III

הסביבה

די סביבה

עיירות וכפרים

שטעטלעך און דערפער

שלום ים
רמת־גן

בורובה

באראווע

אין דער מאָזאַיק פון די קליינע שטעטלעך אין גאליציע, פארנעמט א באזונדער אָרט אונדזער שטעטעלע באראווע. געהערט האט עס צו דער שטאט מיעלעץ, — הן אין ענינים פון סטאראסטווע, הן להבדיל, בענין רב; אבער געהערט אויך צו דער געָנוג ווייטער ראדאמישלע רבתי, — אין ענין פון קהל — (אָפיציעלע חתונות — א ספעציפישע שיטה אין גאליציע), ווי אויך צום מעטריקאל־אמט. האסט דיר געקאָנט געזונטערהייט חתונה האבן ביים רב, אבער ווען ס׳איז געבוירן געווארן א קינד, האט מען געמוזט מוחל זיין און נאך אמאל חתונה האבן ביי דעם אפיציעלן רב אין ראדאמישלע. אז נישט האט דיין קינד געטראגן דיין ווייבס פאמיליען נאמען און ס׳ווייב אליין פלעגט על־פי־רוב טראגן דעם נאמען פון איר מוטער.

דאקעגן, ווען עמעצער איז ל״ע געשטארבן, איז ער געקומען צו קבר ישראל אין מעליץ. אויך קהל־שטייער האט מען געצאלט אין ראדאמישלע: איין מאל יערלעך איז געקומען קהל קיין באַראָווע — און זאל דא געזאגט ווערן דער אמת: „מען איז דורכגעקומען״.

ווי קליין באראווע איז געווען, האט עס דאך געהאט אייגענע כלי־קודש, אן אייגענע מקווה, אן אייגענעם שוחט, וועלכע האבן באדינט די סביבה. אויך צוויי בתי־כנסת האט באראווע פאַרמאָגט, מיט זייער שיינע בעלי תפילות. ס׳איז געקומען דערצו, אז אויך אן אייגענעם רב האבן מיר באקומען, כאטש זיין שטענדיק זיץ־אָרט איז געבליבן מיעלעץ. אבער באראווער רב האט ער געהייסן! דערביי האָט זיך די מחלוקה מיט זיין אייגענעם ברודער, דעם מיעלעצער רב, לאַנג געצויגן. באַראָווע האט פארמאגט קעגנער און אנהענגער פון ביידע פארטייען. זאָל דאָ פארצייכנט ווערן, אַז די פראָגרעסיווע טייל פון באַראָווע איז נוטה געווען צום באראווער (אפשר ווייל ער איז געווען מער ליבראל).

ווי קליין באראווע איז נישט געווען, האט זי פארמאגט אן אייגענע ציוניסטישע ארגאניזאציע, אין וועלכער ס׳זענען

ארייגעטראטן — גלייך נאך דעם ערשטן וועלט־קריג — במעט אלע בחורים וואס זענען צוריקגעקומען פון קריג. די ארגאניזאציע האט זיך געגרינדעט נאך דעם פאגראם, וואס די גוים האבן אָרגאניזירט אין יאר 1918. אונדזערע בחורים האבן געשאפן א זעלבשוץ און נישט איין שגץ האט געפילט דעם טעם פון א יידישן קלאַפּ. שוין דאן האבן די בחורים פארשטאנען, אז ארץ־ישראל איז דער ציל.

די ערשטע אָרגאניזאטארן זענען געווען: יצחק שפאלטער, נפתלי בירנבוים, לייב קלאגסברון, שלום ים, יחזקאל בלוט און משה יעקב ווײַנרעב. אינטערעסאנט, אז דעם שוחטס פאטער ר׳ דוד בירנבוים, האט זיך לכתחילה אויף פארשריבן, אבער ווען ער האט דערזען, אַז הערצל און נאָרדוי גייען בגלוי ראש, האט ער צעריסן זיין לעגיטימאציע (נאך איידער זשאַבאָטינסקי האט דאס געטון)...

אין בארעווע זענען, גלייך ווי אין שלום־עליכמס קאסרי־לעווקע, קיין מיליאָנערן נישט געווען, אבער מ׳האט געהאנדלט. ס׳זענען געווען געוועלבער מיט כל טוב און מענטשן האבן געהאט פרנסה.

באַראָווע האט געציילט בלויז ביי 50 משפחות יידן, אבער א דאנק דער ציוניסטישער ארבעט פון דער יוגנט איז געווען טעטיק א ביבליאטעק (יידיש און העברעיש), א דראמאטישער קְרייז מיט פארשטעלונגען, קורסן פאר עברית. די גאנצע באפעלקערונג איז געווען מיט דער יוגנט, און באַראָווע האט געשמט מיט אירע זאמלונגען פאר קק״ל, איז דערפאר א סך מאל אויסגעצייכנט געווארן אין „נאָווי דזשיענניק״.

עס האבן אויך נישט געפעלט קיין מחלוקת. מיט איין וואָרט, — אלץ וואס א שטאט דארף האבן, האט באַראָווע פארמאָגט.

דער צורר היטלער האט אלץ חרוב געמאַכט...

זאל דאס קאפיטל דינען ווי א יזכור פאר אלע קדושים פון באַראָווע, הי״ד.

בּאראווע אין דער פרעסע

א הערצל־פייערונג אין יאר 1919:

„בּאראווע, ביי מעליץ. דעם 18־טן יולי האט מען ביי אונדז אין שטעטל, אַ דאַנק דער באנייונג פון דער יידישער ביבליאטעק ,תקוות ישראל׳, איינגעאָרדנט א גאָטעסדינסט לכבוד טעאָדאָר הערצל. אַ פייערלעכע רעדע האט געהאלטן ה׳ יצחק שפאלטער. עס האבן דעקלאמירט און געזונגען די ה״ה לעאָן קראנץ, יצחק ברײַנדל און מענדל בילפעלד. די זאַמלונג אויף דער גאַליצישער קאלאניע האט אריינ־געבראַכט ביי 400 קראָן״.

אין א ידיעה ווערט געבראַכט, אז אויף דער ציוניסטישער לאנד־קאנפערענץ פון 1930 (אין קראקע) איז געווען האָלענדער דעלעגאַט פון באראווע.

מיר ווערן אויך געוויר, אז אין באראווע איז אין יאר 1936 געווען א קן פון „עקיבא״, וועלכער האט געזאַמלט אויף ק.ק.ל.

וועגן דער אַרבעט פון די באראווער ציוניסטן לטובת ק.ק.ל. לייענען מיר:

„באראווע (9.3.1919) ק.ק.ל. גאליצישע קאלאניע — 170, מאטעריאלן 116.70 צוזאמען 286.70״.

לויט די באריכטן פון 1921: „באַשטייערונג — 51, בוימער — 660.80, גאליצישע קאלאניע — 15, דונאַמס — 333.76, — מארקעס און טעלעגראמעס — 31.30. צוזאמען — 1378.56״.

באראווע האט באצאלט פאר דער ערשטער ראטע פון איינשרייבן אין ספר הזהב, ווי אויך אויף דער חתונה פון שפאלטער האט מען געזאמלט 10 זל׳ פאר ק.ק.ל.

וועגן באַריכט פון די ערשטע פינף חדשים אין תרפ״ה לייענען מיר:

„א פארגלייכונג־צונויפשטעל פון די איינקונפטן אין די לעצטע 5 חדשים — אין פארגלייך מיטן ארויפגעלייגטן קאָנטינגענט דורך דער צייט: באראווע — 54 ז׳ — 45% פון דעם קאָנטינגענט״.

אין 1925 (אפריל) לייענען מיר, אז באראווע האט געזאַמלט 10 זל׳. די עמק־אַקציע האט געבראַכט — 25.23 זל׳.

די תשרי־אַקציע אין 1929 — 127.18 זל׳ — א גרויסע סומע לויט יענער צייט און פאר אזא קליין שטעטל.

מיר האבן אויך אפאר ידיעות וועגן פאַרקויפטע שקלים און די וואַלן צום ציוניסטישן קאנגרעס: אין יאר 1922/23 — זענען פאַרקויפט געווארן 43 שקלים; אין יאר 1929 איז ביז מאי איינקאַסירט געווארן 15 זל׳ פאר שקלים.

ביי די קאנגרעס־וואַלן פון יאר 1927 און 1929 איז וואַל־קאָמיסאַר געווען נפתלי בירנבוים. דער שקל־קאָנטינגענט איז אין יאר 1927 געווען 80 שקלים.

געזאַמלט דורך: **מ. א.**

צ׳רנין

טשערנין

טשערמין איז געווען א דארף אין מעליצער פאוויאַט, וואס האט געהערט מיטן קהל צו גרויס ראדאמישלע. נישט ווייט פון דארף איז געווען א דייטשע קאָלאָניע באזעצט מיט שוואַבן, וועלכע זענען געבראַכט געווארן קיין גאליציע דורך דעם עסטרייכישן קייזער יאָזעף דעם צווייטן.

ווי איך געדענק לויט די דערציילונגען איז דער יידישער יישוב אין טשערמין געווען אַ יונגער. צווישן די ערשטע פאַמיליעס, וועלכע זענען זיך געקומען באזעצן אין דאָרף, איז געווען אויך מיין עלטער־זיידע, דוד זעליג, וועלכער האט זיך באַזעצט אין די דרייסיקער יארן פון פארגאנגענעם י. ה. ער איז אויך געווען איינער פון די רייכסטע יידן אין דאָרף. ווען דער יישוב איז זיך צעוואקסן און עס זענען צוגעקומען אנדערע יידישע פאמיליעס פון דעם נישט ווייטן מעליץ, האט ער געבויט א בית המדרש, ווו יידן האבן געדאַוונט יעדן טאג און אמאל אריינגעכאַפּט א פרק משניות. ביים בית המדרש איז אויך געווען א מקווה טהרה.

קורץ פאר דער מלחמה האט דאס דארף טשערמין געציילט ביי 20 משפחות (א 90־80 יידישע נפשות). עקאָנאָמיש האט מען זיך אויסגעלבט נישט שלעכט. מען האט געצויגן חיונה פון האַנדל, מלאכה און פעלד־ארבעט. אין דאָרף זענען געווען: צוויי יידישע שניידערס, א שוסטער, א בעקער, 4 שניט־קרעמערס, אַ שענקער (וועמענס שענק איז אין די צייטן פון פוילן איבערגעגאנגען צו אַ קריסט); א פאר יידישע פאַמיליעס (אין דער צאָל 8־7) האבן זיך פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט.

די יידן אין דאָרף האבן זיך אויסגעלעבט יידישלעך. עס זענען געווען צוויי מלמדים, דאס רוב געקומענע פון דער

אנדערער זייט ווייסל (קאָנגרעס־פוילן). אַ ייִנגל האט געלערנט אין חדר ביז 14־13 יאר און אויך באַזוכט די אלגעמיינע פוילישע שול. אין חדר האט מען אחוץ עברי, חומש און רש״י, אויך געלערנט גמרא (אין אַ קלענערן, אדער א גרעסערן פאַרנעם). עס זענען געווען יידן תלמידי חכמים, וואס האבן געלערנט בייטאג און ביי נאַכט.

דער בית המדרש האט אויך געדינט ווי א צענטער פאר די אַרומיקע דאָרף־יידן, וועלכע האבן אין אים געדאַוונט א שבת און יום־טוב.

מיטן שוחט זענען מיר געווען פארבונדן אין באָראָווע (אַ שטעטל נישט ווייט פון אונדז — אַ פינף ק״מ).

שבת האט מען ביי אונדז אין דאָרף געזען יידן מיט שטריימלעך גיין צום דאַוונען אין בית המדרש. בכלל איז אונדזער יידיש לעבן געווען ענלעך, ווי אין קליינעם יידישן שטעטל. מיר האבן זיך מיט גארנישט אונטערשיידט פון יידישן לעבן אין שכנותדיקן באראווע. אונדזערע עלטערן האבן אויך געוווסט צו פארן צו א רבין און אין יעדער יידישער שטוב האט זיך געפונען א ר׳ מאיר בעל־הנס פושקע, אמאל אויך א קרן־קיימת־פושקע.

אן אָרעמען האט געטראָפן אייביק אן אָפענע טיר, אַ געלעגער צו שלאָפן און אויך ווו אפצועסן אַ ביסל ווארעמס.

די יוגנט איז געווען פאַרבונדן מיטן שכנותדיקן באָראָווע. מיט זיי האבן מיר געמאַכט בשותפותדיקע שפּאַצירן און געפירט דיסקוסיעס אויף פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טעמעס. אין דארף אליין איז אַ געוויסע צייט געווען אַ ביבליאָטעק א. נ. „תקוות ישראל״ — אַ פיליאלע פון דער באראווער „תקוות ישראל״.

מיט די שכנים (הן די פאליאקן, הן מיט די דייטשן) האבן מיר געלעבט — ביז צום אומקום — נישט שלעכט. מען האט טאַקע אמאל ארייַנגעוואָרפן אַ שטיין אין דער סוכה, אבער מיר האבן געוווסט: אזוי איז עס און אזוי זעט אויס דאס יידישע לעבן; מיר האבן נישט געליטן פון קיין פּאָגראָמען, קיין כוליגאַנעס האט מען ביי אונדז כמעט נישט געזען. מען קאן זאגן, אז אין אלגעמיין האט מען געלעבט בשלום מיט די דאָרפישע שכנים.

די יידישע איינוווינערס פון דארף האבן אויך ארויסגעוויזן אַן אינטערעס פארן אלגעמיינעם דאָרפישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. איינער, מרדכי אַפּעלבוים, איז אפילו געווען אין יאר 1935 אַ מיטגליד אין דארפישן ראַט.

צוזאַמען מיט דער אויסזידלונג פון מעליץ, איז אויסגעזידלט געווארן דער קליינער יידישער יישוב פון טשערמין.

אין „נאָווי דזשענניק״ פון 14.6.1919 ווערט דערמאָנט אז וויזנפעלד און מעכלאָוויטש האבן געשפענדט צו 5 קראָן אויף ק.ק.ל. און אנדערע שפענדעס זענען געווען אין דער סומע פון 35 קראָן. אַ באַריכט פון 29.2.1920 גיט איבער וועגן א זאַמלונג פון 20 קראָן.

אין דער זעלבער צייטונג, פון 14.2.1922, ווערט דערמאנט, אז עס זענען געזאַמלט געווארן טויזנט פוילישע מאַרק אויף דער קאָלאָניע א. נ. פון ד״ר י. טהאָן. מען האט איינגעצאָלט די דריטע ראַטע אין ספר הזהב; שטאַרק האט געגעבן 500 מ., צבי נאַדלער 500 מ., קליינע זאַמלונגען — 3850 מ.

אין יאר 1927 האט דער קאָנטינגענט שקלים באַטראָפן 30.

פארצייכנט פון **א. מ.** (לויט כזשאָנזש)

יעקב איסלר, עו״ד

ירושלים

ז ס ו ב

זאסעוו

נולדתי בזאסוב.

היום, נפלה בחלקי הזכות להעלות על הכתב לקט מזכרונותי ולהעביר לדורות הבאים למען ידעו כי בעיירה קטנה זו ישב במשך מאות בשנים ישוב יהודי תוסס, שחי חיים יהודיים מלאים — ברוח הדת והלאום.

העיירה זאסוב — שוכנת במרחק 7 ק״מ מהעיר רדומישל רבתי. מבחינה מינהלית — השתייכה לפלזנו — שתיהן במחוז קרקוב.

בזאסוב העיירה ניתן היה להבחין בשני חלקים: עירוני וכפרי, אשר שניהם היוו יחידה מינהלית אחת ובראשה עמד מוכתר.

100 משפחות חקלאים גרו בזאסוב. שדותיהם צמודים היו לבתים והזדנבו משני צידי הכביש עד לגבולות הכפרים הסמוכים. מלבד החקלאים היו גרים בחלק העירוני של זאסוב כמרי הכנסיה הקתולית, מורי בית הספר העממי ועובדי בית הדואר, עובדי האחוזה ופקידיה של הגרף לוביאנסקי.

בקצה המקום על פרשת דרכים אשר הוליכו לתחנת הרכבת של צ׳רנה מחד גיסא ולעיר רדומישל רבתי מאידך גיסא — היתה כיכר גדולה ומסביבה בתים, כנסיה ושער לאחוזתו המשפחתית של הגרף לוביאנסקי. באותה כיכר — נמצא גם פונדק אשר שימש באותם ימים כמרכז החיים של הישוב הנוצרי. בככר התקיים כל יום ג׳ שוק אשר משך אליו את רוב כפראֵי האזור, מספר גדול של רוכלים. שוק זה היווה את מקום המיפגש בין תושבי המקום ובין תושבי הערים והיווה, איפוא, יום שכולם ציפו לו.

את הזמן המדוייק בו התיישבו היהודים בזאסוב, קשה לקבוע. מניחים כי יהודים נמצאו שם כבר החל מהמאה ה־15־16 תקופה בה החלו יהודי פולין מתיישבים בעיירות.

בתחילת המאה העשרים נמצאו בעיירה כשני מניינֵי יהודים. במשך השנים הלך וקטן מיספר היהודים בזאסוב והסביבה. היהודים היו מהגרים לחו"ל או עוברים לערים. רובם היו גרים בבתים מסביב הכיכר — בבתיהם הפרטיים אשר שימשו חדרי מגורים, היו גם עסקיהם. בחלק הכפרי היו גרים יהודים במיספר קטן ותעסוקתם העיקרית היתה עיבוד חלקות קטנות של קרקע, רפת קטנה, לולים. לעתים היה להם גם בית־מלאכה או חנות קטנה.

יהודי העיירה היו בעלי עסקים או בעלי מלאכה. משקים חקלאיים לא היו להם, פרט למשפחת איסלר.

לפני המלחמה העולמית הראשונה — היו מיספר משפחות יהודיות שהחזיקו משקים חקלאיים אך במשך הזמן מכרו את האדמות והיגרו ברובם לארה"ב. הנשארים — בודדים במיספרם, ניספו עד כמה שידוע לי בשואה.

היהודים היו עובדים קשה ומרוויחים בכבוד את לחמם. תודות ליחסים התקינים בין היהודים ובין הנוצרים התפתחו ביניהם גם יחסי מסחר. הנוצרים היו קונים אצל יהודים ולהפך. היהודים היו קונים אצלם את תוצרתם החקלאית.

מאוחר יותר, עם התפשטות האנטישמיות בפולין וחדירתה לשכבות העממיות — נתנה את אותותיה גם בזאסוב. אחד מגילוייה היומיומיים של אנטישמיות זו היה ביום השוק. הכומר עצמו אירגן קניית הביצים וביום השוק היה יוצא, ובכוח אישיותו היה משפיע על האיכרים שלא למכור את הביצים ליהודים.

היחידים אשר דיברו בגנות היהודים היו אנשי האינטיליגנציה כגון הגרף לוביאנסקי, הכומר הראשי ואחרים שרצו בדרך זו להתבלט.

בהקשר לכך זכור לי מקרה כאוב אחד:

בשנת 1920 היתה מלחמה בין פולין לבין הבולשביקים. הגרף אירגן מתנדבים לצבא. באחד מימי ראשון בשבוע התאסף ציבור רב לתפילה בכנסיה המקומית. לאחר התפילה קרא הגרף לאסיפה בה נאם נציג מפלגת פועלים ואחריו הגראף. כאנטישמי, לאחר נאום פטריוטי להצלת המדינה, אמר כי יש להתחיל בפעולה גם נגד היהודים — ומיד.



ר' חיים מענדל מענדלסון
תושב נכבד של הכפר רוז'ה

כאן קרה מיקרה יוצא דופן. בחורים צעירים לא מקומיים התנפלו על חנויות היהודים. הבחורים המקומיים עמדו מן הצד והסתכלו בהתפתחות. כאשר הגיעו הפורעים לביתנו, ואחד שבר מנורת נפט שהיתה תלויה על התקרה, קפצו כנגדם הבחורים המקומיים וגירשו אותם בכוח מהעיירה. הבחורים המקומיים אירגנו מיליציה שהועמדה בכל העיירה ושמרה שמור היטב מפני תקריות דומות.

למרות שהייתי צעיר בגיל הבחנתי בנקל כי אותה אנטישמיות לא צמחה מבין השורות אלא טופחה ע"י האינטליגנציה הפולנית. ביחסים אלה חל שינוי עד סוף המלחמה העולמית השניה.

על אף מספרם הקטן היוו יהודי זאסוב את מרכז החיים התרבותיים של כל הסביבה הכפרית (מוקרה, דומביה, רוז'ה, ויאויורקה, דומברובקה, ואף כפרים מרוחקים יותר כגון: נגושין, בורובה, ישצ'ומבקה). בכל אחד מן הכפרים האלה היה מספר קטן של משפחות יהודיות והללו היו מבקרות בזאסוב לעתים קרובות.

ברובם היו באים על מנת להשתתף בתפילות בשבתות ובחגים, באים אל השוחט, אל המוהל וכן לסדר תקניות. היו, כמובן, גם ביקורים חברתיים לבילוי בחברה יהודית.

למרות שהעיירה רדומישל רבתי היוותה מרכז אזורי לא היו יהודי זאסוב תלויים בה מן הבחינה התרבותית.

השבתות והחגים עברו עלינו כמקובל בעיירות גליציה. עם כניסת השבת ננעלו כל החנויות. היהודים התאספו לתפילה משותפת, ולאחריה עלו על השולחנות מאכלים יהודיים ונשמעו הזמירות שהובאו מחצרות הרבנים. אחרי המנוחה עיינו בספרי הקודש או למדו דף גמרא בטעם ההולם את החג.

בימים הנוראים היו באות מהסביבה משפחות יהודיות לזאסוב ומבלות את החג שם, כל זאת על מנת שלא לחללו בנסיעות ארוכות. בראש־השנה וביום הכיפורים היה בית התפילה מלא מפה לפה.

בבית הורי היה במשך שנים רבות בית־תפילה ובו ספר תורה וספרי קודש במספר לא מבוטל אשר עמדו לרשות הרוצה לעיין בהם. ספריה זו נשארה בירושה מהסבא פלאומנהפט אשר שימש כדיין בדמביצה.

בפורים — לאחר קריאת המגילה — היו כולם משתתפים במסיבה משותפת. משפחתי היתה מארחת את כולם ומכינה מאכלים מיוחדים. השמחה היתה רבה: שירה, ריקודים וכל מיני עליזויות המאפיינות את החג. מסיבות פורים אלה קנו להן שם, והשתתפו בהן בני כל הגילים.

חגים כשמחת־תורה נתנו לכולם את ההרגשה כי הם מהווים משפחה אחת גדולה.

בבית הורי היתה גם ספריה כללית שהכילה ספרות פולנית, גרמנית ואידית. היינו מקבלים עתונים יהודיים באותן שפות. הספריה והעתונים הועמדו לרשות כל המעוניין לעיין בהם.

ילדי היהודים היו מבקרים בבית־ספר ממלכתי יחד עם עמיתיהם הנוצרים. נוסף ללימודים בבית ספר זה למדו גם ב„חדר". אבי המנוח החזיק בבית מלמד שבא מאחת הערים והלה לימד את כל ילדי המקום והקנה להם חינוך יהודי.

בין קהל קטן זה של יהודי זאסוב אפשר היה למצוא גם תלמידי חכמים כגון משה קליינצלר, שלמה שפיץ, אברהם וולך, מנדל ברנקנוף השוחט, ואחרים. כולם היו בקיאים בתורה ובהלכה והיו מנהיגיה הרוחניים של הקהילה הקטנה. שלמה שפיץ איש צנוע, הקדיש את כל חייו ללמידת תורה ואת עול הפרנסה הטיל על אשתו. ביתו, שהיה פתוח לכל בא, אירח את כל הרוצים לשמוע תורה מפיו. אברהם וולך, צעיר בשנים

ממנו, היה חזן־הקהילה הקטנה ובכשרונו יכול היה לשמש גם בגדולי בתי הכנסת. עד היום אני מיטיב לזכור את קולו החזק ואת הנגינות אשר היה מביא מחצרות הרבנים הידועים, בהן היה מרבה לבקר. הלה התמסר להוראה בשעות הפנאי והשלים את אשר לא הספיק לעשות המלמד.

אותה הערכה ניתנה לשוחט מנדל, למשה קלינצלר, איש עדין נפש.

מר יחיאל פורשטנצר היה מכובד בעיירה, היה נותן צדקה ביד רחבה ומשתתף בכל פעולה משותפת ליהודי המקום.

חיים בלומנר, חתנו של יחיאל פורשטנצר, היה בן הדור הצעיר וקיבל על עצמו תפקידים הדורשים מאמץ לטובת הקהילה.

אבי, אהרון איסלר, היה יהודי דתי, חסיד. אמי היתה בת־ישראל כשרה. המטבח בבית היה כשר למהדרין ובבית כולם שמרו על מנהגי ודיני ישראל.

להורים היתה חנות למנופקטורה. אבא היה סוחר־עצים והחזיק יחד עם זאת משק חקלאי. ביתנו היה פתוח לכל דיכפין. צדקה נתן אבא לכל נצרך.

זכורני, כי כל פעם כאשר נסעתי עם אמא לרדומישל היתה ממלאת את העגלה תוצרת חקלאית ומחלקתה בין המשפחות הנצרכות. זה היה דבר של קבע ונסיעות כאלה התקיימו לפחות אחת לשבוע.

אנו, הילדים, קיבלנו חינוך מסורתי־לאומי. כולנו קיבלנו גם השכלה תיכונית ובחלקנו אף אוניברסיטאית.

כל זה בא לספר אמנם בקיצור על מיעוט יהודי קטן שהשכיל לשמור על קיומו ועל צביונו המיוחד.

פ ש צ ל ב

פשעצלעוו

פוילישע קוועלן וועגן פשעצלעוו

אין „סלאָווניק געאגראַפיטשני קרולעווסטוואַ פאָלסקיעגאָ" פון די אכציקער יארן פון פאָריקן יארהונדערט, געפינען מיר:
„פשעצלעוו, א שטעטל אין מעליצער פאוויאט, צווישן א זאמדיקער פלאַכקייט, 204 מעטער איבער דעם ים שפיגל אויף דעם לינקן ברעג פון דער וויסלאָקע, ביים וועג פון דעמביץ קיין מעליץ. פון דער צווייטער זייט טייך, דורכ'ן שטח פון דארף טושין, גייט די באַן־ליניע פון דעמביץ קיין באראנעוו (אן אפצייג פון דער קאַראָל־לודוויג־באַן).

א הילצערן שטעטל, שלעכט געבויט, האט א געמויערטע פּאַראַפיע־קירך און א צוויי־קלאסיקע פאלקס־שול, א פּאָסט א. א.

אויף א גרעסערן שטח שטייט א הויף, איבערגעבויט פון אַ פעסטונג־שלאָס. פון דרום ליגט די פאָרשטאָט, די אזוי גערו־פענע „אונטערנשלאָס". פון צפון־וועגעציא, ווייטער צו דרום, ביים וועג קיין דעמביץ, דאס דארף פּאָדאָלע, אויף מערב פון שטעטל יוילעוו. אויף צפון גרענעצט עס מיטן דארף קילקיוו. פון מזרח פאַרשטעלט דעם יישוב א סאָסנאָווע וועלדל, וואס רופט זיך פשעצלאַווי. אין פשעצלעוו קומען פאר יעדן דאנערשטיק ירידים. דער יישוב האט 158 הייזער און 1026 איינוווינער (49 מענער, 536 פרויען) 718 רוימיש־קאטוילישע, 9 גריכיש־קאַטוילישע און 299 איזראעליטן. אויפן שטח געפינט זיך א גרעסערער גוט, (אייגנטום פון גראף מיעטשי־סלאַוו רעי) מיט 6 הייזער און 135 איינוווינער.

דער יישוב זאַל האבן געגרינדעט געוואָרן דורך פשעצלאַוו ליגענזאַ אין 13 י. ה. ער האט דארט באזעצט דייטשע קאלאניסטן.

אין 1556 זענען געווען אין שטעטל 40 הייזער, טייל נישט באזעצטע. עס האבן געוווינט 19 בעלי־מלאכות, 7 בראָנפן־ברענער, 4 פארקויפער, איין ראַזירער.

אין דער פאַרשטאָט האבן געוווינט 45 פויערים פון פארשידענעם פארמעגן־גרויס.

אין שטעטל האט דאן עקזיסטירט א הילצערנע קירך, וועלכע איז דערנאך איבערגעבויט געווארן.

אין 1454 האט דער פוילישער קארדינאל (אין יענער צייט זביגניעוו אליעשניצקי, א באקאנטע פאָליטישע פיגור), נאָמינירט א פראבאשטש פאר דער קירך. וועגן דעם דערמאָנט דער פוילישער היסטאריקער יאַן דלוגאָש אין זיין „געשיכטע פון פוילן".

פון פשעצלעוו שטאַמט דער טעאָלאָג און פילאָזאָף פון קראקעווער אוניווערזיטעט יאַן פשעצלאַווטשיק(ארום דעם יאר 1630).

נאך די ליגענזעס האט פשעצלעוו געהערט צו די קרופקעס, פשעצלאַווקעס און צו די וויעלאָפּאָלסקיס.

אין פּאַראַפיע־אמט געפינען זיך מעטריקעס פון יאר 1601. די פּאַראפיע האט געהערט צו דער טאָרנער דעצעזיע, ראַדאָמי־שלער דעקאַנאַט און נעמט ארום: בלאָניע, פּאָדאָלע, קאָזשעניעוו, טושין, ביאַליבור, ווילעוו, קאָנדזשאַלקע, לאָנטשקי, מיעט"שעזשוו, באַבראָוויע און רודע.

נפתלי גאסטווירט
בארצעלאנא (שפאניע)

דער אלטער מארק פון שטעטל

אלטער מארק פון מיינע קינדער יארן! ווי ווייט און ווי נאענט זענען מיינע דערינערונגען וועגן דיר. וויפל איבערלעבונגען פון מיין קינדהייט גליען נאך אין מיין זכרון!

די יידישע גאסן אין פשעצלעוו, ווו אלץ איז געווען יידיש און ווו עס האט זיך זעלטן וועגן געהערט אן אנדער שפראַך, אויסער אונדזער מאמע לשון...

הייליק און טייער איז פאר דער פשעצלעווער יידישער יוגנט געווען דער שבתדיקער טאג.

אמת, איך בין בלויז 13 יאר אַלט געווען ווען איך האב פארלאזט אונדזער אלטע היים. אָבער וואס מער עס פארגייט די צייט, וואס מער איך זע און לעב מיט דאס היגע לעבן, אַלץ מער דערמאנט זיך מיר און עס פרישט זיך אפ אין מיין זכרון אונדזער אלט־היימישער שבת.

וואס פאר א הייליקער ציטער איז אַדורך די קינדערשע בלוטן, בעת איך האב אין א שבת נאך מיטיק שפּאַצירט מיט מיינע חברים צום וויסליק. עס האט אויסגעזען, ווי גאָט אליין וואָלט די געגנט ספעציעל לכבוד שבת באקליידט מיט אזא שיינער פּאַנאָראַמע!



ר׳ יוסף גאסטווירט
(דער פאטער פון מחבר)

פשעצלעוו פארנאכט, בין השמשות: יוגנטלעכע האבן זיך אויסגעזעצט אין מארק און געזונגען לידלעך...

אויך דאס וואָכנדיקע לעבן פון מיין שטעטל האט אין מיין זכרון איבערגעלאָזט טיפע שפורן.

נאך היינט זע איך דעם יריד, ווו עס האבן זיך צונויפגעמישט פארשידענע מענטשן: יידן שטעלן אויס די ביידלעך און פאקן אויס זייערע סחורות; די גויים מיט ווייסע העמדער איבער די הויזן קומען איינקויפן.

דער אלטער יידישער טיפ, מיט זיין בעקעשע, באָרד און פיאות, איז געווען אנדערש נישט בלויז אין דער קליידונג, — אנדערש אין דער פירונג. ביי זיי האט זיך נישט געענדיקט דער יריד מיט שיכרות און מיט געשלעגן, נאר אין בית־המדרש מיט א מנחה און א פרק משניות; מיט מעשיות וועגן מופתים פון רבנים און צדיקים.

א טייך בלוט האט אלץ אפגעשווענקט. וואס איז שוין געבליבן פון מיין פשעצלעוו?

די איינציקע האָפנונג, אין וועלכער איך זוך צו געפינען א טרייסט, איז: אז דאס פארגאסענע יידישע בלוט וועט נישט זיין אומזיסט, ווייל פון דעם בלוט איז אויפגעקומען א ביי יידיש לעבן אין אונדזער פריי לאנד; און אז ס׳וועט נאך קומען א פרייע וועלט, אין וועלכער ס׳וועלן מער נישט מעגלעך זיין אזעלכע מערדערייען, אמן.

איצט וויל איך נאך דערמאָנען אן אנעקדאטישע געשיכטע:

ווען איך האב אמאל שפּאצירט מיט מיין טאטן אין הויף פונעם גראף רעי, האט אונדז זיינס א הונט נאכגעיאגט. דער גראַף האט דאס געזען און געלאַכט. באלד איז ער צוגעגאנגען צו מיין פאטער און אים געפרעגט, פאר וואס זיינע הינט יאָגן נאָר נאך יידן?

מיין ליבער פאטער האט אים גלייך געענטפערט: ווייל א הונט בייסט נישט קיין אנדער הונט...


ביידע האבן זיי זיך צעלאכט דערפון.

אליעזר הכהן גרינבוים (המכונה דערשאוויץ) ז״ל
פתח־תקוה

צום אנדענק פון מיין געבוירן־אָרט

איד בין אַ געבוירענער א פשעצלעווער, אַבער אין יאר 1920 האב איך דאס שטעטל פארלאזט אזוי, אז איך קאן בלויז ברענגען דערינערונגען פון מיינע קינדער־יארן.

אין מיינע צייטן האבן אין פשעצלעוו געוווינט אומגעפער 300 יידישע נפשות. ביז דעם ערשטן וועלט־קריג איז עס געווען א רואיק שטעטל. די יידן האבן אונטער דער עסטרייכישער רעגירונג געהאט פולע רעכט, איבערהויפּט אונטער דער הערשאַפט פון קייזער פראַנץ־יאזעף, וועלכן מען האט געהאַלטן פאר אַ יידן־פריינד. מיט דער נישט יידישער באפעלקערונג, וועלכע זענען צום מייסטן געווען פויערים, אויך אביסל בוי־אַרבעטער, האט מען געלעבט בשלום.







יחיאל מעכל דערשאוויץ
(א קוזין פון מחבר), זיין פרוי ברכה און זייער זון אברהם

די יידישע באַפעלקערונג האט געלעבט בעיקר פונעם האַנדל מיט דער דארפישער באַפעלקערונג. דער יריד איז געווען יעדן מיטוואָך. די פויערים האבן געבראַכט זייערע פּראָדוקטן אין שטעטל און געקויפט פאַרשידענע סחורות פאַר דעם געלט, וואס זיי האבן דערהאַלטן פאר די פּראָדוקטן.

מען האט געלעבט — ווער בעסער, ווער ערגער — אבער רואיק. געווען אפילו אייניקע יידישע פאַמיליעס עשירים.

אין מיין צייט איז דער גרעסטער גביר געווען ר׳ חיים שפילמאַן הי״ד, א ייד א הדרת פנים און א תלמיד־חכם.

דער צווייטער איז געווען ר׳ מנשה בלוט ז״ל, א ייד אַ וואַלד־סוחר. אויך מיין פאַמיליע, דערשאָוויץ, איז געווען פארעכנט צווישן די גבירים.

מיין ל. פאטער, ר׳ שמואל מאיר הי״ד, איז געווען א תלמיד־חכם און האט געזארגט אז מיר, אלע זיינע קינדער, זאָלן לערנען תורה. זעענען ביי אונדז אין דער פאַמיליע אויסגעוואַקסן תלמידי חכמים און זיי איז אויך נישט געווען פרעמד קיין אנדערע וויסנשאַפטן.

מיין ל. ברודער גרשון איז געווען א גאון. ער איז געוואָרן א דיין אין זשאַבנע. מנשה בלוט האט גענומען אן איידעם פון טאַרנע, וואס איז געווען אַ גאון מיט אלע מעלות. אזוי איז פשעצלעוו געווארן אַ מרכז פון תורה. דער איידעם פון מנשה בלוט, ר׳ יעקב קורץ, האט אונדז געגעבן א שיעור אין תלמוד.

פשעצלעוו האט געהאַט א שיינע שול, מיט שיינע מאָלערייען, וועלכע עס האט געמאַכט חיים שלמה, מנשה בלוטס זון צוזאמען מיט דער שול איז געווען א בית המדרש, ווו מען האט אַ גאַנצן טאַג תורה געלערנט (ווינטער — אויך ביי נאַכט). אין דעם זעלבן געסל האט געוווינט דער שוחט און חזן ר׳ אייזיק לויטערשטיין ז״ל. ער איז געווען אַ באַרימטער בעל־תפילה.

אויך איז אין דעם געסל געווען אַ באָד. דער בעדער איז געווען הערצקי שפילפויגל.

דער רב אין פשעצלעוו איז געווען דעם פלאַנטשער צדיקס זון, ר׳ דוד הי״ד. דער פלאַנטשער צדיק האט געוווינט אין גרויס ראדאמישלע, נאכן ערשטן וועלט־קריג זיך אריבערגעצויגן קיין ריישע. ווען דער פלאַנטשער רבי איז נפטר געווארן, האט זיך דער פשעצלעווער רב באזעצט אין ריישע און איז אומגעקומען אין סאָקעלעוו.

פאַרשטימט איז געוואָרן דאס קול פון תורה אין שטעטל; שטיל געווארן זענען די שטימעס פון די אומשולדיקע קינדערלעך אין חדר.

אין דעם אומקום פון שטעטל האב איך פאַרלוירן מיין גאַנצע פאַמיליע. עס איז בלויז פאַרבליבן מיין ליבער שוועסטערס א זון, אברהם אַלטמאן, וועלכער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע.

לזכרון עולם פון מיין אומגעקומענער פאמיליע הי״ד:

אבי מורי, ר׳ שמואל מאיר גרינבוים.
אמי מורתי, אסתר.
אחי גרשון, דיין בז׳בנה.
גיסתי לאה עם הילדים.
אחי משה,
גיסתי ליבה והילדים שגרו בקרקוב.
אחי פנחס וגיסתי והילדים שגרו בפודגוז׳ — קרקוב.
אחי לייביש.
אחי ירוחם.
גיסי אלימלך אלטמן, דיין בפשעצלעוו.
אחותי טריינה והילדים.

השם ינקום את דם הקדושים והטהורים שמתו על קידוש השם.

בן־משה
לוד

א מצבה

איך וויל מיט מיין שרייבן וועגן דעם שטעטל שטעלן אַ מצבה מיין ג״ז פאטער משה בינענשטאק, וואס איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין דער גרויסער אַקציע צו ליקווידירן די יידן פון שטעטל דורך די היטלעריסטישע רוצחים. זייער מאַסן־קבר (פון אַלע יידן פון דער סביבה) געפינט זיך אין ראדאמישל וויעלקי.

מיין ג״ז ברודער ישראל — אים איז געלונגען אויסצומיידן די אַקציע, אבער נישט אויף לאַנג: ער איז אריינגעפאַלן אין די רוצחישע הענט און איבערגעפירט געווארן קיין סענדישעוו (ביי ריישע) און דאָרט האט אים דערזעלבער גורל געטראָפן.

מיין יינגסטער ברודער בעריש ז״ל האט זיך געפונען אין ריישער שפיטאל, דאָרט האט ער זיין הייליקע נשמה אויסגעהויכט.

מיין ג״ז שוועסטער טויבע איז געווען דער לעצטער קרבן פון מיין משפחה: זי האט זיך אויסבאַהאַלטן אַ צייט (מיט אירס אַ פריינדין, זלאטע רייך) אין פשעצלעוו.

אין אַ בריוו צו אירס אַ פריינד (ראזענבערג סיגי, וואס געפינט זיך אין ישראל) שרייבט מיין שוועסטער „איך געפין זיך איצט אין די קעמפעס ביי אונדזער וויסלאָקע. איך ווער שטאַרק פארפאָלגט. איך ווער געיאגט ווי א חיה. איך שפיר, אַז איך וועל נישט קאנען אזוי אויסהאַלטן. איך פיל מיינע טעג זענען געציילטע״.

קורץ נאך דעם, קורץ פאר דער היטלער־מפלה, האט מען איבער מיין שוועסטער און איר פריינדין זלאטע רייך אין פשעצלעוו אויסגעפירט אַן עקזעקוציע.ביידע חברות זענען געפאַלן אין דעם פריער שוין צוגעגרייטן קבר, וואָס געפינט זיך אין דעם אזוי גערופענעם „קליינעם וועלדל״.


אַ פאר ווערטער וועגן דעם שטעטל גופא:

ווי קליין דאס שטעטל איז נישט געווען, האט עס געהאט אלע כלי־קודש־אינסטיטוציעס: א רב, דיין שוחט־חזן, שמש, בעדער, און חברה קדישאניקעס (אפילו תהילים־יידן האבן נישט געפעלט).

דאס צוזאמענלעבן צווישן די איינוווינערס איז געווען ווי איין גרויסע משפחה, מען האט זיך באַטייליקט אין יענעמס פרייד, ווי אויך אין יענעמס ליידן.

עס זענען געווען יידן מיט מסירת נפש — און דווקא צווישן די פראָסטע יידן, די אזוי גערופענע תהילים־יידן, צו וועלכע עס האט געהערט מיין ג״ז פאטער, משה בינענשטאק זצ״ל. נישט איין צענדליק נעכט איז ער געווען אויף צו העלפן די שטוביקע ביי א לאַנגדויעריקער קראַנקהייט, ווען יענע זענען שוין געווען דערשעפט פון אויפזיין. און מיט וואס פאר א התלהבות מען האט געזאגט קאַפּיטלעך תהילים דער חולה זאל געזונט ווערן! ביי אַ שווערן קראַנקן האט מען דעם ספר תהילים צוויי מאל איבערגעחזרט און אויב עס האבן נישט די רפואות און נישט דער תהילים געהאָלפן, זענען די זעלבע יידן פון ביקור־חולים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א חברה קדישא און אויסגעפירט בשלימות, וואס מען האט באַדאַרפט.

ווען עס איז אין שטעטל געווען אַ שמחה, האבן כמעט אַלע יידן פון שטעטל זיך באַטייליקט אין איר.



ר׳ משה בינענשטאק (ווייס)
און זיין פאמיליע. פון רעכטס: דער זון בערל, די טאכטער טויבע,
ר׳ משה און דער זון ישראל.




זלאטע רייך און טויבע ווייס
(זענען צוזאמען באגראבן אין איין גרוב)



ר׳ סנדר ווייס
א פעטער פון מחבר



זיין טאכטער, טויבע,



דער זון זיינער, יאנקל און משה מיטעלדארף

די זאַטע משפחות האבן נישט פאַרגעסן, אז עס געפינען זיך אויך הונגעריקע מענטשן און אויף יעדן שבת האט מען צו אַזעלכע געשיקט בולקעס מיט פיש — אויך די הונגעריקע זאלן וויסן פון אַ זאטן שבת.

טרעפלעך האט זיך אויסגעדריקט אונדזער שטעטלשער אין פאַריז, אשר דערשאוויץ, אין זיינס אַ בריוו צו מיר. ער כאַראַקטעריזירט אונדזערע שטעטישע אומגעקומענע קדושים מיט די ווערטער: „טייערע יידן האבן מיר פאַרמאַגט״.

אברהם שפּילמאַן
חולון

דאָס שטעטל אין זיינע קדושים

זאל נישט פארגעסן ווערן אין די קומענדיקע דורות, אז עס העט אמאל עקזיסטירט אין פשעצלאוו א קליינער יידישער יישוב, וואס איז פארשניטן געווארן דורך די נאצים ימ״ש.

אין 18־טן יארהונדערט האט פשעצלאַוו פארמאָגט אן אייגענע קהילה, הגם זי האט געציילט נישט מער ווי א 120 יידישע נפשות *).



ר׳ חיים שפּילמאַן זיין טאכטער, לאה ווייסבערג און זיין פרוי, פערל

דער היסטאריקער פראָפ. רפאל מאהלער האט מיר אויפ־מערקזאם געמאכט אויף דעם היסטאָרישן דאקומנט — אויס וועלכן ס׳איז צו זען, אז פשעצלעוו האט געהאט אן אייגענע קהילה — נעמלעך: א ספר שאלות ותשובות „דברי חיים״, חלק ראשון, חלק יוד, סימן נ״א, געדרוקט אין לוואָוו, שנת תרל״ה. דאָרט ווערט געבראַכט א שו״ת וועגן א מחלוקה צווישן ראדאמישלע און פשעצלעוו, וועגן רעכט פון פשעצלעוו צו נאמינירן אן אייגענעם רב. ליידער איז די שאלה אן א דאטע, אבער מ׳קאָן זיך משער זיין, אז דאס איז געווען אין די 50־ער יארן פון 19־טן יארהונדערט.

און דאס איז דער נוסח פון דער שאלה:

„בנידון אשר נשאלתי מהרב המאוה״ג ד״ק ראדאמישלע אשר נסמך שם לרב על כל הגליל, וכעת רוצים בני הישוב ד״ק פשעצלאב לקבל עליהם לרב את הרב החריף ר״ש **) וכבר נתנו לו כתב רבנות מ׳ תחבולות מרב א׳, ולזה שואלים איך הדין נוטה. הטענות של הרב הנ״ל הוא: א) שק׳ פשעצלוב שייך בעניני הרקרוטירונג לק׳ ראדאמישלע, ע״כ אין יכולים לקבל לעצמם להרב הנ״ל עד שיחלקו עצמם בעניני הרקרוטירונג. (שנית, שהשכירות מה״שוב הוא מחמת הישובים הסמוכים לק׳ פשעצלאב שהם שייכים לו)״.

די תשובה פון „דברי חיים״ ז״ל אויף דער שאלה איז זייער אויספירלעך. זי ציט זיך מער ווי אויף א גאנצן דף. וויל איך זיך דא באגנוגענען בלויז מיט דעם אויספיר פון דער תשובה:

*) ד״ר רפאל מאהלער „יידן אין אמאליקן פוילן אין ליכט פון ציפערן״, „יידיש בוך״, ווארשע.

**) ר׳ שמעלקע.

....„לכן בזה נלפע״נ דהרב ר״ש מותר לקבוע דירתו ולא שייך שום ענין חסידות בזה... וא״כ שהקהל קבלוהו לר״ש וניחא להו ישיבתו אתם, בוודאי מותר ומצוה לשבת אתם ולהרביץ תורה. בעניני שררות על הציבור של ק״ק הנ״ל עם הישובים הסמוכים לה והיו שניהם בשוה והפרס יחלק ביניהם ויתווך כאשר יבצע ביניהם ידידי הרב המאוה״ג הקדוש מו״ה מנשה נ״י אבד״ק ראָפשיץ ואין להעמיס עול על אדו״מ גאון הדון קדוש ישראל מו״ה אשר ישע״י נ״י והוא לבדו יתווך שלום ביניהם בנידון ממון והוא סמוך לגבול יודע הכל על נכון ובעניני דיני דמלכותא אין לדבר כלל ידוע לכל נימוסים שבעיירות קטנות אין למלכות בזה כלל וכ״א יעשה כרצונו וגם אין להעדה הגדולה עליהם רשות בזה חוץ להרב דקרייז אפ׳י הרב דקרייז אין לו תוקף ע״ז אם הדאמינע אינה מרוצה ולכן אין לדבר מזה חוץ כמה טעמים שיש ע״ז לכן לא שייך ב״ק הנ״ל וישובים הסמוכים לה דדמ״ד ומה שירצו יעשו.

ומחמת האמת והשלום חתמתי שמי.״

דער דעמאָלטיקער פשעצלעווער רב, ר׳ שמעלקע, האט געהאט אין יארן ארום א געלעגנהייט אפצודאנקען דעם „דברי חיים״, וועלכער האט זיך איינגעשטעלט פאר זיין רבנות:


ווי באקאנט איז אין יאר 1869 אויסגעבראָכן די גרויסע מחלוקה צווישן דעם סאנדזער רב, ר׳ חיים האלבערשטאַם ז״ל און צווישן די רביים פון דער סאדיגערער דינאסטיע. אסרו חג שבועות אין יענעם יאר, איז פארגעקומען אין סאנדז (תרכ״ט) א גרויסע אסיפה פון ארום 100 רבנים, וואס האבן ארויסגעגעבן א שטרענגן פסק — פאקטיש א חרם — קעגן די סאדיגערער. צווישן די חתימות פון רבנים, וואס האבן זיך אונטערגעשריבן אויף דעם באשלוס פון דער אסיפה, געפינט זיך אויך די חתימה: הק׳ אברהם שמואל אבד״ק פשעצלוב ***).

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה האט דאס קליינע שטעטל פשעצלעוו געציילט בערך 300 יידישע נפשות. ס׳האט פארמאגט אן אייגענעם רב, ר׳ דוד׳ל הורוביץ הי״ד זצ״ל, א זון פון פלאנטשער רבין זצ״ל. מיט יאָרן פריער — א דיין, ר׳ יאנקל אייזלאנד ז״ל (פון דער משפחת אייזלאנד פון ראדאמישלע); א שוחט, א ביהמ״ד, ווי אויך א צאל אינטעליגענטע יידן און תלמידי חכמים. לעצטנס, האט פשעצלעוו געהערט צו דער קהילה ראדאמישלע, וואָס איז געווען א מרחק פון 12—15 קילאָמעטער.

***) ילקוט הרועים, אדעס, 1869, ז׳ 26.

אין די יארן 1900—1905, זענען דאָרט געווען 3 מלמדים: א דרדקי מלמד, ר' משה'לי גאסטמאן; חומש־און גמרא־מלמדים וועלכע האבן אויך געלערנט שרייבן, ר' מיכאל פעדער און ר' מענדל מעסטינג.

איך געדענק, אז מיין זיידע, ר' אביגדור שעכטער ע"ה, א ייד א תלמיד חכם א ספרא רבא און דערצו אַן אינטעליגענטער אָרטאָדאָקסישער ייד, האט נאך מיט 60־70 יאר צוריק (אין די יארן 1895—1900) אַבאָנירט די „נייע פרייע פרעסע" (א ווינער טאג־צייטונג). יעדן אויף דער נאַכט, נאך מנחה



ר' יוחנן שרויב

ומעריב, האט ער דערציילט אין ביהמ"ד פאר דעם עולם די וועלט־נייעס און אלע בע"ב האבן געגאפט.

ס'וואָלט כדאי געווען נאך א פאר בע"ב צו באַשרייבן, איך וויל זיך אבער נישט צעשפרייטן. איך וויל בלויז דערמאנען ר' יוחנן שרויב ע"ה, באקאנט אונטערן נאמען ר' יוחנן בעל מגיה: א ייד א תלמיד חכם, און א גרויסער בעל־צדקה. ער האט געהאט בכבודיקע קינדער, ווי ר' איטשע לערער הי"ד אין ראדאמישלע, הירש שרויב אין תל־אביב און ישראל שרויב אין אמעריקע, וועלכער איז דאָרט אויך א כלל־טוער. די קינדער גייען טאקע אין די דרכים פון זייער פאָטער.

די ביידע באפעלקערונגען, די יידישע און די קריסטלעכע, האבן געלעבט בשלום און אין פריינדשאַפט. עס איז אפילו יארן לאַנג געווען א יידישער וויצע־בירגערמייסטער, ר' ישראל בינענשטאָק ע"ה און א פאר יידישע ראטמענער, ווי ר' יוסף באַער ע"ה, ר' חיים שפילמאן הי"ד, ר' יודל שרויב ע"ה, ר' יוסף גאסטווירט הי"ד, ר' לייביש דערשאוויץ, הי"ד ר' משה בינענשטאָק הי"ד און ר' סנדר ווייס הי"ד. — ווי גוט די באפעלקערונג האט צווישן זיך געלעבט, קאָן באווייזן אַן עפיזאד, וועלכער האט פאסירט אין יאר 1919. נאך דעם ערשטן וועלט־קריג זענען פארגעקומען אין א סך שטעט פאָגראָמען אויף יידן. אויך אין פשעצלעוו האבן זיך אין א געוויסן מארק־טאג פארזאמלט זייער א סך פויערים פון דער אומגעגנט, כדי צו ראבירן דאס יידישע פארמעגן א.א.וו. די יידן האבן זיך אבער נישט פארלוירן. אויף זייער אינטער־ווענץ זענען ארויסגעגאנגען די קריסטלעכע בירגער און צוזאמען מיט דער מיליץ האבן זיי זיך שטאַרק אקעגנגעשטעלט ממש מיט כוח פארטריבן די פאָגראָמטשיקעס, נישט צוגעלאָזט צו קיין פאגראם. עס איז באמת נישט צו פארשטיין, ווי אזוי די זעלבע פוילישע באפעלקערונג פון שטעטל, האט זיך אין היטלערס צייטן ימ"ש געקאָנט אזוי ענדערן צום שלעכטן.

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה האבן יידן אין פשעצלעוו זיך מפרנס געווען בעיקר פון האנדל. א חוץ דעם — א קליינע צאל בעלי־מלאכות: 1 שניידער, 2 בעקער, 2 קצבים, 2 גלעזער, 1 שוסטער. עטלעכע נגידים פון שטעטל זענען געווען וואלד־סוחרים. די עטלעכע אָרעמע לייט זענען מיט א ברייטער האנט אונטערשטיצט געוואָרן דורך צדקה.

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די יוגנט געווען אָרטאָדאָקסיש. זיי האבן געהאט א „חברה קנין ספרים" מיט א סך תלמודישע און רעליגיעזע ספרים, דאָרט זענען זיי געזעסן על התורה ועל העבודה.

נאך דעם וועלט־קריג איז שוין א טייל יוגנט געוואָרן וועלטלעכער און געגרינדעט א ציוניסטישן פאריין „עקיבא", וועלכער האט זיך כסדר פארגרעסערט. די יוגנט פלעגט דאָרט אָפט פארברענגען.



סאניע די שוועסטער פון מחבר אין איר מאן ר' ישראל אדלער

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט א באַדייטנדיקע צאל תושבים ארויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, ווו ס'האבן זיך שוין פריער געהאט באַזעצט זייערע קינדער.

ווי אויבן דערמאנט זענען געווען אין שטעטל עטלעכע תלמידי חכמים און צוויי פון זיי זענען סוף 20־קער יארן אויפגענומען געוואָרן פאר דיינים: 1) ר' יעקל קורץ הי"ד — איידעם פון ר' מנשה בלוט; דיין אין טארנע. 2) ר' גרשון גרינבוים הי"ד — דיין אין זשאַבנע. אין קריגסצייט — ווען די נאַצים ימ"ש האבן אומגעבראַכט דעם דאַמבראָווער רב — רב אין דאַמבראָווע.

בעת די נאַצישע רוצחים האבן באזעצט פשעצלעוו, האבן זיי די דאָרטיקע יידן (בערך 200 נפשות) צוזאמען מיט די יידן פון די שכנותדיקע שטעטלעך און דערפער, דעפּאָרטירט קיין ראדאמישלע. דערנאָך איז געקומען די מוראדיקע פארניכטונג פון אלע דאָרטיקע און צוגעקומענע יידן. מען האט די

יידן אויסגעשטעלט פאר אן אויסגעגראבענעם קבר — וועלכן זיי האבן געמוזט אליין אויסגראבן — און אויסגעשאָסן. בלויז א גאנץ קליינע טייל יידן פון שטעטל זענען לעבן געבליבן.

נאך דעם חורבן האב איך זיך דערוווּסט, אז מיין טאטע ר׳ חיים שפּילמאַן הי״ד, בעת ער איז שוין געשטאַנען אויפן ראַנד פון קבר, האט געבעטן דעם פּאַליציאַנט וואס האט געפירט די קדושים צו דער שחיטה, ער זאל אים דערלויבן צו זאגן ווידוי. דער פּאַליציאַנט, וועלכער איז געווען דעם



שרה נוסבאום
(די מומע פון מחבר)

טאטנס ע״ה א באַקאַנטער, האט געגעבן די הסכמה. נאכדעם ווי דער טאטע ע״ה האט אָפּגעזאָגט ווידוי, האט ער געמאָלדן דעם פּאַליציאַנט, אז איצט איז ער שוין גרייט. דער פּאַליציאַנט האט אים געגעבן א גנאָד־שאָס פון הינטן.

אזוי איז אומגעקומען דער דורות אלטער יידישער יישוב אין שטעטל פשעצלעוו.



יצחק שפּילפּאַגל
א תושב פון שטעטל און אן
אינהאבער פון א געשעפט.

אין די יאָרן 1880—1905 איז ביי אונדז געווען א שוחט ר׳ זיינוויל הכהן בירנבוים, א גוטער מוהל און בעל תפילה. ער איז געשטאָרבן אין ירושלים, ווי ער איז געווען א נשיא פון קופּת רמבה״נ.

„י ת ג ד ל ו י ת ק ד ש״

פון די צייטונגען

אין „נאָווי דזשעננ‏יק״ פון 12.5.1919 געפינען מיר א קאָרעספּאָנדענץ וועגן דער פּאָגראָם־שטימונג אין פשעצלעוו. „פשעצלעוו ביי מעליץ: אויך אין אונדזער שטעטל לעבט די יידישע באַפעלקערונג אין אַ כסדריקן פּחד.

די איבערפאַלן אויף יידן זענען אויפן טאָג־אָרדנונג. איבער די דערפער פון דער סביבה שלעפּן זיך אַרום באַוואָפנטע באַנדעס, וועלכע באַפאַלן די יידישע דירות און ראַבעווען דאס גאַנצע פאַרמעגן. די גרעסטע סכנה האט געדראָט אונדזער שטעטל, דעם 3־טן ד. ח. האבן נישט אויפגעדעקטע ביז־איצט אגיטאַטאָרן פאַרשפּרייט קלאַנגען צווישן די פויערים, אז פון 1־טן ביזן 5־טן ד. ח. מעג מען ראַבירן און שלאָגן יידן. זעלבפאַרשטענדלעך, אז דאס האט געמוזט אַרויסגעבן פּרוכטן. מיטוואָך דעם 7־טן ד. ח. זענען געקומען אין אונדזער שטעטל עטלעכע הונדערט פויערים, באַוואָפנט מיט העלצער, אייזערנע שטעקנס א.א.וו. נאָר אַ דאַנק דעם אַרויסטריט פון דער היגער זשאַנדאַרמעריע מיט די קאָמענדאַנטן בראש, איז געלונגען צו דערשטיקן אין אנהויב, די פויערים און דעם המון פאַנאַנדערצוטרייבן עס זאל נישט קומען צו קיין עקסצעסן. מען דאַרף אונטערשטרייכן, אז אייניקע איינוווינערס פון שטעטל האבן אויך פאַרטיידיקט די יידן. א באַזונדערן דאַנק האט זיך פאַרדינט דער ה׳ הענריק פּשטשאַלינסקי, וועלכער האט מיט זיין ענערגישער רעדע צו די פויערים אַ סך מיטגעווירקט, אז דער המון זאל זיך צעגיין.

אויפן וועג קיין פשעצלעוו האט דער פויערים־המון באַראַבעוועט די וווינונג פון ר׳ קלמן גראָס, אַ שענקער אין טושימא, דערביי שטאַרק צעשלאָגן דאס ווייב און די צוויי טעכטער. דאָס, וואס עס איז זיי נישט געלונגען מעטצוגעמען פון שטוב, האבן זיי רואינירט. די מעבל, ווי אויך די טירן און די פענצטער האבן זיי צעהאַקט מיט די העק.

צוריקוועגס, נאך דעם נישט געלונגענעם איבערפאַל, נקמה־נעמענדיק פאַר דער געפּטרטער צייט, זענען זיי אָפּגעטראָטן ביי מענדל פּרעקער (א בעל־עגלה, וואס וווינט הינטער דעם שטעטל, נעבן דער ווּיסלאָקע). פון אים האבן זיי אויך פאַרלאַנגט געלט. און ווען פּרעקער, וועלכן מ׳האט ביזן ביין באַראַבעוועט פאַרגאַנגענער וואָך, האט נישט געקאָנט באַפרידיקן זייער פאַרלאַנג, האט דער המון געכאַפּט דאס וועגעלע, אַריינגעוואָרפן אין דער ווּיסלאָקע און פּרעקערס ווייב שטאַרק צעשלאָגן.

א ידיעה פון 31.5.1929 וועגן דער שקל־אַקציע:

„די שקל־אַקציע — פשעצלעוו — 75 זל.״

צוויי נאָטיצן וועגן די וואַל־קאָמיסאָרן צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן אין די יאָרן 1927 און 1929:

אין יאָר 1927: „קאָמיסאָרן צו די קאָנגרעס־וואַלן זענען באַשטימט געוואָרן: ... פשעצלעוו — אינז׳ ווידערשפּאַן (דעמביץ);״

אין יאָר 1929: „פאַרטרויונג־מאַן צו די קאָנגרעס־וואַלן אין פשעצלעוו איז אהרן שפּילמאַן״.

דער שקלים־קאָנטינגענט פאַרן יאָר 1927 האט באַטראָפן: 30.

מ. א

חנה וואסערשטרום
תל־אביב

יהודים בכפר
יידן אין דאָרף

דאס דאָרף, אין וועלכן אונדזער משפחה האט געוווינט, האט געהייסן דולטשע (גרויס־דולטשע) און האט זיך געפונען אין א מרחק פון 3 ק"מ פון גרויס־ראדאמישלע. מיר זענען מיט דעם שטעטל געווען נישט ווינציקער פארבונדן ווי די איינוווינער פון שטעטל. דאָך איז ביי אונדז געווען א דאָרף און מיר זענען געווען דאָרפס־יידן; אזוי האבן מיר אויסגעזען אין די אויגן פון די שטאָט־לייט. פאר אונדז איז עס געווען אן איבערלעבעניש צו גיין אין שטאָט און דאָרט צו פארברענגען אין א געזעלשאַפט.

אין דולטשע האבן געוווינט 8, אדער 10 יידישע פאמיליעס, ד. ה., אז שבת איז קוים געווען א מנין. לויט ווי איך געדענק (פון דערציילונגען) האבן אמאל אין דאָרף געוווינט (מיט א 80־60 יאר צוריק) מער יידן, וועלכע האבן אויס־געוואַנדערט אין די ארומיקע שטעטלעך: דאָמראָווע, ראדאָ־מישלע, שטשוטשין און אפילו קיין טאָרנע.

פון די פאר פאמיליעס, וועלכע האבן באוווינט דאס דאָרף, האָט כמעט קיינער נישט געלעבט פון ערד־ארבעט (כאָטש ביי יעדן איינעם איז געווען א שטיקל ווירטשאַפט מיט א צווי־דריי מארג פעלד) אחוץ איינעם, וועלכער האט געהאט א פאלווארק (אברהם גרינצווייג; א פאָלוואַרק הייסט א גרעסערער שטח ערד, וואס דערגייט צו 50־30 מארג).

מיר אליין זענען געווען א משפחה פון 9 מענטשן (7 קינדער און די עלטערן). מיין פאטער איז געווען דער ערשטער פון אונדזער פאמיליע, וואס איז געבוירן געווארן אין דאָרף; דער זיידע, וועלכער איז געווען א קירזשנער, איז געקומען פון שטעטל ראדאמישלע, זיך באזעצט אין דאָרף. דער פאטער איז שוין געווען א וואַלד־אנגעשטעלטער און אין די שפעטערדיקע יארן האבן מיר אין דער היים געהאט א געשעפט פון „כל־בו" — פון מאנופאקטור ביז שפייז.

אנדערע איינוווינער האבן זיך אויך באשעפטיקט מיט קרעמעריי, איינער האט געהאט א קרעטשמע און איינער איז געווען א מלמד פאר קינדער פון פארשידענעם עלטער.

פרנסה איז כמעט געווען ביי אלע, כאָטש קיין איבריק פארמעגלעכע איז מען נישט געווען, אחוץ דעם פאָלוואַרק־באזיצער. עס האט נישט געהערשט קיין גרויסע ליבשאַפט צווישן די פאר יידישע משפחות, ס'האט זיך געלאזט פילן א סאָציאַלער אונטערשיד.

מיט א סך יארן צוריק זענען געווען דריי יידן באלעבאַטים פון דעם דולטשער גוט (אייזיק קויפמאן, אֶלטשע באַראָן און משה ראפאפאָרט). אין די צייטן פון פוילן האט מען דאס גוט פאַרצעלירט.

דאס לעבן פון א דאָרפס־ייד האט זיך נישט מיט קיין סך אונטערשיידט פונעם לעבן פון א יידן אין א קליין שטעטל. א גאנצע וואָך געהאָרעוועט, דאגות פרנסה — פונקט ווי ביי די אנדערע יידן פון נישט־פארמעגלעכן מיטלשטאַנד — און שבת זיך אויסגערוט פון דער גאנצער וואָך ארבעט; געגאנגען צום דאַוונען ווען עס איז געווען א מנין; ווען נישט — געדאוונט ביחידות אין שטוב מיט די זין און געפראַוועט דעם טראַדיציאָנעלן שבת, אזוי ווי עס איז אנגענומען געווען ביי יידן אין אונדזער קאנט: געמאַכט קידוש געגעסן די ספעציעלע פרייטיק־צונאכטס־מאכלים: פיש, לאָקשן מיט יויך, פלייש און צימעס; שבת איז געווען א טשאָלענט מיט א געפילטער קישקע און די אנדערע מאכלים. וועלכע זענען געווען טראדיציאָנעל ביי אונדזערע יידן אין מערב־גאליציע, אין טארנער קאנט.

דאס שבת־עסן אין דאָרף איז געווען, קאן זיין, רייכער ווי אין דער שטאט, אבער אויך נישט ביי אלע. בעיקר ביי די, וואס די פראָדוקטן זענען דאס רוב געווען אייגענע, פון דער אייגענער ווירטשאַפט.

דעם רעשט שבת האבן די עלטערן פארבראַכט ביי א קאַפּיטל תהילים און געכאַפּט א דרימל. די קינדער האבן שבת (אויב זיי זענען נישט געגאנגען אין שטאט) פארבראַכט מיט זייערע דאָרפישע יידישע חברים און חברטעס, געלייענט אַ צייטונג — יידישע, פוילישע — א פויליש ביכל גענומען אין דער דאָרפישער ביבליאָטעק.



די צווייטע פון רעכטס איז פון דער פאמיליע פייגענבאום. ווייטער — גרינצווייג, חיים פייט, ישראל פייגענבאום. דער לעצטער איז נפתלי שפאץ.

יום טוב פלעגט מען גיין אין שטאט דאוונען (בעיקר אין די ימים נוראים), ווייל מען האט געוואָלט הערן א גוטן חזן, א גוטן בעל־תפילה. פאמיליעס, וועלכע האבן געהאט קרובים אין שטאָט, פלעגן בלייבן אין איר איבער ראש־השנה, נישט גיין נאכן דאוונען אהיים, אין דאָרף אריין.

מיר, די קינדער, האבן באקומען א יידישע דערציונג. די יינגלעך זענען געגאנגען אין חדר צום דאָרפס־מלמד און ווען זיי זענען געוואָרן עלטער, האט מען זיי געשיקט אין שטאָט לערנען ביי גרעסערע מלמדים. דער עלטערער ברודער האט ווערנדיק 16־15 יאר געלערנט א גאַנצע וואָך אין שטעטל, נאר אויף שבת געקומען אהיים.

די מיידלעך האבן ביים זעלבן דאָרפס־מלמד געלערנט שרייבן, לייענען יידיש און דאוונען.

מיר האבן אויך באזוכט די פוילישע דאָרפישע שקאָלע אבער מיר האבן געהאט א קליינע שייכות צו איר. ווינציק, כמעט ווי בכלל נישט, זיך געחברט מיט די דאָרפישע קריסטלעכע מיידלעך און ייִנגלעך. נישט בלויז מיר, נאר אויך אונדזערע עלטערן האבן זיך מיט זיי ווינציק געחברט, כאָטש מיר האבן געהאט צווישן זיי ערלעכע, אויפריכטיקע און גוטע שכנים. אבער אין די צייטן פון די פּאָגראָמען האט מען ביי אונדז גוט מורא געהאט. און ווען עס האט זיך געשאַפן די „קולקא ראָלניטשע׳ (א קאאפעראַטיוו געשעפט פון די פויערים), האט מען גאַנץ גוט געפילט ביי אונדז דעם אנטיסעמיטיזם. ביי אונדז אין דאָרף האט געוווינט דער געוועזענער רייכסראַט-דעפּוטאַט, וואָלאַק, נישט קיין קליינער אנטיסעמיט.

ביי די פארשידענע וואַלן צום פוילישן פּארלאַמענט האבן מיר געוווּסט, אז מיר דארפן שטימען אויף דער יידישער רשימה, נישט אויף די פארשידענע פויערישע רשימות. ביים וויילן אין דער דאָרפס־געמיינדע האבן מיר נישט געקאנט האבן קיין יידישע רשימה, ווייל מיר זענען געווען קליין אין דער צאָל. עס געדענקט זיך עפּעס נישט, אז עס זאל געווילט ווערן א ייד אין דאָרפס־ראַט, אָדער פאר אַ וואיט.

די נאענטיקייט פון דעם שטעטל האט געווירקט, אז מיר זענען אויך באגייסטערט געווארן פון די פארשידענע נאציאָנאלע שטרעבונגען, פון דער נאציאנאלער אויפוואַכונג. אזוי האט מען ביי אונדז געזאמלט געלט פאר קרן קיימת לישראל און אין אָנהייב צוואנציקער יארן (1924) זענען אפאר פון אונדזערע דאָרפישע געווען פארשריבן אין החלוץ. אונדזער דאָרפישער תושב וואָלף גרינבערגער (א געקומענער פון רוסיש־סיבירישער געפאנגענשאַפט) איז געווען א שטיקל אינסטרוקטאָר ביי גערטנעריי, וואס מיר האבן געלערנט אין דאָרף.

פארשריבן דורך: מ. א.

מספר היהודים בסביבתנו
די צאָל יידן אין אונדזער געגנט

אין דעם „שווארצן בוך" ארויסגעגבן פון „יד ושם" אין יאר 1965, יואס נעמט ארום די אלע ערטער, פון וועלכע די יידן זענען געווארן אויסגעזידלט און אומגעבראכט פון דער נאַצי־שער חיה ימ"ש, געפינען מיר ידיעות וועגן דער צאל פון די יידישע נפשות (לויט דער ציילונג פון יאָר 1921) אין אונדזער שטעטל און איר סביבה.

אזוי האט געציילט:

גרויס ראדאמישלע	—	1422	יידישע נפשות
איזביסק	—	18	" "
באָראָווע — ביי פילזנע	—	15	" "
באָראָווע — ביי מעליץ	—	186	" "
ברען	—	9	" "
גאָלעשעוו	—	30	" "
דאָמביע	—	11	" "
דאָמברווקע	—	17	" "
גרויס דולטשע	—	44	" "
קליין דולטשע	—	37	" "
וואדאוויץ גורנע	—	8	" "
וואדאָוויץ דאָלנע	—	23	" "
וואַלע וואדאווסקע	—	61	" "
וואמפּיעזשעוו	—	101	" "
ווולקא דולעצקא	—	16	" "
ווילעוו	—	7	" "
זאסעוו	—	61	" "
זשארוויקע	—	54	" "
זשורעץ	—	23	" "
זשעמפּניעוו	—	14	" "
טשארנע	—	65	" "
טשערמין	—	44	" "
טטשיאנע	—	28	" "
יאמעס	—	3	" "
יאנאוויץ	—	38	" "
ניי יאשטשאמבקע	—	14	יידישע נפשות
אלט יאשטשאמבקע	—	97	" "
לאנטשיק	—	8	" "
מאליץ	—	31	" "
מאקרע	—	11	" "
נאגאשין	—	59	" "
פאדלעשיע	—	10	" "
פאדאלע	—	20	" "
פאדבאזשע	—	8	" "
פארטין	—	1	" "
פיאנטקאוויץ	—	9	" "
פשעצלעוו	—	158	" "
קאוועגטשין	—	9	" "
קיעלקעוו	—	11	" "
ראדאגאשטש	—	188	" "
רידע	—	28	" "
רידזעוו	—	54	" "
ריזשע	—	72	" "

מען דארף נאך צוגעבן אז דער ארענדאטאר פון פארטינער הויף איז געווען ביז דער מלחמה אויסברוך פון 1939, א ייד. אויך אין זגירסק איז דער ארענדאטאר געווען א ייד, ר׳ אידל איסלער, א מיטגליד פון דער איסלער משפחה, וועלכע האבן ארענדירט גיטער און אונדזערע קאנטן. זיין ברודער שמואל איז געווען א לענגערע צייט דער ארענדאטאר פון גוט אין יאשטשאמבקע, ווו דער בעל הבית איז געווען דער חסידישער ייד. ווייגבערג.

לאמיר דערמאנען מיט יראת הכבוד אט די אלע יידישע איינוווינער פון די דערפער, ווו זיי האבן געוווינט אין גרעסערע צי אין קלענערע קיבוצים, געפירט זיך יידיש, דערצויגן די קינדער אין יידישקייט און אומגעקומען אויף קידוש השם. בלויז א קליינע צאל פון זיי האט זיך געראטעוועט און זיי געפינען זיך צווישן אונדז אין לאנד, אדער אין אויסלאנד.

מלחמת הקיום
קאַמף פארן לעבן

יוחנן אמסטרדם
מושב בן־עמי

כיצד ניצלנו

הייתי בן 18 ביום שפרצה המלחמה בין גרמניה לפולין: באותו זמן הוטל עלי לנהל את חוותו של סבי אליעזר אמסטרדם ז״ל, שנפטר בערב־פסח אותה שנה. נאלצתי לחזור מקרקוב, לעזוב את התנועה „עקיבא״ ולקבל על עצמי אחריות של ניהול חווה בת אלף דונמים אדמה, בעלי־חיים ועובדים לרוב.

שותף לירושה זאת היה דודי חיים טאפל מרדומישל. כל יום היה בא לחווה וחוזר לפנות ערב הביתה. לפעמים היה נשאר ללון. באותו בין הערביים הודיע לי השכן של החווה על פרוץ המלחמה. ידענו שזה לא טוב בעבורנו, אך לא ידענו עד כמה זה אסון בשבילנו. כל החשק והעניין לעבודה הלכו ונתדרדרו. אחרי ימים מספר שמענו יריות מקרוב, אווירונים חולפים בטיסה ועושים שמות והצבא הפולני אין לו כוח התנגדות: פליטים בהמוניהם זורמים מזרחה; גם אחי שאיע ז״ל, אשתו שושנה ושני בניו, אלי בן השנתיים ומנחם, תינוק בן מיספר חדשים הגיעו מקרקוב ברגל.

למחרת בואו, זה היה יום ששי, אחזה גם בנו בהלת־בריחה. רתמנו שני צמדי סוסים לשתי עגלות מורכבות סולמות להובלת חציר, עמסנו מיספוא לסוסים, כדי ימים מיספר וכל מיני מזונות בעבורנו, חברה מהסביבה הניחו גם אופניים על עגלה, ובלי הרבה הכנות התכוננו לבריחה. אבא ז״ל, אחותי מינדל, ניסן ואברהם ז״ל ועוד, וגם אני ביניהם. אך אמי ז״ל, אחי שאיע, אשתו ושני ילדיו, וגם אחיותי הצעירות סירבו לברוח. נפרדנו במהירות ובבהלה, הצלפנו בסוסים והדהרנום היישר לרדומישל, כיברת דרך של 11 ק״מ. כעבור שעה הגענו לרדומישל, עד לבית הספר, מבלי אפשרות להתקדם. הצבא הפולני נסוג בבהלה ובחיפזון כשארטילריה גרמנית רודפת אחריו.

הגענו למסקנה שאין לאן לברוח והחלטנו לחזור הביתה. אחי אברהם ועוד מיספר צעירים ניסו מזלם להתקדם מזרחה באופניים דרך שדות ובדרכים צדדיות. שבנו באין ברירה הביתה, מרוצים שהתחברנו עם יתר בני־המשפחה. כל החצר, השדות וגן הפירות מלאים פליטים. לפנות ערב חזר גם אחי אברהם הביתה ואמר שהגרמנים הגיעו לפניו למיאליץ. אנו מוקפים ואין מה לעשות.

באותו זמן שמענו וראינו היטב צבא גרמני נע בדרך הראשית — רדומישל־שצ׳וצ׳ין. — לכיוון היעד — רדומישל. גם בדרכים צדדיות הופיעו פטרולים. אך הם לא נגעו באף אחד. הם ראו פליטים מיסכנים בכל מקום. כנראה היו רגילים לזה והתאקלמו מזרחה. בקיצור — אנו נשארנו בבית והגרמנים התקדמו.

היהודי החקלאי תחת השלטון הגרמני.

ניהלנו את המשק החקלאי כקודם ומסרנו את ההקצבות (קונטיגנט), לפי פקודת ראש הכפר, כמות מסויימת של חיטה, שיפון, פרות, עגלים, חלב וכו׳.

כן היינו צריכים לקנות תבואה בשוק שחור ולספק את המיכסה במילואה. וכך ניהלנו את המשק וישבנו בבית. בקיץ, בשנת 1941, התחילו הגרמנים מחסלים את המשקים היהודיים בסביבה ומעבירים אותם לגיטו. חיינו בפחד מתמיד. הרע התחיל מהאיזור מיאליץ, והמשק שלנו היה באיזור דומברובה, שעדיין לא נגעו בסילוקם של הכפראים. והמשק שאני ניהלתי באיזור מיאַליץ עברו מזמן לאוקראיני אחד (מדובר במשקו של סבא, אליעזר אמסטרדם).

בחודש יולי 1941, קיבלו הכפראים השייכים למיאַליץ פקודה: כל יהודי חייב לעזוב מיד את הכפר ולהיפקד ברדומישל אצל הגסטפו. הקרבנות הראשונים היו כבר בזמן ההעברה הפתאומית. כעבור שבוע בערך, בדיוק בתחילת הקציר הופיעו פתאום במרכבה רתומה לצמד סוסים אצילים יארוש, ראש האזור דולצ׳א ושני גרמנים אתו. כרגיל ההורים הסתתרו בהתחלה, ויתר בני הבית כל אחד בעיסוקו. הפקודה הראשונה היתה להתאסף. כאשר התאספנו, קיבלנו את הפקודה השניה: לעזוב במשך 24 שעות את המשק, מותר לנו לקחת כל החפצים, רק לא רכוש חי של המשק. אחרי סיור בגן הפרי, אמר יארוש, אם הפרי יישמר בשלימותו עד מחר נקבל פרס, והפרס יהיה סוס אחד שנוכל עוד לנדוד קצת. אחרי הסיור נכנסו הביתה וביקשו למסור להם את כל דברי הכסף, הזהב והתכשיטים של המשפחה, ופה דיברו שני הגרמנים בתקיפות יתרה. אמי ז״ל, אספה את כל מה שהיה ומסרה להם. הם לקחו כל הצרור והסתלקו. הפניקה התחילה אחרי שעזבו. הגויים התאספו אחד לעזור, השני לגנוב וכו׳. רתמנו מיד סוסים לעגלות והתחלנו מעמיסים חפצים, וכך במשך 24 שעות רבתה הפניקה והשאלה היתה לאן ללכת? וכמובן, בחרנו את המקום ראדואַן, לאחי אברהם שהתחתן, באחוזתו של שטראוס, ובמרחק כ־7 ק״מ. אני, אחי ניסן ואחותי מינדל שכרנו זמנית חדר אצל גוי באותו הכפר מאלעץ.

בחודש מאי 1942, קיבלנו פקודה מהאיכר אצלו גרנו לעזוב מיד את החדר, מכיוון שהוא הוזמן לראש הכפר ושם נאמר לו שאם לא יסלק אותנו, יחסלו אותו הגרמנים. כמובן, שמיד עזבנו את המקום ובלילה הלכנו לראדואן ושם התייצבנו לעבודה באחת מהאחוזות של דוברובולסקי. עבדתי אצלו כחודש ימים יחד עם מיספר יהודים מהסביבה. אחרי חודש הרגשתי שאין תכלית בעבודה זו, החלטתי לעזוב את המקום. חזרתי

למאלעץ, התקשרתי עם איז'יק והוא שיעץ לי לצאת ליערות. הבטיח להשיג לי נשק וכל עזרה שאצטרך, ישתדל לעזור לי ורק שלא אלך כצאן לטבח. גוי זה נתן לי באותו הזמן מין זריקת ביטחון. במשך שבועיים הייתי מסתתר אצל איכרים שבעצמם לא ידעו על קיומי אצלם, רק בלילה יצאתי להכין מזון ולהעביר לראדואן. לעתים קרובות נפגשתי עם איז'יק ובאחת הפגישות מסר לי רובה וכ־200 כדורים. זה היה הרגשה של ביטחון וכוח. אנשי הסביבה ראו אותי לא פעם לעבור עם איז'יק ואז כנראה הלשינו עלינו לגרמנים.

הרגשתי שעוקבים אחרי, הייתי זהיר מאוד. הגויים לא העזו להתקרב אלי, כי שמעו שהתיידדתי עם איז'יק, אז נפל הפחד עליהם. וכך סיפקתי להורים מזון רב בלילות. באחד הימים, בחודש יוני 1942, יצאו אחותי דובה וגיסתי שושנה לכפר מאלעץ אל גוי שגרנו אצלו כדי לטחון קצת דגן, קמח ללחם. הן הלכו דרך שדות ובכל זאת הלשינו עליהם לגסטפו. באותו ערב הוצאו מבית זה שעה שעמדו וסבבו את אבן הריחיים, נורו למוות ונקברו ביער ע"י הבית. חדשים אחרי אסון ראשון ונורא זה, נלקח בעל הבית ע"י הגרמנים ולא חזר כבר. המלשין קיבל דין מוות ונורה על ידי איז'יק. באותו יום הלכתי לרדואן ולא נפגשתי איתן בדרך, אחרת הייתי מזהיר אותן.

מיום רצח אחותי דובה בת 16 ז"ל וגיסתי שושנה, נהפכתי לאיש מסוכן וזאת ידעו הגויים שבסביבה. ידעו שאני מזויין היטב וארביץ כדור בכל חשוד בעיני. השתדלו לא להיפגש אתי ולא לראותני, רק בלילות יצאתי להיפגש עם חבר'ה שברדואן שעדיין עבדו אצל דוברובולסקי.

וכך זה נמשך עד תשעה באב, עד האקציה הראשונה שבדומברובה־טרנובסקה וכל הסביבה היתה „יודן־פריי".

אחותי מינדל, שושנה לזר וילד של אחי שאיע, הסתתרו בתעלה עד הערב וחזרנו למתבן מלא קש של הדומברובולסקים, ואח"כ לשדות וכל יום היינו במקום אחר. בלילות התקשרתי עם אנשים שהיו מוסתרים אצל איכרים בסביבה ואירגנתי את האנשים ללכת להסתתר ביערות של דולצ'ה הקטנה.

ביערות דולצ'יה

ערב ראש־השנה 1942 הסתתרנו במתבן ארוך, מרוחק כ־200 מטר מבנייני האחוזה של הדוברובולסקים שברדואן. המתבן היה כמעט ריק. רק בחלק קטן היה בו קש שבו חפרנו בגופינו חורים ליד הקירות כדי שיהיה לנו אוויר לנשום וגם שנוכל לראות דרך הסדקים מה מתרחש בחוץ. היינו חמישיה: אחותי נחמה (מינדל) וילד בן שנתיים וחצי, מעניעק, הוא בן־אחי שאיע שנלקח לעבודות יחד עם אחי הצעיר ממני ניסן, ועקבותיהם נעלמו; שושנה לזר ורחל בת השוחט, מהפליטים מדומברובה. ההורים שלי היו בגיטו דומברובה. אחי אברהם, אשתו רחל, התינוק וחותנתו הסתתרו אצל איכר אחד. כל הסביבה שגרו בה כ־30 משפחות יהודיות היתה „יודן־פריי". פה ושם מצאו אחדים מחסה זמני אצל גוי, איכר, שעלה לנו כסף רב. כל הזמן חיו שני הצדדים בפחד: האכר מסכן את עצמו פן יראה מישהו וילשין עליו, והנרדף, מאזילת הכסף — והאכר יגמור אותו בעצמו; וככה ישבנו ושכבנו בתוך הקש כעכברים בשתיקה גמורה, כל רעש ורשרוש, כל קול של דיבור ששמענו בסביבה, חשבנו, הנה הלשינו, הנה בוודאי ראה אותנו מישהו, והנה מוציאים אותנו. עצרנו את נשימותינו. הילד היה ישן מעייפות ומחולשה שהיינו נודדים בלילות ממקום למקום יותר מלילה אחד לא נשארנו במקום אחד.

אמי, אבי ואחותי הצעירה ביותר גניה היו בגיטו דומברובה. האח הגדול מנחם ושני ילדיו, צבי וחוה, היו גם הם בגיטו דומברובה; דאגתי כל הזמן לגורלם, ידעתי, שיסתלקו לפני הסכנה, ולאמי דאגתי יותר, כי לא יכלה ללכת מחמת פצע ברגל. המחשבות היו הורסות אותי, וככה התקרב הערב. השמש התחילה יורדת מערבה. עם ירידת השמש פחתה סכנתנו באותו יום. השאלה היתה לאן הערב? מחשבותי תעו ותרו לכל מיני מקומות ולהתייעץ לא היה עם מי, כל העומס היה מוטל עלי. להסתובב בין הכפרים והשדות, ידעתי שזה מסוכן מאוד. להתמסר לאיכר, לא נתתי בו כל אימון. הדרך היחידה שעמדה לפני היתה ללכת ליערות שהיו מוכרים לי ככף־ידי, שהסתובבתי בהם מנעורי. על־יד העיר היה לי ידיד שהיה המקשר לכל צרה שלא תבוא וגם סיפק מזון בשעת הצורך. חשבתי, אין ברירה, הערב שיגיע ונחיה, נקום ונזוז ליערות שעל ידם נולדתי ועל־ידו משקי, שבו אני מכיר כל שביל וכל עץ. ובסוף אשמע את עצתו של איז'יק. כן, הוא אמר לי בשעה שמכר לי את הרובה, קח את הנשק והכדורים ותגן על עצמך ועל משפחתך. אני אעזור לך במה שאוכל ואל תלך כצאן לטבח. מלים אלו נחרתו במוחי ובמחשבותי ונתתי בו אימון שהוא צודק. שודד הוא, אבל מבין אותי בשעת צרה.

החברה התחילה זזה בתוך הקש, בסביבה היה שקט, התחלנו מתייעצים. כל אחד מביע את דעתו. אחותי ושושנה היו בדעתי, ורחל פחדה מאוד מהמלה יער, התחרטה שלא הלכה עם אביה לגיטו. פתאום, שקט, ש־ש־א, משהו שורק. כולנו בפחד מוות, שומעים דיבורים... הבחנתי שאלה היו בני־המקום. דרך הסדקים ראיתי שעוברים שני צעירים במרחק־מה מהמקום. המתח עבר, השמש יורדת, מתרגשים לקראת היציאה לדרך. תיכננתי תוכנית הדרך, שאורכה כ־8 ק"מ דרך הכפרים, ועלינו היה למנוע נביחת כלב ולעבור בשקט מקסימלי. עוד שני ק"מ דרך אבל בטוח.

השמש שוקעת. אמרתי לאחותי, שבחשכה עליה לגשת לגב' דוברובולסקה ולבקש לחם כמה שאפשר, חלב, חמאה ומזון אחר, שתכין בשני שקים, ואני אבוא לקחת. נחמה מקבלת את הפקודה ומתכוננת לצאת. אמרתי לה: נצא כולנו למעלה, שושנה תחזיק את הילד ואני אלווה אותך. שושנה הסכימה, רחל פחדה נורא להישאר. נחמה עוטפת את מטפחת הראש ואני לוקח את נשקי ומתקן את חגור־הכדורים, ו„מתחלקים" מהקש. שקט מסביב... מתקדמים לעבר הבנין. אני נשאר ליד העץ שגזעו מסתיר אותי, ונחמה מתקדמת לעבר החלון. אחרי 10 דקות בערך, חוזרת ומוסרת שהכל בסדר. היא תכין ובעצמה תביא את זאת לעץ. כמה זמן? שאלתי. אמרה: מיד. נבהלה מאוד כשראתה אותי, טוב שהמשרתים היו ברפת. הבטיחה לעשות במהירות. האם יודעת היא את גורל הגיטו? לא שאלתי, אומרת נחמה. היא תבוא לכאן ותשאל אותה. אנו עומדים ליד העץ כעל מחטים. נחמה! תלכי לילד כי הם מפחדים ואני אחכה. משפחת הדוברובולסקים היו אנשים עשירים שעזרו לשכנים היהודים בזמן צרתם, והיו שכנים של משפחת זיואלד, שהיה להם משק יפה ופרנסתם היתה בכבוד. משפחת בירנבאום, פליטים מקרקוב גרו אצלם עד לפני שבוע, עד לתקופת ה„יודען־פריי". משפחת בירנבאום, האבער, לזר והירש וחיתנתו שרה קראוס של אחרי אברהם שנשא ברדוואן את רחל

קראוס לאשה גרו ברדואן במשקם עד ל„יודען פריי". משפחות אלה היו פליטים מקרקוב. והנה היא הולכת, אני יוצא מאחורי העץ שתראה איתי. מתקרבת כ־10 מטרים מהעץ, משאירה את השק ומסתלקת. רציתי לעצור אותה אבל לא יכולתי. לקחתי את השק וראיתי שחסר לפי ההזמנה. הבנתי שהיא תשוב. אחרי מיספר רגעים היא חוזרת עם שק שני, והחלפתי אתה מיספר מלים. כשראתה את נשקי הארוך, הבינה שזה לא צחוק, כי הייתי הראשון שהלכתי מזויין. שאלתי אותה על יתר היהודים, והיא אמרה שאבוא בעוד שבוע. במקרה של משהו היא תמסור לי אינפורמציה. אמרתי לה שאנחנו הולכים מפה ושושנה (רוזיא) אתי, במקרה שאמא שלה תבוא למסור לה שתחכה לבואנו לקחתה. נטלתי את שני השקים ונפרדתי ממנה בלבביות. התקדמתי באפילה לכיוון הגורן. בהגיעי הטרידו אותי בשאלות מרובות. הוצאתי מהשק בקבוק חלב ולחם וסעדנו לבנו כדי להחליף כוח לדרך. הבקבוק עבר מיד ליד, כל אחד לגימה. סעדנו, קושרים את הצידה לדרך. אחותי לוקחת את הילד, אני שק אחד, שושנה את השק השני ורחל — מיטלטלים אחרים. זהו ערב!... הלילה הראשון של ראש־השנה... שבבתי הכנסת מתפללים ובוכים ומבקשים רחמים משמים. מבקשים לפחות גזר־דין קל... נקרעים לבבות, נשמעים קולות של יתומים להוריהם שהלכו על קידוש השם... נשמעים קולות הורים לילדיהם הפעוטים שאינם יודעים את גורלם... מחשבות ותמונות עוברות במוחנו. ועומדים כולנו בשקט־דום אף אחד אינו פולט הגה מפיו. כל אחד באותה המחשבה: מה יהיה גורלנו בשנה הבאה?... אני פותח את הדממה ואומר: מתחילים תקופה חדשה, שנה חדשה, חיים חדשים, נילחם כדי לחיות, נילחם כדי לא להישבר, נחיה בתקווה שנישאר בחיים ונזכה עוד לימים טובים... כולם היו עונים בלחש „אמן"!... סיימתי את תפילתי „בשנה טובה" ובקידוש שהכינו, התנשקתי עם כל אחד, וברכתי האחרונה — בשנה הבאה בירושלים!... וצעדנו קדימה לעבר יערות דולצ'ה.

בצעדים הראשונים התחלתי מתפלל את תפילת הדרך, אומר מזמורי תהילים, תפילות של ראש השנה. הרגשתי היתה שתפילתי עולה מעלה ישר עד כסא הכבוד. על כלום לא חשבתי ברגע זה; כך הלכנו בין השדות בשורה עורפית, אחד אחרי השני ורובי היה דרוך, השק עם המזון היה קשור עם כתפיות כבל לגב, ובידי רק פנס חשמלי ונשקי. כולי הייתי שקוע בתפילתי. ברגעים אלה חשבתי, כמה טוב להיות מאמין וכמה טוב לדבר על כוח עליון וכמה הוא יכול להגן עלינו, ונתונים אנחנו בידיו ולחסדו בלבד. ככה עוברים אנו חלקות זרועות תבואות חורף, שדות תפודים. נירים, שדות חרושים, ומתקדמים לכיוון התקוה... האורות של הבתים המפוזרים בסביבה נראים ככוכבי לכת. לא פעם העמידה אותי שושנה, שהלכה אחרי, במילים: „תראה, אור זה הולך", „מישהו בא, הסתכל היטב!". נכון„ אמרתי, זה אור של ביקתה שפנס תלוי על הקיר. הסתכלי, אמרתי, אנו עומדים, האור עומד. אנו הולכים, האור גם ילך, זה נדמה לך? ושוב הולכים ומתקרבים לנהר אחד, עוברים אותו בהצלחה ופונים צפונה כדי להתרחק שוב מהישוב, הכפר מאלעץ ועוד כברת דרך, כ־3 ק"מ עד העצים הראשונים שיקבלו את פנינו. עשינו כרבע שעה מנוחה ליד גוש שיחים בשדה רחב של חציר־בר. מצב־הרוח היה קל יותר. הרגשנו איזה שהוא חופש של צפור נודדת. הרגשתי שנשקי הוא דבר עצום להגנתי ולהגנת קבוצתי. נשק זה אוצר, אבל להשיג אותו? קמנו והולכים הלאה. הילד ישן שינה מתוקה על גבה של נחמה אחותי, הוא קשור במטפחת כפרית גדולה, לגבה. רחל נאנחת מעייפות ושושנה מתקנת את הכתפיות של השק מדי פעם שלוחצים את כתפיה הרכות. ופתאום, רישרוש פרפר. נבהלנו כולנו, רחל פתחה בצעקה: אוי!" שקט! השתגעת! צעקתי בלחש, אלה חוגלות. עוד צעקה כזאת ואנחנו אבודים. המסכנה ביקשה סליחה והמשכנו בדרך. והנה, אלף המטרים האחרונים צריכים להיות זהירים מאוד. כי דווקא הביקתות ע"י היער הן תמיד בהשגחת המשטרה ומדי פעם המשטרה עושה אמבושים נגד איז'יק ו־לסוטא — שני הגנסטרים המסוכנים בסביבה. אנו עוברים במרחק־מה של שורת בתים. דורכים ממש על קצה־האצבעות כדי שכלב לא ירגיש בנו, עוברים בהצלחה ובשקט, החומה הכהה נראית מתקרבת אלינו. שושנה שואלת: זהו היער? כן, אבל לא לדבר עכשיו. חושך ואפילה בסביבה, רק אורות חלשים מפנסי נפט נראים בביקתות ע"י היער. קירקור התרנגולים מדי פעם נשמע כאילו מרגישים אותנו. חוצים את השדה האחרון והנה אנחנו בתוך היער החיצוני. נעמדנו כ־100 מטר בפנים ונחנו. ע"י היער ממש מולנו גר הידיד שלנו, שגרנו אצלו כחודשיים. ממנו, מהביקתה שלו, הוצאו שתי הקדושות הראשונות בסביבה הזאת, אחותי דובה ואמו של הילד מעניעק, שעה שיצאו מהגיטו להכין קצת קמח ללחם; אחד הלשין והרוצח הסדיסטי גוסטעק ימח שמו, בא אחריהן והוציאן סמוך ליער, ירה בהן והן צנחו ארצה. אחותי בת ה־16, פרח המשפחה וגיסתי רוזיא. והנה, אנחנו עומדים על־יד קברם בין העצים והילד התעורר משנתו ושוב מתחיל בשאלות: „אמא", „אבא", אלי... השתתק גם בלי תשובה, לא היה מי שיענה לו... נו, צריכים להמשיך הלאה.

אחותי, נחמה, פונה אלי, שכדאי למסור לקאזיעק, זהו הגוי, הידיד שלנו, שאנו נמצאים צפונית מגיבעת האגוזים. שמחר לפי הסימן יתקרב וישרוק לפי הסיסמה. טוב, אני אקפוץ אליו. מתקרב לחלון ודפקתי בשקט בחלון צפוני שעל־יד מטתו. הוא הכירני מיד ויצא החוצה. מסרתי לו מיספר מלים וביקשתי ממנו להודיע לנו על גורל גיטו דומברובה ושיחכה לבואם של אבא, גניה ומנחם ושני ילדיו צבי וחוה, והסתלקתי חזרה לקבוצתי, והולכים שוב, אל תוך היער למקום שבחרתי בו בביקורי האחרון והמיוחד למטרה זו. עוברים חלקה 17 והנה עוברים את הדרך הראשית בתוך היער ומתקדמים לג'ונגל, נכנסים לעומק כ־100 מטר פנימה בעזרת פנס הכיס והחלטתי לנוח במקום זה עד הבוקר. ובבוקר נמשיך. הורדנו את השקים, הוצאנו את השמיכות ושכבנו לנוח. נרדמנו ברדימה בטוחה. ההרגשה בבוקר היתה טובה, התעוררנו עם שחר. כמה יפה הטבע. צפור חופשית היתה פוצחת בשירה לאל, קופצת מענף לענף, כאילו מקבלת אותנו בשמחה ובשירה. שקט שורר מסביב רק המנגינה הטבעית נותנת קולה המהולל.

קבוצתו של ש. זינגר

אחרי שבועיים בערך, כשהתרגלנו לחיים השקטים ביער, התחלנו קושרים קשרים עם איכרים אחדים שעל־יד היער, שנראו לי שהם לא ילשינו ואותם אוכל לנצל למטרות מודיעין. באחד הערבים של סוף מרחשון 1942, יצאתי יחד עם רוזיא לזר לאחד המשקים שגבלו עם היער. התקרבנו לגדר של המשק וחכינו קצת והקשבנו למתרחש מסביב. שקט שרר מסביב, רק הפרות געו, כנראה, שלפני החליבה. עמדנו מול החלון וראינו איך הוא מדליק את פנס הרוח. הבנתי שמתכונן

לצאת החוצה לחלוב את הפרות. הדליק את הפנס, התיישב ליד השולחן, סובב לו סיגריה והדליקה מהשלהבת של הפנס. והדלת נפתחת, והולך לו לכיוון הרפת. באותו רגע נתתי שריקה קלה ונעמד מופתע. קראתי לו בשמו. הוא שואל: מי זה? עניתי: אחד מהיער. מפחד או מרצון נאלץ להתקרב. הכיר אותי, ודיברנו בחופשיות. המלה הראשונה שלו היתה: גם אתה פה? אתה חי?

ביקשנו ממנו לצאת מתחום חצרו והתרחקנו כ־50 מטר ליער. ישבנו ושוחחנו כ־10 דקות, אז הוא הודיע לי שכ־שלושים יהודים חיים קרוב למשקו, במרחק פחות מק״מ אחד, ואפילו באור היום באים אליו ואינו יודע מה לעשות איתם. הוא פוחד מאוד שילשינו עליו, ומתוך רחמנות הוא מוכרח למכור להם. הוא הסביר לי בדיוק באיזה מקום הם גרים והבטחתי לו שאבקר אצלם. הוא ביקש להזהירם שלא יבואו לאור היום, כי כולנו נהיה בסכנה. נשבע, שאשתו אופה כל יום לחם, ורק לפני כשעה היו 4 חברה זינגרים ועוד מישהו ולקחו כל הלחם. ביקש מאתנו לקחת קצת ורצה להביא לנו 2 בקבוקי חלב. אין צורך, אמרתי לו, קיבלתי היום חלב וגם לחם. לא רציתי להקשות עליו, ונפרדנו. רק אמרתי לו, במקרה שישמע משהו שמסכן את חיינו שיודיע לקבוצה של זינגרים. בטח, בטח, אומר האיש, הם באים מיספר פעמים ביום. הסתלקתי מהמקום בעובי־היער. חזרנו לסוכה שלנו והיתר שנשארו ישנו שינה מתוקה ובטוחה. זה היה די עמוק ובתוך סבך של עצים שלא קל היה להגיע למקום זה. נשכבנו גם אנו אבל לא יכולנו להירדם. מחשבותי היו מלאות דאגות מהידיעה של הגוי, כי הקבוצה של זינגר מסתובבת ביום וזה עלול לגרום לנו לאסונות.

למחרת השכמתי־קום. לא הבחנתי בשום חשד של הבוקר, פה ושם שמענו טירטור עגלות ועוד עבודות רגילות של יומיומיים כבתוך היער. עם עליית השמש ערכנו מדורה קטנה, חיממנו אוכל או בישלנו ליום־יומיים. הבערת מדורה היתה אפשרית רק בצהרי יום, לפי מזג האויר ובהתחשב עם ירידת הטל. העשן ש„התיישב״ לפנות ערב מעל לעצים עלול היה להיות מלשין מספר 1. אחרי ארוחת הבוקר, העברתי את היתר מקבוצתי למקום מוסווה. פיקדתי עליהם להתנהג בדממה מקסימלית ובעוד כשעה אחזור. במרחק כ־1500 מטר מאתנו היתה הקבוצה של זינגר. בזהירות עברתי כל הדרכים והשבילים והתקרבתי עד לבונקרים שלהם, ואף אחד מהם לא הרגיש בי. עוד במרחק־מה מהמחנה שלהם הרגשתי ושמעתי אותם בבירור. בכלל לא נזהרו משום דבר. הגישה למחנה לא היתה נוחה. הצד ההיגייני היה נורא. ראיתי שאין פה איש שידריך את הקבוצה איך עליהם להתנהג בתנאים כאלה ואיך לשמור על מינימום של נקיון.

התקרבתי עד למדורה שאפשר היה לראותה ממרחק די גדול. קבוצה אחת שישבה על־יד המדורה נבהלה, כי התקרבתי במפתיע ובשקט. במרחק מה היתה מדורה שניה, ומיד כל הקבוצה היתה על הרגליים עם שאיע זינגר בראש. וכרגיל רצו לשמוע כמה אנשים אתי ומי אתי ואיפה אנו. הכול שביכולתי השתדלתי לעשות, הדרכתי והזהרתי אותם, אבל לגלות את מקום מחבואי, זה לא. אחרי דקות אחדות, קמתי וביקשתי משאיע זינגר שיבוא אתי הצידה, כי במקום כזה אסור להתאסף. יעצתי לו שיפזר את הקבוצה לקבוצות קטנות יותר. התרחקנו למרחק־מה מעיני אנשי הקבוצה, והתישבנו, והחלפנו דעות. היה לו נשק, כיוון שהיה חיל בצבא הפולני והיה לו מושג איך להתגונן בשעת צרה. אבל ראיתי שאין לו מושג איך להתנהג ולהשתלט על קבוצת אנשים, ילדים ונשים שאין להן מושג איך להתנהג ביער. למשל, שביל טוב היה מוביל מקצה היער עד למחנה שלהם, וזה היה עלול בנקל לגלותם. מרחוק שמענו שבירת ענפים יבשים המשמיעים רשרוש, בשביל מדורות, ועוד כהנה וכהנה. אמרתי, תראה שאיע, בצורה כזאת לא תאריכו ימים. קודם כל הנך חייב ללמוד וללמד את עשרת הדברות של החיים בתנאים כאלה:

1) אתה חייב מיד לעבור לעומק של היער ולארגן שמירה קבועה לפי תור.

2) הכנת עצים למדורה רק בתוך הבונקר כדי לא להשמיע רעש שבירת הענפים.

3) תחפרו בורות עבור עשיית צרכיהם של האנשים, אחרת מרחוק אפשר להרגיש בכם.

4) אל תסתובבו ביום, לא ביער ובוודאי אל תצאו למשקים בכפרים במשך היום.

5) תזהיר את החברה שלך שלא יגנבו משדות האיכרים המיסכנים שמסביב ליער, כי הם ילשינו עליכם ראשונים.

6) תחפרו בונקרים קטנים ותסוו אותם היטב שיהיו מוכנים לעת סכנה, לצורך החלפה.

7) אל תגלה את מקום המחנה לאף אחד מידידיך שמחוץ ליער.

8) תשתדל לא להשתמש בנשקך לאיום, רק להגנה עצמית בלבד.

9) תנהיג משמעת בקבוצתך, דבר אליהם ותסביר להם את חומרת המצב.

10) תשמור על נקיון גופכם. סבון חשוב כלחם. מים יש לכם ב״ה. בריאות הקבוצה זה חשוב מאוד, ואל תדחה אותם.

שאיע קיבל את הדרכתי בתשומת־לב, אבל היה בספק אם יוכל לבצע ולהנהיג משמעת פתאומית. אפילו כשהסברתי לו שמקום זה ובמצב כזה מסוכן מאוד, לא מוכן היה להתחיל מיד בדברים מעשיים.

נפרדנו, הלכתי לדרכי לקבוצתי. סיפרתי להם על הפגישה ועל החיים של קבוצת זינגר. הם היו מופתעים ונפחדים מאוד.

יום רדף יום, מזג האויר הסתווי היה יבש, ואת הזמן ניצלנו לחפירת בונקרים קטנים לעת סכנה. כל בונקר כזה 1×1×2 מטר, לקח 3 ימי עבודה קפדנית וכן להסוות גם את האדמה שחפרנו. פשוט היינו עסוקים והזמן חלף והחורף התקרב.

באותו פרק זמן, ז. א. בסוף אוקטובר, הגיעו ליער אבי ז״ל, מענדל אחי ז״ל, וגם שני ילדיו, צבי וחוה, שברחו מהגיטו דומברובה; אחי אברהם ואשתו, ילדו וחותנתו הגיעו בהתחלת נובמבר, עד אז היו מוסתרים אצל איכר אחד. באותו שבוע הבאנו עוד 2 משפחות מקרקוב שהיו מוסתרות ברדואן: משפחת הבר משה ואשתו; משפחת הירש ואשתו ובתם. יצאו שני אחי לראדואן להביא את משפחת בירנבאום — גב׳ בירנבאום, 3 בנות ובן, פייביש. משפחת בירנבאום, שהיו אנשי תורה, בינה ודעת, יודעי שיר ונגינה, אנשים נחמדים ועדינים היו. חכיתי לבואם ולקבל את פניהם.

הסריקה הראשונה

באותו חודש אוקטובר 1942, לפי זכרוני, זה היה סוף חודש, ביקר אצלנו ביער אדון איז׳יק, לפנות ערב. הוא היחידי שידע את מקום הבונקר שלנו, הוא שהיה לו קשר עם הסביבה והעולם הרחב, לפי המושג דאז. הוא שידע להזהיר אותנו מכל מיני דברים ודכרים, ובמי לתת אֵמון ובמי לא, הוא מצא סיפוק בזה שיכול לעזור לאנשים בעת צרה, התעניין בכולם. תמיד שאל מה חסר לנו, אולי יש לנו עוד אנשים מוסתרים, אז מוטב להביא אותם ליער. הוא גם לא נתן אֵמון בגויים שהסתירו יהודים. הבקבוק וודקה תמיד היה בכיסו ותמיד היה מכבד בלגימה את הסובבים אותו. איז׳יק האדון, השודד, הגנסטר, היה דומה לכוכב הקולנוע ג׳רי קופר כמו שתי טיפות מים. המטרה בביקורו היתה האזהרה: הוא שמע שיש יהודים ביער ה„שחור" של דולצ׳ה הגדולה והם חיים לא רחוק מדומברובה, גם נשק יש להם והם הולכים בלילה לעיר דומברובה וחוזרים באותו לילה. בין היתר הוא סיפר לי על התנהגותם הלא זהירה. הוא גם אמר להם כי בדרך זו לא יישאר אף אחד מהם בחיים. הוא המשיך ואמר: „לו הייתי מפקדם, הייתי הורג אחדים מהם, והיתר היו לומדים איך להישאר בחיים".

הוא גם הציע לי ללוותני אל הגיטו, כדי לבקר אצל אמי החולה שנשארה שם. אני, כמובן, קפצתי על המציאה וקבעתי מיד את שעת היציאה.

הוא היה עצבני כשדיבר על רשלנות האנשים שרוצים לחיות ביער. אכלנו ארוחת־ערב חמה ויצאנו ליער השכן שגבל ביער שלנו כ־8 ק״מ דרך. יחד אתי הלכה גם שושנה לזר ופייביש. כשהלכנו עם איז׳יק היה לנו ממש איזשהו ביטחון, הוא הוליך אותנו דרך שבילים צדדיים ואפילו כלב לא הרגיש בנו בעוברנו בקרבת בתים. אחרי שעה וחצי היינו במקום. שמענו מרחוק את הרעש שלהם. אומר איז׳יק: „אתה שומע?", „חבל על בקר זה, ישחטו אותם פה עד אחד", „בואו", אמר איז׳יק, „נזהיר אותם, חבל עליהם". התקרבנו עד למדורה שלהם; מסביב ישבו בחורים, נשים ובחורה אחת, זאת היתה רבקה שנקר מרדומישל. החבר׳ה, נושאי הנשק, לא היו במקום והיו צריכים להגיע מדומברובה. נשארנו עד לפנות בוקר עד שחזרו והביאו אתם אנשים חדשים ליער. התייעצתי אתם איך אוכל להוציא את אמי ואת הילד אלי, בן אחי, מהגיטו. לפי דבריהם, היה צריך לחכות עד לשבועיים, ללילות חושך, ואז נוכל אולי להוציא את הילד. אמי ז״ל סבלה מפצע ברגל, כך שהיתה בעייה איך להוציאה. בינתיים היה בגיטו שקט. ביער, במקום היה „בלגאן" גדול. הזהרנו אותם והלכנו לדרך בחזרה. אומר איז׳יק: „אתה רואה, הם גיבורים, הם אומרים שהגרמנים לא יבואו ליער, אתה תראה איך יגמרו אותם, חבל! חבל!". פחד תקף אותו, ואמר: „בוא ונסתלק מפה". התרחקנו לשדות. התיישבנו קצת והדלקנו סיגריות. החלפנו דעות, ובסוף אומר הוא: „אבל אחרי הכל צריכים לחיות". „בואו, נלך". בדרך התעכב קצת על יד משק אחד ואמר לנו לחכות קצת וכי הוא מיד חוזר. לא ידענו מה כוונתו, חכינו כ־10 דקות והוא חזר ומספר תרנגולות שחוטות בידו. אמר שצריך מחר לאכול ארוחת צהרים טובה. היינו מופתעים, איך במהירות כזו ובשקט כזה הספיק לסחוב ציד כזה. מומחה היה לכול. חזרנו בשלום לבונקר שלנו והוא, איז׳יק, הלך לדרכו ואמר שיבקר אצלנו לעתים קרובות ויודיע לנו על הנעשה בסביבה. ליוויתי אותו ונפרדנו על לגימה של וודקה.

כעבור שבוע בערך, נתקלנו בקבוצת אנשים מהיער „השחור", היו אלה „הגיבורים" מדומברובה והבחורה רבקה שנקר מרדומישל. סיפרו לנו איך ניצלו מהשחיטה שפקדה את הקבוצה ביער, רק אחדים הצליחו לברוח. החברה שהיה להם נשק לא סבלו מדיכאון מיוחד, גם לא מרעב. הנשק נתן להם אומץ־לב אבל לא לזמן רב. הם יצאו לאור היום לכפר דולצ׳ה הקטנה לקנות ולפעמים עשו זאת באיום הנשק. האיכרים, מספיק היה להם רק שראו נשק, לא התווכחו ונתנו מה שרצו מהם. בתוך היער בחרו בגבעה מפורסמת „גבעת האגוזים"; שבילים עברו במרכז הגבעה שהתקשרה בין החלקות ושם בנו לעצמם בונקרים בכסף מלא... תרנגולות וברווזים לא חסרו. המהומה היתה במקום כמו בעיירה קטנה. גם אחי אברהם ומנחם נסחבו אליהם, כי כח הרוב התגבר עליהם. כאשר ראיתי את כל זה, אחזו בי אימה ופחד. נשארתי במיעוט. רק אחותי והילד מנחם ואבי ז״ל היו אתי בבונקר מוסווה ובמשמעת חמורה. כל היתר עברו לקבוצה גדולה, אל „גבעת האגוזים". הנקודה שלי היתה במרחק רק כ־500 מטר מהם, במקום אסטרטגי טוב, מקום שלא דרכה בו כף רגל אנוש ב־10 השנים האחרונות.

למחרת בבוקר, היה צריך אברהם אחי לחזור מרדואן ולהביא אתו את משפחת בירנבאום, כלומר, האב, שתי בנותיו ובנו, כולם ילידי קרקוב. כרגיל השכמתי־קום לפני כולם. בצאתי החוצה הפתיעו אותי קולות של יריות אשר נשמעו די רחוק מצד צפון־מזרח. התרשמתי כי הנפץ לא בא מכיוון קבוצתו של ש. זינגר. לאנשי הודעתי מיד, כי עליהם להיות ערים ומוכנים, ובינתיים אני הולך לפגוש את אחי אברהם מנחם. בפגשי אותם ביקשתי גם לראות את משפחת בירנבאום. אחרי מיספר דקות של סיור פגשתי את כל משפחת בירנבאום. השימחה היתה גדולה וכפולה. ראשית בגלל זה שהגיעו בשלום מהגיטו אל היער, ושנית, זה עתה קיבלו ידיעה כי נולד להם הנכד הראשון לבת הבכורה אשר בבוכניה. התיישבנו על־יד השביל הראשי ושתינו „לחיים"!

באותו זמן הגבירו אנשי „הגבעה" את המהומה, הדליקו מדורות ברעש בלתי רגיל. ממשפחת בירנבאום ביקשתי להתרחק מה שיותר מהשביל ואת רוזיא (שושנה) ופייביש ביקשתי ללכת אתי, וליתר אמרתי שמיד אחזור להעביר גם אותם אלי. פייביש ורוזיא הצטרפו אלי, ירדנו בשביל לקו החלקה והתקדמנו צפונה. השעה היתה, בערך 8.00. טל וערפל בסביבה, ולפנינו עליה, מין גבעה. אנו צועדים בצד ימין של הדרך ליד קיר של עצים. ומולנו מופיעים אנשי צבא חמושים ובקובעי פלדה. מיד זינקתי ימינה, עמוק יותר בחלקה, כיוונתי את הרובה לכיוון שלהם, והנה רואה אני שורה ארוכה של גרמנים וגם משטרה פולנית. התאפקתי לא לירות, כי חשוב יותר היה להודיע לבונקרים, שיתפזרו מתוך הבונקרים. רצתי כמטורף להודיע להם על הסריקה המתקדמת. פייביש ואחותו רוזיא בירנבאום נעלמו לי בסבך היער. הגעתי ל„גבעת האגוזים" וצעקתי להתפזר ולהוציא את כולם מהבונקרים, ולחברה שיש נשק ביקשתי להצטרף אלי כדי להתקיף אותם ונעצור את התקדמותם. במקום קמה בהלה. החברה תפסו את נשקם ואני רץ קדימה כדי לתפוס עמדה ולהמטיר עליהם אש. לא הספקתי להתרחק הרבה מהמקום וכבר שמעתי יריות בקרבת המקום שישבו בירנבאום האם והבת. החזרתי להם אש וקיוויתי שהאש מהחברה, שהיו צריכים להיות אתי, יהיה גדול. בינתיים, הסתובבתי לראות את החברה, אבל לא ראיתי אף אחד מהם. לא היתה לי ברירה והייתי צריך לסגת. בדרך מצאתי שני רובים

שהחברה זרקו אותם, אלה היו מדומברובה, שכה השוויצו בנשקם. הסתרתי היטב את הרובים ובשקט זחלתי לראות מה מתרחש בגבעה, כאשר הרגשתי בהתקרבותם של הגרמנים, שוב פתחתי עליהם באש, אבל קיבלתי בחזרה ברד של כדורים והסתלקתי מהמקום. חזרתי לקבוצתי שהיו מבוהלים כששמעו את היריות. הסתרתי אותם היטב והתרחקתי לחלקות סמוכות. מהגבעה נשמעו יריות וגם התפוצציות. ידעתי שהיו קרבנות. השחיטה על הגבעה היתה איומה, 27 איש נרצחו בדם קר. אנשים במקום לברוח לעומק היער ברחו לתוך בונקרים שהיו מיועדים לדיור, ואלה מהחברה שהתרחקו מהגבעה נשארו בחיים. בין אלה שנשארו היתה גם רבקה שנקר. הבת של השוחט מדומברובה היתה בין הקרבנות. וגם פייביש והאם נרצחו. הגרמנים הכניסו אותם לבונקר והפציצו אותו על אנשיהם. הגרמנים, לפני שבאו ל„גבעת האגוזים" הספיקו לחסל כחצי מקבוצתו של ש. זינגר. לפנות ערב התאספו כולנו להתייעצות. אחי אברהם ראה והכיר את היערנים שהדריכו את הגרמנים. אז החלטנו לבצע פעולה. באותו לילה חיסלנו את שני היערנים בביתם. זאת היתה פעולה בפקודתו של איז'יק. פחד שרר בכפרים. כל איש מהכפרים פחד להיכנס ליער אחרי החורבן הזה. חלק חזרו לגיטו טרנוב והיתר נשארו בתנאי שיקבלו על עצמם את המשמעת. גם קבוצתו של ש. זינגר הצטרפה והיינו כ־60 נפש. התחלנו מתארגנים וקבענו מחדש חוקי משמעת. חפרנו עשרות בונקרים לשעת סכנה, סידרנו ראשי קבוצות וחילקנו תפקידים ביניהם. כעבור כחצי שנה היתה סריקה שניה, זה היה באביב 1944, הפעם, ב"ה, לא מצאו אף אחד, וסריקה זו הרגשתי עוד בלילה, כאשר יצאתי לבדי להביא מספר ככרות לחם, שהזמנתי בכפר שע"י היער מאנשים ידידים שיכולתי לסמוך עליהם. כאשר התקרבתי לחלון, הרגשתי שאנשי משטרה יושבים בחושך ומשוחחים, רק אש מהסיגריות שלהם ראיתי. הסתלקתי מהמקום וחשבתי אולי רק בבית זה יושבים הם. הלכתי לבית אחר, כחצי ק"מ דרך בין שדות. בהתקרבי לבית אחר, פתאום שמעתי: עמוד! עמוד! עשיתי את עצמי לא שומע, התרחקתי מהסכנה וידעתי שכל היער מוקף גרמנים ושוטרים פולנים. בדרך בחזרה נתקלתי בסיור, החלפנו יריות ע"י היער והצלחתי להתחמק מהם והגעתי בשלום למקום חפצי. לא נבהלתי ולא עשיתי רעש, רק לפנות בוקר הערתי את כולם, ז. א. את ראשי הקבוצות ופיקדתי עליהם להיכנס לבונקרים שנועדו לשעת חירום, ואני טיילתי לי בשקט עד ששמעתי את ההתחלה של הסריקה. הרגשתי שהם באים מצד מזרח, התרחקתי מערבה. על הדרכים היו מוצבים משטרה כל 200 מטר. הצלחתי בזניקה לעבור את הדרכים בין החלקות ובדעתי היה לצאת לשדות ולחכות עד עבור הזעם. בקצה היער המערבי היו רק שיחים בודדים ובקצתם הציצו השדות. ובעוברי ליד גוש שיחים זה נתקלתי בשוטר ועל ידו מכונת יריה, כמעט שעליתי עליו. שנינו נבהלנו והופתענו. אינסטינקטיבית קפצתי עליו ובקללה שואגת פיקדתי עליו להרים את ידיו. מרוב בהלה ואפתעה ציית לפקודתי. אני שוב חשבתי והרהרתי רגע פן אשתמש בנשקי אסכן את כל אנשי אשר ביער. התרחקתי מהמקום עם היד על ההדק ונשכבתי במרחק־מה. כך הצלחתי להתחמק ונשמתי לרווחה. זמן מה שכבתי בתוך סבך השיחים וחיכיתי. רק בשעה 2.00 אחה"צ שמעתי אוטובוסים מתרחקים מהמקום. קמתי והלכתי לראות את שלום החברה. מצאתי את כולם מוסווים היטב בבונקרים המיוחדים לשעת חירום. פתחתי את הדלתות ובישרתי להם כי הכל בסדר וכי הסריקה עברה בשלום.

החיים החברתיים ביער

מההתחלה היה לכל קבוצה איזשהו רכוש מוברח מהבית וחי ממנו. לכל קבוצה היה איזה גוי שנתן לו לחם או מיצרכים אחרים. במשך הזמן התרוקן מלאי זה והמצב הגיע שמספר אנשים סבלו מרעב, היו אלה אנשים מסביבה אחרת או שלא היו להם קשרים בסביבה. גם לבגדים ולנעליים היה תפקיד חשוב, כי האנשים מכרו אפילו את החולצות בעבור כיכר לחם ונשארו רק בבגדים דלים ביותר. ראיתי שמצב הרוח במיספר קבוצות הולך ורע. אז התחלתי חושב להטבת מצב זה. קראתי לאסיפה של ראשי הקבוצות ואירגנתי כוח אירגון ועבודה. קיבלנו החלטה שאסור ליחידים לצאת מחוץ ליער ולהביא אילו שהם דברי כלכלה. רק בקבוצה שאושרה לכך ולמקום מסויים. בהיוודע לי שמישהו מאנשינו קילקל חלקת פתודים של איאכר מיסכן בלילה ליד היער וזה גרם לנו צרות צרורות. מיד יצאתי אליו בלילה הבא ושילמתי לו פיצויים פי מיספר ובלבד שיחריש והבטחתי לו שזה לא יקרה עוד.

אירגנתי למטרות כגון אלו את ה„חברה" הצעירים ויצאנו לשדה תפודים של אחוזות גדולות ולמרחק של 10—8 ק"מ והבאנו משם כל אחד כ־20 ק"ג לפי כוח הסחיבה וחילקנו לפי נפשות שבקבוצה, ואותו הדין היה ביתר דברי אוכל, כמו בשר, מלח או שומן, ואפילו עץ יבש לבישול. זאת היתה בעייה לא קטנה, בעיקר בחודשי החורף. במשך הזמן ה„חברה" התרגלו למשמעת ולחיים חברתיים יותר, וגם מצאתי פתרון לבגדים. זאת היתה עבודה קשה ומעייפת יותר וגם מסוכנת. לעבודה זו עשינו דרך בין 60 - 50 ק"מ בלילה אחד וביקשנו ממתיישב גרמני (באחוזה יהודית) בלשון תקיפה יותר לתרום בשביל מחתרת פולנית סכום כסף, נשק, רדיו ומה שיותר, וכמובן שהיינו צריכים לעשות חיפושים ובדרך זו השגנו בגדים טובים וכל מיני דברים שהחלפנו למזון ולמצרכים אחרים, שרק בחנויות אפשר היה להשיגם, כגון סוכר, מלח, פנסים, סיגריות ועוד.

השלל התחלק לפי הצרכים ולפי הנפשות. במיספר מקומות שביקרנו בדרך זו, היה אפשר לקחת חנויות שלמות שהם שדדו רכוש יהודי בערים. במקום אחד מצאתי ארגז גדול עם טליתות, בדים, חליפות, פרוות ונעלים מכל המינים, רק לקחנו כל אחד עד 15 ק"ג, כי הדרך לחזור שוב כ־25 ק"מ לא איפשרה יותר. אבל אף פעם לא נפל חשד עלינו. ה„חברה' התלבשו וגם הנקיון היה טוב יותר, אפילו סבון השגתי בשביל כביסה. בסביבה זרם נהר קטן ולא חסרו מים, העמקנו חפור, כ־2—1 מטר, אז נבעו מי־תהום. בסביבת היער היו לי איכרים נכבדים אחדים ששימשו לי למודיעין ולספקים.

קיץ, סוף יולי 1944, זמן התחלת הקציר

הפגזים של הצבא האדום נפלו על ידינו וקיבלנו אותם בשימחה, אף־על־פי שידענו שפגזים, עלולים לגמור אותנו. קרה פעם והם התפוצצו ממש על ידינו וכאילו שום דבר; ידענו שלא אותנו הם מחפשים ואיש אינו חושב על קיומנו. רק חישבנו לפי שריקת הפגז את מקום פגיעתו והתפוצצותו. שריקת הפגזים התרחקה לכיוון מערבה ולנו היתה התקווה שהרוסים מתקדמים והגרמנים נמלטים ואנחנו נישאר בצד הרוסי ונקדם את פניהם בשימחה ובתודה. באותו זמן ישבנו מוסווים בתוך מערות ותעלות, ורק בלילה יצאנו לנשום אוויר צח ולדאוג למזון ליום המחרת. הלילה היה שקט, רק מדי פעם נשמעו צרורות וכל מיני כלים נשמעו בסביבה. אבל התרגלנו לזה כך שיחסית היה די שקט. חברה אחת הלכה להכין אוכל בבונקר והיתר

נשארו ע״י הבונקרים לשמירה. לי התחשק לצאת לקצה היער יחד עם אחד מחברי להביא קצת תפודים ובהזדמנות לראות מה מתרחש מחוץ ליער. לא התרחקתי מהמקום יותר מ־500 מטר ופתאום התחילה תזמורת מכל מיני נשק כבד לפעול. הבנתי שזה נשק רוסי והמרחק הוא לא יותר מ־6—4 ק״מ. הרעש היה כה איום עד שנחרדתי כולי. ההתפוצצויות היו ממש סביבי. מיד מצאתי מחסה באחת התעלות שבסביבה. מפגיעת הפגזים התהפכו העצים מעלי וכמעט שכיסו אותי. שכבתי צמוד לאדמה והתפללתי לנס, ביקשתי לצאת בחיים. לאחר רבע שעה נשתתקה האש. התרוממתי וחזרתי למקומי. ה„חברה״ אשר דאגו לשלומי קיבלו אותי בשימחה. גם כשהיו סימנים של בהלה היה מצב־הרוח מרומם. עם כל הפגזה חדשה שנפתחה מצד הרוסים, גברה תקוותנו. ידענו שהשעות הן כפורות ומספיק שהרוסים יעברו כ־4—3 ק״מ וניצלנו. ה„חברה״ על קבוצתם התפזרו למקומותיהם בתקווה שאולי כבר בבוקר שוב נהיה בעולם של חופש. רובם לא עצמו עין באותו לילה והיינו נרגשים לקראת הבאות. למחרת, עם עליית השחר, שמענו ביער טירטור עגלות, געיות של בהמות וקירקור של עופות, גם צעקות בני־אדם בשפה פולנית. הרגשנו מיד בשינוי לרעתנו. עם זריחת השמש הלכה וגברה תנועת הכפראים, הגויים מכל האזורים הקרובים לנו, לתוך היער. במשך היום התמלא היער המוני־עם על רכושם ומיטלטליהם. היתה זו בריחה מבוהלת מצד הכפראים, אשר על קו החזית, בהניחם, כי שעת האופנסיבה הרוסית הגדולה והצפוייה מתחילה. לנו, כמובן, לא נשאר אף מקום ואפשרות להוציא את ראשינו החוצה. הברירה שהיתה לפנינו, לפנות אליהם ולמצוא דרך של חיים „בצוותא״. מתברר כי להם לא היתה כל ברירה, היינו בצרה משותפת. וכך חיינו כשבוע ימים ביחד עם כל אספסוף זה. מהרבה בחינות דומה היה הדבר למחנה עצום או לשוק של בהמות ועופות, ובחזית שלפנינו שוב השתרר שקט ואין כל שינוי להתקדמות בחזית. אבל בכל זאת חל שינוי. בבוקר של יום בהיר אחד קמה פתאום בהלה. לפי הפקודה של הז׳נדרמריה הגרמנית על הכפראים היה לפנות ולעזוב את היער, כי מי שלא יעזוב את היער מערבה במשך שעות מועטות בלבד, יידון למוות. כולם עזבו מיד את היער עם כל רכושם אשר היה איתם. אנו שוב נשארנו „לבדנו״, ונכנסנו שוב למחבואים שלנו בתקווה, כי האופנסיבה הרוסית המיוחלת בוא תבוא וכי היא תשים קץ לסבלותינו. וככה עבר יום ולילה ושוב בוקר ואין שינוי. שקט מתוח היה נראה בכל הסביבה. יצאתי לטיול קצר למקומות שחנו החקלאים ומצאתי כמות גדולה של עופות היים, שעועית, תפודים ועוד. אספנו מזון יקר זה שהיה מספיק לחודשים. עברו ימים ולילות ואין שינוי ממשי. אמנם מדי פעם מפגיזים הרוסים, ולנו נדמה, כי הנה וחידשו הטנקים הרוסיים את התקפותיהם והגרמנים ימשיכו בנסיגתם. אבל, שום דבר ממשי לא התחולל. וכך יום אחרי יום ושבוע אחרי שבוע ואין שינוי. ואנו, כ־60 נפש מחכים לגאולה. כלכלה היתה עוד לחודשיים. גם גפרורים היו. בעיקר השתמשנו במדלקים. היינו מצטמצמים במלח וסבון. סוכר מזמן לא ראינו, גם לא חשנו את חסרונו. גם תה וקפה כמעט שלא היו בשימוש. האוכל העיקרי היה מורכב מזה שיכולנו להשיג בשדות, כגון תפודים, גזר, לפת, קצת פירות של העונה. גם בשר, כשנזדמן לצוד במלכודת או בכל דרך אחרת. על־פי־רוב היה בשר ושומן האוכל העיקרי. לחם לא היה בזמן האחרון. היו מיספר ק״ג קמח כמנת־ברזל. השתמשנו בו רק בכפית לאיזה מרק או למין פיתה לכבוד שבת. אבל נרות־שבת הודלקו בתוך הבונקר, אפילו כשהשתמשנו בבשר לא כשר, שמרנו על חגים ומועדים. בפסח לא אכלנו חמץ ואבא שלי ז״ל היה תלמיד־חכם ושומר מצוות ויודע ספר ובקי בכול וכך עברנו חודשיים ואין שינוי, ואנו נמצאים בין חזית ראשונה — הקו הראשון ובין הקו של התותחים והטנקים הגרמניים. הרוסים היו במרחק כשני ק״מ מאתנו. בערך כ־500 מטר מהקו הראשון של הצבא הגרמני. ידענו שהגרמנים מבוצרים היטב בחזית כי היה להם מספיק זמן לזה. מצדנו לעבור לצד הרוסי, אולי היה אפשרי רק בהתחלה, אבל אחרי חודשיים של התבצרות החזית מחדש, לא העזנו לחשוב על זה. גם השקט והמזון המצוי לא דחף אותנו למחשבות כאלה. נוסף למלאי המזון שהיה לנו, התברכנו במזון טבעי וטעים כמו פטריות מהמשובחות ביותר, שהיו מצויות בשפע. לא הצטרכנו הרבה לחפש כדי להביא מספיק, אפילו למספר ימים. כנראה שגם חיילים מהצבא הגרמני היו כאלה שטעמו את הפטריות וגם הם עברו ללקוט פטריות, שלא פעם נתקלנו בהם והסתלקנו לפני שהשגיחו בנו. פעם אחת ישבנו מסביב למדורה ואכלנו לביבות („לאטקיס״). היינו בקבוצה זו כ־8 נפש, ופתאום הרגשנו רישרוש של הליכה וזה בשעה 3.00 בערך אחרי הצהרים, כשקפצנו ממקומותינו, היה כבר מאוחר מדי. ראיתי 2 חיילים גרמנים הולכים ישר אלינו, מאחר וראו כנראה, את עשן המדורה. רק שמעתי את הקריאה: האלט! ונעלמנו מבוהלים בין השיחים. הייתי בטוח שיפתחו אחרינו באש, אבל כשהייתי במרחק מהם רק כ־100 מטר ושמעתי את צחוקם, התקרבתי כחתול בשקט למרחק שיכולתי לראותם. הם התיישבו ליד המדורה וגמרו את המלאכה שאנו לא הספקנו. אכלו להם את ה„לאטקיס״ בתאבון, צחקו, קמו והלכו לכיוון מערב, בהשאירם את היתר כמו שהיה. היה בקבוק שומן, תפודים, מחבת ודלי. גם את האש לא כיבו. רק שמעתי בהסתלקותם: „יא, גוט, צום ווידערזעהן, דאנקע שעהן״.

כנראה שהיו אלה רק חיילי חזית שהחליפו משמרת או סתם טיול אחרי פטריות. לנו זה גרם להרבה צרות וכאב־ראש. נניח שהם אפילו לא חשבו שאנו יהודים, אבל אפילו לסתם אנשים היתה הכניסה לקו החזית מסוכנת, וכאשר הם מצאו מציאה כמו „לאטקיס״ חמים, זה עלול למשוך אותם לחיפושים אחרינו. אני גם בטוח הייתי שראו שתי בנות ואשה ושזה עלול למשוך את סקרנותם לצוד אותן.

עברנו ממקום זה מזרחה, יותר קרוב לחזית ובחרתי בחלקת אורנים, ממש ג׳ונגל, ושם היינו נזהרים מאוד. רק בלילה היינו מכינים קצת אוכל וביום ישבנו מבוהלים. שמענו צעקותיהם מסביב, בעת שעברו בדרכים ושבילים לחזית ובחזרה. למדנו להכיר את רכב המטבח וסתם פטרולים. העיקר, שוב אין שינוי וזה כבר התחלת אוקטובר 1944. מזג האויר היה אז די נוח. היתה הפסקה גדולה בגשמים, דבר שהיה לטובתנו. כך התרגלנו גם לחיים של קו החזית. היינו מפוזרים קבוצות־קבוצות ולכל קבוצה היה ראש־קבוצה ומחבוא, זה היה בונקר 2×1×1 מטר גובה, בנוי תיקרה, כניסה ודלת קטנה. הכל בהסוואה מומחית שאי־אפשר להכיר בין יתר מקום של פני הקרקע. בזמן סכנה היה אפשרי לסגור את הדלת בהסוואה עצמית. הדלת היתה 40 × 40 ס״מ מצופה מחטי אורנים ואשוחים באמצע.

ב־12 באוקטובר 1944, בשעה 6.30 בבוקר, נראה שקט בחוץ ובאופק הסמוך לא נשמע כל רעש או דבר־מה שעורר חשד. פתחתי לגמרי את דלת הבונקר. הוצאתי את הראש החוצה ועקבתי בזהירות אחרי המתרחש מסביב. רק אחרי שהייתי בטוח שאין כל חשד לסכנה, יצאתי החוצה. התרחקתי כעשרים מטר, להטיל את מימי, אחרי יצאה רוזיא (שושנה). כעבור מיספר

דקות מופיע במפתיע חייל יחידי. כאשר הרגשנו בו, התחלנו בורחים. הוא הרגיש בנו, הוא רץ אחרינו ואח״כ עזב אותי והתחיל רץ אחרי רוזיא. היא היתה די זריזה ומהירה ונעלמה לה בין הסבך, היא היתה רק בכתונת לילה. שמעתי יריית אקדה בודדת. במרחק מה ממנה הסתתרתי מאחורי עץ אשוח ועקבתי אחרי התפתחות העלולה לבוא. גם בידי היה אקדח, אבל נמנעתי להשתמש בו, רק באין ברירה. דאגתי מאוד לגורלה של שושנה. האמנתי שהירייה היתה סתמית רק כדי להבהיל. כעבור 10 דקות, שומע אני שוב רישרוש מצד דרום. נשכבתי על האדמה והבהנתי בכתונת לילה של שושנה. התקרבתי קצת יותר קרוב כדי שתשמע את הסיסמה. היא גם הסתתרה אחרי סבך שיחים, מבוהלת וחיוורת. בשמעה את סיסמתי, קפצה מהמקום ואז ראתה אותי, ונרגעה. התקרבתי אליה, היתה כולה שרוטה והכותונת קרועה מהסבכים, רק בעינים שלה ראיתי שוב ניצוץ של אושר. בתוך הבונקר נשארו אחותה מינקה ואמה חיה לזר (הלה לזר). כעבור כחצי שעה חזרנו למחבואנו, כשהם דואגים לשלומנו, והתפללו לראותנו חיים ושלמים. יתר אנשי הקבוצות כששמעו את הירייה נכנסו למחבואם עד שנמסר להם שהסכנה חלפה. האקדח שהיה ברשותי היה טעון כדורים של קבע ויכולתי גם לחסל אותו אבל המטרה היתה לא לגרום לסריקות וחיפושים ביער, ולו הייתי משיב באש אז למחרת היו גם מוכנים לשרוף את היער כדי למצוא פרטיזנים או מרגלים. כך שהיינו נזהרים לא להשתמש בנשק וגם שלא ייראה נשק. הימים נעשו קשים ומצב הרוח ירד. רוב היום ישבנו במחבוא ולא ראינו את אור היום. הפחד שעוקבים אחרינו היה גדול. רק לפנות ערב ובערב נשמנו לרווחה. היה לי הרושם שהיתה פה איזו הלשנה ועל־כן עוקבים אחרינו ושוב העברנו את מקום „המושבה״ למקום חדש. המחבואים היו מוכנים מראש שבנינו בזמן „החופשה״ עוד ב־1943. לכל צרה שלא תבוא, בנינו בכל חלקי היער בונקרים, כך שיהיו פזורים עד הקצה המזרחי של היער הקרוב לחזית. הפעם חשבתי על מקום שלא יהיה חשוד ואז בחרתי במקום המזרחי ביותר. היו גם הרבה בונקרים של אחרים שעזבו אותם. ועד עתה חיפשו בעיקר במקומות צפופים וחשודים. וכך באין ברירה המשכנו בלילה להכין אוכל, שמרנו מסביב והיתר היו במחבואם.

ראשי הקבוצות הגישו את האוכל לתוך המחבוא, אבל ישנו על־פי־רוב בעצמם בבונקר אחר, כדי להסוות את פתח המחבוא מבחוץ. החברה נעשו עצבניים ומיואשים ופניהם נעשו חיוורים מחוסר אור ושמש. הסתיו היה בכל עוצמו. יום רודף יום, והימים הולכים ומתקצרים, אבל בעבורנו הם גדולים וארוכים מאוד. רק בלילות היינו בטוחים יותר.

חודש נובמבר התחיל, ושוב אין שינוי. הפחד הגדול ביותר היה מפני ירידת השלג.

הבוקר „השחור" 10 בנובמבר 1944

כרגיל, ככל לילה אחרי ארוחת־הערב, נכנסנו כולנו לבונקרים המוסווים ללינת־לילה. כל ראש־קבוצה היה צריך לדאוג שפתח־הבונקר יהיה סגור ומוסווה היטב. אחרי שסגרתי והסוויתי את פתח הבונקר במחטי אורן, לחשתי להם „לילה טוב״ ו„להתראות״ בבוקר והסתלקתי לישון לבונקר הפתוח במרחק כ־30 מטר.

בבונקר זה ישנו כבר שני ילדים של אחי מנדל: צבי ושאיע. שכבתי ונרדמתי.

התעוררתי בבהלה, האור מבחוץ היה חזק מדי. קמתי והוצאתי בפחד את ראשי החוצה. עיני סונוורו מרוב אור מסביב. הכל היה מכוסה שלג צחור. הרגשתי שגם אני החוורתי כשלג וסחרחורת תקפה אותי. הייתי אובד־עצות. לא ידעתי מה לעשות ולאן לזוז. כל צעד היה משאיר עקבות. השלג המשיך לרדת. עוררתי את הילדים. פניהם נראו חיוורים ומודאגים. הילדות השובבה ומישחק בשלג הראשון סר מהם והלאה, רק צער ודאגה ראיתי בפניהם הקטנות והחיוורות. אמרתי להם שאלך לראות מה עושים היתר. התרחקתי כ־50 מטר ופגשתי את פנקס אהרן ופינחס מטרנוב במצב דומה, היינו אובדי עצות. באותו רגע שמענו קולות בגרמנית מתקרבים אלינו. לא היתה ברירה אלא להסתלק מהמקום. ברחנו כ־1,000 מטר לתוך יער צעיר וצפוף שקשה להיכנס בו. חשבתי שבו שקט ובטוח. אבל, לצערנו, אחרי דקות מספר שמענו שגם בתוך ג'ונגל זה גם מחפשים והקולות מתקרבים. הרגשנו שאנו אבודים. ידענו שאנו מנותקים. הברירה היתה רק לבחור ממי יש לקבל את הכדור. אהרן ופינחס לא ידעו מה לעשות, והגרמנים כ־20 מטר לפנינו ומאחורינו. רטובים עד־לשד העצמות היינו, לא היה מה להפסיד. החלטתי על שאנסה אחת למאה, אולי ?... פיקדתי לצאת לקצה, להציץ ולהשתמש בנשק חם. הייתי הראשון שפתחתי באש על גרמנים שעמדו ע״י מכונת יריה ושמרו אולי יצליחו לצוד איזו חיה בדמות של יהודי.

אהרן פתח באש לצד שמאל, לפינחס לא היה נשק, וכך בריצה מטורפת ובליווי של ברד יריות התרחקנו מסכנה אחת ונכנסנו לשנייה. הגרמנים רדפו אחרינו וירו בתוך היער, רק המזל ששיחק לנו יכול היה להצילנו. הפניתי את ראשי אחורה, את פינחס כבר לא ראיתי ורק אהרן היה מאחרי, ושוב ראיתי שהם סוגרים עלינו בטבעת וצועקים: „שטיין בלייבען, הונדע!״ באותו רגע פתחתי רימון וזרקתיו. ראיתי רק שהם נשכבים ואנו בורחים על־ידם, ואנו כבר מעבר לטבעת והם מלווים אותנו בצעקות וביריות. אחרי כ־200 מטר נפסקה האש אחרינו. אהרן רץ לפני ושרה זינגר (בת דודה) אחרי. את שרה לא ראיתי וגם לא שמעתי אותה לרוץ אחרינו. היא נהרגה מצרור שפלח את לבה הצעיר. מצאנו אותה למחרת. אהרון ואני המשכנו עוד ללכת 1.000 מטר ונכנסנו לאחד הבונקרים שהיו מיועדים לשעת הסכנה. מעקבות כבר לא פחדנו ונשמנו לרווחה. ידעתי שיהיו קרבנות, כי שמענו יריות. אחרי כחצי שעה שמענו והרגשנו שמתקרב מישהו לבונקר ופותח את הפתח. עצרנו את הנשימה, אבל ראינו שרגליו הקטנות של שאיע יורדות לבונקר ושמחנו לשמוע איך הוא ניצל. שאלתי על צבי, הוא רק ידע שחוה עם צבי ברחו להסתתר בבונקר. לפנות ערב שמענו שמכונות הגרמנים מתרחקות מהיער, אז יצאנו והלכנו לראות מי בין החיים, ובכלל הייתי בספק האם אפגוש במישהו של הקבוצה. התקדמנו בשקט ובזהירות לכיוון המחנה התת־קרקעי של קבוצתנו. המרחק היה כ־2 ק״מ, כעבור שעה התקרבנו למקום וראינו ממרחק־מה רק סמרטוטים מפוז־רים על־יד המחבואים. כמאובנים התקדמנו לעבר המחבואים. הראשון ריק, רק דברים מפוזרים מסביב. במרחק כחמשה מטרים היה הבונקר של קבוצתי שהייתי אחראי לו ושגם הסוויתי אותו היטב. בפחד וביאוש הסתכלתי לעברו, נעמדתי והתבוננתי האם אני באמת באותו המקום או שאולי טעיתי. חזרתי להכרה מלאה וראיתי שאני באמת עומד ע״י הבונקר שלי כ־2 מטרים מהפתח. תודות להסוואה המדוייקת לא גילו,

כנראה, את המחבוא. התקרבתי בשקט לפתח, התכופפתי ובלחש בישרתי להם שאני בריא ושלם. — יוחנן, זה אתה? — שואלת שושנה לזר (רוזיא), זאת היתה חברה שלי ואתה האם ואחותה מינקה. — כן, שושנה, זה אני. ב״ה, איזה מזל היה לנו, אומרת שושנה, הסתובבו על הבונקר ועל הדלת של פתח הבונקר וראינו את המוות לנגד עינינו ושמענו בבירור שבחוץ לא טוב. כל הזמן התפללנו לשלומך, כי ידענו שהנך בחוץ גלוי לכול, וגם שמענו הרבה יריות. ביקשתי מהם שלא לצאת עוד, התרחקתי מהמקום כדי לבדוק את השטח ולראות מה שלום אבי, אחותי ויתר בני משפחתי, וגם שאר בני הקבוצה. אחרי כחצי שעה התאספנו והספדנו את החסרים. 18 איש מצאו הגרמנים מתוך 60, ביניהם רבקה שנקר, חיה גארן ובעלה, יחזקאל רוזנבלט ז״ל, ועוד נשים, ילדים וטף. ישבנו, חשבנו ושתקנו, לא היה מה להציע, היאוש גבר משעה לשעה. ידענו שאת אלה שלקחו לא פוחדים כבר. ידענו שהסריקות יבואו יומיום עד שימצאו את כולנו, כי אנשינו בידיהם ולא יוכלו לעמוד בעינויים.

הלילה ירד בעצב נורא, כולנו שוב מוכנים לנדוד למקום אחר — אבל לאן?... בכל מקום היינו, ובאף מקום אין ביטחון. כל מקום הוא מסוכן והשלג מגלה אותנו, על כל צעד ושעל.

בינתיים, השלג נמס ושוב פני הקרקע לטובתנו. גשם־רביבים יורד והקבוצה מחכה לישועה, אבל ממי? מי היה מסוגל לייעץ, לעזור ולהושיע?

ראיתי שאסור לאבד זמן, אספתי את החברה קבוצות־קבוצות ושלחתי אותם 1,500 מטר מערבה למחבואים שבחלקה מול מספר 9. כל ראש קבוצה ידע את הבונקר הקטן שלו. 4 חברים ו־2 חברות חזרנו לבשל ארוחת ערב וגם להכין מזון לפחות ל־24 שעות. בחרנו בבונקר עזוב, הדלקנו בו מדורה, העמדנו בחוץ שמירה ואחרי שעתיים חזרנו וחילקנו לכל קבוצה את המנה שלה, ובעזרת נר, התחלקו ביניהם וסעדו. למהרת יצאתי לסיור ביער לראות ולשמוע מה העניינים.

ושוב נתקלנו בקבוצה של גרמנים המחפשים אחרינו. החלפנו איתם יריות, אבל זאת היתה קבוצה קטנה. הסתלקנו וחזרנו למהבואים. ראיתי שמסוכן להסתובב, כי החיפושים אחרינו נמשכים. וכך, רק בלילה יצאנו להכין מזון מבושל ובמשך כל היום שכבנו באדמה כעכברים. חולשה וחיוורון ועוד צרות של היגיינה היו מנת חלקנו.

כוח ההתנגדות החליש מיום ליום את הרצון לחיים. נעשינו מיואשים. החבריה נכנסו למין דיכאון של לא־איכפתיות, וכך עבר יום אחרי יום ואין שינוי ואין ישועה.

ההחלטה: חופש או התאבדות!

פעם כאשר חזרתי עם קבוצה שהכינה אוכל וביניהם ש. זינגר, משה גור־כהן (גיסי) ואחותו ורוזיא פייט, וכל אחד פנה למחבוא שלו. נכנסתי לבונקר שלי ובתוכו 3 נפשות של משפחת לזר. סידרתי את המזון בפינה אחת ורציתי להפיג את המתח. שכבתי ע״י הפתח, פתחתיו קצת, והדלקתי סיגריה. את עשן הסיגריה הפלטתי החוצה כדי לא להכביד יתר על המידה על חוסר החמצן שהיה בפנים. לא עברו שתי דקות ופתאום שמעתי רשרוש בין העצים וגם דיבורים בגרמנית. את המלים הברורות ששמעתיו היו: „היר האב איך פריש פויער דערשנאפט, היר מיסען די לויטע זיין״. באותו רגע כיביתי את הסיגריה ועצרתי את הנשימה, רק בליבי התפללתי ואמרתי „שמע ישראל!״ ראיתי את המוות לנגד עיני. הם כבר דרכו מעל ראשינו, הסתובבו כרבע שעה ונעלמו; עד הערב הבא לא העזנו לפתוח את הפתח ולהציץ החוצה. הרגשתי שאנו אבודים. הגרמנים עוקבים אחרינו בלילות. ביקשתי רק לחיות עד הלילה ופעם לתמיד לגמור את החיים־לא־חיים. הערב האט ובא וחושך ירד על פני כל השטח. הרימותי את פתח המחבוא, האזנתי לסביבה ושקט היה מסביב. יצאתי החוצה להודיע ליתר החבר׳ה על הנעשה. גם הם שמחו והרגישו שמשהו מסתובב בסביבה.

באותו ערב סתווי של 26.11.1944, בין השעה 9—8, התאספנו ליד אחד הבונקרים לאסיפה גורלית. מסרתי על המתרחש והסברתי להם את מה שהרגשתי הלילה ומה עלול להיות סופנו כשיירד השלג והחורף יתחזק, מכל הבחינות אנו אבודים. אין לנו ברירה, אין לאן לסגת. רק דרך אחת לפנינו: לפרוץ קדימה! ואסור לנו להתייאש, המזל אתנו וה׳ יעזור לנו. במשך השעות הארוכות שעברו עלי במשך היום במחבוא האפל והמחניק, עיבדתי תוכנית כיצד להציל את חיינו, בין כך אנו נידונים למוות. ואולי בעזרת ה׳ נצליח להינצל, ואם לא כולם, לפחות חלק מאתנו. ואם במצב הגרוע, בייתר, נמות לפחות בקרב כגיבורים ולא ניכנע לפחד של מלאך־המוות. אני מאמין שנצליח לעבור בשלום. פרטי התכנית עיבדתי עם שאיע זינגר. ההחלטה הועמדה להצבעה, לא היו מתנגדים. האווירה אחרי ההחלטה היתה, מלאת תקווה והתעוררות לחיים עם הסיכוי לקץ של סבל, חשבתי תחילה שמא דיכאון יתקוף את אנשינו ולא יהיו מסוגלים להתקדם. חשבתי גם שיהיו כאלה שייבחרו להישאר עד הסוף בתוך הבונקר, אבל שכולם יצביעו פה אחד על הצעד: „אנו אתך״! „כשתלך — נלך״ זה לא האמנתי. החבר׳ה קיבלו מרץ של חיים. על כל בעלי נשק היה להכין את נשקו במצב תקין ובשעה 10.00 בלילה יוצאים כולנו לחלקה 17 לבונקר הגדול לאכול ארוחת ערב ומשם להמשיך הלאה...

ברכות פרידה!

בשעה 2.00 אחרי חצות, אחרי שכל אחד מהחמישה עשר המזויינים ידע את מקומו ותפקידו, יצאנו מהבונקר החוצה ואספנו גם את אנשי השמירה והצבתי אותם כל אחד במקומו ותירגלתי אותם את ההתקפה על הגרמנים. כמובן, שכל זה היה בשקט ובלחש.

הנשק שלנו, כללו 10 רובים מיושנים, 2 אקדוחים ו־10 רימונים. בזה היינו צריכים להתקיף חזית גרמנית מבוצרת שהתבצרה במקום 5 חדשים. מצב הרוח היה טוב.

אחרי לגימת קצת מים חמים התאספנו כאיש אחד בחוץ מוכנים לדרך. אבי ז״ל בירך אותנו, ואמר „תפילת הדרך״ ועוד מזמורי תהילים. באותם הרגעים הרגשנו בכוח עליון, נפרדנו בנשיקות ובדמעות כל אחד ואחד. ילדים בני חמש ושתים־עשרה שהיו אתנו היו מלאי תקווה. רגליהם היו עטופות בסמרטוטים ופניהם חיוורים, וכך יצאנו לקצה היער. מקצה היער עד לחזית הגרמנית היה מרחק כ־400 מטר והחזית הרוסית שממול עוד 400 מטר ועלינו להגיע לרוסים. הרקיטות מהצד הרוסי האירו את פני השטח כל מיספר רגעים וגם צרורות וכדורי זרחן נזרעו על פני המרחב, ואנו מתבוננים בכל הנעשה לפנינו, כאילו בחלום בלהות.

הפקודה להתקדם! ההתקדמות בצורה כזו: וכך התקדמנו בהפסקות. היינו נאלצים כל 50 מטר לשכב מתחת התאורה

של הרקיטות עד שהתקרבנו למרחק לא רב מהגרמנים. כשהתקרבנו ממש כ־20 מטר מהעמדות של הגרמנים, שמענו קול בגרמנית: „שטיין בלייבן! ווער גייט היר?" באותו רגע ענינו באש ורצנו ישר לתוך העמדות שלהם, תפסנו עמדות באורך של כ־60 מטר. משתי הכנפים נתנו חיפוי אש וחמישיה מקדימה העבירו את האנשים בלי נשק למעבר העמדות וכל אחד ידע שעליו לרוץ או לזחול לכיוון מזרחה ששם הרוסים. בהתקרבנו לרוסים התחלנו צועקים שאנו יהודים פרטיזנים. באותה קלחת של יריות וציפצוף של כדורים התנפצו על־ידינו פצצות אש ונעשה אור כמו ביום. הגרמנים והרוסים גם יחד לקחו אותנו על הכוונת ואנו באמצע. הצלחנו להוציא את כל אנשינו מעמדות הגרמנים ובתוך אש זו הוצאתי את הילדים, בני־אחי, מהסבך של תיל שהיה לפנינו. לפני נפלה ילדה בת 13, קיבלה צרור ברגל. תפסתי אותה על הגב וניסיתי להתרחק ממקום האור. הילדה היתה מינקה לזר מקרקוב והאם היתה על־ידה. את הרובה זרקתי כי הכביד על הפצועה. הצלחתי להתרחק מברד הכדורים שליוו אותי, ספרתי את הרגעים האחרונים שלי, ידעתי שזהו הסוף, וכך התקדמתי מזרחה וגם פגשנו חבר'ה פצועים ובריאים. הרוסים הפעילו את כליהם כלפי הגרמנים ואנו מתקדמים בצעקות: „אל תירו בנו! אנו פרטיזנים, יהודים.". באותו רגע הדף של התפוצצות הפיל אותנו. שתי נשים פצועות זועקות לעזרה. אני ניסיתי לקום. הרגשתי מכה. מישמשתי את ידי ורגלי אך הן היו בסדר. שוב לקחתי את הפצועה והתקדמתי עד לעמדות הרוסים, עלינו על שדה־מוקשים רוסי וזה היה אסוננו שלא היה כל קשר בינינו לבין הרוסים.

מארבעים ושבעה איש עברו: 30 בריאים, 2 הרוגים, 5 מתו מפצעיהם, 10 הבריאו.

שרה גולד (פייט)
נצרת־עילית

זכרונותי מן השואה

ערב חג הסוכות. אין מי שיבנה סוכה ואין מי שישב בה. עצוב לנו בחג זה. אבי גוייס לצבא עם פרוץ המלחמה, ומאז לא שמענו עליו מאומה. קרובי המשפחה נמצאים הערב אתנו ומשתדלים להכניס אווירה של חג, אבל ללא הצלחה.

אני נזכרת בחגים הקודמים, שהיינו יחד עם אבא, אמא ואחותי. תמיד מלאי שמחה. אני עוברת במחשבותי את הקורה אותנו בימים אלה וחושבת על חייה הקשים של אמי.

פתאום נפסק חוט המחשבות העצובות, וצועקת אני בשימחה — אבא הולך! אבא בא! אני שומעת את אבא! — אמא, דודתי והשאר מסתכלים בי מבלי להבין למה אני צועקת. הדלת נפתחת ובפתח עומד אבא... חג לנו היום!...

לא ידעתי להעריך את הטוב. לא פעם התחננתי שחסר לי זה או דבר־מה אחר, ועכשיו...

הגרמנים מפילים פחד על כולנו, צעדיהם ברחוב מעבירים בי צמרמורת, אני פוחדת. הס, אסור להשמיע מלה פן אבהיל את אמי, היא אינה מרגישה היטב בזמן האחרון, היא בחודשים האחרונים של הריונה וכולנו דואגים. אמי מאוד לא שקטה



נפתלי פייט עם שתי בנותיו: שרה גולד ושושנה קלברמן

ופוחדת. הלוואי שהכל יעבור בשלום. אבל לא כך רצה הגורל...

אבא, אני ואחותי הלכנו למאפיה של טרומפייטר להכניס את המאפה, שהכינה אמי, לתנור. אבי מיהר לחזור, כאילו הרגיש משהו. היה כבר מאוחר. הגרמנים באו לערוך חיפוש בביתנו, וכרגיל הפכו את הכל בבית מבלי שנדע מה הם מחפשים. אמי נבהלה וקיבלה שטף־דם פנימי...

נשארנו יתומות מאמא — אני בת 12 שנה ואחותי בת 9 שנים אנו רוצות את אמא, אנו רוצות את אמא שלנו!...

אנו ממשיכים לברוח. זה שלוש שנים אנו בורחים ממחבוא אחד לשני. אבא החליט להצטרף ליהודים שהתארגנו ביער. בראש הקבוצה עומד רומק אמסטרדם, שיעק זינגער ועוד. החיים מתנהלים בתוך מאורות שחפרנו ביער מתחת לאדמה.

ביום צריכים לשבת בשקט על־מנת לא לגלות את עצמנו לגרמנים הסורקים מדי פעם בפעם את היער. אוכל היינו משיגים בלילות בסכנת נפשות. אנו חיים כחיות רדופות על־ידי הצייד, בהבדל זה שלחיה חוש־התגוננות משלה ולנו זה חסר.

לא אשכח את הלילה בו ילדה חייקה גארן את תינוקה. האם והאב החליטו שעל ילדיהם לחיות. עטפו אותו בבגדים, הלכו לכפר הקרוב והשאירוהו על אדן חלון אחד־הבתים. באחת ההתקפות נלכדו הורי התינוק ע"י הגרמנים (לאחר המלחמה נודע לנו שחייקה ובעלה*) נשארו בחיים והצליחו להחזיר לעצמם את הילד).

כך זה נמשך עד סתיו 1944. ללא יום מנוחה, נרדפים ממקום למקום, רעבים וללא מלבוש חם לגופנו.

מדי פעם בפעם נפלו קרבנות בקרב עם הגרמנים שהתקיפו את „תושבי היער" — אותנו.

שטח המחיה שלנו ביער הצטמצם. הרוסים התקדמו לכיוון ברלין והתקרבו אלינו. הגרמנים התכוננו להגנה ואנחנו ביניהם ביער.

דעות האנשים היו חלוקות: לעבור לצד הרוסים או לחכות להם במקום. הוחלט לחכות כי לכל הדעות אין צורך לסכן את החיים ולעבור את שטח ההפקר הזרוע מוקשים. הרוסים בקרוב יבואו...

---

*) לא נכון, בעלה נהרג (המערכת).

אך לא כך היה. הגרמנים התבצרו בתוך היער שאנו חיינו בו, והרוסים בקצה שטח־ההפקר. מצאנו את עצמנו בין הפטיש והסדן. לרוסים אי־אפשר להגיע ומהגרמנים אין אפשרות לברוח. נעשה קשה יותר ויותר, אוכל אין להשיג, המצב הולך ומחמיר.

אחרי תקופת תצפית ממושכת הוחלט לפרוץ את הגבול בהכרה מלאה לקראת מה אנו הולכים. להישאר במקום זה מוות בטוח, על כן צריך לנסות. אין דרך לאחור ומלפנים מוקשים פזורים. מי לחיים ומי למוות...

בלב קשה החלטנו, היו קרבנות בנפש, אבל הרוב הצליח לעבור את שטח ההפקר ולהגיע לצד הרוסי, ביניהם אבי נפתלי פייט, אחותי רוזיה ואני.

ישראל האוזער
בני־ברק

די שרעקלעכע יאָרן


קיין שרייבער בין איך נישט, אבער איך וויל דערציילן וואס איך האב אדורכגעמאכט פון 1942, ביז 1944. דעם 28־טן מערץ 1942 איז מען געקומען מיט 8 פויערישע וואגנס קיין ווילעוו און מיך האט מען ארויסגעווארפן אין גאס. מיטנעמען האט מען גארנישט געלאזט. עס האט געדויערט 3 חדשים, ביז צום סוף פון ראדאמישלע. דינסטיק, נאך דער אקציע, בין איך געקומען קיין ראדאמישלע מיט דער גאנצער פאמיליע מיינער, האט מען מיך צוגעפירט צום פאסטערונעק און גורעצקי, דער פאליציאנט, האט מיר געזאגט: „ווו ביסטו געווען זונטיק? דיינע קאמעראדן זענען שוין געגאנגען אין הימל אריין, און מיט דיר וואס וועט זיין — וועל איך דיר שפעטער זאגן".

מ'האט מיך אריינגעפירט אין קרימינאל אריין. דער קלוטש־ניק, אויפמאכנדיק דאס טויער, האט מיר געגעבן א זעץ מיט די שליסלעך אין פלייצע.

דאנערשטיק האט מען אונדז ארויסגענומען און צעטיילט. די עלטערע באזונדער. צווישן אונדז זענען געווען לייזער קאך און שמעון גרויס. דער קצב גרויס האט געהאט אין א טיכל פארבונדן חומשים מיט נאך ספרים, איז צוגעקומען א דייטש — אן אפיציר — און פרעגט אים, וואס האט ער דארטן פארבונדן. „דאס איז וואס מיר מאכן דאס געבעט" — האט ער געענטפערט. „אויב האסט עס אזוי ליב, טא נעם עס מיט". און מ'האט די מענטשן גענומען אויפן וואגן, געפירט אויפן בית־עולם...

ווען מען האט אונדז ארויסגעלאזט פון קרימינאל, האט מען אונדז אויסגעשטעלט אין רייען און אן ס.ס.־מאן, דער אפיציר, איז צוגעגאנגען צו איינעם פון אונדז, האט אים ארונטערגענומען דאס היטל פון קאפ און געזאגט: „גיי צו די יידן און נעם צוזאמען געלט". יעדער האט אריינגעלייגט וואס ער האט געהאט און עס איז געווארן א פול היטל מיט געלט.

מיר זענען געווען דאן 80 מענטשן, צוזאמען מיט קינדער און פרויען. מ'האט אונדז געפירט קיין סענדישעוו און ס'זענען מיט אונדז מיטגעפארן צוויי פאליציאנטן — שטשעמקע און גורעצקי. אויפן וועג האב איך געמאכט פליטה. כ'בין געגאנגען צוריק אין ווילעוו, אין דאָרף אריין. כ'האב זיך ארומגעדרייט אייניקע וואכן צייט. פלוצלינג איז געקומען א ייד פון מיעליצער לאגער קיין ווילעוו צו דעם גוי פיעטרושקא, דעם לעשנע. דער ייד איז געווען מענדל האָניקס א שוואגער. דער גוי האט אים געגעבן צו עסן (דאס איז געווען אויף דער נאכט) דערנאך האט ער אים געהייסן גיין שלאָפן אין דער סטאָדאלע. דער ייד האט געהאט ביי זיך א גאָלדענעם זייגער מיט א קייט, האט דער גוי געזאגט: „דאס לאז איבער ביי מיר". דערנאך איז ער געגאנגען צום סאָלטיס און האט געמאלדן,



ר' שלמה האוזער

אז ביי אים געפינט זיך א „זשיד", באדארף מען אים נעמען און איבערגעבן דער פאליציי. צומארגנס פרי האט מען דעם יידן אפגעפירט קיין פשעצלעוו. און דער זייגער איז געבליבן ביים גוי...

איך האב פארגעזעצט זיך ארומצודרייען אין די וועלדער. מ'האט געמאכט אָבלאַוועס איין טאג נאכן אנדערן. דאס איז געווען אין יאר 1943. דאן האט מען געכאפט מיינעם א ברודער און אים אוועקגעפירט. זייט דאן איז געווארן אלץ ערגער און ערגער. צו קיין גוי האט מען שוין נישט געקאנט קומען, מען האט שוין נישט געהאט ווו צו נעמען א שטיקל ברויט.

כ'האב געהערט, אז די פויערים האבן געכאפט א ייִנגל פון 16 יאר (פון רודע) און אים געהרגעט. ווידער האב איך געהערט, אז זיי האבן געכאפט א צווייט ייִנגל (פון לאנטשיק) און אים אוועקגעהרגעט מיט די לאָפּאַטעס. ס'איז שוין נישט געווען קיין שום אויסוועג, פון אלע זייטן זענען געווען אבלאַוועס.

ביז איך האב שוין דערלעבט, אז ס'איז געווארן א ביסל ווארעמער. פאר פסח, 1943, האב איך באשלאסן גיין צו א גויה זוכן א שטיקל ברויט. ווען איך בין געקומען אין

דאָרף אריין, בין איך אריין אין סטאָדאלע זיך א ביסל אפרוען. פלוצלונג האב איך דערהערט, אז מ׳גייט. עס האט זיך צוזאמענגענומען דאס גאנצע דאָרף פויערים מיט שטעקנס, מיט העק, מיט שטיקער אייזנס, דאס איז אלץ געווען ביי דער סטאָדאלע, ווו איך בין געזעסן.

ס׳האט געדויערט א לאנגע צייט ביז זיי זענען אוועק און איך בין שוין צוריקגעגאנגען אין וואלד אריין.

ווען ס׳האט אנגעהויבן צו טאגן, האב איך זיך געלייגט צווישן ביימלעך און געלעגן א צען מינוט. דאן האב איך דערהערט רעדן. איך האב גארנישט געוווסט, וואס עס איז פארגעקומען אין יענעם טאג האבן זיי געכאפט 3 יידן — אויף דער נאכט בין איך געווויר געווארן פון זייערע רייד.

נאך א צייט בין איך ווידער אוועק צו א גוי, וואס האט געוווינט נישט ווייט פון וואלד. כ׳קום אריין צו אים און זאג אים „דאברי־וויעטשור" — ער ענטפערט נישט. פרעג איך אים וואס הערט מען? זאגט ער צו מיר: „ווו ביסטו געווען היינט?" זאג איך: „אין וואלד".

דערציילט ער מיר אז ס׳איז געווען אַן אָבלאַווע אין אלע וועלדער. עס האט זיך אנגעהויבן אין קאָזשיעניוער וואלד, נאַגאָשינע, לאנטשיקי, פשעצלאווע א.א.וו. עס האבן אנטייל גענומען לויט אים, 20 טויזנט פויערים מיט פאליציי.

אין דער צייט, וואס ער האט דערציילט, האב איך זיך דערווייל אָנגעגעסן צו דער זעט און בין אוועק פון גוי. מער האב איך שוין נישט געטארט קומען צו אים.

נאר ווי קאן מען אזוי זיצן? מען מוז דאך זוכן עפעס צו נעמען אין מויל אריין. בין איך ווידער געגאנגען צו אַן אנדער גוי. ווען איך בין געקומען נישט ווייט פון דארף, איז שוין געווען גוט פינצטער. ס׳האט גערעגנט א געדיכטער רעגן. פון דעסטוועגן האב איך באַמערקט אז מ׳זיצט עפעס אין פעלד. צוריקגיין האב איך שוין נישט געקאנט, בין איך געגאנגען ווייטער. דאָ האט זיך דערהערט אן אויסגעשריי: זאמקניענטע!!! מען שרייט פון אלע זייטן: הורא! הורא!

איך האב אנגעהויבן צו לויפן און איך ווייס נישט ווי אזוי — גאָט האט געהאלפן, איך בין נישט ארייגעפאלן אין זייערע הענט.

איך בין צוריקגעגאנגען אין וואלד אריין. ס׳איז שוין נישט געווען קיין שום אויסוועג ווי אזוי זיך צו שאַפן שפייז צום לעבן. בין איך ביינאכט, ווען די לבנה האט אנגעהויבן צו שיינען, ארויסגעגאנגען אויף א לאָנקע ווו ס׳איז געוואקסן שטשאַוו — גרויסע בלעטער זענען דאָרט געוואקסן — און מיט דעם גרינס האב איך געלעבט 6 וואכן צייט. געגעסן גראָז און געטרונקען וואַסער.

אבער מיט חדשים שפעטער בין איך ווידער געגאנגען צו א גוי און געבעטן אים ער זאל מיר געבן א שטיקל ברויט. זאגט די גויה אז דער גלח האט אויסגערופן מען זאל נישט געבן קיין יידן ברויט. דאך האט זי מיר געגעבן א שטיקל ברויט, פארוואס איך האב איר זייער באדאנקט און באלד געגאַנגען ווייטער.

ס׳האט זיך אנגערוקט א שטיקל צייט און ס׳איז ווידער געווארן נישט גוט: מ׳האט ווידער אמאל געמאכט אבלאווע.

אין א געוויסער נאכט בין איך געווען ביי א גוי, האט ער מיר געזאגט: „דו מוזט גיין פון דאנען, ווער ווייס וואס עס קאן אַרויסקומען". בין איך ביי נאכט אוועק צו אן אנדער גוי, זאגט ער צו מיר: „דו ווייסט, מ׳האט נעכטן געכאפט דיין ברודער!" (דאס איז שוין געווען מיין צווייטער ברודער). בין איך שוין אינגאנצן אליין געבליבן. דער גוי האט מיר געזאגט, אז מער זאל איך צו אים נישט קומען. האב איך אים געבעטן בלויז ער זאל מיר עפעס געבן און בין אוועק.

ווי אויף צו להכעיס האט גאָט אראָפּגעשיקט א שניי. ווו כ׳בין געגאנגען האב איך איבערגעלאזט שפורן. נאר נישט האבנדיק קיין ברירה, בין איך געגאנגען ווייטער, ביז איך בין דערגאנגען צו א צווייט פויעריש הייזל. איך בין אריין אין סטאָדאלע, זיך באהאלטן און דער גוי האט נישט געוווסט אז איך בין דאָרט. נאר איין מאל, א זונטיק, בין איך ארויס פון באהעלטעניש און האב אים געזאגט „גוט מארגן". האט ער זיך פארוווּנדערט און מיך געפרעגט: „דו לעבסט נאך?" און מער האט ער מיט מיר נישט געוואלט רעדן. ער איז אריין אין שטוב, געברענגט מיר עפעס צום קייען און שווייגנדיק באלד זיך דערווייטערט פון מיר.

אויף דער נאכט איז ער אריינגעקומען אין סטאדאָלע און דערציילט מיר א מעשה, אז די רוסן זענען שוין אין טאַרנאָפּאָל. אבער קיין עסן האט ער מיר נישט געוואלט געבן, ווייל, זאגט ער, „מען טאר נישט געבן א יידן עסן".

איז נישט געווען קיין עצה, האב איך מיר אויסגעזוכט אן ארבעט: איך האב געגראבן קאַטשענעס פון ביימער, — פארשטייט זיך נישט קיין גראבע, נאר דינע — און איך האב געמאכט קויבערס. ווען כ׳האב פארטיק געמאכט א קויבער, בין איך געגאנגען צו א גוי און ער האט מיר געגעבן ברויט דערפאר.

די צייט האט זיך דערווייל גערוקט, ביז איך האב שוין געהערט שיסן נישט ווייט. דער פראָנט האט זיך איינגעשטעלט ביי מעליץ.

א פאר וואכן שפעטער האט זיך דער פראָנט דערנענטערט אהין, ווו איך בין געווען. איך האב געהערט די באפעלן, וואס זיי האבן געגעבן און ס׳איז מיר געווען נישט אהער און נישט אהין...

איך בין אזוי געזעסן 2 וואָכן אויף איין פלאַץ און די קאנאָנען האבן געשאָסן — פון דאנען אהין און פון דאָרט אהער. מ׳האט געהאלטן אין איין פאָרן. האָב איך זיך אויפגעהויבן א ביינאכט און אַוועק ווייטער, אין אן אנדער וואַלד.

דאס איז געווען זונטיק. מאנטיק אין דערפרי, אזייגער 9, זענען פלוצלונג צוגעקומען צו מיר 4 רוסן און אויסגערופן: „הענט אין דער הויך"! זיי האבן מיך באזוכט און געפרעגט וואס איך טו דא אין וואלד. זאג איך זיי, אז איך באהאלט זיך שוין 2½ יאר אין די וועלדער; פרעגן זיי מיך: „דו ביסט א „יעוורייי"?

איך האב נישט קיין געדולד מער צו שרייבן.

ווען איך וואלט וועלן אלץ באשרייבן, וואס איך האב איבערגעלעבט, וואָלט מיר נישט געקלעקט קיין פאפיר...

אברהם הירש
בני־ברק

געטריבענע פון דאָרף

מיר האבן געוווינט אין זשארוווקע 12 משפחות צווישן די פויערים. יעדער איינער האט געהאט א ווירטשאפט — איינער מער, איינער ווייניקער; באזונדער האבן מיר נאך געהאנדלט, ווייל אָן האנדלען האט א ייד נישט געקאנט שבת מאכן.

מיין משפחה איז באשטאַנען פון 4 ברידער און 2 שוועסטערס. ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן זענען מיר געווען צוזאמען: 3 ברידער, די מאמע, א שוועסטער און שוואגער מיט א קליין קינד. איין ברודער האט חתונה געהאט קיין מעליץ — ער האט געהאט א פרוי מיט 3 מיידעלעך.

2 וואכן נאכן אויסברוך פון דער מלחמה איז דער דייטש געקומען צו אונדז אין דארף. דאס איז געווען א פרייטיק אינדערפרי, האבן מיר זיך צוזאמענגעפאקט, מער־ווייניקער עפעס מיטגענומען און געוואלט אנטלויפן. נאר אז מיר זענען געקומען קיין ראדאמישלע איז נישט געווען צו באקומען אביסל וואסער אויפן וועג. ס׳איז געווען זייער א טרוקענער זומער. און דא האבן מיר דערהערט אז דער דייטש גייט סיי־ווי ווייטער, האבן מיר זיך צוריקגעקערט אהיים.

אין אפאר וואכן ארום האט מען געכאַפּט יידן צו דער ארבעט. דאס איז געווען א שבת, ווען מיר זענען געווען ביים דאווענען. אויך דער ברודער פון מעליץ איז געווען ביי אונדז, ווייל אין מעליץ האט מען געמאכט אַבלאַוועס. אין יענעם שבת האבן די דייטשן ארומגערינגלט דאס הויז פון



די פאמיליע הירש

עס שטייט פון רעכטס: דוד הירש. עס זיצן פון רעכטס: שרה שנאפס, חיה הירש, רייזל הירש־געלב. עס שטייט: רייזלס מאן — מענדל געלב.

הערשל פיסטראַנג — דאָרט האבן מיר געדאוונט — און מען האט מיך, מיינע 2 ברידער און נאך אפאר מענטשן צוגענומען אויף אן אויטאָ און אוועקגעפירט קיין פוסטקאָוו; דארט האט מען אונדז ארייגעפירט אין די לאזשניעס. איך האב דערזען איין ייד: דאס גאנצע לייב צעהאקט, שווארץ, קוים ער האט געלעבט: ער איז שוין געווען באגראבן לעבעדיקערהייט ביז צום קאפ און נאכדעם האט מען אים ארויסגעצויגן.

דעם צווייטן טאג האט מען אונדז צעגעטיילט צו א גרופע „טרופן ווירטשאפטלאגער". דארט איז בלויז געווען דעם טויער אדורכצוגיין... ביי טאג האבן מיר באקוקט דעם וועג און אויפן דריטן טאג האבן מיר זיך צוזאמענגענומען 8 מאן און אנטלאפן. אפאר טעג האבן מיר זיך אויסבאהאלטן און שפעטער האט אונדז דער יודנראט געכשרט.

אין 1940 האט מען אונדז ארויסגעיאגט קיין ראדאמישלע. מיר האבן אלץ איבערגעלאזט. אויף אונדזער ווירטשאפט האט מען ארייננגעזעצט א גוי פון טשערמין (נעבן מיעלעץ).

אין ראדאמישלע האט מען אונדז געגעבן א צימער ביי משה סופר. דארט האבן מיר געוווינט 7 מאן. נישט לאנג האט געדויערט און מען האט אנגעהויבן צו כאפן מענטשן אין מיטן דער נאכט. איינמאל, 1 אזייגער ביינאכט, האבן זיך ארייגעכאפט 4 פון דער אָרדנונגס־דינסט צו אונדז אין שטוב: מען האט מיך און נאך פיל אנדערע יידן צונויפגענומען און פארמאכט אין קעמערל ביי גרינען (אין דער מעליצער גאס). אין דערפרי האט מען אונדז צוגענומען מיט אן אויטא קיין מעליץ אין לאגער פון „פלוגצויג־ווערק". מען האט מיך צוגעטיילט צום פליגל, ווו מען האט אויסגעארבעט עראָפּלאנען.

אין א קורצער צייט ארום האט מען איבערזידלט ראדא־מישלע און פיל יידן פון דארט האט מען געברענגט צו אונדז. די גרעסטע טייל האט מען אבער אויסגעשאָסן. מיין מוטער, נאענט צו 70 יאר, איז אנטלאפן אין געטא קיין טארנע און 2 ברידער, דוד און ברוך, זענען אנטלאפן אין די וועלדער פון פשעטיבור. די שוועסטערס און שוואגערס מיט די קינדער האט מען ארויסגעשיקט קיין דאָמבראווע און מער האב איך פון זיי נישט געהערט.

אין א קורצער צייט ארום בין איך קראנק געווארן. עסן האט מען נישט געהאט און ביי דער ארבעט האט מען געטריבן. איך האב געהאט א געשוואָלענע באַק פון צאָן־ווייטיק, מיט 39 פיבער. 5 אינדערפרי זענען מיר אויפגעשטאנען אבער איך האב נישט געקאנט שטיין אויף די פיס. איך האב זיך דאן געוואָנדן צום שעף, פעלעראָווסקי און אים געזאגט, אז איך האב פיבער און כ׳קאן נישט גיין צו דער ארבעט. האט ער מיך גענומען צום קראן וואסער, געהייסן זיך אויסטון — עס איז געווען דארט א פראָסט און שניי — און ער האט געפליעסקעט אויף מיר דאס אייזיקע וואסער, פרעגנדיק צי איך האב נאך פיבער?

אין 2 מאנאטן ארום האבן מיר — איך און ווואדלער לייביש, אלי קני (פון קינדשעלקי) זיך אפגעשמועסט צו אנטלויפן, ווייל מיר וועלן דאס נישט איבערהאלטן. עס איז אונדז געווען אלץ איינס, צי מען וועט אונדז כאפן אויפן וועג, ווייל במילא וועלן מיר נישט בלייבן לעבן. איינמאל ביינאכט, ווען מיר האבן געהאט וואך, האבן מיר זיך צוזאמענ־גענומען אלע 3 און מיר זענען אריבער די הויכע (2½ מעטער) מויער און אנטלאפן.

מיר זענען ארויס 9 א זייגער און געגאנגען, ווו די אויגן האבן אונדז געטראגן. דעם וועג האבן מיר נישט געקענט, זענען מיר דערגאנגען צום וויסליק. איז געווען אונדזער מזל, אז ס׳איז געווען א קליין וואסער און מיר זענען לייכט אדורכגעגאנגען. אלי קני איז געגאנגען אין

זיין געגנט און איך מיט וואדלער לייביש זענען געגאנגען קיין צשאזשיעץ. אין דערפרי זענען מיר אנגעקומען צו א גוי, וואלענגע. ער האט אונדז ארויפגעלאזט אויפן בוידעם און געגעבן צו עסן. פון פרי ביז ביינאכט האבן מיר זיך נישט געקאנט אנזעטיקן. ביינאכט האט ער אונדז געהייסן גיין פון אים. מיר האבן זיך געלאזט אין וועג, אין וואלד אריין. דארט האבן מיר געטראָפן מיינע ברידער, דוד און ברוך, ביי אַן אָרעמער גויה. אין אפאר טעג ארום איז געקומען מיין מוטער פון טארנאווער געטא און ווּאַדלערס מוטער פון דאָמבראַווער געטא. זענען מיר געווען 6 מאן צוזאמען אויפן בוידעם. ביי נאכט בין איך מיט דודן געגאנגען זוכן עסן פאר אונדז.

די מוטער האט נישט געוואָלט זיצן אויפן בוידעם. ווען עס איז געקומען שבת האט זי געזאגט: „קינדער, עס איז נישט קיין געשעפט דא צו זיצן. מ׳קאן נישט שבת קיין ליכט צינדן און מען ווייס נישט פון קיין שבת. אין געטא האט מען שבת געהאלטן און ליכט געצונדן און מען האט געלעבט אזוי ווי אויף דער פריי״.

מיר האבן געהערט אז פלאנטש איז נאך נישט איבערזידלדט, האבן מיר גענומען א גוי, אים גוט באצאלט. ער האט אונדז ביינאכט אויף זיין פערד און וואגן געשמוגלט ביז צו דער ווייסל. ביי דער ווייסל זענען מיר מיט ציטערניש געזעסן אין די זומפן פון אינדערפרי ביז ביינאכט, דאן האט מען אונדז אריבערגעפירט קיין פלאנטש.

קומענדיק קיין פלאַנטש, סוכות־צייט 1942, האבן מיר געהערט, אז מ׳גייט איבערזידלען פלאַנטש. די מוטער האט אונדז געהייסן גלייך אנטלויפן. וואדלער און זיין מוטער האבן נישט געוואלט ארויס און זיי זענען געבליבן. מער ווייס מען נישט פון זיי.

איך, מיינע 2 ברידער און מוטער, זענען געגאנגען צוריק צו דער ווייסל, מיר האבן זיך אריבערגעשיפט — דאס איז געווען ביינאכט — באנדיטן האבן געוווסט, אז יידן גייען אהין און צוריק, זענען זיי אונדז באפאלן. זיי האבן ביי אונדז צוגענומען וואס מיר האבן נאר געהאט אויף זיך און ס׳איז נאך געווען א מזל, וואס מען האט אונדז געלאזט ביים לעבן.

מיר זענען געווען יעדער באזונדער. ביז ביינאכט האבן מיר נישט געוווסט איינער פון אנדערן. ביינאכט האבן מיר זיך אלע געטראפן ביי די זעלבע פויערים, נאר דאן איז שוין געוואָרן זייער שטרענג און זיי האבן אונדז נישט געוואלט מער האלטן. זענען מיר ארויס אין וואלד און מען האט זיך געמאכט אין א בארג א בונקער, ווו מיר זענען דורכגעזעסן א גאנצן ווינטער.ביינאכט פלעגן מיר בלויז ארויסגיין ברענגען עסן. ביז גויאישע קינדער זענען געגאנגען קלייבן שוואמען אין וואלד און האבן געטראפן א שטרוי פון דעם בונקער, האבן זיי געזוכט און האבן אונדז געפונען. זענען מיר גלייך ארויס אין די פעלדער צווישן קאָרן און אפגעזעסן דארט א גאנצן טאג. ביינאכט האבן מיר געהערט פון סאלטיס, אז ס׳וועט זיין אַן אָבלאַווע אויף אונדז אין וואלד. אין וואַלד זענען נאך געווען אנדערע יידן, ווי שפאץ מאיר, זיין שוועסטער פון ראדאמישלע און נאך אנדערע. מיר האבן זיי געזאגט, אז זיי זאָלן אנטלויפן פון וואלד. האבן זיי אונדז געענטפערט, אז ס׳איז נאך דא צייט, מען וועט נאך היינט נישט מאכן קיין אבלאווע. מיין מוטער האט אבער געטענהט מיר זאלן נישט קוקן אויף זיי, נאר גלייך ארויסגיין פון וואלד. אזוי האבן מיר טאקע געטון און זענען ארויס אין די פעלדער צווישן די תבואות. פלוצלונג האבן מיר דערהערט שיסן: מען האט טאקע ארומגערינגלט דאס וועלדל און דערשאָסן שפאצן מיט זיין שוועסטער און נאך א מיידל פון 22 יאר.

מיר זענען געזעסן אין ציטערניש אין דער תבואה, די זון האט געברענט אויף אונדז, נאר מיר האבן זיך נישט קוים דערווארט די נאכט. דאן זענען מיר ארויס און טאקע געוויר געווארן, אז מען האט יענע דערשאָסן. די גויים האבן שוין אונדז מער נישט געוואלט זען, ווייל זיי האבן מורא געהאט: עס איז ארויס א באפעל, אז ווער עס וועט זען א יידן און וועט אים נישט כאפן, וועט ער אליין דערשאָסן ווערן. האבן מיר זיך ארומגעוואלגערט אין די פעלדער און וועלדער. מיר זענען געווען פארצווייפלט, שוין אָן האָפנונג. מיר האבן שוין געווארט אויף דער מינוט פון טויט. מיט אונדז איז געווען דוד לישערס טאכטער מיט א קליין קינד, — נאקעט און בארוועס. דאס קינד איז געפרוירן געווארן און זי איז אויך געווען אויף גרויסע צרות. אויך יוסף גרין איז געווען אין דער געגנט. אבער דא האט זיך דערנענטערט דער פראנט פון רוסלאנד, האבן מיר זיך דערפרייט.

מערץ 1944, האבן די דייטשן ארויסעוואקואירט די פויערים פון די דערפער קיין דייטשלאנד. נישט אלע זענען געגאנגען צום דייטש. א סך פון זיי זענען ארויס אין די וועלדער מיט די פערד, בהמות און עופות. מיר האבן זיך פון דעם דערפרייט; מ׳וועט שוין דעם ייד נישט אין זינען האבן, די גויים האבן שוין מיט זיך צו טון... עסן האט אונדז שוין נישט געפעלט, ווייל זיי זענען געווארן גלייך מיט אונדז.

זומער 1944 האבן מיר זיך אדורכגעכאפט דורכן פראנט פון פשעטיבורער וואלד ביז אין איזביצקע הויף און דארט האבן מיר שוין געטראפן דעם רוס. מיר האבן זיך אליין נישט געגלויבט, אז מיר זענען אויף דער פריי.

דאן זענען מיר געפארן ביז מעליץ און דארט האבן מיר זיך באזעצט. נאר דער פראנט האט געהאלטן 3 מאנאטן אין יענער געגנט און מעליץ איז נאך באשאָסן געוואָרן פון די דייטשן. זענען מיר ווידער אנטלאפן קיין קאלביסעוו. דער פראנט האט זיך גערוקט ביז קראקע, זענען מיר צוריק געפארן קיין מעליץ. קיין היים האבן מיר שוין נישט געהאט, אלץ איז פארברענט געווארן.

מיר, 3 ברידער און מוטער, איבער 70 יאר אלט, האבן איבערגעלעבט אזעלכע שווערע ביטערע צייטן: ווינטער און זומער, רעגן און שניי, פראָסט און הונגער. מיר האבן זיך אליין נישט געגלויבט, אז מיר האבן דאס געקאנט איבערלעבן. אויך גרין יוסף מיט סערעל לישע זענען געבליבן ביים לעבן.

חנה וואסערשטרום
תל־אביב

נויינע איבערלעבענישן

ווען די קריג איז אויסגעבראכן האב איך מיט מיין מאן הי״ד און פיר קינדערלעך געוווינט אין דעמביץ, מיר האבן געהאַט א שניט געשעפט.

שבת, דעם 2־טן סעפטעמבער, ווען די שטאָט איז באַמבאַרדירט געוואָרן און אלע האבן אָנגעהויבן צו לויפן, זענען מיר אַנטלאָפן קיין דולטשע, צום ברודער נפתלי שפּאַץ. זונטיק בין איך געפאָרן קיין דעמביץ צו ברענגען סחורה קיין ראדאמישלע און דולטשע. ווען מיר האבן געהערט, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך קיין ראדאמישלע, האָבן מיר, די גאנצע משפחה, זיך געלאָזט גיין קיין קאלביסעוו. אויפן וועג האבן מיר געטראָפן א וואגן, אויף וועלכן עס זענען געפאָרן: אייזיק קויפמאנס זון און אייניקל. האבן מיר זיך אויך ארויפגעזעצט אויפן וואָגן. ביי נאַכט האבן מיר געגעכטיקט ביי א פויער און פרייטיק זענען מיר געקומען קיין קאָלביסעוו.

אין שטאט האט זיך געטון חושך, זי איז געווען פול מיט פליטים, מען האט זיך נישט געהאט ווו אהינצוטון און א סך האבן גענעכטיקט אונטערן פרייען הימל. כמעט אלע מענער האבן נאך דעם זעלבן פרייטיק פארלאזט די שטאט.

שבת זענען ארויס קלאנגען, אז די דייטשן קומען אָן. אזוי ווי די דייטשן זענען אריין, האט מען די גאנצע יידישע באפעלקערונג פארזאמלט אויף מאַרק־פּלאַץ, די מענער באזונדער און די פרויען האט מען אריינגעטריבן אין די האָטעלן. מען האט געממיתט אָן רחמנות. עס זענען געווען א סך קרבנות צווישן זיי — אויך פיר ראַדאָמישלער. מיר זענען געווען אין די האָטעלן ביז אין דער פרי.

מיר, אפאר ראדאמישלער (צווישן אונדז אויך יעקב אייזיג און נושעק איזאק) האבן גענומען א וואָגן, וואס האט זיך געפונען אין מאַרק און זיך ארויפגעזעצט צו פארן קיין ראדאמישלע (פריער האבן יעקב אייזיג מיט נושעק איזאק געבראכט צו קבר ישראל די ראדאמישלער קרבנות הי״ד). ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיקל וועג, זענען אַנטקעגנגעקומען דייטשן און געהייסן די מענער גיין צוריק. יעקב אייזיג האט זיי נישט געפאָלגט. ער איז אנטלאָפן אין וואלד אריין (שפעטער איז ער צוריקגעקומען). פאר פשעצלעוו האבן אינדז די פאליאקן צוגענומען דעם וואָגן מיט די פערד. מיר זענען געגאנגען צו פוס קיין פשעצלעוו און פון דאָרט קיין ראדאמישלע.

דורכגייענדיק מעליץ האבן מיר דאָרט געטראָפן מיין מאנס משפחה פון יאשטשעמקע און מען האט אונדז איבערגעגעבן וועגן די הריגות אין דער שטאט מעליץ און מ׳איז זיך משער געווען, אז אויך מיין מאן איז דאָרט אומגעקומען.

שבת ביי נאַכט, א טאג פאר דער אויסזידלונג פון ראדאמישלע (ה׳ אב תש״ב) זענען מיר (איך מיט די פיר קינדער) אנטלאָפן אין דולטשע וואַלד. זייענדיק שוין דאָרט זענען מיר געוווירר געוואָרן וועגן דער אויסזידלונג פון ראדאמישלע. מיר האבן באַשלאָסן צו גיין קיין דאמבראווע, ווו די געטא האט נאך עקזיסטירט. מיר האבן גענעכטיקט אין ראַדאַגאָשטש און געקומען קיין דאָמבראָווע א טאג פאר תשעה באב. אבער דאָרט האבן מיר זיך דערוווסט, אז דאנערשטיק (תשעה באב) אויף דער נאַכט קומט פאר די אויסזידלונג פון דאָמבראָווע. האָבן מיר שנעל פאַרלאָזט די געטא און זיך אויסבאהאלטן אונטער דער שטאט ביי א קריסט.

אויפן סאָרטיר־פּלאַץ פון די ארויסגעטריבענע יידן אין דאָמבראווע איז צוגעקומען צו מיין ברודער נפתלי א דייטש און געפרעגט ווי אַלט איז ער? ווען ער האט אים געענטפערט — 28 יאר, האָט דער דייטש אים געהייסן אַריבערגיין אויף דער אנדערער זייט. דעמאָלט האָט ער גענומען זיין פרוי (און דאס קינד באהאלטן אונטער דער פאלע) און זיי אריבערגעפירט אויף דער אנדערער זייט.

ביי נאַכט האט מען די אויסגעקליבענע צום טויט אריינגעזעצט אין די וואַגאָנען און די איבערגעבליבענע זענען צוריק אריין אין געטאָ. די איבערגעבליבענע זענען געווען יונגע ארבעטספעיקע מענטשן. מיין טאָכטער, כאָטש זי איז נאך געווען אינגאנצן 13 יאָר אַלט, האט זיך אויך פארשריבן צו אַרבעט און האט באקומען פלאַץ ביי סאָרטירן שטיינער.

די צייט וואס מיר האבן געלעבט אין געטאָ, האבן מיר זיך געשפייזט פון דעם, וואס מיר האבן פארקויפט מאנופאקטור די גויים, וועלכע האבן געבראכט דערפאר שפייז.

פאר ראש השנה האט מען געזען אָנקומען וואַגאָנען און מען האָט אנגעהויבן צו רעדן וועגן נאך אַן אויסזידלונג. מענטשן האבן אנגעהויבן צו אנטלויפן פון דאמבראווע: א טייל קיין פלאנטש, א טייל אין וואלד אריין און א טייל האט זיך געלאָזט סתם, ווו די אויגן האבן געטראגן. איך מיט די קינדער זענען געגאנגען אין וואַלד נישט ווייט פון דאמבראווע און דאָרט, ביי א פויער קשיניאָזש, האבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט די קינדער פון יאסל שפּאַץ, אונדזערס א פעטער פון דאָמבראָווע.

ביים פויער האבן מיר לאַנג נישט געקאנט בלייבן און מיר זענען געגאנגען אין וואַלד אריין. ראש השנה האבן מיר דאָרט געדאַווגט. ראש השנה בייטאג זענען מיר ארויס פון וואלד און געזוכט א מעגלעכקייט צו גיין קיין פלאנטש, אבער עס איז אונדז נישט געלונגען. מיר האבן זיך צוריקגעקערט אין וואלד. ביי נאַכט האבן מיר באשלאָסן, אז מיר גייען צוריק אין דולטשע וואלד: איך מיט די קינדער, נפתלי מיט דער משפחה זיינער און די יונגסטע שוועסטער אסתר. גראליצער מיט דער פרוי זיינער זענען געבליבן. ווען מיר זענען אנגעקומען אין דולטשער וואַלד, האבן מיר געשיקט די שוועסטער מיט א שיקסל זיי זאלן ברענגען די רעשט משפחה צו אונדז. אבער אין וואַלד אריין צו אונדז זענען זיי נישט געקומען — זיי זענען אומגעקומען אין די וועלדער ביי דאָמבראָווע; גראליצער מיט דער פרוי זענען צוריקגעקומען צו אונדז; זיי האבן זיך אויפגעהאלטן ביי די פארקאַזשקעס אויף דער ווילקע, אבער זיי זענען דערנאָך אוועק פון דאָרט. מען האט זיי באגנבעט דאס צירונג און זיי זענען אוועק אין וואַלד.

דורך דער צייט זענען מיר אביסל געווען ביי א גויה, וועלכע האט אונדז אויפגענומען און געגעבן עסן און מיר

זענען אויך געשלאָפן ביי איר (דער ברודער נפתלי מיט דער שוועסטער אסתר האבן גענעכטיקט אין וואלד), אבער שפּעטער האבן מיר באַשלאָסן צו גיין אין וואַלד, ווו די מעגלעכקייט צום אנטלויפן איז געווען א גרעסערע. צו ערשט האבן מיר געגעסן ביי זיי פאר אונדזערע סחורות, וואס מיר האבן זיי פארקויפט; אבער שפּעטער האבן זיי מורא באקומען און געהייסן אונדז אליין זיך קאָכן, בלויז פאַרקויפט אונדז די פּראָדוקטן ביי נאַכט.

פאר ווינטער האבן מיר אויסגעגראבן א גרוב אין א געדיכט ארט פון וואַלד, ווו קיינער איז נישט געגאנגען און דאָרט געמאַכט א בונקער; ביינאַכט, ווען עס איז געווען ווארעם, האבן מיר גענעכטיקט אין דרויסן; עס האט אויך אַמאָל געטראָפן, אז דער בונקער איז איינגעפאַלן. אַ גליק וואס מיר זענען דאַן נישט געווען אינעווייניק.

אין שכנות מיט אונדזער בונקער זענען געווען נאך אנדערע בונקערס. פנחס פייט, אברהם לאַמפל, און די משפחה מעצגער האבן אנגעהויבן ארויסצוגיין פון וואַלד און די גויים האבן זיך דערוווסט וועגן דעם. איז איינמאָל געקומען א שקץ, געמאַכט זיך פאר א גוטן פריינד און אויסשפּיאָנירט די גאנצע געגנט. אין א צייט ארום איז געקומען די ראדאמישלער פּאָליציי צום דאַמבראַווער בונקער. זיי האָבן אנגעהויבן צו שיסן און די מענטשן פון בונקער ארויסגענומען. מיר זענען אַנטלאָפן. בעת דער אָבלאַווע זענען גְעכאַפּט געוואָרן די משפחה מעצגער (א חוץ די צוויי ברידער, וואס זענען דעמאלט נישט געווען אין בונקער); אברהם לאמפעלס פרוי מיט א קינד (ער אליין איז דעמאלט דארט נישט געווען); פּנחס פייט איז אנטלאָפן, נאר די פרוי זיינע האט נישט גיצוואָלט אנטלויפן און מען האָט זי צוזאמען מיט די אנדערע געבראכט קיין ראדאמישלע. צוויי טעג האט מען זיי געהאַלטן און אומגעבראַכט אויפן ראדאמישלער בית הקברות. די זיסעס איז געלונגען צו אנטלויפן.

ווען מיר זענען זיך ביינאַכט צונויפגעקומען, געפרוירן און טרויריק, האבן מיר געמאַכט אן אנדער בונקער, אפילו אייניקע בונקערס. מיר האבן זיך איינגעטיילט מיט די פונקציעס: איך בין געשטאַנען אויף דער וואַך ביי טאג, די שוועסטער גראליצער האט געקאָכט; דער ברודער נפתלי האט געבראכט דאס האָלץ און די יונגע שוועסטער האט געבראכט פּראָדוקטן (פאר סחורה).

פסח 1943 האב איך דערהערט א גערודער, אויך מיין שוועסטער האט עס געהערט. באַלד איז געקומען א געשיסעריי. איך בין אנטלאָפן מיט די קינדער און זיך אָנגעטראָפן אויף אַ דייטש, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו שיסן און געטראָפן די עלטסטע טאָכטער אין פוס. זי איז אריין אין וואַלד צו באַנדאַזשירן דעם פוס, אבער זיי האבן זי נאכגעיאגט מיט הינט, וועלכע האבן זי צעריסן. דער צווייטער שאָס האט אוועקגעהרגט די צווייטע טאָכטער. די יונגסטע איז אוועק אין וואַלד און זיך פארשטעלט אונטער א בוים. נאך דער שיסעריי איז זי ארויס פון וואַלד און געגאנגען צו די פארקאזשקעס.

ווען מיר האבן זיך נאך דער שחיטה צוריקגעקערט צום בונקער, איז ער שוין געווען פארברענט; פנחס פייטן מיט דער טאָכטער האט מען ארויסגענומען פון בונקער און דערשאָסן.

אין אוונט איז געקומען א גוי און דערציילט, אז די טאָכטער אונדזערע, גראליצער מיט דער פרוי, ווי אויך נפתלי מיט דער פרוי זענען געבליבן לעבן. זיי זענען געווען ביי די פארקאזשקעס.

נאך דער געשעעניש האבן מיר מער קיין בונקער נישט געגראבן, ווייל עס איז פשוט נישט געווען אין גאנצן וואלד קיין אָרט, וואס זאל אונדז קאנען שיצן. אויף דעם פרייען שטח איז אונדז געווען לייכטער צו אנטרינען. עס איז געווען זומער און מען האט זיך געקאנט באגיין אן א בונקער. ס׳איז אבער געווארן שווערער מיטן עסן, מיט באקומען שפּייז. די פויערים האבן נישט געוואָלט צוריקגעבן אונדזערע באהאלטענע ביי זיי סחורות און אן געלט האט מען נישט געקאנט באקומען קיין עסן. מיר האבן זיך באגרענעצט מיט איינמאל עסן אין טאג און דאס האט זיך אָפּגערופן אויף אונדזער געזונט־צושטאַנד. מיר האבן אנגעהויבן צו ליידן אויף דער הינער־בלינדקייט, ביינאכט גארנישט געזען. אלע האבן מיר (אחוץ די קינדער) געליטן אויף דער קרענק.

דער וואלד אליין איז שוין אויך נישט געווען אזוי זיכער ווי פריער. עס איז געווען א געפאר זיך צו באווייזן אין דרויסן.

